STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05861

# PERUSH

A. Ostrowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פירוש

## קאמענטאר אויף מאתיא

(מתי)

די ערשטע עוואַנגעליע פון נייעם טעסטאַמענט.

★

ד ר י י  ט י י ל ן

פון

א. א ס ט ר א ו ו ס ק י

Copyright by

A. OSTROWSKY

2735 West Augusta Boulevard

Chicago 22, Illinois

1 9 5 8

★

דפוס בן־ציון לעווקאָוויטש

אינטערנעשיאָנאל פרינטינג קאָמפּ.

204 ס. קעדזי עוועניו

שיקאַגא 12, איל.

## ערשטער טייל

# אַרײַנפיר

צו פאַרשטיין וועלכן עס איז געשיכטלעכן עפּיזאָד, דאַרף מען אָנהויבן פאַרשן פון ערשטן מקור, פון אָנפאַנג פון דער דערשיינונג; עס דאַרף אָנגעהויבן ווערן פון דעם באַגינען פון דער ענטוויקלונג, פון דער ערשט אַרויסגעקומענעם שפּראָצונג; און ניט פון דעם היינט ווען די זאַך איז צעוואַקסן אין איר פול־פאַרטיקייט. מען גייט ניט פון איצט צום עבר.

צו פאַרשטיין קריסטענטום קענען מיר ניט גיין פון דעם היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס געגענוואַרט פון קריסטענטום איז שוין אַלט איבער ניינצן הונדערט יאָר. דורות און דורות זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן אין דעם גלויבן. עס איז אַ צענטראַליזירטע רעליגיע, באַזיצענדיק אומגעהייערע מאַכט; עס איז דאָס גלויבן פון די ציוויליזירטסטע פעלקער פון דער וועלט. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן מעכטיקע אינסטיטוציעס: קירכן, קאַטעדראַלן, טעאָלאָגישע שולן, שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע, אוניווערסיטעטן, פאַרשיידענע דרוק־פּובליקאַציעס, צאָליקע קלעריקאַלע אינסטיטוציעס, און גוט צוגעגרייטע מיסיאָנערישע אָרגאַניזאַציעס. דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירך איז דער גרעסטער אַווטאָריטעט פון קירך און גלויבן: הימלישע מאַכט ווערט דערקענט אין אים.

ווען עס ווערן לייענען די שורות קריסטלעכע מענטשן וועלכע זיינען דערצויגן און אויפגעבראַכט אין זייער גלויבן; אין גלויבן וואָס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין זיי מיט זייער מוטערס מילך; אין גלויבן אין וועלכען זיי האָבן געוואַקסן, חתונה געהאַט, אויפגעבראַכט קינדער, דורכגעמאַכט פריידן און לײַדן, האָפענונגען און אַנטוישונגען, געזונט און קראַנקהייטן: פאַרשטייט זיך, אַז עס איז שווער פאַר זיי אויפנעמען דעם אָנהויב פון זייער רעליגיע. עס איז טיף אין זייער נשמה: גלויבן, טראַדיציע, גאָטהייט, דער ליבער קריסטוס וואָס איז געשטאָרבן פאַר זייערע זינד און פאַר זייער ישועה (סאַלוויישן); די קריסטלעכע סביבה, דאָס איינגעטיפט גלויבן אין דער אמתדיקייט פון זייער אמונה. עס איז שווער אומצוקערן זיך צום אַלטן אָנפאַנג פון 1900 יאָר צוריק.

דאַן האָט עקזיסטירט אַן אומה, ניט קיין גרויס פאָלק אין צאָל, ניט קיין שטאַרק פאָלק אין פּאָליטישן און מיליטערישן זין. דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געהאַט אַ גלויבן וואָס האָט עס באַגלייט אין גאַנג פון איר געשיכטע, עס האָט

זיך אנטוויקלט אין המשך פון איר פאָלקס עקזיסטענץ, דורכגעגאַנגען פאַר־שיידענע מדרגות אין פאַרלויף פון כמעט פופצן הונדערט יאָר. דאָס גלויבן פון דעם פאָלק איז פאַרשידן פון די גלויבענס פון דער וועלט. עס איז אַ גלויבן אין איין איינציקן גאָט, אין דעם באַשאַפער פון דעם אוניווערז, פון מאַטעריע און לעבן. דער כבוד פון גאָט פילט אָן די גאַנצע וועלט. גאָט איז ניט קיין וועזן, דעריבער האָט ער ניט קיין געשטאַלט און קיין אויסזען. קיין בשר ודם איז ניט ביכולת צו האָבן אַ פאַרשטעלונג פון אים. דער באַגריף פון דער אויפנעמונג איז אייביקער זיין, אהיה אשר אהיה; יאַהווע איז זיין נאָמען. גאָט־יאַהווע אַנטפּלעקט זיין צו די מענטשן־קינדער דורך זיינע אויסדערוויילטע שלוחים. אַזוי האָט יאַהווע, דורך דער אַנטפּלעקונג צו משהן, געגעבן אַ גלויבן און אַ תורה, די געבאָט פון דער תורה באַצוועקן די דער־הויבונג פון גייסט אין דעם מענטשן, און דעם מענטשן אין זיין גייסט. די עטיק פון דער תורה פירט דעם מענטשן צו זיין גייסטיקער פאַרפולקומקייט; הייליקייט אין דער פאַרפולקומקייט באַהעפטן דעם מענטשן צוו זיין געטלעכער הייליקייט. אַזוי זיינען ענטשטאַנען נביאים וועלכע האָבן געטראָגן גאָטס וואָרט און גאָטס אייביקע אמתן צו זייער פאָלק, און דורך דעם פאָלק צו אַלע פעלקער פון דער וועלט; עס זיינען אויפגעקומען שריפטן וואָס האָבן געלערנט עכטע מענטשלעכער מאָראַל. די ביכער ווערן אָנגערופן כתבי קדש אָדער ביבל. דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געלעבט און אויסגעלעבט זיך אין די ביכער פון דער ביבל. „ישראל ואוריתא חד הוא״ איז ניט נאָר אַ זאָגונג, נאָר אַ באַשטימטע רעאַליזאַציע אין לעבן. אַזוי האָבן די מענטשן פון יענעם פאָלק אויסגעלעבט זיך אין זייער גלויבן פון משה און די נביאים.

יעדער גלויביקער פון וועלכן עס איז גלויבן האָט זיך ווען אַריינגע־טראַכט: אָז ער אָדער אַנדערע פון זיין אמונה, פון זיינע אָרומיקע, פון זיין משפּחה, פון זיינע לערער, פון זיינע גייסטלעכע — זיינען ניט געקומען צו זייער גלויבן דורך זייער אייגענעם ווילן, דורך זייער אייגענעם אויסוואַל, אָדער דורך צו זיי זעלבסט געטליכער אַנטפּלעקונג? ניין, עס איז נאָר געקומען דורך ווערן דערצויגן אין דעם געוויסן גלויבן. ווען ער וואָלט געבאָרן ווערן ביי עלטערן פון אַן אַנדער גלויבן, וואָלט ער מיט דעם זעלבן אינערלעכן כוח געגלויבט אין דעם אַנדערן גלויבן.

ווען דער שרייבער פון די שורות וואָלט געבאָרן און דערצויגן געוואָרן ביי קריסטלעכע אָדער מוסולמאַנישע עלטערן וואָלט ער געוויס געווען אַ קריסט אָדער אַ מאַכמעדאַנער. ראַסע און נאַציע ווערן איבערגעגעבן בירושה, אָבער ניט גלויבן. אין גלויבן ווערט מען דערצויגן. געדעכט זיינען די יידן פון היינט, פון אַמאָל, און פון אַלטסטן אַמאָל וואָס זיי רופן זייער אמונה; דאָס גלויבן פון אונדזערע עלטערן; דעם גלויבן האָט מען אונדז געלערנט, דעם גלויבן האַלטן מיר, און דעם גלויבן ווילן מיר טראָגן און איבערגעבן צו אונדזערע קינדער. אונדזער גלויבן איז „אַ שווערע משא״, אָבער פאַר אונדז איז לייכט די משא פון אונדזער רעליגיע.

יידן זיינען ניט קיין מיסיאָנערן פֿאָלק. זיי זאָגן: אונדזערע רעליגיעזע ביכער זיינען אָפֿן, און צום לייענער איז די ברירה צו אויסוויילן.

גלויבן—קען מען ניט דיסקוטירן, ניט אַנאַליזירן, ניט אויפֿווייזן און באַווייזן; אין גלויבן קען מען נאָר גלויבן, און גלויבן קומט דורך דערציאונג.

איך וואָלט געוואָלט דער לעצטער מענטש צו וועלן באַליידיקן אימעצנס רעליגיעזע געפֿילן, נאָר איך בין געצוווּנגען צו אויפֿקלערן, אַנאַליזירן די ניט־היסטאָרישקייט, דעם ניט־גערעכטן צוגאַנג פֿון די ביכער פֿון נייעם טעסטאַמענט. 1) די ניט געשיכטלעכע באַשולדיגונגען פֿון די ביכער זיינען אין גאַנג פֿון דער היסטאָריע פֿון זייער גלויבן באַגלייט געוואָרן מיט די גרעסטע אכזריותדיקע שטראָפֿן.

איך האָב דעם געהעריקן כבוד פֿאַר אַלע רעליגיעס, איך באַזיץ ניט קיין גרינגשעצונג צו יענעמס רעליגיעזע געפֿילן, צו יענעמס גאָטהייט באַציאונג און אַנשויונגען. ווי דער נביא מיכה האָט געגרופֿן די וועלט צו אייביקן פֿרידן און צו גערעכטלעכער פֿאַרפֿולקאָמקייט: (5:4) „וואָרום אַלע פֿעלקער מעגן גיין איטלעכעס אין נאָמען פֿון זיין גאָט, אָבער מיר וועלן גיין אין נאָמען פֿון יאַהווע אונדזער גאָט אויף אייביק און שטענדיק.” דעריבער איז מיין ווונטש און ווילן אַז די אַנדערע זאָלן האָבן די זעלבע באַציונג צו מיר און צו מיין גלויבן.

לאָמיר לאָזן לויפֿן אונדזער פֿאַרשטעלונגס קראַפֿט, אַז מיר לעבן און געפֿינען זיך אין יהודה, און גליל מיט אַ כמעט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

די פֿאַר מיליאָן מענטשן וואָס וווינען דאָרט, לעבן אויס זייער לעבן אַזוי ווי אַלע מענטשן אויף דער וועלט. די דאגות־פּרנסה זיינען גרויס און שווער. יעדער פּערזאָן האָט זיין זאָרג, זיין פֿליכט, זיין צער, זיין פֿרייד און נחת. אויך אַלע טראָגן די פֿליכט און זאָרג פֿון זייער לאָקאַלן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די איינוווינער פֿון יהודה האָבן זייער גלויבן אין וועלכן זיי לעבן זיך אויס. אין ירושלים איז דער בית המקדש, דאָס גרעסטע און הייליקסטע זאַך ביי דיזע מענטשן. די שטאָט ירושלים איז זייער הויפּט שטאָט פֿאַר טויזנט יאָר. אַ סך בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿאַר דיזער שטאָט, פֿיל מאָל איז זי צעשטערט און פֿאַרניכטעט געוואָרן, און צוריק אויפֿגעבויט געוואָרן. די שטאָט איז הייליק ביי אַלע יידישע איינוווינער אין יהודה און אויסערן יהודה. אויך זיי האָבן זייערע סינאַגאָגעס, בתי מדרשים און שולן. זיי האָבן זייערע שבתים און ימים טובים, זייערע מנהגים און טראַדיציעס וועלכע אין פֿאַרלויף פֿון צייט זיינען פֿאַרהייליקט געוואָרן. אויך דאָס פֿאָלק האָט אירע ביכער, שריפֿטן וואָס זיינען פֿאַרהייליקט. דער צוועק פֿון יעדן פֿרומען מאַן איז גיין אין די וועגן וואָס די שריפֿטן לערנען, און דערפֿילן זייערע געבאָט.

---

1) איך מייד אויס צו רופֿן די וואָנגעלע „ברית חדשה” ווייל דער טייטש פֿון טעסטאַמענט איז צוואה אָבער ניט ברית, די נאָענטסטע איבערזעצונג איז קאָוועגאַנט.

פאַרשטענדלעך, די מענטשן זיינען לעבעדיקע מענטשן מיט זייער שוואַכקייט און טוגענט, מיט זייער בייז און גוטסקייט, מיט זייער איינגעהאַל־טענקייט און אויפרעגונג; פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן, פאַרשידענע כאַראַק־טערן, פאַרשידענע נייגונגען, פאַרשידענע פילונגען, פאַרשידענע פאַראַנט־וואָרטליכקייטן; אויך גוטע און שלעכטע, פרומע און זינדיקע, צדיקים און רשעים. אָבער אַלע פאַרבונדן און געאייניקט אין איין גלויבן אין דעם איינציקן גאָט יאַהווע.

עס איז די איינציקע אומה וואָס גלויבט אין איין גאָט אין דער גרויסער וועלט פון היידענטום; אויך זיינען זיי געאייניקט אין איין אומגליק, אין אַ פאָלקס־אומגליק. זייער לאַנד איז פאַרנומען געוואָרן פון דער גרעסטער מאַכט אין דער וועלט פון יענער צייט, פון די רוימער. די רוימער זיינען פאַקטיש געוואָרן די פולע בעלי־הבתים פון גאַנצן לאַנד. זיי האָבן איבערגענומען ווי די אַדמיניסטראַטיווע אַזוי אויך די פּאָליטישע מאַכט, די שטעט און פעס־טונגען זיינען באַזעצט מיט רוימישע גאַרניזאָנען. די געזעצליכע מאַכט פון סנהדרין איז פאַרקלענערט און באַגרעניצט געוואָרן. דער פּראָקוראַטאָר האָט געהאַט די פולע מאַכט איבער אַלץ, ער איז געווען דער הויפּט הערשער איבער דעם לאַנד: פאַראַנטוואָרטלעך נאָר צום רוימישן צעזאַר, אָדער צום הויפּט פאַרוואַלטער פון סיריע. זיינע משפטים זיינען געווען ווייט פון יושר, עס זיינען געווען באַפעלן, באַפעלן איבער טויט און לעבן. אונטער זיין רשות זיינען געשטאַנען די שטייער־זאַמלונגען וואָס דאָס פאָלק האָט געמוזט צאָלן צו רוים. אין דער צייט פון איינע פון די דריי ימים טובים, דערהויפּט אויף דעם יום טוב פון פסח, זיינען אָנגעקומען אין ירושלים הונדערטער טויזענטער יידן פון אַלע עקן לאַנד, און אויך פון אויסלאַנד. דאַן האָט זיך געפירט אַז דער פּראָקוראַטאָר מיט זיין סוויטע פון באַאַמטע און מיליטערישע אָפיצערן פלעגן אַריינקומען פון צעזאַריע קיין ירושלים, זיי פלעגן זיך אַריינקלייבן אין די געביידעס פון פּאַלאַץ פון הורדוס דעם ערשטן און פון דער פעסטונג אַנטאָ־ניאַ. דער חייל וואָס דער פּראָקוראַטאָר האָט געבראַכט מיט זיך פלעגט אויס־געשטעלט ווערן אויף די גאַלעריעס פון דער פעסטונג וועלכע האָבן זיך גע־צויגן אין דער לענג מיט די געביידעס פון בית המקדש. אויך זעלנער אָפּ־טיילונגען האָבן געוואַכט אויף די גאַסן פון ירושלים. די האַלטונג פון די לעגיאָנען איז געווען חוצפּהדיק, אַרויסרופנדיק און באַליידיקט.

דער יום טוב פון די עולה־רגלניקעס פלעגט ווערן פאַרשטערט פון דער האַלטונג פון דער אויסערער מאַכט, אויסערן שונא. די מערסטע צאָל פון זיי האָבן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן שונא, מיט דעם רוימישן אַריינדרינגער. דער ווייטיק פלעגט פאַרזעסן ווערן טיף אין האַרצן און געוועקט דעם האַס צום שונא, און געהאָפט אויף דער קומענדיקער גאולה. (1

די צוויי הויפּט רעליגיעזע און פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּרושים און

1) נאָך ש. דובנאָוו, „די יידישע געשיכטע״.

צדוקים, האָבן אין האַרצן געשלאָסן שלום מיט די רוימער, ווי אַן אומפּאַר־מיידלעכע בייז וועלכע מען מוז דולדן.

אָבער אַ טייל איז מיטגעריסן געוואָרן פון רוים און פון איר פּראַכט. זיי האָבן הכנעה געקראָגן פאַר זייער גבורה און גרויסקייט; באַווירקט געוואָרן פון זייער אַרט לעבן, פון זייער לוקסוס און תענוג, פון זייערע אונטערהאַל־טונגען און שפּילערייען; פון זייער ליטעראַטור, דראַמע און פּאָעזיע; אויך אונטערגעפאַלן אונטער זייער איינפלוס פון דעגענעראַצע פון זנות, משפחה אומריינקייט. ברוטאַלע אויפפירונגען, און נאָכטאָן אַלע רוימישע פאַרגעניגנס.

אין יענער צייט האָט זיך די הויפּט מאַכט פון יידישן לעבן קאָנצענט־רירט אין דער פּערזאָן פון כהן גדול. די רוימער האָבן נאָך מער צו נישט געמאַכט די טראַדיציע וואָס די כהונה גייט איבער בירושה. דער פּראָקוראַטאָר האָט זיך גענומען די רעכט צו אָנשטעלן און אַראָפּזעצן דעם כהן־גדול נאָך זיין אייגענעם ווילן. דער כהן וואָס האָט געגעבן שענערע מתנות און באַצאָלט מער געלט, און פון וועלכן מען האָט דערוואַרט די פולסטע אונטערגעבונג צו דער רוימישער מאַכט, דעם האָט דער פּראָקוראַטאָר באַשטימט צו זיין דער כהן גדול. אַזוי איז דער כהן גדול געוועזן ניט מער ווי אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער פּראַקוראַטור.

די יידישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ירידה האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכן טויט פון דער מלכה אַלעקסאַנדראַ (סלמה). אירע צוויי זין הורקנס און אַריסטובול האָבן זיך ניט געקענט אויסגלייכן ווער פון זיי זאָל טראָגן די כתר המלוכה און ווער נאָר די קרוין פון דער כהונה. דורך דער אינטריגע פון אַנטיפּאַטער, וואָס האָט געשטאַמט פון די אדומים וועלכע זיינען באַקערט געוואָרן צו יידישקייט, איז דער ברודער־קריג פאַרשטאַרקט געוואָרן וואָס האָט געפירט צו אַ רייע מלחמות. ענדלעך האָבן זיך די ברידער געווענדעט צו רוים, יעדער פון זיי האָט געזוכט הילף און שוץ פון דער רוימישער מאַכט. דער רוימישער הערשער פּאָמפּעיוס האָט שוין אין יענער צייט פאַרנומען סיריע. דאָרט איז ער באַקענט געוואָרן פון דעם אומרויקן צושטאַנד אין יהודה. ער האָט פון סיריע באַאָבאַכטעט די קריטישע לאַגע אין דעם יידן־לאַנד, און געוואַרט ווען דורך דער בירגער קריג וועלן די כוחות פון לאַנד אָפּגעשוואַכט ווערן דאַן וועט ער קומען און באַהערשן די לאַנד פון פּאַלעסטינע. נאָר פּאָמפּעיוס האָט ניט געדאַרפט וואַרטן צו לאַנג: די ברידער זיינען אַליין גע־קומען צו פאַרלייגן זייערע טענות פאַר דעם רוימישן הערשער און געהאָפט אויף זיין אַנטשיידונג. פּאָמפּעיוס האָט אַנטשידן אין זכות פון הורקנס. אַריס־טובול האָט ניט אויסגעפאָלגט פּאָמפּעיוסעס פסק־דין. פּאָמפּעיוס מיט זיין חייל איז צוגעקומען צו ירושלים. דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען די סכנה וואָס דראָעט זייער לאַנד, האָבן זיי זיך פאַרשלאָסן אין ירושלים און אַרויסגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אָבער נאָך אַ דריי חדשימדיקער באַלאַגערונג זיינען זיי געוועזן געצוווּנגען צו אונטערגעבן זיך. אַזוי איז יהודה אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס און אימפּעריאַלן חסד פון רוים.

די דרייסיק יאָר פון מלך הורדוס דעם ערשטנס הערשונג האָט געבראַכט פאַרן לאַנד אויסערלעכע גרייסקייט, שטאַרקייט און רייכקייט. די גרויסקייט איז געבויט געוואָרן אויף אַ שוואַכן באָדן, די גרויסע מאַסן פון פאָלק זיינען געוואָרן פאַראָרעמט, נאָר דער רייכערער שיכט איז אויפגעקומען. די עקאָ־נאָמישע סטרוקטור פון לאַנד איז צעטרייסלט געוואָרן.

הורדוס, דורך זיינע אויסערגעוויינלעכע מלוכה הוצאות, האָט אויסגע־ליידיקט די לאַנד פון אירע פאַרמעגנס, און די אוצרות פון דער בעל הביתיש־קייט פון יהודה צעטרענצלט אין פרעמדע לענדער. ער האָט גרויסע צינזן געצאָלט אין רוים, פריי געטיילט רייכע מתנות צו די הויכע בעאַמטע און מאַכט באַזיצער פון דער רוימישער אימפּעריע, זיין קיניגלעכן הויף האָט ער אויסגעהאַלטן אין פולן רוימישן פּראַכט און גלאַנץ. ער האָט אויסגעשטאַט אַ גרויסע אַרמיי אויף דעם רוימישן אופן. זיין ליידענשאַפט צו בויונג האָט דערגרייכט כמעט די מדרגה פון משוגעת. ער האָט געבויט טעמפּלען, פּאַלאַצן, שטעט און פעסטונגען; אויך שטאַטישע און מלוכה בנינים, טעאַטערן און אַמפיטעאַטערן, מאָנומענטן און שפּיל־פּלעצער; ניט נאָר אין יהודה, נאָר אויך אין שכנישע לענדער. די מיטלען פאַר די אַלע אויסגאַבן האָט געדאַרפט צו־שטעלן די קליינע יהודה. אַזאַ ניט געזונטער צושטאַנד האָט געמוזט פירן צו אַ צעטרייסלונג פון די יסודות פון דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. ווען הורדוס איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזן גרויסע טיילן פון פאָלק פאַראָרימט און פאַרהונגערט.

הורדוס זון ארכילעוס, וועלכער האָט איבערגענומען די געוועלטיקונג איבער די טיילן פון פּאַלעסטינע, ווי יהודה און שמרון, האָט דורך דער צייט פון זיין ניין יאָריקער הערשונג כסדר געשפּרייט אומבאַשטימטקייט, גע־זעלשאַפטליכן און פּאָליטישן כאַאָס, טערראָר און בירגער קריג.

ווען די יידן האָבן זיך באַקלאָגט צום אימפּעראַטאָר אווגוסטוס אויף דער שלעכטער פירערשאַפט פון אַרכילעאוס האָט אַווגוסטוס אים אַראָפּגע־זעצט און פאַרטריבן אין אַ פאַרשיקונג צו אַ ווייטער לאַנד. אין צענטן יאָר נאָך הורדוס טויט האָט אווגוסטוס אַריינגעשיקט אַ רוימישן פאַרוואַלטער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַרכילעאוס. דער אַמט פון פאַרוואַלטער האָט זיך גערופן פּראָקוראַטורע, און דער פאַרוואַלטער — פּראָקוראַטאָר. דער נאָמען פון דעם ערשטן פּראָקוראַטאָר איז געווען קאָמפּאָניוס.

דאַן האָט אווגוסטוס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל (דעקרעט) אַז אַלע איינ־וווינער פון דער יידישער מדינה דאַרפן רעגיסטרירן אַלע דערוואַקסענע מאַנספּאַרשוינען, און זייערע פאַרמעגנס און הכנסות, כדי די רוימישע רעגי־רונג זאָל קענען באַשטימען די טאַקסע־צאָלונגען פון יעדן פערזאָן לויט זיין אייגענטום און איינקונפט.

דער באַפעל פון דער רעגיסטרירונג האָט אָפן באַוויזן אַז די רוימער נעמען איבער די פולע הערשונג איבער יהודה, דער באַפעל האָט אויפגע־רודערט דעם געמיט פון דער באַפעלקערונג, איר צאָרן איז געווען גרויס און

געווען גרייט פאר אן אפענעם אויפשטאנד. דורך דער מיאונג פון די איינ־געהאלטענע עלעמענטן איז דער אויפשטאנד פארמידן געווארן.

אין דער ווירקלעכקייט, דורך דער געלט־גייציקייט פון די צינז־באַאמטע זיינען די צאלונגען געווען העכער פון דער געזעצלעכער אפשאצונג. די פראקוראטארן האבן גערויבט דאס פאלק אן א מאס, און זייער אפעטיט צו זויגן דאס בלוט פון פאלק איז קיין מאל ניט באפרידיקט געווארן.

דער אימפעראטאר טיבעריוס, וועלכער איז געקומען נאך אווגוסטוס, האט באשלאסן צו פארלענגערן דעם טערמין פון די פראקוראטארן. זיין פאליטישע פילאסאפיע איז געווען: אז דער וואס ליגט מיט א פארוווּנדעטער פוס זאל ניט אפטרייבן די פליגן פון וווּנד: ווייל אויפן פלאץ פון די שוין מיט בלוט אנגעזעטיקטע פליגן וועלן קומען הונגעריקע פליגן און וועלן זויגן די וווּנד מיט מער אפעטיט. אויך זיין אימפעראטארישע חכמה האט געלערנט, אז א גוטער פאסטוך שערט ניט דעם וואל פון דער שעפס מיט דער הויט צוזאמען.

אין דער ווירקלעכקייט זיינען די פון רוים געשיקטע פראקוראטארן געווען ערגער פון די בייזע פליגן, זיי פלעגן זויגן דאס בלוט אן קיין שום אנזעטיקונג.

די ערשטע קרבנות פון הויכע שטייער־צאלונגען זיינען געווען די קליינע לאנד־באזיצער (עם־הארצים), קליינע אייגנטימער און די בעלי־מלאכות. ניט זייענדיק ביכולת צו צאלן זייער שטייער, האבן זיי אנגעווארן זייער לאנד און גוטס. פון גרויסע צאלן מענטשן איז אוועקגענומען געווארן די מיטלען פון זייער דערנערונג, זיי זיינען אויסגעשטעלט געווארן צו היימלאזיקייט, פארארימקייט און הונגער. דער שטענדיקער הונגער האט געבראכט קראנקהייטן. הונגעריקע מענטשן קענען ניט האבן קיין רויק געמיט און זעלבסט באהערשונג. דאס איז די בילד פון מצב פון יידישן פאלק אין די ערשטע צענדליקער יארן פון דער נ. ע.

די אנדערע טיילן פון לאנד ווי גליל און פערעא האט מלך אווגוסטוס איבערגעגעבן אונטער דער טעטראַרכיע פון צווייטן הורדוס זון הורדוס־אנטיפאס. די צפון־מזרחדיקע געגענטן זיינען אפגעגעבן געווארן צום דריטן הורדוס זון, פיליפוס.

אין די אלע לענדער ווי אין דער פראקוראטורע אזוי אין די טעטראַרכיעס פון הורדוסעס זין האבן געווירקט אין יידישן געזעלשאפטליכן, רעליגיעזן און פאליטישן לעבן צוויי פארטייען וועלכע זיינען געווען די גרעסטע און די מער איינפלוסרייכסטע. דאס זיינען געווען די פארטייען פון די פרושים און די צדוקים. 1) ביידע פארטייען האבן געטראגן אויף זיך די פולסטע פאראנטווארטלעכקייט און זארג פארן גאנצן פאלק. זיי האבן אויפגענומען די גאנצע טרויעריקע סיטואציע און דעם רעאליזם פון פאלקס אומגליק. דער רעאליזם האט זיי דיקטירט קלאר און ניכטער צו פארשטיין די אנטשטייענ־

1) דערמאנט אויבן.

דיקע אומשטענדן פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון פּאָלק. דער ביטערער אמת פון לעבן האָט זיי איבערצייגט אין זייער שוצלאָזיקייט קעגן דער מיליטערישער מאַכט פון רוים. דער איינציקער אויסוועג איז געווען פאַר זיי: אויסדויער און דולדיקייט. זיי האָבן אָנגעשטריינקט זייערע גאַנצע קרעפטן צו צופּאַסן דעם פאָלק צו דער רוימישער געוועלטיקונג, און אין זוכן מיטלען צו פאַרגרינגערן דיליידן פון דער פאַארעמטער באַפעלקערונג.

דאַן האָט שוין אויך עקזיסטירט אַ דריטע פּאַרטיי, די קנאים (זעלאָטן). דער הויפּט פירער איז געווען יהודה דער זון פון חזקיהו. די ריכטונג פון דער פאַרטיי איז געווען אַז דער רוימישער יאָך קען געבראָכן ווערן נאָר דורך אַ באַוואָפנעטער מאַכט. אַזוי ווי די חשמונאים זיינען אַרויס אין אַ קליינער צאָל קעגן גרויסע אָרגאַניזירטע אַרמייען פון די יונים, אַזוי דאַרף מען טאָן קעגן די רוימער. יהודה איז באַפאַלן די פעסטונג פון סעפאַריס (צפורי) און האָט צוגענומען פון דאָרט אַ סך געווער און אויך געלט. יהודה האָט שוין געהאַט גענוג געווער צו באַוואָפנען זיינע אָנהייגער. זייער לאָזונג איז געווען: בעסער איז דער טויט ווי זיין פאַרשקלאַפט צו די רוימער. זיי האָבן געגלויבט אַז גאָט וועט זיין פאָלק ניט פאַרלאָזן.

זיי האָבן געגלויבט אַז דאָס פאָלק טראָגט אויף זיך אַ גרויסע זינד איבער דערויף וואָס זיי דערקענען אַ מלך וועלכער איז אַ געצן דינער, אַזוי ווי עס איז געשריבן אין דברים 15:17: „פון צווישן דיינע ברידער זאָלסטו מאַכן איבער זיך אַ מלך. טאָרסט ניט אויפזעצן איבער זיך אַ פרעמדן מאַן, וואָס איז ניט דיינער אַ ברודער."

„מקרב אחיך תשים עליך מלך; לו תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא."

די פערטע איז ניט געווען קיין פאַרטיי נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, אסיים. זיי זיינען געווען פּאָליטיש פּאַסיוו. נאָר אין פאַל פון רעליגיעזער אונטערדריקונג, אָדער צוואַנג צו געצן-דינסט, אָדער אין דער אַריינברייני-גונג פון אונווירדיקייט אין יידישן הייליגטום, זיינען זיי געווען גרייט מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקן זייער אמונה.

1) אין יענער עפּאָכיע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די מדבר-באַוועגונג. די אַרומיקע מדבריות זיינען קיין מאָל ניט פאַרלאָזן געוואָרן. אין אַלע צייטן האָבן זיך געפונען גרופּעס מענטשן וועלכע האָבן געלעבט אין די ווילדער-נישן און געשפּייזט זיך פון די פּראָדוקטן פון מדבר. דער מדבר איז געווען אַ היים פאַר פיל רעליגיעזע סעקטעס. אַ גרויסע אגודה (אָרדן) פון וואַנדע-רענדיקע נזירים האָבן זיך פאַר אַ לאַנגער צייט אויפגעהאַלטן אין דעם מדבר, זיינען געווען באַוווסט אונטער דעם נאָמען נאַזאַריער.

אין די רעליגיעזע כיתות האָט געהערשט דער גלויבן אַז דער מדבר

---

1) לויט ראָבערט אייזלער, „דער משיח יעזוס און יוחנן דער טובלער — ניט קיין ציטירונג.

איז אַן אָרט פון הייליקייט און פון גאָט־באַהעפטונג. משה האָט געפירט די ייִדן פון דער שקלאַפעריי פון מצרים צום פרייען לעבן אין דער מדבר. דער מדבר איז געווען דער אָרט פון מתן־תורה. גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אליהו אין דער מדבר. די ערשטע אַנגעזאַמעלטע חיילות פון די מכבים (מאַקאַבעער) האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף די בערג פון די מדבריות. זיי האָבן געגלויבט אַז די מדבר איינוווינער זיינען נעענטער צו גאָט, און זיינען מער מסוגל צו באַווירקט ווערן פון רוח הקדש.

די לערע פון די מדבר סעקטעס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דעם אָנפאַנג פון ערשטן יאָרהונדערט פון נ. ע. זיי האָבן גערופן די איינוווינער פון די שטעט און דערפער פון יהודה און גליל פאַרלאָזן די ערד וואָס איז פאַראומרייניקט פון שונא. זיי האָבן באַטאָנט די זינד פון צו האָבן אַ נכרי פאַר אַ מלך און גערופן באַיקאָטירן די רוימישע רעגירונג און קומען אין דער מדבר.

דער רוף האָט געווירקט אויף די פאַרוואָגלטע און אָרימע, זיי האָבן געפאָלגט דעם רוף און געגאַנגען אין די מקומות פון דער ווילדערניש. די נייע אַריינוואַנדערער האָבן געבראַכט מיט זיך זייער פאַרביטערטקייט קעגן דעם רוימישן אַריינדרינגער. אין דעם פּאַסיפיזם איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דער גייסט פון ווידערשפּעננונג און רעוואָלטירונג. זייערע מחנות פלעגן באַ־פאַלן מיליטערישע אָפּטיילונגען, קאַראַוואַנען און מיליטערישע וועגענער. דער מדבר איז געוואָרן פאַר זיי אַ שפּרונג־ברעט פאַר גארילע אָנפאַלן. פון דער מיט פון די וואַנדערענדיקע סעקטעס פון נזירים איז אַרויסגעקומען אַ פירער וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ נביא, זיין נאָמען איז געווען יוחנן (יאָהאַן). זיין לייב איז געווען באַדעקט מיט האָר. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ מאַנטל פון קעמל־האָר אַרומגעבונדן מיט אַ לעדערנעם גאַרטל. זיין שפּייז איז באַ־שטאַנען פון שפּראָצונגען און געוויקסן פון מדבר.

יוחנן האָט געגלויבט אַז עס איז אָנגעקומען משיח־צייט אַז די גאולה איז נאָענט און די מלכות יהודה וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן, די רוי־מישע מאַכט וועט פאַנאַנדערפאַלן און צעמאַלן ווערן אין שטויב, דער ייִדישער מלך וועט געזאַלבט ווערן פון גאָט, אין דער מלוכה וועט הערשן שלום, צדק און יושר, עס וועט זיין אַ מלכותא דשמיא. יוחנן האָט געגלויבט אַז דורך עכטער פרומקייט וועט דערנאָענט ווערן די גאולה. ער האָט גערופן צו תשובה, און צו תשובה אויף דער גרויסער זינד פון צו אונטערגעבן זיך צו דער מאַכט פון אַן איש נכרי, ווי דער אימפּעראַטאָר פון רוים. ער האָט גערופן דעם פאָלק צו אַ מאַסן אַרויסגאַנג אין מדבר. אַלע די וועלכע האָבן געענטפערט זיין רוף האָט יוחנן זיי געטובלט אין דעם וואַסער פון ירדן. יוחנן האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל תלמידים וועלכע האָבן גענומען איינטייל אין דער אָנפירער־שאַפט פון דער מדבר מלוכה.

אַ מאַן מיט דעם נאָמען ישו אָדער ישוע ווי עס ווייזט אויס איז ער געווען נאָענט צו דער מדבר סעקטע, ער איז געטובלט געוואָרן פון יוחנן

אין דעם ירדן. דאָס איז דער ישו (יעזוס), דער גאָטס זון, און גאָט פון אַ גרויסער וועלטלעכער מלוכה.

פון דעם לעבן פון ישוע, פון זייןווירקלעכער עקזיסטענץ, געפינען זיך ניט קיין שום היסטאָרישע רעקאָרדירונגען. אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון יענער צייט געפינען זיך ניט קיין שום אָנווייזונגען, קיין שום אָנדייטונגען אויף דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פערזאָן.

די איינציקע דאָקומענטן זיינען די פיר עוואַנגעליעס, און די בריוו (עפּיסטלס) פון דעם הייליקן פּאַולוס. 1) די זיינען די איינציקע ביכער אין דער וועלט וועלכע דערציילן פון יעזוס לעבן, פון זיין טויט און צוריק לעבעדיק ווערן (רעזורעקציע).

לויט די עוואַנגעליעס (גליונות) האָט יעזוס געהאַט צוועלף תלמידים — אַפּאָסטאָלס. נאָך דער קרייצונג פון יעזוסן האָבן די תלמידים געגלויבט אַז ער איז לעבעדיק געוואָרן און אַז ער איז דער משיח.

די מערהייט פון די צוועלף האָבן געלעבט צענדליקער יאָרן נאָך יעזוס טויט. זיי האָבן געפּריידיקט, געשפּרייט און אָרגאַניזירט דעם גלויבן אין דעם משיח הנוצרי. זיי זיינען געווען די אויגן־עדות וועלכע זיינען געווען מיט יעזוסן און באַגלייט אים אין אַלע זיינע וואַנדערונגען.

עס איז דאָך אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט אַז עס זאָל ניט בלייבן אַן איינהייטלעכע געשיכטע פון די איבערגעבונגען פון יעזוס לעבן, פון זיין 'מיניסטירונג'. 2) פון זיין טויט און אויפלעבן; אויך אַ פולע באַשרייבונג פון דער טעטיקייט פון די אַפּאָסטאָלס נאָך יעזוסן. אין דער ווירקלעכקייט זיינען די עוואַנגעליעס און די אַקטן פון די אַפּאָסטלס געשריבן געוואָרן פון פופציק ביז איין הונדערט־און־פופציק יאָרן נאָך יעזוס טויט. די עוואַנגעליעס באַשטייען פון אָנזאַמלונגען פון לעגענדעס, פון מינדלעכע דערציילונגען, פון זאָגונגען און איבערזאָגנגען. זיי ענטהאַלטן אין זיך אַ טראָפּן ווירקלעכקייט און אַ גרויס וואַסער (באַסיין) פון פאַנטאַזיע און צוגעטראַכטע פּאַסירונגען. די וויכטיקסטע געשעענישן אין יעזוס לעבן ווערן איבערגעגעבן אין פאַרשידענע ווערסיעס וואָס אָפט איינע איז סותר די אַנדערע. אַפילו יעזוסעס ווערטער וואָס יעזוס האָט געזאָגט ברייגגט יעדער שרייבער באַזונדערע קעגן־שטעליקע נוסחאות. צומישונג און קאָנפוזיע פילן אויס די עוואַנגעליעס.

ווי אַזוי האָט געקענט אַרויסגעבראַכט ווערן די ביאָגראַפיע פון יעזוס אין אַזאַ מעמד? די צייט איז דאַן געווען אַ היסטאָרישע. די וועלטלעכע ליטעראַטור איז געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע: ווי די יידישע און אַראַמיאַישע, אַזוי די גריכישע און לעטייניש. עס קען ניט ווערן צוגעגליכן צו לעגענדעס און מיטאָסן וואָס ווערן פון אַ פאָלק געשאַפן, ווען אין משך פון הונדערטער יאָרן ווערט געשאַפן אַ פאָלקס־לאָר פון איר היסטאָריע — אין דער פאָרמע פון לעגענדן.

1) אָם מערסטן וועל איך נוצן דעם נאָמען יעזוס, אָנשטאָט ישו.

2) רעליגיעזע אַקטיוויטעטן.

דאָס קען נאָר דערקלערט ווערן מיט דערויף: ווען דאָס גלויבן אין דעם משיח (קריסטוס) איז געוואָרן פאַרשפּרייט צווישן די ניט־יידן (דזשענטיילס), און דאָס קריסטענטום פון פּאולוס איז געוואָרן דאָס קריסטענטום פון די אומות העולם (דזשענטיילס) — איז גלייכצייטיק געשאַפן געוואָרן די נויטיקייט אין אַן אַנדער יעזוס.

עס באַמערקט זיך אין די עוואַנגעליעס אַ טענדענץ וואָס זוכט עפּעס אויסמיידן, אויסבאַהאַלטן. ווען די קריסטן, דורך פּאָליטישע אורזאַכן פון דעם רוימישן אימפּעראַטאָר, זיינען געקומען צו מאַכט, און קאָנסטאַנטין האָט דערקלערט די קריסטלעכע רעליגיע אַלץ שטאַט רעליגיע, דאַן האָבן די קריסטן באַקומען אַ פרייען צוגאַנג צו אַלע ביבליאָטעקן און אַרכיוון. אַפילו די ביכער וואָס האָבן באַלאַנגט צו פּריוואַטע אייגענטימער, האָבן, אונטער דער שטראָף פון טויט, געמוזט איבערגעבן צו די קריסטלעכע אויטאָריטעטן אַלע ביכער וועלכע זיי האָבן נאָר געפאָדערט. די קריסטלעכע קירך האָט טיכטיק געזוכט און גענישטערט, געמעקט און אינטערפּאָלירט, געברענט און פאַרניכטעט אַלץ וואָס האָט ניט געשטימט מיט זייער אַנגענומענער אמונה. דאָס איז די אורזאַכע וואָרום עס איז גאָרניט געבליבן פוןווירקלעכן יעזוס לעבן וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ היסטאָרישן ווערט. אַפילו דאָס ביסל געבליבענע איז אַזוי געענדערשט געוואָרן און צוגעשריבן, און איבערגעשריבן פון קריסטלעכע הענט: אַז עס איז שווער פאַנאַנדערקלייבן זיך וואָס איז אויטענטיש און וואָס איז אינטערפּאָלאַציע. 1)

קאָניבאַר שרייבט פון די באַציונגען פון די באַזונדערע סעקטעס אין פריערדיקן קריסטענטום, ווי זיי פלעגן פאַרניכטן איינע דער אַנדערערס ליטעראַטור. 2) „איצט איז עס אין אַלגעמיין באַוווּסט (נאָטאָריוס) אַז אין דעם פאַל פון דער פריערדיקער קריסטלעכער ליטעראַטור איז געווען אַ ספּעציעלע סיבה וואָס האָט געפירט צו איר פאַרשווינדונג. די סיבה איז געווען דאָס שטענדיקע איבערבויונג פון די סטאַנדאַרטן (צילן) פון גלויבן, און דער באַגער פון די קעמפּענדיקע שולן פון דיינקען צו פאַרניכטן איינע דער אַנדערערס ביכער".

די עפּיסטלס (בריוו) פון פּאולוס זיינען די ערשטע געשריבענע דאָקומענטן פון דער פריער קריסטענטום. פּאולוסעס בריוו דריקן אויס די הויפּט עיקרים פון דער קריסטלעכער אמונה. פּאולוס איז געווען דער גרינדער און דאָקטרינער פון קריסטלעכן גלויבן, אויך האָט ער אָגעצייכנט דעם וועג און אופן ווי אַזוי צו שרייבן, פּריידיקן און פּראָפּאַגאַנדירן דעם גלויבן פון קריסטענטום.

אין יענע צייטן וואָלט געווען אוממעגלעך צו פּריידיקן דעם גלויבן אין משיח אָן דער אויטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן (כתבי קדש). האָט ער

1) נאָך ראָבערט אייזלער, „דער משיח יעזוס, און יוחנן דער טובלער."

2) פרעד ס. קאָניבאַר, דער היסטאָרישער קריסטוס, לאָנדאָן, 1914, זייט 130.

געוויזן די מעטאָדע ווי מען קען נוצן דעם אויטאָריטעט פון די שריפטן, ווען עס דינט זיינע צוועקן; און אָפּוואַרפן זייער אויטאָריטעט ווען די שריפטן שטימען ניט מיט זיין לערנונג. די מעטאָדע איז אָנגענומען געוואָרן פון די קירכן פאַר אַלע צייטן און ביז איצטיקער צייט. אַלע מיטלען זיינען אָנגענומען אויב זיי דינען דעם צוועק. פאַרניכטונג און פאַרמיאוסנג פון דעם געגנער: פאַרשפּאַרט דיסקוסירן די דאָקטרינע פון דער געגנערשאַפט.

פאולס עפּיסטלס זיינען די עוואַנגעליע, דער נייער טעסטאַמענט, די תורה פון קריסטענטום. דאָ ווערט געבראַכט דער עצם פון זיין לערנונג: יעזוס האָט זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן צו גאָט, ער האָט געגעבן זיין בלוט פאַר אַ ריח־ניחוח צום פאָטער. זינד איז אין מענטשנס פלייש, און קיין מענטש קען ניט זיך אַליין באַפרייען פון זיינע זינד; גאָט דער פאָטער פאַרגיט די זינד פון מענטשן נאָר דורך פאַרגאָסן בלוט, צוליב דעם צוועק זיינען געבראַכט געוואָרן די קרבנות. דורך דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון חיות און עופות האָט גאָט פאַרגעבן די זינד, זאָגט פאולוס, אויף ווי פיל טייערער איז דאָס בלוט פון זון — פון דעם בלוט פון חיות. דערפאַר איז יעזוס געשטאָרבן פאַר די מענטשלעכע זינד, דורך זיין בלוט האָט ער גערעכטעוועט (סיזוד) די מענטשהייט, געמאַכט ריין פון זינד. דעריבער איטלעכער וואָס גלויבט אין פאָטערס זון, יעזוס קריסטוס, וועלן זיינע זינד פאַרגעבן ווערן, און ער וועט זיין גערעכטעוועט. דער גלויביקער ווערט באַווירקט דורך דעם הייליקן־גייסט וועלכער העלפט אים שטאַרקן זיין גלויבן. די באַווירקטע פון הייליקן גייסט דורך דעם גלויבן אין יעזוס קריסטוס נויטיקן זיך ניט אין קיין אונטעררינכט און געבאָט, אין קיין תורה, דאָס גלויבן אַליין מאַכט זיי שוין כמעט ווי פולקאָם.

דער זון פון גאָט יעזוס איז לעבעדיק געוואָרן אויפן דריטן טאָג נאָך זיין קרייצונג, אַרויפגעשטיגן אין הימל און זיצט ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט. יעזוס אַליין האָט די מאַכט צו פאַרגעבן זינד. דער וואָס גלויבט אין פאָטער און זון ווערן זיינע זינד פאַרגעבן, דאָס איז אַ פרייע מתנה צום גלויביקן. דער שכר פאַר דעם גלויביקן אין יעזוס קריסטוס איז תחית המתים און אייביק לעבן. פאולוסעס לערנונג פון גלויבן איז נאָר אַ צוויי־גאָטהייט, פאָטער און זון. דער הייליקער גייסט איז נאָר אַ גייסט, און ניט קיין גאָט. די דריי־גאָטהייט איז אָנגענומען געוואָרן פון דער קריסטלעכער קירך פיל יאָרן שפּעטער.

דער באַקערטער צום נייעם גלויבן ווערט אַ מיטגליד פון דער אמונה דורך דעם ריטואַל פון טויפונג (טבילה). דער זין פון טויפונג איז: וואָס דער געטויפטער שטאַרבט אָפּ, אַזוי ווי יעזוס איז געשטאָרבן, דער אַלטער מאַן, דער פריערדיקער זינדיקער מענטש וואָס ער איז געווען ווערט טויט. דורך דער טויפונג ווערט ער ווידער לעבעדיק, אַזוי ווי קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן; ער ווערט אַ נייער מענטש, ווידער געבאָרן, ריין פון זינד.

יעזוס האָט געפּריידיקט דאָס באַלדיקע אָנקומען פון דער מלוכה פון

גאָט, און פאַרזיכערט אַז דאָס וועט אַנטשטיין נאָך אין לעבן פון דעם דור; איידער דעם אָנקומען פון דער מלוכה וועט קומען דער טאָג פון גאָטס משפּט אין וועלכן אַלע זינדיקע וועלן ווערן פאַרניכטעט. דאָס זעלבע האָט געפּרידיקט פּאולוס, אַז די מלוכה פון גאָט וועט אָנקומען אין דער צייט פון זיין לעבן, און אַלע גלויביקע אין יעזוס קריסטוס וואָס וועלן אין דער צייט אָנשלאָפן ווערן (טויט) וועלן דאַן ווערן לעבעדיק. גלויבן אין פאָטער און ניט אין זון איז אומגלויבן. נאָר דורך דעם גלויבן אין זון קען מען קומען צום גלויבן אין פאָטער.

פּאולוס איז געווען אַ העלעניזירטער ייד, זיין שפּראַך איז געווען גריכיש, נאָר ער איז געווען פאַנאַטיש פרום, ער האָט ניט געקענט ליידן די נאַזאַרינער, אַזוי האָבן זיך גערופן די יעזוס נאָכפאָלגער וועלכע האָבן גע־גלויבט אַז יעזוס איז געווען משיח און ער וועט אין גיכן צוריק קומען און באַפרייען די יידן פון די רוימער און גרינדן אַן אייביקע מלוכה אַ מלכות שמים.

פּאולוס האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרניכטן די סעקטע פון פאַלשן משיח, ער האָט געהאַלטן אַז זיי זיינען געווען אַ געפאַר פאַרן פאָלק און לאַנד. זייער רעליגיעזע מלוכה באַוועגונג האָט געקענט אַרויסרופן דעם צאָרן פון פּראָקוראַטאָר, וואָס וואָלט געבראַכט צו אַ גרויסער בלוט פאַרגיסונג. פּאולוס האָט די נאַזאַרינער סעקטע אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט. לויט זיינע אייגענע ווערטער: „איך האָב געמאַכט אַ חורבן צווישן זיי." פיל פון די פאַרפאָלגטע נאַזאַרינער זיינען אַנטלאָפן קיין דמשק.

פּאולוס איז געווען זייער אַן ענערגישער און פעיִקער מענטש אויך אַן אויסערגעוויינלעכער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט אַרויסגעקראָגן בריוו פון דער ירושלימער אויטאָריטעט וועלכע האָבן אים געגעבן אַ פולמעכטיקע פאַר־טרעטונג פון דער ירושלים רעגירונגס מאַכט. אויפן וועג נאָך דמשק, ווי פּאולוס דערציילט, האָט דערשינען פאַר אים אַ זעונג, ווי יעזוס שטייט פאַר אים און פרעגט אים, „וואָרום פאַרפאָלגסטו מיך?" זינט דאַן האָט פּאולוס אָנגעהויבן גלויבן אַז יעזוס איז משיח (קריסטוס), גאָטס זון.

פּאולוס האָט אָנגעהויבן פּרידיקן זיין עוואַנגעליע פון גלויבן אין יעזוס, גאָטס זון. פּאולוס גלויבן איז געווען אַנדערש פון דעם גליבן פון יעזוסעס תלמידים און די נאַזאַרינער. די אַפּאָסטאָלס און זייערע נאָכפאָלגער זיינען געווען גלויביקע יידן, גלויבער פון דער תורה און יידישע מנהגים, נאָר געגלויבט אַז יעזוס איז דער משיח, ער וועט צוריק קומען און גרינדן די יידישע מלוכה אונטער דער השגחה פון אים משיח און גאָט. פּאולוס האָט זיי באַקעמפט, און געקעמפט קעגן זייער פאָליטישן משיח.

אין איינוועגס האָט פּאולוס אָנגעהויבן באַקעמפן די תורה. זיינע פּריי־דיקונגען זיינען געווען אַז די געבאָט פון דער תורה ברייגנען זינד און טויט, אַז גוטע מעשים (וואָרקס) האָבן ניט קיין באַשטאַנד פאַר גאָט, און קיין מענטש קען ניט רעכטפאַרטיקט ווערן דורך מעשים צו גאָט. דער הויפּט

און דאָס איינציקע מיט וואָס מען קען גערעכטיקט ווערן איז נאָר דורך דער אמונה אין יעזוס קריסטוס. צו אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון די אַפּאָסטלס און נאַזאַרינער אויף די נייע געגרינדעטע געמיינדעס, האָט פּאולוס געשריבן צו זיי לאַנגע בריוו, דערקלערנדיק דאָרטן זיין לערע פון זיך עוואַנגעליע וואָס ער האָט גערופן די אמתע עוואַנגעליע פון יעזוס. בריוו אין גריכיש רופן זיך עפּיסטלס.

בריוו צו די רוימער, קאַפּ. 3, זאַץ 20: „דערפאַר דורך די מעשים (דידס) פון דער תורה (לאָ) וועט דאָרט קיין לייב רעכטפערטיקט ווערן אין זיינע אויגן: פאַרוואר דורך דער תורה (לא) איז דאָס וויסן פון זינד.״

רוימער 5:7. „פאַרוואר ווען מיר זיינען געווען אין דעם פלייש, די רעגונגען פון זינד, וועלכע זיינען געווען דורך דער תורה, האָבן געאַרבעט אין אונדזערע גלידער צו אַרויסברייגנען פּרוכט אין טויט.״

רוים. 28:3. „פאַרוואר באַשליסן מיר אַז אַ מענטש איז רעכטפערטיקט דורך אמונה אָן די טוונגען פון דער תורה.״

רום. 15:4. „מחמת די תורה (לאָ) שאַפט צאָרן: ווארום ווו עס איז ניטאָ קיין געבאָט, דאָרט איז ניטאָ קיין עבירות.״

רוים. 7:7. „. . . . איך האָב ניט געוווסט פון זינד, נאָר דורך דער תורה (לא): פאַרוואר איך האָב ניט געוווסט פון לוסט, חוץ די תורה האָט געזאָגט, דו זאָלסט ניט לוסטן.״

אין דעם זעלבן בריוו, אין אָן אַנדער אָרט, לערנט פּאולוס פונקט דאָס פאַרקערטע.

רוימער 5:2, 6. (אין דער אַנטפּלעקונג פון גאָטס משפט): „וועט ער צאָלן צו יעדן מענטשן לויט זיינע מעשים.״

רוימער 9:2. „צרות און אַנגסט צו יעדן נפש וואָס טוט שלעכטס.״

רוים. 13:2. „ווארום ניט די הערער פון דער תורה ווערן גערעכט פאַר גאָט, נאָר די טוער פון די געבאָט וועלן ווערן גערעכטפערטיקט.״

רוים. 9:13. „איבער דערויף, זאָלסטו ניט טאָן קיינע זנות, דו זאָלסט ניט הרגענען, דו זאָלסט ניט גנבענען, דו זאָלסט ניט טראָגן פאַלשע עדות, דו זאָלסט ניט גלוסטן.״

די רעזומירונג פון פּאולוס לערנונג איז: די טוער פון דער לא וועלן ניט ווערן גערעכטיקט ביי גאָט; די טוער פון דער לא וועלן ווערן גערעכ־טיקט ביי גאָט.״

די תורה־לא ברייגגט זינד און טויט. פּאולוס האָט ניט געוווסט פון גלוסטיקייט ביז ער האָט געלייענט אין דער תורה „זאָלסט ניט גלוסטן.״ און אין זעלבן בריוו זאָגט ער אָן זיינע גלוביקע אַז זיי זאָלן טאָן די געבאָט פון דער תורה (וועלכע ברייגגט זינד און טויט).

עס איז מערקווירדיק, פּאולוס וואָס איז באַקערט געוואָרן אין אַ קור־צער צייט נאָך יעזוס טויט, שרייבט גאָר ניט פון יעזוס לעבן. ער דערמאָנט נאָר, ווי פאַרביי, פון יעזוס לעצטער סעודה (סאַפּער), און נאָך אַ פּאָר אַנדערע

שטעלן. פאר פאולוסן האט דער לעבעדיקער יעזוס ווי גאר ניט עקזיסטירט. ער דערמאנט ניט יעזוס לעבן, יעזוס פריידיקונגען, יעזוס באשטימען די אפאסטאלס, זיינע מופתים, וואונדער היילונגען זיין משפט און די קרייצונג.

פאולוס האט דאך געלעבט אין יעזוס צייט, ער איז דאך זיכער געווען באקענט מיט יעזוסעס גאנצן לעבן; וואָרום פארשווייגט ער עס אלץ? יעזוס רייד, און יעזוס וואונדער טוונגען וואלטן דאך געווען א גרויס הילף פאר פאולוסעס פריידיקונגען, אבער פאולוס טוט דאס פארקערטע, ער האט לחלוטין אפגעווארפן דעם לעבעדיקן יעזוס. פאולוס האט בעסער אויסגעקליבן פאר א הילף פאר זיין פריידיקונג די הייליקע שריפטן. פאולוס הויבט אן הערליכן יעזוסן נאר פון דער צייט פון זיין טויט און פון ווערן ווידער לעבעדיק. עס מוז דאך זיכער זיין אן אורזאך וואָרום פאולוס טרייסלט זיך אפ פון דער געטלעך פארקערפערונג (אינקארנאציע) אין גאטס זון. ניט צו זען, ניט צו הערן אויגן, פארשטאפט די אויערן: כדי ניט צו וויסן, ניט צו זען, ניט צו הערן פון לעבן און ׳מיניסטירונג׳ 1) פון גאטס זון. פאולוס האט נאר אויסדער־ווילט דעם סימבאל, די אידעע פון אן אויסלייזער (רעדימער) וועלכער שטארבט פאר די זינד, און דער בריינגער פון אייביק לעבן; אבער יעזוס פריידיקונגען, יעזוס טואונגען, יעזוס אקטיוויטעטן האבן זיך ניט אריינגע־פאסט אין פאולוס עוואנגעליע.

פאולוס קאנצעפציע איז נאר די אידייע פון א משיח וועלכער שטארבט פאר די מענטשלעכע זינד, און ווערט לעבעדיק, אבער נעמט ניט אויף יעזוס קריסטוס אין זיין ווירקלעכן לעבן. עס איז געווען ניט נאר א קאפריז פון פאולוסן, נאר וויכטיקע אורזאכן האבן אים געצוווּנגען אזוי צו טאן.

אין די שפעטערדיקע יארן און נאך פאולוס טויט האבן די גוישע (דזשענטיילס) גלויביקע אין די דאן עקזיסטירענדיקע קירכן פאולוס צוגאנג ניט אנגענומען. זיי, די געוועזענע הידנס, האבן געוווּסט אלע ביאגראפיעס פון זייערע געטער: זייער אפשטאמונג, זייערע לעבנס, זייערע ליבעס אפערן, זייערע חתונות און זייערע וואונדער טוונגען. זיי האבן אויך געזוכט צו וויסן דעם לעבן פון זייער קריסטוס: אזוי זיינען געשאפן געווארן אין זייער פאנ־טאזיע זייערע מיטאלאגישע לעגענדן. די קריסטלעכע פאטערס און פריידיקער האבן אנגעהויבן העלפן 2) די ברעדערן (ברידער) צו שאפן פארשידענע פאסירונגען, ווירקונגען און וואונדער. יעדע באזונדער קירך האט געשאפן באַ־זונדערע דערציילונגען, לעגענדעס; דערציילונגען געמישט מיט זכרונות האבן זיך געשפרייט פאר פיל צענדליקע יארן.

עס האבן זיך געפונען מענטשן וואס האבן באטירט מאנכע פון די מעשיות און איבערגעבונגען. פאר ניט - געניטע פריידיקער פלעגן די

---

1) רעליגיעזע אקטיוויטעטן.

2) אין די געמיינדע־קירכן האבן זיך די מיטגלידער גערופן ברידער (ברעדערן) און הייליקע (סיינטס).

עלטסטע פון די קירכן אָנשרייבן די צירקולירענדיקע דערציילונגען. אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן אַ צאָל געשריבענע געשיכטעס איבער יעזוס, וועלכע זיינען ניט געווען באַזירט אויף געשיכטלעכן זוכן, נאָר זאַמלונגען פון פאָלקישער פאַרשטעלונגס קראַפט, ביז עס האָט זיך געשאַפן אַ שריפט וואָס האָט איבערגעגעבן מיט מער איינצעלהייטן די וויכטיקסטע פון די צירקולירנדיקע מינדלעכע איבערגעבונגען וועגן יעזוס און זיינע רייד און טוונגען. יעדע אָנגענומענע שריפט האָט געדאַרפט איבערגעשריבן ווערן ביי האַנט, יעדער שרייבער האָט זיך גענומען די פרייקייט צו אַנדערשן, צוגעבן וואָס ער געפינט פאַר נויטיק. ביז עס איז באַקאַנט געוואָרן אַ שריפט וואָס האָט אויסגעשפּראָכן אָם בעסטן די ריכטונגען פון געוויסע קריסטלעכע קירכן. די שריפט איז קאַנאָניזירט געוואָרן אונטער דעם נאָמען, „די גאָספּעל לויט דעם הייליקן מאַרקוס" (מאַרק). די צייט איז ניט באַוווסט. נאָך דער קאָנסערוואַטיווער השערה ווערט עס פאַררעכנט דער לעצטער פערטל פון ערשטן יאָר הונדערט נ.ע.

יאָרן שפּעטער האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי שריפטן (שרייבונגען) איינע אונטער דעם נאָמען „לויט מאַתיא" (מאַטטהיו), די אַנדערע „לויט לוקאס (ליוק). די דריי ביכער רופן זיך די עוואַנגעליעס 1) און אויך די סינאָפּטישע (ענליכע). ווי עס ווייזט אויס האָבן די דריי שריפטן גענומען פון איין קוואַל, מחמת צאָלן זאַצן און שטעלן ווערן איבערגעגעבן ענלעך ווערטערלעך. די אָנגענומענע השערה איז אַז דער ערשטער איז געווען מאַרקוס. מאַתיא האָט קאָפּירט מאַרקוסן, אָבער געשריבן אין פולשטענדיקער פרייקייט פון זיין פערזענלעכן פאַרשטייך. לוקאַס האָט שוין גענוצט ביידע פאַריקע שריפטן אַלץ מאַטעריאַל פאַר זיין ספר, און אויך געשריבן נאָך זיין אייגענער אויפנעמונג און נאָך דער אויפנעמונג פון דער קירך וואָס האָט אים אינסטרואירט צו שרייבן די עוואַנגעליע.

די קריסטלעכע קירכן האָבן אָנגעהויבן אַריינעמען אין זייערע פרייַדיקונגען און לערנונגען די מאָראַלע לערנונג פון סענעקאַ, די עטיק פון די סטאָיקער; דערהויפּט, די טעאָלאָגיע פון דעם אַלעקסאַנדריער יידן פילון (פיילאָ) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היידענישער מיטאָלאָגיע.

אין יענער צייט איז שוין דאָס קריסטלעך גלויבן גוט פאַרשפּרייט געוואָרן אין פיל צענטער־שטעט פון דער רוימישער אימפּעריע. קריסטלעכע געמיינדעס זיינען עסטאַבלירט געוואָרן אין צאָלן שטעט אין אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע. די קירכן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן מיט די נויטיקע עלטסטע און גייסטליכע.

די קאָנטראַווערזיע און אַנטאַגאַניזם פון די קריסטן צו די יידן און יידישן גלויבן איז זייער פאַרשאַרפט געוואָרן. די שנאה פון די ניט־יידן (דזשענטיילס), איבערהויפּט פון די גריכן איז איצט פאַרשטאַרקט געוואָרן

1) אין ענגליש—די גאָספּעלס.

דורך דעם פאַנאַטיזם פון גלויבן. דעם פשוטן פאָלק פון די נייע קריסטן האָבן געמאַטערט פיל ניט פאַרענטפערטע פראַגן. ווי די יידן זיינען די אייגנ־טימער פון די הייליקע שריפטן, זיי זיינען דאָס פאָלק צו וועלכעס גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט און איבערגעגעבן דורך משהן די תורה. מיר, דזשענטייל־קריסטן האָבן איבערגענומען זייער גאָט, זייערע ספרים, זייער אופן פון צערעמאָניאַל פון גאָטס דינסט, אויך זייער משיח; און זיי די יידן אַליין דערקענען ניט דעם פאָטער און דעם זון יעזוס קריסטוס; זיי וואָס האָבן געדאַרפט זיין די ערשטע אין אָננעמען דעם גלויבן אין קריסטוסן האָבן עס צוריקגעוויזן, און מיר געוויזענע היידענס נעמען אָן און גלויבן אין אים. ראַציאָנאַלע ענטפערס זיינען ניט געפונען געוואָרן: האָט מען אויפגענומען דעם מיטל פון פאַרמיאוסן און באַשולדיקן. מען האָט אָנגעהויבן שפּרייטן די באַשולדיקונגען: די יידן באַזיצן ניט קיין אמונה (פייטה), זיי פאַרמאָגן נאָר אַ רעליגיע וואָס באַשטייט פון געזעצן און לײדיקע ריטואַלן; זיי זיינען שקלאַפן פון דעם געבאָט (לאָ), זיי גלויבן ניט אַפילו זייערע אייגענע נביאים. זייערע רעליגיעזע פירער, די פרושים זיינען ניט מער ווי בייזע פאַנאַטיקער און היפּאָקריטן. די יידן האָבן אויסגעהרגעט זייערע נביאים, און זיינען גרייט פאַרניכטן יעדן איינעם וואָס שטימט ניט איין מיט זייערע אומפאַרשטענדלעכע געזעצן.

פילאַטוס און די רוימער האָבן געקרייציקט יעזוסן: איז פאַר די קריסט־לעכע פאָטערס אויפגעקומען דער באַגער צו וואַרפן די שולד אויף די יידן. פאַר די קריסטלעכע פאָטערס איז געווען שווער אין גאַנצן אָפּלייקענען די גוט פאַרשפּרייטע דערציילונגען פון פילאַטוס אורטייל, און די דורכפירונג פון דער קרייצונג פון די רוימישע סאָלדאַטן: האָבן זיי אָנגעהויבן מאָלן פילאַטוסן אַלץ אַ זייער דערהויבענע פערזענלעכקייט, נאָר זייער אַ שרעק־קעדיקער מענטש וועלכער איז געווען ערלעך און גוט; ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַראורטיילן דעם אונשולדיקן יעזוס, נאָר פילאַטוס האָט ניט געקענט ביישטיין דעם דרוק און די וואָרנונגען פון כהן גדול און די יידן, איז ער געצוואונגען געוואָרן פון זיי צו אַרויסגעבן זיין אורטייל. אַזוי האָבן די יידן געטויט זייער אייגענעם משיח.

די דריי סינאָפּטישע גאָספּעלס און די פערטע פון יאָהאַנען גיבן איבער געטריי די ריכטונג פון צו מאַכן אומשולדיק פילאַטוסן, און וואַרפן די שולד אויף די יידן.

די פערטע עוואַנגעליע געשריבן פון יוחנן (יאָהאַן) 1) איז דערשינען אין צווייטן האַלב פון צווייטן יאָרהונדערט נ. ע. די עוואַנגעליע איז פול־שטענדיק פאַרשידן און אַנדערש פון די ערשטע דריי עוואַנגעליעס.

---

1) דער אוטאָר האָט געלעבט אין דעם 2טן יאָרהונדערט, ער איז ניט געווען קיין ייד, ער האָט קיינמאָל געטראָגן דעם נאָמען יוחנן, דעריבער וועט זיין נאָמען געשריבן ווערן יאָהאַן.

יאָהאַן הויבט אָן זיין עוואַנגעליע, אַזוי ווי מאַרקוס, פון דער צייט ווען יעזוס איז געקומען צום ירדן צו ווערן געטובלט פון יוחנן. יאָהאַן לאָזט אויס אַלע משלים (פּאַראַבלס) פון יעזוס, מיט וועלכע די ערשטע דריי עוואַנגע־ליעס פיגורירן אַזוי שטאַרק מיט זיי. אויך לאָזט ער אויס אַלע שדים דער־ציילונגען, יעזוס אַרויסטרייבן די שדים און טייוואָלים פון די קראַנקע וועלכע מען האָט געבראַכט צו אים. ער זאָל זיי היילן. דערפאַר די מופתים פון יעזוס זיינען גרעסער און מער נסימדיק פון די ערשטע דריי. יעזוס רייד און אַלע זיינע פריידיקונגען און לערנונגען פון די ערשטע דריי לאָזט יאָהאַן אויס, ער ברענגט אַריין אַז יעזוס האָט גערעדט לחלוטין אַנדערע רייד און גע־פּריידיקט אַן אַנדער עוואַנגעליע. ער שרייבט שוין צו צו יעזוס די גאַנצע אַנטוויקלטע טעאָלאָגיע פון דער קריסטלעכער קירך פון צוויי הונדערט יאָר שפּעטער.
ער לאָזט אויס די „לאָגיע״ 2) פון די עוואַנגעליעס פון מאַתיאס און לוקאַס, עס מיינט אויך ער לאָזט אויס יעזוס פּריידיקונגען פון דער באַוווסטער דרשה אָדער דרשות אויפן באַרג.

אין אָנהויב פון 4־טן יאָרהונדערט זיינען די ביכער קאַנאָניזירט גע־וואָרן. אין דעם לעצטן קאַנאָן גייען אַריין די פיר ביכער פון די עוואַנגעליעס, פון מאַתיאַ, מאַרקוס, לוקאַס און יאָהאַן. דער פינפטער בוך ווערט אָנגערופן ׳די אַקטן פון די אַפּאָסטלס׳. עס ווערט צוגעשריבן די אויטאָרישקייט צו דעם זעלבן לוקאַס. פערצן בריוו (עפּיסטאַלס) פון פּאולוס צו שוין דאַן אָרגאַ־ניזירטע קריסטלעכע קירכן־געמיינדעס אין די צענטער שטעט פון דער רוי־מישער אימפּעריע. זיבן בריף פון אַנדערע אַפּאָסטלס, און דער בוך פון אַנט־פּלעקונג (רעוועלאַציע), געשריבן אין אַפּאָליפּטישער פאָרמע, אויך אַ צאָל ספרים פון דער אַפּאָקריפאַ און פּסעוודעפּיגראַפיע זיינען פון אייניקע קירכעס קאַנאָניזירט געוואָרן ע. מ. אַריינגענומען געוואָרן אַלץ הייליקע שריפטן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דורך אַ הייליקער אינספּיראַציע.

די אַנטפּלעקונג פון גאָט צו דעם מענטשלעכן מין איז פאָרגעקומען אויף דעם אופן אַז יעדעס פאָלק און יעדע ראַסע האָט עס געקענט אויפנעמען נאָר נאָך איר אייגענעם כוח פון קאָנצעפּציע. די פעלקער פון דער וועלט האָבן אויפגענומען די גאָטהייט יעדעס אויף איר אייגענאַרטיקן שטייגער. די מערסטע נאַציאָנען פון דער וועלט האָבן אויפגענומען די כוחות און עלעמענטן פון דער נאַטור ווי זאַכן וואָס זיינען באַהערשט פון גייסטער אָדער געטער. די דאָזיקע גייסטער האָבן זיי זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז זיי זאָלן זיין אַנדערש ווי מענטשן, נאָר זייער קאָנצעפּציע איז געווען אַז יענע גייסטער־מענטשן פאַרמאָגן איבערנאַטירלעכע כוחות און זיי זיינען אומ־שטערבלעך.

אין יענער צייט איז געווען אָנגענומען, אַז דער צענטער פון אוניווערז איז די ערד, דאָס איבעריקע זיינען צייכנס און ליכטער אין הימל. די געוועל־

2) לאגיע — די זאָגונגען פון יעזוס איבער עטיק און מאָראַל, דינים און געזעצן.

טיקער אויף דער ערד זיינען די מענטשן: דעריבער זיינען די געטער זיכער ניט אַנדערש ווי די מענטשן. זיי זיינען פליש און בלוט, פאַרמאָגן חושים און אַלע עמאָציאָנאַלע רעגונגען אַזוי ווי מענטשן. זיי פירן זיך אויף ווי מענטשן: לעבן אין משפחות, מערן זיך דורך דעם סעקסואַלן דראַנג. די געטער באַ־הערשן די יבשה און די אָקעאַנען, די כוחות פון דער נאַטור מיט אירע אויפ־ברויזונגען, דעם הימל מיט דער ערד, זון, לבנה און שטערן.

די אומשטערבלעכע מענטשן־געטער באַזיצן אַלע מעלות און חסרונות פון שטערבלעכע מענטשן ווי: גוטס און שלעכטס, קנאה און שנאה, ליבשאַפט און טוגנט, צאָרן און נקמה, רחמנות און פאַרגעבונג.

וויבאַלד די אַרומיקע וועלט און נאַטור זיינען באַזעסן מיט גייסטער און געטער האָט דאָס געמוזט פירן צו צאָליקע מיסטעריעס, ריטואַלן און קולטן.

די פילאָסאָפישע שיטות פון אַ גייסטיקן גאָט האָבן ניט געהאַט די בוריטיקע השפעה אויף די מאַסן, און ניט אויף די פריסטלעכע טעמפּלען פון די אָפיציעלע רעליגיעס.

איין אומה אין דער וועלט, פון איר יוגנט פון איר אַנטוויקלונג, האָט אויפגענומען דאָס גאָטהייט און גאָטס אַנטפּלעקונג אַנטשידן אַנדערש ווי די פעלקער פון דער וועלט.

גאָט איז דער בורא פון גאַנצן אוניווערז, ער איז דער באַשעפער פון מאַטעריע און פון לעבן. פון די באַשאַפענדיקע לעבענס האָט גאָט אָפּגע־טיילט דעם מענטשן, ער האָט דעם מענטשן מין באַשאָנקען מיט שכל וואָס האָט אים געמאַכט אין גלייכונג צו דער געטלעכקייט, און פאַר דעם בחיר היצירים. דער מענטש איז דאָס קינד פון זיין יצירה, קינד אין גייסטיקן זין און ניט אין קאָרנאַלן. גאָטס ווילן איז אַז די מענטשן קינדער זאָלן לעבן אין האַרמאָניע פון ליבע און שלום. גאָט האָט ניט באַשאַפן דעם מענטשן אַז ער זאָל זיין פולשטענדיק גוט אָדער פולשטענדיק שלעכט, נאָר האָט אים באַשאָנקען מיט דעם כוח פון ברירה, אויסוויילן פון גוטס און שלעכטס.

גאָטס ווילן איז: די דערקענונג פון זיינע מענטשן־קינדער, אַז ער איז דער באַשאַפער פון אוניווערז, און דער באַשטימער פון אַלע אוניווערסאַלע געזעצן פון דער נאַטור. די דערקענונג פון גאָט דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין די מענטשלעכע אויפפירונגען.

גאָט באַזיצט ניט קיין פאָרמע, קיין געשטאַלט, קיין דימענסיע; קיין מענטשלעך קינד איז ניט ביכולת צו האָבן וועלכע עס איז פאָרשטעלונג פון גאָט, אָבער מיט גאָטס פּראַכט איז פול די גאַנצע וועלט. לויט דעם יידישן גלויבן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו די יידן דורך זיינע אויסגעוויילטע שלוחים: די אבות, משה, און די נביאים. דער ווילן פון דעם בורא עולם און מלא עולם איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין מענטשלעכן לשון אין די ספרים פון די כתבי קדש. פון די ספרים הערט זיך גאָטס וואָרט וואָס רופט און פאָדערט פון די יידן, און פון אַלע מענטשן־קינדער פון דער וועלט ערלעך לעבן: לעבן פון

אמת, גוטסקייט, ליבשאַפט, רחמים, צדק, יושר, משפט און שלום. דער וועג צו באמת אויפנעמען די אָנגעזאָגטע געבאָט ליגט אין די ווערטער: זאָלסט ליב האָבן דיין מיטמענטשן ווי זיך זעלבסט. 1) הלל האָט דאָס אויסגעטייטשט מיט די ווערטער: זאָלסט ניט טאָן צו יענעם דאָס, וואָס דו וואָלסט ניט געוואָלט ער זאָל טאָן צו דיר. דאָס איז דער קריטעריום פון גוטס און שלעכטס.

ניט האָבנדיק קיין פאָרשטעלונג פון גאָט, נעמען אויף די יידן די פולקייט און די נאָענטקייט פון גאָט ווי דאָס נאָענטסטע אין זייער לעבן. גאָט יאַהווע איז דער גאָט ווי פון דעם אינדיווידו אַזוי פון פאָלק און פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. דער יידישער גלויביקער פילט די נאָענטקייט פון גאָט און זיין השגחה — אַזוי ווי אַ זויג קינד פילט די השגחה פון דער מוטער. גאָט אונדזער פאָטער איז אין טאָג־טעגלעכן לעבן דער גאָט פון יעדן מענטשן באַזונדער, אַ גאָט פון רחמים און חסד, אַ גאָט פון סליחה און מחילה.

יעדער ייד ווייסט אַז גאָט־דערקענונג, באַהעפטונג צו אים קען נאָר פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַ לויטער האַרץ און אמתער איבערגעבנקייט; עס קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר ווען אין יעדער רגע זיינען די אויפפירונגען און מעשים אין האַרמאָניע מיט גאָטס וואָרט און גאָטס ווילן. ווען אַ מענטש אין זיין טעגלעכן לעבן בויגט זיך אָפּ פון גאָטס ווילן, ער באַגייט טאָטן וואָס פאַרברעכן קעגן גאָטס וואָרט: דאַן דורך תשובה און אמתע חרטה וועלן זיינע זינד פאַרגעבן ווערן פון גאָט. יאַהווע איז אַ גאָט און אַ פאָטער פון רחמים, אַ פאַרגעבער פון פאַרברעך און אַ רייניקער פון זינד.

מען דאַרף האָבן די יראה פאַר גאָט און אין דער זעלבער צייט אים ליב האָבן. די ליבע צו גאָט דאַרף זיין פון פולן האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל, און מיט אַלע אינערליכע כוחות.

דברים 5:6. „ואהבתא את ה׳ אלהיך בכל לבבך, ובכל נפשך, ובכל מאדך.״

דער מלא עולם איז איינס, קיינע צאָלן קען ניט צו אים אָנגעווענדט ווערן; עס קען ניט דערלאָזן ווערן צו אים קיין פאַרמער (רעפּראָדוקציע); עס איז אויסער דער יידישער אויפנעם־פייאיקייט, עס איז הינטער זיין קאָמ־פּרעהענציע: — גאָט פאַרקערפּערט אין פלייש און בלוט, אין עפר ועפר.

מען קען ניט אָנווענדן אויף גאָט דאָס וואָרט ׳קען׳, עס איז נאָר נאָך אונדזער קאַרנאַלער אויסשפּראַך. גאָט קען אויסדערוויילן זיין שליח פון דער מוטערס טראַכט, אָבער עס איז ניט אויפנעמלעך אַז די שכינה פון גאָט זאָל באַפרוכפּערן די טראַכט פון אַ נקבה פון אַ מענטשן־קינד. דאָס אויבן אָנגע־

---

1) פילע סקאָלערס (געלערנטע) פאַרדרייען די נעזער, זיי געפּעלט עס נישט, ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן אין אַ נעגאַטיווער פאָרמע. אונדזער וועלטל איז אַזוי פולקאָמען, אַזאַ פערפעקציע—אַז עס איז אַ באַליידיקונג פאַר איר מאָראַלישער הויך צו ריידן אין ניט אַ פּאָזיטיווער זאָגונג.

געבענע זיינען די עיקרים, דאָס קווינט עסענץ פון יידישן גלויבן.

די יידן האָבן פאַרהייליגט די ספרים פון די שריפטן — די ביבל. די גרעסטע הייליקייט זיינען די פינף ביכער: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים; זיי ווערן אָנגערופן ׳חמשה חומשי תורה.׳ די צווייטע אין רייע פון הייליגטימער זיינען: יהושע, דער בוך פון דער אַריינדרינגונג; שופטים, געשיכטע פון פאַר די מלכים פעריאָדע; שמואל און מלכים, געשיכטע פון ערשטן יידישן מלך שאול ביז דער פאַרטרייבונג אין בבל, אויך פון דער ווירקונג פון די ערשטע נביאים; ישעיה ירמיה, יחזקאל—פאַרשריבענע רייד פון די דריי נביאים; די ביכער פון די 12 נביאים: הושע, יואל, עמוס, אובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, זכריה און מלאכי.

אין דער דריטער מדרגה קומען אַריין די כתובים (האגיאָגראפא). דער ערשטער בוך איז דער תהלים: זאַמלונג פון מזמורים, געזאַנגען, לויבונגען, גאָט בעטן און תפלות פון השתפכות הנפש. ביין יידישן פאָלק איז דער תהלים דער פאָפולערסטער ספר. אין דעם סידור פון גאָט בעטן, אין דער ליטורגיע קומען אַריין אַ גרויסע צאָל קאַפּיטלען און אויסצוגן פון תהלים. אַ רעליגיעזער ייד זאָגט תהלים אַלע טאָג. דער תהלים געפינט זיך אין יעדער רעליגיעזער יידישער הויז. דער ספר תהלים באַגלייט יעדן יידן, צוזאַמען געהעפט מיט דעם יידישן פערזאָן און יידישן פאָלק. דער ייד זאָגט שטענדיק תהלים. איז אים ניט גוט אויפן האַרצן, עפנט ער אויף דעם תהלים און זאָגט, ער זוכט דאָרט טרייסט און באַרו:קונג; איז ער אין אַ פריילעכער שטימונג זאָגט ער ווידער תהלים, ער דאַנקט גאָט פאַר זיין אינגערליכער פרייד, און אין אַלגעמיין פילט זיך דער ייד שטענדיג גרייט צו נעמען דעם תהלים אין האַנד און זאָגן די תפלות, ער פאַרגעסט די גרויע וואָכעדיקע וועלט אַרום זיך, און טראָגט זיך אין די עולמות עליונים. אין אַן עות צרה פאַרן פאָלק—זאַמעלט מען זיך אין די שולן און מען זאָגט און מען קלאָגט, מען גיסט אויס די ביטערע האַר־צער דורך די קאַפּיטלען פון תהלים. ווען דאָס פאָלק לעבט אין פרידן, איינ־געלעבט אין די אַלטע צרות און גזירות אָן נייע, דאַנקט ער גאָט אויך פאַר דערויף דורך זיין תהלים; און פריילעכע טעג און ימים טובים זאָגט ער די הללויהס פון תהלים.

ביז דעם 20־טן יאָרהונדערט האָט יעדער ייד געקענט לייענען העב־רעיש. אַפילו די אָרימסטע עלטערן האָבן געלערנט זייערע קינדער צו לייענען העברעיש, זאָלן קענען לייענען די תפלות אין סידור (געבעט־בוך) און אַ פרשה חומש, און אַ קאַפּיטל תהלים.

דער צווייטער בוך פון כתובים איז משלי, אַ ספר פון אויסשפּרוכן פון מאָראַל און עטיק און איבער דער חכמה פון לעבן; איוב — אַ פּאָעטיש־פילאָסאָפיש בוך איבער דער גערעכטיקייט פון גאָטס השגחה. די פינף מגילות: שיר השירים, רות, איכה, קהלת און אסתר.

דניאל — אַ ספר וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע פאָרמע און אידעען אין דער ביבלישער ליטעראַטור. עס איז אַ מין נבואה פון חלומות און זעונגען.

עס האָט געשאַפן אַ נייע שיטה אין יידישן שרייבן און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע אַפּאָקאַליפּטישע און פּסעוודאָ עפּיגראַפישע ליטעראַטור אין העב־רעיש, אַראַמיש און גריכיש.

די ביכער עזרא און נחמיה זיינען איבער דער רעסטאַווראַציע, פון די צוריקגעקומענע יידן פון בבל אין דער פריערדיקער היים פון יהודה.

די ספרים דברי הימים א׳ און ב׳ זיינען היסטאָרישע כראָניקעס וואָס הויבן זיך אָן מיט די גענעאַלאָגיעס פון אדם און ענדיקן זיך מיט דעם פאַלן פון ירושלים און דעם פאַרברענונג פון בית המקדש, און די פאַרטרייבונג פון די יידן פון דעם מלך פון בבל נבוכדנאצר, אָן מיט דעם אויפקום פון כורש מלך פרס.

עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל ביכער וועלכע זיינען ניט אַריין אין דער קאָמפּילאַציע פון די כתבי קדש, דאָס זיינען די ביכער וועלכע ווערן אָנגערופן ספרים חיצונים. עס איז אַ מין צווייטער גראַד פון די כתובים.

היסטאָרישע ביכער זיינען 1 און 2 מאַקאַבעער, און עזרא 1.

דער בוך פון ׳בן סירה׳, געשריבן אין די יאָרן פון 170־190 פאַר ג. ע.

געשריבן אין אוניווערסאַלן און בריית מענטשליכן גייסט ווי מיר גע־פינען אין משלי 1) די ביכער פון אונטערריכטונג (דידאַקטיווע): טוביה (טאביט), די תפלה פון מנשה. אויך די ספרים ווי יהודית, ברוך — די ערשטע טיילן פון די יאָרן 130, די לעצטע אַרום 90 פאַר דער ג. ע.

חכמת שלמה — 50־70 פאַר ג. ע.

פּסעוודא עפּיגראַפּיע: חנוך פון די יאָרן 68־110 פאַר ג. ע.; דער ספר היובלות — 90־10 פ. ג. ע.

טעסטאַמענט פון די 12 שבטים — 70־110 פאַר ג. ע.; דער אויפשטייג פון משהן — 4־6 ג. ע.

און אַ צאָל אַנדערע.

דאָס איבערזעצן די ביבל אין גריכיש — די ׳סעפּטואַגינטא׳, האָט באַקאַנט געמאַכט טיילן פון די פעלקער פון דער וועלט מיט דעם יידישן גלויבן, מיט די אמתן פון גערעכטיקייט און ליבשאַפט, מיט די אידעאַלן פון גאָטס וואָרט.

דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט באַצוווּנגען דעם יידישן פאָלק צו ווערן באַהערשט פון די הערשענדיקע ציוויליזאַציעס אויף אַ משך פון פיל הונדערטע יאָרן

אין יאָר 536 פאַר דער. ג ע. אַ הייפל יידן פון דעם גלות בבל, אין צאָל פון פופציק טויזנט נפשות מאַכן דורך זייער יציאת בבל צו דער לאַנד פון זייערע אבות. זיי געפינען די לאַנד באַזעצט פון אַ היידענישער באַפעלקע־רונג. די וועלכע זיינען געוועזן פאַרבליבן אין לאַנד האָבן אַריינגענומען אין זייער גלויבן פיל פון היידעניזם. אין דעם מיטן פון דער היידענישער אַרומ־

1) י. קלויזנער — די משיח אידעע אין ישראל.

רינגלונג הויבן אָן די אַריבערגעקומענע בויען זייער אייגן לעבן און הויבן אָן ציען דעם המשך פון זייער גלויבן און פון קיום האומה. די אַריינגעקומענע געפינען זיך אונטער דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די פּערסיער. פּערסישע ציוויליזאַציע שפּאַרט און שלאָגט פון אַלע זייטן. פּערסיש איז די רעגירענדיקע מאַכט, פּערסיש זיינען די מלוכה בעאַמטע און די אַריסטאָקראַטיע וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט. די מיליטער גאַריזאָנען זיינען פּערסיש, אויך די סוחרים וואָס קומען און גייען פון פּערסיע און צוריק. אַרום צוויי הונדערט יאָר לעבן די יידן באַווירקט דורך דער פּערסישער קולטור און פּערסישן אַרט לעבן. דעם יידישן גלויבן האָט געדראָעט די סכנה פון די רעליגיעס פון די מעכטיקע. דורך די זיגן פון אלכסנדר מוקדין ווערט די קליינע יהודה פּלוצלונג אַ גריכישע פּראָווינץ. אַזוי נאָך דעם פּערסישן איינפלוס הויבן אָן שטראָמען די כוואַליעס פון דער גריכישער קולטור אַרום דעם אונבאַשיצטן אינזל פון יידיש לעבן. אין סוף, די גריכישע מאַכט הערט זיך אויף באַנוגענען נאָר מיט איר באַווירקונג אויפן יידישן געביט, נאָר פאַרמעסט זיך צו אויסרייסן יידיש גלויבן מיטן וואָרצל.

אנטיאכוס עפּיפאַנעס פאַרנעמט זיך דורך פייער, שווערד און טויט צווינגען די יידן צו פאַרלאָזן און פאַרגעסן זייער גאָט, זייער תורה, זייערע טראַדיציעס און אָננעמען די גרעבסטע פאָרמען פון גריכישע גלויבונגען.

זינט זייער אַריינקומען ביז אַנטיאכוס האָבן די יידישע מנהיגים און חכמים געהאַט פאַר זיך דעם אויפגאַב ווי צו אָפּהיטן דעם יידישן גלויבן און תורה פון די מעכטיקע אנשלאָגן, און צעשטערנדיקע שטורמס פון דער ציוויליזאַציע פון פּאַגאַניזם. זיי האָבן אָנגענומען דעם מיטל פון צו בויען צאַמען, פעסטונגען אַרום דער תורה. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שטאַרקן די צאַמען און גדרים אַרום די געבאָט פון מילה, שבת און כשרות; כדי צו אַפּוויטערן די יידן פון די פּאַגאַנישע אויפפירונגען. זיי האָבן זיך געשטריינגט צו איינפירן גאָטס געבעט און תפלות אין די סינאַגאָגעס אַזוי אין זייערע פּערזענליכע היימען, אויך צו באַקענען דאָס פאָלק מיט די אמתן פון די כתבי־קדש; כדי צו דערמוטיקן זייער אייגענעם קענען זיך, איינפלאַנצן אין זיי דעם וויסן פון דער יידישער מאָראַל, און די אַנדערשקייט פון דעם אַרומיקן הײדענישן איינפלוס. טהרת המשפחה און פאַרהייליגונג פון ימים טובים האָבן זיי געשטעלט אַלץ אַ שוץ קעגן דער מאַכט פון דער הײדענישער אַריינדרינגונג. דאָס האָט געשאַפן דעם אָנהויב פון דער תורה שבעל פה וואָס האָט באַווירקט דעם יידישן לעבן אין גאַנג פון טויזנטער יאָרן.

די יידן דורך זייערע ליידן, דורך זייער פאַרגאָסענעם בלוט, האָבן אָפּגעהיט זייער גלויבן, אָפּגעהיט די אוצרות פון זייער לערנונג, און עס געטראָגן צו די אומות העולם. די גריכישע איבערזעצונג פון דעם ספר (ביבל) איז געווען די איינלאַדונג צו די הײדנס: לערנט און קומט צו אונדז. די ניט־יידישע וועלט האָט געלערנט ווי דעם ספר אַזוי אונדזערע גוטע מידות און אונדזער ריין לעבן. גרים האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן. נעבן אַלע תפוצות פון יידן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די מערסטע שטעט פון דער

אימפעריאַלער וועלט האָבן זיך געשאַפן פעריפעריעס פון גרויסע צאָלן פּראָזעליטן. פון אַלע שיכטן פון דער ניט־יידישער געזעלשאַפט ווי פון קנעכט ביז קיניגליכע משפחות האָבן זיך דערנעענט צום יידישן גלויבן.

אין דעם פעריאָד פון 63 פאַר דער ג. ע. איז אָנגעקומען אַן איבערברוך אין יידישן לעבן. די שווערע האַנט פון דער רוימישער אימפעריע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער לאַנד יהודה און אויף אירע איינוויינער דאָס פאָלק ישראל. אין משך פון זיבן צענדליק יאָר האָט דאָס יידישע פאָלק אינגאַנצן פאַרלאָרן איר אומאָפּהענגיקייט און געוואָרן אַן אונטערטעניקייט צום רוימישן רוים. רוים האָט גרינג געשעצט די יידישע הייליקייטן און אויך אַרויפגעצוווּנגען רוימישע צינז־צאָלונגען. 1) די שווערע צאָלונגען האָבן כסדר געזויגן דעם שווייס און גוטס פון לאַנד. עס האָט געבראַכט אָרימקייט צו גרויסע מאַסן מענטשן ווי אין די שטעט אַזוי אויפן לאַנד. דאָס יידיש פאָלק האָט ניט געקענט מאַכן שלום מיט זיך, צו אונטערגעבן זיך צו דעם אַריינדרינגער. דאָס פאָלק האָט געזוכט אַן אַרויסגאַנג, אַ באַפרייונג. דורך זייער פשוטן שכל האָבן זיי פאַרשטאַנען די אוממעגליכקייט דורך כוח אומצווואַרפן דעם שונא. אָבער עס איז אויך פאַר זיי געווען אוממעגליך איינשטילן דעם דראַנג צו באַפרייונג. מאַסן פון פאָלק ניט קענענדיק מאַכן שלום מיט דערווירקליכקייט, האָבן געזוכט שוץ אין דער האָפענונג פון דער גאולה און אין גאָטס פאַרשפּרעכונגען. עס האָט זיך געשטאַרקט און צעוואַקסן זייער בטחון און גלויבן אין גאָט, אַז דער פאָטער אין הימל וועט זיי ניט פאַרלאָזן, ער וועט זיי באַפרייען פון היידענישן יאָך.

די דאָזיקע שטימונג האָט געשאַפן דעם באָדן פאַר פאַרשידענע משיחישע פרווון און באַוועגונגען. עס זיינען אויפגעקומען משיחים און האַלבע משיחים, וווּנדער טוער און אויפשטענדלער וועלכע האָבן נאָך מער געבלאָזן דעם פייער פון פאָלקס האָפענונגען.

דער רוב מנין און בנין פון פאָלק האָבן געהאַט אַ מער ניכטערן קוק אויפן לעבן. די פאַרשטייער פון פאָלק און זיינע חכמים האָבן געטראָגן אויף זייערע שולטער די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער נאַציע און לאַנד. זיי האָבן געזוכט צו שטילן די געמיטער, ניט צו מאַכן געאיילטע שריט קעגן דער וועלט־מאַכט. זיי האָבן גערופן צו אויסדויער און געדולד.

אין דער אומרויקער, גייסטיק צערודערטער צייט קומט אַרויף אויף דער אַרענע, פון מדבר און פון די געגענטן פון ירדן, יוחנן. ער טראָגט צו די אָרימע, אונטערדריקטע מאַסן די גוטע בשורה, די גרויסע טרייסט אַז די מלוכה קומט אָן, עס איז נאָענט, עס קומט באַלד. צו פאַרשנעלערן די גאולה רופט ער צו תשובה.

ישו נעמט איבער פון יוחנן דעם רוף אַז די מלוכה איז נאָענט, און ער טראָגט די בשורה צום פאָלק אין גליל. ישו גייט צו די אָרימע, הונגעריקע,

---

1) געשריבן געוואָרן אויבן.

קראַנקע און ליידענדיקע, ער טראָגט די בשורה פון ישועה, פון דער קומענ־דיקער מלוכה; ער זאָגט אַז ער ווייסט ניט דעם טאָג און שעה, אָבער ער פאַרזיכערט זיי אַז עס וועט קומען אין דער צייט פון זייער לעבן, פון זייער דור. עס זאַמלען זיך אַרום אים צוהערער פון זיין רוף פון טרייסט און האָפע־נונגען. ער ווערט אַרומגערינגלט מיט נאָכפאָלגער און תלמידים, עס ווערן געגרינדעט קערפערשאַפטן וועלכע זאָלן זיין גרייט און ווערט צו איבערנעמען די מלוכה וועלכע דאַרף באַלד קומען.

די יידישע פאָרשטייער, וועלכע די עוואַנגעליע שרייבער זאָגן אַז דאָס זיינען געווען די סופרים און פרושים און באַצייכענען זיי מיטן נאָמען היפּאָ־קריטן, זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון די מיסטישע און מיליטאַנטישע משיחים, זיי האָבן זיך געקערט צום פאָלק צו לייסטן אים ווירקליכע הילף גייסטיק און גשמיותדיק. די כתבי־קדש האָט מען געמאַכט פאַר די ספרים פון פאָלק, געלערנט אין אַלע סינאַגאָגעס. עס איז געוואָרן דער חוב פון עלטערן און קהילות צו אויפהאַלטן חדרים, צו לערנען קינדער לייענען און שרייבן, און אונטערריכטן זיי אין די ביכער פון דער תורה. אויך האָבן זיך געמערט אַקאַדעמיעס ווו עס איז געלערנט געוואָרן די טראַדיציאָנאַלע תורה און אַנדערע חכמות. די קהילות אין די שטעט האָבן געזוכט אויף וויפיל עס איז געווען מעגליך צו לינדערן די ליידן פון די אָרימע.

דער בוך איז אַ פּירוש, אַ קריטישער אַנאַליז אויף דעם ערשטן בוך פון נייעם טעסטאַמענט. דער מחבר פון דעם אָנגעגעבענעם בוך, לויט דער טראַ־דיציע פון דער קריסטליכער קירך, איז געווען מאתיא (מתי), וועלכער, ווי די טראַדיציע לויטעט, איז געווען איינער פון יעזוס צוועלף תלמידים.

די אויפגאַבע און צוועק פון מיין שרייבן איז ניט קעגן קריסטליכן גלויבן, נאָר וועגן דעם אופן ווי די עוואַנגעליעס זיינען געשריבן געוואָרן.

די עוואַנגעליעס זוכן צו באַשטעטיקן זייער אמונה דורך אויסצוגן פון די ספרים פון אַלטן טעסטאַמענט (תנ"ך); אויך האַלטן זיי אין איין ווידער־האָלן אַז די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט דעם אָנקומען פון ישוע, פון זיינע ליידן, פון זיין טויט און זיין צוריק לעבעדיק ווערן.

די געבראַכטע שטעלן פון דער ביבל ווערן ניט ריכטיק ציטירט, און ווערן אויסגעטייטשט נאָך דעם ווונטש פון די עוואַנגעליע שרייבער.

אַלע באַשולדיקונגען קעגן די יידן און די יידישע אַווטאָריטעטן זיינען באַזירט ניט אויף היסטאָרישע באַווייזן נאָר אויף ווינטשענדיקער דיינקונג: זיי ענטשפּרעכן נאָר דעם ווילן פון די ענטשטאַנענע קריסטלעכע קירכעס באַשולדיקן און פאַרמיאוסן די יידן און זייערע פאָרשטייער.

די דאָזיקע באַגרינדונג פון דער קריסטליכער טעאָלאָגיע האָט גע־האָלפן שאַפן דעם הויפּט קוואַל פון שנאה צום יידישן פאָלק און זיין אמונה. די שנאה האָט זיך געשפּרייט פון די זייטן פון דער עוואַנגעליע צו די טעקסט ביכער פון די רעליגיעזע און ציווילע שולן ווי פאַר דערוואַקסענע אַזוי פאַר קינדער.

אין דער פיינדשאַפט צו יידן זיינען איניק אַלע אָפּצווייגן פון קריסט־לעכן גלויבן.

אין אַלע צייטן פון דער היסטאָריע פון קריסטענטום איז איין פראַגע געווענדעט צו די יידן. די פראַגע גייט ניט אַראָפּ פון די זייטע פון אירע ביכער און פעריאָדישע פובליקאַציעס, ניט פון די מיילער פון אירע פריידיקער, און פון אירע גייסטליכע. די פראַגע געפינט זיך אין מויל פון יעדן קריסט: ווי פון יונג און אַלט, פון סאָלדאַט און מלך, פון פויער און באַראָן, פון פרוי און מאַן, פון אָרעם און רייך, שילער און פראָפעסאָר. די פראַגע איז: וואָרום? וואָרום האָבן מיר ניט אָנגענומען און נעמען ניט אָן דעם גלויבן פון קריס־טענטום?

אין גאַנג פון דער געשיכטע פון קריסטלעכן גלויבן, אין גאַנג פון דער געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירך האָט מען ניט נאָר געפרעגט, נאָר געפאָדערט אַן ענטפער.

זיי פלעגן אַרויפצווינגען אויף די יידישע קהילות וויכוחים צו אויפ־ווייזן דעם אמת פון זייער קריסטלעכער אמונה. די קירך אָדער די רעגירונג פאַרטרעטענדיק די קירך פלעגן אַרויסרופן די פאַרשטייער פון די יידישע געמיינדעס, אירע רבנים, תלמידי חכמים צו דיסקוסירן, און הערן פון זיי אַן ענטפער אויף דער פראַגע, ׳וואָרום?׳

פאַר די יידישע געמיינדעס זיינען אַזעלכע אַרויפגעצוונגענע וויכוחים געווען גזירות, דער טאָג פון וויכוח האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאָג פון אומגליק, אין אַ טאָג פון געוויין און תענית.

דער קריסטליכער צד אין די וויכוחים האָט געהאַט די פולסטע פרייהייט צו מאַכן דערקלערונגען, באַשטעטיקונגען, באַשולדיקונגען; זיי האָבן געהאַט אַלע רעכט צו אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן דער יידישער אמונה; ברייג־גען ראיות פון דער ביבל און אַריינגעבן אין זיי זייערע אייגענע מיינונגען. די קריסטלעכע דיסקוסירער האָבן אונגעשטערט גערעדט נאָך זייער ווילן, געבראַכט באַשולדיקונגען און באַליידיקונגען.

דער יידישער צד איז געווען געצוואונגען צו בינדן זייער צונג. זיי האָבן געמוזט וועגן און מעסטן זייער יעדן וואָרט, זיי האָבן געמוזט זיין אָפּגעהיט ניט אַרויברייינגען אַ וואָרט אָדער אַ רמז ניט צו ווערן באַשולדיקט אין לעס־טערונג פון קריסטלעכן גלויבן. די קריסטלעכע דעבאַטאַנטן זיינען געווען די דיסקוסירער, די באַשולדיקער, די עדות און די שופטים נאָך אַזעלכע וויכוחים האָבן געפאָלגט שטראָפן אַן פאַרפאָלגונגען.

פאַרשטייט זיך אַז יידן האָבן אויסגעמידן וויכוחים, אויסגעמידן גע־שפּרעכן און שרייבן איבער קריסטענטום.

איך בין ניט איינפאַרשטאַנען מיט דער שטעלונג. איך בין איבער־צייגט אַז מען מעג, און מען האָט די פולסטע רעכט צו שרייבן, דערקלערן, אַנאַליזירן הייליקע ביכער פון יעדער אמונה.

די איבערזעצונג פון נייעם טעסטאַמענט איז געמאַכט געוואָרן פון מיר פון ענגלישן, לויט דעם קיניג דזשיימס ווערסיע; די איבערזעצונג פון תנ״ך איז יהואש׳ס.

# פירוש נאך מאתיא

## קאפיטל 1

## גענעאלאגיע פון יעזוס

מת. 1:1. „דער בוך פון סדר הדורות פון ישו 1) דער משיח, דער זון פון דוד, דער זון פון אברהם.“

מת. 2:1. „אברהם איז געווען דער פאָטער פון יצחק, און יצחק פון יעקבן, און יעקב איז געווען דער פאָטער פון יהודהן און זיינע ברידער.“

מת. 3:1. „און יהודה איז געווען דער פאָטער פון פרץ און זרח, געבוירן פון תמר; און פרץ איז געווען דער פאָטער פון חצרון, און חצרון — פון רם (אראם).“

מת. 4:1. „און רם איז געווען דער פאָטער פון עמינדב; און עמינדב — פון נחשון; און נחשון דער פאָטער פון שלמון (שלמה);“

מת. 5:1. „און שלמון איז געווען דער פאָטער פון בועז, געבוירן פון רחב; און בועז איז געווען דער פאָטער פון עובד געבוירן פון רות; און עובד דער פאָטער פון ישי.“

מת. 6:1. „און ישי איז געווען דער פאָטער פון דוד המלך; דוד — דער פאָטער פון שלמהן געבוירן פון איר וועלכע איז געווען די ווייב פון אוריה.“

**פירוש — לויט דער אָנגעגעבענער גענעאלאָגיע, וואָס איז גענומען געוואָרן פון דברי המים א, קאפיטלען 1 און 2, קומט אויס אַז שלמון איז געווען דער עלטער, עלטער־זיידע פון דודן. רחב איז דיזעלבע פרוי פון יריחו וועלכע האָט אויסגעבאַהאַלטן די צוויי מרגלים וועלכע יהושוע האָט געשיקט צו אויס־זען די שטאָט. עס איז פאָרגעקומען אַרום דריי הונדערט יאָר פאַר דודס געבורט. אויב רחב וואָלט געווען די עלטער־באבע פון דודס פאָטער, וואָלט אויסגעקומען הונדערט יאָר צו אַ דור, פון וועלכע מקורות האָט דער אווטאָר פון דער גענעאלאגיע געקענט נעמען אַז רחוב איז געווען די ווייב פון שלמון?**

**הייסטינגס ווערטער בוך פון „קריסטוס און די גאספעלס“ אויף זייט 638 שרייבט: „אין באַצוג צו רחב זיינען ניטאָ קיינע באַווייזן לגבי איר הייראַט מיט שלמון; אויך איז ניט באַוווסט פון קיין אָנווייזונג וואָס זאָל דערמעגלעכן די אַרויסברייננגונג פון דער אידייע.**

**„עס ווייזט אויס אַז דער זאַמלער (קאָמפיילער) איז געווען באַשלאָסן**

---

באַמערקונג: אין בוך ווערט גענוצט דער נאָמען יעזוס אנשטאט ישו, און קריסטוס אנשטאט משיח; אנשטאט פירוש ווערט גענוצט די פאַרקירצונג פש.

צו אַריינברייגען דעם נאָמען (רחב), דערפאַר, אָן באַווייזן און קעגן אַלע כראָנאָלאָגישע מעגלעכקייטן, האָט ער איר געמאַכט פאַר דער ווייב פון דעם פאָטער פון בועז.״ (הייסטינגס ווערטער פון ק. און ג.).

מת. 7:1. „און שלמה איז געווען דער פאָטער פון רחבעם; און רחבעם איז געווען דער פאָטער פון אביה, און אביה פון אסא.״

מת. 8:1. „און אסא איז געווען דער פאָטער פון יהושפט, און יהושפט — דער פאָטער פון יהורם; און יהורם — פון עזיהו.״

**פש. דער אוטאָר פון דער גענעאלאָגיע פאַרלירט דאָ דריי דורות: יהורם איז ניט געווען דער פאָטער פון עזיהו, נאָר ער איז געווען דער פאָטער פון אחזיהו. אחזיהו האָט געקיניגט איין יאָר, נאָך זיין טויט איז געוואָרן מלכה זיין מוטער עתליה. עתליה האָט געקיניגט זעקס יאָר און אויף דעם 7־טן יאָר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַלץ מלך אחזיהוס זון יואש; נאָך יואשן איז געוואָרן מלך זיין זון אמציהו וועלכער האָט געקיניגט ניין און צוואַנציק יאָר, נאָך זיין טויט איז געוואָרן מלך זיין זון עזיהו. עזיהוס פאָטער איז געווען אמציהו. די אויסגעלאָזענע דריי מלכים האָבן געווירקט אין דער פעריאָדע פון 76 יאָר 1). מיר קערן זיך צוריק צו דער גענעאלאָגיע פון מאתיא.**

מת 9:1. „און עזיהו איז געווען דער פאָטער פון יותם; און יותם פון אחז. און אחז פון חזקיהו; חזקיהו פון מנשה; מנשה פון אמון, אמון פון יאשיהו, יאשיהו פון יהויכין און זיינע ברידער. אַרום דער צייט זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל.״

**פש. דאָ האָט ווידער דער אוטאָר פון דער גענעאלאָגיע אויסגעלאָזן אַ דור. יאשיהו איז געווען דער פאָטער פון יהויקים, יהויקים איז געווען מלך עלף יאָר. דאַן איז אָנגעקומען נבוכדנאצר מלך פון בבל, האָט איינגענומען ירושלים און האָט דעם מלך יהויקים אָפּגעשיקט אַלץ געפאַנגענעם קיין בבל, און געמאַכט פאַר אַ מלך איבער יהודה יהויקימס זון יהויכין. דאַרף דער סדר גיין: יאשיהו דער פאָטער פון יהויקים, און יהויקים דער פאָטער פן יהויכין.**

מת. 12:1. „נאָך דעם ווען זיי זיינען געבראַכט געוואָרן אין בבל, האָט יהויכין געבוירן שאלתיאל; און שלתיאל געבוירן זרבבל.״

מת. 13:1. „און זרובבל איז געווען דער פאָטער פון אביהוד; און אביהוד פון אליקום; און אליקום פון עזור.״

**פש. פון זרבבל רייסט איבער מאתיא די גענעלאגיע פון דברי הימים א, קאפ. 3, און ברייננגט זיין אייגענעם סדר פון דורות.**

מת 14:1. „און עזור איז געווען דער פאָטער פון צדוק; צדוק — פון אחים; אחים — פון אליוד, און אוליוד — פון אליעזר; אליעזר — פון מתן; און מתן — פון יעקב.״

מת 16:1. „און יעקב איז געווען דער פאָטער פון יוסף; און יוסף דער מאַן פון מרים פון וועמען עס איז געבאָרן געוואָרן יעזוס וועלכער איז גערופן געוואָרן קריסטוס״ (משיח).

פש. לוקאס באַזיצט אויך אַ גענעאַלאָגיע פון יעזוס. לויט לוקאס גע־בורט־סדר שטאַמט אַרויס יעזוס ניט פון דודס זון שלמה, נאָר פון דוד זון נתן. נתן דער פאָטער פון מתתיהו. אַזוי פירט לוקאס נאָך 12 דורות ביז נערי דער פאָטער פון שאַלתיאל, און שלתיאל דער פאָטער פון זרובבל; אַזוי פון זרובבל ווערט געבראַכט נאָך 19 דורות; און מתת איז געווען דער פאָטער פון העלי; און העלי איז געווען דער פאָטער פון יוסף; פון וועמען (ווי מען דיינקט) איז געבאָרן געוואָרן יעזוס.

לוקאס האָט געקענט האָבן זיין גענעאַלאָגיע וועלכע זאָל זיין פאַרשידן פון מאַתיאס. מאתיא האָט געקענט פירן יעזוס יחוס־אָפּשטאַם פון שלמהן, לוקאס פון שלמהס ברודער נתן; אָבער ווי איז עס מעגלעך אַזביידע באַזונ־דערע דורות־ליניעס זאָלן זיך קרייצן אין שאלתיאל און זרובבל? לויט מאתיא שטאַמט יעזוס פון דער געבורט־ליניע פון זרובבלס זון אביהוד. לויט לוקאס, שטאַמט יעזוס פון זרובבלס זון רהעסי.ביידע גענעאַלאָגיעס גיבן איבער דעם אָפּשטאַם פון יעזוס פאָטער יוסף און ניט פון מרים יעזוס מוטער.

מת. 17:1. „אַזוי אַלע דורות פון אברהם צו דודן זיינען פערצן דורות; און פון דודן ביז דער פאַרטרייבונג אין בבל זיינען פערצן דורות; און פון דער פאַרטרייבונג אין בבל ביז קריסטוס זיינען פערצן דורות.״

פש. פון שלמהן ביז יהויכין זיינען געווען 18 דורות. פון זרובבל ביז יעזוס געפינען זיך ניט קיינע אַנדערע היסטאָרישע קוואַלן פון דעם סדר פון דורות, חוץ מאַתיאס. לוקאס האָט אַן אַנדער סדר פון דורות, פון זרובבלס זון רהעסי. אַן דער פאָטער פו ןיוסף איז געווען העלי און ניט יעקב, אויך נאָך לוקאס פון דוד ביז יעזוס זיינען פאַרלאָפן צוויי און פערציק דורות.

מת. 18:1. „אַצונד דאָס געבורט פון יעזוס קריסטוס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: ווען זיין מוטער מרים איז געווען פאַרקנסט צו יוספן, איידער זיי זיינען צוזאַמענגעקומען, איז זי געפונען געוואָרן מיט אַ קינד פון דעם הייליקן גייסט.״

מת. 19:1. „דאַן יוסף איר מאַן, זייענדיק אַ רעכטפערטיקער מאַן, און ניט וועלנדיק צו מאַכן איר פאַר אַן עפנטליכער פאַרשעמונג, האָט געטראַכט צו שיידן זיך מיט איר שטילערהייט.״

מת. 20:1. „אָבער ווייל ער האָט געטראַכט פון די זאַכן, זע, דער מלאך פון גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין אַ חלום, זאָגענדיק: יוסף, דו זון פון דוד, האָב ניט מורא צו נעמען פאַר דיר מרים דיין ווייב: מחמת דאָס וואָס איז פאַרנומען אין איר איז פון הייליקן גייסט.״

מת. 21:1. „און זי וועט געווינען אַ זון, און דו זאָלסט רופן זיין נאָמען ישוע (יעזוס): פאַרוואָס ער וועט ראַטעווען זיין פאָלק פון אירע זינד.״

מת. 22:1. :אצונד דאָס אַלץ איז געשען, כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון דעם האַר דורך דעם נביא, זאָגענדיק,

מת. 23:1. „זע, אַ בתולה וועט זיין מיט אַ קינד און וועט געבוירן אַ זון,

און זיי וועלן רופן זיין נאָמען עמנואל, וואָס איז פאַרטייטשט, גאָט איז מיט אונדז.״

מת. 24:1. „דאַן ווען יוסף איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָט ער געטאָן אַזוי ווי דער מלאך פון גאָט האָט אים געהייסן און ער האָט גענומען צו זיך זיין ווייב.״

מת. 25:1. „און ער האָט איר ניט געוווסט ביז זי האָט געבוירן איר זון דעם בכור: און ער האָט גערופן זיין נאָמען ישוע (יעזוס).״

**פּש.** עס איז ניט מיין אויפגאַבע, און ניט מיין ווילן צו לייקענען אין דער בתולהשאַפט פון מרים; אָבער דאָס וואָס גאָט האָט געזאָגט דורך דעם נביא ישעיה האָט ניט קיין שייכות צו מרים. מען קען גלויבן אַז יעזוס איז געבוירן פון אַ בתולה אָן דער נבואה פון ישעיה.

עס איז אַ סך געשריבן געוואָרן איבער דעם זאַץ, דאַרפן מיר בעסער און קלאָרער באַטראַכטן ווען און ווו, און ביי וועלכע אומשטענדן איז דאָס געזאָגט געוואָרן. צו פאַרשטיין דעם ענין דאַרף מען זיך ווענדן צו דער געשיכטע פון יענער צייט.

עס איז געווען די צייט ווען אחז דער זון פון יותם איז געווען מלך פון יהודה. אין יענער צייט האָבן עקזעסטירט צוויי יידישע מלוכות: יהודה און ישראל, וואָס עס ווערט אויך גערופן אפרים. יהודה איז געלעגן אויף דעם דרומדיקן זייט פון פּאַלעסטינע, די הויפּט שטאָט איז געווען ירושלים; ישראל, אָדער אפרים, האָט פאַרנומען דעם צפון זייט פון פּאַלעסטינע, די הויפּט שטאָט איז געווען שומרון. דרום פון יהודה האָט זיך געפונען מצרים, און צום מזרח אין מעסאָפּאָטאַמיע איז געלעגן די מלוכה פון אשור. צווישן אשור און ישראל האָט זיך געפונען ארם (סיריע) מיט איר הויבט שטאָט דמשק. אשור איז אויסגעוואקסן אין אַ שטאַרקער מלוכה, און האָט אָנגעהויבן שפּרייטן איר איינפלוס איבער די געגענטן און לענדער פון דעם אַנדער זייט פרס (אפראטעס). אַזוי זיינען אַנטשטאַנען צוויי אימפּעריעס: אין מזרח אשור און אין דרום מצרים. דיביידע מלוכות זיינען געווען גרייט צו אויסקעמפן זייער אויבערמאַכט, אָבער צווישן אשור און מצרים האָבן זיך געפונען די לענדער סיריע, ישראל און יהודה. די ביידע אימפּעריעס האָבן דערוויל אָנגעהויבן אַ דיפּלאָמאַטישן קאַמף צו איבערגעווינען די קליינע באַפער מדינות.

דער מלך פון ישראל איז געווען פקח דער זון פון רמליהו, און רצון (רעזין) איז געווען קיניג פון סיריע. פקח און רצון האָבן געוואָלט מאַכן אַ בונד מיט יהודה: זיי זאָלן קענען צוריקהאַלטן פון זייערע לענדער די אַרמייען פון אשור אָדער מצרים.

אחז דער מלך פון יהודה האָט איינגעזען אַז ישראל און סיריע ניט נאָר ווילן מאַכן אַ בונד קעגן אשור און עגיפּטען, נאָר אויך זוכן צו איבערנעמען יהודה אונטער זייער איינפלוס. אחז האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בונד. ישראל און סיריע האָבן זיך געגרייט פאַר אַ מלחמה מיט יהודה.

אחז איז געווען אַ מלך מיט אַ שוואַכן ווילן און כאַראַקטער, אויך איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט ניט־פּאַסיקע ראַטגעבער. אחז איז געווען דער־שראָקן און אומאַנטשיידן. ער האָט ניט געהאַט דעם חשק צו פאַרבינדן זיך מיט ישראל און ארם, און גלייכצייטיק האָט ער זיך געשראָקן פאַר זיי. אחז איז געווען גרייט צו בעטן הילף, אָבער ניט געווען באַשלאָסן צו ווענדן זיך, צו מצרים אָדער צו אשור. דער קיניג האָט אָנגענומען באַשלוסן, אָבער ממשותדיקעס איז ניט געטאָן געוואָרן.

דער נביא ישעיה איז געווען אַ גרויסער שטאַטס־מאַן, זיין מיינונג איז געווען ניט צו מאַכן קיינע אָפּמאַכונגען: ניט מיט ארם, און אויך ניט מיט אשור אָדער מצרים. זיין פּאָליטישער איינשטעל איז געווען צו פאַרלאָזן זיך אויף אייגענע כוחות און גאָטס הילף. גרייטן אַ שטאַרקע אַרמיי, שטאַרקן די פעסטונגען און זוכן דעם צוטרוי פון פאָלק. אחז פאַרלירט די זייער ווערטפולע צייט און טוט גאָר ניט. גאָט האָט געזאָגט צו ישעיהן, ער זאָל גיין צום מלך אחז און אַזוי זאָגן צו אים:

1) ישעיה 4:7. „זיי געזעצט און רויק, זאָלסט ניט מורא האָבן, און דיין האַרץ זאָל ניט שטאָלץ ווערן, פאַר די דאָזיקע צוויי רייכערדיקע עקן פייער־העלצער; איבער דעם גרימצאָרן פון רצון און ארם, און דעם זון פון רמליהו.״

ישׁ. 6:7 „ . . . עס וועט ניט באַשטיין, און עס וועט ניט געשען.״

דער נביא איז געקומען צו שטאַרקן די האַרץ און דעם ווילן פון דעם מלך אחז פון דער לאַנד יהודה. זעענדיק ווי דער מלך אחז ווערט ניט באַ־ווירקט, און וועלענדיק צו שטאַרקן זיין מוט, זאָגט דער נביא ער זאָל בעטן אַ צייכן פון גאָט.

ישעיה 11:7. „בעט דיר אַ צייכן פון יאַהווע דיין גאָט, בעט פון דער טיפעניש, אָדער פון אויבן אין דער הויך.״

אחז, זוכענדיק אַן אַרויסגאַנג פון דער סיטואַציע, זאָגט: „איך וויל ניט בעטן און פּרוּוון יאַהווע.״

דאַן ווערט ישעיה אַנטשיידן און זאָגט אים אַז ער פאַרשטייט אים, אַז ער מיידט אויס פון אָנצונעמען אַ באַשטימטע שטעלונג און ער וואָרנט אים:

ישעיה 13:7. „הער אָקאָרשט איר הויז פון דוד: איז אייך ווינציק מיד צו מאַכן מענטשן, אַז איר ווילט אויך מיין גאָט מיד מאַכן? (14) דרום וועט יאַהווע אַליין אייך געבן אַ צייכן: אָט ווערט די יונג־פרוי (עלמה) טראָגעדיק, און זי געבערט אַ זון, און וועט רופן זיין נאָמען עמנואל.״

„הנה העלמה הרה, וילדת בן וקראת שמו עמנואל.״

ישׁ. 15:7. „שמאַנט און האָניג וועט ער (דאָס קינד) עסן; איידער ער וועט וויסן פיינט צו האָבן שלעכטס און אויסקלייבן גוטס, (עס מיינט ווען דאָס קינד וועט נאָך זיין יונג) וועט פאַרלאָזן ווערן די ערד וואָס דו שרעקסט זיך פאַר אירע צוויי מלכים.״

---

1) אַלע איבערזעצונגען פון תנ״ך זיינען פון יהואש.

ישׁ. 17:7. „גאָט וועט ברענגען אויף דיר און אויף דיין פאָלק, און אויף דיין פאָטערס הויז טעג וואָס זיינען ניט געווען פון דעם טאָג וואָס אפרים האָט זיך אָפּגעקערט פון יהודה, (ער וועט ברענגען) — דעם מלך פון אשור.

דער נביא ישעיה האָט דאָ געהאַט אין זינען די יונגפרוי פון אחז נאָענטער משפחה. דער צייכן איז ניט געגעבן געוואָרן אויף זיבן הונדערט און פופציק יאָר שפּעטער, נאָר אויף דער נאָענטער צוקונפט וואָס וועט געשען אין דער צייט פון מלך אחז לעבן. דער נביא זאָגט דייטלעך, וואָס קען ניט געגעבן ווערן צווי מיינונגען, „איידער דער ייִנגל וועט וויסן צו פיינט האָבן שלעכטס...״ מיינט עס ווען דאָס קינד וועט זיין נאָך יונג, וועט פאַרלאָזן ווערן די לאַנד פון די צווי מלכים רצון און פקח, און גאָט וועט ברענגען אויף דיר דעם מלך אשור.

דער צייכן איז ניט אויף דעם געבורט פון קינד, נאָר אויף דעם אָנקומען פון דעם מלך פון אשור.

דאָס וואָרט ׳הרה׳ ווערט דורך קיניג דזשיימס ווערסיע איבערגעזעצט אַלץ עתיד: „די יונגפרוי וועט טראָגעדיק ווערן (די יאַנג וואָמען שעל קאַנסיוו).״

אָבער ׳הרה׳ מיינט אויך די קעגנוואַרט, די יונגפרוי איז טראָגעדיק, זי וועט געבוירן אַ זון... לויט דעם נביאס רייד איז עס מער ווי זיכער אַז די מיינונג איז אין דער קעגנוואַרט.

דאָס וואָרט עלמה איז ניט ׳ווירדזשין׳. דאָס נאָענטסטע איבערזעצונג איז דאָס ענגלישע וואָרט ׳יאַנג-ליידי׳, וואָס קען אַדרעסירט ווערן צו אַ פרוי, צו אַ מיידל און אַפילו צו אַ קינד. דאָס וואָרט בתולה שטימט גיכער צו ווירגיניטעט. ווען אין תנ״ך ווערט אויסגעדריקט בתולהשאַפט, ווערט עס באַצייכנט מיט דעם אויסדרוק ׳אשר לא ידעה איש׳ (וואָס האָט ניט געוווסט קיין מאַן).

ווירגיניטעט ווערט אויסדריקלעך באַצייכנט מיט דעם וואָרט ׳בתולים׳. „ואקרב אליה, ולא מצאתי לה בתולים.״

דאָס ווערט געזאָגט ווען אַ מאַן באַשולדיקט זיין יונג-ווייב און זאָגט, ווען ער איז געקומען צו איר האָט זי ניט געהאַט די סימנים פון בתולהשאַפט.

ויקרא 13:21. „והוא אשה בבתוליה יקח. (14) כי אם בתולה מעמיו יקח אשה.״

עס איז דער דין פאַר אַ כהן, אַז ער טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ גרושה, נאָר דאַרף נעמען אַ מיידל: לויטעט דער דין, אַז אַ כהן דאַרף נעמען פאַר אַ ווייב אַ פרוי וואָס איז אַ מיידל אין אירע בתולים. עס איז ניטאָ אַזאַ וואָרט, אַז ׳עלמה׳ זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער מיינונג פון בבתוליה.

## קאפיטל 2

# יעזוס געבורט און די מאַגי

מאת. 1:2. „אַצונד ווען יעזוס איז געבאָרן געוואָרן אין בית־לחם פון יהודה אין די טעג פון הורדוס דעם קיניג, זע, דאָרט זיינען געקומען חכמים פון מיזרח קיין ירושלים.״

מת. 2:2. „זאָגענדיק, ווו איז ער וואָס איז געבאָרן געוואָרן קיניג פון די יידן? פאַרוואָר מיר האָבן געזען זיין שטערן אין מיזרח און מיר זיינען געקומען צו דינען (בוקן זיך) צו אים.״

**פש. עס איז מעגלעך און עס קען דערוואַרט ווערן אַז אין מיזרח זאָלן זיך געפינען מענטשן חכמים; אָבער ווי און וואָס קען פאַראינטערעסירן חכמים פון מיזרח אַזאַ זאַך, ווי אַ געבורט פון אַ קינד וועלכעס וועט ווערן אַ מלך אין דער קליינער יהודה? זייט ווען טוען זיך בוקן חכמים צו אַ קינד, וואָס זיי גלויבן, אַז עס וועט טראָגן אַ קרוין פון אַ קיניג? אויך ווי קען דערוואַרט ווערן, אַז אין דער שטאָט ירושלים ווו עס ווערט געבוירן יעדן טאָג אַ גרויסע צאָל קינדער, זאָלן פּשוטע מענטשן פון גאַס וויסן וועלכער פון די ניי געבאָרענע קינדער איז דער קיניג?**

מאת. 3:2. „ווען הורדוס דער מלך האָט געהערט די זאַכן איז ער באַאומרואיקט געוואָרן, און גאַנץ ירושלים מיט אים.״

**די געבראַכטע ווערטער פון זאַץ 3 האָבן געקענט געשריבן ווערן אין אַ שפּעטערדיקער צייט פון מענטשן וועלכע האָבן ניט געהאַט דעם מינדסטן אנונג פון דעם לעבן און פון דער געשיכטע פון יענער צייט.**

**די היסטאָריע גיט איבער אַלע אכזריותדיקע מעשים פון דעם קיניג הורדוס דעם ערשטן. זיין לעבן איז געווען אַן אָפענער בוך ווו עס זיינען פאַרשריבן געוואָרן ווי זיינע גוטע אַזוי זיינע שלעכטע מעשים. דאָס גאַנץ יידיש פאָלק האָט געהאַסט דעם הורדוס־קיניג פון זיין ערשטן טאָג פון מלוכה־שאַפט ביז דעם לעצטן.**

**אייניקע טעג פאַר הורדוס טויט, האָט ער באַפוילן צו אַרעסטירן די אָנגעזעענסטע בירגער פון די חשובסטע משפחות פון ירושלים, און האַלטן זיי פאַרשפאַרט אין היפּאָדראָם; נאָך זיין טויט זאָל מען די אַלע פאַרשפאַרטע אויסהרגענען: די איינוווינער פון ירושלים וועלן דאַמאָלט טרויערן, וועט דאָס אויסזען ווי זיי זאָלן באַקלאָגן זיין טויט. צו אויספירן זיין צוואה האָט ער עס איבערגעלאָזן צו זיין שוועסטער סאלאמע און איר מאַן אלעקסעס.**

(יאָזעפוס, אַלטערט. 17 – 5:6). „אָבער וואָס איבערהויפּט ערגערט **מיך איז דאָס, ווען איך וועל שטאַרבן וועל איך ניט ווערן באַקלאָגט, און אַן אַזעלכן טרויער וואָס מענטשן געוויינלעך דערוואַרטן ביי אַ קיניגס טויט.**

מחמת פון דערויף איז ער געווען ניט אונבאקענט מיט דער שטימונג פון די יידן, אַז זיין טויט וואָלט געווען אַ זאַך זייער אַ געווונטשטע. (דעריבער אויב זיי וועלן אויספּילן זיין ווונטש און הרגענען די פֿאַרשפּאַרטע בכבודיקע ביר־גער אין היפּאָדראָם) וועט ער האָבן אַ גרויסן טרויער אויף זיין לוויה, אַזעלכעס וואָס קיין קיניג האָט ניט געהאַט אײדער אים."

הורדוס האָט געוווּסט פון דער ליבע וואָס די יידן האָבן געהאַט צו אים. אָבער דער אַוטאָר פון דער עוואַנגעליע נויטיקט זיך ניט צו וויסן, און וויל ניט וויסן פון דעם ווירקלעכן אמת פון דעם היסטאָרישן גאַנג פון יידישן לעבן. אַזוי, ווען די יידן פון ירושלים האָבן געהערט אַז פרעמדע מענטשן זאָגן אַז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ מלך צו די יידן "זיינען זיי געוואָרן באַזאָרגט און אומרואיק צוגלייך מיט הורדוסן." פון אַזויפיל ליבשאַפט, זאָרג און איבער־געבענקייט פון ד יידן צו הורדוסן האָט אפילו הורדוס אַליין ניט געחלומט.

מת. 4:2. "און ווען ער (הורדוס) האָט פאַרזאַמלט אַלע הויפּט כהנים און די סופרים פון פאָלק אין איינעם, האָט ער געפאָדערט פון זיי: ווו קריסטוס זאָל געבאָרן ווערן?"

פּש. די קלוגע מענטשן פון מיזרח האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווו איז דער קיניג געבאָרן געוואָרן, איז ווי איז עס מעגלעך געווען אַז דער וועלטלעכער פּאָליטיקער הורדוס זאָל פאַרבייטן קיניג אויף קריסטוס?

"הורדוס האָט צוזאַמענגערופן אַלע הויפּט כהנים." די יידן האָבן ניט געהאַט קיינע הויפּט־כהנים, אַלע כהנים זיינען געווען גלייך. די דינסט אין בית המקדש פלעגט באַשלאָסן ווערן דורך אַ גורל וועלכן טייל פון דער עבודה זיי דאַרפן דורכפירן. דער גורל איז איינגעפירט געוואָרן כדי אַלע כהנים זאָלן זיין גלייך, איין מדרגה, אָן הויפּט און אָן אונטער. עס איז געווען נאָר איין הויפּט כהן, דאָס איז געווען דער כהן־גדול, און אַ הויפּט איבער די כהנים, דער סגן הכהנים.

די שרייבער פון די עוואַנגעליעס נעמען פאַר אַ ביישפּיל זייערע איי־גענע היידענישע טעמפּלען ווו עס האָט עקזעסטירט אַ היראַרכיע פון דער פּריסטערשאַפט, האָבן זיי געמיינט אַז אַזוי האָט זיך געפירט אויך אין יידישן טעמפּל.

די שפּעטערדיקע ביבל פאַרשער גיבן אָן דעם קוואַל וואָס דאַרף באַ־שטעטיקן אַז די יידן האָבן געהאַט הויפּט־כהנים (טשיף פּריסטס) פון דברי הימים ב, 14:36: "גם כל שרי הכהנים והעם הרבו למעול מעל הכל תעבות הגוים."

"אויך אַלע האַרן פון די כהנים און פון פאָלק האָבן געפעלשט אַ גרויס פעלשונג אַזוי ווי אַלע אומווירדיקייטן פון די פעלקער."

'שרי' מיינט האַרן, פון הויכע אַמטן, אָבער ניט הויפּט כהנים. עס גע־פינט זיך ניט אַזאַ באַצייכענונג פון כהנים ווי 'ראשי־הכהנים'; און אין אַלע פיר עוואַנגעליעס האָבן זיי ניט קיין אַנדער וואָרט ווי נאָר 'טשיף פּריסטס'.

דער קלוגער הורדוס וועלכער האָט געקענט אויסקליגן פאַר זיך די מלוכה ווי פון די יידן אַזוי פון די רוימער, וואָלטן ניט אַזוי שנעל אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון זאָג־קלאַנגען. אויב הורדוס וואָלט זיך גענויטיקט אין אויס־געפינען זאַכן וואָס זיינען דרינגלעך פאַר זיין מלוכהשאַפט, האָט ער געהאַט פאַר דעם צוועק גענוגטע דערפאַרענע מענטשן, און זיי וואָלטן אים געבראַכט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס.

זאַץ 4 איז דער היפּוך צו די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון לאָגישן דייג־קען. ווען הורדוס האָט זיך דערוווּסט פון דעם וואָס נייע אָנגעקומענע מענטשן דערציילן פון אַ געבורט פון אַ יידישן קיניג, און אויב דאָס האָט שטאַרק באַוווירקט און באַאוּמרויקט אים, וואָלט ער גלייך געשיקט צו ברייגנען צו אים די מענטשן, ער וואָלט זיי גוט אויסגעפאָרשט, און אויב ער וואָלט איינגעזען ממשותדיקעס אין זייערע רייד, דאַן וואָלט הורדוס גענומען מיטלען קעגן נייעם געבאָרענעם קינד. אָבער לויט מאתיא אנשטאט צו רופן די חכמים, רופט ער די סופרים וועלכע האָבן גאָר ניט געוווּסט, און האָבן ניט געהאַט קיין שום ידיעה פון אַ קיניגס געבורט.

מת. 5:2. „און זיי (די כהנים און די סופרים) האָבן געזאָגט צו אים 'אין בית לחם פון יהודה': ווארום דאָס איז געשריבן ביי דעם נביא."

מת. 6:2. „און דו בית־לחם, אין דער לאַנד פון יהודה, ביסטו דען ניט פון די קלענסטע צווישן די פרינציפּאַליטיס (פרינצעס) פון יהודה: פאַרוואָר פון דיר וועט אַרויסקומען אַ געוועלטיקער (גאָווערנאָר) וואָס וועט רעגירן מיין פאָלק ישראל."

**פש. כהנים און סופרים וואָלטן ציטירט פון העברעישן אָריגינאַל, מיכה 1:5.**

**„און דו בית לחם אין אפרת, וואָס קליין ביסטו צווישן די טויזנטן פון יהודה, פון דיר וועט מיר אַרויסגיין דער וואָס וועט זיין אַ געוועלטיקער איבער ישראל."**

**נאָך מאתיאס אַרט־דענקען, האָט זיך איצט ערשט הורדוס דערמאָנט אַז עס געפינען זיך אין ירושלים די פרעמדע מענטשן וואָס זיי זיינען דער ערשטער קוואַל און שולד פון זיין גאַנצער אומרוּונג.**

מת. 7:2. „דאַן הורדוס, ווען ער האָט שטילערהייט גערופן די חכמים (מאגי), האָט ער זיי גוט אויסגעפאָרשט אין וואָס פאַר אַ צייט האָט זיך דער שטערן באַוויזן.

מת. 8:2. „און ער האָט זיי געשיקט קיין בית לחם, און געזאָגט, גייט און זוכט פּינקטלעך פאַר דעם יונג־קינד, און ווען איר וועט אים געפינען, ברייגנט מיר אַ וואָרט ווידער, אַז איך זאָל קענען קומען און אויך קניען פאַר אים."

**פש. די מאגי האָבן נאָר אויסגעלייענט אין שטערן דעם לאַנד, אָבער האָבן ניט געוווּסט דעם פּלאַץ פון געבורט: הורדוס האָט זיי געדאַרפט זאָגן**

ווי דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן. דאָן צוליב וואָס האָט זיך הורדוס גע־נויטיקט אין די מאגי? הורדוס האָט געקענט שיקן זיינע געניטע מענטשן, און זיי וואָלטן פיל שנעלער אויסגעפונען וועגן די קינדער וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט געבאָרן געוואָרן.

פון הורדוס פאַרצוייגטער שפּיאָן־סיסטעמע גיט איבער יאָזעפוס אין אלטערט. 15, 10, 4 — „און דאָרט זיינען שפּיאָנען אַנגעשטעלט געוואָרן אומעטום, ביידע אין די שטעט און אויף די וועגן, וועלכע האָבן געהיט אַלע יעניקע וואָס האָבן זיך באַגעגנט צוזאַמען; עס איז געווען רעפּאָרטירט אַז ער האָט זיך זעלבסט ניט פאַרנאַכלעסיקט אין דעם טייל פון היטונג, נאָר ער פלעגט גאַנץ אָפט אַליין זיך נעמען די מי אַלץ פריוואַטער מענטש און פלעגט אין דער צייט פון דער נאַכט אַריינמישן זיך צווישן טיילן פון מענטשן און זוכן אויסגעפינען וואָס פאַר אַ מיינונג זיי האָבן איבער זיין רעגירונג."

דאָס ווייזט ווי ער איז געווען פאַרזיכטיק, ער האָט זיין שפּיאָנען נעץ געהאַט אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד, און פלעגט נאָך אַליין טאָן שפּיאָן אַרבעט. ער האָט קיינעם ניט געטרויט. איצט קומען מענטשן פון ווייטן מזרח און פאַרשפּרייטן אין דער הויפּט שטאָט אַזעלכע אויפרייצענדיקע נייס, זיי וואָלטן ניט אַזוי גרינג אָפּגעשניטן פון הורדוס, ניט אויסמאַכענדיק אויב עס איז געבאָרן אַ קיניג אָדער ניט.

ווידער ווען הורדוס האָט געפרעגט די כהנים און סופרים וואָלטן זיי אים צום ערשטן געענטפערט אַז ער דאַרף ניט שיינקען קיין אויפמערקזאַמ־קייט צו די רייד פון שטערנזעער וואָס פאַרנעמען זיך מיט כישוף. און אויב הורדוס וואָלט זיך יע צוגעהערט צו זייערע רייד, וואָלטן אַפילו די חכמים ניט געקענט אַזוי גרינג איבערנאַרן הורדוסן, זיינע מענטשן וואָלטן געווען אויף זייערע שפּורן. זיי וואָלטן ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרשווינדן פון זייערע אויגן.

מת. 9:2. „ווען זיי האָבן געהערט דעם קיניג, זיינען זיי אַוועק, און, אַ (לאָ), דער שטערן וואָס זיי האָבן געזען אין מיזרח, איז געגאַנגען פאַר זיי, ביז עס איז געקומען און האָט זיך געשטעלט איבער ווו דאָס יונג קינד איז געווען."

מת. 10:2. „ווען זיי האָבן געזען דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפרייט מיט אַן אויסערגעוויינליכער גרויסער פרייד."

פש. ווער האָט געקענט איבערגעבן ווי און אין וואָס פאַר אַ מאָס די ווייטע חכמים האָבן זיך געפרייט?

מת. 11:2. „און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער הויז, האָבן זיי געזען דעם יונג קינד מיט מרים זיין מוטער; זיי זיינען נידערגעפאַלן און געבוקט זיך צו אים; און ווען זיי האָבן געעפנט זייערע אוצרות, האָבן זיי איבערגעגעבן צו אים מתנות: גאָלד, און ווייַרוך און געווירצן."

מת. 12:2. „און זייענדיק געוואָרנט פון גאָט אין אַ חלום אַז זיי זאָלן

זיך ניט אומקערן צו הורדוסן, זיינען זיי אַוועק אין זייער אייגן לאַנד דורך אַן אַנדער וועג.″

מת. 13:2. „און ווען זיי זיינען אַוועק, זע, דער מלאך פון גאָט (לאָרד) האָט זיך באַוויזן צו יוספן אין אַ חלום, זאָגענדיק, שטיי אויף און נעם דעם יונגן קינד און זיין מוטער, און לויף (פלי) אין מצרים, און זיי דאָרטן ביז איך וועל דיר ברענגען וואָרט: ווארום הורדוס וועט זכן דעם יונגן קינד צו אומ־ברענגען.″

מת. 14:2. „ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער גענומען דעם יונגן קינד און זיין מוטער ביי דער נאַכט, און אַוועק קיין מצרים.″

מת. 15:2. „און ער איז דאָרטן געווען ביז דעם טויט פון הורדוס: אַז עס זאָל מקוים ווערן וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון גאָט דורך דעם נביא, זאָגענדיק, אויסן פון מצרים האָב איך גערופן מיין זון.″

פ״ש. יוסף האָט גענומען מרים און יעזוסן אין מצרים כדי ווען ער וועט קומען צוריק זאָל מקוים ווערן דער פסוק פון נביא הושע, אָבער הושע זאָגט דאָך בפירוש „מיין קינד ישראל″ — וואָס עס מיינט מיין פאָלק ישראל.

הושע 1:11. „ווען י ש ר א ל איז געווען אַ קינד, דאַן האָב איך אים ליב געהאַט און האָב אַרויסגערופן מיין זון פון מצרים.″ אַזוי דער זון איז דאָס פאָלק ישראל וועמען גאָט האָט באַפרייט פון די פרעהס פון מצרים.

מאַרקוס עוואַנגעליע, וואָס איז אַ פריערדיקע שריפט פון מאַתיאַס, גיט גאָרניט איבער פון יעזוס געבורט, עס הויבט זיך אָן פון דער צייט ווען יעזוס איז געטובלט געוואָרן פון יוחנן המטבל; אויך אַזוי דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע, יאָהאַן, פאַנגט אָן פון דער צייט פון יוחנן דעם טובלער. פאַר די ביידע איז ניט וויכטיק יעזוס געבורט, זיין וואַקסן און זיין גאַנץ פריערדיק לעבן. זיי הויבן אָן פון דער צייט פון יעזוס אָנפאַנג פון זיין אַקטואַלער פריידיקונג (מיניסטירונג). 1)

מאתיא און לוקאַס זיינען נאָר די ביידע וואָס שרייבן פון יעזוס געבורט. לוקאַס גיט עס איבער אין גאָר אַן אַנדערש באַזונדערער ווערסיע. ער גיט איבער דעם געבורט פון ביידן, פון יעזוס און פון יוחנן דעם טובלער.

אַזוי גייט לוקאַס ווערזיע. אין דער צייט פון הורדוס דעם מלך פון יהודה איז געווען אַ כהן מיט דעם נאָמען זכריה, זיין ווייבס נאָמען איז געווען אלישבע (עליזאַבעט). זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. אַ מלאך פון גאָט איז געקומען צו זכריה דעם כהן, און אים אָנגעזאָגט אַז זיין ווייב וועט אים געבוירן אַ זון און ער זאָל אים רופן יוחנן. אלישבע איז טראָגעדיק געוואָרן. אין זעקס חדשים שפּעטער איז דער מלאך גבריאל דערשינען צו אַ בתולה וואָס איז געווען פאַרקנסט צו אַ מאַן מיט דעם נאָמען יוסף. דער נאָמען פון דער בתולה איז געווען מרים.

לוקאַס 28:1. „ דער מלאך איז געקומען צו איר און געזאָגט, געלויבט

---

1) איך וועל נוצן אין ווייטערדיקן שרייבן דעם טערמין ׳מיניסטירונג׳.

ביסטו וואָס איז זייער געלייטזעליקט, גאָט איז מיט דיר: געבענטשט ביסטו צווישן פרויען.״

לוק. 30:1. „און דער מלאך האָט געזאָגט צו איר, האָב ניט מורא, מרים: ווארום דו האָסט געפונען חן מיט גאָט.״

לוק. 31:1. „און, זע, דו וועסט פאַרנומען ווערן אין דיין טראַכט, און געבוירן אַ זון, און זאָלסט רופן זיין נאָמען יעזוס.״

לק. 34:1. „דאַן האָט מרים געזאָגט צום מלאך, ווי וועט דאָס קענען זיין, ווען איך האָב ניט קיין מאַן?״

לק. 35:1. „און דער מלאך האָט געענטפערט און געזאָגט צו איר, דער הייליקער גייסט וועט קומען אויף דיר, און די מאַכט פון דעם העכסטן וועט דיך איבערשאָטענען: דערפאַר אויך די הייליקע זאַך וואָס וועט געבאָרן ווערן פון דיר וועט גערופן ווערן דער זון פון גאָט.״

**אויך האָט דער מלאך גבריאל איר אָנגעזאָגט אַז איר קוזינע אלישבע איז אויך טראָגעדיק מיט אַ קינד. מארי איז אַוועק אין דער שטאָט פון יהודה וווּ איר קוזינע האָט געוווינט צו באַזוכן איר. ווען מארי איז אַריין אין הויז, אַזוי האָט אלישבע גלייך דערפילט ווי דאָס קינד אין איר האָט אַ שפרונג געטאָן. מארי האָט פאַבראַכט אין זכריה'ס הויז דריי חדשים און האָט זיך אומגעקערט אַהיים.**

אַזוי ווי דער נביא מיכה אין קאַפּ. 5 זאָגט אַז פון בית לחם וועט אַרויס אַ געוועלטיקער איבער ישראל: זוכן ביידע מאתיא און לוקאַס מיטלען ווי יעזוז זאָל געבאָרן ווערן אין בית לחם. יוסף און מרים האָבן דאָך אָבער געוווינט אין נצרת, גיט אָן לוקאַס זיין אורזאַך ווארום זיי האָבן געמוזט גיין פון נצרת קיין בית לחם.

נייען יאָר נאָך הורדוס טויט האָט רוים אַריינגעשיקט איר ערשטן פּראָקוראַטאָר אין יהודה. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט, אַז יעדער ייד דאַרף רעגיסטרירן זיין הויזגעזינד און זיין פאַרמעגן. די רעגיסטראַציע האָט געדאַרפט פאַרקומען פון איטליכן אין דעם אָרט וווּ ער וווינט. לוקאַס זאָגט אַז יעדערער האָט געדאַרפט זיין אין דער שטאָט פון זיין אָפּשטאַם. און אַזוי ווי יוסף האָט געשטאַמט פון דער משפחה פון דוד וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין בית לחם, איז בית לחם אויך די שטאָט פון יוסף'ס אָפּשטאַם. דעריבער האָט יוסף גענומען זיין פאַרקנסטע צו אים כלה מרים, זיי האָבן פאַרלאָזן נצרת און זיינען אַוועק קיין בית לחם צו רעגיסטרירן זיך פאַר דער טאַקסירונג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין בית לחם האָבן זיי ניט געקענט געפינען פלאַץ אין אַן אכסניא און ווען זי האָט געגעבן געבורט צו איר קינד, האָט זי אים איינגעוויקלט אין קינדערשע וויקעלאַך און אַריינגעלייגט אין שטאָל אין אַן עס קאַריטע (מענגער). אַזוי לויט לוקאַס איז יעזוס געבאָרן געוואָרן צען יאָר שפּעטער ווי מאתיא גיט אָן: נייען יאָר נאָך הורדוס טויט.

**אין דער נאַכט פון געבורט האָבן פּאַסטוכער געפּיטערט זייערע סטאַדעס, איז געקומען צו זיי אַ מלאך פון גאָט און געזאָגט: „זעט, איך ברייננ**

איך אַ בשורה פון גרויס פרייד וואָס וועט זיין אויף אַלע מענטשן. (לוק. 11:2) „ווארום צו איך איז דיזן טאָג געבאָרן געוואָרן אין דוד'ס שטאָט אַ רעטער (סיזויאָר) וועלכער איז קריסטוס דער לאָרד". „דאָס וועט זיין אַ צייכן צו איך. דאָס קינד וועט זיין פאַרוויקלט אין וויקעלאַך."

לוק. 13:2. „און פלוצים איז דאָרט געוואָרן מיטן מלאך אַן עולם פון הימלישע ווענס לויבנדיק גאָט, און זאָגענדיק,"

לק. 14:2. „גלאָריע צו גאָט אין דער העכסטנס, און פרידן אויף דער ערד, גוטער ווילן צו מענטשן."

פש. די פאַסטוכער זיינען שנעל אַוועק צו דער שטאָט בית לחם און זיי האָבן געפונען אין שטאָל יוספן און מרימען; און דעם קינד ליגענדיק אין קאָריטע (מענגער). עס זיינען פאַרשידןביידע דערציילונגען וועגן יעזוס געבורט. אין צייט איז עס אַן אונטערשייד פון איבער צען יאָר. לוקאַס ווייסט ניט פון די חכמים פון מיזרח, אויך ניט פון קיין שום שטערן, און אויך ניט פון קיין הויז ווו דאָס קינד איז געלעגן. לויט לוקאַס איז דאָס קינד געלעגן אין אַ שטאָל אין דער עס־מולטער.

מאתיא זעצט פאָר זיין געשיכטע פון יעזוס געבורט און וועגן די זאַכן וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען.

מת. 16:2. „דאַן הורדוס, ווען ער האָט געזען אַז ער איז אויסגעשפּאָט געוואָרן פון די חכמים, איז ער געוואָרן זייער אין כעס, און האָט אַרויסגע־שיקט, און האָט איוסגעהרגעט אַלע קינדער וואָס זיינען געווען אין בית לחם, און אין אַלע אַרומיקע געגנטן, פון צוויי יאָר אַלט און אונטער, לויט דער צייט וועגן וועלכער ער האָט טיכטיק אויסגעפרעגט די חכמים."

מת. 17:2. „דאַן איז מקוים געוואָרן דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון ירמיה דעם נביא, זאָגענדיק,

מת. 18:2. „אין רמה איז דאָרט אַ קול געהערט געוואָרן, אַ קלאָג און געוויין, און גרויס טרויער, רחל וויינענדיק איבער אירע קינדער, און וויל ניט ווערן געטרייסט, מחמת זיי זיינען ניטאָ."

פש. ווי עס ווייזט אויס איז אין בית לחם ניט פאָרגעקומען אַ געאיילטע אויסשלאַכטונג פון קינדער, נאָר עס איז אַנגעגאַנגען מיט קענטעניש און סיסטעמע. דעם קיניגס פאַראָרדערונג איז געווען פון צוויי יאָר און יינגער, האָבן דאָך זיינע שלוחים ניט געקענט טויטן קינדער איבער צוויי יאָר אַלט. זיינע אָפיצערן און זעלנער האָבן געדאַרפט באַשטימען דעם עלטער פון יעדעס קינד, זיי האָבן געמוזט אויספאָרשן די עלטערן פון די קינדערס יאָרן.

דער נביא ירמיה האָט אומזיסט באַמיט דער מוטער רחל צו יאָמערן און קלאָגן אויף קינדער אויף וועלכע איז אַפילו קיין פינגער ניט אַרויפגע־לייגט געוואָרן. נאָר דער נביא ירמיה ווייסט וואָס ער רעדט. ער זאָגט אַז רחל וויינט אויף אירע קינדער, די יידן, וועלכע גייען אין גלות, געטריבן

**אַלץ געפּאַנגענע צו דעם לאַנד בבל. די ריכטיקייט פון דערויף באַשטעטיקט דער פאָלגענדיקער זאַץ.**

**ירמיה 15:31. „אַזוי האָט גאָט גע־זאָגט: פאַרמייד דיין קול פון געוויין, און דיינע אויגן פון טרערן, ווארום פאַראַן אַ לוין פאַר דיין מי, זאָגט גאָט. און זיי וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פון דעם פיינט.״**

**„כה אמר יה׳:**
**מנעי קולך מבכי,**
**ועניך מדמעה,**
**כי יש שכר לפלתך נאם יהי׳.**
**ושבו מארץ אויב.״**

**דאָ ווערט דייטליך, אָן שום צווייפל, אויסגעדריקט פון נביא, אַז רחל וויינט ניט איבער פיצלעך קינדער, נאָר נאָך די קינדער פון ישראל וואָס גייען אין געפאַנגשאַפט. גאָט טרייסט רחלען, זי זאָל פאַרמיידן איר געוויין: ווארום די קינדער פון ישראל וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פון פיינט. די פיצלעך קינדער, אַפילו עס זאָל זיין אמת, קענען זיך ניט אומקערן.**

**מאתיא האָט געקענט האָבן זיינע בעסטע און פרומסטע כוונות, אָבער ער טרעט איבער אַלע גרעניצן פון וועלכער עס איז ערליכער באַציונג צום נביא און די שריפטן.**

מת 19:2. „אָבער ווען הורדוס איז געוואָרן טויט, זע, אַ מלאך פון גאָט האָט זיך באַוויזן אין אַ חלום צו יוספן אין מצרים,

מת. 20:2. „זאָגנדיק, שטיי אויף און גיי אין דער לאַנד פון ישראל: ווארום זיי זיינען טויט וועלכע האָבן געזוכט דעם יונג־קינדס לעבן.״

מת. 21:2. „און ער איז אויפ־געשטאַנען און גענומען דעם קינד און זיין מוטער און איז געקומען אין דעם לאַנד פון ישראל.״

**אַ צוגלייכונג צו דערויף:**

שמות 19:4 „און גאָט האָט גע־זאָגט צו משהן אין מדין: גיי קער זיך אום קיין מצרים, ווארום געשטאָרבן זיינען די אַלע מענטשן וואָס האָבן געזוכט דיין לעבן.״

שמות 20:4. „האָט משה גענו־מען זיין ווייב און זיינע זין און האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל און ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם לאַנד מצרים.״

**די דאָזיקע צוגלייכונג גענומען פון דזש. ע. קאַרפּענטער, „די ערשטע דריי גאָספּעלס,״ נאָר מיינע אויספירונגען זיינען אַנדערש פון קאַרפּענטערס אויספירונג.**

**עס איז אַ נאָענטע ענלעכקייט פון מאתיאס איבערגעבונג פון דער אַנטלויפונג פון יוסף און מרים און ישון פון הורדוס, פון יהודה קיין מצרים, צו דער ביבל געשיכטע ווי משה אַנטלויפט פון פרעהן פון עגיפּטן. דער מיצרישער פרעה הרגעט אויס די קינדער זכרים פון יידישע עלטערן, דער פרעה־הורדוס הרגעט די קינדער פון בית לחם; אויך איז ענלעך דער צוריק־קער צום לאַנד פון זייער געבורט.**

מת. 22:2. „אָבער ווען ער האָט געהערט אַז אַרכעלעוס האָט רעגירט

אין יהודה אויפן אָרט פון זיין פאָטער הורדוס, האָט ער מורא געקראָגן צו גיין אַהין: טראָץ דעם וואָס ער איז געווען געוואָרנט פון גאָט אין אַ חלום, האָט ער זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט צו די טיילן פון גלילה.״

**אָבער אין גלילה האָט דאָך רעגירט הורדוס זון, הורדוס אַנטיפּאַס.**

מת. 23:2. „און ער איז געקומען און געוויינט אין אַ שטאָט גערופן נצרת: אַז עס זאָל מקוים ווערן וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך די נביאים, ער וועט גערופן ווערן נאַזאַרינער.״

**פּש. מאתיאס חשק צו באַשטעטיקן אַלץ וואָס ער זאָגט דורך די נביאים איז אַזוי גרויס, אַז ער מאַכט די נביאים זאָגן זאַכן וואָס זיי האָבן קיין מאָל ניט געזאָגט. ניט די נביאים, און ניט איין נביא האָבן ווען און ערגעץ אין די שריפטן געזאָגט אַזאַ זאַך ווי „מען וועט אים רופן נאַזאַרין.״**

**שפּעטערדיקע עוואַנגעליסטן, זוכענדיק אַ פּאַרענטפערונג פאַר מאַתיא, האָבן געפונען אַ וואָרט ׳נזיר׳, אָבער יענער ׳נזיר׳ מיינט אַן אָפּגעשיידטער, און ניט ווי אַן אָנווייזונג פון נצרת. דער ׳נזיר׳ ווערט געזאָגט אויף שמשונען דער זון פון מנוח, דער מאַן פון צרעה, פון דער משפחה פון דן, מנוחס ווייב איז חנה.**

**עס הערשט צווישן אַ צאָל פאָרשער אַ גוט באַגרינדעטע מיינונג אַז דער נאָמען ׳נאַזאַרינער׳ נעמט זיך פון דעם וואָרט נזיר, מחמת עס איז אין ערגעץ ניט באַוווּסט אַזאַ שטאָט וואָס זאָל האָבן דעם נאָמען נצרת. דער נאָענטסטער נאָמען איז גניסר. לויט ראָבערט אייזלער, אין ׳דער משיח יעזוס׳ איז געווען פאַר לאַנגע צייטן אַ סעקטע מיט דעם נאָמען נזירים, די סעקטע האָט זיך איופגעהאַלטן אין די ערטער פון דעם מדבר, נאָך זיין מיינונג. די סעקטע האָט זיך אַנטוויקלט אין די קריסטלעכע נזירים (נאַזאַרינער).**

**מיר קערן זיך צו לוקאַס.**

לק. 21:2. „ווען אַכט טעג זיינען פאַרפולט געוואָרן צו דער ברית מילה פון קינד, האָט מען אים געגעבן דעם נאָמען ישו אָדער ישוע, וואָס דער נאָמען איז גערופן געוואָרן איידער ער איז פאַרנומען געוואָרן אין דער טראַכט.״

לק. 22:2. „און ווען די טעג פון איר ריניקונג לויט דעם דין פון משה זיינען געוואָרן פאַרענדיקט, האָבן זיי אים געבראַכט קיין ירושלים, צו ברייי-גען אים פאַר גאָט.״

לק. 24:2. „און צו ברייינגען אַ קרבן ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין די געבאָט פון גאָט, אַ פּאָר טורקל-טויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן.״

לק. 39:2. „און ווען זיי האָבן דורכגעמאַכט די אַלע זאַכן לויט דער געבאָט פון גאָט, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין גליל, צו זייער אייגענער שטאָט נצרת.״

לק. 40:2. „און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איז שטאַרק געוואָרן אין גייסט, אָנגעפילט מיט חכמה: און דער חסד פון גאָט איז געווען אויף אים.״

**פּש. איןביידע עוואַנגעליעס ווערט איבערגעגעבן די געבורט פון יעזוס.**

איבער אזא דערשיינונג האָט דאָך זיכער געדאַרפט געגעבן ווערן נאָר איין ווערסיע; ווארום די זאַך האָט געקענט פּאַסירן נאָר אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט, און ניט אַנדערש. אָבער דיביידע שרייבער וועגן דעם זעלבן ענין גיבן צוויי היפּוכדיקע דערציילונגען.

לויט מאתיא האָט זיך דער מלאך באַוויזן אין חלום נאָר צו יוספן, לויט לוקאַס פלעגט זיך דער מלאך באַווייזן נאָר צו מרים און ניט צו יוספן. לוקאַס ווייסט ניט פון די מאגי וועלכע האָבן געזען אין אַ שטערן דעם געבורט פון אַ קיניג און געקומען דינען צו אים. לוקאַס ווייסט ניט פון דעם אַנטלויפן קיין מצרים, און ניט פון דער קינדער אויסשלאַכטונג אין בית לחם. לוקאַס דערציילט גראד פאַרקערט: יוסף און מרים און דאָס קינד האָבן זיך אומגעקערט פון ירושלים קיין נצרת, און דאָס קינד איז געוואַקסן און ענטוויקלט זיך, און דער חסד פון גאָט איז געווען אויף אים.

לוקאַס ווי אין פיל אַנדערע זאַכן איז ניט געווען איינשטימיק מיט מאַתיאָן. לוקאַס האָט פאַרשטאַנען אַז די דערציילונג פון די חכמים, און די אויסגעהרגעטע קינדער איז ניט היסטאָריש, און דאָס מופת געבורט איז צו איינפאַך: די חכמים האָבן אים געדינט און אויסגעטיילט מתנות. לוקאַס ניט רעכענענדיק זיך מיט מאתיא האָט געגעבן זיין אייגענע ווערסיע.

לויט לוקאַס איז די רעזידענץ שטאָט פון יוסף, זיין ווייב מרים און זייער משפחה געווען נצרת. יוסף און מרים זיינען געגאַנגען קיין בית לחם נאָר צו רעגיסטרירן זיך פאַר דער טאַקסירונג, ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דער רעגיסטראַציע זיינען זיי געגאַנגען צוריק אין זייער אייגענער שטאָט נצרת. לויט מאתיא איז זייער וווינונג (רעזידענץ) שטאָט געווען בית לחם, נאָר קומענדיק צוריק פון מצרים האָט יוסף מורא געהאַט צו באַזעצן זיך אין זיין היים אין בית לחם, איז ער אַוועק קיין גליל און באַזעצט זיך אין דער שטאָט נצרת.

די פאַרשידענע נוסחאות פון יעזוס געבורט פאַרמאָגן זייערע אורזאַכן און דערקלערונגען. דער הייליקער פאולוס, דער גרינדער פון קריסטענטום, דער שאַפער פון די הויפּט עיקרים פון קריסטלעכן גלויבן, דער אָרגאַניזירער און גרינדער פון די ניט-יידישע קירך-געמיינדעס: איז ניט געווען אינטערעסירט אין יעזוס געבורט, און ניט אין יעזוס לעבן. פאולוס האָט נאָר גענומען די אידייע פון שטאַרבן פאַר די מענטשלעכע זינד, און דערנאָך ווערן צוריק לעבעדיק. לויט פאולוס איז יעזוס געוואָרן גלאָריפיצירט דורך דער רעזורעקציע, און באַקומען געוואָרן גאָטס זון.

די געגרינדעטדיקע פון פאולוסן קריסטלעכע קאָנגרעגאַציעס האָבן ניט געוווּסט פון יעזוס לעבן, פון זיינע פּריידיקונגען און פון זיין מיניסטירונג. אין די לעצטע יאָרן פון פאולוסן און נאָך זיין טויט זיינען אין די צאָלן פון אים געגרינדעטע קירכעס, אויפגעקומען פראַגן וועגן יעזוס געבורט, וועגן דער צייט פון זיין געהערלעכט ווערן פון גאָט דעם פאָטער. דאַן זיינען אַנטשטאַנען פאַרשידענע שיטות מיט באַזונדערע איינשטעלונגען. מארקוס האָט

פאַרטראַטן די שיטה וואָס האָט געהאַלטן אַז יעזוס איז גלאָריפיצירט געוואָרן פון גאָט אין דער צייט ווען יעזוס איז געטובלט געוואָרן דורך יוחנן המטביל. אין אַ געווויסן גראַד איז דאָס אויך געווען די ריכטונג פון יאָהאַן, דער אויטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע. מאתיא און לוקאַס האָבן איבערגעגעבן דעם גלויבן פון די ריכטונגען וואָס האָבן געהאַלטן אַז יעזוס איז געהייליקט געוואָרן אין דער מוטערס טראַכט, מרים איז פאַרנומען געוואָרן דורך דעם הייליקן גייסט, און יעזוס איז גאָטס זון.

אין יענער צייט אין דער עקזיסטירענדיקער פאַגאַנישער וועלט איז געווען אַן אָנגענומענער פאַקט אַז די געטער קענען האָבן סעקסואַלע באַציונגען מיט פרויען פון מענטשליכן מין, און די פרויען האָבן געהאַט קינדער פון די געטער. עס ווערט דערציילט ווען פלאַטאָנס (פלאַטאָ) פאָטער אַריסטאָן האָט חתונה געהאַט מיט זיין ווייב פּעריקטאָנאַ, איז דער גאָט אַפּאָלאָן געקומען צו חלום צו אַריסטאָן און איין געזאָגט, אַז דער זון מיט וועלכן זיין ווייב איז פאַרגאַנגען אין טראָגן פאַר דער צייט איז פון אים, אַפּאָלאָן. אַזוי איז פלאַטאָנס פאָטער געווען דער גאָט אַפּאָלאָ.

עס איז דערציילט געוואָרן אַז דער גאָט אַפּאָלאָן איז אויך געווען דער פאָטער פון דעם אימפּעראַטאָר אווגוסטוס. איך גיב דאָ איבער אין אַ פאַרקירצערטער פאָרמע פון (דזש ע. קאַרפּענטער, די ערשטע דריי גאָספּעלס 1890) וועגן אווגוסטוס, וואָס דער באַפּרייטער קנעכט דזשוליוס מאַראַטוס האָט געשריבן פון זיין אימפּעריאַלן האַר. אייניקע חדשים פאַר אווגוסטוס געבורט, איז אַן אויסערגעוויינליכע זאַך פּאַרגעקומען אין רוים, ווו עס איז פאַרויסגעזאָגט געוואָרן אַז די נאַטור וועט אַרויסברייננגען אַ קיניג פאַר דעם רוימישן פאָלק 1) דער דערשראָקענער סענאַט האָט אָנגענומען אַ געזעץ צו באַפעלן דעם טויט פון יעדן קינד וואָס וועט געבאָרן ווערן דעם זעלבן יאָר.

אַנאַנדער שרייבער מיט דעם נאָמען אַסקלאַפּאַדעס, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט אווגוסטוס זעלבסט, און האָט באַלאַנגט צו אַ דור נאָך אים, באַשטעטיקט אין זיין אָפּהאַנדלונג מיט דעם טיטול טעאָלאָגומעניא, אַז דעם אימפּעראַטאָרס מוטער איז פאַרנומען געוואָרן מופּתדיק אין דעם טעמפּל פון אַפּאָלאָ, אַזוי איז דער ערשטער אימפּעראַטאָר פון רוים געווען דער זון פון גאָט.

ווי ווייט עס איז געווען פאַרשפּרייט אין פאָלק צווישן אַלע שיכטן פון דער היידענישער באַפעלקערונג דער באַוווסטזיין אַז די געטער פאַרליבן זיך אין מענטשן־טעכטער און האָבן מיט זיי סעקסואַלע באַציונגען קען לערנען די געשיכטע פון פּאַולינאַ און מונדוס. פּאַולינאַ, אַ יונגע שיינע פרוי, זי איז געווען פאַרהייראַט צו איינעם סטאַורנינוס. זיי האָבן זיך ביידע ליב געהאַט און געפירט אַן אָנשטענדיקן לעבן. איינער אַ מונדוס האָט זיך ליידענשאַפטליך פאַרליבט אין דער פּאַולינאַ. מונדוס איז געווען אַ רייכער מאַן, ער האָט

1) דאַן איז רוים געווען אַ רעפּובליק.

פאולינען אָנגעבאָטן אַ סך געלד אויב זי וועט אים ענטפערן מיט ליבע, נאָר זי האָט צוריקגעוויזן זיינע פאָרשלאָגן. אַ פרוי האָט זיך אונטערגענומען צו צוזאַמענפירן מונדוס און פאולינא. מונדוס האָט דער פרוי געגעבן גענוג געלד צו דורכפירן איר פּלאַן. זי האָט אויסגעקויפט די פּריסטס פון אַן איזיס טעמפּל, אַז זיי זאָלן לאָזן וויסן פאולינא אַז דער גאָט אנוביס איז אין איר פאַרליבט און ער וויל אַז זי זאָל קומען אין אַ געוויסער נאַכט אין דעם טעמפּל פון איזיס. פאולינא האָט זיך געפילט דערהויבן וואָס גאָט האָט איר אויסדערוויילט צו זיין מיט איר אַ נאַכט. דורך דעם מאַנס דערלויבעניש איז זי געקומען אין טעמפּל. דער פּריסט האָט שוין דאָרטן געהאַט באַהאַלטן מונדוס. מונדוס האָט פאַרבראַכט מיט פאולינען די נאַכט. זי האָט געמיינט אַז דאָס איז גאָט אנוביס. דערנאָך האָט מונדוס באַרימענדיק זיך איר דער־ציילט ווי ער האָט איר באַזעסן די גאַנצע נאַכט. עס איז ניט נויטיק דער סוף פון דערויף, נאָר עס ווייזט אויף דעם אָנגענומענעם פאַקט אין דער היידענישער געזעלשאַפט אַז געטער לעבן און האָבן קינדער מיט מענטש־לעכע פרויען. (גענומען פון יאָזעפוס, אַלטערטימער 18, 3, 4).

מאַתיא אין זיין שרייבן וועגן יעזוס געבורט ברייגגט אַרייַן דעם מיזרח, און די מאַגי פון מיזרח. וואָרום זאָל נויטיק זיין דער היידענישער מיזרח צו דער מאָנאָטעאיסטישער יהודה, לאָזט זיך ניט פאַרשטיין? וואָס פאַר אַ שייכות קענען האָבן די מאַגי מיט דעם יידישן גאָט יאַהווע, מיט דער יידישער פרוי מרים און מיט דעם יידישן משיח? זאָל דאָס זיין אַ פּראָדוקט אויף דעם איינ־פלוס פון וויטן מיזרח?

לוקאָס שרייבן וועגן יעזוס געבורט טראָגט אין זיך אַן ענלעכקייט צום געבורט פון בודדהאַ פון אינדיע. 1)

די פּערצעפּציע פון דער בודדהאַ־אמונה איז, אַז בודאַ איז געווען אַ הימלישער ווען פון פאַר דער בריאת עולם. ער קומט אַרונטער אויף דער ערד ווי אַ גואל און אויסלייזער (סיוויאָר און רעדימער): אויסלייזן די וועלט פון זינד און אומגערעכטיקייט, און ברייגגען אויף דער וועלט אמת און רעכט־פאַרטיקייט.

2) איידער עס איז פאָרגעקומען די אינקאַרנאַציע (פאַרקערפּערונג) פון בודאַ, האָבן מלאכים פּראָקלאַמירט: „אַ מענטשן, פירט איין אין אייער לעבן ליבע, רחמים, חסד און געמיט־גלאַסנקייט (עקוויגימיטי), און איר וועט דערפילן די האָפענונג פון דער רעטונג (סאַלוויישן) פון דער מענטשהייט.

די קיניגין מאַריא איך איר שלאָף ווערט פאַרנומען אין איר טראַכט דורך דעם אויסזען ווי אַ ווייסער העלפאַנט.

ווען דער בודאַ איז געבאָרן געוואָרן, האָבן מתנות פון מלאכים (דע־

---

1) כדי גרינגער מאַכן פאַרן לייענער וועל איך אין ווייטערדיקן שרייבן נוצן די אויסלייגונג ״בודאַ״.

2) דזשעטאַקאַ דערציילונגען, איבערזעצט דורך ט. וו. רהיס דאווידס.

וואס), פריידיק און שמחותדיק פראָקלאַמירט: „אין קאפּילאַוואַטאַ, צום קיניג אדדהאדאנאַ איז געבאָרן אַ זון וועלכער וועט זיין דער בודאַ; און ער וועט גרינדן די מלוכה פון חסד און רעכטפערטיקייט.“

אַן אַסקעט מיט דעם נאָמען קאלא־דעוואלא איז געקומען זען דעם קינד. ער האָט אָנגעהויבן וויינען און דערקלערט, מחמת ער וועט ניט לעבן לאַנג גענוג צו זוכה זיין צו זען דעם גרויסן מענטשן ווען ער וועט ווערן דער בודאַ.

ווען מען האָט אים געדאַרפט געבן זיין נאָמען האָט דאַן אַ יונגער בראַמין פּראָוויסגעזאָגט: „ער וועט זיין בודאַ, און ער וועט אָוועקנעמען דעם איבל פון זינד און איגנאָראַנץ פון דער וועלט.“

אין דעם מאָמענט ווען דער צוקונפטיקער בודאַ איז געוואָרן 'אינקאַר־נירט' אין זיין מוטערס טראַכט האָט אַן אומגעהייערע ליכט אויפגעשיינט, די בלינדע האָבן באַקומען זייער זעונג — דורך דער בענקעניש צו זען זיין הערליכקייט.

„די טויבע האָבן אָנגעהויבן הערן, די שטומע האָבן אָנגעהויבן ריידן, די לאָמע — גייען גלייך. אַלע פאַרהאַפטע זיינען באַפרייט געוואָרן פון זייערע קייטן און פון דער פאַרשפאַרונג, אין גיהנום איז דער פייער געוואָרן אויס־געלאָשן... אַלע מענטשן זיינען געוואָרן פריינדלעך, אַלע מוזיקאַלישע איב־סטרומענטן אין דער וועלט האָבן אָנגעהויבן שפּילן פון זיך אַליין. די פויגל זיינען שטיל געבליבן אין דער הויך אין זייער פליען, די טייכן האָבן אָפּ־געשטעלט זייער פליסן, אַלע געוויקסן האָבן אָנגעהויבן בלומען ווי אויף דער ערד אַזוי אין וואַסער. אין די הימלען האָט מלאך־מוזיק געשפּילט.“

ווען ער, גאטאמא, איז אויסגעוואַקסן, האָט ער פאַרלאָזן זיין רייכע הים, ער האָט געפירט אַן אַסקעטישן לעבן דורך וואָס ער האָט געזוכט שלימות (פּערפעקציע) דורך וועלכעס ער האָט געגלויבט וועט ער געפינען דעם אמת און סוד פון לעבן. גאטאמע האָט אָנגעהויבן צו פריידיקן זיינע אידייען, צו אים זיינען צוגעשטאַנען אַ גרויסע צאָל תלמידים. עס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ גרויסע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט וואָס האָט זיך פאַרנומען צו פריידיקן און שפּרייטן די לערע פון גאטאמא, וועלכער זיי האָבן געגלויבט איז דער בודאַ.

גאטאמא האָט אַרויסגעשיקט זיינע תלמידים צו פריידיקן זיינע אידייעס אין פאָלק. אַ באַוווסטער בראַהמען, הערענדיק פון גאטאמא, האָט געשיקט זיינע תלמידים צו פרעגן אויב ער איז דערווירקליכער בודאַ? גאטאמא האָט דורך זיין חכמה און אמתן געשפּרעך איבערצייגט די שלוחים אַז ער איז דער געהייליקטער בודאַ. פאַר זיין טויט איז בודאַ געוואָרן טראַנספיגורירט.

## דער צענזוס

לוק. 1:2. „עס איז געקומען צו פאַסירן אין יענע טעג אַז דאָרט איז אַרויס אַ באַפעל (דעקרעט) פון דעם צעזאַר אויגוסטוס, אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערן טאַקסירט.“

לוק. 2:2. „און די טאַקסירונג איז צום ערשטן געמאַכט געוואָרן ווען צירעניוס איז געווען 'גאָווערנער' פון סיריע."

פש. לוקאַס מאַכט אַ טעות. רוים פלעגט ניט טאַקסירן די גאַנצע וועלט, נאָר די אימפּעריאַלע טאַקסירונג האָט זיך באַציען נאָר אויף די רוימישע בירגער.

1) „אַזאַ גענעראַלער צענזוס ווי עס איז אָנגעוויזן, — האָט נאָך קיין היסטאָריקער פון יענער צייט דאָס ניט דערמאָנט. דיאָ קאַססיוס, סועטאָניוס, דער אנקאַראַ מאָנומענט באַציען זיך צום צענזוס פון רוימישע בירגער, אָדער באַזונדערע פּראָווינציעלע אָפּשאַצונגען, אָבער אַן אוניווערסאַלער צענזוס איז אומבאַוווּסט.

„קאַססידאָרוס, יאַסאַדאָרע, זיינען אויך אַנטשיידן פאַר דעם זעלבן צענזוס; נאָר די דאָזיקע זייענדיק שפּעטערע קריסטלעכע שרייבער, מעגלעך ווייסן ניט מער ווי דאָס וואָס לוקאַס זאָגט.

„אין די לענדער וואָס זיינען נאָך ניט רעדוצירט צו דער פאָרמע פון אַ רוימישער פּראָווינץ נאָר רעגירט דורך אַ רעגעס סאָסיי, דאַן האָבן די פּראָווינצן זעלבסט אויפגעמאַכט די טאַקסעס. דאָס באַווייזט אַז אַ רוימישע פאַראָרדנונג (דיקרי) אין באַצוג צו אַ צענזוס וואָלט דאַן ניט באַווירקט יהודה."

2) „דריי מאָל האָט אוגוסטוס אַרויפגעלייגט אַ גענעראַלע טאַקסירונג: אין די יאָרן 26 און 6 בעפאָר ג. ע. און 14 ג. ע. אין דער צייט פון הורדוס לעבן. יהודה און גלילה זיינען ניט געווען אונטער רוימישער יוריסדיקציע פאַר אַזעלכע צוועקן ביז 6 ג. ע.

„דער צענזוס איז שטענדיק גענומען געוואָרן אין דעם בירגערס רעזידענץ. דאָס געזעץ האָט ניט געפאָדערט די רעגיסטראַציע פון דעם בירגערס ווייב, נאָך מער פון דעם מאַנס פאַרקנסטע.

אַלע באַווייזן זיינען קעגן לוקאַס וואָס דערקלערט אַז עס איז געווען אַן אוניווערסאַלער צענזוס, און די פרויען האָבן זיך אויך געדאַרפט רעגיסטרירן, און וואָס די רעגיסטראַציע האָט געדאַרפט פאַרקומען ניט אין דער שטאָט פון דער רעזידענץ, נאָר אין דער שטאָט פון געבורט, און פון אָפּשטאַם פון די עלטערן.

לק. 3:2. „און אַלע זיינען געגאַנגען צו ווערן טאַקסירט, יעדער איינציקער אין זיין אייגענער שטאָט."

לק. 4:2. „און יוסף איז אויך אַוועק פון גליל, פון דער שטאָט נצרת קיין יהודה, אין דער שטאָט פון דוד וואָס איז גערופן בית לחם (מחמת ער איז געווען פון דער הויז און פון אָפּשטאַם פון דוד)."

---

1) דניאל דיוּוידסאָן, סטודי אף די ניו טעסטאַמענט, לאָנדאָן, 1868, זז. 68, 69 באַנד 2.

2) דזש. ע. קאַרפּענטער, די ערשטע דריי גאָספּלס, זייט 148.

לק. 5:2. „צו ווערן טאַקסירט מיט מרים זיין פאַרקנסטע ווייב, זייענדיק הויך אין צייט מיט אַ קינד.“

פּש. לגבי דער זעלבער רעגיסטראַציע שרייבט יאָזעפוס (אַלט. 18, 1, 1): „צערעניוס, אַ רוימישער סענאַטאָר, אַן אַנגעזעענער מענטש, איז געשיקט געוואָרן פון צעזאַר צו איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון סיריע, צו וועלכער איז איצט צוגעגעבן געוואָרן יהודה. צערעניוס אַליין איז געקומען קיין יהודה צו פאַרוואַלטן איבער דער רעגיסטראַציע פון יעדער משפחה פאַר דעם צוועק פון טאַקסירונג. עס האָט אַרויסגערופן אַ גרויס אומצופרידענקייט קעגן רוים צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן געזען אין דערויף ווי רוים נעמט איבער די גאַנצע געוועלטיקונג איבער יהודה. דורך דער באַמיונג און ווירקונג פון יועזר דעם כהן גדול איז איינגעשטילט געוואָרן די אומ־צופרידנקייט. נאָר דורך דער אויפרעגונג איז אַרויסגעקומען די אָרגאַניזירונג פון אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי געפירט פון יהודה דעם גאליליייער און דעם פּרוש צדוק.“

אקט. 37:5 דערמאָנט די זעלבע רעגיסטראַציע פאַר טאַקסירונג: „נאָך דעם איז אויפגעשטאַנען יהודה פון גליל, אין די טעג פון דער טאַקסירונג, און האָט אָוועקגעצויגן אַ סך מענטשן נאָך זיך.“

דאָס באַשטעטיקט אַז עס איז געווען די זעלבע רעגיסטראַציע וואָס איז פאַרגעקומען נאָך דער אַראָפּזעצונג פון ארכילעוס, וואָס איז געשען אַרום צען יאָר נאָך הורדוס טויט.

1) קעיס (דער געשיכטלעכער קריסטוס): „אַז די נייע פּרווון פון הענג־סטענבערג, גערלאַך, און אבערלע, צו האַלטן די געשיכטלעכע אַקוראַטקייט פון לוקאַס, זיינען הענט־קייטן אויף דעם פּנים פון געשיכטע.“

די אַפּאָלאָגיסטן גיבן אָן די אורזאַך וואָרום יוסף האָט גענומען מיט זיך מרימען אויף זיין נסיעה קיין בית לחם: מחמת מרים איז געווען אין אירע אומשטענדן, דעריבער האָט יוסף ניט געקענט לאָזן איר אַליין. די אַפּאָלאָגיע רעדט קעגן זיך זעלבסט. מחמת איבער דעם זעלבן אורזאַך וואָס מרים איז געווען אין די לעצטע טעג פון אירע אומשטענדן, וואָלט יוסף זיך ניט אונ־טערנומען צו נעמען איר אויף דער שווערער רייזע. ער וואָלט איר געוויס בעסער געלאָזן אין איר היים אין נצרת, ווו עס געפינען זיך קרובים, פריינד און שכנים, וועלכע, אין צייט פון געבן געבורט, האָבן געקענט לייסטן מער הילף ווי דער מאַן אויפן וועגן פון זיין נסיעה.

---

1) געבראַכט פון ד. דיוויסאָן, סטודי פון דעם נ. ט.

**מאתיא קאפ. 3**

# יוחנן המטבל

מת. 1:3. „אין יענע טעג איז געקומען יוחנן דער טובלער, פריידיקנדיק אין דער ווילדערניש פון יהודה.״

מת. 2:3. „„און זאָגנדיק, טוט תשובה, פארוואר די מלוכה פון הימל (מלכותא דשמיא) איז נאָענט.״

מת. 3:3. „פארוואר דאס איז ער פון וועמען עס איז גערעדט געוואָרן דורך דעם נביא ישעיה, זאָגנדיק, דער קול פון איינעם שרייענדיק אין דער ווילדערניש, מאַכט גרייט דעם וועג פון דעם האַר (לאָרד), מאַכט זיינע שטעגן גלייך.״

מת. 4:3. „און דערזעלבער יוחנן האָט געטראָגן אַ קלייד פון קעמל־האָר, און אַ לעדערנעם גאַרטל אַרום זיינע לענדן; און זיין שפייז איז געווען היישעריקן און ווילדער האָניק.״

מת. 5:3. „דאַן זיינען אַרויסגעקומען צו אים ירושלים, און גאַנץ יהודה, און אַלע געגענטן אַרום דעם ירדן.״

מת. 6:3. „און זיי זיינען געוואָרן געטובלט פון אים אין ירדן, זייענדיק זיך מתוודה אויף זייערע זינד.״

**פש. מאַרקוס גיט איבער דאָס זעלבע וועגן יוחנען און כמעט מיט די זעלבע ווערטער.**

**לוקאַס גיט איבער אויך די זעלבע מיינונג, נאָר גיט צו אַן אויסצוג וואָס איז ענלעך צו די פסוקים פון ישעיה און תהלים.**

לוק. 6:3. „און אַלע לייבער (פליישן) וועלן זען די ישועה פון גאָט.״

**ישעיה 10:52. „גאָט האָט אנטבלויזט זיין הייליקן אָרעם, פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער, און אַלע עקן פון דער ערד וועלן זען די ישועה פון אונדזער גאָט.״**

**תהלים 3:98. „און ער האָט געדאַכט אָן זיין חסד און זיין טריישאַפט צו דעם הויז פון ישראל, אַלע עקן פון דער ערד האָבן געזען די ישועה פון אונדזער גאָט.״**

**פש. דאָ ווערט דערציילט פון אַ מאַן יוחנן וועלכער האָט געפריידיקט אין דעם מדבר־יהודה, אַז אין גיכן קומט אָן די מלוכה פון הימל, און גערופן אַלעמען צו ווערן געטובלט אין ירדן. יוחנן האָט גערופן די יידן צו טאָן תשובה, יעדער ייד האָט געוווסט און פאַרשטאַנען וואָס יוחנן האָט געמיינט, עס איז ניט געווען פאַר זיי אַ נייע זאַך. די נביאים האָבן לאַנג פאַר יוחנן גערופן דעם פאָלק צו אומקערן זיך צו גאָט, צו טאָן תשובה אויף זייערע**

זינד, איטלעכן גלויביקן יידן איז געווען גוט באקענט אַז גאָט אין הימל פאַרגיט יעדן וואָס טוט תשובה. תשובה און חרטה פאָדערן ניט קיינעמס הילף, דאָס איז אַ זאַך וואָס באַלאַנגט נאָר צום בעל תשובה וואָס ער אַליין קען עס טאָן. דער אינדיווידום אַליין דאַרף חרטה האָבן מיט דעם אמת פון זיין האַרצן אויף זיינע זינד, און בעטן מחילה ביי גאָט. צו די יידן פון ירושלים און גאַנץ יהודה איז דאָס אַ נייע זאַך אַז צוליב טאָן תשובה דאַרף מען גיין צו דעם מאַן פון מדבר און ער זאָל זיי אַפּטונקען אין דעם וואַסער פון ירדן. אויב זיי וואָלטן פאַרט געקומען צו זיין רוף, וואָלט זייער צאָל געווען זייער באַגרעניצט.

עס איז גרינג צו אָנשרייבן ווערטער. אָבער ווען די ווערטער שלאָגן זיך אָן אויף דעם רעאַליזם פון לעבן, אויף דעםווירקלעכן לעבן פון יעדער פּערזאָן באַזונדער, דאַן ווערן די ווערטער אויסגעליידיקט, פאַרלירן זייער אינהאַלט. ווי האָבן געקענט הערן אַלע יידן פון יהודה איינעם וואָס פּריידיקט אין דער מדבר? און וואָס פאַר אַ נייעס האָט ער געזאָגט צו די וואָס האָבן אים געהערט? דאָס וואָס גאָט פאַרגיט די זינד פון די וואָס טוען תשובה, וויסן זיי אָן אים; און דאָס וואָרט 'מלכות שמים' איז אַזוי פאַרנעפּלט, אַז אַ קליינע צאָל צוהערער וואָלטן עס פאַרשטאַנען. ווען מענטשן פון אַ גאַנצן לאַנד פאַרלאָזן זייערע הייזער, זייער באַדן, זייער אַרבעט, זייערע באַשעפ־טיקונגען און לויפן אין מדבר צו הערן ווי אַ מאַן פּריידיקט פון תשובה: דאַן זיינען זיי אַלע ניט נאָר פרומע מענטשן, נאָר חסידים און צדיקים.

מת. 7:3. „אָבער ווען ער האָט געזען וויפיל פרושים און צדוקים קומען צו זיין טבילה, האָט ער געזאָגט צו זיי: אַ דור פון שלאַנגען, ווער האָט אייך געמאַכט צו לויפן פון דעם צאָרן וואָס וועט קומען?"

פּש. דער זאַץ פּאַסט זיך ניט אַריין צו דאָס אויבן געשריבענע. אַלע זיינען געלאָפן צו יוחנן צו מתוודה זיין זיך אויף זייערע זינד. צווישן זיי זיינען אויך געווען פרושים און צדוקים וועלכע זיינען אַזוי ווי אַלע אַנדערע גקומען צו יוחנן צו טאָן תשובה: מיינט דאָך דאָס אַז זיי האָבן דערקענט זייערע זינד און געקומען אין חרטה, ווארום זאָל יוחנן זיי אויסטיילן פון די אַנדערע? אויב אַפילו זיי זיינען זינדיקער פון די אַנדערע, איז דאָך זייער תשובה נאָך מער אָנגענומען.

פרושים און צדוקים האָבן פאַטראָטן די גרעסטע מערהייט פון פאָלק, איז אויב דאָס גאַנצע פאָלק איז 'געפליען' צו יוחנן נאָך תשובה, איז דאָך די מערהייט געווען פרושים און צדוקים: איז ווי אַזוי האָט זיי יוחנן געקענט אויסטיילן?

דעם ענטפער אויף הערויף גיט מאַרקוס, דער אוטאָר פון דער צווייטער עוואַנגעליע. ער ווייסט ניט פון אַזאַ זאָגונג פון יוחנן, דערפאַר געפינט זיך עס ניט אין זיין עוואַנגעליע. מאתיא קאָפּירט כמעט ווערטערלעך זיינע ערשטע זעקס זאַצן פון מאַרקוס, איז אַ פראַגע: פון וועלכע דאַקו־

מענטאַלע קוואַלן האָט מאתיא געגומען זיך זיבעטן זאַץ, פון וועלכן מאַרקוס ווייסט ניט? לוקאַס קאָפּירט דעם אָנגעגעבענעם זאַץ ווערבאַטים, פון דעסט־וועגן געפינט ער פאַר נויטיק צו אויסלאָזן די ווערטער „פרושים און צדוקים": מחמת לוקאַס האָט פאַרשטאַנען, אַז די ווערטער אַנטבלויזן זייער צוועק פון אַריינלייגן זייערע אייגענע ווערטער אין יוחננס מויל. מאתיא האָט פּשוט ניט געקענט מסכים זיין אַז יוחנן זאָל טובלען, און ניט זידלען די פרושים.

ווען מען באַטראַכט די זאַך פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: ווערט דער נעפל פאַרשווונדן, און די זאַך ווערט פאַרשטענדלעכער און קלאָרער. יוחנן האָט געפּריידיקט מער ווי תשובה: מחמת תשובה האָט איטלעכער געקענט טאָן ביי זיך אין דער היים. און די ,הימלישע מלוכה' איז אויך ניט געווען אַן אַבסטראַקטער וואָרט, אויב עס וואָלט געווען אַן אַבסטראַקציע וואָלט זיין קול געבליבן אַ קול אין דער מדבר, אַז נאָר אַן עכאָ וואָלט אים אָפּגעענטפערט. יוחנן האָט געפּריידיקט אַ ממשותדיקע מלוכה, אַ פרייע מלוכה אָן רוימישער הערשונג; אַ יידישע מלוכה מיט אַ גאָט געזאַלבטן מלך; אַ גערעכטע מלוכה געגרינדעט אויף די געבאָטן פון גאָט. די מלוכה האָט ער גערופן מלכותא דשמיא. עס וועט קומען אַ גרעסערער פון אים און וועט אויפשטעלן די הימלישע מלכוה. דערוויל האָט יוחנן גערופן צו פאַרלאָזן די שטעט און דערפער פון יהודה און גליל און קומען לעבן אין דעם מדבר. 1) צאָלן הימלאָזע, אָרימע און קעמפער פאַר פרייהייט זיינען געקומען צו נאָכ־פאָלגן יוחנן. יוחנן האָט זיי געטובלט אין דעם וואַסער פון ירדן, אַלץ סימן אַז זיי וואַשן אָפּ פון זיך די זינד פון אָנצונעמען אַ פרעמדן און אַ פאַגאַן פאַר אַ מלך און נעמען אָן אַ לעבן פון גאָטס קינדער אין דער מדבר.

מת. 9:3. „און דיינקט ניט צו זאָגן אינווייניק אין אייער זעלבסט, מיר האָבן אברהמען פאַר אונדזער פאָטער:: פאַרוואר איך זאָג אייך, אַז גאָט קען פון די שטיינער אויפשטעלן קינדער צו אברהם."

פּש. מאַרקוס האָט ניט דעם אויבן געגעבענעם זאַץ, און דער זאַץ זעלבסט פּאַסט זיך ניט אַריין אין יוחננס מיסיע. כמעט גאַנץ יהודה איז געקומען צו יוחנען מיטן ווילן צו טאָן תשובה, זיינען זיי דאָך מודה אַז זיי זיינען זינדיק, דאַן האָט דאָך דאָס ניט קיין שייכות צו דערויף אַפילו ווען זיי דיינקען אַז אברהם איז זייער פאָטער. גאָט קען אַרויסברייננען קינדער פון שטיינער: זיינען דאָך די קינדער פון גאָט און די שטיינער, און בשום אופן ניט פון די זאָמען פון אברהם; ווידער, גאָטס ווילן דריקט זיך ניט אויס אין דער שאַפונג מענטשן פון שטיינער, און יוחנן וואָלט ניט געלייקנט אין דער תורה ווו עס איז געשריבן אַז אברהם איז דער עלטער־זיידע פון יעקבס צוועלף זין.

מת. 10:3. „און אַצינד אויך די האַק איז געלייגט געוואָרן צו דעם

---

1) נאָך ראָבערט איזלער — דער משיח יעזס און יוחנן המטבל.

וואָרצל פון די בוימער: דערפאַר איטלעכע בוים וואָס ברענגט ניט פאַרויס גוטע פרוכט וועט אונטערגעהאַקט ווערן, און וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין פייער.״

מת. 11:3. „איך געוויס טובל אייך מיט וואַסער אין תשובה: אָבער ער וואָס קומט נאָך מיר איז מעכטיקער פון מיר, וועמענס שיך איך בין ניט ווערט צו טראָגן; ער וועט אייך טובלען מיט דעם הייליקן גייסט און מיט פייער.״

מת. 12:3. „וועמענס פאכער איז אין זיין האַנט, און וועט גוט אָפריייניקן דעם דיל, זיין ווייץ וועט ער איינזאַמלען אין שפייכלער, אָבער שטרוי וועט ער פאַרברענען מיט אַן אומפאַרלאָשענעם פייער.״

**פש.** **דאָס איז אַן אָנווייזונג פון יוחנן אויף דעם טאָג פון יאַהווע, וואָס ער רופט עס ׳דער יום הדין׳, ווען די מלוכה וועט אויסגערייניקט ווערן פון אירע רשעים, אַלע בייזוויליקע וועלן ווערן אַריינגעוואָרפן אין פייער, און אַפילו די גערעכטע וואָס זיינען איצט צוגעשטאַנען צו אים, צו יוחנען, וועלן דאַרפן דורכגיין גרויסע שוועריקייטן, ווי דורך פייער, צו דעראָבערן די מלוכה פון הימל.**

**ענליכעס געפינט זיך אין מלאכי 19:3. „ווארום זע, דער טאָג קומט, ער ברענט ווי אין אַן אייוון, און אַלע מוטוויליקע און אַלע וואָס טוען שלעכטס וועלן זיין שטרוי, און אָנצינדן וועט זיי דער טאָג פון גאָט וואָס קומט, זאָגט גאָט, אַז ער וועט זיי ניט איבערלאָזן וואָרצל אָדער אַ צווייג. (20) אָבער אייך, וואָס האָט מורא פאַר מיין נאָמען, וועט אויפגיין די זון פון גערעכטיקייט מיט היילונג אין אירע פליגלען.״**

מת. 13:3. „דאַן קומט יעזוס פון גליל צום ירדן צו יוחנן, צו ווערן געטובלט פון אים.״

מת. 14:3. „אָבער יוחנן האָט אים פאַרבאָטן, זאָגנדיק, איך דאַרף ווערן געטובלט פון דיר, און דו קומסט צו מיר?״

מת. 15:3. „און יעזוס ענטפערענדיק האָט געזאָגט צו אים, לאָז עס זיין אַזוי איצט, ווארום עס באַקומט אונדז אַלע גערעכטיקייטן צו דערפילן. דאַן האָט ער אים געלאָזן.״

**פש.** **עס איז ניט דערלאָזן, אַז צענדליקער יאָרן נאָך אַ פאַסירונג זאָלן זיך געפינען וועלכע עס איז רשימות (רעקאָרדס) פון אַן אינטימן פערזענ־ליכן, כמעט סעקרעטנעם געשפרעך פון צווי פערזאָנען. אויב עס וואָלטן געווען אַזעלכע אָנווייזונגען, וואָלטן מארקוס און לוקאָס אויך געוווּסט אַזוי גוט ווי מאתיא; אָבער מאַרקוס און לוקאָס רעפּאָרטירן ניט פון אַזאַ געשפרעך וואָס זאָל געווען פאַרקומען צווישן יעזוס און יוחנן. מאתיא האָט געדאַרפט פאַר־ענטפערן די פראַגע, ווארום האָט יעזוס געדאַרפט קומען צו יוחנן צו טאָן תשובה און ווערן געטובלט? יעזוס איז דאָך געווען אַ משלם (פּערפעקט) אָן זינד, ער האָט ניט געדאַרפט קיין תשובה. האָט מאתיא דאָ געזוכט צו געבן**

אַן ענטפער אין דעם שטילן געשפּרעך צווישן יוחנן און יעזוס, אָבער עס איז אַבסאָלוט ניט היסטאָריש.

מת. 16:3. „און ווען יעזוס איז געוואָרן געטובלט, איז ער גלייך אַרויס־געקומען פון דעם וואַסער: און זע, די הימלען האָבן זיך געפנט צו אים, און ער האָט געזען דעם רוח פון גאָט (ספּיריט) אַרונטערקומענדיק אַזוי ווי אַ טויב, אַראָפּלאָזענדיק זיך אויף אים.״

מת. 17:3. „און אָט, אַ קול פון הימל, זאָגענדיק, דאָס איז מיין באַליב־טער זון, אין וועמען איך בין וויל געפעליקט (אין הום איי עם וועל פּליעזד).

פש. אַ פּאַראַלעל צו דער באַשרייבונג פון יעזוס טבילה—געפינט זיך אין טעסטאַמענט פון די 12 פּאַטריאַרכן, יהודה 2,1:24. — עס איז געשריבן געוואָרן, לאַנג איידער דער צייט פון יעזוס, וועגן דעם מלך יוחנן הורקנס: „און נאָך די זאַכן וועט אַרויסקומען דער שטערן פון שלום, ער וועט גיין מיט מענטשן אין עניוות און גערעכטיקייט. און די הימלען וועלן זיך עפענען צו אים, און די ברכה פון הייליקן פאָטער וועט זיין אויף אים.״

די עוואַנגעליסטן מאַרקוס און יאָהאַן הויבן אָן וועגן יעזוס אַרויס־טרעטונג פון דער זעלבער צייט וואָס יעזוס איז געטובלט געוואָרן פון יוחנן, אַז גלייך ווי ער איז אַרויס פון דעם וואַסער איז יעזוס געהערליכט געוואָרן (גלאָפיצירט) פון גאָט, גאָט האָט אים אויסדערוויילט צו זיין זיין באַליבטער זון.

די עוואַנגעליע שרייבער זיינען ניט צוגעגאַנגען צו דעם עפּיזאָד מיטן צוועק צו איבערגעבן דעם געשיכטלעכן אמת פון דער פּאַסירונג. זיי האָבן געהאַט פּאַרטיק צוגעגרייטע שטרעבונגען און כוונות אין וועלכע זיי האָבן געזוכט איינוויקלען דעם יוחנן אינצידענט. אַזוי, יוחנן איז געווען אליהו הנביא, ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד צוליב דעם צוועק פון אָנזאָגן און צוגרייטן דעם וועג פאַר דעם אָנקומענדיקן משיח־יעזוס. זעלבסט פאַר־שטענדלעך אַז דער אליה הנביא־יוחנן דאַרף אויך זיין אַ קעגנער און האַסער פון די פּרושים, און מאַכן גאָרניט פון דעם יידישן אָפּשטאַם פון אברהם.

ראָבערט אייזלער אין זיין ׳משיח יעזוס׳ ברייננגט: אַז דער פּאַראַגראַף אין יאָזעפוס אַלטערטימער (2,5:19) איז ניט אוטענטיש, עס איז איבערגע־אַרבעט און איבערגעשריבן געוואָרן דורך דער קריסטלעכער צענזורע. ער ברייננגט וועגן דעם זעלבן עפּיזאָד פון דער סלאַווישער איבערזעצונג פון יאָזעפוס 1), וועלכע אייזלער דיינקט, איז איבערזעצט געוואָרן פון אַן עדיציע וואָס האָט אויסגעמידן די פריערדיקע צענזור. נאָר אפילו אין דער עדיציע האָבן קריסטליכע הענט געביטן שטעלן נאָך זייער ווילן. די ווערטער און זאַצן וועלכע אייזלער דיינקט זיינען אַריינגעשטעלטע, ברייננגט ער אין אַ קלע־נערער שריפט (קורסיוו).

„איצט אין יענער צייט איז אַרומגעגאַנגען (וואָקד) צווישן די יידן אַ

1) וועגן דער סלאַווישער איבערזעצונג אין אַנאַנדער פּלאַץ.

מאַן (מוזש) אין אויסערגעוויינליכע מלבושים, מחמת ער האָט אָנגעקלעפּט אויף זיין קערפּער האָר פון חיות אויף די ערטער פון זיין לייב וואָס איז ניט געווען באַדעקט מיט זיינע אייגענע האָר, אָבער אין אויסזען איז ער געווען גלייך צו אַ ווילדן. דער מאַן איז געקומען צו די יידן און ער האָט זיי געהעצט צו פרייהייט, זאָגענדיק, גאָט האָט מיך געשיקט צו ווייזן אייך דעם וועג פון דער געבאָט, דורך וועלכער איר וועט ווערן פריי פון פיל טיראַנען (אכזרים). און קיין שטערבליכער זאָל געוועלטיקן איבער אייך, נאָר דער העכסטער וועד האָט מיך געשיקט. ווען די מענטשן האָבן דאָס געהערט האָבן זיי זיך געפרייט. (און דאָרט איז אַרויסגעקומען צו אים גאַנץ יהודה און די געגנטן רונד אַרום ירושלים). (דער זאַץ איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די עוואַנגעליעס). און ער האָט גאָר ניט אַנדערש געטאָן צו זיי, חוץ וואָס ער האָט זיי אַפּגעטונקט אין דעם שטראָם פון ירדן, און זיי געלאָזן, מאַכענדיק זיי צו אָפּהאַלטן זיך פון אַלע שלעכטע טאַטן. אַזוי וועט זיי געגעבן ווערן אַ מלך וועלכער וועט זיי באַפרייען און אונטערטעניקן די אַלע וואָס זיינען ניט אונטערגעביק. אָבער ער אַליין וועט ניט זיין אונטערטעניק צו קיינעם. אויף זיינע ווערטער האָבן אייניקע אים אויסגעלאַכט, אָבער אַנדערע האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין אים.

„און ווען ער איז געבראַכט געוואָרן צו אַרכעלעוס און די תלמידי חכמים (דאָקטאָרס אָף די לאָ) האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָבן זיי אים געפרעגט ווער ער איז און ווו ער איז געווען ביז איצט. און ער האָט געענטפערט און געזאָגט, איך בין אַ מאַן (אנוש אני); ווי אַזעלכן האָט דער רוח אלהים (ספּיריט פון גאָט) מיך גערופן, און איך לעב אויף פּאַפּירוס־געוויקסן, און וואָרצלען, און האָלץ שאַלאַכץ.

דאָס אויבן אָנגעגעבענע פון דער סלאַווישער ׳האַלאָסיס׳ ווייזט דייטליך אַז יוחנן האָט געפּריידיקט מער ווי תשובה, נאָר די באַפרייונג פון טיראַנען, און גאָט וועט זיי געבן אַ קיניג וואָס וועט זיי באַפרייען. און עס באַווייזט אַז יוחנן האָט געווירקט אין דער צייט פון אַרכעלעוס הורדוס זון, וואָס האָט געקענט זיין ניט שפּעטער ווי 10 נ.ע.

### קאַפּיטל 4

## די אויסלאָזונג פון יעזוס לעבן

די עוואַנגעליע פון מאתיא גיט איבער דעם לעבן פון יעזוס: פון זיין געבורט, פון זיינע פּריידיקונגען (מיניסטירונג), פון זיין טויט און ווערן לעבעדיק (רעזורעקציע). דער זעלבער סדר איז אויך אין דער עוואַנגעליע פון לוקאַס. אין די עוואַנגעליעס פון מאַרקוס און יאָהאַן הויבן זיך אָן די באַשרייבונגען פון יעזוס לעבן פון דער צייט ווען ער איז שוין געווען כמעט אין זיין מיטעלער עלטער. זיי פאַנגען אָן פון יעזוס לעצטע פּאָר יאָר פון זיין

לעבן; פון זיין ווערן געטובלט פון יוחנן המטבל ביז דער קרייצונג און ווערן לעבעדיק.

אין באַצוג צו די מקורות פון יעזוס לעבן, פון זיינע פריידיקונגען, פון זיין פערזענליכקייט, פון זיין גלויבן און גאָט־אויפנעם: זיינען פאַראַן פיל פראַגעס צו שטעלן. די ערשטע פראַגע איז, זיינען זיי צוגעגאַנגען צו זייער שרייבן מיט דעם ערנסט, מיט דער פאַראַנטוואָרטליכקייט, מיט דעם איבער־ציינגטן ווילן צו אַרויסברייגנען דעם אמתן אמת, דעם היסטאָרישן אמת פון יעזוס און זיין לעבן? די פראַגע קען פאַרענטפערט ווערן אין אַ נעגאַטיוון זין. די פיר עוואַנגעליע שרייבער האָבן פאַרמאָגט אין זיך דעם פרומען ערנסט, און גרויסן גלויבן אין יעזוס; דעריבער האָט זייער גלויבן זיי דיקטירט צו אויסבאַהאַלטן דעם היסטאָרישן אמת פון יעזוס לעבן.

יעזוס לעבן איז געווען אַן אָפענער בוך, יעדער שרייבער האָט געקענט האָבן אין זיין באַזיץ היסטאָרישן און ביאָגראַפישן מאַטעריאַל צו איבערגעבן אין אַלע פרטים, יעדעס יאָר פון יעזוס לעבן. עס זיינען ניט געווען קיינע סיבות אַז יעזוס לעבן זאָל געשריבן ווערן אין דער פאָרמע פון צעוואָרפענע לעגענדעס און אין כסדרדיקע ווידערשפּרעכונגען.

לויט די עוואַנגעליעס איז יעזוס געבורט און וווינונגס אָרט געווען נצרת אין גלילה. זיין פאָטער איז געווען יוסף דער זון פון יעקב, לויט לוקאַס יוסף דער זון פון העלי; זיין מוטער איז געווען מרים. עס זיינען געווען ברי־דער און שוועסטער.

מק. 3:6. „איז ניט דאָס דעם סטאָליערס זון, דער זון פון מרים, דער ברודער פון יעקב און יוסי, און יהודה, און שמעון? און זיינען דען ניט זיינע שוועסטער דאָ מיט אנדז?“

אַלע זיינע תלמידים־אַפּאָסטאָלס זיינען געווען איינוווינער פון גליל. די אַפּאָסטאָלס האָבן געלעבט צענדליקער יאָרן נאָך יעזוס טויט, זיין ברודער יעקב האָט פאַרנומען אַן אָנפירענדיקן אָרט אין דער געמיינדע פון די ערשטע קריסטן־נאַזאַרינער. דער הייליקער פעטרוס האָט געלעבט אַרום דריי צענדליק יאָר נאָך יעזוסן, און געווען זייער טעטיק אין פאַרשפּרייטן דעם גלויבן אין דעם משיח יעזוס. יעזוס איז ניט געווען קיין פאַר־היסטאָרישע פערזאָן, פון וועלכן דאָס פאָלקלאָר דורך הונדערטער יאָר שפּינט לעגענדעס, איבערגע־בונגען און מיטאָסן. לויט די עוואַנגעליעס איבערגעבונגען, זיינען געווען צאָלן פון פערזאָנען וועלכע זיינען געווען נאָענט צו יעזוסן, וועלכע האָבן גע־לעבט מיט אים, וועלכע זיינען געווען באַקענט מיט אַלע טעג פון אַלע יאָרן פון זיין לעבן; גיט ניט קיין אורזאַך אַז דאָס לעבן פון יעזוס זאָל געשריבן ווערן נאָר פון זיין לעצטן יאָר.

1) די ערשטע געשריבענע ווערק איבער יעזוס זיינען די בריוו (עפּיסטלס) פון פאולוס (הייליק. פאול). פאולוס איז געוואָרן טעטיק אין

1) געבראַכט אין דעם אַריינפיר.

פריידיקן די „גאָספּעלס פון יעזוס" אַ קורצע צייט נאָך יעזוס טויט. ווען עס זיינען עטאַבלירט געוואָרן די סעקטעס פון די „נאַזאַרינער" האָט פּאולוס גענומען אויף זיך די עובֿדה צו אויסוואָרצלען די משיח־באַוועגונג. ער איז געוואָרן דער איניציאַטאָר און דער אָנפירענדיקער כּוח אין דער פאַרפאָלגונג פון די נאַזאַרינער. פּאולוס איז געווען אַן אינטעלעקט, אַ העלעניזירטער ייִד, געלערנט אין גריכיש, זייער אַ פּייאיקער אָרגאַניזאַטאָר. ער איז זיכער געווען גוט באַקענט מיט דער לערע פון דער סעקטע און מיט זייער משיח, און באַזעסן אַלע אינפאָרמאַציעס פון דעם פּערזאָן־יעזוס; און דאָך ברייננגט פּאולוס אַרויס זיין פולשטענדיקן אונוויסן לגבי דעם לעבן פון יעזוס. פּאולוס הויבט אָן פון יעזוס טויט און רעזורעקציע, און יעזוס גאַנץ לעבן האָט קיין שייכות צו אים; ער מעקט אויס אַבזיכטלעך אין אַלע זיינע בריוו יעדן אָנדיינק פון יעזוסן. די ערשטע לאָגישע און ריכטיקע דערקלערונג איז, ווייל פּאולוס עוואַנגעליע איז געווען דאָס קעגנזעצלעכסטע, היפּוכדיקסטע פון יעזוס לערנונגען: האָט ער דעריבער געפונען פאַר נויטיק אויסלאָזן, איגנאָרירן דעם לעבן און פּריידיקונגען פון לעבעדיקן יעזוס. אָבער דאָס איז נאָר אַ טיילווייזע דערקלערונג, עס קומען וויכטיקערע סיבות. אויב די קאָנטראַדיקטיווע שטעלונג פון פּאולוס צו יעזוס לערנונג וואָלט געווען די איינציקע סיבה פון זיין פאַרשווייגן, וואָלט עס פּאולוס ניט געטאָן. פּאולוס האָט אַריסגעוויזן גרייאַלע פעיִקייטן ווי צו נעמען לערנונגען וואָס זיינען אָפענע קעגנזעצלעכקייטן צו זיין עוואַנגעליע (גאָספּעל) און מאַכן זיי דינען זיינע צוועקן; ער האָט אַזוי מייסטעריש באַארבעט די געשריבענע ווערטער פון אַלטן טעס־טאַמענט, האָט ער עס געקענט גרינגער טאָן מיט די מינדלעכע ווערטער פון יעזוסן. פּאולוס האָט געהאַט אַנדערע מער וויכטיקערע אורזאַכן פאַר אויס־באַהאַלטן יעזוס לעבן פון זיינע נאָכפאָלגער, און פון די ברידער פון זיינע קאָנגרעגאַציעס.

אַזוי פערציק יאָר פון יעזוס לעבן (דערלאָזן נאָך לוקאַס 30 יאָר) ווערן פאַרשווונדן פון די בלעטער פון פּאולוס עפּיסטאָלס און פון די פיר עוואַנגע־ליעס, און פון זכרון פון דער קריסטליכער קירך. פּאולוס דערמאָנט ניט יוחנן דעם טובֿלער, עס עקזיסטירן ניט פאַר אים די לעבענס פון ביידע, פון יעזוס און יוחנן, ער מעקט זיי אויס פון זיין זכרון.

עס איז דאָס גרעסטע אוממעגלעכקייט אַז אַזאַ פּערזאָן ווי יעזוס — לויט דער איבערגעבונג פון די עוואַנגעליעס — אַזאַ טיף גלויביקער, אַפּאָקאַליפּ־טיש מיסטישער, פול מיט זאָרג פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע, מיטן פולסטן גלויבן אין גיכן אָנקומען פון גאָטס מלוכה אויף דער ערד, מיט זעל און לעבן איבערגעגעבן צו דער „הויז פון ישראל": זאָל זיך פולן יונגן לעבן פירן אין אַקטיוולאָזיקייט, און אין באַמערקלאָזיקייט, אין פולער אַבסקוראַנ־טישקייט; און אויך ער זאָל ווערן פאַרלאָרן אין אומבאַוווסטקייט אין זיין געבורטס־שטאָט, און אין די געגענטן פון גלילה. יעזוס איז זיכער געווען טעטיק אין זיין גאַנץ דערוואַקסענעם לעבן. וואָרום ווערט זיין לעבן פאַרשוויגן

פון דער קירך־טראַדיציע, פון פּאולוסן, פון די עוואַנגעליע שרייבער און פון אויטאָר פון די אַקטן פון די אַפּאָסטאָלס?

לוק. 19:20. „מערי האָט נאָכגעטראַכט די אַלע זאַכן אין וויכטיקער ערנסטקייט אין איר האַרצן."

זיין מוטער מרים האָט געהאַלטן אין איר האַרצן חוץ די איבערנאַ־טירלעכקייט פון געבורט, אויך די נאַטירלעכקייט פון זיינע דריי צענדליק יאָר, און מערערע פון זיין לעבן; די ברידער און שוועסטער, דער ברודער יעקב (דזשיימס): זיי זיינען דאָך געווען די וויכטיקסטע און זיכערסטע קוואַלן פאַר אינפאָרמאַציע פאַר אַלע יאָרן פון יעזוס לעבן. מען דאַרף אַפילו ניט גיין צו די נאָענטסטע קוואַלן ווי מוטער, משפחה און אַפּאָסטאָלס, אַפילו די איינוווינער פון נצרת זיינען געווען באַקענט מיט יעזוס לעבן. אין אַ קליינער שטאָט קענען די איינוווינער איינע די אַנדערע, זיי וויסן וואָס עס קומט פאָר אין יעדער משפחה; אַזוי זיינען צענדליקער זייטיקע מענטשן געווען באַקענט מיט יעזוס לעבן ביז זיין טובלונג פון יוחנן.

נאָך די אַלע אָנווייזונגען איז בולט אַז יעזוס איז געווען פאַר אַ צייט אויסער זיין וווינונג שטאָט 'נצרת'. שטייען מיר ווידער פאַר דער פראַגע, ווו האָט יעזוס פאַרבראַכט די דאָזיקע צייט, און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין טעטיקייט?

איבערהויפּט נאָך יעזוס טראַגישן טויט, נאָך דעם גלויבן אין זיין אויפשטיין: האָט דאָך געמוזט אויפוועקן און אַרויפברייגגען אין דעם זכרון אונצאָליקע געשיכטעס פון יעזוס פערציק יאָריקן לעבן. ביז דער טבילה פון יוחנן איז, אָן קיין שום ספק, יעזוס לעבן געווען רייך מיט פיל פּאַ־סירונגען, אינצידענטן, אויפטרערטונגען און געשעענישן: אָבער עס איז פאַררהילט פון דעם אַלוויסן פון די אויטאָרס פון די עוואַנגעליעס, און פון דער שאַפענדיקער ריכטונג פון די קריסטלעכע קירכעס. צום וויניקסטנס האָט געדאַרפט דערגרייכן צו אונדז יעזוס לעבן ביז דער טבילה (טויפונג), כאָטש אין דער פאָרמע פון לעגענדעס. עס זיינען געווען אורזאַכן וואָס האָבן אַרויפגעצוווּנגען די פאַרשוויגונג און אויסמיידונג פון די דרייסיק יאָר פון יעזוס לעבן (לויט לוקאַס); די זעלבע אורזאַכן האָבן אויך דיקטירט די שרייבער פון די עוואַנגעליעס צו מאָלן יעזוסן נאָר פון דעם לעצטן יאָר אָדער צוויי פון זיין לעבן, די דאָמינירענדיקע טענדענץ איז געווען: אַרייג־פּאַסן די פערזאָן פון יעזוס אין דער נייער פּערצעפּציע, אין דעם נייעם אויפנעם און טעאָלאָגיע פון די עקזיסטירענדיקע קריסטלעכע קירכעס. צו אַזאַ אופן פון שרייבן דאַרף מען צוגיין מיט אַ געוויסער מאָס פון פאָר־זיכטיקייט, מחמת דאָרט איז מער אויטאָר ווי יעזוס. עס איז אַזוי אויס־געמישט די פּערצעפּציע פון די קירכעס מיט די איבעראַרבעטונגען, און מיט דעם כוח הדמיון פון די עוואַנגעלישע שרייבער לגבי יעזוסן און זיינע רייד, אַז מען מוז באַזיצן אַן אויסדויערענדיקן כוח צו פאַנאַנדערקלייבן זיך

אין דער אווטענטישקייט פון יעזוס, פון אויסטיילן אים פון אַלץ צו אים צוגעשריבנס.

די קריסטליכע קירכעס האָבן אָנגענומען פאַר אַ הייליקן חוב צו שרייבן וועגן יעזוס אַזוי ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן דורך די צענדליקער יאָרן פון דער אַנטוויקלונג פון זייערע קירכעס. פאַר דעם צוועק האָבן זיי געהאַלטן איז יעדעס מיטל עטיש און הייליק.

עס איז אָנגענומען געוואָרן ביי די קירכעס און שרייבער צו אַריינלייגן זייערע אייגענע געדאַנקען און אידייען אין יעזוס מויל, זיי האָבן דאָס געטאָן און טוען כדי צו פאַרשטאַרקן די הערליכקייט פון יעזוס. דעם פּרעצעדענט האָט שוין פּאולוס געלערנט.

רוימער, 7:3. „וואָרום אויב דער אמת איז מער פאַרגרעסערט געוואָרן דורך מיין ליגן אין זיין הערליכקייט (גלאָריע), וואָרום בין איך נאָך פאַרדרעכנט אַלץ זינדער?"

די קריסטלעכע שרייבער איבער יעזוסן, האָבן געלאָזן ליידיק פיל בלעטער פון יעזוס ווירקלעכן לעבן. דער פאַרשענדיקער גייסט פון די זוכער פון דער געשיכטע פון רעליגיעס פּרוווט אַריינקוקן אין די ליידיקע זייטן, און אויך אין די אויסגעפילטע בלעטער פון יעזוס לעצטע חדשים.

אויך איז אַ פראַגע: ווי אַזוי האָט געקענט יאָזעפוס אויסלאָזן די רעלי־גיעזע באַוועגונג וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַרום דעם געקרייציקטן יעזוס? די טעסטימאָניום אין די 'אַלטערטימער' און 'מלחמות' איבער יעזוסן זיינען אַ זיכערע אינטערפּאָלאַציע פון שפּעטערדיקע קריסטליכע הענט.

טאַציטוס, וואָס האָט געלעבט ביז דעם 65־טן יאָר פון דער ג.ע., האָט נאָר איינציקע ווערטער איבער יעזוס אַז ער איז געקרייציקט געוואָרן דורך פּילאַטוסן. עס איז אויך ניט מער ווי אַן איבערגעבונג פון קריסטלעכע קוואַלן.

וואָרום געפינט זיך גאָר ניט ביי די היסטאָריקער פון יענער צייט איבער יעזוס און דער רעליגיעזער באַוועגונג אַרום זיין פּערזאָן? זיי האָבן אויך ניט אַריינגעשריבן קיין זאַך אין די ליידיקע בלעטער פון יעזוס גע־שיכטע אָדער ביאָגראַפיע.

עס פאָדערט זיך אַ דערקלערונג.

די איינציקע שרייבער פון יעזוס לעבן זיינען מאַרקוס, מאַתיא, לוקאַס, יאָהאַן און די אַקטן פון די אַפּאָסטאָלס. זיי זיינען די אומגעשיכטלעכסטע ביכער אין דער וועלט ליטעראַטור וואָס האָבן זיך פאַרנומען צו שרייבן רעליגיעזע געשיכטע און ביאָגראַפיע. זיי זיינען טענדענציעזע שריפטן פאַר אַ באַוווסטן צוועק, אַבזיכטלעך צו שאַפן געשעעניש, האַנדלונגען און רייד וועלכע זאָלן דינען געוויסע ריכטונגען און דאָקטרינעס. ביכער וואָס זיינען באַגרינדעט אויף קיינע דאָקומענטן און רעקאָרדס, אויף קיינע פאַראַנט־וואָרטלעכע מקורות. עס איז נאָר מינדלעכע טראַדיציע געמאָלן נאָך דעם אייגענעם ווונטש און ווילן כדי זיי אַריינפּאַסן אין זייער קריסטליכער טעאָ־

לאָגיע. די ביכער זיינען קאָנטראַדיקציעס און אונבאַשטעטיקייטן; פול מיט פערזענלעכער בייקייט, און אומבאַגרינדעטע פאַרוואורפן און באַשולדיקונגען. דאָס זיינען ביכער נאָר פון איין יאָר פון דער ביאָגראַפיע פון יעזוס.

דערפאַר די אַלע וואָס זוכן אין די ליידיקע זייטן פון יעזוס געשיכטע קומען צו פאַרשיידענע מסקנות.

אַ טייל קומען צום שלוס אַז יעזוס איז ניט קיין היסטאָרישע פּערזאָן, עס איז נאָר אַ מיטאָס, אַז עס האָט עקזיסטירט אַן אַלטע מיסטישע סעקטע וועלכע האָט פּאַגאַנישע מיטאָסן און מיסטעריען פאַריידישט. די געהיימע סעקטע איז צום סוף אַרויסגעקומען אין דער עפנטליכקייט מיט איר געקרייציקטן משיח. שפּעטער איז אַנגענומען געוואָרן אַז דער משיח האָט ווירקלעך עקזיסטירט, געקרייציקט געוואָרן, און לעבעדיק געוואָרן און איז אַרויף אויפן הימל.

די הויפּט אָנהייגער פון דער דאָקטרינע זיינען א. ב. סמיטה אין „עססע דעוס"; און דר. דזש. מ. ראָבערטסאָן — קריסטענטום און מיטאָלאָגיע; א. דריוס — 'קריסטוס מיטאָס'.

אַנדערע זיינען פון דער מיינונג אַז יעזוס איז זיכער אַ היסטאָרישע פּערזאָן. 1) יעזוס איז געווען אייגנ פאַרבונדן מיט יידיש לעבן און יידישע אַספּעקטן. יעזוס האָט ניט געלעבט אין אַ חלל, די בלעטער פון זיין ביאָגראַפיע זיינען ניט געווען ליידיק. ער האָט געווירקט פיל יאָרן אין יידישן לעבן, און רעאַגירט אויפן גאַנג פון געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע. נאָר אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם גלויבן אין משיח־יעזוס צווישן די אומות־העולם, האָט זיך אויך געמוזט בייטן די פּערזאָן פון יעזוס. די 'דזשענטיילס' פון דער רוימישער אימפּעריע האָבן ניט געהאַט קיין שייכות און קיין אינטערעס צו אַ באַציונג פון אַ קריסטוס צום יידישן לעבן, צו יידישע האָפענונגען און יידישע אַספּיראַציעס. זייער קריסטוס האָט געדאַרפט זיין נאָענט צו זייער ניט־יידישער תפיסה פון גאָטהייט, אין איינקלאַנג מיט זייער מיטאָס, און מיסטעריעס.

די גוישע (דזשענטייל) וועלט איז ניט געווען פריינדלעך אין אַלגעמיין צו יידן. איבערהויפּט האָבן זיך די גריכן אויסגעצייכנט מיט זייער יידן פיינטשאַפט. זיי האָט אינגאַנצן ניט אנגעשטאַנען און געווען דערווידער אַז זיי זאָלן איבערנעמען זייער גלויבן פון די יידן. אָבער עס איז געווען אַ געשאַפענער פאַקט אין דער ווירקלעכקייט, דער גלויבן אין קריסטוס יעזוס האָט זיך באַפעסטיקט אין פיל צאָליקע צענטערן, מיט געשאַפענע קירכן, גייסטליכע, פּריידיקער און שפּרייטער פון דעם גלויבן. האָט זיך געשאַפן די טענדענץ צו אַרויסנעמען יעזוסן פון יידישער סביבה, פון דער יידישער באַציע און פון דער יידישער תורה און גלויבן. עס איז ניט געווען אַזוי גרינג די טענדענץ אינגאַנצן אַריינפירן אין די קירכעס, ווייל עס האָט געהערשט

1) זע ראָבערט איזלער — „יעזוס און יוחנן."

די מינדלעכע טראַדיציע פון יעזוס יידישקייט. האָבן די אינטעלעקטן, די טאַטעס פון די קירכעס, אָנגעהויבן פורעמען, באַפאַרבן, קאָנסטרואירן די איבערגעבונגען נאָך זייער ווילן און ריכטונג. כדי צו שלאָגן די אָנהייגער פון דער אַלטער טראַדיציע האָט מען אָנגעהויבן שפּרייטן האָס צו יידן, און באַשולדיקן זיי אין אַל דאָס בייז. פריער האָט מען אָנגעהייבן באַשולדיקן די פרושים, די צדוקים, דערנאָך אַלע יידן. און די פיינדשאַפט צו די פרושים און יידן האָט מען אַריינגעטאָן אין יעזוס מויל. מיט דער צייט האָט מען יעזוסן אינגאַנצן אַרויסגענומען פון יידישן כלל: מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ ניט דערקענער פון יידישן אַלטן גלויבן, און געבראַכט פאַר דער דזשענ־טייל־וועלט אַ נייעם גלויבן.

אָט די ריכטונג, בעסער ריכטונגען וואָס האָבן געהערשט אין פאַר־שידענע קירכעס אין פאַרשידענע צייטן, האָבן אַרויסגעבראַכט די אַוטאָרן פון די עוואַנגעליעס.

אין די אינטערעסן פון די קירכעס איז געווען אַז זייערע 'קרידס' זאָלן אַנהאַלטן און ניט קיינע אַנדערע. אַלע שריפטן און רעקאָרדס וואָס האָבן ניט געשטימט מיט זייער שיטה זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. עס איז נאָר געשאַפן געוואָרן די געשיכטע פון איין יאָר, און די איבעריקע זאָכן געלאָזן ליידיק אין דער ביאָגראַפיע פון יעזוס.

## נסיון פון שטן

קדם דעם אָנפאַנג פון מאתיא קאַפּ. 4 איז צוליב בעסערער פאַר־שטענדיקונג כדאי צו ברייגנען מאַרקוס.

מק. 12:1. „מאַרק פאַרענדיקט דעם פאַריגן זאַץ — דו ביסט מיין באַ־ליבטער זון אין וועמען איך בין וויל געפעליקט" און עס פאָלגט: "און תיכף דער גייסט (ספּיריט) טרייבט אים (יעזוס) אין מדבר."

מק. 13:1. „און ער איז געווען אין דער מדבר פערציק טעג, אין געווען געפרוווט פון שטן; און ער איז געווען מיט די ווילדע חיות; און די מלאכים האָבן באַדינט אים."

פש. וואָס האָט געקענט דיקטירן די לעגענדע פון דעם נסיון (טעמפּ־טאַציע)? שטן האָט יעזוסן פאַרטריבן אין מדבר, און ער איז געווען פערציק טעג אונטער דעם טיקולס רשות, אויך איז ניט קלאָר אין וואָס איז באַ־שטאַנען די באַדינונג פון די מלאכים: האָבן זיי געשטאַרקט יעזוסן, אָדער געווען מאַכטלאָז קעגן דער מאַכט פון שטן. לוקאס און מאתיא באַנוגענען זיך ניט מיט דעם קורצן מאַרקוס באַריכט פון נסיון, זיי מאַכן פון דערויף אַן עקספּאַנסיע, און זוכן צו דערקלערן אין וואָס איז באַשטאַנען שטנ'ס פּרווונג.

לק. 1:4. „יעזוס זייענדיק פול מיט דעם הייליקן גייסט רוח הקדש)

האָט זיך אומגעקערט פון ירדן, און איז געוואָרן אַוועקגעפירט דורך דעם גייסט (ספּירִיט) אין דער ווילדערניש.״

לק. 2:4. „זייענדיק פערציק טעג געפרוווט פון דעם טייוול. און אין יענע טעג האָט ער גאָרניט געגעסן: און ווען זיי (די 40 טעג) האָבן זיך געענדיקט, נאָך דערויף איז ער געוואָרן הונגעריק.״

**עס פאָלגט מאתיאס ווערסיע.**

מת. 1:4. „דאַן איז יעזוס געוואָרן אַוועקגעפירט פון דעם גייסט אין דער ווילדערניש צו ווערן געפרוווט פון דעם טייוול.״

מת. 2:4. „און ווען ער האָט געפאַסט פערציק טעג און פערציק נעכט, איז ער נאָך דערויף געוואָרן הונגעריק.״

**פש. אויב יעזוס האָט געקענט ווערן הונגעריק, איז ער דאָך געווען הונגריק אַ סך פריער ווי עס האָבן זיך געענדיקט די פערציק טעג.**

מת. 3:4. „און ווען דער שטן איז געקומען צו אים, האָט ער געזאָגט, אויב דו ביסט דער זון פון גאָט, באַפעל אַז דיזע שטיינער זאָלן ווערן ברויט.״

מת. 4:4. „אָבער ער (יעזוס) האָט געענטפערט און געזאָגט, עס איז געשריבן, אַז דער מענטש זאָל ניט לעבן דורך ברויט אַליין, נאָר דורך יעדעם וואָרט וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון גאָט.״

**פש. לוקאַס גיט איבער דאָס זעלבע ווערטערלעך און אויך ברייִנגט ער דעם זעלבן פסוק פון דברים 6:16, און אויך דריקט ער זיך אויס מיט די זעלבע ווערטער ווען עס ווערט געבראַכט אַן אויסצוג פון דער ביבל, „עס איז געשריבן.״**

מת. 5:4. „דאַן דער טייוול נעמט אים אַרויף צו דער הייליקער שטאָט און זעצט אים אַוועק אויף אַ שפּיץ פון בית המקדש.״

מת. 6:4. „און האָט געזאָגט צו אים, אויב דו ביזט דער זון פון גאָט, וואַרף זיך אַרונטער; ווארום עס איז געשריבן, ער וועט זיינע מלאכים אָנזאָגן וועגן דיר: און אויף זייערע הענט וועלן זיי דיך טראָגן, טאָמער אין וועלכער עס איז צייט דו וועסט צעשלאָגן דיין פוס אָן אַ שטיין.״

**פש. לוקאס כמעט דאָס זעלבע, און אויך דער שטן ציטירט די הייליקע שריפטן און זאָגט: „ווי עס איז געשריבן״ און ברייִנגט אויך די פסוקים פון תהלים 11:91, 12.**

מת. 7:4. „יעזוס האָט געזאָגט צו אים, עס איז ווידער אויך געשריבן, דו זאָלסט ניט פּרוּווּן דיין גאָט, דיין האַר.״

**פש. לוקאַס דאָס זעלבע און ברייִנגט אויך דאָס זעלבע „ווי עס איז געשריבן״, פון דברים 16:6.**

מת. 8:4. „„ווידער דער טייוול נעמט אים אַרויף אויף אַ זייער הויכן

---

1) די פּאַרענטעסעס זיינען מיינע.

באַרג און ווייזט אים אַלע קעניגרייכן פון דער וועלט, און די הערלעכקייט פון זיי."

מת. 9:4. „און געזאָגט צו אים, די אַלע זאַכן וועל איך דיר געבן, אויב דו וועסט נידערפאַלן און קניען פאַר מיר."

מת. 10:4. „דאַן האָט יעזוס געזאָגט, גיי פון דאַנען, שטן: וואָרום עס איז געשריבן, דו זאָלסט זיך בוקן צו דער האַר דיין גאָט (יאַהווע דיין גאָט), און נאָר צו אים זאָלסטו דינען" (דברים 16:6; 20:10).

מת. 11:4. „דאַן דער טייוול פאַרלאָזט אים, און זע, מלאכים זיינען געקומען און געדינט אים."

**פש. עס מערקט זיך דאָ ניט אַז יעזוס זאָל ריידן צום שטן מיט „אויטאָריטעט"; די איינציקע אויטאָריטעט באַלאַנגט צו די הייליקע שריפטן, מיט וועלכע יעזוס און דער שטן באַנוצן זיך.**

**לוקאס דערקלערונג איז פּאַראַדאָקסאַל: ווען יעזוס איז געווען פול מיט דעם הייליקן גייסט, איז ער אַוועקגעפירט געוואָרן פון שטן אין די מדבריות; עס מיינט אַז דער שטן קריגט מאַכט ווען זיין אָביעקט ווערט אָנגעפילט מיט דעם הייליקן גייסט.**

**לוקאס גיט איבער דאָס זעלבע, ווי זיי ביידע וואָלטן קאָפּירט פון איין מקור, אָדער לוקאס קאָפּירט מאתיא; נאָר לוקאס ציט אויס דעם פּסוק 9 פון מאתיא.**

לק. 6:4. „און דער טייוול האָט געזאָגט צו אים, די גאַנצע מאַכט וועל איך דיר געבן, און די גלאָריע פון זיי: וואָרום דאָס איז איבערגעגעבן צו מיר; און צו וועמען איך וויל גיב איך."

**פש. דער שטן רעדט מיט אַזאַ חוצפּה צו גאָטס זון, ווי ער זאָל האָבן מער אויטאָריטעט און מאַכט ווי גאָט. די לעגענדע האָט געקענט געבאָרן ווערן אין מח פון אַן אָפּשטאַמער פון פּאַגאַניזם. לויט דער יידישער קאָנצעפּציע, און לויט דער יידישער תפיסה פון דער ביבל, האָט דער שטן, ניט נאָר קיין מאַכט איבער גאָט, נאָר באַזיצט ניט קיין שום מאַכט: סיידן די מאַכט ווערט אים געגעבן פון גאָט. דער שטן קען טאָן נאָר דאָס וואָס איז אים דערלויבט פון גאָט צו טאָן, און ניט מער.**

**איוב: 12. „האָט גאָט געזאָגט צום שטן: אָט איז אַלץ וואָס איז זיינס אין דיין האַנט, נאָר אויף אים זאָלסטו ניט אויסשטרעקן דיין האַנט."**

**די יידישע פּערצעפּציע פון שטן איז: אַז ער זוכט נאָר שולד און זינד אויף דעם פאָלק ישראל און אויף אויפן איינצעלנעם. דעם שטנס טעטיקייט באַשטייט אין דערויף וואָס ער טראָגט שלעכטע רעפּאָרטן וועגן די מענטשן צו גאָט, ער ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען שטן מקטרג.**

**דער נסיון איז אַן אַלעגאָריע וועלכע באַצוועקט עפּעס אַרויסברייננגען. עס ענטהאַלט אין זיך, ערשטענס, אַז יעזוס איז דורכגעגאַנגען אַ גרויסן נסיון; צווייטנס, עס איז פאָרגעקומען אין דער מדבר; דריטענס, עס איז**

געווען אַ פּערספּעקטיווע פאַר יעזוסן, מאַכט און כבוד. אויך איז יעזוס געשטאַנען פאַר אַ סכנה פאַר זיין לעבן. צום סוף איז יעזוס אַרויסגעקומען אונבאַשעדיקט און אונבאַווירקט.

ווידער די אַלעגאָריע גייט זיך אין גאַנצן פאַנאַנדער מיט די ריכ־טונגען און דאָגמעס פון דער קריסטלעכער קירך. דאָ דערשיינט יעזוס ווי אַ מענטש וואָס איז דערקענט ביי גאָט אַלץ זיין באַליבטער זון. יעזוס איז אין גאַנצן אָפּהייגניק פון גאָט. גאָט איז אינקאַרנירט געוואָרן אין יעזוס, און יעזוס אליין איז גאָט; איז ווי אַזוי קען דער שטן האָבן איבערגעוועלטיקייט אויף גאָט?

די אַלעגאָריע פון יעזוס און שטן וואַרפט אַ שטראַל פון ליכט אויף דער פראַגע וואָרום פאַרשוויגן די עוואַנגעליעס און די קירך יעזוס פערציק יאָר לעבן.

יעזוס לעבן איז געווען ניט אין איינקלאַנג מיט דעם ענטוויקלטן גלויבן פון דער קריסטלעכער קירך פון סוף ערשטן און אין משך פון צווייטן יאָרהונדערט. די קירך האָט דאָס פאַרענטפערט אַז יעזוס לעבן ביז דער טויפונג פון יוחנן איז געווען ניט אויפן ריכטיקן וועג. זיין משיחיזם איז געווען אין גאַנצן יידיש, און זיין הויפּט זאָרג איז געווען פאַרן הויז פון ישראל, ער האָט ניט געדולדיקט אַז די היידענישע רוימער זאָלן געוועל־טיקן איבער גאָטס פאָלק און גאָטס לאַנד, ווהיין באַלד וועט אָנקומען די מלוכה פון הימל. יעזוס שפּעטערדיקע אויסדריקן ווי ער באַצייכנט די היידענס אַלץ הינט, נעמט זיך פון זיין קעגנערשאַפט צו די רוימער.

די קירך האָט פאַרענטפערט אַז יעזוס לערנען און טעטיקייטן ביז דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן איז געווען באַווירקט פון שטן, דעריבער איז געשאַפן געוואָרן דער אַבזיכטלעכער צוועק צו אויסמיידן די אַלע יאָרן פון דער געשיכטע פון זיין לעבן, און אַ דערמאָנונג פון דעם דערציילט די אַלעגאָריע פון שטן.

וואָרום זאָל פאַרקומען די זאַך פון נסיון? אַ מענטש קען באַזיצן אין זיך טוגענטן, פולן גלויבן אין גאָט, אָבער אויך שוואַכקייטן, קליין גלויבן, און לוסט צו כבוד און גרויסקייט. אַזאַ מענטש קען געפּרווט ווערן צו זען אויב ער קען ביישטיין דעם נסיון.

יעזוס איז דאָך געווען שוין געהערלעכט פון גאָט, ער איז געווען ריין פון זינד, אַז אַפילו יוחנן האָט געזאָגט אַז ער דאַרף זיך טובלען פון אים; ווייל יעזוס האָט קיין זינד ניט אויף וועלכע ער דאַרף תשובה טאָן. וואָרום האָט אים גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון טייוול צו פּרווון אים, האָט גאָט ווען ער האָט געעפנט די הימלען און אויסגערופן ׳דו ביסט מיין באַ־ליבטער זון׳, געצווייפלט אין יעזוס פולשטענדיקער רעכטפערטיקייט?

אַ פּאַראַלעל צו דער דערציילונג פון יעזוס און דעם שטנ׳ס פּרווו

געפינט זיך אויך אין די דערציילונגען פון בודא. ווען דער בודיסאט 1) האָט פאַרלאָזן די טויערן פון זיין שטאָט צו זוכן גערעכטיקייט און פערפעקציע, האָט ׳מארא׳ (שטן) מיטן צוועק צו אָפּהאַלטן אים אויסגעשריען: „מיין האר, גיי ניט, אין זיבן טעג וועל איך דיך מאַכן אַ הערשער איבער פיר קאָנטי־נענטן. בודא האָט געענטפערט אַז ער זוכט ניט קיין הערשונג און ניט קיין אוצרות, ער זוכט צו ווערן בודא און אויסלייזן די וועלט פון שלעכטס, און ברייינגען גערעכטיקייט. האָט מארא פאַראורזאַכט אַ מוראדיקן שטורם וואָס האָט אַרונטערגעריסן די שפיצן פון די בערג און געשליידערט אויף אים. נאָר גאטאמא איז געווען ניט באַשעדיקט: די שטיינער פון די פעלזן זיינען געפאַלן צו זיינע פיס אין גאַרלאַנדן פון בלומען. מארא זעענדיק אַז ער קען אים ניט שעדיקן האָט ער גערופן די טעכטער פון אפּזאראס און אַנגעזאָגט זיי אַז זיי זאָלן געווינען בודא דורך זייער שיינקייט און רייץ. אָבער בודא האָט די פרויען געלערנט די נישטיקייט פון פאַלשע פאַרגעניגענס. אַזוי די פערפעקציע און דאָס שטרעבן צו דער קיניגרייך פון גערעכטיקייט האָבן באַזיגט דעם שטן־מארא. דאַן האָבן די מלאכים געזונגען:

„דער געבענטשער בודא, ער איז איבערגעקומען,
און דער איבל־מארא איז אומגעוואָרפן.״*

אויך זיינען פאַראַן לעגענדעס, ווי אַכרימאַן, דער בייזער גאָט פון די פערסיער, האָט געזוכט צו פרווון דעם נביא זאראטוסטרא. ער האָט אים צוגעזאָגט מאַכט און רייכקייט. זאַראַטוסטראַ איז בייגעשטאַנען.

לוק. 13:4. „און ווען דער טייוול האָט געענדיקט די גאַנצע פרווו, האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון אים פאַר אַ צייט.״

לוק. 14:4. „און יעזוס האָט זיך אומגעקערט אין דער מאַכט פון גייסט אין גליל: און דאָרט איז אַרויס דער רום וועגן אים אין אַלע געגענטן רונד אַרום.״

לוק. 15:4. „און ער האָט געלערנט אין זייערע סינאַגאָגעס, זייענדיק געהערליכט פון אַלעמען.״

פש. דער לעצטער זאַץ ווייזט קלאָר די באַציונג פון דעם אויטאָר פון דער עוואַנגעליע. תיכף ווי יעזוס איז באַפרייט געוואָרן פון שטן, מיט וועלכן ער האָט געקעמפט מיט די איינצעלנע וואָפן וואָס זיינען באַשטאַנען אין אויס־צוגן פון די הייליקע שריפטן, איז יעזוס אַוועק צו די יידן אין גליל, זיין רום האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַלע געגענטן פון יהודה און גליל. זעלבסט פאַר־שטענדלעך: יעזוס האָט אָנגעהויבן ווירקן צווישן די יידן פון דער הויז פון

1) בודיסאט איז דער נאָמען איידער ער איז אין הימל דערקענט געוואָרן פאַר דעם בודהא.

* דזשעוטאקא טיילס, איבערזעצט פון דאוויד.

ישראל, און ניט אין עפעזוס, ניט אין אנטיאך, און אויך ניט אין רוים. יעזוס הויפט אָרט פון פּריידיקן איז געווען די בית־הכנסת (סינאַגאָגע), די בתי־כנסיות (סינאַגאָגעס) אין גליל זיינען געווען ייִדישע, דאָרט זיינען ניט געווען קיינע גוישע (דזשענטייל) סינאַגאָגעס: דעריבער זיינען אין גליל ניט געווען אונדזערע און „זייערע" סינאַגאָגעס. אַזוי וואָרום האָט לוקאַס געדאַרפט אַריינשטעלן דעם וואָרט 'זייערע'? עס איז געווען נאָר זיין כוונה, צו מאַכן יעזוסן פאַר ניט קיין יידן, אָפּטיילן אים פון די יידישע סינאַגאָגעס און פון יידישן כלל.

אַזוי שאַפט לוקאַס דעם פּאַראַדאָקס: 'זייערע סינאַגאָגעס', און גע־הערלעכט פון אַלעמען.

מת. 12:4. „איצט ווען יעזוס האָט געהערט אַז יוחנן איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, איז ער אַוועק אין גליל."

מת. 13:4. „און פאַרלאָזנדיק נצרת, איז ער געקומען און געוווינט אין כפר־נחום (קאַפּערנאום), וואָס איז אויפן ים ברעג אין די גרעניצן פון זבולון און נפתלי.

מת. 12:4. „אַז עס זאָל פאַרפולט ווערן וואָס איז גערעדט געוואָרן דורך ישעיה דעם נביא, זאָגנדיק,

מת. 15:4. „דו לאַנד זבולון און דו לאַנד פון נפתלי ביי דעם וועג פון דעם ים, הינטער דעם ירדן, דער גליל פון די פעלקער" (דזשענטיילס).

פּש. וואָס מיינט דאָ מאתיא מיט די ווערטער, אַז עס זאָל פאַרפולט ווערן די רייד פון נביא ישעיה? עס מיינט אַז דער נביא האָט פאַראויסגע־זאָגט אַז יעזוס וועט קומען פון נצרת צו וווינען אין כפר נחום. עס איז אַ מטושטשע אויספּרעכונג אין די גרעניצן (באַרדערס) פון זבולון און נפתלי. כפר נחום, די קליינע שטאָט, האָט זיך דאָך ניט געקענט געפינען אויף אַלע גרעניצן פון דער טעריטאָריע פון זבולון און נפתלי. קען מען מאַכן די הנחה אַז מאתיא האָט געמיינט אויפן גרעניץ צווישן זבולון און נפתלי. די גרעניצן זיינען שוין אָפּגעווישט פון הונדערטער יאָרן צוריק פאַר מאתיא, ווו האָט ער גענומען די אַקוראַטנע לאַנד־מעסטונג צו באַשטימען די פּינקט־ליכע גרעניצן צווישן זבולון און נפתלי? אין דער צייט פון ישעיה איז ניט געווען גליל אָדער גלילה, דער נאָמען פון דעם צפונדיקן טייל פון פּאַלע־סטינע, דאַן האָט זיך עס גערופן ישראל אָדער אפרים. דער נביא ישעיה דריקט אויס מיטן וואָרט גליל די מיינונג געגנט אָדער קרייז.

אונטער דער ליכט פון פאַרשטענדיקונג פון דאָס געשריבענע פון ישעיה, און פון ריכטיקער איבערגעבונג די מיינונג און רייד פון נביא: קומט מען צו דער איבערצייגונג אַז דער נביא ישעיה האָט ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג פון כפר נחום, און נאָך ווייניקער פון יעזוס.

יעזוס איז דאָך ניט פּלוצונג אַראָפּגעקומען פון ניט ערגעץ און אַריין אין קאַפּערנאום. ער האָט דאָך זיין גאַנצן לעבן געוווינט אין גליל און די

אומגעגנגטן. קען מען זיך משער זיין אַז יעזוס האָט שוין געמאַכט אַ פיינע צאָל וויזיטן אין כפר נחום אָן ישעיה׳ס נבואה.

ווידער, דער נביא רעדט דאָ פון פאָלק ישראל, און ניט פון פער־זענליכקייטן און פון זייער וויינונגס־פּלאַץ.

ישעיה 23:8. „ווארום ניטאָ קיין מיד ווערן ביי דעם וואָס דריקט זי (ישראל); אַצינד האָט דער ערשטער אָנגערירט לייכט, לאַנד זבולון און לאַנד נפתלי, אָבער דער לעצטער וועט אָנפּאַלן שווער אויפן וועג פון ים, פון יענער זייט ירדן אין דעם געגנט (גליל) פון די פעלקער.״

קאַפּערנאום איז אויף דעם מעריב זייט פון ירדן, און ניט הינטערן ירדן.

מתת 16:4. „און דאָס פאָלק וואָס איז געזעסן אין פינצטערניש האָט געזען אַ גרויס ליכט; און צו די וואָס זיינען געזעסן אין דעם געגנט אין שאָטן פון טויט, איז ליכט אַרויסגעקומען.״

**פש.** מיט דעם פסוק וויל מאתיא אויך באַווייזן אַז די ליכט האָט דער נביא געמיינט יעזוסן. וואָלט עס געווען פיין, אָבער וואָס קען מען טאָן מיט דעם נביא ישעיה וועלכער דערקלערט אַז די גרויס ליכט און גרויס פרייד איז איבער דערויף וואָס גאָט האָט צעבראָכן די מאַכט פון די יידישע אונטער־דריקער, און אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די שונאים.

ישעיה 3:9. „ווארום דעם יאָך פון זיין לאַסט, און דעם שטאַנג פון זיין נאַקן, די רוט פון זיין דריקער, האָסטו צעבראָכן ווי אין טאָג פון מדין.״

די נבואה פון ישעיה רעקאָרדירט נאָר מאתיא אַליין, און ניט די אַנדערע שרייבער .

מת. 17:4. „פון יענער צייט אָן האָט יעזוס אָנגעהויבן צו פּריידיקן, און צו זאָגן, ׳טוט תשובה ווארום די מלוכה פון הימל איז נאָענט׳.״

**פש.** עס וואָלט געווען מער היסטאָריש ריכטיק ווען מאתיא שרייבט: זינט יענער צייט האָט יעזוס איבערגענומען יוחננס פריידיקן פון ׳טוט תשובה, ווארום די מלוכה פון הימל איז נאָענט!׳

יעזוס האָט אָנגעפירט זיינע פריידיקונגען אין די יידישע סינאַגאָגעס ווו מען האָט אים אויפגענומען בכבוד. יעזוס קומט גלייך נאָך דעם נסיון — לויט מאת. און לוק. — אין זיין היים־שטאָט נצרת ווו עס וווינט זיין גאַנצע משפּחה. אין דעם טאָג פון שבת קומט יעזוס אין דער סינאַגאָגע, נאָכן מנהג פון אַלע יידן. שפּעטער וועט יעזוס באַצייכענען אַז ער קומט נאָר צו דער הויז פון ישראל, עס מיינט אָן אייגענער ייד צו אייגענע יידן.

די עוואַנגעליע אויטאָרס פאַרצייכענען דעם עפּיזאָד צענדליקער יאָרן שפּעטער, ווען עס האָבן שוין עקזיסטירט עסטאַבלירטע קירכעס אין קריסטלעכן גלויבן, און אויך פאַרשידענע שיטות פון גלויבן, און אַ שטאַרקער אַנטאַגאָ־ניזם צו דער יידישער אמונה. אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט אַ גרויסער אונטערשייד פון אונדזערע און זייערע.

אַזוי, ווען אַלע דריי אַווטאָרס אין די ערשטע טעג פון יעזוס ׳מיניס־טירונג׳, באַנוצן די ווערטער „ער האָט געלערנט אין זייערע סינאַגאָגעס״, איז דער אויסדרוק ניט נאָר ניט קאָרעקט, נאָר איז בכיוונדיק אַריינגעבראַכט געוואָרן צו אונטערשטרייכן אַז די סינאַגאָגעס פון דער הויז פון ישראל זיינען זייערע און ניט יעזוס.

לוק. 16:4. „און ער איז געקומען קיין נצרת, ווו ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן; און, אַזוי ווי זיין מנהג איז געווען, איז ער געגאַנגען אין סינאַגאָגע אום דעם שבת־טאָג, און האָט זיך אויפגעשטעלט צו לייענען.״

פש. יעזוס — לויט מאת. און לוק. — איז געווען אַליין, ער האָט נאָך ניט געהאַט קיינע תלמידים, און אינדיווידועל האָט ער פאַרגעזעצט זיינע פריידיקונגען פון גאָטס מלוכה. דער שרייבער זאָגט אַז ער האָט דאָס געטאָן, ווי עס איז געווען זיין שטענדיקער ׳קאָסטאָם׳, מיינט עס אַז עס איז ניט געווען זיין ערשטע אויפטרעטונג, נאָר יעזוס האָט שוין פון פריער געפריידיקט זיין לערנונג, און האָט שוין געהאַט אַן אויסגעאַרבעטע סיסטעמע וועלכע ער האָט גענוצט פאַר אַ לאַנגער צייט.

שטימט דאָס ניט מיט די באַריכטן פון די עוואַנגעליעס, דעריבער מסתמא באַלאַנגט עס צו די ניט־פאַרשירעבענע בלעטער פון יעזוס לעבן.

לוק. 17:4. „און דאָרט (אין סינאַגאָגע) איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אים דער ספר פון נביא ישעיה, און ווען ער האָט געעפנט דעם ספר, האָט ער געפונען דעם אָרט ווו עס איז געשריבן,

לוק. 18:4. „׳דער גייסט פון גאָט איז איבער מיר, מחמת ער האָט מיך געזאַלבט צו פריידיקן די בשורה צו די אָרעמע; ער האָט מיך געשיקט צו היילן די צעבראָכענע הערצער, צו פריידיקן אויסלייזונג צו די געפאַנגענע, און צוריקקריגונג די זעונג צו די בלינדע, צו מאַכן באַפרייען זיי וואָס זיינען געשלאָגן׳.״

לוק. 19:4. „׳צו פריידיקן דעם אָנגענומענעם יאָר פון גאָט דעם האַר׳...״

פש. לוקאַס זאָגט אַז מען האָט יעזוסן געגעבן דעם ספר ישעיה. דער ספר פון דער בית הכנסת איז געשריבן אין העברעיש, איז אין יענעם ספר ניטאָ אַזעלכע ווערטער ווי „די צוריקקריגונג די זעונג פון די בלינדע.״ שפּעטער וועט דער אַווטאָר שרייבן אַז יעזוס מאַכט בלינדע זעענדיק, טוט ער דאָס איצט אַריין אין ישעיה׳ס מויל.

ווען די מענטשן פון דער סינאַגאָגע האָבן יעזוסן אַזוי פיין אויפגענומען, האָבן אים איינגעלאַדן צו לייענען פון ספר ישעיה: איז זייער ניט אײדל פון אים ער זאָל נאָר איבערלייענען איין זאַץ און עטליכע ווערטער פון צווייטן זאַץ, און איבערלאָזן אין מיטן. אויב ביי יעזוסן איז דער נביא ישעיה אַן אַווטאָריטעט האָט דאָך ניט געקענט שאַדן צו פאַרענדיקן די איבעריקע ווערטער פון זאַץ און לייענען עטליכע זאַצן מער.

איך ברייננג דאָ די געלייענטע פסוקים:

ישעיה 1:61. „דער גייסט פון האר יאהווע איז אויף מיר, ווייל יאהווע האט
מיך געזאלבט צו ברייגגען א בשורה צו די פארליטענע, ער האט מיך
געשיקט צו פארבינדן די צעבראכענע הערצער, צו אויסרופן פריישאפט
צו די געפאנגענע, און לויזלאזונג צו די געבונדענע.״
ישעיה 2:61. „אויסרופן א יאר פון באוויליקונג צו יאהווע (איצט קומט דער
סוף פון פסוק) און א טאג פון נקמה פון אונדזער גאט; צו טרייסטן אלע
טרויערער.
ישעיה 3:61. צו באשערן די טרויערער פון ציון, זיי צו געבן אייל פון פרייד
אנשטאט טרויער . . . ״
„און מען וועט זיי רופן די אייכענבוימער פון גערעכטיקייט, די פלאנ־
צונג פון גאט זיך צו רימען.״ אזוי גייט אן דער ׳היסטאריקער׳ לוקאס
מיט זיינע היסטארישע באשרייבונגען:
לוק. 20:4. „און ער האט פארמאכט דעם בוך, און האט עס געגעבן
צוריק צום שמש, און האט זיך אוועקגעזעצט. און די אויגן פון די אלע וואס
זיינען געווען אין סינאגאגע זיינען געווען אנגעשטעלט אויף אים.״

עס איז דא גאר ניט אזוי אויסערגעוויינליכעס געשען אז זיי, די יידן
פון סינאגאגע, זאלן אויסשטעלן די אויגן אויף אים. יעזוס ווי עס ווייזט אויס,
איז פאר א לאנגער צייט ניט געווען אין זיין שטאט. אז ער איז געקומען אין
סינאגאגע, האט מען אים אויפגענומען ווי אן אורח. ער איז צו זיי ניט מער
געווען ווי אן אנגעקומענער ייד פון זייער שטאט. דאס וואס ער האט גע־
לייענט איז געווען גוט באוווסט צו אלעמען — די רייד פון ישעיה. נאר
אויב זיי האבן געוואונדערט איז דאס געווען איבער דערויף וואס ער האט
איבערגעלייענט נאר איין פסוק און פארמאכט דעם בוך.

לוק. 21:4. „און ער האט אנגעהויבן זאגן צו זיי, ׳דעם טאג איז די
שריפט מקוים געווארן אין אייערע אויערן.״

פש. אויב די איינגעזאמעלטע דארטן האבן אנגעשטעלט זייערע אויגן,
האט דאס געדארפט איצט געשען. ישעיה זאגט זיי אן אין דעם קאפיטל
באפרייאונג, „זיי וועלן אויפבויען און באנייען זייערע חרובע שטעט, און
דערפרייען די טרויער פון ציון, און באוווסט צווישן די פעלקער וועט זיין זייער
נאמען . . . ״
און ווען זיי הערן פון אים די ווערטער, אז ישעיהס ווערטער זייגען
מקוים געווארן, האבן זיי אויפגעשטעלט זייערע אויגן, ווייל רוים איז אין
איר גאנצער אכזריותדיקער הערשונג, דעם רויב און יאך פילט יעדער ייד
אויף זיינע שולטער, זיי האבן ניט געקענט באנעמען זיינע רייד, איז עס א
שפאס אדער אויסן פארשטאנד. אבער לוקאס האט פארקערטע אויספירונגען.

לוק. 22:4. „און אלע האבן געטראגן צו אים זייער עדות זאגונג, און האבן
געוואונדערט אויף זיינע גראציעזע ווערטער וואס זיינען ארויסגעקומען פון

זיין מויל, און האָבן געזאָגט, 'איז דאָס ניט יוספ׳ס זון?'"

פש. עס איז פאַרשטענדליך אַז די ניט־יידן (דזשענטיילס) פאַר וועמען לוקאַס שרייבט, ווייסן ניט וועמענס ווערטער יעזוס האָט געלייענט, אָבער די יידן אין סינאַגאָגע האָבן גוט געוווּסט אַז די „גראַציעזע" ווערטער זיינען פון דעם נביא ישעיה׳ס מויל און ניט פון יעזוס.

יעזוס האָט גאָר ניט געשריבן. די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס ווילן מאַכן דעם איינדרוק אַז אַלע רייד פון די נביאים און תהלים באַלאַנגען צו יעזוסן. אויב יעזוס נויטיקט זיך אַזוי פיל אין געשריבענעם וואָרט: וואָרום זאָל ער דאַרפן אָנקומען צו די ווערטער פון די נביאים וועלכע זיינען געווען שטערבליכע מענטשן? דער זון פון גאָט האָט דאָך געקענט אָנשרייבן זיינע אייגענע ווערטער וועלכע זאָלן איבערשטייגן די רייד פון די נביאים. האָט ער דען ניט געוווּסט אַז זיין מויל וועט אָנגעפילט ווערן מיט קאָנטראַדיק־טיזמען פון מאַתיא, מאַרקוס, לוקאַס און דזשאָן?

אַדאָלף האַרנאַק, אין זיין „וואָס איז גריסטענטום," ז. 54, זאָגט „לוקאַס האָט אָנגעהויבן זיין באַשרייבונג פון יעזוס עפנטלעכער דערשיינונג מיט די ווערטער פון דעם נביא ישעיה (לוק. 17:4־18), ווו ער ברייננגט די ווערטער פון דעם נביא ישעיה (61), „דער גייסט פון גאָט איז אויף מיר" א. א. וו. — אָדער אין יעזוס אייגענע ווערטער — „קומט צו מיר אַלע איר וואָס אַרבעטן און זיינען שווער באַלאָדן און איך וועל אייך געבן רו . . ." דיזע ווערטער האָבן דאָמינירט יעזוס גאַנצע אַרבעט און זיין געבראַכטן אָנזאָג: צו אָנהאַלטן די טעמע פון אַלץ וואָס ער האָט געלערנט און געטאָן.

ווען מען נעמט אַרויס ניט איין זאָגונג פון די עוואַנגעליעס נאָר אַ צאָל זאָגונגען, דאַן ווערט קלאָר אַז די זאָגונג 'איך וועל אייך געבן רו' דאָ־מינירט ניט יעזוס אַרבעט און זאָגונגען. „די וואָס האָסן ניט זיין פאָטער און מוטער, זיין ווייב און קינדער א.א.וו.. קענען ניט זיין מיינע תלמידים. איך רוף צו אָפּגעבן אייערע לעבנס פון מיינט וועגן... איך קום ניט צו ברייננגען פרידן, נאָר אַ שווערד." דאָס איז ניט, „מיין יאָך איז גרינג און מיין לאַסט איז לייכט." וואָרום האָבן די רייד פון נביא דאָמינירט נאָר יעזוס גאַנצע אַרבעט? די רייד פון נביא זיינען געזאָגט געוואָרן כמעט 600 יאָר פאַר יעזוס, די רייד האָבן פאַר פיל דורות דאָמינירט די אַרבעט פון די בעסטע מענטשן פון פאָלק און דאָס פאָלק זעלבסט; די רייד זיינען פאַרשריבן געוואָרן און געלייענט געוואָרן אין זייערע סינאַגאָגעס. די זעלבע פאַרשריבענע רייד אין זייער בוך פון ישעיה האָבן זיי געגעבן יעזוסן צו לייענען. האָבן דאָך די יידן, אויב ניט מער איז צום ווייניגסטן דאָס זעלבע רעכט צו זאָגן אַז דעם נביאס רייד האָבן דורות דאָמינירט זייער גאַנצע אַרבעט.

לוק 23:4. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, 'איר וועט דאָך זיכער זאָגן צו מיר דאָס גלייך וואָרט רופא, הייל זיך זעלבסט; אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט וואָס איז געטאָן געוואָרן אין כפר־נחום, טו דאָס אויך אין דיין קאַנט'."

פש. לוקאס האָט דאָך אַפילו ניט דערמאָנט ביז איצט אַזאַ זאַך, אַז יעזוס איז געווען אין כפר־נחום און האָט דאָרטן וואָס געטאָן: פון וואַנען זאָלן די יידן פון סינאַגאָגע דאָס וויסן? דאָס באַווייזט אַז לוקאָס האָט געהאַט פאַר זיך אַ מאַנוסקריפּט פון מאתיא ווו עס איז שוין געווען באַריכטעט יעזוס באַזוך אין כפר־נחום, ער אַליין האָט פאַרגעסן אַז ער האָט נאָך ניט געשריבן.

אויך לויט לוקאָס באַווייזט עס אַז די יידן פון דער סינאַגאָגע האָבן אין אים געגלויבט, זיי האָבן אים געבעטן אַז ער זאָל טאָן פאַר זיי אַלע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן אין כפרר־נחום.

אויך ווי עס ווייזט אויס האָט יעזוס געהאַט אַן אויסערליכן פעלער, אָדער אַ קראַנקן אויסזען, מחמת ער איז געווען זיכער אַז זיי קענען זאָגן צו אים „הייל זיך זעלבסט." לויט לוקאָס, איז ניט פאַרשטענדעך וואָרום זאָל יעזוס אַרויסקומען מיט זיין קומענדיקער דערקלערונג:

לוק. 24:4. „און ער האָט געזאָגט, באמת זאָג איך אייך, אַז קיין נביא איז דערקענט אין זיין אייגן לאַנד'."

נאָך לוקאס פאַנגט יעזוס ערשט אָן זיין מיניסטירונג, ער האָט נאָך ניט באַשטימט, און האָט ניט זיינע תלמידים: יעזוס איז אַליין אין זיין אייגענער שטאָט. ו ו ע ר איז געווען דערביי וואָס האָט דאָס אַלץ אַזוי פּינקטלעך פאַרשריבן מיט אַלע איינצעלהייטן? וואָס יעזוס האָט געלייענט, און אויף וועלכן וואָרט אין מיטן פּסוק ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי און ווען ער האָט איבערגעגעבן דעם ספר פון ישעיה, ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט; ווי זיינען געווען געריכטעט די אויגן פון די יידן אין סינאַגאָגע וואָס זיי און ער האָבן געזאָגט. לוקאָס גיט איבער די זעלבע רייד פון מאַרקוס און מאתיא: אַז אַ נביא ווערט..." איז פון וואָס פאַר אַ קוואַלן האָט לוקאָס געקענט נעמען צו שרייבן די זעלבע געשעעניש גאָר אַנדערש? עס קומט אויס ווי לוקאָס איז דערביי אַליין געווען און האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן.

די נביאים צו יעדן שבתדיקן לייענען די תורה. דער הפטרה־לייענער הויבט אָן די הפטרה פון דעם שבת פון דער וואָך, נאָר ער האָט אַ רעכט 'איבער־שפּרינגען' עס מיינט ער הויבט אָן לייענען און קען דערנאָך אויפמישן אַן אַנדער אָרט פון די נביאים און לייענען. אָבער די הפסקה (פּאוזע) זאָל ניט געדויערן לייגער ווי דער פאַרטייטשער איבערזעצט צום עולם די ערשטע דריי פּסוקים.

משנה מגילה, 4:4. „מדלגין בנביא ואין מדלגין בתורה; ועד כמה הוא מדלג עד כדי שלא יפתוך המתורגמן."

לוקאָס האָט דאָ אַרויסגעוויזן פולשטענדיקן אומוויסן פון די פירונגען פון לייענען די הפטרה. ערשטנס, דאַרף דער לייענער אָנהויבן מיט דער באַשטימטער הפטרה און ניט וואָס דער לייענער וויל. צווייטנס, דאַרף ער דורכלייענען דריי פּסוקים און זיך אָפּשטעלן, צו געבן צייט פאַרן פאַר־טייטשער: יעזוס האָט דדורכגעלייענט נאָר איין פּסוק מיט עטליכע ווערטער פון צווייטן און גלייך צוגעמאַכט דעם ספר.

נאָך דער דערקלערונג פון די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס, האָט זיך יעזוס געהאַלטן פאַר אַ נביא, נאָר אַ נביא ווערט ניט דערקענט אין זיין אייגענער שטאָט. האָט זיך יעזוס אויפגעפירט ווי עס זאָל פּאַסן פאַר אַ נביא? מען נעמט אים אויף אין שול ווי אַן אַנגעלייגטן אורח, מען איז אים מכבד מיט לייענען די הפטרה: פאָדערט זיך דאָס מינימאַלע אַנשטענדיקייט צו אויפפירן זיך נאָך די אַנגענומענע געזעצן. יעזוס האָט דאָך געקענט אָנהויבן די הפטרה פון וואָך, און נאָך דריי פסוקים אויפמישן ישעיה 61. די נביאים פון תנ"ך האָבן זיך ניט געשעמט מיט זייערע שליחות פון נבואה, זיי האָבן אָפן דערקלערט אַז זיי זיינען אויסדערוויילט פון גאָט צו ווערן אַ נביא, אַזוי ירמיה זאָגט אַז גאָט האָט אים דערקענט אין זיין מוטערס בויך צו זיין אַ נביא פאַר די יידן און פאַר די פעלקער פון דער וועלט. הושע האָט אָפן געזאָגט, אַז גאָט האָט אים גענומען פון הינטער שאָף און אים געזאָגט גיי זאָג נביאות אויף ישראל. אַזוי די אַנדערע נביאים. האָט דאָך יעזוס יענעם שבת געהאַט די בעסטע געלעגנהייט זיך צו דערקלערן אָפן, אָן פאַרשטעלטע מיינונגען, אַז ער איז געשיקט געוואָרן צו זיין אַ נביא צו די יידן, און אויב ער האָט געוואָלט האָט ער אויך געקענט צוגעבן 'און צו די פעלקער'.

דער נביא פון נצרת טוט ניט אַזוי, ער קומט מיט הינטערוועגן. ער נעמט צו די רייד פון נביא ישעיה און אין אַ פאַרשטעלטן אופן גיט עפּעס אַן אָנצוהערעניש אַז דאָס זאָל זיין געמיינט אים. יעזוס מיידט אויס זיך דערקלערן פאַר אַ נביא, טוט אַלץ וואָס איז ניט פּאַסיק פאַר אַ נביא, און האָט דערנאָך טענות אַז אין זיין אייגענער היים דערקענט מען אים ניט.

די סיטואַציע איז געשאַפן געוואָרן פון לוקאַס, ווארום מאַרקוס און מאתיא באַריכטן אויך פון זעלבן באַזוך אין דער סינאַגאָגע, און ווייסן ניט פון די זאַכן וואָס לוקאַס באַשרייבט. עס איז ניט מער ער האָט געפונען דעם זאַץ אין ספר ישעיה, האָט ער געזוכט דאָס צו דערקלערן אַלץ אַ נבואה אויף יעזוס, האָט ער אויסגענוצט יעזוס באַזוכונג די שול אין נצרת.

טשאַרלס א. בריגגס ווו ער שרייבט פון דער אויסקלייבונג פון די הפטרהס — מאַכט די פאָלגענדיקע באַמערקונג: „נאָר דאָס אויסוויילונג דאַן זעט אויס זיינען געמאַכט געוואָרן אין יענער צייט פון לייענער זעלבסט." ער באַגרינדעט זיין השערה אויף דעם זעלבן זאַץ פון לוק. 16:4. באמת וווּנדערט אויף דעם העכערן קריטיציזם, ווי קען ער נעמען אין אַכט אַזאַ גראָסס אומגעשיכטלעכקייט, ווי לוק גיט איבער יעזוס באַזוך אין דער סינאַגאָגע. 1)

מת. 18:4. „און יעזוס גייענדיק ביי דעם ים פון גליל, האָט ער געזען צוויי ברידער, שמעון גערופן פעטרוס און אַנדריי זיין ברודער, פאַרוואַרפענדיק אַ נעץ אין ים, ווארום זיי זיינען געווען פישערס.

מת 19:4. „און ער האָט געזאָגט צו זיי: 'פאָלגט מיר נאָך, און איך וועל אייך מאַכן פאַר פישער פון מענטשן."

---

1) שטודירונג פון די הייליקע סקריפּטשורס, זייט 179.

מת. 20:4. און זיי גלייך־באַלד האָבן געלאָזן זייערע נעצן און געפאָלגט נאָך אים.

מת. 21:4. „און גייענדיק פון דאָרטן, האָט ער געזען אַנדערע צוויי ברי־דער יעקב (דזשיימס) דער זון פון זבדי און יוחנן (יאָהאַן) זיין ברודער, אין אַ שיף מיט זייער פאָטער זבדי פאַרריכטענדיק זייערע נעצן, און ער האָט זיי גערופן.

מת. 22:4. „און גלייך באַלד האָבן זיי פאַרלאָזן די שיף און זייער פאָטער, און געפאָלגט נאָך אים.״

**פש. מאַרקוס גיט איבער דאָס זעלבע אויפן זעלבן אופן.**

**לוקאַס ווערסיע איז פולשטענדיק פאַרשידן. יעזוס האָט גערעדט פאַר אַ גרויסן עולם. עס איז פאָרגעקומען אויפן ברעג פון דער אַזערע (לייק) גיניסר. דער עולם האָט אַזויפיל געשפּאַרט אַז ער וואָלט אַריינגעשטויסן געוואָרן אין וואַסער. נעבן דערויף זיינען געשטאַנען צוויי ליידיקע שיפן, איז ער אַריין אין איינער פון זיי און געבעטן דעם אייגענטימער וועלכער איז געווען שמעון־פּעטרוס ער זאָל די שיף אָפּפירן אַ ביסל פון ברעג; און יעזוס האָט געלערנט די מענטשן זיצענדיק אין שיף.**

לוק. 4:5. „אַצינד ווען ער האָט אויפגעהערט רעדן, האָט ער געזאָגט צו שמעון: ׳גיי אַרויס צו דער טיפעניש, און לאָז אַרונטער דיינע נעצן פאַר אַ פאַנג׳.

לוק. 5:5. „און שמעון ענטפערנדיק האָט געזאָגט צו אים: ׳מאַסטער, מיר האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט און האָבן גאָרניט אַריינגענומען. פונדעסט־וועגן, אויף דיין וואָרט וועל איך אַרונטערלאָזן דעם נעץ.

לוק. 6:5. „און ווען זיי האָבן דאָס געטאָן, האָבן זיי אַריינגענומען אַ גרויסע צאָל פיש און זייער נעץ האָט זיך צעריסן.

לוק. 7:5. „זיי האָבן דורך צייכנס גערופן זייערע שותפים, וועלכע זיי־נען געווען אויף דער אַנדערער שיף, אַז יענע זאָלן קומען און זיי העלפן. און זיי זיינען געקומען און אָנגעפילט ביידע שיפן, אַזוי אַז זיי האָבן אָנגעהייבן זינקען.

לוק. 8:5. „ווען שמעון־פּעטרוס האָט עס געזען, איז ער אַנידערגעפאַלן צו יעזוס׳ קני, זאָגנדיק, ׳גיי אַוועק פון מיר, ווארום איך בין אַ זינדיקער מאַן, אָ האַר׳.

לוק. 9:5. „ווארום ער איז געווען דערשטוינט, און אַלע וואָס זיינען געווען מיט אים, איבער דעם פאַנג פון די פיש וואָס זיי האָבן אַריינגענומען.

לוק. 10:5. „און אַזוי איז אויך געווען יעקב (דזשיימס) און יוחנן (יאָהאַן) די זין פון זבדי (זעבידי), וועלכע זיינען געווען שותפים מיט שמעון. און יעזוס האָט געזאָגט צו שמעון, ׳שרעק זיך ניט; פון איצט אָן וועסטו פאַנגען מענטשן׳.

לוק. 11:5. „און ווען זיי האָבן געבראַכט זייערע שיפן צו לאַנד, האָבן זיי אַלץ פאַרלאָזן, און געפאָלגט נאָך אים.״

פאַר אַ פּשוטע זאַך ווי אַזוי יעזוס האָט זיך באַקענט מיט די ברידער פישער, און ווי זיי זיינען צוגעשטאַנען צו אים און געוואָרן זיינע תלמידים: דאַרף ניט פאַרקומען קיין קאָנפוזיע. די אויבן דערמאָנטע ברידער: פּעטרוס און אַנדריי, יעקב און יוחנן, יעזוס הויבט תלמידים, וועלכע האָבן געעלבט און רעאַגירט נאָך זיין טויט; האָבן ווי מען קען זיך מיט זיכערקייט משער זיין אָפּט געערעדט און דערציילט פון זייער באַקענען זיך מיט יעזוסן און ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן זיינע תלמידים. די פּשוטע ביאָגראַפיע האָט געמוזט גוט זיין באַוווסט צו די שרייבער פון די עוואַנגעליעס. עס איז אַ פּשוטער אינצידענט, אָבער אַ וויכטיקער פּונקט אין יעזוס מיניסטירונג, ווו עס גיט ניט קיין פּלאַץ צו וועלכע עס איז סודות. איז אויב די אַווטאָרס האָבן ניט געוווסט פון אַזאַ זאַך פון דער באַקאַנטשאַפט פון יעזוס מיט די פיר תלמידים, וואָס די תלמידים זיינען געווען פאַר דערויף די בעסטע רעקאָרדס און עדות: איז ווי קען מען דערוואַרטן פון די זעלבע שרייבער אַז זיי זאָלן וויסן פון אַנדערע זאַכן פון יעזוס?

די באַשרייבונגען פון מאַט. און מרק. זיינען ניט אַ זאַך פון רעאַליזם. אַפילו דאָ זוכן די שרייבער עטוואָס אויסבאַהאַלטן, דערפאַר קומט עס צו אַזאַ ניט איבערציגענדיקער דערציילונג ווי יעזוס האָט באַגעגנט די פיר. יעזוס, שפּאַצירענדיק אויפן ברעג פון ים, האָט אָנגעטראָפן פרעמדע פישער אַרבעטנדיק ביי זייער פאַך. און דער פרעמדער מאַן האָט נאָר אויסגערעדט „פאָלגט מיר נאָך״, אַזוי האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע שיפן און נעצן און פיש און אַוועק נאָך אים, ניט פרעגנדיק און ניט וויסנדיק וואָס וויל דער מענטש און וווהין רופט ער זיי. מער געשיכטלעך, ווירקלעך איז אַז די פיר האָבן גוט געקענט יעזוסן נאָך איידער זיין טבילה פון יוחנן. זיי האָבן יעזוס געקענט און געווען זיינע נאָכפאָלגער נאָך איידער די טויפונג. זיי זיינען געווען זיינע נאָכפאָלגער נאָך אַמווייניקסטן די לעצטע צוויי יאָר פון יוחננס צייט, פון דער צייט וועלכע די קריסטלעכע קירך האָט געזוכט צו פאַרגעסן.

ווען יעזוס ווירקלעכן לעבן האָט מען געזוכט צו אויסבאַהאַלטן: איז מען געשטאַנען פאַר דער דרינגענדיקער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַזאַ יעזוס וועלכער זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע קירכעס. די שרייבער פון די עוואַנגעליעס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט געוויסע קירכעס און זיינען געווען די פירשפּרעכער פון זייערע טעאָלאָגיעס: האָט יעדער שרייבער באַזונדער גענומען ווערטער פון דער מינדליכער טראַדיציע אָדער שורות פון אַ קוואַל, און האָט דאָס באַאַרבעט, אַראָפּגענומען און צו־געלייגט; אויסגעטייטשט לויט דער רייכקייט פון זיין פאַנטאַזיע און לויט זיין אייגענעם ווונטש ווי דאָס וואָס יעזוס זאָל זאָגן.

לוקאָס האָט פאַרשטאַנען אַז די באַשרייבונגען פון מאתיא און מאַרקוס זיינען אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט, גיט ער זיין אייגענע ווערסיע, צו

**מאַכן די געשיכטע פון דער װערבירונג פון די תלמידים פּסיכאָלאָגיש מער צוגענגלעך; אָבער די ניט היסטאָרישקייט איז די זעלבע, עס שאַפט נאָר אַ קאָנטראַדיקציע אין די פאַקטן זעלבסט.**

מת. 23:4. „און יעזוס איז אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ גליל, לערנענדיק אין זייערע סינאַגאָגעס, און פּריידיקענדיק די בשורה פון דער מלוכה, און הײלענדיק אַלע סאָרטן פון קראַנקהייטן, און אַלע אופנים פון חולאותן צווישן פאָלק.״

**פּש. כסדר זעט זיך בולט אָן דער אופן פון דער שרייבונג פון די עוואַנגעליעס, די שרייבער זיינען ניט פעיק אָדער נעמען זיך ניט די זאָרג צו פאַרשטיין, אַריינדרינגען אין דער צייט פון װעלכער זיי שרייבן. די צייט איז ביי זיי די זעלבע אין װעלכער זיי לעבן, דער אָרט איז דער זעלבער אין װעלכן זיי װוינען; זיי געברויכן נאָר היסטאָרישע נעמען: װי, יעזוס, פּעטרוס, פּרושים, צדוקים, הויפּט כהנים ירושלים און שטעט פון גליל.**

מת. 24:4. „און זיין רום איז געגאַנגען איבער גאַנץ סיריע: און זיי האָבן געבראַכט צו אים אַלע קראַנקע מענטשן װאָס זיינען פאַרנומען געװאָרן מיט פאַרשידענע חולאותן און ליידן, און די װאָס זיינען געװען באַזעסן מיט טייװאָלים, און די יעניקע װאָס זיינען געװען לונאַטיקער, און יענע װאָס האָבן געהאַט פּאַראַליז; און ער האָט זיי געהיילט.״

## קאַפּ. 5

# די דרשה אויפן באַרג

מת. 1:5. „און זעענדיק דעם גרויסן עולם, איז ער (יעזוס) אַרויף אויף אַ באַרג און װען ער האָט זיך אַװעקגעזעצט, זיינען זיינע תלמידים געקומען צו אים.״

מת. 2:5. „און ער האָט געעפנט זיין מויל, און געלערנט זיי, זאָגנדיק.״

**פּש. אין דאָס, װאָס יעזוס האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים אויפן באַרג, װערט אויסגעדריקט די פילאָזאָפיע, די דאָקטרינע און תורה פון יעזוס.**

**איך װעל דאָ ברענגען איינעם פון אַ סך װאָס ער זאָגט מכּוח דער דרשה (סערמאָן). 1) „איך נעם זיך צו באַװייזן אַז די אָנזאָגונגען װאָס יעזוס האָט געבראַכט האָט איר איינציק אומצוגלייכונגס װערט, מחמת עס איז דער אמת, און די איינציקע פולקאָמענע דערקלערונג פון דעם אמת פון דער נאַטור פון גאָט און מענטשן, און פון לעבן, און פון דער װעלט; און פון דער קרבה־שאַפט װאָס עקזיסטירט צווישן זיי.״**

**פאַר אַ יידישן לייענער פון דער עװאַנגעליע איז אונבאַגרייפלעך דער אופן װי אַזעלכע װיכטיקע דערקלערונגען פון יעזוס — „די איינציקע פער־**

1) עמעט פאָקס — „די סערמאָן אָן די מאונט״, האַרפּער בראָס., ניו יאָרק.

פּעקטע דערקלערונג פון דעם אמת" — ווערן אויפגענומען פון די שרייבער פון די עוואַנגעליעס.

מאַרקוס, דער ערשטער פון די פיר גאָספּעל שרייבער, באַשרייבט יעזוס לעבן פון זיין געטובלט ווערן (באַפּטיזם) פון יוחנן ביז זיין טויט. מאַרקוס גיט איבער יעזוס וואַנדערונגען, זיין פּריידיקן, זיינע משלים, זיינע ווונדער־טואונגען, זיינע היילונגען די אַרויסטרייבונגען פון טייוואָלים; אָבער דערמאָנט ניט פון אַזאַ זאַך ווי יעזוס אַ דרשה אויף אַ באַרג אָדער אונטער אַ באַרג, און דערמאָנט ניט די זאָגונגען און לערנונגען פון דער דרשה.

יאָהאַן, דער אָוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע, וועלכער איז געווען דער לעצטער און דער שפּעטסטער פון די פיר אָוטאָרס פון די עוואַנגעליעס, דערמאָנט אויך ניט פון דער פּאַסירונג פון אַ דרשה, אָדער עטוואָס פון איר אינהאַלט. עס איז דאָס זעלבע, ווי מען זאָל שרייבן די תורה און אויסלאָזן די עשרת הדברות.

לוקאַס, דער אָוטאָר פון דער דריטער עוואַנגעליע, גיט איבער אַ קליינעם טייל פון דער דרשה וועלכע, לויט לוקאַסן, איז געהאַלטן געוואָרן אויף אַ פּלאַץ אונטער אַ באַרג. די איבעריקע טיילן פון דער דרשה פירט ער אַריין אין די פּריידיקונגען פון יעזוס וואַנדערונגען.

לוק. 17:6. „און ער איז אַרונטערגעקומען מיט זיי, און געשטאַנען אויף דער פּלאַץ, און די געזעמל פון זיינע תלמידים, און אַ גרויסער המון־עם פון גאַנץ יהודה און ירושלים, און פון ים־ברעג פון צור און צידון, וועלכע זיינען געקומען צו הערן אים, און צו ווערן געהיילט פון זייערע קראַנקהייטן."

אין דעם אַריינפיר און אין דער פאַרשטעלונג פון יעזוס דרשה קומט פאַר אַ באַטרעפנדיקע סתירה. מאתיא שרייבט אַז יעזוס איז אַוועק פון דעם עולם ער איז אַרויף אויף אַ באַרג און האָט זיך געזעצט אַפּרוען. ווען זיינע תלמידים זיינען געקומען צו אים אויפן באַרג האָט יעזוס געעפנט זיין מויל און גערעדט.

לויט לוקאַס איז דאָס געווען אויף אַ פּלאַץ אונטער אַ באַרג און גע־האַלטן די דרשה פאַר אַן אויסערגעוויינלעך גרויסן עולם וואָס איז ניט נאָר געקומען פון גאַנץ יהודה, נאָר אַפילו פון די געגענטן פון היידענישן צור און צידון.

לוקאַס האָט זיין רעכט צו ניט זיין איינשטימיק מיט מאתיא, אָבער ער נעמט זיך די פרייקייט צו סותר זיין יעזוסן.

ווען די פרוי, די כנענית פון צור און צידון, איז געקומען צו יעזוסן ער זאָל היילן איר טאָכטער, האָט זיך יעזוס אָפּגעזאָגט, ער האָט געזאָגט אַז ער איז געשיקט געוואָרן נאָר צו דער הויז פון ישראל, און ניט צו ניט יידן.

אויך שפּעטער ווען יעזוס האָט אַרויסגעשיקט זיינע תלמידים צו פּריי־דיקן איבער דעם לאַנד האָט ער זיי אָנגעזאָגט:

מת. 5:10. „די צוועלף האָט יעזוס פאַרויסגעשיקט, און באַפעלן זיי, זאָגענדיק, גייט ניט אויף די וועגן פון די ניט יידן, און אין אַ שטאָט פון די שמרונים קומט ניט אַריין."

לויט לוקאס, גלייך אין אָנפאַנג פון זיין שליחות היילט יעזוס אַלע קראַנקע ווי יידן אַזוי אויך די ניט יידן פון די שטעט צור און צידון. לויט מאתיא, היילט יעזוס נאָר די פון הויז פון ישראל. יעזוס אנטזאגט זיך צו היילן די טאָכטער פון אַ היידין־פרוי פון צור און צידון. ווי איז מעגלעך צו שרייבן אַזאַ דואליזם צו יעזוס?

מאתיא גיט אויך אָן פון וועמען און פון וואַנען איז באַשטאַנען די מולטיטיוד, און דערמאָנט ניט „צור און צידון".

מת. 25:4. „און דאָרט האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ גרויסער עולם פון מענטשן פון גליל, פון דעקאפאלים, און פון ירושלים, און פון יהודה, און פון איבער דעם ירדן."

פון וועלכע קוואַלן האָט לוקאס געקענט נעמען דעם צולייג „פון צור און צידון? — עס איז נאָר לוקאָס פּערזענלעכער ווילן צו מאַכן יעזוסן אַל־מענטשלעך.

יעזוס איז ערשט אָנגעקומען אין גליל. ער האָט ערשט באַשטימט זיינע תלמידים. לויט מאתיא האָט יעזוס דאַן געהאַט נאָר פיר תלמידים. יעזוס אַרויסטריט, לויט דער עוואַנגעליע, איז באַשטאַנען אין היילן קראַנקע און פון אַרויסטרייבן טיוואַלים. זיין רום אַלץ וווּנדער טוער און היילער האָט געקענט זיין אַ לאָקאַלער; עס איז אַ זיכערע אוממעגלעכקייט אַז פאַר אַזאַ קורצער צייט זאָל זיין נאָמען אַלץ היילער ווערן באַוווּסט איבערן גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד. אין דער עפּאָכע פון יענער צייט איז די באַוועגונג פון מענטשן פון איין אָרט צו דעם אַנדערן באַשטאַנען פון גיין צופוס, די עקס־פּרעס־טראַנספּאָרטאַציע איז געווען דער אייזל: וואָלט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז די מינדלעכע נייס פון אַ היילער זאָל ווערן פאַרשפּרייט אין ווייטע מקומות. עס נעמט צייט ביז די קראַנקע קומען צום היילער און גייען צוריק: ניט אין משך פון טעג און וואָכן קען דער רום פון אַ מענטשן ווערן פאַרשפּרייט אין אַלע עקן לאַנד, און מחנות קראַנקע זאָלן זיך ציען אַפילו פון אויסלאַנד.

יעזוס פאַנגט אָן די דרשה.

מת. 3:5. „געבענטשט זיינען די אָרעמע אין גייסט, וואָרום זייערס איז די מלוכה פון הימל (מלכותא דשמיא)."

פש. יעזוס האָט אָנגעהויבן זיין דרשה מיט די זעלבע ווערטער ווי עס פאַנגט זיך אָן דער ערשטער קאַפּיטל פון תהלים: „אשרי האיש." „אשרי" מיינט ווויל אָדער אין ענגליש „העפּפּי". די קינג דזשיימס ווערסיע און אַנדערע זעצן עס איבער „אשרי"—געבענטשט (בלעססעד).

תהלים 1:1. „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב."

„ווויל צו דעם מענטשן וואָס איז ניט געגאַנגען אין דער עצה פון די רשעים, און אויך דעם וועג פון די זינדיקע איז ער ניט געשטאַנען, און אין די זיצונג פון די שפּאָטערס איז ער ניט געזעסן."

די יידישע טראַדיציע האַלט ווייניק פון אַ מענטשן וואָס איז גייסטיק אָרעם, אַזאַ מענטשן וואָלט מען געבענטשט אַז זיין גייסט זאָל דערהויבן ווערן. גראַד די קריסטן וועלכע האַלטן זיך שטענדיק גרויסן מיט זייער ספּיריטואַ־לישקייט, זען אין דער ערשטער בענטשונג אַן אויסער געוויינליכן כוח פון גייסט.

יעזוס האָט דאָ גערעדט פאַר פּשוטע אָרעמע מענטשן, און צו זיינע תלמידים, ער האָט אין זיינע רייד ניט אַריינגעטאָן געהיימע מיסטעריעס, ניט באַהאַלטענע סודות. ער האָט גערעדט אויף אַ פאַרשטענדליכער שפּראַך, און גענוצט דעם אַריינפיר פון תהלים.

זיין אָרעם אין גייסט איז ניט קיין זכות.

לוקאַס פאַרריכט דעם זאַץ פון דער ערשטער בענטשונג.

לק. 20:6. „געבענטשט זייט איר אָרעמע: ווארום אייערס איז די מלוכה פון הימל.״

פּש. אין דער עוואַנגעליע איז אָרעמקייט אַ גרויס טוגענט. ביין פּאַטער זיינען די בעסטע קינדער די אָרעמע. אויב אַ מענטש איז אָרעם, זיינען שוין די טויערן פון הימל פאַר אים אָפן.

נאָך די כתבי קדש און יידישער טראַדיציע איז אָרעמקייט ניט קיין בענטשונג נאָר אַן אונגליק. אָרעמקייט איז אַ צרה פאַר דעם נויטבאַדערפ־טיקן. דעריבער איז די פליכט פון איינצעלנעם און געזעלשאַפט צו זוכן מיטלען צו פאַרלינדערן די נויט פון די אָרעמע.

ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער אים באַזאָרגט מיט גרויס שפע, נאָר ווען ער האָט ניט צוגעהערט צו גאָטס אָנזאָגונגען איז ער אַרויס־געשיקט געוואָרן פון גן עדן; אָבער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין רשות די גאַנצע ערד מיט אירע געוויקסן און לעבעדיקע באַשעפענישן, ער איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם געוועלטיקער איבער דער ערד. עס איז אים נאָר אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז מיט דעם שוויס פון זיין פּנים וועט ער דאַרפן קריגן די אַלע זאַכן וואָס זיינען נויטיק פאַר זיין לעבן. עס מיינט אַז דער מענטש וועט דאַרפן דורך אַרבעט אַרויסקריגן די שפּייזן און רייכטימער פון דער ערד. גאָט האָט ניט אָנגעזאָגט דעם מענטשן צו זיין אָרעם אין גייסט. אברהמען האָט גאָט געבענטשט מיט אַלץ.

ווען יצחק האָט געבענטשט יעקבן האָט ער געזאָגט:

בראשית 28:27. „ויתן לך האלהים מטל השמים, ומשמני הארץ, ורב דגן ותירש.״

„און גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל, און פון די פעטקייטן פון דער ערד, און פיל תבואה און וויין.״

אין אַן אַגריקולטורעלער לאַנד, אויב עס קומט ניט אַן אַלגעמיינע צרה: ווי אַ פאַרפלייצונג אָדער אַ טריקעניש זיינען די מענטשן מער אָדער ווייניקער באַזאָרגט מיט חיונה. נאָר ווען עס שטאַרבט אָפּ, אָדער שוואַכט אָפּ

דער אַרבעטער אין דער משפחה, דאַן שטייט אָן די אָרעמקייט, עס בלייבן אַן אַלמנה מיט קליינע יתומים. אַזעלכע פאַלן פאַרזאָרגט די תורה פון משה, עס ווערן אָנגעגעבן מיטלען ווי צו לייכטערן זייער לאַגע, און פאַר אַ הילף אין זייער אָרעמקייט. אָרעמקייט ווערט אָנגענומען אַלץ אַ שלעכטס פאַר וועלכער מען דאַרף זוכן וועגן און מיטלען ווי פון איר פטור ווערן, אָדער פאַרמינדערן; אָבער עס איז ניט אַ טוגענט פון זיך זעלבסט.

דאָס פאָלגענדיקע ווערט געזאָגט מכוח אָרעמע און אָרעמע אין גייסט.

משלי 19:16. „טוב שפל רוח את עניים, מחלק שלל את גאים.“

„בעסער אַ נידריק געמיט צווישן די באַשיידענע, איידער טיילן רויב מיט די שטאָלצע.“

עס דאַרף געצויגן ווערן דער אונטערשייד פון גייסט און געמיט.

„רוח“ מיינט גייסט אָדער געמיט.

תהלים 7:34. „עס האָט אַן אָרעמאַן גערופן, און גאָט האָט צוגעהערט, און פון אַלע זיינע צרות אים געהאָלפן.

תה. 1:41. „ווויל (געבענטשט) צו דעם וואָס גיט אַכט אויפן אָרעמאַן.“

זה עני קרא, ויה׳ שמע,
ומכל צרותיו הושיעו.
אשרי משכיל אל דל,
ביום רעה ימלטהו יה׳.

עס ווערט באַטאָנט די הילף צו אָרעמע.

1) צו פאַרשטיין דעם נביא, דאַרף מען אין נביאס לאַנד גיין. צו פאַרשטיין די ביבל, דאַרף מען גיין אין דעם לאַנד פון דער ביבל. צו פאַרשטיין אַפילו איינצעלנע ווערטער פון דער ביבל דאַרף מען פאָרשן דעם לעבן, און די געשיכטע, און די אומשטענדן ווען די ווערטער זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

2) די דרייסיק יאָר פון הורדוס, דעם ערשטנס הערשונג האָבן געבראַכט דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון יהודה צו אַ גרויסער ירידה. הורדוס קייזערלעך לעבן אין נאָכמאַכן רוים, די אויסהאַלטונג פון אַרמייען די משוגעת פון בויען פּאַלאַצן, געביידעס, שטעט, פעסטונגען, אַדיטאָריומס און שפּיל הייזער האָט אַריינגעטריבן אין אומגעהייערע הוצאות. דאָס קליינע יהודה האָט געדאַרפט פאַר אַלץ צאָלן. די גרויסע שטייער און צינזן האָבן אַרויסגעצויגן די פאַרמעגנס פון לאַנד. ווען נאָך הורדוס, טויט האָט רוים אָנגעשטעלט אירע פּראָקוראַטאָרן, איז ניט געווען קיין גרעניץ צו שטיקן דאָס לאַנד דורך הויכע טאַקסן, און אויסרויבן אַלע קוואַלן פון פאָלקס דערנערונג. די צאָלונגען זיינען געווען איבער די כוחות פון די לאַנד באַזיצער. די קליינע לאַנד אייגנטימער האָבן אָנגעוואָרן זייערע נחלות, איבער ניט קענען נאָכקומען די פאָדערונגען פון די צאָלונגען. די לאַנד איז פאַראָרעמט געוואָרן, עס האָט געהאַלטן אין

1) געטע זאָגט צו פאַרשטיין דעם דיכטער...

2) די זעלבע מיינונג ווערט אַרויסגעזאָגט אין דעם ׳אַריינפיר׳.

שטייגן דער וווקס פון פאַראָרעמטע מענטשן וועלכע האָבן פאַרלאָרן די מעג־לעכקייט צו דערנערן זיך מיט זייערע משפחות. אין דער אַנטשטייאונג פון מאַסן הונגער, האָבן זיך פאַרשפּרייט פילע קרייַנקהייטן צווישן די אָרעמע און היימלאָזע. די אָרימע האָבן געשאַפן דעם מאַטעריאַל, און אויסגעפילט די רייען פון אַלע אויפשטייערס קעגן רוים. אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן זיי געזוכט און אויסגעקוקט פאַר ישועה, פאַר אויסלייזונג. די אַנטשטאַנענע משיחים האָבן געפונען פּאַרטיקן באַדן פאַר נאָכפאָלגערשאַפט.

די אַזוי אָנגערופענע „מולטיטיוד" 1) איז באַשטאַנען פון דער פאַר־אָרעמטער קאַטעגאָריע. די אָרעמע, הונגעריקע, באַפאַלענע פון קראַנקהייטן האָבן געזוכט און געהאָפט פאַר אַן אויסלייזונג. זיי האָבן געזוכט ברויט און אַ לינדערונג פאַר זייערע ווייטאָקן. זיי זיינען געווען אָרעם פון ניט האָבן וואָס צו עסן, אָרעם און געפאַלן אין גייסט, און גרויסע צאָלן גייסטיק קראַנקע. צו די מענטשן האָט יעזוס גערעדט. זיי זיינען געווען אָרעמע ניט פון אַ רע־געלער אַנטוויקלטער עקאָנאָמיק, נאָר פון אַן אויברוך פון אַ פרעמדן אריינ־געדרונגענעם שונא. דער רוימישער שטורם האָט פאַראומגליקט און פאַר־אָרעמט דאָס לאַנד.

פאַר זיי האָט יעזס געטראָגן די בשורה פון באַלדיקן אָנקומען פון דער מלכותא דשמיא. צו די באַרויבטע און פאַראָרימטע האָט יעזוס גערעדט. ער האָט זיי געטרייסט און געבענטשט, אַז זיי וועלן זען די מלוכה פון גאָט. יעזוס האָט דאָ קיין נייס ניט אויפגעטאָן. ער האָט די אָרעמע יידן געבענטשט מיט דער ברכה פון תהלים:

מט. 4:5 „געבענטשט זיינען די וואָס טרויערן; וואָרום זיי וועלן ווערן געטרייסט."

פש. אויך ווערט געזאָגט אין תהלים:

| | |
|---|---|
| תהל. 34: גאָט איז נאָענט צו די צעבראָכענע הערצער און די געשלאָגענע געמיטער טוט ער היילן. | קרוב יה׳ לנשברי לב, ואת דכאי־רוח יושיע. |

לוקאס גיט איבער די בענשונג מיט אַנדערע ווערטער: געבענטשט (אשרי) זייט איר וואָס וויינען: וואָרום איר וועט לאַכן."

פאָלגענדיקע זיינען פאַראַלעלן צו די בענטשונגען:

| | |
|---|---|
| ישעיה 2:66 „אָבער אויף אַזעלכע טו איך קוקן: אויף דעם אָרימאַן און גע־שלאָגענעם אין געמיט, און דער וואָס ציטערט איבער מיין וואָרט." | ואל זה אביט, אל עני ונכה רוח, וחרד על־דברי. |

---

1) המון, אַ גרויסע צאָל מענטשן.

ישעיה 15:57. „ווארום אַזוי זאָגט דער הויכער און דער דערהויבענער, דער וואָס רוט אייביק, און הייליק איז זיין נאָמען: אין הויכקייט און הייליקייט טו איך רוען,
אָבער אויך ביי דעם דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אין געמיט.
אויפצולעבן דעם געמיט פון די געפאַלענע, און אויפלעבן דאָס האַרץ פון די דערשלאָגענע.

כי כה אמר רם ונשא,
שכן עד, וקדוש שמו:
מרום וקדוש אשכון,
ואת דכא, ושפל רוח
להחיות רוח שפלים,
ולהחיות לב נדכאים.״

ישעיה 17:41. „די אָרימע און באַדערפטיקע זוכן וואַסער און ניטאָ,
זייער צונג איז פאַרטריקנט פון דאָרשט;
איך יאהווע וועל זיי ענטפערן,
איך גאָט פון ישראל, וועל זיי ניט פאַרלאָזן.״

יש. 17:41. „העניים והאביונים מבקשים מים, ואין, לשונם בצמא נשתח;
אני יה׳ אענם
אלהי ישראל לא אעזבם.״

מת. 5:5. „געבענטשט (אשרי) זיינע די באַשיידענע (ענווים), ווארום זיי וועלן ירשענען די ערד.״

פש. דאָס איז אַ ווערטערלעכע ציטירונג פון תהל. 11:37.

„אָבער די געדריקטע וועלן אַרבן דאָס לאַנד, און וועלן זיך קוויקן מיט גרויס פרייד.״

וענוים יירשו ארץ,
והתענגו על רב שלום.

תהל. 13:25. „זיין זעל וועט רוען אין גוטס, און זיין זאָמען וועט אַרבען דאָס לאַנד.

נפשו בטוב תלין,
וזרעו יירשו ארץ.

ישעיה 21:60. „און דיין פאָלק וועלן זיין אַלע גערעכטע אויף אייביק וועלן זיי אַרבן דאָס לאַנד.

ועמך כלם צדיקים,
לעולם יירשו ארץ.

תהל. 9:25. „ער פירט די באַשיידענע אין גערעכטיקייט, און לערנט די באַשיידענע זיין וועג.״

ידרך ענוים במשפט
וילמד ענוים דרכו.

עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַז דאָס וואָרט ׳עניו׳ פון דער ביבלישער און שפעטערדיקער צייט טראָגט ניט די מיינונג פון דער ענגלישער איבערזעצונג (מיק־ Meek ); עניו איז דאָס קעגן־וואָרט פון ׳בעל־גאוה, וואָס דריקט אויס די מיינונג פון צו זיין איינגעגלויבט אין אייגענעם עגא, אין דער

אייגענער פּערזענליכער גרויסקייט. דער בעל גאוה שטעלט זיין איך איבער אַלץ און אַלעמען. אַן עניו שטאַלצירט ניט מיט זיין איך, ער פאַרגעסט זיין איך, ער איז גרייט צו אָפּגעבן זיין איך אין דינסט צום כלל, און אויב נויטיק צו אָפּפערן זיין איך פאַרן כלל. משה ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען עניו, משה האָט ניט געזוכט כבוד פאַר זיך אָדער פאַר זיינע קינדער; נאָר אַלע זיינע אינדיווידועלע פעיקייטן געלייסטעט צו דינען דעם פאָלק ישראל: צו דערהויבן אַלץ פאָלק און איבער אַלץ זיין גייסטיקן צושטאַנד.

מאת. 6:5. „געבענטשט זיינען די וועלכע הונגערן און דורשטן נאָך גערעכטיקייט, ווארום זיי וועלן ווערן פאַרפולט."

פש. לוקאַס גיט איבער די זעלבע בענטשונג, נאָר אין פשוטן זין פון הונגער נאָך עסן.

מאת. 21:6. „געבענטשט זייט איר, וואָס הונגערן איצט: ווארום איר וועט ווערן אָנגעפילט."

ווי עס ווייזט אויס איז לוקאַס בענטשונג די אָריגינעלע, נאָר אין די שפּעטערע צייטן איז צוגעגעבן געוואָרן אין דער בענטשונג פון מאתיא, „צו דורשטן נאָך גערעכטיקייט." גערעכטיקייט איז דער רוקן־ביין פון דער יידי־שער עטיק. עס איז די קווינט עסענץ פון דער נביאישער מאָראַל. עס פאָלגן אויסצוגן פון תנ"ך.

ישעיה 1:51. „הערט מיר צו איר וואָס יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט, איר וואָס זוכט גאָט."

ירמיה 6:23. „אין זיינע טעג וועט געהאָלפן ווערן יהודה
און ישראל וועט רוען אין זיכערקייט,
און דאָס איז זיך נאָמען וואָס מען וועט אים רופן:
גאָט איז אונדזער גערעכטיקייט."

תהלים 6:36. „דיין גערעכטיקייט איז ווי די מעכטיקע בערג, דיינע משפטים ווי דער גרויסער תהום."

צדקתך כהררי אל,
משפתיך תהום רבה."

תה. 15:89. „רעכט און גערעכטי־קייט זיינען דאָס געשטעל פון דיין טראָן, חסד און אמת זיינען פאַר דיין פנים."

צדק ומשפט מכון כסאך,
חסד ואמת יקדמו פניך."

מת. 7:5. „געבענטשט זיינען די רחמנות האָבער, ווארום זיי וועלן דער־האַלטן רחמים."

פש. רחמים איז דער תמצית פון דער יידישער עטיק. גאָט ווערט אָנ־גערופן רחמנא, די יידן ווערן אָנגערופן רחמנים בני רחמנים. עס קומען פאַראַלעלן.

תהל. 12:40. „ניט פֿאַרמיידן זאָלסטו, גאָט, דיין דערבאַרימונג פֿון מיר, דיין גענאָד און דיין אמת זאָל מיך תמיד באַהיטן."

משלי 21:14. „דער וואָס איז מבזה זיין חבר זינדיקט, און דער וואָס לייטזעליקט די גערדריקטע, ווייל איז צו אים."

מאתיא 8:5. „געבענטשט זיינען די לויטערע אין האַרצן, וואָרום זיי וועלן זען גאָט."

פּש. פֿאַראַלעלן איבער א לויטער האַרץ.

תהל. 10:7. „מיין באַשיץ איז אויף גאָט: ער העלפֿט די רעכטפֿערטיקע הערצער."

„מגני על אלהים מושיע ישרי לב."

תהל. 11:7. „וואָרום גערעכט איז גאָט, גערעכטיקייט האָט ער ליב; די רעכטפֿערטיקע וועלן זען זיין פּנים."

כי צדיק יה', צדקות אהב,
ישר יחזו פנימו.

תה. 3:24, 4, 5. „ווער קען אַרויף אויפֿן באַרג פֿון גאָט, און ווער קען שטיין אין זיין הייליקן אָרט? — דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ, וואָס האָט מיך ניט דערמאָנט צום פֿאַלשן, און גע־שוואָרן מיט באַטרוג. ער וועט קריגן אַ ברכה פֿון יאַהווע, און חסד פֿון דעם גאָט פֿון זיין הילף."

מי יעלה בהר יהו',
ומי יקום במקום קדשי?
נקי כפים ובר לבב,
אשר לא נשא לשוא נפשו
ולא נשבע למרמה.
ישא ברכה מאת יה',
וצדקה מאלהי ישעו."

די לויטערקייט פֿון האַרץ ווערט דאָ אויסגעדריקט שיין און דערהויבן.

תה. 1:73. „פֿאַרוואָר, גאָט איז גוט צו ישראל, צו די וואָס האָבן אַ ריין האַרץ.

„אך טוב לישראל אלהים
לברי לבב."

תהל. 11:97. „אַ ליכט איז פֿאַרזייט פֿאַרן צדיק, און פֿאַר די רעכטפֿערטיקע הערצער אַ פֿרייד.

„אור זרע לצדיק,
ולישרי לב שמחה."

מאת. 9:5. „געבענטשט זיינען די פֿרידן־מאַכערס: וואָרום זיי וועלן גע־רופֿן ווערן די קינדער פֿון גאָט."

פּש. דאָ לויבט יעזוס די וועלכע גיבן זיך איבער צו מאַכן פֿרידן. יעזוס גיט דאָ איבער דעם טראַדיציאָנעלן איינגעוואָרצלטן יידישן גייסט צו דער תשוקה נאָך פֿרידן.

תהל. 14:34. „קער זיך אָפּ פון שלעכטס און טו גוטס, זוך שלום און יאָג זיך נאָך אים."

סוּר מרע, ועשה־טוב, בקש שלום ורדפהו.

ישעיה 7:52. „ווי שיין זיינען אויף די בערג די פיס פון דעם אָנזאָגער וואָס לאָזט הערן שלום, וואָס זאָגט אָן גוטס."

מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב.

זכריה 16:8. „דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן: רעדט אמת איינער מיט דעם אַנדערן, אמת און אַ פרידליכן משפט. 17. און איינער דעם אַנדערנס רעה זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער האַרצן. 19. נאָר האָט ליב אמת און שלום.

אלה הדברים אשר תעשו: דברו אמת איש את רעהו, ואיש את רעת רעיהו אל תחשבו בלבבכם. והאמת, והשלום אהבו.

פירקי אבות 12:1. „הלל זאָגט: זיי פון די תלמידים פון אהרן, האָב ליב שלום און יאָג זיך נאָך שלום, האָב ליב מענטשן און דערנענטער זיך צו דער תורה."

הלל אמר: הוה מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום, ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.

אבות 18:1. „רבן שמעון דער זון פון גמליאל זאָגט: אויף דריי זאַכן האַלט זיך אויף די וועלט — אויף אמת, און גע־רעכטיקט, און אויף שלום."

רבן שמעון בן גמליאל אומר: על שלשה דברים העולם קים — על האמת ועל הדין, ועל השלום.

מאת. 10:5. „געבענטשט (אשרי) זיינען זיי וועלכע ווערן פאַרפאָלגט איבער זייער רעכטפערטיקייט: ווארום זייערס איז די קיניגרייך פון הימל (מלכותא דשמיא)."

פש. ענליכע פאַראַגראַפן זיינען:

ישעיה 7:51. „ הערט מיר צו איר וואָס ווייסט גערעכטיקייט, דאָס פאָלק וואָס מיין תורה איז אין אייער האַרצן: איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַרן שמאַך פון מענטשן, און פאַר זיינע לעסטערונגען זאָלט איר ניט אַנגסטן.

(7) שמעו אלי יודעי צדק, עם תורתי בלבם: אל תיראו חרפת אנוש, ומגד פתם אל תחתו.

ישעיה 8:51. ...אָבער מיין גערעכ־טיקייט וועט זיין אייביק, און מיין הילף אויף דור דורות."

(8) וצדקתי לעולם תהיה, וישועתי לדור דורים.

ישעיה 12:51. „איך, איך בין אייער טרייסטער; ווער ביסטו, זאָלסט מורא האָבן פאַר אַ מענטשן וואָס שטאַרבט, פאַר אַ מענטשן קינד (בן־אדם) וואָס ווערט צו גראָז געמאַכט."

(12) אנכי, אנכי הוא מנחמכם, מי את ותיראי מאנוש ימות, ומבן־אדם חציר ינתן.

תהלים 20:34. „פיל זיינען די אונ־גליקן פון צדיק. אָבער פון זיי אַלע וועט אים מציל זיין גאָט."

רבות רעות צדיק, ומכלם יצילנו יה'.

מת. 11:5. „געבענטשט זייט איר, ווען מענטשן וועלן אייך מבזה זיין (ריווייל) און פאַרפאָלגן, און וועלן זאָגן פאַלש אַלע מינים פון איבל קעגן אייך, פאַר מיינט וועגן."

פירוש. דאָ גיט איבער מאתיא דעם ערשטן אויפטריט פון יעזוס, דעם אָנפאַנג פון יעזוס מיניסטירונג. 1) יעזוס האָט ערשט באַשטימט זיינע ערשטע פיר תלמידים, אין זיין גאַנג דורכן גליל האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט פון גרויסע צאָלן מענטשן. ער האָט געלערנט אין די סינאַגאָגעס פון גליל, געהיילט קראַנקע, לויט מאתיא, איז צו מערקן אַז די בתי כנסיות (סינאַגאָגעס) זיינען געווען פאַר אים אָפן, און זיין רום האָט זיך געשפרייט אַפילו אויסער די גרעניצן פון גליל.

לוקאַס גיט איבער די זעלבע בענטשונג, אָבער אין גאַר אַן אַנדער שפּראַך.

לוק. 22:6. „געבענטשט זייט איר ווען מענטשן וועלן אייך האַסן, און וועלן אייך מחרים זיין פון זייער געזעלשאַפט (קאָמפּאַניע), און וועלן אייך זידלען, און אַרויסוואַרפן אייער נאָמען אַזוי ווי אַן איבל, פאַר דעם בן אדמס וועגן."

לוקאַס בייט דעם זאַץ פון מאתיא, און שטעלט אַריין די ווערטער: „זיי וועלן דיך אָפּשיידן פון זייער קאָמפּאַניע", אויך בייט ער מאתיאס ווערטער „זיי זאָלן זאָגן אַלע מינים פון איבל פאַלש קעגן אייך", אויף: „און וועלן אַרויסוואַרפן אייער נאָמען אַלץ אַן איבל." אויך בייט דאָס וואָרט „ריווייל" אויף „האַס"; און פון 'מיינט וועגן' ווערט פון אים געביטן אויף: „פאַר דעם בן־אדמס וועגן."

לויט מאתיא, קען זיין אַ מעגליכקייט, אַפילו היסטאָריש ניט ריכטיק, אַז מענטשן זאָלן רופן מיט שלעכטע נעמען; אָבער נאָך לוקאַס מיינט דאָך חרם־אַנאַטהעמאַ. אַזאַ זאַך קען געטאָן ווערן נאָר דורך דער אויטאָריטעט פון בית־דין אָדער קאָנסיל (סנהדרין). אויף וועלכע געשיכטלעכע באַווייזן האָט לוקאַס באַזירט זיינע באַשולדיקונגען אין אַריינוואַרפן אין חרם אין דער צייט פון

1) גייסטיקע לערנונג און פריידיקונג. אין מיין שרייבן וועל איך נוצן דעם וואָרט יעזוס־מיניסטירונג.

זיין דרשה? איז דער תירוץ אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט אַלס אַ נבואה אויף שפּעטער. איז אויב עס איז אַ נבואה פון יעזוס, פאָדערט זיך אַז שרייבער פון יעזוס רייד זאָלן האָבן אַפשיי און כבוד און ריכטיק איבערגעבן די רייד פון נביא און פון זיין נבואה. אָבער ווען עס געפינט זיך אַזאַ פאַרנאַכלעסונג פון יעזוס רייד, ווען איין שרייבער גיט צו נייע רייד, און אַן אַנדער מיינונג אויף די רייד פון יעזוס וואָס ווערט איבערגעגעבן פון אַן אַנדער שרייבער: איז עס דער אמתער עדות, אַז עס איז ניט אווטענטיש, עס זיינען די רייד פון די אַוטאָרן און ניט פון יעזוס. דאָס איז אַן אינטערפּאָלאַציע פון די סאַמע שפּעטערדיקע צייטן.

די דרשה זעלבסט, אָדער טיילן פון איר זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן פיל שפּעטער. די „פאַרפאָלגונגען" אין דער דרשה זיינען אַ רעזולטאַט פון די רוימישע פאַרפאָלגונגען קעגן די קריסטן. אין די צייטן פון די רוימישע פאַרפאָלגונגען האָבן די קירכעס געזוכט צו שטאַרקן דעם גלויבן און מוט פון די קריסטן: האָט מען איבערגעגעבן אין יעזוס נאָמען זיין טרייסט צו זיי. שפּעטער האָבן קריסטלעכע הענט געביטן, אַז יעזוס מיינט די פאַרפאָלגונגען פון די יידן.

אויב די נייע בענטשונגען (ביוטידיעס) פון מאתיא זיינען די אווטענטישע רייד פון יעזוס, איז וואָרום גיט איבער לוקאַס נאָר פיר און איגנאָרירט די איבעריקע פינף? דאַרף פאַרשטאַנען ווערן: ענטוועדער לוקאַס האָט פון זיי ניט געוווּסט, אָדער ער האָט געוווּסט נאָר געהאַלטן זיי פאַר ניט וויכטיק צו רעקאָרדירן און ער האָט זיי אויסגעלאָזן. אָבער עס גיט ניט קיין אורזאַך וואָס זאָל אים ריכטן אַזוי צו טאָן. דעריבער איז די נאָענטסטע השערה אַז מאתיא האָט אויך ניט געשריבן מער בענטשונגען ווי לוקאַס, נאָר זיי זיינען צוגעגעבן געוואָרן פון אַ שפּעטערדיקן איבער שרייבער פון מאתיא׳ס עוואַנגעליע.

די גאַנצע דרשה ווייזט אויס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן ניט אין געהעריקן פּלאַץ, און ניט פון אַוטאָר זעלבסט. מיט דריי זאַצן פאַר דעם קאַפּיטל פון דער דרשה דערציילט מאתיא ווי יעזוס האָט גערקראָגן זייבע ערשטע פיר תלמידים: שמעון פּעטרוס, זיין ברודער אַנדריי, און יעקב און יוחנן די זין פון זבדי. האָט יעזוס געהאַט נאָר פיר תלמידים, און ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער אינטראָדוקציע פון דער דרשה ווערט פאַרשטאַנען אַז יעזוס האָט שוין געהאַט אַלע תלמידים און גרויסע עולמס קומען צו הערן. ניט קוקענדיק אויף דערויף וואָס דער אַוטאָר איז ניט צופיל מקפיד אויפן סדר פון געשעענישן, דאָך וואָלט ער ניט געבראַכט די דרשה אין דער צייט ווען ער האָט געהאַט נאָר פיר תלמידים.

אויף דער ריכטיקייט און אַוטענטישקייט פון דער איבערגעבונג פון יעזוס רייד דורך לוקאַס, זאָגט נ. שמידט, 1) אין זיין „דער נביא פון נצרת", זייט 124:

1) נאַטאַניעל שמידט, „דער נביא פון נצרת", 1905.

„אַזוי וויניק האָט לוקאַס געזאָרגט פאַר אַקוראַטניקייט.״ — „עס איז אוממעגליך צו שטודירן אַפילו יענע פסוקים וועלכע געפינען זיך אין דער עוואַנגעליע, ניט זייענדיק באַאיינדרוקט מיט דער פרייקייט מיט וועלכער די זאָגונגען פון יעזוס זיינען געוואָרן מאָדיפיצירט דורכגייענדיק פון ליפּ צו ליפּ, און נייע (זאָגונגען) זיינען געשאַפן געוואָרן.״

יידן ווי איינצעלנע אַזוי אין מאַסן האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פון גאָטס וועגן (על קידוש השם) ביז יעזוס צייט, און די צייט פון נאָך אים; דאָ רופט יעזוס צו שטאַרבן פון זיינט וועגן. צאָליקע קאָמענטאַטאָרס זען אין די ווערטער „פון מיינט וועגן״ הויכע אידעען און געטליכן פאַרנעם.

מט. 12:5. „פרייט זיך און זייט זייער לוסטיק; ווארום גרויס איז אייער שכר אין הימל: ווארום אַזוי האָבן זיי פאַרפאָלגט די נביאים וועלכע זיינען געווען פאַר אייך.״

פּש. לוקאַס, וועלכער נוצט די זעלבע ווערטער וואָס מאתיא, פירט אַריין אַן אַנדערשקייט.

לק. 23:6. „פרייט זיך אין יענעם טאָג, און שפּרינגט פון פרייד, ווארום, זע, אייער שכר איז גרויס אין הימל: ווארום אין זעלבן אופן האָבן זייערע פאָטערס געטאָן צו די נביאים.״

פּש. יעזוס הייסט, זיך זייער פרייען. לויט מאתיא רעדט יעזוס צו די תלמידים אַליין, מיינט דאָס אַז יעזוס הייסט די תלמידים זיך פרייען. נאָך לוקאַס רעדט יעזוס צו אַ גרויסן עולם פון יידן און ניט יידן, דאַרף זיך פרייען דער גרויסער המון. ווארום דאַרף זיין מיט זיי אַזאַ שמחה? — „זיי האָבן אַזוי פאַרפאָלגט די נביאים״, „אין זעלבן אופן געטאָן צו די נביאים.״

מאתיא האָט דאָך נאָך אַ וואָרט ניט דערמאָנט ביז איצט אַז עס איז געטאָן געוואָרן דאָס קלענסטע בייז צו יעזוס, און צו זיינע נאָך ניט פולער צאָל תלמידים, אָדער צו די „מולטיטיוד.״ פאַרקערט גרויסע צאָלן מענטשן זיינען געקומען אים הערן, זיין רום האָט זיך ווייט פאַרשפּרייט. ווו האָבן געגומען מאתיא און יעזוס די אורזאַך צו זאָגן אַזוי ווי מען פאַרפאָלגט אייך אַזוי האָט מען פאַרפאָלגט די נביאים?

דערפאַר האָט שוין לוקאַס צוגעגרייט דעם באָדן נאָך פון פריער. ער האָט צוגעטראַכט אַ מעשה־נורא, פאַר וועלכער אים לוקאַסן אַליין קומט דער קרעדיט, ווארום קיינער פון די אַנדערע דריי אַוטאָרן וויסן ניט פון אַזאַ שרעקליכער מעשה, ווי מען האָט געוואָלט וואַרפן יעזוסן פון אַ פעלז מיטן קאָפּ אַרונטער.״ אַזוי מוז זיין „אויפן זעלבן אופן״ האָט מען אַרונטערגע־וואָרפן די נביאים.״

לויט מאתיא, רעדט יעזוס נאָר צו די תלמידים וועלכע זיינען גאָט צו דאַנקען אַלע אין בעסטן געזונט און קיינער האָט נאָך ניט אויף זיי דעם קלענסטן פינגער אַרויפגעלייגט, איז וועמען מיינט דאָ דער „זיי״? ווערט פאַרשטאַנען אַלע יידן חוץ די תלמידים אויפן באַרג. די אַלע יידן וואָס לעבן איצט אַרום 500 יאָר נאָכן טויט פון לעצטן נביא האָבן פאַרפאָלגט די נביאים.

לוקאַס פאַרריכט שוין דעם זאַץ, אַז „אַזוי האָבן געטאָן זייערע פאָטערס.״ לוקאַס שרייבט אַז די דרשה רעדט יעזוס צו אַ גרייסן געמישטן עולם פון יידן און היידענס. לוקאַס גיט זיך אַליין אַרויס. אויב יעזוס וואָלט גערעדט די ווערטער וואָלט ער געזאָגט: „אין דעם זעלבן אופן האָבן ״אייערע״ פאָטערס געטאָן צו די נביאים.״ וואָס פאַר אַ זין קען האָבן ווען איינער רעדט צו אַן עולם און זאָגט זיי „זייערע פאָטערס.״ בלייבט די פראַגע: וועמענס פאָטערס? פון די וועלכע געפינען זיך ניט אין דער ׳מולטיטיוד׳? די עפּאָכע פון די נביאים האָט געדויערט פון 500 ביז 1000 יאָר פאַר יעזוסן, איז ווי אַזוי האָט יעזוס געקענט אויסרעכענען אַז דאָס זיינען געווען די פאָטערס פון די וועלכע געפינען זיך ניט אין זיין צוהערער אדיענץ?

אָבער ווען לוקאַס שרייבט פיל צענדליק יאָרן נאָך דער געשעעניש, און פאַרמאָגט אַ גרויסן חשק פון צו מאַכן די יידן פאַר נביאים פאַרפאָלגערס, איז לוקאַסן גרינג צו שרייבן „זייערע פאָטערס״, וואָס עס מיינט די פאָטערס פון די יידן. אַזוי ווערט צוגעשריבן צו יעזוס רייד וואָס יעזוס האָט עס ניט געקענט זאָגן.

דער פעריאָד פון פאַרפאָלגונגען פון די נביאים איז געווען אין דער צייט פון מלך אחאב און איזבל. אויב דער קעניג פון ישראל, אחאב, איז דער פאָטער פון די יידן וועלכע געפינען זיך ניט אין דער איינזאַמלונג פון די הערער: איז דאָך איזבל, די טאָכטער פון אַ פּאַגאַן־קינג, די מוטער פון די היידנס פון צור און צידון.

דער מלך פון יהודה צדקיה האָט פאַרפאָלגט דעם נביא ירמיה, צדקיה שטאַמט פון דודן, איז ער דאָך דער פאָטער פון יעזוס—ווי די גענעאַלאָגיעס באַווייזן דאָס.

דער תהלים גיט איבער ווי און מיט וועמען פרייען זיך די „נביאים פאַרפאָלגער״ וועלכע האָבן אָפּגעהיט די רייד פון די נביאים.

| | |
|---|---|
| תהל. 12:5. „און אַלע וואָס שיצן זיך אין דיר (גאָט), וועלן זיך פרייען, אייביק וועלן זיי זינגען ווארום וועסט זיי באַשירעמען, און די ליבהאָבער פון דיין נאָמען וועלן זיין לוסטיק מיט דיר. | וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו ותסך עלימו וילצו בך אהבי שמך. |
| תהל 2:9. איך וועל זיך פרייען און לוסטיק זיין מיט דיר, און וועל באַזינגען דיין נאָמען דו העכסטער.״ | אשמחה ואעלצה בך, אזמרה שמך עליון.״ |

יעזוס זאָגט זיי זאָלן זיך פרייען און זיין לוסטיק ווייל זיי וועלן קריגן זייער שכר אין הימל פאַר די „געליטענע פאַרפאָלגונגען.״ וויפיל איז גייסטיק גרעסער און טיפער דאָס גלויבן אין די אויבן אָנגעגעבענע פסוקים פון תהלים, אַן דעם צוזאָג פון גרויסן שכר אין הימל.

מת. 13:5. „איר זייט דאָס זאַלץ פון דער ערד, אָבער אויב דאָס זאַלץ ווערט אָן איר טעם מיט וואָס זאָל עס געזאַלצן ווערן? פון דאַן אָן טויג עס ניט מער ווי פאַר גאָר ניט, נאָר אַרויסצוּוואַרפן, און צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון מענטשן.״

פש. דאָס אַלץ זאָגט יעזוס, זיצנדיק אויף אַ באַרג, צו זיינע פיר תלמידים, אַז זיי זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד, עס מיינט דאָס וויכטיקסטע געווירץ וואָס גיט אַ טעם דער וועלט. די זעלבע רייד פון יעזוס גיט איבער מאַרק אויף אַן אַנדער אופן. יעזוס האָט דאָס געזאָגט זיצענדיק אין אַ הויז אין כפר נחום (קאַפּערנאום).

מק. 50:9. „זאַלץ איז גוט: אָבער אויב דאָס זאַלץ האָט אָנגעוואָרן איר געזאַלצנס, מיט וואָס וועט איר עס באַטעמען? האָט זאַלץ אין אייער זעלבסט, און האָט פרידן איינער מיט דעם אַנדערן.״

פש. אַזוי, נאָך מאַרקוס, זאָגט אָן יעזוס זיינע תלמידים אַז זיי זאָלן האָבן זאַלץ אין זיך. זייערע טואונגען זאָלן האָבן אַ טעם, און האָבן פרידן איין תלמיד מיט דעם אַנדערן. מאתיא מאַכט דאָס אימפּאָזאַנט. מיט אַ שטריך פון דער פען בייט ער דעם טאָן און אינהאַלט. אַנשטאָט וואָס יעזוס אונטער־ריכט די תלמידים אַז זיי זאָלן האָבן זאַלץ און פרידן; מאַכט ער יעזוסן זאָגן: איר מיינע תלמידים זיינען די גרעסטע מענטשן אויף דער ערד, דאָס זאַלץ פון דער ערד.

עס מערקט זיך בולט אין יעזוס אָפטע אינסטרוקציעס ליבשאַפט און פרידן פון איין תלמיד צום אַנדערן. עס איז קלעניש, יעזוס זוכט אָפּהיטן די גאַנצקייט פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, ניט ווי אַ תורה פאַר דער וועלט.

לוקאַס האָט דאָס אויך ניט אין דער דרשה, נאָר אין אַ באַזונדער פּלאַץ. ער גיט עס איבער אין זעלבן זינען ווי מאַרקוס.

לק. 34:14. „זאַלץ איז גוט: אָבער אויב דאָס זאַלץ האָט אָנגעוואָרן איר טעם, מיט וואָס זאָל עס ווערן באַזאַלצן? עס טויג ניט פאַר דער לאַנד, און ניט פאַר דער אָפּפאַל בערגל.

פש. אַ פּאַראַלעל איבער זאַלץ אין:

איוב 6:6. „ווערט אונבטעמטעס געגעסן אָן זאַלץ?״

מט. 14:5. „איר זייט דאָס ליכט פון דער וועלט. אַ שטאָט וואָס שטייט אויף אַ באַרג קען ניט ווערן באַהאַלטן. (15) אויך טוען ניט מענטשן אָנצינדן אַ ליכט, און אַריינשטעלן אונטער אַ קוים.״

פש. עס איז דאָס זעלבע ווי מיט די זאַלץ. באַזונדערע ווערסיעס: מאַרק שרייבט אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט צו אַ גרויסן עולם ביי דער זייט פון ים (מק. 21:4) ווערט דען אַ ליכט אַריינגעבראַכט צו שטעלן איר אונטער אַ קויש?

לק. 16:8. „קיין מענטש ווען ער צינדט אָן אַ ליכט שטעלט ער עס אונטערן בעט, אָדער דעקט צו מיט אַ כלי.“

פש מק. און לוקאַס דערמאָנען ניט אַזאַ זאָגן: „איר זיינט דאָס ליכט פון דער וועלט?“

מט. 16:5. „זאָל אייער ליכט אַזוי שיינען פאַר מענטשן, אַז זיי זאָלן זען אייערע גוטע טוונגען, און גלאָריפיצירן אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל.“

פש. עס ווונדערט אויב פאולוס דער אַפּסטאָל פון די גוים (דזשענטיילס) האָט געוווּסט וואָס יעזוס האָט געזאָגט, אָדער ער האָט ניט געוואָלט וויסן וואָס דער לעבעדיקער יעזוס דרשנט. לויט פאולוסן זיינען „גוטע מעשים (וואָרקס) דאָס ערגסטע זאַך אין דער וועלט. מיט מעשים קען מען ניט באַ־רעכטיקט ווערן פאַר גאָט.“

דאָס קריסטלעך גלויבן האָט אָנגענומען פאולוס עוואַנגעליע פון „וואָרקס“ און האָבן פאַרוואָרפן יעזוס עוואַנגעליע וועגן וואָרקס (מעשים). עס איז פאולוס ווערזוס יעזוס.

דאָ קומען די פאָלגענדיקע פּאַראַלעלן:

ישעיה 3:60. „און פעלקער וועלן גיין פאַר דיין ליכט און מלכים פאַר דער העלקייט פון דיין שיין.“

ישיה 6:49 . . . נאָר איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ ליכט פון די פעלקער, אַז מיין הילף זאָל זיין ביז צום עק פון דער וועלט.“

ישעיה 19:66. „און זיי וועלן דערציילן מיין כבוד צווישן די פעלקער.“

דער נביא רעדט דאָס וועגן דאָס פאָלק ישראל וואָס וועט זיין אַ ליכט צו די פעלקער.

מאטט. 17:5. „דיינקט ניט אַז איך קום צו פאַרניכטן די תורה (לאָ) און די נביאים: איך קום ניט צו פאַרניכטן, נייערט צו מקיים זיין (פאַרפילן).“

מאטט. 18:5. „וואָרום באמת זאָג איך אייך, ביז הימל און ערד וועלן פאַרגיין, וועט איין קוצו של יוד אין קיין פאַל ניט פאַרגיין פון דער תורה (לאָ), ביז אַלץ וועט פאַרפולט ווערן.“

דאָס זיינע יעזוס רייד וואָס זייגען ניט מער ווי אַ קול וואָס רופט אין דער וויסטעניש. פון פאולוסן ביז היינטיקן טאָג האָט די קריסטלעכע קירך, די קריסטלעכע וועלט אָפּגעוואָרפן פון זיך די דאָזיקע יעזוס רייד.

יעזוס זאָגט אַזוי קלאָר און דייטלעך: „כל זמן דער הימל און ערד וועלן באַשטיין וועט דער קלענסטער אות פון דער תורה ניט פאַרגיין.

קומט פאולוס און לייקענט יעזוסן, ער זאָגט אַז ער האָט אַן אַנדער מיינונג, און אַזאַנדער בשורה, און זיין מיינונג זאָל באַשטיין.

ראמ. 20:3. „דערפאַר דורך די טאָטן פון דער תורה (לאָ) וועט קיין

לייב ווערן גערעכטיקט אין זיינע אויגן: ווארום די תורה־לא איז דאָס וויסן פון זינד.״

ראמ. 28:3. „דערפאַר קומען מיר צום שלוס אַז אַ מאַן איז גערעכטיקט דורך גלויבן אָן טאָטן פון דער תורה.״

**פאולוס ענטפערט יעזוסן: „ביי מיר איז ניט דאָס קלענסטע פינטל האָט ניט קיין האַפט און זין, נאָר אויך די גאַנצע תורה — לא — טו איך ניט דערקענען, עס איז ביי מיר אַ זאַך וואָס ברענגט זינד און טויט.״**

**די גאַנצע קריסטלעכע וועלט איגנאָרירט יעזוסן און זאָגן אמן צו פאולוסן.**

**יעזוס האָט פאָרויס געענטפערט פאולוסן און אַלע זיינע נאָכפאָלגער:**

מאטט. 19:5. „דער יעניקער דערפאַר וואָס וועט ברעכן איינעם פון דיזע קלענסטע געבאָט און וועט לערנען מענטשן אַזוי, ער וועט גערופן ווערן דער קלענסטער אין דער מלוכה פון הימל, אָבער דער יעניקר וואָס וועט טאָן און לערנען זיי (די געבאָט), דער זעלבער וועט גערופן ווערן גרייסער אין דער מלוכה פון הימל.״

**פש. איז אַ פראַגע ווי אַזוי זיינען פּרעזערווירט געוואָרן די זאַצן 17, 18, 19, אין מאתיאס עוואַנגעליע? אייניקע קאָמענטאַטאָרן זאָגן אַז די זאַצן קומען פון דער פען פון אַ יידישן קריסט. דאָך פאַרענטפערט עס ניט די מעגלעכקייט פון דעם אַז די פען פון אַ יידישן קריסט זאָל קענען אויסמיידן די וואַכזאַמע אויגן פון די פאָטערס פון די קירכעס.**

**דער ענטפער קען זיין נאָר דער, וואָס די געגעבענע זאָגונגען האָבן גענומען שטאַרקע וואָרצלען ווי אין דער מינדלעכער אַזוי אין דער געשריי־בענער טראַדיציע. עס איז געווען אַזוי וויט פאַרשפּרייט אין דער טראַדיציע פון די קירכעס, אַז עס איז ניט מעגלעך געווען אין גאַנצן אָפּצושטעלן און צו מאַכן עס פאַרגעסן. מסתמא זיינען אויך געשטאַרקט געוואָרן די זאָגונגען דורך די ווערטער „איך בין געקומען צו פאַרפילן״, האָט מען פאַרטייטשט אַז די תורה קען קריגן איר תיקון דורך יעזוס פאַרפילונג. אָבער דאָס וואָרט פאַרפילונג איז נאָר די איבערזעצונג פון יידישן „מקיים זיין.״**

מאת. 20:5. „ווארום איך זאָג צו אייך, אַז סיידן אַ מער רעכטפאַר־טיקייט וועט איבערשטייגן די רעכטפאַרטיקייט פון די סופרים און פרושים וועט איר אין קיין פאַל ניט אַריינקומען אין דער מלוכה פון הימל.״

**פש. יעזוס זאָגט צו זיינע תלמידים אַז זייער צידקות זאָל איבערשטייגן די צידקות פון די פרושים: ער זאָגט ניט אַז זיי זיינען ניט רעכטפאַרטיק, נאָר**

צו אַריינקומען אין דער מלוכה מוז מען באַזיצן אַ גרעסערע רעכטפאַרטיקייט. מען קען אַמאָל באַשולדיקן איינעם אָדער אַ מערערע צאָל אין זיין ניט רעכט־פאַרטיק, אָבער איצט באַשולדיקט יעזוס אַ גרויסן טייל פון לאַנדס באַפעל־קערונג אין זייער אונגערעכטיקייט, און לייגט אַרויף אַ שטראָף אויף אַלעמען, אַז זיי וועלן אין קיין פאַל ניט אַריינקומען אין דער קעניגרייך. אין וואָס באַשטייט זייער חטא? — זאָגט יעזוס אַז די סופרים און פרושים זיצן אין משהס זיץ־שטול, יעזוס דערקענט זייער אַווטאָריטעט. ער זאָגט אָן די תלמידים אַז זיי זאָלן הערן די פרושים, און פאָלגן, און טאָן אַלע דינים וואָס זיי הייסן צו טאָן. דאָס מיינט, אָן קיין שום ספק, אַז זיי דאַרפן היטן אַלע געבאָט פון משהס תורה, און פון דער תורה שבעל פה. נאָר וואָס איז די שולד פון די פרושים? זיי אַליין טוען ניט, דאָס וואָס זיי לערנען צו טאָן.

מת. 3:23. „דאָן האָט יעזוס גערעדט צום גרויסן המון און צו זיינע תלמידים, זאָגענדיק, די סופרים און פרושים זיצן אין משה׳ס שטול, דערפאַר, וואָס זיי הייסן אייך אָפּהיטן, דאָס זאָלט איר אַלע אָפּהיטן און טאָן; אָבער איר טוט ניט נאָך זייערע מעשים: פאַרוואָר זיי זאָגן און טוען ניט.״

פש. די זינד פאַר וועלכע יעזוס שליסט אויס די פרושים פון דער מלוכה באַשטייען אין דעם וואָס זיי ט ו ע ן נ י ט. זעלבסט פאַרשטענדלעך אַז גאָט און יעזוס גערעכטיקן נאָר פאַר מעשים (וואָרקס).

פאולוס און די קריסטלעכע קירך זאָגן דאָס פאַרקערטע: אַז דורך מעשים קען מען ניט גערעכטפאַרטיקט ווערן ביי גאָט. עס איז ניט מיין אויפגאַבע, און איך בין ניט קאַפּאַבל צו אויסגלייכן די ביידע קעגנזעצלעכע לערעס. וויבאַלד די סופרים און פרושים גלויבן אין משה׳ס תורה, און פאַר־טרעטן משהן: איז ווי קען מען באַשולדיקן הונדערטער טויזנט מענטשן פון יהודה, גליל, און אויסלאַנד אַז אַלע אָן אויסנאַם פילן ניט אויס און טוען ניט די געבאָט פון משה וועלכע זיי לערנען צו טאָן. פאול און די קירך באַשולדיקן אויף אַ פאַרקערטן אופן: די סופרים און פרושים זיינען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו די חוקים און דינים פון דער תרה, און פאַנאַטיש זיינען זיי איבערגעגעבן צו דערפילן יעדן קלענסטן דין. זיי פעלט גלויבן, נאָר איבער־געגעבן צו טאָן די מעשים פון משהס תורה, דערפאַר זיינען זיי ניט מער ווי לעגאַיילסטן.

וואָס ביי יעזוסן איז אַ שולד איז ביי פאולוסן און דער קריסטלעכער קירך אַ טוגענט; און וואָס ביי יעזוסן איז אַ טוגענט, איז ביי פאולוסן און קירך אַ שולד. ניט ווילנדיק, טראָגט דער אַווטאָר פון דער עוואַנגעליע אַרויס אַ באַשולדיקונגס אורטייל פון יעזוס קעגן פאולוס און קעגן דער קירך אין איר דורותדיקער עקזיסטענץ. יעזוס דאָקטרינע איז, — דער וואָס האָט ניט קיין מעשים (וואָרקס) וועט ניט אַריינקומען אין דער מלוכה פון הימל.

די זאָצן פון מאתיא 2:23, 3, געפינען זיך ניט אין דער בעזא קאָדעקס

(4־טער יאָר־הונדערט): דערפאַר זיינען אייניקע מיט דער מיינונג אַז עס איז אינטערפּאָלאַציע.

וועלכע מענטשן זיינען געשטאַנען אין דער אָנפירערשאַפט פון די פּרושים אין דער צייט פון יעזוס? נאָענט צו דער צייט פון יעזוס געבורט האָט זיך געענדיקט די לעבעדיקע ווירקונג פון שמאי און הלל. שמאי און הלל, חוץ וואָס זיי האָבן געלערנט, האָבן זיי אַליין געטאָן. הללס לערנונג איז באַשטאַנען פון העכסטן מאָראַל, אין זיין לעבן האָט ער דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון עטיק. אין דער צייט פון יעזוס מיניסטירונג האָט גע־ווירקט רבן גמליאל, וואָס איז געווען אַ זייער עטישער מענטש. די אַקטן פון די אַפּאָסטלס ריידן גוטס פון אים, און מען באַרימט, אַז פאולוס איז געווען זיינער אַ תלמיד. פאולוס גרייסט זיך וואָס ער איז געווען אַ פרוש. אויב די פּרושים זיינען געווען אַזעלכע מיט וועלכע מען האָט זיך גדאַרפט שעמען: וואָלט זיך פאולוס ניט געשפּאַרט אין זייער יחוס. פאולוס האָט מער געוווסט פון די פּרושים, ווי די אַוטאָרס פון דער דרשה אויפן באַרג וואָס איז גע־שריבן געוואָרן איבער הונדערט יאָר נאָך יעזוס לעבן.

אין יעזוס לעבן האָט אויך געווירקט פילון פון אַלעקסאַנדריע, וואָס איז אויך געווען אַ פּרוש כאָטש ער איז געווען העלעניזירט. און די אַפּאָקאַ־ליפּסיע און די פּסעוודאָעפּיגראַפיע פון יענער צייט גיבן ניט קיינע אָנ־ווייזונגען אַז אַלע אָן אויסשליסונגען זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן ניט געטאָן אַליין וואָס זיי האָבן געלערנט.

דער צוועק פון אַלע עוואַנגעליעס איז געווען צו דערווייטערן יעזוסן פון יידן און יידישן גלויבן. יעדעס וואָרט פון יעזוס וואָס זיי האָבן געקראָגן אַלץ איבערגעבונג פון דער מינדלעכער טראַדיציע האָבן זיי געאַנדערשט אַז עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין זייער אַנטאַגאָניסטישער שטעלונג צו די יידן און די פּרושים.

אַזוי ברייגגט לוקאָס אַן אַנדער באַשולדיקונג קעגן די יידן:

לוק. 26:6. „ווי צו אייך, ווען אַלע מענטשן וועלן ריידן וואויל (גוט) פון אייך! ווארום אַזוי האָבן געטאָן זייערע פאָטערס צו די פאַלשע נביאים.״

פּירוש — וועלכע דאָקומענטאַציעס און באַווייזן באַזיצן לוקאָס און יעזוס וועלכע זאָלן איבערגעבן די לויבונגען פון אַ ל ע מענטשן וואָס מיינט פון אַ ל ע יידן צו די פאַלשע נביאים? לוקאָס און יעזוס באַזיצן אָבער דאָקו־מענטן אין וועלכע אָט די „אַלע״ יידן גיבן איבער די רייד פון די ניט־פאַלשע נביאים, וועמענס יעזוס און לוקאָס נעמען אַזוי גערן זייער אוטאָ־ריטעט, עס זאָל עדות זאָגן אויף זייערע תביאות.

די יידן האָבן אָפּגעהיט אַ דאָקומענטאַציע איבער פאַלשע נביאים, נאָר עס איז דאָס פאַרקערטע פון לוקאָס און יעזוס דערקלערונגען. דאָס זיינען די „וואויל״ זאָגנגען פון ירמיה צום פאַלשן נביא חנניה:

ירמיה 15:28. „הער, אָקאָרשט, חנניה: גאָט האָט דיך ניט געשיקט,

און דו האָסט פאַרזיכערט דאָס דאָזיקע פאַלש אויף ליגן.״ אַזוי אויך אין 9:29. „וואָרום מיט ליגן זאָגן זיי אייך נביאות אין מיין נאָמען; איך האָב זיי ניט געשיקט, זאָגט גאָט.״

מת. 21:5. „איר האָט געהערט וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביי זיי פון דער אַלטער צייט, דו זאָלסט ניט טויטן; און דער יעניקער וואָס וועט טויטן וועט זיין אין געפאַר פון בית־דין (דזשאַדזשמענט).״

פש. דאָ אַנטפּלעקט זיך די פולשטענדיקע ניט אויסגעהאַלטענקייט פון דעם אַווטאָר פון דער דרשה, ער פאַרגעסט זיך אַז ער שרייבט פון דער צייט ווען יעזוס הויבט ערשט אָן זיינע פריידיקונגען. מאַתיאַ ווייסט זיך זעלבסט ווי אַ ניט ייד, וועלכער שרייבט אַ ספר פאַר ניט יידן, דערפאַר דערלויבט ער זיך דעם סאַרקאַזם „ביי זיי״ און „פון דער אַלטער צייט.״ אָבער אין דער ווירקלעכקייט — יעזוס, אַ ייד, וועלכער איז געקומען נאָר צו דער הויז פון ישראל, וועלכער רעדט צו זיינע תלמידים יידן, דער הערענדיקער המון זיינען יידן: האָט ער ניט געזאָגט און האָט ניט געקענט אַרויסברייגנגען אַזעלכע ווערטער, „ביי זיי איז געזאָגט געוואָרן.״ ער זאָגט אַז דער קלענסטער אות פון דער תורה וועט ניט אונטערגיין, און אין כהרף עין טיילט ער זיך אויס און זאָגט אַז די זעלביקע אייביקע תורה (לא) איז ׳זייערע׳, ער טיילט זיך אָפּ פון די עשרת הדיברות.

יעזוס האָט ניט געפּריידיקט נאָר צו אָנהאַלטן די פּראָצעדורע פון פריי־דיקונג, ער האָט דערוואַרט רעזולטאַטן, אַזעלכער געלנצענדיקער פריידיקער וואָלט ניט געזוכט צו פאַרטרייבן זיינע צוהערער וועלכע זיינען געווען יידן.

אין די צען געבאָט ווערט גאָר ניט דערמאָנט פון שטראָף, אָדער פון אַ משפּט פון בית דין. עס איז דאָרט געזאָגט געוואָרן קעגן דעם אַקט זעלבסט: מאָרד טאָר זיך ניט געפינען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מת. 22:5. „אָבער איך זאָג אייך, אַז ווער האָט צאָרן אויף זיין ברודער אָן אַן אורזאַך וועט זיין אין געפאַר פון בית־דין (דזשאַדזשמענט); און ווער עס וועט זאָגן צו זיין ברודער ראקא (פון וואָרט רק, ריקה — פוסטער מענטש), וועט זיין אין געפאַר פון סנהדרין (קאָונסיל): אָבער ווער עס וועט זאָגן דו ביסט אַ נאַר (פול) וועט זיין אין געפאַר פון העלישן פייער.״

פירוש — ווען אַ מענטש איז אין צאָרן קען געזאָגט ווערן אויף אים אַז ער באַזיצט אַ זינדיקע מידה, אָבער ער קען ניט דערפאַר געמישפּט ווערן, מישפּט איז פאַר מעשים, אָבער ניט פאַר דעם טעמפּעראַמענט פון אַ מענטשן; און ווער עס וועט רופן ראקא, דאָס מיינט אַ זידל־נאָמען וועט געמישפּט ווערן פון קאָונסיל — סנהדרין. דער סנהדרין איז אַ העכער געריכט וואָס משפּט נאָר אַזעלכע פאַלן וואָס ווערן באַשטראָפט מיט טויט, עס ווערט אָנ־גערופן „דיני נפשות״, אַזאַ זאַך ווען איינער קלאָגט אָן אַ צווייטן אין באַליידיקן אים מיט רופן אים ראקא, אַזאַ משפּט באַלאַנגט צו די נידעריקערע געריכטן

ווי אַ בית דין פון דריי. אָבער ווען מען זאָגט צום ברודער דו ביסט אַ נאַר: דאָס איז דאָס גרעסטע זינד, דער שולדיקער וועט באַשטראָפט ווערן אויף יענער וועלט מיט גיהנום פייער. ווארום איז, נאַר אָדער מארי אַ גרעסערע זינד ווי ראקא, אַז מען זאָל פאַרלירן די יענע וועלט און מען וועט זיך מוזן בראָטן אין גיהנום־פייער?

נאָך יעזוס איז דערלויבט אַ מענטשן אַריין אין כעס, ווען דער מענטש דיינקט אַז ער האָט אַן אורזאַך, דערהויפּט איז פאַררעכענט פאַר אַ זינד כעס אָן אַן אורזאַך.

אבות 15:3. „רבי אליעזר פון מודעין זאָגט: דער וואָס פאַרשעמט דעם פּנים פון זיין חבר פאַר אַן עולם, הגם ער האָט תורה און גוטע מעשים, וועט ער ניט האָבן קיין חלק אין יענער וועלט (עולם הבא). עס איז פיל מילדער ווי צו ברענען אין גיהנום.

מת. 23:5. „דערפאַר אויב דו ברייַנגסט דיין קרבן אויף דעם מזבח, און דאָרט דערמאָנסטו זיך אַז דיין ברודער 1) האָט עטוואָס קעגן דיר;"

מת. 24:5. „לאָז דאָרט דיין קרבן פאַר דעם מזבח, און גיי דיין וועג; צום ערשט בעט זיך איבער מיט דיין ברודער און דערנאָך קום און ברייַנג דיין קרבן."

יעזוס אין זיין דרשה, איז גאַר ניט מחדש, ער גיט איבער די אָנגע־נומענע עטיק וואָס האָט געהערשט אין יידישן לעבן און אין יידישן גלויבן וועלכעס איז געווען אויסגעדריקט אין תנ"ך, אין די רייד פון די חכמים, אין די לערנונגען פון די פרושים, און אין די כתובים אחרונים פון יענער צייט.

משנה יומא, 9:8. „עבירות וואָס זיינען פאַרבונדן צווישן מענטשן און גאָט ווערט פאַרגעבן אין טאָג פון יום כפור, אָבער עבירות פון צווישן מענטש און מענטש ווערט אום יום כפור ניט פאַרגעבן, ביז ער וועט איבער־בעטן זיין חבר."

הושע 6:6. „ווארום גוטסקייט האָב איך באַגערט און ניט שלאַכט־אָפּפער, און דערקענונג פון גאָט איידער בראַנדאָפּפער."

* בבא קמא 109א. „איידער ער ברייַנגט דעם קרבן דאַרף ער גוטמאַכן דאָס בייז וואָס ער האָט געטאָן צו זיין חבר."

* פילון, איבער יענע וואָס ברייַנגען קרבנות, 3 מ, 2, זייט 253.

עס איז נויטיק פאַר יענע וועלכע זיינען געגייגט צו גייך אין בית המקדש און נעמען אנטייל אין די קרבנות, צו זיין ריין אין קערפּער און זעל, און אויך צו זיין באַצירט מיט טוגענטן אויסגעשפּראָכן דורך לויבנסווערטיקע מעשים. נאָר לאָז אים, ווענעס האַרץ ענטהאַלט גלוסטונגען און אַ באַגער צו אומגערעכטע זאַכן, באַדעקן זיין קאָפּ אין שאַנד און זיי שווייגענדיק. באמת דער בית המקדש פון דעם לעבעדיקן גאָט קען ניט באַגעגנט ווערן דורך אומהייליקע קרבנות.

**אין אַלגעמיין רעדט יעזוס פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, און ניט פון דער אַלגעמיינער מענטשהייט.**

מת. 25:5. „קום דורך מיט דיין קעגנער שנעל, וועו דו ביסט אין וועג מיט אים; טאָמער אין יעדער צייט וועט דיין קעגנער דיך איבערגעבן צום שופט, און דער שופט וועט דיך איבערגעבן צום אָפּיצער, און דו וועסט אַריינגעוואָרפן ווערן אין תפיסה.״

מת. 26:5. „באמת זאָג איך דיר, דו וועסט פאַר קיין פאַל אַרויסקומען פון דאָרטן, ביז דו וועסט האָבן באַצאָלט די לעצטע פרוטה.״

**יעזוס לערענט די תלמידים די פאָלקסטימלעכע פראַקטישקייט צו דורכקומען מיט אַ קעגנער אײדער ער גייט מיט אים אין געריכט. אויך אַן עצה צו זיינע נאָכפאָלגער, ווען זיי קומען אַריין אין שוועריקייטן מיט דעם געזעץ זאָלן זיי בעסער דורכקומען מיט די געזעץ־היטער, אײדער גיין אין אַ געריכט.**

**אַ פּאַראַלעל געפינט זיך אין:**

**משלי 8:2. „זאָלסט ניט אַרויסגיין האַסטיק זיך קריגן, ווארום וואָס וועסטו טאָן צום סוף דערפון? אַז דיין חבר וועט דיך מאַכן צו שאַנד.**

מת. 27:5. „איר האָט געהערט וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביי זיי פון דער אַלטער צייט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין זנות.״

מת. 28:5. „אָבער איך זאָג אייך, אַז ווער עס קוקט אויף אַ פרוי צו לוסטן נאָך איר דער האָט שוין איר מנאוף געווען אין זיין האַרצן.

**פּש. מיר קומען צו דאָס פריערדיקע. מיט 9 זאַצן פריער זאָגט יעזוס צו די תלמידים: אַז „פריער וועט הימל און ערד פאַרגיין, אײדער דער קלענסטער אות וועט אונטערגיין;״ איצט זאָגט יעזוס צו די זעלבע תלמידים, אַז די זעלבע תורה איז ניט זיינע און ניט די תלמידימס, נאָר זייערע — עס מיינט זייערע פאָטערס.**

**איבער אַזאַ קאָנטראַדיקציע פון געדאַנק און רייד פאָדערט זיך אַן אַנטשיידונג וועמען צו באַשולדיקן — יעזוסן אָדער דעם אַוטאָר?**

**יעזוס איז אַ נאָכפאָלגער פון דער שולע פון פּרוש שמאי, נאָר ער איז נאָך אַ גרעסערער מחמיר פון אים, ער מאַכט 'זייער' לאָ (תורה אָדער דינים) נאָר האַרבער אַזוי, רופן נאָר איז ערגער ווי מאָרד; קוקן אויף אַ פרוי מיט לוסט איז אַ גלייכונג ווי מען זאָל באַגיין דעם אַקט פון זנות.**

**אפילו אויף דערויף געפינען זיך פאַראַלעלן אין דער יידישער ליטעראַטור.**

**יומא 13:ב. „דער וואָס רעגט שלעכטע געדאַנקען, קען זיך ניט דערנענטן צו גאָט.״**

---

*) שטערן באַצייכנט געבראַכטע פון ג. פרידלענדער, „די אידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג.״

**יומא 20:א. „אונמאָראַלישע געדאַנקען זיינען ערגער ווי אונמאָראַלישע מעשים.״**

מת. 29:5. „און אויב דיין רעכטע אויג שטרויכלט דיך, רייס עס אַרויס, און וואַרף עס פון דיר: ווארום עס איז פאַרדינסטפול פאַר דיר אַז איינע פון דיינע גלידער זאָל פאַרלאָרן ווערן, און ניט דיין גאַנצער קערפּער זאָל ווערן אַריינגעוואָרפן אין גיהנום.״

**פּירוש — דאָס זעלבע, כמעט ווערטערלעך ענלעך ברייננט מאַרקוס, נאָר דאָס זאָגט ניט יעזוס אין אַ דרשה אויף אַ באַרג, נאָר אין אַ הויז אין כפר נחום. מאַרק פאַרטייטשט דאָרטן גיהנום — אין פייער וואָס וועט קיין מאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.**

**עס דאַרף ניט אָנגענומען ווערן בוכשטעבלעך, אַז אויב אַ מאַן קוקט מיט לוסט אויף אַ פרוי, דאַרף ער קיין אַנדער זאַך ניט טאָן, נאָר אַרויסרייסן זיין אויג. עס איז נאָר אַ משל צו אויסדריקן אין אַ שטאַרקער פאָרמע דעם ווילן צו באַקעמפן זינד. אין דעם זעלבן אופן ווערט געזאָגט 'אַן אויג פאַר אַן אויג': אָבער אין לעבן האָט זיך געפירט צו באַצאָלן שטראָף פאַר דער באַשעדיקטער אויג.**

**אין זאַצן 30:5 ווערט גערעדט דאָס זעלבע איבער דער רעכטער האַנט.**

מת. 31:5. „עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער וואָס וועט אָוועקשיקן זיין ווייב, זאָל ער איר געבן אַ ספר כריתות.״

מת. :32״. „אָבער איך זאָג אייך, אַז ווער עס וועט גטן זיין ווייב, חוץ פאַר דער אורזאַך פון זנות, פאַראורזאַכט ער איר צו באַגיין זנות; און ווער עס וועט חתונה האָבן מיט אַ גרושה באַגייט זנות.״

**שמאַי, וואָס איז פריער פון יעזוס, זאָגט: אַז אַ גט זאָל געגעבן ווערן נאָר אין פאַל ווען די פרוי איז אונטריי.**

**דאָס קומענדיקע איז מאַרקוס ווערסיע וועגן גט.**

מק. 2:10. „און די פּרושים זיינען געקומען צו אים, און האָבן אים (יעזוסן) געפרעגט, 'איז עס געזעצלעך פאַר אַ מאַן צו אָפּגטן זיין ווייב?' פּרוּווּנדיק אים.״

מק. 3:10. „און ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, 'וואָס האָט משה געבאָטן?

מק. 5:10. . . . איבער דער האַרטקייט פון אייער האַרצן האָט משה געשריבן דעם געבאָט.״

**פש. לוקאַס גיט דאָס ניט אַן אין זיין ווערסיע פון יעזוס דרשה, נאָר אַז יעזוס האָט עס געזאָגט ווען ער איז געגאַנגען קיין ירושלים, ער האָט דאַן גערעדט צו אַ גרויסן עולם, און עס זיינען ניט געווען קיינע פּראָוואָקאַציעס פון די פּרושים.**

לוק. 18:16. „דער וואָס גט אָפּ זיין ווייב, און האָט חתונה מיט אַן אַנ־

דערער, טוט אַן אַקט פון ניאוף: און דער וואָס האָט חתונה מיט דער וואָס איז געגט געוואָרן באַגייט אויך ניאוף.״

לויט לוקאַס איז פאַרבאָטן דעם מאַן פון דער געגטער פרוי צו הייראַטן אַן אַנדערע; און אויך קיין אַנדער מאַן טאָר ניט חתונה האָבן מיט דער געגטער פרוי.

1) ג. פרידלענדער באַמערקט, אַז יעזוס רפואה וואָס דריקט זיך אויס אין ניט געבן קיין גט אין יעדע אומשטענדן—אין דערויף באַשטייט יעזוסעס אָריגינאַליטעט. אויך פרידלענדער ברייגגט באַמערקונגען פון נ. שמידט. 2) „אין דער אַנדערהאַנט. עס איז (משהס געבאָט פון גט) אָן צווייפל אינפּיריאַר צום געזעץ פון האמוראבי וועלכער דערקענט די רעכט פון אַ פרוי צו גטן איר מאַן, זי זאָל הייראַטן דעם מאַן פון איר האַרצן״. (קאָדעקס פון האמראבי, עדיטירט ר. פ. האַרפּער, שיקאַגאָ, 1904 ז. 142 גלייך צו 137). דיזער קאָד באַשטעטיקט די אַנגענומענע מיינונג אַז ביידע, די געזעלשאַפטלעכע און די עקאָנאָמישע פרויען־פּאָזיציע איז געווען העכער אין בבל ווי אין סיריע.״

ג. פרידלענדער ענטפערט נ. שמידטן אויף זיין מיינונג:

„אָבער דער שטראָף־קאָד פון בבל באַצייכענט דעם ענין פון דערנידערונג דורך דער איינפּירונג:״ אויב אַ מאַן זאָגט צו זיין ווייב, אַז דו ביסט ניט מיין ווייב, זאָל ער באַצאָלן איין דריטל פון אַ מינא (אַזאַ מטבע) און זי וועט זיין פריי. אָבער ווען די פרוי וויזט צוריק (רעפּיודיאַייט) איר מאַן, דאַרף זי אין טייך דערטרונקען ווערן ז. 140, 1043).

„דאָס איז סופּער צו דעם געזעץ פון משהן.״

פּרושים וואָלטן ניט געפרעגט יעזוסן וועגן דער געזעצלעכקייט פון אַ גט. די יידן און די פּרושים האָבן געוווסט זייער גוט אַז צו אויסטייטשן די געזעצלעכקייט פון אַ דין האָט דאָס איינצעלנע רעכט און אויטאָריטעט דער סנהדרין.

מאַרק. 5:10. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, איבער דער האַרטקייט פון אייער האַרץ האָט ער געשריבן דעם צוזאַג.״

מק. 6:10. „אָבער פון אָנפאַנג פון דער באַשאַפונג האָט גאָט זיי געמאַכט זכר און נקבה.״

מק. 7:10. „איבער דיזער אורזאַך זאָל אַ מאַן פאַרלאָזן זיין פאָטער און מוטער און זיין באַהעפטן צו זיין ווייב.״

מק. 8:10. „און די ביידע זאָלן זיין איין פלייש: אַזוי דאָן איז ניט מער צוויי, נאָר איין לייב.״

**פּש.** עס פאָדערט זיך אַן אַנאַליזירונג פון דאָס אויבן געבראַכטע. בראשית 22:2 — גאָט האָט געבראַכט די פרוי צו אדמען. (בר. 23:2) האָט אדם געזאָגט

1) ג. פרידלענדער, „די יידישע מקורות פון דער דרשה.״

2) נ. שמידט — „דער נביא פון נצרת.״

אַז זי איז פלייש פון זיין פלייש. עס ווערט ניט דערמאָנט אַז גאָט האָט געזאָגט, נאָר עס ווערט אָנגעגעבן אַן אַלגעמיינע דערקלערונג, אַן אָנגענומענע זאַך פון דער נאַטור. דערפאַר פאַרלאָזט אַ מענטש זיין פאָטער און מוטער און באַהעפט זיך צו זיין ווייב. יעזוס קען ווערן איבערזעצט אין קעגנוואַרט צייט און אין צוקונפט צייט, די גריכישע איבערזעצונג איז אין צוקונפט: אָבער יעזוס האָט געלערנט די שריפטן אין העברעיִש און ניט אין גריכיש. דערלאָזן אַז ער האָט געטייטשט יעזב אין צוקונפט צייט, אָבער עס איז אַלץ ניט קיין געבאָט, נאָר עס וועט זיין אַן אָנגענומענער שטייגער אין לעבן. דער שטייגער איז אָנגענומען אַפילו ביי פיל חיות און עופות. ווען זיי ווערן גרויס פאַרלאָזן זיי זייער מוטער און לעבן פאַר זיך און זוכן צו פּאָרן זיך מיט זייער מין. אין יענע און שפּעטערדיקע צייטן איז געווען דער מינהג אַז אַ מאַן קען נעמען מער ווי איין ווייב: אַזוי ווערט דער מאַן מיט יעדער ווייב אַ באַזונדערס איינס.

מאַרק. 8:10. „דערפאַר וואָס גאָט האָט פאַראייניקט צוזאַמען, זאָל ניט קיין מאַן אָפּשיידן באַזונדער.“

פּש. יעדעס געבאָט דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין ווירקלעכן מענטשלעכן לעבן. די יצורה פון לעבנס־באַשאַף איז צו אָנגיין מיט דעם המשך פון לעבן. און דאָס באַשאַף האָט באַצוונגען די געשלעכטן צו באַגערן איינע די אַנדערע אין גרויסן דראַנג פון פּאַרמער.

בראשית 28:1. „און גאָט האָט זיי געבענטשט, און גאָט האָט געזאָגט צו זיי, מערט זיך, און פּרוכפּערט זיך, און פילט אָן די ערד.“

די ברכה פון גאָט איז ניט צו זיין איינס, נאָר דער „פּרו ורבו.“ דערפאַר, ווען מאַן און ווייב, איבער געוויסע אורזאַכן וועלכע קענען ניט באַזייטיקט ווערן, קענען ניט לעבן צוזאַמען: איז דאָס בעסטע אָנטשיידונג — צו ווערן געשיידט. אויב עס איז געשריבן אין 24:2, זאָלן זיין איין לייב, איז אין זאַך 20:2 געשריבן אַז זי זאָל זיין אַן עזר כנגדו.

מת. 11:19. „אָבער ער האָט געזאָגט צו זיי, אַלע מענטשן קענען ניט דערהאַלטן די זאָגונג, אַחוץ זיי צו וועמען עס איז געגעבן געוואָרן.“

מת. 12:19. „וואָרום דאָרט זיינען מאַנכע סריסים (יעוונוכן) וועלכע זיינען אַזוי פון זייער מוטערס טראַכט, און דאָרט זיינען מאַנכע, וועלכע, זיינען געמאַכט געוואָרן סריסים דורך מענטשן: און דאָרטן זיינען יעיינוכן, וועלכע האָבן זיך אַליין געמאַכט סריסים פאַר דער מלוכה פון הימל'ס וועגן.“

פּש. אויב יעזוס האָט אַזאַ שטאַרקן גלויבן אין בראשית קאַפּ. 2, זאַץ 25: „דעריבער פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער, און באַהעפט זיך אָן זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב“: וואָרום זאָל ער פאַרלירן דעם גלויבן אין בראשית קאַפּ. 1, זאַצן 27 און 28: „אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן און גאָט האָט זיי געבענטשט, און געזאָגט צו זיי, פּרוכפּערט און מערט איך...“ גאָט וויל ניט אַז מענטשן זאָלן זיך מאַכן פאַר יעוונוכן צו אים.

אין דער צייט פון יעזוס איז די כתובה געווען אַ דערקענטער הייראַטס־

קאָנטראַקט. אַ מאַן האָט ניט געקענט אָפּגטן זיין ווייב, סיידן ער דערפילט אַלע פונקטן פון קאָנטראַקט. דער כתובה־קאָנטראַקט איז געווען אַ מוז צו יעדער געזעצלעכער חתונה; אויך דאַרף ניט געמיינט ווערן אַז אַ פרוי האָט קיינמאָל ניט געקענט גטן איר מאַן. זי האָט געקענט קומען מיט אירע תענית צום בית־דין; אַזוי האָט דער געריכט געקענט ווירקן אויף דעם מאַן צו געבן איר אַ גט. ווידער האָבן מאַן און ווייב געקענט צווישן זיך דורכקומען צו ווערן געשיידט. לויט מאתיא, אין דער דרשה זאָגט יעזוס, אויב די פרוי הייראַט אַן אַנדערן איז דאָס זנות, ער זאָגט גאָר ניט פון מאַן. אַזוי, אויב די פרוי קען קיינמאָל ניט חתונה האָבן, מוז זי זיין אויפן לעבן פאַרשקלאַפּט צום מאַן.

1) און שמידט זאָגט: „אין חתונה באַציונג האָט יעזוס זיך געמאַכט פון די גרויסע טשעמפּיאָנען פאַר דער זאַך פון פרויען.״

רבי בן עזאי האָט געזאָגט, דער וואָס האָט פיינט זיין ווייב ווערט גע־האַלטן צו זיין אַ מערדער (דרך ארץ 11).

גיטן 90ב. „דער וואָס גט אָפּ זיין ערשטע ווייב פאַראורזאַכט דעם מזבח צו פאַרגיסן טרערן.״

* פילון, ספּעציאַלע געזעצן, 14, 2, זייט 313. „וואָרום דער דין דערלויבט זיי (פרויען) נאָך זייער אייגענעם אויסוואַל צו בלייבן מיט זייערע מענער, אָדער צו פאַרלאָזן זיי און וועט ניט דערלויבן די מענער קיין פאַרצוג אין יעדן פאַל אויף דער רעכענונג פון פאַלשע באַשולדיקונגען וועלכע זיי האָבן געבראַכט.״

מת. 33:5. „ווידער איר האָט געהערט אַז עס איז געזאָגט געוואָרן ביי זיי פון דער אַלטער צייט, דו זאָלסט ניט פאַרשווערן דיין זעלבסט, נאָר זאָלסט שווערן צו גאָט דיינע שבועות.״

פש. פאָלגענדיקע זיינען אויסצוגן פון די כתבי קדש וועגן שווערן זיך:

שמות 7:20. „לא תשא את שם אלהיך לשוא״. ׳זאָלסט ניט אַרויפּברייג־גען דעם נאָמען פון יאַהווע דיין גאָט צום פאַלשן׳.

דאָס מיינט ניט פאַרשווערן זיך זעלבסט, און אויך ניט שווערן אין מיין נאָמען.

ויקרא 12:19. „ולא תשקרו איש בעמיתו, ולא שבעו בשמי לשקר, וחללת את שם אליהך.״ — איר זאָלט ניט זאָגן ליגן איינער צום אַנדערן, און איר זאָלט ניט שווערן ביי מיין נאָמען צום פאַלשן, און פאַרשווערן דעם נאָמען פון דיין גאָט.

במדבר 2:30. „אז א מאַן וועט טאָן אַ נדר צו גאָט, אָדער שווערן אַ שבועה, צו איסורן אויף זיך אַן איסור, זאָל ער ניט פאַרשוועכן זיין וואָרט; אַזוי ווי אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל זאָל ער טאָן.״

מת. 34:5, 35. „אָבער איך זאָג צו אייך, שווערט ניט אינגאַנצן; ניט ביין הימל, וואָרום עס איז גאָטס טראָן, אויך ניט ביי דער ערד, וואָרום

1) שמידט, „דער פראָפעט פון נצרת.״

עס איז זיין פוס־בענקל און ניט ביי ירושלים ווארום עס איז די שטאָט פון אַ גרייסן מלך.

מת. 36:5. „אויך זאָלסטו ניט שווערן ביי דיין קאָפּ, מחמת קענסט ניט מאַכן איין האָר ווייס אָדער שוואַרץ."

**פּש.** ווען יעזוס זאָגט 'איר זאָלט אינגאַנצן ניט שווערן', מיינט דאָך דאָס שווערן זעלבסט, און ניט ביי וואָס מען שווערט. אויב דער הימל וואָלט ניט געווען גאָטס טראָן, ווערט פאַרשטאַנען אַז דאַן האָט מען געמעגט שווערן ביין הימל. ווען די ערד וואָלט ניט געווען גאָטס פוס־באַנק, וואָלט מען געמעגט שווערן, א.א.וו.

מת. 37:5. „אָבער זאָלן אייערע באַציונגען זיין יע, יע; ניין, ניין. ווארום וואָס עס איז מער פון דאָס קומט פון איבל."

לגבי שווערן האָבן ביידע, ניט מאתיא און ניט יעזוס, אַרויסגעבראַכט נייע זאַכן אָדער נייע לערנונגען. זיי גיבן איבער די עטישע מידות און פּי־רונגען פון דעם לעבן פון די אסיים. יעזוס איז געווען נאָענט צו די אסיים און ער איז פיל באַווירקט געוואָרן פון זיי. די איסיים האָבן ניט געשוואָרן, נאָר זייער וואָרט האָבן זיי געהאַלטן ערלעך. יעזוס האָט אַריינגעבראַכט אין דער דרשה די מידות פון די אסיים אין באַצוג צו שווערן: ווארום זאָגט ער מיט אַזאַ שטעל, „איך זאָג אייך"?

האַלצמאַן האַלט אַז מאתיא איז געווען באַאיינפלוסט פון די אסיימס נייגונגען.

* בבא קמא 49א. „זאָל דיין יע, זיין אַן אמתדיקער יע, און אויך דיין ניין אָל זיין אַן אמתדיקער ניין."

* שבועות 26א. „יע איז יע, ניין איז ניין: האָט זיך פאַררעכנט פאַר אַ שבועה."

* פסחים 113ב. „גאָט האַסט די אַלע וואָס ריידן מיט זייערע ליפּן, וואָס איז קעגן דעם אמת פון זייער האַרץ."

* בן סירה 9:23. „געוויין ניט דיין מויל צו שווערונג, און מאַך ניט פאַר אַ געוויינהייט אין דער דערמאָנונג פון דעם נאָמען פון היילקן. (11) אַ מאַן פון פיל שווערונג איז אָנגעפילט מיט זינד." (בן סירה האָט עס געשריבן מיט 180 יאָר פאַר יעזוס).

* סודות פון חנוך 1:49. „איך שווער צו אייך, מיינע קינדער, אָבער איך שווער ניט ביי קיין איינציקער שבועה: ניט ביין הימל, און ניט ביי דער ערד, און ניט ביי קיין אנדער בריאה געשאַפן פון גאָט. גאָט זאָגט: דאָרט איז ניטאָ קיין שווערונג אין מיר, און ניט אין גערעכטיקייט און ניט אין אמת. אויב עס איז ניטאָ קיין אמת אין מענטשן זאָלן זיי שווערן ביי די ווערטער יע, יע; ניין, ניין. אָבער איך שווער צו אייך יע,יע, אַז דאָרט איז ניט געווען קיין מאַן."

פילון, וועגן די דעקאַלאָג. 17, מ. 2, זייט 190. „יענער פערזאָן וואָס

---

*) באַצייכנט אויסצוגן געבראַכט פון ג. פרידלענדער אין „דער דרשה."

איז העכסט שיין און איז אַ בענעפיט צום מענטשלעכן לעבן, און איז אַריינ־געפּאַסט אין דער ראַציאָנאַלער נאַטור, שווערט ניט; מחמת יעדער פּונקט איז אַזוי נאַטירלעך אין אים אַז זיין וואָרט איז פאַררעכנט פאַר אַ שבועה; ערשטנס איז איינגאַנצן ניט שווערן, צווייטנס איז דאָס בעסטע צו טאָן אַז יעדער זאָל האַלטן זיין וואָרט."

פון דאָס אויבן אָנגעגעבענע ווערט קלאָר באַוויזן אַז עס איז געווען טיף און ברייט פאַרשפּרייט אין דער עטיק פון דער יידישער געזעלשאַפט און אויך פון אייבצלנעם, לאַנג פאַר יעזוס און מאַתיא, און אויך אין זייער צייט: ניט צו שווערן, און אַ וואָרט זאָל באַשטיין פאַר אַ שבועה. אויב יעזוס איז געווען איינשטימיק מיט דער טראַדיציאָנאַלער מידה, אַן ער האָט דאָס גע־האַלטן פאַר אַ הויכער מאָראַלישער טוגענט: האָט ער דאָס געקענט שטאַרקן, עמפאַזירן. אָבער בשום אופן האָט ער דאָס ניט געקענט נעמען פאַר זיך, אַז ער איז דער שאַפענדיקער לערער פון דער מידה.

צו זאָגן: „באמת זאָג איך איך", איז אריגנ'ס מיינונג אַז עס איז אַ שבועל.

מת. 38:5 „איר האָט געהערט אַז עס איז געזאָגט געוואָרן, אַן אויג פאַר אַן אויג, און אַ צאָן פאַר אַ צאָן:

מת. 39:5 „אָבער איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט זיך ניט שטעלן קעגן שלעכטס, נאָר ווער עס וועט אייך שלאָגן אויף דער רעכטער באַק, קערט אום צו אים אויך די צווייטע."

פּש. די יידישע מאָראַל איז אַ לעבעדיקער קוואַל וואָס שלאָגט מיט דער־קוויקונג צו לעבעדיקע מענטשן, עס וואַרפט זיך ניט מיט רייד וואָס האָבן ניט קיין ממשות אין לעבן.

משלי 22:20 „זאָלסט ניט זאָגן: איך וועל אָפּצאָלן שלעכטס; האָף צו גאָט און ער וועט דיר העלפן.

משלי 29:24 „זאָלסט ניט זאָגן: ווי ער האָט מיר געטאָן, אַזוי וועל איך אים טאָן; איך וועל דעם מענטשן אומקערן לויט זיין טאָן."

איכה 30:3 „ער זאָל געבן די באַק צו זיין שלעגער, ער זאָל זיך זעטן מיט שאַנד."

22:20.
„אל תאמר: אשלמה רע
קוה ליה' וישע לך.
אל תאמר: כאשר עשה לי
כן אעשה לו;
אשים לאיש כפועלו."
איכה:
יתן למכהו להי,
ישבע בחרפה."

טעסטאַמ. פון די 12 פּאַט. גד, 3:6 „דערפאַר ליבט איינער דעם אַנדערן אין האַרצן, און אויב אימעצער זינדיקט קעגן דיר, וואַרף אַרויס דעם סם פון האַס און רייד צו אים אין פרידן און טו אָפּ די ביטערקייט פון אין זיך. אויב ער גיט צו און האָט חרטה פאַרגיב אים. (4) אויב ער אנטזאָגט דיר, גיי ניט

*) שטערן באַצייכענען—גענומען פון ג. פרידלענדער.

אַריין אין אַ קריג מיט אים, טאָמער וועט ער איבערנעמען דעם גיפט פון דיר און וועט אַנהויבן שווערן, דאַן זינדיקסטו צווייפאַכיק... (7) און אויב ער וועט זיין אומפאַרשעמט אַנטשלאָסן אין זיינע שלעכטע טוונגען פאַרגיב אים פון האַרצן, און לאָז די אָפּצאָלונג צו גאָט.״

ווען מען גלויבט און מען איז זיכער אַז דער סוף פון דער וועלט איז נאָענט, און די מלוכה פון הימל וועט נאָך אָנקומען אין דער צייט פון איצטיקן דור, און מען וועט נאָך אַליין בייזיין אין דעם טאָג פון משפט: איז פאַר־שטענדלעך אַזאַ צוגאַנג פון ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס, און דולדן אַל דאָס בייז. אין טאָג פון משפט וועט אַלעמען אויסגעצאָלט ווערן נאָך זייערע פאַרדינסטן: דעם שלעכטן פאַר זיין שלעכטס, און דעם בעוולטן — פאַר די געטאָענע צו אים עוולות. אָבער ווען עס ווערט געגעבן אַ וועג פון לעבן אויף דור־דורות: דאַן איז דער צוגאַנג צם לעבן גאַנץ אַנדערש. שלעכטס אין דער געזעלשאַפט קען ניט געדולדעט ווערן, און עס ווערן געזוכט וועגן און מיטלען עס אויסצוראָטן. והא ראיה, ווען יעזוס צוגעזאָגטע מלכותא דשמיא איז ניט געקומען, און דאָס ערדיש לעבן גייט שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר נאָך אים: זיינען יעזוס׳ ווערטער געבליבן אָן קיין ממשות אין לעבן. די קריסטלעכע קירך און די קריסטלעכע געזעלשאַפט שיינקען ניט קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו אַזעלכע זאַכן ווי ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס. מען פּאַטשט אין ביידע באַקן: ווערט פאַרשפּאַרט פאַר דעם קרבן די טירחה צוו אונטערשטעלן די צווייטע. „מיט שטעלן זיך קעגן שלעכטס״ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַס: ווען מלחמות, רציחה, אכזריות, מאַסן־מאָרד זיינען אַ טוגענט אין אַ גלויבן.

די ווערטער פון הויכער מאָראַל פאַר דער אַנקומענדיקער קיניגרייך, זיינען אַ פיאַסקאָ פאַר דער געשיכטלעכער וועלט. ווי ג. פרידלענדער זאָגט אין זיין „די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג״ קאַפּ. 4, „דורכפאַל איז געשריבן אויף זיינע זייטן. בלוט־פאַרגיסונג, מלחמות, פאַרפאָלגונג, אינ־קוויזיציעס, קרייץ־צוגן און שנאה זיינען דער גאַנג פון ניינצן יאָר הונדערט.״

יעזוס זאָגט אין מת. 2:23, 3. — אַז די פרושים זאָגן און טוען ניט, דערפאַר וועלן זיי ניט אַריין אין דער קיניגרייך. דערהויפּט איז אַליין פּראַק־טיצירן אין מעשים דאָס וואָס מען לערנט אַנדערע צו טאָן. — טוט יעזוס אין לעבן דאָס וואָס ער פריידיקט?

מת. 34:10. „דיינקט ניט אַז איך בין געקומען צו שיקן פרידן אויף דער ערד: איך קום ניט צו שיקן פרידן, נאָר אַ שווערד.״

**פש. מיינט דאָס אויך — אונטערשטעלן די צווייטע באַק, אָדער אונ־טערשטעלן אַ שווערד?**

מת. 35:10. „וואָרום איך קום צו זעצן אַ מאַן קעגן זיין פאָטער, און די טאָכטער קעגן איר מוטער און איר שנור קעגן איר שוויגער.״

**איז דאָס ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס?**

מת. 40:5. „און אויב מאַנכער וועט אייך משפּטן אין געריכט, און וועט

אַוועקגענומען אייער קלייד, לאָז אים אויך האָבן דיין אויבערמאַנטל."

פּירוש — די וועלט איז קליגער פון דעם ייד יעזוס, מען טוט אויס אין גאַנצן נאַקעט און עס בלייבט ניט וואָס צו געבן.

די יידישע תורה איז ניט פון זאָגענדיקע ווערטער, נאָר אַ לעבעדיקע לערנונג פאַר אַ לעבעדיקער געזעלשאַפט. שלעכטס איז אַ שנעל וואַקסענדיקע קראַנקהייט אין עטישן אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט. די חכמה אין מענטשלעכן לעבן דיקטירט צו אויסשניידן דאָס שלעכטס אין סאַמע אָנפאַנג פון איר וואָרצל־לאָזן. עס איז ניט שכלדיק צו געבן נאַרהאַפּטיקייט, און העלפן דאָס שלעכטס צו וואָרצלען און צו צווייגן אין בעסטן טייל פון דער געזעלשאַפט.

אין לעבן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָט זיך די לערע פון ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס, ניט געקענט אַריינפּאַסן. גראַד פאַרקערט, זיי האָבן אָנגענומען דאָס שלעכטס פאַרן קאָפּ און ביידע אויערן און געמאַכט פון אים אַ צוויי־זייטיקן שווערד און בלוטיק געשניטן אַלע מענטשן וואָס זיינען געווען ניט איינפאַרשטענדיק מיט זיי.

מת. 41:5. „ווער עס וועט דיך צווינגען גיין אַ מייל, גיי מיט אים צוויי."

מת. 42:5. „גיב צו דעם וואָס בעט דיך, און פון דעם וואָס האָט געבאָרגט פון דיר, קער זיך פון אים ניט אָפּ."

פּירוש. — דאָ רעדט יעזוס פון אַ שייגער מידה אַרויסהעלפן אַ נויטבאַדערפטיקן. די מידה האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט פון פאַר די צייטן פון יעזוס ביז היינטיקן טאָג.

דברים 7:15. „אַז ביי דיר וועט זיין אַן אביון, איינער פון דיינע ברידער, אין איינעם פון דיינע טויערן, אין דעם לאַנד וואָס יאַהווע דיין גאָט גיט דיר, זאָלסטו ניט האַרט מאַכן דיין האַרץ, און ניט צודריקן דיין האַנט פאַר דיין ברודער דעם אביון."

דברים 8:15. „בייערט עפענען זאָלסטו אים עפענען דיין האַנט, און אַנטלייען זאָלסטו אים אַנטלייען גענוג פאַר זיין באַדערפעניש וואָס ער באַדאַרף."

„כי פתח תפתח את ידך לו, והעבט תעביטנו די מחסרו אשר יחסר לו."

דברים 9:15. „היט דיך, עס זאָל ניט זיין אין דיין האַרצן אַ בייזער געדאַנק."

„השמר לך, פן יהיה דבר עם לבבך בליעל.

דברים 10:15. „געבן זאָלסטו אים געבן, און דיין האַרץ זאָל ניט פאַרדריסן ווען דו גיסט אים."

נתן תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו."

דב. 11:15. „איך באַפעל דיר, עפענען זאָלסטו עפענען דיין האַנט צו דיין ברודער, צו דיין אָרעמאַן, צו דיין אביון אין דיין לאַנד."

„על כן אנכי מצוך, פתח תפתח את ידך, לאחיך לעניך, ולאבינך בארצך."

ויקרא 35:25. „און אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן, און זיין האַנט וועט זיין געפאַלן ביי דיר, זאָלסטו אים אויפהאַלטן ווי אַ פרעמדן און אַריינגעוואַנדערטן, אַז ער זאָל קענען לעבן ביי דיר."

„וכי ימוך אחיך ידו עמך, והחזקת בו גר ותושב וחי עמך."

מת. 43:5. „איר האָט געהערט אַז עס איז געזאָגט געוואָרן, דו זאָלסט ליב האָבן דיין שכן (רוע—מיטמענטש); און האַסן דיינע שונאים."

פירוש. — די דרשה רעדט יעזוס צו זיינע תלמידים אויפן באַרג. יעזוס נוצט ניט דאָ זיין שטענדיקן אויסדרוק „ווי עס איז געשריבן", נאָר דאָ געברויכט ער אַ נייע באַזונדערע פאָרמע „איר האָט געהערט". עס איז זייער פאַרדריסלעך צו לייענען אַזאַ דערקלערונג פון יעזוסן. אַזעלכע ווערטער ווי „האַסט אייערע פיינט" געפינען זיך ניט אין ערגעץ אין די הייליקע שריפטן. עס איז זייער ניט פאַסיק פאַר אַזעלכן וועלכער האָט ערשט פריער געזאָגט, ער איז געקומען צו מקיים זיין די תורה פון וועלכער עס וועט אַפילו דער קלענסטער אות ניט פאַרגיין; זאָל איצט מאַכן אַזאַ אומזיסטיקע באַשולדיקונג קעגן דער תורה, און ציטירן רייד וועלכע זיינען דאָרט קיינמאָל ניט גע־שריבן געוואָרן. אָבוואָל עס איז געשריבן געוואָרן דאָס פאַרקערטע:

ויקרא 17:19, 18. „זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן. זאָלסט ניט נוקם זיין, און ניט האַלטן אַ שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק; נייערט זאָלסט ליב האָבן דיין חבר (רוע—מיט־מענטש) אַזוי ווי זיך אַליין."

לא תשנא את אחיך בלבבך. לא תקם, ולא תטר את בני עמך; ואהבת לרעך כמוך. אני יה'.

משלי 17:24. „אַז דיין שונא פאַלט, זאָלסטו זיך ניט פרייען און אַז ער ווערט געשטרויכלט, זאָל ניט קוועלן דיין האַרץ."

בנפל אויביך אל תשמח, ובכשלו אל יגל לבך.

משלי 21:25. „אַז דיין שונא איז הונ־געריק, גיב אים עסן ברויט; און אַז ער איז דאָרשטיק גיב אים טרינקען וואַסער."

אים רעב שנאך האכילהו לחם, ואים צמא השקהו מים.

איוב 29:31. „אויב איך פלעג זיך פרייען אויף דעם בראָך פון מיין שונא, און איך בין געוועזן אויפגערעגט אַז אים האָט געטראָפן בייז, (30) אַז איך האָב צו מאָל ניט געלאָזט מיין גומען זינדיקן, צו בעטן אַ קללה אויף זיין לעבן."

אים אשמח בפיד משנאי, והתעררתי כי מצאו רע. ולא נתתי לחטא חכי, לשאל באלה נפשו.

די אויבן אָנגעגעבענע מיינען צו טאָן גוטס, און ליב האָבן דעם שונא, פאַר קיין פאַל ניט „צו האַסן דיין שונא."

עס גיט ניט קיין שום אנטשולדיקונג פאַר מאתיא: צו נעמען דעם פּסוק פון ויקרא 18:19, און צושטעלן, אַריינשטעלן ווערטער וועלכע געפינען זיך ניט דאָרטן, און אַפילו געפינען זיך ניט אין אַלע ביכער פון דעם תנ״ך (סקריפּטשורס).

אייניקע קאָמענטאַטאָרן זוכן אַ פאַרענטפערונג, אַז ערגעץ האָט אַ רבי עפּעס געזאָגט מכוח אומגלויביקע. אָבער אין מאתיא 45:5 קענען ניט געגעבן ווערן צווי מיינונגען, עס ווערט געמיינט נאָר די 'סקריפּטיורס'. עס הויבט זיך אָן מיט דעם נייעם אַנגענומענעם צוגאַנג: „איר האָט געהערט עס איז געזאָגט געוואָרן.״

מת. 44:5. „אָבער איך זאָג אייך, האָט ליב אייערע פיינט, בענטשט זיי וואָס שילטן אייך, טוט גוטס צו די וואָס האַסן אייך, און בעט פאַר זיי וואָס בכיוון נוצן אייך, און פאַרפאָלגן אייך.״

פש. יעזוס זאָגט, 'אָבער איך זאָג אייך', אין דער אמתן איז זיין זאָגן ניט אָריגינאַל, ער ווידערהאָלט אין אַ קורצער זאָגונג די מאָראַל וועלכע דערהאַלטן אין זיך דער תנ״ך, די יידישע טראַדיציע ווי די מינדלעכע אַזוי די געשריבענע.

טעסטאַמענט פון די 12 פּאַטריאַרכן, יוסף 2:18. „און אויב אימעצער זוכט צו טאָן שלעכטס צו דיר, זאָלסטו טאָן גוטס צו אים, און בעט גאָט פאַר אים, וועסטו ווערן באַפרייט פון גאָט פון אַלע איבלען.״ 2:17 — „דעריבער האָט ליב איינער דעם אַנדערן, און דורך געדויערטן געדולד באַהאַלט דעם אַנדערנס פעלערן; מחמת גאָט איז צופרידן פון אַ האַרציקן באַגער וואָס האָט נחת אין ליבשאַפט.״

* אבות דרבי נתן 23 — „ווער איז שטאַרק? — דער וואָס מאַכט אַ שונא פאַר אַ פריינט.״

פילון, מענטשהייט, 15, מ. זייט 395. „טו לייטזעליקייט צו דיין שונא, דאַן וועט קומען דורך דער נויטווענדיקייט דער סוף פון דער שנאה.״

יעזוס זעלבסט איז געוויס געווען באַקענט מיט דער תורה און מיט דער יידישער טראַדיציע, האָט ער זיכער ניט געקענט זאָגן: „עס איז געשריבן, איר זאָלט האַסן אייערע שונאים.״

עס איז נאָר די זעלאַטישקייט פון די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס וועלכע זוכן מיט אַלע כוחות אַרויסנעמען יעזוסן פון יידישקייט און פון יידישן כלל, זייער כוונה איז צו אַרויסברייינגען אַז יעזוס שאַפט אַ נייע עטיק און אַ נייעם לעבן. ווען מען לאָזט זיך אויף אַזעלכע גליטשיקע וועגן: מוז מען זיך אָנשלאָגן אָן די שטרויכלונגען וועלכע ווערן פון זיי זלבסט אויסגעלייגט.

מת. 45:5. „אַז איר זאָלט קענען זיין די קינדער פון אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל: פאַרוואָר ער מאַכט זיין זון אויפגיין אויף די שלעכטע און אויף די גוטע, און שיקט רעגן אויף די גערעכטע און די אומגערעכטע.״

פש. יעזוס זאָגט, אויב זיינע תלמידים וועלן זיך אויפפירן אַזוי ווי ער זאָגט זיי אָן, וועלן זיי זיין קינדער צו גאָט, ווארום גאָט איז זיך מרחם אויף די שלעכטע און גוטע. אין אַן אַנדער אָרט זאָגט יעזוס אַז קיין מענטש קען ניט ווערן אַ קינד צו גאָט, נאָר דורך דעם ווילן פון יעזוס. מת. 27:11. „קיין מענטש ווייסט ניט דעם פאָטער, חוץ דער זון, און דער צו וועמען דער זון וועט אים אנטפּלעקן.״ נאָך דעם יידישן באַנעם קענען זיין קינדער צו גאָט אַלע מענטשן, ווי יידן אַזוי ניט־יידן, אָן קיין אַנדערנס פאַרמיטלונג.

* פילון, איבער מאָנאַרכיע, ז. 4, מ. 2 זייט 216. „גאָט איז אונדזער פאָטער, ווארום ער איז דער געבער פון לעבן און דער באַשאַפער פון אונדזער זעל.״

* פילון, צעמישונג פון לשונות, 28, מ. 1, זייט 426. „אַלע וואָס האָבן דעם ריכטיקן וויסן פון דעם איינציקן באַשאַפער און פאָטער פון אַלצדינג זיינען מיט רעכט גערופן זין פון גאָט.״

* חכמת שלמה 3:11. „דער רעכטפאַרטיקער מענטש רופט זיך זעלבסט קינד פון דעם האַר.״

* 18:11. „ווארום אויב דער רעכטפאַרטיקער מענטש איז גאָטס זון, וועט ער אים באַשטעטיקן.״

* טעסט. פון 12 פאַט. „דערפאַר האָט דער אייבערשטער געהערט דיין געבעט צו אָפּשיידן דיך פון זינד, און דו זאָלסט ווערן צו אים אַ זון.״

סוטה 14א. „גאָט זייענדיק מיט ליבשאַפט און רחמים איז געבראַכט אין באַציונג צו יעדן מענטשן וואָס פאַרמאָגט ליבשאַפט און איז רחמנותדיק.״

אין דער ביבל און אין די ספרים וואָס זיינען געוועזן געשריבן פאַר יעזוס צייט איז אָנגענומען אַז אַלע רעכטפאַרטיקע, אָדער זינדיקע וואָס טוען תשובה, יידן און ניט יידן, קענען זיין קינדער פון גאָט.

„די זון שיינט אויף אַלעמען״ און דאָס זעלבע טוט דער רעגן. זון און רעגן זיינען עלעמענטן פון באַשאַף, און זיי גייען אָן מיט דעם פּראָצעס און מיט דער ענערגיע פון זייערע אייגנשאַפטן וואָס האָבן קיין שייכות צו מענטשן אָדער חיות. די שטערן פינקלען, דערווינט בלאָזט, דער הימל שפּרייט זיך אויף אַלץ און אַלעמען, ניט רעכענענדיק זיך מיט גערעכטיקייט אָדער אומ־גערעכטיקייט. די גמרא איז מער צוגעפּאַסט, תענית 7 א. דער רעגן איז אַ בענטשונג פאַר די רעכטפאַרטיקע און פאַר די זינדיקע.

אַזאַ פאַראַלעל געפינט זיך אויך אין די געזאַנגען צו בודאַ: „אַזוי ווי וואַסער פּילט אָן מיט קילונג גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן און טראָגט אַוועק אַלע אומרייניקייטן, אַזוי דו (בודאַ) קוקסט מיט פריינדלעכקייט אויף דעם שלעכטן אַזוי ווי אויף דעם גוטן. (דזשאטאקא טיילס, איבערזעצט דורך היס דייווים). סטאַנצע 167, ז. 107).

*) שטערן באַצייכענען גענומען פון ג. פרידלענדער, איביד.

טוט אַזוי יעזוס ווי גאָט דער פֿאָטער? וואָרעמט זיך באַציונג צוגלייך די גערעכטע תּלמידים און ניט־גערעכטע פּרושים: האָט ער די זעלבע באַציונג צו זײַנע תּלמידים און נאָכפֿאָלגער, און צו זײַן מוטער און זײַנע ברידער? האָט ער דען ניט פֿאַר די פּרושים אַ באַזונדער זידל־לשון? דאַרפֿן דען ניט געפּרײדיקטע אידייען דורכגעפֿירט ווערן דורך דעם פּרײדיקער זעלבסט?

די געהייבענע זאָגונגען בלײַבן אַבסטראַקטן, סײַדן די דאָזיקע אַבסטראַקטן ווערן אָנגענומען פֿון מענטשן: דאַן באַקומען זיי נשמה און לעבן. די רעליגיעזע ליטוריגע איז די מאָסצייג אויף וויפֿיל רעליגיעזע און עטישע זאָגונגען ווערן אַ טייל פֿון מענטשלעכן לעבן און גלויבן.

אין דער יידישער ליטורגיע פֿון די ימים טובים ראה השנה און יום כּיפּור געפֿינט זיך דאָס אויסגעשפּראָכן גלויבן אַז גאָטס גוטסקייט איז אויסגעגאָסן אויף די שלעכטע און די גוטע. דאָס איז די תּפֿילה פֿון 'וכל מאמינים שהוא' — אין 8־טן פּסוק: 'וכלל מאמינים שהוא טוב לכל: הטוב ומטיב לרעים ולטובים'.

אַלע גלויבן אַז גאָט איז גוט צו אַלעמען: ער איז גוט און פֿאַרגיטיקט ווי צו די זינדיקע אַזוי צו די גוטע. (13טער פּסוק) 'וכל מאמינים שהוא נוצר חסד, הנוהג בחסדו כל דור'. אַלע גלויבן אַז ער האַלט חסד, ער פֿירט יעדן דור מיט זײַן לייטזעליקייט. אַלע אין דער קאָנגרעגאַציע זאָגן די ווערטער הויך אויפֿן קול, דער חזן זאָגט עס איבער מיט כּוונה און נגינה. עס איז ניט נאָר אַ זאָגונג, נאָר אַן אויסגעשריי פֿון גלויבן.

ג. פֿרידלענד אין זײַן „די יידישע מקורות פֿון דער דרשה" זײַט 78, זאָגט:

„גאָט איז פֿול מיט ליבע און רחמים — ער קען ניט צוריקהאַלטן דאָס הייליקע גערעכטיקייט. גאָט קען ניט ליבן דעם אומתּשובהדיקן אַזוי ווי דעם רעכטפֿאַרטיקן. זײַנען דען ניט די אומתּשובדיקע די שונאים וועלכע צעשטערן דעם שלום פֿון דער וועלט? גאָט האָט ליב די גערעכטע און די אומגערעכטע, מיטן תּנאי אַז זיי וועלן פֿאַרלאָזן זייערע שלעכטע וועגן."

מת. 46:5. „אויב איר ליבט זיי וועלכע ליבן דיך, וואָס פֿאַר אַ שׂכר האָסטו? טוען דען ניט די שטייער זאַמלער (מוכסים) דאָס זעלבע?

מת. 47:5. „אויב איר סאַלוטירט נאָר אייערע ברידער, וואָס טוט איר מער ווי אַנדערע? טוען דען ניט אַפֿילו די מוכסים אַזוי?

מת. 48:5. „זײַט דערפֿאַר פּערפֿעקט (פֿולקאָם) אַזוי ווי אייער פֿאָטער אין הימל איז פּערפֿעקט."*

פּירוש. — מיט די זאַצן שליסט זיך אין דער עוואַנגעליע פֿון מאַתּיאַ (מתּי) דער ערשטער קאַפּיטל פֿון דער דרשה (אויפֿן באַרג). די דרשה דערהאַלט אין זיך געדאַנקען און אונטעררעכט, און לערנונגען פֿון אַ הויכער

*) שטערן באַצייכנטע זאַצן גענומען פֿון ג. פֿרידלענדער.

מדרגה פון מענטשלעכער מאָראַל און עטיק.

אַפילו אין דער דרשה ווערן פיל מאָל איבערגעחזרט די ווערטער: „איך זאָג אייך.״ אָבער יעזוס האָט דאָ זייער ווייניק געזאָגט זיין אייגנס. ער האָט דאָ איבערגעגעבן די אָנגענומענע טראַדיציאָנאַלע מאָראַל פון די יידן פון זיין צייט, און פון דער צייט פון פאַר אים.

דער לעצטער זאַץ איז אַ ציטירונג פון דער תורה.

ויקרא 2:19. „רעד צו דער גאַנצער עדה פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק זאָלט איר זיין, ווארום איך יאהווע אייער גאָט בין הייליק.״

„דבר אל כל עדת בני ישראל, ואמרת אלהם: קדושים תהיו לי, כי קדוש אני יה׳ אלהיכם.״

שמות 6:19. „און איר וועט זיין צו מיר אַ קיניגרייך פון כהנים, און אַ הייליק פאָלק.״

׳ואתם תהיו לי ממלכת כהנים, וגוי קדוש׳.

שמות 30:19. „און הייליקע מענטשן זאָלט איר מיר זיין.״ — ׳ואנשי קדש תהיון לי.׳

ויקרא 6:21. „הייליק זאָלן זיי זיין צו זייער גאָט. — קדושים יהיו לאלהיהם.״

עס איז גאָטס אויפפאָדערונג אַז דאָס גאַנץ יידיש פאָלק זאָל זיין פול־קאָמען (פערפעקט), הייליק איז מער ווי פערפעקציע.

לוקאַס גיט עס איבער אין אַן אַנדער ווערסיע.

לוק. 36:6. „זייט איר דערפאַר רחמנותדיק, אַזוי ווי אייער פאָטער איז רחמנותדיק.״

די ענלעכע (סינאָפּטישע) עוואַנגעליעס אין ערגעץ גיבן זיי ניט הייליקייט צום פאָטער, זייערע גרעסטע אַטריבוטן זיינען פערפעקט און רחמנותדיק.

עס ווערט דאָ געבראַכט אייניקע אויסצוגן איבער גאָטס גוטסקייט, חסד און אמת:

תהל. 8:145. „לייטזעליק און דערבאַרעמדיק איז גאָט, איינגעהאַלטן אין צאָרן און גרויס אין חסד. — חנון ורחום יה׳ ארך אפים וגדל חסד.״

תהל. 9:145. „גאָט איז גוט צו אַלעמען, און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע ווערק. — טוב יה׳ לכל, ורחמיו על כל מעשיו.״

1) שמות 2:15. „דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען. — זה אלי ואנוהו.״

טייטשט אויס אבא־שאול, ׳איך און ער גליך צו אים, ווי גאָט איז רחמנותדיק און מיט חסד: אַזוי דאַרפסטו, מענטש, אויך זיין אַזוי׳. (שבת 133ב.; מכילתא 37א.)

2) דברים 22:11. ׳ליב צו האָבן יאהווע אייער גאָט, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן און זיך באַהעפטן אָן אים. לאהבה את יה׳ אלהיכם, ללכת בכל

1) י׳, 2, 3 — שעכטער, אַספּעקטן פון דער רבנישער טעאָלאָגיע, קאַפּ. 12.

דרכיו, ולדבקו בו׳. — מיינט: אַזוי ווי גאָט איז געריפן רחמנותפול און פול מיט חסד, אַזוי זיי דו רחמנותדיק און לייטזעליק; אַזוי ווי ג״ט ווערט גערופן גערעכטיקער, אַזוי זיי דו. (ספרי 85א).

3) גאָט האָט באַשאַפן די וועלט מיט לייטזעליקייט און רחמים, איז עס דער חוב אויף אונדז צו לערנען פון די וועגן פון גאָט. עס איז געשריבן, דברים 20:10. ׳פאַר יאהווע דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן, אים זאָלסטו דינען, און אָן אים זאָלסטו זיך באַהעפטן.׳

פרעגט זיך ווי קען מען זיך באַהעפטן מיט דער שכינה? נאָר עס מיינט באַהעפט זיך צו גאָטס וועגן, אַזוי ווי גאָט גיט אַכטונג אויף די קראַנקע אַזוי טו דו.

דער ערשטער קאַפּיטל פון דער דרשה (מאת. 5) טיילט זיך אויס פון די אַלע פיר געשריבענע עוואַנגעליעס עס איז פולשטענדיק אַנדערש אין שפּראַך, אין סטיל און אין פאָרמע. עס ווערט אַריינגעטראָגן אַ פאָרמע פון בענטשונגען (אשרים—ביוטידיס), וואָס יעדע זאָגונג פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער, ׳געבענטשט זיינען׳. אין אַלע עוואַנגעליעס ווען יעזוס ציטירט פּסוקים פון דער ביבל נוצט ער אין זיין אינטראָדוקציע די ווערטער, ׳ווי עס איז געשריבן געוואָרן׳; אָבער אין דעם קאַפּיטל פינף נוצט ער אַ גאַנץ נייעם צוגאַנג: „איר האָט געהערט וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביי זיי פון דער אַלטער צייט,״ אויב אַ לערער אָדער אַ פּריידיקער געברויכט און חזרט איבער זעקס מאָל נאָכאַנאַנד דעם זעלבן אויסדרוק צו באַצייכענען אַ ציטירונג: דאַן ווי קען עס זיין מעגלעך אַז אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע פּריידיקונגען, און אין שפּעטערדיקע ציטירונגען פון זעלבן קוואַל זאָל ער ניט נוצן זיין פריערדיקן טערמין? עס גיט נאָר איין ענטפער, די סיבה איז ווייל יעזוס האָט די אינ־טראָדוקציע, ׳ווי עס איז געזאָגט געוואָרן ביי זיי׳ ניט געזאָגט: עס איז נאָר אַ שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַציע, דערפאַר האַלט עס זיך נאָר אין די ראַמען פון דעם קאַפּיטל פון דער דרשה.

די דרשה שפּאַרט אַרויס פון צווישן די קאַפּיטלען פיר און אַכט ווי אַ פרעמדע זאַך וואָס איז אַריינגעשטויסן געוואָרן און האַלט זיך דאָרט אין איר פרעמדקייט.

מיט דריי זאַצן פריער האָט זיך יעזוס ערשט באַקענט מיט פּעטרוס, אַנדריי, יעקב און יוחנן, און גלייך באַלד האַלט ער פאַר זיי די לאַנגע דרשה.

אין קאַפּיטל פינף מערקט זיך אָן אינהאַלט פון צוויי באַזונדערע אייגנאַרטיקע שרייבער, יעדער פון זיי מיט זיין אייגענעם נוסח, אייגע־נעם סטיל וואָס איז אינגאַנצן פאַרשיידן פון דעם אופן פון שרייבן פון מאתיאס עוואַנגעליע, און אויך פון די אַנדערע דריי עוואַנגעליעס. עס איז נאָר דער אייגנס פון די אַריינגעבראַכטע אווטאָרס.

## קאפיטל 6

# די דרשה אויפן בארג, צדקה בסתר

דער אָנהויב פון קומענדיקן קאפיטל זעקס ביז דעם זאַץ 18 איינגעשלאָסן איז אויך די אַרבעט פון אַ באַזונדער דריטן אַוטאָר. עס איז געשריבן געוואָרן אין דער פאָרמע פון אַ ליד אין דריי לאַנגע פערזן. די ערשטע העלב פון פערז ענדיקט זיך מיט דעם צוזינג (רעפריין) ׳באמת זאָג איך אייך, זיי האָבן זייער שכר׳. די צווייטע העלב פון פערז פאַרענדיקט זיך מיט דעם צוזינג, ׳און דיין פאָטער וואָס זעט אין געהיים (סעקרעט) זעלבסט אַליין — וועט דיך באַלוינען עפנטלעך׳.

עס איז בולט אַז די פאָרמע פון דעם אופן פון שרייבן אין דעם חלק פון דער דרשה איז פרעמד צו דעם אופן פון די איבערגעבונגען פון יעזוס רייד און זאָגונגען.

מת 1:6. „נעמט אין אַכט אַז איר זאָלט ניט געבן צדקה פאַר (אין דער אנוועזנקייט פון) מענטשן, כדי צו ווערן געזען פון זיי: אַנדערשוויז האָט איר ניט קיין שכר פון אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל.״

פש. דאָ ווערט באַרירט זייער אַ שיינע מידה פון אויסצוטיילן נדבות שטילערהייט: עס איז געגרינדעט אויף דער וויט פאַרשפרייטער לערנונג פון צו געבן ׳צדקה בסתר׳.

* בבא בתרא 9 ב. „נדבות געבן זאָל געטאָן ווערן אין דער שטיל.״

* ספרי ג 117 ז. 98ב. — דערקלערט די פסוקים פון דברים 9:15, 10, — „זאָל דיין אויג ניט זיין שלעכט קעגן דיין ברודער דעם אביון... געבן זאָלסטו אים געבן.״ און אַזוי ווי דאָ ווערט אָנגעזאָגט, ׳זאָלסט אים זיכער געבן׳: מיינט דאָס ׳אים׳ — דירעקט און אין דער שטיל, און זאָל קיין מענטש שטיין צווישן אים און דיר.

* די חז״ל (אין חגיגה 5א) זאָגן: „איר זאָלט ניט מאַכן די אָרעמע צו שאַנד ווען געבענדיק אייער צדקה אין דער עפענטלעכקייט.״

* כתובות 67ב. „עס וואָלט געווען בעסער פאַר אַ מאַן אַריינוואַרפן זיך אין אַ ברענענדיקן קאַלכאויוון איידער צו אַרויסשטעלן זיין מיטמענטשן צו שאַנד עפנטלעך.״

משנה, שקלים 1:5. „צוויי ׳לשכות׳ (קאַמערן) זיינען געווען אין בית המקדש, איינע האָט געהייסן ׳די קאַמער פון די שטילע׳ (לשכת חשאים), די וואָס האָבן מורא פאַר אַ זינד (די פרומע) וועלכע האָבן ניט געוואָלט געבן נדבות אין דער עפענטלעכקייט פלעגן אַריינלייגן זייער געלט אין דער שטיל.״

אַזעלכע שטילע קאַמערן האָבן זיך געפונען אין יעדער שטאָט.

מת. 2:6. „דערפאַר ווען דו טוסט דיין צדקה בלאָז ניט אַ טרומייט (שופר) פאַר דיר, ווי די היפאָקריטן טוען אַזוי אין די סינאַגאָגעס און אין די

גאָסן, אַז זיי זאָלן האָבן דעם כבוד פון מענטשן. באמת זאָג איך אייך, זיי האָבן זייער שכר.״

פירוש. — עס ווערט דאָ געמאַכט אַ שטאַרקע דערקלערונג און אַ שווערע באַשולדיקונג, באַגלייט מיט אַ זידל־וואָרט; אָבער די באַשולדיקונג איז גרונטלאָז און באַשטעטיקלאָז.

עס איז ערגעץ ניט דערמאָנט געוואָרן פון אַזאַ זאַך, פון אַזאַ פּאַסירונג, פון אַזאַ איינפיר, אַז ווען איינער טוט מנדב זיין פאַר אָרעמע, זאָל מען בלאָזן אין אַ שופר. אַפילו אַ סימן פון אַזאַ איינפירונג געפינט זיך ניט אין דער תורה שבעל פה און ניט אין די ספרים אחרונים, ניט אין יאָזעפוס און ניט ביי אַנדערע געשיכטע שרייבער פון יענער צייט.

* לייטפוט זאָגט: „איך האָב ניט געפונען, כאָטש איך האָב געזוכט פיל און ערנסטיק פאַר דעם, אַפילו דאָס קלענסטע אָנווייזונג אויף אַ טרומייט (שופר) אין צוזאַמענהאַנג מיט צדקה געבן.״

* די זעלבע מיינונג טיילט שאָטגען: „דאָרט איז ניטאָ קיין רעפערענץ אין דער פריער יידישער ליטעראַטור אין באַצוג פון געבן צדקה אין די סינאַגאָגעס, גאַס־פּאַראַדן אין דער אַקאָמפּאַנירונג פון שופר בלאָזן.״ (האָרא העבראַיקאַ עט תאַלמודיקאַ).

עס ווערט דערציילט אין משנה תענית, פרק ב, אין דער צייט פון אַ פאַרלענגערטער טרוקעניש, פלעגט מען דערקלערן אַ תענית, און אַרויס־נעמען די קאַסטן מיט דער תורה און מען פלעגט זאָגן די שמנה עשרה ברכות צוגעבענדיק נאָך אַנדערע זעקס ברכות דורך וועלכע מען האָט געבעטן פאַר רעגן, דאַן פלעגט מען בלאָזן דעם שופר. דאָס איז געווען נאָר אַ תענית צו בעטן פאַר רעגן און עס האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט צדקה געבן.

וואָרום מאַכט יעזוס באַשולדיקונגען פאַר זאַכן וואָס זיינען קיינמאָל ניט פאָרגעקומען? פּרווט מען געפינען אַ תירוץ. עס מיינט ניט אין ווירק־לעכן בלאָזן שופר, עס איז נאָר אַ צוגלייכונג, אַ מעטאַפאָר. אָבער דאָס אויך מאַכט ניט לייכטער דעם ענין. יעזוס דערלויבט זיך צו צוטראַכטן אַ מעטאַ־פאָר כדי צו באַשולדיקן, צו האָבן אַן אורזאַך צו זידלען זיי מיט דעם נאָמען היפּאָקריטן.

מיט וואָס קען דערקלערט ווערן די באַציונג צו מענטשן ווי יעזוס וויזט דאָ אַרויס? אַפילו, צוגעבענדיק, אַז די יידן און פרושים, חוץ די תלמידים, ווען זיי גיבן צדקה האָבן זיי ליב ׳אָסטענטאַציע׳ (עפענטלעכע דערקענונג): האָט דען יעזוס ניט עפענטלעך דערקלערט די תלמידים, לויט מאתיא, „איר זייט די ליכט פון דער וועלט.״ אנשטאָט צו פאַרלאָזן דעם מזבח און גיין איבערבעטן דעם קעגנער: ווערן אויסגעטראַכט מעשיות פון שלעכטע טאָטן.

---

*) אַלץ וואָס איז באַצייכנט מיט דעם שטערן, איז גענומען פון ג. פרעד־לאַנדער, ׳די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג׳, בלאָק קאָ., ניו יאָרק.

1) ג. פרידלענדער ברייגגט אויסצוגן וועגן צדקה און נדבות:

* פילון, וועגן כרובים, יג 34, מ. 1 זייט 161. „פאַר די וואָס האָפן צו קריגן באַלוינונג, אַזעלכעס ווי לויב אָדער כבוד און דערוואַרטן אַן אומקער פאַר דער טובה וואָס זיי טוען, אונטער דעם ספּעציפישן נאָמען נדבה, זיי אין דערווירקלעכקייט קוקן אויס פאַר אַ מציאה."

* דער תלמוד זאָגט, יבמות 79 א. „דער אידעאַלער ישראלי באַזיצט דריי מעלות: ער איז רחמנותדיק, באַשיידן, לייטזעליק. דער יעניקער וואָס באַזיצט עס ווערט פאַררעכנט אַלץ אַן אמתער זון פון ישראל."

די יידישע עטיק לערנט: יהושע בן פרחיה, איינער פון די ערשטע פּרושים, וועלכער האָט געווירקט אין דעם סוף פון צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער ג. ע. דער פּרוש זאָגט — פּרקי אבות 6:1 — „זאָלסט אורטיילן איטלעכן מענטשן צום גוטן." „והוי דן את כל האדם לכף זכות."

די עוואַנגעליעס טראַכטן צו באַשולדיקונגען וואָס זיינען ניט פאָרגעקומען. מיט וואָס קען מען פאַרט דערקלערן יעזוס ווידערווילן קעגן דער טאַט פון בלאָזן שופר אַלץ דערקענונג פאַר די וועלכע גיבן נדבות?

אין בית המקדש זיינען געשטאַנען דרייצן קאַסטנס, וועלכע זיינען געווען אונטן ברייט און אַלץ שמעלער אין דער הויך ביז דער גרויס, צו אריינוואַרפן מטבעות. די קאַסטנס האָבן זיך גערופן שופרות. אויף יעדן שופר איז געווען אָנגעשריבן דער צוועק פאַר די געלד וואָס געפינט זיך אין קאַסטן. אויף זעקס קאַסטנס (שופרות) זיינען געווען אָנגעשריבן 'לנדבה', עס מיינט אַז די געלט זיינען געשאַנקען פאַר די צוועקן פון בית המקדש.

משנה שקלים 5:6. „שלשה עשר שופרות היו במקדש, וכתוב עליהם... ששה לנדבה."

עס איז מער ווי זיכער אַז יעזוס האָט געוווסט אַז אַ וואָרט ווי שופר לנדבה האָט געמיינט אַ קאַסטן פאַר געשאַנקען. אָבער פיל צענדליקער יאָרן שפּעטער אין אַ קריסטלעך קירך האָט מען אָנגעטראָפן זיך אַן אַ שריפט ווו עס איז דערמאָנט געוואָרן שופרות של נדבות. האָט מען עס אויסגעטייטשט טרומייטן פון נדבות אָדער פון צדקה.

מאתיא אָדער דער אַווטאָר פון דעם טייל פון דער דרשה האָט דעם טעות אַרומגעפּוצט אַז די יידן האָבן געבלאָזן אין שופרות ווען מען האָט געגעבן נדבות. פאַרשטענדלעך אַז אַזאַ פאַרברעכן פון די פּרושים האָט געמוזט אַרויסרופן די דערווידערונג פון יעזוסן, דערפאַר איז דאָס גרעסטע זידל־וואָרט ניט צו קליין פאַר אַזעלכע פּרושים.

דאָס איז אַן אומבאַשטרייטלעכער באַווייז ווי ווייט די דרשה אויפן באַרג איז ניט היסטאָריש, און יעזוס זאָגונגען ניט אויטענטיש. אָבער מיר מוזן אָננעמען דעם יעזוס ווי מאתיא גיט אים איבער.

מת. 3:6. „אָבער ווען דו טוסט צדקה זאָל דיין לינקע האַנט ניט וויסן

---

1) די „יידישע שרשים פון דער דרשה."

וואָס דיין רעכטע האַנט טוט.״

מת. 4:6. „אַז דיינע נדבות זאָלן זיין אין געהיים; און דיין פאָטער וועל־כער זעלבסט זעט אין סעקרעט (פאַרבאָרגענעס) וועט דיר באַצאָלן עפּענטלעך.״

פש. אַזעלכע גהויבענע אידייעס און אַזאַ געהויבענער צאָרן ווערן אויס־געלאָזן פון לוקאַס. ער גיט דאָך אויך איבער די דרשה, וואָרום זאָל ער ניט וויסן אויף דעם טייל?

אויב מאתיא איז דער שפּעטסטער, על כן וועלכע קוואַלן האָבן דאָס אים אַנטפּלעקט? די ליד מיט דעם צוזינג „ער וואָס זעט אין סעקרעט, וועט באַצאָלן עפּענטלעך״ איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אַ גאָר שפּעטערדיקער צייט.

די קירך, און אַפילו די מאָדערנע קאָמענטאַטאָרן ווילן אַז אַלע טוגענטן זאָלן געטאָן ווערן פון די יידן, בפרט פון די פּרושים. הערן זיי נאָר אַן אומ־באַשטימטע אָנדייטונג אַז זיי טוען ניט אַזוי, ווערן זיי אָנגעפילט מיט הייליקן גרים־צאָרן און מען שרייט געוואַלט, איר זעט די פאַרשוינען, זיי טוען דאָס ניט; אָבער אויף זיך און אויף דער קירך איז דאָס ניט חל.

אויב ווען מען טוט אַזוי — איז מען היפּאָקריטן, און דער פאָטער וועט זיי שוין ריכטיק באַצאָלן, האָבן דען אַזוי ניט געטאָן די פּרימיטיווע קירכעס און אַלע קריסטלעכע קירכעס ביז היינטיקן טאָג? ווען די זעלבע קירכעס מאַכן אַן „אַפּיל״ אָדער אַ „טרייב״ צו קלייבן געלט פאַר זייערע צוועקן: דאַן טוען זיי דאָס ניט נאָר מיט טרומייטן, נאָר אויך מיט פּויקן. הויך, אין באַ־גלייטונג פון אַפּלאָדיסמענטן, רופט מען אויס די נעמען פון די ביישטייערער, און עפּענטלעך ווערט אַנאָנסירט די סומע פון זייערע ביישטייערונגען. אויך אויף דעם זעלבן אופן ווערט געקליבן צדקה אין אַלע וועלטלעכע וווילטעטיקע אַנשטאַלטן. די גאָר גרויסע נדבות ווערן באַשריבן אין די צייטונגען מיט די בילדער פון די געבערס. איז וואָרום זאָלן די נדבה געבערס פון די קירכעס און קאָנגרעגאַציעס זיין פיינע לייט, און די אָרעמע יידן און פּרושים זיינען היפּאָקריטן?

די יידישע שולן, טעמפּלען און די צדקה אַנשטאַלטן טוען אויך דאָס זעלבע; אָבער זיי באַשולדיקן קיינעם ניט, און רופן ניט קיינעם מיט נעמען, און ווייזן ניט אָן אויף יענע, אַז זיי זיינען אַקטיאָרן און שפּילן די ראָלע פון נדבות־געבערס.

מען משפּט ניט אַ כלל פאַר די זינד פון איינצעלנע. צו וויסן און קענען דעם כלל פון פּרושים ווי זיי האָבן זיך באמת ווירקלעך אויפגעפירט אין לעבן, קען מען נאָר לערנען דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט. די פּרושים האָבן געלייגט גרויס געוויכט אויף די מעשים פון רחמנות און צדקה.

* ברכות 17א. „אויב אַ מענטש טוט גוטע מעשים פאַר זיין אייגן געווינס (זעלבסט־אַרויסווייזונג), וואָלט געווען בעסער פאַר אים ווען ער וואָלט אין גאַנצן ניט געבאָרן געוואָרן.״

* חגיגה 5א. „דו זאָלסט ניט מאַכן צו שאַנד דעם אָרעמאַן דורך געבן אים דיין נדבה בפרהסיא."

שפּעטער אין דער דרשה וועט יעזוס זאָגן: 'משפּט ניט, אַז איר זאָלט אַליין ניט געמשפּט ווערן'.

מת. 5:6. „און ווען דו טוסט תפילה, זאָלסטו ניט זיין אַזוי ווי די היפּאָ־קריטן זיינען: פאַרוואָר זיי האָבן ליב צו תפילה טאָן שטייענדיק אין די בתי כנסיות און אויף די ווינקלען פון די גאַסן, אַז זיי זאָלן געזען ווערן פון מענטשן. באמת זאָג איך אייך זיי וועלן האָבן זייער שכר."

יעזוס רעדט דאָ צו די פיר תלמידים, אַז ווען זיי טוען תפילה, זאָלן זיי ניט טאָן ווי די היפּאָקריטן. די היפּאָקריטן זיינען מסתמא אַלע יידן וועלכע געפינען זיך ניט אויפן באַרג. זייער היפּאָקריטסטווע באַשטייט אין דעריין וואָס זיי בעטן גאָט אין דער סינאַגאָגע. דאָס זעלבע איז פאַרשטענדלעך חל אויף אַלע קריסטן וועלכע בעטן גאָט אין די קירכעס. נאָך אַ גרעסערע אָק־טיאָרסקע שפּיל זיינען די יידן וועלכע זיינען ווייט פון אַ סינאַגאָגע און בעטן גאָט אין דרויסן. אַזוי באַשולדיקט יעזוס הונדערטער טויזנטער מענטשן אַז זיי טוען תפילה נאָר צוליב דעם איינציקן צוועק מען זאָל זיי זען. פאַר דעם חטא צו בעטן גאָט אין דרויסן וועט זיי שוין גאָט באַצאָלן מיט דער פאַר־דינטער שטראָף. עס קומט דער אָנזאָג ווי און אויף וואָס פאַר אַן אופן גאָט בעטן.

מת. 6:6. „אָבער דו (עס מוז מיינען יעדן תלמיד באַזונדער), ווען דו טוסט תפילה, גיי אַריין אין דיין אַלקער, און ווען דו האָסט פאַרמאַכט די טיר, בעט צו דיין פאָטער וועלכער איז אין סעקרעט: און דיין פאָטער וועלכער זעט אין סעקרעט וועט דיר באַצאָלן עפנטלעך."

פּירוש. די ערשטע העלב פון זאַץ איז ענלעך צו ישעיה 20:26, נאָר דער נביא ברענגט צו אַן אַנדער אויספיר: „קום, מיין פאָלק, גיי אַריין אין דיינע קאַמערן און פאַרשליס די טיר הינטער זיך"... דער אונטערשייד איז וואָס אין די שריפטן (סקריפּטיורס) רופט זיי גאָט „מיין פאָלק", יעזוס רופט זיי „היּ־פּאָקריטן." אַזוי אויך יעזוס פּערצעפּציע פון פאָטער איז אויך אַן אַנדערע. נאָכן נביא זיצט ניט גאָט אין פאַרבאָרגעניש.

ישעיה 19:45. „ניט אין פאַרבאָרגעניש האָב איך גערעדט, און ניט אין אַן אָרט פון פינצטערלאַנד."

די יידישע קאָנצעפּציע איז, אַז גאָט זיצט ניט אין סעקרעט: נאָר דער כבוד (גלאָריע) פון גאָט איז פול אין דער גאַנצער וועלט.

ישעיה 4:51. „הקשיבו אלי עמי, ולאומי אלי האזינו, כי תורה מאתי תצא, ומשפּטי לאור עמים ארגיע."

ישעיה 6:6. „האָרכט צו מיר, מיין פאָלק, און פאַרנעמט צו מיר, מיין

* — איביד.

אומה, ווארום אַ תורה וועט אַרויסגיין פון מיר, און מיין משפט וועל איך צום ליכט פון די פעלקער אַרויס לאָזן."

דער מדרש ילקוט האָט אַ מאמר איבער דעם פסוק תהל. 5:4, „רגזו ואל תחתאו, אמרו בלבבכם על משכבכם, ודמו." — „ציטערט און איר זאָלט ניט זינדיקן, באַקלערט אין אייער האַרצן אויפן געלעגער, און ווערט אַנטשוויגן."

* גאָט זאָגט, שטיי אין מורא און טו תפילה אין בית הכנסת, און זינדיק ניט; אָבער אויב עס איז אוממעגלעך פאַר דיר צו גיין אין שול, בעט אויף דיין בעט; און אויב עס איז פאַר דיר אוממעגלעך צו בעטן, — דאַן האָב כוונה אין דיין האַרצן, אַזוי ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „דערקלער אין דיין האַרצן אויף דיין בעט."

עס מוז צוגעגעבן ווערן אַז אין שייכות צו תפילה: זיינען מיר געבליבן היפּאָקריטן ביז הייגטיקן טאָג, נאָר די קריסטלעכע געזעלשאַפט און די קריסט־לעכע קירכעס האָבן אונדז היפּש אַריבערגעשטיגן אין היפּאָקריטישקייט. געציילטע פון אונדז טוען תפילה אָפּגעשלאָסן, אַליין מיט זיך. דער רב מנין און בנין גייען אין די סינאַגאָגעס, שולן, קירכעס און קאַטעדראַלן: ווו די תפילות און גאָטס־דינסט ווערט געפירט עפּענטלעך פון אַ פּולפּיט (בימה), באַגלייט דורך כאָר־געזאַנג און אינסטרומענטאַלן שפּילן. דער עולם צוזאַמען אויפן קול זאָגן זייערע תפילות. אין קאַטוילישע קירכעס גייט מען מיט די תפילות אין פּאַראַדן איבער די גאַסן, און מען זאָגט די תפילות מיט איבער־חזרונגען.

ווען די טעג זיינען געציילטע, און די מלוכה פון הימל איז כמעט שוין אין די הענט: דאַן איז דאָס בעסטע צו זאָגן אַ קורצע תפילה, אָבגעזונדערט און פאַרמאַכט אין אַ צימער; אָבער ווען דאָס לעבן גייט אָן אין דעם המשך פון דורות: דאַן קומט די נויטווענדיקייט צו פאַרהיטן אַז די גרויסע מאָסן זאָלן ניט פאַרגעסן גאָט און די תפילה. עס ווערט אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן פאַר די מענטשן אַ גלויבנס אַטמאָספערע, פּראַכט און גלאַנץ פון צערעמאָניאַל, באַווירקונג פון געזאַנג, עקזאַלטאַציע, סודותדיק האַלעס פון די קירכעס, אַ גלויבן אויפוואַכונג דורך געניטע דרשה־געבער.

מת. 7:6, „אָבער ווען איר טוט תפילה נוצט ניט קיין אומזיסטע איבער־חזרונגען, אַזוי ווי די היידנס טוען: ווארום זיי דענקען אַז זיי וועלן געהערט ווערן דורך זייערע פיל זאָגונגען."

פירוש. איך שטרייך אונטער „היידענס" און ניט קיין פרושים, מחמת קנאַידיקע קאָמענטאַטאָרס זיינען אַזוי מיטגעריסן קעגן די פרושים אַז זיי פאַרזעען יעזוס זאָגן די היידענס און קאָמענטירן די פרושים. די פרושים און די רבנים האָבן ניט געלייגט קיין געוויכט אויף דער לייגקייט אָדער קורצקייט פון דער תפילה, דאָס הויפּט וואָס זיי האָבן עמפאַזירט איז אויף דער כוונה (דעוואָשן).

---

*) ג. פרידלאַנד, איביד.

משנה ראש השנה, 8:3. עס ווערט גערעדט פון דערויף וואָס שטייט אין שמות 11:17. „והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל, וכאשר יניח ידו וגבר עמלק.״ ווען עס איז אָנגעגאַנגען די שלאַכט פון די יידן מיט די עמלקים, איז ווען משה האָט געהאַלטן זיינע הענט אויפגעהויבן האָבן די יידן גובר געווען, ווען משה האָט זיינע הענט אַראָפּגעלאָזן אַזוי האָבן זיך די עמלקים געשטאַרקט. זאָגט די משנה: „האָבן דען משה׳ס הענט געמאַכט די מלחמה, אָדער געבראָכן די מלחמה?״ — עס איז נאָר צו לערנען פון דערויף: ווען די יידן האָבן אַרויפגעקוקט צו גאָט — כלפּי מעלה — און זיי האָבן געמאַכט אונטערטעניק זייערע הערצער צו זייער פאָטער אין הימל (לאביהם שבשמים), האָבן זיי גובר געווען, און אויב ניט זיינען זיי געפאַלן. אַזוי ווערט פון דערויף אָפּגעלערנט: דאָס הויפּט און דאָס וויכטיקסטע איז כוונה. דאָס זעלבע אין במדבר 21, ווען די יידן אין דער מדבר זיינען געביסן געוואָרן פון שלאַנגען, איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו משהן: „מאַך דיר אַ פייערדיקע שלאַנג, און טו זי אַרויף אויף אַ שטאַנג. און עס וועט זיין, איטליכער וואָס ווערט געביסן, וועט זי זען, און וועט בלייבן לעבן.״ איז די זעלבע קשיא: מאַכט דען די שלאַנג טויט, אָדער עס מאַכט לעבעדיק?״ און דער זעלבער ענטפער: ווען די יידן האָבן אַרויפגעקוקט אין דער הויך צו גאָט, כלפּי מעלה, זיינען זיי געוואָרן אויסגעהיילט; אויב ניט, זיינען זיי אויסגעגאַנגען. דערהויפּט איז די כוונה.

מלכים א׳, 28:18. „און זיי (די היידענישע פּריסטן) האָבן גערופן צו דעם נאָמען פון בעל, פון פרי מאָרגן ביז מיטן טאָג, אַזוי צו זאָגן, „בעל ענטפער אונדז״ (אין אומזיסטע איבערחזרונגען).

מכילתא, בשלח. — דאָס געבעט פון די צדיקים איז קורץ.

* בן סירה עקלוז. 14:7. „חזר ניט איבער דיינע ווערטער אין דיין תפילה.״

ברכות 5ב. „ווען איינער גיט זיך איבער צו לאַנגע תפלות, אָדער זאָגט אַרויס אייניקע ווערטער, מאַכט עס אויס זייער ווייניק, אויב זיין האַרץ איז געקערט צום הימל.״

די דידאכע, 3:8. „די קריסטלעכע תפילה איז פאַרביטן אנשטאָט דער שמונה־עשרה, און באַוווסט אַלץ דעם האַרס (לאָרדס) תפילה.״

תהלים 18:145. „גאָט איז נאָענט צו די וואָס רופן אים, צו אַלע וואָס רופן אָן אים אין אמת.״

— עס איז ניט ווי אַזוי מען רופט, דערהויפּט דער רופן דאַרף זיין אין אמת.

* יומא 19ב. „יעדע זאַך וואָס איז גענוצט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט, פאַרקלענערט דעם ווערט פון דער תפלה.״

מת 8:6. „זייט ניט דערפאַר גלייך צו זיי (היידענס): ווארום אייער פאָטער ווייסט וואָס פאַר אַ זאַכן איר דאַרפט האָבן פאַר דער נויטיקייט.״

מת 9:6. „דערפאַר נאָך דעם אופן טוט תפלה: „אונדזער פאָטער וועלכער איז אין הימל, געהייליקט זאָל זיין דיין נאָמען. (10) דיין מלוכה קומט, דיין ווילן וועט געטאָן ווערן אויף דער ערד, אַזוי ווי עס אז אין הימל.״

פירוש. פאלגענדיקע פאראלעלן זיינען צום ערשטן זאץ פון דער תפילה.

דברים 6:32. „איז ער ניט דיין פאטער וואס האט דיך געשאפן?"

ישעיה 16:63. „פארוואר, דו ביסט אונדזער פאטער . . . דו יאהווע ביסט אונדזער פאטער, אונדזער אויסלייזער איז דיין נאמען פון אייביק אן." (7:64). און אצינד, גאט, דו ביסט אונדזער פאטער."

ירמיה 4:3. „פאטער מיין, דער פארטרויער פון מיין יוגנט ביסטו. (19:3) מיין פאטער וועסטו מיך רופן. (8:31). „ווארום איך בין א פאטער צו ישראל; און אפרים, ער איז מיין בכור."

מלאכי 10:2. „איז ניט איין פאטער ביי אונדז ביי אלעמען? האט אונדז ניט איין גאט באשאפן?"

אין דער יידישער ליטורגע: „דו ביזט יאהווע אונדזער גאט אין הימל און אויף דער ערד. אונדזער פאטער אין הימל לעבט און באשטייט."

אין שמונה עשרה: „קער אונדז אונדזער פאטער צו דיין תורה; פארגיב אונדז, אונדזער פאטער, ווארום מיר האבן געזינדיקט; פאטער דערבארימדיקער, הער אונדזער קול. אונדזער פאטער, אונדזער מלך, מיר האבן געזינדיקט צו דיר; בענטש אונדז, אונדזער פאטער."

היסטינגס ווערט. בוך. פון דער ביבל, 5 8, 35 — 'פאטער' איז באמת אן אלטע טעסטאמענט פראזע וועלכע יעזוס האט גענוצט און אנגענומען.

* לייטפוס באמערקט: דער דאזיקער נאמען פון גאט איז געווען זייער וויל באוווסט צווישן די יידן, זיי זיינען געווען דורכאויס גרינדלעך אונטעריכטעט צו רופן גאט „דער פאטער אין הימל."

* תספתא ברכות 7:3; ברכות 29ב. — ר' אליעזר ענטפערט וואס איז א קורצע תפילה: „טו דיין ווילן אין הימל אין דער הויך, און גיב צופרידענקייט צו זיי וואס פארכטן דיך אויף דער ערד אונטן, און וואס טוען וואס איז גוט אין דיינע אויגן; געבענטשט ביסטו גאט, וועלכער הערט תפילה." ר' אליעזער איז געווען א תלמד פון ר' יוחנן בן זכאי, פארן חורבן.

„די נויטן פון דיין פאלק ישראל זיינען פיל אבער זייער חכמה איז קליין. זאל דייך ווילן זיין, א גאט, צו געבן יעדן איינעם זיין אויפהאלטונג, און צו יעדן באשאף גענוג פאר זיין נויט. געבענטשט ביסטו, גאט, דער וואס הערט תפילות."

תהלים 9:40. „צו טאן דיין רצון, מיין גאט, האב איך באגערט."

תהלים 10:143. „לערן מיך צו טאן דיין רצון, ווארום דו ביסט מיין גאט; דיין גוטער גייסט זיל מיך פירן אויף א גלייכן לאנד."

מת 11:6. „גיב אונדז דעם טאג אונדזער טעגליכן ברויט (12) און פארגיב אונדז אונדזערע שולדן, אזוי ווי מיר פארגיבן אונדזערע בעלי חובות."

* פאראלעלן: סוטה 48ב. „דער מאן וואס האט ברויט אין זיין קארב (פאר

---

*) שטערן באצייכענען ג. פרידלענדער, דרשה אויפן בארג.

**דעם טאָג), און פרעגט וואָס זאָל איך טאָן פאַר דעם מאָרגעטיקן ברויט? באַ־לאַנגט צו די מענטשן פון וויניק גלויבן.״**

***  בן סירה — „פאַרגיב דיין מיטמענטשן דעם שאָדן וואָס ער האָט געטאָן צו דיר, אַזוי וועלן דיינע זינד פאַרגעבן ווערן ווען דו טוסט תפילה.**

**יומא 23א. תענית 25ב. „אַלע וואָס זיינען פאַרטראָגיק און פאַרגיביק און באַשטייען ניט אויף זייערע רעכט וועט זייערע זינד פאַרגעבן ווערן.״**

מת. 13:6. „און פיר אונדז ניט צום נסיון, נאָר לויז אונדז אויס פון שלעכטס: ווארום דיין איז די קיניגרייך, און די מאַכט, און די הערלעכקייט, אויף אייביק, אמן.״

**אַ פּאַראַלעל צו דערויף געפינט זיך אין יידישן געבעט־בוך סידור.**

**„ואל תביאני לא לידי חטא, ולא לידי עברה ועון, ולא לידי נסיון.״**

**„זאָלסט אונדז ניט ברייגנען ניט צו זינד, און ניט צו אַן עברה און אומרעכט, און ניט צו נסיון.״**

**אויך: „ואל ישלוט בנו יצר הרע, ודבקנו ביצר טוב.״**

**„זאָל ניט געוועלטיקן אין אונדז דער יצר הרע, און באַהעפט אונדז צום יצר־טוב.״**

מת. 14:6. „ווארום אויב דו פאַרגיסט מענטשן זייערע עבירות, וועט אייער הימלישער פאָטער אייך אויך פאַרגעבן.״

מת. 15:6. „אָבער אויב איר פאַרגיט ניט מענטשן זייערע עבירות, וועט אויך אייער פאָטער אייך ניט פאַרגעבן די עבירות.״

מת. 16:6. „און מערער, ווען איר פאַסט, זייט ניט אַזוי ווי די היפּאָ־קריטן, פון אַ באַטויבטן פנים: ווארום זיי פאַרענדערן זייערע פנימער אַז זיי זאָלן אויסזען צו מענטשן אַז זיי פאַסטן. באמת זאָג איך אייך, זיי האָבן זייער שכר.״

מת. 17:6. „אָבער דו, ווען דו טוסט פאַסטן, באַשמיר דיין קאָפּ, און וואַש דיין פנים.״

מת. 18:6. „אַז דו זאָלסט ניט אויסזען צו מענטשן אַז דו פאַסט נאָר צו דיין פאָטער וועלכער איז אין פאַרבאָרגעניש, און דיין פאָטער וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש, וועט דיר באַצאָלן עפנטלעך.״

**פּש.  אין די תעניתים־טעג אין דער צייט פון יעזוס איז געווען פאַרווערט עסן און טרינקען, אָבער מען האָט געמעגט זיך וואַשן דעם פנים און באַשמירן די האָר. נאָר אום דעם תענית פון יום כיפור איז ניט געווען דערלויבט צו וואַשן זיך. אום יום כיפור האָט דאָך ניט קיין זין צו זאָגן אַז די יידן פאַר־קרימען זייערע פנימער אין אַ טרויערן אויסקוק צו ציען אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט אויף זייער פאַסטן. אום יום כיפור פאַסטן ניט בלויז איינצעלנע באַרימער, נאָר די גאַנצע עדה פאַסט. ווען אימעצער וואָלט געזאָגט אַז ער פאַסט ניט, וואָלטן די איבעריקע זיך געוואונדערט און וואָלטן אים געפרעגט אין וואָס באַשטייט זיין קראַנקהייט וואָס ער קען ניט פאַסטן. אין יענער צייט, הערהויפּט אין די שטעט, האָבן דערוואַקסענע יידן געפאַסט; אַ ייד אַ פּרוש**

האָט זיכער געפאַסט: פאַר ווען זאָל זיך דער פאַסטער אַרויסווייזן מיט זיין תענית, ווען אַלע אַרומיקע פאַסטן. אויב עס זאָל זיין זיין אייגענער פּריוואַטער תענית, פאַסט ער דאָך דורך זיין אייגענעם ווילן, ער איז ניט מחויב דאָס צו טאָן, ער פאַסט נאָר דורך זיין אייגענער פרומקייט, וועט אַזאַ מענטש זיכער ניט קרימען זיין פּנים צו אויסווייזן זיך פאַר די אַרומיקע אַז ער פאַסט.

עס באַווייזט נאָר אַז דאָס זיינען ניט יעזוס זאָגונגען, נאָר אַ דערפינדונג פון אַ גלויביקן קריסט צו אַריינשרייבן נאָך עטלעכע ׳פאַקטן׳ פון די פּרושים־היפּאָקריטן.

טעותן וועגן יידישע דינים און מינהגים מאַכן אַפילו אין אונדזער צייט, הויך געלערנטע מענטשן, מיט אַ סך וויסן, אידעאַליסטן ביי וועלכע אידייען פון מאָראַל און עטיק איז זייער גלויבן: זיינען אויך פאַרעמד צו די יידישע מינהגים פון יעזוס צייט. צום ביישפּיל דר. ג. שמידט, ׳דער פּראָפעט פון נאַזאַרעט׳, ז. 314, „זאַק־טוכן און אַש זיינען געווען די רעגעלע באַגלייטונג פון תעניתים.״

זאַק און אַש ווי באַגלייטער פון פאַסטונגען זיינען באַוווּסט אין דער ביבל. ישעיה זאָגט פון תעניתים: 5:58, „איז אַזאַ פאַסטונג וואָס איך האָב אויסגעוויילט? אַ טאָג פאַר אַ מענטשן צו פּייניקן זיין זעל, צו בויגן ווי אַ וואַסער־ריטל זיין קאָפּ, און זאַק און אַש זאָל ער זיך אויסבעטן? צי דאָס רופסטו פאַסטן? און אַ טאָג פון דער באַווילִיגונג צו גאָט?״

דער מינהג פון פאַסטונגען פון ישעיהס צייטן איז געווען אַרום 800 יאָר פאַר יעזוסן, דער מינהג האָט זיך אין גאַנצן געביטן, זאַק און אַש זיינען פאַרשוואונדן. און תענית איז באַשטאַנען פון אָפּהאַלטן זיך פון עסן און טרינקען.

דער נביא איז אומצופרידן מיט אַזעלכע תעניתים, ער דערקלערט מיט פאַרדראָס און ליבשאַפט און לערנט וואָס פאַר אַ פאַסטונג איז צו גאָטס ווילן.

ישעיה 6:58, „איז ניט דאָס פאַסטן וואָס איך האָב אויסגעוויילט: לויז מאַכן די קייטן פון אומרעכט, אָפּבינדן די בינד־שטריק פון יאָך, און אַרויסלאָזן פריי די געדריקטע, און יעטווידער יאָך זאָלט איר צעברעכן. איז עס ניט אָפּצוברעכן פון דיין ברויט צו דעם הונגעריקן...״

אָבער דער בן־אדם רעדט מיט זידל.

אין קאַפּ. 6 זעט זיך בולט אָן ווי אַ נייע פאָרמע ווערט אַריינגעבראַכט אין מאַתיאַס עוואַנגעליע. דאָס ערשטע פאַרנעמט דער שכר וואָס גאָט באַצאָלט פאַר ניט אויפריכטיקע מעשים; דאָס צווייטע וואָס אין סוף פון סטראָפּע קומט אַ נאָכזינג: „דער פאָטער וואָס זיצט אין ׳סעקרעט׳ וועט דיר באַצאָלן עפענטלעך.״ עס איז אויסגעטיילט פון דער גאַנצער עוואַנגעליע, עס איז ניט מאַתיאַס סטיל, ניט זיין אופן פון אויסדריקונג. עס איז די אַרבעט פון אַ פרעמדער האַנט און פון אַנאַנדער שרייבער. דער פאַקט וואָס עס געפינט זיך ניט אין לוקאַס עוואַנגעליע איז אַ קלאָרער באַווייז אַז עס איז אַן אינטערפּאָלאַציע.

די פּערזן פון שופר און צדקה, און פון תפילה פאַרענדיקן זיך אויך

מיט דעם צוזינג פון שכר, און באַצאָלן עפּענטלעך. די ערשטע קוואַלן פון דער מינדלעכער טראַדיציע זיינען געווען די תלמידים. די פערזון מיט די סוף־זאָגונגען לאָזן זיך לייכט געדענקען: איז וואָרום זאָלן די תלמידים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע זכרונס, זאָלן ניט געדיינקען דאָס וואָס איז שווער צו פאַרגעסן. באַשיינפּערלעך זעט זיך דאָ אַז דער ערשטער האַלב פון קאַפּ. 6 ביז זאָץ 19, איז אַ קאָמפּאָזיציע שוין פון אַ דריטן אוטאָר.

מאת. 19:6. „לייגט ניט אָפּ פאַר אייער זעלבסט אוצרות אויף דער ערד, ווו מאָל און זשאַווער פאַרדאַרבן, און ו גנבים ברעכן זיך דורך און גנבענען.“

מת. 20:6. „אָבער לייגט אָפּ פאַר אייער זעלבסט אוצרות אין הימל, ווו מאל אָדער זשאַווער פאַרדאַרבן ניט, און ווו גנבים ברעכן זיך ניט דורך און מען גנבעט ניט.“

מת. 21:6. „וואָרום ווו אייערע אוצרות זיינען, דאָרט וועט אייער האַרץ אויך זיין.“

פש. ג. פרידלענדער ברייגגט אַ פּאַראַלעל וואָס ווערט אָנגעגעבן פון שאַטגען די מעשה פון מאנאבאזוס. עס ווערט דערציילט פון קיניג מאנאבאזוס פון דער לאַנד אדיאבענע אַז אין דער צייט פון אַ הונגער אין יהודה האָט ער צעטיילט אַ גרויסע פאַרמעגן פאַר די אָרעמע און הונגעריקע. ער איז גע־טאַדלט געוואָרן פון זיינע קרובים וועלכע האָבן געזאָגט: 'דיין פאָטער האָט געזאַמלט פאַרמעגנס און דו האָסט עס צעטרענצלט'. האָט ער זיי געענטפערט: 'מיין פאָטער האָט אָפּגעלייגט אוצרות אויף דער ערד, אָבער איך לייג אוצרות אין הימל... מיין פאָטער האָט עס געזאַמלט אין אַ פּלאַץ איבער וועלכן די האַנט פון אַ מענטשן האָט ניט קיין מאַכט. מיין פאָטער האָט געזאַמלט דאָס וואָס טראָגט ניט אין זיך פרוכט, איך האָב געזאַמלט דאָס וואָס גיט אַרויס פרוכט; מיין פאָטער האָט געזאַמלט פאַר דער־וועלט, איך זאַמל, איך האָב געזאַמלט פאַר דער וועלט וואָס וועט קומען. (בבא בתרא וזא. תלמוד ירוש. פאה. 1 ,1, 15ב).

עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא:

ברכות 61ב. „עס זיינען פאַראַן מענטשן צו וועמען ממון (געלט) איז טייערער ווי לעבן.“

יאָזעפוס, מלחמות; בוך 11, 8, 2, 3. „די איסיים (עסענס) ווייזן צוריק פאַרגעניגנס ווי אַן איבל. זיי זיינען געווען פאַראַכטער פון רייכקייטן. עס האָט זיך ביי זיי ניט געפונען אַז איינער זאָל האָבן האָבן מער פון דעם אַנדערן.“

יעזוס און מאתיא נעמען פיל פון די לערנונגען פון די אסיים, נאָר יעזוס האַלט אַז רייכקייט איז דאָס ערגסטע בייז, דעריבער דער וואָס באַזיצט וועלכן עס איז פאַרמעגן — וועט ניט אַריינקומען אין דער מלוכה.

* פילון איבער יוסף ג 24, מ. 11 זייט 61. „האָט איר אַ גרויסן איבער־בלייב? טיילט עס מיט אַנדערע, וואָרום די שיינקייט פון רייכטום איז ניט אין דער בייטל, נאָר אין דער מאַכט וואָס ער גיט שטיצונג צו יענע וואָס זיינען אין נויט.“

**לוקאס ברייננט דאָס ניט אין דער דרשה, נאָר גאָר ביי אַנדערע אומ־שטענדן.**

לוק. 33:12. „פאַרקויפט וואָס איר האָט און גיט נדבות, גרייט צו פאַר זיך זעק וואָס ווערן ניט אַלט, אַן אוצר אין די הימלען וואָס קען ניט אָפּ־בליאַקירן, וווּ קיין גנב דערנעענט זיך ניט, און אויך וווּ מאָל פאַרדאַרבט ניט. (34) וווּ אייער אוצר איז, דאָרטן וועט אייער האַרץ זיין.״

פּש. **דער יידישער קוק אויף אָרעמקייט און רייכקייט איז לחלוטין אַנ־דערש.**

**משלי 22: 1, 2. „אַ נאָמען איז בעסער פון גרויס עשירות; אַ גוטער חן, פון זילבער און פון גאָלד. רייך און אָרעם שטויסן זיך אָן איינאַנדער, אָבער זייביידן האָט גאָט באַשאַפן.״**

מת. 22:6. „דאָס ליכט פון קערפּער איז די אויג: אויב דערפאַר דיין אויג איז איינפאַך, אַזוי דיין גאַנצער קערפּער וועט זיין פול מיט ליכטיקייט; (23) אָבער אויב דיין אויג איז בייז, וועט דיין גאַנצער קערפּער זיין פול מיט פינסטערניש. אויב דערפאַר די ליכט וואָס איז אין דיר וועט זיין פינסטער־ניש, ווי גרויס איז די פינסטערניש?״

**פאַראַלעלן וועגן ליכט און פינסטערניש.**

**משלי 9:13. „די ליכטיקייט פון די צדיקים איז פריילעך, אָבער דאָס ליכט פון די רשעים לעשט זיך אויס.״ „אור צדיקים ישמח, ונור רשעים יצעק.״**

**משלי 27:20. „אַ ליכט פון גאָט איז דעם מענטשנס נשמה, עס זוכט־דורך אַלע קאַמערן פון לייב.״ „נר יה׳ נשמת אדם, חפש כל חדר בטן.״**

**משלי 9:22. „דער וואָס האָט אַ גוט אויג, ער ווערט געבענטשט, ווייל זי גיט פון זיין ברויט דעם אָרעמאַן.״**

**איוב 5:18. „דאָס ליכט פון די רשעים וועט פאַרלאָשן ווערן און ניט שיינען וועט דער פונק פון זיין פייער.״ „גם אור רשעים ידעך, ולא יגה שביב אישיו.״**

**חבקוק 13:1. „דיינע אויגן זיינען צו ריין צו זען שלעכטס, און צוקוקן אומרעכט קענסטו ניט.״ „טהר עינים מראות רע, והביט אל עמל לא תוכל.״**

*** פילון, פראַגמענטן: דזשאָן פון דמשק, ב 370, מ, וו ז. 649. „עס איז אוממעגלעך אַז די ליבשאַפט פון דער וועלט קען עקזיסטירן אָן דער ליב־שאַפט פון גאָט, ווי ליכט און פינסטערניש צוזאַמען עקזיסטירן אין דער זעלבער צייט איינס מיט דאָס אַנדערש.״**

*** פילון, וועגן דער קרעאַציע פון דער וועלט, 17 מ. 1 ז. 649. „די אינ־טעליגענץ איז צו דער נשמה, איז וואָס די אויג איז צו דעם קערפּער.״**

**דער וויטערדיקער פאַראַלעל וויזט אָן אַז די האַרץ איז וויכטיקער ווי די אויג.**

**פרקי אבות 2, 12, 13. „ רבן יוחנן בן זכאי האָט געפרעגט זיינע פינף תלמידים: „וועלכער איז דער גוטער וועג וואָס דער מענטש זאָל זיך אָן אים**

באַהעפטן?״ האָט רבי אליעזר געזאָגט — אַ גוט אויג; רבי יהושע האָט געזאָגט: אַ גוטער חבר; רבי יוסי האָט געזאָגט: אַ גוטער שכן; רבי שמעון האָט געזאָגט: דער וואָס זעט פאָרויס דאָס קומענדיקע; רבי אלעזר האָט געזאָגט: אַ גוט האַרץ. האָט רבי יוחנן געזאָגט צו זיי: „איך זע אין די ווערטער פון רבי אליעזר בן ערך מער ווי אייערע ווערטער, ווארום אין זיינע ווערטער ליגן שוין אייערע ווערטער.״

רבי יוחנן איז געווען כמעט גלייכצייטיק מיט יעזוסן, אויך זיי זיינען געווען די פאָרשטייער פון די פרושים, פאַר וועמען די עוואַנגעליעס האָבן ניט קיין אַנדער זידל וואָרט ווי היפּאָקריטן.

* טעסט. פון די 12 פאטר. בנימין 2:6, 3. „דער גוטער מאַן האָט ניט קיין אויג פול מיט פינסטערניש ווארעם ער האָט רחמנות אויף אַלעמען, אפילו זיי זאָלן זיין זינדערס און זוכן צו טאָן אים שאָדן.״

מת. 24:6. „קיין מענטש קען ניט דינען צוויי האַרן: ווארום אָדער ער וועט האָסן דעם איינעם, און ליבן דעם אַנדערן; אָדער ווען ניט וועט ער האַלטן צו איינעם, און פאַראַכטן דעם אַנדערן. איר קען ניט דינען גאָט און ממון (מאַמאָן).״

צוגלייכונגען געפינען זיך אין:

טעסט. יהודה 6:18. „דער וואָס דינט צוויי קעגן זעצליכע עמאָציעס, קען ניט דינען גאָט, ווארום די רעגונגען פאַרבלענדן די נשמה און ער גייט אַרום דורכן טאָג אַזוי ווי עס וואָלט געווען נאַכט.״

לויט מאת. 24:6, רעדט דאָס יעזוס צו זיינע תלמידים זיצענדיק אויף אַ באַרג, און דאָרט געפינען זיך ניט קיינע פרושים. לוקאָס גיט איבער דאָס זעלבע וואָרט אין וואָרט אין לק. 13:16. ווען צוויי שרייבער גיבן איבער ווערבאַטים לגבי די זאָגונג פון אַ מענטשן, הייסט דאָס אַזביידע האָבן גענומען פון איין קוואַל, אָדער איינער האָט קאָפּירט אות באות דעם אַנדערן. פרעגט זיך ווי אַזוי קען פאַרקומען אַזאַ פאַרשידענקייט: אין צייט, אין אָרט, און אין דער אדיענץ צו וועמען עס איז געזאָגט געוואָרן.

לויט מאתיא איז עס געזאָגט געוואָרן אין אָנהויב פון יעזוס מיניסטירונג, נאָך לוקאָס צום סוף פון זיין מיניסטירונג, איידער ער גייט קיין ירושלים; על פי מאתיא איז עס אַ טייל פון דער דרשה אויפן באַרג ווו יעזוס רעדט נאָר צו זיינע תלמידים, וועדליג לוקאָס ערגעץ צו אַ געמישטן עולם ווו עס זיינען געווען די תלמידים און אויך ווו עס האָבן זיך געפונען פרושים. דאַן האָט יעזוס געהאַט די געלעגענהייט צו אָפּגעבן זיי די פרושים זייער חלק.

מאת. 25:6. „דערפאַר זאָג איך אייך, טראַכט ניט פון אייער לעבן, וואָס איר זאָלט עסן אָדער וואָס איר זאָלט טרינקען; אויך פאַר אייער קערפּער, וואָס איר זאָל אָנטאָן. איז ניט דאָס לעבן מערער ווי עסן, און דער קערפּער מערער ווי קליידונג?״

פש. ענלעכקייטן צו דעם געפינען זיך אין תהלים:

תהל. 23:55. „וואַרף אויף גאָט דיין לאַסט, און ער וועט דיך פאַרזאָרגן; ער וועט קיינמאָל נישט לאָזן פאַלן דעם צדיק. — השלך על־יה׳ יהבך והוא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק.״

תהל. 10:34. „פאַרכט גאָט, איר זיינע הייליקע, ווארום זיינע פאַרכטער וועלן ניט פאַלן. (11) די וואָס זוכן גאָט פעלט ניט כל טוב. — יראו את יה׳ קדשיו, כי־אין מחסור ליראיו. (11) ודרשי יה׳ לא יחסרו כל טוב.״

מאת. 26:6. „זעט די פויגל אין דער לופט: ווארום זיי זייען ניט, און אויך זיי שניידן ניט. אויך זאַמלען ניט אין שייערן; דאָך אייער הימלישער פאָטער שפייזט זיי. זייט איר ניט פיל בעסער פון זיי?״

צוגלייכונגען זיינען אין תהלים 9. „ער גיט דער בהמה איר שפייז, די קינדער פון ראַב וואָס רופן. — מתן לבהמה לחמה, לבני ערב אשר יקראו.״

תהל. 15:145. „די אויגן פון אַלעמען קוקן אויף דיר, און דו גיסט זיי זייער עסן אין צייט. (16) עפענסט דיין האַנט, און זעטיקסט יעטוועדער לע־בעדיקן מיט גוטוויליקייט. — עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעיתו. פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון.״

תה. 12:104. „לעבן זיי רוען די פויגל פון הימל, פון צווישן די צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קול — עליהם עוף השמיעם ישבון, מבין עפאים יתנו קול.״

איוב 41:38. „ווער גרייט אָן דעם ראַב זיין שפייז, ווען זיינע קינדער שרייען צו גאָט, ווען זיי וואַנדערן אום אָן עסן? מי יכין לערב צידו, כי ילדיו אל אל ישועו, יטעו לבלי־אכל.״

רבי שמעון דער זון פון אליעזר זאָגט, „האָסטו ווען עס איז אין דיין לעבן געזען אַ חיה אָדער אַן עוף אַז זיי זאָלן האָבן אַ פאַך, דאָך האָבן זיי חיונה אָן צער, און זיי זיינען געשאַפן געוואָרן כדי מיך צו באַדינען. און איך וואָס איז באַשאַפן צו דינען גאָט, דאַרף דאָך געוויס זיין אַז איך זאָל האָבן מיין פרנסה אָן צער? נאָר אַזוי ווי איך האָב געזינדיקט דורך מיינע מעשים, האָב איך (מענטש) אָנגעוואָרן מיין פרנסה. — רבי שמעון בן אליעזר אומר, ראית מימיך חיה ועוף שיש להם אומנות, להן מתפרסין שלא בצער, והלא לא נבראו אלא לשמשני. ואני נבראתי לשמש את קוני, אינו דין שאתפרנס שלא בצער, אלא שהרעתו וקפחתי את פרנסתי״ (משנה קדושין 14:4).

מת. 27:6. „ווועלכער פון אייך קען דענקען אַז ער קען צוגעבן אייך אייל צו זיין געשטאַלט.״

מת. 28:6. „און וואָרום טראַכט איר וועגן קליידונג? באַטראַכט די לי־ליעס פון פעלד, ווי זיי וואַקסן; זיי אַרבעטן ניט, און אויך זיי שפינען ניט.״

מת. 29:6. „און איך זאָג אייך, אַז אפילו שלמה אין זיין גאַנצער גלאָריע, איז ניט געווען פאַרפוצט ווי איינע פון זיי.״

מת. 30:6. „דער־בער, אויב גאָט באַקליידט אַזוי די גראָז פון פעלד, וואָס היינט זיינען זיי דאָ, און מאָרגן ווערן זיי אַריינגעוואָרפן אין אויוון, וועט ער דען ניט פיל מער אייך קליידן, אָ, איר פון קליינעם גלויבן?״

מת. 32:6. (וואָרום די גוים זוכן די אַלע זאַכן): וואָרעם אייער הימלישער פאָטער ווייסט אַז איר דאַרפט די אַלע זאַכן."

**פר. יעזוס הויפט צוועק און זאָרג איז געווען די קומענדיקע מלוכה, אַלץ אַנדעריש האָט ניט געהאַט פאַר אים קיין ווערט. אין דער קומענדיקער מלוכה וועט גאָט באַזאָרגן אַלע גלויביקע מענטשן מיט אַלע זייערע לעבענס באַדערפעגישן.**

מת. 33:6. "נאָר זוכט צום ערשט די מלוכה פון גאָט, און זיין רעכט־פאַרטיקייט; און די אַלע זאַכן וועלן ווערן צוגעגעבן צו אייך."

מת. 34:6. "דעריבער האָט ניט קיין זאָרג פאַר דעם מאָרגן, מחמת דער מאָרגן וועט אַליין זאָרגן וועגן די זאַכן. עס איז גענוג פאַר דעם טאָג זיין איבל."

*** ג. פרידלאַנדער ברייגנט די פאָלגענדיקן פּאַראַלעל פון ברכות 9ב: "הקב"ה האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו ישראל, איך בין געווען מיט דיר אין דער קנעכטשאַפט און איך וועל זיין מיט דיר אין דער קנעכטשאַפט פון אַנדערע מלוכות. האָט משה געענטפערט, 'גענוג איז דער אַנגסט אין דער שעה'. עס איז מוז זיין געווען אַ פּאָפּולערער אַפאָריזם."**

## קאַפּיטל 7

# די דרשה אויפן באַרג

### משפט ניט

**מאת. 7**

מת. 1:7. "ריכטעט ניט, אַז איר זאָלט ניט געריכטעט ווערן."

מת. 2:7. "וואָרום מיט וואָס פאַר אַ משפט איר ריכטעט, וועט איר גע־ריכטעט ווערן; און מיט וואָס פאַר אַ מאָס איר מעסט, וועט עס ווידער גע־מאָסטן ווערן צו אייך."

**פש. די זעלבע יעזוס זאָגונגען אָדער געבאָט ברייגנט לוקאַס אין קו־מענדיקן נוסח:**

לק. 37:6. "ריכטעט ניט, און איר וועט ניט ווערן געריכטעט: פאַראור־טיילט ניט, וועט איר ניט ווערן פאַראורטיילט; פאַרגיט, און איר וועט ווערן פאַרגעבן."

לוק. 38:6. "גיט, און עס וועט געגעבן ווערן צו אייך, אַ גוט מאָס, אַרונ־טערגעפרעסט, און צוזאַמען געטרייסלט, און איבערלויפענדיק, וועלן מענטשן געבן אין אייער בוזעם, וואָרום מיט דער זעלבער מאָס וואָס איר מעסט מיט דער זעלבער וועט איר געמאָסטן ווערן."

**פש. פרעגט זיך, ווי האָט פאַרט יעזוס געזאָגט, ווי מאַתיא שרייבט, אָדער ווי לוקאַס? מאַרקוס (אין 24:4) ברייגנט עס אויף דעם אופן:**

„און ער האָט געזאָגט צו זיי, נעמט אין אַכט וואָס איר הערט: מיט וואָס פאַר אַ מאָס איר מעסט וועט עס געמאָסטן ווערן צו אייך: און צוו ואייך וואָס הערן וועט מער געגעבן ווערן."

פש. קען פאַרשטאַנען ווערן אַז די אָריגינעלע זאָגונג גיט איבער מאַרקוס. יעזוס האָט געבראַכט אין זיינע רייד אַ גוט פאַרשפרייטע זאָגונג פון פאָלק „מיט דער מאָס וואָס דו מעסט"... — מאַתיא האָט עס פאַרגרעסערט און צו־געגעבן דעם 'ריכטעט ניט'... לוקאַס האָט שוין געמאַכט אַ פולע עקספּאַנסיע. די זאָגונג ווערט געבראַכט אין סוטה 1:7. 'מיט דער מאָס וואָס אַ מענטש מעסט, מיט דער זעלבער מאָס מעסט מען אים. — במדה שאדם מודד, בה מודדין לו'.

אבות 5:2. „הלל זאָגט: משפּט ניט דיין חבר, ביז דו קומסט ניט אויף זיין אָרט. — ואל תדין את חברך, עד שתגיע למקומו."

* טעסט פון די 12 פּאַטר. זבולון 3:5. „האָט דערפאַר רחמנות אין אייער האַרצן, מיינע קינדער, מחמת ווי אַ מענטש טוט צו זיין שכן, אויך אַזוי וועט טאָן גאָט צו אים."

מת. 3:7. „און וואָרום זעסטו דאָס שטויבעלע וואָס איז אין דיין ברודערס אויג אָבער דו באַטראַכסט ניט דעם באַלקן וואָס איז אין דיין אויג."

מאת. 4:7. „אָדער ווי אַזוי וועסטו זאָגן צו דיין ברודער, לאָז מיך אַרויסציען דאָס שטויבעלע פון דיין אויג; און, זע, א באַלקן איז אין דיין אייגענער איג."

מאת. 5:7. דו היפּאָקריט, ערשטנס וואַרף אַרויס דעם באַלקן פון דיין אייגענעם אויג; און דאַן וועסטו קלאָר זען צו אַריסוואַרפן דאָס שטויבל פון דיין ברודערס איג."

פש. ערכין 16ב., בבא בתרא, 15ב. — 'איב איינער זאָגט צו זיין מיט־מענטשן, צי אַרויס די שטויבל פון דיין אויג וועט ער ענטפערן, צי אַרויס דעם באַלקן פון דיין אייגענער איג.' כמעט דער זעלבער משל, און איז פיין געזאָגט געוואָרן, אַז זידל ווערטער, און קיינער איז ניט גערופן געוואָרן היפּאָקריטן.

מאת. 6:7. „גיט ניט דאָס וואָס איז הייליק צו די הינט, אויך וואַרפט ניט אייערע פּערל פאַר חזירים, וואָרום זיי וועלן עס צעטרעטן אונטער זייערע פיס, און וועלן זיך צוריק אומקערן און דיך צערייסן."

צו דער געבראַכטע יעזוס זאָגונג געפינען זיך ניט קיינע פּאַראַלעלן: ניט אין דער בייבל, ניט אין תלמוד, ניט ביי פילאָן און יאָזעפוס און אויך ניט אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור.

די וויסענשאַפטלעכע פאָרשער פון נייעם טעסטאַמענט האָבן זייער באַזונדערן צוגאַנג פון קאָמענטירונג. די זאָגונגען פון יעזוסן וועלכע זיינען צו זייער סימפּאַטיע און נאָענט צו זייער האַרצן באַשטימען זיי אַ עס איז יעזוסעס גרויסע אָריגינאַליטעט, עס איז יעזוס בייע לערע וועלכע איז גרינדלעך ניי און איז אַנדערש פון די געזעצן פון יודאיזם; אָבער ווען אַ זאָגונג איז

ווייט פון זייער געפעלנקייט און איז צו האַרט, דאַן הייבן זיי אָן זוכן אַ צו־גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור, כדי צו באַווייזן אַז יעזוס איז באַ־ווירקט געוואָרן פון יודאיזם און פון די פרושים. ווען יעזוס זידלט אין צאָרן און רופט מיט האַרטע ווערטער די פרושים, דאַן איז דאָס אַ סימן פון הויכער גייסטרייכקייט, פון זיין ניט קענענדיקן ליידן די צביעות פון די פרושים; ווען יעזוס נוצט דעם זעלבן צוגאַנג צו די ניט־יידן (דזשענטיילס), און גע־ברויכט קעגן זיי באַליידיקטיקע אויסדרוקן, דאַן קומט מען אַרויס מיט דער אנטשולדיקונג אַז יעזוס איז באַווירקט געוואָרן פון די פרושים.

1) די ׳אינטראָדוקציע נאָטיץ׳ צו דעם דריטן פאַרבאַנד פון אַנטע־ניסענע פאָטערס, וועגן טאַרטוליען, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ווען אונדזער האַר (לאָרד) האָט צוריקגעוויזן די פרוי פון כנען (מאַת. 22:15) מיט אַן אָנגעזעגער האַרטקייט, ער האָט אָנגעווענדעט צו איר פּאַלק דעם עפּיטעט הינט, מיט וועלכעס די קינדער פון ישראל האָבן געדיינקט אַז עס איז אַ פרומ־קייט אויף אַזאַ שטייגער צו אויפנעמען זיי. ווען ער האָט באַנומען איר גלויבן, האָט ער עס פאַראורזאַכט צו ווערן רעקאָרדירט פאַר אונדזער לערנונג, ער האָט געטאָן עטוואָס מער: ער האָט פאַרביטן די קללה אויף די כנענים און געוויזן אַז די קירך איז אָנגעוויזן אויף אַלע מענטשן.״

דאָס ווערט געזעדט וועגן דער היידען־פרוי (עס איז וועגן איר גע־בראַכט געוואָרן פריער) וועלכע האָט געבעטן יעזוסן צו היילן איר טאָכטער. ווען יעזוס האָט איר אָפּגעזאָגט איז זי צוגעשטאַנען צו אים, געבוקט זיך צו אים און שטאַרק געבעטן: האָט יעזוס איר געענטפערט, אַז „עס איז ניט אָנגענומען צו נעמען דעם ברויט פון די קינדער און וואַרפן עס פאַר הינט.״ די פרוי האָט אים געענטפערט, „דאָך די הינט עסן די ברעקלעך וואָס פאַלן פון בעל הבית טיש.״ דאַן האָט יעזוס געזאָגט, „אָ, פרוי, גרויס איז דיין גלויבן.״

זוכן די אויטאָרס פון דער אינטראָדוקציע צו פאַרענטפערן יעזוסן. זיי וואַרפן די שולד אויף די יידן זיי זאָגן אַז אין דער יידישער פרומקייט איז געווען אָנגענומען צו רופן די ניט־יידן — הינט. מאַכן זיי יעזוסן פאַר איינעם פון די פרומע יידן וועלכער נוצט דעם זעלבן עפּיטעט.

די פרוי איז דרינגלעך צוגעשטאַנען צו אים, ביז יעזוס האָט נאָכגע־געבן.

די מוטער האַרץ פון דער כנענית האָט געוויטיקט וועגן איר קראַנקער טאָכטער, און זי האָט געזוכט פאַר איר אַ היילונג. זי האָט געהערט אַז ער איז אַ גרויסער היילער איז זי געקומען צו אים. איר גלויבן איז באַשטאַנען נאָר אין דעם אַז ער איז אַ גרויסער היילער, יעזוס האָט אויך אַזוי אָנגענומען, מיט זיינע ווערטער „גרויס איז דיין גלויבן״ האָט ער געמיינט דעם גלויבן אַז ער קען אויסהיילן איר טאָכטער. זאָגן די שרייבער פון דער אינטראָדוקציע,

1) עדיטאָרס רעוו. אַלעקסאַנדער ראָבערט און דזשיימס דאָנאַלדסאָן, טשאַרלס סקריבנער זון, ניו יאָרק, 1926.

אַז יעזוס האָט געביטן זיין מיינונג, איז עס אַ סימן אַז ער האָט געביטן די קללה פון די כנענים. דאָס פאָלק פון צור און צידון איז געווען אַ פריינט צו די קינדער פון ישראל, און ישראל האָט שטענדיק געלעבט פרידלעך מיט די כנענים פון צור און צידון, די יידן אין זייער גאַנצער געשיכטע האָבן ניט געהאַט קיין קללה אויף זיי. אויך דאָן איז ניט געווען קיין קירך, נאָר די סינאַגאָגע און יעזוס זאָגט אין דער זעלבער צייט אַז ער איז געקומען נאָר צו דער הויז פון ישראל.

די אַלע דערהויבער פון יעזוסן, דורך זייער קנאַישקייט דערנידעריקן זיי אים. זיי מאַכן יעזוסן פאַר אַ באַזון לערער וועלכער קען ניט איבערשפּאַנען די מאָראַל פון זיין סביבה. אַ הידענישע פרוי דאַרף אים אַרופפירן אויפן גלייכן וועג, מאַכן יעזוסן צו פאַרשטיין אַז עס איז ניט גוט און ניט שיין צו זיין איבערגעגעבן נאָר צו ישראל, מען דאַרף אין זינען האָבן אַלע פעלקער.

פרומע און ניט־פרומע האָבן ניט גערופן ניט־יידן הינט. און אַזאַ עפּיטעט ווי איך האָב פריער באַמערקט געפינט זיך ניט אין דער יידישער ליטעראַטור. דער עפּיטעט פון ׳הינט׳ באַלאַנגט אויסשליסלעך צו דער לי־טעראַטור פון נייעם טעסטאַמענט.

ג. פרידלענדער ברענגט די פאָלגענדיקע שטעלן פון נייעם טעסטאַמענט וווּ עס ווערט גענוצט דאָס וואָרט ׳הינט.׳

פּאולוס עפּיסטל, פיליפּינער 2:3. „היט זיך פאַר די הינט, די איבל טוער.״ דאָס איז געמיינט די אייגענע קריסטן מעלכע גייען זיך פאַנאַנדער מיט פּאולוס שיטה. גאַלאַט. 15:5. אָבער אויב איר בייסט און שלינגט איינע די אַנדערע״ אויך דאָס איז אַדרעסירט צו דער קריסטלעכער געמיינדע.

דאָס זעלבע וואָרט געזאָגט אין פּעטרוס (די צווייטע גענעראַלע עפּיסטל), וווּ עס ווערט גערעדט פון אייגענע קריסטן וואָס זיינען אַראָפּ פון דרך־הישר, וואָס ווערן באַצייכנט מיטן וואָרט הערעטיקער:

2 פּעטרוס, 12:2. „אָבער די אַזוי ווי נאַטירלעכע ברוטאַלע חיות, זיינען געמאַכט צו ווערן גענומען צו ווערן פאַרניכטעט, זיי ריידן שלעכטס פון די זאַכן וואָס זיי פאַרשטייען ניט.״

״ 14:2. „פאַרשאָלטענע קינדער.״

״ 22:2. „עס איז געשען צו זיי, לויט דעם אמתן משל, דער הונט קערט זיך אום צו זיין מייקאכץ.״

רעוועל. 14:22. „געבענטשט זיינען די וואָס טוען זייער געבאָט . . . (15) ווארום אויסן זיינען הינט״ . . .

דידאכע 5:9. „אָבער זאָל קיינער ניט עסן און טרינקען פון אייערע הייליקע זאַכן (עס מיינט די יוקאַריסט) אַחוץ די יעניקע געטובלטע אין דעם נאָמען פון דעם האַר (לאָרד). ווארום אין באַצוג צו דאָס האָט דער האַר געזאָגט: „גיט ניט דאָס וואָס איז הייליק צו די הינט.״

דאָס וואָרט הינט ווערט דאָ געבראַכט ניט נאָר אויף די ניט־יידן, אויך אויף די יידן, אויף יעדן וואָס איז ניט קיין קריסט.

* ג. פרידלאַנדער ברייגנט פון מאנטפיארע ז. 592 „דאָ זעט אויס איז אַ קליינער צווייפל אַז די הינט און די חזירים זיינען די פּאַסיקע יידישע צו־געמעגישן פאַר די היידנס.״ אויך פרידלענדער ציטירט דר. טשייבע „אין די שפּעטערדיקע צייטן זיינען די ׳דזשענטיילס׳ גערופן געוואָרן הינט, ווי אין נדה 77א, און בבא קמא 49א.

נאָר די תלמודישע ברייגגונג האָט ניט קיין ביבלישן אווטאָריטעט.״

*) ג. פּ. דאַנקט דר. טשייבע פאַר זיין צוגעבן, אַז דער אַלטער טעס־טאַמענט באַנוצט ניט דעם טערמין הינט אַלץ אַ צונעמעניש אויף די היידענס. ג. פּ. באַמערקט אַז ער מאַכט אַ טעות אין דאָס וואָס ער זאָגט אַז דער תלמוד האָט גענוצט די באַליידיקונגען, איז עס ניט קאָרעקט. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך אין נדה 77א, עס איז מעגלעך אָבער דאָרטן איז ניטאָ קיינע שייכות צו אַ טערמין הינט ווי אַ באַליידיקונג. דאָס זעלבע אויך אין בבא קמא איז ניטאָ קיינע אָנווייזונגען אויף ׳הינט׳ גענוצט ווי אַ נאָמען פאַר היידנס.

אויך ג. פרידלאַנדער ציטירט (דייוויד סימטה פון דר. הייסטינגס ווער־טער־בוך פון קרייסט און די גאספּ. ז. 487) אַז „יעזוס האָט גערעדט לויט דעם האַרצלאָזן און דערווידערדיקן אופן פון די רבנים וועלכע האָבן געבראַנד־מאַרקט די ניט־יידן ווי הינט.״ דר. סמיטה גיט אָן די קוואַלן—׳מגילה שמות 10, 6:12. — „אַ הייליקע איינרופונג פון אַ זאַמלונג (קאָנוואָקאַציע) צו אייך, צו אייך, ניט צו די הינט; צו אייך ניט צו די פרעמדע.״ פרידלאַנדער דערקלערט אַז עס איז ניטאָ אַזאַ בוך ווי מגילה שמות.״ רעוו סמיטה ציטירט פון דער צווייטער אָדער דריטער האַנט פון אינפאָרמאַציע. דער נאָמען פון בוך איז מכילתא, וואו די רבנישע ציטירונגען זיינען געפונען געוואָרן. אין דעם צווייטן זאַץ ׳צו אייך און ניט צו פרעמדע׳ — איז דאָס אַ שייכות צו ניט־יידן דזשענטיילס). אין דעם ערשטן זאַץ ׳צו אייך און ניט צו הינט׳ ווערט לחלוטין אַן אַנדער מיינונג דורכגעפירט, עס האָט אַ שייכות צו אַקטואלע הינט אין ווערטערלעכן זינען. רעוו. סמיטה גיט אַן אַנדער אָנווייזונג (פּרקי אליעזער, 29) לויט צונץ — גאָטעס־דינסטלעכע פאַרטראַג, זייט 289. די פריערסטע צייט פון דער קאָמפּאָזיציע איז דער 8־טער יאָרהונדערט פון דער נ.ע. האָבן דאָך ניט יעזוס און ניט מאַתיא געקענט וויסן פון יענעם בוך וואָס וועט געשריבן ווערן מיט אַכט־הונדערט יאָר שפּעטער.

דאָ ווערט געבראַכט אויסצוגן פון דער ביבל איבער יידן און דזשענ־טיילס.

ישעיה 12:42. זאָל זיי טאָן כבוד צו גאָט, און זיין לויב אין די אינדלזען דער־ציילן.

ושימו ליה׳ כבוד, ותהלתו באיים יגידו.

---

*1 ג. פרידלאַנדער די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג, זייט 124. בלאָק פּובלי ק.קא. ניו יאָרק.

*) ג פרידלענדער דר דרשה... בלאק קאמפּ., נויראָק, נ.י.

ישעיה 4:51. אַ תורה וועט אַרויסגיין פון מיר און מיין משפט וועל איך צום ליכט פון די פעלקער אַרויסלאָזן.

כי תורה מאתי תצא, ומשפטי לאור עמים ארגיע.

ישעיה 11:61. אַזוי וועט גאָט לויב, אַנטקעגן פאַר אַלע פעלקער.

כן אדני יה׳ יצמיח צדקה ותהלה, נגד כל הגוים. דער האַר מאַכן שפּראָצן גערעכטיקייט און

ישעיה 25:19. געבענטשט זאָל זיין מיין פאָלק מצרים, און דאָס ווערק פון מיינע הענט, אשור, און מיין אַרבונג ישראל.

ברוך עמי מצרים ומעשי ידי אשור ונחלתי ישראל.

זכריה 22:8. און קומען וועלן פיל אומות און מאַכטיקע פעלקער צו זוכן גאָט פון צבאות אין ירושלים, און צו בעטן פאַר גאָט.

ובאו עמים רבים וגוים עצומים לבקש יה׳ צבאות בירושלים, ולחלות את פני יה׳.

תהלים 28:22. באַקלערן וועלן זיך, און אומקערן צו גאָט אַלע עקן פון דער ערד; און בוקן וועלן זיך פאַר דיר, אַלע משפחות פון די פעלקער.

יזכרו, וישבו אל יה׳ כל אפסי ארץ: וישתחוו לפניך כל משפחות גוים.

תהל. 1:105. גיט אַ דאַנק צו גאָט, רופט זיין נאָמען, לאָזט וויסן צווישן די פעלקער זיינע טואונגען.

הודי ליה׳פ קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו.

תה. 4:108. איך וועל דיך לויבן, גאָט, צווישן די פעלקער, און דיך באַזינגען צווישן די אומות.

אודך בעמים, יה׳, ואזמרך בלאומים.

תהל. 6:67. לויבן וועלן דיך די פעל־קער גאָט, לויבן וועלן דיך אַלע פעלקער.

יודוך עמים אלקים, יודוך עמים כלם.

תהל. 5:67. „זיך פרייען און זינגען וועלן די אומות, ווארום דו משפטסט די פעלקער מיט יושר, און די אומות זיי פירסטו אויף דער ערד, סלה.״

גטין 61. — מפרסין עניי עכו״מ עם עניי ישראל. — מען שפייזט די אָרעמע פון די ניט יידן צוגלייך מיט די אָרעמע פון ישראל.״

דאָ איז געבראַכט געוואָרן אייניקע פסוקים פון די נביאים, תהלים און תלמוד אין שייכות צו ניט יידן. צו באַצייכענען די ניט יידן אַלץ הינט איז נאָר דער וועג פון נייעם טעסטאַמענט. אַנדערע זאָגן אַז עס איז געווען יעזוס אַ נבואה אויף די ניט יידן וואָס זיי וועלן מאַכן פון זיינע לערנונגען. מאַת. 7:7. „בעט, און עס וועט אייך געגעבן ווערן; זוכט און איר

וועט געפינען; קלאַפּט אָן, און עס וועט אויפגעמאַכט ווערן צו אייך".

מת. 8:7. „וואָרום איטלעכער וואָס בעט דערהאַלט; און דער וואָס זוכט געפינט; און צו דעם וואָס קלאַפּט וועט עס געעפנט ווערן."

**די נאָענסטע פּאַראַלעלן זיינען:**

**ישיה 6:55. „זוכט גאָט ווען ער קען געפונען ווערן, רופט אים ווען ער איז נאָענט. — דרשו יה' בהמצאו, קראו בהיותו קרוב."**

**ירמיה 12:29, 13. און איר וועט מיך רופן . . . און איך וועל צוהערן צו אייך, און איר וועט מיך זוכן און געפינען, אַז איר וועט מיך פאָרשן מיט אייער גאַנצן הארצן. (41) און איך וועל זיך לאָזן געפינען פון אייך."**

**תהלים 8:2. „בעט ביי מיר און איך וועל אייך געבן . . . שאל ממני ואתנה."**

**משלי 17:8. „איך האָב ליב מיינע ליבהאָבער, און מיינע זוכער געפינען מיך."**

**דברי הימים א. 9:28. „אַז דו וועסט אים זוכן, וועט ער זיך לאָזן געפינען פון דיר, אָבער אַז דו וועסט אים פאַרלאָזן וועט ער דיך אַוועקוואַרפן אויף אייביק."**

**דברי הימים ב. 2:15. „און אַז איר וועט אים זוכן, וועט ער זיך לאָזן געפינען פון אייך."**

מת. 9:7. „אָבער וואָס פאַר אַ מאַן דאָרט פון אייך, פון וועמען אויב זיין זון בעט ברויט, וועט ער אים געבן אַ שטיין?"

מת. 10:7. „אָדער אויב ער וועט בעטן פיש, וועט ער אים געבן אַ שלאַנג (סערפּענט)?"

מת. 11:7. „אויב איר דאַן זייענדיק שלעכט (איבל) ווייסן ווי צו געבן גוטע מתנות צו אייערע קינדער, וויפיל מער וועט אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל געבן גוטע זאַכן צו זיי וואָס בעט אים."

**פּש. די זעלבע זאָגונגען לויט לוקאַס:**

לוק. 12:11. „אָדער אויב איר וועט בעטן אַן איי, וועט ער אים געבן אַן עקדעש?"

לוק. 13:11. „אויב איר, זייענדיק שלעכט, ווייסן ווי צו געבן גוטע מתנות צו אייערע קינדער: וויפיל מער וועט אייער הימלישער פאָטער געבן דעם הייליקן גייסט צו די וואָס בעטן אים?"

**פּש. לוקאַס זוכט ניט געטריי צו איבערגעבן די זאָגונגען פון יעזוס, ער שרייבט אַזוי ווי ער דיינקט ווי יעזוס האָט געדאַרפט זאָגן, אַזוי פאַרבעסערט ער דעם שרייבן פון מאתיא. אנשטאט 'גוטע זאַכן' אַנדערשט לוקאַס אויף דעם 'הייליקן גייסט'.**

**פּאַראַלעלן צו די זאָגונגען:**

**תהלים 13:103. „ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער, אַזוי דערבאַרעמט זיך גאָט אויף די וואָס פאַרכטן אים. — כרחם אָב על בנים, רחם יה' על־יראיו."**

* פילון, וועגן השגחה, מ. 2, ז. 635. — „גאָט זייענדיק צו דער וועלט וואָס עלטערן צו קינדער"

ברויט און שטיק — געפינט זיך ניט אין דעם תנ"ך.

* ג. פרידלאַנדער — „דער אויסדרוק ברויט און שטיינער האָט געקענט קומען פון סענעקא 'ווי אַ גוטער טאַט פון אַ האַרטן מענטשן געטאָן אין אַ באַליידיקטן אופן איז געגליכן צו אַ לאַבן פון שטיק וואָס אַ הונגעריקער איז געצוונגען צו נעמען, אָבער ער קען עס ניט עסן'. דאָרט קען ניט זיין קיין צווייפל אַז די אויטאָרן פון נייעם טעסטאַמענט האָבן געמאַכט אַ גוטן נוצן ניט נאָר פון די יידישע שריפטן, נאָר אויך פריי געבאָרגט פון דער סטאָישער ליטעראַטור."

מת. 12:7. „דערפאַר אַלע זאַכן וואָס איר וואָלט געוואָלט אַז מענטשן זאָלן טאָן צו אייך, טו דאָס צו זיי: וואָרום דאָס איז די תורה (לאו) און די נביאים."

די זאָגונג איז גענומען געוואָרן פון הלל הזקן.

שבת, וצב. הלל זאָגט: „וואָס איז דערווידער צו דיר, טו ניט דאָס צו דיין מיטמענטשן."

לוקאָס ת:31. „און אַזוי ווי איר וואָלט וועלן אַז מענטשן זאָלן טאָן צו אייך, טוט אויך אַזוי צו זיי."

פש. לק. האָט דאָ ניט מאַתיאָס צוגעבונג, 'דאָס איז די תורה און די נביאים'.

טוביה 15:21. „און וואָס דו אַליין האָסט, טו ניט צו דיין מיטמענטשן."

* ג. פרידלאַנדער ברענגט פון דער ענציקלאָפּעדיע ביבליקא, קאָל. 2,444: אַז די זאָגונג אין מת. 12:7, קען געפונען ווערן אין אַנדערע גלויבנס, נאָר מיט דעם אונטערשייד אַז ווייל אין דער לערנונג פון יעזוס נעמט עס אָן אַ פּאָזיטיווע פאָרמע, און אין די אַנדערע ווייסענדיקע פאַלן ווערט עס אָנגעגעבן אין אַ נעגאַטיוון זינען. די נעגאַטיווע באַגרעניצט אונדז צו דעם פּונקט פון גערעכטיקייט, די פּאָזיטיווע נעמט אונדז צו דעם פּונקט פון איידלמוט (דזשענעראָסיטי): מחמת מיר ווינטשן מער, דען ווי מיר קענען האָבן תביעות, אָדער דען ווי דער דורכשניטלעכער מענטש איז וויליק צו טאָן צו אַנדערע.

יאהאַנעס ווייס גיט צו, אַז יעזוס זאָגונג שטייגט איבער דעם יידישן פּרינציפּ, וועלכע איז נאָר נעגאַטיוו. פרידלאַנדער ברענגט אַנדערע מקורות וואָס עס ווערט געזאָגט ענלעכעס לגבי דעם גאָלדענעם געזעץ.

ויקרא 18:19. „האָב ליב דיין מיט־מענטשן (רע) ווי זיך זעלבסט."

אבות 15:2. „זאָל דער כבוד פון דיין חבר דיר זיין אַזוי ליב ווי דיין אייגענער. — יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך." (דאָס זיינע פּאָזיטיווע פאָרמען).

אבות דרבי נתן, קאַפּ. 15, זייט 60: „פּונקט אַזוי ווי אַ מאַן קוקט אויס

---

* זע ג. פרידלענדער 'יידישע מקורות פון דער דרשה'.

צו זיין אייגענעם כבוד און רעפּוטאַציע, אַזוי זאָל ער זען צו זיין שכנס, און אַקוראַט ווי ער האָט ניט ליב אַז אַ שלעכטע מיינונג זאָל ווערן פאַרשפּרייט לגבי זיין כאַראַקטער, אַזוי ווינטש ניט אַז עס זאָל ווערן פאַרשפּרייט אַ שלעכטע מיינונג אין באַצוג צו זיין שכן." (דאָ איז שוין צוזאַמען אַ פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פאָרמעס).

פרידלאַנדער דערקלערט אַז יודאיזם איז אַ פּשוטע סיסטעמע פון עטיקס, און ניט אַ פאַרפּלאָנטערטער אויסצוג (אינטריקייט קאָמפּענדיאם) פון פילאָסאָפיע אָדער טעאָלאָגיע.

ג. פרידלאַנדער גיט איבער אין וועלכע אומשטענדן הלל האָט עס געזאָגט, לויט שבת 31 א. ווי צו הללן איז געקומען אַ היידן און אים געבעטן ער זאָל אים געבן אַ קורצן סך הכל פון דער יידישער לערנונג, וואָס זאָל אויסשפּרעכן דעם תוכן פון גלויבן — כדי ער זאָל ברייננגען אַהיים די אומוועריקע שטעלונג וואָס ער האָט אָנגענומען. איז וואָס האָט געקענט זיין מער צוגעפּאַסט ווי די נעגאַטיווע פאָרמע פון דעם גאָלדענעם געזעץ: „וואָס איז דערווידער צו דיר צו ליידן פון די הענד פון אַן אַנדרן, טו דאָס ניט צו דיין מיטמענטשן.

* דידאכע 2:1, „אַלע זאַכן וואָס אַמאָל וואָלסטו ניט געוואָלט צו ווערן געטאָן צו דיר זעלבסט, טו דאָס ניט צו אַן אַנדערן". — די קירך־פאָטערס האָבן בעסער אויסגעוויילט די נעגאַטיווע פאָרמע פון גערעכטיקייט, ווי די פּאָזיטיווע פון 'גענעראָסיטי'.

מת. 13:7, „קומט אַריין דורך דער ענגער טיר: וואָרום ברייט איז דער טויער, און גערוים איז דער וועג, וואָס פירט צו פאַרניכטונג, און פיל וועלן זיין די וועלכע גייען דאָרט דורך."

מת. 14:7, „מחמת ענג איז דער טויער, און שמאָל איז דער וועג, וועלכע פירט צום לעבן, און ווייניק וועלן זיין דאָרט וואָס געפינען עס."

ג. פרידלאַנדער קאָמענטירט אַז לויט דעם יידישן באַנעם און דער יידישער ליטעראַטור אַז די דאָקטרינע פון צוויי וועגן נעמט אין זיך אַריין דעם פרייעם ווילן. קריסטלעכער באַנעם אין זייערע שרייבונגען און דאָקטרינע האָט געגעבן פּלאַץ פאַר דער טעאָריע פון דער השגחהישער פאָראויס־באַשטימונג (פּרעדעסטינאַציע). יודאיזם אַליין פון אַלע רעליגיעס קוקט אַרויס צו אַ גלאָררייכער צוקונפט.

* דאָס געבורט פון אַ יידן אָדער ניט יידן פאַרמאָגט ניט קיינע פּריווילעגיעס אָדער רעכט. זיין לעבנס אויפפירונג איז דער איינציקער שטאַנדזייל לויט וועלכן עס ווערט באַשטימט אַז ער זאָל ווערט זיין אָדער ניט ווערט זיין פון דער צוקונפטיקער ברכה. מאַנכע פאַרדינען אייביק לעבן דורך די ווערק פון אַ לעבנס לאַנגיקייט, און אַנדערע דורך דעם זכות פון איין שעה כוונה צו דער עבודה פון גאָט און מענטש. (עבודה זרה 10ב).

* — פרידלענדער איביד.

יודאַיזם לערנט אַז רעכטפאַרטיקייט, הייליקייט און גוטסקייט זיינען די וואָרצלען פון אייביק לעבן, און זיינען אין באַזיץ פון אַלע מענטשן קינ־דער. (ספרי אחרי מות. 13:8).

עס איז ניטאָ קיין פראַגע פון פריווילעגיע אָדער געבורט; ייד אָדער גוי קענען גלייך ירשענען די צוקונפטיקע וועלט (עולם־הבא) אויף די זעלבע קאָנדיציעס. „די חסידים פון אַלע מענטשן וועלן געניסן פון דער ברכה פון דער קומענדיקער וועלט.״ (סנהדרין 105; תוספתא, סנהדרין 2:13).

* די יורשים פון דער מלוכה פון גאָט זיינען די אַלע וואָס ליבן אמת און גוטסקייט. איך רוף הימל און ערד צו זיין עדות, אַ גוי אָדער ייד, אַ מאַן אָדער פרוי און קנעכט, אַז עס איז נאָר אין שייכות מיט די מעשים פון זיינס אָדער אירס לעבן אַז דער רוח הקדש זאָל אויף אים אָדער איר רוען.״ (תנא רבי אליהו ז. 48).

תהלים 20:118. „דאָס איז דער טויער פון גאָט, די גערעכטע זאָלן אַריינ־גיין אין אים. — זה השער ליה׳, צדיקים יבאו בו.״

* דער טויער איז ניט גלייך צו דעם ענגן טויער פון דער עוואַנגעליע, עס איז אומגעהייער ברייט, אַן אַריינגאַנג פאַר אַלע איידעלע נשמות פון דער מענטשהייט.״

מיכה 8:6. „מען האָט דיר אָנגעזאָגט מ ע נ ט ש וואָס איז גוט, און וואָס יאהווע פאַרלאַנגט פון דיר: נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד, און אומגיין שטיל פאַר דיין גאָט.״

דברים 19:30, 20. „און איך מאַך היינט עדות קעגן אייך הימל און ערד: לעבן און טויט האָב איך געלייגט פאַר אייך, אַ ברכה און אַ קללה, דרום זאָלסטו אויסוויילן דאָס לעבן כדי זאָלסט לעבן, דו און דיינע זאָמען; ליב האָבן יאַהווע דיין גאָט צו צוהערן צו זיין קול, און זיך באַהעפטן אן אים, ווארום דאָס איז דיין לעבן און אריכת ימים.״

תהל. 11:16. „ווּעסט מיך מאַכן וויסן דעם וועג פון לעבן: אַ זעטיקייט פון פרייד איז פאַר דיין פנים.״

* די דאָקטרינע פון ׳ווייניק געפינען עס׳ געפינט זיך ניט אין אַלטן טעסטאַמענט. דער מענטש האָט די פרייקייט פון אויסוואַל, אויב אַ מענטש ווילט אויס צו טאָן דעם ווילן פון גאָט זיינען אַלע טויערן ברייט און אָפן, און ווילקאָמען איז זיין אַריינקום.

יחזקאל 21:18, 23. „און דער שלעכטער, אַז ער קערט זיך אָפּ פון אַלע זיינע זינד וואָס ער האָט געטאָן, און ער היט אַלע מיינע געזעצן, און טוט רעכט און גערעכטיקייט, וועט ער געוויס לעבן, און ניט שטאַרבן. אַלע זיינע פאַר־

*) זע די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג זייטן 239־241, ג. פריד־לאַנדער, בלאק קאמ., ניו יאָרק נ. י.

*) באַצייכנט ג. פרידלאנדער, איביד.

ברעכן וואָס ער האָט געטאָן, וועלן אים ניט דערמאָנט ווערן: פאַר זיין גע־רעכטיקייט וואָס ער האָט געטאָן וועט ער לעבן."

לוקאַס גיט איבער די זאָגונג אין דעם פאָלגענדיקן אופן. איינער פון די צוהערער האָט געפרעגט יעזוסן: „זיינען דאָרט ווייניק וואָס וועלן געראַטעוועט ווערן?" — האָט אים יעזוס געענטפערט.

לוק. 24:13. „שטרעבט אַריינצוקומען דורך דער ענגער טויער: ווארום פיל, איך זאָג צו אייך, וועלן זוכן צו אַריינקומען, און וועלן ניט קענען."

לק. 25:13. „און ווען אַמאָל דער בעל־הבית (מאַסטער) איז אויפגע־שטאַנען און האָט פאַרמאַכט די טיר, און דו ביסט געשטאַנען אין דרויסן, און געקלאַפּט אין טיר, זאָגענדיק, האר, האר, עפן אויף צו אונדז; און ער וועט ענטפערן און זאָגן צו אייך, איך ווייס אייך ניט פון וואַנען איר זייט."

די יידישע אָנגענומענע דאָקטרינע איז, אַז גאָט פאַרמאַכט ניט די טויערן: ער שפּרייט אויס זיין חסד אויף אַלע וואָס קערן זיך צו אים, וואָס זוכן אים.

מלאכי 7:3. „קערט אייך צו מיר און איך וועל זיך אומקערן צו אייך, זאָגט גאָט פון צבאות."

ג. פרידלענדער ציטירט מאנטיפיארע, סינאָפּטישע גאָספּעלס, ז. 550.

„די גרויליקע דאָקטרינע אַז פיל גייען צו פאַרניכטונג און ווייניק צו אייביק לעבן איז ניט אויסגעפונען געוואָרן ביי יעזוס, נאָר עס איז געוואָרן אויפגענומען דורך אים (עקסעפּטעט), נאָר דער מענטשלעכער שכל איז פעיִק אויף די משונהדיקסטע אומאויסגעהאַלטענקייטן."

צו קריגן די פולע פאַרשטענדיקונג פון דאָס אויבן געזאָגטע געפין איך פאַר נויטיק צו ברייגען די פולע קאָמענטאַציע פון ג. פרידלאַנדער.

* „ווארום גיט ער (מאנטיפיארע) ניט דעם אריגינאַלן מקור ווו יעזוס האָט גענומען זיין פייניקע דאָקטרינע? עס איז נאָר דער נייער טעסטאַמענט ווו עס איז אָנגענומען געוואָרן אָן פּראָטעסט. צו פאַרטיידיקן יעזוסן איז ניט יושרדיק צו באַלעסטיקן מיט דער גרוילעכער דאָקטרינע דעם אוטאָר פון דער אַפּאָקאַליפּסיע (דער 4־טער בוך פון עזדרא).

מאנטיפארע אין 'די סינאָפּ. גאָספּ.' זייט 551 — זאָגט, אַז איבערדענ־קענדיק, (דער אויסצוג פון דער דרשה) אַז דער שמאָלער וועג וואָס ווייניקע קענען עס געפינען, מחמת פיל זיינען פארויס באַשטימט צו אייביקן טויט, און נאָר ווייניקע צו אייביק לעבן. די שפּעטערדיקע באטריבטע, פעסימיסטישע אומרעליגיעזע אויסזיכט איז פראמינענט אין דעם בוך פון עזרא".

* עס איז אַן עקסטרים און אומיושרדיקער וועג פון רעפּרעזענטירן דעם אוטאר פון עזרא. דער אוטאָר קלאָגט אויף דעם אומגליק אין גלייכונג צו איוב, ער פרעגט פון די וועגן פון גאָט מיט מענטשן. ער פרעגט ווארום: 'פיל זיינען באַשאַפן געוואָרן, אָבער ווייניקע וועלן ווערן געראַטעוועט'? (3:8) ער אנט־

*) זע ל. פרידלאַנדער, די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג, ז. 247. בלאָק קאָ. ניו יאָרק.

זאגט זיך צו צושטימען צו דער גערעכטיקייט פון דם אויסזיכט. ווי אַן אמתער זון פון אברהם טענהט ער מיט גאָט פאַר די פאַראורטיילטע און פאַר־לאָרענע. ניט ערגעץ אין דער עוואַנגעליע געפינען מיר דעם גלענצענדיקן רעליגיעזן און מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. האָט יעזוסן געקימערט דער פאַקט וואָס צו אַ סך וואָלט געווען אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש פון צו אַריינקומען אין צוקונפטיקן לעבן? מאַנטיפּיארען האָט געפעלט די אָפּשאַצונג פון דער גרויסער סימפּאַטיע צו זינדער וועלכע דער אויטאָר פון עזרא באַווייזט.

אַזוי פאָלגט פרידלאַנדער מיט זיין דערקלערונג. ׳איך גיב צו אַז מאת. 14:22, ׳וואָרום פיל זיינען גערופן, אָבער ווייניק זיינען אויגעוויילט׳ געפינט אַ גוטן פּאַראַלעל אין עזדראס ׳פיל זיינען באַשאַפן געוואָרן, אָבער ווייניק וועלן ווערן גערעטעט.׳ דאָרט איז אַ זייער וויכטיקער אונטערשייד. מאת. און לוק. נעמען אָן די דאָקטרינע „א הייליקן דעקרעט.״ ווייל עזרא באַקעמפט די דאָקטרינע, ער אַפּעלירט צו דער הייליקער ליבע און גע־רעכטיקייט. אויב עזרא האָט רחמנות אויף די פאַראורטיילטע, ווי פיל מער זאָל גאָט האָבן רחמנות. גאָטס ענטפער איז געווען צו זיין נאָבעלער טענה, „דו קומסט ווייט קורץ אז דו זאָלסט זיין בכוח צו ליבן מיינע באַשאַפענדיקע מערער פון מיר.״ (עזדרא 7:8).

ווו איז אַזאַ גלייכונג צו געפינען אין דער עוואַנגעליע? זאָל מאַנטי־פּיארע זיין קנאיש צו יעזוס, אבער צום ווייניקסטנס זיין גערעכט צו עזרא.״

* געגומען פון ג. פרידלאַנדער, די דרשה...

מאת. 15:7. „היט זיך פון פאַלשע נביאים, וועלכע קומען צו אייך אין שעפּסענער קליידונג, אָבער אינערלעך זיינען זיי פאַרצוקענדיקע וועלף.״

פש. די ערשטע וואָרנונג פאַר פאַלשע נביאים געפינען מיר אין חומש.

דברים 3:13, 4. „און דער צייכן און דאס וווּנדער וואָס ער האָט דיר פאַרויסגעזאָגט, וועט אָנקומען — אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין נאָך פרעמדע געטער — וואָס דו קענסט ניט — און לאָמיר זיי דינען; (4) זאָלסטו ניט צוהערן צו די רייד פון יענעם נביא, אָדער יענעם חלומער פון חלומות, וואָרעם דאס פּרוּווט אייך יאהווע אייער גאָט, כדי צו וויסן אויב איר האָט ליב יאהווע אייער גאָט מיט אייער גאַנצן האַרצן און מיט אייער גאַנצער זעל.״ אויך אַזאַ וואָרנונג האָט ירמיה:

ירמה 16:13: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:

„איר זאָלט ניט הערן צו די ווערטער פון די נביאים וואָס זאָגן אייך נביאות; זיי פאַרנאַרעשן אייך; די זעונג פון זייער האַרצן רעדן זיי, ניט אויסן מויל פון גאָט.״

מיכה 5:3: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף די נביאים וואָס פאַרפירן מיין פאָלק.״

זכריה, 4:13. „און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועלן זיך די נביאים שעמען איטלעכער מיט זיין זעאונג, ווען ער וועט נביאות זאָגן; און זיי וועלן ניט אנטאָן קיין האריק מאַנטל כדי צו נאַרן.״

ג. פרידלענדער ברייננגט די מיינונג פון די וואָס זאָגן אַז יעזוס האָט געמיינט די פּרושים.

* „דר. פּלוממער (Plummer) זאָגט אַז דאָס קען קוים האָבן אַ שייכות צו אימעצן, נאָר צו די סופרים און פרושים; נאָר די זאָגונג איז פון אַ ווייט ברייטער שייכותדיקייט. דיען סאַוואַדזש (Dean Savage) זאָגט — פאַלשע נביאים נאַטירלעך געהערט ניט צו די פרושים אַליין, נאָר צום גאַנצן קלאַס פון זעלבסט באַשטעלטע רעליגיעזע דיקטאַטאָרן. (אָפּ. סיט. ז. 237).

* „דאָס געזאָגטע האָט ניט קיין ווערט: עס ווערט גערעדט אין דער דרשה פון פאַלשע נביאים וועלכע זאָגן נביאות אין נאָמען פון יעזוס, די פאַלשע נביאים זיינען קריסטן די טוער פון געזעצלאָזיקייט."

מאת. 5:24 „וואָרום פיל וועלן קומען אין מיין נאָמען, זאָגענדיק, איך בין קריסטוס; און זאָלן אָפּנאַרן פיל."

מאת. 24:24 „וואָרום דאָרט וועלן אויפשטיין פאַלשע משיחים, און פאַלשע נביאים, און וועלן ווייזן גרויסע צייכנס און וואונדערס; אין אַזוי פיל אַז אויב עס וואָלט געווען מעגלעך, וואָלטן זיי אָפּגענאַרט דעם סאַמע אויסגעוויילטן."

מאת. 22:7 „פיל וועלן זאָגן צו מיר אין יענעם טאָג האר, האר, האָבן מיר דען ניט פּראָפּעצירט אין דיין נאָמען? און אין דיין נאָמען האָבן מיר אַרויסגעטריבן טייוואָלים? און אין דיין נאָמען געטאָן פיל וואונדערלעכע אַרבעט?"

פּש. ווי איז מעגלעך אַז פאַריסייער, סופרים, און זעלבסט באַשטימטע דיקטאַטאָרן וועלן זאָגן נביאות אין יעזוס נאָמען. דאָס האָט יעזוס גערעדט צו זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, און געוואָרנט פון די פאַלשע נביאים וואָס באַלאַנגען צו זיין קרייז.

די פרייע זאָגונגען און באַשולדיקונגען קומען פון ניט וועלן פאַרשטיין די היסטאָרישע געשעענישן פון יענער צייט. יעזוס האָט גערעדט ווידער און ווידער פון דער אָנקומענדיקער מלוכה, און דער אָנקומען וועט זיין באַלד, זיכער אין דעם זעלבן דור. ער איז דער משיח און ער וועט גרינדן די קי־ניגרייך, ער האָט שוין באַשטימט אַז די צוועלף תלמידים וועלן זיצן אין דער נייער מלוכה אויף צוועלף טראָנען און משפּטן, עס מיינט רעגירן אויף דעם פאָלק ישראל, א. אז. וו. מלוכה און אָנפירן מיט דער מלוכה איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי פּאָליטישע טעטיקייט. עס לאָזט זיך דעבאַטירן די גאַנצע פאָרמע און אינהאַלט פון דער קיניגרייך, און די צייט. אויב עס קומט גלייך די פולשטענדיקע הימלישע מלוכה, און די אויפשטייאונג פון די טויטע, אָדער פריער קומט די מלוכה און תחיית המתים וועט אָנקומען שפּעטער.

---

*) פרידלענדער אפּ. סיט. ז. 251.

אָבער עס איז זיכער פון אָנקומען פון דער מלוכה, געבראַכט און גע־פירט פון בן־אדם.

די יידישע מלוכה אין צייט איז געווען באַהערשט פון די רוימער, עס איז געווען אַ פּראָווינץ פון רוים. יעזוס וואָלט דאָך אַפילו די פּריידיקונג פון זיין עטישער פּראָגראַם ניט געקענט אויספירן ווען עס וואָלט געבליבן אונטער דער הערשענדיקער מאַכט. די רוימער האָבן דאָך געמוזט ווערן מאַכטלאָז. אייניקע זיינען מיט דער מיינונג אַז יעזוס האָט געוואָלט אַראָפּ־ברענגען די מלוכה אויסשליסלעך מיט גאָטס הילף. מלאכים וואָלטן געהאָלפן אויפשטעלן די מלוכה, און קעגן מלאכים וואָלט ניט געקענט ביישטיין די מאַכט פון רוים. אַנדערע קענען האָבן די מיינונג אַז יעזוס און זיינע תלמידים האָבן געגלויבט אַז זיי וועלן אַליין נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער איבער־קערעניש געפירט און באַשיצט פון הימל.

אויך ווי די עוואַנגעליעס אַליין ווייזן אַן אין פיל פלעצער, האָט זיך יעזוס ניט נאָר פאַרנומען מיט פּריידיקן און היילן קראַנקע. יעזוס באַוועגונג איז געווען אָרגאַניזירט אין אַן ענגער קערפּערשאַפט. עס איז געווען אַ קאָמונאַלע געמיינדע, אין וועלכער די פרויען פלעגן צוגרייטן דאָס עסן און די באַלעבאַטישקייט. נאָך לוקאַס האָבן זיי געקענט אַפילו אַרויסשיקן 70 תלמידים, עס מיינט זיבעציק באַגלויבטע מענטשן, מיט אַ געוויסער מיסיע איבערן לאַנד. די צאָל ווייזט אַז עס איז געווען אַ צאָליקע אָרגאַניזאַציע. יעזוס פלעגט געבן פיל פאַראָרדנונגען צו די מיטגלידער פון דער באַוועגונג. ער האָט געגעבן דירעקציעס פאַר די נויטווענדיקייטן פון דער געגענוואַר־טיקער צייט, און געגעבן פּלענער פאַר דער צוקונפטיקער מלוכה. ער האָט זיי געלערנט די מאָראַלישע אויפפירונג פון דער קומענדיקער קיניגרייך.

זעלבסט פאַרשטענדלעך זיי זיינען געקומען אין רייבונגען און קאָנ־פליקטן מיט די הערשענדיקע אויטאָריטעטן און אויך מיט ניט איינשטימיקע פאָלקס מאַסן. אָבער די געזעצלעכע אויטאָריטעט, אויסער דער רוימישער, זיינען געווען די צדוקים. דער כהן גדול און די „הויפּט כהנים" פון די עוואַנגעליע זיינען געווען צדוקים; ווארום איז דער גאַנצער צאָרן אויף די פּרושים? דער תירוץ איז מיט די צדוקים און די רוימער זיינען זיי געווען זיכער אַז די מאַכט פון הימל וועט זיי פאַרניכטן אין דער אָנקומענדיקער צייט. אָבער אויב דאָס פאָלק וועט ניט גלויבן אין דער מלוכה פון גאָט זיינען זיי דאָך ניט ווערט די מלוכה זאָל קומען. דאָס איז געווען די הויפּט אויפגאַבע פון דער משיח באַוועגונג צו באַקענען דעם גאַנצן פאָלק צו אָננעמען, און זיין גרייט פאַר דעם אויפקום פון דער קיניגרייך פון הימל. די פאַריסייער און די אויטאָריטעטן פון די פאַריסייער האָבן געהאַט גרויס איינפלוס אויף די פאָלקס מאַסן, צו זיי האָט זיך יעזוס געווענדעט מיט זיין פּריידיקן. זיי האָבן יעזוס ריכטונג און דאָקטרינע ניט אָנגענומען. אַזוי איז פאַרשאַרפט געוואָרן דער קאָנפליקט.

אָבער יעזוס האָט אויך געהאַט גענוג ווידערשפּעניקער אין זיין איי־

גענעם לאַגער, עס זיינען געווען אַ טייל וואָס זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט אים, אויך אַזעלכע וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין דער פירערשאַפט. קעגן די פאַלשע פירער און פראָפעטן פון זיין באַוועגונג איז יעזוס אָפט אַרויסגעטראָטן.

דאָס קריסטלעך גלויבן וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך יעזוס טויט, וואָס זייער הויפט גלויבן איז געוואָרן די פּאַרוסיע 1) אַז יעזוס דאַרף ערשט איצט קומען און גרינדן די מלוכה פון הימל, אַזאַ זאַך פון ניט היינט און ניט פון געגענוואַרט, נאָר אַ זאַך פון דער צוקונפט. און דאָס גלויבן זעלבסט דריקט זיך אויס נאָר אין גלויבן אין יעזוס, און ער איז דער סיקוויאַר פון זינד.

די עוואַנגעליעס זיינען געשריבן געוואָרן אין גייסט פון נייעם גלויבן, אָבער עס זיינען אַריינגעפאַלן פיל איבערגעבונגען פון דער היסטאָרישער צייט פון יעזוס. אפילו דורכגייענדיק די לייטערונגען פון די אויטאָריטעטן פון די קריסטלעכע קירכעס, דאָך קערענדלעך פון דער היסטאָרישקייט זיינען פאַרבליבן: דאָס שאַפט די קאָנפוזיע אין די מוחות פון פילע קאָמענטאַטאָרן פון נייעם טעסטאַמענט.

מת. 16:7. „איר זאָלט זיי וויסן דורך זייער פרוכט, טוען דען מענטשן קריגן וויינטרויבן פון דערנער, אָדער פייגן פון שטעכעלקעס?"

אַ פּאַראַלעל פון פילון 6, מ. ז. 433 — גאָט ריכטעט דורך די פרוכט פון בוים, און ניט ביי דעם וואָרצל."

מאַת. 17:7. „אַזוי איטליכע גוטע בוים ברייננגט אַרויס גוטע פרוכט; און אַ פוילער בוים ברייננגט אַרויס שלעכטע פרוכט."

מאַת. 18:7. „אַ גוטער בוים קען ניט אַרויסברייננגען שלעכטע פרוכט, אויך קען ניט אַ צעפוילטע בוים אַרויסברייננגען גוטע פרוכט."

מאַת. 19:7. „יעדע בוים וואָס ברייננגט ניט אַרויס גוטע פרוכט ווערט אונטערגעהאַקט, און אַריינגעוואָרפן אין פייער."

מאַת. 20:7. „דערפאַר דורך זייערע פרוכט זאָלט איר זיי וויסן."

מאַת. 21:7. „ניט אַלע וואָס זאָגן צו מיר, האַר, האַר, וועלן אַריינקומען אין דער מלוכה פון הימל; נאָר דער וואָס טוט דאָס ווילן פון מיין פאָטער, וועלכער איז אין הימל."

מאַת. 22:7. „געבראַכט אויבן.

מאַת. 23:7. „און דאַן וועל איך דערקלערן צו זיי, איך האָב אייך קיין מאָל געקענט, גייט אַוועק פון מיר, איר וואָס טוט אומרעכט."

מען קען רעזומירן יעזוס רייד אַז דערהויבט ווערט געלייגט די געוויכט אויף מעשים. „ניט אַלע וואָס זאָגן, האַר, האַר, וועלן אַריינקומען אין דער מלוכה פון הימל." אַז גלויבן אַליין איז ווייניק, מען דאַרף אַרויסגעבן פרוכט. און דער מענטש אַליין דאַרף זיין בעסער. אַ פאַרדאַרבענע בוים קען ניט געבן גוטע פרוכט. עס מיינט אַ פאַרדאַרבענער מענטש קען ניט טאָן

1) דאָס צווייטע קומען פון יעזוס.

גוטע מעשים, קען ניט טאָן דעם ווילן פון גאָט. עס איז דאָס זעלבע וואָס הלל האָט געזאָגט אַז אַ שלעכטער מענטש האָט ניט מורא צו טאָן זינד. איר וואָס טוט אומרעכט.

מאת. 24:7. „דערפאַר דער יעניקער וואָס הערט מיינע זאָגונגען, און טוט זיי, וועל איך צוגלייכן צו אַ קלוגן מענטשן, וועלכער בויט זיין הויז אויף אַ פעלז."

מאת. 25:7. „און דער רעגן איז אַרונטערגעקומען, און די פאַרפלייצונגען זיינען געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און געשלאָגן איבער דער הויז; און עס איז ניט געפאַלן: וואָרום עס איז געגרונדפעסטיקט געוואָרן אויף אַ פעלז."

מאת. 26:7. „און איטלעכער וואָס הערט די דאָזיקע מיינע זאָגונגען, און טוט זיי ניט, וועט געגליכן ווערן צו אַ נאַרישן מענטשן, וועלכער האָט געבויט זיין הויז אויף זאַמד."

מאת. 27:7. „און דער רעגן איז אַרונטערגעקומען, און די פאַרפלייצונגען זיינען געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און געשלאָגן איבער דער הויז; און עס איז איינגעפאַלן: און גרויס איז געווען דער פאַל פון דערויף."

פש. עס איז זייער ענלעך צו די פסוקים פון יחקאל.

יחזקאל 10:13. „ווייל און באַווייל זיי האָבן פאַרפירט מיין פאָלק, אַזוי צו זאָגן:

שלום! ווען קיין שלום איז ניטאָ;
און ער בויט אַ ווענטל; און זיי, אָ, באַשמירן עס מיט טינק.
יחזקאל 11:13, זאָג צו די טינק־שמירער אַז עס וועט איינפאַלן;
עס וועט אַ רעגן אַ פלייציקער און איר, האָגל־שטיינער, וועט פאַלן,
און אַ שטורם־ווינט וועט אויסברעכן.
יחזקאל 13:13. — דרום האָט גאָט דער האר אַזוי געזאָגט:
יאָ, איך וועל מאַכן אויסברעכן אַ שטורם ווינט אין מיין גרימצאָרן,
און אַ פלייציקער רעגן וועט זיין אין מיין כעס,
און האָגל שטיינער און גרימצאָרן, צו פאַרלענדן.
יחזקאל 14:13. — און איך וועל צעשטערן דעם מויער וואָס איר האָט באַשמירט מיט טינק,
און וועל זיי ברייגגען צו דער ערד,
און איר גרונט פעסט וועט אַנטפלעקט ווערן; און זי וועט איינפאַלן.

שמות 19: „האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק אין איינעם און געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טאָן."

דיזע לערנונג איז געווען פון יודאיזם דורך אַלע צייטן.

די יידן אין אַלע דורות האָבן אָנגענומען דעם אָנזאָגן פון נביא ישעיה, און וויזן צוריק יעדע לערנונג פון גלויבן וואָס רעדט ניט אין נאָמען פון גאָט, נאָר אין זיין אייגענעם נאָמען.

ישעיה 21:59. „און איך — דאָס איז מיין בונד מיט זיי, זאָגט גאָט: מיין גייסט וואָס איז אויף דיר, און מיינע ווערטער וואָס איך האָב אַריינ־געטאָן אין דיין מויל, וועלן זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל, און פון דעם מויל פון דיינע קינדער, און פון דעם מויל פון דיינע קינדס קינדער, זאָגט גאָט, פון אַצונד און ביז אייביק.

אַזוי אויך זאָגט שמעון דער זון פון גמליאל: ניט לערנען איז דער עיקר נאָר טאָן.

לוקאָס ווערזיע פאָלגט אַזוי (41:6) „דער יעניקער וואָס קומט צו מיר, און הערט מיינע זאָגונגען, און טוט זיי, וועל איך ווייזן צו וועמען ער איז גליך:"

* אַ נאָענטער פּאַראַלעל איז דער משל פון אבות דרבי נתן. אלישע בן אביה האָט געזאָגט: אַ מענטש וואָס טוט גוטע טאַטן און מיט חשק לערנט ער די תורה (לאו) צו וועמען איז ער געגליכן? ער איז גליך צו אַ מאַן וואָס בויט אַ הויז מיט אַ שטיינענעם פונדאַמענט און באַדעקט מיט דאַך־ציגל. און ווען אַ פּאַרפלייצונג שטייגט אַן און ברעכט קעגן די ווענט, יענע הויז קען ניט ווערן גערירט פון פלאַץ. אָבער דער מענטש וואָס לעבט אַ לעבן פון איבל, טראָץ דעם וואָס ער האָט טיף געלערנט די תורה, צו וועמען איז ער געגליכן? ער איז גליך צו אַ מאַן וואָס בויט זיין הויז מיט דאַך ציגל פאַר דעם פונדאַמענט און מיט שווערע שטיינער פאַרן דאַך, און ווען אַ קליינער רעגן, תיכף פאַלט די הויז איין. (עד. שעכטער קאַפּ. 24, ז. 77).

עס פאָלגט אַן אַנדער משל.

* אַ מאַן וועלכער לעבט גערעכטיקט און לערנט תורה איז געגליכן צו צעמענט צעשפּרייט איבער שטיינער, אַזוי ווען אַ פּאַרפלייצונג קומט די צעמענט וועט אַלץ פאַרבלייבן. אָבער אַ מאַן וועלכער לעבט אַ לעבן פון איבל, טראָץ דעם וואָס ער האָט געלערנט די תורה, איז געגליכן צו צעמענט פאַרשפּרייט אויף דעק־ציגל (טייל), אַזוי אויב אַ אַפילו אַ קליין רעגן זאָל אַרויפפאַלן די צעמענט וואָלט גלייך צעגאַנגען."

דזשוליכער (Julicher) דיינקט אַז עס האָט געקענט זיין אַ משל פאַרשפּרייט צווישן די יידן אין דעם ערשטן יאָר הונדערט נ. ע, וועלכער איז גענוצט געוואָרן ביי אלישע אין יעזוס יעדער אין זיין וועג.

מת. 26:7. „און עס איז געקומען צו פּאַסירן, ווען יעזוס האָט געענדיקט די זאָגונגען, דאָס פאָלק (די מענטשן) זיינען געווען דערשטוינט פון זיין דאָקטרינע."

מת. 29:7. „ווארום ער האָט זיי געלערנט אַלץ איינער האָבענדיק אויטאָריטעט, און ניט ווי די סופרים."

מאתיא האָט אין זיין ענדיקן די דרשה פאַרגעסן ווי ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט אָנגעהויבן אַז יעזוס האָט פאַרלאָזן דעם עולם, אַרויף אויף אַ באַרג און האָט זיך אַוועקגעזעצט. זיינע תלמידים זיינען געקומען צו אים.

דאָן האָט יעזוס געעפנט זיין מויל און אָנגעהויבן ריידן. און האָט פאַר די תלמידים איבערגעגעבן אַלץ אין דער דרשה. אַזוי ווען יעזוס האָט געענדיקט די דרשה זיינען דאָך געווען נאָר די תלמידים. האָבן דאָך די תלמידים גע־קענט זיין דערשטוינט פון זיין רעדן, און ניט קיין פאָלק. (People) קיין אַנדערע מענטשן זיינען דאָך דאָרטן ניט געווען צו באַוואונדערן יעזוס אויטאָ־ריטעט.

אין דער דרשה דערמאָנט ניט יעזוס, איר זאָלט ניט זאָגן קיין ליגן, יעזוס שווייגט איבער ליגן זאָגן. דאָס וואָס ער זאָגט „דיין יע זאָל זיין אַ יע, און דיין ניין זאָל זיין אַ ניין" — איז דאָס געווענדעט נאָר צום ענין פון אַ שבועה, דעריבער, לויט די אָנגענומענע כללים פון העכערן ביבל קריטיציזם, איז דאָס פאַרשוויגן וועגן ליגן זאָגן אַ באַווייז אַז יעזוס האָט ניט געהאַלטן אַז זאָגן ליגן איז אַ זינד.

איך שרייב דעם אַבסורד, נאָר צו באַווייזן צו וואָס פאַר אַ שלוסן קומען ביבל־קאָמענטאַטאָרן דורך די מעטאָדן פון העכערן קריטיציזם.

1) טש. א. בריגגס אין זיין ׳גענעראַלע אינטראָדוקציע צו דער שטו־דירונג פון די הייליקע שריפטן׳, זייטן 308, 309, שרייבט דאָס פאָלגענדיקע:

„ווו אַ זאַך איז אַפּוועזענדיק אין אַ גאַנצן סדר פון ליטעראַטור איידער אַ געוויסן פעריאָד, איז עס אַ באַווייז אַז די זאַך האָט ניט קאָנסטיטואירט אַלץ אַ טייל פון געזעלשאַפטלעכן וויסן, און אויב אַפילו באַוווסט, איז עס געווען נאָר באַוווסט צו ווייניקע. אַ פאַרזיכטיקע שטודירונג פון אַלע פסוקים פון פון אַלטן טעסטאַמענט איבערצייגט מיך אַז דאָרט איז אַ פולשטענדיקע אַפּוועזנדיקייט פון טאַדלונג פאַר די זינד פון פאַלשקייט ביז נאָך דעם גירוש־בבל. די זינד פון פאַלש עדותן איז פאַרדאַמט אין די לוחות; אויך די זינד פון פאַלשקייט, אַזוי ווייט ווי עס איז שייכותדיק צו רויבעריי און מאָרד, איז אָפט און שווער געשטראָפט אין די נביאים. אָבער ווי עס זעט אויס האָבן זיי גאָר ניט געוווסט פון דער זינד פון זאָגן ליגן אַלץ אַזעלכעס. וואָס איז דער באַווייז פון זייער שווייגן? — זיי זיינען געווען לחלוטין אומ־באַוווסטזיניק פון איר זינדיקייט. דער הייליקסטער מאַן האָט ניט גע־צווייפלט צו זאָגן ליגן ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ גוטן אָביעקט (צוועק) אין זינען, און זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין געוויסנהאַפטיקייט פון זינד אין דערויף. און די שרייבער וועלכע דערציילן פון זייערע ליגנס זיינען אַזוי אומשולדיק ווי זיי. דער באַווייז פון דעם שווייגן איז אַז העברעער (יידן) האָבן ניט, אין זייער עטישער אַנטוויקלונג, דערגרייכט די פאַרשטענדיקייט פון דער זינד פון ליגן זאָגן ביז דער אומקערונג פון גלות בבל, און דאָן צום מערסטן אונטער דעם איינפלוס פון דער פערסישער עטיק, וועלכע פון דער פריערדיקסטער צייט האָט געמאַכט אמת זאָגונג נויטיק צו גוט מאָראַל."

פראָפעסאָר בריגגס קומט צו די אַלע מסקנות נאָר דורך דער איינציקער

---

1) טשאַרלס סקריבנערס זין, 1899.

אורזאַך פון שווייגן, קיינע אַנדערע קוואַלן באַזיצט ער ניט, ניט אינוועניקסטע און ניט אויסוועניקסטע, צו באַשטעטיקן זיין אויספיר. דער אמת איז אַז די העברעיִשע ליטעראַטור ביז דער פאַרטרייבונג האָט שוין גאָר ניט געשוויגן וועגן ליגן זאָגן, און געשריבן פיל פון דער זינד פון ליגן זאָגן און פאַלשקייט. נאָר מיר וועלן זיך אָנשטריינגען אָן אָננעמען בריגגס דערקלערונג אַז די ליטעראַטור האָט געשוויגן. איז ווי ווייט קען גיין פּשוטע קריטיק און ניט שוין העכערע? קען מען פיליכט אָננעמען אַז זאָגן ליגן איז ניט אַזוי וויכטיק אַז מען זאָל פון דערויף שרייבן. אָבער דרינגען מיט אַזאַ זיכערקייט: „אַז דער הייליקסטער מאַן האָט ניט געצווייפלט צו זאָגן ליגן״; האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין געוויסן האַפטיקייט אין דערויף״. אויב די ליטעראַטור האָט געשוויגן וועגן ליגן זאָגן, דאַן וועלכע שרייבער האָבן דערציילט פון זייערע ליגנס, און ווו האָבן זיי דאָס געשריבן? אויך וועגן דעם שווייגן פון ליגן זאָגן קען מען קומען צו אַ פאַרקערטער מסקנא. זאָגן ליגן איז פאַלשקייט, און איבער פאַלשקייט רעדט די ליטעראַטור זייער פיל. ווידער קען מען דורך דער זעלבער וויסנשאַפטלעכער קריטיק קומען צום באַשלוס, אַז ליגן זאָגן איז געווען אָנגענומען אין זייער עטישן ליבן פאַר אַ זינד און פאַר אַ ניט אַנשטענדיקייט אַז עס האָבן זיך ניט געפאָדערט קיינע ספּעציעלע געזעצן. אומווילִיק הייבט בריגגס אויף די העברעער צו אַ זייער הויכער מדרגה פון מאָראַלישקייט. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוווּסט פון די פּערסיער אַז זאָגן ליגן איז קעגן געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, אַזוי האָבן זיי עס גלייך אָנגענומען. אָבער פון אַ קריטיקער פאָדערט זיך אַחוץ פון צו אָננעמען געוויסע מעטאָדן פאַר קריטיק אויך נוצן היסטאָרישן וויסן, און פאַרשטיין די פּשוטע זאַך פון היסטאָרישער פּסיכאָלאָגיע. אַ פאָלק וואָס האָט אין משך פון דורות, טויזנט יאָר, אויסגעלעבט זיך אין איר אייגענער מאָראַל אַז זאָגן ליגן איז אַן אָנגענומענע זאַך, כמעט אַ טוגענט, און אין אַן אומגעפער ניט לאַנגער צייט האָבן די העברעער פאַרגעסן זייער טויזנט יאָריקע טראַדיציע פון עטיק, און האָבן זיך גלייך געענדערט צו גוטן.

נאָך די אַלע 'געוויסנהאַפטיקע' אויספירונגען פון בריגגס, איז דער ענין פון שווייגן אין באַצוג צו ליגן זאָגן אין גאַנצן זיין אייגענע דערפינדונג. ווען מיר וועלן פאַרוואַרפן די מעטאָדע פון העכערן קריטיציזם און זיך אומקערן צום פּשוטן אמת: האָט די ליטעראַטור ניט געשוויגן וועגן ליגן זאָגן, און די נביאים פון פאַר דעם אומקער פון גלות בבל געוואָרנט, געטאַדלט און געשטראָפט פאַר דעם חטא פון זאָגן ליגן.

פּראָפעסאָר בריגגס דערציילט פון דעם וויסנשאַפטלעכן מיטל פון זיין מעטאָדע.

„דאָס זיינען ביישפּילן פון דער מעטאָדע דורך וועלכע די באַווייזן פון דעם העכערן קריטיציזם קען ווערן אָנגעווענדעט צו די הייליקע שריפטן. זיי זיינען שטענדיק גענוצט ביי געלערנטע (סקאַלערס) איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַלע קאַטעגאָריעס פון דער ביבלישער ליטעראַטור, אויב פאָרזיכטיק גענוצט, פּרובירט, און באַשטעטיקט, פירן זיי צו זיכערע רעזולטאַטן.״

פראָפעסאָר בריגגס זאָגט אַליין ׳איבּ פּאַרזיכטיק געוועגדעט׳. וואָרום לעבט ער זיך ניט אויס אין זיינע מעטאָדן? ער האָט פּאַרזעגן וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער ליטעראַטור פון דער ביבל.

דאָ ווערן געגעבן אויסצוגן פון דער ביבל איבער ליגן זאָגן.

עמוס 4:2. „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַר דריי פאַרברעכן פון יהודה, יאָ, פאַר פיר, וועל איך עס ניט אָפּהאַלטן: פאַרוואָס זיי האָבן פאַראַכט די תורה פון גאָט, און זיינע געזעצן ניט געהיט; און זייערע ליגנס האָבן זיי פאַרפירט.״

עמוס 4:2. „כי אמר יה׳: על־שלשה פשעי יהודה, ועל ארבעה לא אשיבנו: על מאסם את תורת יה׳, וחקיו לא שמרו, ויתעום כזביהם.״

מיכה 12:6. „וואָרום אירע לייט זיינען פול מיט רויב, און אירע באַוווינער רעדן ליגן. — אשר עשיריה מלאו חמס, וישביה דברו שקר, ולשונם רמיה בפיהם.״

בריגגס זאָגט אַז דאָרט ווו עס ווערט דערמאָנט פון ניט ריידן ליגן האָט עס אַ שייכות, עס מיינט ליגן וואָס העלפט רויב און מאָרד. דער נביא מיכה רעדט פון די רייכע וואָס רויבן, אָבער דאָס פאָלק, די איינוווינער ריידן ליגן. לויט קינג דזשיימס ווערסיע: ׳די אינהעביטענטס העוו ספּאָקן לייס.׳ דער נביא טאַדלט זיי פאַר זייערע ליגנס, פאַר וועלכע גאָט וועט זיי שטראָפן.

ויקרא 11:19. „איר זאָלט ניט גנבענען, איר זאָלט ניט פאַר לייקענען, און איר זאָלט ניט זאָגן ליגן איינער צו דעם אַנדערן. — לא תגנבו, ולא תכחשו, ולא תשקרו איש בעמיו!.״ — קינג דזשיימס ווערסיע: יע שעל נאַט סטיל, ניידער דיעל פאָלסלי, ניידער ליי וואַן טו אַנאַטהער.

עס ווערן דאָ אָנגעגעבן דריי געבאָט פון דער תורה וועלכע זאָלן ניט געטאָן ווערן: גנבענען, לייקענען, און זאָגן ליגן. עס איז אַזוי פשוט און קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַז עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַנדערע אויסטייטשונגען. ניט זאָגן ליגן — מיינט ניט זאָגן ליגן.

זכריה 16:8. „דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן: רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן. — אלה הדברים אשר תעשו: דברו אמת איש את רעהו.״

צפניה 13:3. „דער איבערבלייב פון ישראל וועט ניט טאָן קיין אומרעכט, און ניט ריידן ליגן. — שארית ישראל לא יעשו עולה, ולא ידברו כזב.״ קינג דזשיימס ווערסיע: נאָר ספּיק לייס.

ישעיה 3:59. „אייערע ליפן זאָגן ליגן, און אייער צונג רעדט אומרעכט. — שפתותיכם דיברו שקר, לשונכם עולה תהגה.״

ישעיה 4:59. „קיינער לאַדט ניט מיט גערעכטיקייט, און קיינער טענהט ניט מיט אמת... און מע רעדט ליגן. — אין קרא בצדק, ואין משפט באמונה, בטחו על תהו, ודברו שוה.״

די העכערע קריטיק איז אַ בלינדער אינסטרומענט אין די הענט פון פאָרשער, עס איז אָפּהייבגיק פון די אויגן פון קאָמענטאַטאָר, זען זיינע אויגן שוואַרץ דינט אים געטריי די העכערע קריטיק אַלץ צו פאַרשוואַרצן, זיינען זיינע אויגן ליכטיק, איז לויטער זיין קריטיק. דער אַלטער טעסטאַמענט האָלט

אַז זאָגן ליגן איז זייער אַ האַרבע זינד, עס איז אַ גלייכונג צו גנבה און מאָרד; דערפאַר גייען די אַנזאָגונגען אין איין רייע, ניט גנבה און ניט זאָג ליגן: טוט ניט אומרעכט און רעדט ניט ליגן. עס איז די זעלבע זינד וואָס די רייכע רויבן, און די אָרימע זאָגן ליגן. ביי דעם נביא ישעיה איז דער זעלבער פאַרברעך ווי צו ריידן רויב און אַרויסברייגגען פאַלשע רייד.

ישעיה 13:59. „רעדן רויב און אָפּקערונג (פון גאָט), טראָגן און אַרויס־ברייגגען פון האַרצן פאַלשע רייד. — דבר עשק וסרה, הרו והגו מלב דברי שקר.״

ישעיה 59: 14, 15. „ווארום געשטרויכלט אין גאַס איז דער אמת, און ערלעכקייט קען ניט אַריינקומען, און דער אמת פעלט. — כי כשלה ברחוב אמת ונכחה לא תוכל לבוא. ותהי האמת נעדרת.״ אמת איז דאָס קעגן וואָרט פון ליגן.

דער נביא ישעיה איז געבאָרן און אויסגעוואקסן אין יהודה און ניט אין בבל. דאָס באַווייזט זיין הויך אַנטוויקלטער אופן פון שרייבן, און זיין באַקאַנט־שאַפט מיט דער פריערדיקער ליטעראַטור, און זיין רייכקייט פון העברעישן לשון. ער האָט זיין גייסטיקן פאַרמעגן געבראַכט מיט זיך פון יהודה, אין בבל געשריבן זיינע טרייסט נבואות צום ייִדישן פאָלק. פרס האָט באַזיגט בבל אין דער צייט פון די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן; אַזוי האָט דער נביא ניט געקענט באַווירקט ווערן פון דער „היכבער עטיק וועגן זאָגן ליגן פון די פערסיער.״

די מעטאָדעס פון שטודירן די ביבל זיינען גוט, נאָר מען דאַרף נוצן די אָנגענומענע מעטאָדעס מיט אַ ריינעם וויסעשאַפטלעכן געוויסן. אָפט זיינען די כוונות מייסטערס פון די מעטאָדעס, דעמאָלסט דער העכערער קריטיציזם ווערט כוונה קריטיציזם.

* איך שליס די דרשה אויפן באַרג מיט ג. פרידלאַנדערס ווערטער: „איך בין געצוויגט צושטימען צו דער לערנונג פון דער דרשה (סערמאָן) וועלכע איז אין האַרמאָניע מיט דעם גייסט פון יודאיזם, עס איז אַ מעגליכער טשאַרטער פאַר אַ וועלט רעליגיע וועלכע איז קאָנטעט (צופרידן) צו פאַררעכענען יעזוסן אַלץ איינער פון פילע לערער פון דער מענטשהייט... ווענענס וויזיע איז געווען פון אַן אַפּאָקאַליפּטישן בעל־חלום, ווענענס בשורה איז געווען אַן עסקאַטאָלאָ־גישע (קץ, לעתיד לבוא), און דערפאַר פון ווייניק פראַקטישן ווערט וואָר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. ווען די מענטשהייט וועט האָבן געלערנט און וועט פראַקטיצירן הלל'ס נעגאַטיווע פאָרמע פון דעם גאָלדענעם געבאָט, דאַן וועט זיין צייט צו ריידן פון דער פאָזיטיווער פאָרמע וואָס איז אין היילקייט אַריינ־געגומען (ענשריינד) אין דעם בוך פון בן סירא (עקלעסיאַסטיקוס) און אין דער דרשה. לאָמיר געדענקען אַז עס איז אוממעגלעך צו זאָגן ווי פיל פון דער דרשה גייט צוריק צו יעזוס.״

* „יידן זיינען מסכים אַז יעזוס, די עוואַנגעליע, קריסטענטום זיינען דער גרעסטער בענעפיט צו די ניט יידישע פעלקער. דאָס זעלבע איז געווענדעט צו מאַכאַמעד, קאָראַן און איסלאַם.״

**„עס איז זייער אַ גרייסער אַלגעמיינער באָדן וואָס ברייגנט ייד און קריסט צוזאַמען. אויב די עוואַנגעליעס טיילן אָפּ דעם ייד פון קריסט, דער אַלטער טעסטאַמענט פאַסבינדט זיי.״**

* — זע ג. פרידלאַנדער, די יידישע מקורות פון דער סערמאָן אויפן באַרג, זז. 262, 263 265. בלאק פובל. קא. ניו יארק, נ. י.

# צווייטער טייל

## קאפיטל 8

## דער מצורע

מת. 1:8. „ווען ער יעזוס איז אַראָפּגעקומען פון דער באַרג, אַ גרויסער עולם האָט אים נאָכגעפאָלגט."

**איך האָב פריער אָנגעוויזן אַז יעזוס האָט גערעדט נאָר צו די תלמידים אויפן באַרג, איז אויב דער עולם האָט אים אָפּגעוואַרט אונטער דער באַרג: האָט דער אויטאָר געדאַרפט שרייבן אַז דער וואַרטענדיקער עולם אונטערן באַרג האָט אים נאָכגעפאָלגט.**

מת. 2:8. „און, זע, דאָרט איז געקומען אַ מצורע (לעפּער) און האָט זיך געבוקט צו אים, זאָגענדיק, האַר, אויב דו ווילסט, קענסטו מיך ריין מאַכן."

מת. 3:8. „און יעזוס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד, און האָט אים אָנגערירט, זאָגענדיק, איך וועל; דו ווער ריין. און תיכף זיין מצורעשאַפט איז גערייניקט געוואָרן."

מת. 4:8. „און יעזוס האָט געזאָגט צו אים, זע, דערצייל קיינעם ניט; נאָר גיי דיין וועג, באַוויז זיך צו דעם כהן, און ברענג דעם קרבן וואָס משה האָט געבאָטן, פאַר אַ צייגונג צו זיי."

**פּש. מאַרקוס און לוקאַס גיבן איבער דעם זעלבן אינצידענט כמעט ווערבאַטים, מיינט דאָס אַז אַלע דריי אַוטאָרס האָבן עס ציטירט פון איין קוואַל, אָדער איינער האָט קאָפּירט דעם אַנדערן. מאַרקוס אָבער האָט אַ פאַר־זעצונג.**

מק. 45:1. „אָבער ער איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט עס אָנגעהייבן צו פיל פּובליצירן און באַקענט מאַכן די זאַך אומעטום, און אַזוי פיל אַז יעזוס האָט ניט געקענט מער אַריינקומען אין שטאָט, נאָר ער איז געווען אויסן אין אַ מדבר פּלאַץ: און זיי זיינען געקומען צו אים פון יעדן געגנט."

**פּש. לוקאַס גיט דעם פאַקט איבער אין אַן אַנדער אופן. ווען יעזוס האָט דעם אויסגעהיילטן לעפּער אָנגעזאָגט צו גיין ברענגען דעם נייטיקן קרבן, דאַן איז דאָס פאָלגענדיקע פאָרגעקומען:**

לוק. 15:5. „אָבער אַזוי פיל מער איז געגאַנגען אין דרויסן די באַ־רימטקייט פון אים: און גרויסע עולמס זיינען געקומען צוזאַמען צו הערן אים, און צו ווערן געהיילט פון אים פון זייערע פעלערן. (16) און ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין דעם מדבר, און האָט תפילה געטאָן."

די פּאַסירונג איז גאָר ניט אַזוי פּשוט ווי מאַרקוס דערציילט. אויב אַ מאַן האָט אויסגעהיילט אַן אומהיילבאַרן לעפּער איז דאָך דאָס אַ זאַך פון אַן אוממעגלעכקייט, אַז דערפאַר זאָל מען אים ניט אַריינלאָזן אין שטאָדט. לויט מאַרקוס איז עס ניט קלאָר געוויס, עס קען אויך פאַרשטאַנען ווערן אַז יעזוס איז געוואָרן אַזוי פיל באַוווּסט אַז ער וואָלט ניט געווען ביוכלת צו היילן אַלע קראַנקע פון שטאָדט. לוקאַס דערקלערט עס אויפן זעלבן אופן, עס זיינען געווען אַזעלכע גרויסע מענגעס פון מענטשן און פון קראַנקע, אַז יעזוס האָט זיך צוריקגעצויגן צום מדבר. ביידע מאַרקוס און לוקאַס באַשטעטיקן דעם פאַקט ווען יעזוס באַרימקייט ווערט גרויס אַזוי ציט ער זיך צוריק אין מדבר. דאָס באַשטעטיקט די מיינונגען, וואָס יעזוס האָט ניט נאָר איבערגענומען פון יוחנן המטבל די פריידיקונגען פון דעם באַלדיקן אָנקומען פון דער מלוכה פון הימל, נאָר אויך די אידייע פון מדבר (פריער געשריבן דערויף), אויך אַז דער מדבר איז געווען דער אָרט פון יעזוס הויפּט־קוואַרטיר, און פּלאַץ פון איינזאַמלונגען פון זיינע נאָכפאָלגער. מאתיא אָדער די רעדאַקטאָרן פון מאתיא האָבן געפונען פאַר נויטיק אין גאַנצן אויסלאָזן דעם מדבר.

עס דאַרף נאָטירט ווערן ווי ווייט יעזוס האָט דאָ אַרויסגעוויזן גלויבן אין די געבאָט פון דער תורה. דער מצורע האָט זיך געפונען אין גליל, האָט ער אים אָנגעזאָגט אַז ער מוז גיין אין ירושלים, וואָס איז אַ לאַנגער מהלך, צו ברענגען דעם געבאָטן קרבן.

מת. 5:8. „און ווען יעזוס איז אַריינגעקומען אין כפר נחום (קאַפּערנאַום), דאָרט איז געקומען צו אים אַ צענטוריער (אַ רוימישער אָפיצער), בעטענדיק אים״.

מת. 6:8. „און זאָגענדיק, האַר, מיין קנעכט ליגט אין דער היים קראַנק אויף פּאַראַליז, ער איז יסורימדיק געפּייניקט.״

מת. 7:8. „און יעזוס האָט געזאָגט צו אים, איך וועל קומען און היילן אים.״

מת. 8:8. „און דער ׳צענטוריער׳ האָט געענטפערט און געזאָגט, האַר, איך בין ניט ווערט אַז דו זאָלסט קומען אונטער מיין דאַך, זאָג נאָר דאָס וואָרט, און מיין קנעכט וועט ווערן געהיילט.״

מת. 9:8. „ווארום איך בין אַ מאַן אונטער אויטאָריטעט, האָבענדיק סאָל־דאַטן אונטער מיר; און אַז איך זאָג צו דעם מאַן, גיי, און ער גייט; און צו אַן אַנדערן, קום, און ער קומט; און צו מיין קנעכט, טו דאָס, און ער טוט.״

מת. 10:8. „ווען יעזוס האָט עס געהערט, האָט ער געוווּנדערט און האָט געזאָגט צו זיי וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט, באמת זאָג איך אייך, איך האָב ניט געפונען אַזאַ גרויס גלויבן, ניין, ניט אין ישראל.״

מת. 11:8. „און איך זאָג אייך אַז פיל וועלן קומען פון מזרח און מעריב און וועלן זיך אַנידערזעצן מיט אברהם, און יצחק, און יעקב אין דער מלוכה פון הימל.

מת. 12:8. „אָבער די קינדער פון דער מלכוה וועלן אַרויסגעוואָרפן ווערן

אין אויסעריקער פינסטערניש: דאָרטן וועט זיין יאָמער און קריצונג פון ציינער.״

מת. 13:8. „און יעזוס האָט געזאָגט צום צענטוריער, גיי דיין וועג; און אַזוי ווי דו האָסט געגלויבט, אַזוי וועט געטאָן ווערן צו דיר. און זיין קנעכט איז געוואָרן אויסגעהיילט אין דער זעלבער שעה.״

**פש. מאַרק האָט ניט דעם עפּיזאָד פון צענטוריער, איז ניט פאַרשטענדלעך, וואַרום זאָל מאַרק אַזאַ ווונדער, און אַזאַ גלויביקן רוימער אויסלאָזן.**

**יעזוס האָט געזאָגט צו די אַלע יידן וואָס האָבן אים נאָכגעפאָלגט און צו זיינע תלמידים אַז „אַזאַ גרויסן גלויבן ווי פון רוימער האָט ער ניט געזען אין ישראל. עס דוכט אַז די ׳מולטיטיוד׳ וואָס האָט פאַרלאָזן זייערע באַשעפטיקונגען, זייער היים און פאָלגן נאָך צו הערן יעזוסעס רייד, און זוכן פאַר זיך קיין נוצן, מוזן באַזיצן אין זיך גלויבן. אַצינד ווי יעזוס האָט דערזען אַ רוימישן אָפיצער וועלכער האָט געזוכט נוצן פאַר זיך, צו אויסהיילן זיין שקלאַף, האָט ער אין אים אויסגעפונען מער גלויבן ווי אין זיינע תלמידים, אין דער גאַנצער ׳מולטיטיוד״, און אין גאַנץ ישראל. מיט וואָס איז דער מצורע וואָס האָט געזאָגט: „לאָרד, אויב דו ווילסט קענסטו מיך מאַכן ריין״, ווייניקער גלויביקער פאַר דעם אָפיצער וואָס האָט געזאָגט: „זאָג דאָס וואָרט און מיין קנעכט וועט ווערן אויסגעהיילט״?**

**דער צענטוריער, דער אידאָלאַטאַר, ווייסט ניט אַז יעזוס איז גאָטס זון; ער גלויבט אַז יעזוס פאַרמאָגט די כישוף־מאַכט צו היילן, ער האָט די זעלבע מאַכט, ווי ער האָט איבער זיינע סאָלדאַטן, צו אָרדערן דער גייסטער וועלט צו אַוועקגיין און וואָס צו טאָן.**

**עס קען נאָר דערקלערט ווערן אַז מאתיא צענדליקער יאָרן נאָך יעזוסן, אַליין אַ דזשענטייל, האָט ליב אַ רוימישן אָפיצער מער ווי ער האָט ליב יעזוסעס תלמידים, און די מולטיטיודס פון ישראל.**

**מאתיא ווי נאָר ער האָט דערמאָנט פון ווייניק גלויבן פון ישראל, אַזוי האָט ער שוין ניט געקענט אויסלאָזן אַזאַ געלעגענהייט און האָט זיך פאַרנומען אַרויסוואַרפן זיי פון דער מלוכה פון הימל, אין וועלכער עס וועלן נאָר אַריינקומען די ניט־יידן פון מיזרח און פון מעריב. מאתיא גלייך פאַרגעסט אַז ער האָט געשריבן אַז יעזוס האָט געזאָגט: „גיב ניט דאָס וואָס איז הייליק צו די הינט.״**

**באמת איז דאָ מאתיא ניט שולדיק, די זאַצן 11, 12 זיינען אַן אָפענע, שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַציע. לוקאָס גיט איבער שטעלן פון מעשה־צענטוריער ווערטערלעך ענלעך צו מאתיא, אַ סימן אַז עס איז גענומען פון איין קוואַל, איז אויב די זאַצן וואָלטן זיך דאָרטן געפינען, גיט ניט קיין אורזאַכע וואַרום זאָל זיי לוקאָס אויסלאָזן.**

**לוקאס ענדערט דעם גאַנג פון דער פּאַסירונג.**

לוק. 2:7. „אַ געוויסן צענטוריערס קנעכט, וועלכער איז געווען טייער צו אים, איז געווען קראַנק, און גרייט צו שטאַרבן.״

**פש. דער צענטוריער קומט ניט אַליין, נאָר שיקט די זקנים (אָנגעזעענע מענטשן) זיי זאָלן בעטן.**

לוק. 3:7. „און ווען ער האָט געהערט פון יעזוס, האָט ער געשיקט צו אים די זקנים פון די יידן. זיי זאָלן בעטן אים אַז ער זאָל קומען און היילן זיין קנעכט."

לוק. 4:7. „און ווען זיי (די זקנים) זיינען געקומען צו יעזוסן האָבן זיי אים תיכף געבעטן, זאָגענדיק, אַז ער איז ווערט דאָס צו טאָן פאַר אים."

לוק. 5:7. „ווארום ער ליבט אונדזער נאַציע, און ער האָט געבויט פאַר אונדז אַ סינאַגאָגע."

**פש. דאָ ווערט איבערגעגעבן ווי די פאָרשטייער פון דער שטאָט כפר נחום ריידן צו יעזוסן ווי צו אַן אייגענעם זון פון פאָלק 'אונדזער נאַציע', 'אַ סינאַגאָגע פאַר אונדז'. עס איז ניטאָ קיין אָנווייזונג אויף דעם אַז ווי די יידן האָבן דערהערט אַז ער האָט אויסגעהיילט אַ מצורע האָבן זיי אים דערפאַר ניט אַריינגעלאָזן אין שטאָט. לויט לוקאַס ווייסט גאַנץ כפר נחום אַז יעזוס היילט קראַנקע, און אַ געהייבענע דעלעגאַציע קומט פון שטאָט צו בעטן יעזוסן, ער זאָל היילן אַ מסוכן קראַנקן. דאָס איז נאָר אַן אָנהייב פון קאָנטראַדיקציעס.**

לק. 6:7. „דאַן איז יעזוס אַוועק מיט זיי, און ווען ער איז געווען דאַן ניט ווייט פון דער הויז, האָט דער צענטוריער געשיקט פריינד צו אים, זאָגענדיק צו אים, האר, באַמיע זיך ניט: ווארום איך בין ניט ווערט אַז דו זאָלסט אַריינקומען אונטער מיין דאַך. (7) דערפאַר האָב איך ניט געדענקט אַז מיין זעלבסט בין ווערט צו קומען צו דיר; נאָר זאָג אַ וואָרט, און מיין קנעכט וועט אויסגעהיילט ווערן. (8) ווארום איך בין אויך אַ מאַן געשטעלט אונטער אויטאָריטעט, האָבענדיק אונטער מיר סאָלדאַטן, און אַז איך זאָג צו איינעם, גיי, און ער גייט; און צום אַנדערן קום, און ער קומט; און צו מיין קנעכט טו דאָס, און ער טוט עס."

לוק. 9:7. „ווען יעזוס האָט געהערט די זאַכן, האָט ער באַוווּנדערט אים, און האָט אים אומגעדרייט, און האָט געזאָגט צו די מענטשן וועלכע האָבן אים (יעזוסן) נאָכגעפאָלגט, איך זאָג אייך, איך האָב ניט געפונען אַזאַ גרויסן גלויבן, ניין ניט אין ישראל."

**פש. ווער איז דער 'אים' וועמען יעזוס האָט אומגעדרייט צו זיינע נאָכגייער? די צענטוריערס פריינט וואָס האָבן גערעדט צו יעזוסן אין דעם צענטוריערס נאָמען זיינען דאָך געווען אַ מערצאָל, וואָלט דאָך יעזוס 'זיי' אומגעדרייט. עס ווערט דאָ איבערגעגעבן דורך דעם שרייבער לוקאַס אַליין אַז דער צענטוריער איז געבליבן אין זיין הויז, ער האָט געשיקט זאָגן אַז ער איז ניט ווערט צו קומען זען יעזוסן, און ער איז ניט געקומען: איז ווי האָט געקענט יעזוס אומדרייען צום עולם אַ מענטשן וועלכער האָט זיך דאָרטן ניט געפונען?**

**וועגן דעם גרויסן גלויבן פון רוימישן הויפטמאַן, וואָס אַזוינס געפינט זיך ניט אין גאַנץ ישראל ווערט איבערגעגעבן ווערטערלעך ענלעך ווי פון**

**מאתיא אַזוי פון לוקאַס, אָבער וועגן דעם פאַרגעקומענעם אינצידענט גאַנץ פאַרשידענע דערציילונגען. לויט מאתיא איז דער רוימישער הויפּטמאַן אַליין פערזענלעך געקומען בעטן יעזוסן ער זאָל קומען היילן זיין קנעכט, לויט לוקאַסן זיינען געקומען די זקנים פון שטאָט בעטן יעזוסן ער זאָל היילן דעם הויפּטמאַנס קנעכט. עס געפינט זיך ניט קיין אָנווייזונג אַז דער צענטוריער האָט עפּעס געוווּסט פון יעזוסן מער ווי דאָס וואָס ער איז אַ היילער. דער הידן איז געווען איבער גלויבעריש. זיין גלויבן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געגלויבט אַז קראַנקהייטן פאַראורזאַכן בייזע גייסטער, און יעזוס פאַרמאָגט דעם אויטאָריטעט איבער די שלעכטע גייסטער. אין דעם זיינען גערעכט די אַווטאָרס פון דער ערשטער און דריטער עוואַנגעליעס אַז אַזאַ אַבער־גלויבן געפינט זיך ניט, נייך, אין גאַנץ ישראל.**

לוק. 10:7. „און זיי וואָס זיינען געשיקט געוואָרן, אומקערענדיק זיך צו דער הויז, האָבן געפונען דעם קנעכט געזונט דעם וואָס איז געווען קראַנק.“

מאת. 14:8. „און ווען יעזוס איז אַריינגעקומען אין פּעטרוסעס הויז, האָט ער געזען זיין (פּעטרוסעס) ווייבס מוטער ליגענדיק קראַנק מיט פיבער.“

מת. 15:7. „און ער האָט באַרירט איר האַנט און דער פיבער האָט איר פאַרלאָזן; און זי איז אויפגעשטאַנען און באַדינט אים.“

**פש. מאַרקוס גיט איבער כמעט ווערטערלעך ענלעך די געשעניש פון פּעטרוסעס שוויגער.**

מאת. 16:8. „ווען דער אָוונט איז אָנגעקומען, האָבן זיי געבראַכט צו אים פיל וואָס זיינען געווען באַזעסן מיט טייוואָלים; און ער האָט מיט זיין וואָרט אַרויסגעוואָרפן די גייסטער, און געהיילט אַלע וואָס זיינען געווען קראַנק.“

מאת. 17:8. „כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביי דעם נביא ישעיה, זאָגענדיק: ער, זעלבסט, האָט גענומען אונדזערע פעלערן און געטראָגן אונדזערע קראַנקהייטן.“

**פש. איז אויב דער נביא וואָלט דאָס ניט געזאָגט, וואָלט יעזוס ניט געהיילט. אַ היילער היילט די קראַנקהייטן, אָבער ער נעמט עס ניט אַריין אין זיך. צו וואָס איז נויטיק די זוכענישן פון פסוקים וועלכע זאָגן גאָרניט און ווייזן אויף גאָרניט אָן.**

מת. 18:8. „איצט ווען יעזוס האָט געזען גרויסע עולמס אַרום אים, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו אַריבערגיין אויף דעם אַנדערן זייט.“

**פש. לויט מאתיא און די עוואַנגעליעס איז יעזוס איינציקע מיסיע געווען צו פּריידיקן די מלוכה פון הימל, איינוועגס האָט ער שוין געהיילט די קראַנקע. איצט ווען אַזעלכע גרויסע צאָלן מענטשן זיינען אַרום אים, האָט דאָך יעזוס געהאַט דאָס בעסטע געלעגנהייט צו פּריידיקן די מלוכה פאַר זיי, וואָרום דאַרף ער זיי פאַרלאָזן? וואָרום איז דער איילענדיקער פאָרן אויף דעם אַנדערן זייט?**

מת. 19:8. „און אַ געווויסער סופר (סקרייב) איז געקומען און געזאָגט צו אים, האר, איך וויל מיטגיין מיט דיר ווו נאָר דו גייסט.“

**פש. די זעלביקע פּאַסירונג ברייננגט אויך לוקאַס, נאָר ער ווייסט ניט**

דעם מאַנס פּראַפּעסיע, ער זאָגט ׳אַ געוויסער מאַן׳.

מאת. 20:8. „און יעזוס האָט געזאָגט צו אים די פוקסן האָבן לעכער, די פויגלען פון דער לופט האָבן נעסטן; אָבער דער בן אדם (׳זון פון מאַן׳) האָט ניט ווו צו לייגן זיין קאָפּ.״

פּש. אין דעם זאַץ איז פיל געזאָגט געוואָרן און ניט דערזאָגט געוואָרן. יעזוס האָט געהאַט תלמידים, די תלמידים האָבן געהאַט היימען; ער האָט געהאַט גרויסע צאָלן פון נאָכפאָלגער, וואָרום זאָל יעזוס ניט האָבן ווו צו לייגן זיין קאָפּ? — עס מיינט ניט אַז יעזוס האָט ניט פאַרמאָגט אַן אָרט ווו צו שלאָפן, אָדער האָבן זיין הוים, נאָר די אומשטענדן האָבן עס ניט דערלאָזן, ער האָט געמוזט לויפן פון איין אָרט צו דעם אַנדערן. די מאַכט פון רוים, און פון דער רעגירונג פון הורדוס־אַנטיפאַס האָבן פאַרשטאַנען די געפּריידיקטע מלוכה ניט אויפן הימל נאָר אויף דער ערד, יעזוס טעטיקייט האָבן זיי אָנגענומען ווי אַ רעבעלירענדיקע טאַט קעגן דער הערשענדיקער מאַכט. די טאַקטיק פון יעזוס און זיינע תלמידים און פון דער קערפּערשאַפט איז געווען, קומען אין אַ שטאָט אָדער אַ געוויסן פלאַץ אָנהויבן זיין פּריידיקונג, אָדער זיין פּראָפּאַגאַנדע פון דער מלוכה, און ווי נאָר דערשפּירענדיק די אָנקומענדיקע אומזיכערקייט האָט ער פאַרלאָזן דעם אָרט און זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערן. די לאַגע האָט פאַראורזאַכט יעזוס באַפעל וואָס אַם שנעלסטן אַריבער אויף דער אַנדער זייט.

מת. 21.8. „און אַנאַנדערער פון זיינע תלמידים האָט געזאָגט צו אים, האר, דערלויב מיר צום ערשט גיין און מקבר זיין מיין פאָטער.״

מת. 22:8. „אָבער יעזוס האָט געזאָגט צו אים, דו פאָלג נאָך מיר; און זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע.׳

פּש. דאָ זעט זיך בולט אַן אַז עס איז געווען אַ דרינגלעכער מאָמענט פאַר יעזוסן, יעדער איינער האָט געדאַרפט זיין אויף זיין פּאָזיציע, אַז אַפילו דאָס טויט פון פאָטער איז ניט אַ גענוגענדיקע אורזאַכע. מען האָט געמוזט וואָס שנעלער אַריבער פאַרן דעם וואַסער.

לוק. 59:9. „און יעזוס האָט געזאָגט צו אַן אַנדערן, פאָלג נאָך מיר, נאָר יענער האָט געזאָגט, האר, דערלויב מיר צו גיין מקבר זיין מיין פאָטער.״

לק. 60:9. „יעזוס האָט געזאָגט צו אים, זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע; אָבער דו גיי און פריידיק די מלוכה פון גאָט.״

פּש. לוקאַס האָט פאַרשטאַנען אַז לויט מאַתיא פאַלט אַ פאַרדאַכט אויף דער פלוצומדיקער דרינגענדיקער טעטיקייט, מילדערט ער עס און ווייזט אַן אַז עס איז געווען די פריידיקונג פון די תלמידים און אַנדערע, אַז ער האָט געמוזט האָבן דעם תלמיד אויך און ניט געקענט אים אָפּלאָזן אַפילו צו דער קבורה פון זיין פאָטער. אָבער ווען מען לייענט דאָס פריידיקונג אויף פאַרטיידיקן די מלוכה דאַן ווערט דער ענין קלאָר.

מאתיא שרייבט ווי יעזוס האָט געזאָגט צו די סופרים און פרושים:

מאת. 4:15. „וואָרום גאָט האָט געבאָטן, ׳האַלט ערלעך דיין פאָטער און

מוטער/ און איר היפּאָקריטן (6) האָבן געמאַכט די געבאָט פון גאָט צו גאָר ניט דורך אייער טראַדיציע."

**פש. מאַכט איצט דען יעזוס ניט צו גאָר ניט דאָס זעלבע געבאָט פון גאָט?**

מאת. 23:8. „און ווען ער איז אַריין אין אַ שיף, זיינען די תלמידים אַריינגעקומען נאָך אים."

מת. 24:8. „און, זע, דאָרט האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם־ווינט אויף דעם ים אויף אַזוי פיל אַז די שיף איז געווען באַדעקט מיט די וואַלן; נאָר ער איז געשלאָפן."

מת. 25:8. „און זיינע תלמידים זיינען געקומען צו אים, און אים אויפגעוועקט, זאָגענדיק, האַר, ראַטעווע אונדז: מיר גייען אונטער."

מת. 26:8. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, ווארום זייט איר דערשראָקן, אָ, איר פון וויניק גלויבן? דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעשריען אויף די ווינטן און דעם ים; און דאָרט איז געוואָרן אַ גרויס שטילקייט."

**פש. דאָס איז די ערשטע שטעלונג וואָס ווייזט ווי ווייט יעזוס האָט געגלויבט אין דעם כּוח פון גלויבן. דורך פולשטענדיקן גלויבן איז ער געווען זיכער קען יעדער מענטש קאָנטראָלירן די עלעמענטן פון דער נאַטור. אויב אַ מענטש קען דאָס ניט טאָן איז נאָר די אורזאַכע פון זיין וויניק גלויבן.**

מאת. 27:8. „און די מענטשן האָבן געוואונדערט, זאָגענדיק, וואָס פאַר אַ מאַן איז עס, אַז אַפילו די ווינטן און דער ים פאָלגן אים."

מאת. 28:8. „און ווען ער איז געווען אָנגעקומען צו דעם אַנדער זייט אין דעם געגנט פון גדרים (גערגעסענעס), דאָרט האָבן אים באַגעגנט צוויי באַזעצטע מיט טייוואָלים, אַרויסקומענדיק פון די קברים, זייער פורכטלעך, אַזוי אַז קיין מענטש האָט ניט געקענט פאַרביי גיין דעם וועג."

מאת. 29:8. „און זע, זיי האָבן אויסגעשריען, זאָגענדיק, וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט דיר, יעזוס דו זון פון גאָט? ביסטו געקומען אַהער צו מאַטערן אונדז איידער דער צייט?"

**פש. מאַרקוס און לוקאַס רופן די לאַנד גאַדאַרענעס, און גיבן אָן אַז עס איז דאָרט געווען איין מאַן און ניט צוויי.**

מאַרק. 2:5. „דאָרט האָט אים באַגעגנט פון צווישן די קברים אַ מאַן מיט אַן אונריינעם גייסט. (5:5) און שטענדיק, נאַכט און טאָג, איז ער געווען אין די בערג, און אין די קברים, און שניידענדיק זיך זעלבסט מיט שטיינער."

מאַרק. 6:5. „אָבער ווען ער האָט געזען יעזוסן פון ווייטן, איז ער געלאָפן און געקניט צו אים."

מאַרק 7:5. „און האָט געשריען מיט אַ הויכן קול, און געזאָגט, וואָס האָב איך צו טאָן מיט דיר, יעזוס, דו זון פון דעם העכסטן גאָט? איך בין דיר מזהיר ביי גאָט, אַז דו זאָלסט מיך ניט מאַטערן."

**פש. עס איז שווער צו פאַרשטיין ווער איז געווען דער ער? איז דאָס געווען דער קראַנקער, איז ער דאָך אַליין געלאָפן צו אים, האָט זיך געבוקט צו יעזוסן, האָט ער דאָך מסתמא געבעטן שוץ און היילונג; איז ווארום האָט**

ער טענות צו יעזוסן און וואָרנט אים ער זאָל אים ניט מאַטערן? אָן פון וואַנען ווייס דער קראַנקער אַז יעזוס איז דער זון פון העכסטן גאָט, ווען יעזוס תלמידים ווייסן דאָס ניט. דאַרפן מיר פאַרשטיין אַז דאָס האָט געטאָן און גערעדט דער אומריינער גייסט. איז ווידער די זעלבע קאָנפוזיע, וואָרום האָט דער אומריינער גייסט געמאַכט אים צו לויפן צו יעזוסן און בוקן זיך צו אים? אַ גייסט וואָס ווייסט אַלץ, ווייסט אַז יעזוס איז גאָטס זון, און ער וועט אים מאַטערן; האָט דאָך דער גייסט וואָס ווייסט אַלע הימלישע סודות און פאַרבאָרגענקייט אויך מסתמא געוווסט אַז יעזוס וועט אים ניט דולדיקן איז וואָרום האָט ער געדאַרפט לויפן געגן אים? ווי שיקט זיך דאָס, אַז אַ טייוול וועט שרעקן גאָטס זון אין נאָמען פון גאָט? יעזוס אין דעם נסיון (טעמפּטאַציע) האָט בייגעקומען דעם שטן מיט פסוקים פון די שריפטן, איצט קעמפט מיט יעזוסן דער טייוול אין נאָמען פון גאָט. אויב ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט יעזוסן, האָט דאָך יעזוס אים ניט גערופן, ער איז צו אים אַליין געקומען.

לוקאַס כמעט דאָס זעלבע, ער צוגליקך ווי מאַתיא רעקאָרדירן ניט „איך בין דיר מזהיר ביי גאָט.״

מאַת. 30:8. „און דאָרטן איז געווען אַ גוטע שטרעקע אַוועק אַ סטאַדע פון פיל חזירים פיטערנדיק זיך.״

מת. 31:8. „אַזוי האָבן די טייוואָלים איג געבעטן, זאָגענדיק, אויב דו וואַרפסט אונדז אַרויס, דערלויב אונדז צו אַוועקגיין אין דער סטאַדע פון די חזירים.״

מת. 32:8. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, גייט. און ווען זיי זיינען אַרויס־געקומען, זיינען זיי אַריין אין דער סטאַדע פון די חזירים: און זע, די גאַנצע סטאַדע חזירים האָבן ווילד אַרונטערגעלאָפן פון אַ הויכן פּלאַץ אין ים אַריין, און אונטערגעגאַנגען אין דעם וואַסער.״

**פש. עס איז דאָ מסופק די מעגלעכקייט ווי אַזוי האָבן געקענט צוויי שדים פון צוויי מענטשן אָנפילן אַ סטאַדע חזירים? אין מאַרקוס און לוקאַס ווערט עס אויסגעגליכן: מאַרק. 8:5, „וואָרום ער האָט געזאָגט צו אים, קום אַרויס פון דעם מאַן דו אונריינער גייסט. (9:5) און ער האָט אים געפרעגט, וואָס איז דיין נאָמען? און ער האָט געענטפערט, זאָגענדיק, מיין נאָמען איז לעגיאָן; וואָרום מיר זיינען פיל.״ לוקאַס אויך דאָס זעלבע אַז דער גייסט האָט געענטפערט אַז זיין נאָמען איז לעגיאָן. אין אַלע עוואַנגעליעס און אַלע יעזוס אַרויסאַוורפן פון שדים איז דאָס איינציקע מאָל וואָס יעזוס פרעגט דעם נאָמען פון טייוול. דער נאָמען לעגיאָן פאַרענטפערט אַז עס איז געווען אַזאַ גרויסע צאָל טייוואָלים אַז זיי האָבן זיך געקענט באַזעצן אין דער גרויסער צאָל חזירים.**

מאַת. 33:8. „און זיי וואָס האָבן געהאַלטן (אַכטונג געגעבן אויף) די חזירים זיינען זיך צעלאָפן, און געגאַנגען מיט דיערע וועגן צו דער שטאָט, און האָבן אַלצדינג דערציילט, און וואָס איז באַפאַלן די באַזעסענע פון טייוואָלים.

מאַרק גיט אָן די צאָל פון אומגעקומענע חזירים איז געװען צװײ טױזנט.

מאַת. 34:8. „און, זעט, די גאַנצע שטאָט איז אַרױסגעקומען צו באַ־געגענען יעזוסן; און װען זײ האָבן אים געזען, האָבן זײ אים געבעטן אַז ער זאָל אַװעקגײן פון זײערע געגענטן.״

עס איז שװער צו פאַרשטײן װאָרום האָט יעזוס דערלױבט די טײװאָלים אַרײנגײן אין די חזירים. ער האָט געװוסט פון די קאָנסעקװענצן. װאָרום זאָל יעזוס נעמען אַן אַנטײל אין דער פאַרניכטונג פון צװײ טױזנט חזירים, אויך עס איז אַ שאָדן פאַר די אײגענטימער.

מאַרקוס און לוקאַס פאַרלענגערן די לעצטע צװײ זאַצן פון מאַתיא. זײ דערצײלן װי דער מאַן פון צװישן די קברים, ניט קײן צװײ, פון װעמען דער לעגיאָן איז אַרױס איז גלײך געזונט געװאָרן, ער האָט געבעטן יעזוסן ער זאָל אים דערלױבן צו זײן מיט אים אין דער שיף, נאָר יעזוס האָט אים אָפּגעזאָגט, ער האָט געראָטן ער זאָל גײן צו זײנע פרײנד און דערצײלן װאָס פאַר אַ גרױסע זאַך גאָט האָט געטאָן פאַר אים. דער מאַן איז אַװעק און האָט אומעטום דערצײלט און פאַרשפרײט װאָס יעזוס האָט געטאָן צו אים.

## קאַפּיטל 9

# דער פּאַראַליזירטער

מאַת. 1:9. „און ער איז אַרײנגעקומען אין אַ שיף, און איז אַריבערגע־פאָרן, און איז געקומען אין זײן אײגענער שטאָט.״

מאַרק. 21:5. „און װען יעזוס איז אַריבערגעפאָרן װידער מיט אַ שיף אויף דער אַנדער זײט, פיל מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט צו אים, און ער איז געװען נאָענט אויפן ים.״

פש. װי די סינאָפּטישע אַװטאָרן גיבן איבער אַז יעזוס איז אַריבערגעפאָרן דעם ים כנרת, אויפן װעג ער האָט אײנגעשטילט אַ גרױסן שטורעם, אַרויפ־קומענדיק אויפן ברעג האָט ער אַרױסגעטריבן די גײסטער פון צװײ משוגעים, לויט מק. און לק. פון אײנעם. די גײסטער זײנען אַרײן אין חזירים װעלכע זײנען אומגעקומען אין די װאַסערן פון ים, יעזוס מיט זײנע נאָכפאָלגער האָבן גענומען אַ שיף און זיך צוריקגעקערט צום ברעג פון װעלכן זײ האָבן פריער אָפּגעפאָרן. קומט װידער אַרויף די פראַגע װאָרום האָט יעזוס ניט געלאָזן דעם מאַן אָדער דעם תלמיד צו גײן אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד צו זײן פאָטער? װאָס האָט דער מאַן געקענט העלפן יעזוסן? אין װאָס איז באַ־שטאַנען דער מוז אים מיטצונעמען?

צו אײנשטילן דעם שטורעם האָט יעזוס געטאָן אַלײן, צו אַרויסטרײבן דעם לעגיאָן טײװאָלים האָט יעזוס ניט גענויטיקט זיך אין אים. דער מאַן איז נאָר געװען אַ מיטפאָרער אויפן שיף אויפן װעג פון הין און צוריק. אַן אויסגעטראַכטע זאַך איז דאָס אויך ניט. װעלכע אורזאַכן האָבן געקענט

**דיקטירן צו דערפינדן אַזאַ זאַך ווי ניט לאָזן גיין אַ זון צו דער לויה פון זיין פאָטער? אויך יעזוס רייד פון „זאָלן די טויטע באַגראָבן זייערע טויטע."**

**די נאָענטסטע השערה אז די מינדלעכע טראַדיציע האָט געטראָגן אין זיך געשעענע פּאַסירונגען און סיבות פאַר יעזוס האַנדלונג, די קירכעס און די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן אויסגעלאָזן די פאַקטן און די סיבות: זיינען נאָר פאַרבליבן פאַרנעפּלטע רייד וועלכע זיינען אומפאַרשטענדלעך און וועקן אַ סך שאלות.**

מת. 2:9. „און, זע, זיי האָבן געבראַכט צו אים אַ מאַן קראַנק אויף פּאַראַליז, ליגענדיק אויף אַ בעט: און יעזוס זעענדיק זייער גלויבן האָט געזאָגט צום קראַנקן אויף פּאַראַליז; זיי מונטער, דיינע זינד וועט דיר פאַרגעבן ווערן."

**פש.** לויט די עוואַנגעליע קען אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערן אַז לגבי קראַנקהייטן האָט יעזוס געהאַלטן אַז דאָס מערסטע פון זיי ווערן פאַראורזאַכט דורך טייוואָלים, וועלכע באַזעצן זיך אין דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם; אויך אַז חולאותן זיינען אַ שטראָף פאַר די זינד פון דער פערזאָן. אַזוי ווען די זינד פון דער געוויסער פּערזאָן ווערט פאַרגעבן: טוט זיך אָפּ פון אים די קראַנקהייט.

מת. 3:9. „און, זע, אַ געוויסער פון די סופרים האָט געזאָגט (געטראַכט) אין זיך, אָט דער מאַן טוט לעסטערן."

מת. 4:9. „און יעזוס וויסענדיק זייערע געדאַנקען האָט געזאָגט, פאַרוואָס דיינקט איר שלעכטס אין אייערע הערצער?"

**פש.** מיר לייענען דאָ אַז איינער אַ סופר האָט געטראַכט, וואָרום שרייבט ער אין צווייטן זאַץ, ״וויסענדיק זייערע געדאַנקען, אין מערצאָל?**

**1) בודאי האָט אויך געקענט וויסן די רעיונות פון מענטשן און אַפילו פון מלאכים: „אַצינד געוויסע פון די דעוואָס (מלאכים) האָבן אָנגעהויבן צו צווייפלען. דער ׳מאַסטער׳, וויסענדיק זייערע געדאַנקען, און צו אָפּטאָן זייער צווייפל, האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער לופט."**

מת. 5:9. „וואָרום וואָס איז גרינגער צו זאָגן, דיינע זינד וועט דיר פאַרגעבן ווערן, אָדער צו זאָגן שטיי אויף און גיי?"

**פש.** עס איז די זעלבע שווערקייט און דאָס זעלבע גרינגקייט כאָטש אפילו „שטיי אויף און גיי" דערהאַלט אין זיך נאָר פיר ווערטער.**

מת. 6:9. „אָבער איר קענט וויסן אַז דער זון פון מאַן (בן אדם) האָט די מאַכט אויף דער ערד צו פאַרגעבן זינד (דאַן האָט ער געזאָגט צו דעם קראַנקן אויף פּאַראַליז), שטיי אויף, נעם דיין בעט, און גיי אין דיין הויז."

מת. 7:9. „און ער איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז."

**פש.** מאַתיא דערציילט אַז יעזוס איז אָקאָרשט אַראָפּ פון שיף, האָט מען געבראַכט צו אים אַ פּאַראַליזירטן מיט דער בעט אין וועלכן ער איז**

1) דזשעקאַטאַ דערציילונגען ז. 200, איבערזעצט דורך ט. וו. רהיס דאַוויד.

**געלעגן. מאַרקוס גיט איבער דעם זעלבן אינצידענט גאָר אין אַנאַנדער ווער־סיע, און ביי אַנדערע אומשטענדן. יעזוס איז געווען אין אַ הויז וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט מענטשן, אַהין האָט מען געבראַכט דעם חולה.**

מק. 1:2. „און ווידער ער איז אַריינגעקומען אין כּפר־נחום, נאָך איי־ניקע טעג, און עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן (די נייס) אַז ער איז אין הויז."

מק. 2:2. „און גלייך באַלד האָבן זיך פיל פאַרזאַמלט צוזאַמען, אַזוי פיל אַז דאָרט איז ניט געווען אָרט זיי אַריינצונעמען, ניין, ניט אַזוי פיל ווי אַרום דער טיר: און ער האָט געפּריידיקט דאָס וואָרט צו זיי."

מק. 3:2. „און זיי זיינען געקומען צו אים, ברענגענדיק איינעם וואָס איז געווען קראַנק אויף פּאַראַליז, וועלכער איז געווען געבאָרן פון פיר."

מק. 4:2. „און ווען זיי האָבן ניט געקענט צוקומען צו אים (יעזוס) איבער דער ענגשאַפט, האָבן זיי אויפגעדעקט די דאַך ווו ער איז געווען: און ווען זיי האָבן עס צעבראָכן, האָבן זיי אַרונטערגעלאָזן די בעט מיט דעם קראַנקן פון פּאַראַליז."

מק. 5:2. „ווען יעזוס האָט געזען זייער גלויבן, האָט ער געזאָגט צו דעם קראַנקן אויף פּאַראַליז, זון, דיינע זינד ווערט זיין פאַרגעבן."

**פש. לוקאַס שרייבט פון זעלבן אינצידענט אויף אַזאַ אופן:**

לוקאַס 17:5. „און עס איז פאַרגעקומען אין אַ געוויסן טאָג, ווי ער האָט געלערנט, דאָרט זיינען געווען פרושים און דאָקטוירים פון געזעץ זיצענדיק דערביי, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון יעדע שטאָט פון גלילה, און יהודה און ירושלים: און די מאַכט פון גאָט איז געווען אַנוועזנט צו היילן זיי."

**פש. דריי שרייבער גיבע איבער איין פּאַסירונג, און זייערע איבער־געבונגען שטימען ניט. מאתיא זאָגט אַז מען האָט געבראַכט צו יעזוסן אַ פּאַראַליזירטן ליגענדיק אין בעט, יעזוס האָט אים אויסגעהיילט. יעזוס האָט געוווסט וואָס אַ בייז דענקענדיקער סופר האָט געטראַכט. מאַרק גיט איבער אַז עס איז געווען אין אַ הויז, וואָס איז געווען איבערפילט מיט מענטשן. לוקאַס נעמט זיך שוין אונטער צו איבערגעבן פון וועמען זיינען באַשטאַנען די פאַר־זאַמלטע און וואָס איז געווען זייער שטאַנד, פּראָפעסיעס און זייערע פּאָליטישע בייגונגען און פון וועלכע ערטער און שטעט זיי קומען.**

**די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן געשריבן פון 70 יאָר און העכער נאָך יעזוס טויט. דער הויפּט קוואַל פון זייער אינפאָרמאַציע איז באַשטאַנען פון מינדלעכע איבערגעבונגען. מינדלעכע דערציילונגען וואָס ווערן איבער־געגעבן פון מויל צו מויל אין משך פון עטלעכע דורות, קען פאַרבלייבן דער אָנדענק פון אַ פּאַסירונג און פון גערעדטע ווערטער. אָבער וועגן דער גרויס פון זייערע פאַרזאַמלונגען, און ווער זיינען געווען די מענטשן פון פאַרזאַמלטן עולם, און פון וועלכע שטעט זיי זיינען געקומען: קען נאָר געמאָלט ווערן דורך פיקציע.**

לוק. 19:5. „און ווען זיי האָבן ניט געקענט געפינען דורך וואָס פאַר אַ **וועג צו** אַריינברענגען אים מחמת דעם גרויסן עולם, זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען

אויפן דאַך פון הויז, און האָבן אים אַרונטערגעלאָזן דורך די דאַך ציגל מיט זיין בעט אין מיטן פאַר יעזוסן.״

פּש. עס איז צו דערוואַרטן אַז גלויביקע מענטשן אין די קריסטלעכע געמיינדעס זאָלן דערציילן פון פאַרשידענע מופתים וואָס זיינען אַן אוממעג־לעכקייט אין ווירקלעכן לעבן. אָבער ווען שרייבער ברייינגען די זעלבע דער־ציילנגען דורך זייער פען, איז עס אויסן מענטשליכער אינטעליגענץ און שכל הישר. אין ווירקלעכן לעבן האָבן אַזעלכע אַקטן ניט געקענט פאַרקומען. די הויז איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, אַ גרויסער עולם איז געווען אין דרויסן אַרום דער הויז, וואָלט געווען אַ סך גרינגער אַריינצוטראָגן דעם פאַ־ראַליזירטן אַן דער בעט, ווי דורך דער גרויסער שטופעניש אַרויפנעמען די בעט מיט דעם חולה אויפן דאַך. אויך דאַרף דערוואַרט ווערן אַז יעזוס נאָכ־פאָלגער און צוהערער זיינען ניט באַשטאַנען פון אַ טאַלפּאַ פון ווילדע מענטשן. ווען זיי האָבן געזען טראָגנדיק אַ פאַראַליזירטן קראַנקן וואָלטן זיי געוויס פאַנאַנדערגעשטופּט זיך און געמאַכט פּלאַץ פאַר די טרעגער. אָבער דאָרט קומט ניט פאַר אַזוי פּשוט, מען ברעכט דעם דאַך, מען ברעכט דורוך אַ לאָך אַ לאַנגע און ברייטע עפענונג אַז די בעט מיט דעם חולה זאָל קענען אַרונטער־געלאָזן ווערן די דורכגעבראָכענע שטיקער פון ציגל וואָלטן דאַך געפאַלן אויף די קעפּ פון די וועלכע האָבן אָנגעפילט די הויז, עס וואָלט דאַך געווען אַ סכנה פאַר יעזוסן און פאַר דער בייוועזנדיקער אינוויייניק ׳מולטיטיוד׳. ד ימענטשן אין הויז דערזעענדיק די פאַלענדיקע שטיקער פון סטעליע וואָלטן דאָך געמיינט אַז די הויז פאַלט איין, וואָלט אויסגעבראָכן אַ פאַניקע און אַ לויפעריי און שטופעריי: דעמאָלסט וואָלט שוין יעזוס געהאַט צו היילן מער ווי איין פאַראַ־ליזירטן. די בעט האָט דאָך געדאַרפט לאַנדן אויף די קעפּ פון די פרושים און דאָקטוירים פון געזעץ.

מאתיא האָט פאַרשטאַנען דעם אַבסורד, האָט ער אַרויסגעוואָרפן די געשיכטע פון דער בעט דורך דעם אויפגעבראָכענעם דאַך.

מק. 12:2. „און תיכף איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גענומען זיין בעט און אַרויסגעגאַנגען פאַר זיי אַלעמען.״

לק. 22:5. „און תיכף איז ער אויפגעשטאַנען פאַר זיי, און האָט אויפ־געהויבן דאָס אויף וואָס ער איז געלעגן, און אַוועקגעגאַנגען צו זיין אייגענער הויז, גלאָריפיצירנדיק גאָט.״

דער עולם איז דאָך ניט געוואָרן ווייניקער, און הערענדיק איינער פון אַנדערן אַז דאָרט קומט פאַר אַ מופת וואָלט דאָך די שפּאַרונג געוואָרן נאָך גרעסער. די שרייבער פאַרגעסן זייער אייגענעם שרייבן, „און ער האָט גענומען זיין בעט און איז אַרויס און אַוועק צו זיין הויז.״ אויס שפּאַרונג פון מענטשן, קיינער איז ניט געווען אין זיין וועג, דער גרויסער עולם איז כהרף עין פאַרשוווּנדן.

מת. 8:9. „ווען דער גרויסער עולם האָט עס געזען, האָבן זיי געוווּנ־דערט, און גלאָריפיצירט גאָט, וועלכער האָט געגעבן אַזאַ מאַכט צו מענטשן.״

מת. 9:9. „און אַזוי ווי יעזוס איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, האָט ער

געזען אַ מאַן, מיט דעם נאָמען מאַתיא (מעטטיו), זיצענדיק ביי דער אָפּנעמונג פון שטייערצאָלונגען: און ער האָט געזאָגט צו אים, פאָלג מיר נאָך. און ער איז אויפגעשטאַנען און נאָכגעפאָלגט אים.״

**מאַרקוס גיט אָן דעם נאָמען פון דעם שטייער זאַמלער (פובליקען) לוי דער זון פון אלפעוס. לוקאַס רופט אים נאָר לוי. לויט מאתיא איז דאָס שוין דער פינפטער תלמיד.**

מאת. 10:9. „און עס איז געקומען צו פּאַסירן, אַזוי ווי יעזוס האָט זיך געזעצט עסן אין הויז, זע, פיל „פובליקענס״ און זינדער זיינען געקומען און האָבן זיך אַוועקגעזעצט מיט אים און זיינע תלמידים.״

מאת. 11:9. „און ווען די פּאַריסייער האָבן עס געזען, האָבן זיי געזאָגט צו זיינע תלמידים, ווארום עסט אייער „מאַסטער״ מיט שטייער זאַמלער און זינדער?״

**מאַרק זאָגט אַז עס איז פּאַרגעקומען אין זיין (לוי׳ס) הויז. לוקאַס: אַז לוי האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה אין זיין הויז, דאָרטן איז געקומען אַ גרויסע קאָמפּאַניע פון פובליקענס און אַנדערע. (ער וואַרפט אַרויס דעם וואָרט זינדערס). אויך גיט ער צו פּאַריסייער און סקרייבס, און זיי האָבן ניט „גע־פרעגט״ די תלמידים, נאָר געמורמלט קעגן די תלמידים, „ווארום עסט איר און טרינקט מיט פובליקענס און זינדערס.״**

מאת. 12:9. „אָבער ווען יעזוס האָט געהערט דאָס, האָט ער געזאָגט צו זיי, די וואָס זיינען געזונט דאַרפן ניט קיין רופא, נאָר די וואָס זיינען קראַנק.״

מאת. 13:9. „אָבער איר גייט און לערנט וואָס דאָס מיינט, „איך וועל האָבן רחמים און ניט אָפּפערונגס. איך בין ניט געקומען צו רופן די גערעכטע נאָר די זינדערס צו תשובה.״

**דאָס גיט צו יעזוס אַז די פּאַריסייער דאַרפן ניט קיין רופא, זיי זיינען ניט קיין זינדער.**

**אויך דאָ שליידערט יעזוס צוריק פּאַולס באַהויפּטונג: „אַז עס זיינען ניטאָ קיין גערעכטע, אַלע זיינען זינדערס, אַפילו ניט איינער אַ גערעכטער.״**

**אויך יעזוס באַציונג צו די פּרושים און סופרים איז גאָר אַן אַנדערע ווי די וואָס מען שרייבט אים צו אין דער דרשה וו ער איז פול מיט בייזקייט קעגן די פּרושים.**

**מאַרקוס און לוקאַס דערמאָנען ניט אַז יעזוס זאָל ברייננגען אויסצוגן פון נביא הושע.**

מת. 14:9. „דאַן זיינען געקומען צו אים די תלמידים פון יוחנגען (דעם טובלער), זאָגענדיק, ווארום מיר און די פּרושים פאַסטן אָפּט, נאָר דיינע תלמידים פאַסטן ניט?״

**פש. מאַרקוס שרייבט דאָס זעלבע. לוקאַסן פאַרדריסט ווארום זאָלן יוחננס תלמידים דאָס פרעגן ביי יעזוסן, דעריבער מיט אַ שטריך פון זיין פען מאַכט ער אַנדערע צו פרעגן. זאָגט לוקאַס אַז דאָס האָבן געפרעגט די פּרושים און**

**סופרים וועלכע האָבן באָאָבאַכטעט די סעודה פון לוי.**

לק. 33:5. „און זיי (די פרושים און סופרים) האָבן געזאָגט צו אים, וואָרום די תלמידים פון יוחנען פאַסטן אָפט, און זאָגן תפילות, און גלייכער־ווייז די תלמידים פון די פרושים, אָבער דיינע (תלמידים) עסן און טרינקען.״

**פש. מעגלעך אַז די תלמידים פון יוחנען האָבן געהאַלטן פון פאַסטן, אָבער די אווטאָריטעטען פון די פרושים האָבן ניט געהאַלטן און ניט גע־פאָדערט צו האָבן פריוואַטע פאַסטונגען, חוץ די אָנגענומענע תעניתים פון דין און פון די נאַציאָנאַלע טרויער טעג.**

מאת. 15:9. „און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, קענען די קינדער פון דער כלהס קאַמער טרויערן אַזוי לאַנג ווי דער חתן איז מיט זיי, נאָר די טעג וועלן קומען, ווען דער חתן וועט אָוועקגענומען ווערן פון זיי, און דאַן וועלן זיי פאַסטן.״

**פש. דאָ ווערט געבראַכט די אַפּאָקאַליפּסיע פון יעזוס אָוועקגענומען ווערן.**

מת. 16:9. „קיין מענטש שטעלט ניט אַריין אַ שטיק פון אַ נייעם טוך אין אַן אַלטן בגד, וואָרום דאָס וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן צו אויספילן רייסט אָפּ פון קלייד, און דער ריס ווערט ערגער.״

מת. 17:9. „אויך מענטשן גיסן ניט אַריין נייעם וויין אין אַלטע פלעשער: מחמת די פלעשער צעברעכן זיך, דער וויין רינט אויס, און די פלעשער ווערן פאַרדאָרבן: אָבער זיי טוען אַריין נייעם וויין אין נייע פלעשער, אוןביידע זיינען אָפּגעהיט.״

**די ביידע אַפּאָריזמען פּאַסן זיך ניט אַריין אין דעם פּלאַץ, עס מערקט זיך דאָ אַ שפּעטערדיקע האַנט וואָס האָט עס אַריינגעשטעלט. אָבער דער אַריינשרייבער האָט אַפילו ניט געחלומט ווי ווייט און ברייט מען וועט עס אויסטייטשן, ווי פון דער אָרטאָדאָקסישער קירך, אַזוי פון די מאָדערנע עוואַנ־געליע־פאָרשער, דער תוך פון קריסטענטום האָבן זיי אויסגעפונען ליגט אין די צוויי אַפּאָריזמען. יעזוס האָט ערגעץ ניט געזאָגט אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון יידישן גלויבן, און ער ברענגט אַ נייעם גלויבן. ער האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע: אַז ער איז געקומען ניט צו ענדערן אַן אות פון דער תורה, נאָר צו מקיים זיין. האָבן זיי געפונען אַ רעטונג אין די אַפּאָריזמען, אַז עס מיינט אַז דער נייער יעזוס גלויבן שטימט ניט מיט דעם יידישן אַלטן גלויבן.**

**איך ברענג איינעם פון פילע. 1) פּ. ס. קאַניבאַר זאָגט, „דער אַנטאַ־גאָניזם פון די יידן צו יעזוס איז געווען, מחמת: יעזוס האָט ווידערשפּעניקט און געזעצט צו גאַרניט די געבאָט פון משהן.״ דר. קאַניבאַר האָט געקענט באַגרינדן זיין דערקלערונג נאָר אויף די אַפּאָריזמען פון די לאַטעס, און פון נייעם וויין אין אַלטע פלעשער.**

**מאַרקוס און לוקאַס ווייסן ניט פון אַזעלכע אַפּאָריזמען. דאָס באַשטעטיקט די אינטערפּאָלאַציע.**

מאת. 18:9. „ווייל ער האָט גערעדט די זאַכן צו זיי, זע, דאָרט איז געקומען

1) דער געשיכטלעכער קריסטוס, זייט 110, 1914.

אַ געווויסער באַאַמטער, און זיך געקניט פאַר אים, זאָגנדיק, מיין טאָכטער איז איצט אַפילו טויט: אָבער קום און לייג דיין האַנט אויף איר, און זי וועט לעבן."

מאַת. 9: 19. „און יעזוס איז אויפגעשטאַנען, און נאָכגעפאָלגט אים, און אַזוי האָבן געטאָן זיינע תלמידים."

**פש. מאַרקוס גיט איבער די זעלבע זאַך, נאָר זאָגט אַז זיין נאָמען איז געווען דזשאַירוס, ער איז געווען אַ באַאַמטער פון אַ סינאַגאָגע, און האָט געזאָגט, אַז זיין טאָכטער האַלט ביים שטאַרבן. לוקאַס אויך כמעט דאָס זעלבע. אויך מערקט זיך אַז דער פאָטער פון דער קראַנקער טאָכטער האָט געהאַט גרויס גלויבן אין יעזוס; זיכער גרעסער פון דעם רוימישן אָפיצער. ער האָט ניט געזאָגט, זאָג נאָר צו די גייסטער, גיי, אַזוי ווי איך זאָג צו מיינע סאָלדאַטן, און זיי פאָלגן מיך.**

**ער האָט געזאָגט: 'ריר איר נאָר אָן און זי וועט לעבן'. איז וואָרום האָט יעזוס אויפגענומען דעם סאָלדאַטס גלויבן, אַז אַזאַ גלויבן געפינט זיך ניט אין ישראל? — אַ גוי האָט דעם מזל.**

מת. 20:9. „און, זע, אַ פרוי וועלכע איז געווען קראַנק צוועלף יאָר אויף אַ בלוט־פלוס, איז געקומען הינטער אים, און אָנגערירט דעם זוים פון זיין קלייד:"

מת. 21:9. „ווייל זי האָט געזאָגט צו זיך זעלבסט, אויב איך זאָל קענען אָנרירן זיין קלייד, וועל איך ווערן געזונט."

מת. 22:9. „נאָר יעזוס האָט זיך אומגעקערט, און ווען ער האָט איר דערזען האָט ער געזאָגט, טאָכטער, זיי געטרייסט; דיין גלויבן האָט דיך גע־מאַכט געזונט. און די פרוי איז געזונט געוואָרן פון יענער שעה."

**פש. מאַתיא גיט איבער דעם אינצידענט פון דער פרוי קירצער ווי עס טוען מאַרקוס און לוקאַס, אָבער מער ראַפינירט און שענער. מאַרקוס ברייננגט עס איז 9 זאַצן אין 34.25:5. אויך לוקאַס האָט עס איז 43:8־48. לויט מק. און לק. האָט זיך יעזוס אומגעקערט און געפרעגט ווער האָט מיך באַרירט? די תלמידים האָבן געזאָגט וואָרום פרעגסטו אונדז? עס איז אַזאַ גרויסער עולם אַרום. די פרוי איז געוואָרן דערשראָקן און האָט געציטערט פון מורא. זי איז געפאַלן צו זיינע פיס און דערציילט דעם אמת...**

**אייניקע עוואַנגעליע פאָרשער האָבן אָנגענומען אַ מעטאָדע אַז דער אַוטאָר פון די עוואַנגעליעס וועלכער נעמט אַ באַשרייבונג פון דעם אַנדערן און מאַכט עס גרעסער, ציט אויס לייגנער די באַשרייבונג, איז ער דער לעצטער, די קירצערע באַשרייבונג איז פון אַ פריערדיקער צייט. אַזאַ מעטאָדע צו באַ־צייכענען די צייט פון די עוואַנגעליעס נאָך דער מאָס פון זייער צעציאונג קען ניט אָנגענומען ווערן. די שרייבער פון די עוואַנגעליעס האָבן שוין צופיל גענוצט די פרייקייט פון זייער שרייבן נאָך זייער ווילן און ווונטש. יעדער אַוטאָר האָט געשריבן נאָך זיין אייגענער דאָקטרינע פון גלויבן, און געשעענישן באַשריבן נאָך זיין אייגן געשמאַק און אייגן גאַנג פון דענקען; זייערע אייגענע**

**געדאַנקען האָבן זיי געמאַכט צו ריידן יעזוסן און אַנדערע. דער שפּעטסטער שרייבער ווען ער האָט געפונען פאַר נויטיק קירצן און באַאַרבעטן פּסוקים פון אַ פריערדיקן אַווטאָר האָט ער דאָס געטאָן. אַזוי דאָ, מאַרקוס דער פריער־דיקער גיט אַ לענגערע באַשרייבונג פון דער היילונג פון דער פרוי מיט אַ בלוט־פלוס, און דער שפּעטערדיקער מאתיא האָט געפונען פאַר נויטיק די זאַך מאַכן קירצער און אַרויסוואַרפן רייד וואָס זיינען אים ניט געפעלן.**

מת. 23:9. „און ווען יעזוס איז געקומען אין דעם באַאמטנס הויז, און געזען די קלעגער און די מענטשן מאַכן אַ געטומל."

מת. 24:9. „האָט ער געזאָגט צו זיי, מאַכט פּלאַץ: ווארום דאָס מיידל איז ניט טויט, נאָר שלאָפט. און זיי האָבן אים שפּאָטיק אויסגעלאַכט."

מת. 25:9. „אָבער ווען די לייט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן, איז ער אַריין געקומען, און האָט איר גענומען ביין האַנט, און די מיידל איז אויפ־געשטאַנען."

**פּירוש. דאָ אויך פאַרקירצט מאתיא די דערציילונג פון מאַרק און לוקאַס.**

מאַרק 35:5. „ווייל ער האָט נאָך גערעדט, דאָרט איז געקומען פון דעם באַאמטנ׳ס פון דער סינאַגאָגע הויז אַ געוויסער מאַן, וועלכער האָט געזאָגט, דיין טאָכטער איז טויט: ווארום באַמיעסטו דעם האַר (מאַסטער) אַצינד?"

מאַרק 36:5. „אַזוי באַלד ווי יעזוס האָט געהערט דאָס וואָרט וואָס איז גערעדט געוואָרן, האָט ער געזאָגט צום באַאַמטן פון דער סינאַגאָגע, האָב ניט קיין מורא, און גלויב."

מאַרק. 37:5. „און ער האָט ניט דערלויבט קיין מאַן נאָכפּאָלגן אים, חוץ פּעטרוס, און יעקב (דזשיימס) און יוחנן (דזשאָן) דער ברודער פון יעקב."

מאַרק 40:5. „האָט ער גענומען דעם פאָטער און די מוטער פון דער מיידל, און זיי וואָס זיינען געווען מיט אים, און אַריינגעקומען ווו די מיידל איז געלעגן."

מאַרק 41:5. „און ער האָט גענומען דאָס מיידל פאַרן האַנט, און האָט געזאָגט צו איר, תליטא קומי (טאַליטאַ קומי); וועלכעס איז, זייענדיק איבער־זעצט, מיידל, איך זאָג צו דיר, שטיי אויף."

**— דאָס ווייזט אַז מאַרק שרייבט אין גריכיש צו לייענער גריכן, דערפאַר האָט ער איבערזעצט פאַר זיי יעזוס זאָגן פון אַראַמעיש. אויך מאַרק און לוקאַס גיבן אָן דאָס עלטער פון מיידל אַז זי איז אַלט געווען צוועלף יאָר. מאתיא האָט גראד פאַרשטאַנען עז עס איז צופיל צו געדענקען אין מינדלעכער איבער־געבונג יעדן דעטאַל, אַפילו דעם עלטער.**

מאַרק 42:5. „און תיכף איז די מיידל אויפגעשטאַנען, און אַרומגעגאַנגען; ווארום זי איז געווען פון עלטער פון צוועלף יאָר. און זיי זיינען געווען דער־שטוינט מיט גרויס דערשטוינונג."

**פּש. לוקאַס מיט לייכטע ענדערונגען כמעט דאָס זעלבע.**

מאת. 26:9. „און דער רום פון דערויף האָט זיך צעשפּרייט אין גאַנצן **יענעם געגענט.**

**פש.** **מאַרקוס ווערסיע איז ווי פאָלגט:**

מאַרק 43:5. „און ער האָט זיי גלייך אָנגעזאָגט אַז קיין מענטש זאָל ניט וויסן עס. און באַפעלן אַז מען זאָל איר געבן עפעס צום עסן."

לוק. 56:8. „און אירע עלטערן זיינען געווען דערשטוינט. אָבער ער האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן ניט דערציילן צו קיין מענטשן וואָס איז געטאָן געוואָרן."

**פש.** **מיט רעכט האָט דאָס מאתיא אויסגעלאָזן. ווייל דער „קיינעם ניט דערציילן" האָט ניט קיין שום זין. עס איז געווען אַ פולע שטוב מיט מענטשן, קלעגערינס און פריינט. זיי אַלע זיינען געווען זיכער אַז די מיידל איז טויט, האָבן זיי אויסגעלאַכט יעזוסן וואָס ער האָט געזאָגט אַז זי שלאָפט. איצט האָבן אַלע געזען ווי יעזוס האָט איר אויסגעהיילט: איז וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו אָנזאָגן די עלטערן, 'צו קיינעם ניט דערציילן'?**

מאת. 27:9. „און ווען יעזוס איז אַוועק פון דאָרטן, צוויי בלינדע מענער האָבן נאָכגעפאָלגט אים, וויינענדיק, און זאָגענדיק, דו זון פון דוד, האָב רחמנות אויף אונז."

**פש.** **מילא, ווען אַ קראַנקער באַזעסן פון אַ בייזן גייסט רופט יעזוסן „זון פון דוד" קען דערקלערט ווערן, אַז אין דער גייסטער וועלט איז ניטאָ קיין סודות, זיי ווייסן. אָבער בלינדע מענטשן האָבן דאָך זיכער ניט געלייענט די גענעאַלאָגיעס פון מאתיא און לוקאַס איז פון וואַנען האָבן זיי געקענט וויסן אַז ער איז אַ זון פון דוד?**

מאת. 28:9. „און ווען ער איז געווען געקומען אין זיין הויז, די בלינדע מענטשן זיינען געקומען צו אים: און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, גלויבט איר אַז איך בין קאַפּאַבל צו טאָן דאָס? זיי האָבן געזאָגט צו אים, יע, לאָרד."

מאת. 29:9. „דאַן האָט ער באַרירט זייערע אויגן, זאָגענדיק, לויט אייער גלויבן זאָל זיין צו אייך."

מאת. 30:9. „און זייערע אויגן האָבן זיך געעפנט; און יעזוס האָט זיי דרינגלעך געוואָרנט, זאָגענדיק, זעט אַז קיין מענטש זאָל וויסן."

מאת. 31:9. „נאָר זיי, ווען זיי זיינען אַוועק, האָבן זיי פאַרשפּרייט זיין רום אין גאַנצן געגענט."

**פש.** **דער מופת פון אויסהיילן די צוויי בלינדע איז נאָר געבראַכט ביי מאתיא אַליין. מאַרקוס און לוקאַס האָבן דאָס ניט אין זייערע עוואַנגעליעס. אַלע דריי גיבן איבער אַן אַנדער פאַל פון היילן אַ בלינדן, נאָר דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון זייער וועג נאָך ירושלים, נעבן יריחו.**

מאת 32:9. „ווען זיי זיינען אַרויס, זע, זיי האָבן געבראַכט צו אים אַ שטומען מאַן באַזיסן מיט אַ טייוול."

מאת. 33:9. „און ווען דער טייוול איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן, דער שטומער האָט גערעדט: און די מולטיטיוד האָט געוווּנדערט, זאָגענדיק, עס איז קיינמאָל אַזוינס ניט געזען געוואָרן אין ישראל."

**עס פאָדערט זיך אַ באַלייכטונג פון די צוויי אויבן געבראַכטע זאַצן.**

אַזוי ווי זיי, די בלינדע, זיינען אַרויס האָט מען געבראַכט אַ שטומן. ווען דער שטומער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט די ׳מולטיטיוד׳ געוווּנדערט. איז דאָך דאָרטן געווען אַנווּזענדיק אַ גרויסער עולם, וויבאַלד אַז עס איז געווען אַנ־ווּזענדיק אַן עולם האָבן זיי דאָך אויך געזען ווי די צוויי בלינדע האָבן אָנגעהויבן זען. ווו איז די פּאַרשטענדעניש פון אַזאַ געטלעכן מאַן צו אָנזאָגן זיי פּאָר קיינעם ניט דערציילן ווען זיי זיינען געעדותט ביי גרויסע צאָלן מענטשן?

מאת. 34:9. „אָבער די פּרושים האָבן געזאָגט, ער וואַרפט אַרויס די טייוואָלים דורך דעם פּרינץ פון טייוואָלים.״

פּש. איבער דערויף קאָמענטירן אין אַן אַנדער פּלאַץ.

מאת. 35:9. „און יעזוס איז געגאַנגען אַרום אַלע שטעדט און דערפער, לערנענדיק אין זייערע סינאַגאָגעס, און פּריידיקנדיק די בשורה פון דער מלוכה און היילענדיק איטליכע קראַנקהייט צווישן די מענטשן.״

מאת. 36:9. „אָבער ווען ער האָט געזען דעם גרויסן עולם (מולטיטיוד), איז ער געוואָרן גערירט מיט רחמנות אויף זיי, מחמת זיי זיינען געווען פאַר־חלשט און צעשפּרייט אַרום, אַזוי ווי שאָף ניט האָבענדיק קיין פּאַסטוך.״

פּירוש — אין די לעצטע זעקס קאַפּיטלען ווערט אַלץ דערציילט און גע־זאָגט פון די גרויסע עולמס וועלכע האָלטן אין איין באַגלייטן און נאָכפּאָלגן יעזוסן, זיי פּילן אָן אַלע הייזער און פּלעצער ווו נאָר ער געפינט זיך, און מיט אַמאָל ברייגנט מאתיא אַזאַ איבעררעשונג, „ווי ער האָט דערזען די מולטיטיוד, דוכט זיך עס וואָלט געווען אַן איבעררעשונג ווען עס וואָלט געזאָגט געוואָרן, ער האָט אַ קוק געטאָן און געזען קיינע מולטיטיוד. „די מולטיטיוד איז געווען צעשפּרייט, ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך״ וואַרום? יעזוס איז דאָך דערביי, ער זעט די צעשפּרייטע מולטיטיוד, איז ער ניט גוט גענוג צו זיין זייער פּאַסטוך, צו ברייגען זיי צוזאַמען?

מאת. 37:9. „דאַן האָט ער געזאָגט צו די תלמידים, דער שניט איז באמת איבערגעננוג, אָבער די אַרבעטער זיינען ווייניק;״

מת. 38:9. „בעט דערפאַר דעם האַר (לאָרד) פון דער שניט־אָראָפּנעמונג, אַז ער זאָל פּאָרויסשיקן אַרבעטער פאַר דער איינזאַמלונג.״

פּירוש. דאָ ווידער מאתיא האָלט אָן אַ טראַדיציאָנאַלע איבערגעבונג און מיעט זיך אַריינברייגנען און אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון עקזעסטירענדיקן קריסטענטום. פון שטאַנדפּונקט פון דעם קריסטענטום וועמען מאתיא פאַר־טרעט איז יעזוס מיסיע צו פּריידיקן די מלוכה און אַרויסוואַרפן טייוואָלים. אויב די הויפּט אַרבעט באַשטייט אין פּריידיקן די מלוכה, איז יעזוס זייער אַ גוטער פּריידיקער און האָט תלמידים וואָס קענען אַרויסהעלפן. יעזוס דאַרף ניט גיין זוכן אַן אדיענץ. די אדיענץ לאָזט אים ניט אָפּ, ווו ער קומט געפינט ער שוין גרויסע „מולטיטיודס״ וואַרטענדיק אויף אים. ווען אַזויפיל מענטשן פון אַלע עקן לאַנד קומען אים הערן, איז געוויס זיינען זיי וויליק צו טאָן תשובה צו קענען אַריין אין דער קיניגרייך. און אַפילו אין אַרויסטרייבן טיי־

**וואָלים האָט ער די תלמידים אַלץ אַרויסהעלפער, זיי האָבן געקראָגן אַלע אינסטרוקציעס ווי זיי אַרויסוואַרפן. דאָס ווייזט אַז יעזוס מיסיע איז געווען מער ווי פּריידיקן, עס האָבן זיך געפאָדערט טאָטן, אַרבעט אויף אַראָפּברייגגען די מלוכה, אָרגאַניזירן די אויפנעמונג פון דער מלוכה, און איינאָרדענונגען אין דער פירונג פון דער מלוכה.**

## צענטער קאַפּיטל

# די באַשטימונג פון די צוועלף אַפּאָסטלס.

מאַת. 1:10. „און ווען ער האָט גערופן צו אים זיינע צוועלף תלמידים, האָט ער זיי געגעבן די מאַכט איבער די אומריינע גייסטער, צו אַרויסוואַרפן זיי, צו היילן אַלע פאַלן פון קראַנקהייטן און אַלע סאָרטן פון חולאתן.״

מאַת. 2:10. „איצט די נעמען פון די צוועלף אַפּאָסטלס זיינען די דאָזיקע: דער ערשטער, שמעון, וועלכער איז גערופן פּעטרוס, און אַנדריי זיין ברודער; יעקב (דזשיימס) דער זון פון זבדי; און זיין ברודער יוחנן (דזשאָן); (3:10) פיליפּוס און ברתלמי; תומא (טהאָמאַס) און מתי (מאַטטהיו) דער שטייער איינזאַמלער (פּובליקען); יעקב דער זון פון חלפי (אַלפעאוס), און תדי (טהאַדדעוס); (4:10) שמעון הקנאי (זילאָט) און יהודה איש קריות (איסקאַריאָט), וועלכער האָט אים פאַרראַטן.״

מת. 5:10. „די צוועלף האָט יעזוס אַרויסגעשיקט, און באַפעלן זיי, זאָגענדיק, גייט ניט אויף דעם וועג פון די גוים (דזשענטיילס), און אין קיינע שטעט פון די שמרונים (סאַמאַריטענס) קומט ניט אַריין.״

מת. 6:10. „אָבער גייט בעסער צו די פאַרלאָרענע שאָף פון דער הויז פון ישראל.״

**פּש. יעזוס באַפעלן צו זיינע תלמידים שטימען ניט לגמרי מיט די שלוסן פון די קריסטלעכע קירכעס, און די מאָדערנע עוואַנגעליע קאמנטאַטאָרס, אַז יעזוס איז געווען אַן אוניווערסאַליסט און געפּריידיקט אוניווערסאַליזם.**

מת. 7:10. „און אַזוי ווי איר גייט, פּריידיקט, זאָגנדיק, די מלוכה פון הימל קומט באַלד.״ (8:10) „היילט די קראַנקע, רייניקט די מצורעים, מאַכט לעבעדיק די טויטע, וואַרפט אַרויס די טייוואַלים, פריי האָט איר געקראָגן, פריי גיט.״

**פּש. עס קומען די ווערסיעס וועגן יעזוס אַרויסשיקן די אַפּאָסטלס פון מאַרקוס און לוקאַס:**

מאַרקוס 7:6. „און ער האָט גערופן צו זיך די צוועלף, און האָט אָנגעהייבן זיי אַרויסשיקן (אין פּאָרן) צוויי און צוויי; און האָט זיי געגעבן מאַכט איבער אומריינע גייסטער.״

מאַרק 12:6. „און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, און געפּריידיקט אַז מענטשן זאָלן תשובה טאָן.״

מאַרק 13:6. „און זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פיל טייוואָלים, און באַשמירט מיט אויל פיל וואָס זיינען געווען קראַנק, און געהיילט זיי.״

**ענלעך צו מאַרקוס איז לוקאַס נוסח:**

לוקאַס 1:9. „דאַן האָט ער גערופן זיינע צוועלף תלמידים צוזאַמען, און געגעבן זיי מאַכט און אויטאָריטעט איבער אַלע טייוואָלים און צו היילן קראַנקהייטן.״

לוק 2:9. „און ער האָט זיי געשיקט צוו פריידיקן די מלוכה פון גאָט, (לוקאַס געברויכט פון גאָט אנשטאט פון הימל), און צו היילן די קראַנקע.״

לוק. 6:9. „און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, און געגאַנגען דורך די שטעט, פריידיקונדיק די עוואַנגעליע (פון דער מלוכה), און היילענדיק אומעטום.״

**מאַרק און לוקאַס דערמאַנען ניט אַזאַ זאַך ווי יעזוס זאָל אָנזאָגן 'מאַכט לעבעדיק די טויטע'. אַלע דריי נעמען פון איין קוואַל, גיט ניט קיין אורזאַך וואָרום לוקאַס און מאַרקוס זאָלן אויסלאָזן אַזאַ אומגעהייער גרויסע איבער־נאַטירלעכע מאַכט צו לעבעדיק מאַכן טויטע. זיי האָבן איסגעלאָזן ווייל זיי האָבן ניט געהערט פון אַזאַ טראַדיציע אַז יעזוס זאָל געבן צו די תלמידים די מאַכט. שטעלט זיך די פראַגע פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָט דאָס גענומען מאתיא? דער איינציקער ענטפער איז, אַז עס איז ניט געווען קיין קוואַל פון וועלכן צו נעמען. אויך די אויטאָרס פון די עוואַנגעליעס נויטיקן זיך ניט אין קוואַלן און רעקאָרדס; אַז מען שרייבט שוין מאַכט מען די זאַך נאָך גרעסער.**

מאת. 9:10. „נעמט ניט קיין גאָלד, ניט קיין זילבער, אויך ניט מעש אין אייערע בייטלען.״

מאת. 10:10. „ניט קיין רייזע־טאַש פאַר אייער נסיעה, אויך ניט קיין צוויי רעק, ניט קיין שיך, אויך ניט קיין שטעקנס: וואָרום דער אַרבעטער איז ווערט זיין עסן.״

**פש. לויט מאַרקוס האָט יעזוס גראַד געהייסן מיטנעמען אַ שטעקן.**

מאת. 11:10. „און אין וועלכער עס איז שטאָט אָדער שטעטל איר וועט אַריינקומען, פרעגט זיך נאָך ווער איז דאָ אַ ווירדיקער (מענטש); דאָרט פאַר־ווײלט ביז איר וועט אַוועק פון דאָרטן.״

מאת. 12:10. „און ווען איר קומט אין אַ הויז, באַגריסט עס.״

מאת. 13:10. „און אויב די הויז וועט זיין ווערט, זאָל אייער פרידן קומען אויף איר: אָבער אויב עס וועט זיין ניט ווערט, זאָל אייער פרידן אומקערן זיך צו אייך.״

מאת. 14:10. „און דער יעניקער וואָס וועט אייך ניט אויפנעמען, און ניט הערן אייערע ווערטער, ווען איר גייט אַרויס פון יענער הויז אָדער שטאָט, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון אייערע פיס.״

מאת. 15:10. „באמת זאָג איך אייך, עס וועט זיין מער גרינגער פאַר דעם לאַנד פון סדום און עמורה אין דעם טאָג פון משפט, ווי פאַר יענער שטאָט.״

פּש. לוקאַס האָט דעם ביישפּיל פון סדום און עמורה ווען ער האָט אַרויסגעשיקט די זיבעציק.

די שליחות פון די אַפּאָסטלס, לויט די באַשרייבונגען פון די אַווטאָרס, איז באַשטאַנען צו פּריידיקן די נאָענטקייט פון דער אָנקומענדיקער הימלישער מלוכה, רופן צו תשובה, און היילן קראַנקע. וואָרום איז געווען נויטיק צו פאַרוויקלען דאָס אין אַזאַ געהיימניש און אַרומרינגלען מיט קאָנספּי־ראַטיווע פאַרזיכערונגען? אַז זיי קומען אַריין אין אַ שטאָט, און האָבן פּלענער זיך אָפּשטעלן אין אַ פּלאַץ אָדער הויז פאַר וויינונגס צוועקן: זאָלן זיי זיך פריער גוט פאַנאַנדער פרעגן ווער איז אין שטאָט ווערט און ווירדיק. וואָרום איז געווען נויטיק אַזאַ פאַרזיכטיקייט, און די אויספאָרשונגען אויף דער מעג־לעכקייט צו קענען זיך פאַרלאָזן אויף יענע מענטשן? אויב די איינצעלנע מענטשן אָדער שטאָט וועט זיי ניט אויפנעמען, ניט הערן זייערע רייד: דאַן וועט די שטראָף פון סדום און עמורה זיין צו קליין פאַר זיי. אַזאַ ביטערע שטראָף איז אָנגעגרייט פאַר די מענטשן וועלכע הערן ניט זייערע רייד, היינט וואָס פאַר אַ שטראָף האָט יעזוס פאַר די וועלכע וואָלטן זיך באַציען פיינטלעך צו זיי?

יעזוס האָט דאָ ניט לאַנג צוריק אַזוי אימפּאָזאַנט אָנגעזאָגט: „אָבער איך זאָג אייך, בענטשט די וואָס שילטן אייך, טוט גוטס צו די וואָס האַסן אייך״; און אַצינד, נאָר פאַר ניט צוהערן זיך צו די תלמידים: אַנשטאָט בענטשן, פאַרשילט זיי יעזוס מיט אַזאַ ביטערער קללה.

מת. 17:10. „אָבער היט זיך פאַר מענטשן: וואָרום זיי וועלן אייך איבערגעבן צו די קאָנסולס, און זיי וועלן אייך שמייסן אין זייערע סינאַגאָגעס.״

פּש. מיט עלף זאַצן צוריק זאָגט יעזוס, „גייט נאָר צו די פאַרלאָרענע שאָף פון דער הויז פון ישראל״, איצט ווערט שוין ביי יעזוסן „זייערע סינאַ־גאָגעס״, יעזוס פאַרגעסט שוין אין גאַנצן אויף דער הויז פון ישראל. יעזוס אינסטרוקציעס צו די תלמידים איז געווען צו פּריידיקן אַז די מלכותא דשמיא איז נאָענט, עס קומט באַלד דער יום־הדין, און רופן די הויז פון ישראל צו תשובה; די פּריידיקונגען זיינען ניט קיין אָפּקער פון דער תורה און ניט פון דער טראַדיציע, פאַרקערט עס דריקט אויס טיפן יידישן גלויבן, די אַספּי־ראַציעס פון יידנטום. פאַר אַזעלכע פּריידיקונגען וואָלט מען קיינעם ניט גע־שמיסן אין די בתי כנסיות: ווייל אויב עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלטן אַלע יידן אין די סינאַגאָגעס געדאַרפט געשמיסן ווערן. דער קומענדיקע זאַץ דערקלערט מער.

מת. 18:10. „און איר וועט געבראַכט ווערן פאַר גאָווערנאָרס, קיניגער פאַר מיינטוועגן ווי אַן עדות קעגן זיי און די גוים.״

פּש. ווען יעזוס האָט געגעבן זיינע פאַראָרדנונגען צו די אַפּאָסטלס אַז זיי זאָלן נאָר גיין איבער די שטעט און שטעטלעך פון יהודה, האָט ער זייער וווּיל געוווּסט אַז יידן האָבן ניט קיין גאָווערנערס און ניט קיין מלכים: האָט דאָך יעזוס בלי ספק געמיינט די גאָווערנערס און קיניגער פון דער רוימישער

**אימפעריע. מאַרקוס און לוקאַס שרייבן אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט אין אַן אַנדער צייט:**

לוק. 11:12. „און זיי וועלן אייך ברענגען אין די סינאַגאָגעס, און צו מאַגיסטראַטן, און צו מאַכטן, טראַכט ניט ווי און וואָס איר זאָלט ענטפערן. (12) און איידער דאָס אַלץ, וועלן זיי לייגן זייערע הענט אויף אייך, און זיי וועלן אייך פאַרפאָלגן, איבערגעבענדיק אייך צו די סינאַגאָגעס, און אין די תפיסות, ווערענדיק געבראַכט פאַר קיניגער און הערשער פאַר מיין נאָמענס וועגן."

**פש. די ווערטער 'מאַגיסטראַטן, רולערס, גאָווערנערס און מלכים' באַווייזן אַן קיין שום ספק אַז יעזוס האָט זיי ניט געזאָגט, ווייל אין זיין צייט איז געווען נאָר איין מלך, דער אימפעראַטאָר אין רוים. אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען קריסטענטום האָט זיך אַנטוויקלט, און צאָליקע קירכעס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין צענטערס פון דער רוימישער אימפעריע, ווען די רוימישע מאַכט האָט אָנגעהויבן אויף איר ברוטאַלן שטייגער אויסראָטן און פאַרניכטן דעם נייעם אויפגעקומענעם גלויבן: האָבן די פאָטערס און אַוטאָריטעטן פון די קירכעס געזוכט מיטלען צו שטאַרקן דעם מוט פון די פאַרפאָלגטע קריסטן. דער מיטל איז געווען אַז יעזוס האָט פאָרויסגעזען די פאַרפאָלגונגען, און דאָס איז דער נסיון פאַר די גלויביקע, דעריבער מוזן זיי זיך האַלטן שטאַרק און אויסשטיין די פאַרפאָלגונגען. צוליב דעם צוועק זיינען געשאַפן געוואָרן זאָגנגען פון יעזוס. די אוטאָרס פון די גאָספּלס האָבן צו די ווערטער, גאָווערנערס, מאַגיסטראַטן, רולערס, מלכים צוגעגעבן דעם וואָרט סינאַגאָגעס און פאַרוואַנדלט די רוימישע פאַרפאָלגונגען אויף רדיפות פון די יידן.**

**יעזוס שיקט די אַפּאָסטלס נאָר צו די יידן, ער באַפעלט זיי אויסמיידן די גוים און זייערע שטעט, ברענגט מאַתיא אַריין אַ דיסקאָרד און צעמישונג: די טעסטימאָניע קען דאָך זיין נאָר קעגן די יידן, און ניט קעגן די גוים וועלכע האָבן קיין וואָרט ניט געהערט פון יעזוס און זיינע תלמידים. די 'טעסטימאָניע' איז קעגן מאַתיא, אַז דאָס זיינען די רייד פון מאַתיא און ניט פון יעזוס, אָדער פון אַ ווייט שפּעטערדיקער אינטערפּאָלאַציע.**

מת. 16:10. „זעט איך שיק אייך פאָרויס ווי שאָף אין דעם מיטן פון וועלף: דערפאַר זייט קלוג ווי עקדעשן און אומשעדלעך ווי טויבן."

מת. 19:10. „אָבער ווען זיי וועלן אייך איבערגעבן האָט ניט אין אייער זינען ווי אָדער וואָס איר זאָלט ריידן: ווארום עס וועט אייך געגעבן ווערן אין דער זעלבער שעה וואָס איר זאָלט ריידן. (20:10) ווארום עס איז ניט איר וואָס רעדט, נאָר דער גייסט פון אייער פאָטער וואָס רעדט אין אייך."

**פש. דאָס איינע פון די אָנגענומענע מיטלען אין פאַל פון אַרעסט — ניט ריידן און גאָר ניט זאָגן.**

מת. 21:10. „און דער ברודער וועט אויסליפערן דעם ברודער צום טויט און דער פאָטער די קינדער: און די קינדער וועלן אויפשטיין קעגן זייערע

עלטערן, און פאַראורזאַכן צו איבערגעבן זיי צום טויט.״

פּש. דאָס האָט אַלץ אַ שייכות צו די רוימישע פאַרפאָלגונגען, אָבער עס פאַרלירט דעם זין און אינהאַלט אין יעזוס מויל. דער זאַץ 21 איז אַן איבער־זאָגונג פון נביא מיכה; נאָר דער נביא רעדט מיט ווייטיק אין זיין האַרצן, מיט פאַרדרוס, ער זאָגט: „אַללי לי ׳ווי איז מיר׳ וואָס עס געפינט זיך איצט אַזאַ שלעכטער צושטאַנד״: מיכה 6:7. „ווארום אַ זון באַנוועלט אַ פאָטער, אַ טאָכטער שטעלט זיך קעגן איר מוטער, אַ שנור קעגן איר שוויגער. די שונאים פון אַ מענטשן זיינען זיינע הויזלייט.״ זאָגט דער נביא: „אָבער איך קוק אויס אויף יאַהווע, איך האָף צום גאָט פון מיין הילף.״

דער נביא באַדויערט די לאַגע פון דער קעגנוואַרט, ער קלאָגט אויף דעם פאַרקום פון אומאייניקייט און קעגן־שטעלונג אין די משפחות. יעזוס זאָגט אויף דער נאָענטער צוקונפט, אָן רעדט ניט בלויז פון קעגנערשאַפט אין די משפחות, נאָר פון טויטן איינע די אַנדערע. לוקאַס זוכט אַ מאָדיפיקאַציע אַנדערשט ער, אַז זייערע משפחות וועלן זוכן טויטן די תלמידים.

לוק. 16:21. „און איר וועט פאַרראַטן ווערן ביידע דורך עלטערן און ברידער און קרובים, און פריינד; און מאַנכע פון אייך וועלן זיי פאַראורזאַכן צו ווערן געטויטעט.״

מאַרק (12:13) אין זעלבן נוסח פון מאתיא. מיר שטייען פאַר דעם ספק, וואָס האָט פאַרט יעזוס געזאָגט? אויב ער האָט געזאָגט ווי מאַרקוס און מאתיא שרייבן, אַז יעדער איינער פון די נאָענטע אין זייערע פאַמיליעס האָבן געזוכט צו טויטן איינע די אַנדערע, אָדער ווי לוקאַס שרייבט אַז פאָטער, מוטער, און קרובים וועלן זוכן טויטן די תלמידים?

מאַת. 22:10. „און איר וועט געהאַסט ווערן פון אַלע מענטשן פאַר מיין נאָמענס וועגן, נאָר דער וואָס וועט אויסהאַלטן ביז דעם סוף וועט געראַטעוועט ווערן.״

מאַת. 23:10. „אָבער ווען זיי וועלן אייך פאַרפאָלגן אין דער שטאָט, לויף (פלי) אין אַן־אַנדער: ווארום באמת זאָג איך אייך, איר וועט ניט האָבן דורכגעגאַנגען די שטעט פון ישראל, ביז דער בן אדם (זון פון מאַן) קומט.״

פּש. יעזוס רעדט פון דער געגענוואַרטיקער צייט, „זעט, איך שיק אייך אַרויס ווי שאָף״ און אַלץ וועט געשען צו די אַפּאָסטלס אין דער צייט פון דער איצטיקער מיסיע: און די תלמידים זיינען געקומען צוריק בשלום, מען האָט זיי ניט פאַרפאָלגט, וועלף האָבן זיי ניט צעריסן, ניט איבערגעגעבן זיי צום סנהדרין, און ניט געשמיסן אין די סינאַגאָגעס, און ניט געלאָפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער.

יעזוס שווערט צו די תלמידים אויף זיין אמת, אויף זיין וואָרט, אַז ווען זיי וועלן נאָך ניט צייט האָבן צו פאַרענדיקן זייער איצטקע שליחות, וועט ער קומען, און די מלוכה פון הימל וועט שוין הערשן. איז דאָס מקוים געוואָרן?

לויט אַלע דריי עוואַנגעליעס טראָגן יעזוס אַנזאָגונגען צו די תלמידים

**אַוטאָריטעט, ווי די תלמידים זיינען מייסטערס פון דער סיטואַציע. זיי דאַרפן אויסוויילן ווו צו נעכטיקן און ווו צו שלאָפן, און אויף וועלכער הויז אָדער שטאָט געבן זייער ברכה, אויב מען וועט זיי ניט אויפנעמען געהעריק שאָקלט אָפּ די שטויב פון אייערע פיס, און די שטאָט וועט נאָך ווייניקער געדולדיקט ווערן פון סדום. גלייך ווערן זיינע רייד אָפּגעבראָכן, און עס קומען אַריין פרעמדע רייד, און א אַווידערשפּרעכענדיקע מיינונג. פּלוצלונג פאַרלירן די אַפּאָסטלס זייער גאַנצע אַוטאָריטעט פון צו היילן און לעבעדיק מאַכן טויטע, פון זייער אייגענעם אויסוואַל פון ווו צו פריידיקן און וואָס צו פריידיקן: זיי דאַרפן פליען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. די תלמידים דאַרפן אויסמיידן די גוים און זייערע לענדער און ווייַנונגס ערטער: פון וואַנען וועלן די גוים וויסן זיי צו האַסן און אין וועמענס נאָמען? און ווי וועלן וויסן די תלמידים אַז מען האַסט זיי? עס איז אַ ספק־ספקא אַז יעזוס האָט גערעדט די דאָזיקע רייד: די זאַצן 15—23 זיינען רייד פון אַווטאָר, אָדער אַן אַריינשטעלונג פון אַ שפּעטערדיקער האַנט.**

**נאָך דעם ווען יעזוס האָט פאַרענדיקט זיינע אַלע אָנווייזונגען צו די תלמידים, האָט ער אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינעם אונטעררייכט.**

מת. 24:10. „דער תלמיד איז ניט איבער זיין לערער, און דער קנעכט איז ניט איבער זיין האַר. (25) עס איז גענוג פאַר דעם תלמיד אַז ער זאָל זיין ווי זיין לערער, און דער קנעכט ווי זיין האַר. אויב זיי האָבן גערופן דעם האַר פון הויז בילזעבוב, וויפיל מער וועלן זיי רופן די פון דער הויזווירטשאַפט.״

**פּש. לוקאַס בעסערט מאַתיאַס נוסח:**

לוקאס 40:6. „דער תלמיד איז ניט איבער זיין לערער: אָבער יעדערער וואָס איז פולקאָמען וועט זיין זייער לערער.״

**פּש. ווי האָט פּאָרט יעזוס געזאָגט? בילזעבוב איז פאַרגרייזט פון בעל־זבוב. דער נאָמען פּאַסט זיך דאָ ניט אַריין. עס וועט ווערן קאָמענטירט אין מאת 24:12.**

מת. 26:10. „דערפאַר האָט ניט קיין מורא פאַר זיי: ווארום דאָרט איז גאָרניט פאַרדעקט, וואָס עס וועט ניט אַנטפּלעקט ווערן; און באַהאַלטן, וואָס עס וועט ניט באַוווּסט ווערן. (27) וואָס איך זאָג אייך אין פינסטערניש, דאָס רעדט אין ליכטיקן: און וואָס איר הערט אין אויער, דאָס פריידיקט אויף די הויז דעכער. (28) פאָרכט ניט די וועלכע הרגענען דעם קערפּער, אָבער זיינען ניט בכוח צו הרגענען די נשמה; נאָר ליבער פאָרכט אים וועלכער איז בכוח צו פאַרניכטןביידן די נשמה און קערפּער אין גיהנום. (29) איז דען ניט צוויי שפּערלינגס פאַרקויפט פאַר אַ פאַרטינג? און ניט איינע פון זיי וועט ניט פאַלן אויף דער ערד אָן אייער פאָטער? (30) אָבער אַפילו די האָר פון אייער קאָפּ זיינען אַלע געציילט. (31) דערפאַר האָט ניט קיין מורא, איר זייט פון מער ווערט דען פיל שפּערלינגס.״

**פּש. לוקאַס גיט איבער די זעלבע יעזוס רייד ביי אַנדערע אומשטענדן**

**און אין אַן אַנדער צייט, ער רעדט ניט נאָר פאַר די תלמידים אַליין נאָר פאַר אַ גרויסן עולם, אויך בייוועגס מאַכט שוין לוקאַס יעזוסן אויסזידלען די פּרושים:**

לוק. 1:12. „אין דער זעלבער צייט ווען דאָרט זיינען געווען איינגע־זאַמלט אַן אומצאָליקער עולם פון מענטשן, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן צום ערשטן פון אַלץ צו זיינע תלמידים, היט זיך פון דער פאַרזויערקייט (ברויט) פון די פּרושים, וואָס איז היפּאָקריטסטווע."

**פּש. ווי קען מען פון קוואַלן וואָס באַשטייען פון מינדלעכע איבער־געבונגען צו באַשטימען ווען דער אָראַטאָר האָט געמיינט? עס איז ניט מער ווי לוקאַס קאָפּירט מאתיא אַז יעזוס רעדט צו די תלמידים, דאָס איבע־ריקע זיינען אייגענע צוגעבונגען.**

מאת. 32:10. „דערפאַר יעדערער וואָס וועט מיך אַנערקענען פאַר מענטשן, אים וועל איך אויך אַנערקענען פאַר מיין פאָטער וועלכער איז אין הימל. (33) אָבער יעדער וואָס וועט מיך לייקענען פאַר מענטשן אים וועל איך אויך לייקענען פאַר מיין פאָטער וועלכער איז אין הימל."

**פּש. עס קומט לוקאַס ווערסיע.**

לק. 8:12. „אויך איך זאָג צו אייך, יעדער וואָס וועט מיך אנערקענען פאַר מענטשן, אים וועט דער זון פון מאַן אויך אַנערקענען פאַר די מלאכים פון גאָט; (9) אָבער דער וואָס וועט מיך לייקענען פאַר מענטשן, אים וועט דער זון פון מאַן אויך לייקענען פאַר די מלאכים פון גאָט."

**פּש. פאָרשער און קאָמענטאַטאָרס פון דער עוואַנגעליע האָבן דאָ אַ גלענצענדיקע געלעגנהייט צו באַווייזן אַז יעזוס האָט אָפּגעוואָרפן דעם משה־גלויבן און יידישע טראַדיציע, און פאַרביטן מיט אַ נייעם גלויבן. די לעצטע צוויי זאַצן פוןביידע אַווטאָרס זיינען קעגן דעם באַנעם פון דער יידישער אמונה. יעדן יידן קען אַפילו ניט אַרויף אויף דעם זינען דער קלענסטער געדאַנק אַז אַ ייד דאַרף האָבן אימעצן צו דערקענען אים צו גאָט. יעדער ייד דערקענט גאָט דורך זיין אייגענעם גלויבן, און דערוואַרט צו קריגן גאָטס דער־קענונג לויט דער אמתדיקייט פון זיין גלויבן. ער בעט צו גאָט, זיין התלהבות אין גאָט איז פון זיין אייגענער נשמה, ער האָט ניט און דאַרף ניט קיינע פאַרמיטלער. לויט דער יידישער פערצעפּציע זיינען מלאכים שלוחים וואָס טוען דעם ווילן פון גאָט, אָבער האָבן ניט די מאַכט צו אנערקענען מענטשן, און מענטשן זוכן ניט די דערקענונג פון מלאכים חוץ פון גאָט.**

**אָבער אויך וואָס קען באַשטעטיקן אַז די ווערטער האָט יעזוס געזאָגט?**

מאת. 34:10. „דיינקט ניט אַז איך קום צו שיקן פרידן אויף דער ערד. איך קום ניט צו שיקן פרידן, נאָר אַ שווערד.

לוקאס 51:12. „איר דוכט אַז איך קום צו געבן פרידן אויף דער ערד? איך זאָג אייך, ניין; נאָר בעסער צעטיילונג.

**פּש. איז דאָס די מיסיע פון יעזוס, זיינען דאָס די אויפגאַבן פון בן אדם? איז דאָס דער אָפּשלוס, די פינאַלע פון דער דאָקטרינע פון יעזוס פריידי־**

**קונגען? דאָס איז אַ פולשטענדיקע קעגן שטעלונג צו זיינע פריערדיקע פריידיקונגען און זאָגונגען, וכדומה:**

מת. 9:5. „געבענטשט זיינען די פרידן מאַכער: ווארעם זיי וועלן גע־רופן ווערן די קינדער פון גאָט."

מת. 39:5. „אָבער איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט זיך ניט שטעלן קעגן שלעכטס."

מת. 44:5. „ליבט אייערע פיינט, בענטשט די וואָס שילטן אייך, טוט גוטס צו די וואָס האָסן אייך, בעט פאַר די וואָס פאַראַכטן אייך און פאַרפאָלגן."

**פש. איז דער „גאָלדענער געבאָט" געוואָרן אַ שווערד געבאָט? איז אַ שווערד געוואָרן דער אויסדרוק און פערפעקציע פון ליבע? די קאָנטראַ־דיקציע ווערט אָפּגעשוואַכט ווען מען טראַכט זיך אַריין אין לעבן פון דעם געשיכטלעכן יעזוס. אויב יעזוס געפּריידיקטע מלוכה זאָל פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ מלוכה אין הימל: פאַרבלייבן די קאָנטראַדיקציעס און עס גיבן ניט קיינע פאַרענטפערונגען. אָבער ווען יעזוס מלוכה מיינט אַ מלוכה אויף דער ערד, דאַן ווערן פאַרשטענדלעך אַלע זיינע קעגנשטליקע פריידיקונגען. ווען יעזוס רעדט פון דער איפּגעשטעלטער מלוכה, דאַן רעדט ער פון דער הערשונג אין דער מלוכה פרידן, און די גאָלדענע געבאָט צווישן מענטשן. אָבער ווען ער האָט אין זינען די דעראָבערונג פון דער מלוכה, די מלחמה פאַר דער מלוכה: דאַן קריגט דער שווערד די מאַכט.**

מת. 35:10. „ווארום איך קום צו שטעלן אין שטרייטיקייט אַ מאַן קעגן זיין פאָטער, און די טאָכטער קעגן איר מוטער, און די שנור קעגן איר שוויגער. (36) און אַ מענטשנס שונאים וועלן זיין די פון זיין אייגענער הויזגעזינד."

**פש. איז דען דער אַריינקום אין דער מלוכה אין הימל דאַרף פאַרקומען דורך שווערד, דורך שטרייט און שנאה? נאָר יעזוס האָט ניט געזאָגט אַ מלוכה אין הימל, נאָר אַ מלוכה פון הימל אויף דער ערד, דאַן אַזאַ מלוכה מוז ביטער אויסגעקעמפט ווערן. פאַר אַ צוגלייכונג נוצט יעזוס די רייד פון נביא מיכה. אין זאַץ 21 אַנדערשט מאַתיא דעם זאַץ אויף אַ קאַמף פון לעבן און טויט, דאָ, ווערט איבערגעגעבן ווערבאַטים.**

מאַת. 37:10. „דער וואָס ליבט פאָטער און מוטער מער ווי מיך דער איז מיך ניט ווערט: און דער וואָס ליבט זון און טאָכטער מער דען מיך איז מיך ניט ווערט. (38) און דער וואָס נעמט ניט זיין קרייץ, און פאָלגט ניט נאָך נאָך מיר, איז מיך ניט ווערט."

לוקאַס 26:14. „אויב איינער קומט צו מיר און האָסט ניט זיין פאָטער, און מוטער, און ווייב, און קינדער, און ברודער, און שוועסטער, יע, און אויך זיין אייגן לעבן, דער קען ניט זיין מיין תלמיד."

**פש. איז דען דער וועג צו גאָט, דער וועג אין דער מלוכה אין הימל דאַרף זיין דורך אַזאַ מענטשלעכער שנאה, דורך האָסן פאָטער, מוטער און קינדער? ניין, אָבער ווען מען דאַרף בלוטיק קעמפן פאַר דער מלוכה, דאַן**

**פאַדערן זיך די גרעסטע קרבנות. עס פאַדערט זיך צו אויפגעבן די משפחה, ווייב און קינדער, אויפגעבן גוטס און לעבן. איצט איז אויך פאַרשטענדלעך די קומענדיקע זאַצן. אַז דער וואָס גיט אָפּ זיין לעבן פאַר יעזוס אידייע און פאַר דעם צוועק פון דער מלוכה: געפינט זיין לעבן.**

מאַת. 39:10. „דער וואָס געפינט זיין לעבן וועט עס אָנווערן; און דער וואָס ווערט אָן זיין לעבן פאַר מיינט וועגן וועט עס געפינען."

לוקאַס 33:17. „דער יעניקער וואָס וועט זוכן צו ראַטעווען זיין לעבן וועט עס לאָזן; און דער יעניקער וואָס וועט לאָזן זיין לעבן וועט עס פאַרהיטן.

**פש. אויך די קומענדיקע לעצטע זאַצן פון קאַפּיטל קענען פאַרשטאַנען ווערן אין דעם הינזיכט.**

מאַת. 40:10. „דער וואָס נעמט אויף אייך נעמט אויף מיך, און דער וואָס נעמט אויף מיך נעמט אויף אים וואָס האָט מיך געשיקט. (41) דער וואָס נעמט אויף אַ נביא אין דעם נאָמען פון אַ נביא וועט דערהאַלטן דעם נביאס שכר; און דער וואָס נעמט אויף אַ צדיק אין נאָמען פון אַ צדיק וועט דערהאַלטן אַ צדיקס שכר. (42) דער וואָס וועט געבן צו טרינקען צו איינעם פון די קליינע אַ בעכער מיט קאַלטע וואַסער אין נאָמען פון אַ תלמיד, באמת זאָג איך אייך, ער וועט ניט פאַרלירן זיין שכר."

**פש. עס ווערט אויסגעדריקט די זעלבע מיינונג, אַז וואָס עס ווערט געטאָן, אָדער ווערט געהאָלפן אין נאָמען אַפילו פון אַ תלמיד פון דער מלוכה וועט קריגן זיין שכר.**

## קאַפּיטל 11.

# יוחננס שליחים צו יעזוסן

מת. 1:11. „און עס איז געקומען צו פאַסירן, ווען יעזוס האָט געמאַכט אַ סוף פון זיינע באַפעלן צו זיינע צוועלף תלמידים, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט צו לערנען און צו פּריידיקן אין זייערע שטעט."

**פש. אין וועמענס שטעט? אין די צוועלף תלמידימ׳ס שטעט? האָבן זיי געהאַט אייגענע שטעט? מיינט דאָך מאתיא אין די יידישע שטעט; ריכטיקער, אין די שטעט פון גליל און יהודה: איז צו וואָס קאָנפוזירן דעם געדאַנק מיטן וואָרט „זייערע"?**

**די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן געשריבן אין אָנפאַנג און שפּעטער אין 2־טן יאָר הונדערט, זיי דריקן אויס זייערע עמאָציעס און ניט יעזוס: דעריבער ווען זיי דערמאָנען שטעט נוצן זיי די באַצייכענונג „זייערע".**

מת. 2:11. „אַצינד ווען יוחנן האָט געהערט אין תפיסה די מעשים פון קריסטוס, האָט ער געשיקט צוויי פון זיינע תלמידים". (3) „און זיי האָבן

געזאָגט צו אים, ביסטו דער וואָס זאָל קומען, אָדער מיר זאָלן קוקן פאַר אַן אַנדערן?״

לק. 19:7. „און יוחנן רופענדיק צו אים צוויי פון זיינע תלמידים האָט זיי געשיקט צו יעזוס זאָגענדיק, ביסטו דער וואָס דאַרף קומען? אָדער מיר זאָלן קוקן פאַר אַנאַנדערן?״

לק. 20:7. „ווען די מענטשן זיינען געקומען צו אים, האָבן זיי געזאָגט, יוחנן דער טובלער האָט אונדז געשיקט צו דיר, זאָגענדיק, ביסטו דער וואָס דאַרף קומען? אָדער זאָלן מיר קוקן אויף אַנאַנדערן?״

פש. ווען יוחנן האָט געהערט פון די מעשים פון יעזוס, איז ווען ער האָט געשיקט זיינע תלמידים צו פרעגן וואָלט ער דאָך זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן פרעגן יעזוסן אויב ער איז קריסטוס אָדער ניט? צוליב וואָס זיינען נויטיק געווען די פאַרשטעלטע ווערטער „ביסטו דער וואָס דאַרף קומען?״

עס איז געשען ווען הורדוס־אַנטיפּאַס האָט אַרעסטירט יוחנן און אים פאַרהאַפט אין תפיסה האָט ער דאָרט געהערעט פון די טוונגען פון יעזוס, האָט ער געשיקט צוויי תלמידים אויסגעפינען אויב ער איז דער?

ווער איז געווען יוחנן? אויף דערויף האָט מאתיא געגעבן זיין ענטפער.

אין מת. 3:3, זאָגט ער אויף דעם פערזאָן יוחנן האָט ישעוה פאַראויס־געזאָגט, אַז ער איז דער קול וואָס רופט אין דער ווילדערניש, צו מאַכן פאַרטיק דעם וועג פון דעם לאָרד: עס מיינט אַז ער איז געקומען צו מאַכן די וועג פאַר משיח. ווען יעזוס איז געקומען צו יוחנן צו ווערן געטובלט פון אים, האָט אים יוחנן גלייך דערקענט, און געזאָגט צו אים אַז ער יוחנן דאַרף גטובלט ווערן פון יעזוסן. ווען יעזוס איז געוואָרן געטובלט, האָבן זיך גלייך די הימלען געעפנט און דער גייסט פון גאָט אין דער פאָרמע פון אַ טויב איז אַרויפגע־קומען אויף אים, און אַ קול פון הימל האָט אויסגערפן „דאָס איז מיין באַליב־טער זון אין וועמען איך בין וויל געפעליקט.״ פון דער מינוט איז יעזוס דערקענט געוואָרן אַז ער איז גאָטס זון, דער משיח (קריסטוס). דאָס זעלבע, מאַרקוס גיט איבער אין קאַפּיטל 1, און לוקאס אין קאַפּ. 7.

אין זעלבן קאַפּיטל 11 זאָגט יעזוס אויף יוחנן, אַז ער איז מער דען אַ פּראָפעט. (14) דאָס איז אליהו, וועלכער פאַר דעם צוועק איז געקומען, פאַרן צוועק צו אָנזאָגן דאָס קומען פון משיח־יעזוס; וועלכער האָט אַליין געזען גאָטס גייסט, בייגעזען די עפענונג פון הימל, געהערט דעם קויל פון הימל וואָס האָט יעזוסן פּראָקלאַמירט אַלץ זיין זון.

אַחר כל הדברים, יוחנן־אליהו, דער אָנזאָגער פון משיח, ווייסט אַליין ניט וואָס יעזוס איז. ער האָט „געהערט די טוונגען פון קריסטוס״ און ווייסט ניט ווער איז קריסטוס, האָט ער געשיקט פרעגן אויב ער איז ער.

מאת. 4:11. „יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, גייט און זאָגט יוחנן ווידער די זאַכן וואָס איר הערט און זעט.״

מאת. 5:11. „די בלינדע קריגן זעונג, און די לאמע גייען, די לעפּערס זיינען געריייניקט, און די טויבע הערן, און די טויטע ווערן געמאַכט לעבעדיק,

און צו די אָרימע ווערט די בשורה געפּריידיקט צו זיי."

מת. 6:11. „און געבענטשט איז דער, ווער עס וועט ניט ווערן גע־שטרויכלט אן מיר."

**יעזוס וואָס האָט געזאָגט אַז „אייער יע זאָל זיין יע, און אייער ניין זאָל זיין ניין", גיט ניט קיין גלייכן ענטפער. די פראַגע איז געווען אויב דו ביסט דער וואָס דאַרף קומען, און יעזוס ענטפער איז ניט יע, און ניט ניין. יעזוס האָט בכיוון אויסגעמיטן אַ באַשטימטן ענטפער. די תלמידים פון יוחנן זיינען אַוועק צוריק צו אים מיט אַזויפיל באַשטימטעס מיט וויפיל זיי זיינען געקומען. יעזוס האָט נאָר זיי דערציילט פון זיינע וואונדערטואונגען. אָבער אליהו־יוחנן האָט דאָך אַליין געטאָן די אַלע זאַכן און אויך אויפגעלעבט אַ טויטן; — און יוחנן איז ניט משיח. אויך ווייסט יוחנן פון די הייליקע שריפטן אַז אלישע דער נביא האָט אויך געטאָן די זעלבע זאַכן און אויך אויפגעלעבט אַ טויטן — און איז ניט געווען משיח. אַזוי יוחנן־אליהו וואָס איז אַראָפּ פון הימל צו אָנזאָגן דעם קומען פון יעזוס דעם משיח איז געבליבן אין אַ פאַרלעגענהייט ער ווייסט ניט ווער און ווו איז משיח.**

**נאָך מאתיאן אַליין האָט דאָך יעזוס ביז יענער צייט אויפגעלעבט נאָר איין יונגע מיידל, וועלכע איז נאָך אין גאַנצן ניט געווען טויט, יעזוס האָט געזאָגט אַז זי איז געשלאָפן. איז ווי אַזוי האָט ער געקענט זאָגן צו יוחננס תלמידים אַז זיי זאָלן זאָגן „די טויטע (אין מערצאָל) ווערן אויפגעלעבט"?**

**דערפאַר לוקאַס מאַכט עס בעסער ווי מאתיא, ער פּאַסט צו עפּיזאָדן וואָס פאַראורזאַכן די געשעענישן.**

לוק. 12:7. „אַצינד ווען ער איז געקומען נאָענט צו דער שטאָט (נאַין), זע, דאָרטן איז געווען אַרויסגעטראָגן אַ מת, דער איינציקער זון פון זיין מוטער, און זי איז געווען אַן אלמנה: און פיל מענטשן פון דער שטאָט זיינען געווען מיט איר."

לוק. 13:7. „ווען דער האר (לאָרד) האָט איר געזען, האָט ער געהאַט רחמנות אויף איר, און געזאָגט צו איר, וויין ניט."

לוק. 14:7. „און ער איז געקומען און באַרירט די מיטה: און זיי וואָס האָבן געטראָגן אים זיינען געבליבן שטיין שטיל. און ער האָט געזאָגט, יונגער מאַן, איך זאָג דיר, שטיי אויף."

לק. 157. „און דער וואָס איז געווען טויט האָט זיך אויפגעזעצט, און: האָט אָנגעהויבן רעדן. און ער האָט אים איבערגעגעבן צו זיין מוטער."

לק. 17:7. „און דאָס רעדן פון וועגן אים איז זיך צעגאַנגען איבער גאַנץ יהודה און דורכאויס אַלע געגענטן אַרום."

לוק. 18:7. „און די תלמידים פון יוחנן האָבן דערעציילט אים פון די אַלע זאַכן."

**פּש. דאַן האָט יוחנן געשיקט די תלמידים צו פרעגן אים אויב ער איז דער 'וואָס דאַרף קומען'. אויך לוקאַס מאַכט עס בעסער ווי מאתיא אין דער איבערגעבונג פון יעזוס וונדער טוונגען. ער ווייזט, אַז ווען די תלמידים האָבן**

**איבערגעגעבן יוחננס פראַגן האָט יעזוס גלייך באַוויזן וואָס ער קען טאָן.**

לוק. 21:7. „און אין דער זעלבער שטונדע האָט ער געהיילט פיל פון זייערע פעלערן און פלאָגן, און פון בייזע גייסטער; און צו פילע וואָס זיינען געווען בלינד האָט ער געגעבן זעונג.“ און יעזוס האָט געזאָגט צו יוחננס שליחים גייט און זאָגט וואָס איר האָט געזען און געהערט... דאָס זעלבע ווי נאָך מאתיא.

פש. **לוק. האָט אַראַנזשירט אַ סך בעסער, יוחננס תלמידים זעען דאָס אַלץ מיט זייערע אויגן. אָבער עס פאַרענטפערט ניט די הויפּט פראַגע. יוחנן האָט דאָך דאָס שוין געהערט אין תפיסה פון יעזוס טואונגען (לויט לוקאַס) און פון זיין לעבעדיק מאַכן דעם יונגן מאַן פן נאאין. האָט ער דאָך געוואָלט וויסן אויב ער איז דער משיח אָדער מען דאַרף וואַרטן אויף אַן אַנדערן. ענטפערט יעזוס „גייט און זאָגט אים וואָס איך טו“ און גיט אים ניט דעם ענטפער אויב ער איז משיח. און יוחנן־אליהו הנביא, דער אָנזאָגער פון משיח, בלייבט אין אונוויסן לגבי משיחן.**

**איבער גאַנץ יהודה האָט זיך צעשפּרייט דער באַריכט פון יעזוס לע־בעדיק מאַכן דעם טויטן פון נאאין, און אַלע האָבן גלאָריפיצירט גאָט, פאַר דער אויפשטייונג פון גרויסן נביא יעזוס. גאַנץ יהודה איז געווען אַריינ־געוואָרפן אין גרויסער מורא פון דעם מופת פן יעזוס, און מאַרק און מאתיא הייבן ניט אָן צו וויסן פון אַזאַ זאַך און פון אַזאַ מופת פון אויפלעבן דעם איינציקן זון פון אַ מוטער. אַלע צווייטע און דריטע גראַדיקע מופתים פון יעזוס דערציילן זיי, און דעם גרעסטן מופת פאַרשווייגן זיי — זיי פאַרשוויגן ווייל זיי האָבן פון דערויף ניט געוווּסט. עס גיט ניט קיין אורזאַכע וואָרום זאָל נאָר לוקאַס אַליין וויסן פון דעם נס, און ניט מאתיא און ניט מאַרקס.**

מת. 7:11. „און אַזוי ווי זיי (יוחננס תלמידים) זיינען אַוועק, האָט יעזוס אָנגעהייבן זאָגן דעם גרויסן עולם אין שייכות צו יוחנן, וואָס זייט איר אַרויס־געגאַנגען אין דעם מדבר צו זען, אַ רער געשאָקלט מיטן ווינט?“

מת. 8:11. „אָבער וואָס פאַרט זייט איר אַרויסגעגאַנגען צו זען? אַ מאַן געקליידעט אין ווייכע מלבושים? זעט, זיי וואָס טראָגן ווייכע קליידער זיינען אין קיניגס הייזער.“

מת. 9:11. „אָבער וואָס פאַרט זייט איר אַרויס צו זען? — אַ נביא? — יע, איך זאָג אייך, מער ווי אַ נביא.“

מת. 10:11. „וואָרום דאָס איז ער, פון וועמען עס איז געשריבן געוואָרן, זעט, איך שיק מיין שלוח פאַר דיין פנים, וועלכער וועט צוגרייטן דיין וועג פאַר דיר.“

פש. **דאָס איז אַן אויסצוג פון מלאכי און עס ווערן געביטן די ווערטער און די מיינונג. אַזוי איז געשריבן געוואָרן אָריגינאַל אין מלאכי 1:3 — „זע, איך שיק מיין שליח, און ער וועט אָפּראַמען דעם וועג פאַר מיר. — הנני שלח מלאכי, והנה דרך לפני.“**

**עס קען געפונען ווערן אַן אנטשולדיקונג פאַר מאַרקוס (1־2) ער האָט**

געזוכט אַן איבערזעצונג, האָט געקענט אַרויסקומען ניט ריכטיק. אָבער יעזוס וואָס קען די הייליקע שריפטן אין אָריגינאַל, דאַרף ער ציטירן מאַרקוסן וואָרט אין וואָרט? אין אריגינאַל געפינען זיך ניט דער ווערטער „פאַר דיין פּנים״ און עס איז געשריבן „דעם וועג״ און ניט „דיין וועג״, אויך ניט „פאַר דיר״ נאָר „פאַר מיר״.

ווי עס קען פאַרשטאַנען ווערן אַז דער גרויסער עולם צו וועמען יעזוס רעדט זיינען גוט באַקענט מיט יוחנן, זיי פלעגן אָפט גיין צו אים אין דער מדבר; זיי זיינען געווען יוחננס נאָכפאָלגער. דערקלערט זיי יעזוס, אַז זיי זיינען ניט געגאַנגען אין מדבר זען ווי די רערן שאָקלען זיך, אָדער קוקן אויף זיינע אָרימע קליידער, נאָר צו הערן פון דער אָנקומענדיקער מלוכה, און נאָפאָלגן אים.

מת. 11־11. „באמת זאָג איך צו אייך, צווישן די וואָס זיינען געבאָרן פון פרויען דאָרט איז ניט אויפגעשטאַנען אַ גרעסערער ווי יוחנן דער טובלער ניט אויסשליסענדיק דער וואָס איז דער מינדסטער אין דער הימלישער מלוכה איז גרעסער ווי ער.״

פּש. יעזוס האָט דאָך געלערנט (איין 34:5־38) „שווער ניט, דיין יע זאָל זיין יע, און דיין ניין זאָל זיין ניין,״ וואָלט דאָך געווען גענוג צו זאָגן „איך זאָג אייך, צוליב וואָס איז דאָס שווערן „אויף מיין אמת.״ אויך איז ניט פאַרשטענדלעך ווארום זאָל יוחנן וואָס איז אליהו, וועלכער איז קיין מאָל ניט געשטאָרבן, ער איז אַ לעבעדיקער אַריין אין הימל. אליהו קומט אַראָפּ אויף דער ערד, ווי אַ שליח פון הימל, צוליב דעם איינציקן צוועק צו אָנזאָגן און מאַכן פאַרטיק דעם וועג פאַר דעם משיח יעזוס: ווארום זאָל ער זיין דער קלענ־סטער אין דער מלוכה אויף דער ערד? דאָס ווייזט אַז יעזוס האָט דערוואַרט אַז אין דער מלוכה וואָס גלייך באַלד דאַרף אָנקומען, וועלן די מענטשן פון דער מלוכה דערגרייכן צו פולשטענדיקער פערפעקציע אַז אַפילו אליהו הנביא וועט דאָרטן זיין דער קלענסטער.

מת. 12:11. „און פון די טעג פון יוחנען דעם טובלער ביז איצט די מלוכה פון הימל האָט געליטן געוואַלט, און די געוואַלטיקע נעמען עס דורך מאַכט.״

יעזוס איז ניט לאַנג געוואָרן געטובלט פון יוחנן, ער הויבט ערשט אָן זיין פריידיקן. עס איז די זעלבע צייט פון יעזוסן און יוחנען, איז ווי קען זיך יעזוס אויסדריקן „פון די טעג פון יוחנען ביז איצט״, עס טראָגט דאָך די מיי־נונג אַז פון דער צייט פון יוחנען ביז איצטיקן טאָג איז פאַרלאָפן אַ לייגגערע צייט.

דער קאָנסטאַנטירטער פאַקט איז אַז יעזוס איז געווען פאַרבונדן מיט יוחנן פאַר אַ לאַנגער צייט איידער די געשעענישן; אויך יוחנן האָט געפּריידיקט די אידייע פון דער מלוכה נאָך אַ צייט פאַר יעזוסן. די שטרעבונג צו דער מלוכה איז ניט באַשטאַנען נאָר פון פריידיקן אַליין עס איז געווען פאַרבונדן

מיט קאַמף, מיט ׳געוואלט׳. די געליטענע האָבן געוואָלט נעמען די מלוכה דורך מאַכט.

מת. 13:11. „ווארום אַלע נביאים און די תורה האָבן נביאות געזאָגט ביז יוחנן.״

**פש.** **די דערקלערונג שטימט ניט מיט געשיכטע. אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט ביז עזרא און מלאכי, עס מיינט ביז אַרום 500 יאָר פאַר יוחנן. אויב יעזוס האָט אין זינען דעם תהלים, אויך דאַך לויט די יידישע און קריסטלעכע טראַדיציעס דער תהלים געשריבן געוואָרן פון דוד. אַפילו נאָך דער מיינונג פון מאָדערנע קריטיקער איז דער תהלים פאַרענדיקט געוואָרן לאַנג פאַר יוחנן.**

מת. 14:11. „און אויב איר ווילט עס אָננעמען, דאָס איז אליהו, וועלכער איז געווען באַצוועקט פאַר דעם צו קומען.״

**פש.** **על פי כן, לויט יעזוס, איז אליהו געקומען פון הימל אין דער פערזאָן פון יוחנן און איז געוואָרן דער גרעסטער נביא פון אַלע צייטן; ער איז געקמען פאַר דעם צוועק צו אָנזאָגן דעם קומען פון משיח יעזוס. דער גרעסטער נביא פלוצים פאַרלירט זיין זכרון, און ער ווייסט ניט ווער איז משיח.**

מת. 15:11. „דער וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל ער הערן. (16) אָבער צו וואָס זאָל איך פאַרגלייכן דעם דור? עס איז גלייך צו קינדער זיצענדיק אין די מערק, און רופענדיק זייערע חברים; (17) און זאָגענדיק, מיר האָבן געבלאָזן אין די רערן צו אייך, און איר האָט ניט געטאַנצט; מיר האָבן גע־טרויערט צו אייך און איר האָט ניט באַקלאָגט.״

מת. 18:11. „ווארום יוחנן איז געקומען ניט עסענדיק און ניט טרינ־קענדיק און זיי האָבן געזאָגט אַז ער באַזיצט אַ טייוול.״

**פש.** **ווו האָט מאתיא אין זיין עוואַנגעליע ערגעץ באַריכטעט, אָדער עפּעס דערמאָנט פון אַזאַ זאַך, אַז זיי האָבן געזאָגט אַז יוחנן באַזיצט אַ טייוול? מאתיא האָט דאָך רעקאָרדירט גראָד דאָס פאַרקערטע. (3־5) „דאַן זיינען אַרויס צו אים ירושלים, און גאַנץ יהודה... (3־7) נאָר ווען ער האָט געזען פיל פּרושים און צדוקים קומען צו ווערן געטובלט פון אים, האָט יוחנן געזאָגט צו זיי: אַ דור פון שלאַנגען, ווער האָט אייך געוואָרנט צו לויפן פון דעם צאָרן וואָס קומט?״ איז עס דאָך לויט מאתיא אַז יוחנן איז זיי באַפאַלן מיט זידל ווערטער: און זיי האָבן אים ניט געענטפערט מיט אַ שלעכט וואָרט.**

מת. 19:11. „דער בן אדם איז געקומען עסענדיק און טרינקענדיק, און זיי זאָגן, זע, אַ מאַן אַ פרעסער און אַ וויין זויפער, אַ פריינט פון מוכסים און זינדיקע. אָבער די חכמה איז גערעכטפערטיקט פון אירע קינדער.״

**פש.** **לוקאַס שרייבט דאָס זעלבע וואָס מאתיא, מאַרקוס ברייגנט גאָרניט פון יעזוס רייד. פון וועלכער דאָקומענטאַציע האָבן געקענט נעמען מאתיא און לוקאַס אַז יעזוס האָט אַזוי געזאָגט? אַלע דריי סינאָפּטישע אויטאָרס שרייבן אַז ׳זיי׳ האָבן געזאָגט צו די תלמידים: „ווארום עסט אייער לערער**

מיט מוכסים און זינדער?" (מת. 15:9; מק. 15:2; לק. 29:5) **אָבער ערגעץ ווערט ניט רעפּאָרטעט פון אַזעלכע רייד: "ער איז אַ פרעסער און אַ זויפער."**

מת. 20:11. "דאַן האָט ער אָנגעהיבן צו שטראָפן די שטעט ווו די מערסטע פון זיינע מעכטיקע טוונגען זיינען געטאָן געוואָרן, מחמת זיי האָבן ניט תשובה געטאָן. (21:11) ווי צו דיר, כוראַזין! ווי צו דיר בית־צידה! ווארום אויב די מעכטיקע טוונגען, וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן צו אייך, וואָלטן געטאָן געוואָרן צו צור און צידון, וואָלטן זיי לאַנג צוריק תשובה געטאָן אין זעק־קליידער און אַש. (22) אָבער איך זאָג צו אייך, עס וועט מער טאָלערירט ווערן צור און צידון אין דעם טאָג פון משפט, ווי איר."

**פ"ש. די אַוטאָרס אָן קיינע ספקות ברענגען אַריין די אומקאָנסעקווענצן פון יעזוס. אויב די היידענישע באַפעלקערונג פון צור און צידן זיינען מער מסוגל צו טאָן תשובה ווי יידן, איז וואָרום האָט יעזוס מיט טעג צוריק באַפעלן צו אויסמיידן די שטעט ווו די היידענס וואוינען? אויך אויב די היידענישע באַפעלקערונג וועט מער טאָלערירט ווערן אין דעם יום הדין פון גאָט, מער פון די יידן: מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט יעזוס זיי גערופן הינט? זאָגענדיק, "מען נעמט ניט דעם ברויט פון די קינדער (ישראל) און וואַרפן עס צו הינט (צור און צידון).**

מת. 23:11. "און דו, כפר־נחום, וועלכע איז דערהויבן צום הימל, וועט אַרונטערגעבראַכט ווערן ביז צום גיהנום אַריין: וואָרום אויב די מעכטיקע טוונגען, וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן אין דיר, וואָלטן געטאָן ווערן אין סדום, וואָלט עס פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג."

מת. 24:11. "אָבער איך זאָג אייך, אַז עס וועט מער טאָלערירט ווערן דאָס לאַנד פון סדום אין דעם טאָג פון משפט, ווי דו (כפר־נחום)."

**פ"ש. אין וואָס זיינען באַשטאַנען די מעכטיקע טוונגען פון יעזוס? — ער האָט געהיילט קראַנקע, און אַרויסגעטריבן שדים וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין מענטשלעכע קערפּערס און פאַרשאַפט זיי פייניקע ליידונגען. לויט אַלע באַשרייבונגען פון די עוואַנגעליעס זיינען זיי פּרעציז, אַז די מעכטיקע מעשים זיינען שוין צופיל דערקענט געוואָרן אין די אָנגעגעבענע שטעט. פון אַלע עקן לאַנד האָט מען צו אים געבראַכט זייערע קראַנקע, גרויסע צאָלן מענטשן זיינען געקומען אים הערן. יעזוס מעכטיקע מעשים זיינען אַזוי דערקענט געוואָרן ביי גרויסע מאַסן יידן, אַז זיי האָבן זיך געשפּאַרט אים צו הערן ווו ער האָט גערעדט ביין ברעג פון ים, אַז יעזוס איז געווען אין דער סכנה אַז ער זאָל אַריינגעשטופּט ווערן אין וואַסער, איז ער אַריין אין אַ שיף און גערעדט צו זיי פון שיף.**

**אין זעלבן כפר נחום זיינען געקומען אים הערן אַזוי פיל מענטשן, אַז עס איז שוין געווען צופיל פאַר אים, איז יעזוס מיט זיינע תלמידים אַריין אין אַ שיף און אַריבער אויף דעם אַנדער זייט.** (מת. 18:3) **"איצט ווען יעזוס האָט דערזען גרויסע עולמס מענטשן אַרום אים, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו אַריבערפאָרן אויף דעם צווייטן זייט." אין זעלבן כפר־נחום האָט זיך יעזוס**

אָפּגעזאָגט צו אַריין נעמען נייע נאָכפאָלגער מיט דער אנטשולדיקונג אַז ער האָט ניט קיין רו־אָרט פאַר זיך זעלבסט.

אין זיין אייגענער שטאָט זיינען געקומען אים הערן אַזוי פיל מענטשן אַז זיי האָבן אָנגעפילט די הויז. און אין דערויסן האָבן אַזוי פיל מענטשן אַרומגערינגלט די הויז אַז עס איז געווען אוממעגלעך אַרייננברענגען אין הויז אַ קראַנקן אויף פּאַראַליז. אין שכונות פון זיין אייגענער שטאָט האָט יעזוס געזאָגט אַז ער געפינט זיך אין דער קאָמפּאַניע פון זינדיקע, ווייל די געזונטע דאַרפן ניט קיין רופא, ער איז געקומען צו רופן די זינדיקע צו תשובה און ניט די רעכטפאַרטיקע. (12:9־13) יעזוס גיט אַליין צו אַז די מערהייט זיינען רעכטפאַרטיק, איז פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שטראָף? יעזוס האָט געגעבן אַן עצה צו די רעכטפאַרטיקע אַז זיי זאָלן זיך לערנען פון נביא הושע. (6:6) „איך וויל רחמנות האָבן, איידער קרבנות ברענגען.“ ווו איז יעזוס רחמנות? יעזוס זאָגט אַז די איינזאַמלונג (האַרוועסט) איז אין אַ גרויסער שפע, נאָר אַר־בעטער זיינען ווייניק, עס מיינט אַז אַזויפיל מענטשן קומען צו תשובה אַז ער האָט ניט גענוג מענטשן זיי אויפנעמען. ער הייסט מען זאָל בעטן גאָט ער זאָל צושיקן גענוג אַרויסהעלפערס צו אויפנעמען די אַלע וואָס זוכן תשובה. (37:9־38). די גאַנצע איינזאַמלונג, די אַלע בעלי תשובות פאַלן ניט אַראָפּ פון הימל, דאָס זיינען יידן פון די שטעט פון גליל: איז וואָרום אַזאַ גרימצאָן, אַז כפר נחום זאָל געשליידערט ווערן אין גיהנום? וואָרום זאָל מאַרקוס אויסלאָזן די שטראָף־רייד פון יעזוס קעגן די יידישע שטעט? ער איז אויך ניט צו מילד צו יידן אין זיין שרייבן. די אַוטאָרס האָבן דאָ נאָר אויסגעדריקט די שנאה עמאָציעס פון די קריסטלעכע קירכעס פון צווייטן יאָר־הונדערט, די עמאָציעס האָבן זיי אַריינגעטאָן אין יעזוס מויל.

מת. 25:11. „אין יענער צייט האָט יעזוס געענטפערט און געזאָגט, איך דאַנק דיר, אָ פאָטער, האַר פון הימל און ערד מחמת דו האָסט באַ־האַלטן די זאַכן פון די קלוגע און פאַרשטענדיקע, און האָסט אַנטפּלעקט זיי צו די קליינע קינדער.“

פּש. וועמען האָט דאָ יעזוס געענטפערט? — קיינער האָט אים ניט געפרעגט. יעזוס דאַנקט גאָט דערפאַר וואָס ער האָט באַהאַלטן פון די קלוגע: זיינען דאָך די מענטשן פון כוזרין, בית־צידה, כפר־נחום ניט שולדיק אין ניט דערקענען יעזוס 'מעכטיקע מעשים', גאָט האָט פאַרהילט פון זיי. פאַרוואָס דאַנקט יעזוס גאָט ווייל עס איז פאַרבאָרגן פון די קלוגע, דערפאַר האָט ער די געלעגנהייט צו פאַרשילטן די שטעט. אָבער גאָט האָט דאָך אַנטפּלעקט צו די קינדער, וואָרום דאַרפן ליידן די קליינע קינדער אין די דריי שטעט?

יעזוס האָט דאָס גענומען פון תהלים, נאָר דאָרטן טראָגט עס אַן אַנדער מיינונג, און עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרהילט פון די קלוגע.

תהלים 2:8. „גאָט אונדזער האַר, ווי פּראַכטיק איז דיין נאָמען אויף דער גאַנצער ערד, אַז דער לויב פון דיין גלאַנץ איז איבער די הימלען! (3:8)

פון דעם מויל פון עופעלעך און זויגעדיקע האָסטו באַפעסטיקט דיין מאַכט.״

אין תהלים איז מער אמונה, מער שיינקייט און פּראַכט, ווי פון יעזוס געבראַכטע זאָגונגען.

מת. 26:11. „אָפילו אַזוי, פאָטער: וואָרום אַזוי זעט עס אויס איז גוט אין דיינע אויגן.״

מת. 27:11. „אַלע זאַכן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו מיר פון מיין פאָטער: און קיין מענטש ווייסט ניט דעם זון, נאָר דער פאָטער; אויך קיין מענטש קען ניט דעם פאָטער, חוץ דער זון, און ער צו וועמען דער זון וויל אַנטפּלעקט ער אים.״

**פּש.** די זאָגונג איז איינע פון די וויניקע שטעלן אין וועלכע יעזוס איז אָריגינעל. עס איז ניט אויפנעמלעך און איז לגמרי פרעמד דער יידישער אמונה און טראַדיציע. גרויסע צאָלן מענטשן אין גאַנג פון לאַנגע דורות האָבן געקענט דעם פאָטער, און אין זייערע חדרים האָט מען יעזוסן געלערנט צו קענען גאָט דעם פאָטער. פאַר יעזוסן האָבן דורות פון נביאים געלערנט גאָט־דערקענונג, דער תנ״ך איז אַ בוך פון גאָט דערקענונג, ניט וויסענדיק פון זון. יעדער איינצעלנער ייד האָט אַ פרייעם צוגאַנג צו גאָט, ער נויטיקט זיך ניט אין קיין שום פאַרמיטלער, וועלכער זאָל אים פאָרשטעלן פאַר גאָט. דאָס איינציקע און דער איינציקער פאַרמיטלער וואָס אַנטפּלעקט גאָט צו מענטשן, און באַהעפט דעם מענטשן צו גאָט: — איז דאָס מענטשלעכע האַרץ. אויב דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט באמת ליב גאָט, דאַן איז גאָט אַנטפּלעקט צו דעם מענטשן, און גאָט איז זיין פאָטער.

דאָס איז דער צעשיידנס וועג פון קריסטענטום און יודענטום, אַלע אַנדערע אונטערשיידיקייטן זיינען אַ ביי־זאַך. אין דעם גאַנצן פּעריאָד פון דער היסטאָריע פון יידישן פאָלק, און פון דער געשיכטע פון דער יידישער אמונה געפינט זיך ניט אַזאַ געדאַנק פון דער נויטוענדיקייט פון אַ פאַר־מיטלער צו דערקענען דעם איינצעלנעם צום פאָטער. פון די אָבות ביז משהן איז יעדער איינצעלנער דורך זיין גלויבן געקומען צו גאָט דערקענונג. פון משהן ביז מלאכי האָבן די נביאים גערופן צו דעם גלויבן און דערקענונג פון גאָט, פון אַ גלויבן מיטן גאַנצן כח און פולן האַרצן. די אידייע פון פאַר־מיטלערשאַפט איז אויסן דער יידישער השגה.

אויב קיין מענטש ווייסט ניט דעם פאָטער, האָבן דאָך די נביאים ניט געוווּסט גאָט, איז ווי אַזוי האָבן זיי געקענט ריידן אין גאָטס נאָמען? יעזוס האָט זיין רעכט צו האַלטן אַז די נביאים האָבן ניט גערעדט אין גאָטס נאָמען, דאַן דאַרף ער זיך ניט שטיצן אויף זייער אויטאָריטעט: אָבער יעזוס, מיט פסוקים פון דער תורה, באַקעמפט ער דעם שטן, מיט אויסצוגן פון די נביאים באַשטעטיקט ער זיינע רייד. דעם טערמין „פאָטער״ האָט ער אויך גענומען פון זיי.

מת. 28:11. „קומט צו מיר איר אַלע וואָס מיען און זיינען שווער באַלאָדן, און איך וועל אייך געבן רו.״

**פש. יעזוס רופט מען זאָל קומען צו אים און ער וועט זיי געבן רו. אָבער די גלויביקע אין גאָט דעם פאָטער, וואָס קומען צו אים, די אַלע שווער באַלאַדענע קריגן זייער זעלישע רו פון גאָט דעם פאָטער אין הימל.**

מת. 29:11. „נעמט מיין יאָך אויף אייך, און לערנט פון מיר; וואָרום איך בין ענוות׳דיק, און דערנידעריקט אין האַרצן: און איר וועט געפינען רו אין אייערע זעלעס.״

**פש. אין זעלבן קאַפּיטל זאָגט 21. „ווי צו אייך כורזין און בת צידה, וואָרום די מעכטיקע טוונגען וואָס איך האָב געטאָן אין אייך... ווי צו דיר כפר נחם, אויב מיינע מעכטיקע טוונגען וואָס איך האָב געטאָן וואָלט איך טאָן אין סדום, וואָלט צו סדום גאָרניט געשען.״ אַזעלכע רייד קען ניט ריידן קיין עניו.**

מת. 34:10. „איך קום ניט שיקן פרידן, נאָר אַ שווערד (35:10) איך קום צו שטעלן אַ מאַן קעגן זיין פאָטער, אַ טאָכטער קעגן איר מוטער... (37:10) דער וואָס ליבט פאָטער און מוטער מער פון מיר איז ניט ווערטיק פון מיר. איר היפּאָקריטן, דור פון שלאַנגען.״

**די אויבן געבראַכטע זיינען די מידות פון יעזוס עניוותדיקייט און גוט־מוטיקייט. על כל הדברים אמרים נעמט זיך יעזוס דאָס רעכט צו אָנרופן זיך עניו.**

**„דער וואָס נעמט ניט זיין קרייץ, און פאָלגט נאָך מיר,**
**איז מיך ניט ווערט.**
**דער וואָס קומט נאָך מיר, זאָל זיך פאַרלייקענען.״**

**נאָך דעם אַלעמען איז דאָס ביי יעזוסן,**

מת. 30:11. „וואָרום מיין יאָך איז גרינג, און מיין משא איז לייכט!״

## קאַפּיטל 12.

# די תלמידים רייסן קאָרן אום שבת.

מת. 1:12. „אין יענער צייט איז יעזוס געגאַנגען אין אַ שבתדיקן טאָג דורך די קאָרן; און זיינע תלמידים זיינען געווען הונגעריק, און האָבן אָנגע־הייבן צו רייסן די זאַנגען פון דעם קאָרן, און צו עסן. (2:12) אָבער ווען די פרושים האָבן עס געזען, האָבן זיי געזאָגט צו אים, זע, דיינע תלמידים טוען דאָס וואָס איז ניט געזעצלעך צו טאָן אום שבת.״

**פש. רייסן קאָרן אום שבת איז ניט דערלויבט דורך דעם יידישן דין, און זעענדיק די תלמידים רייסן דעם קאָרן, האָבן געקענט מאַכן אויפמערק־זאַם יעזוסן ניט נאָר פרושים נאָר יעדער ייד אין פעלד.**

מת. 3:12. „אָבער ער האָט געזאָגט צו זיי, האָט איר ניט געלייענט וואָס דוד האָט געטאָן, ווען ער איז געווען הונגעריק, און זיי וואָס זיינען געווען מיט אים. (4:12) ווי ער איז אַריינגעקומען אין דער הויז פון גאָט און האָט

געגעסן דעם ברויט פון לחם־הפנים 1) וועלכער איז ניט געווען פאַר אים געזעצלעך צו עסן, אויך ניט פאַר זיי וואָס זיינען געווען מיט אים, אָבער נאָר פאַר די כהנים."

פּש. און אַז זיי האָבן יע געלייענט אַז דוד האָט געטאָן אַן אומגעזעצלעכע זאַך, דעריבער דאַרפן זיינע תלמידים אויך טאָן דאָס זעלבע? דוד האָט געטאָן נאָך ערגערע זאַכן ווי צו עסן די חלות: דעריבער דאַרפן דאָס אַלע טאָן? דערהויפּט וואָס איז באַטאַנט און פאַרגעבן צו דודן מחמת ער האָט חרטה געקראָגן אויף זיינע זינד און געטאָן תשובה: אָבער זיינע מעשים דורך זיין תשובה זיינען ניט געוואָרן געזעצלעך. יעזוס זאָגט, לויט מאַתיא, האָט איר ניט געלייענט? אָבער עס איז קלאָר און זיכער אויב יעזוס האָט עס יע געלייענט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען דאָס געלייענטע. דוד איז ניט אַריינ־געקומען אין גאָטס הויז, און האָט דאָרט ניט געגעסן דעם הייליקן ברויט. און 'די וואָס זיינען געווען מיט אים' האָבן אויך דעם ברויט ניט געגעסן: איבער דער פּשוטער אורזאַך וואָס דוד איז געווען אַליין, און קיינער איז ניט געווען מיט אים.

1) אין בית המקדש איז געשטאַנען אַ גאָלדענער טיש אויף וועלכן עס זיינען געלעגן צוועלף ברויט־חלות. איין מאָל אין וואָך זיינען די חלות אַרויסגע־נומען געוואָרן, און פאַרביטן געוואָרן מיט פרישע חלות. די אַרויסגענומענע פריערדיקע ברויטן זיינען געווען הייליק ברויט, און נאָר כהנים האָבן עס געמעגט עסן. די חלות אויפן טיש האָבן זיך גערופן — לחם הפנים.

אין שמואל א' 2:21־7, איז דער אינהאַלט ווי פאָלגט. דוד איז אַנטלאָפן פון קיניג שאול וועלכער האָט געוואָלט אים טויטן. דוד איז אָנגעקומען אין נוב. דער כהן האָט באַגעגענט דודן און איז געווען איבערראַשט וואָס דער אידעם פון קיניג איז איינער אַליין. האָט דער כהן גלייך אים געפרעגט ווארום ער איז אַליין און האָט ניט קיינע מענטשן מיט אים. דוד האָט געמוזט אויס־באַהאַלטן פון כהן די זאַך וואָס ער אַנטלויפט צו ראַטן זיין לעבן פון מלדס צאָרן. האָט ער אים דערציילט אַז ער דוד איז אין שליחות פון זייער אַ וויכטיקער זאַך, וואָס דאַרף זיין געהיים, דעריבער האָט ער איבערגעלאָזן זיינע מענטשן אין אַנדער אָרט. האָט דוד געזאָגט גיב מיר עטלעכע לאַבנס ברויט, וויפיל דו האָסט. האָט דער כהן אחימלך אים געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין געוויינלעכן ברויט, נאָר דאָס הייליק ברויט פון לחם הפנים, און דער כהן זאָגט צו אים אויב דיינע מענטשן זיינען אָפּגעשיידט פון פרויען וועלן זיי מעגן עסן. האָט דוד געזאָגט זיכער זיינען זיי אָפּגעשיידט, ווייבער זיינען ניטאָ מיט אונדז, דערהויפּט ווען איך גיי אַרויס, געפינען זיך ניט קיינע ווייבער מיט אונדז. האָט דער כהן געגעבן דודן דעם ברויט. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דוד געווען אַליין, ער האָט דאָס נאָר געזאָגט כדי עס זאָל ניט פאַלן אויף אים קיין פאַרדאַכט.

דאָ האָט דוד גענומען דעם הייליקן ברויט צום עסן (וועלכן עס דאַרפן עסן נאָר די כהנים) דורך די דערלויבעניש פון כהן וועלכער האָט אים גע־

זאָגט אַז אויב ער איז אין דעם שטאַנד פון ריינקייט מעג ער עסן. דעריבער האָט דאָס יעזוס ניט געקענט צוגלייכן צו מענטשן טוענדיק זאַכן וואָס איז ניט דערלויבט. פאַרשוועכן שבת במזיד (ווילענדיק) איז אַ פיל גרעסערע זינד ווי עסן הייליק ברויט אין צייט פון הונגער.

אויך אין דעם פאַל איז עס געווען פאַר דודן אַ צייט אין וועלכער זיין לעבן איז געווען אין סכנה. ווען עס איז אַ סכנה פאַרן לעבן פון אַ מענטשן מעג מען ניט נאָר עסן הייליקן ברויט נאָר אַפילו באַקן ברויט אום שבת. מאַרקוס און לוקאַס רעקאָרדירן אויך דעם אינצידענט פון דעם רייסן קאָרן אום שבת.

מת. 5:12. „אָדער האָט איר ניט געלייענט אין דער תורה, ווי אין שבתדיקן טאָג די כהנים אין בית המקדש פאַרשוועכן דעם שבת און זיינען שולדלאָז."

פש. וועלן מיר פרובירן צו לייענען אין דער תורה וואָס דאָרטן ווערט געזאָגט לגבי שבת.

בראשית 3:2. „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט."

שמות 8:20. „געדענק דעם טאָג שבת אים צו האַלטן הייליק. (9:20) זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יאַהווע דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין בהמה, און דיין פרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן."

דאָס הויפּט וואָס עס ווערט דאָ באַטאָנט איז די הייליקייט פון שבת, 'האַלט דעם טאָג הייליק צו גאָט'. עס ווערט געזאָגט — ניט צו טאָן קיין מלאכה: זינט ווען איז דינען צו גאָט אַ מלאכה? טעמפּל-צערעמאָניאַל איז ניט קיין מלאכה, עס איז דינסט צו גאָט: געבעט, געזאַנג און קרבנות זיינען פאָרמעס פון דינסט וועלכע הייליקן דעם טאָג און מאַכן עס פאַר אַ טאָג פון רו. די מלאכה פון דינען גאָט איז אַ הייליקע מלאכה און ניט אַ „פאַרשוועכונג".

מת. 6:12. „אָבער איך זאָג אייך, אַז אין דעם דאָזיקן פּלאַץ איז איינער גרעסער פון דעם טעמפּל."

פש. אָבער דער 'איינער' האָט דאָך פריער אַליין געזאָגט (מת. 12:5) אַז דער וואָס וועט ברעכן איינע פון די קלענסטע געבאָט פון דער תורה, און זאָל אַזוי לערנען מענטשן צו טאָן, דער איינער וועט גערופן ווערן דער קלענסטער אין דער מלוכה פון הימל. ווי קען דער קלענסטער אין דער מלוכה רופן זיך גרעסער פאַר דעם טעמפּל?

מת. 7:12. „אָבער אויב איר וואָלט געוווּסט וואָס דאָס מיינט, איך וועל האָבן רחמים, און ניט קרבנות וואָלט איר ניט פאַרדאַמט די אומשולדיקע."

פש. עס קען ניט פאַרשטאַנען ווערן די סמיכות הפרשה פון הושע 6:6, צו רייסן קאָרן אום שבת. עס איז אַ רעטעניש. ווען און פון וועמען האָט יעזוס געהערט פאַרדאַמונג? מען האָט דאָך יעזוסן נאָר געפרעגט וואָרום זיינע

תלמידים טוען זאַכן וואָס עס איז ניט דערלויבט צו טאָן אום שבת. יעזוס האָט געהאַט די געלעגענהייט צו ענטפערן נאָך זיין אייגענער מיינונג: מען מעג עס, אָדער מען טאָר ניט; מען דאַרף האַלטן די געבאָט פון דער תורה איבער שבת אָדער ניט. ער ווי שטענדיק קומט ניט אַרויס מיט אַ באַשטימטן ענטפער. ער איז אַרויסגעקומען מיט ניט קיין אַנגענומענעם ענטפער: דוד האָט געמעגט — מעגן זיי אויך. און זיין אופן פון ריידן איז אויך ווייט פון איינעם וואָס ווייס די מיינונג פון 'איך באַגער חסד מער פון אָפּפערונגען'. 'האָט איר געלייענט, ווייסט איר די מיינונג?' איז אויך ווייט פון חסד. און ווער פאַרדאַמט די אומשולדיקע? די פרושים האָבן קיינעם ניט פאַרדאַמט, נאָר געפרעגט.

מת. 8:12. „ווארום דער בן אדם איז האַר אַפילו פון שבת."

פש. די דריטע געבאָט פון די צען איז: „געדענק דעם טאָג שבת אים צו האַלטן הייליק." יעזוס האָט זיין רעכט און פריווילעגיע ניט צו געדענקען און ניט האַלטן הייליק דעם שבת, און ניט האַלטן פון גאָטס געבאָט. אָבער וווּ איז די רעכט עפנטלעך, שווערענדיק, און זאָגן דאָס פאַרקערטע? (18:5) 'ווארום אין אמת זאָג איך אייך, ביז הימל און ערד וועט פאַרגייען, איין יוד, איין פינטל וועט ניט פאַרגייען פון דער תורה (לאָ).

לוקאָס גיט איבער כמעט דאָס זעלבע וואָס מאַתיא, נאָר מער פאַר־קירצט. מאַרקוס ברייננגט נאָר דעם ביישפּיל פון דוד וואָס ער האָט געגעסן דעם הייליקן ברויט. ער מאַכט נאָר דעם טעות און גיט אָן דעם נאָמען פון כהן, אביתר. דער כהן איז געווען אחימלך, אביתר איז געווען זיין זון, וועל־כער האָט זיך אויסבאַהאַלטן און איז געראַטעוועט געוואָרן פון שאול וועלכער האָט אומגעבראַכט די גאַנצע הויזגעזינד פון אחימלך. ער האָט ניט די צו־גלייכונג פון טעמפּל וואָס די כהנים טוען די עבודה אום שבת.

מארק. 27:2. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, דער שבת איז געמאַכט געוואָרן פאַר מענטשן, און ניט מענטשן פאַר דעם שבת."

מק. 28:2. „דערפאַר דער זון פון מאַן (בן אדם) איז האַר אויך פון דעם שבת."

פש. מאַרק 27:2 איז ניט מער ווי אַן איבערגעבונג פון יידישער טראַ־דיציע. (מכילתא יומא פ"ד 85) „דער שבת איז געגעבן געוואָרן אייך, און ניט איר דעם שבת."

עס זיינען די זעלבע ווערטער, אָבער מיילן ווייט איז דער אונטערשייד אין דער תפיסה פון די ווערטער.

די יידישע קאָנצעפּציע איז, אַז דער שבת איז געגעבן געוואָרן צום מענטשן אַלץ אַ ברכה, אַ מתנה פון גאָטס לייטזעליקייט צום מענטשלעכן גליק און פרייד. דער שבת איז געגעבן געוואָרן ניט נאָר צום מענטשן נאָר צו אַלע הויזיקע חיות פון אַרבעט צו באַגליקן זיי, צו געבן אַ טאָג רו. שבת מיינט רו, און רו מיינט פרידן צום מענטשן און צו בהמה. אין דער עפּאָכע ווען שקלאַפעריי איז געווען דער באַזיס פון מענטשלעכער פּראָדוקציע, דער

שאַפענדיקער כוח פון אַלע מענטשלעכע נויטווענדיקייטן: שפייז, קליידונג, וווינונגען בויונג, טראַנספּאָרטאַציע, קהלשע אַרבעטן, אַרבעטער און צו־גרייטער פאַר די אַרמייען, לערער און פאַרוואַלטער; פרייע מענטשן ווי ערד־אַרבעטער און ווערק־מענטשן פון פאַרשידענע מלאָכות האָבן אַלע געאַרבעט און געווען פאַרנומען אַלע טעג פון יאָר. אַפילו אין די דערקענטע ימים טובים האָט זיך געווענדעט נאָר אויף דעם גוטן ווילן פון האַר, צו אָפּלאָזן זיינע שקלאַפן פון זייער אַרבעט. מענטשן האָבן ניט געקענט האָבן אַ טאָג רו וואָס זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט צו טראַכטן פון גאָט און פון גאָטס ווילן.

אין יידישן לעבן האָט זיך געלאָזט הערן גאָטס באַפעל און געבאָט: „איר זייט נאָר קנעכט צו מיר, אָבער ניט מענטש צו מענטש. (בנים אתם לשם אלהיכם) — איר זייט קינדער צו יאַהווע אייער גאָט. קינדער זיינען פריי און ניט פאַרשקלאַפּט איינע צו די אַנדערע.

די מיצווה פון שבת איז די גרעסטע און הייליקסטע געבאָט ווי פאַר יידן אַזוי פאַר ניט־יידן. איין טאָג אין וואָך, אַ טאָג פון פולער רו. אַלע רוען: דער האַר, דער קנעכט; די קינדער און די לוין אַרבעטער; מענטש און בהמה. דער מענטש קריגט די מענטשלעכקייט צו דענקען און טראַכטן, צו אויסרוען זיין קערפּער, און צו אַריינשעפּן אין זיך ענעריגע און פרישע כוחות פאַר די קומענדיקע זעקס טעג. דער אַרבעטסמאַן וואַרט און האָפט אויף דעם רו־טאָג. די בהמה פון משא און אַרבעט ווייסט אין איר אינסטינקטיוון באַ־וווסטזיין פון דעם גוטן טאָג פון רו. די קליגערע פון זיי פילן און ווייסן דעם אָנקומענדיקן טאָג. שבת איז אַ דערפרישונג ווי פאַר דעם קערפּער אַזוי פאַר דער זעל. עס איז ניט נאָר — רו; נאָר אויך אַ טאָג צו האַלטן הייליק.

אין יידישן לעבן איז דער טאָג שבת אַ גרויסע הייליקייט, אַ טאָג פון תענוג און גליק. אין לויף פון טויזענטער יאָרן איז יעדע רגע פון שבת — ווי פאַר די רייכע אַזוי פאַר די אָרעמע, ווי פאַר דעם האַר אַזוי פאַר דעם דינער, ווי פאַר דעם געלערנטן אַזוי פאַר דעם פּראָסטן, ווי פאַר קליינע אַזוי פאַר גרויסע — אַן אינערלעכער פאַרגעניגן, אַ פרייד און אַ הייליגקייט. אַלע נשמה־פיברען פון פרומען מאַן גלוסטן צו דער הנאה פון עונג שבת. דעריבער גלויבן יידן אַז שבת באַקומט דער מענטש אַ צווייטע נשמה, מחמת איין נשמה וואָלט ניט געקענט אַריינגעמען אין זיך די גרויסע הימלישע פרייד און עונג פון געטלעכן שבת.

1) אַ תפילה פון ר׳ צדוק וועלכער איז געווען אַ יִנגערער איינצייטיקער מיט די אַפּאָסטלס: „דורך דער ליבע מיט וועלכער דו, האַר, אונדזער גאָט, האָסט ליב דיין פאָלק ישראל, און דאָס רחמים וואָס דו האָסט באַוויזן צו די קינדער פון דיין ברית, און דו האָסט געגעבן אונדז אין ליבשאַפט דעם גרויסן און הייליקן זיבעטן טאָג.״ (תוספתא ברכות 3:7).

2) אַ טאָג פון רועז און פרייד, פון פאַרגעניגן און עונג, אַ טאָג אין וועלכן דער מענטש געפרייט אין דער פאַרשטעלונג פון געלויטערטער בענטשונג

1) ־ 2) ס. שעכטער, „אַספּעקטן פון דער רבנישער ליטעראַטור״, זייט 152.

און גליק וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די גערעכטפאַרטיקע אין דער קומענדיקער וועלט.

דער טאָג ווערט באַגעגנט און באַגריסט מיט צאַרטלעכע נעמען: „מלכה שבת,‟ „כלה שבת,‟ „טייערע,‟ „הייליקע,‟ „באַליבטע שבת.‟

3) די תורה איז איינגעטיילט אין דריי פּסיכאָלאָגישע אינהאַלטן: יראה, אהבה, און שמחה, דורך יעדן איינעם פון זיי קען אַ מענטש געבראַכט ווערן צו גאָט באַהעפטונג. דיין פייניקן זיך אין די טעג פון תענית ברייינגט דיך ניט נענטער צו גאָט ווי דיין פרייד אין די טעג פון שבתים און ימים טובים, בתנאי אַז דיין שמחה זאָל אַרויסשטראָמען פון כוונה און פון גאַנצן האַרצן. אַזוי ווי תפילה פאָדערט דיין פולן געדאַנק און כוונה, אַזוי אויך טוט חדוה. נעמלעך, דאַרפסט זיך פרייען מיט דער מיצווה גופא, צוליב דיין ליבשאַפט צום מיצווה־געבער: אַז דו זאָלסט דורך זיי באַנעמען, אַז עס איז פאַר דיין טובה וועגן. פאַרגלייך דיין שבת האַלטן ווי דו ביסט איינגעלאַדן צו גאָטס טיש און זיין שפע, דאַנק אים דערפאַר אינערלעך און אויסערלעך. און אויב דיין חדוה אין גאָט רעגט דיך צו דער מדרגה פון זינגען און טאַנצן, איז דאָס אַן עבודה צו גאָט, האַלטענדיק דיך באַהעפט צו אים.

4) עס איז אַ גוטער מנהג צו זינגען ביים טיש לכבוד שבת, דערציילן ווי באַליבט דער שבת איז ביי גאָט ברוך הוא. און ער זאָל לויבן זיין באַשאַפער וואָס ער האָט אים באַשאָנקען מיט דער דאָזיקער גרויסער און חשובער מתנה וואָס איז אַ תענוג און זעליקייט.‟

5) „שבת טראָגט אין זיך דעם סוד פון אמת און שלום.‟ (ר' אברהם טריסקער, פון מגן אברהם).

6) „דער ענין פון שבת, אַחוץ וואָס ער האַלט אָן שטענדיק און באַשטע־טיקט דעם גלויבן אין דער נייקייט פון דער וועלט איז אויך חשוב מצד פון דער רו גופא.‟ (רמב״ם, מורה נבוכים).

„ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז זי געווען אַ חומר, ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, און וואָלט קיין קיום ניט געקענט האָבן. דורך דעם טאָג שבת איז אין דער וועלט אַריינגעגעבן געוואָרן איר נשמה, און די שפע פון קיום און רו.‟ (ר' משה אלשיק, ספר השבת, ז. 145).

זאָלסט געדיינקען דעם טאָג שבת ניט בלויז צו רוען אין אים פון אַרבעט, נאָר אויך אים צו האַלטן הייליק. ווייל אויב דו וועסט האָבן בלויז אין זינען צו רוען אַליין און ניט צו דינען גאָט: זיינען דאָך אין דער בחינה אויך דיין קנעכט און דיין דינסט, און דיין בהמה גלייך צו דיר. אין האַלטן הייליק... קענסטו זיך פאַרגלייכן מיט דיין באַשעפער... וואָס זיין רוען... האָט

---

3)ספר הכוזרי, פון יהודה הלוי — געבראַכט פון ס. שעכטער, אַספּעקטן פון רב. ליט.

4) ספר מנהגי טוב פון ספר השבת, ערשטער טייל, זייט 81; 5) דאָרט ז. 111; 6) דאָרט ז. 129.

משפיע געווען אַ שפע פון רו, און קדושה אויף דער וועלט. (ר׳ משה אלשיך, ספר השבת זז. 146, 147).

מאַרק און די עוואַנגעליעס האָבן אויפגענומען די יידישע טראַדיציע פון שבת (אַז שבת איז געגעבן געוואָרן צו די מענטשן אַלץ אַ געטלעכע מתנה וואָס לויטערט און איידלט די נשמה אין דער געטלעכקייט פון איר רו), אין אַ פאַרקערטן זין, פולשטענדיק קעגן שטעליק צו דער יידישע קאָנצעפּ־ציע. אין דער אידייע איז ניט די מענטשן זיינען געגעבן געוואָרן צו דעם שבת, נאָר דער שבת איז געגעבן געוואָרן צום מענטשן: האָבן זיי אַריינ־געגעבן די מיינונג אַז דער הויפּט איז דער מענטש און ניט דער שבת, און יעזוס איז דער האַר איבערן שבת. אויב איינער האַלט ניט פון די דינים פון שבת: גיט דאָס אים ניט די רעכט צו רופן זיך האַר איבער דעם שבת.

פון אַלע עוואַנגעליע געשיכטעס וועגן שבת, איז די געשיכטע פון רייסן דעם קאָרן די איינציקע וואָס טראָגט אַ טאָט וואָס איז ניט דערלויבט נאָך דעם דין. אין נאָך יעזוס און פּאַולוס צייט איז די פראַגע פון שבת גע־וואָרן די וויכטיקסטע פּראָבלעמע אין לעבן פון די קריסטלעכע קאָנגרע־גאַציעס. עס זיינען אָנגעגאַנגען דיסקוסיעס און שטרייטיקייטן איבער דער פראַגע פון שבת. די גרעסטע צאָל קריסטן, דערהויפּט די געוועזענע היידנס, זיינען געווען די שטאַרקסטע קעגנער פון שבת. עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע שוועריקייט צו רוען שבת אין דעם מיטן פון אַ באַפעלקערונג ווו שבת איז אַ געוויינלעכער שטענדיקער אַרבעטס טאָג. די ניט־יידישע באַ־פעלקערונג האָט אַנדערש ניט געקענט פאַרשטיין דעם רוען אום שבת ווי אַ זאַך פון פוילקייט: עס איז אַן אידייע און אַן איינגלויבן פון פוילערס וואָס זוכן אַן אנטשולדיקונג כדי ניט צו אַרבעטן.

אָבער אויך אין די זעלבע קריסטלעכע קרייזן איז געווען אַ גרויסע צאָל וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם שבת. זייערע אַרגומענטן זיינען געווען: שבת איז אַ געבאָט פון די צען, צו רוען און האַלטן דעם טאָג הייליק, גאָט האָט פאַרענדיקט דעם וועלט־באַשאַף, דערום איז שבת אַ געבאָט פון גאָט; דער נביא ישעיה זאָגט אויך: ווועסט רופן שבת תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט האַלטן ערלעך; מיט דעם אָפּוואַרפן פון שבת, וואַרפן מיר אָפּ די הייליקע שריפטן; מיר דערקענען דעם אַוטאָריטעט פון די פּראָפעטן, דיקאָנס ביז די בישאָפּס; אָבער ניט דעם אַוטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן און די נביאים. פאַר די פּאָטערס און עלטסטע אין די קירכעס איז געשטאַנען די אומלעזבאַרע פראַגע פון שבת און די לאַגע פון אַן אוממעגלעכער אַנטשיידונג.

די קעגנער פון שבת זיינען געווען די מערהייט און זיי האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט. אין זייערע דיסקוסיעס האָט דער קעגנערישער צד געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר זייער שטעלונג אין די שריפטן: זיינען אַרויפגעקומען די אַרגומענטן ווי ׳דוד האָט אויך ניט געהאַלטן פון די געבאָט פון דער תורה; די כהנים האָבן אויך געטאָן אַרבעט אין בית המקדש און האָבן פאַרשוועכט דעם שבת׳. צו פאַרשטאַרקן זייער אַוטאָריטעט האָבן זיי געזאָגט אַז דאָס

איז אויך געווען די שטעלונג פון יעזוס; ביז עס איז דערקלערט געוואָרן אַז יעזוס האָט געזאָגט: אַז דער בן־אדם איז האַר איבערן שבת.

די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן די אַרגומענטאַציעס אַריינגעשריבן ווי דאָס זיינען געווען יעזוס רייד. די אַוטאָרס אומוויסן פון די הייליקע שריפטן, און דאָס ניט אויסגעהאַלטענקייט מכוח דודן און די כהנים אין בית המקדש: האָבן ניט געבראַכט קיין דערהויבונג צו דער פערזאָן פון יעזוס.

צום סוף האָט די גרויסע מערהייט פון די גוים קריסטן געמוזט אונטערגעבן זיך דער מינדערהייט פון די שבת פאַרטיידיקער. די קירך האָט געמאַכט אַ פשרה, און געפונען אַן אַרויסגאַנג פון דער אומענדלעכער מחלקה. שבת דאַרף זיין דער ערשטער טאָג פון וואָך, דער טאָג פון דעם האַר. אַזוי איז שבת געביטן געוואָרן אויפן צווייטן טאָג, זונטיק איז דער רו טאָג פון קריסטענטום. דער שבת איז ניט באַהערשט געוואָרן. די אידייע פון שבת אין אַ פאַרמינדערטער פאָרמע איז פאַרבליבן. שבת איז פאַרבליבן דער האַר פון דער קירך און פון בן אדם.

די אַרבעטער אין דער ציוויליזירטער וועלט, דורך זייערע אַרבעטער פאַריינען, האָבן ביטער געקעמפט פאַר דער אידייע פון רו אום זונטיק־שבת. אין די גרעסטע און מערסטע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פראָפעסיעס איז איינגעפירט געוואָרן צוויי טעג רו — שבת און זונטיק. די אידייע פון שבת איז פאַרבליבן דער האַר (לאָרד), און פאַרטאָפּלט געוואָרן.

מת. 9:12. „און ווען ער איז אַוועק פון דאָרט, איז ער אַוועק אין זייער סינאַגאָגע.“

מת. 10:12. „און זע, דאָרט איז געווען אַ מאַן וועלכער האָט געהאַט אַן אָפּגענומענע (פּאַראַליזירטע) האַנט, און זיי (די יידן אין סינאַגאָגע) האָבן אים געפרעגט, זאָגענדיק, איז עס געזעצלעך צו היילן אין אַ שבת־טאָג? זיי זאָלן אים קענען באַשולדיקן.“

פּש. דער גאַנצער זאַץ איז רוי צוזאַמענגעשטעלט און האָט ניט קיין שום לאָגישן צוזאַמענהאַנג. עס קומט אויס ווי יעזוס זוכט קראַנקע אויף צו היילן. ער קומט אַריין אין אַ שול ער זעט אַ קראַנקן היילט ער אים גלייך. און אַלע וויסן דאָס. ווי יעזוס איז אַריינגעקומען אין סינאַגאָגע און דאָרטן איז געווען אַ מאַן מיט אַ פּאַראַליזירטער האַנט האָבן שוין אַלע געוווּסט אַז יעזוס וועט אים היילן און אויסהיילן; אויך מאַכט עס דעם איינדרוק אַז יעזוס איינציקע מיסיע איז געווען צו היילן קראַנקע, אַז דאָס פרייידיקן פון דער מלוכה איז געווען אַ ביי־זאַך. זיי האָבן יעזוסן געפרעגט אויב עס איז דערלויבט צו היילן אום שבת. דאָס איז אויך אַ לאָגישע און פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט. אין אַ בית הכנסת זיינען פאַראַן סופרים, לומדים און אינטעלעקטואַלע פירער וועלכע וויסן אַליין וואָס איז דערלויבט און וואָס איז ניט דערלויבט, וואָס איז געזעצלעך און וואָס איז ניט געזעצלעך. אויב זיי וואָלטן געהאַלטן אַז עס איז קעגן יידישן דין צו זאָגן צו אַ מענטשן אום שבת: ‘שטרעק אויס

**דיין האַנט׳, וואָלטן זיי ניט געפרעגט ביי יעזוסן און זיינע פישער־תלמידים: זיי וואָלטן ניט געדולדיקט קיין חילול שבת אין אַ מקום קדוש; זיי וואָלטן אים הייסן פאַרלאָזן די סינאַגאָגע. די לעצטע ווערטער ווייזן קלאָר צוליב וואָס דער גאַנצער זאַץ איז געשריבן געוואָרן. אַלע פיר עוואַנגעליע שרייבער האָבן איין צוועק אין זינען, וועלכן זיי פירן דורך אין גאַנצן גאַנג פון זייער שרייבן.**

**דער צוועק איז צו האַלטן אין שטענדיקן ווידערהאַלן אַז די יידן פון יהודה און גליל האָבן געהאַט איין ציל און דאָס איז צו פּראָוואָצירן יעזוסן דורך פּראַגעס, אַז מען זאָל אים קענען באַשולדיקן און טויטן. דערקלערט מאתיא אַז זיי האָבן אים געפרעגט כדי צו האָבן אַן אורזאַך אים צו באַשולדיקן.**

**מאַרקוס מאַכט דעם צוגאַנג גלאַטער: זיי האָבן אים ניט געפרעגט, נאָר האָבן אים געהיט.**

מאַרקוס 2:3. „און זיי האָבן אים געוואַכט, אויב ער וועט אים היילן אין דעם טאָג פון שבת: כדי זיי זאָלן אים קענען באַשולדיקן.״

**לוקאַס פאַרריכט ביידן, מאַרקוסן און מאתיאן: „ער איז אַריינגעקומען אין סינאַגאָגע צו ל ע ר נ ע ן״, דאָרט איז געווען דער מאַן מיט דער פּאַראַ־ליזירטער האַנט, און דאָרט זיינען געווען ניט סתם זיי, נאָר סופרים און פּרושים.**

לוק. 7:6. „און די סופרים און די פּרושים האָבן אים געוואַכט, אויב ער וועט היילן אום שבת, כדי זיי זאָלן האָבן אַ באַשולדיקונג קעגן אים. און יעזוס האָט געוווּסט זייערע רעיונות.״

**פּש. לויט לוקאַס און מאַרקוס האָבן זיי יעזוסן גאָרניט געפרעגט, נאָר האָבן אַזוי געטראַכט. זיי ברייינגען אַ צווייפאַכיקן נס: היילונג און וויסן די טראַכטונגען פון אַן איינזאַמלונג פון מענטשן. נסים זיינען אַ צושטאַנד פון גלויבן; אָבער פאַר קיין פאַל היסטאָרישע באַווייזן.**

מת. 11:12. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, וואָס פאַר אַ מאַן וועט זיין צווישן אייך, וואָס וועט האָבן איין שעפּס, און אויב עס וועט אַריינפאַלן אין אַ גראָבן אין דעם טאָג פון שבת, וועט ער עס ניט אָננעמען און אַרויסשלעפּן פון דאָרט? (12) וויפיל דאַן איז אַ מענטש בעסער פאַר אַ שעפּס? דערפאַר איז עס געזעצלעך צו טאָן וואויל אין אַ שבתדיקן טאָג. (13) דאַן האָט ער געזאָגט צו דעם מאַן: שטרעק אויס דיין האַנט. און ער האָט אויסגעשטרעקט; און עס איז געוואָרן געזונט, גלייך ווי די אַנדערע.״

**פּש. דאָס איז ווידער איינע פון די דערפינדונגען פון יעזוס היילונג און דערקלערונגען וועלכע שטאַמען פון די דיסקוסיעס פון די קריסטלעכע קאָנ־גרעגאַציעס וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט דעם מינדסטן וויסן פון די יידישע דינים וועגן שבת. דאָס איז געווען דער ענטפער צו די שבת פאַרטיידיקער, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן יעזוס קעגנערשאַפט, און זיין דעמאָנסטראַטיווע אָפּ־וואַרפונג פון שבת; און אין דער זעלבער צייט אונטערשטרייכן אַז די שבת**

היטער זיינען געווען מערדער, זיי האָבן דורך דעם שבת געזוכט באַשולדיקן און טויטן יעזוסן.

אום שבת טאָר מען ניט טאָן קיין מלאכה. צו באַשטימען וואָס איז מלאכה, האָט מען גענומען פאַר אַ מאָס אַלע אַרבעטן אַרום דעם משכּן. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן 39 הויפּט־אַרבעטן וועלכע ווערן אָנגערופן אבֿ־מלאכות וועלכע מען טאָר ניט טאָן אום שבת. אויך אַלע מלאכות, וועלכע צווייגן זיך אָפּ פון די הויפּט מלאכות, זיינען אַרבעטן און טאָרן ניט געטאָן ווערן אום שבת. אין פאַל פון אַ קראַנקהייט וואָס קען זיין אַ סכּנה פאַר דעם מענטשן וואָס ווערט אָנגערופן סכּנת נפשות איז דאָס דוחה שבת. מען מעג טאָן אַלע אַרבעטן וואָס פּאָדערט זיך פאַר דעם חולה. אַפילו ווען מען דיינקט אַז אויב מען זאָל ניט געבן אַ חולה די נויטיקע הילף אָדער רפואות קען ער ווערן ערגער, עס מיינט ספק נפשות, דאַן שטופּט מען אָפּ דעם שבת און מען מעג און מען מוז טאָן אַלע אַרבעט וואָס פּאָדערט זיך פאַר דעם קראַנקן. לויט דעם דין איז אַן אָנגענומענער כּלל אַז פּקוח־נפש אָדער ספק־נפשות איז דוחה שבת.

*משנה־שבת 2:17*. „מען מעג נעמען אַ האַמער און צעקלאַפּן מיט אים אַ נוס. מען מעג נעמען אַ האַק און פאַנאַנדערשניידן צוזאַמענגעפּרעסטע פייגן, אויך אַ זעג און צעשניידן האַרטן קעז. אויך קען מען נוצן אַ קליינע לאָפּעטע (מגריפה) צו אויסקראַצן די טרוקענע פייגן פון פאַס, און מען קען נוצן אַן אַל צו עפענען אַ טיר ווען עס ווערט פאַרלאָרן דער שליסל. די אַלע אויסגע־רעכנטע אַרבעטן זיינען ניט קיין מלאכות, נאָר טווגען פאַר מענטשלעכן געברויך. מען מעג אָפּראַמען 5 קוישן תּבֿואה פון שייער צו מאַכן אַן אָרט פאַר געסט. ר׳ אליעזר האָט געזאָגט אַז מען מעג אום שבת שניידן האָלץ, פאַר ברענען צו מאַכן קוילן, כּדי אויף די קוילן מאַכן אַ מעסער (עס מיינט ווען עס איז ניט געווען קיין מוהלמעסער). מען מעג טאָן אַלע נויטיקע זאַכן פאַר אַ ברית מילה. מען מעג אַריינשטעלן אין אַ גרוב געקעכטס און עסנוואַרג אַז עס זאָל פּרעזערווירט ווערן, אויך מעג מען עס אַרויסנעמען ווען מען דאַרף עס. מען מעג שניידן קירביסן צו געבן עסן די בהמות, אויך צעשניידן דאָס פליישׁ פון אַ טויט געוואָרענער בהמה צו געבן עסן די הינט; מחמת עס איז ניט קיין מלאכה, נאָר אַ צוגרייטונג פון עסן פאַר שטוב־חיות.

ווו האָט יעזוס גענומען אַזעלכע דינים אַז מען טאָר ניט אַרויסציען אַ אַ שעפּס פון אַ גראָבן? האָט דען יעזוס ניט געוווסט פון אָנגענומענעם כּלל ווען עס איז אַ פּאַרדאַכט פון געפאַר: רעכנט מען זיך ניט מיט שבת? — יעזוס האָט זיכער געוווסט, נאָר עס האָבן ניט געוווסט די שרייבער פון די עוואַנ־געליעס.

מאַרקוס און לוקאַס, אין דעם זעלבן פאַל, מאַכן צו ריידן יעזוסן גאָר אַנדערע רייד: (מאַרקוס 4:3) „און ער האָט געזאָגט צו זיי, איז עס געזעצלעך צו טאָן גוטס אין די שבתדיקע טעג, אָדער צו טאָן שלעכטס? צו ראַטעווען אַ לעבן, אָדער צו הרגענען? נאָר זיי האָבן געהאַלטן זייער פרידן.״

דער שרייבער מאַכט נאָר צו ריידן יעזוסן, אָבער ער גיט ניט זייער ענטפער, ער באַהאַלט זיך הינטער דער פראַזע „זיי האָבן געהאַלטן זייער פרידן."

יעדער איינער אין סינאַגאָגע און ניט סופרים און ניט פרושים וואָלטן געענטפערט יעזוסן: די יידישע תורה און די טראַדיציע פון די חכמים לערנט אַז טאָן גוטס איז ניט אַ זאַך פון געזעצלעכקייט נאָר אַ מוז צו טאָן גוטס: ניט נאָר אום שבת, נאָר אַלע טעג פון וואָך; שלעכטס טאָר ניט געטאָן ווערן אַלע רגעס פון אַלע טעג פון וואָך. ראַטעווען אַ לעבן איז אויך ניט אַן ענין פון געזעץ נאָר אַ מוז אין אַלע טעג פון מענטשלעכן לעבן. די תורה זאָגט אל יעמוד על דם רעיך. און דער לא תרצח גילט ניט נאָר אויף שבת נאָר אויף אַלע טעג. יעזוס אָדער ריכטיקער געזאָגט די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס רייסן זיך אין אַן אָפענער טיר.

עס איז ניט מער ווי שטות אַז אַווטאָריטעטן פון אַ סינאַגאָגע וועלן פרעגן ביי אַן אורח אין שול ער זאָל אַנטשיידן דעם דין פון היילן אום שבת. צו אַנטשיידן אַ דין האָט נאָר די רעכט דער געזעצלעכער בית דין, און די אַווטאָריזירטע חכמים פון די לערנונג־אַקאַדעמיעס.

מת. 14:12. „דאַן זיינען די פרושים אַרויסגעגאַנגען און געהאַלטן אַ ראַט קעגן אים, ווי זיי זאָלן אים פאַרניכטן."

פש. לויט מאתיא האָבן די יידן אין סינאַגאָגע, ווי נאָר יעזוס איז אַריינגעקומען, געזוכט אים צו פּראָוואָצירן, דערפאַר האָבן זיי אים געפרעגט, אויב עס איז דערלויבט צו היילן אום שבת. יעזוס איז געווען אַ פּריוואַטער בירגער, ניט קיין ריכטער, און ניט קיין מיטגליד פון סנהדרין; אַ פּריוואַטער פּערזאָן קען האָבן זיין מיינונג וועגן אַ געזעץ, ער קען ניט אַרויסגעבן געזעצן; אויך אַ פּריוואַטער פּערזאָן איז ניט מחויב צו וויסן אַלע געזעצן. אויב זיי די יידן אין סינאַגאָגע וואָלטן געדענקט אַז ער איז שולדיק אין חילול שבת איז די איינציקע זאַך וואָס זיי וואָלטן געקענט טאָן, איז ברענגען יעזוסן פאַר אַ געזעצלעכן געריכט. קיין מענטש האָט ניט קיין רעכט צו נעמען דעם געזעץ אין אייגענע הענט. אויב זיי וואָלטן יעזוסן געטאָן שלעכטס וואָלטן זיי געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם געזעץ פון לאַנד, ווי פאַר דעם יידישן אַזוי אויך פאַר דעם רוימישן. עס איז די שטרעבונג פון די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס צו פאַרשטעלן די יידן ווי זוכער צו טויטן יעזוסן.

דער גאַנצער עפּיזאָד איז אַן אַבסורד און אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט. אַ ייד וואָס פריידיקט דעם אָנקומען פון דער מלוכה פון הימל, רופט צו תשובה, גרויסע מאַסן מענטשן פאָלגן נאָך יעזוסן אויף זיין יעדן טראָט: ווי איז מעגלעך אַז אין דער סינאַגאָגע זאָלן זיך ניט געפינען אַ טייל פון דער ׳מולטיטיוד׳ פאַר וועלכע די אַווטאָריטעטן ׳האָבן מורא׳.

אַן עדה יידן באַאָבאַכטן אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פאַל, ווי יעזוס זאָגט אַ וואָרט צו אַ מאַן מיט אַ פּאַראַליזירטער האַנט, און די האַנט ווערט נאָרמאַל געזונט; איז זיכער אַז דער גרעסטער טייל פון דער קאָנגרעגאַציע וואָלט

געוואָרן איבערראַשט פון דעם ווונדער. אָבער די לאָגיק פון די אויטאָרס איז אַ פאַרקערטע: זיי האָבן אים געוואָלט טויטן.

לויט די עוואַנגעליעס זיינען די יידן פון גליל שלעכט און זוכן צו אומברייינגען יעזוסן ווען זיי זיינען אין דער בית הכנסת, ווי נאָר די יידן גייען אַרויס פון בית הכנסת ווערן זיי גלייך זיין 'מולטיטיוד' און פאָלגן אים נאָך וווּהין ער גייט.

מת. 15:12. „אָבער ווען יעזוס האָט זיך דערוווּסט פון דערויף (וואָס זיי ווילן אים טויטן) האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דאָרט: און אַ גרויסער עולם האָט אים נאָכגעפאָלגט, און ער האָט זיי אַלעמען געהיילט.״

**פש. ווי האָט יעזוס געקומען דעם עולם? ער איז ערשט אַרויס פון דער סינאַגאָגע, און דאָרט זיינען געווען די 'זיי' וואָס האָבן געזוכט אים פראַוואָ־צירן. די זיי זיינען אַרויס פון סינאַגאָגע און גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין 'מולטיטיוד' און זיי אַלע זיינען געוואָרן קראַנק, כדי יעזוס זאָל זיי היילן.**

מת. 16:12. „און ער האָט באַפעלן זיי זאָלן ניט מאַכן אים באַקענט.״

**פש. עס איז ניט אויסגעהאַלטן, צו זאָגן אַ גרויסן המון אַז זיי זאָלן ניט דערציילן פאַר קיינעם.**

מת. 17:12. „אַז עס זאָל מקוים ווערן וואָס עס איז גערעדט געוואָרן ביי ישעיה דעם נביא, זאָגנדיק, (18:12) זעט מיין דינער, וועמען איך האָב אויסדערווײלט; מיין באַליבטער, אין וועמען מיין זעל איז וווּיל געפעלן. איך וועל טאָן מיין גייסט אויף אים, און ער וועט טאָן משפט צו די גוים. (19:12) ער וועט ניט שרייען, און ניט הילכן, און קיין מענטש וועט ניט הערן זיין קול אין די גאַסן. (20:12) אַן איינגעבראָכענעם שטעקל וועט ער ניט צעברעכן און גערויכערטן פלאַקס וועט ער ניט פאַרלעשן. ביז ער וועט אַרויסשיקן משפט און זיג.״

**פש. מאתיא וויל דערווייזן אַז דער נביא האָט דאָס געזאָגט אויף יעזוסן. אָבער יעזוס האָט דאָך געלאָזט הערן זיין קול ווי אין די סינאַגאָגעס אַזוי אין די גאַסן. אים האָט דאָך נאָכגעפאָלגט גרויסע עולמס און פרושים צו וועמען זיין קול איז געווען געגנוג הויך. די פּערזאָן פון יעזוס ענטפערט ניט די רייד פון נביא. יעזוס איז ניט באַשיידן און איז ניט שטיל. ער זאָגט 'איך קום ניט צו ברייינגען פרידן, נאָר אַ שווערד'; אַ שווערד האַקט אָפּ גאַנץ גרינג אַ צעבראָכענעם שטעקל. איר קענט זיין מיינע נאָכפאָלגער סיידן איר זאָלט האַסן אייערע עלטערן, ווייב און קינדער... איר דור פון שלאַנגען... אאז״וו.: דאָס איז ניט דער פּערזאָן וואָס קען ניט פאַרלעשן אַפילו אַ טונקלען קנויט. די לעצטע שורה פון זאָץ ווערט געענדערשט און ווערטער ווערן געביטן. עס קומט דער אָריגינאַל:**

ישעיה 3:42. **„לויט דעם אמת, וועט ער אַרויסלאָזן אַ משפט. — לאמת יוציא משפט.״**

**מאתיא שטעלט דאָ אַריין אַ וואָרט 'ביז', ער וואַרפט אַרויס די ווערטער 'לויט דעם אמת', און שטעלט צו די ווערטער 'אין זיג.'**

מאת. 21:12. „און אין זיין נאָמען וועלן די גוים גלויבן.״

**פּש.** **דער זאַץ ווערט אויך געאַנדערשט דורך בייטן און צולייגן ווערטער. (ישעיה 4:42) ...״און אינדזלען וועלן וואַרטן אויף זיין תורה.״ שטעלט מאתיא אַריין דאָס וואָרט ׳אין זיין נאָמען׳, פאַרבייט ׳וואַרטן׳ אויף ׳גלויבן׳ און לאָזט אויס די ווערטער ׳אויף זיין תורה׳. אויף אַזאַ אופן פראַוועט מען צו די נבואה פון ישעיה.**

מת. 22:12. „דאַן האָט מען געבראַכט צו אים איינעם באַזעסן מיט אַ טייוול, בלינד און שטום; און ער האָט אים געהיילט אויף אַזוי פיל אַז דער בלינדער און שטומער האָט גערעדט און געזען. (23) און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען דערשטוינט — איז עס ניט דער זון פון דוד?״

**פּש.** **דאָס יידישע פאָלק האָט פון ערגעץ ניט געהערט, און איר ערגעץ איז ניט פאַרשריבן אַ וואָרט אַז פון דודן זאָל אַרויסקומען אַפילו איין היילער.**

מת. 24:12. „אָבער ווען די פרושים האָבן עס געהערט, האָבן זיי געזאָגט, דער קערל וואַרפט אַרויס טייוואָלים נאָר דורך דעם בילזעבוב, דער פרינץ פון טייוולאָנים.״

**פּש.** **לוקאַס זאָגט ניט אַז דאָס האָבן געזאָגט די פרושים נאָר מאַנכע פון זיי.**

**די שרייבער פון די עוואַנגעליעס זיינען אויף אַזוי פיל איינגעגלויבט אין טייוולאָנים אַז זיי קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן אַז פרושים זאָלן ניט גלויבן אין טייוואָלים. עס איז מעגלעך אַז אייניקע פון זיי זיינען אויך באַ־ווירקט געוואָרן פון דעם איבערגלויבן אין שדים. אָבער קיין איין פרוש האָט ניט געגלויבט אַז שטומקייט און טויבקייט זיינען קראַנקהייטן אין מענטש־לעכן קערפּער פאַראורזאַכט פון שדים. פון אַזאַ איינגלויבעניש ווערט ניט דערמאָנט אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער עס ווערט גערעדט ווידער און ווידער פון רופאים וואָס היילן קראַנהייטן. עס ווערט אַפילו געראַטן ניט צו וויינען אין אַ שטאָט וווּ עס איז ניטאָ קיין רופא. אויב דאָס וואָלט באמת פאָרגעקומען, וואָלטן די פרושים געזאָגט אַז עס איז פון דער געטלעכער האַנט פון גאָט. עס איז נאָך איינס פון די אומבאַגרינדעטע דערפינדונגען פון די אַוטאָרס.**

**׳בילזעבוב׳ איז פאַרגרייזט פון בעל זבוב וואָס ווערט דערמאָנט נאָר ביי איין געלעגנהייט. דער מלך פון ישראל, אחזיהו, דער זון פון אחב, איז אַראָפּגעפאַלן פון אַן אויבער שטיבל, ער איז געוואָרן קראַנק, האָט ער געשיקט צו פרעגן דעם בעל זבוב, דעם גאָט פון עקרון, אויב ער וועט בלייבן לעבן און אויפשטיין פון זיין קראַנקהייט. האָט דער נביא אליהו באַגעגנט דעם מלכס שלוחים און האָט געזאָגט צו זיי: „קערט זיך אום און זאָגט דעם מלך, איז דען ניטאָ קיין גאָט אין ישראל וואָס דו שיקסט פרעגן ביים בעל־זבוב פון עקרון? דעריבער וועסטו ניט אויפשטיין פון דיין בעט.**

**דער בעל זבוב איז ניט קיין פרינץ פון דעמאָנס, נאָר אַ גאָט פון עקרון. לויט דעם תנ״ך איז דער בעל־זבוב ניט קיין היילער, נאָר אַן אָראַקל וואָס קען פאָרויס זאָגן דאָס קומענדיקע. ווען די פרושים האָבן אָפּגעזאָגט**

**און אָפּגעטראַכט זייערס, דאַן איז אין פּלאַץ אַז יעזוס זאָל זאָגן זיינס.**

מת. 25:12. „און יעזוס האָט געוווּסט זייערע טראַכטונגען, און האָט געזאָגט צו זיי, יעדע קיניגרייך וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין איז געבראַכט צו פֿאַרווּיסטונג; און יעדע שטאָט אָדער הויז צעטיילט קעגן זיך זעלבסט וועט ניט שטיין. (26) און אויב שׂטן וואַרפֿט אַרויס שׂטן, איז ער צעטיילט קעגן זיך זעלבסט; ווי זאָל דאַן זיין קיניגרייך שטיין? (27) און אויב איך דורך דעם בעל זבוב וואַרף אַרויס טייוואָלים, דורך וועמען טוען אייערע קינדער זיי אַרויסוואַרפֿן? דערפֿאַר וועלן זיי זיין אייערע ריכטער. (28) אָבער אויב איך וואַרף אַרויס די טייוואָלים דורך דעם גייסט פֿון גאָט, דאַן די קיניגרייך פֿון גאָט קומט צו אייך. (29) אָדער ווי ניט ווי קען איינער אַריינקומען אין אַ שטאַרקן מאַנס הויז, אַוועקרויבן זיין גוטס, סיידן צום ערשט ער בינדט דעם שטאַרקן מאַן? און דאַן וועט ער רויבן זיין הויז.״

**פּש. נאָך די אַלע אָפּאַריזמען בלייבט אַלץ ביים אַלטן. די פּרושים און די יידן האָבן ניט געגלויבט און געהאַלטן פֿאַר אַ שטות צו דענקען אַז אַ מענטש וואָס איז בלינד אָדער שטום איז דאָס דורך דער אורזאַך וואָס אין אים זיצט אַ טייוול. ווי נאָר דער טייוול ווערט אַרויסגעטריבן פֿון דעם דאָזיקן מענטשן, אַזוי הויבט אָן דער בלינדער זען און דער טויבער הערן. עס איז אַ גרויסער ספק אויב יעזוס האָט אַליין אויך געגלויבט אין דער מאַכט פֿון טייוואָלים צו פֿאַראורזאַכן קראַנקהייטן. דער עקזאָרציזם איז אַ פּאַגאַנישע איינגלויבעניש וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין קריסטלעכן גלויבן, די קריסטלעכע קירך האָט עס געניצט צו שטאַרקן די דערהויבונג פֿון יעזוס. דער בעסטער עדות וואָס באַשטעטיקט די שטעלונג איז יאָהאַן, דער אַוטאָר פֿון דער פֿערטער עוואַנגעליע: ער האָט אָפּגעוואָרפֿן אַלע דערציילונגען פֿון עקזאָרציזם פֿון די פֿריערדיקע דריי עוואַנגעליע שרייבער, ער האָט ניט רעקאָרדירט אַפֿילו איין פֿאַל פֿון דער אַרויסטרייבונג פֿון טייוואָלים. פּלוצלונג רייסט איבער יעזוס זיינע רייד וועגן בילזעבוב, און הויבט אָן ריידן אויף אַ נייער טעמע.**

מת. 30:12. „דער וואָס איז ניט מיט מיר איז קעגן מיר; און דער וואָס זאַמלט ניט מיט מיר צעוואָרפֿט עס אין דרויסן. (31) דאַרום זאָג איך צו אייך, אַלע אופֿנים פֿון זינד און לעסטערונג וועט פֿאַרגעבן ווערן צו מענטשן, נאָר די לעסטערונג קעגן דעם הייליקן גייסט וועט ניט פֿאַרגעבן ווערן צו מענטשן. (32) און דער וואָס וועט ריידן אַ וואָרט קעגן דעם בן אדם, וועט עס אים פֿאַרגעבן ווערן: אָבער דער וואָס וועט ריידן קעגן דעם הייליקן גייסט, וועט עס אים ניט פֿאַרגעבן ווערן, ניט אין דער וועלט, און ניט אין דער קומענדיקער וועלט.

**עס איז אַ חשד אַז די שורות זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקן די טעאָלאָגיע פֿון דעם טריניטאַריאַניזם.**

מת. 33:12. „ענטוועדער מאַכט די בוים גוט און זיין פּרוכט גוט; אָדער

מאַכט די בוים פאַרדאַרבן, און זיינע פרוכט פאַרדאַרבן: וואָרעם די בוים איז דערקענט דורך זיינע פרוכט.״

**פש. פלוצים בייט יעזוס זיין גוטמוטיקן טאָן און הויבט אָן מיט צאָרן און רוגזא.**

מת. 34:12. „אָ דור פון ווײפּער־שלאַנגען, ווי קענט איר, זייענדיק איבל, ריידן גוטע זאַכן? וואָרעם פון דער איבערפילונג פון דער האַרץ רעדט דאָס מויל. (35) אַ גוטער מענטש ברענגט אַרויס פון דעם גוטן אוצר פון האַרצן גוטע זאַכן: און אַ שלעכטער מאַן פון דעם שלעכטן אוצר ברענגט אַרויס שלעכטע זאַכן. (36) אָבער איך זאָג אייך, אַז יעדן ליידיקן וואָרט וואָס אַ מאַן וועט ריידן, וועלן זיי געבן אַ רעכענונג איבער דעם אין דעם יום הדין. (37) וואָרעם דורך דיינע ווערטער וועסטו גערעכטפערטיקט, און דורך דיינע ווערטער וועסטו ווערן פאַרשולדיקט.״

מת. 38:12. „דאַן אַ געוויסער פון די סופרים און פון די פרושים האָט געענטפערט, זאָגענדיק, לערער, מיר וואָלטן געזען אַ צייכן פון דיר. (39) אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, אַ שלעכטער און אַ דור פון זנות זוכט נאָך צייכנס, און דאָרט וועט צו דאָס קיין צייכן געגעבן ווערן, נאָר דער צייכן פון דעם נביא יונה.״

**פש. יעזוס בייט דאָ דעם פונקט פון זיין אנשיונג. צו די תלמידים פון יוחנן דעם טובלער זאָגט יעזוס גייט און דערציילט יוחנען די זאַכן וואָס איר הערט און זעט דאָ, די שטומע ריידן, די בלינדע זעען, די טויטע ווערן לעבעדיק. עס איז קשה: מענטשן הערן יעזוס ריידן אַלגעמיינע אַפאָריזמען, ווארום זאָלן זיי אין דער צייט בעטן פאַר אַ צייכן? דערלאַזן, אַז אַ סופר האָט געפרעגט פאַר אַ צייכן, ווארום האָט יעזוס ניט געקענט זאָגן דאָס זעלבע וואָס צו יוחנן? — זעט, אָט איצט פאַר אייערע אויגן האָב איך אַרויסגעטריבן דעם טייוול פון דעם בלינד־שטומען, און ער זעט איצט און רעדט. האָט איר ניט געזען אין סינאַגאָגע ווי איך האָב געזאָגט אַוואָרט און די אָפּגענומענע האַנט איז געזונט געוואָרן. האָט איר ניט געהערט פון דזשאירוס טאָכטער ווי איך האָב איר לעבעדיק געמאַכט: וואלט זייער פראַגע געוואָרן פאַר־ענטפערט. עס קען ניט אָנגענומען ווערן די פאַרענטפערונג אַז יעזוס האָט זיך ניט געוואָלט באַרימען: מחמת אין קומענדיקן זאַץ באַרימט זיך יעזוס גאַנץ שטאַרק, ׳דאָרט איז איינער גרעסער פון יונה׳. ווי עס ווייזט אויס, האָט יעזוס ניט געטאָן קיינע וואונדער, און ניט געגלויבט אין וואונדער: דער־פאַר ווען מען האָט געפרעגט אים צו באַווייזן אַ וואונדער צייכן, איז ער געוואָרן בייז און האָט זיי אָנגערופן דור פון זנות, און קיינע צייכנס וועלן ניט געגעבן ווערן. דאָס איבעריקע פון דער אַפּאָקאַליפּסיע איז אַ צוגעבונג פון שפּעטערדיקע צייטן.**

מת. 40:12. „אַזוי ווי יונה איז געווען דריי טעג און דריי נעכט אין דעם האַרץ פון דער ערד.״

**פש. מאתיא וועט שפּעטער שרייבן אַז יעזוס איז געווען אין דער ערד**

**נאָר צוויי נעכט און איין טאָג. פאַסט זיך דאָך ניט אַריין דער צייכן פון יונה.**

מת. 41:12. „די מענער פון נינוה וועלן אויפשטיין צום געריכט מיט דעם דור, און וועלן עס באַשולדיקן: מחמת זיי האָבן תשובה געטאָן הערנדיק די פריידיקונג פון יונה; און, זעט, אַ גרעסערער פון יונה איז דאָ.״

**פש. די ווערטער זיינען אויך עדות אַז מאתיא האָט ניט געקענט זאָגן אַז ישעיה זאָל מיינען יעזוסן אין זיינע רייד: „ער איז אַן עניו, און קען ניט אויפהויבן זיין קול אין גאַס.״**

מת. 42:12. „די מלכה פון דרום וועט אויפשטיין צום משפט מיט דעם דור, און וועט עס פאַרדאַמען: וואָרעם זי איז געקומען פון די וויטסטע טיילן צו הערן די חכמה פון שלמהן; און, זע, אַ גרעסערער ווי שלמה איז דאָ.״

**פש. מיט וואָס איז יעזוס געווען גרעסער פון שלמהן?**

**דער תנ״ך גיט אָן די גרויסקייט פון שלמהן. (מלכים א׳ 1:10). „און שלמה המלך האָט ליב געהאַט פיל פרעמדע ווייבער. (5) און שלמה איז גע־גאַנגען נאָך עשתורת, דער געטין פון די צידונים, און נאָך מלכם, דער אומווירדיקייט פון די עמונים. (6) און שלמה האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט.״ עס פאָדערט זיך ניט פיל צו זיין גרעסער ווי שלמה. און אין וואָס באַשטייט די צידקות פון מלכת שבא?**

מת. 43:12. „ווען דער אומריינער גייסט איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ מאַן, גייט ער אַרום דורך טרוקענע פלעצער, זוכענדיק רו, און געפינט ניט קיינע. (44) דאַן האָט ער געזאָגט, איך וועל זיך אומקערן צו מיין הויז פון וואַנען איך בין אַרויסגעקומען; און ווען ער איז געקומען, האָט ער עס געפונען ליידיק, אויסגעקערט און אויסגעפוצט. [דאָס איז אַלץ פאַרגעקומען אין דעם קערפּער פון אַ מאַן]. (45) דאַן גייט ער און נעמט זיך זיבן אַנדערע גייסטער מער ערגער ווי ער אַליין, און זיי קומען און וווינען דאָרט: און דער לעצטער שטאַנד פון יענעם מאַן איז ערגער פון ערשטן. אַזוי וועט דאָס זיין אויך צו דעם זינדיקן דור.״

**פש. דער טיפער משל קען נאָר גילטן פאַר די איינגלויביקע אין טייוולאָנים וועלכע מאַכן זייערע וווינונגען אין די קערפּערס פון מענטשן.**

מת. 46:12. „וויל ער האָט נאָך גערעדט צו די מענטשן, זעט, זיין מוטער און זיינע ברידער זיינען געשטאַנען אין דערויסן, זיי האָבן געוואָלט ריידן צו אים. (47) דאַן האָט איינער געזאָגט צו אים, זע, דיין מוטער און דיינע ברידער שטייען אין דערויסן, ווינטשענדיק ריידן צו דיר.״

**לויט ביז איצטיקן שרייבן פון די עוואַנגעליע אַוטאָרס איז פאַר־שטאַנען געוואָרן אַז יעזוס און זיינע תלמידים און זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך פאַרנומען מיט צופעליקע וואַנדערונגען און עס איז באַשטאַנען פון אַ צופעליקער נאָכפאָלגערשאַפט. ווער עס האָט געוואָלט איז געקומען זיך היילן צו אים. ווער עס האָט געוואָלט איז געקומען אים הערן און שטעלן פראַגן. אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען אַן איינגעשלאָסענע קערפּערשאַפט, מיט ענגע אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרבינדונגען. איבערייניק צום פלאַץ פון יעזוס**

**אויפהאַלטונג איז דער אַריינקום ניט געווען פריי, עס איז געווען באַוואַכט, דער אַריינקום אינווייניק האָט געדאַרפט זיין דורך אַ ספּעציעלער דערלויבניש.**

מת. 48:12. „אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו דעם וואָס האָט אים געזאָגט, ווער איז מיין מוטער? און ווער זיינען מיינע ברידער?

**פש. לוקאַס נעמט זיך די מי צו מאָדיפיצירן, און געפינט אַן אורזאַך פאַר זייער ניט קענען אַריינקומען.**

לק. 19:8. „דאַן זיינען געקומען צו אים זיין מוטער און זיינע ברידער, און האָבן ניט געקענט צוקומען צו אים איבער דער ענגשאַפט. (20) און עס איז געזאָגט געוואָרן צו אים ביי אַ געוויסן (מאַן) וועלכער האָט געזאָגט, דיין מוטער און דיינע ברידער שטייען אין דערויסן, ווינטשענדיק צו זען דיך. (21) ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, מיין מוטער און מיינע ברידער זיינען די וועלכע הערן דאָס וואָרט פון גאָט, און ט ו ע ן דאָס.

**פש. לוקאַס אָנווייזונג אויף דער ענגשאַפט איז אַ שוואַכע אַנטשולדיקונג. וואָרום האָט דער ׳געוויסער׳ געקענט דורכגיין אין דער שפּאַרענדיקער ענג־שאַפט און די מוטער פון יעזוס ניט?**

**דאָס איז ניט דער וועג אַפילו פון אַ פּשוטן מענטשן צו האָבן אַזאַ באַציונג צו אַ מוטער. יעזוס האָט געוויזן אַ ביישפּיל פאַר אַזאַ גרויסן עולם ווי אַזוי צו ערלעכן אַ מוטער. וואָס איז געווען יעזוס אויסערגעוויינלעכע פאַרנעמונג אַז ער האָט זיך אַפילו ניט דערלויבט צו איבערגעבן זיי אַן ענטפער אַז ער קען זיי איצט ניט אויפנעמען, זאָלן זיי צוואַרטן, פּיליכט שפּעטער וועט ער האָבן אַ מעגלעכקייט זיי זען. אָבער יעזוס בפני עם ועדה ענטזאָגט זיך זיי אַריינלאָזן, און פרעגט זיי: ווער איז מיין מוטער? עס מיינט, ער דערקענט איר ניט פאַר זיין מוטער. די מעשה פון שד וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך נאָך זיבן, איז געווען אַזוי נויטווענדיק אַז ער האָט ניט געקענט איר אויפנעמען. יעזוס האָט זיין פּריווילעגיע צו באַנעמען די מאָראַל פון האַלטן ערלעך פאָטער און מוטער ווי ער פאַרשטייט. עס איז מעגלעך אַז דאָס איז זיין אָריגינאַליטעט, ער וואַרפט אָפּ דעם אַלטן וויין און דאָס איז דער נייער וויין אין נייע פלעשער. אָבער דאַן מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאָנט ער פון אַנדערע אַז זיי זאָלן דערפילן דעם געבאָט פון כיבוד אם. ער מאָנט פון די פּרושים (מת. 5,4:15) „וואָרום גאָט האָט געבאָטן, האַלט ערלעך פאָטער און מוטער . . . אָבער איר האָט געמאַכט די געבאָט פון גאָט צו קיין ווערט . . . איר היפּאָקריטן.״**

**יעזוס האָט צוויי מאָסן: וואָס איז אַ טוגענט פאַר אים, איז אַן איבל פאַר די פּרושים.**

מת. 49:12 „און ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט אין דער ריכטונג צו זיינע תלמידים און געזאָגט, זעט מיין מוטער און ברידער! (50) וואָרום ווער עס וועט טאָן דעם ווילן פון מיין פאָטער וועלכער איז אין הימל, דער זעלבער איז מיין ברודער, שוועסטער און מוטער.״

**פש. עס איז דאָס ערגסטע גרינגשאַצונג וואָס קען אַרויסגעשפּראָכן ווערן**

קעגן אַ מוטער. טוט דען יעזוס מוטער ניט הערן דעם וואָרט פון גאָט, און זי טוט עס ניט?

יעזוס אויפפירונג און זיינע רייד זיינען עדות אַז יעזוס דערקענט ניט איר מופתדיקן פאַרנומען ווערן.

אָבער אונטער דער ליכט פון היסטאָריע ווערן די סיטואַציעס קלאָרער און פאַרשטענדלעכער. יעזוס האָט געטראָגן אויף זיך וויכטיקערע פליכטן, ווי דערציילן מעשות פון שדים און פריידיקן די מלוכה פון הימל. יעזוס האָט זיך אונטערגענומען צו אַראָפּברענגען די מלוכה אויף דער ערד, און אָנפירן, אָרגאַניזירן די מלוכהשאַפט. פאַר אַזאַ גרויסער אויפטוּונג פאָדערט זיך די הילף פון איבערגעגעבענע מענטשן. מענטשן זאָלן אָפּגעבן זייער לייב און לעבן, זייערע משפחות און נאָענטע, גוטס און פאַרמעגנס. יעזוס האָט געוויזן אַ ביישפּיל ווי מען איז מקריב עלטערן און ברידער פאַר דעם גרויסן צוועק פון דער מלוכה.

## קאַפּיטל 13

# דער זייער

מת. 1:13. „אין זעלבן טאָג איז יעזוס אַרויסגעגאַנגען פון הויז, און האָט זיך געזעצט ביים ברעג ים.״

**פּש.** עס איז געשען אין זעלבן טאָג ווען יעזוס האָט צוריק געוויזן זיין מוטער און ברידער, ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו אַרויסריידן אַ וואָרט צו זיין מוטער, אָבער ער האָט צייט צו זיצן ביים ברעג פון ים.

מת. 2:13. „און גרויסע מאַסן מענטשן האָבן זיך איינגעזאַמלט צו אים, אַזוי אַז ער איז אַריין אין אַ שיף און האָט זיך אַוועקגעזעצט, און דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אויפן ברעג. (3:13) און ער האָט גערעדט פיל זאַכן צו זיי אין משלים, זאָגנדיק, זעט, אַ זייער איז אַרויסגעקומען צו זייען; (4) און ווען ער האָט געזייט, אַ טייל זאָמען זיינען געפאַלן ביים זייט פון וועג, די פויגלען זיינען געקומען און האָבן זיי אויפגעגעסן. (5) אַ טייל איז געפאַלן אויף שטיינערדיקע ערטער ווו זיי האָבן ניט געהאַט פיל ערד: און גלייך האָבן זיי אַרויסגעשפּראָצט מחמת זיי האָבן ניט געהאַט טיפן ערד: (6) און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען זיינען זיי פאַרטריקנט געוואָרן; און ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיינע וואָרצלען זיינען זיי פאַרוועלקט געוואָרן. (7) און אייניקע זיינען געפאַלן צווישן דערנער זיינען די דערנער אויפגעגאַנגען און דערשטיקט זיי. (8) און אַנדערע זיינען געפאַלן אויף גוטן באָדן, און אויפגעבראַכט גוטע פּרוכט, מאַנכע אַ הונדערט פאַך, און מאַנכע זעכציק פאַך און אַנדערע אַ דרייסיק פאַך. (9) דער וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן. (10) און די תלמידים זיינען געקומען און געזאָגט צו אים, וואָרום רעדסטו צו זיי אין משלים? (11) ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, מחמת עס איז געגעבן געוואָרן צו

אייך צוו וויסן די מיסטריעס פון דער מלוכה פון הימל, אָבער צו זיי איז עס ניט געגעבן. (12) ווארום דער יעניקער וואָס האָט, צו אים וועט געגעבן ווערן, און ער זאָל האָבן אין איבער גענוג: אָבער דער יעניקער וואָס האָט ניט, פון אים וועט אָוועקגענומען ווערן וואָס ער האָט.״

מאַרקוס 10:4. „און ווען ער איז געווען אַליין, זיי וואָס זיינען געווען אַרום אים מיט די צוועלף האָבן אים געפרעגט דעם משל.״

**פש. לוקאַס שרייבט אויך אַז זיי האָבן אים געפרעגט צו דערקלערן דעם משל, און ניט ווי מאַתיא, אַז זיי האָבן אים געפרעגט ווארום רעדט ער אין משלים.**

**יעזוס זאָגט אַז זיינע תלמידים וויסן פון די מיסטעריעס פון דער מלוכה. מאַתיא האָט אַזויפיל שוין אָנגעשריבן וועגן יעזוס, תלמידים, גרויסע עולמס, און פון דער אָנקומענדיקער מלוכה און גאָר ניט פון די מיסטעריעס וואָס די תלמידים וויסן, און זיי די מאַסן צוהערער וויסן ניט. מוז זיין אַז מאַתיא באַלאַנגט צו די וועלכע וויסן ניט פון די ׳מיסטעריעס׳, אָדער ער באַהאַלט זיין וויסן, מחמת עס איז ניט פאַסיק פאַר דער וועלט. עס איז אַלץ פאַרוויקלט אין אַ נעפּל אַזוי אויך דער יושר פון אַזאַ מאָראַלאָגיע. ווארום דער וואָס ווייסט ניט, וועט אָוועקגענומען ווערן פון אים דאָס וואָס ער ווייסט.**

מת. 13:13. „דעריבער רייד איך צו זיי אין משלים: ווארום זיי זעענדיק זען ניט; און הערענדיק הערן ניט, אויך זיי טוען ניט פאַרשטיין. (14) און אין זיי איז פאַרפולט געוואָרן די נבואה פון ישעיה, וועלכער האָט געזאָגט דורך הערונג וועט איר הערן, און איר וועט ניט פאַרשטיין; און זעענדיק וועט איר זען, און וועט ניט אויפנעמען. (15) ווארום די דאָזיקע מענטשנס האַרץ איז געוואָרן פעט, און זייערע אויערן זיינען טומפּ צו הערן, און זייערע אויגן האָבן זיי פאַרמאַכט; טאָמער אין וועלכער צייט זיי זאָלן זען מיט זייערע אויגן, און הערן מיט זייערע אויערן, און זאָלן פילן מיט זייער האַרץ, און זאָלן ווערן אומגעקערט, און איך זאָל זיי היילן. (16) אָבער געבענטשט זיינען אייערע אויגן, ווארעם זיי זען: און אייערע אויערן, ווארום זיי הערן.״

**פש. עס קען ניט צוגעגליכן ווערן ישעיהס מיסיע צו יעזוס, דאָס איז געווען ישעיהס ערשטער אויפטריט. ער גיט זיך אָן פאַר גאָט אַז ער איז גרייט צו גיין און ריידן צום פאָלק, גאָט וואָרנט אים, אַז ער וועט פעט מאַכן דאָס האַרץ פון פאָלק, זיי וועלן אים הערן און ניט וועלן פאַרשטיין אאז״וו. אָבער יעזוס איז אין דעם מיטן פון זיין פריידיקונג, צו יעזוסן שטראָמען פרייוויליקע צוהערער פון אַלע עקן לאַנד, זיי גיבן אָוועק זייער צייט, זיי באַגלייטן אים אין אַלע זיינע וואַנדערונגען פון ים ביז די מדבריות, זיי שטייען אויס די גרעסטע ענגשאַפטן, דורשט און הונגער: נאָר כדי צו הערן יעזוסן. עס פאָלגט מאַרקוס ווערסיע.**

מק. 10:4. „און ווען ער (יעזוס) איז געווען אַליין, זיי וועלכע זיינען אַרום אים מיט די צוועלף האָבן אים געפרעגט דעם משל. (11) און ער האָט געזאָגט צו זיי, צו אייך איז געגעבן געוואָרן צו וויסן די מיסטעריע פון דער

מלוכה פון גאָט: אָבער די וועלכע זיינען אויסן, די אַלע ווערט געטאָן אין משלים. (12) אַז זעענדיק קענען זיי זען, און ניט תופס זיין... טאָמער אין וועלכער עס איז זינד זיי זאָלן ווערן אומגעקערט, און זייערע זינד זאָל זיי פאַרגעבן ווערן. (13:4) און ער האָט געזאָגט צו זיי, ווייסט איר דען ניט דעם משל? און ווי אַזוי דאַן וועט איר וויסן אַלע משלים?

**פש. מאַרקוס שרייבט אַז די רייד זיינען געווען יעזוסעס רייד און ניט אַ ציטירונג פון ישעיה, און יעזוס האָט געזאָגט צו די תלמידים אויב איר ווייסט ניט דעם משל, ווי וועט איר וויסן די אַלע אַנדערע משלים? עס איז אַ גאַנץ היפשער אונטערשייד פון מאַתיאס שרייבן, ווו ער זאָגט: געבענטשט זיינען אייערע אויגן און אויערן, מחמת זיי זען און הערן.**

מת. 17:13. „וואָרום באמת זאָג איך אייך, אַז פיל נביאים און צדיקים האָבן געווּנטשן צו זען די זאַכן וועלכע איר זעט, און האָבן עס ניט געזען; און צו הערן די זאַכן וועלכע איר הערט, און האָב עס ניט געהערט.״

**פש. אַלע דריי סינאָפּטישע אויטאָרס גיבן איבער דעם משל פון זייער אָם מערסטן מיט די ענלעכע ווערטער, איז ווי זאָל דאָס זיין מעגלעך אַז מאַרקוס און לוקאָס זאָלן אויסלאָזן גראַד דעם זאַץ וועלכן יעזוס שטרייכט אונטער מיט אַ שבועה, ווי, אויף מיין אמת? דאָס איז אַ באַווייז אויף דער ניט אויטענ־טישקייט פון דער זאָגונג.**

מת. 18:3. „הערט דעריבער דעם משל פון דעם זייער. (19) ווען יעדער איינער וואָס הערט דעם וואָרט פון דער מלוכה און פאַרשטייט עס ניט, דאַן קומט דער זינדיקער, און כאַפּט אויס דאָס וואָס איז געווען פאַרזייט אין זיין האַרץ. דאָס איז דער וואָס האָט דערהאַלטן די זאָמען ביי דעם וועג זייט. (20) אָבער דער וואָס דערהאַלט די זאָמען אין שטיינערנע ערטער, דער זעלבער איז דער וואָס הערט דאָס וואָרט, און גלייך מיט פרייד דערהאַלט ער עס. (21) דאָך האָט ער ניט קיין וואָרצלען אין זיך, נאָר געדויערט פאַר אַ וויילע: וואָרעם ווען ליידן אָדער פאַרפאָלגונגען אַנטשטייען מחמת דעם וואָרט, ווערט ער באַלד געשטרויכלט.״

**פש. לוקאָס מיידט אויס דעם וואָרט פאַרפאָלגונג, מחמת עס באַדייט אָן אויף דער צייט פון זייער שרייבן, די צייט פון די פאַרפאָלגונגען פון דער רוימישער מאַכט, פאַרבייט ער עס מיט נסיון.**

לוקאס 13:8. ״ . . . וועלכע פאַר אַ צייט גלויבן, און אין צייט פון נסיון פאַלן אָרויס.״

מת. 24:13. „אַן אַנדער משל האָט ער געבראַכט צו זיי, זאָגענדיק, די מלוכה פון הימל איז געגליכן צו אַ מאַן וואָס האָט פאַרזייט גוטע זאָמען אין זיין פעלד. (25) אָבער ווען די מענטשן זיינען געשלאָפן, איז זיין פיינט אָנ־געקומען און פאַרזייט ווילדע גראָז צווישן דעם ווייץ, און אַוועק זיין וועג. (26) אָבער ווען די שטענגל האָט אויפגעשפּראָצט און האָט אַרויסגעבראַכט פרוכט, דאַן איז אויך דערשינען דער לינדז־גראָז. (27) די קנעכט פון בעל הבית זיינען געקומען און געזאָגט צו אים, האַר, האָסטו דען ניט פאַרזייט

גוטע זאָמען אין דיין פעלד? פון וואַנען דען האָט ער די לינדזן־גראָז? (28) ער האָט געזאָגט צו זיי, אַ פיינט האָט דאָס געטאָן. די קנעכט האָבן געזאָגט צו אים, ווילסטו דען אַז מיר זאָלן גיין און דאָס איינזאַמלען? (29) אָבער ער האָט געזאָגט, ניין; טאָמער ווען איר זאַמלט איין דאָס ווילד־געוויקס, דאַן וואָרצלט איר אויס אויך דעם ווייץ מיט זיי. (30) זאָלן ביידע וואַקסן צוזאַמען ביז שניט צייט: און אין דער צייט פון שניט וועל איך זאָגן צו די שניטער, זאַמלט איר צום ערשט דעם ווילדן־געוויקס און בינדט עס אין בינטלעך צו פאַרברענען זיי: אָבער זאַמלט איין די ווייץ אין מיין שפייכלער.״

**פש. דער משל דערקלערט אויך די טעאָריע פון ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס. מען דאַרף לאָזן וואַקסן דאָס שלעכטס צוזאַמען מיט דעם גוטס: אין באַלדיקן אָנקומען פון דעם טאָג פון משפט וועט איינגעזאַמלט ווערן דאָס גוטס, און דאָס שלעכטס וועט פאַרניכטעט ווערן.**

מת. 31:13. „אַן אַנדער משל האָט ער פאָרגעבראַכט צו זיי, זאָגענדיק, די מלוכה פון הימל איז גלייך צו אַ קערנדל פון זענעפט־זאָמען, וואָס אַ מאַן האָט גענומען און געזייט אין זיין פעלד; (32) וועלכעס איז ווירקלעך דאָס קלענסטע פון אַלע זאָמען: אָבער ווען עס וואַקסט אויס, איז עס דאָס גרעסטע צווישן קרייטעכער, און עס וואַקסט אויס אין אַ בוים, אַזוי אַז די פויגל פון דער לופט קומען און באַזעצן זיך אין זייערע צווייגן.״

מת. 33:13. „אַן אַנדער משל האָט ער גערעדט צו זיי; די מלוכה פון הימל איז גלייך צו זויער טייג, וואָס אַ פרוי האָט גענומען, און באַהאַלטן אין דריי מאָס פון מעל, ביז דאָס גאַנצע איז געוואָרן זויער.

פש. פון דאָס אַלץ וואָס יעזוס האָט גערעדט און געזאָגט מיט משלים און אָן משלים וועגן דער מלוכה פון הימל, ווערט פון אים גאָר ניט געזאָגט וועגן דער מלוכה זעלבסט, וועגן דעם אינהאַלט פון דער מלוכה, וועגן איר פאַר־מירונג און וועגן איר אידייע. יעזוס אין דער דרשה אויפן באַרג האָט באַרירט די פראַגע פון עסן און קליידונג. יעזוס האָט עס פאַרענטפערט אַז גאָט אַליין וועט זיי דאָרט שפייזן און קליידן. אַזוי ווי גאָט פאַרזאָרגט די פויגל פון דער לופט, אַזוי וועט ער פאַרזאָרגן מיט שפייז די מענטשן. אַזוי ווי די ליליעס אין פעלד זיינען באַצירט מיט פאַרשידענע קאָלירן, אַזוי וועט זיי אויך גאָט באַצירן מיט דער שענסטער קליידונג. אָבער גאָר ניט מער ווערט געזאָגט ווי וועגן אויסערלעכן אַזוי וועגן אינערלעכן אינהאַלט. די משלים ריידן פון דער אָנקומונג פון דער מלוכה. דאָס קווינט עסענץ, דער עצם און תוך פון יעזוס פריידיקונג איז די מלוכה: און גאָרניט ווערט געזאָגט פון איר. די עוואַנגעליע אַוטאָרס גיבן איבער וועגן פראַגע שטעלונגען צו יעזוס: אים האָבן געפרעגט די תלמידים, און תלמידים פון יוחנען, סופרים, זקנים, כהנים, פרושים, צדוקים, מענטשן פון פאָלק; און קיין פראַגע ווערט ניט באַריכטעט פון דער מלוכה גופא, פון איר אינהאַלט און וואָס קען דערוואַרט ווערן פון איר. דער איינציקער וואָס האָט געפרעגט איז געווען פעטרוס, ווי

מיר וועלן לייענען ווייטער, און קיין דערקלערענדיקן ענטפער האָט ער ניט געקראָגן.

די מאַסן מענטשן וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט: זיינען ניט געקומען צו הערן זיין שיין רײדן; ווי יעזוס זאָגט צו זיי וועגן יוחנן: וואָס זייט איר געגאַנגען זען אין דעם מדבר, ווי צווייגן שאָקלען זיך? — ניין, זיי זיינען געגאַנגען הערן פון דער באַלדיקער מלוכה. אויך אַזוי קומען זיי צו הערן יעזוסן. דער רוימישער יאָך ווערט שווערער און אומטרעגלעכער פון טאָג צו טאָג. די צינזן און שטייערן ווערן פאַרגרעסערט, די רוימישע באַאַמטע רייסן פון פאָלק, שניידן, אוןו זויגן דאָס בלוט: אַלץ ווערט טאַקסירט, דאָס פאָלק ווערט שרעקלעך פאַראָרעמט. איצט הערן זיי די בשורה פון דער גאולה, די בשורה פון דעם תיכפטיקן אָנקומען פון דער מלוכה פון גאָט (מלכות שמים), ווו זיי האָפן צו געפינען טרייסט, האָפענונג און רעטונג.

יוחנן און יעזוס פאַרזיכערן אַז די מלוכה וועט באַלד אָנקומען, אין דער צייט פון זייער לעבן. עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך אַז אין גאָטס מלוכה וועט ניט זיין קיין אָרט פאַר דעם פאַגאַנישן רוים, קיין פּלאַץ פאַר רוימישע פאַרשקלאַפער, געוועלטיקער און אונטערדריקער.

די תלמידים, די פרושים, די ׳מולטיטיודס׳ האָבן זיכער פיל געפרעגט יעזוסן וועגן די איינצעלהייטן פון דער מלוכה. די קריסטלעכע קירך, און די עוואַנגעליע שרייבער פאַרשוויגן דאָס אַלץ, ווי זיי פאַרשוויגן יעזוס גאַנצן לעבן. דאָ און דאָרט רייסט זיך אַרויס אָנווייזונגען אויף יעזוס לעבן, אויף זיין אמתן פריידיקן, און יעזוסווירקלעכע אַספּיראַציעס, נאָר זיי ווערן דער־טרונקען אין דער שפּעטערדיקער קירכלעכער קריסטאָלאָגיע. די פראַגע פון שטייער צאָלן ווערט דערמאָנט, נאָר די קירך האָט דאָס פאַרוויקלט אין נעפּלדיקייט אַז זי זאָל קענען געבן איר אויסטייטשונג: אַז דאָס האָבן געפרעגט ׳פאַריסייער׳, אַז זיי האָבן געוואָלט אים פראָוואָצירן, און מען האָט פאַרמירט די פראַגע אויב עס איז געזעצלעך צאָלן צו רוים טאַקסעס. דער ענטפער איז געוואָרן אין אַ ווערטל: גיב צעזאַרן וואָס איז צעזאַרס... זיין ענטפער האָט ניט געקענט זיין אַנדערש ווי, איצט צאָלט מען צו צעזאַר, אין דער מלוכה וועט אַלץ געהערן צו גאָט, און גאָט וועט באַצאָלן צעזאַרן וואָס אים קומט.

מת. 34:13. „די אַלע זאַכן האָט גערעדט יעזוס צו דעם עולם אין משלים; און אָן אַ משל האָט ער ניט גערעדט צו זיי.״

מת. 35:13. „אַז עס זאָל קענען מקוים ווערן וואָס איז געזאָגט געוואָרן ביי דעם נביא, זאָגנדיק, איך וועל עפענען מיין מויל אין משלים; איך וועל רעדן זאַכן וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אין געהיים פון דער גרינדונג פון דער וועלט.״

**פש. דאָס האָט געזאָגט אָסף אין תהלים. אָסף ווערט ניט געהאַלטן פאַר אַ נביא, ער איז איינער פון די בעלי התהלים וועלכער האָט געשריבן אַ צאָל הימנען און מזמורים פון תהלים.**

תהלים 1:78. „אַ באַטראַכטונג פון אָספן.

משכיל לאָסף.

תה. 2:78. „פאַרנעם, מיין פאָלק, מיין לערנונג, נויגט אייער אויער צו די ווער־טער פון מיין מויל.

האזינו, עמי, תורתי, הטו אזנכם לאמרי פי.

תה. 3:78. „איך וועל עפענען מיט אַ משל מיין מויל, איך וועל רעדן רעטע־נישן פון פאַרצייטן.

אפתחה במשל פי, אביעה חידות מני־קדם,

תה. 4:78. „וואָס מיר האָבן געהערט און מיר וויסן, און אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט.״

אשר שמענו ונדעם ואבותינו ספרו לנו.

אָסף זאָגט, „פאַרנעם, מיין פאָלק, מיין תורה, דאָס איז לא וואָס איז דאָס ערגסטע פון דאָס ערגסטע.״ „איך וועל עפנען מיט אַ משל מיין מויל,״ זאָגט דאָך אָסף אויף זיך אַליין, און ניט נביאות אויף אַן אַנדערן. דאָס איינציקע וואָס קען געזאָגט ווערן איז אַז יעזוס האָט איבערגענומען די מעטאָדע פון אָספן און האָט אויך גערעדט דורך משלים, ווי האָט געקענט מקוים ווערן די רייד פון נביא, ווען מאַתיא גיט איבער אַנדערש ווי דער נביא האָט גע־זאָגט? דער נביא אָסף האָט ניט געזאָגט, אַז ער וועט רעדן פון זאַכן וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן „אין סעקרעט״, ער האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע: „איך וועל רעדן וואָס מיר האָבן געהערט און מיר וויסן וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט״. דאָס וואָס מען הערט, מען וויסט, דערציילט, — קענען ניט אָנגערופן ווערן „סעקרעט״. אַזוי דאָס וואָרט „פון פאַרצייטן״ זיכער טראָגט ניט די מיינונג פון מאַתיא, „איידער די וועלט איז געגרינדעט געוואָרן.״

1) אַי וויל אָפּן מאַי מאַוטה אין פּאַראַבּלס.

I will open my mouth in parables.

2) אַי וויל אַטער דאַרק סייאינגס אָף אָלד.

I will utter dark sayings of old.

אָף אָלד — איז ניט איידער די וועלט איז געגרינדעט געוואָרן.

מאַתיא האָט געקראָגן די געוויינהייט אַריינצוטאָן זיינע געדאַנקען אין יעזוס מויל, אַזוי דאָס זעלבע טוט ער צו די נביאים. נאָר דער אונטערשייד איז וואָס די רייד פון די נביאים זיינען ניט מינדלעכע, נאָר פאַרשריבענע, מוז ער אָנקומען נאָר צום מיטל צו אומבייטן זייערע רייד.

עס פאָלגט אָסף אין זיין נבואה.

1, 2) קינג דזשיימס ווערסיע.

תה. 4:78. „װעלן מיר ניט פאַרהוילן פון זײערע קינדער דערצײלענדיק דעם שפּעטערדיקן דור די לויבן פון יאַהװע און זײן שטאַרקײט, און זײנע װוּנדער װאָס ער האָט געטאָן.

„לא נכחד מבניהם לדור אחרון מספרים תהלת ה׳ ועזוזו ונפלאותיו אשר עשה.

תה. 5:78. „װאָרום ער האָט אױפגעשטעלט אַ געזעץ אין יעקב, און אַ תורה געמאַכט אין ישראל, װאָס ער האָט באַפױלן אונדזערע עלטערן, זײ צו מאַכן װיסן אונדזערע קינדער.״

ויקם עדות ביעקב, ותורה שם בישראל, אשר צוה את אבותינו להודיעם לבניהם.״

ניט פאַרהוילן מײנט **ב י ט** האַלטן אין סעקרעט.

מת. 36:13. „דאַן האָט יעזוס אַװעקגעשיקט דעם עולם, און איז אַרײן אין הױז.״

**דאָס װײזט אַז די ״מולטיטיוד״ איז ניט געװען אַן אַנגעלאָפענער המון, װאָס האָט זיך געשפּאַרט און געשטופּט, נאָר אַן אָרגאַניזירטע מחנה, װאָס נעמט באַפעלן. װען יעזוס האָט זײ געהײסן אַװעקצוגײן — זײנען זײ זיך צעגאַנגען. „און זײנע תלמידים זײנען געקומען צו אים, זאָגענדיק, דערקלער צו אונדז דעם משל פון דעם װילדן געװיקס אין דער פעלד.״**

מת. 36:13. ״ . . . און זײנע תלמידים זײנען געקומען צו אים, זאָגענדיק, דערקלער אונדז דעם משל פון דער לינדז־גראָז פון דער פעלד.״

מת. 37:13. „ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זײ, דער װאָס האָט געזײט די גוטע זאָמען איז דער בן אדם; (38) די פעלד איז די װעלט; די גוטע זאָמען זײנען די קינדער פון דער מלוכה; אָבער דאָס װילד־געװיקס זײנען די קינדער פון שלעכטן. (39) דער פײנד װאָס האָט זײ פאַרזײט איז דער טײװל; דאָס שניט־צײט איז דער סוף פון דער װעלט; און די שנײדערס זײנען די מלאכים. (40) דערפאַר װי דאָס װילד געװיקס איז אײנגעזאַמלט און פאַרברענט אין פײער, אַזױ װעט עס זײן אין דעם סוף פון דער װעלט. (41) דער בן אדם װעט פאַרױסשיקן זײנע מלאכים און זײ װעלן אָפּזאַמלען פון זײן מלוכה אַלע זאַכן װאָס שטרויכלען, און זײ װאָס טוען אומרעכט. (42) און װעלן אַרײנװאַרפן זײ אין אױװן פון פײער, דאָרט װעט זײן יאָמער און צײן־קריצונג. (43) דאַן װעלן די רעכטפאַרטיקע אַרױסשײנען װי די זון אין דער מלוכה פון זײער פאָטער. דער װאָס האָט אױערן זאָל ער הערן.״

**פש. יעזוס טײלט אײן די מענטשן פון זײן צײט אױף די קינדער פון דער מלוכה, דאָס זײנען זײנע נאָכפאָלגער און די װאָס קוקן אױס און האָפן אױף דער מלוכה; אַלע קעגנער פון דער מלוכה זײנען די פײנט און שלעכטע. יעזוס דערקלערט װי אַזױ ער װעט גרינדן די מלוכה. ער װעט שיקן די מלאכים און זײ װעלן אײנשטעלן די מלוכה, אַלע שלעכטע און פײנט װעלן די מלאכים פאַרברענען, די רעכטפאַרטיקע װעלן געניסן פון דער מלוכה.**

די קריסטלעכע טעאָלאָגן ריידן זיך איין און ריידן איין אַנדערע אַז די מלוכה איז געווען פאַר יעזוסן נאָר אַ רעליגיעזער אידעאַל וואָס וועט אין סוף פון די טעג פאַרווירקלעכט ווערן. עס איז פאַרקערט, יעזוס איז געווען זיכער אַז ער וועט איינשטעלן די מלוכה אין דער נאָענטער צוקונפט, ער און זיינע נאָכפאָלגער מיט דער הילף פון מלאכים וועלן די מלוכה דעראָבערן. די קירך וויל דאָס אַלץ פאַרזען, און זאָגן אַז אין יעזוס לערנונג איז ניטאָ קיין סאָציאַלער אינהאַלט, און קיינע געזעלשאַפטלעכע צוועקן — עס איז אַן אילומינאַציע אין האַרץ פון אינדיווידואום, די געבאָט פון האַרץ אין דעם איינצעלנעם. 1)

מת. 44:13. „ווידער, די מלוכה פון הימל איז געגליכן צו אַן אוצר באַהאַלטן אין פעלד; וואָס ווען אַ מענטש געפינט עס, באַהאַלט ער, און פון פרייד גייט ער און פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט, און קויפט די פעלד.

מת. 45:13. „ווידער, די מלוכה פון הימל איז געגליכן צו אַ סוחר, זוכענדיק גוטע פערל: (46) ווען ער האָט געפונען איין פערל פון אַ הויכן ווערט, איז ער געגאַנגען און פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און דאָס געקויפט. (47) ווידער, די מלוכה פון הימל איז גלייך צו אַ נעץ, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין ים, און האָט אַנגעקליבן פון אַלע מינים. (48) וועלכע ווען עס איז געוואָרן פול, האָבן זיי צוגעשלעפט צום ברעג, און האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און האָבן געקליבן די גוטע אין כלים, אָבער אַוועקגעוואָרפן די שלעכטע. (49) אַזוי וועט עס זיין אין דעם סוף פון דער וועלט: די מלאכים וועלן פאַרויסקומען, און וועלן אָפּשיידן די רשעים פון די צדיקים. (50) און וועלן וואַרפן זיי אין דעם פייערדיקן אייוון: דאָרט וועט זיין יאָמער און קריצונג פון ציין."

פּש. דאָ טרעפן מיר זיך אָן מיט סיטואַציעס וואָס לאָזן זיך ניט פאַרשטיין. יעזוס רעדט צו זיינע צוהערער ניט קלאָר, ער רעדט דורך משלים: כדי זיי זאָלן ניט פאַרשטיין. ווארום זאָל דאָס אַזוי פאַרקומען? זיינע צוהערער קומען פון אַלע עקן פון לאַנד, יעזוס קען זיך ניט פון זיי אויסבאַהאַלטן, ניט אויפן וואַסער און ניט אין דעם מדבר. וואָס איז די אורזאַכע אַז יעזוס זאָל זיך אָנשטריינגען צו ריידן צו זיי אין אַזאַ פאָרמע און אופן אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטיין זיינע רייד? אויב יעזוס וויל אַז זיי זאָלן אים ניט פאַרשטיין: איז צוליב וואָס זאָל ער ריידן?

יעזוס זאָגט, ער וועט שיקן זיינע מלאכים און פאַרניכטן אַלע שטרויכלער פון זיין מלוכה; די הויפּט שטרויכלער זיינען די רוימישע מאַכט און אירע אַלע אַרויסהעלפער. ווען די מלוכה וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט, דאַן וועט דאָס גאַנצע פאָלק צושטיין און אויך די קעגנער. די הויפּט קאָנפוזיע שאַפן די אַווטאָרס און די קריסטלעכע קירך וועלכע האָט געפורעמט און פאַר־

---

1) א. האַרנאַק, וואָס איז קריסטענטום .

מירט, רעדאַקטירט און געשריבן און איבערגעשריבן די מינדלעכע לעגענדעס און איבערגעבונגען.

די רוימער האָבן אָפּגעהיט די גאַנצקייט פון זייער אימפעריע מיט זייער פולער ברוטאַלער מאַכט. די רוימישע אימפעריע איז געווען די גרעסטע אין דער היסטאָריע פון אימפעריעס. זיי זיינען געווען די גרעסטע עקספּערטן ווי אַנצוהאַלטן די גאַנצקייט פון זייער וועלט־מלוכה. זיי זיינען שטענדיק געווען אויף דער וואַך, ניט אַראָפּצונעמען זייערע אויגן פון יעדער פּראָווינץ. אַ נעץ פון שפּיאָנאַזש איז געווען פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער און פּראָווינצן, אַזוי אַז זיי האָבן געקענט דערשטיקן יעדן אויפשטאַנד אין זיין אָנהייב. ווי צו דעם אָרט פון אַן אונטערדריקטן אויפשטאַנד. זייערע שטעדט וועלן ווערן צעשטערט און פאַרברענט, עס וועלן ווערן אויסגעשלאַכט ווי שולדיקע אַזוי אומשולדיקע, גרויסע צאָלן וועלן אין מאַסן געקרייציקט ווערן. יעדער אונטערדריקטער אויפשטאַנד וועט ווערן אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער אימפּעריע: וואָס זיי דערוואַרט פאַר יעדע ווידערשפּענונג צו דער מאַכט פון רוים.

די רוימער זיינען קליינע גלויבער אין אַ משיח, אויפשטעלן אַ מלוכה איז אין זייערע אויגן רעוואָלוציע קעגן אימפּעראַטאָר; אַ יידישער משיח איז אַ בונטאַר און אַן אויפשטאַנדלער קעגן דער רוימישער הערשאַפט. דערפאַר ווען יעזוס איז אַרויסגעטראָטן אין זיינע עפנטלעכע פּריידיקונגען האָט ער זיך ניט געקענט אויסדריקן דייטלעך זיינע מיינונגען איבער דער מורא וואָס צווישן עולם געפינען זיך רוימישע שפּיאָנען: דעריבער האָט ער גערעדט אין משלים פון אַ מלוכה פון הימל אָדער פון גאָט. ווען יעזוס איז געווען מיט די תלמידים האָט ער זיי דערקלערט די משלים, און האָט אָנגעדייטעט וועגן די היטער פון רוים און די אָנגעשטעלטע פון הורדוסן אַז זיי האָבן אויגן און זעען ניט, אויערן און הערן ניט, און קענען ניט פאַרשטיין, און דאָס ביסל וואָס זיי וויסן וועט פון זיי אָוועקגענומען ווערן.

מת. 51:13. :יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, האָט איר פאַרשטאַנען די אַלע זאַכן? האָבן זיי געזאָגט צו אים, יע, האַר. (52) דאַן האָט ער געזאָגט צו זיי דערפאַר יעדער סופר וואָס איז באַהאַוונט אין דער מלוכה פון הימל איז גלייך צו אַ מאַן וואָס איז אַ בעל הבית, וואָס ברענגט אַרויס פון זיין אוצר זאַכן נייע און אַלטע. (33) און עס איז געקומען צו פּאַסירן ווען יעזוס האָט גע־ענדיקט די משלים איז ער אַוועק פון דאָרט.״

מת. 54:13. „און ווען ער איז געקומען אין זיין אייגענעם ישוב האָט ער זיי געלערנט אין זייערע בתי כנסיות, אויף אַזוי פיל אַז זיי זיינען געוואָרן דערשטוינט, און האָבן געזאָגט, פון וואַנען האָט דער מאַן די חכמה, און די דאָזיקע מעכטיקע טוונגען.״

**פש. אין דעם זאַץ ווערן ניט דערמאָנט קיינע נעמען, נאָר, ער, זיין, זיי, זייערע, דער, די.**

מת. 55:13. „איז דער דאָזיקער ניט דעם סטאָליערס זון? איז ניט זיין מוטער גערופן מרים? און זיינע ברידער יעקב, יוסי, שמעון און יהודה?

(56) און זיינע שוועסטער, זיינען זיי דען אַלע ניט מיט אונדז? פון וואַנען דען האָט דער מאַן די אַלע זאַכן? (57) און זיי האָבן געשטרויכלט אָן אים. אָבער יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, אַ נביא איז ניט אָן כבוד חוץ אין זיין אייגן לאַנד או ואין זיין אייגן הויז. (58) און ער האָט ניט געטאָן פיל טוונגען דאָרט מחמת זייער אומגלויבן.״

**פש. עס קען פאַרשטאַנען ווערן אַז יעזוס איז געווען פאַר אַ צייט אפּ־ וועזנדיק פון זיין היים. זיי אַלע אין סינאַגאָגע האָבן געקענט זיין גאַנצע משפחה, ווען זיי האָבן געזען און געהערט יעזוסן ערשט דאַן האָבן זיי אים דערקענט אַז ער איז דער זון פון סטאָליער.**

מאַרקוס 2:6. „און ווען דער טאָג פון שבת איז געקומען, האָט ער אָנגעהייבן לערנען אין דער בית הכנסת; און אַלע הערענדיק אים זיינען געווען דערשטוינט... און וואָס פאַר אַ חכמה איז דאָס וואָס עס איז אים געגעבן געוואָרן, און אַזעלכע מעכטיקע טוונגען וואָס זיינען געטאָן געוואָרן דורך זיינע הענט?״

**ביידע אויטאָרס גיבן אָן אַז זיי האָבן געוווסט און געווען זיכער אין זיינע מעכטיקע טוונגען, זיי האָבן נאָר געוווּנדערט פון וואַנען קומט דאָס אַלץ צו אים. און גלייך באַלד שרייבט מען אַז ער האָט ניט געקענט טאָן זיינע טוונגען איבער זייער אומגלויבן.**

מאַרקוס, 6:6. „און ער (יעזוס) האָט געוווּנדערט איבער זייער אומ־ גלויבן, און ער איז געגאַנגען אין די אַרומיקע ישובים, לערנענדיק.״

**אַזוי גיבן איבער מאַרקוס און מאתיא דעם אָנהויב פון דאָס וואָס איז פאָרגעקומען ווען יעזוס האָט באַזוכט זיין אייגענע שטאָדט און די סינאַגאָגע פון שטאָט. ווי יעזוס האָט געזאָגט אַז אַ נביא ווערט ניט דערקענט אין זיין לאַנד, ער האָט זיך פרידלעך אָפּגעשייט און געפּריידיקט אין די אַרומיקע שטעטלעך. אָבער לוקאָס קען זיך ניט שטעלן צופרידן אַז אין יעזוס אייגענער שטאָט זאָל פאָרקומען אַזאַ צופרידענשטעליקער סוף: האָט ער דערפונדן אַ מעשה נורא וואָס איז פול מיט רעגונג און פאַרברעכן.**

לוקאָס 16:4. „און ער איז געקומען אין נצרת, וווּ ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן; און ווי עס איז געווען זיין מינהג (קאַסטאָם), איז ער אַריין אין סינאַגאָגע אין דעם טאָג פון שבת, און איז אויפגעשטאַנען צו לייענען.״

**פש. לוקאָס אַליין רופט אָן דעם נאָמען פון יעזוס שטאָט ווו ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן איז געווען נצרת, מאתיא און מאַרקוס דערמאָנען ניט דעם נאָמען. עס איז פאָרגעקומען גלייך באַלד ווי ער האָט זיך באַפרייט פון שטן, עס איז דער אָנהויב פון זיין אַרויסטרעטונג, ער האָט נאָך אַפילו ניט אויסגעקליבן זיינע תלמידים. לוקאָס שרייבט ער איז געקומען ׳אין שול צו פריידיקן ווי זיין שטייגער איז געווען׳: מיינט דאָך דאָס אַז יעזוס האָט שוין געהאַט אָן אויסגעאַרבעטע מעטאָדע וואָס עס איז שוין געוואָרן אַ מינהג צו פריידיקן אין די סינאַגאָגעס אין די טעג פון שבת. אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל וועלן מיר זיך אום קערן צו דעם אינצידענט פון שבת אין שול פון נצרת,**

ווי ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו לייענען די הפטורה. לוקאַס באַנוגנט זיך ניט נאָר מיט דער פאַסירונג, ער הויבט אָן אַרויסווייזן זיין קענטעניש פון תנ"ך: ער ברענגט איין אַבסורד נאָך דעם אַנדערן, און לייגט זיי אַריין אין יעזוס מויל.

לוקאַס 25:4. „אָבער איך זאָג אייך פון אַן אמת, פיל אלמנות זיינען געווען אין ישראל אין די טעג פון אליהו, ווען די הימלען זיינען געווען פאַרשלאָסן דריי יאָר און זעקס חדשים, ווען אַ גרויסער הונגער האָט געהערשט אין לאַנד."

פש. לוקאַס צווייפלט אַליין אין זיין אמת, מאַכט ער יעזוס אַליין זאָל באַשטעטיקן אַז עס איז אמת. פון וואַנען ווייסט לוקאַס אַז טריקעניש האָט געדויערט אַקוראַט 3 יאָר און 6 חדשים?

לוקאַס 26:4. „אָבער צו קיינער פון זיי איז אליהו ניט געווען געשיקט חוץ אין צרפתה, אַ שטאָט אין צידון, די פרוי וואָס איז געווען אַן אלמנה."

וואָרום זאָל דאַרפן אַ יידישער נביא די יידישע אלמנות פון לאַנד? און וואָס פאַר אַ הילף האָבן געקענט געבן דעם נביא די אלמנות צו פאַרטיידיקן אים פון דעם צאָרן פון איזבל וועלכע האָט געזוכט צו טויטן אים? מיר דאַרפן זיך באַקענען מיט דער אורזאַך פון אליהוס קומען קיין צרפתה. דער נביא האָט געמוזט אַנטלויפן פון דעם מלך פון ישראל אחאב. גאָט האָט געזאָגט צו אליהו אַז ער זאָל זיך באַהאַלטן ביי דער טייך כרית. נאָר אַזוי ווי עס זיינען ניט געווען קיינע רעגנס, און עס איז געווען אַ גרויס טריקעניש איז דער טייך כרית אויסגעטריקנט געוואָרן, און אליהו האָט ניט געהאַט וואָס צו טרינקען. אליהו האָט זיך ניט געקענט אומקערן צו ישראל און דאָרט זוכן 'אלמנות', ווייל זיין לעבן וואָלט געווען אין געפאַר: האָט גאָט אים געזאָגט ער זאָל גיין קיין צרפתה וואָס איז אין לאַנד צידון, און זיך דאָרטן באַזעצן, 'און אַ פרוי אַן אלמנה וועט דיך דאָרט שפּייזן'. אין גיכן האָט זיך אליהו אומגעקערט קיין ישראל, און האָט דאָרט אַנגעפירט זיין לעבנס לאַנגע טעטיקייט באַקעמפענדיק דעם פאַרשפּרייטן געצנדינסט דורך איזבל און אחאב. דעריבער איז לוקאַס־יעזוס פּערצעפּציע אין ווידער שפּרוך צום היסטאָרישן גאַנג פון געשעענישן. אַצינד קומט דער צווייטער אַבסורד.

לוקאַס 27:4. „און פיל מצורעים זיינען געווען אין ישראל אין דער צייט פון אלישע דעם נביא, און קיינער פון זיי איז ניט געווען גערייניקט, חוץ נעמן דער סיריאַנער."

פש. לוקאַס וויל דאָ באַווייזן אַז די בני ישראל און יהודה זיינען געווען פאַרשטויסן פון גאָט און פון די נביאים, זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיינע פאַרבינדונגען מיט די יידן, ניט געוואָלט היילן זייערע קראַנקע, האָבן בעסער אויסגעוויילט צו היילן ניט־יידן. פון וואַנען ווייס לוקאַס אַז אלישע האָט ניט געהיילט יידישע קראַנקע?

אויב לוקאַס וואָלט פאַרמאָגט אַ היסטאָרישע באַציונג צו זיינע דערציילונגען וואָלט ער ניט געקענט מאַכן יעזוסן אַרויסקומען מיט אַזעלכע

זינלאָזע באַשולדיקונגען.

עס איז מעגלעך אַז אין ישראל האָבן זיך געפונען אַ צאָל פּערזאָנען וואָס זיינען געווען קראַנק אויף לעפּראָסי. אָבער דער בן אדם האָט דאָך געמעגט וויסן אַז היסטאָריע שרייבט מען ניט סתם פון איינצעלנע פּערזאָנען, אַפילו ווען זיי זיינען קראַנק; סיידן די פּערזאָנען זיינען באַוווּסט, זיינען וויכטיק, אָדער האָבן אַ שייכות מיט דעם פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן, אָדער רעליגיעזן לעבן פון פאָלק און לאַנד. דאָס וואָס לוקאָס־יעזוס ברײנגען איז אַ מלוכה עפּיזאָד: דערפאַר איז דאָס פאַרשריבן געוואָרן. יעזוס האָט געפּרוווט צו איבערצייגן די שלוחים פון יוחנן המטבל אין זיין משיחיזם מיט דערויף וואָס ער היילט קראַנקע, רייניקט צרעת און לעבט־אויף טויטע: האָט ער דאָך, אָם ווייניקסטן, אויך געדאַרפט האָבן דעם געהעריקן כבוד פאַר אַזאַ מאַן וואָס טוט אויך די זעלבע זאַכן: היילט, רייניקט צרעת, און לעבט־אויף טויטע; און פאָדערט פאַר זיך ניט קיין גרעסערע דערקענונג, ווי נאָר אַלס נביא.

דאָס איז אין קורצן דער עפּיזאָד פון נעמן. נעמן איז געווען דער הויפּט גענעראַל פון סיריע, ער האָט געמאַכט סיריע גרויס. ער איז געוואָרן קראַנק אויף לעפּראָסי. אַ מיידל פון ישראל, וועלכע איז געווען אַ שקלאַפין ביי נעמנס ווייב, האָט געזאָגט צו איר האַרנטע, ווען דער האַר נעמן וואָלט באַזוכט דעם נביא פון שמרון, וואָלט דער נביא אים אויסגעהיילט. ווען דער מלך פון סיריע האָט זיך פון דאָס דערוווּסט, האָט ער געשיקט צום מלך פון ישראל שיינע מתנות און אַ בריף אין וועלכן ער שרייבט אַז ער שיקט צו אים זיין גענעראַל נעמן, ער בעט אים אַז ער זאָל זען אַז נעמן זאָל אויס־געהיילט ווערן פון זיין צרעת. דער מלך פון ישראל איבערלייענענדיק דעם בריף האָט ער דאָס אָנגענומען ווי אַ פּראָוואָקאַציע פון דעם מלך פון סיריע. ער פאָדערט פון אים אַן אוממעגלעכע זאַך. ער איז דאָך נאָר אַ מלך, אָבער ניט קיין היילער פון אומהיילבאַרע קראַנקהייטן. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען ווי דער מלך פון סיריע זוכט נאָר אַן אורזאַך צו אָנפאַנגען אַ מלחמה. ווען אלישע האָט זיך דערוווּסט פון דעם, האָט ער געשיקט זאָגן צום מלך פון ישראל, 'וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? זאָל ער קומען, וועט ער וויסן אַז עס איז פאַראַן אַ נביא אין ישראל.' ווען נעמן איז געקומען צו נביא אלישע, האָט אים אלישע געראָטן ער זאָל זיך טובלן אין ירדן זיבן מאָל. ווען נעמן האָט דאָס געטאָן איז ער געוואָרן ריין פון זיין צרעת.

לוקאָס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט צו מאַכן יעזוסן, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, אויף דער וועג פון די גוים זאָלט איר ניט גיין, פאַר אַ קעגנער פון יידן, און נאָר אַ פריינט פון די גוים. ער פאַרדאַרבט און צעקריפּלט די געשיכטע פון נעמן, און די הייליקע שריפטן, וואָס געפינען זיך אין מלכים ב', קאַפּ. 5.

לוקאָס האָט דאָס אויך געבראַכט כדי צו האָבן אַן אורזאַך פאַר זיין אויס־געטראַכטער מעשה אַז די יידן אין דער סינאַגאָגע זאָלן דערפאַר אָנגעפילט ווערן מיט צאָרן, און אָוועקפירן צו טויטן אים.

לק. 28:4. „און זיי אַלע אין סינאַגאָגע, ווען זיי האָבן געהערט די אַלע זאַכן, זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט צאָרן."

לק. 29:4. „און זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, און אים אַרויסגעוואָרפן פון שטאָט, און אַוועקגעפירט אים צום ברעג פון באַרג ווו זייער שטאָט איז געווען געבויט, אַז זיי זאָלן אים קענען אַראָפוואַרפן מיט דעם קאָפ אַרונטער."

**פש.** ווען מען באַטראַכט דעם זאַץ זעט זיך אָן די רויקייט פון שרייבן, עס ווייזט זיך בולט אַרויס אַז דער אַוטאָר האָט אַלץ פאַרזען; ווי פאַרשטענדי־קייט אַזוי די לאָגישקייט פון דיינקען, נאָר געהאַט אין זינען צו מאַכן די יידן פון סינאַגאָגע, און די אייגוויינער פון נצרת פאַר קאַלטבלוטיקע מערדער.

ערשטנס: „מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון שטאָט" מיינט דאָך דאָס אַרויסגעשיקט פון שטאָט ער זאָל מער ניט אַריינקומען.

צווייטנס, זאָגט לוקאַס „מען האָט אים אַוועקגעפירט צום ברעג פון באַרג." ווילט זיך וויסן, וואָס האָט מען געטאָן צו יעזוסן, אַרויסגעוואָרפן אָדער אַוועקגעפירט? הייסט דאָס אַז מען האָט אים געוואָרפן און געפירט.

דריטנס, „זיי האָבן אים געפירט צום באַרג אַז זיי זאָלן קענען אים וואַרפן קאָפ אַרונטער."

די באַרג איז דאָך מסתמא געווען גענוג הויך אַז דער אַראָפגעוואָר־פענער זאָל געטויטעט ווערן, אויב ניט וואָלטן זיי דאָך דאָס ניט געטאָן. אויך דער געזעץ פון גראַוויטאַציע פירט אַז צו מערסטן לאַנדעט דער סוביעקט פון פאַלן אין דער פאַרקערטער פאָזיציע פון זיין אַראָפפאַלן. מילא, ווען לוקאַס האָט דאָס אַלץ אַליין בייגעזען, זיינען מיר געצוווּנגען אים צו גלויבן, אָבער פון וואַנען האָט ער געקענט וויסן אַז די פירער טראַכטן אים צו וואַרפן קאָפ אַרונטער?

ווי אַלע מעשיות האָט עס אויך אַ גוטע ענדונג.

לק. 30:4. „אָבער ער דורכגייענדיק אין מיטן פון זיי איז אַוועקגע־גאַנגען זיין וועג."

**פש.** פאָדערט זיך אַ דערקלערונג, מאַרקוס און מאַתיא וועלכע קיינער קען זיי ניט פאַרדאַכטן אין צופיל ליבשאַפט צו יידן; אויך אַז זיי זיינען ניט גענויגט ניט צו ברייגגען גרונדלאָזע באַשולדיקונגען; און אויך אַז זיי ווייסן פון אַלע בייזע טראַכטונגען פון די יידן: וואָרום זאָלן זיי אויסלאָזן אַזאַ מערקווירדיקן טאָט פון די יידן פון נצרת? אויב לוקאַס דער שפּעטסטער האָט געזעהט אַזעלכע רעקאָרדס מסתמא פון IQ, אָדער פון אַן אַנדער Q (קוואַל), איז מאַתיא אויך דאָך געווען אַ שותּף צו לוקאַסן אין די קיוען. 1)

1) די ביבל פאָרשער דערקלערן די סיבה פאַרוואָס אין די עוואַנגעליעס געפינען זיך פאַסירונגען און אינצידענטן וואָס געפינען זיך אין איין עוואַנ־געליע און פעלן אויס אין די אַנדערע. זייער השערה איז, אַז עס מוז זיין געווען באַזונדערע קוואַלן פון וועלכע זיי האָבן גנומען זייער אינפאָרמאַציע. זייערע אימאַגינאַציע קוואַלן, אין דייטש — קוועלע, האָבן זיי באַצייכנט מיט

מאַטטיא און מאַרקוס ניט נאָר וואָס זיי וויסן ניט פון די אַלע זאַכן, ווי יעזוס האָט געלייענט די הפטורה, ווי ער האָט געבראַכט קעגן די נביאים אליהו און אלישע: נאָר זיי לייקענען אָפּ די באַשרייבונגען פון לוקאַס פון וועלן טויטן יעזוסן קאָפּ־אַרונטער. זיי זאָגן אַז ער האָט דאָרט ניט געקענט טאָן גרויסע זאַכן, איז ער געגאַנגען אין די שכנישע געגענטן און געפּריידיקט. ווי עס איז געבראַכט געוואָרן פריער אין קאַפּיטל: „ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַרומיקע געגענטן, לערנענדיק.“

## קאַפּיטל 14

מת. 1:14. „אין יענער צייט הורדוס דער טעטראַרך האָט געהערט פון דעם רום פון יעזוס, (2) און האָט געזאָגט צו זיינע דינער, דאָס איז יוחנן דער טובלער; ער איז אויפגעשטאַנען פון טויט; און דערפאַר מעכטיקע טואונגען וויזן זיך אַרויס אין אים. (3) ווארעם הורדוס האָט גענומען יוחנן, ער האָט אים געבונדן, און האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, צוליב הורדיא, זיין ברודער פיליפּס ווייב.“

**פש. זי איז געווען די ווייב פון אַן אַנדער ברודער, אָבער ניט פיליפּס.**

מאַרקוס, 16:6. „אָבער ווען הורדוס האָט געהערט פון דערויף, האָט ער געזאָגט, דאָס איז יוחנן, וועמען איך האָב געקעפּט: ער איז איפגעשטאַנען פון טויט.

**פש. אַזאַ שרייבן קומט פון מענטשן וואָס האָבן זייער אַ סך גלויבן, אָבער באַזיצן ניט קיין וויסן, קיין אַנונג פון היסטאָריע, און ווילן ניט פאַרשטיין די געשיכטלעכע פערזאָנען וועלכע זיי שטעלן פאָר, פאַר זיי פעלט דער אַב־סאָלוטער פאַרשטאַנד פון דעם פּסיכאָליגשן אַרט דענקען פון מענטשן. הורדוס פאַטער, דער אַזוי גערופענער גרויסער הורדס, האָט באַלאַנגט צו די בלוט־דאָרשטיקסטע, אַכזריותדיקסטע מאָסן־מערדער אין דער געשיכטע פון טיראַנען. זיין זון הורדוס אַנטיפּאַס האָט זיך אויך ניט אָפּגעהאַלטן צו דערמאָרדן יעדערן אויף וועלכן ער האָט געדיינקט שטעלט אין סכנה זיין הערשונג. אַנטיפּאַס, אַ דערצויגענער אין רוים, אין קרייז פון קינדער פון רוימישן הויכן אַדעל, אונטער דער השפעה פון דער רוימישער מאָראַל, איצט אַ געטרייער דינער צו רוים און צעזאָר: וועט איצט אָנהייבן דענקען אַז דער מאַן וועמענס קאָפּ ער האָט אָפּגעהאַקט איז לעבעדיק געוואָרן און אפּערירט איצט אין דעם פּערזאָן פון יעזוס. דאָס איינציק מיטל וואָס אַ הורדוס און יעדער טיראַן פאַרמאָגט צו אָנהאַלטן זייער מאַכט; איז דער מיטל פון טויטן דעם קעגנער: איצט קומט ער צום באַוווּסטזיין אַז זיין טויט טראַגענדיקע האַנט איז אומ־מעכטיק, די וועלכע ער טויט — שטייען אויף צוריק לעבעדיק. אַזאַ דערשיינונג וואָלט הורדוס־אַנטיפּאַס געטריבן צו משוגעת, אָדער וואָלט געזוכט חן אין**

---

דעם אות Q; און אַזוי ווי זיי דיינקען אַז עס איז געווען מער ווי איין קוואַל רופן זיי קוואַל 1 — 1Q, 2Q, קוואַל 2 — , אַזוו.

**יעזוס אויגן און וואָלט אים צוגעזאָגט די גרעסטע דערהייבונג.**

**אַ דערצויגענער הערשער אין רוים איז ניט קיין האַלבער אידיאָט, וואָס ווייסט גאָר ניט וואָס טוט זיך אַרום אים און וואָס טוט זיך אין זיין לאַנד. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף די הורדוסעס. ווען מען האָט אַרעסטירט יוחנן האָט ער געהאַט די פולע אינפאָרמאַציע פון יעזוס און זיין טעטיקייט, און זיכער געוווסט אַז יעזוס האָט נאָך געלעבט איינצייטיק מיט יוחנן.**

**לוקאַס פאַרשטייענדיק די זינלאָזיקייט פון אַזעלכע איבערגעבונגען, פרוווט צו מאָדיפיצירן די לעגענדע, ניט ער האָט אַזוי געגלויבט, ער הורדוס האָט געהערט אַז אַזוי זאָגן מענטשן.**

לוקאַס 7:9. „איצט הורדוס דער טעטראַרך האָט געהערט אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן דורך אים (יעזוס): און ער איז ניבהל געוואָרן, מחמת עס איז געזאָגט געוואָרן פון מאַנכע, אַז יוחנן איז אויפגעשטאַנען פון טויט. (8) און פון איינִיקע אַז אליהו איז דערשינען; און פון אַנדערע, אַז איינער פון די אַלטע נביאים איז ווידער אויפגעשטאַנען (9) און הורדוס האָט געזאָגט, יוחנן האָב איך געקעפּט: אָבער ווער איז דער דאָזיקער, פון וועמען איך הער אַזעלכע זאַכן? און ער האָט געוווּנטשן צו זען אים.״

**לוקאַס האָט געפּרוווט אָבער האָט ניט געמאַכט בעסערן פאַרשריט פון מאַרקוס און מאַתיא. ער שרייבט אַז הורדוס־אַנטיפּאַס האָט געהערט אַז איי־ניקע זאָגן אַזוי און אַנדערע זאָגן אַזוי. דער טעטראַרך הורדוס ווען עס קומט צו זיינע מלוכה אַנגעלעגנהייטן גייט ער ניט אין מאַרק צו זוכן אינפאָרמאַציע פון ניט־אינפאָרמירטע טאָלפּעס מענטשן. הורדוס האָט זיינע געניטע אינ־פאָרמאַטאָרס, און זיי געפינען אויס אַלץ וואָס איז נויטיק וועגן דעם פּערזאָן וואָס הורדוס וויל וויסן.**

מת. 4:14. „ווארום יוחנן האָט געזאָגט צו אים, עס איז ניט געזעצלעך פאַר דיר צו האָבן איר (פאַר אַ ווייב). (5) און ער וואָלט אים איבערגעגעבן צום טויט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר די מאַסן פון פאָלק, מחמת זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נביא. (6) אָבער ווען עס איז געהאַלטן געוואָרן דער געבורטסטאָג פון הורדוס, די טאָכטער פון הורדיא האָט געטאַנצט פאַר זיי, און עס איז געפעלן געוואָרן הורדוסן. (7) איבער דערויף וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט דורך אַ שבועה צו געבן איר אַלץ וואָס זי וועט בעטן. (8) און זי, זייענדיק פון פריער אָנגעלערנט ביי איר מוטער, האָט געזאָגט, גיב מיר אַהער יוחנן דעם טובלערס קאָפּ אויף אַ טאַץ. (9) און דער קיניג איז געוואָרן טרויעריק, דאָך מחמת דער שבועה, און די וואָס זיינען געזעסן מיט אים ביי דעם עסן, האָט ער באַפעלן אַז עס זאָל געגעבן ווערן צו איר. (10) און ער האָט געשיקט, און אין תפיסה איז יוחנן געקעפּט געוואָרן. (11) און זיין קאָפּ אַריינגעטראָגן געוואָרן אויף אַ טאַץ, און געגעבן געוואָרן צו דער מאַמזעל און זי האָט עס געבראַכט צו איר מוטער. (12) און זיינע תלמידים זיינען געקומען, און צוגענומען זיין קערפּער, און מקבר געווען, און זיינען אַוועק און דערציילט צו יעזוס.״

פּש. עס איז ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי האָט געקענט געשאַפֿן ווערן די לעגענדע. עס איז ניט געשיכטלעך, יאָזעפֿוס שרייבט אַז יוחנן איז געטויט געוואָרן פֿון הורדוס אין דער תּפֿיסה פֿון פֿעסטונג, אויך וואָרום זאָל די גאַנצע שולד פֿאַלן אויף הורדיא. הורדיא איז געווען אַן איבערגעגעבענע פּרוי צו הורדוס־אַנטיפּאַס, אויך אַ געוויסנהאַפֿטע פּרוי, ווען אין סוף איז הורדוס פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון אימפּעראַטאָר, איז הורדיא געווען פֿריי צו פֿאַרבלייבן אין איר היים; אָבער זי איז פֿריַיוויליק אַוועק אין אַ ווייטן לאַנד צו טיילן זיך מיט איר מאַן אין זיינע ליידן. דער היסטאָרישער אמת איז אַז יוחנן איז געטויט געוואָרן ניט פֿאַר דעם חטא וואָס ער האָט אין מדבר געזאָגט אַז עס איז אַ זינד צו נעמען פֿאַר אַ ווייב דעם ברודערס ווייב אין דער צייט פֿון זיין לעבן. הורדוס האָט וויניק געשיינקט זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער גע־זעצלעכקייט פֿון דער תּורה. יוחנן איז אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר רופֿן מענטשן זיך טובלען און זיין גרייט פֿאַר דער מלוכה. הורדוס ווי די רוימער האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויב די מלוכה וועט זיין פֿון הימל אָדער ניט. אַ מלוכה איז אַ מלוכה, אַ יידישע מלוכה מיינט רעוואָלוציע און אויפֿשטאַנד קעגן רוים און רוימישן אימפּעראַטאָר. גרויסע צאָלן זיינען מיטגעריסן געוואָרן דורך יוחנן צו דער מלוכה: הורדוס האָט באַשלאָסן דאָס אָפּשטעלן, ער האָט אַרעס־טירט יחנן און אים געטויט.

אין צווייטן יאָרהונדערט די קריסטלעכע קירך האָט זיך ניט גענויטיקט אין אַ מלוכה פֿון יידישע פּאָליטישע אַספּעקטן: דעריבער האָבן הורדוס און פּילאַטוס ניט געהאַט קיינע אורזאַכן צו פֿאַרמשפּטן יוחנן און יעזוסן. אַזוי איז אָנגענומען געוואָרן אַז יוחנן איז געטויט געוואָרן דורך דעם כּעס פֿון הורדיא, און יעזוס דורך דער אורזאַך פֿון צווינגען פּילאַטוסן צו אַרויסטראָגן זיין אורטייל.

מאַרקוס איז ענלעך צו מאַתיא, לוקאַס האָט ניט די גאַנצע געשיכטע, ער גיט עס איבער אין אַ פּאָר זאַצן, אַז הורדוס האָט אַרעסטירט יוחנן, אים געטויט. הורדוס איז געוואָרן זייער פֿאַרוווּנדערט ווען ער האָט געהערט וואָס מענטשן זאָגן אַז יוחנן איז געוואָרן לעבעדיק און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין דער פּערזאָן פֿון יעזוס.

מת. 13:14. „און ווען יעזוס האָט געהערט פֿון דעם, איז ער אָפּגעפֿאָרן פֿון דאָרט אין אַ שיף צו אַ באַזונדער וויסטן אָרט: און ווען מענטשן האָבן דערהערט פֿון דעם, האָבן זיי געפֿאָלגט נאָך אים פֿון די שטעט צופֿוס.״

מק. 32:6. „און זיי זיינען אַוועק אין אַ מדבר־פּלאַץ דורך אַ שיף פּריוואַט.

פּש. עס מיינט אַז יעזוס און די תּלמידים, הערענדיק פֿון יוחננס טויט, האָבן באַשלאָסן צוליב זיכערקייטס צוועקן צוריקציען זיך צום מדבר, און זיינען שטילערהייט (פּריוואַט) אָפּגעפֿאָרן אויף אַ שיף. אויב אַ קליינע, ענגע גרופּע מענטשן פֿאָרן אַוועק שטילערהייט: איז ווי איז די מעגלעכקייט אַז מענטשן פֿון פֿאַרשידענע שטעט זאָלן זיך גלייך דערוויסן פֿון דעם, און פֿ ר ע מ ד ע מענטשן וואָס זוכן היילונג זאָלן וויסן ווו צו געפֿינען די קליינע

**גרופּע אין דעם גרויסן מדבר? מאַרקוס זוכט צו דערקלערן די מיסטעריע, נאָר ער פאַרפּלאָנטערט עס נאָך מער.**

מק. 33:6. „און די מענטשן האָבן זיי געזען אָפּפאָרן, און פיל האָבן זיי געקענט, און זיינען געלאָפן אַהין צופוס פון אַלע שטעט, און האָבן זיי איבערגענומען, און געקומען מיט אים.״

**עס קען דערלאָזן ווערן די מעגלעכקייט פאַר די מענטשן וואָס האָבן דערקענט די גרופּע אויפן שיף, און דערוווּסט זיך פון דער שיפס לאַנדונגס אָרט, זיינען זיי געלאָפן און אָנגעקומען צו דעם דאָזיקן אָרט. אָבער ווי האָבן זיך געקענט דערוויסן די מענטשן פון „אַלע שטעט״ פון דער שטילער רייזע און וווּהין אין דעם מדבר איז יעזוס מיט זיין גרופּע געפאָרן? אויב די מענטשן וועלכע האָבן זיי געזען, וואָלטן אַוועקגעלאָפן אין אָנזאָגן אין אַלע שטעט, און אין זייער צוריק קומען וואָלטן זיי דאָך שוין אָנגעוואָרן די שיף, און וואָלטן איר ניט געקענט איבערנעמען.**

**פון דער פולשטענדיקער קאָנפוזיע קען ווערן אַרויסגעדרונגען: אַז ווען יעזוס מיט זיינע תלמידים האָבן באַשלאָסן צוריקציען זיך צום מדבר, האָבן זיי געשיקט מענטשן אין אַלע שטעט צו זייערע נאָכפאָלגער צו אָנזאָגן זיי צו טרעפן זיך אין אַ געוויסן אָרט אין דעם מדבר.**

מת. 14:14. „ווען יעזוס איז אַרויסגעקומען, און געזען פיל מענטשן, איז ער באַוועגט געוואָרן מיט רחמנות צו זיי, און ער האָט געהיילט זייערע קראַנקע.״

**פש. מאַרקוס רעפּאָרטירט ניט קיינע היילונגען פון קראַנקע, ער טוט עס מיט רעכט, מחמת קראַנקע קענען דאָך ניט לויפן צופוס צו אַ וויטן מדבר.**

מאַרקוס 34:6. „און יעזוס, ווען ער איז אַרויסגעקומען, האָט ער געזען פיל מענטשן, און איז באַוועגט געוואָרן מיט רחמנות צו זיי, מחמת זיי זיינען געווען ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך: און ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען זיי פיל זאַכן.״

**פש. די אַלע מענטשן וועלכע יעזוס זעט אין דעם מדבר זיינען געקומען צולויפן אַהין ווייל זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז יעזוס פאָרט אַהין, זיי זיינען געלאָפן צופוס און געקומען אַהין נאָך פריער ווי יעזוס: קען מען זיך פאַר־שטעלן אַז אַזעלכע מענטשן מיט אַזוי פיל אונטערנעמונגס גייסט פאָדערן ניט קיין רחמנות, און קענען גאַנץ פיין אויסקומען אָן אַ פּאַסטוך.**

מת. 15:14. „און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, זיינע תלמידים זיינען געקומען צו אים, זאָגנדיק, דאָס איז אַ וויסטער פּלאַץ, און די צייט איז שוין אַוועק; שיק דעם עולם אַוועק, אַז זיי זאָלן קענען גיין אין די דערפער, און קויפן פאַר זיך שפּייז.״

**פש. לוקאַס שרייבט אַז די תלמידים האָבן אויך געזאָגט אַז זיי זאָלן געפינען ערטער ווו צו שלאָפן.**

מת. 16:14. „אָבער יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, זיי נויטיקן זיך ניט צו אַוועקגיין, גיט זיי צום עסן. (17) און זיי האָבן געזאָגט צו אים, מיר האָבן

דאָ נאָר פינף לאַבנס ברויט און צוויי פיש. (18) ער האָט געזאָגט, ברענגט דאָס אַהער צו מיר. (19) און ער האָט באַפעלן דעם עולם אַנידערזעצן זיך אויפן גראָז, און ער האָט גענומען די פינף לאַבנס, און די צוויי פיש, און אַרויפקוקנדיק צום הימל, האָט ער געבענטשט, און צעבראָכן, און געגעבן די לאַבנס ברויט צו די תלמידים, און די תלמידים צום עולם. (20) און זיי האָבן אַלע געגעסן און זיינען געוואָרן זאַט: און זיי האָבן צונויפגענומען פון דעם איבערגעבליבענעם עסן צוועלף פולע קערב. (21) און זיי וואָס האָבן געגעסן זיינען געווען אַרום פינף טויזנט מענטשן חוץ פרויען און קינדער.

**פש. מאַרקוס גיט איבער כמעט דאָס זעלבע וואָס מאתיא, נאָר עס געפינען זיך דאָרט אייניקע באַמערקונגען וואָס וואַרפן שטראַלן פון שיין אויף דער פאַרנעפּלטער מדבר סיטואַציע.**

מאַרקוס 39:6. און ער האָט באַפעלן זיי צו מאַכן אַלעמען אַנידערזעצן זיך אין קאָמפּאַניעס אויף דעם גראָז. (40) און זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין ראַנגען פון פופציקס און הונדערטס.״

לוקאַס 14:9. „וואָרום זיי זיינען געווען אַרום פינף טויזנט מענטשן. און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, מאַכט זיי אויסזעצן זיך צו פופציק אין אַ קאָמפּאַניע.״

יאָהאַן 15:6. „ווען יעזוס האָט זיך דערפאַר דערוווּסט אַז זיי ווילן קומען, און דורך כּוח, צומאַכן אים פאַר אַ קיניג, איז ער ווידער אַוועקגעגאַנגען אויף אַ באַרג זעלבסט אַליין.״

**פש. לויט די עוואַנגעליעס איז דאָרט געווען אַן אַנגעלאָפענער המון וואָס איז אָנגעקומען פון פיל שטעט, און האָבן געבראַכט מיט זיך זייערע קראַנקע. יעזוס האָט זיי געהיילט און געלערנט זיי. עס איז געוואָרן שפּעט, עס איז געווען שווער אין דעם מדבר צו קריגן עסן. יעזוס האָט גענומען די פינף לאַבנס און די צוויי פיש און געהייסן אַלעמען אַוועקזעצן זיך. די הויפּט זאַך איז באַשטאַנען צו געבן די הונגעריקע עסן אָן וועלכער נפקא־מינא ווי זיי וועלן זיך זעצן. ווען יעזוס באַפעלט זיי צו זעצן זיך, וואָלטן די אַלע פינף טויזנט אַוועקגעזעצט זיך. אָבער מאַרקוס און לוקאַס שרייבן אַז יעזוס באַפעל איז געווען צו אויסזעצן זיך אין קאָמפּאַניעס פון הונדערטער און פופציקער. אַזאַ באַפעל צו אַן אַנגעלאָפענעם ניט אָרגאַניזירטן המון וואָלט אַפילו אין משך פון טעג ניט געקענט אויסגעפירט ווערן. עס איז אַ פולשטענדיקע אוממעגלעכקייט פאַר אַ טויזנט קעפּיקן עולם מיט פרויען און קינדער צו אויסזעצן זיך אין גרופּעס פון אַ געוויסער צאָל. די צוועלף תלמידים וואָלטן געווען אומבאַהעלפיק, עס וואָלט זיך גענויטיקט הונדערטער מענטשן צו אָרגאַניזירן די מענטשן אין מחנות פון פופציקער און הונדערטער. נאָך אַלעמען יעזוס האָט פאַרמאָגט גענוג פאַרשטאַנד צו ניט געבן אַזאַ באַפעל וואָס איז אוממעגלעך צו אויספירן. אָבער ווען די פאַרזאַמלטע אין אַן אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט, איינגעטיילט אין מחנות פון פופציקער און הונדערטער, און יעדע מחנה האָט אירע עלטסטע: דענסטמאָל דער עלטסטער גיט אַ רוף, אָדער**

ווייזט אַ צייכן, און זיין מחנה איז מיט אים און ער גיט דעם באַפעל זיך אָוועק־זעצן, און זיי זעצן זיך. ווען יעזוס האָט באַפעלט די תלמידים האָט ער געוווּסט וואָס ער זאָגט. די קאָמפּאַניעס זיינען געווען אָרגאַניזירט און זיי האָבן זיך גלייך אַוועקגעזעצט.

די שוועריקייט אין די עוואַנגעליעס באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן געזוכט אַז די מינדלעכע איבערגעבונגען זאָלן ענטפערן זייער שפּעטער־דיקער טעאָלאָגיע; דער פּועל יוצא איז געווען אַז זיי האָבן געמוזט אויס־באַהאַלטן דעם היסטאָרישן יעזוס, נאָר פון צייט צו צייט האָבן שפּיצן אַרויס־געשטאַרצט פון באַהאַלט־זאַק.

אין די קריסטלעכע קירכעס פון זייער סאַמע אָנפאַנג זיינען אָנגע־גאַנגען כסדרדיקע איבערמאַכונגען און איבערשרייבונגען פון די רעליגיעזע דאָקומענטן, כדי זיי צופּאַסן צו זייער שיטה פון גלויבן. יעדע שיטה האָט געגלויבט אַז נאָר איר איינשטעל איז דער אמתער, די אַנדערע זיינען גאָט לעסטערער און הערעטיקער. דעם ערשטן ביישפּיל האָט געוויזן פּאַולוס אַז נאָר זיין לערע איז די אמתע לערנונג פון יעזוס, אַלע אַנדערע שיטות און ריכטונגען זאָלן זיין פאַרשאָלטן.

גאַלאַט. 8:1. „הגם מיר, אָדער אַ מלאך פון הימל, וועט פּריידיקן וועלכע אַנדערע גאָטס לערנונג צו אייך חוץ דער וואָס איר האָט דערהאַלטן, זאָל ער זיין פאַרשאָלטן.״

גאַלאַט. 9:1. „אַזוי ווי מיר האָבן געזאָגט פריער, אַזוי זאָג איך איצט ווידער, אויב וועלכער עס איז מאַן וועט פּריידיקן וועלכע עס איז אַנדערע עוואַנגעליע צו אייך, חוץ די וואָס איר האָט דערהאַלטן, זאָל ער זיין פאַר־שאָלטן.״

**פש. אין פּאַולוס פוס־טריט זיינען געגאַנגען אַלע איינשטעלונגען פון די קירכעס.**

מת. 22:14. „און גלייך באַלד האָט יעזוס געצווּונגען זיינע תלמידים צו אַריינגיין אין אַ שיף, און גיין פריער פאַר אים צו דעם אַנדערן זייט, ווייל ער האָט אַוועקגעשיקט דעם עולם. (23) און ווען ער האָט דעם עולם אַוועקגעשיקט, איז ער אַליין אַרויפגעגאַנגען אויף אַ באַרג צו תפילה טאָן: און ווען דער אָוונט איז געקומען איז ער דאָרט געווען אַליין.״

**פש. דער פינף טויזנטדיקער עולם פאָלגן אויס יעזוס באַפעלן, זיי זיינען אַלע אַוועק. לויט יאָהאַן, איז יעזוס אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג צו אויס־באַהאַלטן זיך פון עולם וואָס האָט געוואָלט אים קרוינען אָדער 'מאַכן פאַר אַ מלך':**

מת 24:14. „אָבער די שיף איז געווען איצט אין מיטן פון ים, געוואָרפן פון כוואַליעס: וואָרעם דער ווינט איז געווען קעגן. (25) און אין דער פערטער וואַך פון דער נאַכט איז יעזוס אַוועק צו זיי, גייענדיק אויפן וואַסער. (26) און ווען די תלמידים האָבן געזען אים גייענדיק אויפן ים, זיינען זיי געוואָרן באַ־אומרויקט, זאָגנדיק, עס איז אַ גייסט; און זיי האָבן געשריען פאַר מורא. (27)

אָבער גלייך האָט יעזוס גערעדט צו זיי, זאָגענדיק, זייט רוּיק, עס איז איך, האָט ניט קיין מורא.״

**פש. מאַרקוס גיט איבער דאָס זעלבע, נאָר ער פאַרענדיקט מיט דעם פאָלגענדיקן זאַץ:**

מאַרקוס 51:6. „און ער איז אַרויפגעקומען צו זיי אויף דער שיף; און דער ווינט האָט אויפגעהערט; און זיי זיינען געווען פאַרוואונדערט אָן אַ מאָס.״

**פש. יאָהאַן באַריכטעט אויך איבער דעם נס אויפן וואַסער. אין לוקאַס עוואַנגעליע געפינט זיך גאַרניט וועגן דעם נס. מאַתיא גיט צו אַ נייעם עפּיזאָד וועלכער געפינט זיך ניט אין די באַריכטן פון מאַרקוס און יאָהאַן.**

מת. 28:14. „און פעטרוס האָט געענטפערט אים און געזאָגט, האַר, אויב עס איז דו, הייס מיר קומען צו דיר אויפן וואַסער. (29) און ער האָט געזאָגט צו אים, קום. און ווען פעטרוס איז אַרונטערגעקומען פון דער שיף, איז ער געגאַנגען איפן וואַסער, צו קומען צו יעזוס. (30) אָבער ווען ער האָט געזען אַז דער ווינט איז שטאַרק, האָט ער זיך דערשראָקן; און האָט אָנגעהויבן זינקען. ער האָט אויסגעשריען, זאָגענדיק, האַר, ראַטעווע מיך. (31) און תיכף האָט יעזוס אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט אים אָנגעכאַפּט, און געזאָגט צו אים, אָ דו פון ווייניק גלויבן, וואָרום האָסטו געצווייפלט? (32) און ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויף דער שיף, האָט דער ווינט אויפגעהערט. (33) דענסטמאָל זיינען די וואָס זיינען געווען אויף דער שיף געקומען צו אים און געבוקט זיך צו אים, זאָגענדיק, באמת דו ביסט דער זון פון גאָט.״

**פש. חוץ די גייסטער און קראַנקע, איז דאָס דער ערשטער מאָל וואָס די תלמידים זאָגן אַז ער איז דער זון פון גאָט.**

מת. 34:14. „און ווען זיי האָבן איבערגעשיפט, זיינען זיי געקומען אין לאַנד פון גניסר. (35) און ווען די מענטשן פון יענעם פלאַץ האָבן זיך דער־וווּסט פון אים, האָבן זיי אַרויסגעשיקט אין יענעם געגנט רונד אַרום, און געבראַכט צו אים אַלע די וואָס זיינען געווען קראַנק.״

**פש. די וועלכע האָבן אים דערקענט האָבן געבראַכט זייערע קראַנקע. אָבער צו אַרויסשיקן שליחים צו אָנזאָגן אין דעם גאַנצן געגנט אַז יעזוס איז דאָ, און זיי זאָלן ברענגען צו אים אַלע קראַנקע: האָט געמוזט זיין אין דער עקזיס־טענץ אַ צוגעגרייטע אָרגאַניזאַציע.**

מת. 35:14. „און זיי האָבן אים געבעטן אַז זיי זאָלן קענען אָנרירן דעם זוים פון זיין קלייד: און אַזויפיל וואָס האָבן אָנגערירט, זיינען געוואָרן פול־שטענדיק געזונט.״

## קאַפּיטל 15

# וואַשן הענט פאַרן עסן.

מת. 1:15. „דאַן זיינען געקומען צו יעזוסן סופרים און פרושים וועלכע זיינען געקומען פון ירושלים, זאָגענדיק, (2) וואָרום זיינען דיינע תלמידים

עובר אויף דער טראַדיציע פון די עלטסטע? ווייל זיי וואַשן ניט זייערע הענט ווען זיי גייען עסן?"

פש. די אָנגעגעבענע זאַצן זיינען איבערראַשענדיק ניט אויסגעהאַלטן. עס וואָלט פאַרשטאַנען געווען ווען מענטשן וואָס זיינען געווען דערביי, און האָבן געזען ווי די תלמידים זעצן זיך עסן מיט ניט-געוואַשענע הענט, זאָלן פרעגן יעזוסן וואָרום וואַשן זיי ניט זייערע הענט איידער דעם עסן. אָבער עס קומט צו אַן אַבסורד ווען מען שרייבט אַז די ירושלימער אַווטאָריטעטן, אין דער צייט פון דער פּראָקוראַטור, האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער זאָרג ווי נאָר דאָס וואָס עטלעכע פישער-לייט האָבן געגעסן מיט ניט-געוואַשענע הענט. מען קען זיך פאָרשטעלן אַז אין יענער צייט, איבערהויפּט צווישן די לאַנד-באַאַרבעטער, האָבן זיך געפינען טויזנטער וואָס האָבן אַמאָל געגעסן מיט ניט-געוואַשענע הענט.

מאַתיא שרייבט אַז מיט די סופרים זיינען געקומען פּרושים. איך האָב שוין פריער אָנגעמערקט אַז „פּרושים" איז דער נאָמען פון אַ פּאָליטיש-רעליגיעזער פּאַרטיי פון לאַנד, און אַז נאָר באַפולמעכטיקטע שליחים קענען פאַרטרעטן די אַווטאָריטעט פון די פּרושים אין ירושלים. פּריוואַטע מענטשן אַפילו ווען זייערע נייגונגען זיינען נאָענט צו דער איינשטעלונג פון די פּרושים, דאָך זייערע אַרויסטרעטונגען און זייערע רייד זיינען זייערע אייגענע, און פאַרטרעטן זיך אַליין. די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס שרייבן צו יעדן איינציקן פון עולם וועלכער שטעלט יעזוסן אַ פּראַגע אַז ער איז אַ פּרוש. לויט די שרייבער קומט אויס אַז נאָר פּרושים און סופרים האָבן געהערט יעזוסן.

מאַרקוס, 1:7. „דאַן זיינען געקומען צו אים צוזאַמען די פּרושים, און געוויסע פון די סופרים וועלכע זיינען געקומען פון ירושלים. (2:7) און ווען זיי האָבן געזען מאַנכע פון זיינע תלמידים עסן ברויט מיט אומריינע, דאָס איז צו זאָגן מיט אומגעוואַשענע הענט, געפינען זיי אַ שולד."

מק. 4:7. „און ווען זיי קומען פון מאַרק, סיידן זיי וואַשן, עסן זיי ניט. און פיל אַנדערע זאַכן זיינען דאָרט, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען צו האַלטן, ווי דאָס וואַשן פון בעכער, און טעפּ, מעשענע כלים, און פון טישן."

פש. פילייכט אין יענער צייט, אין די אָרעמע שיכטן פון דער פּאַגאַנישער וועלט, האָט אויסגעקוקט צו זיי ווי אַן איבעריקע זאַך צו נעמען זיך די טירחה צו וואַשן די הענט איידער יעדן מאָלצייט. אויך דאָס אָפּטע וואַשן די געשיר און טעפּ און טישן האָט אויסגעזען צו זיי ווי ניט נויטיקע אַרבעטן.

אָבער ווען מאָדערנע קאָמענטאַטאָרס פון דער ביבל איבערחזרן דאָס, און לאָזן אויס די ווילדע אויפפירונג פון די יידן וועלכע וואַשן גלעזער און טעפּ: קען דאָס נאָר זייער קאָמענטאַטאָרישער שכל באַנעמען. וואָרום דאַרפן קומען געלערנטע מענטשן פון ירושלים צו פרעגן ביי יעזוסן, וואָרום זיינע תלמידים וואַשן ניט זייערע הענט פאַר דעם עסן? יעדער פּשוטער ייד פון גליל, ווען ער זאָל דאָס זען, וואָלט אויך געפרעגט די זעלבע קשיא. עס איז אַ גרויסער ספק, אַז יעזוס תלמידים וועלכע זיינען געווען איינגעוויינט פון דער

פֿריערסטער יוגנט צו וואַשן די הענט פֿאַר דעם עסן, זאָלן איצט עסן אומגע־וואַשן. עס איז ניט מער ווי די פֿאָטערס פֿון די שפּעטערדיקע קריסטלעכע קירכעס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זייערע גלויביקע ברידער די אויפֿ־געקומענע פֿראַגע פֿון וואַשן די הענט פֿאַר דעם עסן. די טאַטעס זײַנען געווען געצוויגט ניט אָנצונעמען דעם באַמיענדיקן מינהג פֿון די ייִדן: האָבן זיי עס פֿאַרענטפֿערט, אַז יעזוס אַליין האָט שוין דערליידיקט דעם ענין:

מת. 3:15. „אָבער ער האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו זיי, וואָרום טוט איר אויך עובֿר די געבאָט פֿון גאָט דורך אייער טראַדיציע?“

פּש. יעדער לערער וואָס באַזיצט נאָר גלייכן פֿאַרשטאַנד וואָלט אַזוי ניט געענטפֿערט אויף אַזאַ פּשוטער פֿראַגע. דער ענטפֿער וואָלט געווען אויב עס איז נויטיק צו האַלטן פֿון דער טראַדיציע, אָדער ניט. ווי האָט יעזוס גענומען די עטישע מאָראַל: אויב דו טוסט אַ פֿאַרברעכן, מאָג איך אויך.

מת. 4:15. „וואָרום גאָט האָט געבאָטן, זאָגענדיק, האַלט ערלעך דײַן פֿאָטער און מוטער (שמות 12:20; ויקרא 9:20; דבר. 18:27): און דער וואָס שילט זײַן פֿאָטער און מוטער, זאָל געטויט ווערן. (שמות 17:21).

מת. 5:15. „אָבער איר זאָגט, דער יעניקער וואָס וועט זאָגן צו זײַן פֿאָטער אָדער זײַן מוטער, עס איז אַ געשאַנק (קרבן) דורך וואָס ניט איז איר קענט הנאה האָבן (פּראָפּיטירן) דורך מיר;“

מת. 6:15. „און ער וועט ניט ערלעכן זײַן פֿאָטער אָדער זײַן מוטער, ער וועט זײַן פֿריי. בכן האָט איר געמאַכט די געבאָט פֿון גאָט צו קיין ווירקונג דורך אייער טראַדיציע.“

פּש. די זעלבע יעזוס מעטאָדע קען מען אָנווענדן אויף אים אַליין. גאָט האָט געבאָטן צו האַלטן ערלעך פֿאָטער און מוטער, איז אויב דער זון וואָס זאָגט: ווער איז מײַן מוטער? לאָזט איר אַהער ניט אַרײַן: ער מאַכט די געבאָט פֿון גאָט פֿאַר קיין ווירקונג (נאָן עפֿעקט). מאַרקוס כמעט דאָס זעלבע אין 10:17־13. די דאָזיקע יעזוס זאָגונגען זײַנען אומבאַגרינדעט. אין ערגעץ געפֿינען זיך ניט אַזעלכע זאָגאַכצן: „ווען דער זון זאָגט עס איז אַ קרבן, פֿון וועלכן איר וועט הנאה האָבן דורך מיר, איז ער פֿריי פֿון ערלעכן פֿאָטער און מוטער. יעזוס האָט דאָס ניט געזאָגט, ווײַל ער האָט דאָס ניט געקענט זאָגן. דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ניט אויף דעם ייִדישן באָדן. עס איז ניטאָ, און ניט געווען אַזאַ טראַדיציע.

לוקאַס באַריכטעט גאָרניט פֿון דער פּאַסירונג פֿון ניט וואַשן די הענט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַאומרויִקט די אויטאָריטעטן אין ירושלים.

מת. 7:15. „איר, היפּאָקריטן, ווײַל האָט ישעיה נבֿואות געזאָגט פֿון אײַך, זאָגענדיק.“

פּש. די ייִדן אָדער פּרושים האָבן יעזוסן מילד געפֿרעגט אַ פּשוטע פֿראַגע, פֿאַרוואָס האַלטן ניט די תּלמידים דעם מינהג פֿון דער טראַדיציע. יעזוס האָט אויסגעמידן צו געבן זיי אַ גלייכן ענטפֿער, אַרויסזאָגן זיי מיינונג וועגן דער טראַדיציע. יעזוס איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט, און איז אַרײַן אין כּעס, און

האָט אָנגעהויבן זידלען: „איר היפּאָקריטען!״

איז דאָס דער זעלבער יעזוס וואָס האָט געזאָגט (22:5) יעדערער וואָס איז אין צאָרן מיט זיין ברודער אָן אַן אורזאַך וועט זיין אין דער געפאַר פון משפּט׳. אין דעם פאַל איז ניט געווען קיין שום אורזאַך צו כעסן. זאָל דאָס מיינען אַז מיט דעם וואָרט ׳ברודער׳ האָט יעזוס געמיינט נאָר די תלמידים און זיינע נאָכפאָלגער און ניט די מענטשן פון פאָלק; „דער וואָס וועט זאָגן דו ביסט אַ נאַר־מאָרי וועט זיין אין געפאַר פון גיהנום־פייער.״ איז דען ׳איר היפּאָקריטען׳ ווייניקער זידלונג ווי נאַר? ׳גיט צו די וואָס בעטן (5־42) דאַרף דאָך אויך זיין: ענטפער צו די וואָס פרעגן.

מת. 8:15. „די מענטשן ציען זיך נאָענט צו מיר מיט זייער מויל, און ערלעכן מיך מיט זייערע ליפּן, אָבער זייער האַרץ איז ווייט פון מיר. (9:15) אָבער אומזיסט טוען זיי מיך דינען, לערנענדיק פאַר דאָקטרינעס די געבאָט פון מענטשן.״

פּש. יעזוס האָט ניט גערעדט אין גריכיש, ער האָט ציטירט די שריפטן פון אָריגינאַל: איז וואָרום האָט ער געדאַרפט צעדרייען די ווערטער און די מיינונג פון נביא? ישעיה האָט ניט געזאָגט די ווערטער „אומזיסט טוט איר מיך דינען״ און אויך ניט געזאָגט „לערנענדיק ווי דאָקטרינעס.״ ישעיה האָט אַזוי געזאָגט: ישעיה 13:29 „און זייער מורא פאַר מיר איז ווי אַן איינ־געלערנט געבאָט פון מענטשן.״

מת. 10:15. „און ער האָט גערופן דעם עולם און געזאָגט צו זיי, הערט, און פאַרשטייט.״

מת. 11:15. „ניט דאָס וואָס גייט אַריין אין מויל מאַכט אומריייניק אַ מענטשן, נאָר דאָס וואָס קומט אַרויס פון מויל, דאָס פאַראומרייניקט אַ מענטשן.״

מת. 12:15. „דאַן זיינען געקומען זיינע תלמידים און געזאָגט צו אים, ווייסטו אַז די פרושים האָבן זיך באַליידיקט נאָך דעם ווען זיי האָבן געהערט די זאָגונג?״

מת. 13:15 „אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט, יעדע פלאַנצונג, וועלכע מיין הימלישער פאָטער האָט ניט געפלאַנצט, וועט אויסגעוואָרצלט ווערן.״

פּש. מיט דער זאָגונג מאַכט מאתיא יעזוסן צו פאַרענטפערן די פראַגע פון וואַשן די הענט, אַז אַלץ וואָס גאָט האָט ניט געפלאַנצט, עס מיינט וואָס איז ניט געשריבן אין דער תורה, נאָר דינים פון טראַדיציע, וועט ניט האָבן קיין קיום.

מת. 14:15. „לאָזט זיי אַליין: זיי זיינען בלינדע פירערס פון די בלינדע, און אויב בלינדע פירן די בלינדע, וועלן ביידע אַריינפאַלן אין גראָבן.״

פּש. מאתיא האָט קאָפּירט מאַרקוסן, אָבער מאַרקוס האָט ניט די אָפּאָ־ריזמען פון דער פלאַנץ, און פון די בלינדע.

מת. 15:15. „דאַן האָט פּעטרוס געענטפערט און געזאָגט צו אים, דער־קלער אונדז דעם משל.״

מת. 16:15. „און יעזוס האָט געזאָגט, זייט איר אויך אָן פאַרשטענדי־קונג?״

מת. 17:15. „קענט איר ניט פאַרשטיין, אַז אַלץ וואָס עס קומט אַריין אין מויל גייט אין דעם בויך, און ווערט אַרויסגעוואָרפן אין מיסט.״

**פש. מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער וויסנשאַפטלער, און אויך מען דאַרף ניט פיל אַריינדרינגען אין די מיסטעריעס פון באַשאַף, נאָר זאָגונגען דאַרפן אויך דערהאַלטן אין זיך דעת און בינה. פון נאָך די גאָר אַלטע צייטן איז שוין געווען באַוווּסט אַז דאָס שפּייז וואָס קומט אַריין אין מויל, גייט אַריין אין בויך; אָבער אויך עס איז געווען באַוווּסט אַז ניט אַלץ גייט אַרויס מיט דעם מיסט. אַ גרויסער טייל וואָס קומט אַריין אין מויל פון עסן, טראָגט אין זיך געזונט און לעבן. עס פאַרשאַפט די ענערגיע צו אַלע כּוחות און עמאָציעס אין אָרגאַניזם, נאָר דאָס שעדלעכע, דאָס אומפּאַרדייַלעכע גייט אַרויס אין מיסט: אויך געווען באַוווּסט אַז בלוט איז דאָס לעבן.**

מת. 18:15. „אָבער די זאַכן וואָס קומען אַרויס פון דעם מויל, קומען אַרויס פון דער האַרץ, און זיי פאַראומרייניקן דעם מענטשן.״

מת. 19:15. „וואָרום פון דער האַרץ קומען אַרויס בייזע געדאַנקען, רציחה, זנות, ניאוף, גנבות, פאַלשע עדות זאָגן און לעסטערונגען.״

מת 20:15. „דאָס זיינען די זאַכן וואָס פאַראומרייניקן אַ מענטשן: אָבער צו עסן מיט אומגעוואַשענע הענט פאַראומרייניקט ניט אַ מענטשן......״

**פש. ווען די רייד וואָלט געזאָגט אַ פאַנאַטיקער פון די נייע קריסטן ערגעץ אין אַ קירכע אין אַ שטאָט פון דער רוימישער אימפּעריע, האָט דאָס געקענט פאַרשטאַנען ווערן און אויך אַנטשולדיקט; אַזאַ פּרימיטיווע פילאָסאָפיע וואָלט ניט ווערט געווען צו קאָמענטירן, אָבער דאָ ווערט געבראַכט ווי די רייד פון משיח, גאָטס זון. גאָט און בריאת עולם האָט באַשאַפן מענטש און בהמה מיט די זעלבע אָרגאַנישע אייגנשאַפטן, מיט פאַרשידענע אָרגאַנען צו טאָן זייערע אייגענטלעכע פונקציעס.**

מאַרקוס 18:7. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, זייט איר אויך אָן פאַרשטענ־דיקייט? קענט איר דען ניט באַגרייפן, אַז אַלץ וואָס עס קומט אַריין פון דערויסן אין אַ מענטשן, קען אים ניט פאַראומרייניקן.״

**פש. מאַתיא און מאַרקוס גיבן איבער די זיכערקייט און דעם אומצווייפל־דיקן אמת פון יעזוס אַרויסגערעדטע געדאַנקען. ווען יעזוס אַנשטאָט זידלונג וואָלט מיט דער זעלבער זיכערקייט געענטפערט צו די פרושים זעלבסט און ניט צו די תלמידים, און יעזוס וואָלט פאַרמאָגט די גערולד צו הערן זיי, דאַן וואָלט די זיכערקייט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן.**

**זיי וואָלטן אים געזאָגט אַז ניט אַלץ וואָס קומט אַריין אין מויל צו עסן, גייט אַרויס אין מיסט, ווי עס איז געבראַכט געוואָרן פריער. אויך ניט אַלץ וואָס קומט אַריין דורכן מויל, קען אים ניט פאַראומרייניקן. דער מענטש דאַרף זיין פאָרזיכטיק אויף אַלץ וואָס ער נעמט אַריין דורכן מויל, אַלץ דאַרף זיין פריש און פּאַסיק צום עסן. אויב אַ מענטש איז פאַרנאַכלעסיקט וואָס ער נעמט**

אין מויל, קען ברייגען קראַנקהייטן און אויך טויט. חיות זיינען דורך דער יצירה באַשאַנקען געוואָרן מיט חושים צו אַנטשיידן פון ריינעם און אומריינעם, פון געזונטן און אומגעזונטן עסן.

פון האָרץ קומט ניט אַרויס נאָר איבל, נאָר אויך גוטע און ערלעכע געדאַנקען, גלויבן אין גאָט, ליבשאַפט, געטריישאַפט צו מענטשן, צידקות און לייטזעליקייט, אמתדיקייט און גאָט־לויבונג און גאָט־פאַרכטיקייט.

די זעלבע געדאַנקען האָט יעזוס פריער אַליין אַרויסגעזאָגט. מת. 35:12 — „אַ גוטער מענטש פון דעם גוטן אוצר פון דער האַרץ ברייננגט אַרויס גוטע זאַכן; און אַ שלעכטער מענטש פון דעם שלעכטן אוצר ברייננגט אַרויס שלעכטע זאַכן.״

ווי קען דערקלערט ווערן וואָס דער בן־אדם רעדט אין איין אָרט אַזוי, און אין צווייטן פונקט דאָס פאַרקערטע?

יעזוס האָט געוווסט די מיינונג פון טמא און טהרה, אַז עס מיינט ריין אָדער אומריין, און געזונט אָדער אומגעזונט. דער וואָס איז קראַנק אויף אַן אנשטעקענדיקער קראַנקהייט ווערט גערופן טמא, ווען ער ווערט אויסגעהיילט פון דער קראַנקהייט איז ער טהור. עסן ריינעם און געזונטן שפּייז איז טהור. היגיענישע געזעצן זיינען געווען באַוווסט צו די יידן פון דער פריעסטער אַלטער צייט. אַזוי איז אַריין אין טראַדיציע דאָס וויסן, אַז עס איז ריינער און געזינטער פאַרן מענטשן צו וואַשן די הענט מיט וועלכע ער האַלט זיין שפּייז. דער מינהג איז געוואָרן אַ דין. איבער דער זעלבער אורזאַך פון ריינקייט וואַשן די יידן די „קאַפּס און פּאָטס״, געשיר און טעפּ, אויך שיסלען און טישן: וואָס די מאָדערנע קאָמענטאַטאָרן סאַרקאַסטיש שפּאָטן עס אויס.

זיי פאַרגעסן אַז די זייף פאַבריקאַנטן גיבן אויס יערלעך מיליאָנען דאָלאַרן צו אַנאָנסירן זייערע זייפן און פּודערס וואָס וואַשן ׳קאַפּס׳ און ׳פּאָטס׳ אַם בעסטן.

וועגן אַזאַ אומוויכטיקע זאַך, זאָל זיך יעזוס אַזוי פאַרלירן און אַריינ־קומען אין אַ כעס, איז אומגלויבלעך. עס איז אַ פולשטענדיקע פּרוכט פון גוישן גאָרטן פון די יונגע קריסטלעכע קירכעס. פאַרן דורכשניטלעכן ניט־יידישן מענטשן איז געווען אַן איבעריקע אַרבעט צו וואַשן די הענט יעדעס מאָל ווען ער איז גרייט צו עסן. זיי האָבן דאָס געהאַלטן נאָר ווי אַ יידישע אבערגלויביקע פירונג. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די פילאָסאָפיע אַז אַלץ וואָס קומט אַריין פון דערויסן איז ריין. די פילאָסאָפיע האָבן זיי אַריינגעטאָן יעזוסן אין מויל. דאָס דעמאָנסטרירט מאַרקוס, ער נעמט פּאולוס רייד און מאַכט זיי יעזוסן צו ריידן, אין אַ קלענערער מאָס טוט דאָס אויך מאַתיא.

פּאולוס אין רוימער 29:1. „זייענדיק פאַרפולט מיט אַלע אומגערעכ־טיקייטן, זנות, זינדיקייטן, גלוסטיקייטן, רישעות, פאַלשקייט, ניאוף, מאָרד, בייז טוונג, גאָט האַסער, בעל גאוהקייט און אומפאַרשטענדיקייט.״

מאַרקוס 21:7. „ווארום פון אינווייניק פון האַרץ פון מענטשן קומען אַרויס שלעכטע געדאַנקען, זנות, ניאוף, מאָרד. (22) גנבות, גלוסטיקייט, פאַר־

ברעכן, פאַלשקייט, תאווה, אַ שלעכט אויג, גאָט לעסטערונג, גאווה און נאַרישקייטן."

מת. 21:15. „דאַן איז יעזוס אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט און אַוועק צו די ברעגן פון צור און צידון."

**פש. יעזוס איז געווען אין געפאַר פאַר זיין זיכערקייט. די געפאַר איז ניט געווען פון די פרושים, ניט פון די סופרים און ניט פאַר היילן אום שבת. עס האָט יעזוסן געדראָעט די געפאַר פון דער זייט פון הירא־אנטיפאס און פון דער רוימישער מאַכט. ער איז אויף שנעל פריוואַטלעך אַוועק אין דער מדבר, דערנאָך איז ער צוריקגעפאָרן מיט דער שיף, און האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אויף אַ ווייל איינגאַנצן די גרעניצן פון גליל, און אַריבערגיין אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדער רוימישער פראָווינץ, צידון. ווען יעזוס איז געווען אין אַזאַ ניט זיכערער לאַגע, האָט אים גאָר ווייניק געזאָרגט אויב מען דאַרף זיך וואַשן צום עסן אָדער ניט. די „מוראַדיקע" פראָבלעמע האָט געקענט פאַרנעמען די מוחות נאָר פון די עוואַנגעליע שרייבער. ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער אַרויס פון גליל און אַריין אין צור און צידון.' מאַרקוס שרייבט פון דעם מער אָפענער ווי מאתיא.**

מאַרק. 24:7. „און פון דאָרטן איז ער אויפגעשטאַנען, און אַוועקגעגאַנגען צו די גרעניצן פון צור און צידון. און איז אַריינגעקומען אין אַ הויז, ער וואָלט געוואָלט אַז קיין מענטש זאָל עס וויסן; נאָר ער האָט ניט געקענט ווערן באַהאַלטן.

מאַרק. 25:7. „ווארום אַ געוויסע פרוי, וועמענס יונגע טאָכטער האָט געהאַט אַן אומריינעם גייסט (ספירים) האָט געהערט פון אים, איז זי געקומען און געפאַלן צו זיינע פיס."

מק. 26:7. „די פרוי איז אַ גריכין, אַ סירא־פעניציער אין איר נאַציע; און האָט געבעטן אים אַז ער זאָל אַרויסטרייבן דעם טייוול פון איר טאָכטער."

מט. 22:15. „און, זע, אַ פרוי פון כנען איז אַרויסגעקומען פון די זעלבע געגענטן, און געשריען צו אים ,זאָגענדיק, האָב רחמנות אויף מיר, אַ האַר, דער זון פון דוד; מיין טאָכטער איז זייער געפלאָגט מיט אַ טייוול."

מת. 23:15. „אָבער ער האָט איר ניט געענטפערט קיין וואָרט. און זיינע תלמידים זיינען געקומען און געבעטן אים, זאָגענדיק, שיק איר אַוועק; ווארום זי שרייט אונדז נאָך."

מת. 24:15. „אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט, איך בין ניט געשיקט געוואָרן נאָר צו די פאַרלאָרענע שאָף פון דער הויז פון ישראל."

**פש. דאָס וואָס די כנענית האָט אים גערופן „זון פון דוד" באַריכטעט נאָר מאתיא אַליין. מאתיא קאָפירט מאַרקוסן און ביי מאַרקוסן געפינען זיך ניט די ווערטער „זון פון דוד" מיט וועלכע זי באַגריסט יעזוסן. אַ פרעמדע פרוי, פון אַ פרעמדער לאַנד, איז אַזוי באַקענט מיט דער יידישער געשיכטע, און דער אַלטערטימלעכער געשיכטע, און יידישער טראַדיציע און מסורה פון דעם יידישן באַנעם פון משיח; אַז זי ווייסט אַז אַ היילער דאַרף אָפּשטאַמען פון דודן.**

מת. 25:15. „דאַן איז זי געקומען און געקניט פאַר אים, זאָגענדיק, האַר, העלף מיר.“

מת. 26:15. „אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט, עס איז ניט אָנגענומען צו נעמען דעם ברויט פון די קינדער און וואַרפן עס פאַר הינט.“

מת. 27:15. „און זי האָט געזאָגט, אמת, האַר: דאָך די הינט עסן פון די ברעקלעך פון בעל־הבית טיש.“

מת. 28:15. „דאַן האָט יעזוס געענטפערט און געזאָגט צו איר, אָ, פרוי, גרויס איז דיין גלויבן: עס זאָל זיין צו דיר ווי דו ווילסט. און איר טאָכטער איז געוואָרן געהיילט פון יענער זעלבער שעה.“

מת. 29:15. „און יעזוס איז אַוועק פון דאָרט, און געקומען נאָענט צום ים פון גלילא; און איז אַריפגעגאַנגען איף אַ באַרג, און האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרט.“

מת. 30:15. „און אַ גרויסער עולם איז געקומען צו אים, האָבענדיג מיט זיך יענע וואָס זיינען געווען לאָם, בלינד, שטום, קאַליקעס, און פיל אַנדערע און זיי האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן צו זייע פיס; און ער האָט זיי געהיילט.“

פש. מאתיא קאַפּירט און כמעט ווערטערלעך מאַרקוסן, אָבער נעמט זיך די פרייקייט צו געבן גאַנצע זאַצן, אָדער אויסלאָזן, אָדער אַריינפירן נייע עפּיזאָדן וואָס ער האָט ערגעץ ניט געזען אָדער געהערט, דערהויפּט אויף וויפיל זיין פאַנטאַזיע דערלויבט אים. די זעלבע פרייקייט פּראַקטיצירן די אַנדערע אַוטאָרן פון די עוואַנגעליעס. אין יענע צייטן זיינען די שרייבונגען געווען פּריוואַטע שריפטן פון שרייבער וואָס האָבן אויסגעדריקט די שיטה פון גלויבן ווי זייער אייגענע אַזוי פון זייער קירכע. די שרייבונגען זיינען גענוצט געוואָרן פאַר אונטעררירכט פאַר זייערע מיטגלידער פון דער געגעבענער קאָנגרעגאַציע, און אויך פאַר פּראָפּאַגאַנדירן זייער גלויבן. אין לויף פון צייט זיינען די שרייבונגען געשריבן און איבער געשריבן געוואָרן. יעדער איבערשרייבער האָט רעדאַקטירט לויט זיין אייגענעם אויפנעמען פון גלויבן און לויט זיין אינטעליגענטער ניווא. ווו ער האָט געפונען פאַר נויטיק האָט ער געקירצט, אָדער אַרויסגעוואָרפן גאַנצע שטעלן; אויך אַריינגעגעבן און אַריינגעשריבן זיינע אייגענע מיינונגען און ריכטונג, אויך צוגעקומענע און געהערטע נייע יעזוס רייד, נייע אַפאָריזמען, ניי משלים און ניי נסים. זיי האָבן גרינדלעך רעדאַקטירט די אַלע קירכלעכע שריפטן ווייל זיי זיינען ניט געווען נאָך פאַרהייליקט, און יעדער איבערשרייבער האָט געפילט אַז ער האָט די זעלבע רעכט און נאָך מער צו שרייבן ווי ער געפינט פאַר נויטיק. זיי האָבן גענומען נאָר די ערשטע באַשרייבונגען אַלץ אַ קאַנווע אויף וועלכן זיי קענען מאָלן זייער אייגענע בילד. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז דעם 4טן יאָרהונדערט ווען אייניקע פון די רעליגיעזע באַשרייבונגן זיינען קאַנאָניזירט געוואָרן.

מת. 31:15. „און אַזוי פיל וואָס דער עולם האָט געוואונדערט, ווען זיי האָבן געזען ווי די שטומע ריידן, די קאַליקעס ווערן געזונט, די לאָמע גייען,

און די בלינדע זעען: און זיי האָבן געלאָריפיצירט דעם גאָט פון ישראל.״

מת. 32:15. דאָן האָט יעזוס גערופן זיינע תלמידים צו אים, און געזאָגט, איך האָב רחמנות אויף דעם עולם, מחמת זיי זיינען שוין מיט מיר דריי טעג, און האָבן גאָרניט וואָס צו עסן: און איך וועל זיי ניט אַוועקשיקן פאַסטנדיק, טאָמער וועלן זיי פאַרחלשט ווערן אויפן וועג.״

**פש. מאתיא און מאַרקוס ברייגגען צום צווייטן מאָל דעם נס פון די מיט ווייניק ברויטן איז געשפייזט געוואָרן אַן עולם פון טויזנטער. לוקאַס און יאָהאַן האָבן דעם נס נאָר איין מאָל.**

מת. 33:15. „און זיינע תלמידים זאָגן צו אים פון וואַנען זאָלן מיר האָבן אַזוי פיל ברויט אין דער ווילדערניש, צו זעטן אַזאַ גרויסן עולם. (34) און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, וויפיל לאָבנס האָט איר? און זיי האָבן געזאָגט זיבן, און אייניקע קליינע פיש. (35) און ער האָט באַפעלן דעם עולם צו אַנידערזעצן זיך אויף דער ערד. (36) און ער האָט גענומען די זיבן לאָבנס און די פיש, געמאַכט אַברכה, און צעבראָכן זיי, און געגעבן צו זיינע תלמידים, און די תלמידים צו דעם עולם. (37) און אַלע האָבן געגעסן, און זיינען זאַט געוואָרן: און זיי האָבן צוזאַמען גענומען פון דעם איבערגעבליבענעם זיבן פולע קערב. (38) און די וואָס האָבן געגעסן זיינען געווען פיר טויזנט מענער, חוץ די פרויען און קינדער.״

**פש. די צאָל פון קראַנקע האָט ניט געקענט זיין צופיל, ווייל עס וואָלט געווען אַ שוועריקייט זיי ברייגען אין דעם מדבר. דער עולם (מולטיטיוד) איז באַשטאַנען פון די וואָס זיינען געגאַנגען אין דעם מדבר צו הערן יעזוסן. זיי וואָלטן דאָך זיכער ניט גענומען מיט זיך זייערע פרויען, דערהויפט די קינ־דער. דאָס באַווייזט אַז אין דעם מדבר האָבן זיך אויפגעהאַלטן גרויסע צאָלן משפחות וואָס האָבן געענטפערט דעם רוף צו גיין אין דעם מדבר.**

**מת. 39:15. „און ער האָט אַוועקגעשיקט דעם עולם, און גענומען אַ שיף, און געקומען אין דעם געגנט פון מגדל.״**

## קאַפּיטל 16

# צייכנס

מת. 1:16. „די פרושים אויך מיט די צדוקים זיינען געקומען, און פרוּווּנ־דיק אים האָבן זיי פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל וויזן אַ צייכן פון הימל. (2) ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, ווען עס איז אָוונט, זאָגט איר, עס וועט זיין שיינער וועטער: מחמת דער הימל איז רויט. (3) און אין דער פרי, עס וועט זיין שלעכטער היינט: מחמת דער הימל איז רויט און טריב.״

**פש. מאתיא ווידערהאָלט דאָס זעלביקע פון 38:12, נאָר דאָ גיט ער צו אַז עס זיינען אויך געקומען צדוקים. פרושים און צדוקים זיינען די צוויי פאַרטייען אין לאַנד; זיי זיינען געגצלעך פאַרשידן ווי אין זייערע פאָליטישע אַזוי אויך**

אין זייערע רעליגיעזע איינשטעלונגען. ווי איך האָב פריער באַמערקט אַז זיי זיינען ניט געווען פאַרטרעטער פון די פאַרטייען, מען קען מיט זיכערקייט צוגעבן אַז אייניקע פון זיינען העכער זאָלן אים שטעלן פראַגן: וואָלט געווען מער נאָענט צו דער ווירקלעכקייט ווען מאתיא שרייבט, געוויסע פון עולם האָבן אים געפרעגט.

מת. 3:16. „אָ איר היפּאָקריטן, איר קענט פאַרשטיין דעם אָנזען פון הימל; אָבער דען קענט איר ניט פאַרשטיין די צייכנס פון דער צייט?״

פש. יעזוס האָט דאָ געזאָגט זייער אַ זאַכלעכן אמת וואָס איז זייער באַ־דייטענדיק פאַר יענער צייט און פאַר אַלע צייטן. מענטשן דאַרפן ניט זוכן צייכנס אין הימל נאָר דאַרפן וויסן, לערנען און פאַרשטיין די צייכנס פון דער איצטיקייט, באַטראַכטן דעם היינט צו קענען אַריינקומען אין דעם עתיד. וואָלט ניט געווען גלייכער, און אַפילו מער רעכטפאַרטיק פאַר אַ לערער פון דער מלוכה פון הימל אַנשטאט צו אַריינקומען אין אַ הויכן טעמפּעראַמענט פון צאָרן, ענטפערן געלאַסן אַז זיי באַנעמען דעם אויסזען פון הימל, און ניט דעם אויסזען פון דער צייט.

מת. 4:16. „אָ פאַרדאָרבענער און ניאופדיקער דור זוכט נאָך צייכנס; און דאָרט וועט קיין צייכן געגעבן ווערן, חוץ דער צייכן פון דעם נביא יונה, און ער האָט זיי פאַרלאָזן און אַוועק.״

פש. מאתיא האָט דאָ פיל פאַרריכט וואָס ער האָט געווען אויסגעלאָזן אין 38:12. דאָרט געפינט זיך ניט אין יעזוס אַדרעסירונג: ״איר היפּאָקריטן״.

מאַרקוס רעקאָרדירט ניט אַזאַ אויפגעבראַכטקייט פון צאָרן און זידל.

מאַרקוס 12:8. „און ער (יעזוס) האָט אָפגעזיפצט טיף אין זיין גייסט, און האָט געזאָגט, ווארום זוכט דער דור נאָך אַ צייכן? באמת זאָג איך איך, דאָרט וועט קיין צייכן געגעבן ווערן צו דעם דור. (13) און ער האָט זיי פאַרלאָזן, און אַריינקומענדיק אין שיף איז ער ווידער אַריבער אויף דער אַנדער זייט.״

פש. לוקאַס נוסח לויטעט, אַז יעזוס האָט געהאַלטן אַ דרשה פאַר אַן אומ־צאָליקן עולם. דער פאַרנעם פון דער דרשה איז געווען אין 59 זאַצן. קיינער האָט יעזוסן ניט געפרעגט קיינע פראַגן, און ניט געבעטן צייכנס. זאָגט יעזוס צום עולם, ווען איר זעט אויפקומענדיקע וואָלקנס זאָגט איר, עס וועט רעגענען. (55) ווען איר זעט דעם דרום ווינט בלאָזן, זאָגט איר עס וועט זיין וואַרעם. איצט קומט דער פאָלגענדיקער זאַץ:

לוקאַס 56:12. „איר היפּאָקריטן, איר קענט באַאָבאַכטן דעם פּנים פון הימל און פון דער ערד; אָבער ווי איז דאָס וואָס איר באַאָבאַכט ניט די צייט?״

פש. די לאָגיק פון אַ פשוטן מענטשן קען בשום אופן ניט באַגרייפן און באַנעמען די פסיכאָלאָגישע אורזאַכן וועלכע זאָלן מאַכן יעזוסן און די עוואַנ־געליע אַווטאָרס צו ריידן די דאָזיקע שפּראַך, און דעם בייזן טאָן. יעזוס רעדט צו זייער אַ גרויסן עולם וועלכן איז געווען צו ניט איבערציילן, עס איז געווען אַזאַ ענגשאַפט אַז איינער האָט געטראָטן אויף דעם אַנדערן, זיי זיינען געקומען פרייוויליק צו הערן יעזוסן, קיינער האָט זיי ניט געצוווּנגען. זיי

שטייען אַ לאַנגע צייט אין דער גרויסער ענגשאַפט און הערן אויס אַ לאַנגע דרשה: דאָס באַווייזט אַז די גרויסע צאָל מענטשן זיינען וויליק צו הערן און פאַרשטיין. אויב די מענטשן וואָלטן אַלץ געוווסט און אַלץ פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי דאָך ניט געקומען צו הערן יעזוסן. זאָגט זיי יעזוס, אַז זיי ווייסן אויף דעם וועטער, אָבער ווייסן ניט די צייטן. אויב זיי ווייסן ניט, זיינען זיי אומוויסנדיק, אָבער ניט היפּאָקריטן. צוליב וואָס זיינען זיי געקומען אַהער צו יעזוסן? הערן ווי עס קלינגען זיינע ווערטער אין דער לופט? — זיי זיינען געקומען הערן און לערנען. ווארום קומט אַזעלכע ווילענדיקע מענטשן רופן ׳היפּאָקריטן׳?

מאַרקוס האָט ניט דעם עפּיטאָף היפּאָקריטן, און זיינע קאָפּירער האָבן יע.

עס קען נאָר דערקלערט ווערן דורך דעם ספּעציאלן צוגאַנג פון די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס. זייער הויפּט ציל און צוועק זיינען צו אַרויסברייגען דעם אַנטאַגאָניזם פון יעזוסן צו די פּרושים, און צו די יידן אין אַלגעמיין; זיי קענען ניט דורכלאָזן די קלענסטע געלעגנהייט ניט אַריינצוברייגען טאַדל און האַס צו די יידן און זייערע פאַרטרעטער. עס איז אַ כלל ווו אַ זאַך איז ניט געוויסנהאַפט: פאַרדרייט עס דעם מוח פון די קלוגע, און פאַרדאַרבט די האַרץ פון די גערעכטע און הייליקע.

מת. 5:16. „און ווען די תלמידים זיינען געקומען אויף דער אַנדער זייט, האָבן זיי פאַרגעסן צו מיטנעמען ברויט. (6) האָט יעזוס געזאָגט צו זיי, נעמט אין אַכט און היט זיך פון דער זויער־ברויט פון די פּרושים און פון די צדוקים. (7) און זיי האָבן אַרומגערעדט צווישן זיך, זאָגענדיק, עס איז מחמת מיר האָבן ניט מיטגענומען קיין ברויט. (8) וועלכעס ווען יעזוס האָט באַגריפן, האָט ער געזאָגט צו זיי, אַ איר פון קליינעם גלויבן, ווארום דענקט איר צווישן זיך, מחמת איר האָט ניט קיין ברויט? (9) פאַרשטייט איר נאָך אַלץ ניט, אויך קענט איר ניט געדענקען די פינף לאַבנס פון די פינף טויזט, און וויפיל קערב איר האָט אָוועקגענומען? (10) אויך די זיבן לאַבנס פון די פיר טויזנט, און וויפיל קערב איר האָט אָוועקגענומען? (11) איז ווי אַזוי איז עס וואָס איר פאַרשטייט ניט אַז איך האָב גערעדט צו אייך ניט פון ברויט, נאָר איר דאַרפט זיך היטן פון די זויער־ברויט פון די פּרושים און פון די צדוקים. (12) דאַן האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט ניט צו היטן זיך פון דעם זויער ברויט, נאָר פון די דאָקטרינעס פון די פּרושים און פון די צדוקים.״

**פש. מאַתיא קאָפּירט מאַרקוסן כמעט ווערבאַטים, נאָר געפינט פאַר נויטיק צו אויסלאָזן די פאָלגענדיקע שטעלן:**

מאַרקוס 17:8. ״...יעזוס האָט געזאָגט צו זיי (תלמידים), ווארום ישובט איר זיך, מחמת איר האָט ניט קיין ברויט? באַנעמט איר נאָך אַלץ ניט, אויך פאַרשטייט איר נאָך ניט? האָט איר נאָך אייער האַרץ פאַרהאַרטעוועט? (18) האָבענדיק אויגן, זעט איר ניט? און האָבענדיק אויערן, הערט איר ניט, און טוט ניט פאַרשטיין?״

**מאַתיאס אויסלאָזן האָט אַן אורזאַך. ער זאָגט אין קאַפּ. 13:13, אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט אויף דעם פאָלק וואָס איז געקומען הערן אים, אַז זיי זעענדיק**

זען ניט; און הערענדיק הערן זיי ניט, און פאַרשטייען ניט. ער ברענגט נאָך אַ נבואה פון ישיה, אַז ער האָט דאָס פאָרויסגעזען. אָבער די תלמידים הערן און זען און פאַרשטייען.

מאתיא זאָגט אַז דענסטמאָל ערשט האָבן די תלמידים פאַרשטאַנען אַז יעזוס האָט געמיינט צו היטן זיך פון די דאָקטרינעס פון די צדוקים און פרושים. אָבער יעזוס אין אַן אַנדער פלאַץ זאָגט דאָך בפירוש פאַרקערט וואָס ער זאָגט איצט.

מת. 1:23. „דאָ האָט יעזוס גערעדט צום גרויסן המון און צו זיינע תלמידים, זאָגענדיק,

מת. 2:23. „די סופרים און פרושים זיצן אין משה׳ס שטול (זיץ־פּלאַץ):

(3) אַלץ דערפאַר וואָס זיי באַפעלן אייך, היט אָפּ, דאָס היט אָפּ און טוט.״

פש. דאָס מיינט אָפּהיטן זייער דאָקטרינע און טאָן. איז עס דאָך דער היפוך פון דעם וואָס ער לערנט איצט: זיי זאָלן זיך היטן פון זייער דאָקטרינע. ער פאַרענדיקט דעם זאַץ:

מת. 3:23. „אָבער טוט ניט נאָך זייערע טאַטן: ווארום זיי זאָגן, און טוען ניט.״

איז די החלטה: אַז די דאָקטרינע פון די פרושים איז גוט, נאָר די הויפּט שולד איז וואָס זיי פירן ניט דורך אין לעבן זייער דאָקטרינע.

ווי איז דאָס מעגלעך אַז דער אונטעררעכט פון בן־אדם צו זיינע תלמידים זאָל זיין אַזוי ניט אויסגעהאַלטן און צוטומלט, אַז די תלמידים זאָלן ניט וויסן וואָס וויל יעזוס אַז זיי זאָלן טאָן; וואָס איז די דאָקטרינע פון די פרושים גוט אָדער שלעכט? דער ענטפער איז אַז דאָס זיינען דאָק־טרינעס פון דער קירך, און דער חשק פון די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס צו מאַכן יעזוסן אין פיינדשאַפט מיט די פרושים: דעריבער זיי אומווילענדיק ברענגען צום רעזולטאַט אַז איין זאָגונג זאָל זיין אין אַפּלייקענונג פון דער צווייטער זאָגונג.

מת. 13:16. „ווען יעזוס איז געקומען אין דעם געגנט פון קסריא־פיליפּי, האָט ער געפרעגט זיינע תלמידים, זאָגענדיק, ווער זאָגן מענטשן אַז איך דער בן־אדם איז?״

מת. 14:16. „און זיי האָבן געזאָגט, אייניקע זאָגן אַז דו ביסט יוחנן דער טובלער; אַנדערע, אליהו; אַנדערע, ירמיה, אָדער איינער פון די נביאים.״

מת. 15:16. „ער האָט געזאָגט צו זיי, אָבער ווער זאָגט איר בין איך?״

מת. 16:16. „און שמעון פּעטרוס האָט געענטפערט און געזאָגט, דו ביסט דער משיח (קריסטוס) דער זון פון לעבעדיקן גאָט.״

מאַרקוס שרייבט, ווען יעזוס מיט זיינע תלמידים זיינען געגאַנגען אין די שטעט פון קרסיא־פיליפּי: האָט ער אייניגעגנס געפרעגט זיינע תלמידים, זאָגענדיק צו זיי, ׳ווער זאָגן מענטשן בין איך?׳

מאַרקוס 29:8. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, אָבער ווער זאָגט איר

בין איך? און פעטרוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו אים, דו ביסט דער משיח (קריסטוס).

מק. 30:8. „און ער האָט אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן קיין מענטשן דערציילן פון אים.״

**פש. לויט לוקאַס איז עס געשען אין אַנדערע אומשטענדן און אין אַן אַנדער אָרט אין אונטערשייד פון די ערשטע צוויי דערציילער.**

לוקאַס 18:9. „און עס איז געקומען צו פּאַסירן, אַז ער איז געווען אַליין טוענדיק תפילה, זיינע תלמידים זיינען געווען מיט אים: און ער האָט זיי געפרעגט, זאָגענדיק, ווער זאָגן די מענטשן בין איך?״

לק. 19:9. „זיי ענטפערענדיק אים האָבן געזאָגט, יוחנן דער טובלער; נאָר אייניקע זאָגן אליהו; און אַנדערע זאָגן, אַז איינער פון די אַלטע נביאים איז ווידער לעבעדיק געוואָרן.״

לק. 20:9. „האָט ער געזאָגט צו זיי, אָבער ווער זאָגט איר בין איך? פּעטרוס, ענטפערענדיק, האָט געזאָגט, דער משיח (קריסטוס) פון גאָט.״ (21) „און ער האָט שטריינג אָנגעזאָגט זיי און באַפעלט זיי צו ניט דערציילן קיין מענטשן די זאַך.״

**די קריסטלעכע טראַדיציע האַלט אַז די תלמידים האָבן פריער אַלץ איבערגעגעבן פון יעזוסן מינדלעך, שפּעטער איז דאָס פאַרשריבן געוואָרן ווי פון די תלמידים אַזוי אויך פון אַנדערע. דאָ ווערט איבערגעגעבן אַ זאַך פון דער וויכטיקסטער פּאַסירונג. דער מאָמענט ווען יעזוס האָט זיך דער־קלערט אַלץ קריסטוס. דער געשפּרעך און די דערקלערונג איז פאָרגעקומען אין געציילטע ווערטער. די עטלעכע ווערטער האָבן דאָך ניט געקענט פאַר־געסן ווערן פון די תלמידים. דערהויפּט פּעטרוס האָט דאָך געוויס געדענקט וואָס ער האָט געזאָגט. וואָרום זאָל יעדער אַוטאָר געבן אַן אַנדער נוסח?**

**אַזוי: מת. דו ביסט דער קריסטוס, דער זון פון לעבעדיקן גאָט.**

**מאַרק. און פּעטרוס האָט געזאָגט צו אים, דו ביסט קריסטוס.**

**לוק. דער קריסטוס פון גאָט.**

**דאָס ווייזט אַז די קוואַלן זיינען ניט פון די אַפּאָסטאָלס, נאָר פון אַ וויטער שפּעטערדיקער צייט אין וועלכער עס האָט צירקולירט די מינדלעכע טראַדיציע, אַז פּעטרוס האָט געזאָגט „דו ביסט משיח״. מאַרקוס נוסח ווייזט אויס איז דער ריכטיקער, ווייל ער איז געווען דער ערשטער שרייבער. מת. און לק. האָבן אים קאָפּירט, אין דער זעלבער צייט געפונען פאַר נויטיק עפּעס צוגעבן.**

מת. 17:16. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו אים: גע־בענטשט ביסטו, שמעון בר־יאַנא: וואָרום פליש און בלוט האָט עס ניט אַנטפּלעקט צו דיר, נאָר מיין פאָטער וועלכער איז אין הימל.״

מת. 18:16. „און איך זאָג צו דיר, אַז דו ביסט פּעטרוס, און אויף דעם פעלז וועל איך בויען מיין קירך; און די טויערן פון גיהנום וועלן קענן איר ניט מנצח זיין.״

מת. 19:16. „און איך וועל געבן צו דיר די שליסלען פון דער מלוכה פון הימל: און וואָס ניט איז דו וועסט בינדן אויף דער ערד וועט ווערן געבונדן אין הימל: און וואָס ניט איז דו וועסט לויז מאַכן איף דער ערד וועט עס זיין לויז געמאַכט אין הימל.״

מת. 20:16. „דאַן האָט ער אָנגעזאָגט זיינע תלמידים זיי זאָלן ניט דער־ציילן קיין מענטשן אַז ער איז יעזוס קריסטוס. 1)

פש. אַלע דריי אויטאָרס גיבן איבער מיט דיזעלבע ווערטער, כמעט ענלעך וואָרט אין וואָרט וועגן דער דערקלערונג פון פעטרוס אַז יעזוס איז דער משיח און מאַרקוס און לוקאָס האָבן אפילו ניט איין וואָרט וואָס מאתיא ברייננגט אין די זאַצן 17, 18, 19. אויב זיי וואָלטן געוווסט פון אַזעלכע רייד וואָס יעזוס האָט געזאָגט צו פעטרוסן וואָלטן זיי זיכער עס איבערגע־געבן. פון וועלכע קוואַלן האָט מאתיא דאָס גענומען אַז נאָר ער אַליין זאָל דאָס וויסן? עס איז אָנגענומען ביי אַ צאָל קאָמענטאַטאָרן פון דער ביבל אַז עס איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער צייט.

יוסף קלאָוזנער, יעזוס פון נאַזאַרעט, — „דאָס געפינט זיך ניט אין דער פריערדיקער ווערסיע גענוצט ביי אפרים סירוס, אַ שרייבער פון 4טן יאָר־הונדערט.״

נ. שמידט אין 'נביא פון נאַזאַרעט' זייט 189. — „די זאַצן 17:16־19 פון מאתיא, זיינען אַן עקספּאַנסיע, אין די אינטערעסן פון דער וואַקסנדיקער רוימישער היראַרכיע. — עס קען זיין אַז דאָס איז דער זעלבער אויטאָר ווי פון דער גענעאַלאָגיע און ווי פון דעם געבורט.״

מת. 21:16. „פון יענער צייט אָן האָט יעזוס אָנגעהייבן צו ווייזן די תלמידים, וויאַזוי ער מוז גיין קיין ירושלים, און ליידן פיל זאַכן פון די זקנים, פון די הויפּט־כהנים און סופרים. און ווערן געהרגעט, און אויפשטיין ווידער אויף דעם דריטן טאָג.״

פש. מאַרק כמעט דאָס זעלבע ווערטערלעך. לוקאָס אין 22:9 טראָגט די זעלבע מיינונג. יעזוס האָט דאָס געזאָגט אַזוי דייטלעך און אַזוי קלאָר אַז יעדער האָט אים געקענט פאַרשטיין. שפּעטער וועלן די אויטאָרן פון די עוואַנגעליעס שרייבן אַז די תלמידים האָבן ניט פאַרשטאַנען.

אַרום צעזאַריא־פיליפּי איז פאַרגעקומען איינער פון די גרעסטע עפּיזאָדן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, עס איז דאַן געבאָרן געוואָרן אַ משיח. די תלמידים האָבן דערקלערט יעזוסן פאַרן משיח, און אויך יעזוס האָט זיך אויך דערקלערט אַלץ אַזעלכער. אין יענער געגעבענער צייט יעזוס און זיינע נאָכפאָלגער האָבן ניט געהאַט אין זינען קיין מינדסטן גערדאַנק פון ליידן פון זקנים און סופרים, און פון צוריק אויפשטיין אויף דעם דריטן אָדער ניט דריטן טאָג. דאָס זיינען ניט מער ווי געשריבענע זאַכן הונדערט יאָר נאָך דער פאַסירונג. זיי האָבן באַשלאָסן אַז זיי מוזן גיין קיין ירושלים

1) ער איז געווען „הי וואַז״.

דאָרט עפּענטלעך זיך דערקלערן פאַר משיח און אַראָפּברייגגען גליַיך די מלוכה אויף דער ערד. יעזוס האָט געהאַט גרויסן גלויבן אין זיך, און אַז גאָט וועט שיקן זיינע מלאכים און העלפן זיין מתנה צו פאַרניכטן יעדן ווידערשטאַנד קעגן זיי. אַז די כוחות פון די רוימישע לעגיאָנען, און אויך די מאַכט פון כהן גדול וועלן ניט ביישטיין קעגן גאָטס ווילן, זיי וועלן ווערן פאַרטיליקט, און די מלוכה פון הימל וועט ווערן אויפגעשטעלט און געפירט ווערן פון יעזוס, זיינע תלמידים און אַלע נאָכפאָלגער. ער האָט זיי געוואָרנט אַז דער קאַמף וועט זיין אַ שווערער און געפאָדערט פון יעדן איינעם מסירת נפש, זיין גרייט צו אָפּגעבן זייער לעבן.

ווען יעזוס האָט פאַרגעלייגט זיינע פּלענער פאַר די תלמידים, האָט פעטרוס געוואָלט אים אָפּהאַלטן פון זיינע האַסטיקע און געפערלעכע שריט. האָט פעטרוס געזאָגט לויט דעם נוסח פון די עוואַנגעליעס:

מת. 22:16. „דאַן האָט פעטרוס אים גענומען און האָט אָנגעהייבן אים פאַרפאַרפן, זאָגענדיק, חלילה, האַר: דאָס זאָל ניט זיין צו דיר.‟

עס ווערט ניט דערקלערט וואָס פעטרוס האָט געזאָגט, דער אַוטאָר דריקט דאָס אויס אין אומבאַשטימטע ווערטער. יעזוס האָט אים ניט געוואָלט הערן, ער איז געווען באַשלאָסן צו רעאַליזירן זיין מיסיע פון איינשטעלן די מלוכה.

מת. 23:16. „אָבער ער האָט זיך אומגעקערט, און געזאָגט צו פעטרוסן, גיי דו אַוועק הינטער מיר, שטן: דו ביסט אַ שטרויכלונג צו מיר: וואָרום דו ווייסט ניט די זאַכן וואָס זיינען פון גאָט, נאָר די וואָס זיינען פון מענטשן.‟

**פּש. עס איז ניט אַן איבעררייד וועגן אַ מלוכה אין הימל, נאָר פון אַ מלוכה אויף דער ערד.**

מת. 24:16. „דאַן האָט יעזוס געזאָגט צו זיינע תלמידים, אויב יעדער מאַן וואָס וועט קומען נאָך מיר (נאָכפאָלגן), זאָל ער זיך פאַרלייקענען, און אויפנעמען זיין קרייץ און מיך נאָכפאָלגן.‟

מת. 25:16. „וואָרום דער יעניקער וואָס וועט ראַטעווען זיין לעבן וועט עס פאַרלירן; און דער וואָס וועט פאַרלירן זיין לעבן פון מיינט וועגן וועט עס געפינען.‟

**פּש. אויב יעזוס גייט אין ירושלים נאָר פאַר דעם איינציקן צוועק צו ליידן, באַשפּיגן ווערן און געטויט ווערן ער זאָל קענען צוריק לעבעדיק ווערן: וואָרום פאָדערן פון די תלמידים אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן דאָרט זיין גרייט צו אָפּגעבן זייערע לעבנס? ער פאָדערט פון זיי לעבנס אָפּפערונג און זאָגט זיי ניט צו אַז זיי וועלן אויפשטיין, ער זאָגט נאָר אויף זיך אַז ער וועט לעבעדיק ווערן אין דריטן טאָג.**

מת. 26:16. „וואָרום וואָס וועט אַ מענטש געווינען, אויב ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן זיין אייגענע זעל? אָדער וואָס זאָל אַ מאַן געבן פאַר אַן אויסבייטונג פון זיין זעל.‟

מת. 27:6. „וואָרום דער זון פון מאַן (בן אדם) וועט קומען אין דער

העררליכקייט פון זיין פאָטער מיט זיינע מלאכים, און דאַן וועט ער באַצאָלן איטלעכן נאָך זיינע ווערק.״

**פש. דאָ דערקלערט יעזוס ווי ער וועט געווינען די מלוכה דורך גאָטס הילף און זיינע מלאכים. די קריסטלעכע קירך זאָגט אַז יעזוס מיינט דאָס די מלוכה אין הימל, נאָך זיין צווייטן קומען. דער קומענדיקער זאַץ באַווייזט בממש אַז יעזוס מיינט גלייך אין יענער צייט ווען ער האָט גערעדט צו די תלמידים, און די וואָס שטייען דאָ נעבן אים וועלן אין זייער לעבן נעמען אַן אנטייל אין דער קיניגרייך.**

מת. 28:16. „באמת זאָג איך צו אייך (ער פאַרזיכערט זיי אויף זיין אמת), דאָרטן וועלן זיין מאַנכע שטייענדיקע דאָ, וועלכע וועלן ניט פאַרזוכן דעם טויט, ביז זיי וועלן זען דעם בן־אדם קומענדיק אין זיין קיניגרייך.״

## קאַפּיטל 17

מת. 1:17. „און נאָך זעקס טעג יעזוס האָט גענומען פעטרוסן, יעקבן (דזשיימס) און יוחנן זיין ברודער, און האָט זיי אַרויפגעבראַכט אויף אַ באַזונדער הויכן באַרג.״

מת. 2:17. „און ער איז פאַרענדערט געוואָרן (טראַנספיגורירט) פאַר זיי: און זיין פנים האָט געשיינט ווי די זון, און זיינע קליידער זיינען געווען ווייס ווי ליכט.״

מת. 3:17. „און, זע, דאָרט האָבן דערשינען פאַר אים משה און אליהו רעדענדיק מיט אים.״

מת. 4:17. „דאַן האָט פעטרוס געענטפערט און גערעדט צו יעזוס, האַר, עס איז גוט פאַר אונדז צו זיין דאָ: אויב דו ווילסט, לאָז אונדז מאַכן דאָ דריי געצעלטן; איינעם פאַר דיר, און איינעם פאַר משהן, און איינעם פאַר אליהו.״

**פש. מאַרקוס גיט אויך דאָס זעלביקע איבער כמעט ווערבאַטים, נאָר ער דערמאָנט ניט פון יעזוס פנים, ער שרייבט נאָר פון דער ווייסקייט פון זיינע קליידער.**

מאַרקוס, 3:9. „(ער איז געוואָרן טרענספיגורירט). זיינע קליידער האָבן אָנגעהייבן שיינען, זייער ווייס ווי שניי; אַזוי אַז אויף דער ערד קען ניט זיין מער ווייס. (9:6) ווארום ער (פעטרוס) האָט ניט געוווסט וואָס צו זאָגן, זיי זיינען געווען מוראדיק דערשראָקן.״

**פש. אַזעלכע דערשראָקענע מענטשן האָבן געזען מיט יעזוסן נאָך צווייען: פון וואַנען האָבן זיי געקענט וויסן אַז די מענטשן זיינען משה און אליהו? טאָמער זיינען זיי געווען אימיצער אַנדערש, אָדער מלאכים? יוחנן איז דאָך געווען אליהו: וואָלטן זיי דאָך געזען די געשטאַלט פון יוחנן.**

**לוקאַס גיט אויך איבער דאָס זעלביקע, און גאַנצע שטעלן מיט די זעלביקע ווערטער, נאָר ער האָט זיינע אייגענע ענדערונגען. אין דער צייט**

**פון אַכט טעג נאָך דעם ווען יעזוס איז דערקלערט געוואָרן פאַר משיח, האָט ער גענומען מיט זיך די דריי אַנגעגעבענע תלמידים און איז אַרויף אויף אַ באַרג צו גאָט בעטן.**

לוקאַס 29:9. „און אַזוי ווי ער האָט תפילה געטאָן, דער אויסזען פון זיין פנים האָט זיך געביטן, און זיינע קליידער זיינען געװען ווייס און גע־גלאַנצט."

לק. 30:9. „און, זע, דאָרט האָבן גערעדט מיט אים צוויי מענטשן, וועלכע זיינען געווען משה און אליהו."

**פש. די פאַרשיידענקייטן דערציילן נאָר ווי די מינדלעכע טראַדיציע ווערט געמאָלן און באַאַרבעט דורך די נייגונגען פון די אויטאָרס. לוקאַס לייגט צו נייע רייד פון וועלכע מאַרקוס און לוקאַס ווייסן ניט.**

לק. 31:9. „וועלכע האָבן דערשינען אין גלאָריע און גערעדט פון זיין פטירה וועלכע ער דאַרף אויספירן אין ירושלים."

לק. 32:9. „נאָר פעטרוס און זיי וואָס זיינען געווען מיט אים, זיינען גע־ווען אין אַ שווערן שלאָף: און ווען זיי זיינען געוואָרן אויפגעוואַכט, האָבן זיי געזען זיין גלאָריע, און די צוויי מענער וואָס זיינען געשטאַנען מיט אים.

**פש. עס איז ניט נאָר וואָס לוקאַס שרייבט פון זאַכן וואָס מאַרקוס און מאתיא ווייסן ניט, נאָר זיינע צולייגונגען פאַרניכטן יעדן היסטאָרישן ווערט אין זייער אינהאַלט. אויב די דריי תלמידים וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען זיינען שווער געשלאָפן, ווער האָט געהערט וואָס יעזוס האָט גערעדט מיט דיביידע מענער? לוקאַס גייט אָן ווייטער מיט זיינע אָריגינאַלע צולייגונגען:**

לק. 33:9. „עס איז געקומען צו געשען, ווי זיי (די צוויי מענער) זיינען אַוועק פון אים, האָט פעטרוס געזאָגט צו יעזוס, האַר, עס איז גוט פאַר אונדז צו זיין דאָ. לאָז אונדז מאַכן דריי געצעלטן; איינעם פאַר דיר, און איינעם פאַר משהן, און איינעם פאַר אליהו: ניט וויסנדיק וואָס ער האָט געזאָגט."

**פש. לוקאַס אַנדערשקייט מאַכט דאָ פאַרלירן דעם אינהאַלט. ווי באַלד משה און אליהו זיינען שוין אַוועק, איז למען וואָס דאַרף מען האָבן די דריי געצעלטן? אויב פעטרוס האָט ניט געוווּסט וואָס ער רעדט, ווי אַזוי האָט ער געקענט וויסן וואָס יעזוס, משה און אליהו ריידן צווישן זיך?**

מת. 5:17. „און ווייל ער (פעטרוס) האָט נאָך גערעדט, זע, אַ קלאָרער וואָלקן האָט זיי איבערגעשאָטנט: און זע, אַ קול פון אויסן די וואָלקנס, וואָס האָט געזאָגט, דאָס איז מיין באַליבטער זון, אין וועלכן איך בין וווּל געפעלן; איר הערט אים."

מת. 6:17. „און ווען די תלמידים האָבן עס געהערט, זיינען זיי געפאַלן אויף זייערע פנימער, און זיינען געוואָרן מוראדיק צעשראָקן. (7) און יעזוס איז געקומען און האָט זיי אָנגערירט, און געזאָגט, שטייט אויף, און האָט ניט קיין מורא."

מת. 8:17. „און ווען זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, האָבן זיי ניט געזען קיינע מענער, חוץ יעזוסן אַליין."

**פש. לויט מאַרקוס און לוקאַס האָט דער קול געזאָגט נאָר: „דאָס איז מיין באַליבטער זון, הערט אים." און האָבן ניט די ווערטער, „אין וועלכן איך בין ווויל געפעלן," וועלכעס איז אַן אויסצוג פון ישעיה 1:42. „מיין אויסדער־ווויילטער וואָס מיין זעל באַגערט, — בחירי רצתה נפשי."**

מת. 9:17 „און ווי זיי זיינען אַרונטערגעקומען פון דער באַרג, יעזוס האָט זיי אָנגעזאָגט, זאָגענדיק, דערציילט ניט די ווידיע צו קיין מענטשן, ביז דער בן־אדם וועט אויפשטיין ווידער פון טויט."

**פש. מאַרקוס גיט איבער דאָס זעלביקע. לוקאַס שרייבט אַז די תלמידים אַליין, אָן יעזוס אָנזאָגונגען, האָבן געהאַלטן בסוד אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אויפן באַרג, אויך ווידערהאָלט ער יעזוס זאָגן פון זיין טויט און לעבעדיק ווערן.**

לק. 35:9. „און ווען דער קול איז אַוועק, איז יעזוס געפונען געוואָרן אַליין. און זיי האָבן עס געהאַלטן פאַרמאַכט, און האָבן ניט דערציילט צו קיין מענטשן אין יענע טעג פון יענע זאַכן וואָס זיי האָבן געזען."

מת. 10:17. „דאַן האָבן זיינע תלמידים אים געפרעגט, זאָגענדיק, וואָרום דען זאָגן די סופרים אַז אליהו וועט פריער קומען?"

**פש. זינט ווען זיינען די סופרים געוואָרן אויטאָריטעטן ביי די תלמידים און יעזוס, אַז דאָס קומען פון אליהו זאָל זיין באַזירט אויף דער באַשטעטיקונג פון די סופרים? האָבן די תלמידים פאַרגעסן וואָס יעזוס האָט זיי געזאָגט פון אליהו־יוחנן?**

מת. 10:11. „וואָרום דאָס איז ער פון וועמען עס איז געשריבן, זעט, איך שיק מיין מלאך פאַר אייער פנים, וועלכער וועט צוגרייטן דעם וועג פאַר דיר. (13:11) וואָרום אַלע נביאים און די תורה האָבן פראָפעצירט ביז יוחנן, (14:11) און אויב איר ווילט עס באַנעמען, דאָס איז אליהו וועלכער איז פאַר (דעם צוועק) געקומען."

**פש. יעזוס הויפט תלמידים געדיינקען ניט וואָס יעזוס האָט צו זיי געזאָגט מכוח אליהו, אַז יוחנן איז אליהו, און ער איז געקומען אויף דער ערד פאַר דעם צוועק פון צוגרייטן דעם וועג פאַר משיח; אָבער די תלמידים ווייסן נאָר פון דער מסורה פון די סופרים וועגן אליהוס קומען.**

מת. 11:17. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, אליהו וועט באמת פריער קומען, און וועט איינשטעלן אַלע זאַכן. (12) אָבער איך זאָג אייך, אַז אליהו איז שוין געקומען, נאָר זיי האָבן אים ניט געוווּסט, און זיי האָבן געטאָן צו אים וואָס זיי האָט נאָר געפעליקט, גלייכערווייז וועט דער בן אדם אויך ליידן פון זיי."

מת. 13:17. „דאַן האָבן די תלמידים פאַרשטאַנען אַז ער האָט גערעדט צו זיי פון יוחנן דעם טובלער."

**פש. יעזוס רעדט צו דריי תלמידים, דערלאָזן, צו אַלע תלמידים: ווי איז מעגלעך אַז די ווייניקע ווערטער זאָלן זיי ניט קענען געדענקען, אַז יעדער תלמיד זאָל איבערגעבן מיט אַנדערע ווערטער?**

מק. 12:9 „און ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, באמת אליהו קומט צום ערשטנס, און שטעלט איין אַלע זאַכן; און אַזוי ווי עס איז געשריבן וועגן דעם בן אדם, אַז ער מוז ליידן פיל זאַכן, און געמאַכט ווערן צו גאָרניט. (13:9) אָבער איך זאָג אייך, אַז אליהו איז ווירקלעך געקומען, און זיי האָבן געטאָן צו אים וואָס נאָר זיי האָט געפעליקט, אַזוי ווי עס איז געשריבן פון אים."

פש. ווו און אין וועלכן ספר און אין וועלכן אָרט האָט יעזוס געזען געשריבן אַז אליהו הנביא וועט דאַרפן אַראָפּקומען אויף דער ערד און שטאַרבן פון די הענט פון הורדוס־אנטיפּאַס? עס איז ניט ערגעץ פאַראַן די מינדסטע אָנדייטונג, דער קלענסטער רמז אויף אַזאַ סוף פאַר דעם נביא אליהו. טראָגט דען ניט יעזוס די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע רייד? — דער איינציקער ענטפער איז, אַז עס איז ניט יעזוס שולד. נאָר די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס, און די אַוטאָריטעטן פון דער קריסטלעכער קירך האָבן דערנידעריקט יעזוסן צו אַזעלכע זאַגונגען.

אויב די תלמידים געדענקען ניט וואָס יעזוס האָט געזאָגט צו זיי אין קאַפּיטל עלף, אָבער זיכער געדענקט דאָך דאָס יעזוס, האָט ער דאָך זיי געדאַרפט זאָגן אויף זיין שטייגער: איר ווייניק געדענקענדיקע, איך האָב שוין אייך אַמאָל דערקלערט אַז יוחנן איז געווען אליהו, מוז איך צו אייך ווידערהאָלן. ווי עס ווייזט אויס האָבן די אַוטאָרס אויך געמאַכט יעזוסן פאַרגעסן וואָס ער האָט פריער געזאָגט. די פראַגע פון די תלמידים פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם אופן פון מענטשלעכן אָרט דענקען, אויך צו די עמאָציאָנעלע רעגונגען פון דעם מאָמענט, און צום פּסיכאָלאָגישן סדר פון טראַכטונגען. די תלמידים זיינען געווען צעשראָקן אין דער זעלבער צייט גייסטיק דערהויבן פון דער דערקלערונג אַז יעזוס איז משיח און פון אָנגענומענעם פּלאַן צו גיין צוזאַמען מיט זייער משיח קיין ירושלים: פּלוצים הערן זיי פון יעזוסן אַז אין ירושלים וועט מען אים טויטן. נאָך מער איבערראַשענדיקעס, יעזוס דערקלערט זיי דעם גרויסן וווּנדער וואָס וועט געשען צו אים: ער וועט צוריק לעבעדיק ווערן. די תלמידים הערן דאָס אַלץ און ווערן ניט באַווירקט פון דער אָנגעקומענער טראַגעדיע; זייער הויפּט זאָרג אין דער גורלדיקער שעה איז: „וואָרום זאָגן די סופרים..."

ווער זיינען די 'זיי' וואָס האָבן יוחנן ניט דערקענט? מסתמא די יידן. האָבן דען יעזוס תלמידים דערקענט יוחנן? אויב יע, וואָלטן זיי דאָך יעזוסן ניט געפרעגט, און יעזוס האָט דאָך ערשט איצט אַנטפּלעקט צו זיי ווער איז געווען יוחנן. ווידער ווער זיינען געווען די 'זיי' וואָס האָבן געטאָן צו יוחנן וואָס נאָר זיי איז געווען געפעלן? די יידן זיינען געווען אַזוי פיל שולדיק אין יוחננס טויט: אַקוראַט אַזוי פיל וויפיל יעזוס מיט זיינע תלמידים. עס איז געווען דער טאַט פון הורדוס־אַנטיפּאַס.

לויט די עוואַנגעליעס האָט יעזוס געזאָגט אַז יוחנן דער טובלער איז געווען אליהו הנביא. וויבאַלד יעזוס גלויבט אין אליהו הנביא: גלויבט ער

**דאָך אויך אין תנ״ך. דער תנ״ך דערציילט אַז אליהו איז אין אַ פייער וואָגן אַ לעבעדיקער אַרויף אויפן הימל, ער האָט ניט פאַרזוכט דעם טויט. וואָרום זאָל ער איצט אַרונטערגעשיקט ווערן צו שטאַרבן? צוליב וועלכער אורזאַך? מילא, יעזוס שטאַרבט פאַר די זינד, אָבער פאַר וועמען און פאַר וואָס שטאַרבט יוחנן־אליהו? איז זיין קומען געווען צו טובלען יעזוסן, און יעזוס זאָל טאָן תשובה: האָט דאָך יוחנן געזאָגט אַז ער אַליין דאַרף געטובלט ווערן פון יעזוסן. יוחנן איז געקומען צו מאַכן אַלע זאַכן גרייט פאַר דעם משיח יעזוס, אָבער יוחנן האָט דאָך גאָר ניט געהאַט גרייט, און האָט קיינע וועגן אָפּגערייניקט; ער האָט דאָך אַליין ניט געוווּסט ווער יעזוס איז. ער האָט דאָך געשיקט מענטשן צו פרעגן יעזוסן „ווער ער איז.״**

**דערלאָזן, אַז יוחנן איז געקומען צוגרייטן דעם וועג פאַר יעזוסן, איז פאַר וואָס קומט דעם טויזנט יאָר לעבעדיקן אליהון אַראָפּקומען און שטאַרבן דורך דעם קאַפּריז פון אַ יונגער פרינצעסין, און פון צווי ניט וויכטיקע רשעים?**

מת. 14:7. „און ווען זיי זיינען געווען געקומען צום גרויסן עולם, דאָרט איז געקומען צו אים אַ געוויסער מאַן, קניענדיק זיך צו אים, און זאָגנדיק, (15:17) האַר, האָב רחמנות אויף מיר: ער איז אַ לונאַטיקער, און זייער גע־פּלאָגט: וואָרעם צייטנווייז פאַלט ער אין פייער, און אָפט אין וואַסער. (16:17) און איך האָב אים געבראַכט צו דיינע תלמידים, און זיי האָבן אים ניט געקענט היילן. (17:17) דאַן האָט יעזוס געענטפערט און האָט געזאָגט אַ אומגלויביקער און אָפּגעקערטער דור, ווי לאַנג זאָל איך זיין מיט אייך? ווי לאַנג זאָל איך דולדיקן אייך? ברענגט אים אַהער צו מיר.״

מת. 18:17. „און יעזוס האָט אָנגעשריען אויפן טייוול; און ער איז אַרויסגעקומען פון אים: און דאָס קינד איז אויסגעהיילט געוואָרן אין דער זעלביקער שעה.״

**פּש. מאַרקוס און לוקאַס גיבן אויך איבער דעם אינצידענט, אין טיילן ווערטערלעך ענלעך, אָבער אין גאַנצן, ווי געווייגלעך גאַנץ פאַרשידן.**

מת. 19:17. „דענסטמאָל זיינען געקומען די תלמידים צו יעזוסן זעלבסט אַליין, און האָבן געזאָגט, וואָרום האָבן מיר ניט געקענט אים אַרויסטרייבן? (20:17) און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, מחמת אייער גלויבן: וואָרום באמת זאָג איך צו אייך, אויב איר האָט גלויבן ווי אַ קערנדל פון זענעפט־זאָמען, איר וועט זאָגן צו דעם דאָזיקן באַרג, רוק זיך אָפּ פון דאַנען אין אַן אַנדער פּלאַץ; און עס וועט זיך אָוועקרוקן; און גאָר ניט וועט זיין אוממעגלעך פאַר אייך.״

**פּש. דאָס איז איין שטעלונג פון פילע ווו יעזוס זאָגט אַז דורך גלויבן איז אַלץ מעגלעך. דאָס איז אויך זיין ענטפער מכוח דער אָנקומענדיקער מלוכה: דורך גלויבן וועט עס ווערן מעגלעך.**

מת. 21:17. „דאָך די זאַך קומט ניט אַרויס, נאָר דורך תפילה און פאַסטונג.״

מאַרק. 28:8. „די זאַך קען אַרויסקומען, נאָר דורך תפילה און פאַסטונג.״

פּש. דאָס באַשטעטיקט אַז יעזוס האָט געהאַלטן פון פאַסטן אַזויפיל ווי פון תפילה, און אַז מען דאַרף פאַסטן אַפילו ווען דער חתן איז נאָך מיט זיי.

מק. 30:9. „און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען, און געגאַנגען דורך גלילה: און ער וואלט ניט אַז וועלכער מענטש זאָל וויסן.“

פּש. דאָס ווייזט אָן אַז יעזוס האָט געזוכט שטילערהייט אויסבאַהאַלטענדיק דורך גיין דעם גליל ניט באַמערקט ווערן פון הורדוס אַדמיניסטראַציע.

מת. 22:17. „און ווייל זיי האָבן פאַרווײַלט אין גלילה, האָט יעזוס געזאָגט צו זיי, דער בן־אדם וועט ווערן פאַראַטן אין די הענט פון מענטשן: (23) און זיי וועלן אים הרגענען, און דעם דריטן טאָג וועט ער ווידער לעבעדיק ווערן. און זיי זיינען געווען זייער באַקימערט.“

מאַתיא גיט איבער דאָס זעלבע וואָס מאַרקוס שרייבט אין 31:9, נאָר ער וואַרפט אַרויס מאַרקוס זאָץ 32:9: „אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דאָס זאָגונג, און זיי האָבן מורא געהאַט צו פרעגן אים.“ עס איז ניט צו זיין געפעלב־קייט די אומפאַרשטענדיקייט פון די תלמידים: ער פאַרבייט עס מיט די ווערטער, „און זיי זיינען געווען זייער באַקימערט.“

לויט די עוואַנגעליעס האָלט יעזוס אין זאָגן און ווידערזאָגן צו די תלמידים אַז ער וועט פאַראַטן ווערן, און ווערן געטויט, נאָר אויפן דריטן טאָג וועט ער ווערן ווידער לעבעדיק. יעזוס רעדט דייטלעכע און פאַרשטענד־לעכע ווערטער. די תלמידים וויסן און פילן און זיינען באַזאָרגט פון זייער אומזיכערער לאַגע. זיי זיינען געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן גליל און זוכן זיכערקייט אין צור און צידון, און אין די געגענטן פון צעזאַריע־פיליפּי ווו עס האָט געהערשט דער מילדערער זון פון הורדוס דעם ערשטן, פיליפּ. איצט זיינען זיי צוריק אין גליל אויף זייער וועג קיין ירושלים, און זוכן צו זיין שטיל און דורכגיין אומבאַמערקט צו די גרעניצן פון יהודה. זיי פאַרשטייען זייער סכנה, און זיכער אויך פאַרשטייען זיי יעזוס און זיין וואָרנונג פון דער געפאַר וואָס זיי קענען דערוואַרטן אין ירושלים. יעזוס האָט זיי פריער גע־וואָרנט און וואָרנט איצט זיי זאָלן זיין גרייט צו געבן זייערע לעבנס פאַר זיינט וועגן און פאַר דער מלוכהס וועגן, און געוויס האָט ער געגעבן אַן אָנצוהערעניש אויף דער געפאַר פון זיין אייגן לעבן.

יעזוס טויט איז געווען דער שטרויכלונג שטיין ווי פאַר די נאַזאַרינער אַזוי פאַר די דזשענטייל קריסטן פאַר איבער 2000 יאָר. גרויסע צאָלן קריסטן ווי יידישע אַזוי ניט יידישע האָבן ניט געקענט באַנעמען די מעגלעכקייט אַז אַן ערדישע מאַכט זאָל קענען טויטן דעם משיח, קריסטוס, גאָטס זון. פאַולס דאָקטרינע אַז ער איז געשטאָרבן פאַר די מענטשלעכע זינד, אַז מיט זיין טויט האָט ער געראַטעוועט (סייווד) די מענטשהייט, האָבן גרויסע צאָל ניט געקענט פערצעפטירן אָן צווייפל. די וואָס זיינען געווען באַקענט מיט די הייליקע שריפטן האָבן ניט געקענט לויז ווערן פון דער פראַגע: יוחנן און יעזוס האָבן געפריידיקט אַז דורך תשובה פאַרגיט גאָט די זינד, און דורך תשובה איז דער וועג צו דער מלוכה פון הימל; יעזוס האָט פאַרזיכערט

אַז אין זייער לעבן וועלן זיי זוכה זיין צו געניסן פון דער מלוכה. גאָט דער פאָטער איז אַ סולח און מוחל אויף זינד, אַז ער אַליין האָט די מאַכט צו פאַרגעבן דעם מענטשן זיינע זינד, איז וואָרום איז נויטיק געווען צו ברענגען זיין איינציקן זון פאַר אַ קרבן, און פּילאַטוס און די רוימישע סאָלדאַטן דאַרפן זיין די פּריסטער פון קרבן. דאַרום האָט די קריסטלעכע קירך געזוכט צו איבערצייגן די גלויביקע קריסטן אַז דאָס איז פאָרגעקומען דורך גאָטס ווילן, דאָס איז די מיסטעריע פון רעטן די וועלט פון זינד, און קריסטוס איז דער רעטער (סיזוויאָר). יעזוס האָט געוווסט פון פריער אַז ער דאַרף געטויט ווערן און דערנאָך צוריק לעבעדיק ווערן. אויב אַזוי וואָרום האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן אַז ער וועט פאַרראַטן ווערן צו מענטשלעכע הענט. וויבאַלד אַז דאָס איז גאָטס ווילן, און דער טויט איז יעזוס גורל, ער מוז שטאַרבן, מאַכט דאָך ניט אויס, אויב ער וועט שטאַרבן דורך פאַרראַט אָדער ניט פון פאַרראַט, ער מוז דאָך „אויסטרינקען דעם בעכער.“ די עוואַנגעליע אַוטאָרס גיבן איבער ווידער און ווידער ווי יעזוס האָט געהאַלטן דערציילן צו די תלמידים ווי זיין טויט דערוואַרט אים אין ירושלים, ווו ער וועט צוריק לע־בעדיק ווערן.

1) דזש. ע. קאַרפּענטער ברענגט: „מחמת מיר האָבן דאָ די אַפּאָלאָגיע פון דער קירך איבער משיח׳ס טויט.“

דער שטרויכלונגס שטיין פון אַ געקרייציקטן משיח האָט געקענט אָפּ־געראַמט ווערן, ווען עס קען ווערן באַוויזן אַז ער אַליין זעלבסט האָט פאַר־אויסגעזאָגט זיין סוף מיט דער באַשטעטיקונג פון דער נבואה.

מת. 24:17. „און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין כפר נחום, זיי וואָס דער־האַלטן שטייער־געלט זיינען געקומען צו פּעטרוס, און געזאָגט, טוט ניט אייער מאַסטער צאָלן שטייער?

מת. 25:17. „ער האָט געזאָגט, יע. און ווען ער איז געקומען אין הויז, האָט יעזוס פאַרשפּאַרט אים (זאָגן), זאָגענדיק, וואָס דענקסטו, שמעון? פון וועמען טוען די מלכים פון דער ערד נעמען שטייער אָדער צינזן, פון זייערע אייגענע קינדער אָדער פון פרעמדע?“

עס ווערט אָנגענומען אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן פון שקלים־צאָלונג. נאָר עס איז ניט. די שקלים־געלט גייט פאַרן טעמפּל און ניט פאַר די קיניגער. פּעטרוס זאָגט אַז פרעמדע דאַרפן צאָלן, ער האָט געמיינט אַז נאָך דעם רוי־מישן געזעץ דאַרפן צאָלן דעם טריבוט פרעמדע און ניט קיין רוימער. עס איז גיכער געווען די צאָלונג פון אַ קאַפּיטאַל־טעקס צו די רוימער. די קומענדיקע דערציילונג פון טריבוט און די פיש איז נאָר רעקאָרדעט ביי מאַתיא אַליין, עס געפינט זיך ניט אין די אַנדערע עוואַנגעליעס. עס איז געווען נאָך צו־פרי עס זאָל זיין אַ מוז צו באַצאָלן גלייך די שקלים־געלט. דערהויפּט די וואָס גייען קיין ירושלים קענען באַצאָלן דאָרט.

1) J. Estelin Carpenter, The First Three Gospels, London, 1890, p. 382 or after.

מת. 26:17. „פעטרוס האָט געזאָגט צו אים פון פרעמדע. יעזוס האָט געזאָגט צו אים, דאַן זיינען די קינדער פריי.״

מת. 27:17. „פון דעסטוועגן, טאָמער וועלן מיר זיי שטרויכלען, גיי צו צום ים, און פאַרוואַרף די ווענדקע, און נעם די פיש וואָס וועט צום ערשטן אַרויפקומען; און ווען דו וועסט עפענען זיין מויל, וועסטו געפינען אַ געלט־שטיק; נעם דאָס און גיב צו זיי פאַר מיר און פאַר דיר.״

## קאַפּיטל 18

### ווער וועט זיין גרעסער אין דער מלכה.

מת. 1:18. „אין דער זעלבער צייט זיינען געקומען די תלמידים צו יעזוסן, זאָגענדיק, ווער איז דער גרעסטער אין דער מלוכה פון הימל?״

פש. **דאָס קומענדיקע איז די ווערסיע פון מאַרקוס:**

מק. 33:9. „און ער איז געקומען אין כפר־נחום: און זייענדיק אין הויז האָט ער זיי געפרעגט, וואָס איז עס געווען וואָס איר האָט דיספּוטירט צווישן זיך זייענדיק אין וועג? (34:9) אָבער זיי האָבן געהאַלטן זייער פרידן: וואָרעם אויפן וועג האָבן זיי דיספּוטירט צווישן זיך, ווער זאָל זיין דער גרעסטער.״

פש. **מאתיא גיט אָן די צייט ווען פעטרוס האָט געכאַפּט יענע פיש וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ מטבעה, און דער אָרט איז געווען כפר נחום. אויך לויט מאַרקוס איז דאָס פאַרגעקומען ווייל זייענדיק אין כפר־נחום. לויט לוקאַס איז דאָס געשען ווען יעזוס האָט אויסגעהיילט און אַרויסגעטריבן דעם טייוול פון דעם מאַנס זון, ווען די תלמידים האָבן ניט געקענט אויסהיילן. און ווען אַלע זיינען געווען נתפעל פון דער מאַכט פון גאָט האָט דאַן יעזוס געזאָגט צו די תלמידים:**

לק. 44:9. „זאָלן די זאָגונגען אַרונטער זינקען אין אייערע אויערן: וואָרום דער בן אדם וועט אויסגעליפערט ווערן אין די הענט פון מענטשן.״

לק. 45:9. „נאָר זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די זאָגונג, און עס איז גע־ווען פאַרהילט פון זיי אַז זיי זאָלן עס ניט באַנעמען, און זיי האָבן מורא געהאַט צו פרעגן אים פון דער זאָגונג. (46) דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערדרייד צווישן זיי, וועלכער פון זיי וועט זיין דער גרעסטער. (47) און יעזוס, באַגרייפענדיק די טראַכטונג פון זייער האַרץ, האָט גענומען אַ קינד און האָט אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך.״

פש. **לוקאַס שרייבונג דערהאַלט אין זיך פיל אומקלאַרקייטן. מאתיא שרייבט אין פאַריקן קאַפּיטל אַז ווען די תלמידים האָבן עס געהערט זיינען זיי געוואָרן זייער באַטריבט. פאַרשטייט זיך, אַז די תלמידים האָבן געהערט און פאַרשטאַנען און זיינען געוואָרן פאַרזאָרגט פון זיינע ווערטער. מאַרקוס זאָגט אַז זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען און מורא געהאַט צו פרעגן. לוקאַס זאָגט אַז חוץ וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען נאָר עס איז געמאַכט געוואָרן אַז יעזוס**

ווערטער זאָלן זיך פאַרבאָרגן פון זיי. יעזוס האָט ניט געוואָלט פאַרהוילן זיינע ווערטער פון זיי; ער האָט דאָך געזאָגט, „זאָלן מיינע ווערטער אַריינ־זינקען אין אייערע אויערן.״ ׳יעזוס האָט באַגריפן זייערע טראַכטונגען,׳ ווארום האָט ער געוווּסט נאָר פון די טראַכטונגען וועֶר וועט זיין גרעסער. און האָט ניט געוווּסט אַז זיינע ווערטער זיינען ניט נאָר ניט אַריין אין זייערע אויערן, אַפילו ניט געקענט באַנעמען וואָס ער רעדט, און מורא געהאַט צו פרעגן.

איך קען זיין זיכער אַז יעזוס האָט באַשטימט זיינע תלמידים, האָט ער ניט אויסדערוויילט אַ גרופּע פון שוטים: זיי האָבן פאַרשטאַנען און גע־גלויבט אין יעזוסן, וואָס זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין האָבן זיי אָן מורא געפרעגט ביי אים. נאָר זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין און פרעגן אויף רייד וואָס ער האָט ניט גערעדט.

די תלמידים האָבן גוט געוווּסט אַז זייער אונטערנעמונג טראָגט אין זיך געפאַר, זיי האָבן עס געפילט מיט זייער גאַנצן פאַרשטאַנד. זייער לעצטער נע־ונד, זייער אויסבאַהאַלטן זיך פון לאַנד צו לאַנד, און איצטיקע אונטער־נעמונג פון דעם גיין קיין ירושלים; האָבן זיי מער געוווּסט און מער פאַר־שטאַנען, מער באַקענט מיט זייערע פּלענער און מער געווען פול מיט מוסר נפש ווי די אַוואַרס פון די עוואַנגעליעס. פאַר זיי איז די מלוכה געווען די ווירקלעכקייט פון זייער לעבן און פון זייערע אַספּיראַציעס. זיי האָבן געגלויבט אַז זייער אונטערנעמונג וועט געקריינט ווערן מיט דערפאָלג. זיי זיינען געווען באַווירקט מיט יעזוס גלויבן, אַז גלויבן קען מאַכן באַוועגן בערג. ווען זיי האָבן דיספּוטירט און אויסגעאַרבעט די פּלענער פאַר דער אָנקומענדיקער מלוכה, פאַרשטענדלעך אַז עס איז געקומען צו אַ חילוקי־דעות ווער זאָל פאַרנעמען די העכסטע פּאָזיציעס אין דער מלוכה.

יעזוס האָט געוווּסט די מענטשלעכע נאַטור פאַר אַמביציע, האָט ער געזוכט צו אָפּשוואַכן זייער גייציג פאַר דערקענונג. ער האָט געוואָלט שטאַרקן אין זיי דעם געפיל פון עניוות; האָט ער זיי געבראַכט דעם ביישפּיל פון קינדער. אין דער שפּעטערדיקער צייט האָט מען די מינדלעכע טראַדיציע, און אַנדערע מינדלעכע איבערגעבונגען געפורעמט אין גייסט פון דער אַנט־וויקלטער קריסטלעכער טעאָלאָגיע.

מת. 2:18. „און האָט צוגערופן אַ קליינעם קינד, און האָט אים אַוועק־געזעצט אין מיטן צווישן זיי, (3) און האָט געזאָגט, באמת זאָג איך אייך, סיידן איר וועט ווערן באַקערט, און ווערן ווי קליינע קינדער, וועט איר ניט אַריינ־קומען אין דער מלוכה פון הימל. (4) דערפאַר דער וואָס וועט זיך דערנידעריקן אַזוי ווי דאָס קליין קינד, דער זעלביקער איז דער גרעסטער און דער מלוכה פון הימל. און דער וואָס וועט אויפנעמען איינעם אַזעלכן קליינעם קינד אין מיין נאָמען נעמט אויף מיך.״

פּש. די מיינונג פון דאָס געזאָגטע איז, אויב זיי וועלן באַנעמען די פּשוט־קייט און די ניט יאָגעניש נאָך גרויסקייט פון דעם קינד, דאַן וועלן זיי זיין מסוגל צו באַנעמען די אַספּיראַציעס פון יעזוס.

מת. 6:18. „אָבער דער וואָס וועט שטרויכלען איינעם פון די קליינע קינדער וועלכע גלויבן אין מיר, וואָלט געווען בעסער פאַר אים אַז אַ מילשטיין זאָל היינגען אַרום זיין האַלדז, און ער זאָל דערטרונקען ווערן אין דער טיפעניש פון ים.״

**פש. מען קען ניט זאָגן אויף אַ קליין קינד, אַז ער גלויבט אָדער גלויבט ניט אין מיר. דאָס איז נאָר אַ צוגלייכונג משל, אַז דער נאָכפאָלגער וואָס איז ריין פון גאוה און זעלבסט שטרעבונגען איז געגליכן צו דער אומשולדיקייט פון דעם קינד; אָבער ווען ער ווערט געשטרויכלט ווערן פון גרויסקייט־באַגער: דאַן איז בעסער פאַר אים פולשטענדיקער אומקום.**

מת. 7:18. „ווי צו דער וועלט מחמת די שטרויכלונגען! ווארעם עס מוז נייטיק זיין אַז שטרויכלונגען זאָלן קומען; אָבער ווי צו יענעם מאַן דורך וועמען די שטרויכלונג קומט. (8:18) דעריבער אויב דיין האַנט אָדער דיין פוס שטרויכלט דיך, האַק זי אָפּ, און וואַרף אַוועק פון דיר: עס איז בעסער פאַר דיר צו אַריין קומען אין לעבן הינקענדיק אָדער פאַרקריפּלט, איידער האָבנדיק צוויי הענט אָדער צוויי פיס צו ווערן אַריינגעוואָרפן אין אייביק דויערנדיקן פייער. (9) און אויב דיין אויג שטרויכלט דיך, רייס עס אויס, און וואַרף עס פון דיר: עס איז בעסער פאַר דיר צו אַריינקומען אין לעבן מיט איין אויג, איידער האָבענדיק צוויי אויגן צו ווערן אַריינגעוואָרפן אין גיהנום פייער.״

**פש. דאָס איז אַ ווידערהאָלונג פון דער דרשה, געבראַכט געוואָרן אין 29:5, 30. מאַרקוס כמעט דאָס זעלביקע אין מאַרקוס 45,34:9.**

מת. 10:18. „נעמט אין אַכט אַז איר זאָלט ניט פאַראַכטן איינעם פון די קליינע קינדער; ווארעם איך זאָג אייך, אַז אין הימל זייערע מלאכים שטענדיק זעען דעם פנים פון מיין פאָטער וועלכער איז אין הימל.״

**פש. יעזוס וואָלט דאָך ניט געדאַרפט אָנזאָגן זיינע תלמידים אַז זיי זאָלן ניט פאַראַכטן קליינע קינדער. די תלמידים זיינען ניט געווען די מענטשן וואָס האָבן זיך געניטיקט אין אַזאַ אָנזאָג. יעזוס האָט דאָ געמיינט די נאָכפאָלגער וואָס זיינען עניוותדיק, האַלטן זיך נידעריק, יאָגן זיך ניט נאָך כבוד, און זיינען איבערגעגעבן מיט דעם גאַנצן האַרצן ווי קליינע קינדער.**

מת. 11:18. „ווארעם דער בן אדם איז געקומען צו ראַטעווען דאָס וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען. (12:18) ווי דענקט איר? אויב אַ מאַן האָט אַ הונדערט שעפּסן, און איינע פון זיי פאַרלירט זיך, לאָזט ער דען ניט די נייען און ניינציק, און גייט אין די בערג און זוכט די וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען? (13) און ווען עס טרעפט זיך און ער געפינט עס, באמת זאָג איך אייך, ער פרייט זיך מער מיט דער שעפּס, ווי מיט די נייען און ניינציק וועלכע זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. (14) אַזוי עס איז ניט דער ווילן פון אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל, אַז איינס פון די קליינע קינדער זאָל פאַרשווינדן.״

**פש. יעזוס דערקלערט אַז זאָל זיך טייער צו זיי יעדער איינער פון דער נאָכפאָלגערשאַפט, אַפילו די פשוטסטע און די ניט וויכטיקע.**

מת. 15:18. „נאָך מער אויב דיין ברודער וועט זינדיקן קעגן דיר, גיי און זאָג אים זיין שולד צווישן דיר און אים אַליין; אויב ער וועט דיך הערן, האָסטו געווּנען דיין ברודער. (16) אָבער אויב ער וועט ניט הערן דיך, דאַן נעם מיט זיך איינעם אָדער צוויי מער, אַז אין דעם מויל פון צוויי אָדער דריי עדות איטלעכעס וואָרט זאָל ווערן באַשטעטיקט. (17) און אויב ער וועט פאַר־נאַכלעסיקן צו הערן זיי: דערצייל דאָס צו דער קירך: אָבער אויב ער וועט פאַרנאַכלעסיקן צו הערן די קירך, זאָל ער צו דיר ווערן ווי אַ היידן־מאַן און אַ מוכסין (שטייער זאַמלער).״

**פש. לויט די עוואַנגעליעס האָט יעזוס און זיינע תלמידים געהאַט נאָר איין מיסיע וואָס איז באַשטאַנען אין דער פריידיקונג פון דער מלוכה פון גאָט, און אין היילן קראַנקע. די צייט פון זיין פריידיקונג איז נאָענט צו איין יאָר. יעזוס און זיינע תלמידים אין משך פון דעם יאָר האָבן געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן. די אווטאָרס האָבן גאָרניט דערציילט אַז יעזוס האָט ערגעץ איינגעשטעלט וועלכע עס איז קירך אָדער קאָנגרעגאַציע, און דאָ רעדט יעזוס פון אַ קירך פון זיינע נאָכפאָלגער ווי אַן עסטאַבלירטע אינסטיטוציע. עס קען נאָר דערקלערט ווערן וואָס דער אַווטאָר האָט געשריבן פון זיין צייט ווען עס האָבן עקזיסטירט גוט אָרגאַניזירטע קירכלעכע אינסטיטוציעס, און האָט פאַרגעסן אויף דער צייט פון יעזוס ווען ער האָט געפירט אַ פּערזענלעכע פריידיקונג, עס איז ניט געווען אפילו אַן אָנהייב פון אַ קריסטלעכן גלויבן, און נאָר די תלמידים אַליין האָבן זיך ערשט ניט לאַנג דערוווּסט אַז ער איז משיח. אויך יעזוס האָט געקענט זאָגן, ׳ער זאָל זיין ווי אַ היידן׳ אָבער ניט ׳ווי אַ מסכסן׳: ער האָט דאָך די שטייער זאַמלערס (פּובליקענס) דערנעענט. דער אַווטאָר פון דער ערשטער עוואַנגעליע, לויט דער טראַדיציע פון דער קריסט־לעכער קירך, איז געווען דער ׳פּובליקען׳ מאַתיא, ווייסט ער דאָך אַליין אַז יעזוס האָט אים געמאַכט פאַר זיין תלמיד און אַפּאָסטל, אויך זאַכעוס אַ הויפּט צווישן די פּובליקענס איז אויך דערנעענט געוואָרן, און יעזוס האָט פאַר־בראַכט אין זיין הויז, דערקלערענדיק, אַז ער איז אויך אַ זון פון אברהם. ער האָט אָפט מאָל געגעסן צוזאַמען מיט די מוכסים. אויב יעזוס איצט גלייכט זיי צו די היידענס, דאַן זיינען דאָך געווען גערעכט די פּרושים, ווען זיי האָבן אים געפּרעגט וואָרום ער האַלט קאָמפּאַניע און עסט צוזאַמען מיט די מוכסים.**

**די אויבן געבראַכטע זאַצן זיינען אַן אינטערפּאָלאַציע פון אַ שפּעטער־דיקער צייט. עס מערקט זיך די זעלבע האַנט וואָס האָט אַריינגעשריבן אין קאַפּיטל 16 די זאַצן 17, 18 און 19.**

מת. 18:18. „באמת זאָג איך צו אייך, וואָס איר וועט בינדן אויף דער ערד וועט זיין געבונדן אין הימל; און וואָס איר וועט לויז מאַכן אויף דער ערד וועט ווערן לויז אין הימל.״

**פש. אין קאַפּ. 16, זאַץ 19, האָט יעזוס געגעבן די מאַכט נאָר צום תלמיד פּעטרוס, איצט גיט יעזוס די זעלבע מאַכט צו אַלע תלמידים.**

מת. 19:18. „ווידער זאָג איך צו אייך אַז אויב צוויין פון אייך וועלן

איינשטימען אויף דער ערד אין באַצוג צו יעדער זאַך וואָס זיי וועלן בעטן, וועט עס געטאָן ווערן פאַר זיי פון מיין פאָטער אין הימל. (20) וואָרעם וווּ צוויי אָדער דריי זיינען פאַרזאַמלט צוזאַמען אין מיין נאָמען דאָרטן בין איך אין מיטן פון זיי."

**פש. דאָס איז דאָך אַן אָפענע אויסגעשפּראָכענע קאָנטראַדיקציע צו דאָס וואָס יעזוס האָט פריער געלערנט. אין קאַפּיטל 5, זאַץ 5, זאָגט יעזוס אין זיין דרשה אויפן באַרג: „איר זאָלט ניט זיין ווי יענע היפּאָקריטן וועלכע בעטן גאָט שטייענדיק אין די סינאַגאָגעס..." (6) אָבער דו ווען דו בעטסט, גיי אַריין אין דיין קאַמער, און ווען האָסט פאַרמאַכט דיין טיר, בעט צו דיין פאָטער וועלכער איז אין פאַרבאָרגעניש, ער זעט אין דער פאַרבאָרגעניש..." איצט זאָגט יעזוס אַז גאָט זאָל אָננעמען דיין געבעט, מוסטו האָבן מיט זיך נאָך איינעם אָדער מער. איינשליסן זיך אין קאַמער גילטיקט ניט מער, דאַרפסט אַרויס און זוכן שותפים צו גאָט בעטן: טוען דאָך אַזוי יענע היפּאָקריטן. דער אַוטאָר פון דער עוואַנגעליע, אָדער דער אינטערפּאָלאַטאָר, ווי מען קען זיך פאַרשטעלן, איז באַווירקט געוואָרן פון דער יידישער לערנונג: אבות 3:3. „צוויי וואָס זיצן ביינאַנד און ברייננגען אַריין ווערטער פון דער תורה, רוט די שכינה צווישן זיי."**

מת. 21:18. „דאַן איז געקומען פּעטרוס צו אים, און געזאָגט, האַר, ווי אָפט זאָל מיין ברודער זינדיקן קעגן מיר, און איך זאָל אים פאַרגעבן? ביז זיבן מאָל? (22) יעזוס האָט געזאָגט צו אים ,איך זאָג ניט צו דיר ביז זיבן מאָל: נאָר ביז זיבעציק מאָל זיבן."

**דאָס האָט נאָר מאתיא אַליין. יעזוס אילוסטרירט די זאָגונג דורך אַ משל:**

מת 23:18. „דערפאַר איז די מלוכה פון הימל געגליכן צו אַ געוויסן קיניג וועלכער האָט גענומען רעכענונג פון זיינע דינער. (24) און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעכענען, איינער איז געבראַכט געוואָרן צו אים, וועלכער איז אים שולדיק געווען צען טויזנט טאַלאַנטן. (25) אָבער פאַר אַזויפיל וואָס ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן, זיין האַר האָט באַפעלן אים צו פאַרקויפן, און זיין ווייב און קינדער, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און דאָס געצאָלט זאָל געמאַכט ווערן. (26) דער דינער דערפאַר איז געפאַלן אויף דער ערד און געבוקט זיך צו אים, זאָגענדיק, האַר, האָב געדולד מיט מיר, און איך וועל דיר אַלץ באַצאָלן. (27) דאַן דער האַר פון יענעם דינער איז געוואָרן באַוועגט מיט רחמנות, און לויז געלאָזן, און האָט אים פאַרגעבן זיין חוב. (28) אָבער דער זעלבער דינער איז אַרויסגעגאַנגען און געפונען איינעם פון זיינע מיט־שקלאַפן וועלכער איז אים שולדיק געווען הונדערט פענס: און ער האָט געלייגט זיינע הענט אויף אים, און האָט אים אָנגענומען ביי זיין האַלדז, זאָגענדיק, באַצאָל מיר וואָס דו ביסט מיר שולדיק. (29) און זיין מיט־דינער איז געפאַלן צו זיינע פיס, און געבעטן אים, זאָגענדיק, האָב געדולד מיט מיר און איך וועל דיר אַלץ באַצאָלן. (30) און ער האָט ניט געוואָלט: נאָר איז געגאַנגען

און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, ביז ער וועט באַצאָלן אים דעם חוב. (31) און ווען זיינע מיט־דינערס האָבן געזען וואָס איז געטאָן געוואָרן, זיינען זיי געווען זייער באַטריבט, און זיינען געקומען צו זייער האַר און דערציילט אים אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען. (32) דאַן זיין האַר, נאָך דעם ווי ער האָט אים גערופן, האָט געזאָגט צו אים, אָ דו פאַרדאָרבענער דינער, איך האָב דיר פאַרגעבן דעם גאַנצן חוב מחמת דו האָסט מיך געבעטן. (33) האָסטו דען אויך ניט געדאַרפט האָבן רחמנות אויף דיין חבר־דינער, אַזוי ווי איך האָב געהאַט רחמנות אויף דיר? (34) און זיין האַר איז געוואָרן אין כעס, און איבערגעגעבן אים צו די פייניקער, ביז ער וועט באַצאָלן אַלץ וואָס עס האָט געקומט אים."

מת. 35:18. „אַזוי גליך וועט מיין הימלישער פאָטער אַזוי טאָן צו אייך, אויב איר פון אייער האַרץ וועלן ניט פאַרגעבן יעדער איינער זיין ברודערס עבירות."

**פש. די מאָראַל איז אין דער מלוכה וועט גאָט שטאַרק באַשטראָפן די אַלע וועלכע וועלן ניט טראָגן אין זייער האַרץ פאַרגעבונג צו זייער ברודער.**

## קאַפּיטל 19.

מת. 1:19. „און עס איז געקומען צו פאַסירן, אַז ווען יעזוס האָט גע־ענדיקט די דאָזיקע זאָגונגען, איז ער אַוועק פון גליל, און איז געקומען אין די געגנטן פון יהודה הינטער דעם ירדן."

**פש. עס ווערן אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע סברות ווי צו דערקלערן דעם דאָזיקן זאַץ. יעזוס גייענדיק פון גליל, ווי קומט ער צום עבר הירדן? און אויך דער געביט פון 'הינטער דעם ירדן' האָט ניט באַלאַנגט צו יהודה.**

מת. 2:19. „און אויך אַ גרויסער עולם האָט אים נאָכגעפאָלגט; און ער האָט דאָרט זיי געהיילט."

**פש. ווו יעזוס גייט, גייען נאָך אים גרויסע מחנות פון מענטשן. אַפילו אויף זיין מאַרשרוט איבער יענעם זייט ירדן פאַרלאָזן זיי אים אויך ניט. מילא, יעזוס און זיינע תלמידים, און זיינע נאָענטע פאַרערער און נאָכפאָלגער האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט קיינע באַשעפטיקונגען: זיי האָבן געהאַט זייער צוועק און מיסיע אין דער גרייטונג און אויפשטעלונג פון דער מלוכה. זיי האָבן געלעבט אין אַ קאָמונאַלער קערפּערשאַפט, די פרויען האָבן זיך פאַרנומען מיט דער בעלי־הביתשקייט און גרייטן דעם עסן. לוקאַס גיט איבער אַז רייכע פרויען פלעגן געבן געלד־געשאַנקען פאַר יעזוס אָרגאַניזאַציע. אָבער פון וואַנען האָבן זיך געקענט נעמען אַזעלכע גרויסע מחנות מענטשן וועלכע האָבן אויפגעגעבן אַלע זייערע מיטלען פון דערנערונג, אַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פאַר זייערע היימען, און משפחות: נאָר פאַר דעם איינציקן צוועק צו מיטגיין מיט יעזוס אין אַלע זיינע וואַנדערונגען.**

מת. 3:19. „די פרושים זיינען אויך געקומען צו אים, פרוּוונדיק אים,

און זאָגענדיק צו אים, איז עס געזעצלעך פאַר אַ מאַן צו אָפּגטן זיין ווייב פאַר יעדער אורזאַך?״

**פּש. איך האָב שוין פריער באַמערקט אַז קיינער האָט ניט געקענט ריידן אין נאָמען פון די פּרושים, סיידן ער טראָגט אַוטאָריטעט פון דער אָפיציאַלער פּרושימישער פאַרשטייערשאַפט: אַלע אַנדערע קענען ריידן זייערע אייגענע מיינונגען אָן אונטערשייד מיט וועלכע ריכטונגען און איינשטעלונגען זיינען זייערע סימפּאַטיעס.**

די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס שטרייַנגען אָן זייער גאַנצן פלייס צו אויסטיילן די פּרושים פון די יידישע מאַסן: אַז זיי זיינען אַ פאַלשע, בייזע, מאָרד־לוסטיקע גרופּע וואָס זייערע איינציקע זאָרגן און שטרעבונגען זיינען צו אַריינכאַפּן יעזוסן אין אַ וואָרט, כדי צו קענען אים באַשולדיקן. עס מיינט אַז זיי צילן צו פּראָוואָצירן יעזוסן ער זאָל אַרויסריידן אַזעלכע ווערטער וואָס זאָלן דינען אַלץ עדות און באַוויז אויף כפירה פאַר דעם יידישן בית דין.

יעזוס אַן אָנפירער פון אַ גאַליליער גרופּע וואָס איז עולה קיין ירושלים אויף פּסח, דורך דעם ראַיאָן פון הינטער דעם ירדן, דאָרט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן פון אַ גרופּע פּרושים אַז יעזוס זאָל פּסקענען אויב דער דין פון דער תורה וועגן אַ גט איז געזעצלעך, אָדער עס דאַרף געאַסרט ווערן. עס איז אַזאַ שטות און אַבסורד אַז עס איז אונטער דער ווערט פון קאָמענטאַציע. אַ פּרוש גלויבט אין יעדן וואָרט און יעדן געבאָט פון דער תורה, ער גלויבט אַז עס איז דאָס וואָרט פון גאָט, און די געבאָט זיינען געגעבן געוואָרן פון גאָט צו משהן און צו די יידן אויף דער באַרג סיני. צווייפלען אין דער געזעצלעכקייט פון די געבאָט פון דער תורה איז כפירה און לעסטערונג: קיין פּרוש וואָלט זיך ניט דערלויבן צו טאָן אַזאַ זאַך. צו אויסטייטשן אַ געזעץ פון דער תורה האָבן אַ רעכט נאָר די פאַרשטייער פון דער אַקאַדעמיע פון די געלערנטע, און אויך דער סנהדרין. אויב זיי וואָלטן באמת אים געשטעלט די פראַגע, וואָלט זיי יעזוס געענטפערט אַז ער באַזיצט ניט דעם אַוטאָריטעט צו פּסקענען געזעצן פון דער תורה: דענסטמאָל וואָלט צעפאַלן געוואָרן זייער גאַנצער פּלאַן פון זייער פּראָוואָצירונג.

וועלכן ענטפער יעזוס וואָלט געגעבן צו די פּרושים אַ פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון וואָלט אין זיך ניט דערהאַלטן קיין שולד, די שולדיקע וואָלטן געבליבן די פּרושים. ערשטנס, ניט נאָר אַ פּרוש נאָר יעדער ייד טאָר ניט צווייפלען אין דער געזעצלעכקייט פון די דינים פון דר תורה; צווייטנס, האָבן זיי בפרהסיא פאַר אַן עולם אַרויסגעזאָגט זייער צווייפל אין די געבאָט פון דער תורה; דריטנס, האָבן זיי ניט קיין רעכט צו פרעגן אַן אַנטשיידונג פון אַ מאַן וואָס פאַרמאָגט ניט די געהעריקע געזעצלעכע אַוטאָריטעט.

**אחרי ככלות הכול האָט יעזוס געגעבן אַ שטאַרקן נעגאַטיוון ענטפער: און צו אים איז דאָס מינדסטע שלעכטס ניט געטאָן געוואָרן.**

מת. 4:19. „און ער האָט זיי געענטפערט און געזאָגט צו זיי, האָט איר ניט געלייענט, אַז ער וואָס האָט זיי געמאַכט אין דעם אָנהויב האָט ער זיי

געמאַכט זכר און נקבה, (5:19) און האָט געזאָגט, פאַר דער דאָזיקער אורזאַך זאָל אַ מאַן פאַרלאָזן זיין פאָטער און מוטער, און וועט זיך באַהעפטן מיט זיין ווייב, און זיי ביידע וועלן זיין איין לייב? (6) דערפאַר זיינען זיי ניט מער צוויי, נאָר איין לייב. דערפאַר וואָס גאָט האָט פאַרבונדן צוזאַמען, זאָל קיין מאַן אָפּבאַזונדערן.״

**פש. יעזוס ענטפער איז ניט געווען פון אַ פריידיקער, אָדער פון אַ משיח וועלכער האָט אָפּגעטאָן די אַלטע תורה און ברייגנט אַ נייע תורה. ער איז באַהעפט מיט די געבאָט פון דער אַלטער תורה מיט זיין פלייש, גייסט און גאַנצן כוח. ער איז גרייט צו אָפּפערן מענטשלעכן פאַמיליען־גליק, גרייט צו דולדיקן אומדערטרעגלעכן צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב, אויך צו־שטימען צו אַ צוזאַמענלעבן פון ליידן און פיינדשאַפט: מחמת עס איז גע־שריבן געוואָרן „והיו לבשר אחד״. יעזוס אויסטייטשונג פון דער תורה איז פיל האַרבער און שווערער פון די אויסטייטשונגען פון די פרושים און אַפילו פון די צדוקים.**

מת. 7:19. „און זיי (פרושים) זאָגן צו אים, וואָרום האָט משה געבאָטן צו געבן אַ ספר־כריתות און אָפּגטן איר? (8) און ער האָט געזאָגט צו זיי, מחמת דער האַרטקייט פון אייערע הערצער האָט משה אייך דערלויבט צו שיידן אייערע ווייבער: אָבער פון דעם אָנפאַנג איז ניט געווען אַזוי.״

**פש. דאָס קומענדיקע באַצייכנט וואָס עס איז געשריבן וועגן גט אין דער תורה:**

**דברים 1:14. „אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ ווייב און איר באַמאַנען, איז אויב זי וועט געפינען אַן אומחן אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט אויסגעפונען אין איר אַ מיאוסע זאַך, און ער וועט איר שרייבן אַ גט, און געבן אין איר האַנט, און וועט זי אַוועקשיקן פון זיין הויז.״**

**דאָ איז ניט געשריבן געוואָרן אַ געזעץ פון אַ גט, עס ווערט געזאָגט פון אַ פאַל: ווען אַ מאַן גט זיין פרוי, און זי האָט חתונה מיט אַ צווייטן מאַן, און דער צווייטער מאַן גט איר אויך אָפּ, אָדער ער שטאַרבט, איז דער דין: אַז דער ערשטער מאַן טאָר איר ניט נעמען צוריק פאַר אַ ווייב.**

**דאָ ווערט ניט געגעבן קיין געזעץ פון גט. דאָ ווערט געזאָגט פון אַן אַלטן טראַדיציאָנאַלן געזעץ פון גטן זיך, וועלכן משה באַשטעטיקט: דאָס הויפּט וואָס דאָ דער געזעץ באַטראַכט איז דאָס ניט נעמען איר צוריק פאַר אַ ווייב.**

מת. 9:19. „און איך זאָג אייך, דער יעניקער וואָס וועט אָפּגטן זיין ווייב, סיידן פאַר זנות, און זאָל הייראַטן אַן אַנדערע, באַגייט ער זנות, און דער יעניקער וואָס הייראַט איר וועלכע איז געגט באַגייט זנות.״

**פש. מאתיא ברייגנט דאָס זעלבע וועגן גט אין דער דרשה 31:5, דאָרט רעדט יעזוס צו די תלמידים, און דאָרט זיינען ניטאָ קיינע פרושים צו פראָ־וואָצירן אים. מאַרקוס אין 11:10, גיט איבער דאָס זעלבע און אויך אַז די פרושים האָבן אים געפרעגט צו פרווון אים. לוקאַס אין 18:16 מאַכט ניט**

קיין הויפט ענין פון פרושים, און ברייננגט ניט קיינע אויסצוגן פון דער תורה. ער ברייננגט עס ווי א זאגונג פון א גאנצער רייע זאגונגען.

יעזוס האט די זעלבע שטעלונג צו גט ווי שמאי וועלכער איז גע־שטארבן פאר יעזוס געבורט. ער איז געווען א מחמיר, ער האט אויסגע־טייטשט די געבאט פון דער תורה, צו מאכן עס שווערער. הלל וואס איז געווען איינצייטיק מיט שמאי האט גראד געזוכט די געזעצן צו מאכן גרינ־גער. עס איז אנגעגאנגען א שטענדיקער שטרייט צווישן זיי ביידן, און נאך פון זייערע נאכפאלגער אין דער אינטערפרעטאציע פון דער תורה. די געזעץ געבער אין דער שפעטערדיקער עפאכע האבן אנגענומען א כלל: דארט ווו עס קומט פאר א מיינונגס פארשידענקייט, א דיספוט וועגן די געזעצן פון דער תורה צווישן שמאי און הלל — בלייבט דער געזעץ לויט די אנטשיידונג פון הלל. ווי עס פאלגט האבן זיך ארויסגעזאגט שמאי און ב״ש (די שולע פון שמאי) אין ענין פון גט.

משנה גטין 10:9. „א מענטש קען ניט אפגטן זיין ווייב, סיידן ער געפינט אין איר א פאקט פון ניט ערליכער אויפפירונג. — לא יגרש אדם את אשתו, אלא אים כן מצא בה ערות דבר.״

אזוי דער וואס מאכט די געבאט פון דער תורה הארבער: מיינט דאס ניט אז ער איז קעגן דער תורה, און שאפט נייע געבאט, ווי די קריסטלעכע קירך און די אווטארס פון די עוואנגעליעס ווילן מאכן צו גלויבן: נאר עס איז דער היפוך, עס באשטעטיקט די געזעצן פון דער תורה.

מת. 10:19. „זיינע תלמידים האבן געזאגט צו אים, אויב דער פאל פון א מאן צו זיין ווייב זאל זיין אזוי, איז ניט גוט צו הייראטן. (11) אבער ער האט געזאגט צו זיי, אלע מענטשן קענען ניט פארנעמען די זאגונג, חוץ די צו וועמען עס איז געגעבן געווארן. (12) ווארום דארט זיינען אזעלכע סריסים (יעוונוכן) וועלכע זיינען אזוי געבארן געווארן פון דער מוטערס טראכט: און דארט זיינען פאראן אזעלכע סריסים וועלכע זיינען געמאכט געווארן פאר יעוונוכן פון מענטשן: און דארט זיינען אזעלכע סריסים וועלכע האבן געמאכט זיך זעלבסט פאר סריסים פון דער מלכותא דשמיאס וועגן. דער וואס איז פעיק דאס אננעמען זאל ער אננעמען.״

פש. אבער די אננעמונג איז דאך קעגן גאט׳ס ברכה, אין ברשית 27:1־28, ווערט געזאגט: „גאט האט באשאפן זכר און נקבה, און ער האט זיי געבענטשט, און געזאגט: פרוכפערט אייך, און מערט אייך, און פילט אן די ערד, — זכר ונקבה ברא אתם. ויברכהם אתם אלהים, ויאמר: פרו ורבוא, ומלאו את הארץ.״ דאס שטימט דאך ניט מיט דעם „צו זיין א סריס צו גאט״.

מת. 13:19. „דענסטמאל זיינען דארט געבראכט געווארן צו אים קליינע קינדער אז ער זאל ארויפטאן זיינע הענט אויף זיי, און בעטן: און די תלמידים האבן זיי צוריקגעוויזן. (14) אבער יעזוס האט געזאגט לאזט אריין די קליינע קינדער, און פארבאט זיי ניט, ווארום פון אזעלכע איז די מלוכה פון הימל.

(15) און ער האָט געלייגט זיינע הענט אויף זיי, און איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט.״

**פש. מאַרקוס כמעט דאָס זעלבע:**

מק. 15:10. „באמת זאָג איך אייך, דער יעניקער וואָס וועט ניט אויפ־נעמען די מלוכה פון גאָט ווי אַ קליין קינד, וועט ניט אַריינקומען דערין.״

**פש. יעזוס האַלט אין געבן צו פאַרשטיין די תלמידים אַז צו אַריינקומען אין דער מלוכה, דאַרף מען זיין ריין, אומשולדיק, אָן ספקות אַזוי ווי קינדער. פאַראַן אַ ברייתא, אַז קליינע קינדער דערהאַלטן די שכינה.**

מת 16:19. „און, זעט, איינער איז געקומען און געזאָגט צו אים, גוטער מאַסטער, וואָס פאַר אַ גוטע זאַך זאָל איך טאָן, אַז איך זאָל האָבן אייביק לעבן?״

מת. 17:19. „און ער האָט געזאָגט צו אים, וואָרום רופסטו מיך גוטער? דאָרט איז קיינער ניט גוט נאָר איינער, דאָס איז גאָט: אָבער אויב דו ווילסט אַריין אין לעבן, האַלט די געבאָט (קאָמענדמענטס).״

**פש. יעזוס זאָגט צו אים, אַז עס איז נאָר איין גאָט און נאָר ער איז גוט, עס מיינט פולקאָמען גוט, פערפעקט. ׳מיך קענסטו ניט רופן גוטער׳: קען אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערן אַז יעזוס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ בשר ודם, א בן אדם אין דער ווירקלעכער, פשוטער מיינונג: דעריבער אַ שטערב־לעכער מענטש קען ניט זיין פערפעקט־גוט. דער איינער האָט געפרעגט „וואָס דאַרף ער טאָן צו קריגן אייביק לעבן.״ דער איינער האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם געדאַנק, און אַ נייעם וואָרט „אייביק לעבן״. ביז איצט האָט יעזוס געפּריידיקט, דעם טאָג פון משפט, די מלוכה פון הימל, תשובה; ווי עס וויזט אויס האָט דער „איינער״ אינטראָדוצירט די אידייע און טערמין פון אייביק לעבן. דער איינער האָט אויסגעדריקט די אידייע פון דער ידישער טראַדיציע, די אידייע פון די פּרושים: אַז אין דעם סוף פון די טעג וועלן די גערעכטע אויפשטיין און עס וועט אַנטשטאַנען ווערן אייביק לעבן. יעזוס האָט אים געזאָגט אַז דער באַדינג צו אַריין אין לעבן דאַרף ער אָפּהיטן די געבאָט פון דער תורה.**

מת. 18:19. „ער האָט געזאָגט צו אים, וועלכע (געבאָט)? האָט יעזוס געזאָגט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין מאָרד, דו זאָלסט ניט טאָן קיין זנות, זאָלסט ניט גנבענען, דו זאָלסט ניט טראָגן קיין פאַלשע עדות.״

מת. 19:19. „האַלט ערלעך דיין פאָטער און מוטער: און, דו זאָלסט ליבן דיין שכן (מיט־מענטשן) ווי דיין זעלבסט.״

**פש. יעזוס דערמאָנט דאָ ניט אַז נאָר גלויבן איז דער וועג צו אייביקן לעבן, נאָר דערקלערט פשוט און דייטלעך אַז דורך מעשים קומט מען אין לעבן, און די גוטע מעשים זיינען די וועלכע זיינען געבאָטן אין דער תורה. יעזוס דאָקטרינע פון גלויבן איז פולשטענדיק קעגנזעצלעך צו דער קריסט־לעכער טעאָלאָגיע פון אַלע צייטן.**

מת. 20:19. „דער יונגער מאַן האָט געזאָגט צו אים, די אַלע זאַכן האָב איך געהאַלטן פון מיין יוגנט אָן: וואָס פעלט מיר נאָך?״

מת. 21:19. „יעזוס האָט געזאָגט צו אים, אויב דו ווילסט זיין פערפעקט, גיי און פאַרקויף דאָס וואָס דו האָסט, און גיב צו די אָרימע, און דו וועסט האָבן אַן אוצר אין הימל, און קום און פאָלג נאָך מיר."

**פש. אַלע דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס גיבן איבער די פּאַסירונג ענלעך, נאָר מאתיא און לוקאַס לאָזן אויס פון מאַרקוס די ווערטער, „נעם אויף דיין קרייץ" און פאָלג נאָך מיר."**

**צו אַריינקומען אין אייביק לעבן דאַרף מען ניט קיין נייע תורה (לא). אַלץ וואָס פּאָדערט זיך איז די גוטע אַלטע תורה. יעזוס איז געטריי זיין זאָגונג אויפן באַרג, אַז ער איז געקומען צו מקיים זיין אַפילו די קלענסטע געבאָט פון דער תורה.**

מת. 22:19. „אָבער ווען דער יונגער מאַן האָט געהערט יענע זאָגונג, איז ער אַוועקגעגאַנגען טרויעריק, מחמת ער האָט געהאַט גרויסע פאַרמעגנס."

מת.23:19. „דענסטמאָל האָט יעזוס געזאָגט צו זיינע תלמידים, באמת זאָג איך אייך, אַז אַ רייכער קען קוים אַריינקומען אין דער מלכות פון הימל. (24) און ווידער זאָג איך אייך, עס איז גרינגער פאַר אַ קעמל צו דורכגיין די אויג פון אַ נאָדל, דען פאַר אַ רייכן מאַן צו אַריינקומען אין דער קיניגרייך פון גאָט."

**פש. די זאָגונג געפינט זיך אויך אין בבא מציעא 39ב; ברכות 56ב. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געווען אַ פּאָפּולערער משל.**

מת. 25:19. „ווען די תלמידים האָבן דאָס געהערט, זיינען זיי געוואָרן זייער דערשטוינט, זאָגנדיק, ווער דען קען ווערן גערעטעוועט?"

מת. 26:19. „נאָר יעזוס האָט זיי אָנגעקוקט, און געזאָגט צו זיי, מיט מענטשן איז דאָס אוממעגלעך; אָבער מיט גאָט זיינען אַלע זאַכן מעגלעך."

**פש. יעזוס האָט דאָ ניט געגעבן אַ קלאָרן ענטפער צו די תלמידים. די תלמידים זיינען אַלע גלויביקע אין גאָט דעם פאָטער יאהווע, זיי אַלע ווייסן אַז פאַר גאָט איז אַלץ מעגלעך.**

מת. 27:19. „דאַן האָט פעטרוס געענטפערט און געזאָגט צו אים, זע, מיר האָבן אַלץ פאַרלאָזן, און געפאָלגט נאָך דיר; וואָס וועלן מיר האָבן דער־פאַר?"

מת. 28:19. „און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, באמת זאָג איך צו אייך, אַז איר וועלכע האָבן מיך נאָכגעפאָלגט, אין דעם ווידער געבורט (רעגענע־ראַציע) ווען דער בן אדם וועט זיצן אויף דעם טראָן פון זיין גלאָריע, איר וועט אויך זיצן אויף צוועלף טראָנען, משפטנדיק די צוועלף שבטים פון ישראל."

**פש. די תלמידים האָבן דערזען אַז יעזוס פּאָדערט צו גרויסע קרבנות פון די וועלכע זיינען וויליג אים נאָכצופאָלגן. ווען אַזאַ מענטש ווי דער יונגער ייד וועלכער איז פרום און ערלעך קען ניט אַריינקומען אין זייער מיט, מחמת יעזוס פּאָדערט פון אים ער זאָל אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אָפּגעבן צו די אָרימע; זיינען זיי אַרויסגעקומען מיט דער טענה: 'ווער דען קען ווערן גע־**

רעטעט?׳ ביטערער פון זיי אַלעמען איז אַרויסגעטראָטן פּעטרוס; ער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע פּשוטע און קלאָרע ווערטער: זיי האָבן אַלץ אויפ־געגעבן, אַלץ און אַלעמען פאַרלאָזן, ווילן זיי וויסן וואָס זיי דערוואַרט, וואָס וועלן זיי האָבן דערפאַר. יעזוס פאַרזיכערט זיי אַז זיי וועלן פאַרנעמען די העכסטע פּאָסטן אין דער קומענדיקער מלוכה.

די ווערטער זיינען די בעסטע עדות קעגן די ווידערהאָלטע זאָגונגען פון די עוואַנגעליעס, אַז יעזוס גייט אין ירושלים צו איבערגעבן זיך צום טויט. יעזוס פאַרזיכערט זיינע נאָכפאָלגער אין דעם דערפאָלג פון דער אויפשטע־לונג און רעאַליזירונג פון דער מלוכה אויף דער ערד.

די טעאָרעטיקער פון דער קריסטלעכער קירך ווילן האָבן אַז יעזוס האָט דאָס אַלץ געזאָגט וועגן דער מלוכה אין הימל. אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיק וואָלט יעזוס געזאָגט אַזוי. יעזוס האָט געקענט ריידן און אויס־שפּרעכן זיינע געדאַנקען, וואָלט ער גערופן די זאַך מיט איר נאָמען, די מלוכה אין הימל, יענע וועלט, עולם הבא, די וועלט וואָס וועט קומען.

פּעטרוס פרעגט ביי אים, זיי האָבן אַלץ פאַרלאָזן, וואָס וועלן זיי קריגן דערפאַר? מיינט דאָס אויף דער וועלט, אויב אויף יענער וועלט, זיינען זיינע תלמידים יידן אַזוי ווי יעזוס, און זיי ווייסן, אַז פרומע און גלויביקע און אַלע יידן האָבן אַ חלק אין עולם הבא. יעזוס האָט זיי געענטפערט אַז זיי וועלן זיצן אויף צוועלף טראָנען און משפּטן די צוועלף שבטים. מיינט דאָס אויך ניט אַנדערש ווי אויף דער וועלט, אין דער מלוכה וואָס זיי וועלן גרינדן אויף דער ערד. ווארום ער איז דאָך משיח, גאָט׳ס זון, אויב ער רעדט פון דער מלוכה אין הימל, ווייסט ער דאָך וואָס דאָרט וועט פאָרקומען, און דאַרף אויך וויסן אַז דער גלויבן אין אים וועט ווערן אוניווערסאַל, פון פילע פעל־קער, וואָלט ער דאָך אַזוי געזאָגט און ניט אָפּשטעלן זיך נאָר אויף ישראל.

לוקאַס האָט ניט דעם וואָרט ווידער־געבורט, נאָר די ווערטער: „איר זייט די וועלכע זיינען כסדר געווען מיט מיר אין מיינע נסיונות״ (לוק. 28:22).

מת. 29:19. „און יעדער וואָס האָט פאַרלאָזן הייזער, אָדער ברידער, אָדער אַ ווייב, אָדער קינדער, אָדער לענדער, פאַר מיין נאָמענס וועגן, וועט דערהאַלטן הונדערט מאָל אַזוי פיל, און וועט אַרבן אייביק לעבן.״

**פּש.** עס איז אַ צווייפל אַז יעזוס האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט „פאַר מיין נאָמענס וועגן״, מחמת מאַרקוס און לוקאַס גיבן אַנדערע ווערסיעס. מאַרקוס רעקאָרדירט ׳פון מיינט וועגן׳ און די עוואַנגעליעס; און לוקאַס: ׳פאַר דער מלוכה פון גאָט׳ס וועגן׳. עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס יעזוס האָט אַרויסגע־בראַכט די ווערטער ׳אייביק לעבן׳. עס קומט גלייך באַלד נאָך דעם ווען דער איינער איז געקומען און געפרעגט: „וואָס זאָל ער טאָן צו האָבן אייביק לעבן?׳

מת. 30:19. „אָבער פיל וואָס זיינען ערשטע, וועלן זיין לעצטע: די לעצטע וועלן זיין די ערשטע.״

**פּש.** עס מיינט אַז אין דער אַנקומענדיקער מלוכה וועט אַנטשיידן ווערן די רעכט און סטאַטוס פון די נאָכפאָלגער. אין דער מלוכה וועט ניט עקזיסטירן

**די פּערזאָן־דערקענונג, אויך ניט דער חזקה (סיניאָריטי) צושטאַנד; נאָר יעדער וועט קריגן דערקענונג לויט זיין פּערזענלעכן ווערט און פאַרדינסט: אַזוי אַז די לעצטע קענען ווערן די ערשטע, און פאַרקערט.**

## קאַפּיטל 20.

# משל פון די לוין אַרבעטער

מת. 1:20. „ווארום די מלוכה פון הימל איז גלייך צו אַ מאַן וואָס איז אַ בעל־הבית, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן פרימאָרגן צו דינגען אַר־בעטער פאַר זיין וויינגאָרטן. (2) און ווען ער איז דורכגעקומען מיט די אַרבעטער פאַר אַ פּעני (אַ רוימישע מטבע) אַ טאָג, האָט ער זיי אַוועקגעשיקט אין זיין וויינגאָרטן. (3) און ער איז אַרויסגעגאַנגען אַרום דער דריטער שעה, און געזען אַנדערע שטייענדיק ליידיק אין דעם מאַרק פּלאַץ, (4) און געזאָגט צו זיי, איר גייט אויך אין וויינגאָרטן, און וואָס איז רעכט וועל איך אייך געבן. און די זיינען געגאַנגען אין זייער וועג. (5) ווידער איז ער אַרויסגעגאַנגען אַרום דער זעקסטער און נייענטער שעה און געטאָן דאָס גלייכן. (6) און אַרום דער עלפטער שעה איז ער אַרויסגעגאַנגען, און געפונען אַנדערע שטייענדיק ליידיק, און געזאָגט צו זיי, ווארום שטייט איר דאָ אַ גאַנצן טאָג ליידיק? (7) זיי זאָגן צו אים, מחמת קיינער האָט אונדז ניט געדונגען. האָט ער געזאָגט צו זיי, גייט איר אויך צום וויינגאָרטן, און וואָס איז רעכט, דאָס וועט איר דערהאַלטן. (8) אַזוי ווען דער אָוונט איז אָנגעקומען, האָט דער האַר פון דעם וויינגאָרטן געזאָגט צום פאַרוואַלטער, רוף די אַרבעטער, און גיב זיי זייער לוין, אָנפאַנגענדיק פון לעצטן ביז דעם ערשטן. (9) און ווען עס זיינען גע־קומען די וואָס זיינען געדונגען געוואָרן אַרום דער עלפטער שעה, האָט איט־לעכער מאַן געקראָגן אַ פּעני. (10) און ווען די ערשטע זיינען געקומען, האָבן זיי געדענקט אַז זיי זאָלן קריגן מער; און זיי צו גלייכן האָבן דערהאַלטן יעדער מאַן אַ פּעני. (11) און ווען זיי האָבן עס געקראָגן, האָבן זיי זיך באַ־קלאָגט קעגן גוטן מאַן פון הויז. (12) זאָגענדיק, דער לעצטער האָט געטאָן נאָר איין שעה, און דו האָסט זיי געמאַכט גלייך צו אונדז, וועלכע האָבן גע־טראָגן די לאַסט און די היץ פון טאָג. (13) אָבער ער האָט געענטפערט איינעם פון זיי, און געזאָגט, פריינד, איך טו דיר קיינע שלעכטס האָסטו איינגעשטימט מיט מיר פאַר אַ פּעני? (14) נעם דאָס וואָס איז דיינס און גיי דיין וועג; איך וועל געבן צום לעצטן אַזוי ווי צו דיר. (15) איז עס אומגעזעצלעך פאַר מיר צו טאָן דאָס וואָס איך וויל מיט מיין אייגנס? איז דיין אויג איבל, מחמת איך בין גוט?"

**פּש. דער משל באַצוועקט צו באַשטעטיקן יעזוס פריערדיקע רייד, אַז דער לעצטער קען זיין דער ערשטער. דעם משל רעקאָרדירט נאָר מאתיא אַליין.**

מת. 16:20. „אַזוי, דער לעצטער וועט זיין דער ערשטער, און דער ערשטער לעצט: ווארום פיל וועלן ווערן גערופן און ווייניק אויסגעקליבן.״

**פש. דאָס איז יעזוס ענטפער אויף דער פראַגע פון די תלמידים נאָך דעם ווי ער האָט צוריק געוויזן דעם יונגן מאַן וועלכער האָט געזוכט דעם וועג צו אייביק לעבן, און זיי האָבן געפרעגט, ׳ווער דען קען ווערן געראַטע־וועט?׳ — איז זיין ענטפער אַז פון די פיל גערופענע ווערן ווייניק אויסגע־קליבן צו זיין טרויענסווערטיקע מיטאַרבעטער.**

מת. 17:20. „און יעזוס אַרויפגייענדיק צו ירושלים האָט גענומען די צוועלף תלמידים אָן אַ זייט און האָט געזאָגט צו זיי. (18) זעט, מיר גייען אַרויף צו ירושלים און דער בן אדם וועט ווערן פאַרראַטן צו די הויפט כהנים און צו די סופרים און זיי וועלן אים פאַראורטיילן צום טויט. (19) און וועלן אים איבערגעבן צו די ׳דזשענטיילס׳ (גוים) צו אויסשפּאָטן, און צו שמייסן, און צו קרייציקן אים: און אויף דעם דריטן טאָג וועט ער אויפשטיין.״

**פש. אַלע דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס גיבן איבער כמעט די זעלבע ווערטער — יעזוס פאַרויסזאָגן פון זיין טויט. מאתיא לאָזט אויס די ווערטער ווי יעזוס זאָגט פאָרויס אַז ער וועט באַשפּייט ווערן ווי מק. און לק. גיבן איבער אין מק. 33:10, 34; לק. 3431:18, לוקאס גיט צו אַז יעזוס האָט געזאָגט, „אַז אַלע זאַכן וואָס איז געשריבן געוואָרן ביי די נביאים אין באַצוג צו דעם בן אדם וועט אַקאָמפּליצירט ווערן.״ יעזוס ווייסט אַלע פּרטים וואָס עס וועט מיט אים פאַרקומען אין ירושלים, אויך ווייסט ער אַז ער וועט פאַרראַטן ווערן; ווייסט ער דאָך געוויס ווער עס וועט אים פאַרראַטן: וואָלט ער דאָך געקענט דאָס אַלץ גרינג אויסמיידן. ווידער פעטרוס קומט אַרויס צו יעזוסן מיט אָפענע רייד, ׳מיר האָבן אַלץ פאַרלאָזן, וואָס וועלן מיר קריגן דערפאַר?׳ האָט זיך געפאָדערט פון יעזוסן, אַז ער זאָל אויך זיין אָפנהאַרציק און זאָגן וואָס ער ווייסט: אַז אים וועט מען פאַרראַטן, און ווער עס וועט זיי פאַרראַטן, אַז ער וועט געקרייציקט ווערן, און זיי וועלן זיך צעלויפן און זוכן שוץ פאַר זייערע לעבנס; איך וועל אויפשטיין אויף דעם דריטן טאָג, וואָס עס וועט זיין מיט איך ווייס איך ניט, אַז איר וועט שטאַרבן וועט איר דערפאַר האָבן אייביק לעבן.**

**אָבער יעזוס רעדט צו זיי אַנדערע רייד; ער זאָגט זיי צו צוועלף טראָנען אין דער קומענדיקער מלוכה אויף דער ערד. זיי וועלן קריגן פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן הונדערט מאָל מער.**

**די עוואַנגעליע שרייבער זוכן אויפצוווייזן אַז יעזוס האָט געוווסט אַלע דעטאַלן וואָס וועט מיט אים פאַרקומען. ער האַלט עס אין ווידערהאָלן צו די תלמידים, און זיי זיינען אַזעלכע שוטים אַז זיי פאַרשטייען אים ניט.**

לק. 34:18. „און זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען קיינע פון די זאַכן: און די זאָגונג איז געווען באַהאַלטן פון זיי, ניידער האָבן זיי געוווסט די זאַכן וואָס איז גערעדט געוואָרן.״

**יעזוס האָט געזאָגט צו די תלמידים: „זאָלן מיינע זאָגונגען איינגע־**

זונקען ווערן אין אייערע אויערן..." און די תלמידים האָבן ניט געוווּסט וואָס יעזוס רעדט צו זיי, עס איז געווען פאַרבאָרגן פון זיי: אויב אַזוי, פון וועמען האָבן גענומען זייער אינפאָרמאַציע די עוואַנגעליע שרייבער?

יעזוס מיט זיינע נאָכפאָלגערס זיינען געווען אין אַ געהויבענער עקזאַל־טירטער שטימונג, האָבן געגלויבט אין זייער דערפאָלג: ווייל מיט גאָט איז אַלץ מעגלעך. זיי זיינען געווען זיכער אין דער גרינדונג פון דער מלוכה: אַז עס איז אַרויפגעקומען דער דיספּוט ווער פון זיי וועט פאַרנעמען די וויכ־טיקסטע פּאָזיציעס אין דער מלוכה. די זין פון זבדי, נאָך איידער דעם אַריינקומען אין ירושלים, האָבן זיך געוואָלט פאַרזיכערן מיט די בכבודיקסטע אַמטן.

מת. 20:20. „דענסטמאָל זיינען געקומען צו אים די מוטער פון זבדיס קינדער מיט אירע זין, קניענדיק פאַר אים, און ווינטשענדיק אַ געוויסע זאַך פון אים. (21) און ער האָט געזאָגט צו איר, וואָס ווילסטו? — זי האָט געזאָגט צו אים, באַווייליק אַז די דאָזיקע מיינע צוויי זין זאָלן זיצן איינער אויף דיין רעכטער האַנט, און דער אַנדערער אויף דער לינקער, אין דיין מלוכה. (22) אָבער יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט, איר ווייסט ניט וואָס איר בעט. זייט איר אימשטאַנד צו טרינקען פון דעם בעכער וואָס איך וועל פון אים טרינקען, און צו ווערן געטובלט מיט דער טבילה מיט וועלכער איך וועל ווערן געטובלט? זיי זאָגן צו אים, מיר זיינען אימשטאַנד. (23) און ער האָט געזאָגט צו זיי, איר וועט געוויס טרינקען פון מיין בעכער, און איר וועט געטובלט ווערן מיט דער טבילה מיט וועלכער איך בין געטובלט: אָבער צו זיצן אויף מיין רעכטער האַנט און לינקער, איז ניט מיינס צו געבן, נאָר עס וועט געגעבן ווערן צו די פאַר וועמען עס איז צוגעגרייט פון מיין פאָטער."

פּש. די מלוכה פון הימל איז געווען דער הויפּט שטרויכלונג שטיין פאַר דער פריערדיקער קירך. יעזוס מלוכה האָט געמיינט אַ יידישע מלוכה מיט דער הויפּט־שטאָט ירושלים. די מלוכה וועט אויפגעשטעלט ווערן דורך משיח און דורך גאָט׳ס ווילן און גאָט׳ס הילף. עס וועט זיין אַ מלוכה וואָס וועט ווערן באַוווינט און באַזעצט מיט רעכטפאַרטיקע מענטשן; פולשטענדיקע גערעכ־טיקייט וועט הערשן אין דער מלוכה. יעזוס האָט גאָר ניט געזאָגט לגבי דעם חלק פון די גוים, און אויף וויפיל וועט זיך שפּרייטן דער איינפלוס פון דער מלוכה אויף די לענדער פון די אומות. יעזוס איז מסתמא געווען מיט דער זעלבער מיינונג וואָס די נביאים האָבן געהאַט, אַז די מלוכה וועט זיין אַ ליכט פאַר אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט.

די ניט־יידישע קריסטן האָבן ניט געהאַט קיין שום אינטערעס אין אַ יידישער מלוכה, אין אַ הימלישער אָדער ערדישער.

פּאולוס, באַלד נאָך זיין וויזיע, איז געקומען פּנים אל פּנים מיט דער שוועריקייט פון דער מלוכה; נאָר פּאולוס האָט עס ראַדיקאַל פאַרענטפערט: ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יעזוסן און פון זיין מלוכה. צו פּאולוסן האָט יעזוס אין זיין פליייש ניט געהאַט קיין אויטאָריטעט. פּאולוס האָט זיך לחלוטין

אָפּגעזאָגט צו דערקענען דעם לעבעדיקן יעזוס: ווי זיך פּערזאָן אַזוי זיינע זאָגונגען און זיינע אַספּיראַציעס. פּאולוס דערקענט יעזוסן פון דער צייט פון זיין ווערן לעבעדיק (רעזורעקציע), צו ווערן לעבעדיק, דאַרף מען פריער שטאַרבן: אַזוי דערקענט פּאולוס יעזוסן נאָר פון דער צייט פון זיין טויט און רעזורעקציע. יעזוס איז געשטאָרבן כדי מיט זיין טויט אויסלייזן די מענטש־הייט פון זינד. דורך דער רעזורעקציע איז ער געוואָרן גאָט׳ס זון און דער איינציקער באַזיצער פון דער הימלישער מאַכט צו פאַרגעבן זינד, און די מלוכה פון הימל איז פאַרביטן געוואָרן אויף אייביק לעבן. אָבער די קירך האָט דערקענט יעזוסן ווי דער משיח און גאָט׳ס זון פון זיין געבורט: דעריבער די פּראָבלעמען פון דער מלוכה איז געשטאַנען פאַר דער קירך אין איר פולער גרויס, די קירך האָט געמוזט געבן אַן ענטפער, מחמת קאָנפוזיע האָט געהערשט אין די קירכעס און אויך אין זייערע דאָקטרינעס. מען האָט געמוזט געפינען אַ סינטעז צווישן דער מלוכה און קרוסיפיקאַציע. אַ פּונקט פון דעם סינטעז איז געווען אַז יעזוס האָט פאָרויסגעזאָגט אַלע פּרטים פון דעם קומענדיקן פאַרראַט, אַרעסט, דערנידערונגען, טויט, און לעבעדיק ווערן.

מת. 24:20. „ווען די צען (תלמידים) האָבן עס געהערט זיינען זיי באַ־וועגט געוואָרן מיט פאַרדרוס קעגן די צוויי ברידער.״

פּש. עס איז זייער אַ שוואַכע פאַרענטפערונג מצד די עוואַנגעליעס אַז די תלמידים האָבן יעזוסן ניט פאַרשטאַנען אין זיינע צאָליקע איבערזאָגונגען פון זיין טויט וואָס עס דערוואַרט אים אין ירושלים. זיי האָבן אים ניט פאַר־שטאַנען מחמת זיי האָבן פון אים ניט געהערט. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען און געוווסט אַז זייער געטלעכע אונטערנעמונג איז פאַרבונדן מיט געפאַרן, אָבער זיי האָבן געגלויבט אין יעזוס, און געווען פול מיט אמונה אַז ער וועט זיי ברייננען צום העכסטן דערפאָלג. אָבער די מענטשלעכע קינאה האָט זיי אָנ־געהויבן באַאומרויקן. יעזוס האָט געזוכט צו אָפּשוואַכן זייער אייפערזוכט. לוקאַס האָט געפונען פאַר נויטיק צו אויסלאָזן דעם גאַנצן עפּיזאָד פון די זין פון זבדי.

מת. 25:20. „יעזוס האָט זיי אַריינגערופן, און געזאָגט, איר ווייסט אַז די פּרינצן פון די גוים פּראַקטיצירן הערשאַפט איבער זיי, און די וואָס זיינען גרויס, איבן אויס אויטאָריטעט איבער זיי. (26) אָבער עס זאָל ניט זיין אַזוי צווישן אייך: נאָר דער וואָס זוועט זיין גרויס צווישן אייך, זאָל ער זיין אייער באַדינטער. (27) און דער וואָס וועט זיין הויפּט צווישן אייך, זאָל ער זיין אייער קנעכט.״

פּש. עס איז אָן קיין שום צווייפל, און עס איז זיכער און דייטלעך אַז יעזוס פּרוווט איינשטילן דאָס ניט פאַרגינענשאַפט צווישן די תלמידים וואָס קענען זיך ניט אייניקן איבער דעם ווער פון זיי וועט זיין גרעסער אין דער אָנגעקומענער מלוכה פון ישראל. יעזוס האָט זיי ניט געדאַרפט דערציילן אַז אין הימל איז ניטאָ קיין הערשאַפט פון איין פּערזאָן אויף די איבעריקע. יעזוס האָט ניט געמיינט די ברייננגונג דעם ביישפּיל פון די גוים וואָס זיי פּראַק־

**טיצירן אויטאָריטעט אין זייער הערשאַפט, אַז אַזוי וועט זיך ניט פירן אין הימל.**

**מאַתיא און מאַרקוס זוכן אָפּצושוואַכן די געבראַכטע איבערגעבונגען, ברייִנגען זיי אַרײַן אַז יעזוס האָט געזאָגט: „דער בן אדם איז געקומען צו געבן זיך לעבן ווי אַן אויסלייזונג פאַר פילע." די דאָזיקע אַרײַנשטעלונג ענדערט ניט די פאַקטן, און דעם אמתן אינהאַלט פון יעזוס רייד.**

מת. 28:20. „אַזוי ווי דער בן אדם איז געקומען ניט צו באַדינט ווערן, נאָר צו באַדינען, און צו געבן זיין לעבן פאַר אַן אויסלייזונג פאַר פילע."

**פש. לוקאַס באַשטעטיקט אַז יעזוס מלוכה פון גאָט איז געמיינט אַ מלוכה אויף דער ערד.**

לק. 28:22. „איר זיינט די וועלכע האָבן פאַרגעזעצט מיט מיר אין מיין נסיון. (29) און איך באַשטים פאַר אייך אַ מלוכה, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט באַשטימט פאַר מיר. (30) אַז איר וועט קענען עסן און טרינקען ביי מיין טיש אין מיין מלוכה, און זיצן אויף טראָנען און משפטן די צוועלף שבטים פון ישראל."

**פש. לוקאַס האָט ניט דעם זאַץ 28 פון מאַתיא.**

מתח 29:20. „אַזוי ווי זיי זיינען אַרויסגעקומען פון יריחו, האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ גרויסער עולם. (30) און, זע, צוויי בלינדע מענער, זיצענדיק ביי די זייטן פון וועג, ווען זיי האָבן געהערט אַז יעזוס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי אויסגעשריען, זאָגענדיק, האָב רחמנות אויף אונדז, א, האַר, דו זון פון דוד."

**פש. עס לאָזט זיך ניט פאַרשטיין: וואָרום זאָלן משוגעים, בלינדע, טויבע און אַנדערע קראַנקע אַדרעסירן יעזוסן „זון פון דוד" און געזונטע, נאָענטע און נאָכפאָלגער מיט די ווערטער האַר, לערער (מאַסטער) ?**

מת. 31:20. „און דער עולם האָט אָנגעשריען אויף זיי; אַז זיי זאָלן האַלטן זייער פרידן, נאָר זיי האָבן נאָך מער געשריען, זאָגענדיק, האָב רחמנות אויף אונדז, אָ האַר, דער זון פון דוד."

**לוקאַס גיט איבער דעם זעלבן אינצידענט כמעט ווערטערלעך, נאָר זאָגט אַז עס איז געווען נאָר איין בלינדער. מאַרקוס אויך אַז עס איז געווען איין בלינדער.**

מת. 32:20. „יעזוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, און גערופן זיי, און געזאָגט, וואָס ווילט איר איך זאָל טאָן צו אייך? (33) זיי האָבן געזאָגט צו אים, האַר, אַז אונדזערע אויגן זאָלן ווערן געעפנט. (34) אַזוי האָט יעזוס רחמנות געהאַט אויף זיי, און באַרירט זייערע אויגן: און תיכף האָבן זייערע אויגן דערהאַלטן זעונג, און זיי האָבן אים נאָכגעפאָלגט."

## קאַפּיטל 21

מת. 1:21. „און ווען זיי האָבן געצויגן נאָענט צו ירושלים, און זיינען געקומען צו בית־פגי, צו דעם הר הזתים, דענסטמאָל האָט יעזוס געשיקט

צוויי תלמידים, (2:21) זאָגענדיק צו זיי, גייט צו דעם דאָרף וואָס איז קעגן אייך, און גלייך וועט איר געפינען אַן אייזל צוגעבונדן, און אַ יונג אייזל מיט איר: בינדט זיי אָפּ, און ברענגט זיי צו מיר.״

**פּש. מאַרקוס גיט איבער דאָס זעלבע כמעט וואָרט אין וואָרט ענלעך, נאָר גיט צו: „אַן אייזל אויף וועלכן קיין מאַן איז נאָך ניט געזעסן.״**

מאַרקוס 3:11. „און אויב אימעצער וועט זאָגן צו אייך, וואָרום טוט איר דאָס? זאָגט אים אַז דער האַר נויטיקט זיך אין אים, און גלייך וועט ער אים שיקן אַהער.״

**פּש. דאָס באַווייזט אַז יעזוס און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געהאַט פאַר־בינדונגען, נאָך פון אַ פריערדיקער צייט, מיט געוויסע שיכטן פון דער באַ־פעלקערונג פון אַרום ירושלים. זיי האָבן געוווּסט און געקענט דעם האַר און זיינען געווען גרייט נאָכצוגעבן זיינע פאַרלאַנגען. דאָס זעלביקע שרייבט מאתיא.**

מת. 3:21. „און אויב אימעצער וועט אייך עפּעס זאָגן, זאָלט איר זאָגן, דער האַר באַדאַרף זיי, און גלייך וועט ער זיי שיקן.״

**פּש. לויט מאתיא זיינען געווען צוויי אייזלען.**

מת. 4:21. „און דאָס איז געטאָן געוואָרן אַז עס זאָל מקוים ווערן וואָס איז גערעדט געוואָרן ביי דעם נביא, זאָגענדיק, (5) זאָגט צו דער טאָכטער פון ציון, זע, דיין קיניג קומט צו דיר, אַן עניו, און זיצענדיק אויף אַן אייזל, און אַ יונג־זון פון אַן **אייזלטע**.״

**פּש. מאתיא ציטירט דעם נביא כדי אויפצוויזן אַז דורך יעזוס טאַט איז מקוים געוואָרן די רייד פון נביא אַז משיח וועט קומען רייטענדיק אויף צוויי אייזלען.**

**זכריה 9:9. „פריי זיך זייער, טאָכטער ציון; שאַל, טאָכטער ירושלים! זע, דיין מלך וועט קומען צו דיר, אַ גערעכטער און אַ זיגער איז ער; אַן עניו און רייט אויף אַן אייזל, אַ יונגער זון פון אַ מויל־אייזלטע.״**

**די מיינונג אין זכריה איז פון איין אייזל, נאָר עס ווערט דערקלערט וואָס פאַר אַ סאָרט אייזל איז דאָס געווען, עס איז געווען אַן עיר וואָס מיינט אַ יונגער זון פון אַן אייזלטע; האָט דאָס מאתיא פאַרשטאַנען ווי צוויי אייזלען. יעזוס, אַנזאָגענדיק מען זאָל אים ברענגען אַן אייזל אָדער צוויי אייזלען, האָט ער מיט דערויף געוואָלט דעמאָנסטרירן זיין משיח באַשטימטקייט. מיט זיין אַריינקום האָט ער געצילט צו לאָזן וויסן ירושלים אַז ער איז דער קיניג, און ברענגט די מלוכה פון דוד; און זיין אַריינקום איז אויף דעם זעלבן אופן ווי דער נביא זכריה האָט פאָרויסגעזאָגט.**

מת. 6:21. „און די תלמידים זיינען געגאַנגען און געטאָן ווי יעזוס האָט זיי באַפוילן. (7:2) און האָבן געבראַכט דעם אייזל און דעם יונג אייזל, און האָבן אַרויפגעטאָן אויף זיי זייערע קליידער, און האָבן אים אַרויפגעזעצט. (8) און זייער אַ גרויסע צאָל מענטשן האָבן אויסגעשפּרייט זייערע קליידער אויף דעם וועג; אַנדערע האָבן אַרונטערגעהאַקט צווייגן פון די ביימער, און צע־

שפּרייט זיי אויפן וועג. (9) און דער גרויסער עולם וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, און וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, האָבן אויסגעשריען, זאָגנדיק, הושענא צו דעם זון פון דוד: געבענטשט איז ער וואָס קומט אין דעם נאָמען פון יאהווע (לאָרד); הושענא אין דאָס העכסטע."

**פּש. פאָלגענדיקע איז מאַרקוס ווערסיע.**

מאַרקוס 8:11. "און פילע האָבן פאַרשפּרייט זייערע קליידער אויפן וועג, און אַנדערע האָבן אַרונטערגעהאַקט צווייגן פון די בוימער און צעשפּרייט אויפן וועג. (9) און די וואָס זיינען געגאַנגען פאָרויס, און די וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, האָבן געשריען, זאָגנדיק, הושענא; געבענטשט איז ער וואָס קומט אין נאָמען פון יאהווע (לאָרד). (10) געבענטשט זאָל זיין די מלוכה פון אונדזער פאָטער דוד, וואָס קומט אין נאָמען פון יאהווע (לאָרד); הושענא אין דאָס העכסטע."

**פּש. די אויסרופן האָבן באַטאָנט אַז יעזוס קומט אַריין אין ירושלים ווי אַ מלך, און עס קומט אָן די מלוכה פון דוד: עס מיינט, אַז דער מלך יעזוס קומט און דורך אים וועט עסטאַבלירט ווערן די מלוכה פון דוד. יעזוס קומט ניט צו שטאַרבן, נאָר צו איינשטעלן אַ קיניגרייך.**

**עס איז ווערט צו באַטאָנען אַז מאַת. און מאַרק. האָבן ניט פאַרשטאַנען די מיינונג פון דעם וואָרט הושענא. זיי האָבן געמיינט אַז דאָס וואָרט הושענא איז אַ לויבונגס וואָרט. דעריבער שרייבן זיי 'הושענא צום זון פון דוד". די ריכטיקע מיינונג איז 'הושע' העלף, און 'נא' מיינט איך בעט דיך. קינג דזשיימס ווערסיע איז 'אי בעסיטש די': דעריבער קען מען נאָר זאָגן, העלף, איך בעט דיך, זון פון דוד; און ניט: העלף, איך בעט, צום זון פון דוד.**

**איך ברענג דאָ אייניקע אויסצוגן פון תנ"ך אין שייכות צום וואָרט 'נא'. זכר־נא, 'זכר' מיינט געדענק, 'נא' איך בעט דיך (איוב 7:4). סלח נא — פאַרגיב, איך בעט דיך (עמוס 2:7). חדל־נא — פאַרמייד, איך בעט דיך (עמוס 5:7). עס איז ניט קיין טיטול און ניט קיין דערהויבונגס וואָרט, נאָר אַ געבעט. מאַתיא ציטירט ווערטערלעך מאַרקוסן, אָבער לאָזט אויס 'געבענטשט איז די מלוכה פון דודן', ער פאַרבייט עס מיט די ווערטער 'הושענא צום זון פון דוד'. אין מאַתיאַס צייט איז שוין פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די קריסטלעכע קירכלעכע קרייזן דער ווונטש צו אויסלאָזן אַלע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון יעזוסן. לוקאַס גיט עס איבער אויף דעם פאָלגענדיקן אופן.**

לוקאַס 37:19. "און ווען ער איז געקומען נאָענט, זאָגאַר איצט אין דעם אַרונטערקומען פון דעם באַרג פון איילבערטן, דער גאַנצער עולם פון די תלמידים האָבן זיך אָנגעהייבן פרייען און לויבן גאָט מיט אַ הויכן קול פאַר אַלע מעכטיקע טוונגען וואָס זיי האָבן געזען, (38) זאָגנדיק, געבענטשט זאָל זיין דער מלך וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט: פרידן אין הימל, און כבוד אין דעם העכסטן."

**פּש. לוקאַס, האַלטענדיק זיך אין אַנהייב ענג צו מאַרקוס און מאַתיא, אָבער פאַרנעמט זיך צו רעווידירן די לעצטע זאַצן. ער לאָזט אויס דעם הושענא און**

פאַרבייט עס מיט „פרייד איבער זיינע מעכטיקע טוונגען", און מיט „פרידן אין הימל." עס דוכט אַז מיט דעם פרידן אין הימל איז דער מענטש פאַר־זיכערט, דעם פרידן דאַרף מען אויף דער ערד. אַלע עוואַנגעליעס זיינען אייניק וועגן יעזוס טריומפירנדיקן אַריינקומען אין ירושלים, און יעזוס דעמאָנס־טראַטיווער פּראָקלאַמירונג אַלץ קיניג וואָס וועט ברייננגען די געבענטשטע מלוכה פון דוד. וואָס האָט באַצוועקט דאָס צו טאָן? יעזוס איז דאָך זיכער ניט געווען דער מענטש וואָס האָט געזוכט צו פאַראַנשטאַלטן גאָרניט מיינענדיקע פּאַראַדן, אויך אַריינפאָרן אויף אַן אייזל צו האָבן שפּאַס. ער האָט דאָס געטאָן צו לאָזן וויסן עפנטלעך די מיליאָניקע פאַרזאַמלטע יידן אין ירושלים פון דער אָנקומענדיקער גאולה, אַז ער איז דער מלך און משיח, און אַז ער וועט ברייננגען די צוגעזאָגטע מלוכה. מען האָט ניט געקענט דערוואַרטן אַז יעזוס וועט מאַכן פון זיין טריומפצוג אַ פּאַרס. ער וועט אַרונטערקומען פון אייזל און אויסדריקן זיינע מעכטיקע טוונגען אין דער שטראָפונג פון די פרושים. עס איז געווען צו דערוואָרטן אַז יעזוס מיט זיינע מענטשן וועלן גיין צום בית המקדש, און דאָרטן דערקלערן די אָנקומונג פון דער מלוכה פון דוד, די מלוכה פון הימל, און אַזוי איז פאַרגעקומען. יעזוס און זיינע מענטשן זיינען אַוועק גלייך צום בית המקדש.

מת. 10:21. „און ווען ער איז אַריינגעקומען אין ירושלים, די גאַנצע שטאָט איז באַוועגט געוואָרן, זאָגענדיק, ווער איז דער? (11) און דער עולם האָט געזאָגט, דאָס איז ישו דער נביא פון נצרת פון גליל."

פש. פאַר די יידן פון יענער צייט האָט שוין איבער 500 יאָר ניט עקזיס־טירט די אינסטיטוציע פון נבואה. קיין איין נביא איז ניט דערשינען אין יידישן לעבן אין משך פון די לעצטע יאָרן פון אַ האַלבן טויזנט. די יידן האָבן געקענט זאָגן אויף יעזוסן: דער פריידיקער, דער תלמיד חכם, דער חסיד פון נצרת, אָבער ניט דער נביא פון נצרת. לויט די איבערגעבונגען פון די דריי ענלעכע עוואַנגעליעס האָבן יעזוס עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען געדויערט ווײ־ניקער פון אַ יאָר: איז אַ גרויסער צווייפל אַז די יידן פון ירושלים זאָלן וויסן פון אים. ווידער, נביאים קומען ניט אַריין רייטענדיק אויף אייזלען; דער עולם האָט דאָך אים באַגעגנט מיט די אויסגעשרייען הושענא צו דעם זון פון דוד. דוד איז געווען אַ מלך און ניט קיין נביא.

מת. 12:21. „און יעזוס איז אַריינגעקומען אין בית המקדש פון גאָט, און האָט אַרויסגעוואָרפן זיי אַלעמען וואָס האָבן פאַרקויפט און געקויפט אין בית המקדש, און האָט אומגעוואָרפן די טישן פון די געלט־אויסטוישער, און די בענק פון די וואָס האָבן פאַרקויפט טויבן."

לויט מאַרקוסן איז יעזוס געקומען אין בית המקדש אויף מאָרגן פון קומענדיקן טאָג.

מק. 15:11. „און זיי זיינען געקומען צו ירושלים: און יעזוס איז אַריינ־געקומען אין בית המקדש, און האָט אָנגעהייבן צו אַרויסוואַרפן זיי וואָס האָבן פאַרקויפט און געקויפט אין טעמפל, און האָט אומגעוואָרפן די טישן פון די

געלט אויסטוישער, און די זיצבענק פון די וואָס האָבן פאַרקויפט טויבן. (16) און האָט ניט דערלויבט קיין מענטש זאָל טראָגן וועלכע עס איז כלי דורך דעם בית המקדש.״

**פש. לוקאַס מאַכט עס קירצער:**

לק. 45:19. „און ער איז אַוועק צום בית המקדש, און האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן די וואָס האָבן דאָרט פאַרקויפט, און די וואָס האָבן געקויפט.״

**פש. לוקאַס דערמאָנט דאָ ניט די אַזויפיל אַנאַכראָניסטישע „מאַני טשענדזשערס.״ אחרון אחרון חביב, דער לעצטער פון די עוואַנגעליע שרייבער דערפירט שוין דעם טעמפּל־אינצידענט צו זיין גאַנצער פולשטענדיקייט.**

יאָהאַן 14:2. „און געפונען אין דעם בית המקדש די דאָזיקע וואָס האָבן פאַרקויפט אָקסן, און שעפסן, און טויבן און די אויסבייטער פון געלט זיצנדיק: (15) און ווען ער האָט געמאַכט אַ בייטש פון שמאָלע שטריקלעך, האָט ער זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן פון בית המקדש, און די שעפסן, און די אָקסן; און האָט אויסגעשאָטן די אויסבייטערס געלט, און אומגעוואָרפן די טישן.״

אַלע אַווטאָרס נוצן די זעלבע ווערטער, נאָר אַנדערש געשריבן. לויט דעם שרייבן פון די פיר אַווטאָרס מאַכט דעם איינדרוק ווי פעטרוס און די תלמידים און מיטגייער און טיילן פון באַגייסטערטן המון זיינען געשטאַנען אויף איין זייט פון טעמפּל, אויף דעם אַנדערן זייט קעגן זיינען געשטאַנען די הויפּט כהנים און אַלע אַנדערע כהנים, לוים, די באַוואָפנטע וואַך פון בית המקדש און ביידע צדדים האָבן באַאָבאַכטעט ווי יעזוס מיט אַ בייטש אָדער אָן אַ בייטש טרייבט די מענטשן, טרייבט די אָקסן, וואַרפט די טישן. ווען די טוונגען האָבן זיך געענדיקט, דענסטמאָל זיינען ביידע צדדים צוזאַמענגעקומען און פאַרפירט אַ דיסקוסיע.

אָבער די זאַך איז ערנסט און עס פאָדערט זיך אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג. מיר וועלן באַטראַכטן וויפיל היסטאָרישער אמת ליגט אין די באַריכטן פון די פיר עוואַנגעליע שרייבער לגבי דער ׳ריייניקונג׳ פון דעם בית המקדש. האָבן זיי געשריבן אַן אמת אַז אין בית המקדש איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר פון טויבן, שעפסן, בהמות און אָקסן און אַנדערע זאַכן? לויט די עוואַנגעליעס איז אין טעמפּל געווען אַ פולשטענדיקער יריד, אַ בהמה מאַרק. אין געשעפט פּרובירט מען מזל, ברענגען סוחרים אַזויפיל בהמות וויפיל עס איז מעגלעך, כדי צו מאַכן גרעסערע רווחים. ווען די בהמות ווערן ניט אויספאַרקויפט, דאַרף מען זיי טרייבן צוריק. קען מען זיך פאַרשטעלן ווי דער בית המקדש האָט אויסגעקוקט: פול מיט שמוץ, בהמישער אָפּפאַל איז געלעגן אויף די טייערע גלאַטע שטיינער פון בית המקדש.

די בעסטע עדות וועלכע קענען דערציילן פון דער יידישער באַציונג צו דעם בית המקדש זיינען די אָנגענומענע געזעצן וואָס האָבן עקזיסטירט. געזעצן וועגן דעם אָנפיר פון דעם גאָט־דינסט, גזעצן ווי עס דאַרף געבראַכט ווערן די קרבנות, די פליכטן פון די כהנים, ווי צו האַלטן דעם טעמפּל ריין, ווער קען אַריינקומען און ווי אַזוי אַריינקומען.

דער בית המקדש איז געשטאַנען אויף אַ משופעדיקן באַרג. אויף דעם באַרג איז געווען אַ שטח פון 500 איילן ביי 500 איילן וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטער וואַנט. דער פּלאַץ האָט זיך גערופן דער הר־הבית (באַרג פון בית המקדש). אין דער וואַנט זיינען געווען 5 טויערן: איינע אין דרום זייט, איינע אין מערב זייט, איינע אין צפון זייט, און צוויי אין מזרח זייט.

טיפער אינעווייניק איז געווען אַ קלענערער מויער אין אַלע פיר זייטן וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דעם טעמפּל און האָט זיך גערופן „סורג". פון דער וואַנט אין דער מזרח זייט איז געווען דער אַריינגאַנג צו דער „עזרה" (טעמפּל הויף). דער ערשטער הויף איז געווען די עזרת נשים (פרויען הויף) און פיר גרויסע קאַמערן. פון דאָרטן האָבן טרעפּ געפירט צו דער עזרת ישראל (מענער הויף) און פאַרשידענע צימערן פאַר פאַרשידענע נוצלעכקייטן. צוועלף טרעפּ האָבן געפירט צום אולם. די הויך פון דער וואַנט פון אולם איז געווען 100 איילן הויך און 5 איילן דיק. אין דעם זאַל־אולם איז געשטאַנען דער מזבח. פון אולם זיינען געווען אַריינגאַנגען צום אינעווייניקסטן זאַל, דעם „היכל". דאָרטן זיינען געשטאַנען די מנורה, דער גאָלדענער מזבח פאַר רויכערן בשמים, און דער גאָלדענער טיש פאַר דעם לחם־הפּנים, פאַר די צוועלף חלות וואָס יעדע וואָך פלעגט מען זיי אומבייטן. צוויי רייען פאָרהאַנגען האָבן אָפּגעטיילט דעם היכל פון דעם אָרט — קודש־הקדשים. אין דער הייליקייט האָט קיין בשר ודם ניט געטאָרט אַריינקומען, חוץ דער כהן־גדול, און דאָס אויך נאָר איין מאָל אין יאָר אום יום כיפּור. דער אַריינקומען פון דעם כהן גדול אין דעם קדוש־הקדשים איז געווען די הייליקסטע עבודה פון יום כיפּור, עס האָט דערהאַלטן אין זיך די מיסטעריע פון גאָט־באַהעפטונג. עס זיינען געווען פאַרשידענע געביידעס פאַר פאַרשידענע קאַמערן (לשכות) פאַר פאַרשידענע פונקציעס פון טעמפּל. אַ צאָל טויערן פאַר אַריינקומען און אַרויסגיין, און פאַר ספּעציאַלע פאַרשידענע צוועקן, אַזוי אַ ספּעציאַלע טיער פאַר אַריינפירן די בהמות פאַר קרבנות, דער שער הקרבן, — פאַר די קדשי־קדשים קרבנות; שער הבכורות דורך וועלכער בכורות קרבנות זיינען געווען אַריינגעפירט. אין דעם אַריינגאַנג פון שער הניצוץ האָט געפירט צו אַ גאַלעריע ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער כהנים־וואַך פאַר דעם בית המקדש; אויך האָבן זיך געפונען פיל אַנדערע פונקטן וואָס זיינען באַוואַכט געוואָרן פון די כהנים און לוים. אַלע טויערן אין בית המקדש חוץ איינעם זיינען געווען באַדעקט מיט גאָלד. די ווענט אין היכל זיינען געווען באַדעקט מיט גאָלד. (זע מסכתא מידות).

איצט וועלן מיר ברענגען איינצעלנע דינים, איינפירונגען און טראַדיציע פון בית המקדש.

1) משנה מסכתא יומא ג:ג (3:3. „אין אדם נכנס לעזרה לעבודה, אפילו

1) איך האַלט פאַר וויכטיק צו נוצן אויסצוגן פון דער משנה ווייל עס איז פון דער עפּאָכע פון בית שני און נאָך דעם.

טהור, עד שיטבל.״ „קיין מענטש קען ניט אַרײַנקומען אין דער עזרה (הויף) צו דער גאָטס־דינסט, אַפילו ווען ער איז ריין (טהור) סיידן ער איז געטובלט״ (געוואַשן אין וואַסער).

אין בית המקדש זײַנען געווען אַ גרויסע צאָל כלים וואָס זײַנען באַנוצט געוואָרן פון די כהנים. אויף די ימים טובים פלעגן אָנקומען זייער פיל מענטשן פון גאַנצן לאַנד. די פּראָסטע מענטשן און די אָרעמע האָבן ניט געקענט האַלטן זייערע קליידער אין דער געהעריקער ריינקייט, האָבן זיי געקענט דורך זייער באַרירונג מאַכן די כלים אומריין. איז געווען אָנגענומען אַז באַלד נאָך יום טוב פלעגט מען וואַשן און רייניקן אַלע זאַכן פון טעמפּל. די מנורה האָט געדאַרפט ברענען שטענדיק, ניט אויסגעלאָשן ווערן; די חלות האָבן געדאַרפט ליגן שטענדיק אויף דעם גאָלדענעם טיש: דעריבער האָט מען זיי ניט געקענט אַרויסנעמען צו ווערן געוואַשן, פלעגט אויסגערופן ווערן אין טעמפּל די וואָרנונג, אַז קיינער זאָל ניט אָנרירן דעם גאָלדענעם טיש און די מנורה. (איז אַ פראַגע, אויב די אָקסן וואָס מען האָט געבראַכט צו פאַרקויפן האָבן פאַר־שטאַנען די וואָרנונג?)

משנה מסכת ברכות 5:9. „לא יקל את ראשו כנגד שער המזרח, שהו מכון כנגד בית קדשי הקדשים.״

אַ מענטש זאָל ניט גרינג מאַכן זײַן קאָפּ קעגן דעם טויער פון מזרח, ווייל דער טויער איז אַנטקעגן פון דער הייליקייט פון הייליקייטן (קודש הקדשים).

דער טויער פון דער מזרח זייט פון הר הבית איז געווען אַנטקעגן דעם קודש הקדשים וואָס איז געווען אויף דעם אַנדערן ענד פון טעמפּל אין דער מעריב זייט. דאָס ווייזט ווי הייליק מען האָט געהאַלטן דעם טעמפּל, אַז אַפילו אין דערויסן, קעגן דעם טויער פון דער אויסערדיקער וואַנט, דאַרף מען זיך האַלטן אין ערנסט און מיט געטליכע כוונות און ניט זײַן פאַרנומען מיט לײַכט־זיניקע מחשבות.

משנה מסכתא ברכות 6:9. „לא יכנס להר הבית לא במקלו, ולא במנעלו, ולא בפונדתו, ולא באבק של רגליו, ולא יעשנו קפנדריא, ורקיקה.״

מען זאָל ניט אַרויפקומען אויפן הר־הבית ניט מיט זײַן שטעקן, און ניט מיט די שיך אויף די פיס, און ניט טראָגענדיק דעם גאַרטל מיט דער געלט־בייטל, און אויך ניט מיט שטויב אויף די פיס. ניט מאַכן פאַר אַ קורצן דורכגאַנג־אָרט און ניט שפּייען.

אין יענע צייטן איז געווען דער הויפּט מיטל פון אַריבערקומען פון איין פּלאַץ צו אַן אַנדערן — פוס־גאַנג. כדי צו מאַכן גרינגער דאָס גיין, פלעגט ווערן באַנוצט צוגעפּאַסטע הילכע שטעקנס: ווערט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל ניט קומען אויף דעם באַרג פון טעמפּל מיט אַזעלכע שטעקנס, ווייל עס וואָלט געמאַכט דעם אויסזען ווי זיי גייען אין וועג, און וואָלט געמאַכט אַ וואָכעדיקן אײַנדרוק. מען דאַרף אַראָפּנעמען די שיך, ווייל עס איז געווען אָנגענומען אַז אין אַ הייליקן פּלאַץ נעמט מען אַראָפּ די שיך, אויך אַפילו ווען די שיך זײַנען

אויסגעטאָן, קען מען ניט אַריינקומען מיט דעם שטויב אויף די פּיס, זיי דאַרפן ווערן געוואַשן. אויך ניט מיט דער געלט־בייטל: אין יענע צייטן האָבן די דורכשניטלעכע קליידער ניט געהאַט קיין קעשענעס, פלעגט מען טראָגן אַ גאַרטל אויף וועלכן ס'איז געהאַנגען די בייטל צו האַלטן געלט. ווערט אָנגעזאָגט ניט קומען אין טעמפּל מיט דעם געלט־גאַרטל: ווייל עס מאַכט דעם אויסזען פון וואָכעדיקייט און געשעפטסמעסיקייט. ניט נאָר אום יום־טוב, נאָר אַפילו פאַר דער מיטן־וואָך גילט די פאַראָרדענונג.

עס איז דאָ אַ דין פאַר מענטשן וואָס האָבן אָראָפּגענומענע פּיס, און האַלטן זייערע פּיס אַרומגעוויקלט מיט טיכער אָדער אין לעדערנע קישעלעך, איז דער דין אין דער משנה, אַז ער קען אַריינגיין מיט די טיכער אין דער עזרה אין הויף פון בית המקדש: ווייל די טיכער ווערן ניט פאַררעכנט פאַר שיך, דעריבער דאַרף מען די טיכער ניט אַרונטערנעמען.

משנה מסכתא שבת פּרק 8:6 „כסא וסמוכות שלו טמאין מדרס, ואין יוצאין בהן בשבת, ואין נכנסין בהן בעזרה."

אַ לאָמער וואָס געברויכט אַ וועגעלע מיט רעדלעך פאַר די פּיס און פאַר ווייכקייט וועגן אויסגעבעט מיט אַ קישעלע, ווערט עס טמא דורך אַרויפטרעטונג אויף אומריינקייט, מען טאָר ניט אַרויסגיין מיט זיי אום שבת, און מען טאָר ניט אַריין מיט זיי אין דער עזרה פון בית המקדש, ווייל זיי זיינען אַזוי ווי שיך. דער זעלבער דין איז אויף קני־פּיס פון האָלץ.

דער בית המקדש איז געהאַלטן געוואָרן פאַר אַזאַ גרויסער הייליקייט, אַז אַפילו אַריינקומען נאָר אין הויף האָט זיך געפאָדערט אויסערגעווינלעכע ריינקייט, און בכבודיקע האַלטונג אין דעם אָרט פון דער הייליקייט.

קען דען צו אַ מענטשן וואָס באַזיצט ניכטערן און געזונטן פאַרשטאַנד, און האָט אַ גערעכטע באַציונג צו פאַקטן, וואָס פאַרמאָגט שרייבערישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַריין אין מח אַזאַ אַבסורד, אַז דעם פּרעכטיקן און גאָלדבאַפּוצטן טעמפּל, מיט גלאַטע טייערע שטיינער אויסגעלייגטן דיל, טיילן באַהאַנגען מיט ווערטפולע דראַפּירונגען, וועט מען מאַכן פאַר אַ מאַרק פון בהמות און שעפּסן?

עס קען אַזוי דערלאָזן ווערן, און אַזוי פיל די „רייניקונג פון טעמפּל" האָט ממשות פון אמת: ווי מען זאָל זאָגן אַז אין דעם פּאַריזער נאָטרע דאַם, ווען עס קומט אַ יום־טוב, ברייינגט מען אַריין חזירים צו פאַרקויפן.

דעריבער יעדער רעכט דענקענדיקער מענטש, גלוביקער אָדער אומגלוביקער, דאַרף וויסן און פאַרשטיין, אַז אַזעלכע זאַכן, ווי אַ מאַרק פון בהמות, האָט ניט געקענט פאַרקומען אין בית המקדש, ווי עס קען ניט פאַרקומען אין וועלכן עס איז טעמפּל אָדער קאַטעדראַל.

אַפילו פון דעם פאַרקויפן פון טויבן אין טעמפּל, גיט איבער אַ גמרא אַז אויפן הר הזיתים זיינען געוועזן צוויי טענען בוימער (ארזים) און טענען בוימער זיינען געוועזן אַ זעלטנקייט אין יהודה, דערפאַר זיינען די צוויי בוימער גוט באַוווּסט. אונטער די בוימער זיינען געוועזן קראָמען ווו מען האָט פאַר־

קויפט טויבן; טורקל און אַנדערע.

ירושלמי תענית הלכה 5. „שני ארזים היו בהר הזיתים, ומתחתיהם היו חנויות שהיו מוכרים שם תורים ובני יונה.״ 1)

אַזוי אַז אַפילו די טויבן האָט מען פאַרקויפט ניט אויפן באַרג פון טעמפּל, נאָר אויף אַ דערבייאיקער באַרג וואָס האָט זיך גערופן די באַרג פון אייל־בערטן.

אַזוי אויך איז פאַראַן געשיכטלעכע קוואַלן אַז עס איז געווען אין ירושלים אַ באַזונדער פּלאַץ אויף צו פאַרקויפן בהמות. דאָס ווערט דערמאָנט צופעליק וואָס איז שייך גאָר צו אַ דין פון מעשר שני, אַ צענט־חלק פאַרן מקדש, דאָס מיינט דער צווייטער מעשר, וואָס מען קויפט פאַר די געלט אַ בהמה און מען ברייגנט דאָס פאַר אַ קרבן שלמים, און דער ברייגנגער עסט די פלייש אין ירושלים. עס איז די פראַגע אויב אימעצער געפינט געלט אויפן פּלאַץ ווו מען פאַרקויפט בהמות, איז אַפילו אין וואָכעדיקע טעג זיינען די געלט מעשר שני, עס איז הייליק געלט וואָס איז אָפּגעשיידט געוואָרן צו קויפן אַ קרבן. אָבער ווען די געלט ווערט געפונען אויפן הר הבית איז עס אַלעמאָל וואָכעדיקע געלט און מען קען עס פאַרברויכן אויף וואָס מען וויל. דאָס ווייזט אַז עס איז געווען אַ באַזונדער פּלאַץ פאַר פאַרקויפן בהמות. עס איז ווערט צו דערמאָנען אין פולן דעם דין. ווען געלט ווערט געפונען אין ירושלים אין טאָג פון יום טוב, איז דאָס מעשר געלד. די אורזאַכע דערפון איז ווייל אין ירושלים פלעגט מען רייניקן די גאַסן אַלע טאָג, וואָלטן דאָך די רייניקער געפונען די געלט; דעריבער איז די געלט פאַרלאָרן געוואָרן אום יום טוב, וואָס אין דעם טאָג קומט מען צו קויפן קרבנות. אָבער אויפן באַרג פון טעמפּל טוט מען אויס די שיך און מען וואַשט די פיס, איז קיין שטויב ניטאָ און מען געברויכט ניט צו רייניקן יעדן טאָג; אַזוי די געלט האָט געקענט פאַרלאָרן ווערן אין וואָכעדיקע טעג, וואָס איז געוויינלעכע געלט און קען פאַרנוצט ווערן.

אויב עס וואָלט דאָרטן געווען אַ בהמה־מאַרק וואָלט מען געדאַרפט רייניקן ניט וואָס יעדן טאָג נאָר יעדע שעה.

אַצונד וועלן מיר באַטראַכטן וואָס מען האָט דאָרט געקענט קויפן און פאַרקויפן.

דער טעמפּל האָט זיך געניייטיקט אין זייער פיל זאַכן. אַזאַ אומגעהייערע אינסטיטוציע ווי דער טעמפּל איז געווען וואָס האָט געדינט פאַר הונדערט טויזנטער מענטשן; דער איינציקער טעמפּל פאַרן גאַנצן לאַנד האָט געהאַט זייער אַ גרויסן „בודזשעט״, איז געווען איינגעפירט אַז יעדע דרייסיק טעג פלעגט מען אָפּמאַכן די פּרייזן מיט די צושטעלער פון אַלע פּראָדוקטן און אַלע נויטיקע כלים פאַר די שפּייכלער־קאַמערן (לשכות).

משנה, שקלים, פרק 9:4 „אחת לשלשים יום משערין את הלשכה.״

---

1) זע, ה. ליבערמאַן, שלום אַש און קריסטענטום, ז. 67.

עס מיינט אַז לויט די אָפּגעמאַכטע מקחים פלעגן די סוחרים צושטעלן יעדן טאָג אַלע נייטיקע אַרטיקלען ווי בהמות, שאָף, טויבן, ווייַנען, מעלן און איילן, האָלץ און איבעריקע. די צוגעשטעלטע זאַכן פלעגן איבערגעגעבן ווערן צו די כהנים וואָס זיינען געווען ספּעציאל אָנגעשטעלט פאַר דעם צוועק. פאַר די בהמות איז געווען אַ באַזונדער טויער דורך וועלכער די כהנים פלעגן זיי אַריינפירן צום פּלאַץ וווּ מען האָט זיי געהאַלטן ביז דער צייט פון זייער שעכטונג.

אויך דער קרבן ברייַנגער האָט זיך געניטיקט אין נסכים: עס מיינט, אין וויין, אייל, מעל, זאַכן וואָס זיינען נייטיק אין צערעמאָניאַל פון דער קרבן ברייַנגונג. דער טעמפּל אויפזעער האָט געהאַט פאַר דעם צוועק אַ באַזונדער קאַמער מיט אַ ספּעציאַלן אָנגעשטעלטן פאַר דערויף. דער קרבן ברייַנגער גייט אַריין אין דער קאַמער, באַצאָלט די געלט און ער קריגט דערפאַר אַ צעטל. דער מאַן גיט דעם צעטל צום געהעריקן כהן, און דער כהן באַזאָרגט מיט די אַלע זאַכן.

אַזוי איז עס ניט פאַרגעקומען קיין קויפונג און פאַרקויפונג.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צום טייל פון דער פאַבל וואָס יעזוס וואַרפט אום די טישן פון די געלד וועקסלער (מאַני טשענדזשערס). מאַני־טשענדזשערס איז אַ וואָרט וואָס איז באַוווּסט געוואָרן אין פיל שפּראַכן. עס איז געשאַפן געוואָרן דער מיטאָס, די מעשה, אַז אַפילו אין בית המקדש האָבן יידן געהאַט געלט־וועקסלער וועלכע האָבן דאָרט געמאַכט די גרעסטע געשעפטן.

צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין ריכטיק און קלאָר דאַרף מען זיך באַקענען מיט דעם צוועק און אויפגאַבע פון די געלט־אויסבייטער.

נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן לויטעט דער געזעץ פון דער תורה, אַז יעדער ישראל פון דעם עלטער פון צוואַנציק יאָר איז מחויב צו צאָלן אַ האַלבן שקל אַ יאָר פאַר די הוצאות פון דער אויסהאַלטונג פון משכן און שפּעטער פון בית המקדש. אין יעזוס צייט האָט מען געצאָלט אַ גאַנצן שקל וואָס איז האַלב פון אַ סלע.

זאָגט די משנה: „באדר משמיעין על השקלים". — אין דעם ערשטן טאָג פון אדר, וואָס איז זעקס וואָכן פאַר פסח, האָט דער בית דין פון ירושלים אַרויסגעשיקט מענטשן איבערן לאַנד זיי זאָלן מאַכן וויסן אַז יעדער דאַרף אָנהייבן צאָלן זיין שקל. משנה שקלים, פרק א:ג. „בחמשה עשר בו שלחנות היו יישבן במדינה, בעשרים וחמשה ישבו במקדש." — אין פופצנטן אדר האָבן זיך אויסגעזעצט די געלט אויסטוישער אין דער מדינה, און דעם פינף און צוואַנציקסטן דעם חודש, צוויי און אַ האַלב וואָכן פאַר פסח, האָבן זיך די געלט אויסטוישער אויסגעזעצט אין ירושלים, לויט אַן אַנדער מיינונג אין בית המקדש.

די געלט אויסבייטער האָט מען געדאַרפט האָבן פאַר דעם פאָלגענדיקן צוועק.

די תורה זאָגט אַז אַלע דאַרפֿן געבן גלייך ווי דער אָרימער אַזוי דער רייכער, ניט מער און ניט ווייניקער פֿון אַ מחצית השקל. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שקל, צוויי שקלים איז געווען ווערט אַ סלע. די יידן פֿון ירושלים, און דערהויפּט די אָנגעקומענע, האָבן געהאַט פֿאַרשידענע מטבעות פֿון געלט, האָבן זיי זיך גענויטיקט צו אויסטוישן זייער געלט אין שקלים און סלעס, כדי איינצאָלן זייער חוב צום בית המקדש.

די געלט־בייטער פֿלעגן אויסטוישן די מטבעות, פֿאַר דער פֿאַרויס באַשטימטער פּרייז, וואָס איז באַשטאַנען אַ קלבון פֿאַר יעדן אויסגעטוישטן שקל. משנה שקלים 5:6, „שלשה עשר שופרות היו במקדש.״ אין טעמפּל זיינען געווען 13 געלט־קאַסטנס. די קאַסטנס זיינען געווען אונטן ברייט און כסדר שמעלער צום אויבן, אַזוי אַז אין דעם אויבן פֿון קאַסטן איז געווען אַן עפֿענונג פֿאַר מטבעות. די ערשטע קאַסטן איז געווען פֿאַר די שקלים פֿון דעם זעלבן יאָר, די צווייטע פֿאַר די שקלים פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר פֿאַר די וואָס האָבן נאָך ניט באַצאָלט, די איבעריקע קאַסטנס זיינען געווען פֿאַר נדבות פֿאַר פֿאַרשידענע צוועקן. פֿיל יידן האָבן זיך גענויטיקט אין די שקלים־מטבעות אויף אַריינוואַרפֿן אין די קאַסטנס, האָבן זיי אויסגעביטן זייער געלט ביי די אָפֿיציעלע געלט־טוישער, באַצאָלענדיק דעם באַשטימטן קלבון.

די שולחנות זיינען געווען אַזעלכע באַנקירן ווי די מיידל וואָס זיצט אין אַ האָטעל לאָבי אָדער אין אַ באַן־סטאַנציע און בייט אויס דאָלער בילס אָדער האַלבע דאָלערס אויף פֿינף אָדער צען סענט שטיקער צו אַריינוואַרפֿן אין געלט קעסטל אין דער טעלעפֿאָן ביידל.

אויך איז געווען אַ צווייטע סיבה פֿאַר געלט אויסטוישונג. יידן האָבן ניט געמאַכט זייערע מטבעות מיט מענטשלעכע בילדער, אָדער מיט בילדער פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן: האָט די רוימישע רעגירונג דערלויבט די יידן צו גיסן זייערע אייגענע מטבעות אין וועלכע די בילדער זיינען באַשטאַנען פֿון פֿלאַנצונגען אָדער פֿון ניט־לעבעדיק שטאַנדזאַכן.

די יידן זיינען געווען אַזוי שטאַרק אויסגעשפּראָכן קעגן מענטש־גאָט קולט, אַז אַפֿילו נאָר אַ סימן פֿון דעם קולט איז געווען דערווידער צו זיי. האָבן די פֿרימערע יידן געהאַלטן פֿאַר ניט פּאַסיק, און אַ פֿאַרשוועכונג פֿון גאָט׳ס הייליקטום צו אַריינקומען אין בית המקדש מיט אַזעלכע געלט וואָס האָבן מענטשלעכע בילדער. אַזוי ווי אויף פּסח קומען אָן יידן פֿון פֿאַרשידענע פּראָווינצן און אויך פֿון וווייטע לענדער און האָבן אין זייער באַזיץ פֿאַרשידענע מטבעות מיט פֿאַרשידענע מענטשליכע און לעבעדיקע ברואים: טוישן זיי גערן אויף די מטבעות פֿון יהודה, אָן בילדער פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן.

די אויסטוישער זיינען ניט געווען באַנקירן וועלכע האָבן דאָרט געמאַכט טראַנסאַקציעס, אָדער געגעבן געלט אויף פּראָצענט, אויך דאָרט איז ניט אָנגעגאַנגען בירזשע (עקסטשענדזש) ספּעקולאַציעס.

פֿאַרשטענדלעך אַז די ניט־יידן פֿון אַמאָל, און אויך פֿון דער שפּעטער־דיקער צייט, און אַפֿילו פֿון היינטיקער צייט, קענען ניט פֿאַרשטיין און האָבן

ניט קיין השגה ווארום זאָלן מטבעות מיט מענטשלעכע בילדער זיין ניט גוט: ווי דען אַנדערש דאַרפן זיין געלט־מטבעות? האָבן זיי געקראָגן אַ חשד אַז עס מוז זיין דאָ עפּעס ניט כּשר: זיינען די אומשולדיקע יידן וועלכע האָבן צוליב מצוה, און פאַר אַ באַשטימטער צוצאָלונג באַשטימט פון דעם מקדש אויטאָריטעטן אויסטויש געלט פאַר שקלים, באַקומען דעם ווייט־פאַרשפּרייטן זידל־נאָמען „מאָני טשענדזשערס".

דער זידל־וואָרט האָט באַקומען כּוח און גבורה גראָד אין די געלט־לענדער אין וועלכע בענק, בירזשע, פּראָצענט, אַקציעס, אינוועסטירונגען, הלוואות זיינען די זיילן פון זייער ווירטשאַפטלעכן סדר פון לעבן.

אויך דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַז די שקלים־בייטונג איז ניט געווען אַ שטענדיקע, אַ גאַנץ יאָריקע אינסטיטוציע. עס איז נאָר איינגעפירט געוואָרן אויף די וואָכן פון פּסח, אין באַשטימטע טעג ווען זיי קענען אָנפירן די אויס־בייטונג.

אַזוי האָט יעזוס דעם ׳טעמפּל׳ ניט גערייניקט: ווייל עס איז ניט געווען וואָס צו רייניקן; עס איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע מעשה וואָס איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען.

אַפילו ווען מיר דערלאָזן אַז אַזוי איז געווען, איז ווו איז געווען די מעגלעכקייט צו אויספירן דעם טאַט? אין טעמפּל איז געווען אַ שטענדיקע באַוואָפנטע מאַכט, און אַ גרויסע צאָל כּהנים און לוים וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויפן אָרדער איבער די גרויסע צאָלן אַרום און אין מקדש. ווי אַזוי האָט דאָס געקענט טאָן איין פּערזאָן אָדער אַפילו אַ צאָל אונבאַוואָפנטע פּער־זאָנען? פאַרנעמען דעם טעמפּל און אַרויסטרייבן די מענטשן און די בהמות, אומוואַרפן די טישן און אויסשיטן דאָס געלט?

ווי יאָהאָן גיט איבער, איז די איינציקע וואָפן אין יעזוס הענט געווען אַ בייטש פון דינע שטריקלעך. אויך די רוימישע פּאַטרולן האָבן געוואַכט אין דער נאָכבאַרשאַפט פון דעם הר הבית.

די געלט־וועקסלער, ווי די עוואַנגעליעס מאַכן דעם איינדרוק, זיינען געווען געלט־גייציקע מענטשן וואָס האָבן געמאַכט גרויסע פאַרדינסטן. אַזעלכע מענטשן וואָלטן זיך אויך אַזוי גרינג ניט אונטערגעגעבן, זיי וואָלטן מיט כּוח פאַרטיידיקט זייער פאַרמעגן.

די פראַגע איז אָפן, ווי האָט יעזוס מיט זיינע נאָכפאָלגער געקענט מאַכן אַזעלכע אומאָרדענונגען אין טעמפּל קעגן אַזאַ צאָל כּהנים און באַוואָפנטער מאַכט?

עס איז אויך צו אָפּפרעגן די מעשה פון דער רייניקונג.

אויך קען מען ניט אינגאַנצן אָפּלייקענען די געשיכטע. אַלע עוואַנגעליע־שרייבער גיבן עס איבער, עס מאַכט ניט אויס זייערע פאַרשידענע ווערסיעס. עס ווייזט אַ זאַך וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער פריערדיקער טראַדיציע פון די קריסטן.

דעריבער דאַרפן מיר פאָרשן און דורכדרינגען דאָס פאָרגעקומענע,

נישטערן אַלע סימנים וואָס זאָלן עפענען דאָס פאַרשלאָסענע.

די רייניקונג איז איינער פון די אינצידענטן וואָס די קריסטלעכע טראַדיציע דערציילט עפּעס; אָבער באַהאַלט דאָס ווירקלעך געשעענע.

לאָמיר גיין פון טראָט צו טראָט, פון איין אַקט צום צווייטן, פון אָנפאַנג צו פאָלגן; באַנעמען די לאָגישקייט און פסיכאָלאָגיע פון געשעענע פאַקטן.

יעזוס אַריינקום איז געווען אַ גראַנדיעזע עפנטלעכע דערקלערונג פון דעם אָנקום פון משיח און מיט אים די מלוכה פון דוד. פּלוצים די קריסטלעכע טראַדיציע ברעכט אַלץ אָפּ, צעברעקלט דעם גראַנדיאָז אין אומוויכטיקע שטיקלעך.

וואָס האָט יעזוס געדאַרפט טאָן נאָך זיין טריאומף־אַריינקום? — ער האָט גלייך געדאַרפט און געמוזט גיין צום בית המקדש, איבערנעמען דעם קאָנטראָל און דערקלערן אַז ער איז משיח און דעם אָנקום פון דער מלוכה פון דוד. אַזוי האָט יעזוס געטאָן, ער מיט זיינע מענטשן זיינען אַוועק צום בית המקדש.

יעזוס איז ניט געווען דער מאַן פון מאַכן פאַראַדן, ער האָט געריטן אויפן אייזל ניט צוליב דעם עס זאָל זיין אין דער גלייכונג פון די רייד פון נביא, אויך ניט פאַר דעם צוועק פון דורכפאָרן זיך. יעזוס האָט געגלויבט אַז ער איז משיח; פּסח איז דער יום טוב פון באַפרייונג, אין דעם טאָג איז ער געווען גרייט אַראָפּברייננגען די צוגעזאָגטע מלוכה פון גאָט. ער איז געווען זיכער אַז ער איז געשיקט פון גאָט, און קיין ווידערשטאַנד וועט ניט זיין ביכולת אים אָפּהאַלטן; אַן שוועריקייטן וועלן זיי פאַרנעמען אַלע באַפעסטיקטע ערטער און טורעמס פון בית המקדש. אין אָנהויב האָט יעזוס געהאַט דערפאָלג, דער עולם האָט אָנגעהויבן לויפן אין פּאַניק; אין דער מהומה האָבן זיינע מענטשן אָנגעהויבן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס, אין טיילן פון מקדש האָבן זיי גע־קראָגן פולן קאָנטראָל. ער האָט אָפּגעשניטן אַלע פאַרבינדונגען מיט די טיילן פון בית המקדש וועלכע האָבן זיך געהאַלטן און זיינען ניט פאַרנומען געוואָרן. אַן אָנדייטונג אויף דערויף גיט מאַרקוס.

. מק. 16:11. „ער האָט ניט דערלויבט אַז אימעצער זאָל טראָגן כלים דורך דעם טעמפּל.״

פּש. ווען די כהנים זיינען געקומען צו זיך פון דעם איבערראַשיקן איבער־פאַל, איז אָרגאַניזירט געוואָרן די שטענדיקע וואַך, און די אָרדענונג היטערס פון די כהנים און לוים. צום סוף האָבן זיי צוריקגעשטויסן די גליליער מחנות, און פאַרטריבן זיי פון הר הבית. אין אַזאַ מהומה איז פאַרשטענדלעך אַז עס זאָלן ליידן די טישלער און די געלט פון די טישן.

פּאולוס און די שפּעטערדיקע קירך האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע יידישע אַספּי־ראַציעס, האָבן אויך אָפּגעוואָרפן אַלע פּאָליטיש־רעליגיעזע אַרויסטרעטונגען פון יעזוס. דאָס איז די סיבה פון דער אָפּברעכונג פון יעזוס טריאומף־מאַרש, פון דער עפנטלעכער דערקלערונג פון דעם קומען פון משיח, און פון דער מלוכה פון דוד אויף דער ערד.

די עוואַנגעליעס פאַרוואַנדלען דעם 'הושענא צום זון פון דוד' אין אַ

פּאַרס; די אַנקומענדיקע מלוכה, דער אַנקומענדיקער משיח דריקן זיך אויס אין אומוואַרפן דערלויבטע געלט־טישן, און אין דער אַרויסטרייבונג פון אויס־געטראַכטע 'קויפער און פאַרקויפער'. דער דערקלערטער משיח ענדיקט מיט דעם פּאַכן פון אַ בייטשל.

דער אינצידענט פון דעם דורכפּאַל אין טעמפּל אין דער צייט פון דער גרעסטער דערוואַרטונג פון די תלמידים און מיטגייער: האָט ניט געקענט פאַרגעסן ווערן. די תלמידים האָבן די פּאַסירונג דערציילט און איבערגעגעבן צו זייערע שפּעטערדיקע מיטגלויביקע. די זעלבע טראַדיציע איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן צו די נייע היידן־קריסטן. מיט דער אַנטוויקלונג פון קריסטלעכן גלויבן, מיט דעם אויפקום פון זייערע קירכעס, וועלכע האָבן ניט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס צו אַ דוד'ס מלוכה, און פון אַ משיח פאַר דער הויז פון ישראל. די נייע קירכעס פון נייעם גלויבן האָבן ניט געוווּסט און האָבן ניט געוואָלט וויסן פון דער אומגעהייער ראָלע וואָס דער בית המקדש האָט געהאַט און געווירקט אין דער יידישער געשיכטע, און אויך פון דאַמאָלסטדיקן יידישן לעבן. זוכענדיק מיטלען ווי פּטור צו ווערן פון דער פאַרשפּרייטער מינד־לעכער טראַדיציע פון מעשה־טעמפּל: האָבן זיי עס פאַרוואַנדלט אין דער ניט־געשטייגענער געשיכטע פון דער „טעמפּל־רייניקונג."

די וויטערדיקע געשעענישן פון יעזוס איבערפּאַל אויף דעם בית המקדש זיינען לײדיק אויף די בלעטער פון געשיכטע, און אויך בלאַנק אויף די בלעטער פון די עוואַנגעליעס. די עוואַנגעליעס פאַרגעסן דעם גאַנצן עפּיזאָד און מעקן עס אויס פון דעם אָנדענק אין זייער וויטערדיקן שרייבן.

דער געוואַגסטער פון די פיר אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס פריי בייט, אַנדערשט און וואַרפט אָפּ די פריערדיקע קריסטלעכע טראַדיציע, ער דרייט היסטאָריע אַרום זיין שרייב פינגער: ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז שווערלעך, לויט דעם סדר פון די עוואַנגעליעס, צו פאַרבייטן יעזוס אַטאַקע אויפן טעמפּל, אויף טעמפּל רייניקונג. עס גיסט זיך ניט צוזאַמען אין שכל מיט מענטשלעכן פאַרשטאַנד דער הושענא־טריומף מיט אַרויסטרייבונג פון אָקסן. יאָהאַן טראַכט ניט קיין סך דאָרט ווו מען דאַרף בייטן היסטאָרישע פּאַסירונגען: אַזוי מאַכט ער די רייניקונג פון טעמפּל מיט אַרום דריי יאָר פריער. אין אָנפאַנג פון יעזוס אַקטואַלע אַרויסטרעטונגען קומט ער גלייך מיט זיין בייטש און נעמט איבער דעם אויפזיכט איבער דעם טעמפּל, טרייבט אַרויס די אָקסן און שעפּסן וועלכע מען האָט דאָרט געקויפט און פאַרקויפט, קערט איבער די געלט בייטונג טישן. די אַלע הויפּט כהנים, סופרים, פּרושים וועלכע האָבן געזוכט כאָטש אים אַריינכאַפּן אין אַ וואָרט מען זאָל אים קענען באַשולדיקן: איצט ציטערן זיי אויפהייבן אַ פינגער קעגן אים, און אונטערטעניק גיבן זיי זיך איבער צו זיינע באַפעלן. און נאָך דערויף האָט זיך יעזוס אין זיכערקייט אומגעקערט קיין גליל. (יאה. 3:3) „און ער האָט פאַרלאָזן יהודה, און אַוועק ווידער אין גליל." יעזוס הערלעכן אַריינקומען אין ירושלים שטופּט ער אָפּ אויף צוויי אָדער דריי יאָר שפּעטער. ער האָט דאָס געטאָן אין זיין באַוווּסטזיניקער קאָנ־

טראַדיקציע צו די דריי סינאָפּטישע אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס. ער האָט פאַרשטאַנען אַז לויט די ענלעכע עוואַנגעליעס גיט אַ שטאַרקע אורזאַך צו משפּטן יעזוסן פאַר טעמפּל שענדונג און פאַר באַפאַלן דעם טעמפּל. יאָהאַן האָט אין זיין שרייבן ווינציק גערעכנט זיך מיט די פריערדיקע פון אים דריי אַוטאָרס; ער האָט ניט דערקענט זייער אַוטאָריטעט. יאָהאַנס שרייבן איז דער בעסטער עדות פון דער אומהיסטאָרישקייט פון אַלע פיר עוואַנגעליעס.

ווען יעזוס איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אומאָרדענונג; לויט די עוואַנגעליעס, ווען ער האָט איינגעפירט אָרדענונג אין טעמפּל, און האָט אַרויסגעטריבן אַלע 'קויפער און פאַרקויפער', און פאַרטריבן די געלט־וועקסלער און צעוואָרפן זייערע טישן; איז גלייך געוואָרן שטיל, די אויפגעברויזענדיקע געמיטער האָבן זיך באַרויקט, אַלע — די כהנים, די פּרושים, די באַוואָפנטע וואַך, — האָבן זיך אויסגעזעצט צו הערן יעזוסן און ער האָט זיי געלערנט.

מת. 13:21. „און געזאָגט צו זיי, עס איז געשריבן, מיין הויז וועט גערופן ווערן די הויז פון געבעט; אָבער איר האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ הייל פון גנבים."

מק. 17:11. „און ער האָט געלערנט, זאָגנדיק צו זיי, איז עס ניט געשריבן געוואָרן, 'מיין הויז זאָל גערופן ווערן פון אַלע נאַציאָנען די הויז פון געבעט'? און איר האָט דאָס געמאַכט אַ הייל פון גנבים."

לוק. 46:19. „זאָגנדיק צו זיי, עס איז געשריבן, מיין הויז איז די הויז פון געבעט: אָבער איר האָט דאָס געמאַכט אַ הייל פון גנבים."

פש. מאַתיא און לוקאַס קאָפּירן ווערטערלעך מאַרקוסן, נאָר האָבן געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוּוואַרפן די ווערטער „פון אַלע נאַציאָנען". מוז זיין, זיי איז ניט געפעלן געווען דער אוניווערסאַליזם פון דעם נביא ישעיה.

יאָהאַן האָט פאַרשטאַנען אַז דער זיעל פון די ענלעכע אַוטאָרס איז צו גוזמאַדיק: נאָך זייער אייגענעם שרייבן האָט דאָך יעזוס נאָר געפונען דאָרט דעם אָנגאַנג פון קויף און פאַרקויף, אָבער ניט אַ הייל פון גנבים, רעווידירט ער עס אויף „אַ הויז פון מסחר."

יאָהאַן 16:2. „און ער האָט געזאָגט צו זיי וואָס האָבן פאַרקויפט טויבן, נעמט אַוועק דיזע זאַכן פון דאַנען; מאַכט ניט מיין פאָטערס הויז אַ הויז פון מסחר."

אויך יאָהאַן מאַכט שוין רעדן יעזוסן אַנדערע רייד:

יאָהאַן 17:2. „און זיינע תלמידים האָבן געדענקט אַז עס איז געשריבן געוואָרן, די קינאה (זיעל) פאַר דיין הויז האָט מיך געגעסן" (תהל. 10:69).

פש. נאָך יאָהאַנען האָט יעזוס געזאָגט זיינע אייגענע רייד. ניט אַזוי ווי די דריי פריערדיקע גאָספּעל שרייבער וואָס מאַכן יעזוסן ציטירן ישעיה 7:56, נאָר יאָהאַן שרייבט, די תלמידים האָבן זיך דערמאָנט אויף דעם פּסוק פון תהלים.

מאַתיא, מאַרקוס און לוקאַס שרייבן אַז יעזוס האָט געזאָגט 'עס איז געשריבן געוואָרן'. אָבער עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון זאָגן ווי עס

איז געשריבן, צו דאָס ווירקלעך געשריבענע. עס איז גשריבן אין ישעיה 6:56: „און די פרעמד־געבאָרענע (דזשענטיילס) וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו טאָן דינסט, און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט, אים צו זיין פאַר אַ קנעכט; איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן, און האַלט זיך אין זיין בונד, (7) זיי וועל איך ברייננען צו מיין הייליקן באַרג, איך וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט;... ווארום מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער.״

די סינאָפּטישע שרייבער כדי צו פאַרטונקלען די מיינונג פון נביא ישעיה האָבן אויך אַריינגעגעבן אין יעזוס מויל אַ טייל פון אַ פסוק פון ירמיה.

ירמיה 11:7: „איז אַ הייל פון רויבער געוואָרן אין אייערע אויגן?״

עס איז אַ גרויסער ספק אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט. יאָהאָן, דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע, איז מיט דער מיינונג אַז יעזוס האָט דאָס ניט געזאָגט, נאָר ער האָט געזאָגט פון דעם פסוק פון תהלים 10:69. אויב די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס וואָלטן געטראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער שרייבן וואָלטן זיי געדאַרפט אויסמיידן צו ציטירן פון דעם אַנגעגע־בענעם קאַפּיטל. אויב דער זאַץ 7 פון דעם קאַפּיטל טראָגט אַוטאָריטעט און עס איז הייליקע רייד פון נביא, ווארום זאָלן זיי באַטאָנען פאַר אַן אומווער־טיקייט דעם פריערדיקן פסוק 6? דער פסוק לויטעט: „איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן״...

מת. 14:21. „און די בלינדע און די לאָמע זיינען געקומען צו אים אין בית המקדש; און ער האָט זיי געהיילט.״

מק. 18:11. „און די סופרים און די הויפּט כהנים האָבן עס געהערט, און האָבן געזוכט ווי אַזוי זיי זאָלן אים קענען פאַרניכטן: ווארום זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט, מחמת אַלע מענטשן זיינען געווען דערשטוינט פון זיין דאָקטרינע. (19:11) און ווען דער אָוונט איז אָנגעקומען, איז ער אַרויס פון שטאָט.״

לק. 47:19. „און ער האָט געלערנט טעגלעך אין בית המקדש. אָבער די הויפּט כהנים און די סופרים און דער הויפּט פון פאָלק האָבן געזוכט צו פאַרניכטן אים. (48:19) און האָבן ניט געפינען וואָס זיי זאָלן קענען טאָן: ווארום דאָס גאַנץ פאָלק איז געווען זייער אויפמערקזאַם צו הערן אים.״

די עוואַנגעליע שרייבער זאָגן עפּעס און דערזאָגן ניט, נאָר פון זייער שרייבן קען פאַרשטאַנען ווערן אַז יעזוס האָט געהאַלטן אונטער זיין קאָנטראָל גרויסע טיילן פון בית המקדש אין משך פון טעג. לוקאַס גיט דאָס אויך אַרויס, און עס העלפט אים ניט זיין פלייסונג צו באַהאַלטן און אַנדערשן דעם עצם פון טעמפּל אינצידענט: „זיי האָבן ניט געקענט געפינען וואָס זיי זאָלן קענען טאָן.״ דאָס גאַנץ פאָלק איז געווען מיט אים. דאָס זעלבע שפּאַרט אַרויס פון דער באַהאַלטנקייט פון מאַתיא און מאַרקוס.

עס וואָלט געווען זייער וויכטיק צו וויסן וועמען האָט לוקאַס געמיינט מיט דער באַהויפּטונג ׳דער הויפּט פון פאָלק׳. אויב ער האָט געמיינט דעם

כהן גדול האָט ער דאָך געקענט אַזוי שרייבן, אויב דעם פּרעזידענט פון סנהדרין האָט ער דאָס אויך געקענט באַצייכענען. עס וואָלט דאָך געווען זייער אַ וויכטיקער היסטאָרישער פאַקט צו וויסן ווער איז געווען אין יעזוס צייט דער הויפּט פון פאָלק.

לויט די דערציילונגען פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס ווייזט זיך אַרויס די פעלעוודיקייט פון חוש פון לאָגישן דענקען, אָדער שרייבערישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מענטשן שרייבן פון אַזאַ געשיכטלעכן פאַקט, ווי יעזוס מיט זיינע מענטשן זיינען אַריינגעקומען אין בית המקדש, האָבן אַרויסגעטריבן אַלע הענדלער, צעוואָרפן די געלט־טישן, זיי זיינען געוואָרן די בעלי הבתים פון בית המקדש, יעזוס האָט געגעבן באַפעלן וווהין צו גיין און וואָס מען קען טראָגן; און קיינער איז ניט אַרויס קעגן יעזוסן, ניט די באַוואָפנטע וואַך פון בית המקדש, ניט די כהנים, ניט די סופרים און ניט די פּרושים: מען האָט געפאָלגט אַלע יעזוס באַפעלן. אחרי כל הדברים קומט די זאָגונג „זיי האָבן געזוכט אים צו פאַרניכטן, זיי האָבן ניט געקענט." די באַוואָפנטע מאַכט האָט דאָך געקענט אַרויסשיסן עטלעכע פיילן אין יעזוס, און אין דער מהומה וואָלט עס געווען אַן אָפּגעטאַנענער אַקט. זיי האָבן געקענט רופן צו הילף רוימישע פּאַטורלן, און יענע וואָלטן שוין דאַן געקענט מאַכן די פאַרניכטונג.

אַן אָנפאַל אויף אַ טעמפּל, אומאָרדענונג אין אַ טעמפּל, צעשטערונג פון גוטס פון טעמפּל איז פאַררעכנט פאַר אַ שווערן פאַרברעכן אין אַלע לענדער, דערהויפּט לויט די רוימישע געזעצן, האָבן זיי דאָך געקענט יעזוסן אַרעסטירן און משפּטן.

ווערט אָנגעגעבן אַן אַנטשולדיקונג: לויט לוקאַס אַז דאָס פאָלק איז געווען אויפמערקזאַם צו הערן אים, האָט מען מורא געהאַט פאַרן פאָלק; לויט מאַרקוס, זיי האָבן מורא געהאַט ווייל דאָס פאָלק איז געווען דערשטוינט פון זיין דאָקטרינע. יעזוס איז ערשט אַריינגעקומען אין ירושלים, ער איז אַראָפּ פון אייזל, אַוועק גלייך אין בית המקדש, אָנגעפאַנגען די אומרוען; דער טומל האָט זיך ערשט איינגעשטילט, יעזוס האָט נאָך אַ וואָרט ניט געזאָגט פון וועלכער עס איז דאָקטרינע. עס זיינען געווען טאָטן אנשטאט דאָקטרינעס. אין אָוונט פלעגט יעזוס אַרויס פון שטאָט און גיין קיין בית עניה; האָבן זיי דאָך געקענט אים אַרעסטירן אויפן וועג ווו עס זיינען ניט געווען 'אויפמערקזאַמע צוהערער' און אויך 'דערשטוינטע פון זיין דאָקטרינע'.

זיינען דען די הויפּט כהנים און דער הויפּט פון פאָלק געווען אַזוי נאַריש, אַז זיי האָבן זיך ניט געקענט געבן אַן עצה ווי צו אַרעסטירן אַ מאַן וועלכן זיי האָבן געזוכט צו פאַרניכטן?

האָבן דען געשריבענע ווערטער ניט קיין ממשות און האַפט?

מת. 15:21 „און ווען די הויפּט כהנים און די סופרים האָבן געזען די וווּנדערפולע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, און די קינדער שרייענדיק אין טעמפּל, און זאָגענדיק, הושענא צום זון פון דוד, זיינען געווען ביטער אומ־

צופרידן. (16:21) און געזאָגט צו אים, הערסטו וואָס די דאָזיקע זאָגן? און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, יע; האָט איר קיינמאָל ניט געלייענט, אויסן פון מויל פון קליינע קינדער און זויגלינגען האָסטו פאַרפולקאָמט לויבונג.״

פּש. לאָמיר זיך באַמיען צו פאַרשטיין. הויפּט כהנים הערענדיק אין זייער טעמפּל ווי קינדער, אָדער זויג קינדער, האָבן אָנגעהויבן ריידן און שרייען אויפן קול צו יעזוס אַזעלכע ווערטער ווי ׳הושענא צום זון פון דוד׳. וואָלטן דאָך די כהנים אַריינגעפאַלן אין גרויס פאַרוווּנדערנג. זיי וואָלטן דאָך באַשיינפּערלעך געזען אין דערויף דעם פינגער פון גאָט, ווארעם אין בית המקדש וואָלט דאָך כישוף ניט געהאַט קיין מאַכט. זיי וואָלטן אָנגענומען די שטימע פון די קינדער ווי די שטימע פון גאָט, און יעזוסן וואָלטן זיי אָנגענומען אַלץ דער זון פון דוד. אָבער לויט מאַתיא האָט עס געמאַכט אויף די הויפּט כהנים אַ פאַרקערטע ווירקונג: זיי זיינען געוואָרן פאַרביטערט אומצופרידן. און מאַתיא האָט געהאַט זיין געלעגנהייט צו מאַכן יעזוסן בייטן די ווערטער פון די ציטירטע פּסוקים.

תהלים 3:8. „פון דעם מויל פון עופעלעך און פון זויגענדיקע האָסטו באַפעסטיקט דיין מאַכט.״

„מפּי עוללים ויונקים יסדתה עז למען צורריך.״

׳באַפעסטיקט דיין מאַכט׳ איז דאָך ניט ׳פאַרפולקאָמט לויבונג׳.

מילא, ווען יעזוס זאָל דאָס זאָגן צו די תלמידים, אָדער צו מענטשן פון פאָלק, וואָלטן זיי ניט געקענט וויסן אַז יעזוס האָט געביטן די ווערטער פון די שריפטן. אָבער די כהנים און סופרים האָבן דאָך זיכער געוווּסט ווי עס איז געשריבן: וואָלטן זיי זאָגן, מיר האָבן געלייענט, אָבער עס איז געשריבן ניט ווי דו זאָגסט. ווי קומט עס וואָס קינדער זאָגן נביאות פון דיר, און דער זון פון דוד זאָל ניט וויסן וואָס ער ציטירט? נאָר יעזוס וואָלט געהאַט אַ גוטע פאַרענטפערונג: דאָס שרייבט דאָך נאָר מאַתיא אַליין; אָבער קיין זאַך קען ניט באַשטעטיקט ווערן פון איין עדות.

מילא די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן ניט געקענט וויסן די באַדייטונג פון וואָרט ׳הושענא׳, אָבער זויג קינדער, ווען מען מיילכעלעך עס עפּעס אויף גאָט און מאַכט זיי צו ריידן, און גאָט ווייסט דאָך די באַדייטונג פון דעם וואָרט הושענא, וואָלט ער זיי געמאַכט ריכטיק צו ריידן: ׳הושענא, דו זון פון דוד׳ און ניט ׳הושענא צום זון פון דוד׳.

די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס נויטיקן זיך ניט אין היסטאָרישער דאַטע. פאַר זיי איז גענוג צו הערן אַ דערציילונג פון וועמען עס איז פון קרייז פון זייער קירך, און אַמאָל, ווען עס איז נויטיק, באַנוצט מען די אייגענע פאַנטאַזיע. אַזוי האָט לוקאַס זיין אייגענע מעשה, פון וועלכער די אַנדערע אַווטאָרס ווייסן ניט. ווען יעזוס רייט דעם משיחס אייזל, דער עולם שפּרייט זייערע קליידער אונטער דעם אייזלס פיס. די תלמידים און דער גאַנצער עולם האָבן מיט פרייד און הויכע קולות געלויבט גאָט, באַגייסטערט געשריען: „געבענטשט איז דער מלך וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט!״ לויט לוקאַס

**האָבן אייניקע פרושים געקענט אָפּשטעלן דעם באַגייסטערטן עולם און מאַכן זיי שווייגן, אָפּשטעלן דעם אייזל מיט דעם מלך־רייטער: אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט איז זאָגן יעזוסן: „מאַסטער, שטראָף דיינע תלמידים." דער גאַנצער אומרעאַליזם דערציילט גאָר ניט, עס איז נאָר אַריינגעפּירט געוואָרן, כדי צו ברייינגען אַ פּסוק פון חבקוק 11:2. „אַ שטיין פון דער וואַנט וועט שרייען. — כי אבן מקיר תזעק."**

ווי פיל שרייבער אַזוי פיל וואַריאַציעס, יעדער שרייבער מאַכט יעזוסן ריידן באַזונדערע רייד, וועז פאַר די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס פעלן אויס ווערטער, נעמען זיי רייד פון די נביאים און טוען אַריין אין יעזוס מויל.

**לוקאַס האָט געשריבן זיין עוואַנגעליע צענדליקער יאָרן נאָך דער יידישער מלחמה מיט די רוימער; ירושלים און דער בית המקדש זיינען שוין געווען צעשטערט: דאַן איז לייכט געווען פאַר אים צו מאַכן יעזוסן פאָרויס זאָגן דעם פאַלן פון ירושלים. דאָס באַשטעטיקט וואָס מאַרקוס און מאַתיא האָבן ניט די ווערטער.**

לוק. 41:19. „און ווען ער איז געקומען נאָענט, האָט ער געזען די שטאָט, און געוויינט איבער איר."

לוק. 42:19. „זאָגנדיק, אויב דו וואָלסט געוווּסט, אַפילו דו, צו ווייניקסטן אין דיינעם דאָזיקן טאָג, די זאַכן וואָס באַלאַנגען צו דיין פרידן! אָבער איצט זיינען זיי באַהאַלטן פון דיינע אויגן. (43:19) וואָרום די טעג וועלן קומען אויף דיר, און דיינע פיינט וועלן דיך אַרומרינגלען מיט אַ גראָבן אַרום דיר, און אַרומנעמען דיך אין אַ רינג, און דיך האַלטן איינווייניק פון אַלע זייטן. (44:19) און וועלן דיך לייגן גלייך מיט דער ערד, און דיינע קינדער מיט דיר; און זיי וועלן ניט לאָזן אין דיר איין שטיין איבער דעם אַנדערן; מחמת דו ווייסט ניט די צייט וואָס וועט דיך באַזוכן."

**פּש. די נבואה פון יעזוס איבער ירושלים איז ניט באַוווּסט צו די איבעריקע עוואַנגעליע שרייבער, אויב זיי וואָלטן געוווּסט וואָלטן זיי זיכער דאָס ניט אויסגעלאָזן; דאָס איז דער באַווייז אויף דער אומגעשיכטלעכקייט.**

מת. 17:21. „און ער האָט זיי פאַרלאָזן, און איז אַרויס פון שטאָט און געגאַנגען קיין בית־עניה, און ער האָט דאָרט גענעכטיקט."

**פּש. עס ווערט ניט דערקלערט וואָרום האָט יעזוס געדאַרפט אַרויס אין די נעכט קיין בית־עניה, און וואָרום האָט ער זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן?**

מת. 18:21. „אַצינד אין דער פרי ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו דער שטאָט, איז ער געוואָרן הונגעריק. (19) און ווען ער האָט געזען אויפן וועג אַ פייגן־בוים, איז ער צוגעקומען צו אים, און האָט גאָר ניט געפונען אויף אים, נאָר בלעטער, און האָט געזאָגט, זאָל קיין פרוכט וואַקסן אויף דיר פון איצט אָן ווייטער אויף אייביק. און אין דער זעלבער צייט איז די פייגנבוים פאַרוועלקט געוואָרן."

**פּש. דאָס זעלביקע ווערטערלעך ענלעך גיט איבער מאַרקוס. לוקאַס דער־**

מאָנט ניט דעם אינצידענט פון דער פייגנבוים, ער ברענגט אַ משל וואָס יעזוס האָט געזאָגט מכוח אַ פייגנבוים.

איז דאָס אַנגעגעבענע אַ ווילטעטיקער אַקט פון בן אדם, און פון זון פון דוד? אויב אימעצער איז הונגעריק, איז אין דעם אַ בוים ניט שולדיק. יעזוס איז הונגעריק געוואָרן פאַר פּסח, עס איז די צייט וואָס איז נאָך צו פרי אין סעזאָן, עס איז דער אָנפאַנג פון פרילינג ווען פייגנבוימער טראָגן נאָך ניט קיין פרוכט, עס איז ניט געווען קיין אויסנאַם מיט דער בוים, אַלע פייגנ־בוימער האָבן אין דער צייט ניט געהאַט קיינע פרוכט. דאָס איז דער נאַטיר־לעכער באַשאַף פון וואַקסונג: שפּראָצונג, בלעטערונג, בלומונג, דערנאָך די וואַקסונג פון פּירות. אויב איינער איז הונגעריק, גיט אים ניט זיין הונגער דאָס רעכט צו פאַרשילטן אַן אומשולדיק גאָט׳ס באַשאַף. אויב עס איז וועמענס שולד, איז דאָס די שולד פון גאָט וואָס האָט באַשאַפן די געזעצן פון סעזאָנען, צייטן פון וואַקסן, צייטן פון בליען און די צייטן פון געבן פרוכט. אויב יעזוס איז געווען הונגעריק, האָט ער געדאַרפט בענטשן דעם בוים אַז עס זאָל אָנהויבן טראָגן פרוכט פאַר דער צייט, דאַן וואָלט עס געווען אַ גרויסער וווּנ־דער: יעזוס וואָלט געשטילט זיין הונגער פון די פּלוצלונג אַרויסגעקומענע פרוכט. עס געפינען זיך פיל פאַרטריקנטע בוימער אָן קללות און אָן קיין שום ווונדער.

דאַן האָט יעזוס געקענט זאָגן:

מת. 21:21. „באמת זאָג איך אייך, אויב איר האָט גלויבן, און צווייפלט ניט, וועט איר ניט נאָר קענען טאָן דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרן צו דעם פייגן־בוים נאָר אויך אויב איר זאָלט זאָגן צו דער באַרג, זיי אָפּגערוקט, און ווער אַריינגעוואָרפן אין ים: וועט עס געטאָן ווערן."

מת. 22:21. „און אַלע זאַכן וואָס איר וועט נאָר בעטן אין תפילה, גלויבענדיק, וועט איר עס דערהאַלטן."

פּש. די פאַרוועלקונג פון דעם בוים איז מקוים געוואָרן, אָבער שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר נאָך יעזוסן, און ביז היינט דער גרעסטער גלויביקער איז אַליין ניט זיכער אַז זיין געבעט וועט מקוים ווערן. דאָס איז געזאָגט געוואָרן פון יעזוסן, מוז זיין נאָך פאַר זיין אַריינקומען אין ירושלים.

לויט מאַרקוס איז די בוים ניט גלייך פאַרוועלקט געוואָרן. יעזוס און זיינע תּלמידים זיינען אַוועק קיין ירושלים. אין אָוונט זיינען זיי געקומען צוריק צו בית־עניה. ערשט אויפן קומענדיקן מאָרגן, ווען זיי זיינען געגאַנגען ווידער צו ירושלים, האָבן זיי געפונען די בוים פאַרטריקנט.

מק. 20:11. „און אין פרי־מאָרגן, אַזוי ווי זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען, האָבן זיי געזען די פייגן־בוים אויסגעטריקנט מיט די וואָרצלען."

מת. 23:21. „און ווען ער איז געקומען אין טעמפּל, די הויפּט כהנים און די זקנים פון פאָלק זיינען געקומען צו אים אַזוי ווי ער האָט געלערנט, און געזאָגט, דורך וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט טוסטו די זאַכן? און ווער האָט געגעבן דיר דעם אויטאָריטעט?"

**פש.** די הויפּט כהנים און די זקנים, וועלכע זיינען געווען די פאָרשטייער פון פאָלק אין סנהדרין, עס מיינט די העכסטע אָנגעזעענסטע מענטשן אין ירושלים, זיינען געקומען צו יעזוסן וועלכער האָט געלערנט אין טעמפּל. אַט די אַלע פּרושים און כהנים זיינען, נאָך מאתיא און מאַרקוס, זייער גוטמוטיקע און אַלץ פאַרגעביקע מענטשן. דער מאַן וואָס האָט מיט זיין קאָמפּאַניע ערשט נעכטן געמאַכט אַזי פיל שאָדן, פאַרבראָכן קעגן געזעץ פון אָרדענונג, קעגן געזעץ פון הייליקייט פון בית המקדש, קעגן די דערלויבטע געלט בייטער צו בייטן די געלט פאַר שקלים — קומען איצט אָן מורא אין זעלבן טעמפּל. די געזעץ געבער, די פּריסטן פון טעמפּל האָבן אים פאַרגעבן און פאַרגעסן, און קומען ביי אים פרעגן דורך וועלכן אַווטאָריטעט טוט ער די „זאַכן". וועלכע זאַכן האָט יעזוס געטאָן אין ירושלים? ווי עס איז באַוווּסט איז ער ערשט נעכטן געקומען אויף אָן אייזל אַלץ דער קיניג, און געמאַכט אין טעמפּל אומרוען, היינט לערנט ער אין טעמפּל. אויב די אָנגעגעבענע מענטשן וואָלטן יע עפּעס געוואָלט וויסן פון יעזוסן, וואָלטן זיי ביי אים ניט געפרעגט פון זיין אַווטאָריטעט נאָר דאָס וויכטיקסטע צו וויסן, אויב ער איז באמת דער מלך וואָס ברייגגט די מלוכה פון דוד? וואָס האָט ער בעצוועקט מיט זיין אָנפאַל אויפן טעמפּל? אויך איז אַ גרויסער צווייפל אויב יעזוס און זיינע מענטשן וואָלטן זיך דערלויבט די ריזיקאַלישקייט צו קומען אויף מאָרגן אין טעמפּל.

מת. 24:21. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, איך וועל אייך אויך פרעגן איין זאַך, אויב וועלכעס איר וועט מיר דערציילן, איך גליי־כערווייז וועל אייך דערציילן דורך וועלכן אַווטאָריטעט איך טו די זאַכן."

מת. 25:21. „די טובלונג פון יוחנן, פון וואַנען איז עס געווען? פון הימל אָדער פון מענטשן? און זיי האָבן זיך מיישב געווען צווישן זיך, זאָגענדיק, אויב מיר וועלן זאָגן 'פון הימל', וועט ער זאָגן צו אונדז, ווארום האָט איר אין אים ניט געגלויבט? (26) אָבער אויב מיר וועלן זאָגן 'פון מענטשן'; האָבן מיר מורא פאַרן פאָלק: ווארום אַלע האַלטן יוחנן פאַר אַ נביא. (27) האָבן זיי געענטפערט יעזוסן, און געזאָגט, מיר קענען ניט זאָגן. און ער האָט געזאָגט צו זיי, ניידער זאָג איך אייך ניט דורך וואָס פאַר אַן אַווטאָריטעט איך טו די זאַכן."

**פש.** די אַווטאָרס ניצן ניט אין זייער שרייבן קיין לאָגיק, קיין קאָנסעק־קווענץ, קיין אורזאַך און עפעקט; זיי מעקן אויס פון זייער זכרון די זאַכן וואָס זיי האָבן פריער געשריבן. דאָס אַלץ קומט פאַר איין טאָג נאָך יעזוס טריומ־פיקן אַריינקומען אין ירושלים, ווען זיינע באַגלייטער האָבן אים פראָקלאַמירט אַלץ דער יידישער מלך; עס איז ניט וויכטיק וואָס האָט יעזוסן באַצוועקט, אָבער דער פאַקט איז ער האָט געזוכט צו איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבער דעם בית המקדש. לויט לוקאָס, האָט יעזוס געזאָגט ווען ער זאָל אָפּהאַלטן זיינע נאָכפאָלגער פון זייערע דעמאָנסטראַטיווע פראָקלאַמירונגען, וואָלטן די שטיינער פון די ווענט אויסגעשריען: האָט דאָך יעזוס צוגעגעבן אַז ער איז משיח און מלך, געשיקט און געזאַלבט פון גאָט. ווארום זאָל זיך יעזוס איצט

טאָג שפּעטער זיך צוריק ציען? געכטן פאַר הונדערטער טויזנטער מענטשן האָט זיך יעזוס דערקלערט אַז ער ברענגט די מלוכה פון הימל! איצט, היינט אין בית המקדש האָט יעזוס גאָר ניט וואָס צו זאָגן, ער זוכט שוץ הינטער יוחנן.

מאַרקוס שרייבט דאָס זעלביקע כמעט ווערטערלעך ווי מאַתיא.

יעזוס ענטפערט איז אַ גאַנץ פיינער איינפאַל און אַ גוטער וויץ, אָבער בעמענדיק די זאַך ערנסט איז דאָס אַ פולשטענדיקע ניט אויסגעהאַלטענקייט. די אַווטאָרס פון די מינדלעכע דערציילונגען, דאָס זעלביקע די זאַמלערס פון די דערציילונגען האָבן ניט פאַרמעגט קיין וויסן, האָבן ניט געהאַט קיין השגה פון יידישן לעבן, פון זייער גלויבן, פון יידישן לעבן, און פון דער היסטאָריע פון יענער צייט, אַפילו פון זייערע אייגענע פאַרהייליקטע.

די קריסטלעכע קירך האָט זיך פאַר זיך צוגענומען פון די יידן: גאָט דעם פאָטער, די הייליקע שריפטן, די נביאים, תחית המתים, עולם הבא, דעם טאָג פון משפט, דעם הימל, אויך אַזוי האָבן זיי צוגענומען פאַר זיך יוחנן. דער אַנטאַגאָניזם פון יוחנן צו די יידן איז אַ שאַפונג פון קריסטלעכער פאַנטאַזיע. יוחנן האָט געפּריידיקט די מלוכה פון הימל (מלכות שמים), וואָס איז יידיש; דעם טאָג פון מישפט, איז דער טאָג פון יאהווע וואָס יוחנן האָט דערנענט. ער האָט געזאָגט אַז דער טאָג איז נאָענט, דעריבער האָט ער גערופן צו תשובה. תשובה איז דער תוך פון דער יידישער אמונה, זינד ווערן פאַרגעבן נאָר דורך תשובה.

טבילה האָט ניט דערהאַלטן אין זיך קיין הייליקייט, קיין נביאישקייט און ניט קיין מיסטעריע. די איסיים האָבן געהאַלטן פון אָפטע טבילות, כדי צו האַלטן דעם גוף ריין פאַר גאָט. יוחנן האָט איבערגענומען די תבילה פון זיי און געמאַכט עס פאַר אַ צייכן צו די וואָס טוען תשובה, אַלץ סימן אַז זייערע זינד ווערן אָפּגעוואַשן. יוחנן האָט ניט באַנומען אַז זיין טבילה איז אַן אַקט פון גאָט, נאָר אַלץ אַ סימן פון באַקערונג צו גאָט.

יעזוס אַליין האָט ניט געגלויבט אין טבילה און ניט געהאַלטן עס פאַר אַ גרויסער הייליקייט. יעזוס האָט איבערגענומען פון יוחנן די אידייע פון זיין פּריידיקן, אַז די מלוכה פון הימל איז נאָענט־באַלד (עט הענד); אָבער ניט זיין אַקט פון טובלונג. יעזוס האָט קיינעם ניט געטובלט און ניט אינסטרו־אירט זיינע תלמידים צו טובלען, נאָר פּריידיקן די מלוכה פון הימל. דער אַנעקדאָט איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער פון די נייע גלויביקע, געוועזענע היידנס. אין זייער צייט איז טויפונג געוואָרן אַ הייליקע אינסטיטוציע, דער הויפּט ריטואַל, די מיסטעריע און עצם פון קריסטענטום.

יוחנן האָט קיינעם ניט גערופן צו גלויבן אין אים, אין יוחנן, ער האָט גערופן צו גלויבן אין גאָט. דאָס יידישע פאָלק, אַפילו אין די וויטע לענדער, אויסער יהודה, האָבן פּריוויליק אָנגענומען און אונטערגעוואָרפן זיך דער אַווטאָריטעט פון די חכמים, און אויך אָנגענומען אַלע אויסטיי־טשונגען פון דער תורה לויט דער פּרושימדיקער ריכטונג; די אַנטשיידונגען

פון די תלמידי חכמים איז געוואָרן געזעץ פאַר אַלע יידן. ווי איך האָב פריער באַמערקט אַז אַרום פינף הונדערט יאָר פאַר קריסטוס איז געשלאָסן געוואָרן די נבואה און נביאים. די געלערנטע און די גרויסע גייסטער פון יידישן פאָלק אין דער 500 יאָריקער פעריאָדע האָבן זיך גערופן סופרים, חכמים, חסידים און צדיקים. די יידן האָבן געהאַלטן יוחנן פאַר אַ זייער פרומען און געטלעכן מענטשן וועלכער איז געשטאָרבן אַלץ מאַרטירער פון די הענט פון הורדוס־אַנטיפּאַס, דער זון פון אכזר דעם אדומי הורדוס דעם ערשטן.

ווארום זאָלן „די הויפּט כהנים און די מיטגלידער פון סנהדרין״ מורא האָבן צו זאָגן אַז טבילה איז ניט פון גאָט? פאַרענטפערן די אַוטאָרס פון די דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס אַז אַלע, דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהאַלטן יוחנן פאַר אַ נביא. דערלאָזן אַז מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נביא: איז וואָס האָט עס צו טאָן מיט טבילה? יוחנן אַליין האָט ניט געהאַלטן, אַז זיין טבילה איז פון גאָט, נאָר אַז די טבילה האָט באַצייכנט אַז דער מענטש קערט זיך אום צו גאָט.

הורדוס אַנטיפּאַס האָט געהאַלטן יוחנן פאַר אַ גערעכטן מאַן אָבער ניט נביא.

מק. 20:6. „ווארום הורדוס האָט געפורכט יוחנן, וויסענדיק אַז ער איז געווען אַ גערעכטער מאַן און אַ הייליקער.״

פש. ווארום האָט יעזוס ניט געגעבן אַ גלייכן ענטפער? ער האָט דאָך געקענט און געדאַרפט זאָגן: מיין אַווטאָריטעט קומט פון גאָט דעם פאָטער, און פאַרשפּאָרן צו זוכן אַן איינפאַל כדי זיך אַרוידרייען פון אַ גלייכן ענטפער. נאָך יעזוס עפענטלעכן אַריינקום, נאָך זיין עפענטלעכן דערקלערן זיך פאַר דעם משיח: איז יעזוס געווען מחויב צו ענטפערן אַז זיין אַווטאָריטעט איז פון גאָט, ער האָט עס ניט געטאָרט פאַרשווייגן.

ווידער, יעזוס האָט דאָך נאָך גאָר ניט באַוויזן עפּעס צו טאָן, אחוץ אומוואַרפן עטליכע טישן. די עוואַנגעליע שרייבער האָבן דאָך אַפילו ניט איבערגעגעבן אין וואָס איז באַשטאַנען זיין געלערנטקייט, אַז די געלערנטע פון דור זאָלן פרעגן ווער האָט אים געגעבן זיין אַווטאָריטעט. אויב יע פרעגן, וואָלטן זיי געפרעגט ווו האָסטו באַקומען דיין חכמה און תורה, אָבער וואָלטן ניט געפרעגט „דורך וועמענס אַווטאָריטעט״. ווו איז דער פּסיכאָלאָגישער צוזאַמענהאַנג, נאָך יעזוס דורכגעפירטע אומאָרדנונגען און געשלעגן: ווען זיך די אַווטאָריטעטן פון טעמפּל, די הויפּט כהנים און די אַווטאָריטעטן פון געזעצליכקייט אַזוי גוטמוטיק דורך ריידן זיך מיט יעזוסן, און יעזוס וועט שפּאַסן מיט זיי אין זיין ענטפער.

עס איז דאָן ניט געווען די פּאַסיקע צייט אַז יעזוס זאָל ריידן משלים, און ניט די געלערנטע, ניט די סענאַטאָרן פון סנהדרין וועלן שטיין צווישן המון און הערן אַן אַריינגעקומענעם פון גליל דערציילענדיק משלים.

ווען יעזוסן האָט זיך איינגעגעבן צו אויסמיידן אַן אַנטשידענעם ענטפער לגבי זיין אַווטאָריטעט, האָט ער זיך פאַרנומען צו ברייגנען אַ משל. און פון

**דעם משל ווײסן ניט די אַלע אַנדערע שרײַבער פון די עוואַנגעליעס.**

מת. 28:21. „אָבער וואָס דענקט איר? אַ געווייסער מאַן האָט געהאַט צווײ זין; און ער איז געקומען צו דעם ערשטן, און האָט געזאָגט, זון, גײ אַרבעט הײַנט אין מײַן ווײַנגאָרטן. (29) ער האָט געענטפערט און האָט געזאָגט איך וועל ניט: אָבער נאָכדעם האָט ער חרטה געקראָגן, און איז געגאַנגען. (30) און ער איז געקומען צום צווייטן, און געזאָגט דאָס זעלביקע. און ער האָט געענטפערט און האָט געזאָגט, איך גײ, האר: און איז ניט געגאַנגען. (31) וועלכער פון די בײדע האָט געטאָן דעם ווילן פון זײַן פאָטער? זײ האָבן געזאָגט צו אים, דער ערשטער. יעזוס האָט געזאָגט צו זײ, באמת זאָג איך צו אײַך, אַז די שטײַער זאַמלער (פובליקענס) און די זונות גײען אין דער מלוכה פון גאָט פריער פון אײַך.״

**פש. דאָס אַלץ רעדט יעזוס ניט צו אַ געוויינלעכן עולם, נאָר צו די הויפּט כהנים, און צו די מיטגלידער־יוריסטן פון סנהדרין. די אַלע הערן יעזוס רייד.**

מת4. 32:21. „וואָרום יוחנן איז געקומען אין דעם וועג פון רעכטפאַרטיקייט, און איר האָט אים ניט געגלויבט: אָבער די שטייער זאַמלערס און די זונות האָבן אים געגלויבט: און איר, ווען איר האָט געזען, האָט ניט תשובה געטאָן נאָך דעם, איר זאָלט קענען אים גלויבן.״

**פש. וואָרום זאָל אַזוי זײַן? ווײַל זײ האָבן געפּרעגט לגבי זײַן אַווטאָריטעט, און די זונות פרעגן ניט. מיר וועלן זיך אומקערן וואָס מאַתיא האָט פריער געשריבן וועגן יוחנן.**

מת. 5:3. „און דאַן איז אַרויסגעקומען צו אים ירושלים, און גאַנץ יהודה און דער געגענט אַרום און אַרום דעם ירדן (6) און זײַנען געטובלט געוואָרן פון אים אין ירדן, מתוודה זײַן זיך אויף זײערע זינד.״

**פש. זײַנען דען אַלע געקומענע צו אים געווען שטײער־באַאמטע און זונות? — עס זײַנען דאָך אַרויס צו אים אַלע יידן פון גאַנץ יהודה, און יוחנן האָט גערופן צו תשובה אַלע יידן. מאַתיא וואַרפט אַ חשד אויף יוחנן אַז ער איז געווען פאַרליבט אין פובליקענס און זונות. אויב יוחנן איז געווען אַ נביא, דאַן אַ נביא איז ניט אַ נושא־פּנים. ווען אַ נביא רופט צו תשובה, רופט ער אַלע זינדיקע: זונות, פשוטע מענטשן, און פרושים און צדוקים. די וואָס ענטפערן זײַן רוף זײַנען בעלי־תשובה, און דאַרפן ניט באַלאַנגען נאָר צו דער פּראָפעסיע פון זונות.**

**יאָהאַן, דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע, האָט גרינטלעך פאַרשטאַנען אַז נאָך דער אויפגערעגטער צאָרענדיקער שטימונג וואָס האָט געשאַפן דער אקט פון דעם באַפאַלן דעם בית המקדש, וואָלט געווען אַן אוממעגלעכקייט, עס וואָלט געווען קעגן דעם פסיכישן גאַנג פון לעבן, אַז עס זאָל אין יענעם מאָמענט פאַרקומען שמועסן, רעדעס דורך משלים, דיסקוסיעס, פראַגן און ענטפערס: האָט ער אָפּגערוקט די ׳רייניקונג׳ אויף אַ צײַט פון אַרום דרײַ יאָר צוריק.**

**לויט מאת., לוק. און מאַרק, איז יענער מאָמענט געווען די פּאַסיקסטע**

און אידעאַלסטע צייט צו ריידן מיט משלים.

מת. 33:21 „הערט אַן אַנדער משל: דאָרט איז געווען אַ געוויסער בעל הבית וועלכער האָט פאַרפלאַנצט אַ ווײַן גאָרטן, און האָט אים אַרומגעצאַמט רונד אַרום, און האָט געגראָבן אַ קעלטער אין אים, און האָט געבויט אַ טורעם, און פאַרדונגען צו אַ ווײַנגערטנער, און איז אַוועק אין אַ ווייטן לאַנד: (34) און ווען די צייט פון דער פרוכט איז געוואָרן נאָענט, האָט ער געשיקט זיינע דינער צו דעם ווײַנגערטנער אַז זיי זאָלן קריגן פון אים די פרוכט. (35) און דער ווײַנגערטנער האָט גענומען זיינע דינער, און האָט איינעם געשלאָגן, און גע־הרגעט דעם אַנדערן, און דעם אַנדערן פאַרשטיינט. (36) האָט ער ווידער געשיקט אַנדערע דינער מער ווי צום ערשט: און זיי האָבן געטאָן דאָס זעל־ביקע צו זיי (37) אָבער צום לעצט האָט ער געשיקט זיין זון, זאָגענדיק, זיי וועלן האָבן גרויס אַכטונג פאַר מיין זון. (38) אָבער ווען די ווײַנגערטנער האָבן געזען דעם זון, האָבן זיי געזאָגט צווישן זיך, דאָס איז דער יורש; קומט, לאָמיר אים הרגענען, און לאָמיר פאַרכאַפּן זיין ירושה. (39) און זיי האָבן אים געכאַפּט און האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון ווײַנגאָרטן, און האָבן אים דער־הרגעט. (40) ווען דעריבער דער האַר פון ווײַנגאָרטן קומט, וואָס וועט ער טאָן צו די ווײַנגערטנער? (41) זיי זאָגן צו אים, ער וועט טרויעריק פאַרניכטן די רשעים, און וועט אויסדינגען זיין ווײַנגאָרטן צו אַנדערע ווײַנגערטנער, וועלכע וועלן אים די פרוכט איבערגעבן אין זייערע סעזאָנען.״

פש דאָס איז איינער פון די הויפּט משלים וואָס איז דערקענט געוואָרן אין דער קריסטלעכער טראַדיציע, און פון אַ צאָל ביבל פאַרשער. דאָס איז אַ משל וואָס יעזוס האָט געזאָגט וועגן זיך און וועגן די יידן. אָבער דורכ־שטודירענדיק דעם משל קומט מען צו דער איבערצייגונג אַז דעם משל האָט יעזוס קיין מאָל ניט געזאָגט, עס איז אַ פּראָדוקציע פון די שפּעטערדיקע צייטן. ווען יעזוס וואָלט גערעדט פון זיך, און פון דער פאָרמע ווי עס וועט קומען זיין טויט, וואָלט ער אַזאַ וויכטיקע נבואה איבערגעגעבן מיט מער ערנסט און מער אָריגינאַל. ער וואָלט ניט געבראַכן זיין סטיל פון זיינע משלים: און פאַרוואַנדלען אין אַ רעפּראָדוקציע. יעזוס וואָלט זיין וויכטיקסטע נבואה ניט געבראַכט אין דעם אופן פון אימיטאַציע און פּאַראַפראַזירונג. אַזאַ מעטאָדע פון משל־זאָגונג קען נאָר קומען פון אַ שפּעטערדיקער האַנט וועלכע האָט אָרעם אימיטירט דעם סטיל און פאָרעם פון נביא ישעיה.

די ווערטערלעכע ענלעכקייטן זיינען אונטער געשטראָכן פון מיר.

ישעיה 1:5 „לאָמיך זינגען פון מיין ליבן פריינט, דאָס געזאַנג פון מיין באַליבטן אויף זיין ווײַנגאָרטן. אַ ווײַנגאָרטן האָט מיין ליבער פריינט געהאַט, אויף אַ בערגל אַ פעטן.

2:5 — און ער האָט אים צעגראָבן און אים אויסגעשטיינט,
און אים באַפלאַנצט מיט טייערן ווײַנשטאָק,
און אויסגעבויט אַ טורעם אין אים,
און אויך אַ קעלטער אויסגעהאַקט אין אים;

און ער האָט געהאָפט ער זאָל ווײַנטרויבן ברענגען,
און ער האָט ווילדע ווײַנטרויבן געבראַכט.

3:5. — און אַצונד, איר באַוווינער פון ירושלים, און מענער פון יהודה, משפט איך בעט אײַך, צווישן מיר און צווישן מײַן ווײַנגאָרטן.

5:5. — און אַצונד, לאָמיך אײַך לאָזן וויסן, וואָס איך וועל טאָן צו מײַן ווײַנגאָרטן: אָפּטאָן זײַן צאַם, און ער זאָל אָפּגעגעסן ווערן, צעברעכן זײַן פלויט, און ער זאָל צעטראָטן ווערן.

ישעיה 6:5. און איך וועל אים מאַכן אַ וויסטעניש; און אויך די וואָלקנס וועל איך באַפעלן ניט צו רעגענען אויף אים קיין רעגן.

7:5. — ווארום דער ווײַנגאָרטן פון גאָט פון צבאות, איז דאָס הויז פון ישראל; און די מענער פון יהודה זײַן געצערטלטע פלאַנצונג."

מת. 42:21. „יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, האָט איר קיין מאָל ניט געלייענט אין די שריפטן, דער שטיין וועלכן די בויער האָבן צוריק געוויזן, דער זעלבער איז געוואָרן דער הויפּט פון ווינקל: דאָס איז גאָט׳ס טוונג און עס איז וווּנדערלעך אין אונדזערע אויגן."

פש. מאַרקוס גיט איבער דעם זעלבן זאָץ ווערבאַטים. לוקאַס גיט איבער ווי יעזוס האָט געבראַכט דעם פסוק פון תהלים, אָבער האָט ניט דעם סוף: „דאָס איז גאָט׳ס טוונג אז"וו. ווארום זאָל לוקאַס אויסלאָזן אַזעלכע ווערטער פון יעזוס? — דער ענטפער אַז עס איז אַ שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַציע.

לוקאַס 17:20. „און ער האָט זיי אָנגעקוקט, און געזאָגט, וואָס איז דאָס דאָן וואָס איז געשריבן, דער שטיין וועלכן די בויערס האָבן צוריקגעוויזן, דער זעלבער איז געוואָרן דער הויפּט פון ווינקל."

פש. ווי האָט פּאַרט יעזוס געזאָגט, ווי לוקאַס שרײַבט, אָדער ווי מאַתיא און מאַרקוס? פּאולוס ברענגט אויך די זאָגונג פון ווינקל שטיין. ער שרײַבט צו די נײַע גלויביקע:

עפעזיער 20:2. „און איר זײַט געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון די אַפּאָסטלס און נביאים, יעזוס קריסטוס אַליין זײַענדיק דער הויפּט ווינקל שטיין."

פש. פּאולוס זאָגט ניט אַז ער ציטירט יעזוסן, נאָר ער זאָגט אַרויס זײַן אייגענע מיינונג, אַז דער זאָץ פון תהלים איז אַ נבואה אויף יעזוסן. מאַרקוס האָט דאָס זיכער גענומען פון פּאולוס, און מאַתיא און לוקאַס האָבן אים קאָפּירט. אויך אין די ׳אַקטן׳ זאָגט פּעטרוס זײַן אייגענע מיינונג אַז דער פסוק פון תהלים מיינט יעזוסן, אָבער גיט ניט איבער אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט אויף זיך אַליין.

אַקטן 11:4. „דאָס איז דער שטיין וועלכער איז געמאַכט צו גאָר ניט פון אײַך בויערס, וועלכע איז געוואָרן דער הויפּט פון ווינקל."

פש. תהלים 22:118. „דער שטיין וואָס דער בוימייסטער האָט פאַראַכט, איז געוואָרן צום הויפּט־ווינקל." „אבן מאסו הבונים, היתה לראש פנה."

אויך דער אַוטאָר פון דער עפּיסטל I פּעטרוס דריקט אויך אויס זײַן

**אייגענע מיינונג און ניט יעזוסעס, אַז ער יעזוס איז דער הויפּט ווינקל שטיין, ער ברייגנט דאָס פון ישעיה און תהלים.**

I פעטוורס 6:2. „דערפאַר איז דאָס אויך דערהאַלטן אין די שריפטן, זעט, איך לייג אין ציון אַ הויפּט ווינקל שטיין, אויסדערוויילט, ווערטפול: און דער וואָס גלויבט אין אים, וועט ניט זיין פאַרטומלט."

I פעטער. 7:2. „צו אייך דעריבער וועלכע גלויבן איז ער ווערטפול, אָבער צו די וועלכע זיינען ווידערשפּעננדיקער, דער שטיין וועלכן די בוי־מייסטערס האָבן ניט אָנגענומען, איז געמאַכט געוואָרן דער הויפּט פון ווינקל."

**פש. דאָ אויך דער אוטאָר גיט אָן זיין אייגענע מיינונג אַז די זאָגונגען פון די הייליקע שריפטן זיינען געזאָגט געוואָרן וועגן יעזוסן. דאָס באַווייזט אַז אין די קריסטלעכע קירכעס איז געווען פאַרשפּרייט די מיינונג אַז די אָנגעגעבענע זאַצן פון די שריפטן האָבן געמיינט יעזוסן: נעמען די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס און טוען עס אַריין אין יעזוס מויל. עס פאָלגט דער אָריגינאַל פון ישעיה:**

ישעיה 16:28. „דארום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט: זעט, איך גרונדפעסט אין ציון אַ שטיין, אַ געפּרוּווט שטיין, אַ טייער ווינקל, אַ פעסטן גרונט פעסט; דער וואָס גלויבט זאָל ניט איילן." „לכן כה אמר אדני יה׳: הנני יסד בציון אבן, אבן בחן, פינת יקראת, מוסד מוסד המאמין לא יחיש."

**מאתיא פאַרענדיקט זיין זאַץ 42 אין אַזאַ פאָרמע וואָס איז ניט עטיש אַפילו פאַר אַ שרייבער פון ניט אַ רעליגיעזן בוך. מאתיא שרייבט אין יעזוס נאָמען אַז אַזוי האָט יעזוס געזאָגט, ער האָט געפרעגט האָט איר דען ניט געלייענט, און ציטירט פון תהלים פסוק 118, און גיט צו זיינע אייגענע ווערטער: „דאָס איז גאָט׳ס טוּונג, און עס איז וווּנדערלעך אין אונזערע אויגן." אַ פשוטער לייענער, אַפילו אויך אַן אינטעלעקטואַלער נעמט אָן אַז דער גאַנצער זאַץ ווערט ציטירט פון די הייליקע שריפטן. דאָס איז ווידער אַ שטאַרקער באַווייז אַז יעזוס האָט עס ניט געזאָגט. יעזוס האָט גערעדט צו די כהנים און זקנים, ער האָט געוווּסט אַז זיי זיינען גוט באַקענט מיט די שריפטן, וואָלט ער צו זיי ניט גערעדט אין אַזאַ פאָרמע ווי צוזאַמען מישן ציטירונג מיט אייגענע רייד.**

מת. 34:21. „דעריבער זאָג איך צו אייך, די מלוכה פון גאָט וועט אָוועקגענומען ווערן פון אייך, און עס וועט געגעבן ווערן צו אַ נאַציע וואָס וועט אַרויסברייגנען די פרוכט פון דערויף."

**פש. אַלע דריי סינאָפּטישע אַווטאָרס גיבן איבער כמעט מיט די זעלבע ווערטער דעם משל פון ווייגגערטנער און זייערע אויספירונגען: ווארום זאָלן זיי אויסלאָזן אַזעלכע וויכטיקע ווערטער פאַר זיי און פאַר די פאַר וועלכע זיי שרייבן? — דער ענטפער איז ווייל די ווערטער באַלאַנגען צו מאתיא און ניט צו יעזוס.**

מת. 44:21. „און ווער עס וועט פאַלן אויף דעם שטיין וועט צעבראָכן ווערן: אָבער אויף וועמען עס וועט פאַלן, וועט אים צעמאַלן אין שטויב."

מת. 45:21. „און ווען די הויפּט כּהנים און פּרושים האָבן געהערט זיינע משלים האָבן זיי באַנומען אַז ער האָט גערעדט פון זיי."

מת. 46:21. „אָבער ווען זיי האָבן געזוכט צו לייגן הענט אויף אים האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דעם עולם, מחמת זיי האָבן אָנגענומען אים פאַר אַ נביא."

**פּש. די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס פאַרגעסן וואָס זיי שרייבן. מאַתיא שרייבט אַז יעזוס איז אַריינגעקומען אין ירושלים ווי דער משיח פון די יידן. דער עולם האָט געשריען געבענטשט איז דער זון פון דוד. האָבן דאָך אַלע יעזוס מיטגייער געגלאָזט וויסן אַז יעזוס איז דער מלך דער משיח; וואָרום זאָל דאָס פאָלק אים אָננעמען פאַר אַ נביא? אַ נביא דאַרף ניט זיין אַ זון פון דוד.**

ווען עס קומט צו שטרויכלונגס שטיינער, קען מען זאָגן אַז יעזוס אַריינ־קומען קיין ירושלים, און דאָס באַפאַלן דעם בית המקדש זיינען געוואָרן די הויפּט שטרויכלונגען פאַר דעם פריערדיקן קריסטענטום. זיי זיינען געוואָרן פאַסירונגען וואָס האָבן ניט געקענט פאַרגעסן ווערן, זיי האָבן געלעבט אין דער טראַדיציע פון די ערשטע קריסטן, בפרט צווישן די נאַזאַרינער. די קריסטלעכע קירכעס פון צווייטן האַלב פון ערשטן יאָר הונדערט און פון פולן צווייטן יאָר הונדערט פון דער נ. ע. האָבן מיט אָנגעשטריינגטע כּוחות געזוכט צו מאָדיפיצירן די טראַדיציע; מחמת עס האָט ניט געשטימט מיט זייער טעאָלאָגיע. ענדלעך האָט עס געפונען איר תיקון אין דער רייניקונג פון טעמפּל. עס איז גרינג אָנצונעמען די טעאָריע פון דער טעמפּל־רייניקונג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, עס איז אָן שוועריקייטן קאָנצעפּטירט געוואָרן ביי די מאַסן פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אויך ביי געלערענטע און היסטאָריקער, איבערהויפּט ביי די וויסנשאַפטלעכע קריטיקער און קאָמענ־טאַטאָרס פון דער ביבל. אָבער אין ערשטן יאָר הונדערט, ווען די איבער־לעבונגען זיינען געווען פריש אין זכרון ביי די נאַזאַרינער; איז געווען אַ גאַנץ שווערע זאַך צו טראַנספּערירן דעם איבערפאַל אויפן בית המקדש אין אַן אַקט פון רייניקן דעם טעמפּל. די קירך האָט געוואָלט פאַרגעסן און פּטור ווערן פון דעם ענין, אָבער האָט ניט געקענט, עס האָט געלעבט אין דער טראַדיציע. ענדלעך איז עס אומגעוואַנדלט געוואָרן אין דעם פאָרעם פון דער רייניקונג. אַפילו דאָס איז געווען צו פיל פאַר דער קירך, זיי האָבן ליבער געוואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן דעם אינצידענט; די עוואַנגעליע אַוטאָרס האָבן דאָס געזוכט צו דורכפירן אין זייערע שריפטן, און זיי האָבן דאָס פאַרגענצט מיט אַ גרויסער מאָס פון דערפאָלג. גלייך נאָך דער רייניקונג איז דער גאַנצער עפּיזאָד פאַרשוווּנדן פון געדענקונגס קראַפט, זיי האָבן די פאַסירונג פאַר־געסן גלייך ווי זיי וואָלטן פון דעם קיין מאָל ניט געשריבן. דערפאַר פילן ניט די עוואַנגעליעס קיין סתירה אין זייער איבערגעבונג אַז ווען יעזוס האָט פאַרענדיקט זיין מיסיע פון אַרויס טרייבן די ׳קויפער און פאַרקויפער׳, און אומוואַרפענדיק די טישן; האָט זיך יעזוס גלייך אַוועקגעשטעלט דערציילן

משלים און די הויפּט כהנים, זקנים, סופרים און פּרושים האָבן אים געהערט.

עס קומען פיל פראַגעס וואָס פאָדערן אַן ענטפער, כדומה: ווּהין זיינען אַוועק די קויפער און פאַרקויפער, האָבן זיי זיך מער ניט אומגעקערט אין טעמפל דורך מורא פאַר יעזוסן? ווּהין זיינען געלאָפן די שעפסן און די אָקסן ווען יעזוס האָט זיי אַרויסגעטריבן פון בית המקדש? איז פאָרגעקומען אַ צע־טראַמפּלונג ווען די אָקסן זיינען געלאָפן איבער די גאַסן פון ירושלים? האָבן די געלט טוישער צוריק אַוועקגעשטעלט זייערע טישן? ווּ איז געווען די באַוואָפנטע וואַך פון בית המקדש? האָבן די אָפיצערן פון דער וואַך ניט געדאַרפט אָפּגעבן רעכענונג צום כהן גדול קאַיאַפאַס פאַר ניט טאָן זייער פליכט? האָבן די כהנים און פּרושים און דער באַוואָפנטער חייל פון בית המקדש געגלויבט אין פּרינציפּ, פון ניט שטעלן זיך קעגן מאַכט? וואָרום האָט דער בן אדם פאַרגעסן זיין פּריידיקונג פון ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס: און געמאַכט אַן אָנגריף איבער 'שלעכטס'? האָט דער כהן גדול פאַרגעסן צו גלייך צו די עוואַנגעליע שרייבער די שמיץ פון יעזוס בייטש און האָט זיך אַוועקגעשטעלט הערן די משלים פון דעם אָנפירער פון די אומרוען? איז איין בייטש געווען גענוג צו מאַכן אונטערטעניק אַזעלכע 'ווילדע רוצחים' ווי די פּרושים? האָט פּילאַטוס וועלכער איז הויפּטזאַכלעך געקומען קיין ירושלים צו וואַכן אויף דער אָרדענונג אין ירשלים דערוווסט זיך פון דעם טעמפּל איבערפאַל? האָבן פּילאַטוס צאָליקע שפּיאָנען דאָס ניט געזען? זיינען יעזוס נאָכפאָלגער געווען באַוואָפנט? האָבן פּילאַטוס שפּיאָנען פאַרשטאָפּט זייערע אויערן כדי ניט צו הערן די אויסגעשרייען פון עולם, 'הושענא צו דוד וואָס ברענגט די מלוכה פון דוד'?

אין די עוואַנגעליעס קען מען ניט געפינען אַפילו איין ענטפער אויף איין פראַגע. וואָרעם גלייך ווי זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דעם ענד פּינטל אויפן זאַץ: איז דאָס אָנגעשריבענע געשעעניש פאַרשווונדן פון זייער געדיינ־קונגס אַפּאַראַט. די פאַרגעסונג האָט באַמעגלעכט מאַתיאַן צו פאַרענדיקן דעם 21טן קאַפּיטל און פאַרזעצן צו שרייבן די פאָלגענדיקע קאַפּיטלען פון זיין שריפט.

## קאַפּיטל 22

מת. 1:22. „און יעזוס האָט געענטפערט און גערעדט צו זיי ווידער דורך משלים, און געזאָגט, (2:22) די מלוכה פון הימל איז גלייך צו אַ געווּיסן קיניג וועלכער האָט געמאַכט אַ חתונה פאַר זיין זון. (3:22) און האָט אַרויסגעשיקט זיינע קנעכט צו רופן די וואָס זיינען פאַרבעטן צו דער חתונה: און זיי זיינען ניט געקומען. (4) ווידער, ער האָט אַרויסגעשיקט אַנדערע קענכט, זאָגנדיק, זאָגט צו די וואָס זיינען פאַרבעטן, זעט, איך האָב צוגעגרייט מיין סעודה: מיינע אָקסן און מיינע פעטע רינדער זיינען געשאָכטן, און אַלץ איז פאַרטיק:

קומט צו דער חתונה. (5) נאָר זיי האָבן עס געמאַכט גרינג, און אַוועק געגאַנגען אין זייערע וועגן, איינער צו זיין פּערמע, דער אַנדערער צו זיין סחורה. (6) און די איבעריקע האָבן גענומען זיינע קנעכט און שענדלעך באַהאַנדלט זיי, און זיי דערהרגעט. (7) אָבער ווען דער קיניג האָט געהערט פון דערויף, איז ער אין כעס געוואָרן: און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע אַרמייען, און האָט אומגעבראַכט די מערדער, און פאַרברענט זייער שטאָט. (8) דענסטמאָל האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט, די חתונה איז פאַרטיק, נאָר די וואָס זיינען געווען איינגעלאַדן זיינען ניט ווערטיק. (9) גייט דעריבער אויף די הויפּט וועגן, און וויפיל איר וועט געפינען, פאַרבעט אויף דער חתונה. (10) די קנעכט זיינען אַרויס אויף די הויפּט וועגן, און האָבן צוזאַמענגענומען אַזוי פיל וויפיל זיי האָבן געקענט געפינען, ביידע — שלעכטע און גוטע: און די חתונה איז געווען פאַרזאָרגט מיט געסט. (11) און ווען דער קיניג איז אַריינגעקומען צו זען די געסט, האָט ער דאָרט געזען אַ מאַן וועלכער האָט ניט געהאַט אויף זיך אַ חתונה בגד. (12) און ער האָט געזאָגט צו אים, פריינד, ווי קומסטו אַהער ניט האָבענדיק אַ חתונה־בגד? און ער איז געווען שפּראַכלאָז. (13) דענסטמאָל האָט געזאָגט דער קיניג צו די קנעכט, בינדט אים הענט און פיס, און נעמט אים אַוועק, און וואַרפט אים אַרויס אין אויסערן פינסטערניש; דאָרט וועט זיין געוויין און קריצונג פון ציין."

מת. 14:22. "וואָרום פיל זיינען גערופן, נאָר ווייניק זיינען אויס־דערוויילט."

**פש. פון דעם משל שרייבט נאָר מאַתיא. דער משל דריקט אויס אַ צוגלייכונג צו דער מלוכה.**

**ווען די ערשטע איינגעלאַדענע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען, האָט דער קיניג אַרויסגעשיקט זיינע דינער אויף די שליאַכן און וועגן, און זיי האָבן צוזאַמענגענומען וויפיל זיי האָבן געקענט, שלעכטע און גוטע; זיי האָבן זיך געזאָרגט נאָר צו האָבן מער געסט, כדי דער קיניג זאָל קענען אָנגיין מיט זיין זונס חתונה. דער קיניג האָט ניט געקענט דערוואַרטן אַז אַלע מענטשן פון די הויפּט וועגן זאָלן האָבן מיט זיך, אָדער פאַרמעגן חתונה קליידער. דאָס ערגסטע וואָס דער קיניג האָט געזאָלט טאָן איז אַוועקשיקן אים פון דער חתונה. אויך זיינען דאָך איינגעלאַדן געוואָרן די שלעכטע ווי די גוטע; וואָרום קומט דעם גאַסט וועלכער האָט דערפילט זיין צוזאָג, צו אַריינגע־וואָרפן ווערן אין דער 'אויסערער פינסטערניש'? דאָס איז אַ טאַט פון אַן אַנרחמנותדיקן גרויזאַמען קיניג. ניט אומזיסט האָבן די ערשטע איינגעלאַדענע געזוכט תירוצים צו אַוועקשטייך פון זיין חתונה. דעריבער קען דאָס ניט זיין פאַר אַ נמשל, אַפילו צו דער קריסטלעכער מאָראַל, פון 'פיל גערופן און ווייניק אויסדערוויילט'.**

מת. 15:22. "דענסטמאָל זיינען אַוועק די פרושים און געהאַלטן זיך אַן עצה ווי זיי זאָלן קענען אים פאַרפּלאָנטערן אין זיינע רייד. (16) און זיי האָבן אַרויסגעשיקט צו אים זייערע תלמידים מיט די הורדוסיער, זאָגענדיק, מייס־

טער, מיר ווייסן אַז דו ביסט אמתדיק, דו לערנסט די וועג פון גאָט און אמת, ניידער ביסטו גענייגט צו קיין מאַן: ווארום דו ביסט קיינעם ניט נושא פנים. (17) זאָג אונדז, דעריבער, וואָס דו דענקסט: איז עס געזעצלעך צו געבן מס (טריבוט) צו צעזאַר אָדער ניט? (18) אָבער יעזוס האָט באַגריפן זייער פאַר־דאָרבנקייט, און געזאָגט, ווארום פרוווט איר מיך, היפּאָקריטן? ווייזט מיר די טריבוט געלט. און זיי האָבן געבראַכט צו אים אַ פּעני.״

**פּש.** עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי טריבוט געלט. די רוימישע מאַכט האָט טאַקסירט אַלע גוטס באַזיצער פון לאַנד, און זיי האָבן געצאָלט זייערע צינזן מיט געלט וואָס דערהאַלט אין זיך זייער ווערט. מען האָט געקענט באַצאָלן מיט מטבעות פון די פּראָווינצן דעם טריבוט פון דער רוימישער אימפּעריע וועלכע זיינען דערקענט דורך דער רוימישער מאַכט. דעריבער מאַרקוס און לוקאַס בעסערן אויס, זיי שרייבן אַז יעזוס האָט געזאָגט ׳גיט מיר אַ פּעני׳.

מת. 20:22: „און ער האָט געזאָגט צו זיי, וועמענס איז דאָס בילד און די אויפשריפט? (21) זיי זאָגן צו אים צעזאַרס. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיי, גיט דעריבער צו צעזאַר די זאַכן וועלכע זיינען צעזאַרס; און צו גאָט די זאַכן וואָס זיינען גאָט׳ס.״

**פּר.** קרוב צו הונדערט יאָר ווי די יידן צאָלן די טריבוט צו רוים. אַרום 70 יאָר זיינען די שטייערן געזאַמלט געוואָרן פון די הורדוסעס, אַרום דעם סוף פון דעם ערשטער צענדליק יאָרן פון דער ג. ע. האָט רוים אַריינגעשיקט איר פּראָקוראַטאָר אין יהודה. אין דער מאַכט פון דעם פּראָקוראַטאָר איז אויך געלעגן די זאַמלונג פון שטייערן. ווי איך האָב פריער געבראַכט אַז דער ׳טריבוט׳ האָט אַרויסגעזויגן די כוחות פון לאַנד, די לאַסט פון די שטייערן איז געווען צו שווער צו טראָגן. פאַר די גרויסע מאַסן פון פאָלק איז דאָס ניט געווען אַ פּראַזאלאָגיע, נאָר אַ ביטערער רעאַליזם אין לעבן, אַ געצוווּנ־גענער אַוועקגעבן דעם גרעסטן חלק פון זייער פאַמיליע חיונה צו די רויבע־רישע שטייער זאַמלונגען פון רוים. די מענטשן האָבן געהאָפט פאַר דער גאולה און פאַר דער באַפרייונג פון רוים, די מענטשן האָבן געדורשט פאַר דעם וואָרט פון באַפרייונג. פאַר זיי איז דאָס ניט געווען אַ שפּיל אין ווערטער, און אויך ניט פאַר יעזוסן איז געווען די הויפּט זאָרג אין דער געזעצלעכקייט פון דער טריבוט צאָלונג. דער לייכטזיניקער צוגאַנג צו דער שטייער צאָלונג איז נאָר דאָס ווערק פון ניט־יידן און הונדערט יאָר שפּעטער אין דעם געיעג פון די קירכלעכע שרייבער אין זייער צוטראַכטונג פון די באַשולדיקונגען קעגן יידן. די יידן פון יהודה און גליל האָבן גוט געוווּסט אַז די רוימער זיינען די בעלי הבתים פון לאַנד, זייערע דעקרעטן זיינען געזעץ. ווי איז צו דעם וועלכער זאָגט זיך אָפּ צו דערפילן זיי. די יידן איז ניט געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע פּוסטע זאַכן: זיינען די צאָלונגען געזעצלעך אָדער ניט? זייערע האָפענונגען זיינען געווען אויף דער פאַרלייכטערונג פון שטייערן. דער יאָך פון דער טריבוט איז געווען אַזוי שווער אַז זיי האָבן ניט געקענט מוחל זיין

יעדן יידן וואָס אַרבעט פאַר דער רוימישער רעגירונג אין די אינסטיטוציעס פון שטייער צאָלונג. אַזעלכע יידן זיינען געווען פאַרהאַסט ביין גאַנצן פאָלק, קיין ייד האָט ניט געהאַט קיין מגע און משא מיט די שטייער זאַמלער יידן. זיי זיינען פּראַקטיש געווען אַרויסגעשטויסן פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַט די יידן זיינען דאָס געווען די גוט באַקענטע 'פּובליקענס', וועלכע יעזוס שטעלט זיי אין איין ריי מיט די היידנס, זינדער און זונות.

ווען דער אַבזיכט איז דער דיקטאַטאָר פון געדאַנק, דענסטמאָל דער־פירט עס צו די משונעדיקסטע אומזינלעכקייטן. די פּרושים האָבן געוואָלט פאַרוויקלען אין אַ נעץ יעזוסן. ווען יעזוס זאָל זאָגן אַז דער טריבוט איז ניט געזעצלעך, דענסטמאָל וואָלטן זיי אים געקענט איבערגעבן צו דער רוימישער מאַכט. אויף וויפיל אַזאַ שרייבן דערהאַלט אין זיך רעאַלן אמת קען דערקלערן דער פאָלגענדיקער פאַקט. ווען אַן אומשולדיקער ייד, פאַרן צוועק פון פּרנסה, אַרבעט פאַר דעם רוימישן דעפּאַרטמענט פון שטייער צאָ־לונגען, ווערט ער אַרויסגעשטויסן פון דער יידישער געזעלשאַפט; ער ווערט אַ 'פּובליקען'. וואָס וואָלט דענסטמאָל געקענט געשען צו די מוסרים־פּרושים ווען זיי זאָלן רעפּאָרטירן צו דער רוימישער מאַכט אַז דער מאַן האָט געזאָגט אַז צאָלן שטייער איז אומגעזעצלעך?

יעזוס איז די גרעסטע געטלעכקייט אין קריסטלעכן גלויבן, אָבער דענסטמאָל, אין יענער צייט, איז דאָך ניט געווען אין עקזיסטענץ ניט אַזאַ גלויבן, און ניט קיין קריסטן. יעזוס איז געווען אַ ייד גלייך צו אַלע יידן. די פּערזענלעכקייט פון איינצעלנעם איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין ים פון אַ מי־ליאָנענדיקן עולם. יעזוס האָט געקענט האָבן אַווירקונג אויף געוויסע טיילן פון די פאַרזאַמלטע עולים. ווען יעזוס האָט גערעדט האָט ער נאָר געקענט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דעם אָרט, און פון די וואָס זיינען געווען וויליק אָפּשטעלן זיך הערן: דאָס זעלביקע ווי אַ זייף־קאַסטן רעדנער אויף אַ גרויסן יריד (פעיר). דער רעדנער קען ציען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם אויף דעם געוויסן אָרט, אָבער אין יריד אַלץ גאַנצעס איז ער אומבאַמערקט. לויט די עוואַנגעליע באַשריי־בונגען האָבן זיך די מיליאָנענדיקע מאַסן פון מענטשן ניט אָנגעזען ניט אויף דעם הר הבית און ניט אין ירושלים: עס זיינען געווען דאָרט נאָר יעזוס, זיינע תלמידים, פּרושים, זקנים און 'הויפּט כהנים'.

די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס שרייבן אַז יעזוס האָט געוווסט אַז זיי ווילן אים אַריינבאַפּן אין זיינע רייד, כדי זיי זאָלן האָבן באַוויזן אים צו באַשולדיקן: האָט דאָך יעזוס געהאַט דעם גלייכסטן און דעם אמתדיקסטן ענטפער צו די אַלע זוכער פון אַריינפּלאָנטערן אים אין אַ צרה. יעזוס האָט געקענט און גענדאַרפט זאָגן, וואָרום קומט איר צו מיר מיט אַזאַ פראַגע? האָב איך דען וועלכע עס איז געזעצלעכע אויטאָריטעט צו אָנטשיידן געזעצן? איר גייט מיט אייער פראַגע צו די וואָס האָבן די רעכט און אויטאָריטעט. אָבער דענסטמאָל וואָלט דאָך אויסגעלאָזן געוואָרן, און ניט באַנוצט געוואָרן

**דער אַפּאָריזם „גיט צו צעזאַר די זאַכן וואָס זיינען צעזאַרס״.**

**דאָס זעלבע שרייבן מאַרקוס און לוקאַס.**

מאַרקוס 12:12. „און זיי האָבן געזוכט צו פאַרהאַלטן אים, נאָר האָבן מורא געהאַט פאַרן פאָלק.״

לוקאַס 19:20. „און די הויפּט כהנים און די סופרים די זעלביקע שעה האָבן געזוכט צו לייגן הענט אויף אים; און זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן פאָלק: וואָרום זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז ער האָט גערעדט דעם משל קעגן זיי. (20:20) און זיי האָבן אים געוואַכט און האָבן אַרויס געשיקט שפּיאָנען, וועלכע זאָלן זיך פאַרשטעלן ווי גערעכטיקע מענטשן, אַז זיי זאָלן קענען אים אַריינכאַפּן אין זיינע ווערטער, אַז זיי זאָלן קענען אים איבערגעבן צו דער מאַכט און אַוטאָריטעט פון גאָווערנער.״ 1)

**פּש.** די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס, דורך דער נויטווענדיקייט פון דער צייט, זיינען געווען געצוווּנגען צו רעקאָרדירן יעזוס איבערפאַל אויפן בית המקדש, דערקלערענדיק דעם אינצידענט אַלץ אַן אַקט פון דער רייניקונג פון טעמפּל. דער טינט פון זייערע געשריבענע שורות האָט ניט געהאַט די צייט צו גוט אויסטריקענען זיך, און די שרייבער האָבן פאַרגעסן אַלץ וואָס זיי האָבן געשריבן, און זוכן אויסצומעקן פון זייער זכרון אַלץ וואָס, איז נאָך פאַרבליבן אין זייער געדענקונג. די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָט זיך עס איינגעגעבן, אָבער זיי קענען דאָס ענלעכע ניט טאָן צו די הויפּט כהנים, צו די זקנים פון סנהדרין, צו די קאַפּיטאַנען פון בית המקדש, צום כהן גדול קיפא, און צום פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס. ניין, זיי האָבן ניט פאַרגעסן וואָס איז פאָרגעקומען אין בית המקדש נעכטן, און איידער נעכטן, און וואָס מיט אַ וואָך צוריק. די אַוטאָרס אַליין רעקאָרדירן דעם פאַקט אַז די גליליער גרופּע האָט צייטווייליק געקראָגן דעם קאָנטראָל איבער דעם בית המקדש, זיי די איבערפאַלער האָבן געטאָן וואָס זיי האָט געפעליקט, געגעבן באַפעלן, און פאַראורזאַכט שאָדן אין טעמפּל. אַזאַ טאַט איז טעמפּל-לעסטערונג און שענדונג, און אויך גוואַלט באַפאַלונג. עס איז קעגן די יידישע און רוימישע געזעצן. טעמפּל שענדונג און באַפאַלונג זיינען פאַרברעכנס לויט דער רוימישער יוריספּרודענץ, אין די רוימישע פּראָווינצן איז עס פאַררעכנט ווי אַן אַקט פון רעבעלירונג קעגן רוים און רוימישן גאָווערנער. דער כהן גדול און די כהנים האָבן יעזוס אַקט אין בית המקדש ניט פאַרגעסן, אויך זיי זיינען געווען אויף דער וואַך אַז אין אַ טאָג אָדער מער זאָל זיך דאָס זעלביקע ניט ווידערהאָלן. דער כהן גדול קיפא איז געווען מער פּאָליטיקער און מער וויסער פון די רוימישע געזעצן ווי די גליליער גרופּע, און ווי די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס. אויב זיי וואָלטן באַשלאָסן צו לייגן זייערע הענט אויף יעזוסן, וואָלטן זיי ניט פאַרלאָרן מי און צייט, און די דינסט פון זייערע שפּיאָנען אויף צו אַרויסקריגן פון יעזוסן אַ וואָרט וואָס זאָל דינען אַלץ

1) פּראָקוראַטאָר.

באַוויַיז כדי אים צו באַשולדיקן, דער אַקט פון טעמפל־שענדונג דורך הונ־דערטער אויגן עדות איז אַ שטאַרקערער אָנקלאַג ווי זאָגן אַ וואָרט „עס איז מעגלעך אומגעזעצלעך". דעריבער די אַלע שרייבונגען וואָס די כּהנים, פּרושים, סופרים, זקנים האָבן געזוכט יעזוסן אַריינפּלאָנטערן אין אַ וואָרט צו באַשולדיקן אים: זיינען ניט נאָר ניט היסטאָריש, נאָר זיינען ווערטלאָז פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד. עס איז מער היסטאָריש זיכער אַז נאָך דער 'רייניקונג' האָט זיך יעזוס מער ניט באַוויזן אין בית המקדש, יעזוס און זיינע תּלמידים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. מעגלעך אַז זיי האָבן צייטנווייז געקעדט צו גרופּן פון דער מיליאָניקער מאַסע מענטשן, צום אָוונט פלעגן זיי אַרויס פון ירושלים, און האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין בית־עניה. דאָס וואָס די סינאָפּטישע עוואַנגעליע שרייבער גיבן איבער יעזוס רייד אין און אַרום דעם בית המקדש, קען ניט היסטאָריש באַשטעטיקט ווערן. יאָהאַן דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע שטימט ניט איין מיט די סי־נאָפּטישע שרייבער אַז יעזוס אין ירושלים אין דער זעלבער צייט זאָל זאָגן איין וואָרט וואָס זיי שרייבן. ער שרייבט אַז יעזוס האָט געזאָגט אַנדערע רייד און געטאָן אַנדערע מעשים. די שרייבער פון די עוואַנגעליעס גייען כּסדר אָן מיט די אויסגעפּאַנטאַזירטע באַשולדיקונגען ביז דעם סוף פון זייער שריפט.

מת. 22:22. „ווען זיי [די פּרושים און די הורדוסיער] האָבן געהערט די ווערטער האָבן זיי געוווּנדערט, און פאַרלאָזן אים, און אַוועק זייער וועג."

פש. נאָר יעזוסן האָט מען ניט געלאָזן אַליין פאַר אַ צו לאַנגער צייט.

מת. 23:22. „דעם זעלביקן טאָג זיינען געקומען צו אים די צדוקים וועלכע זאָגן אַז עס איז ניטאָ קיין תּחית המתים, און האָבן אים געפרעגט, (24) זאָגענדיק, לערער, משה האָט געזאָגט, אויב אַ מאַן שטאַרבט, ניט איבער־לאָזענדיק קינדער, זיין ברודער זאָל הייראַטן זיין ווייב, און זאָל אויפשטעלן זאָמען צו זיין ברודער. (25) איצט דאָרט זיינען געווען מיט אונדז זיבן ברידער: און דער ערשטער ווען ער האָט געהייראַט זיין ווייב, איז געשטאָרבן, און ניט האָבענדיק קיין זאָמען, האָט ער איבערגעלאָזן זיין ווייב צו זיין ברודער. (26) אַזוי איז אויך געווען מיט דעם צווייטן, און מיט דעם דריטן, ביז דעם זיבעטן. (27) צום לעצטן די פרוי איז אַוועק געשטאָרבן. (28) דעריבער אין תּחית המתים וועמענס ווייב וועט זי זיין פון די זיבן, וואָרום זיי אַלע האָבן איר געהאַט?"

פש. אויבן אויף פאַר אַ לייענער פון נייעם טעסטאַמענט איז דאָס גאַנץ פאַרשטענדלעך; אָבער אונטער דער ליכט פון אַנאַליז איז דאָס ניט מער ווי אַ וויץ. וואָרום דאַרפן אייניקע צדוקים וואַרטן מיט דער פראַגע ביז יעזוסן, ווען זיי האָבן געהאַט שטענדיק אַרום זיך צענדליקער טויזנטער פּרושים צו וועמען די צדוקים האָבן געקענט שטעלן די זעלבע פראַגע, און זיי וואָלטן געקראָגן דעם זעלבן ענטפער. דעם גלויבן אין תּחית המתים האָט יעזוס געלערנט און איבערגענומען פון די פּרושים: צוליב וואָס פרעגן גליליער עולה רגלניקעס, ווען זיי האָבן געהאַט אַרום זיך אַלע טעג פון יאָר די לערער,

**תלמידים חכמים פּרושים? ווי עס ווייזט אויס איז דער אַנעקדאָט געווען פּאָפּולער צווישן די פּרושים, האָבן דאָס די אַווטאָרס אינקאָרפּאָרירט אין די עוואַנגעליעס.**

מת. 29:22. „יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, איר האָט אַ טעות, ניט ווייסנדיק די שריפטן, און די מאַכט פון גאָט. (30) וואָרום אין דעם תחית המתים האָט מען ניט חתונה, נאָר אַלע זיינען ווי די מלאכים פון גאָט אין הימל.״

**פּש. דאָס איז דער ריכטיקער ענטפער, עס שטימט מיט דער דאָקטרינע פון די פּרושים; נאָר די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס האָבן אַ נייגונג צו קאָנפוזירן די קלאָרסטע רייד.**

מת. 31:22. „אָבער בנוגע תחית המתים, האָט איר ניט געלייענט דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן צו אייך דורך גאָט, זאָגענדיק, (32) איך בין דער גאָט פון אברהם, און דער גאָט פון יצחק, און דער גאָט פון יעקב? גאָט איז ניט דער גאָט פון די טויטע, נאָר פון די לעבעדיקע. (33) און ווען דער גרויסער עולם האָבן דאָס געהערט, זיינען זיי געווען דערשטוינט פון זיין דאָקטרינע. (34) אָבער ווען די פּרושים האָבן געהערט אַז ער האָט שטיל געמאַכט די צדוקים, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעקליבן. (35) דעמאָלט איינער פון זיי, וועלכער איז געווען אַ בעל־דין (לאָיער) האָט אים געפרעגט אַ פראַגע, פּרוּוונדיק אים, און זאָגענדיק, (36) האַר, וועלכער איז דער גרויסער געבאָט אין דער תורה? (37) יעזוס האָט געזאָגט צו אים, דו זאָלסט ליב האָבן דעם האַר דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, און מיט דיין געדאַנק. (38) דאָס איז דער ערשטער און גרויסער געבאָט. (39) און דער צווייטער איז גלייך צו אים, דו זאָלסט ליב האָבן דיין שכן ווי זיך זעלבסט. (40) אויף די צוויי געבאָט הייגנט די גאַנצע תורה און די נביאים.״

**פּש. עס וואָלט אַלץ געווען ווויל, אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע וואָס וואָלט מען געקענט טאָן יעזוסן, אָדער אין וואָס האָט מען אים געקענט באַשולדיקן ווען יעזוס וואָלט אָנגעגעבן אַן אַנדער געבאָט פאַר דעם גרעסטן? מיט וואָס האָט דער לאָיער געקענט פּרוּוון יעזוסן? עס איז ניט מער אַזאַ געווינהייט פון מאתיא, ווען אימעצער פרעגט אַ פראַגע איז דאָס נאָר צוליב איין צוועק צו פּרוּוון אים צו קענען באַשולדיקן. מאַרקוס בוצט אין דעם פאַל מער דער שכל הישר, ער פאַרשטייט אַז אַזאַ פראַגע דערהאַלט אין זיך ניט קיין שום פּרוּוונג.**

מאַרקוס 28:13. „און איינער פון די סופרים איז געקומען, און האָבענדיק געהערט זיי מיישבנדיק זיך צוזאַמען, און באַנעמענדיק אַז ער האָט זיי געענטפערט ווויל, האָט אים געפרעגט, וועלכער איז דער ערשטער געבאָט פון אַלע?״

**פּש. יעזוס האָט געבראַכט די געבאָט פון דברים:**

דברים 4:6. „הער, ישראל, יאהווע איז אונדזער גאָט, יאהווע איז איינער.

שמע ישראל: יה׳ אלהינו,
יה׳ אחד.

דברים 5:6. „און זאָלסט ליב האָבן יאהווע דייך גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, און מיט דיין גאַנצן כוח.״

ואהבת יה׳ אלהיך בכל לבבך,
ובכל נפשך,
ובכל מאדך.

ענלעכעס ווערט געבראַכט:

דבר. 12:10. „און אַצונד, ישראל, וואָס פאַרלאַנגט יאהווע דיין גאָט פון דיר? נאָר בלויז מורא צו האָבן פאַר יאהווע דייך גאָט, צו גיין אין אַלע זייַנע וועגן, און אים ליב האָבן, און צו דינען יאהווע דייך גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנ־צער זעל.

ועתה, ישראל, מה יה׳ אלהיך
שאל מעמך,
כי אם ליראה את יה׳ אלהיך,
ללכת בכל דרכיו,
ולאהבה אותו,
ולעבד יה׳ אלהיך בכל לבבך,
ובכל נפשך.

דברים 13:10. „צו היטן די געבאָט פון גאָט און זיינע געזעצן, וואָס איך באַפעל דיר הייַנט פון דיין טובה וועגן.

לשמר את מצות יה׳
ואת חוקתיו,
אשר אנכי מצוה היום לטוב לך.

דבר. 1:11. „דרום זאָלסטו ליב האָבן יאהווע דיין גאָט, און היטן זיין היטונג, און זיינע חוקים, און זיינע געזעצן, און זיינע געבאָט אַלע טעג.

ואהבתא יה׳ אלהיך,
ושמרת משמרתו,
וחקתיו, ומשפטו, ומצותיו
כל הימים.

דבר. 6:30. „אין יאהווע דיין גאָט וועט מל זיין דיין האַרץ, און דאָס האַרץ פון דיינע קינדער, ליב צו האָבן יאהווע דייך גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, כדי דו זאָלסט לעבן.״

ומל יה׳ אלהיך את לבבך
ואת לבב זרעך,
לאהבה את יה׳ אלהיך
בכלל לבבך,
ובכל נפשך
למען חייך.״

פש. אין די אָנגעגעבענע זאַצן איז אויסגדריקט דער עצם און תוך פון יודאַיזם, דאָס גלויבן אין איין גאָט יאהווע, און ליבן אים מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל, און היטן און טאָן זיינע געבאָט. אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע פון משהן, נביאים, די שרייבער פון כתובים, הלל, חכמים, רבנים, ר׳ עקיבא און גאונים, מפורשים ביז היינטיקן טאָג זיינען זיי געווען די גרונט־פעסטן פון יידישן גלויבן. אין דעם געבעט פון די יידן איבער דער גאַנצער וועלט, צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און אין אָונט: איז די שמע די הויפט תפילה. שמע ישראל יה׳ אלהינו, יה׳ אחד; און ואהבת את יה׳ אלהיך בכל לבבך, ובכל נפשך... זיינען די הויפט תפילות אין דער

ליטורגיע; מיט די תפילות זיינען יידן געגאַנגען צום טויט, זיינען אומגע־קומען על קידוש השם, זיינען אויסגעגאַנגען אין מיתות משונות, אין מאַסן אויסשלאַכטונגען, ווי דורך קריסטלעכער איניציאַטיווע, אַזוי דורך קריסטלעכע הענט; אין די שרעקלעכע מאַטערונגען פון דער אינקוויזיציע, און אין די פייערן פון דער אויטאָדעפע, ביז דאָס דייטשע קריסטלעך קולטור פאָלק האָט קאַלט בלוטיק, וויסענשאַפטלעך באַרעכנט, האָט פאַר־מאַטערט די נשמה פון אַ פאָלק; קערפערלעך פאַרפייניקט און פאַרגאַזט, קרע־מאַטיזירט זעקס מיליאָן מענטשן. אויף די ליפּן פון די אומגעקומענע פון דעם קריסטלעכן האָס זיינען די לעצטע ווערטער געווען דער „שמע ישראל, יה׳ אלהינו, יה׳ אחד. ואהבת את יה׳ אליהך בכל לבבך, ובכל נפשך״... עס איז ניט געווען אַ זאָגונג וואָס איז געמאָסטן און געשאַצט, נאָר די לעצטע ווערטער אין טויט; נאָר אָפּגעגעבענע לעבנס און נשמות פאַר דער ליבשאַפט צום איינציקן גאָט יאַהווע.

עס פאָלגט יעזוס דעפיניציע פון דער צווייטער גרעסטער געבאָט, דער אַזוי אָנגערופענער ׳גאָלדענער געבאָט׳.

ויקרא 18:19. „נייערט זאָלסט ליב האָבן דיין מיט־מענטשן, אַזוי ווי זיך אַליין, איך בין יאַהווע. ואהבת לרעך כמוך, אני יה׳.״

פש. יעזוס האָט דאָ עפּענטלעך דערקלערט די גרויסקייט פון גאָט יאַהווע, און זיין גרויסע ליבע צו אים און צו זיין געבאָט, און זיין גלויבן אין דער אויספירונג פון די געבאָט; אויך די זעלבע ליבע דאַרף זיין פון מענטש צו זיינע מיט־מענטשן. יעזוס פאַרוואַרפט ניט די אַלטע ׳לאָ׳, נאָר דערהייכט.

מאַרקוס שרייבט אַז יעזוס האָט געזאָגט אַז די ערשטע און די גרעסטע געבאָט פון דער תורה איז די שמע.

מאַרקוס 29:12. „און יעזוס האָט געענטפערט אים, דער ערשטער פון אַלע געבאָט איז: הער, ישראל; דער האַר אונדזער גאָט, איז איין גאָט. (30) און דו זאָלסט ליב האָבן דעם האַר דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, מיט דיין גאַנצער זעל, מיט דיין גאַנצן פאַרשטאַנד, און מיט דיין גאַנצן כוח: דאָס איז דער ערשטער געבאָט.״

מאתיא וועלכער קאָפּירט מאַרקוסן וועלכער האָט איבערגענומען דעם אופן פון שרייבן פון אים, און די הויפּט צוועקן און שטרעבונגען פון דער שריפט: וואַרפט אַרויס דעם זאַץ וואָס מאַרקס ברייגנט פון דברים 4:6, דעם שמע ישראל. מאתיא האָט פאַרשטאַנען אַז דער ׳שמע ישראל׳ דריקט אויס דעם תוך פון יידישקייט, דעם גלויבן אין איין און איינציקן גאָט יאַהווע; דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר זיין אָנגענומענער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסמעקן פון מאַרקוס שריפט אין קאַפּיטל 12, די זאַצן 29, 30 און 31; האָט ער אויסגעלאָזן דעם זאַץ 29, ווו עס ווערט געבראַכט דער ׳שמע ישראל׳.

מת. 41:22. „ווייל די פרושים זיינען געווען פאַרזאַמלט צוזאַמען, האָט זיי יעזוס געפרעגט.״

פש. דער זאַץ ווייזט בעשײַנפּערלעך די ניט־רעאַלקייט פון אַזאַ שרייבן. דער שרייבער האָט ניט קיין שום באַציונג צו דעם ווירקלעכן לעבן פון וועלכן ער שרייבט און קיין שום פאַרשטענדיקייט פון דער רעאַגירונג פון לעבעדיקע מענטשן אין אַ געוויסן עפּיזאָד. עס איז די צייט פון צוויי טעג פאַר פסח, די גאַנצע שטאָט ירושלים איז איבערגעפילט מיט מענטשן. די יידן האָבן געהאַט נאָר איין טעמפּל, און אויף אַ יום טוב, ספּעציאַל אויף דעם יום טוב פון פסח קומען אַן יידן פון אַלע עקן לאַנד, און פון די אַלע לענדער פון די פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע, דער הויפּט צענטער פון אייַנזאַמלונגען זייַנען די היפן פון דעם הר הבית. דער פּלאַץ איז איבערגעפילט מיט די נייַע עולים, יעדערער איז פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג צום פסח. מען דאַרף אָנגרייטן דעם קרבן פסח, און אַ פּלאַץ ווו צו עסן, באַצאָלן די שקלים און אַכטונג געבן אויף מיט אים געקומענער משפּחה, און זוכן און געפינען די מיטגלידער פון דער מיט אים אָנגעקומענער גרופּע. אין יעדער גרופּע פון די עולים זייַנען געווען מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען און נייגונגען: ווי פּרושים, צדוקים, קנאים, לאַנד־באַזיצער (עם הארצים) און סתם מענטשן פון פאָלק. די פּרושים צוגלייך צו אַלע יידן זייַנען זייער פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג צום פסח. פיל יידן פון ירושלים, דערהויפּט פּרושים, האַלטן זיך אָפּ פון דער באַזוכונג אין דער צייט פון די טעג פון די ערב ימים טובים דעם הר הבית; כדי פאַרקלענערן די ענגשאַפט, און לאָזן מער אָרט פאַר די נייַע אָרייַנגעקומענע. אַזוי לויט מאתיא אין דער גרויסער ענגשאַפט האָבן זיך באַזונדער פאַרזאַמלט די פּרושים, וואָס איז געווען די סיבה פון זייער פאַרזאַמלונג, איז ניט מער און ניט ווייניקער, כדי יעזוס זאָל זיי קענען שטעלן פראַגן. עס איז געווען אין דער מינדלעכער טראַדיציע פון עפּעס יעזוסעס אַ באַמערקונג אָדער אַ פראַגע: שאַפן די אווטאָרס פון די עוואַנגעליעס סיטואַציעס און אומשטענדן וואָס זייַנען באַזירט אויף זייער כוח הדמיון. אַזוי לויט מאתיא האָבן זיך די פּרושים פאַרזאַמלט און יעזוס האָט געהאַט די געלעגנהייט צו פרעגן זיי.

מת. 42:22. „זאָגענדיק, וואָס דענקט איר פון משיח, וועמענס זון איז ער? האָבן זיי געזאָגט צו אים: דער זון פון דוד. (43) האָט ער געזאָגט צו זיי, ווי טוט דען דוד אין גייסט רופן אים האַר, זאָגענדיק, (44) דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר, דו זיץ אויף מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט דיין פוס־בענקל. (45) אויב דוד רופט אים האַר, איז ווי אַזוי איז ער זיין זון?”

פש. דאָס איז ציטירט געוואָרן:

תהלים 1:110. „גאָט זאָגט צו מיין האַר: זיץ ביי מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט פאַר אַ בענקל צו דיינע פיס — נאם יה׳ לאדני: שב לימיני עד אשית איביך הדם לרגליך.”

פש. עס איז ניט פולשטענדיק זיכער אַז לאדני מיינט משיח. ווידער יעזוס ווייזט צוריק די גאַנצע אָנשטרענגונג פון די עוואַנגעליעס אַז יעזוס איז דער

**זון פון דוד. יעזוס פאַרזיכערט אַז משיח קען ניט זיין דער זון פון דוד.**

מת. 46:22. „און קיינער האָט ניט געקענט צו ענטפערן אים אַ וואָרט, אויך האָט קיינער געוואַגט פון יענעם טאָג אָן צו פרעגן אים מער פראַגן.“

## קאַפּיטל 23

מת. 1:23. „דאַן האָט יעזוס גערעדט צום גרויסן עולם, און צו זיינע תלמידים“,

מת. 2:23. „זאָגענדיק, די סופרים און די פרושים זיצן אין משה׳ס שטול:“

מת. 3:23. „דערפאַר אַלץ וואָס זיי הייסן אייך האַלטן, האַלט און טוט; אָבער טוט ניט נאָך זייערע מעשים (וואָרקס): ווארום זיי זאָגן און טוען ניט.“

**פש. דאָס אויבן געזאָגטע איז אַ לעקציע פאַר דעם הייליקן פאולוס, און פאַר די גרונד־פּרינציפּן פון דער קריסטלעכער קירך. עס קענען דאָ ניט געגעבן ווערן צוויי מיינונגען, עס איז קלאָר און פשוט, אַז די פרושים פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון משה׳ן און מען דאַרף האַלטן וואָס זיי זאָגן, ווייל זיי לערנען די תורה פון משה׳ן. נאָר דער הויפּט איז ניט אין זאָגונגען, נאָר דורך טאָן, דורך ׳וואָרקס׳, אָבער די פרושים זאָגן און טוען ניט. פאולוס זאָגט פאַרקערט: „טאָן האָט ניט דאָס מינדסטע ווערטקייט! דורך מעשים (וואָרקס) קען מען ניט גערעכטיקט ווערן, און די „לאָ“ פון משה ברייננט זינד און טויט, עס איז דער קוואַל פון זינד.“ אַזוי — איז יעזוס ווערזוס פאולוס.**

מת. 4:23. „ווארום זיי [פרושים] בינדן שווערע לאַסטן און דריקענדיק צו טראָגן, און לייגן זיי אויף די אַקסלען פון מענטשן; אָבער זיי זעלבסט ווען ניט באַוועגן זיי מיט איינעם פון זייערע פינגער.“

**פש. מאַתיא אין זיין באַריכט איבער יעזוס דרשה אויפן באַרג גיט דאָך איבער די שווערע לאַסטן וואָס יעזוס לייגט אויף די מענטשן, ער מאַכט די תורה פון משהן פיל שווערער ווי עס איז. (מאַת. 21:5, 22), זאָגט דאַרטן, אַז משה האָט געזאָגט „דו זאָלסט ניט טויטן“, אָבער איך זאָג אייך אַז דער וואָס וועט זאָגן אויף זיין ברודער „נאַר“ איז אין געפאַר פון העלישן פייער“; אַזוי אַז אַ באַשולדיקונג איז ערגער ווי טויטן. עס איז זייער אַ דערהייבענע מידה קיינעם ניט צו באַליידיקן; אָבער מאַכן אַ באַליידיקונג ערגער ווי טויטן, איז זייער אַ שווערע משא אויף די שולטערס פון מענטשלעכע מענטשן. אַפילו יעזוס, לויט די באַריכטן פון די עוואַנגעליע שרייבער, האָט ניט געקענט זיך צוריקהאַלטן פון באַליידיקונגען.**

**„לא תנאף“ באַציט זיך ווען מען קוקט אויף אַ פרוי מיט לוסטיקע אויגן. משה און די חכמים האָבן געוווסט אַז אַ מענטש דורך זיין שוואַכקייט פון זיין האַרצן קען באַגיין עבירות דורכן אויג אָדער דורך זיין האַרץ: איז פאַר זיי תשובה אָדער אַ קרבן אַ האָפענונג אויף גאָט׳ס פאַרגעבונג; לויט**

יעזוס איז דאָ נאָר איין מיטל — האַק אָפּ דיין האַנט, אָדער רייס אויס דיין אויג. אין ענין פון גטן זיך, נעמט אָן יעזוס די ריכטונג פון שמאַי, דעם שטרענגסטן שווער מאַכער פון משה׳ס געבאָט, נעמלעך, אַז אַ מענטש קען אָפּגטן זיין ווייב נאָר איבער איינציקער אורזאַך פון זנות.

עס פאָלגט די ווערסיע פון לוקאַס.

לוקאַס 46:11. „און ער [יעזוס] האָט געזאָגט, ווי צו אייך, איר לאַיערס [בעלי תורה]! ווארום איר באַלייגט מענטשן מיט לאַסטן וואָס איז שווער צו טראָגן, און איר זעלבסט רירט ניט אָן דעם לאַסט מיט איינעם פון אייערע פינגערס.״

פּש. מאַרק, האָט ניט יעזוס רייד פון גרויסן לאַסט. עס מאַכט ניט אויס פון וואָס פאַר אַ קוואַל זיי האָבן דאָס גענומען פון Q-I אָדער פון אַן אַנדער Q, אָדער פון גאָר קיין קוואַל ניט; נאָר דאָ ווערט באַצייכענט בולט די באַציונג פון די עוואַנגעליע שרייבער צו יעזוס רייד. עס ווערט איבערגעגעבן דער גרעסטער טייל פון זאַץ כמעט מיט די זעלבע ווערטער, דאָס ווייזט אַז עס איז גענומען געוואָרן פון איין קוואַל, אָדער איינער האָט קאָפּירט פון דעם אַנדערן. לוקאַס קען ניט פאַרליידן אַז יעזוס זאָל פריידיקן מענטשלעך, מיט גוטסקייט, כדי צו ברייגגען די צוהערער צו תשובה, ער שטרייכט אָן זיין גאַנצן טאַלאַנט צו מאַכן יעזוסן פאַר אַ שילטער. אין דעם הינזיכט איז מאַתיא אויך ניט אָן זינד, נאָר דאָ מאַתיא האַלט זיך באַגרעניצט; אָבער לוקאַס קען דאָס ניט פאַרטראָגן און מוז צוגעבן די ווערטער „ווי צו אייך״.

מת. 5:23. „אָבער אַלע זייערע מעשים טוען זיי כדי צו געזען ווערן פון מענטשן: זיי מאַכן ברייט זייערע תפילין, און פאַרגרעסערן די ברעגן פון זייערע קליידער. (6:23) און ליבן די אויבן אָן ערטער אויף סעודות, און די בעסטע זיץ־ערטער אין די סינאַגאָגעס. (7:23) און באַגריסונגען אין די מערק, און צו געערופן ווערן פון מענטשן רבי, רבי.״

פּש. לוקאַס רעקאָרדירט דאָס זעלביקע, נאָר מיט דער צוגעבונג „ווי צו אייך״.

לוקאַס 43:11. „ווי צו אייך, פּרושים! ווארום איר האָט ליב די אויבן אָן ערטער אין די סינאַגאָגעס, און באַגריסונגען אין די מערק.״

פּש. די ווערטער רבי, רבי, גיבן אַרויס די ניט היסטאָרישקייט פון די פּסוקים. אין יעזוס צייטן האָט ניט עקזעסטירט דאָס וואָרט און דער טיטול ׳רבי׳. שמאַי און הלל וועלכע האָבן געווירקט ביז יעזוס געבורט האָבן ניט געהאַט דעם טיטול רבי, זיי האָבן זיך גערופן ביי זייערע נעמען שמאַי און הלל. אין די לעצטע יאָרן פון יעזוס לעבן איז געוואָרן נשיא פון סנהדרין גמליאל בן שמעון, הללס אָן אייניקל, ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געקראָגן דעם טיטול ׳רבן׳, ערשט אין קומענדיקן דור איז רבי געוואָרן דער טיטול פון אַ געלערנטן. ניט יעדער האָט זיך גערופן ׳רבי׳, נאָר דער וואָס פאַר זיין געלערנשאַפט האָט דער סנהדרין געערט מיט דעם טיטול. ניט יעדער פּרוש האָט זיך געקענט רופן רבי, און וואָלט ניט אַדרעסירט

געוואָרן רבי. עס איז אַ דיגרי אַזוי ווי דאָקטאָר, אָדער פּראָפעסאָר. קומען מיר צום באַשלוס אַז יעזוס האָט דאָס ניט געזאָגט, און האָט ניט געקענט זאָגן, ווייל דער וואָרט איז ניט געווען אין געברויך אין זיין צייט. דעריבער פּרעגט זיך אָפּ די אויטענטישקייט פון די אַלע זאָגונגען. אַ פּשיטא דעם ענטוזיאַס־טישן צולייג „ווי צו אייך".

עס איז ניט פיין ווען מענטשן יאָגן זיך נאָך כבוד. זיינען יעזוס תלמידים ריין פון שולד? האָבן דען ניט די תלמידים צווישן זיך ניט געקענט דורכקומען ווער פון זיי איז און וועט זיין גרעסער?

יעזוס פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער זינד און נישטיקייט פון מאָראַל ווען מענטשן זוכן כבוד צו אויפגענומען ווערן בכבודיק אויף סעודות און ווילן פאַרנעמען די אָנגעזעענסטע פּלעצער אין די סינאַגאָגעס. טוט דען יעזוס אַזוי ווי ער פּריידיקט?

לוקאַס אין קאַפּיטל זיבן דערציילט ווי יעזוס און זיינע תלמידים זיינען איינגעלאַדן געוואָרן ביי דעם פּאַריסייער שמעון צו עסן אין זיין הויז. איז געקומען אַ פרוי—אַ זינדערקע און געשמירט יעזוס'ן מיט קאַסטבאַרן באַל־זאַם. האָט יעזוס געזאָגט צום בעל הבית שמעון: „ווען איך בין אַריינגעקומען אין דיין הויז האָסטו מ י ר ניט געגעבן וואַסער פאַר מיינע פיס, די האָט מ י ר ניט געגעבן קיין קוש, מיין קאָפּ מיט אויל האָסטו ניט באַשמירט..." יעזוס האָט דאָס אַלץ אויסגערעדט דעם בעל הבית פאַר ניט טאָן צו א י ם, און ניט צו די תלמידים. ער זאָגט ניט אונדז, נאָר מיך. דאָן פאַר זיך זוכט יעזוס דעם גרעסטן כבוד און די שטרייַנגסטע באַדינונג: וואָרום זאָל זיין „ווי צו די פּרושים" אפילו ווען זיי זוכן אויך אַביסל כבוד?

מת. 9:23. „און רופט ניט קיין מאַן אייער פאָטער אויף דער ערד, וואָרום איינער איז אייער פאָטער וועלכער איז אין הימל."

פּש. אויסלאָזענדיק די טיפזיניקייט פון דער זאָגונג, ווערט דאָ באַוויזן ווען יעזוס רופט גאָט פאָטער, מיין פאָטער: מיינט ער ניט צו אויסדריקן מיט דערויף אַז גאָט איז נאָר זיין פאָטער און ער איז נאָר אַליין גאָט'ס זון; נאָר אַז גאָט איז דער פאָטער פון אַלע מענטשן, און אַלע מענטשן זיינען גאָטס זין.

מת. 10:23. „אויך איר זאָלט ניט גערופן ווערן האַרן (מאַסטערס) וואָרום איינער איז אייער האַר, אַזוי קריסטוס. (11:23) אָבער דער וואָס איז דער גרעסטער צווישן אייך וועט זיין אייער דינער. 1) (12:23) און דערן וואָס וועט זיך זעלבסט דערהייבן, וועט דערנידעריקט ווערן; און דער וואָס וועט זיך דערנידעריקן, וועט דערהייבט ווערן. (13:23) אָבער ווי צו אייך, סופרים און פּרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר פאַרשליסט די מלוכה פון הימל פאַר די מענטשן: וואָרום ניט איר אַליין גייען אַריין, און אויך איר דערלויבט ניט זיי וואָס קומען צו אַריינגיין."

1) דער זעלבער געדאַנק געפינט זיך אין איוב 29:22; און אין משלי 33:15.

פּש. יעזוס האָט געפּריידיקט אין דער דרשה אויפן באַרג, קאַפּ. 13:7,

**אַז „ברייט איז דער טויער און גרויס איז די וועג וועלכע פירן צו פאַרניכטונג, אָבער ענג איז די טויער און שמאָל איז די וועג וועלכע פירט צום לעבן, און ווייניק זיינען דאָרט וועלכע געפינען עס.״ אויך זאָגט ער: „אַ סך קומען אָבער ווייניק זיינען אויסדערוויילט.״ די יידישע קאָנצעפּציע און דאָס זעלביקע די באַנעמונג פון די סופרים און פּרושים זיינען אין היפּוך צו יעזוס דאָקטרינע. זייער אויפנעמונג איז, אַז דער וועג צו גאָט איז ברייט, גרעאָם און שטענדיק אָפן: יעדערער וואָס קערט זיך צו גאָט און טוט תשובה, ווערט ער אויפגענומען. נעמט איצט יעזוס זיין אייגענע דאָקטרינע וואַרפט זי אָן אויף די סופרים און פּרושים: און זיי זיינען די היפּאָקריטן.**

מת. 14:23. „ווי צו אייך, סופרים און פּרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר פאַרשלינגט הייזער פון אלמנות, און פאַר אַ פּרעטענזיע מאַכט איר לאַנגע תפילות: דעריבער וועט איר קריגן די גרעסטע פאַרדאַמונג.״

**פש. עס פאָלגן די ווערסיעס פון מאַרקוס און לוקאַס.**

מאַרקוס 40:12. „וועלכע שלינגען אלמנות־הייזער, און פאַר אַ פּרעטענזיע מאַכן זיי לאַנגע תפילות. די דאָזיקע וועלן קריגן אַ גרעסערע פאַרדאַמונג.״

לק. 47:20. „וועלכע פאַרשלינגען די הייזער פון אלמנות, און פאַר אַן אַרויסווייזן זיך מאַכן זיי לאַנגע תפילות: די זעלביקע וועלן קריגן גרעסערע פאַרדאַמונג.״

**פש. מאתיא גיט איבער מיט די זעלבע ווערטער פון מאַרקוס און לוקאַס, און זיי האָבן ניט קיינע ׳סופרים׳ און ׳פּרושים׳, אויך געפינען זיך ניט ביי זיי די עטישע פּערלען וואָס באַגלייטן יעזוס זאָגונגען, ווי: „ווי צו אייך, פּרושים און סופרים, היפּאָקריטן!״**

מת. 15:23. „ווי צו אייך סופרים און פּרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר פאָרט אַרום ים און לאַנד צו מאַכן איין פּראָזעליט, און ווען ער איז געמאַכט, מאַכט איר אים צווייפאַכיק מער פאַר אַ קינד פון גיהנום דען איר זעלבסט.״

**פש. דאָס איז אויך אַ זאָגונג געשאַפן אויפן אויסלענדישן באָדן פון ניט יידן. עס איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט אַז גרויסע צאָלן פּראָזעליטן האָבן זיך געפונען אין אַלע תפוצות אין די פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע, און מען האָט ניט געדאַרפט פאָרן ימען. מאתיא און לוקאַס זוכן אויספילן איינער דעם אַנדערן. ווען איינער שרייבט יעזוס זאָגונגען אָן זידלונג און אָן נאָמען־רופונג, אַזוי גלייך דער אַנדער אַוועקאַר אין דער זעלבער זאָגונג פּילט דאָס אויס, ער שטעלט אַריין די ווערטער פון ברודער ליבע: „ווי צו אייך, היפּאָקריטן״; מיט דער זעלבער וואַכזאַמקייט צאָלט אָפּ דער צווייטער דעם ערשטן.**

מת. 16:23. „ווי צו אייך בלינדע פירער, וועלכע זאָגן, ווער עס שווערט ביי דעם בית המקדש, איז עס גאָר ניט; אָבער ווער עס שווערט ביי דעם גאָלד פון בית המקדש, דער איז שולדיק! (17) איר נאַראָנים און בלינדע: וואָרום וואָס איז גרעסער, דער גאָלד, אָדער דער בית המקדש וואָס הייליקט די גאָלד. (18:23) און ווער עס וועט שווערן ביי דעם מזבח, איז עס גאָרניט;

אָבער ווער עס שווערט בײַ דעם קרבן וואָס איז דערויף, ער איז שולדיק. (19:23) איר נאַראָנים און בלינדע: וואָרום וואָס איז גרעסער, דער קרבן, אָדער דער מזבח וואָס הייליקט דעם קרבן? (20:29) דעריבער דער וואָס וועט שווערן בײַ דעם מזבח, שווערט בײַ אים, און בײַ אַלע זאַכן אויף אים. (21:23) און דער וואָס וועט שווערן בײַ דעם בית המקדש, שווערט בײַ אים, און בײַ אים וואָס וווינט דערינען. (22:23) און דער וואָס וועט שווערן בײַן הימל, שווערט בײַ דעם טראָן פון גאָט, און בײַ אים וואָס זיצט אויף אים."

פּש. יעזוס זאָגונגען 16־22 צייכענען זיך אויס מיט באַשולדיקונגען וועלכע זײַנען אויף גאָר ניט באַגרינדעט, און זייער אינהאַלט איז גאָר ניט. די גאַנצע רייד פון שווערן בײַ דעם בית המקדש, גאָלד, מזבח, קרבן הימל טראָן: זײַנען ווערטער אָן אַ רעכט באַרעכטיקונג אָן ווערטיקער ממשות. דער ענין פון שווערן געפינט זיך ניט אין דער יידישער טראַדיציע און ניט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז ערגעץ ניט דערמאָנט געוואָרן, ניט אויפגענומען געוואָרן פון דער מאָס פון אַ שבועה ווערטיקייט פון גאָלד אָדער טעמפּל, מזבח אָדער קרבן. יעזוס רעדט ווי אַ פרעמדער וואָס האָט ניט קיין שום וויסן פון דעם גאַנצן ענין. יעזוס רעדט מיט גרויסן ערנסט איבער ניט געשטויגענע זאַכן. עס געפינט זיך אין דער תורה אַן אָנזאָג, אַ מענטש זאָל אויסמיידן נעמען אויף זיך אַ נדר, אָדער צוזאָגונגען. אָבער אויב אַ מענטש האָט עפּעס צו־געזאָגט, אָדער מנדב געווען, דאַרף ער דאָס דערפילן. וואָס אַ מענטש ברענגט אַרויס פון מויל דאַרף ער עס טאָן.

במדבר 3:30. „אַז אַ מאַן וועט טאָן אַ נדר צו גאָט, אָדער שווערן אַ שבועה, צו אַסרן אויף זיך אַן איסור, זאָל ער ניט פאַרשוועכן זײַן וואָרט; אַזוי ווי אַלץ וואָס עס גייט אַרויס פון זײַן מויל, זאָל ער טאָן. — איש כי ידר נדר ליה', או השבע שבעה, לאסר אסר על נפשו, לא יחל דברו; ככל היוצא מפיו יעשה."

האָט יעזוס פאַרגעסן וואָס ער האָט געזאָגט אין זײַן דרשה מת. 34:5־36. „אָבער איך זאָג אײַך שווערט גאָרניט אין גאַנצן; ניט בײַ דעם הימל וואָרום עס איז גאָט'ס טראָן." איצט זאָגט יעזוס דאָס פאַרקערטע, אַז מען דאַרף שווערן בײַ דאָס גרעסערע. אַ שבועה האָט מער תקיפות ווען מען שווערט בײַ דעם בית המקדש, ווייל עס איז די וווינונג פון גאָט. אויך אַ שבועה האָט מער געוויכט ווען מען שווערט בײַ דעם הימל, ווייל דער הימל איז דער טראָן פון גאָט. ווי קען קומען צו יעזוסן אַזאַ קאָנטראַדיקציע? איז דער תירוץ אַז יעזוס איז אומשולדיק, ער איז אַזוי פיל שולדיק ווי „די נאַראָנים און בלינדע". ניט זיי האָבן געוווּסט פון אַזעלכע שבועות, און ניט יעזוס וואָלט ריידן פון זאַכן וואָס זײַנען ניט געהערט געוואָרן.

מת. 23:23. „ווי צו אײַך סופרים און פרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר צאָלט מעשר פון מינט, אַניס און קימל, און האָבן אויסגעלאָזן וויכטיקערע זאַכן פון דער תורה, משפּט, רחמים און אמונה: די דאָזיקע האָט איר באַדאַרפט טאָן און ניט צו לאָזן די אַנדערע ניט געטאָן."

**פש.** וואָס פאַר אַ שייכות איז רחמים צו מעשר. איינס לייקנט ניט דאָס אַנדערע. די נביאים האָבן געלערנט און געשטראָפט דאָס גאַנץ פאָלק, ניט אַן איינצעלנע סעקטע. זיי האָבן געשטראָפט מיט אַ האַרבער שפּראַך, אָבער באַגלייט געוואָרן מיט פאַרדרוס און ווייטיק, און מיט ליבשאַפט.

ישעיה 13:1. „ניט ברענגט מער קרבנות אומזיסט, אַן אומווירדיקע דעמפונג איז דאָס פאַר מיר. (15) און ווי פיל איר זאָלט ניט תפילה טאָן, הער איך ניט צו. (16:1, 17) הערט אויף שלעכטס טאָן; לערנט גוטס טאָן, זוכט גערעכטיקייט, שטאַרקט דעם געדריקטן.״

הושע 1:6. „קומט און לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט ווארום ער האָט פאַרצוקט און ער וועט אונדז היילן; ער שלאָגט און וועט פאַרבינדן. (3) לאָמיר זיך יאָגן צו דערקענען גאָט, זיכער ווי דער באַגינען איז זיין אַרויסגאַנג, (6) ווארום גוטסקייט האָב איך באַגערט און ניט שלאַכט אָפּפער, און דערקענונג פון גאָט איידער בראַנד אָפּפער.״

מיכה 8:6. „מע האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש, וואָס איז גוט, און וואָס יאהווע פאַרלאַנגט פון דיר: נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָר און אומגייק שטיל פאַר דיין גאָט.״

יעזוס איז בייז, צאָרנדיק; יעדע זאָגונג צו די פאַרלאָרענע שאָף הייבט ער אָן מיט אַ זידל וואָרט.

נאָך דעם דורכפאַל אין בית המקדש, ווען יעזוס מיט זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך אומגעקערט קיין בית־עניה, איז די שטימונג געווען אַ געדריקטע און פול מיט יאוש. יעזוס האָט ניט געקענט באַגרייפן ווארום האָט אים גאָט פאַרלאָזן אין דעם וויכטיקסטן מאָמענט? ווארום האָט אים פאַרלאָזן די הימ־לישע מאַכט? אין אַזאַ שעה איז מעגלעך און פאַרשטענדלעך אַז ער האָט געזאָגט האַרטע ווערטער וועגן פרושים, מחמת זיי האָבן געדאַרפט זיין פון די ערשטע וואָס זאָלן צושטיין צום משיח און העלפן די ברענגונג פון דער מלוכה. די איבערגעבונגען אין גאַנג פון יאָרן האָבן זיך צעוואַקסן און פאַר־שפּרייט געוואָרן אין צאָליקע וואַריאַציעס פון זידלונגען. אין ירושלים האָט יעזוס ווייניק געפּריידיקט, לויט לוקאַס, זיינען די מערסטע פון די זאָגונגען געזאָגט געוואָרן אין גליל.

מת. 24:23. „איר בלינדע פירער, וועלכע זייען אויס די פליגעלע, און דערשלינגען אַ קעמל.״

**פש.** עס קומט קרעדיט מאַתיאַן פאַר דעם אַפאָריזם, ווייל קיין אַנדער אַוטאָר האָט דאָס ניט רעקאָרדירט.

מת. 25:23. „ווי צו אייך, סופרים פרושים, היפּאָקריטן! ווארום איר מאַכט ריין דעם אויסערן זייט פון די כוסות און טעלער, אָבער אינווייניק זיינען זיי פול מיט אויספרעסונג און אומנוצלעכקייטן. (26) דו בלינדער פרוש, רייניק צום ערשטן דאָס וואָס איז אינווייניק פון כוס און שיסל, אַז דער אויסעריקער זייט זאָל אויך קענען זיין ריין.״

**פש.** יעזוס זאָגט אַז מען דאַרף בעכער (קאַפּס) און טעלער וואַשן ניט

**נאָר פון דעם אויסווייניקסטן זייט נאָר דערהויפּט פון דעם אינווייניקסטן זייט: און מאַרקוס שרייבט, אַז יעזוס האָט געזאָגט, אַז וואַשונג פון טעלער און בעכער איז דאָס נאָר די טראַדיציע פון מענטשן, און עס איז ניט די געבאָט פון גאָט. די זעלביקע מיינונג האָט יעזוס אַרויסגעזאָגט וועגן וואַשן די הענט איידער עסן, און וועגן וואַשן מעשענע כלים און טישן. הענט און טישן האָבן דאָך ניט קיין אינווייניקסטע זייטן איז וואָרום איז דאָס אַזאַ בייז ווען מען טוט עס?**

מאַרקוס 3:7. „וואָרום די פּרושים, און אַלע יידן, סיידן זיי וואַשן זייערע הענט, עסן ניט, האַלטנדיק די טראַדיציע פון זייערע אבות. (4:7) און ווען זיי קומען פון מאַרק, סיידן זיי וואַשן זיך, עסן זיי ניט. און פיל אַנדערע זאַכן זיינען דאָרט וועלכע זיי האָבן געקראָגן צו האַלטן, אַזוי ווי דאָס וואַשן פון בעכער און טעפּ, מעשענע כלים, און פון טישן. (8:7) וואָרום לייגענדיק אָן אַ זייט די געבאָט פון גאָט, האַלט איר די טראַדיציע פון מענטשן, אַזוי ווי דאָס וואַשנג פון טעפּ און בעכער: און פיל אַנדערע אַזעלכע זאַכן טוט איר.“

**פּש. לויט מאַתיא זאָגט איצט יעזוס אַז מען דאַרף האַלטן די טראַדיציע פון מענטשן און מען דאַרף עס גוט אָפּהיטן, וואַשן די געשיר גרינדלעך פון אינווייניק מער ווי פון דרויסן.**

**אין קאַפּיטל 15 שרייבט מאַתיא אַנדערש וועגן וואַשונג.**

מת. 11:15. „ניט דאָס וואָס גייט אין מויל מאַכט אומריין אַ מענטשן. (20) אָבער עסן מיט ניט געוואַשענע הענט מאַכט ניט אומריין אַ מענטשן.“

**ווען מאַתיא זוכט אַז יעזוס זאָל זידלען און באַליידיקן די פּרושים, פאַרגעסט ער וואָס ער האָט פריער געשריבן; ער פאַרגעסט וואָס מאַרקוס האָט געשריבן, ווען ער קאָפּירט. ער מאַכט איצט יעזוסן צו זאָגן און זידלען: אַז מען דאַרף כלים גרינטלעך וואַשן און דערהויפּט דעם אינווייניק.**

מת. 27:23. „ווי צו אייך סופרים און פּרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר זייט געגליכן צו געווייסטע קברים וועלכע זיינען שיין פון דרויסן, אָבער אינווייניק פול מיט טויטע מענטשנסביינער און פון אַלע אומריינקייטן. (28:23) אַזוי איז אויך אויסערלעך שיינט איר צו זיין רעכטפערטיק צו מענטשן, אָבער אינווייניק זייט איר פול מיט היפּאָקריטסטווע און אומרעכט.“

**דאָס קומענדיקע איז לוקאַס ווערסיע.**

לק. 44:11. „ווי צו אייך סופרים און פּרושים, היפּאָקריטן! וואָרום איר זייט אַזוי ווי קברים וועלכע זען זיך ניט אָן, און די מענטשן וואָס גייען איבער זיי, ווייסן ניט פון דערויף.“

**פּש. ווי האָט פּאָרט יעזוס געזאָגט? ווי מאַתיא אָדער ווי לוקאַס? מאַרקוס ווייסט ניט אין גאַנצן פון אַזאַ זאָגונג פון יעזוס. עפּעס איז געווען וועגן קברים אין דער מינדלעכער טראַדיציע: יעדער אַוטאָר האָט עס געאַנדערשט לויט זיין פּערזענלעכער מיינונג. די צייט און אָרט זיינען אויך פאַרשידן. לויט מאַתיא, רעדט דאָס יעזוס אַ טאָג נאָך דער „ריינקונג“ פון בית המקדש; לויט לוקאַס האָט דאָס יעזוס גערעדט פאַר זיין אַריינקום אין ירושלים. אויב די**

**שרייבער ווייסן ניט ווו און ווען יעזוס האָט גערעדט, ווי אַזוי קענען זיי ווייסן וואָס ער האָט גערעדט?**

מת. 29:23. „ווי צו אייך, סופרים און פרושים, היפּאָקריטן! מחמת איר בויט די קברים פון די נביאים, און באַצירט די גריבער פון די צדיקים. (30) און זאָגט, אויב מיר וואָלטן געווען אין די טעג פון אונדזערע פּאָטערס, וואָלטן מיר ניט געווען אנטייל נעמערס מיט זיי אין דעם בלוט פון די נביאים. (31:23) אַזוי זייט איר עדות פאַר זיך זעלבסט, אַז איר זייט די קינדער פון זיי וועלכע האָבן געהרגעט די נביאים. (32) דאַן פילט איר אויס די מאָס פון אייערע פּאָטערס.״

**פּש. די אינערלעכע אויסגעוואַשנקייט פון מאתיא און יעזוס דיקטירן זיי: פריער מאַכן אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען, און דערנאָך ברייננגען זיי ווי באַווייזן.**

לוק. 47:11. „ווי צו אייך [עס פעלן דאָ די ליבע־ווערטער 'היפּאָקריטן'], ווארום איר בויט די קברים פון די נביאים, און אייערע פּאָטערס האָבן זיי געהרגעט. (48:11) באמת, איר טראָגט עדות אַז איר באַרעכטיקט די טאָטן פון אייערע פּאָטערס; ווארום זיי האָבן זיי ווירקלעך געהרגעט, און איר בויט זייערע קברים.״

**פּש. עס איז אַ וועלט אַקסיאָמע אַז אַ בילבול מאַכט איינער אויף אַן אַנדערן, אָדער איינער אויף אַ סך, אָדער פאַרקערט אַ סך אויף איינעם: אָבער איינער זאָל מאַכן אַ בילבול אויף זיך זעלבסט איז אַ גרויסע זעלטענקייט. מאתיא שרייבט אַז די יידן אין יעזוס צייטן האָבן געזאָגט ווען זיי וואָלטן געלעבט אין די צייטן פון די נביאים, וואָלטן זיי ניט גענומען קיין שום אַנטייל צו פאַרגיסן די בלוט פון די נביאים. דאָס איז אַ טאָפּלטער בילבול. דער ערשטער בילבול איז אַז די נביאים זיינען געווען אויסגעהרגעט, דער צווייטער בילבול איז אַז די יידן זיינען זיך מודה און באַשטעטיקן אַז זייערע פּאָטערס האָבן אויסגעהרגעט די נביאים.**

**די עוואַנגעליעס קומען אַרויס ווידער און ווידער מיט דער באַשול־דיקונג אַז די יידן האָבן אויסגעהרגעט זייערע נביאים. פון וואַנען ווייסן די עוואַנגעליעס פון די יידישע נביאים? פון וועלכע קוואַלן שעפּן זיי זייער אינ־פאָרמאַציע פון יידן און פון יידישע נביאים? עס איז נאָר איין קוואַל: די ביבל, דער תנ״ך. איז אין דער ביבל ניט צו געפינען וועלכע עס איז אַנווייזונג אַז זיי זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן. מיר וועלן באַטראַכטן די נביאים פון תנ״ך אין דעם סדר ווי עס איז געשריבן געוואָרן.**

**דער נביאה דבורה האָט קיינער ניט דערהרגעט, די יידן האָבן פאַר־אייביקט איר פראַכטפולן שיר. שמואל דער נביא האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן. נתן און גד—איז ערגעץ ניט דערמאָנט אַז עס זאָל חס וחלילה עפּעס געשען צו זיי. אַפילו אחיה השילני, וועלכער האָט גענומען אַזאַ גרויסן אַנטייל אין אויפשטאַנד און אין דער צעטיילונג פון דער מלוכה, ווערט ניט דערמאָנט אַז עס איז געטאָן געוואָרן צו אים שלעכטס.**

אליהו איז אַרויף אויפן הימל. אין זיין צייט איז פאָרגעקומען די גרויסע פאַרפאָלגונג פון די נביאים. אחאב האָט געהייראַט אַ היידין, איזבל, די טאָכטער פון אתבעל דעם מלך פון דער מלוכה צידון. אחאב האָט אויפגעבויט אַ טעמפל פאַר דעם אָפּגאָט בעל, און דורך דער ווירקונג פון דער קיניגין איזבל האָט ער געבויט קלענערע טעמפלען פאַר דעם זעלבן גאָט. דער נביא אליהו און אַלע „בני נביאים" האָבן געפירט אַ גרויסן קאַמף קעגן דעם קיניגלעכן הויף פאַר זייער פאַרשפּרייטונג אין לאַנד דעם קולט פון היידעניזם פון צידון.

דעריבער האָט זיך די קיניגין איזבל אונטער גענומען צו פאַרניכטן אַלע נביאים פון ישראל. האָט אחאבס מיניסטער עבדיהו גענומען הונדערט נביאים און האָט זיי באַהאַלטן אין אַ הייל ווו ער האָט זיי געשפּייזט פאַר אַ לאַנגער צייט. אליהו האָט זיך אויך אויסבאַהאַלטן. אין דער צייט פון אַ לאַנגן הונגער, אין אַ פאָלקס אויפרעגונג האָבן זיי אין צאָרן אויסגעהרגעט אַ צאָל נביאים פון בעל. קען דען אַ פאָלק טראָגן די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אירע מלכים־רשעים? זינט די וועלט עקזיסטירט האָט יעדעס פאָלק געהאַט גוטע מלכים און אויך אכזרים־רשעים. טראָגט דען די וועלט די שולד פאַר דאָס פאַר־גאָסענע בלוט פון אירע טיראַנען? ווידער אחאב און איזבל זיינען געווען קיניג און קיניגין פון ישראל, מיט דער הויפּט שטאָט אין שומרון. די מלוכה און די הויפּט שטאָט זיינען צעשטערט געוואָרן פון אשור, דאָס פאָלק איז פאַר־טריבן געוואָרן, דאָס זיינען די פאַרלאָרענע צען שבטים. יעזוס באַשולדיקט די יידן פון ירושלים און יהודה וועמענס עלטערן האָבן ניט קיין שום שייכות צו אחאב און איזבל. אויב נאָך יעזוס געזעלשאַפטלעכן יושר זיינען די שפּע־טערדיקע דורות פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דאָס פאַרגאָסן בלוט פון זייערע טי־ראַנען, זיינען דאָך דורות עלטערן שולדיק פאַר דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די נביאים פון די הענט פון דער קיניגין היידן איזבל, וועלכע זיינען ניט יידן נאָר די נייע קריסטן די געוועזענע היידנס. יעזוס מאַכט זיין „פאָטער" דעם יידישן גאָט פאַר אַזאַ בעל־נקמה אַז ער פאַרגיט ניט קיין זינד, און פאַרגעסט ניט קיין שלעכטס. דעם „פאָטער'ס" צאָרן שטילט זיך קיין מאָל ניט איין, פאַר אַ באַגיינגענער זינד פון איינעם איז דער פאָטער זיך נוקם אפילו אין דעם הונדערטן דור. אָט דער „פאָטער" איז זיכער ניט דער גאָט פון די יידן, ניט דער גאָט פון דער ביבל; ניט דער גאָט פון משה'ן און ניט דער גאָט פון אברהם.

נאָך אליהו קומט אלישא וועלכער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין טיפן עלטער. ישעיה, ירמיה און יחזקאל ווערט אויך ניט דערמאָנט אַז זיי זיינען געטויט געוואָרן.

עס איז געווען אַ נביא מיטן נאָמען אוריה דער זון פון שמעיהו. ער האָט געווירקט אין דער צייט פון מלך פון יהודה יהויקים דער זון פון יאשיהו. ער האָט אויך נביאות געזאָגט צו גלייך מיט דעם נביא ירמיה, אַז מען זאָל בעסער אונטערגעבן זיך אין פרידן צו דעם מלך פון בבל, מחמת יהויקים

וועט ניט ביישטיין די מאַכט פון בבל, ער וועט באַזיגט ווערן. דער מלך יהויקים האָט אים געוואָלט דערפּאַר דערהרגענען, איז ער אַנטלאָפן קיין מצרים. דער מלך האָט געשיקט מענטשן און מען האָט אים אַרויסגעליפערט (געבראַכט) פון מצרים און געטויט אים. אוריה איז דער נביא וועלכער איז געטויט געוואָרן פון מלך יהויקים. די עוואַנגעליע שרייבער, און אַלע קראַנקע, אַלע משוגעים, טייוואָלים און די כנענית פון צידון, אַלע ניט יידן האָבן געוווסט אַז יעזוס איז דער זון פון דוד — איז יהויקים דער עלטער־פאָטער פון יעזוס, לויט יעזוס אייגענעם משפט, דאַרף יעזוס און זיין משפחה טראָגן די שולד פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון נביא אוריה.

ווי אַזוי האָט יעזוס אַ רעכט צו וואַרפן די שולד אויף אומשולדיקע סופרים און פרושים און יידן וועלכע האָבן ניט קיין בלוט־שייכות צום קיניג יהויקים?

דער אמתער אמת איז אַז יעזוס איז ריין פון די שולד פון דעם דערהרגטן נביא אוריה, אַזוי ווי די יידן און סופרים און פרושים זיינען ריין און אומ־שולדיק פון וועלכן ס'איז טויט פון נביאים. דאָס איז אַ פאַלשע באַשולדיקונג פון די עוואַנגעליע שרייבער אויף די יידן און יעזוסן. די שרייבער זיינען קרבנות פון זייער יידן האָס: טוען זיי דאָס אַריין אין יעזוס מויל און דערנידעריקן אים אין זייער אייגענער דעגרעדאַציע.

די נביאים ישעיה, ירמיהו און יחזקאל ווערט ערגעץ ניט דערמאָנט אַז זיי זיינען געשטאָרבן דורך אַ גוואַלד טויט. די קומענדיקע צוועלף נביאים: ווי, הושע, יואל, עמוס, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה דער זון פון ברכיה, מלאכי — איז ניטאָ קיין אָנווייזונג אויף שטאַרבן ניט מיט זייער נאַטירלעכן טויט. די יידן האָבן ניט געוווסט פון טויטן נביאים, ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זאָגן אויף זייערע עלטערן אַז זיי האָבן געטאָן אַזאַ זאַך?

לויט לוקאַס איז אַז די יידן פון יעזוס צייט באַרעכטיקן די טאַטן פון טויטן די נביאים, לויט מאַתיא זאָגן די זעלבע יידן אַז זיי וואָלטן ניט גענומען קיין אָנטייל מיט זייערע עלטערן צו טאָן אַזאַ זאַך. ווען די יידן האָבן געבויט מצבות אויף די קברים פון זייערע נביאים איז דאָס אַ באַשטעטיקונג אַז זיי האָבן געטויט די נביאים? די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס מאָגן וויסן: אַז דורות־לאַנג האָבן יידן געבויט גרעסערע און וויכטיקערע מצבות פאַר די נביאים. זיי האָבן אַליין געלערנט זייערע רייד און איבערגעגעבן צו זייערע קינדער. די אַפּגעהיטע מצבות־מגילות האָבן געלערנט און געמאַכט וויסן יעזוסן פון גאָט דעם פאָטער; די מצבות האָבן דערמעגלעכט די דערשיינונג פון קריסטענטום.

מת. 33:23 „איר שלאַנגען, איר דורות פון עקדעשן, ווי וועט איר אַנט־רונען ווערן פון דער פאַרדאַמונג פון גיהנום? (34:23) דעריבער, זעט, איך שיק צו אייך נביאים, און חכמים, און סופרים; און אַ טייל פון זיי וועט איר הרגענען און קרוסיפיצירן; און אַן אַנדער טייל וועט איר שמייסן אין די סינאַ־גאָגעס און זיי פאַרפאָלגן פון שטאָט צו שטאָט.“

דאָס אַלץ האָט געזאָלט זאָגן יעזוס. חכמים און סופרים זיינען דאָך ביי מאַתיא די הויפּט אינספּירירער פון אל דאָס בייז, און זיי זיינען דאָך דאָס די שלאַנגען און עקדעשן, זיי זיינען די פאַרפאַלגער: וואָרום ווערן זיי איצט די פאַרפאַלגטע? קען דאָס דערקלערט ווערן אַז יעזוס האָט געמיינט די חכמים און סופרים פון קריסטלעכן גלויבן. אָבער דענסטמאָל אין יעזוס צייט זיינען דאָך ניט געווען קיין קריסטלעכע נביאים און סופרים, נאָר יעזוס און זיינע תלמידים; די יידן האָבן געקענט זיי שמייסן אין די סינאַגאָגעס, אָבער ניט טויטן. אַפּילו אויב טויטן וואָלט יעזוס ניט געזאָגט קרייציקן, נאָר פאַרשטיינען. די עוואַנגעליע שרייבער ברייגנען דאָס אין דעם זין אַז עס איז אַ נבואה פון יעזוס, ער זעט וואָס מען וועט טאָן אין דער צוקונפט צו די וואָס וועלן גלויבן אין אים. אויב אַ נבואה, האָט יעזוס אויך געדאַרפט וויסן אַז די שרייבער וועלן ניט איבערגעבן ריכטיק זיינע רייד, וואָלט דאָך געווען די לאָגישסטע זאַך צו אָנשרייבן זיין נבואה. לוקאַס שרייבט די נבואה פון יעזוס מיט די ווערטער.

לק. 49:11 „דעריבער האָט אויך געזאָגט די חכמה פון גאָט: איך וועל שיקן זיי נביאים און **אַפּאָסטלס**, און אַ טייל פון זיי וועלן זיי הרגענען און פאַרפאָלגן."

פש. ווען האָט דאָ לוקאַס צוגעבעסערט, יעזוסן אָדער מאַתיאן? לויט לוקאַס האָט יעזוס אַריינגעבראַכט אין זיין פּרידיקן אַ נייעם וואָרט, און אַנאַנ־דער נוסח. ׳די חכמה פון גאָט האָט גערעדט.׳ חכמה איז דער נייער וואָרט און פאָטער איז פאַרביטן געוואָרן מיט גאָט. מאַתיא שרייבט די זעלבע נבואה, ווי אַזוי האָט ער אויסגעלאָזן די נייע רייד פון יעזוס. נאָר דאָס זיינען ניט קיין נייע רייד, אין לוקאַס צייט האָט די קירך אָנגעהייבן אַריינעמען אין דעם קריסטלעכן גלויבן די לערנונגען פון פילאָן. לוקאַס ׳חכמה׳ איז פילאָנס ׳לאָגאָס׳. אויך לוקאַס וואַרפט אַרויס פון יעזוס נבואה די ווערטער ׳חכמים און סופרים׳ און פאַרבייט עס מיט ׳אַפּאָסטלס׳. אויך פאַרשטייט לוקאַס אַז יעזוס וואָלט ניט געזאָגט קרייצן איך, פאַרבייט ער עס אויף הרגענען איך. דאָס איז אַ פאָלשטענדיקער באַוויז אַז עס איז ניט אויטענטיש, יעזוס האָט ניט גערעדט די רייד; דאָס זיינען בייזע רייד פון שלעכטן האַרצן פון מענטשן.

מת. 35:23 „כדי אויף אייך זאָל קומען דאָס גאַנצעס אומשולדיקעס בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן, פון דאָס בלוט פון דעם צדיק הבל ביז דאָס בלוט פון זכריה דער זון פון ברכיה, וועמען איר האָט געהרגעט צווישן דעם טעמפּל און דעם מזבח. (36:23) באמת זאָג איך, די אַלע זאַכן וועלן קומען אויף דעם דור."

פש. יעזוס פאַרשילט ניט נאָר די פּרושים, סופרים און ׳הויפּט כהנים׳, נאָר דעם גאַנצן דור. אויב די יידן מיט טויזנט ביז פינף הונדערט יאָר צוריק האָבן געהרגעט די ניט געהרגעטע נביאים וואָרום דאַרף קומען שטראָף איצט אויף דעם דור? עס איז גענוג ניט יושרדיק אַז דער דור זאָל ליידן פאַר די פאַרגאָסענע בלוט וואָס זייערע עלטערן זיינען באַגאַנגען אין די הונדערטער יאָרן פון זייער פאָלקס געשיכטע, אָבער וואָרום זאָל זיי קומען צו ליידן פאַר

דאָס בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ערד ״פון דער גרינדונג פון דער וועלט״? די פאָטערס פון די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס זיינען געווען פּאַגאַנס, אין דער פּאַגאַנישער וועלט, זינט איר גרינדונג זיינען טייכן אומשולדיקס בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. וואָרום דאַרפן ליידן דערפאַר די יידן און זייער דור? איז דען ניטאָ קיין יושר און גערעכטער מישפט ביי דעם פאָטער פון דער וועלט? דער ענטפער איז אַז די עוואַנגעליסטן פאַרדאַרבן דעם משפט, יושר און אמת ניט נאָר פון יעזוס, נאָר אויך פון גאָט דעם פאָטער. יידן דאַרפן באַצאָלן פאַר דעם פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט פון דעם צדיק הבל.

נאָך הבלס טויט איז געבאָרן געוואָרן צו אדם אַ זון וועלכן מען האָט גערופן שת. די יידן קומען אַרויס פון שת. מסתמא די איבעריקע וועלט שטאַמט פון קין. וואָרום קומט די שטראָף די יידן? אַפילו אָנהייבענדיק פון נחן און זיינע דריי זין: די יידן שטאַמען פון שם, די איבעריקע וועלט פון חם און יפת, וואָרום זאָלן יידן ליידן פאַר די זינד פון די דורות פון חם און יפת? די מאָראַל איז ניט פון יעזוס און ניט פון גאָט דאָס איז אַ קין מאָראַל, און די איינציקע פאַרפאַסער פון דער קין מאָראַל זיינען די עוואַנגעליעס און זיי קומט דער פולשטענדיקער קרעדיט. „ביז דעם בלוט פון זכריה בן ברכיה.״ ווער איז געווען דער זכריה? אין תנ״ך געפינט זיך נאָר איין זכריה בן ברכיה, דאָס איז איינער פון די לעצטע נביאים וועלכער האָט געווירקט אין דעם פּעריאָד פון אַרום 500 יאָר פאַר דער ג. ע. דעם נביא האָט קיינער ניט געהרגעט, און ערגעץ געפינט זיך ניט דאָס קלענסטע אָנווייזונג אַז זכריה זאָל שטאַרבן מיט ניט זיין נאַטירלעכן טויט. די שולד פאַר דעם נביא זכריהס טויט קען נאָר פאַלן אויף גאָט דעם פאָטער וואָס ער האָט צוגענומען זיין נשמה. דאָס איז ווידער נאָר נאָך איינע פון די אומפאַראַנטוואָרטלעכע באַשולדיקונגען קעגן די יידן. אין תנ״ך געפינט זיך יע אַ זכריה וואָס איז געהרגעט געוואָרן, עס איז פאַרגעקמען איבער הונדערט יאָר איידער זכריה בן ברכיה. יענעמס טאַטע האָט זיך גערופן יהוידע, זכריה בן יהוידעה, און זיי זיינען געווען כהנים. זינט ווען זיינען די שרייבער פון די עוואַנגעליעס געוואָרן פאַרטיידיקער פון די פאַרהאַסטע צו זיי כהנים?

דברי הימים ב. 21:24. „זיי האָבן געמאַכט אויף אים אַ בונט, און האָבן אים, (זכריה בן יהוידע) פאַרשטיינט מיט שטיינער אויף דעם באַפעל, אין הויף פון גאָט׳ס הויז.״ דער מלך איז געווען יואש דער זון פון אחזיהו פון דוד דינאַסטיע. לויט יעזוס עטישער איינשטעלונג מוזן די שפּעטערדיקע דורות צאָלן פאַר דעם אומשולדיקן פאַרגאָסענעם בלוט דורך זייערע עלטערן: יעזוס איז דער לעבעדיקער אָפּשטאַם פון דעם מלך יואש וואָס שטאַמט פון דודן. לויט יעזוס אייגענער באַשטימונג, טראָגט ער די שולד פון זיין עלטער־פאָטער יואש פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון זכריהן.

ווען די שרייבער פון די עוואַנגעליעס וואָלטן ניט געזוכט חטאים אויף יידן, אַנשטאָט אויסטראַכטן ניט געשטויגענע זאַכן ווי די דערמאָרדונג פון

זכריה, נאָר וואָלטן געלערנט די רייד פון זכריה בן ברכיה: וואָלט געווען מער אמת אין זייער שרייבן.

זכריה 8:7. „און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו זכריהן אַזוי צו זאָגן: (9) אַזוי האָט געהאַט געזאָגט גאָט פון צבאות, אַזוי צו זאָגן: משפט אָן אמתן משפט, און טוט חסד אין דער דערבאַרימנג איינער מיטן אַנדערן... און איינער דעם אַנדערנס רעה זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער האַרצן.

זכריה 16:8. „דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן: רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן, אמת און אַ פרידלעכן משפט טוט משפטן אין אייערע טויערן. (17) און קיין פאַלשע שבועה זאָלט איר ניט ליב האָבן, ווארום דאָס אַלץ איז וואָס איך האָב פיינט, זאָגט גאָט.״

זכריהן האָט מען געהרגעט צווישן טעמפּל און מזבח. עס איז ניטאָ אַזאַ אָרט צווישן טעמפּל און מזבח. דער מזבח געפינט זיך אין טעמפּל, יעזוס וואָלט ניט גערעדט אַזעלכע רייד, ער וואָלט ניט געזאָגט צווישן דעם בית המקדש און מזבח. אויך קען מען זיך פאַרשטעלן אַז יעזוס האָט געוווּסט דעם נביא זכריה בן ברכיה, און אויך ער האָט געוווּסט אַז דעם נביא האָט מען ניט געהרגעט; אויך האָט יעזוס געוווּסט פון דעם כהן זכריה בן יהוידע, און אַז דער מלך יואש האָט אים דערהרגעט. דערנאָך האָט דאָס פאָלק אויפגע־שטאַנען קעגן מלך יואש און אים דערהרגעט פאַר זיין פאַרברעכן. יעזוס האָט געוווּסט דעם תנ״ך און ער וואָלט ניט צעמישט די יוצרות. די קאָנפוזיע פון דער ביבל איז נאָר די ווערק וואָס שטאַמט פון דעם אומוויסן פון די שרייבער פון די עוואַנגעליעס און זיי ציען אַריין אין זייער אומוויסן דעם אומשולדיקן יעזוסן.

אין איבער דרייסיק יאָר שפּעטער אין דער מלחמה מיט די רוימער, האָבן די קנאים דערהרגעט דעם כהן זכריה בן ברוך, זוכן ביבל פאַרשער אַרויסברייינגען אַז עס איז געמיינט געוואָרן זכריה. דאָס איז מעגלעך אַז איינער פון די אַווטאָרס פון דער עוואַנגעליע זאָל האָבן גענומען דעם זכריה, אָדער זיי האָבן צוזאַמענגעמישט זכריה בן ברוך מיט דעם נביא זכריה בן ברכיה, דער אַנדער אַווטאָר האָט קאָפּירט און געבעסערט. דאָס ווידער באַ־שטעטיקט די ניט־אויטענטישקייט פון יעזוס רייד און פון זיינע נבואות.

יעזוס, וועלכער ווייסט וואָס עס וועט טרעפן צו אַ כהן זכריה אין עטלעכע צענדליק יאָרן שפּעטער, ווייסט אויך ווי אַרויסצוזאָגן זיין נבואה. ער וואָלט ניט פאַרביטן דעם לשון פון עתיד, אויף דעם לשון פון עבר: ער וואָלט ניט געזאָגט, לויט מאתיא, וועמען מען האָט דערהרגעט, נאָר וועמען מען וועט דערהרגענען; און, לויט לוקאַס, אויך ניט „וועלכער איז אומגעקומען״, נאָר דער וואָס וועט אומקומען. יעזוס האָט ניט גערעדט גריכיש און ער האָט געוווּסט דעם אונטערשייד אין נאָמען פון ברוך ביז ברכיה.

אויב יעזוס זעט אַלץ פאָרויס, ווארום זאָל ער זען נאָר איינזייטיק, נאָר אויף די פרושים און סופרים און אויף דעם יידישן דור? האָט ער ניט געקענט זען די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פון די רוימער? יעזס האָט ניט געזען די

אומשולדיקע בלוט פאַרגיסונג פון ניראָן, די שרעקלעכע מאַסן פאַרפאָלגונגען אויף די קריסטן, די קרייצונג פון די קריסטלעכע נביאים און גלויביקע, די קרייצונג פון די אַפּאָסטלס פּעטרוס און פּאולוס; גרויסע צאָלן מענטשן פון די קריסטלעכע געמיינדעס געטויט דורך אַלע מיתות משונות: דורך פייער, קרייצונג, צעריסן ווערן פון ווילדע חיות, די פאַרפאָלגונגען אין 95 נ. ע., ביז מאַרקוס אורעליוס אין 163 נ.ע. און שפּעטער, אַזוי דעם אימפּעראַטאָר וואַלעריאַן אין 254 נ.ע. אויב מען קען זען אין עטלעכע צענדליק יאָרן, וואָרום ניט אויך הונדערטער יאָרן און בתוכם די פאַרפאָלגונגען פון די קריסטן זעלבסט? די פאַרפאָלגונגען פון די רוימער זיינען געווען אַ קינדער שפּיל צוגלייך די פאַרפאָלגונגען פון דער קאַטוילישער קירך קעגן יידן און אומגלויביקע. זייער אינקוויזיציע האָט אַריבערגעשטייגט הונדערט־פאַך די חיות פון די רוימישע אַמפּיטעאַטערס, די פייערס פון דער הייליקער אויטאָ־דעפע זיינען ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער קריסטלעכער וועלט; אין גוססדיקע געשריען זיינען געוואָרן געשיקט אומצאָליקע נשמות אין הימל אַריין, באַגלייט פון מאַסן אָפענע רויבערייען, און אויסמאָרדונג פון מאַן און פרוי, יונג און אַלט.

אין דעם קאַפּיטל ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו אָנשלאָגן דעם טאָן פון די נביאים. די נביאים ריידן ניט קיין פערזענלעכעס, נאָר פון כלל און צום כלל. אַמאָל רעדט אַ נביא מיט פּאַרדרוס, מיט ווייטיק וועגן דאָס שלעכטס פון כלל און וואָרנט מיט גרויזאַמע שטראָפן; נאָך די וואָרנונגען קומען טרייסט, ליבשאַפט און אָנזאָגונגען פון גאולה, פון גאָט׳ס דערבאַרעמונג און פון חסד פון יאַהווע. די רייד פון די נביאים זיינען אמתע, יושרדיקע; רייד פון גוטסקייט, רייד פון אַ ליבן פאָטער צו זיינע שלעכטע קינדער. דער נביא רופט, בעט צו תשובה און חרטה, צו אומקערן זיך צו גאָט. ווען אַ נביא וואָלט זיך פאַר־נומען צו גיסן גיפט און פערזענלעכן כעס; וואָלט ער ניט געווען קיין נביא און וואָלט ניט גערעדט גאָט׳ס וואָרט.

יעזוס טרעט אַרויס קעגן די פּרושים און סופרים מיט בייזקייט, מיט באַשולדיקונגען; ער אַדרעסירט זיי מיט כעס — „ווי צו אייך פאַריסייער, סקרייבס, היפּאָקריטן.‟ אַלע פּרושים, אַלע סופרים זיינען די ערגסטע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. עס קען געגעבן ווערן, און עס קען זיין מעגלעך אַז צווישן די פּרושים און סופרים זאָלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס זיינען אומגערעכט, ניט ערלעך און זינדיק. אָבער פּרושים זיינען אַ פּאָלקס ריכטונג, אַ פּאָלקס אידעאָלאָגיע; זייער דאָקטרינע איזביידע — אַ רעליגיעזע און פּאָליטישע; זייער השפעה איז פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און אין אויס־לאַנד. די פּרושים אין יעזוס צייטן זיינען געווען די יורשים פון הלל הזקן, דער יושב ראש פון סנהדרין. אַרום יענער צייט איז געווען רבן גמליאל בן שמעון, און זיינע מיטצייטיקער זיינען געווען מענטשן פון לערנען און חכמה, טרעגער און איבערגעבער פון יידישער עטיק, שאַפער פון דער משנה. עס איז אויך געווען אין דעם פּעריאָד די ווירקונג פון ליכטיקע גייסטער פון

מאַראַל און וויסן. דערלאָזן אַז עס זיינען געווען צווישן די פּרושים און סופרים איייניקע צבועקעס, ניט ערלעכע, ניט ריכטיקע מענטשן: ווי קען מען איבער די ווינציקע באַשולדיקן דעם גאַנצן כלל?

יעזוס, וועלכער האָט זייער פיל פון דעם געבאָט „זאָלסט ליב האָבן דיינע מיט־מענטשן ווי זיך זעלבסט," און גיט נאָך צו, „זאָלסט ליב האָבן דיינע שונאים; און אין זיינע מעשים איז ער אַנדערש. ער זידלט און באַשולדיקט אַלעמען. יעזוס האָט זיך געמעגט לערנען פון אברהמן, ווי ער האָט געבעטן ביי גאָט: „ניט שוין וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן? חלילה; זאָל דער ריכטער פון דער וועלט ניט טאָן גערעכטיקייט?" יעזוס באַשולדיקט גלייך דעם גערעכטן מיט דעם אומגערעכטן, דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן.

אין דער גמרא סוטה ווערט גערעדט פון מכות פרושין, פון אַזעלכע פּרושין וואָס פירן זיך אויף שלעכט. אַזעלכע פּרושין ווערן באַקעמפט פון די פּרושים זעלבסט.

משנה סוטה 4:3 „הוא היה אומר: חסיד שוטה, ורשע ערום, ואשה פרושה, ומכות פרושין, אלו מכלי עולם. — רבי יהושע פלעגט זאָגן: אַ חסיד אַ נאַר, אַ כיטרער רשע, אַ פרוי וואָס מאַכט זיך פאַר אַ פרומער, און די מכות פון די פּרושים — די אַלע ברענגען אום די וועלט."

אין איין שורה מיט די פּרושים קומען די סופרים. ווער זיינען די סופרים?

עס זיינען געווען צוויי קאַטעגאָריעס פון סופרים (שרייבער). דענסטמאָל זיינען ביכער געשריבן געוואָרן מיט די הענט. יעדער עקזעמפּליאַר פון אַ ספר איז איבערגעשריבן געוואָרן ביי האַנט. האָבן זיך געפונען מענטשן וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער באַשעפטיקונג פון איבערשרייבן ספרים, מגילות און דאָקומענטן. די מענטשן וועמענס פרנסה איז געווען פון איבערשרייבונגען האָבן זיך גערופן סופרים. צו זיין אַן איבערשרייבער האָט זיך געפאָדערט וויסן, געלערנשאַפט; האָט מען אָנגעהייבן רופן יעדן געלערנטן סופר — געלערנטע סופרים. עס פאַרמאָגט ניט קיין אויסגעהאַלטענע שכלקייט צו אורטיילן אַלע ביז איינעם פון אַ געוויסער פּראָפעסיע אין אומגערעכטיקייט און היפּאָקריטסטוווע. אויך זיינען געווען מענטשן וועלכע האָבן אַליין געשאַפן ווערק, אָדער סתם געלערנטע וועלכע האָבן זיך אויך גערופן סופרים, מענטשן וועלכע פאַרנעמען זיך מיט לערנונג, מיט שטודירן חכמה, זיינען אַ קאָלעקטיוו פון באַזונדערע אינדיווידן; יעדער איינצעלנער באַזיצט זיינע פּערזענלעכע מעלות און חסרונות און איבלען און טוגענטן. די געלערנטע (סקאָלערס) צווישן די יידן זיינען געווען אין זייער כאַראַקטער גלייך צו די געלערנטע פון אַלע אַנדערע פעלקער, און פון גאַר דער וועלט. יעדער געלערנטער איז אַ באַזונדער פּערזאָן מיט באַזונדערע שטריכן. וועלכער רעכט־דענקענדיקער מענטש קען זאָגן אַז אַלע גריכישע פילאָזאָפן זיינען פאַלש־שווערער, אָדער אַז אַלע געזעץ־ווייסער פון רוים זיינען ליגנער, אַלע סענאַטאָרן שלאָגן זייערע ווייבער?

אַזוי פיל זין און שׂכל דערהאַלטן אין זיך די דערקלערונגען אַז אַלע יידישע סופרים (סקאַלערס) זיינען היפּאָקריטן.

עס זיינען געווען צווישן די נביאים אויך פאַלשע נביאים; דאַרפן מיר קומען צו דער מסקנא אַז אַלע נביאים זיינען פאַלש? עס זיינען פאַראַן שריי־בער וועלכע שרייבן זייערע אייגענע געדאַנקען, און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן ניט ערלעך זייער פען; מענטשן וואָס פאַרקויפן די שרייבונגען פון זייער פען צו די מעכטיקע. קען מען דען פאַרדאַמען אַלע שרייבער, אָן אַן אויסנאַם, אין אומערלעכקייט?

דער נביא ישעיה איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן שרייבער, נאָר זיין אַרויסטרעטונג איז געווען אַ נביאישע, אַ זאַכלעכע. ישעיה 1:10. „ווי די, וואָס קריצן געזעצן פון אומגליק, און שרייבער וואָס האָבן אומרעכט געשריבן. — הוי חקקים חקקי און, ומכתבים עמל כתבו.“

דער נביא רעדט פון די אומגערעכטע געזעץ־געבער און שרייבער, אָבער ניט סתם פון געזעץ־געבער און שרייבער.

יעזוס האָט גאָר ניט געשריבן, ער האָט גערעדט. און וואָרום האָט משיח ניט אויפגעשריבן כאָטש אייניקע פון זיינע הויפּט־געדאַנקען? עס וואָלט דאָך פאַרמידן געוואָרן די קאָנפוזיע פון די מינדלעכע דערציילונגען, און די מטוש־טשקייט אין דעם שרייבן פון אים אין די קומענדיקע דורות.

יעזוס, לויט די עוואַנגעליע שרייבער, האָט זיכער געדאַרפט וויסן אַז מען וועט שרייבן פון אים: וואָלט ער דאָך גרינג פאַרמידן די קאָנטראַדיקציעס.

עס איז ביז איצט אַזוי פיל געזאָגט געוואָרן צו די פּרושים, און וועגן די פּרושים, און עס וועט נאָך געזאָגט ווערן: איז נויטיק צו וויסן ווער זיי זיינען, וואָס איז זייער ריכטונג, אין וואָס זיי גלויבן און וואָס איז זייער לערנונג. לערנונג.

אין דער צייט פון דער רעסטאַווראַציע, אין דער צייט פון עזרא און נחמיה איז געשאַפן געוואָרן די ריכטונג צו באַקענען דעם פאָלק מיט דער תורה און די נביאים; און צופּאַסן די תורה צום נייעם יידישן לעבן, צום לעבן פון אַ פּראָווינץ פון אַ מעכטיקער אימפּעריע; אָנהאַלטן די אייגענע אמונה פון מאָנאָטעיזם אונטער דעם דרוק פון פּאָליטעיזם. זיי האָבן אָנגעהייבן שאַפן צאַמען קעגן דער אַריינדרינגונג פון דעם איינפלוס פון פּאַגאַניזם. די איינ־שטעלונג איז איבערגעגעבן געוואָרן פון די סופרים צו די חסידים, פון די חסידים צו די פּרושים. אין יעזוס צייט איז די פּרושים פּאַרטיי אין צאָל ניט געווען גרויס, ווי מען איז זיך משער פון זעקס ביז זיבן טויזנט, נאָר זייער השפּעה האָט געווירקט אויף הונדערט טויזנטער פון פאָלק. צו וויסן און קענען די פּרושים, דאַרף מען זיך באַקענען מיט דעם וואָס זיי האָבן געלערנט, און וואָס זיי האָבן געזאָגט. צום ערשט וועלן מיר זיך ווענדן צו דער משנה פון אבות.

אין אבות קאַפּ. 1, ווערט געבראַכט די הויפּט איינשטעלונג פון די

אַנשי כנסת הגדולה, פון די מענטשן פון דער געזעצגעבענדיקער אינסטי־טוציע 'די גרויסע איינזאַמלונג'.

אבות 1:1. „זיי האָבן געזאָגט דריי זאַכן: זייט געלאַסן ווען איר זיצט אין געריכט. — הוו מתונים בדין." עס מיינט אויספּרעגן דעם שולדיקן, די באַשולדיקער און די עדות אין געלאַסנקייט, מיט אַ יישוב הדעת. (2) „והעמידו תלמידים הרבה." לערנען די תורה צו אַנדערע, פאַרשפּרייטן די לערנונג אַן אַ מאָס, צו אַזוי פיל, וויפיל איז מעגלעך דערגרייכן. (3) „ועשו סיג לתורה." —מאַכן צאַמען אַרום דער תורה. עס מיינט לויט דער געהעריקייט פון צייט מאַכן שווערער די געזעצן פון דער תורה. ווען מען ברעכט די צאַמען, אָבער דער עצם, די תורה זעלבסט בלייבט גאַנץ.

די קומענדיקע שטעלונג קומט שוין פון אַ ווייט שפּעטערדיקער צייט, פון דער עפּאָכע פון דעם סוף פון דער כנסת הגדולה. שמעון דער צדיק וואָס איז געווען איינער פון די לעצטע פאָרשטייער פון דער גרויסער כנסת, האָט געזאָגט: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: לערנען תורה, דינען גאָט, און טאָן לייטעליקייט־חסדים." אַנטיגנוס גיט איבער אין נאָמען פון שמעון דעם צדיק, אַז ער האָט געזאָגט: „איר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט וואָס דינען צוליב קריגן באַצאָלט, נאָר ווי אַזעלכע וואָס דינען ניט דערוואַרטענדיק צו ווערן באַלוינט" און „ויהי מורא שמים עליכם." און זאָל זיין די מורא פון הימל אויף אייך, עס מיינט די מורא פון גאָט. די יידן אין יענער צייט האָבן אויס־געמידן צו אָנרופן „יאַהווע", דעם נאָמען פון גאָט, האָט מען עס פאַרביטן מיט הימל וואָס עס מיינט גאָט, אויך איז געווען אַנדערע נעמען ווי פאָטער און קיניג און אַנדערע. די טראַדיציע האָט אויך יעזוס איבערגענומען אין רופן גאָט הימל, אַזוי רופט ער 'די מלוכה פון הימל'.

ווייטער ווערט געבראַכט פון דער צייט ווען די גריכן האָבן איבער־גענומען די פּערסישע אימפּעריע, די כנסת איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סנהדרין. דער הויפּט פון סנהדרין, יוסי בן יועזר, האָט געזאָגט: „זאָל דיין הויז זיין אַן איינזאַמלונג פון חכמים." עס מיינט אַז מען זאָל איינלאַדן צו זיך לערנער, און זיצן אויף דער ערד און מיט דורשט, מיט חשק אויפנעמען זייערע רייד. ער האָט געפּריידיקט אוניווערסאַלע לערנונג.

דער צווייטער הויפּט פון יענעם סנהדרין האָט געזאָגט: „דיין הויז זאָל זיין ברייט אָפן פאַר אָרעמע מענטשן; זאָלסט מאַכן פילן די אָרעמע ווי זיי זיינען מיטגלידער פון דיין פאַמיליע."

עס מיינט ניט אַז די אָנגעגעבענע חכמים האָבן נאָר דאָס געזאָגט, זיי האָבן פיל מער געלערנט, נאָר די זאָגונגען זיינען געווען די הויפּט טעמע פון זייער דאָקטרינע.

די חכמים ווערן געבראַכט אין פּאָרן, דאָס זיינען דער פּרעזידענט פון סנהדרין און דער הויפּט ריכטער. זאָגט יהושוע דער זון פון פּרחיה: „פאַרשאַף זיך אַ לערער." אַ מענטש זאָל זוכן קענטעניש און וויסן און כסדר זיך לערנען. אויך „קריג זיך אַ חבר," אַז איר זאָלט זיך פאַרנעמען מיט לערנען. ווארום

אין צווייען גייט דאָס לערנען בעסער. אויך איז גוט צו האָבן אַ גוטן פריינט אין לעבן. „והוה דן את כל האדם לכף זכות," מען דאַרף שטענדיק אויסדריקן אַ מיינונג פון אַ מענטשן צום גוטן. עס מיינט, שטענדיק זיין גענויגט צו דענקען פון יעדן מענטשן פון זיין גוטסקייט, און פאַרזען זיין שלעכטס.

עס ווערן געבראַכט די זאָגונגען פון די קומענדיקע הויפּטן פון סנהדרין, פון יהודה דעם זון פון טבאי און שמעון דעם זון פון שטח. יהודה זאָגט מכוח דעם אופן ווי אויפצופירן זיך אין דעם גאַנג פון אַ משפט. „אויב דו ביסט אַ ריכטער, זאָלסטו זיך ניט אויפפירן ווי אַ פאַרטיידיקער פון גערעכט און די דיינים, צו געווינען דעם פּראָצעס" (דין תורה). אין יענער צייט האָט דער געריכט אָדער שטאַט ניט געהאַט קיין בעאַמטן אויף אָנצוקלאָגן, אַ פּראָקוראָר; די עדות פלעגן אויפטרעטן אַלץ באַשולדיקער, און די ריכטער, אויסהערענדיק די עדות, פלעגן איבערנעמען זייערע באַווייזן און אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען אויף שולדיק אַזוי אויף אומשולדיק. זאָגט יהודה אַז דער ריכטער דאַרף ניט טאָן צו בעאיינפלוסן די איבעריקע ריכטער אַז זיין מיינונג זאָל אָנגענומען ווערן, נאָר איבערגעבן די באַוויזן פון די עדות. ביידע צדדים, דער באַשולדיקער און באַשולדיקטער, זאָלן זיין אין דיינע אויגן ווי ביידע אומגערעכטע. נאָך דעם משפט, ווען עס ווערט אַרויסגעטראָגן דער פּסק־דין, דאַרפן זיי זיין פאַר דיר ביידע גערעכטע, דער וואָס האָט געוווּנען דעם משפט, און אויך דער וואָס איז שולדיק; ווייל ער האָט געקראָגן זיין שטראָף.

שמעון זאָגט אַז אַ דיין (ריכטער) דאַרף פיל אויספרעגן די עדות, ער דאַרף ניט שפּאָרן צייט און מאַכן אַ ריכטיקע אויספאָרשונג. דער ריכטער דאַרף אויך זיין פאָרזיכטיק מיט זיינע ווערטער און אופן פון אויספרעגן, ניט מאַכן דעם איינדרוק אַז ער זוכט פון עדות באַשטעטיקונגען צו זיין מיינונג, אָדער אַז זיינע רייד קענען אַרויסרופן דעם פאַרדאַכט אַז ער איז אין זייטיק; וואָרום דאָס קען עפענען אַ וועג צו די עדות און ריכטער צו אָפּנויגן פון אמת, וואָס פירט צו פאַלשקייט. עס איז ווערט צו נאָטירן ווי די וואָנגעליע שרייבער וועלן שפּעטער באַריכטן פון אַ סנהדרין־משפט.

שמעיה און אבטליון זיינען געווען די הויפּט פון סנהדרין אין דער צייט פון אָנהייב פון אויפשטייג פון קיניג הורדוס דעם ערשטן, אַרום צוויי צענדילק יאָר פאַר דער ג. ע. עס איז געווען די צייט ווען יהודה איז אונטער־געפאַלן אונטער דער דאָמינירונג פון דער רוימישער אימפּעריע.

שמעיה פלעגט זאָגן, ער האָט געלערנט אין יענער אומרוהיקער צייט. „האָב ליב אַרבעט, גיב זיך איבער צו אַ באַשעפטיקונג, און פאַרנעם זיך ניט מיט הערשונג." עס מיינט אויסמיידן אַלע מלוכה אַמטן. ער ראָט צו פיינט האָבן די מלאכה פון הערשונג און ניט צו קאָאָפּערירן מיט הערשונג. שמעיה און אבטליון האָבן געווירקט אין ערשטן האַלבן הונדערט יאָר פון דער רוי־מישער אָקופּאַציע, האָבן זיי געהאַט פאַר זיך די זאָרג און פּראָבלעמע ווי אַם בעסטן אַריינפּאַסן דעם ייִדישן לעבן אין דער הערשונג פון רוים, און ווי וויט זאָל גיין די קאָאָפּעראַציע. די זאָגונג פון אבטליון, „חכמים הזהרו בדבריכם,"

איז געזאָגט געוואָרן אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך, כדי די רוימישע הערשער זאָלן עס ניט פאַרשטיין, וואָס ס׳מיינט איז, די וואָס טראָגן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון פאָלק, זאָלן זיין זייער פאָרזיכטיק מיט זייערע רייד, ניט צו מאַכן האַסטיקע באַשלוסן; ווארום איר קענט דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט ווערן, און אייערע נאָכפאָלגער קענען נאָך מער פאַרשטאַרקן אייערע באַשלוסן און קענען נאָך באַצאָלן מיט טויט. דאַן קען קומען אַ יאוש און וויניק בטחון און קען פירן צו פאַרשוועכונג פון גאָט׳ס נאָמען (שם שמים). דאָס קען זיין די גאָענטסטע אויסשיפּרירונג פון אבטליונ׳ס פאַרשטעלטע זאָגונגען.

הלל און שמאי, דער נשיא און אב בית דין פון סנהדרין, וועלכע האָבן געווירקט אין דער צייט פון הורדוס I ביז דעם אָנהויב פון דער נייער ערא. הלל האָט געזאָגט „זייט פון די נאָכפאָלגער פון אהרן.״ — די טראַדיציע האַלט אַז אהרן איז געווען אַ ליבהאָבער פון שלום. — „האָט ליב פרידן, און יאָגט זיך נאָך שלום״. שטרייכגט אָן אייערע כוחות, זוכט מיטלען אַז שלום זאָל הערשן. „האָט ליב מענטשן״. די באַציונג פון אַ פערזאָן דאַרף זיין דורך ליבשאַפט צו אַלע מענטשן וואָס זיינען דער באַשאַף פון גאָט. אויך דערנעענט די מענטשן צו דער תורה. „דער וואָס פאַרנעמט זיך צו גרויסן זיין נאָמען,״ צו האָבן כבוד, און זיין פון די גרעסטע, — „דער פאַרלירט זיין נאָמען.״ ניט וואָס ער וועט האָבן כבוד, נאָר ער אַליין וועט פאַרקלענערט ווערן. „דער וואָס פאַרמערט ניט — פאַרמינדערט.״ עס מיינט, דער וואָס פאַרמערט ניט וויסן, וועט דאָס וואָס ער ווייסט פאַרשווינדן.

„ווער עס לערנט ניט פאַרדינט דעם טויט.״ אָן לערנען האָט דאָס לעבן ניט קיין זין.

„ווער עס באַנוצט זיך מיט דער קרוין וועט אונטערגיין.״ ווער עס מאַכט די קרוין פון לערנען אַליין אַ מיטל פאַר זיין אייגענעם נוצן און פאַר זיין אייגענעם כבוד, דער וועט עס אַליין פאַרלירן.

אויך האָט ער געזאָגט, „זאָלסט זיך ניט אָפּשיידן פון כלל.״ עס מיינט אַפילו אַז דו ביסט אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער חכם און לערנער, זאָלסטו זיך ניט אָפּשיידן פון פאָלק און לעבן פאַר זיך נאָר דאַרפסט זיין ווי איינער פון פאָלק דאַרפסט נעמען אָן אַנטייל אין אַלע זיינע זאָרגן און האָפנונגען. „זאָלסט ניט גלויבן אין זיך ביזן טאָג פון דיין טויט.״ אַ מענטש זאָל ניט זיין זיכער אין זיך אַז ער טוט גוט און פירט אַ לעבן פון פולקאָמענקייט, ווייל ער קען ניט וויסן אייב ער קען ביישטיין יעדן נסיון אין זיין לעבן. „זאָלסט ניט משפטן דיין מיט־מענטשן ביז דו אַליין קומסט צו זיין שטאַנד.״

אויך איז געווען הלל׳ס אויפפאַסונג, „אַ ליידיקער מענטש קען ניט מורא האָבן פאַר זינד.״ ער האָט ניט אין זיך די ערנסטקייט צו פאַרשטיין די שלעכטע מידה פון זינד. „אַן עם הארץ קען ניט זיין קיין חסיד.״ עם הארץ מיינט אַ מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מיט לאַנד־אַרבעט, נאָר אין יענער צייט האָט מען מיט דעם וואָרט באַצייכנט די אַלע לאַנד־אַרבעטער וועלכע פלעגן ניט אָפּשיידן די מעשרות פאַרן בית המקדש, פלעגן זיך אָפּזאָגן צו באַצאָלן

דאָס וואָס קומט פון זייער איינקונפט. אַט די פלעגן זיך נאָך האַלטן פאַר פרומע מענטשן. זאָגט הלל אַז אַזעלכע וואָס זייער געלט איז זיי טייערער פון אַלץ קענען ניט זיין קיין פרומע מענטשן. „אַ שעמעדיקער וועט ניט קענען לערנען,״ ווייל ער וועט זיך שעמען פרעגן זאַכן וועלכע ער ווייסט ניט. „אַ בייזער קען ניט זיין אַ לערער,״ אַ מענטש אַ כּעסן קען ניט אויסהערן געלאַסן די פראַגעס פון די תלמידים און אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, אנשטאט צו זאַכלעך געבן זיין ענטפער, קען ער זיי באַליידיקן.

הלל׳ס קאַלעגע אין סנהדרין שמאי וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר ווערן שנעל אין כּעס און ער האָט געזוכט צו מאַכן די געזעצן פון דער תורה האַרבער און שווערער האָט געזאָגט: „זאָג ווייניק, און טו אַ סך; און זאָלסט אויפנעמען יעדן מענטשן מיט אַ פריינטלעכן פּנים.״

שמעון דער זון פון הלל וועלכער איז געווען נשיא אין סנהדרין אין דער צייט פון יעזוס לעבן האָט געזאָגט: „מיין גאַנצן לעבן האָב איך זיך געפונען צווישן חכמים און האָב ניט געפונען פאַר מענטשן בעסערס ווי שווייגן.״ אויך „ניט דאָס לערנען איז דער עקר, נאָר דאָס טאָן.״ יעזוס איז געווען איינשטימיק מיט דעם נשיא פון זיין צייט, ער האָט איבערגענומען די לערנונג פון דעם הויבט פּרוש אַז מען דאַרף טאָן אַליין וואָס מען פּריידיקט.

רבן גמליאל איז געווען נשיא און האָט געווירקט אין דער צייט פון די לעצטע יאָרן פון יעזוס און אין דער צייט פון פּאַולוס. זיין ריכטונג פון לערנען איז געווען, אַז יעדער מענטש דאַרף זיך פאַרשאַפן אַ לערער, און לערנען וויפיל איז נאָר מעגלעך. און אַוועקגיין פון אַ ספק, אַ זאַך אָדער אַ טעאָריע וואָס איז ניט אויף ריכטיק באַשטימט, נאָר אַ היפּאָטעזע דאַרף איגנאָרירט ווערן. דאָס איז אַ דאָקטרינע פון אויסמיידן ספּעקולאַציעס פון געדאַנק.

רבן שמעון דער זון פון גמליאל וועלכער האָט געווירקט אין דעם אָנהויב פּעריאָד פון די נאַזאַרינער און איז געשטאָרבן אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים אַרום 68 נ. ע. זיין לערנונגס דאָקטרינע איז געווען: אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט, אויף אמת, משפט, און פרידן. די דריי זאַכן, האָט ער געלערנט, זיינען די נויטיקסטע צו אויפהאַלטן אַן אידעאַלע וועלט.

דאָ זיינען געבראַכט געוואָרן די עטישע לערנונגען פון דער אנטוויקלונג פון די פּרושים פון דער צייט פון דער גרויסער כּנסת ביז דער מלחמה מיט די רוימער און דער פאַרניכטונג פון ירושלים און דעם בית־המקדש. דאָס איז די שולע פון עטיק פון די פּרושים וואָס לחלוטין איז קעגן זעצלעך צו דעם פאַריסעאיזם פון די עוואַנגעליעס. מאַתיאַ׳ס און לוקאַס׳ באַשרייבונגען פון יעזוס אַנטאַגאָניזם און שנאה צו די פּרושים זיינען פולשטענדיקע ניט היס־טאָרישקייטן. עס איז ניט מער ווי אַ ריכטונג פון די פריערדיקע קריסטלעכע קירכעס פון סוף פון ערשטן יאָר־הונדערט און פולן צווייטן יאָר־הונדערט ווען די קריסטן האָבן אָנגעהייבן אַ קאַמף מיט דעם יידישן גלויבן זיי האָבן

זיך פאַרנומען צו פאַרניכטן די יידישע אמונה און צו איבערנעמען אַליין די דאָמינאַציע פון דעם יידישן גלויבן, מיט יעזוס אַלץ קריסטוס. צו דערגרייכן זייער צוועק האָבן זיי אָנגענומען אַלע מיטלען, ביז אומבאַגרינדעטע, צוגע־טראַכטע באַשולדיקונגען. דעם גרעסטן ווידערשטאַנד האָבן זיי באַגעגענט אין דער רעליגיעזער ריכטונג פון די פּרושים: איז זייער מיטל געוואָרן — פאַרמיאוסן די פּרושים, אַזאַ מיטל נוציקט זיך ניט אין טעאָלאָגישע באַ־גרינדונגען. כּדי צו פאַרשטאַרקן זייערע ניט־היסטאָרישע דערקלערונגען האָט מען דאָס אַלץ געזאָגטע געמאַכט יעזוסן צו ריידן. מאַתיא און לוקאַס האָבן די רייד נאָך מער צוגעפּוצט און באַאַרבעט. יעזוס איז געווען נאָענט צו דער לערנונג פון די פּרושים. די פּרושים זיינען געווען קעגן יעזוס פּאָליטישער שטעלונג: דאָס האָט אַרויסגערופן רייבונגען פון יעזוס אָנהייגער מיט די פּרושים, און יעזוס האָט געמאַכט קעגנשטעליקע באַמערקונגען קעגן זיי. די פיינדלעכע שטעלונג פון דער פריערדיקער קירך צו די יידן און דערהויפּט פּרושים האָט עס צעבלאָזן אין אַ פלאַם פון זידלונג און נעמען־רופעניש.

עס איז שוין געבראַכט געוואָרן אין אַנאַנדער אָרט, אַז אויב די פּרושים וואָלטן געווען אַזעלכע פאַלשע מענטשן, רויבער פון אלמנות הייזער, היפּאָ־קריטן: וואָלט פּאולוס ניט געשפּאַרט זיך אין זייער יחוס. פּאולוס האָלט אין איין ווידערהאָלן וואָס ער איז געווען אַ פּרוש. אין די 'אַקטן' פון די אַפּאָסטלס גרייסט מען זיך וואָס פּאולוס איז געווען אַ תּלמיד פון רבן גמליאל.

מת. 36:23. „באמת זאָג איך אייך, אַלע די דאָזיקע זאַכן וועלן קומען אויף דעם דור.״

פּש. ווען די אַוטאָרס הייבן אָן אַליין צווייפלען אין זייער שרייבן, איז כּדי צו פאַרשטאַרקן דאָס, מאַכן זיי יעזוסן שווערן: 'באמת, זאָג איך אייך'.

מת. 37:23. „אָ ירושלים, ירושלים, די וואָס הרגעסט די נביאים, און פאַרשטיינסט די וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו דיר. ווי אָפט וואָלט איך פאַרזאַמלט דיינע קינדער צוזאַמען, אַזוי ווי אַ הון זאַמלט איין אירע הינדלעך אונטער אירע פליגלען, און איר ווילט ניט. (38:23) זעט אייער הויז איז געלאָזן געוואָרן פאַר אייך פאַרוויסט.״

פּש. די עוואַנגעליסטן שרייבן דאָס אין דער צייט פון נאָך דעם חורבן ירושלים, איז ניט קיין שווערע זאַך צו וויסן וואָס האָט פּאַסירט צו ירושלים. און די אַוטאָרס שרייבן אַזוי ווי זיי וויסן פון דעם עבר, אַז עס איז געוואָרן פאַרוויסט, און ניט ווי אַ נבואה, עס וועט ווערן פאַרוויסט.

מת. 38:23. „ווארום איך זאָג אייך, פון איצט אָן וועט איר מיך ניט זען, ביז איר וועט זאָגן, געבענטשט איז ער וואָס קומט אין דעם נאָמען פון גאָט.״

פּש. אין מאַתיא 9:21 האָט מען דאָך שוין דאָס געזאָגט. לויט לוקאַס האָט יעזוס דאָס געזאָגט ווען ער איז נאָך געווען אין גליל, איידער יעזוס איז אַריינגעקומען אין ירושלים. האָט מען דאָך יעזוסן באַגעגענט מיט די אויס־דרוקן: „געבענטשט איז דער וואָס וועט קומען אין נאָמען פון גאָט״, האָט מען דאָך געדאַרפט שוין שטענדיק זען.

# קאַפּיטל 24

מת. 1:24 „און יעזוס איז אַרויסגעקומען, און אַפּשייד גענומען פון טעמפּל: און זיינע תלמידים זיינען געקומען צו אים צו באַווייזן אים די געביידעס פון בית המקדש."

מק. 1:13. „און אַזוי ווי ער איז אַרויס פון בית המקדש, איינער פון זיינע תלמידים האָט געזאָגט צו אים, מאַסטער, זע וואָס פאַר אַ סאָרטן שטיינער, און וואָס פאַר אַ געביידעס זיינען דאָ."

לוק. 5:21. „און אַזוי ווי מאַנכע האָבן גערעדט פון בית המקדש, ווי עס איז געווען באַצירט מיט גוטע שטיינער און מתנות, האָט ער געזאָגט."

**פש. די דריי זוכן פאַר אַ פּאַסיקן צוגאַנג פאַר דעם קומענדיקן זאָץ וואָס יעזוס וועט זאָגן. מאתיא באַנוצט ניט קיין פּאַסיקן איינפאַל. נאָך די אומרוען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין טעמפּל, וואָלטן זיינע תלמידים אים ניט געלאָזן אַליין: דערנאָך זאָלן זיי צו אים קומען. מאַרק. זאָגט איינער פון די תלמידים האָט געזאָגט. לוקאַס גיט זיך אַרויס, ער שרייבט דאָס פון אַ זאַך וואָס איז פריער געשען; ווי מען האָט גערעדט, ווי עס איז געווען באַצירט. עס הייסט אַז איצט עקזיסטירט עס מער ניט, נאָר עס איז געווען.**

מת. 2:24. „און יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, זעט איר ניט די אַלע זאַכן? באמת זאָג איך אייך, דאָרט וועט ניט איבערבלייבן איין שטיין אויף דעם אַנדערן, וואָס וועט ניט אַרונטער געוואָרפן ווערן."

**פש. מאַרק. און לוק. כמעט דאָס זעלביקע. נאָר לוקאַס האָט צוגענומען די גאַנצע קראַפט פון יעזוס נבואה. אַ זאַך וואָס איז געווען, איז גרינג פאַרויס זאָגן וואָס מיט דער זאַך איז געשען.**

מת. 3:24. „און אַזוי ווי ער איז געזעסן אויפן הר־הזתים, זיינען די תלמידים געקומען צו אים פּריוואַט, זאָגענדיק, זאָג אונדז ווען וועלן די דאָזיקע זאַכן זיין? און וואָס זאָל זיין דער צייכן פון דיין קומען, און דעם סוף פון דער וועלט?"

מאַרק. 3:13. „און אַזוי ווי ער איז געזעסן אויפן הר הזתים, איבער אַנטקעגן דעם טעמפּל, פּעטרוס און (יעקב) דזשיימס דזשאָן און אַנדריי האָבן אים געפרעגט פּריוואַט."

מאַרק 4:13. „זאָג אונדז, ווען וועט די זאַכן זיין? און וואָס וועט זיין דער צייכן ווען די אַלע זאַכן וועט פאַרפולט ווערן?"

מת. 4:24. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, נעמט אין אַכט אַז עס זאָל אייך ניט פאַרפירן. (5) ווארום פיל וועלן קומען אין מיין נאָמען, זאָגענדיק. איך בין קריסטוס; און וועלן פיל פאַרפירן. (6) און איר וועט הערן פון מלחמות און קלאַנגען פון מלחמות, זעט אַז איר זאָלט ניט זיין באַאומרו:יקט: ווארום די אַלע זאַכן מוזן געשען, נאָר דער סוף איז נאָך ניט. (7) ווארום אַ נאַציע וועט אויפשטיין קעגן אַ נאַציע, און קיניגרייך קעגן קיניגרייך; און דאָרט וועט זיין הונגער, פּעסט, און ערדציטערנישן אין פאַר־

שידענע ערטער. (8) דאָס אַלעס זיינען דער אָנהייב פוןליידן. (9) דענסטמאָל וועלן זיי אייך איבערגעבן צו ווערן געפייניקט, און וועלן אייך הרגענען: און איר וועט ווערן געהאַסט פון אַלע נאַציאָנאַלען פאַר מיין נאָמענס וועגן. (10) און דענסטמאָל וועלן פיל ווערן געשטרויכלט, און וועלן פאַרראַטן איינער דעם אַנדערן, און וועלן האַסן איינע די אַנדערע. (11) און פיל פאַלשע נביאים וועלן אויפשטיין און וועלן פיל פאַרפירן. (12) און מעומת אומרעכט וועט זיך מערן, וועט די ליבשאַפט אין פיל ווערן קאַלט. (13) אָבער דער וואָס וועט אויסהאַלטן ביז דעם סוף, דער זעלביקער וועט ווערן געראַטעוועט. (14) און די בשורה פון דער מלוכה וועט געפריידיקט ווערן אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַן עדות צו אַלע נאַציאָנען און דענסטמאָל וועט דער סוף קומען. (15) דעריבער ווען איר וועט זען די אומווירדיקייט פון דער פאַרוויסטונג, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך דניאל דעם נביא, שטייענדיק אין דעם הייליקן אָרט, (דער וואָס לייענט, זאָל ער פאַרשטיין).

**פש. דאָס ווערט געבראַכט פון דניאל 10:12. „די פאַרשטענדיקע וועלן פאַרשטיין. — והמשכלים יבינו.“**

מת. 16:24. „זאָלן זיי וואָס זיינען אין יהודה אַנטלויפן צו די בערג. (17) זאָל ער וואָס איז אויפן שטוב־דאַך ניט אַרונטערקומען צו אַרויסנעמען עפּעס פון זיין הויז: (18) אויך דער וואָס איז אין פעלד ניט אומקערן זיך צו נעמען זיינע קליידער. (19) און ווי איז צו די וואָס זיינען מיט אַ קינד [מעוברת], און צו די וואָס גיבן צו זייגן, אין יענע טעג! (20) נאָר איר בעט אַז אייער לויפן זאָל ניט זיין אין ווינטער, אויך ניט אום אַ שבת־טאָג: (21) וואָרום דעמאָלט וועט זיין אַ גרויסע צרה, אַזאַ וואָס איז ניט געווען זינט דעם אָנהייב פון דער וועלט ביז איצטיקער צייט, ניין, אויך עס זאָל קיין מאָל ניט זיין. (22) און סיידן יענע טעג זאָלן זיין געקירצט דאָרט וועט קיין לייב ווערן געראַטעוועט: אָבער וועגן די אויסדערוויילטע יענע טעג וועלן ווערן געקירצט. (23) דעמאָלט ווען איינער וועט זאָגן צו אייך, זעט, דאָ איז משיח, אָדער דאָרט; גלויבט עס ניט. (24) וואָרום דאָרט וועלן אויפשטיין פאַלשע משיחים, און פאַלשע נביאים, און וועלן ווייזן גרויסע צייכנס און וואונדערס, אין אַזויפיל אַז, אויב עס וואָלט געווען מעגלעך, וואָלטן זיי פאַרפירט די סאַמע אויסדערוויילטע. (25) זעט, איך האָב אייך פריער געזאָגט. (26) דעריבער אויב זיי וועלן זאָגן צו אייך, זעט, ער איז אין דער מדבר; גייט ניט אַרויס: זעט, ער איז אין די פאַרבאָרגענע חדרים; גלויבט עס ניט. (27) וואָרום אַזוי ווי דער בליץ קומט אַרויס פון מזרח, און שיינט אַזש צום מעריב; אַזוי וועט אויך זיין דאָס קומען פון דעם בן אדם. (28) וואָרום וו די נבלה איז, דאָרט וועלן זיך די אָדלערס פאַרזאַמלען. (29) תיקף נאָך די צרות פון יענע טעג וועט די זון פינסטער ווערן, און די לבנה וועט ניט געבן איר ליכט, און די שטערן וועלן פאַלן פון הימל, און די כוחות פון די הימלען וועלן זיך טרייסלען: (30) און דענסטמאָל וועלן אַלע שבטים פון דער ערד טרויערן, און זיי וועלן זען דעם בן אדם קומענדיק אין די וואָלקנס פון הימל מיט

מאַכט און גלאָריע.״

פּש. דאָס מיינט אַז די נבואה פון דניאל איז געזאָגט געוואָרן אויף יעזוס.

דניאל 13:7. „איך האָב געזען אין זעונג פון דער נאַכט, ערשט אויף וואָלקנס פון הימל איז אָנגעקומען אַזוי ווי אַ מענטשנקינד, און ביז דעם אַלטבאַטאָגטן האָט ער דערגרייכט, און מע האָט אים געבראַכט פאַר אים. (14) און אים איז געגעבן געוואָרן געוועלטיקייט, און כבוד און מלוכה. — חזה היות בחזוי לילא, וארו עם ענני שמיא כבר אנש אתה הוא, ועד עתיק יומיא מטה, וקדמוהי הקרבוהי. (14) ולה יהב שלטן, ויקר, ומלכו״...

כבר אנש, אַזוי ווי אַ מענטש: מיינט ניט אַ פּערזאָן, נאָר עס מיינט דעם יידישן פֿאָלק, אַזוי ווי דער לייב און חיות שטעלן פאָר מיט זיך אַנדערע מלוכות פון דער וועלט.

מת. 31:24. „און ער וועט שיקן זיינע מלאכים מיט אַ גרויסן שאַלן פון אַ טרומייט [שופר] און זיי פֿאַרזאַמלען צוזאַמען זיינע אויסדערוויילטע פון די פיר ווינטן, פון איין עק הימל צו דעם אַנדערן.

פּש. דער קץ פון וועלכן יעזוס גיט איבער צו זיינע תלמידים, זעט זיך אַז איז ניט פון אַ ווייטער צייט, די צייט פון די רוימישע פֿאַרפֿאָלגונגען די קריסטן. זאָץ 9: „זיי וועלן אייך איבערגעבן צו ווערן געפּייניקט, וועלן אייך הרגענען; איר וועט ווערן געהאַסט פון אַלע נאַציאָנען״ . . . דאָס איז ניט מער ווי אַן אָנזאָג צו די תלמידים און נאָכפאָלגער, אַזוי ווי ער האָט געגעבן זיינע אינסטרוקציעס צו די צוועלף. אַזוי „זאָלן זיי וואָס זיינען אין יהודה אַנטלויפן צו די בערג״ דאָס איז אויך געמיינט די נאָענטע צוקונפט. אויך דער מדבר האָט אַ גרויס שייכות צו דער משיח באַוועגונג, אַז דער פֿאַלשער משיח וועט אויך רופן אין מדבר.

יעזוס אין זיין לעבן האָט ניט דערמאָנט פון אַ צווייטן קומען, ער האָט געפּריידיקט אַז די מלוכה איז נאָענט, יעדער דאַרף זיין גרייט אַז ער זאָל זוכה זיין אַריינקומען אין דער מלוכה וועלכע וועט אויפגעשטעלט ווערן נאָך אין לעבנס־צייט פון דעם דור. אַזוי די פּריידיקונג אַז די מלוכה קומט באַלד, די מלוכה איז „עט העגד״ ווערט אויסגעמישט מיט דעם צווייטן קומען.

מת. 32:24. „אַצינד לערנט אַ משל פון אַ פייגנבוים, ווען זיין צווייג איז נאָך צאַרט־פריש און ברענגט אַרויס בלעטער, ווייסט איר אַז זומער איז נאָענט. (33) אַזוי גלייכערווייז איר ווען איר וועט זען די אַלע זאַכן, ווייסט אַז עס איז נאָענט, ביי דער טיר.

מת. 34:24. „באמת זאָג איך צו אייך, דער דור וועט ניט פאַרגיין ביז די אַלע זאַכן וועלן מקוים ווערן. (35) הימל און ערד וועט פאַרגיין, אָבער מיינע ווערטער וועלן ניט פאַרגיין.״

פּש. דאָס איז יעזוס פאַרזיכערונג פון באַלדיקן אָנקומען פון דער מלוכה, נאָר נאָך דער ׳רייניקונג׳ פון בית המקדש האָט זיך די סיטואַציע געענדערט. נאָך זיין טויט און רעזורעקציע איז אַנטשטאַנען דאָס גלויבן אין צווייטן קומען.

מת. 36:24. „אָבער פון יענעם טאָג און שעה ווייסט ניט קיין מאַן, ניין,

ניט די מלאכים פון הימל, נאָר מיין פּאָטער אַליין. (37) ווי די טעג פון נח זיינען געווען אַזוי אויך דאָס קומען פון דעם בן אדם וועט זיין. (38) ווארום ווי אין די טעג וואָס זיינען געווען פאַר דעם מבול האָבן זיי געגעסן און געטרונקען, חתונה האָבענדיק און גיבענדיק צו הייראַט, ביז דעם טאָג וואָס נח איז אַריין אין דער תיבה. (39) און זיי האָבן ניט געוווּסט ביז דער מבול איז געקומען און האָט אַלעמען אַוועקגענומען; אַזוי וועט אויך דאָס קומען פון דעם בן אדם זיין. (40) צוויי פרויען וועלן מאָלן אין אַ מיל; איינע וועט אַוועקגענומען ווערן, און די אַנדערע וועט בלייבן. (42) וואַרט דעריבער: ווארום איר ווייסט ניט אין וועלכער שטונדע וועט אייער האַר קומען. (43) אָבער ווייסט דאָס, אַז אויב דער גוטער מאַן פון דער הויז וואָלט ווי‍סן אין וועלכער וואַך דער גנב וואָלט קומען, וואָלט ער געוואַכט, און ער וואָלט ניט דערלויבט אַז זיין הויז זאָל ווערן אויפגעבראָכן. (44) דעריבער זייט איר אויך גרייט: ווארום אין אַזעלכע שעה ווי דו דענקסט ניט קומט דער בן אדם. (45) ווער איז דען דער געטרייער און קלוגער קנעכט, וועמען זיין האַר האָט גע־מאַכט העכערשער איבער זיין בעל הביתישקייט, צו געבן זיי זייער שפּייז אין דער ריכטיקער צייט. (46) געבענטשט איז יענער דינער, וועמען זיין האַר ווען ער קומט וועט געפינען אַזוי טוענדיק. (47) באמת זאָג איך אייך ער וועט אים מאַכן העכערשער איבער זיין גאַנצן פאַרמעגן. (48) אָבער אויב יענער שלעכטער דינער וועט זאָגן אין זיין האַרצן, מיין האַר לייגט אָפּ זיין קומען. (49) און ער וועט אָנהייבן שלאָגן זיינע מיט־דינער, און עסן און טרינקען מיט שיכורים. (50) דער האַר פון יענעם דינער וועט קומען אין אַ טאָג ווען ער האָט אים ניט דערוואַרט. (51) און ער וועט אים צעשניידן אויף שטיקער, און באַשטימען זיין חלק מיט די היפּאָקריטן: דאָרט וועט זיין יאָמער און קריצונג פון ציינער."

## קאַפּיטל 25

מת. 1:25. „דעממאָלט וועט די מלוכה פון הימל געגליכן ווערן צו צען מיידלעך, וועלכע האָבן גענומען זייערע לאָמפּן, און זיינען אַרויסגעגאַנגען צו באַגעגענען דעם חתן. (2) און פינף פון זיי זיינען געווען קלוג, און פינף זיינען געווען נאַריש. (3) די וואָס זיינען געווען נאַריש האָבן גענומען זייערע לאָמפּן און האָבן ניט מיטגענומען אייל. (4) אָבער די קלוגע האָבן גענומען אייל אין זייערע כלים מיט די לאָמפּן. (5) ווייל דער חתן האָט זיך פאַרזאַמט, זיי אַלע האָבן געדרעמלט און געשלאָפן. (6) און אין מיטן נאַכט איז געקומען אַ געשריי, זעט, דער חתן קומט; גייט אַרויס צו באַגעגענען אים. (7) דענסטמאָל זיינען אַלע מיידלעך אויפגעשטאַנען, און צורעכטגעמאַכט זייערע לאָמפּן. (8) און די נאַרישע האָבן געזאָגט צו די קלוגע, גיט אונדז פון אייער אייל; מחמת אונדזערע לאָמפּן זיינען אויסגעגאַנגען. (9) אָבער די קלוגע האָבן געענט־פערט, זאָגענדיק, ניט אַזוי, טאָמער וועט דאָרט ניט זיין גענוג ניט פאַר אונדז און ניט פאַר אייך: גייט בעסער צו זיי וואָס פאַרקויפן, און קויפט פאַר זיך

זעלבסט. (10) און ווייל זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען קויפן, דער חתן איז געקומען; און די וואָס זיינען געווען גרייט זיינען אַריינגעקומען מיט אים צו דער חתונה: און די טיר איז פאַרשלאָסן געוואָרן. (11) נאָך דעם זיינען אויך געקומען די אַנדערע מיידלעך, זאָגענדיק, האַר, האַר, עפן צו אונדז. (12) אָבער ער האָט געענטפערט און געזאָגט, באמת זאָג איך אייך, איך קען אייך ניט. דעריבער וואַרט, מחמת איר ווייסט ניט דעם טאָג און ניט די שעה ווען דער בן אדם קומט.״

מת. 14:25. „וואָרום די מלוכה פון הימל איז ווי אַ מאַן וואָס רייזט אָפּ אין אַ ווייט לאַנד, וועלכער האָט גערופן זיינע אייגענע קנעכט און איבערגעגעבן צו זיי זיין פאַרמעגן. (15) און צו איינעם האָט ער געגעבן פינף טאַלענטן, צו אַן אַנדערן צוויי, און צו אַן אַנדערן איינעם; צו יעדן מאַן לויט זיינע באַזונדערע פעיקייטן, און באַלד איז ער אַוועקגעפאָרן. (16) דאַן דער וואָס האָט געקראָגן די פינף טאַלענטן איז אַוועק און האָט מיט זיי געהאַנדלט, און האָט געמאַכט אַנדערע פינף טאַלענטן. (17) און דאָס גלייכן דער וואָס האָט געקראָגן צוויי, ער האָט אויך פאַרדינט אַנדערע צוויי. (18) אָבער דער וואָס האָט דערהאַלטן איינעם איז אַוועק און האָט אויסגעגראָבן אין דער ערד, און באַהאַלטן די געלט פון זיין האַר. (19) נאָך אַ לאַנגער צייט דער האַר פון יענע קנעכט איז געקומען, און באַרעכנט זיך מיט זיי. (20) און אַזוי דער וואָס האָט דערהאַלטן פינף טאַלענטן איז געקומען און געבראַכט אַנדערע פינף טאַלענטן, זאָגענדיק, האַר, דו האָסט מיר געגעבן פינף טאַלענטן; זע, איך האָב פאַרדינט חוץ זיי פינף טאַלענטן מער. (21) זיין האַר האָט געזאָגט צו אים וווּיל געטאָן, דו גוטער און געטרייער קנעכט: דו ביסט געווען געטריי איבער ווייניק זאַכן, איך וועל דיך מאַכן פאַרוואַלטער איבער פיל זאַכן: קום אַריין אין דער פרייד פון דיין האַר. (22) דער וואָס האָט געקראָגן די צוויי טאַלענטן איז אויך געקומען און געזאָגט, האַר, דו האָסט מיר געגעבן צוויי טאַלענטן: זע, איך האָב פאַרדינט צוויי אַנדערע טאַלענטן חוץ זיי. (23) זיין האַר האָט געזאָגט צו אים, וווּיל געטאָן, גוטער און געטרייער קנעכט, דו ביסט געווען געטריי איבער ווייניק זאַכן, איך וועל דיך מאַכן פאַרוואַלטער איבער פיל זאַכן; קום אַריין אַצינד אין דער פרייד פון דיין האַר. (24) דאַן דער וואָס האָט דערהאַלטן דעם איין טאַלענט איז געקומען און געזאָגט, האַר, איך האָב געוווּסט אַז דו ביסט אַ האַרטער מענטש, דו שניידסט ווו דו האָסט ניט געזייט, און זאַמלסט ווו דו האָסט ניט צעשטרייט. (25) און איך האָב מורא געהאַט, און איך בין אַוועק און באַהאַלטן מיין טאַלענט אין דער ערד, זע דאָרט האָסטו וואָס איז דיינע. (26) זיין האַר האָט געענטפערט און געזאָגט צו אים דו זינדיקער און פוילער קנעכט, דו ווייסט אַז איך שנייד ווו איך זיי ניט, און זאַמל ווו איך צעשטריי ניט. (27) דו האָסט געדאַרפט אַריינלייגן מיין געלט ביי געלט־וועקסלער, דענסטמאָל מיט מיין קומען וואָלט איך געקראָגן מיין אייגנס מיט פראָצענט. (28) דעריבער נעמט אַוועק פון אים דעם טאַלענט, און גיט צו דעם וואָס האָט צען טאַלענטן. (29) וואָרום צו יעדן

איינעם וואָס האָט וועט געגעבן ווערן, ער זאָל האָבן איבערגענוג; אָבער פון דעם וואָס האָט ניט וועט אַוועקגענומען ווערן דאָס וואָס ער האָט. (30) און וואַרפט דעם ניט־פאַרדינענדיקן קנעכט אין דער דערויסנדיקער פינסטער־ניש. יעזוס האָט געזאָגט, געבענטשט זיינען די וואָס זיינען אָרעם, אָדער אָרעם אין גייסט: וואָלט דאָך מער יושרדיק געווען אַז די געבענטשטע וואָס האָבן ניט, זאָל זיי געגעבן ווערן; ווארום זאָל אַוועקגענומען ווערן אויך דאָס וואָס זיי האָבן? דאָס איז ניט נאָר איין מאָל געזאָגט געוואָרן, נאָר פינף מאָל: מאתיא 29:25 און 12:13; מאַרקוס 25:4; לוקאַס 18:8 און 26:19.

אין דעם משל וואָס איז געגליכן צו דער מלכות שמים איז דער האַר ניט יושרדיק. דער האַר האָט איבערגעלאָזן זיינע געלט צו די קנעכט לויט זייער פעיקייט. דעם מער פעיקן האָט ער איבערגעלאָזן 5 טאַלענטן, צו דעם ווייניקער פעיקן 2 טאַלענטן און צו דעם ווייניקסטן פעיקן נאָר 1 טאַלענט. האָט דאָך דער האַר געוווּסט אַז ער איז ניט צופיל פעיק, האָט ער געדאַרפט דערוואַרטן פון אים ווייניקער אונטערנעמונגס פעיקייט ווי פון די ערשטע צוויי. דער ניט פעיקער קנעכט איז דאָך אָבער געווען ערלעך, ער האָט פון זיין האַר גאָרניט גענומען פאַר זיך. ער האָט באַהאַלטן אין דער ערד די געלט אַז עס זאָל ניט פאַרלאָרן גיין; ער האָט געהאַט מורא צו געבן אויף פּראָצענט טאָמער וועט ער דעם טאַלענט ניט צוריק קריגן. ווען דער האַר איז געקומען האָט ער אויסגעגראָבן דעם טאַלענט און אים צוריק געגעבן. אָבער דער אומ־גערעכטער האַר מאָנט פון אים דעם פּראָצענט פאַר דעם טאַלענט. דאָן איז דאָך דער דריטער קנעכט ווידער גערעכט ווען ער האָט צום האַר געזאָגט אַז ער שניידט וווּ ער האָט ניט געזייט. מאתיאס אויספיר פון משל איז דער היפּוך פון דעם ניט־גערעכטן האַר.

מת. 31:25. „ווען דער בן אדם וועט קומען אין זיין גלאָריע, און אַלע הייליקע מלאכים מיט אים, דענסטמאָל וועט ער זיצן אויפן טראָן פון זיין גלאָריע: (32) און פאַר אים וועלן ווערן פאַרזאַמלט אַלע נאַציעס; און ער וועט אָפּשיידן איינע פון דער אַנדערער, אַזוי ווי אַ פּאַסטוך טיילט אָפּ זיינע שאָף פון די ציגן: (33) און ער וועט שטעלן די שאָף צו זיין רעכטער האַנט, אָבער די ציגן צו זיין לינקער. (34) דעמאָלסט וועט דער מלך זאָגן צו די וואָס זיינען אויף זיין רעכטער האַנט, קומט, איר געבענטשטע פון מיין פאָטער, ירשנט די מלוכה וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אייך פון דער גרינדונג פון דער וועלט: (35) ווארום איך בין געווען הונגעריק, און איר האָט מיר געגעבן עסן; איך בין געווען דורשטיק, און איר האָט מיר געגעבן טרינקען; איך בין געווען אַ פרעמדער און איר האָט מיך אַריינגענומען; (36) נאַקעט, און איר האָט מיך באַקליידט; איך בין געווען קראַנק, און איר האָט מיך באַזוכט; איך בין געווען אין תפיסה, און איר זייט געקומען צו מיר. (37) דענסטמאָל וועלן די רעכטפאַרטיקע ענטפערן זאָגנדיק, האַר, ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, און דיך געשפּייזט? אָדער דורשטיק, און געגעבן דיר טרינקען?

(37) ווען האָבן מיר דיך געזען אַ פרעמדן, און דיך אַריינגענומען? אָדער נאַקעט, און באַקליידט דיך? (40) אָדער ווען האָבן מיר דיך געזען קראַנק, אָדער אין תפיסה, און געקומען צו דיר? (40) און דער קיניג וועט ענטפערן און זאָגן צו זיי באמת זאָג איך צו אייך, אויף אַזויפיל ווי איר האָט געטאָן צו איינעם פון די קלענסטע פון מיינע ברידער, האָט איר עס געטאָן צו מיר. (41) דענסט־מאָל וועט ער זאָגן צו די אויף זיין לינקער האַנט, גייט אַוועק פון מיר איר פאַרפלוכטע, אין דעם אייביק־דויערנדיקן פייער, צוגעגרייט פאַר דעם טייוול און זיינע מלאכים."

**פש. אין דערויף לחלוטין גייען זיך פאַנאַנדער די גלויבונגען פון ביידע רעליגיעס. לויט דער יידישער טראַדיציע און יידישן גלויבן האָט דער שטן זייער אַ באַגרעניצשע מאַכט; דער טייוול־שטן איז אַ שלעכטער מלאך וועלכער טראָגט צו גאָט שלעכטע באַריכטן אויף דעם מענטשלעכן מין, ער איז דער קטיגור אויף די בני אדם.**

מת. 42:25. ווארום איך האָב געהונגערט, און איר האָט מיר ניט געגעבן עסן; איך בין געווען דורשטיק, און איר האָט מיר ניט געגעבן טרינקען. (43) איך בין געווען אַ פרעמדער, און איר האָט מיך ניט אַריינגענומען; נאַקעט, און איר האָט מיך ניט באַקליידט; קראַנק, און אין תפיסה, און איר האָט מיך ניט באַזוכט. (44) דענסטמאָל וועלן זיי אויך ענטפערן אים, זאָגענדיק, האַר, ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, אָדער דורשטיק, אָדער ווי אַ פרעמדן, אָדער נאַקעט, אָדער קראַנק, אָדער אין תפיסה, און מיר האָבן דיר ניט אַרויסגעהאָלפן? (45) דענסטמאָל וועט ער ענטפערן זיי, זאָגענדיק, באמת זאָג איך אייך, אויף אַזוי פיל וואָס איר האָט ניט געטאָן צו איינעם פון די קלענ־סטע פון די דאָזיקע, האָט איר עס ניט געטאָן צו מיר. (46) און די דאָזיקע וועלן גיין צו אייביק־דויערנדיקן שטראָף: אָבער די רעכטפערטיקע צו אייביק לעבן."

**פש. די אַלע משלים און זאָגונגען פון דעם קאַפּיטל זיינען איבערגעבונגען נאָר פון מאתיא אַליין, זיי געפינען זיך ניט אין די עוואַנגעליעס פון די אַנדערע אַוטאָרס.**

(סוף פון צווייטן טייל)

# דריטער טייל

## אַרעסט און מישפּט

### קאַפּיטל 26

די פיר אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס 1) : מאַתיא, מאַרקוס, לוקאַס און יאָהאַן, וועלכע באַריכטן פון די מישפּטים אויף יעזוס, באַשרייבן אַן עפּיזאָד פון אַ גרויסער היסטאָרישער באַטייטונג, פון דעם געבורט פון אַ גרויסער וועלט רעליגיע. צו געבן אַן אמתע אָפּשאַצונג פון אַזאַ מישפּט פאָדערט זיך גרינדלעכע פאָרשונג, פילזייטיקער קריטיציזם. צו יעדן מישפּט, גרויס אָדער קליין, וויכטיק אָדער אומוויכטיק: פאָדערט זיך אַ יושרדיקער, אָרענטלעכער צוגאַנג. געבראַכטע עדות מוזן גוט אויסגעפאָרשט ווערן; באַווייזן דאַרפן אונטערזוכט ווערן צו באַשטעטיקן זייער אמת און היסטאָרישקייט; עס דאַרף געשטודירט ווערן זייער אַריינפּאַסיקייט אין געשיכטלעכן לעבן פון יענער צייט. אָנגעגעבענע פאַקטן און אינצידענטן דאַרף מען דורך טיכטיקער חקירה ודרישה באַשטעטיקן זייער אמת; דורך אמת זוכן דעם אמת. עס איז אַ חוב פון פאָרשער קריטיש און קלאָר פאַנאַנדערקלייבן און פאַנאַנדערטיילן געשיכטלעכע פאַסירונגען, דאָסווירקלעכע פאָרגעקומענע, פון אומבאַגרינדעטע מיינונגען; פון היסטאָרישן אמת, און פון אַבזיכטלעכער אויספאַנטאַזירונג פון באַשולדיקונגען.

2) דער אַלגעמיינער אינהאַלט פון אַלע פיר עוואַנגעליעס וועגן דעם אַרעסט

---

1) עוואַנגעליעס מיינען די שריפטן פון נייעם טעסטאַמענט, דערהויפּט די פיר ביכער פון מאַתיא, מאַרקוס, לוקאַס און יאָהאַן. דאָס איז אַ גריכישער וואָרט וואָס די פריערדיקע קירך האָט אָנגעהייבן נוצן. פון אָנהייב האָט עס געהאַט די מיינונג פון אַ גוטער געשיכטע, שפּעטער איז פאַרביטן געוואָרן אויף גאָט'ס געשיכטע, ביז עס האָט באַקומען די אַלגעמיינע מיינונג פון אַ גוטער בשורה. דאָס וואָרט 'גוטע בשורה' שטאַמט פון ישעיה 1:61, „ווייל גאָט האָט מיך געזאַלבט צו ברענגען אַ בשורה צו די פאַרליטענע — יען משה יה' אתי לבשר ענוים.״ אויך פון 7:52 „וואָס זאָגט אָן גוטס — מבשר טוב.״

2) ווייטער אין שרייבן וועל איך געברויכן דעם נאָמען קאַיאַפאַס.

פון יעזוס, און וועגן די מישפּטים, איז דער פאָלגענדיקער: קיפאַ, קאַיאַפאַס דער כהן גדול, האָט געשיקט אַ באַוואָפנטע וואַך וועלכע האָט אַרעסטירט יעזוסן. דער אַרעסט איז פאָרגעקומען די ערשטע נאַכט פון פסח, נאָך דער נאַכט־מאָלצייט, סדר. מען האָט געבראַכט יעזוסן פאַר דעם סנהדרין (קאָונסיל). דיזעלבע נאַכט און מאָרגן פרי זיינען פאָרגעקומען סעסיעס (זיצונגען) אויף וועלכע עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט אורטייל. דער כהן גדול קיפאַ, די ריכטער פון סנהדרין, כהנים און אַ גרויסער המון האָבן געבראַכט יעזוסן פאַר דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר (גאָווערנאָר) פּאָנטיוס פּילאַטוס. פּילאַטוס, קעגן זיין ווילן, נאָר איז געווען געצוואונגען צו נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די יידן, האָט ער פאַרמישפּט יעזוסן צו געקרייציקט ווערן; און גלייך באַלד איז די קרייצונג פאָרגעקומען.

מיר וועלן דאָ שטודירן, אַנאַליזירן און פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די דעטאַלן: צו אויסגעפינען זייער היסטאָרישן ווערט.

מת. 1:26. „און עס איז געקומען צו פּאַסירן, ווען יעזוס האָט געענדיקט די אַלע זאָגונגען, האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים, (2:26) איר ווייסט אַז אין נאָך צוויי טעג אַרום איז דער יום טוב פסח, און דער בן־אדם איז פאַרראַטן צו ווערן געקרייציקט. (3:26) דענסטמאָל האָבן זיך פאַרזאַמלט די הויפּט כהנים, און די סופרים, און די זקנים פון פאָלק, אין דעם פּאַלאַץ פון דעם כהן גדול, וועלכער איז גערופן געוואָרן 1) קיפאַ. (4) זיי האָבן זיך באַראַטן אַז זיי זאָלן נעמען יעזוסן דורך ליסטיקייט, און הרגענען אים. (5) נאָר זיי האָבן געזאָגט, ניט אום יום טובדיקן טאָג, טאָמער דאָרט וועט ווערן אַ ליאַרעם צווישן פאָלק. (6) איצט ווען יעזוס איז געווען אין בית־עניה אין הויז פון שמעון דעם מצורע (לעפּער).

פש. אַזוי אויך גיט איבער מאַרקוס, 'אין דער הויז פון שמעון דעם מצורע'. עס איז דאָ אַ טעות אין דעם וואָרט מצורע, ווייל אַ לעפּער האָט ניט געקענט וויינען אין שטאָט, און ער וואָלט ניט איינגעלאַדן געסט, און געסט וואָלטן ניט געגאַנגען צו אים. נאָך פון אַלע צייטן האָט מען געוווסט אַז די שוידערלעכע קראַנקהייט איז אנשטעקענדיק, עס האָבן עקזיסטירט פאַראָרדענונגען ווי צו האַלטן די קראַנקע אָפּגעזונדערט.

לוקאַס שרייבט ניט אַז שמעון איז געווען אַ מצורע.

לק. 36:7. „און איינער פון די פרושים האָט באַגערט אים, אַז ער זאָל עסן מיט אים. און ער איז אַוועק אין דעם פרוש הויז, און געזעצט זיך עסן.“

מת. 7:26. „דאָרט איז געקומען צו אים אַ פרוי האָבענדיק אַן אַלאַ־באַסטער קעסטל פון אַ זייער טייערן זאַלב, און האָט עס אַרויפגעגאָסן אויף זיין קאָפּ, ווען ער איז געזעסן און געגעסן.“

פש. מאַרקוס ווערסיע איז די זעלביקע ווי מאַתיאַס; לוקאַס פאַלשטענדיק פאַרשידן.

לוקאַס 37:7. „און, זע, אַ פרוי אין שטאָט, וועלכע איז געווען אַ זינדערין,

ווען זי האָט זיך דערוווסט אַז יעזוס עסט אין דער הויז פון דעם פרוש, האָט זי געבראַכט אַן אַלאַבאַסטער קעסטל פון זאַלב־אייל. (38:7) און איז געשטאַנען ביי זיינע פיס הינטער אים וויינענדיק; און האָט אָנגעהייבן וואַשן זיינע פיס מיט אירע טרערן, און געווישט זיי מיט די האָר פון איר קאָפּ, און געקושט זיינע פיס, און געזאַלבט זיי מיט דעם זאַלב־אייל.

**פש. לויט לוקאַסן איז דער אינצידענט פאָרגעקומען נים אין בית־עניה און נים צוויי טעג פאַר פסח, נאָר אין גליל, נעבן כפר נחום, אַ לאַנגע צייט פאַר פסח, אין דער צייט ווען יוחנן דער טובלער האָט נאָך געלעבט, גלייך נאָך דעם ווען יוחננס תלמידים זיינען צוריקגעגאַנגען. לוקאַס נוצט דאָ מער פאַנטאַזיע און אויך ער מאַכט עס מער דראַמאַטיש. יאָהאַן דער אַווטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע נעמט איבער לוקאַס ווערסיע, נאָר ער פאַרקירצט עס. די צייט איז זעקס טעג פאַר פסח, דער אָרט איז לאַזאַרוס הויז. דאָס איז דער לאַזאַרוס פון וועמען איז געשריבן נאָר פון יאָהאַנען אַליין. אַז לאַזאַרוסן האָט יעזוס לעבעדיק געמאַכט פיר טעג נאָך זיין טויט. מארי און מאַרטאַ זיינען געווען שוועסטער פון לאַזאַרוס, מרים (מארי) איז געווען די וואָס האָט געשמירט יעזוסן מיט דעם זאַלב אייל.**

יאָהאַן 1:12. „דענסטמאָל זעקס טעג פאַר פסח איז יעזוס געקומען אין בית עניה, ווו לאַזאַרוס איז געווען וועלכער איז געווען טויט, וועמען יעזוס האָט געמאַכט לעבעדיק פון טויט. (2) דאָרט האָבן זיי געמאַכט פאַר אים אַ נאַכט מאָלצייט; און מאַרטאַ האָט סערווירט: נאָר לאַזאַרוס איז געווען איינער פון די וואָס זיינען געזעסן ביי דעם טיש מיט אים. (3) דענסטמאָל האָט מרים גענומען אַ פונט זאַלב אייל פון נאַרד־בשמים (ספיקענאַרד), זייער טייערן, און די הויז איז געווען אָנגעפילט מיט דעם ריח פון דעם זאַלב.״

**פש. מיר קערן זיך צוריק צו מאתיא.**

מת. 8:26. „אָבער ווען די **תלמידים** האָבן עס געזען, האָבן זיי געהאַט פאַרדרוס, זאָגענדיק, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק איז די פאַרשווענדונג? (9) ווארום דער זאַלב האָט געקענט פאַרקויפט ווערן פאַר פיל [געלט], און געגעבן ווערן צו די אָרעמע.״

**פש. מאַרקוס באַשולדיקט נים די תלמידים, ער שרייבט אַז אייניקע פון די אנוועזענדיקע האָבן געזאָגט.**

מאַרקוס 4:14. „און דאָרטן זיינען געווען **אייניקע** וועלכע האָבן געהאַט פאַרדרוס אין זיך זעלבסט, און האָבן געזאָגט, ווארום איז די פאַרשווענדונג פון דעם זאַלב־אייל געמאַכט געוואָרן? (5) ווארום עס האָט געקענט פאַרקויפט ווערן פאַר מער ווי דריי הונדערט פענס, און געגעבן ווערן צו די אָרעמע. און זיי האָבן געמורמלט קעגן איר.״

**פש. לוקאַסן געפעלט נים דער שרייבן פון מאַרקוס, איבערהויפט דער שרייבן פון מאתיא. ער קען נים איינשטימען צו מאַרקוס אַז אייניקע, אָדער צו מאתיא אַז די תלמידים האָבן געזאָגט; ווען דער בעל הבית איז אַ פרוש, פאַסט, אַז דאָס זאָל זאָגן דער פרוש.**

לוק. 39:7. „איצט ווען דער פּרוש וואָס האָט אים איינגעלאַדן, האָט עס געזען, האָט ער גערעדט אין זיך, זאָגענדיק, דער דאָזיקער מאַן אויב ער וואָלט געווען אַ נביא, וואָלט געוווּסט ווער און וואָס פאַר אַ סאָרט פרוי זי איז וועלכע האָט אים באַרירט: ווארום זי איז אַ זינדערקע."

**פּש. יאָהאַן האָט נאָך אַ בעסערן איינפאַל. דאָרט זיינען געווען יעזוס תּלמידים, איז דאָך זיכער געווען מיט זיי יהודה איש קריות: דאַרף ער זיין דער וואָס האָט דאָס געזאָגט.**

יאָהאַן 4:12. „דענסטמאָל האָט געזאָגט איינער פון זיינע תּלמידים, יהודה איש קריות (יודא איסקאַריאָט), שמעונס זון, וועלכער וועט אים פאַרראַטן.

**פּש. דער לייענער דאַרף ניט מאַכן דעם טעות און מיינען אַז יהודה איז געווען דער זון פון דעם פּרוש שמעון וועלכער איז דער בעל הבית פון הויז. לוקאַס באַשרייבונג איז שווער צו באַגרייפן. די זינדיקע פרוי האָט אַזוי פיל געוויינט אַז פון אירע טרערן איז געווען גענוג נאָסקייט צו וואַשן זיינע פיס. ווארום האָט זי געדאַרפט אַזוי פיל וויינען גיט לוקאַס ניט אָן. זאָל דאָס זיין ווייל זי האָט דורך נבואה געזען יעזוס טרויעריקן סוף, איז זי דאָך ניט קיין זינדיקע, נאָר אַ נביאה. עס איז מעגלעך אַז זי האָט געוויינט איבער אירע זינד, איז דאַן יאָהאַן ניט היסטאָריש, ווייל ער שרייבט אַז די פרוי איז געווען מארי די שוועסטער פון לאַזאַרוס און פון לאַנג איינע פון די הויפּט נאָכפאָלגערינס פון יעזוס. די קאָנפוזיע קומט פון דערויף ווייל מען נעמט אַ היסטאָרישע פאַסירונג און מען וויל מאַכן אומהיסטאָריש. דאָס זאַלבן יעזוסן מיט אייל איז איינע פון די הויפּט פאַסירונגען פון יעזוס לעבן, איבערהויפּט פון די טעג וואָס יעזוס איז געווען אין ירושלים. דאָס ערשטע איז געווען זיין עפענט־לעכער אַריינקום אין ירושלים אַלץ משיח. דאָס צווייטע די ריי ניקונג ווו יעזוס האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבערן בית המקדש און דערקלערן די אָנקומונג פון דער מלוכה פון הימל. דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. יעזוס מיט זיינע נאָכפאָלגער האָבן אָבער זייערע האָפענונגען ניט אויפגעגעבן. זיי האָבן זיך געגרייט אויף אַ צווייטן פאַרזוך, און נאָך אַלע אָנווייזונגען האָט דאָס געדאַרפט פאַרקומען פסח. אין דער פאַר־זאַמלונג אין דער הויז פון שמעון וואָס איז פאַרגעקומען צוויי טעג פאַר פסח האָט מען באַשלאָסן צו זאַלבן יעזוסן אַלץ משיח און מלך. דורך אַ פרוי איז צוגעשטעלט געוואָרן דער אייל און יעזוס איז געזאַלבט געוואָרן, און אויף דעם יום טוב פסח האָט געזאָלט פאַרקומען די וועלטלעכע גרויסע גע־שעניש: דאָס קומען פון דער מלוכה.**

מעגלעך אַז דער אייל איז געווען זייער אַ טייערער, און אייניקע האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז די געלד איז זייער נייטיק אין דער דאָזיקער צייט, און מען האָט געקענט נוצן געוויינלעכן אייל. די דריי עפּיזאָדן: דער אַריינ־קום, די „רייניקונג" און די זאַלבונג האָבן ניט געקענט פאַרגעסן ווערן. די תּלמידים און די נאָכפאָלגער האָבן לאַנגע יאָרן געהאַלטן אין דערציילן פון יענע גרויסע מאָמענטן. אין פילע צענדליקע יאָרן שפּעטער האָט די קריסט־

לעכע קירך, און די היידן־קריסטן געזוכט ווי צו מאָדערניזירן די דריי אינ־צידענטן.

אין דער צייט פון מאַרקוסן האָט מען פּאַרוויקלט דעם טעמפּל אַריינ־דרינגונג, אין טעמפּל רייניקונג; און די זאַלבונג אין אַ זאַלבונג צו קבורה. דער מינהג איז געווען צו זאַלבן דעם מת איידער ער קומט צו קבורה, אָבער ניט בײַ לעבן. איבער דער דאָזיקער אורזאַך האָט לוקאַס אָפּגערוקט די זאַלבונג אויף אַ צייט צוריק, אַנשטאָט אין בית עניה, האָט ער פאַרביטן אויף כפר נחום, דאָס זעלביקע האָט געטאָן יאָהאַן מיט דער טעמפּל רייניקונג, ער האָט אָפּגערוקט אויף אַ פּאָר יאָר צוריק.

יאָהאַן 5:12. [יהודה זאָגט] „וואָרום איז דער זאַלב־אייל ניט פאַרקויפט געוואָרן פאַר דריי הונדערט פענס, און געגעבן צו די אָרעמע? (6) דאָס האָט ער געזאָגט, ניט וואָס אים האָבן געאַרט די אָרעמע; נאָר מחמת ער איז געווען אַ גנב, און האָט געהאַלטן די בײַטל (קאַסע) און אויסגעליידיקט וואָס אין איר איז געווען אַריינגעלייגט.״

די אַנדערע דריי אויטאָרס ווייסן ניט אַז יהודה האָט דאָס געזאָגט, לויט מאַרקוס זיינען דאָס געווען איניקע פון די פּאַרזאַמלטע, לויט מאַתיא די תלמידים, לויט לוקאַס שמעון דער פּרוש, און לויט יאָהאַן יהודה איש קריות. יעזוס וועלכער האָט געוווּסט די טראַכטונגען פון מענטשן, האָט ניט געוווּסט יהודה, ער האָט דעם ׳גנב׳ יהודה געטרויט און געמאַכט אים פאַר דעם קאַסיר פון זייער קערפּערשאַפט. מאַתיא גייט אָן מיט זיין באַריכט אַז דאָס האָבן געזאָגט די תלמידים און יעזוס ענטפערט זיי.

מת. 10:26. „ווען יעזוס האָט עס פאַרשטאַנען, האָט ער געזאָגט צו זיי, וואָרום זייט איר מצער די פרוי? וואָרום זי האָט געטאָן אַ גוטע זאַך איבער מיר. (11) וואָרום איר האָט די אָרעמע תמיד מיט אייך; אָבער מיך האָט איר ניט תמיד מיט אייך. (12) וואָרום ווען זי האָט געגאָסן דעם אייל אויף מיין קערפּער, האָט זי דאָס געטאָן פאַר מיין קבורה. (13) באמת זאָג איך צו אייך, ווו נאָר אין דער גאַנצער וועלט וועט די דאָזיקע בשורה געפּריידיקט ווערן, דאָרט וועט אויך זיין דאָס, וואָס די פרוי האָט געטאָן, וועט ווערן דערציילט ווי אַן אנדיינק פון איר.״

פּש. מאַרקוס כמעט דאָס זעלביקע, מיט די זעלביקע ענלעכע ווערטער. לויט לוקאַס האָט דאָך געמאַכט די באַמערקונג דער בעל הבית פון הויז, דער פּרוש, שמעון: איז פאַרשטענדלעך אַז יעזוס דאַרף ריידן אַנדערע רייד. אויך לויט לוקאַס איז דאָס פּאַרגעקומען אין כפר נחום אין גליל, דענסטמאָל האָט יעזוס ניט געטראַכט פון שטאַרבן און פון קבורה, האָט ער די רייד ניט געקענט זאָגן. יעזוס און זיינע נאָכפאָלגער האָבן גוט באַנומען די גרויסע באַדייטונג פון יענעם מאָמענט. עס איז פאַרגעקומען די שעה אין וועלכער יעזוס ווערט געזאַלבט ווי דער משיח און כמעט אויף די אנשטייזונג פון דער מלוכה. די זאַלבונג האָט געמוזט פאַרקומען: דאָס וואָרט ׳משיח׳ מיינט דער געזאַלבטער.

לוק. 42:7. „און יעזוס ענטפערענדיק האָט געזאָגט צו אים, שמעון, איך האָב עטוואָס צו זאָגן דיר. און ער האָט געזאָגט, האַר, זאָג. (41) דאָרט איז געווען אַ מלוה וועלכער האָט געהאַט צוויי בעלי חובות: איינער איז געווען שולדיק פינף הונדערט פענס, און דער אַנדערער פופציק. (42) און זיי האָבן גאָר ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן, האָט ער זיי פריי פאַרגעבן ביידן. זאָג מיר דערפאַר וועלכער פון זיי וועט אים ליבן אַם בעסטן? (43) שמעון האָט געענטפערט און געזאָגט, איך בין זיך משער אַז דער וועמען ער האָט פאַרגעבן דאָס מערסטע. און ער האָט געזאָגט צו אים דו האָסט געריכטלעך גע-מישפט. (44) און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער פרוי, און געזאָגט צו שמעונען, דו זעסט די דאָזיקע פרוי? איך בין אַריינגעקומען אין דיין הויז, האָסטו ניט געגעבן וואַסער פאַר מיינע פיס: אָבער זי האָט געוואַשן מיינע פיס מיט טרערן, און געווישט זיי מיט די האָר פון איר קאָפּ."

**פש. לויט מאַרקוס און מאַתיא האָט יעזוס ניט געקענט אַזוי ריידן ווייל זיי שרייבן אַז די פרוי האָט געגאָסן דעם אייל נאָר אויף זיין קאָפּ, דערמאָנען ניט קיינע טרערן און ניט פון וואַשן די פיס און פון ווישן די פיס, און אויך ניט פון קושן יעזוסן; אויך דערמאָנען זיי גאָר ניט פון אַזעלכע רייד צו שמעונען. לוקאַס גייט אָן מיט זיין אייגענער ווערסיע.**

לק. 45:7. „דו האָסט מיר ניט געגעבן קיין קוש: אָבער די פרוי זינט די צייט וואָס איך בין אַריינגעקומען האָט ניט אויפגעהערט צו קושן מיינע פיס."

**פש. עס בעט זיך דאָ אַ פאַרבעסערונג: זינט די צייט וואָס זי איז אַריינ-געקומען...**

לק. 46:7. „מיין קאָפּ מיט אייל האָסטו ניט באַזאַלבט: אָבער די דאָזיקע פרוי האָט באַזאַלבט מיינע פיס מיט זאַלב-אייל. (47) דערום זאָג איך צו דיר, אירע זינד, וואָס זיינען פיל, זיינען פאַרגעבן; מחמת זי האָט געליבט פיל: אָבער צו וועמען ווייניק איז פאַרגעבן, די זעלביקע האָבן ווייניק געליבט."

**פש. מען קען ניט זאָגן מיט זיכערקייט אַז יעזוס איז גערעכט מיט זיינע טענות צו שמעונען. עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי וועלטלעכער דרך ארץ, און אויך די מידה פון איידעלע באַציונגען צו מענטשן; אויך אַ חוב אַז אַ פריידיקער און לערער זאָל ווייזן אַ ביישפּיל צו זיינע תלמידים ניט צו פאָדערן פון אַנדערע צו טאָן אַלץ פאַר זיך. יעזוס האָט גערופן די פרושים היפּאָקריטן און עקדישן פאַר דעם חטא וואָס זיי זוכן דעם אויבן אָן אויף סעודות, און אין די סינאַגאָגעס. איצט יעזוס מיט זיינע תלמידים זיינען געקומען אויף דער איינלאַדונג פון שמעונען צום עסן דעם נאַכט-מאָלצייט ביי אים אין הויז. יעזוס האָט דעם אויבן-אָן. אַ פרוי פון ניט קיין ריינער רעפּו-טאַציע איז אַריינגעקומען, זי שמירט יעזוסן מיט אייל און קושט אים: וואָס איז דער צוועק פון איר באַנעמונג און טאָט האָט די פרוי אַליין ניט דערקלערט. טאַדעלט דער אורח דעם בעל הבית ווארום ער האָט אים ניט געקושט אַזוי ווי די פרוי טוט, און וואַרפט אים אויף ווארום ער האָט אים ניט געשמירט**

**מיט אייל אַזוי ווי די פרוי האָט אים געשמירט. שמעון האָט איינגעלאַדן יעזוסן און זיינע מענטשן צו דער סעודה, איז געווען שמעונס פליכט צו געבן זיי דעם געהעריקן עסן, אָבער ניט וואַשן און צירן דעם אורח. וואַשן זיך און שמירן זיך איז די זאַך פון אורח זעלבסט איידער ער גייט צו דער סעודה. יעזוס איז איבערפאָדערונדיק, און קעגן מענטשלעכע אויפפירונגען. דאָס זיינען די רעזולטאַטן ווען אַן אַוטאָר שטריינגט זיך אָן צו בייטן דעם גאַנג פון ווירקלעכע געשעענישן.**

יאָהאַן 7:12. „דאַן האָט יעזוס געזאָגט, לאָזט איר אַליין: קעגן דעם טאָג פון מיין קבורה האָט זי דאָס געהאַלטן. (8) ווארום די אָרעמע האָט איר שטענדיק מיט אייך; אָבער מיך האָט איר ניט שטענדיק. (9) פיל מענטשן פון די יידן האָבן געוווּסט אַז ער איז דאָרטן: און זיי זיינען געקומען ניט פון יעזוס וועגן אַליין, נאָר זיי זאָלן אויך קענען זען לאַזאַרוס, וועלכן ער האָט לעבעדיק געמאַכט פון טויט.

**פש. אין דער איבערגעבונג פון יעזוס רייד, ווערן איבערגעגעבן די רייד פון אַוטאָר און ניט פון יעזוס.**

מת. 14:26. „דענסטמאַל איינער פון די צוועלף, גערופן יהודה איש קריות, איז אַוועקגעגאַנגען צו די הויפט כהנים, (15) און געזאָגט צו זיי, וואָס וועט איר מיר געבן, און איך וועל אים איבערגעבן צו אייך? און די זיינען דורך געקומען מיט אים פאַר דרייסיק שטיקער זילבער. (16) און פון יענער צייט אָן האָט ער געזוכט די געלעגנהייט צו פאַרראַטן אים."

מאַרקוס 11:14. „און ווען זיי [די הויפט כהנים] האָבן עס געהערט, זיינען זיי געווען צופרידן, און צוגעזאָגט צו געבן אים געלט. און ער האָט געזוכט אַ מער צוטרעפלעכע צייט צו פאַרראַטן אים."

לוקאַס 3:22. „דענסטמאַל איז שטן אַריין אין יהודה, גערופן איש קריות, זייענדיק פון דער צאָל פון צוועלף. (4) און ער איז אַוועק זיין וועג און האָט פאַרהאַנדלט מיט די הויפט כהנים און קאַפּיטאַנען, ווי ער זאָל קענען פאַר־ראַטן אים צו זיי. (5) זיי זיינען געווען צופרידן און צוגעזאָגט צו געבן אים געלט. (6) און ער האָט צוגעזאָגט, און געזוכט די געלעגנהייט צו פאַרראַטן אים צו זיי אין דער אפּוועזנקייט פון גרויסן עולם."

**פש. איך בין ניט פאַראינטערעסירט אין דער פאַרטיידיקונג פון יהודה. אָבער עס פאָדערט זיך צו וויסן אין וואָס איז באַשטאַנען יהודהס פאַרראַט. יעזוס האָט אָפן געפּריידיקט אין די סינאַגאָגעס, אין די שטעט און שטעטלעך פון גליל און איצט אין ירושלים. ער האָט אָפן געוווּנצט אַ הארבע און באַ־ליידיקונדיקע שפּראַך קעגן די הויפט כהנים און סופרים, און קעגן די זקנים פון סנהדרין. יעזוס איז אַריינגעקומען אין ירושלים מיט אַ קיניגלעכן פאַראַד און דעמאָנסטראַציע. וואָס האָט יהודה געקענט אַרויסגעבן מער ווי יעזוס האָט זיך זעלבסט אַרויסגעגעבן? מאַרקוס און מאתיא בעמען זיך ניט אַפילו די טירחה צו דערקלערן אין וואָס איז באַשטאַנען דער פאַרראַט. לוקאַס פּרוווט צו דערקלערן די זאַך פון פאַרראַט. אַזוי ווי מען האָט מורא געהאַט צו**

אַרעסטירן יעזוסן ווייל זיין אַרעסט וואָלט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון פאָלק, האָט יהודה אַרויסגעגעבן דעם אָרט ווו יעזוס האַלט זיך אויף, מען זאָל אים קענען נעמען ווו קיינע גרויסע עולמס וועלן זיך ניט געפינען. אָבער עס איז זייער אַ שוואַכע אורזאַך. לוקאַס שרייבט אַז יעזוס פלעגט אַלע טאָג לערנען אין בית המקדש און דיסקוטירן מיט די סופרים און כהנים, אַלע נאַכט פלעגט ער גיין קיין בית עניה צו שלאָפן. און ווי צו אַרעסטירן איינעם וועמען קיפא זוכט צו אַרעסטירן דאַרף אים לוקאַס ניט לערנען, ער וואָלט שוין געפונען אַ וועג ווי צו אַרעסטירן אים. ער האָט געהאַט גענוג באַצאָלטע שפּיאָנען וועלכע וואָלטן אָן שוועריקייטן אים נאָכגעפאָלגט און נאָך פון פריער אויסגעפונען דעם פּלאַץ פון זיין אויפהאַלטונג. סיידן די עוואַנגעליע שרייבער זאָלן אַפּלייקענען זייער אייגענעם שרייבן און צוגעבן אַז זינט דער טעמפּל רייניקונג האָט זיך יעזוס אויסבאַהאַלטן און מער זיך ניט באַוויזן אין בית המקדש אָדער אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער. עס איז פאַראַן אַזאַ ריכטונג וועלכע האָט זיך אויף וואָס צו שטיצן, אַז יעזוס איז מער עפנטלעך ניט אויפ־געטראָטן. און יעזוס מיט זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך געגרייט צו מאַכן נאָך אַ פּרווו אום פסח אין יום טוב פון באַפרייאונג, צו איבערנעמען דעם טעמפּל און דערקלערן דעם אָנקומען פון דער מלוכה פון הימל. יהודה איש קריות האָט זיך דערשראָקן פאַר די פאָלגן פון אַזאַ טאַט, און האָט איבערגעגעבן צו דער אַווטאָריטעטנער מאַכט. אָבער די וועלכע גלויבן ניט אין דערויף, דאַרפן אויפגעבן זייערע באַשולדיקונגען קעגן יהודה, ווארום ער האָט גאָר ניט פאַרראַטן און עס איז ניט געווען וואָס צו פאַרראַטן. צו אַרעסטירן יעזוסן האָבן זיי געקענט אָן יהודה און ניט געדאַרפט אים צאָלן געלט.

מת. 17:26. „אַצינד דעם ערשטן טאָג פון דעם יום טוב פון מצות זיינען די תלמידים געקומען צו יעזוסן, זאָגענדיק צו אים, ווו ווילסטו מיר זאָלן צוגרייטן פאַר דיר צו עסן דעם קרבן פסח? (18) און ער האָט געזאָגט, גייט אין שטאָט צו דעם מאַן, און זאָגט צו אים, דער האַר האָט געזאָגט, מיין צייט איז נאָענט; איך וועל האַלטן פסח מיט מיינע תלמידים אין דיין הויז. (19) און די תלמידים האָבן געטאָן ווי יעזוס האָט זיי באַשטימט; און זיי האָבן געמאַכט פאַרטיק דעם קרבן פסח. (20) איצט ווען דער אָוונט איז געקומען האָט ער זיך געזעצט מיט די צוועלף.״

מאַרקוס 12:14. „אין דעם ערשטן טאָג פון מצות ווען זיי האָבן געשאָכטן דעם קרבן־פסח, האָבן זיינע תלמידים געזאָגט צו אים, ווו ווילסטו אַז מיר זאָלן גיין און צוגרייטן אַז דו זאָלסט קענען עסן דעם קרבן פסח?״

פש. די אַווטאָרס שרייבן אין אַן ענלעך ווערטערלעך שפּראַך, נאָר עס מערקט זיך אַז עפּעס ווערט דאָ ניט דערזאָגט, עטוואָס ווערט אויסבאַהאַלטן. עס פעלט אַ חשד אַז די אַווטאָרס באַאַרבעטן זייער מאַטעריאַל צו ניט אַרויס־געבן די ווירקלעכע פּאַסירונגען.

מק. 13:14. „און ער האָט אַרויסגעשיקט צוויי פון זיינע תלמידים, און געזאָגט צו זיי, איר גייט אין שטאָט, און דאָרט וועט איר באַגעגענען אַ מאַן

טראַגענדיק אַ קרוג פון וואַסער: פאָלגט נאָך אים. (14) און וווּהין ער וועט אַריינגיין, זאָגט צום גוטן מאַן פון הויז, דער האַר (מאַסטער) האָט געזאָגט, ווּ איז דער גאַסט־חדר, ווּ איך זאָל עסן מיט מיינע תלמידים דעם קרבן פּסח. (15) און ער וועט אייך ווייזן אַ גרויסן אויבער־צימער מעבלירט און צוגע־גרייט: דאָרט מאַכט פאַרטיק פאַר אונדז."

**פּש. פון דאָס אויבן אָנגעגעבענע ווערט פאַרשטאַנען אַז יעזוס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, און ער האָט געזוכט צו האַלטן אין געהיים דעם אָרט ווּ ער קלייבט זיך צו האָבן דעם סדר פון פּסח. עס איז פון פריער פאַרהאַנדלט גע־וואָרן און אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן ווי אַזוי אין געהיים אַריינקומען מיט זיינע מענטשן אין דער הויז. לוקאַס שרייבט דאָס זעלביקע וואָס מאַרקוס. יעזוס איז דאָ ניט געטריי זיין פריערדיקער לערנונג: "אַז קיינער איז ניט גוט, נאָר דער פאָטער אין הימל."**

מק. 16:14. "און זיינע תלמידים זיינען אַרויסגעגאַנגען, און זיינען געקומען אין שטאָט, און געפונען אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו זיי: און זיי האָבן געמאַכט פאַרטיק דעם קרבן פּסח. (17) און אין אָוונט איז ער געקומען מיט די צוועלף. (18) און אַזוי ווי זיי האָבן זיך געזעצט און געגעסן, האָט יעזוס געזאָגט, באמת זאָג איך אייך, איינער פון אייך וועלכער עסט מיט מיר וועט מיך פאַרראַטן. (19) און זיי האָבן אָנגעהייבן ווערן טרויעריק, און צו זאָגן צו אים איינער נאָך דעם אַנדערן, בין איך דאָס? און אַנאַנדערער האָט געזאָגט, איז דאָך איך?"

מת. 21:26. "און אַזוי ווי זיי האָבן געגעסן, האָט ער געזאָגט, באמת זאָג איך אייך, אַז איינער פון אייך וועט מיך פאַרראַטן. (22) און זיי זיינען געוואָרן זייער טרויעריק, און יעדער איינער פון זיי האָט אָנגעהייבן זאָגן צו אים, האַר, איז עס איך? (23) און ער האָט געענטפערט און געזאָגט, ער וואָס טונקט זיין האַנט מיט מיר אין דער שיסל, דער זעלביקער וועט מיך פאַרראַטן. (24) דער בן אדם גייט ווי עס איז געשריבן געוואָרן פון אים: אָבער ווייַ איז צו יענעם מאַן דורך וועמען דער בן אדם איז פאַרראַטן! עס וואָלט געווען גוט פאַר יענעם מאַן אויב ער וואָלט ניט געבאָרן ווערן."

**פּש. זינט דעם דוכפאַל פון דער 'ריניקונג' איז דאָס גלויבן אין דעם אָנקומען פון דער מלוכה שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דאָך האָט מען זיך געגרייט און געגלויבט אַז דעם פּסח וועט דער משיח מיט דער הילף פון גאָט דעם פאָטער ברייגנען די גאולה און די מלוכה. עס האָט זיך אַריינגעטראָגן אַ פאַרדאַכט פון פאַרראַט, נאָר מען האָט ניט געקענט אָנווייזן מיטן פינגער אויף וועמען. לוקאַס טראָגט אַריין אַ נייע נאָטע אין יעזוס רייד.**

לק. 15:22. "און ער האָט געזאָגט צו זיי, מיט באַגער האָב איך געגאַרט צו עסן דעם קרבן פּסח איידער איך לייד."

מת. 25:26. "דעמאָלט יהודה וועלכער האָט אים פאַרראַטן, האָט גע־ענטפערט און געזאָגט, האַר, איז עס איך? האָט ער געזאָגט צו אים, דו האָסט געזאָגט."

**פּש. פון יהודהס פרעגן און יעזוס ענטפערן ברייננט מאתיא אַליין, און ניט קיינער פון די אַנדערע אַוטאָרס.**

מת. 26:26. „און אַזוי ווי זיי האָבן געגעסן, האָט יעזוס גענומען ברויט, און געמאַכט אַ ברכה, און האָט עס צעבראָכן, און געגעבן צו די תלמידים, און געזאָגט, נעמט און עסט, דאָס איז מיין קערפּער. (27) און ער האָט גענומען דעם בעכער, געגעבן דאַנקען [געמאַכט קידוש], און געגעבן צו זיי, זאָגענדיק, איר אַלע טרינקט פון דערויף; (28) ווארום דאָס איז מיין בלוט פון נייעם טעסטאַמענט, וועלכעס איז פאַרגאָסן פאַר פילע פאַר דער פאַרגיבונג פון זינד."

מק. 24:14. „און ער האָט געזאָגט צו זיי, דאָס איז מיין בלוט פון דעם נייעם טעסטאַמענט וועלכעס איז פאַרגאָסן געוואָרן פון פילע."

**עס איז דער מינהג ווען דער הויפּט פון טיש מאַכט די ברכה אויפן וויין (אָדער קידוש) אַזוי גיט ער אַ זופּ און גיט איבער צו די זיצענדיקע ביים טיש. די אַנדערע מיט זאָגן אמן: זיינען זיי יוצא אויף דער ברכה און גיבן אויך אַ זופּ דעם געבענטשטן וויין. און אַזוי אויך מיט דעם ברויט, איינער גיט איבער דעם אַנדערן. נאָך דעם וואָס איז פאָרגעקומען, האָבן די תלמידים ניט געקענט פאַרגעסן זייער לעצטן פּסחדיקן סדר. אָפּט האָבן זיי דאָס דער־מאָנט און גערעדט ווי זיי האָבן געגעסן דעם ברויט אויף וועלכן ער האָט געמאַכט די ברכה, און געטרונקען דעם וויין וועלכן ער האָט געבענטשט. אין שפּעטערדיקע צייטן האָבן די דזשענטייל קריסטלעכע קרייזן אויפגענומען די מינדלעכע איבערגעבונג אויף זייער אייגענעם שטייגער: אַזוי איז דאָס ברויט געוואָרן זיין קערפּער, און דער וויין זיין בלוט.**

**אַז יעזוס זאָל זאָגן „טרינקט, דאָס איז מיין בלוט" איז עס אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. טרינקען בלוט איז פאַרבאָטן פון דער תורה.**

**ויקרא 12:17. „קיין נפש פון אייך זאָל ניט עסן בלוט" — כל נפש מכם לא תאכל דם.**

**ויקרא 26:19. „איר זאָלט ניט עסן מיטן בלוט" — לא תאכלו על הדם.**

**בלוט טרינקען איז דערווידער צו יעדן יידן. די אַפּאָסטלס זיינען געווען פרומע יידן וועלכע האָבן אָפּגעהיט די געבאָט פון תורת משה, און די געבאָט פון דער טראַדיציע. דאָס באַשטעטיקט פּאולוס אין זיינע עפּיסטלס ווו ער באַקעמפט די לערנונגען פון די אַפּאָסטלס פאַר זייער האַלטן די 'לאָ' פון משהן. זיי וואָלטן דערשטוינט געוואָרן פון אַזעלכע ווערטער, און זיי וואָלטן אים געוויס געפרעגט וואָס ער מיינט מיט אַזעלכע רייד.**

**עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס יעזוס ברייננט אַרויס פון זיין מויל, אויך איז עס דאָס ערשטע מאָל וואָס ווערט דערמאָנט אין די עוואַנגעליעס דאָס וואָרט „נייער טעסטאַמענט". ביז איצט פלעגט יעזוס נוצן די טערמינען: ווי עס איז געשריבן, סקריפּטיורס, משה'ס תורה; אָבער טעסטאַמענט, נייער אָדער אַלטער, רעדט יעזוס אַרויס צום ערשטן מאָל.**

**קיין זאַך קומט ניט אַרויס פלוצלינג. דעם טאָג פון גאָט האָבן געפּריי־דיקט די נביאים; תשובה און מלכות שמים איז געווען די פּריידיקונג פון**

יוחנן דעם טובלער. יעזוס האָט עס איבערגענומען פון יוחנן און אָנגעהייבן פּריידיקן אויף זיין אופן. איצט ווי אַ בליץ פון וואָלקן קומט דאָס 'בלוט פון נייעם טעסטאַמענט'; און די תּלמידים פרעגן אַפילו ניט וואָס דאָס מיינט, און וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט. די תּלמידים, ווען זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען יעזוסן האָבן זיי געפרעגט אַ דערקלערונג. אויף דער פראַגע ווער וועט זיין דער גרעסטער, גיט יעזוס אַזאַ דערקלערונג. וועגן דער מלוכה פון הימל גיט יעזוס צאַליקע משלים און דערקלערונגען. ווען די תּלמידים קענען ניט דאָס גוט פאַרשטיין, דענסטמאָל יעזס פּריוואַט לערנט זיי און דערקלערט צו זיי.

דאָס וואָרט 'נייער טעסטאַמענט' קומט פון פּאולוסן. צום ערשטן האָט ער עס גערופן 'אַלטער און נייער ברית' (קאָוועגענט), דערנאָך האָט ער עס אָנגעהייבן רופן טעסטאַמענט. ער באַגרינדעט דאָס מיט דער דערקלערונג אַז טעסטאַמענט מיינט צוואה, און אַזוי ווי יעזוס איז געטויט געוואָרן, דערום פאַרבייט ער קאָוועגענט (ברית) אויף טעסטאַמענט. דאָס הויפּט געוויכט לייגט פּאולוס ניט אויף יעזוסן, נאָר אויף דעם נביא ירמיה, וועלכער זאָגט: „איך וועל מיט אייך מאַכן אַ נייעם ברית". די סינאָפּטישע שרייבער פון די עוואַנגעליעס זיינען געקומען נאָך פּאולוסן, זיי זיינען שוין געווען באַקענט מיט פּאולוס בשורה און דאָקטרינע: איז ניט געווען צו־שווער פאַר זיי טראַנספערירן פּאולוס רייד צו יעזוסן.

דער אויסדריק 'פאַרגאָסן געוואָרן' איז אין פאַרגאַנגענער צייט (עבר). ווען די אַוטאָרס האָבן עס געשריבן האָט זיך דער אויסדריק אַריינגעפּאַסט, מחמת יעזוס האָט שוין פאַרגאָסן זיין בלוט; אָבער ווען יעזוס רעדט צו די תּלמידים, ווען זיי זיינען אַלע לעבעדיק, יעזוס איז לעבעדיק, ער דאַנקט גאָט און טרינקט וויין: וואָלט ער ניט געזאָגט 'דאָס איז מיין בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן'. יעזוס וואָלט זיך ניט דערלויבט אין דער געהויבענער נאַכט פון פסח אַריינוואַרפן די תּלמידים אין אַ צעטומלעניש, אַז ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט. אויב עס וואָלט געווען אויטענטיש יעזוס רייד, וואָלט ער געזאָגט, דאָס בלוט פון נייעם טעסטאַמענט וואָס איך וועל פאַרגיסן.

מת. 29:26. „אָבער איך זאָג צו אייך, איך וועל ניט טרינקען פון איצט אָן פון דער פרוכט פון דעם וויין, ביז דעם טאָג ווען איך וועל עס טרינקען נײַ מיט אייך, אין מיין פאָטערס מלוכה."

מאַרקוס דאָס זעלבע, נאָר ענדיקט: „ביז דעם טאָג וואָס איך וועל טרינקען ניי אין דער מלוכה פון גאָט." לוקאַס, 18:29, „ביז די מלוכה פון גאָט וועט קומען."

**יעזוס רעדט מיט זיכערקייט אַז ער וועט ברענגען די מלוכה פון הימל.**

מת. 30:26. „און ווען זיי האָבן אָפּגעזונגען דעם הימן (הלל) זיינען זיי אַרויס צום הר הזיתים."

מת. 31:26. „דאַן האָט יעזוס געזאָגט צו זיי, איר אַלע וועט ווערן געשטרויכלט איבער מיר די נאַכט: וואָרום עס איז געשריבן געוואָרן, איך וועל שלאָגן דעם פאַסטוך, און די שאָף פון סטאַדע וועלן צעשפּרייט ווערן."

**פש.** וועגן די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס ציטירן ניט ריכטיק פון די שריפטן קען מען זיי פאַרגעבן, אָבער עס איז פאַרדריסלעך אויף יעזוס. וועלכער וויים דעם אָריגינאַל, און ניט פון וועלכער עס איז איבערזעצונג, דאַרף וויסן אַז „שלאָג דעם פּאַסטוך" (הך את הרעה) איז ניט „איך וועל שלאָגן"...

לוקאָס אין זיין שרייבן פּלוצעם רייסט איבער דעם גאַנצן ערנסט, און די תּלמידים שיינקען ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו יעזוס רייד, צו זיין פאַרגאָסן בלוט, צום נייעם טעסטאַמענט, און צו דעם וואָס צווישן זיי געפינט זיך איינער אַ פאַררעטער: זייער הויפּט זאָרג איז ווער פון זיי וועט פאַררעכנט ווערן פאַר דעם גרעסטן אין דער קומענדיקער מלוכה?

לוק. 23:22. „און זיי האָבן אָנגעהייבן פרעגן צווישן זיך, ווער פון זיי איז דער וואָס וואָלט געטאָן אַזאַ זאַך."

**פש.** עס מיינט ווער פון זיי איז דער פאַררעטער. נאָר דאָס איז געווען ביי די תּלמידים אַ ביי־זאַך, וואָס איז ניט ווערט אַפילו צו פאַרנעמען זיך מיט דערויף. זיי האָבן געהאַט וויכטיקערע זאַכן וואָס האָבן געדאַרפט ווערן אויסגעגליכן.

לוק. 24:22. „און דאָרט איז אויך געווען אַ שטרייט צווישן זיי, וועלכער פון זיי זאָל פאַררעכנט ווערן דער גרעסטער. (25) און ער האָט געזאָגט צו זיי, די קיניגער פון די גוים פּראַקטיצירן הערשאַפט איבער זיי, און די וואָס פּראַקטיצירן אַוטאָריטעט איבער זיי ווערן גערופן ווילטעטיקע (בענעפאַקטאָרס). (26) אָבער איר זאָלט ניט זיין אַזוי: נאָר דער וואָס איז דער גרעסטער צווישן אייך, זאָל ער זיין ווי דער יינגערער; און דער וואָס איז דער הויפּט, אַזוי ווי דער וואָס באַדינט. (27) ווארום ווער איז גרעסער, דער וואָס זיצט צום עסן, אָדער דער וואָס סערווירט? (28) איר זייט וועלכע האָבן פאַרגעזעצט מיט מיר אין מיינע נסיונות. (29) און איך באַשטים צו אייך אַ מלוכה, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט באַשטימט פאַר מיר; (30) אַז איר זאָלט קענען עסן און טרינקען ביי מיין טיש, אין מיין קיניגרייך, און זיצן אויף טראָנען און משפּטן די צוועלף שבטים פון ישראל."

**פש.** דאָ קענען ניט געגעבן ווערן צוויי מיינונגען: עס ווערט צוגעגרייט די קומענדיקע מלוכה. יעזוס איז זיכער אַז די מלוכה איז באַשטימט פאַר אים פון גאָט, און ער באַשטימט זיי, די צוועלף, צו זיין זיינע שופטים איבער דעם פאָלק ישראל. עס באַווייזט אויך אַז יעזוס האָט ניט געוווּסט אַז איינער פון די צוועלף וועט אים פאַרראַטן: ער ווענדעט זיינע רייד צו אַלע צוועלף, איינגעשלאָסן יהודה איש קריות. יעזוס און זיינע תּלמידים ריידן ניט פון טויט און פון קבורה, נאָר פון טריומף און פון דער מלוכה. די תּלמידים זיינען אַזוי זיכער מיט דער מלוכה אַז זיי טיילן זיך שוין מיט דעם כבוד וואָס וועט געהערן צו זיי. יעזוס דערקלערט זיי אַז שטרעבונג צו כבוד און מאַכט איז אַ היידענישע מידה, אין דער מלוכה וועט דער גרויסער דינען דעם פאָלק. יעזוס זאָגט ניט אַז אין הימל זיינען די פירונגען ניט ערדישע.

לוקאָס רייסט איבער די רייד פון יעזוסן וועגן גרויסקייט, און ווענדעט

**זיינע רייד קעגן פּעטרוסן, ער וואַרפט אַ חשד אויף דער פעסטקייט פון פעטרוס גלויבן.**

לוק. 31:22. „און דער האַר (לאָרד) האָט געזאָגט, שמעון, שמעון, זע, דער שטן האָט באַגערט צו האָבן דיך, ער זאָל דיך קענען זיפּן ווי ווייץ. (32) אָבער איך האָב מתפלל געווען פאַר דיר, אַז דיין גלויבן זאָל דיר ניט פעלן; און ווען דו וועסט זיין באַקערט, שטאַרק דיינע ברידער.״

**דאָס איז אַן אָנווייזונג אויף פּאולוסן. פעטרוס האָט באַקעמפט פּאולוס לערנונג און בשורה וואָס האָט באַזייטיקט די געבאָט פון משה: רופט דאָס לוקאָס אַז זיין גלויבן האָט אים געפעלט, לאָזט ער יעזוסן דאָס זאָגן. אויב יעזוס האָט פאָרויסגעזען די גרויסע מחלקה וואָס וועט אַרויסקומען צווישן פּאולוס און פעטרוס, און יעדערער פון זיי וועט פאַרזיכערן אַז נאָר ער פּריי־דיקט די אמתע בשורה פון יעזוס: האָט ער דאָך דעמאָלט געקענט אָנשרייבן אין קורצן זיין בשורה, וואָלט פעטרוס געוווסט אויף ריכטיק יעזוס לערנונג און זיין גלויבן וואָלט אים ניט געפעלט, און עס וואָלט פאַרמיטן געוואָרן זייער קריג און קאָנפוזיע.**

**די וועלכע האַלטן פון דער השערה אַז מאַרקוס האָט געשריבן זיין עוואַנ־געליע אין דריי באַזונדערע אויפלאַגעס, אַזוי דאָס וואָס לוקאָס און מאַתיא שרייבן זאַכן וואָס געפינען זיך ניט אין מאַרקוס קאָנאָניזירטער עדיציע, האָבן זיי דאָס גענומען פון די פריערדיקע אויפלאַגעס. אָבער וואָס פאַר אַ אורזאַכן האָבן דיקטירט מאַרקוסן צו אויסלאָזן אין די ערשטע אויפלאַגעס דאָס וואָס פעטרוס האָט געזאָגט יעזוסן אַז ער וועט זיין תמיד מיט אים, און וועט אין אים ניט לייקענען.**

לק. 33:22. „און ער [פעטרוס] האָט געזאָגט צו אים, האַר, איך בין גרייט צו גיין מיט דיר, ביידע אין תפיסה און אין טויט. (34) און ער [יעזוס] האָט געזאָגט, איך זאָג דיר, פעטרוס, דער האָן וועט ניט קרייען דעם טאָג איידער דו וועסט דריי מאָל לייקענען אַז דו קענסט מיך. (35) און ער האָט געזאָגט צו זיי, ווען איך האָב אייך געשיקט אָן אַ געלט־בייטל, אָן אַ רייזע־זעקל, אָן שיך, האָט אייך עטוואָס געפעלט? און זיי האָבן געזאָגט, גאָר ניט. (36) דענסטמאָל האָט ער געזאָגט צו זיי, אָבער איצטער, דער וואָס האָט אַ געלט־בייטל, זאָל ער עס נעמען, און דאָס גלייכן זיין רייזע־זעקל: און דער וואָס האָט ניט קיין שווערד, זאָל ער פאַרקויפן זיין קלייד, און קויפן איינעם.״ פש. **דאָ רעדט יעזוס מיט באַשטימטע און דייטלעכע ווערטער, ער דער־קלערט אַז זיין ריכטונג האָט זיך געענדערט, אַז די צייטן פון פרידלעכן פריידיקן האָבן זיך געענדיקט. פריער האָט ער אָנגעזאָגט צו די צוועלף, ווען ער האָט זיי געשיקט איבערן לאַנד, אַז זיי זאָלן גאָרניט נעמען מיט זיך: איצט זאָגט ער זיי אָן אַז זיי זאָלן נעמען זייערע געלט־בייטלען און זייערע רענצלען און קויפן שווערדן. דער וואָס האָט ניט קיין געלט זאָל פאַרקויפן זיינע קליידער און קויפן אַ שווערד. וואָרום איז די צייט איצט אַזוי סכנותדיק אַז זיינע נאָכפאָלגער מוזן זיך באַוואָפענען? אויב די מלוכה איז פון יענער וועלט, ווי**

די שרייבער ווילן אָנווייזן, און ווי די קירך דערקלערט: איז צוליב וואָס די שווערדן און באַוואָפענונג? עס איז אַ באַוואָפענונג פאַר דער מלוכה, פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מלוכה און די אַריינפירונג פון דער מלוכה דורך מאַכט און דורך גאָט׳ס הילף.

1) דזש. וו. דזשאַק, אין זיין ענטפער צו ראָבערט אייזלער, שרייבט: „די וועגן דורך גליל, שומרון און יהודה זיינען געווען ווייט ניט געזיכערט, באַזונדערס פון רויבער האָבן געלויערט אויף די וועגן אויף דורכפאָרער. מיר קענען ניט האָבן אַ טענה צו יעזוס פאַר אָנזאָגן זיינע תּלמידים צו פאַרטיידיקן זיך קעגן ווערן באַרויבט אָדער געשלאָגן.״

די וועגן פאַר און נאָך די ימים טובים זיינען געווען פאַרפולט מיט עולים (פּילגרימס) וואָס זיינען געגאַנגען אין גרופּעס. גייענדיק פון ירושלים זיינען די וועגן מער זיכער ווי קומענדיק, ווייל גייענדיק צוריק האָבן זיך די מענטשן אין אייניקע טעג צוריקגעקערט צו זייערע היימען; זיינען די וועגן געווען פול מיט מענטשן, און רויבער האָבן ניט געוואָגט זיי צו באַפאַלן. אויך צוריקגייענדיק האָבן די מענטשן ניט געהאַט קיין צופיל געלט, ווייל זיי האָבן אויסגעגעבן זייער געלט.

לויט די עוואַנגעליעס האָבן יעזוס נאָכפאָלגער ניט געהאַט קיין גרויסע פאַרמעגנס, וואָלטן רויבער געזוכט רייכערע פון זיי, אַז זייער רויבעריי זאָל זיך באַצאָלן. אויב די רויבער סיטואַציע וואָלט געווען אַזוי שלעכט אַז אַלע האָבן געמוזט באַוואָפענען זיך, וואָלטן דאָך הונדערט טויזנטער מענטשן אַריינגעקומען אין ירושלים באַוואָפנט, און פּילאַטוס וואָלט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דערויף. דער אַקט פון פּילאַטוס קעגן די שומרונים קען דאָס דערקלערן. אַ שומרונער נביא האָט גערופן זיינע נאָכפאָלגער צו גיין אויף דעם באַרג גריזים און ער וועט אָנווייזן דעם אָרט ווו כלים פון בית המקדש זיינען באַהאַלטן. אַ גרויסע צאָל מענטשן זיינען מיטגעגאַנגען, אַ צאָל זיינען געווען באַוואָפנט; זיי האָבן דאָך געדאַרפט היטן די ווערטפולע כלים. פּילאַטוס האָט זיך דערוווּסט פון דעם נביא אָדער משיח, האָבן זיינע רייטער זיי איבערגענומען אויפן וועג, און די מערסטע פון זיי האָבן פּילאַטוס רייטער אויסגעהרגעט און די לעבעדיק גענומענע האָט פּילאַטוס פאַראורטיילט צום טויט. אַזוי האָט געטאָן דער מילדער פּילאַטוס דורך דעם חשד אויף באַוואָפנונג.

צו פאַרקויפן די קליידער און קויפן אַ שווערד, מיינט ניט פאַרטיידיקן זיך פון רויבער.

לוק. 37:22. „ווארום איך זאָג צו אייך, אַז דאָס וואָס איז געשריבן דאַרף נאָך מקוים ווערן אין מיר, און ער איז פאַררעכנט געוואָרן צווישן די פאַרברעכער: ווארום די זאַכן וואָס זיינען שייך צו מיר האָבן אַ סוף.״

פּש. דאָס וואָס ישעיה האָט געשריבן מיט אַרום 600 יאָר צוריק האָט ער דענסטמאָל געשריבן איבער אַ זאַך וואָס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן.

ישעיה 12:53. „ואת פשעים נמנה — און איז מיט פאַרברעכער גע־

1) דזש. וו. דזשאַק, ״דער היסטאָרישער קריסטוס״, ז. 263־264.

**ציילט געוואָרן," איז דאָך דאָן געווען אַ זאַך פון דעם עבר, עס האָט שוין געהאַט איר סוף. וואָס וויל לוקאַס מער?**

לוק. 38:22. „און זיי האָבן געזאָגט, האַר, זע דאָ זיינען צוויי שווערדן: און ער האָט געזאָגט צו זיי, עס איז גענוג."

**פּש. די לעצטע צוויי זאַצן זיינען זייער קאָנפוזירט. עס פּאַסט זיך אינ־גאַנצן ניט אַריין דאָ דער זאַץ 37. יעזוס רעדט דאָ אין גרויס ערנסט, ער דערקלערט איצט אַ נייע ווענדונג מיט אַ נייער דאָקטרינע. ער זאָגט: פריער האָב איך אייך אַזוי אָנגעזאָגט אָבער איצט דאַרף מען דאָס ענדערן. נעמט אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט און באַוואָפנט זיך. ער האָט ניט אַרויסגערעדט, אָבער עס טראָגט די זעלבע מיינונג, אַז ער ציט צוריק דעם אָנזאָג פון ניט שטעלן זיך קעגן שלעכטס. יעזוס רעדט ניט פאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע וויפיל מען וועט דאַרפן האָבן געווער: ער רעדט צו יעדן איינעם באַזונדער, יעדער זאָל קויפן אַ שווערד. דער וואָס האָט ניט קיין געלט זאָל פאַרקויפן זיין קלייד און קויפן אַ שווערד. פּלוצלונג רייסט ער איבער זיין אָנזאָג און זאָגט אַז דער נביא אין זיין פסוק מיינט מיך, איך וועל ווערן פאַררעכנט מיט די רשעים. דער לעצטער זאַץ 38 איז נאָך מער קאָנפוזירט. זיי האָבן געזאָגט, מיר האָבן צוויי שווערדן, האָט ער געזאָגט גענוג. זעט זיך אָן אַז דער זאַץ איז אויס־געמישט און שפּרעכט ניט אויס דעם גאַנצן געדאַנק. ער אַנולירט זיינע פריער־דיקע רייד.**

מת. 32:26. „אָבער דערנאָך וועל איך אויפשטיין ווידער, איך וועל גיין פאַר אייך אין גליל. (33) פּעטרוס האָט געענטפערט און געזאָגט צוו אים, ווען אַלע מענטשן זאָלן ווערן געשטרויכלט מחמת דיר, דאָך וועל איך קיינמאָל זיין געשטרויכלט. (34) יעזוס האָט געזאָגט צו אים, באמת זאָג איך צו דיר, אַז די נאַכט, איידער דער האָן וועט קרייען, וועסטו מיך לייקענען דריי מאָל. (53) פּעטרוס האָט געזאָגט צו אים, אַפילו איך זאָל שטאַרבן מיט דיר, דאָך וועל איך ניט לייקענען דיך. גלייך דאָס זעלביקע האָבן געזאָגט אַלע תלמידים."

---

מת. 36:26. „דענסטמאָל יעזוס איז געקומען מיט זיי אין אַ פּלאַץ גערופן גתשמני (געטסעמאַנע), און האָט געזאָגט צו די תלמידים, איר זיצט דאָ, ווייל איך וועל גיין אַהין און בעטן. (37) און ער האָט גענומען מיט אים פּעטרוסן און די צוויי זין פון זבדי, און האָט אָנגעהויבן צו ווערן טרויעריק און באַטריבט. (38) דענסטמאָל האָט ער געזאָגט צו זיי, מיין זעל איז זייער טרויעריק ביז צום טויט; פאַרווײלט דאָ, און וואַכט מיט מיר. (39) ער איז געגאַנגען אַביסל ווייטער און איז געפאַלן אויף זיין פּנים, און האָט תפילה געטאָן, זאָגנדיק, אַ מיין פאָטער, אויב עס איז מעגלעך, זאָל דער דאָזיקער כוס פון מיר פאַרבייגיין: פון דעסטוועגן ניט ווי איך וויל, נאָר ווי דו ווילסט."

**פּש. מאַרקוס דאָס זעלביקע וואָס מאתיא.**

מק. 36:14. „און ער האָט געזאָגט, אבא, פאָטער, אַלע זאַכן זיינען מעגלעך

צו דיר; נעם אַוועק דעם כוס פון מיר: פון דעסטוועגן ניט וואָס איך וויל, נאָר וואָס דו ווילסט.

**פש. דאָס קומענדיקע איז לוקאַס ווערסיע.**

לק. 39:22. „און ער איז אַרויסגעקומען, און געגאַנגען ווי ער האָט געוואָלט, צו דעם באַרג פון איילבערטן, און זיינע תלמידים האָבן אים אויך נאָכגעפאָלגט. (40) און ווען ער איז געווען אויף דעם פלאַץ, האָט ער געזאָגט צו זיי, בעט איר זאָלט ניט אַריינקומען אין נסיון. (41) און ווען ער איז געווען ווייט פון זיי, אַרום אַ שטיינס וואַרף, האָט ער זיך אַרונטער געקניעט און געבעטן. (42) זאָגענדיק, פאָטער, אויב דו ביסט ווילּיק, נעם צו דעם כוס פון מיר: פון דעסטוועגן ניט מיין ווילן נאָר דיינער, זאָל געטאָן ווערן."

**פש. יאָהאַן שרייבט ווי עס פאָלגט:**

יאָהאַן, 1:18. „ווען יעזוס האָט אָפּגערעדט די ווערטער, איז ער געגאַנגען מיט זיינע תלמידים איבער דעם שטראָם פון קידרון, וווּ עס איז געווען אַ גאָרטן, אין וועלכן ער איז אַריינגעקומען, און זיינע תלמידים. (2) און יודאַס אויך, וועלכער האָט אים פאַרראַטן, האָט געוווּסט דעם אָרט: ווארום יעזוס מיט זיינע תלמידים האָבן אָפט דאָרטן פאַרבראַכט.

**פש. עס ווערן אָנגעגעבן דריי באַזונדערע ערטער וווהין יעזוס איז אַוועק נאָך דער סדר נאַכט. מאַתיא און מאַרק גיבן אָן דעם אָרט גתשמני, לוקאַס— הר הזיתים, יאָהאַן — אַ גאָרטן נעבן קידרון. ווארום האָבן זיך די אַוטאָרס ניט געקענט אייניקען אויף דעם אָרט וואָס איז וויכטיק אין דעם געבורט פון קריסטלעכן גלויבן? דער תירוץ איז אַז יעדער אַוטאָר איז געווען באַזונדער זעלבסטשטענדיק דער צווייטער האָט קאָפּירט דעם ערשטן, דער דריטער —ביידן, דער פערטער — אַלע דריי. יעדער איינער האָט זיך געהאַלטן אַוטאָריטעטלעך צו פאַרקירצן אָדער אויסציען דאָס קאָפּירטע, אויך צוגעבן ווערטער אָדער אַרונטערנעמען, בייטן און אַנדערשן נאָך זייער ווילן. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען אין דער באַשטימונג פון אָרט נאָך דעם פסח סדר. יאָהאַנס איינפאַל איז אָריגינאַל: אויב עס איז געווען דער אָרט פון יעזוס און זיינע תלמידימס אָפטע באַזוכונגען, צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן יהודהן צו אַרויסגעבן דעם אָרט, געווים אין גאָרטן זיינען געווען אַ צאָל אַנדערע וועלכע האָבן זיי דאָרט געזען.**

מת. 40:26. „און ער קומט צו די תלמידים, און געפינט זיי שלאָפענדיק, און האָט געזאָגט צו פעטרוס, וואָס, האָט איר ניט געקענט וואַכן מיט מיר איין שעה? (41) וואַכט און בעט, אַז איר זאָלט ניט אַריינקומען אין אַ נסיון: דער גייסט איז זיכער ווילּיק, נאָר דאָס פלייש איז שוואַך. (42) ער איז ווידער אַוועקגעגאַנגען צום צווייטן מאָל, און האָט תפילה געטאָן, זאָגענדיק, אָ מיין פאָטער, אויב דער כוס קען ניט אַוועקגיין פון מיר, סיידן איך טרינק דאָס, דיין ווילן זאָל געטאָן ווערן. (43) ער איז געקומען און האָט זיי ווידער געפונען שלאָפן: ווארום זייערע אויגן זיינען געווען שווער. (44) און ער האָט זיי געלאָזן און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען, און תפילה געטאָן דעם

דריטן מאָל, זאָגענדיק די זעלביקע ווערטער. (45) דעמאָלט איז ער געקומען צו די תלמידים און געזאָגט צו זיי, שלאָפט ווייטער איצט, און רוט זיך אָפּ: זעט, די שעה איז נאָענט, און דער בן אדם איז פאַרראַטן אין די הענט פון זינדיקע. (46) שטייט אויף, לאָמיר גיין: זעט, ער איז נאָענט, דער וואָס האָט מיך פאַרראַטן."

**פּש. מאַרקוס שרייבט דאָס זעלביקע. ביידע זיינען אומקאָנסעקווענט אין זייער שרייבן. יעזוס זאָגט צו די תלמידים, שלאָפט ווייטער, רוט זיך אויס; און אין דער זעלביקער צייט זאָגט ער, שטייט אויף, לאָמיר גיין. לוקאַס ווערסיע איז גאַנץ אַנדערש.**

לוקאַס 43:22. „און דאָרט איז דערשינען צו אים אַ מלאך פון הימל, שטאַרקנדיק אים. (44) און זייענדיק אין אַגאָניע האָט ער תפילה געטאָן מער ערענסטדיק: און זיין שווייס איז געווען אַזוי ווי עס וואָלט געווען גרויסע טראָפּנס פון בלוט אַרונטערפאַלענדיק צו דער ערד. (45) און ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון געבעט, און איז געקומען צו זיינע תלמידים, ער האָט זיי געפונען שלאָפנדיק איבער זייער באַטריבקייט. (46) און ער האָט געזאָגט צו זיי, וואָרום שלאָפט איר, שטייט אויף און בעט, טאָמער וועט איר אַריין אין נסיון.

**פּש. לוקאַס נעמט איבער דעם עפּיזאָד פון די ערשטע צוויי עוואַנגעליע שרייבערס, און ער צייכנט די פּאַסירונגען נאָך זיין אייגענער איינבילדונגס קראַפט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם רעאַליזם פון די געשעעניש. פון וועלכע קוואַלן האָט לוקאַס געשעפּט זיין אינפאָרמאַציע צו וויסן מער ווי די ערשטע צוויי שרייבערס? פון וואַנען ווייסט ער פון מלאך וועלכער איז געקומען צו שטאַרקן יעזוסן? אַז יעזוס איז געווען אין אַגאָניע און האָט זיך געגנויטיקט אין אַ מלאך? די תלמידים זיינען געשלאָפן: ווער האָט געזען דעם שווייס ווי גרויסע טראָפּנס בלוט? וואָס איז געווען דער סימן אַז די ארזאַך פון זייער שלאָפן איז געווען די באַטריבקייט?**

**יאָהאַן קען ניט צוגעגליכן ווערן צו די ערשטע דריי אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס. ער נעמט איבער פאַרלאָפענע עפּיזאָדן פון די פריערדיקע דריי, ער נוצט זיי ווי אַ קאַנווע און טעמע, אָבער מאָלט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. יאָהאַן נעמט איבער די נעמען פון די עוואַנגעליעס: און מאַכט זיי באַוועגן און ריידן די טעאָלאָגיע פון קירכעס פון צווייטן האַלב פון צווייטן יאָרהונדערט ב. ע. אַזוי לויט יאָהאַן איז עס פאָרגעקומען די נאַכט פאַר פּסח: מען האָט ניט געשאָכטן דעם קרבן פּסח, מען האָט ניט געזונגען קיין הימנען, און מען האָט ניט געטרונקען קיין וויין און ניט געגעסן קיין מצות. פאַרשטייט זיך אַז ער האָט אויך ניט געזאָגט טרינקט דעם וויין, דאָס איז מיין, אאַזוו.**

יאָהאַן 34.13. „אַ נייעם געבאָט גיב איך צו אייך, אַז איר זאָלט ליבן איינער דעם אַנדערן; אַזוי ווי איך האָב אייך געליבט, אַז איר אויך האָט ליב איינער דעם אַנדערן. (35) ביי דעם וועלן אַלע מענטשן וויסן אַז איר זייט מיינע תלמידים, אויב איר האָט ליבשאַפט איינער צו דעם אַנדערן.

**פש. דער גאָלדענער געזעץ אין דער פּאָזיטיווער פאָרמע ווערט אָן זייַ אוניווערסאַליזם און ווערט אומגעוואַנדלט אין אַ פּראַטערנאַלן געבאָט: איר, תּלמידים און נאָכפאָלגער פון אַ געוויסער קערפּערשאַפט, דאַרפן ליבן איינע די אַנדערע.**

יאָהאַן 25:13. „ער דאַן ליגענדיק אויף יעזוס ברוסט האָט געזאָגט צו אים, האַר, ווער איז עס? (26) יעזוס האָט געענטפערט, ער איז עס, צו וועמען איך וועל געבן אַן איינטונקאַכטס, ווען איך וועל עס האָבן איינגעטונקט. און ווען ער האָט עס איינגעטונקט, האָט ער געגעבן צו יהודה איש קריות, דעם זון פון שמעון. (2) און נאָך דעם איינטונקען איז שטן אַריין אין אים. דאַן האָט יעזוס געזאָגט צו אים, דאָס וואָס דו טוסט טו עס שנעל. (28) אָצינד קיין מאַן ביין טיש האָט ניט געוווּסט וואָס ער האָט אויסן געווען ווען ער האָט דאָס גערעדט צו אים."

**פש. יאָהאַן נעמט קלאָרע רייד, אַ קלאָרע פראַגע און אַ דייטלעכן ענטפער און פאַרוואַנדלט עס אין אַ מטושטשקייט. אַלע תּלמידים זיינען פאַראינטערעסירט צו וויסן ווער איז פון זיי דער פאַררעטער. פּעטרוס גיט אַ צייכן דעם תּלמיד „וועמען יעזוס האָט ליב" ער זאָל אים פרעגן. יעזוס גיט אים אַ קלאָרן ענטפער. אַט דער וועמען איך וועל געבן די איינטונקאַכץ דער איז דער פאַררעטער. און יעזוס נעמט גלייך טונקט איין און גיט עס צו יהודהן. האָט ער געוויזן פאַר אַלע תּלמידים אַז יהודה איז דער פאַררעטער, און מיט דערויף האָט ער אויך באַוויזן צו יהודהן אַז ער ווייסט ווער ער איז און וואָס ער גייט טאָן. דעריבער זאָגט ער צו אים די ווערטער וואָס מיינען: יהודה איך ווייס ווער דו ביסט און וואָס דו טוסט, איך ווייס אַז דו האָסט מיך פאַרראַטן, אַזוי טו דאָס וואָס שנעלער. אָבער לויט דער לאָגיק פון יאָהאַן האָבן אַלע תּלמידים פאַרלאָרן זייער שכל און פּעטרוס מיט דעם תּלמיד וואָס יעזוס האָט אים ליב אויך בתוכם. אַלע עוואַנגעליעס זיינען באַזירט אויף די מינדלעכע איבערגעבונגען פון די תּלמידים. אויב די תּלמידים האָבן ניט פאַרשטאַנען די דייטלעכסטע רייד פון יעזוס: ווי אַזוי האָט מען געקענט האָבן צוטרוי צו זייערע איבערגעבונגען? ווען די תּלמידים האָבן זיך דערוווּסט אַז ער איז דער פאַררעטער וואָלטן זיי אים אַזוי שנעל ניט אָפּגעלאָזן. פּעטרוס איז גאָר ניט געווען אַזאַ תּם, אַז דערוויסענדיק אַז זיי האָבן אַ געפערלעכן פאַררעטער צווישן זיי, און ער וועט אים פריי אַרויסלאָזן. לויט יאָהאַן איז פּעטרוס געווען באַוואָפנט מיט אַ שווערד. דאָרט ווו צוטראַכטענישן זיינען די קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, דאָרט זיינען די אומלאָגישטע צוזאַמענהאַנגקייטן. אַפילו ווען יהודה איז אַרויס, האָט געדאַרפט אים נעמען צייט צו זען דעם נויטיקן הויפּט כהן און ברייננגען די מענטשן צוריק אויף דעם זעלביקן פּלאַץ. זיי האָבן דאָך גרינג געקענט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. און צווישן גרויסע עולמס וואָס זיינען געווען דענסטמאָל אין ירושלים איז געווען לייכט צו פאַנאַדערגיין זיך און אויסבאַהאַלטן זיך.**

**באַלד וועט געשריבן ווערן אַז די תלמידים האָבן זיך צעלאָפן און האָבן געפונען אַן אָרט ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן פאַר אַ געוויסער צייט.**

מאתיא

מת. 47:26. „און ווייל ער האָט נאָך גערעדט אָ, יהודה, איינער פון די צוועלף איז געקומען, און מיט אים פיל מענטשן מיט שווערדן און שטעקענס, פון די הויפט כהנים און זקנים פון פאָלק. (48) אַצינד דער וואָס האָט אים פאַרראָטן האָט זיי געגעבן אַ צייכן, זאָגענדיק, דעם וועמען איך וועל קושן, דער זעלבער איז ער: האַלט אים פעסט. (49) און גלייך איז ער געקומען צו יעזוסן און געזאָגט, שלום האַר (הייל מאַסטער); און האָט אים געקושט. (50) און יעזוס האָט געזאָגט צו אים, פריינד, צוליב וואָס ביסטו געקומען? דאַן זיינען זיי געקומען און האָבן געלייגט הענט אויף יעזוס און האָבן אים גענומען.״

מאַרקוס

מק. 43:14. „און גלייך ווי ער האָט נאָך גערעדט, קומט יהודה, איינער פון די צוועלף, און מיט אים אַ גרויסער עולם מיט שווערדן און שטעקנס, פון די הויפט כהנים און די סופרים און די זקנים. (44) און דער וואָס האָט אים פאַרראָטן האָט זיי געגעבן אַ צייכן, זאָגענדיק, דעם וועמען איך וועל קושן דער זעלביקער איז ער; נעמט אים, און פירט אים אַוועק זיכערלעך. (45) און אַזוי באַלד ווי ער איז געקומען, איז ער גלייך געגאַנגען צו אים, און האָט געזאָגט, האַר, האַר; און האָט אים געקושט. (46) און זיי האָבן געלייגט זייערע הענט אויף אים, און האָבן אים גענומען.״

לוקאַס

לוק. 47:22. „און ווייל ער האָט נאָך גערעדט, זעט אַ עולם, און דער וואָס איז גערופן יהודה (יודאַס), איינער פון די צוועלף, איז געגאַנגען פאָרויס פון זיי, און האָט זיך דערנענטערט צו יעזוסן צו קושן אים. (48) נאָר יעזוס האָט געזאָגט צו אים, יהודה, פאַרראַטנסט דו דעם בן אדם מיט אַ קוש? (49) ווען די וועלכע זיינען געווען אַרום אים האָבן געזען וואָס וועט פאַרקומען, האָבן זיי געזאָגט צו אים, האַר, זאָל מיר שלאָגן מיטן שווערד?״

**פש. עס איז פאַרשטענדלעך אַז גלויביקע רעליגיעזע מענטשן זאָלן גלויבן אין יעדן וואָרט וואָס איז געשריבן אין זייערע פאַרהייליקטע רעליגיעזע ביכער. די מענטשן פרעגן ניט קיין קשיות, זיי פאַרטרייבן פון זיך אַלע ספקות וועלכע קומען אַרויף ווייל לייענענדיק די ביכער. די אויבן אָנגעגעבענע אויסצוגן פון די ביכער דערהאַלטן ניט אין זיך קיינע אַנטפּלעקונגען, קיינע דאָקטרינעס און אויך ניט קיינע גלויבנס אונטעררייכטונגען: זיי זיינען ניט מער ווי באַשרייבונגען פון אַן אינצידעט, פון אַ זייער וויכטיקן אינצידענט ווי דער אַרעסט פון משיח, יעזוס קריסטוס. עס ווערט איבערגעגעבן אַ היסטאָריש־ביאָגראַפישע פאַסירונג פון יעזוס לעצטן טאָג. אַלע פיר עוואַנגעליע שרייבער פאַרנעמען זיך**

מיט דער אויפגאַבע צו איבערגעבן אין שריפט די דאָזיקע געשעעניש. די קריסטלעכע קירך גלויבט אַז זייער שרייבן איז אינספּירירט. אָבער דער אמת פון היסטאָריע פאָדערט אויף אַפילו אינספּירירטע שריפטן צו איבערגעבן די ווירקלעכקייט פון פאַקטן, צו ענטפערן צו דעם אַנגענומענעם לעבן פון יענער צייט, זאָלן שטימען מיט די פירונגען, טראַדיציע און אַנגענומענעם גלויבן פון יענע מענטשן פון וועלכע זיי שרייבן; זיין היסטאָריש נאָענט צו זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן. אָבער די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס שאַפן אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן וואַקוום, פירן אַריין פיגורן און מאַכן זיי דורכפירן אַקטיוויטעטן און ריידן ניט נאָך דעם גאַנג פון מענטשלעכן פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן אַרט דענקען: נאָר זאָלן ענטפערן זייערע אַבזיכטלעכע צוועקן. אַ מענטש וואָס באַזיצט גראַדן שכל ווייסט פון זיין אייגענער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג, און דורך זיין באַזעסענער אינטעלי־גענץ אַז ווען די רעגירונגס אַוטאָריטעטן אין זייער הויפּט־שטאָט ווילן אַרעסטירן איינעם פון זייערע בירגער, גייען ניט די ריכטער פון „סופרים קאָורט”, מיטגלידער פון העכסטן געריכט, מיטגלידער פון דער העכסטער לעגיסלאַטיווער אינסטיטוציע, די העכסטע גייסטלעכע פון זייער גלויבן: זיי שיקן זייער פּאָליציי, אַמאָל אַ צאָל זעלנער געפירט פון זייערע אָפיצערן, צו מאַכן דעם אַרעסט. אויך זייער אינטעליגענץ דיקטירט זיי צו וויסן אַז אַזוי האָט זיך געפירט פריער, און אויך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אין די פּראָ־ווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע. און זיי ווייסן אַז די ריכטלעכע געזעצן פון די ציוויליזירטע מעריב לענדער זיינען באַזירט אויף די דעמאָלסטיקע רוימישע געזעצן. אַ רעכט דענקענדיקער מענטש וואָלט אַפילו ניט געקענט פאַנטאַזירן פון אַזאַ זאַך, אַז די הויפּט פּריסטן, און די הויפּט געלערנטע, און די מיטגלידער פון העכסטער לעגיסלאַטיווער אינסטיטוציע, און די קאַפּי־טאַנען פון טעמפּל וועלן אין מיטן נאַכט איינזאַמלען זיך צו דורך פירן אַן אַרעסט פון אַ מאַן. אַפילו עס זאָל זיין אַ וויכטיקער אַרעסט, פון אַ וויכטיקן מענטשן וואָלט די געזעצליכע אַוטאָריטעט געשיקט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן באַ־אַמטן מיט דער נויטיקער פּאָליציי וואַך. אויב דער אַרעסט איז געווען דרינגענד נויטיק, וואָלט דאָך די רעגירנדיקע מאַכט זיכער געשיקט די טרענירטע פּאָליציי צו מאַכן דעם אַרעסט איידער אַ ניט־געניטן המון (מאָב) פון געלערנטע, און אַריסטאָקראַטן, און פון הייכע באַאַמטע און אינטעלעקטן. עס איז געווען די נאַכט פון אַ יידישן גרויסן, וויכטיקן יום־טוב וואָלטן די אַנזענסטע מענטשן פון דער הויפּט־שטאָט ניט פאַרלאָזן זייערע סעודות צו גיין מאַכן אַן אַרעסט. די געזעצגעבער אַליין וואָלטן דאָך גלייך אין פאַראַכט פּראָטעסטירט און צו־ריקגעוויזן אַזאַ אָרדער, פון ווענען עס זאָל ניט קומען. און וועלכע אַוטאָ־ריטעט האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ אָרדער צו די הייכע ריכטער, און צו אינטעלעקטן וואָס האָבן קיין אַנונג פון אַזאַ זאַך ווי צו דורכפירן אַרעסטן. ווען אַזאַ אַרעסט איז געווען אַ וויכטיקע נויטווענדיקייט פאַר דער אַוטאָריטעטנער מאַכט, און האָט עס געדאַרפט דורכפירן אין גרויס שנעלקייט, וואָלט געווען

די פּאַסיקסטע זאַך צו שיקן דעם אָרדער צו דעם הויפּט פון דער פּאָליציי און די זאַך וואָלט שוין געווען דורכגעפירט ווי געהעריק. אָבער לויט די אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער שווערסטער און אוממעגלעכסטער מיטל. דער אָרדער האָט געדאַרפט זיין צו איינצעלנע פּערזאָנען צעשפּרייט איבער גאַנץ ירושלים, אַז זיי זאָלן רעפּאָרטן אין אַ געוויסן פּלאַץ. און די מערסטע פון די פּערזאָנען האָבן זיך יענע נאַכט ניט געפונען אין זייערע אייגענע היימען, נאָר האָבן דורכגעפירט פאַמיליע אָדער פריינדשאַפט סדרים. אַזוי אַז דער אַרעסט וואָלט אין גאַנצן ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אין יענער נאַכט. ווי אַזוי קען ווערן דערקלערט אַזאַ אַבסורד זאָל געשריבן ווערען פון רעליגיעזע אינטעלעקטן? דער ענטפער איז אַז דאָס איז איינער פון די שטרויכלונג שטיינער פון דעם פריערדיקן קריסטלעכן גלויבן. די קירכעס פון יענער צייט האָבן געהאַט אין זייער מינדלעכער טראַדיציע ווי יעזוס איז געוואָרן אַרעסטירט פון די רוימער און פאַרמישפט געוואָרן. די פּאָטערס פון די קירכעס האָבן געזוכט צו וואַרפן די שולד אויף די ייִדן. אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן דערציילן פאַר די ניט שטאַרק באַוווסטע און די ניט אינטעליגענטע גלויביקע אַז עס איז געווען די שולד פון די ייִדן. איז ווען מען לאָזט זיך אויפן וועג פון צו ריכטן און פאַרפאַרטיקן געשיכטע, קען דאָס פאַרפירן, און פאַרפירט אין אַלע טונקעלע וועגן. וואַרפן די שולד אויף אַ פּערזאָן וואָס האָט געהאַט די העכסטע רעגירונגס אַווטאָריטעט אין ייִדישן לעבן פון יענער צייט, איז ניט געווען גענוג פאַר דער פירערשאַפט פון די עקזיסטירענדיקע קריסטלכע קירכעס. עס וואָלט דאָך געווען אַן אַקט פון איין מענטשן, אָבער די קירכעס האָבן געזוכט צו באַשולדיקן דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק: פון אירע העכסטע אינטעלעקטן, פון אירע העכסטע יוריסטן און ריכטער, פון אירע העכסטע גייסטלעכע ביז די נידריקסטע שיכטן פון פאָלק. אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן די געשיכטעס אין פרעמדע לענדער, אין דער גריכישער שפּראַך, אָן דעם וויסן פון מענטשלעכן לעבן פון אַ לעבעדיקן פאָלק. זיי האָבן געזוכט די ווערטער ייִדן, און פּרושים. די ווערטער האָבן שוין אַלץ דערציילט, דאָס זיינען געווען די געמיינסטע און שרעקלעכסטע ווערטער, וועלכע האָבן סימבאָליזירט מענטשן. די ווערטער און ריכטונג פון דער קריסטלעכער קירך זיינען פאַרשריבן געוואָרן. זיי זיינען רעזומירט געוואָרן פון איינעם, מעגלעך פון מאַרקוסן. די איבעריקע האָבן אים קאָפּירט, און צוגעגעבן זייער אייגענעם ווונטש און ווילן ווי אַזוי זאָל זיין די היסטאָריע און ביאָגראַפיע פון יעזוסן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די בילד וואָס די עוואַנגעליעס שטעלן פאָר.

מיר וועלן אַנאַליזירן דעם פּסיכאָלאָגישן גאַנג פון די דערציילונגען. מיר ווייסן פון פריער אַז יעזוס האָט געוווסט אַז יהודה איז אַ פאַררעטער. יעזוס האָט דאָס געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אים צו זיינע תלמידים. יהודה האָט געוווסט אַז יעזוס ווייסט אַז ער איז גרייט צו פאַרראַטן אים. לויט די עוואַנגעליעס האָט יהודה פאַרלאָזן יעזוסן און די קאָמפּאַניע פון די תלמידים און איז צוריקגעקומען און געבראַכט מיט זיך באַוואָפנטע מענטשן, צווישן

וועלכע האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענסטע מענטשן פון ירושלים. יהודה פאַרבאַהאַלט זיך ניט, ער גייט פאָרויס די מענטשן, און זאָגט זיי אָן אַז זיי זאָלן יעזוסן האַלטן פעסט, ניט געבן די געלעגנהייט צו אַנטלויפן. דער לאָגישער אַרויסקום וואָלט געווען אַז יהודה וואָלט אָנגעוויזן די אָפיצירן פון אַרעסט אויף יעזוסן אַז דאָס איז ער, און זיי וואָלטן אים גענומען. ווי אַזוי קען דערקלערט ווערן דער אידיאָטישער צוגאַנג פון יהודה: אַז די אַרעסטירער זאָלן וויסן ווער איז יעזוס וועט ער צוגיין און געבן אים אַ קוש. יהודה האָט דאָך געוווסט אַז אויב ניט אַלע, זיינען אייניקע פון די תלמידים באַוואָפנט מיט שווערדן, וואָלט ער דאָך געקענט ווערן דער ערשטער צו צאָלן מיט זיין לעבן פאַר דעם פאַרראַט. לויט די באַריכטן פון די עוואַנגעליעס האָט יהודה פאַרראָטן נאָר פאַר דער איינציקער אורזאַך וואָס ער קריגט באַצאָלט. אַזאַ מענטש וואָס קען טאָן אַלץ פאַר געלט, איז אַ זיכערע זאַך, אַז נאָך מער פון געלט האָט ער ליב זיין לעבן. ווי קען דערקלערט ווערן אַז יהודה וועט ריזיקירן מיט זיין לעבן און טאָן אַ זאַך וואָס איז לחלוטין ניט נויטיק. עס וואַרפט אַ גרויסן חשד אויף דער היסטאָרישקייט פון קוש־צייכן.

לוקאַס איז אומבאַהאָלפענדיק מיט דער קוש־געשיכטע: ער האָט חשק דאָס צו רעקאָרדירן, און צווייפלט אין דער ווירקלעכקייט פון דער זאַך. אויך וויל ער ניט דערלאָזן אַז דער פאַררעטער זאָל קושן יעזוסן: מאַכט ער עס אַז יהודה האָט זיך דערנעענט צו קושן יעזוסן, נאָר יעזוס האָט דאָס פאַרמידן.

מאתיא 51:26. „און זע, איינער פון זיי וואָס איז געווען מיט יעזוס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און אַ זעץ געטאָן דעם קנעכט פון כהן גדול און האָט אָפּגעהאַקט זיין אויער.”

מאַרקוס 47:14. „און איינער פון זיי וואָס איז געשטאַנען דערביי האָט געצויגן אַ שווערד, און אַ זעץ געטאָן אַ קנעכט פון כהן גדול און אָפּגעהאַקט זיין אויער.”

לוקאַס 50:22. „און איינער פון זיי האָט אַ זעץ געטאָן דעם קנעכט פון כהן גדול, און האָט אָפּגעהאַקט זיין רעכטן אויער.”

פּש. עס ווערט רעקאָרדירט פון אַלע פיר אַווטאָרס פון די עוואַנגעליעס אַז יעזוס נאָכפאָלגערס, זיינע תלמידים זיינען געווען באַוואָפנט. מאַרקוס און מאתיא באַריכטן אַז איינער האָט געצויגן דעם שווערד, זיי זאָגן ניט אַז די איבעריקע האָבן ניט געהאַט קיין שווערדן. לוקאַס גיט איבער אַז די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום יעזוסן האָבן געפרעגט אויב זיי זאָלן אַרויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד, און שלאָגן מיטן שווערד.

דאָ ווערט דייטלעך דערקלערט אַז יעזוס מענטשן זיינען געווען באַוואָפנט. איינער, גיבן אַלע צו, האָט זיך געשטעלט קעגן דער פּאָליציי־וואַך און אַראָפּגעהאַקט אַן אויער פון איינעם פון דער וואַך.

די קריסטלעכע קירך און דער הויפּט יאָהאַן אין דער פערטער עוואַנגעליע שטריינגען זיך אָן צו באַווייזן אַז יעזוס מלוכה וואָס ער האָט געפּריידיקט

איז די מלוכה פון יענער וועלט, אָבער ניט פון דער ערדישער וועלט. יעזוס האָט געוווּסט אַז ער קומט אין ירושלים צו שטאַרבן. ער האָט תפילה געטאָן, געבעטן גאָט אויב עס איז מעגלעך אַז ער זאָל ניט טרינקען דעם כוס. יעזוס איז געזעסן אַלע טעג אין טעמפּל און געלערנט, איז מיט וואָס האָט געקענט דערקלערט ווערן די באַוואָפנונג פון זיינע תלמידים, און די דרינגענדיקע נויט וואָס יעדער פון זיי זאָל ווערן באַוואָפנט, און דער וואָס האָט ניט קיין שווערד זאָל פאַרקויפן זיין קלייד און קויפן איינעם. אויך מיט דערויף ווערט דערקלערט די מעגלעכקייט פון יעזוס און זיינע מענטשן צו איבערנעמען אויף אַ צייט דעם קאָנטראָל איבער דעם טעמפּל, און אַרויסגעבן אָרדערס. די בייטשל איז ניט געווען די איינציקע וואָפן, נאָר אויך באַוואָפנט מיט שווערדן. די קירך־אויסטייטשער דערקלערן אַז נאָר איינער האָט געהאַט אַ שווערד. לוקאַס ווייזט אָן אַז מער ווי איינער זיינען געווען באַוואָפנט. אַזאַ זאַך ווי באַזיצן נאָר איין שווערד וואָלט זיך קיין מאָל ניט געלייענט פאַר יעזוס. איין שווערד קען ניט אַרויסווייזן פיל פאַרטיידיקונג; אָבער די שולד פון טראָגן וואָפן, און מיט וואָפן שטעלן זיך קעגן דער געזעצלעכער מאַכט, איז זייער גרויס, אַפילו אַז נאָר איינער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. אַ גרופּע וואָס קומט אָן קיין ירושלים, מיט די אויסגעשריען, אַז ער איז דער קיניג, און ברייננגט די יידישע מלוכה, און די גרופּע איז באַוואָפנט איז דאָס גאָר ניט אַ גרינגער ענין אין די אויגן פון דער רוימישער מאַכט. די תלמידים האָבן זיך גלייך דערשראָקן און זיך צעלאָפן, נאָר איינער האָט געצויגן דעם שווערד. ווי עס ווייזט אויס האָט זיך דעם איינעם אויך איינגעגעבן צו אַנט־לויפן: וואָרום אויב ניט וואָלט דער איינער געוויס געוואָרן אַרעסטירט צו גלייך מיט יעזוסן. די זעלבע שרייבער וועלן אין ווייטערדיקן שרייבן זוכן צו פאַרגעסן דעם אינצידענט, אויף דעם זעלבן אויפן ווי זיי פאַרגעסן יעזוס אַריינקומען, די 'רייניקונג', דאָס זאַלבן פאַר מלך, און איצט דאָס באַוואָפנטע קעגנשטעלונג.

## מאַתיא

מאַתיא 52:26. „דענסטמאָל האָט יעזוס געזאָגט צו אים, שטעק צוריק דיין שווערד אין זיין פּלאַץ: וואָרום די אַלע וואָס נעמען דעם שווערד וועלן אומקומען מיט דעם שווערד. (53) דיינקסטו אַז איך קען ניט איצט בעטן צו מיין פאָטער, און ער זאָל אין דער איצטיקער צייט מיר געבן מער ווי צוועלף לעגיאָנען פון מלאכים. (54) אָבער ווי אַזוי דאָן וועלן די שריפטן מקוים ווערן, אַז דאָס מוז זיין?

## מאַרקוס

מאַרקוס 48:14. „און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, זייט איר אַרויסגעקומען, אַזוי ווי קעגן אַ גנב, מיט שווערדן און מיט שטעקנס צו נעמען מיך? (49) איך בין געווען טעגלעך מיט אייך אין בית המקדש לערנענדיק, און איר האָט מיך ניט גענומען: נאָר די שריפטן מוזן מקוים ווערן. (50) און זיי אַלע האָבן אים פאַרלאָזן און אַנטלאָפן. (51) און דאָרט האָט געפאָלגט נאָך אים אַ געוויסער

(55) „אין יענער זעלביקער צייט האָט יעזוס געזאָגט צו דעם עולם, זייט איר אַרויסגעקומען אַזוי ווי קעגן אַ גנב מיט שווערדן און שטעקנס אום צו נעמען מיך? איך בין טעגלעך געזעסן מיט אייך לערנענדיק אין בית המקדש, און איר האָט מיך ניט פאַרהאַלטן. (56) נאָר אַלץ דאָס איז געטאָן געוואָרן, אַז די שריפטן פון די נביאים זאָלן מקוים ווערן. דעמאָלסט אַלע תלמידים האָבן אים פאַרלאָזן און אַנטלאָפן."

יונגער מאַן, האָבענדיק אַ ליווענטענעם טוך איבערגעוואָרפן אַרום זיין נאַקעטן קערפּער; און דער יונגער מאַן האָט געלייגט אַ האַלטונג אויף אים: (52) און ער האָט געלאָזן דעם ליוונטענעם טוך און איז אַנטלאָפן פון זיי נאַקעט."

## לוקאַס

לוק. 48:22. „אָבער יעזוס האָט געזאָגט צו אים, יהודה, דו פאַרראַטנסט דעם בן אדם מיט אַ קוש? (51) און יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט, דולדיק אַזוי וויַט. און ער האָט אָנגערירט זיין אויער און געהיילט אים. (52) דאַן האָט יעזוס געזאָגט צו די הויפּט כהנים און קאַפּיטאַנען פון דעם בית המקדש, און די זקנים, וועלכע זיינען געקומען צו אים, זייט איר אַרויסגעקומען אַזוי ווי קעגן אַ גנב, מיט שווערדן און שטעקנס? (53) ווען איך בין געווען טעגלעך מיט אייך אין בית המקדש, האָט איר ניט אויסגעשטרעקט בין געווען טעגלעך מיט אייך אין בית המקדש ,האָט איר ניט אויסגעשטרעקט פאַרויס אייערע הענט קעגן מיר: אָבער דאָס איז אייער צייט, און די מאַכט פון פינסטערניש."

מאתיא און לוקאַס גיבן איבער מאַרקוס ווערזיע וואָס יעזוס האָט געזאָגט מכוח דערויף וואָס ער האָט מיט זיי, די וואָס זיינען געקומען אים נעמען, געלערנט אין טעמפּל. יעזוס האָט צו זיי אַ טענה וואָרום זיי זיינען געקומען מיט שווערדן און שטעקנס אים נעמען אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ גנב. יעזוס טענה איז ניט גערעכט. ווי קען ער מאָנען ביי יענע אַז זיי זאָלן קומען אים נעמען אָן שווערדן, ווען זיינע מענטשן באַזיצן שווערדן. צווייטענס ווערט דאָך מיט די ווערטער אָפּגעלייקנט די דערציילונג פון יודאָס קוש. יהודה איז דאָך געווען מיט יעזוס אין טעמפּל, ווייסט ער דאָך אַז די מענטשן קענען יעזוסן, זיי האָבן דאָך אים טעגלעך געזען: וואָרום האָט דער קלוגער, דער קאַסירער פון יעזוס אָרגאַניזאַציע, געדאַרפט אָנווייזן צו די זעלביקע מענטשן וועלכער איז יעזוס, און נאָך דורך אַ קוש?

מאתיא ברענגט רייד פון יעזוס וואָס לוקאַס און מאַרקוס ווייסן ניט פון דערויף. אַזוי האָט יעזוס געזאָגט: „אַלע וואָס נעמען דעם שווערד, וועלן אומקומען דורכן שווערד." אויב אַזוי, וואָרום האָט יעזוס דערלויבט זיינע

תלמידים אַרומטראָגן זיך מיט שווערדן, און אָנגעזאָגט צו קויפן שווערדן? עס שטימען ניט יעזוס רייד מיט זיינע מעשים. אויך ברענגט מאתיא רייד פון יעזוס וואָס קיינער פון די עוואַנגעליע שרייבער ווייסן ניט. יעזוס האָט געזאָגט, ווען ער בעט נאָר גאָט אַזוי שיקט ער אים צוועלף לעגיאָנען מלאכים. ווארום זאָל זיך מאתיא נויטיקן אין צוועלף לעגיאָנען, ווען נאָר צוויי האָבן געקענט פאַרניכטן סדום, וואָלט געווען איין מלאך גענוג צו פאַרטרייבן דעם עולם פון אַרעסט. אויך ניט די שריפטן און ניט די נביאים האָבן ערגעץ געזאָגט אַז מען וועט אַרעסטירן יעזוסן און איבערגעבן צום טויט.

יעזוס אַרעסט איז איינער פון די שטרויכלונג שטיינער וואָס איז געלעגן אין וועג פון דער פריערדיקער קריסטלעכער קירך, עס האָט געדאַרפט דערקלערט ווערן, וואָרום איז געווען מעגלעך דער אַרעסט פון יעזוס, ווי אַזוי האָבן שטערבלעכע מענטשן גקענט אַרעסטירן דעם זון פון גאָט? איז געקומען דער ענטפער: עס האָט געמוזט מקוים ווערן די רייד פון די שריפטן און די נביאים.

לוקאַס ברענגט אַז יעזוס האָט געזאָגט צו די וואָס זיינען געקומען נעמען אים, דאָס איז אייער צייט און די מאַכט פון פינסטערניש. די דריי שרייבער גיבן איבער אַ וויכטיקן אינצידענט, איז וואָרום זאָלן זיי אַזוי פולשטענדיק פאַרשידן די רייד פון יעזוס וואָס ער האָט דאָן געזאָגט?

יאָהאַן אויף זיין אייגענעם שטייגער דערציילט פון דעם אַרעסט אין גאַנצן אַנדערש ווי די ערשטע דריי.

יאָהאַן 3:18. „יהודה דאַן, האָבענדיק דערהאַלטן אַ מחנה פון מענטשן און אָפיצערן פון די הויפט כהנים און די פרושים, זיינען געקומען אַהין מיט לאַמטערנעס און פאַקעלן און געווער.״

פש. יאָהאַן, שרייבנדיק די שורות איבער הונדערט יאָר נאָך דאָס פאַרגעקומענע, ווייסט פינקטלעך, ווי ער וואָלט באַזעסן דאָקומענטאַלע באַווייזן אויף יעדע איינצעלהייטן, ווי, ווו און וואָס, און פון וועמען האָט דאָס יהודה דערהאַלטן. ווי איז מעגלעך אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל איינעם, אַן אַרויסגעבער פון סודות פאַר געלט אָנטרויען די פירערשאַפט פון דער וואַך און אירע אָפיצערן. דאָס מערסטע וואָס יהודה האָט געקענט לייסטן זיין הילף איז די אָנווייזונג פון פלאַץ. אויך איז אַ היסטאָרישע זיכערקייט אַז דער גרענד פריסט און די הויפט פריסטן זיינען ניט געווען פאַריסייער, זיי זיינען געווען נעענטער צו די צדוקים.

יאָהאַן 4:18. „יעזוס דעריבער, ווייסענדיק אַלע זאַכן וואָס זאָלן קומען אויף אים, איז אַרויס פאָרויס, און געזאָגט צו זיי, וועמען זוכט איר?״

יאָהאַן 5:18. „זיי האָבן געענטפערט אים, יעזוס פון נצרת. יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, איך בין ער. און יודאַס אויך, וועלכער האָט אים פאַרראַטן, איז געשטאַנען מיט זיי.״

פירוש. — אַזוי ווערט פולשטענדיק געענדערט די סיטואַציע. יודאַס האָט ניט נאָר געקושט אָדער געוואָלט קושן יעזוסן, נאָר אַפילו ניט געווען

נאָענט צו יעזוסן. נאָר „געשטאַנען מיט זיי,“ מיט די מענטשן און אָפּיצערן וועלכער ער האָט געבראַכט. יעזוס איז אַליין אַרויסגעטראָטן קעגן זיי און געפרעגט וועמען זיי זוכן, און דערקלערט פאַר זיי אַז ער איז אַליין דער יעזוס פון נצרת וועמען זיי זוכן.

יאָהאַן 6:18. „און אַזוי באַלד דאַן ווי ער האָט געזאָגט צו זיי, איך בין ער, זיינען זיי אַוועק הינטערוועגס, און געפאַלן צו דער ערד.“

יאָהאַן 7:18. „דאַן האָט ער זיי ווידער געפרעגט, וועמען זוכט איר? און זיי האָבן געזאָגט, יעזוס פון נצרת.“

**פש. יאָהאַן דערקלערט ניט ווען האָט יעזוס זיי געפרעגט, ווען זיי זיינען געלעגן אויף דער ערד, אָדער זיי זיינען שוין אויפגעשטאַנען.**

יאָהאַן 8:18. „יעזוס האָט געענטפערט, איך האָב אייך געזאָגט איך בין ער; אויב דעריבער איר זוכט מיך, לאָזט די דאָזיקע גיין זייער וועג.“

יאָהאַן 9:18. „אַז די זאָגונג זאָל קענען ווערן פאַרפולט, וואָס ער האָט גערעדט פון זיי, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן האָב איך קיינע אָנגעוואָרן.“

**פש. מאַרקוס און מאַתיא דערציילן אַז די תלמידים זיינען זיך צעלאָפן. עס איז אומגלויבלעך, אַז דיביידע שרייבער זאָלן אָנגעבן אַזאַ זאַך ווי די תלמידים, אין דער צייט פון דער געפאַר פאַר יעזוסן, זאָלן זיך צעלייפן פאַר זייער זעלבסט רעטונג, ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט אין באַזיץ טראַדיציאָנעלע מקורות: צוליב וואָס פאַר אַ צוועק וואָלטן זיי אויסגעטראַכט אַזאַ באַשולדיקונג קעגן יעזוס אַפּאָסטאָלס. לוקאַסן געפעלט ניט אַזאַ טאַט פון די תלמידים, האָט ער עס איינגאַנצן אויסגעלאָזן. אָבער די טראַדיציע האָט געלעבט אין די קאָנגרעגאַציעס פון די קריסטן, ניט קוקענדיק אויף לוקאַס פאַרשווייגונג. נעמט אָן יאָהאַן אַ בעסערן מיטל ווי לוקאַס, ער זוכט צו מינדערן דעם פאַקט, און דערהייבן אין דערזעלבער צייט די פּערזאָן פון יעזוס: יעזוס האָט זיך גלייך איבערגעגעבן מיטן באַדינג זיי זאָלן לאָזן גיין זיינע מיט־מענטש. דאָס איז איינער פון די פיל באַווייזן ווי די אַוטאָרס פון נייעם טעסטאַמענט שרייבן פון פאַקטן, פון די וויכטיקסטע מאָמענטן פון יעזוס לעבן. עס האַלט זיי ניט אָפּ צו אָפּוואַרפן די באַשרייבונגען פון די פריערדיקע עוואַנגעליע שרייבער און אַנדערשן, און צוגעבן פאַקטן; און יעזוס׳ זאָגונגען געגרינדעט נאָר אויף די קוואַלן פון זייער אייגענעם ווילן און ווונטש אַז די זאַכן זאָלן אַזוי פאַרקומען.**

יאָהאַן 10:18. „דאַן שמעון־פּעטרוס, האָבענדיק אַ שווערד, האָט עס אַרויסגעצויגן, און האָט געשלאָגן דעם כהן־גדולס דינער, און האָט אָפּגעהאַקט זיין רעכטן אויער. דעם דינערס נאָמען איז געווען מאַלכוס.“

**פירוש. — די ערשטע דריי שרייבער זאָגן אַז איינער פון יעזוס מענטשן האָט געצויגן זיין שווערד, גיבן ניט אָן קיין נאָמען; אויב זיי וואָלטן געוווסט אַז דער מאַן איז געווען פּעטרוס: גיט ניט קיין אורזאַך זיי זאָלן אויסלאָזן זיין נאָמען. דער שפּעטערדיקער יאָהאַן ווייס אַז דאָס האָט געטאָן שמעון־פּעטרוס.**

און ווייסט אַפּילו דעם נאָמען „מאַלכוס" פון דעם וועמענס אויער עס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן.

פּש. עס שטימט ניט מיט יעזוס פאַרהאַנדלונגען צו לאָזן זיינע מענטשן גיין, ווען די מענטשן באַפאַלן דער וואַך.

יאָהאַן 11:18. „דאַן האָט יעזוס געזאָגט צו פּעטרוסן, טו אַריין דיין שווערד אין דער שייד: דעם בעכער וועלכן מיין פאָטער האָט מיר געגעבן, זאָל איך עס ניט טרינקען?"

פּש. מיר וועלן אויסלאָזן די היפּוכדיקע באַשרייבונגען פון דעם אַרעסט, און נאָר ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף רייד וואָס יעזוס האָט דאַן געזאָגט.

מאַרקוס: „איר זייט אַרויסגעקומען קעגן מיר ווי נאָך אַ גנב, איך בין געווען טעגלעך מיט אייך אין טעמפּל, אָבער די שריפטן מוזן פאַרפולט ווערן."

מאַתיא: „איך בין געזעסן טעגלעך מיט אייך אין טעמפּל, נאָר אַלץ איז דאָס געטאָן געוואָרן, אַז די שריפטן פון די נביאים זאָלן פאַרפולט ווערן. שטעק צוריק דיין שווערד אין זיין פּלאַץ: ווארום אַלע די וואָס נעמען דעם שווערד וועלן אומקומען דורכן שווערד. דיינקסטו אַז איך קען ניט אַצונד בעטן צו מיין פאָטער, און ער זאָל מיר געבן מער דען צוועלף לעגיאָנען פון מלאכים?"

לוקאַס: „איצט פאַרראַטסט דו דעם בן־אדם מיט אַ קוש. ווען איך בין געווען טעגלעך מיט אייך אין טעמפּל, האָט איר ניט אויסגעשטרעקט פאַרויס קיינע הענט קעגן מיר: אָבער דאָס איז אייער שעה, און די מאַכט פון פינסטערניש."

יאָהאַן: „יעזוס האָט געענטפערט, איך האָב אייך געזאָגט איך בין ער; לאָזט דיזע גיין זייער וועג. אַז די זאָגונג זאָל פאַרפולט ווערן, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן האָב איך קיינע אָנגעוואָרן. טו אַריין דיין שווערד אין זיין שייד: דעם בעכער וועלכן מיין פאָטער האָט מיר געגעבן, זאָל איך עס ניט טרינקען?"

פּירוש. — אַזוי יעדער שרייבער גיט איבער אַנדערע רייד פון יעזוס. ווען דער צווייטער שטימט שוין אין מיט דעם ערשטן אין די רייד פון יעזוס, אָבער באַלד פּילט ער אויס מיט רייד וואָס דער ערשטער ווייסט ניט פון זיי. דער דריטער ברייגנט רייד פון יעזוס וואָס די ערשטע צוויי ווייסן ניט. דער פערטער גיט אָן אינגאַנצן אַ נייעם נוסח, פאַרשידענע רייד פון די ערשטע דריי. יעזוס האָט דאָך נאָר געקענט זאָגן אַזוי און ניט אַנדערש. דאָס באַצייכנט דאָס ניט געשיכטלעכקייט פון זייער שרייבן.

די קאָמענטאַטאָרס פון נייעם טעסטאַמענט זוכן ניט די געשיכטלעכ־קייט פון די איבערגעבונגען פון די אַוטאָרס, נאָר יעדער איינציקער פון זיי קלייבט אויס די באַשרייבונגען פון יענעם עוואַנגעליע שרייבער וועלכער גע־פעלט אים בעסער; אָדער זיי קאָמבינירן די באַשרייבונגען פון צוויי אין איינעם.

**מאַרקוס**

מק. 53:14. „און זיי האָבן יעזוסן אָוועקגעפירט צום כהן־גדול: און מיט אים זיינען געווען פאַרזאַמלט אַלע הויפּט כהנים און די זקנים און די סופרים. (54) און פּעטרוס האָט אים נאָכגעפאָלגט פון דערווייטנס, ביז דעם פּאַלאַץ פון דעם כהן גדול: און ער האָט זיך געזעצט מיט די באַדינער און האָט זיך געוואַרעמט ביי דעם פייער. (55) און די הויפּט כהנים און דער גאַנצער סנהדרין האָבן געזוכט פאַר עדות קעגן יעזוסן צו ברענגען אים צום טויט; און האָבן קיינעם ניט געפונען. (56) ווארום פיל האָבן געטראָגן פאַלשע עדות־זאָגן קעגן אים, נאָר זייער עדות זאָגן האָבן ניט געשטימט איינע מיט די אַנדערע.״

**מאַתיא**

מת. 57:2. „און די וואָס האָבן פאַרהאַלטן יעזוסן האָבן אים אָוועקגעפירט צו קאיאפאַס דעם כהן גדול, ווו די סופרים און די זקנים זיינען געווען פאַרזאַמלט. (58) אָבער פּעטרוס האָט אים נאָכגעפאָלגט פון דער ווייטנס צום כהן גדולס פּאַלאַץ, און איז אַריין געגאַנגען, און האָט זיך געזעצט מיט די באַדינער, צו זען דעם סוף. (59) אַצינד די הויפּט כהנים, און די זקנים, און דער גאַנצער סנהדרין האָבן געזוכט **פאַלשע** עדות קעגן יעזוס, צו ברענגען אים צום טויט.״

**לוקאַס**

לק. 54:22. „דענסטמאָל האָבן זיי אים גענומען, און אים אָוועקגעפירט, און געבראַכט אים אין דעם כהן גדולס הויז. און פּעטרוס האָט נאָכגעפאָלגט פון דערווייטנס. (55) און ווען זיי האָבן געמאַכט פייער אין מיטן פון זאַל, און האָבן זיך געזעצט צוזאַמען, פּעטרוס האָט זיך געזעצט צווישן זיי. (56) און אַזוי באַלד ווי עס איז געוואָרן טאָג, די זקנים פון פאָלק און די הויפּט כהנים און די סופרים זיינען צוזאַמען געקומען, און האָבן אים אַריינגעפירט צו זייער זיצונג, זאָגענדיק.״

**פּש. מאַרקוס שרייבט אַז אַלע מיטגלידער פון סנהדרין האָבן געזוכט עדות קעגן יעזוסן אָבער האָבן ניט געפונען. אין יענע צייטן (ווי איך האָב פריער באַמערקט) איז ניט געווען די איינפירונג אַז דער שטאַט זאָל האָבן אַ ספּעציאַלן אַנגעשטעלטן וועלכער זאָל אָנפירן מיט דער באַשולדיקונג קעגן דעם געמישפּט (פּראָקוראָר) נאָר די עדות באַשולדיקן דורך זייער עדות זאָגן. יעזוס שולד איז געווען אין דער קאַטעגאָריע צו געמישפּט ווערן פון דעם גרויסן סנהדרין וואָס איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציק ריכטער. לויט מאַרקוס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל עדות וועלכע האָבן יעזוסן באַשולדיקט, נאָר זייער עדות זאָגן איז געפּסלט געוואָרן דורך דעם בית דין פון דעם סנהדרין: מחמת זייערע באַוויזן האָבן ניט געשטימט. עס איז געווען אַ שטענדיקער געזעץ אין די יידישע געריכטן, ווען עדות זיינען אַנדערש אָדער פאַרשידן אין זייער עדות זאָגן זיינען די עדות געפּסלט (דיסקוואַליפייד).**

מאתיא שרייבט איבער מאַרקוסן כמעט וואָרט אין וואָרט, נאָר אין זאַץ 59 שטעלט ער צו איין וואָרט: דאָס וואָרט קערט איבער מאַרקוס שרייבן מיטן קאָפּ אַרונטער. מאתיא מעקט אויס מאַרקוס איבערגעבונג אַז די עדות זאָגונג וואָס האָט ניט געשטימט האָט דער סנהדרין צוריקגעוויזן און ניט אָנגענומען. דאָס וואָרט באַשטייט נאָר פון פינף אותיות „פאַלשע"; דער סנהדרין האָט געזוכט פאַלשע עדות. מאַרקוסן קען מען אויך ניט באַשולדיקן אין צופיל ליבשאַפט צו די יידן, און אין איבערגעבן דעם גאַנג פון מישפט געשיכטלעך געטריי. ער איז אויך ניט צופיל מקפיד אויף די קוואַלן פון וועלכע ער נעמט זיינע אַבזיכטלעכע באַשולדיקונגען קעגן יידן; אָבער ער האָט איבערגעגעבן די געזעצן פון סנהדרין אין שייכות צו עדות זאָגן.

עס פאָדערט זיך אַ דערקלערונג: אַז לויט דעם יידישן דין פון יענער און פריערדיקער צייט איז אַן עדות ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מענטש פון וועלכן דער געריכט הערט אויס זיין עדות זאָגן; נאָר ער איז אויך דער באַ־שולדיקער, דער עדות טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אורטייל פון געריכט. ווען עס ווערט אַרויסגעטראָגן אַ טויט אורטייל, דאַרפן די עדות דורכפירן די עקזעקוציע. ווען עס ווערט אויסגעפונען אַז דער עדות האָט געזאָגט פאַלש, ווערט ער באַשטראָפט מיט דעם זעלביקן אורטייל וואָס ער האָט דערוואָרט דעם געמישפטן. מאתיא האָט קאָפּירט מאַרקוסן ווערבאַטים, נאָר האָט אַריינגעשטעלט איין וואָרט „פאַלשע" וואָס טראָגט אין זיך אַ דער־נידעריקטע באַשולדיקונג קעגן דער העכסטער ריכטלעכער אינסטיטוציע פון אַ פאָלק. די באַשולדיקונג איז גרונטלאָז און פאַנטאַסטיש. מאַרקוס, לוקאַס און יאָהאַן ווייסן ניט פון אַזאַ אינפאָרמאַציע.

1) הוזבענד אין „די באַשולדיקונג פון יעזוס" זייט 184. „די עוואַנגעליע באַשרייבונג (נאַראַציע) דערהאַלט פיל וואָס איז ניט נייטיק אין דער איבער־געבונג פון אַן אונטערזוכונג, און פיל וואָס קען ווערן פאַררעכנט פאַר אַ היבשער ביסל אוממעגלעכקייט."

איביד, זייט 186. „ווען דער סנהדרין האָט אַבזיכטלעך געזוכט פאַלשע עדות, איז אַ וווּנדער וואָרום האָבן זיי ניט געקענט צוגרייטן זייערע עדות אַז זייער עדות זאָגן זאָל שטימען?

איביד, זייט 189. „עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אַז דאָס וואָרט 'פאַלש' אין מאַתיאס באַריכטן קען ניט זיין היסטאָריש."

מאתיא מיט זיין אַריינברענגען דאָס וואָרט 'פאַלשע' שטעלט זיך אַרויס ווי איינער וואָס איז גרייט צו שרייבן די אומפאַראַנטוואָרטלעכסטע באַשולדי־קונגען קעגן יידן און זייערע אינסטיטוציעס, גרייט צו דערנידעריקן די מאָראַל פון יידישן פאָלק צו דער נידעריקסטער מדרגה. דורך אַזאַ אַבזיכטלעכן צוגאַנג עלימינירט זיך מאתיא פון צו זיין גלויבנס ווערט אין זיינע באַריכטן וועגן מישפט.

1 ריטשאַרד וועלינגטאָן הוזבענד (Husband) „די פּערסעקיוציע פון יעזוס". פרינסטאָן אוניווערסיטי פּרעסס, 1916.

**מאַרקוס**

מק. 57:14. „און דאָרט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ געוויסער, און גע־זאָגט פאַלשע עדות קעגן אים, זאָגנ־דיק, (58) מיר האָבן געהערט אים זאָגן, איך וועל צעשטערן דעם בית המקדש וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט הענט, און אין דריי טעג וועל איך בויען אַן אַנדערן געמאַכט אָן הענט. (59) אָבער אויך אַזוי האָבן זייערע עדות זאָגן ניט געשטימט צוזאַמען. (60) און דער כהן גדול האָט זיך אויפ־געשטעלט אין מיטן, און געפרעגט יעזוס, זאָגענדיק, ענטפערסט דו גאָר־ניט? וואָס איז עס וואָס די דאָזיקע עדות זיינען קעגן דיר?

**מאַתיא**

מת. 60:26. „אָבער האָבן ניט געפונען קיינע עדות: יע, כאָטש פיל פאַלשע עדות זיינען געקומען, דאָך האָבן זיי קיינעם ניט געפונען. ענד־לעך זיינען געקומען צוויי פאַלשע עדות. (61) און האָבן געזאָגט, דער דאָזיקער האָט געזאָגט, איך קען צע־שטערן דעם בית המקדש פון גאָט, און צו בויען עס אין דריי טעג. (62) און דער כהן גדול האָט זיך אויפגע־שטעלט. און האָט געזאָגט אים, ענט־פערסטו גאָרניט? וואָס איז עס וואָס די עדות זיינען קעגן דיר?"

פּש.ביידע שרייבער גיבן צו אַז דאָס דערציילן פון די עדות אַז זיי האָבן געהערט ווי יעזוס האָט געזאָגט אַז ער קען צעשטערן דעם טעמפּל, און אין דריי טעג צוריק אויפבויען, איז עס פאַלש און די עדות זיינען פאַלשע עדות. מיינט דאָס אַז יעזוס האָט קיינמאָל אַזעלכע ווערטער ניט גערעדט, נאָר עס איז אַן אויסגעטראַכטער בילבול אויף יעזוסן, כדי מען זאָל האָבן אין וואָס אים צו באַשולדיקן פאַר דעם הויכן געריכט.

ווען עס קומט צו דער עוואַנגעליע: טוט זיך אָפּ פון דער אינטעלעקטור־אלער קריסטלעכער וועלט איר גלייכער שכל, איר אינטעליגענץ און איר כוח פון אַנאַליז. באַטראַכט די מעגלעכקייט אַז די געלערנטטע, אָנגעזעענסטע מענטשן פון לאַנד, וועלכע טראָגן די אחריות פון דער העכסטער ריטועלער אינסטיטוציע פון לאַנד, זאָלן פאַרהאַנדלען געריכטלעך אַזאַ זאַך: וואָס איינער זאָגט ער האָט געהערט ווי דער געוויסער מאַן האָט געזאָגט אַז ער קען אין דריי טעג דעם בית המקדש חרוב מאַכן און צוריק אויפבויען. דאָס זיינען געביידעס וואָס האָט גענומען הורדוסן אַרום צען יאָר צו בויען מיט צען טויזנט מענטשן. קען דען אַ פאַרשטענדלעכער מענטש נעמען עס ערנסט? איז דען מעגלעך אַז דער העכסטער געריכט וועט אויפנעמען אַזאַ קלאָגע? אַזאַ מענטש וואָלט יעדער איינער אָנגענומען אַז ער איז ניט ביין קלאָרן פאַר־שטאַנד, אָדער אַ מענטש וואָס ליידט פון אַ באַרימונגס קראַנקהייט.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל מען ברייגגען פאַר וועלכן עס איז געריכט אַ מענטשן וואָס זיין באַשולדיקונג וואָלט געווען, אַז דער מאַן האָט געזאָגט, אַז ער קען די פענטאַגאָן געביידע אין וואַ־שינגטאָן צעשטערן און צוריק אויפבויען, לאָמיר זאָגן אין דרייסיק טעג. וואָלט

דען וועלכער עס איז ריכטער געגומען די זאַך ערנסט? ער וואָלט אים גלייך באַפרייט, אָדער וואָלט פאַראָרדערט צו איבערגעבן אים פאַר אַ מענטאַלער אונטערזוכונג.

אויב די העכסטע יוריסטן אין לאַנד האָבן זיך פאַרנומען צו אויפשטעלן אַ פאַלשע באַשולדיקונג קעגן יעזוסן כדי זיי זאָלן קענען אים פאַרמשפּטן צום טויט, האָבן זיי קיין אַנדער קלאַגע ניט געקענט צוטראַכטן ווי די קינדער־מעשה פון צעשטערן און אויפבויען אין דריי טעג?

צוליב וואָס פאַר אַ צוועק האָט דער כהן גדול און די אַלע יוריסטן געדאַרפט האָבן די פאַלשע עדות און די פאַלשע קלאַגע, אַז זיי האָבן געהאַט קעגן יעזוסן אַ הונדערט פּראָצענטיקן שטאַרקן פּראָצעס. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן יעזוס מיט זיינע מענטשן באַפאַלן דעם טעמפּל; זיי האָבן געשלאָגן און געטריבן די „קויפער און פאַרקויפער", אַרויסגעטריבן די אָקסן און שאָף וואָס זיינען געווען פאַר „האַנדל" און אויך די וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פאַר די קרבנות; צעוואָרפן די טישן מיט געלד, געגעבן אָרדערס ווער און וואָס מען זאָל טראָגן אין טעמפּל. דאָס איז דאָך אַ גרויסער פּאָליטישער און רעליגיעזער פאַרברעכן וואָס איז קעגן די רוימישע און יידישע געזעצן. עס איז, חוץ וואָס טעמפּל־שענדונג, אויך אַרויסטרעטונג קעגן דער געזעצלעכער מאַכט.

אַפילו די פאַרטיידיקונג אַז ער האָט דאָס געטאָן צוליב רייניקונגס צוועקן וואָלט ניט געמינערט זיין שולד. פון די אומרוען אין טעמפּל דערציילן דאָך די פיר עוואַנגעליע שרייבער אַליין. קאַיאַפאַס דער כהן גדול איז גאָר ניט געווען אַזאַ נאַר, אַז די שרייבער פון די עוואַנגעליעס זאָלן אים דאַרפן לערנען ווי צו מאַכן אַ קלאַגע קעגן איינעם וועלכן ער זוכט מיט אַלע מיטלען געריכטלעך אומברענגען. די שרייבער פון די עוואַנגעליעס האָבן אָנגעשריבן פון יעזוס באַפאַלן דעם טעמפּל, און האָבן עס גלייך באַלד פאַרגעסן. דער כהן גדול קאַיאַפאַס האָט אָבער דאָס ניט פאַרגעסן. עס איז געווען דאָס ערשטע און הויפּט באַשולדיקונג. קאַיאַפאַס האָט זיך ניט גענויטיקט צו זוכן פאַלשע עדות, ווארום ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל עדות וואָס האָבן דאָס אַלץ אַליין געזען. אויך איז געווען ניט נויטיק פאַר אים צוטראַכטן אומזיניקע באַשול־דיקונגען, ווען יעזוס איז געגומען געוואָרן אין אַקט פון אָנפירונג מיט אומרוען און צעשטערונג אין בית המקדש.

לוקאַס האָט פאַרשטאַנען די ניט־פאַסיקייט פון מאַרקוס און מאַתיא צו אויפברענגען דעם אינצידענט פון טעמפּל צום משפּט. מאַרקוס האָט געזוכט אָפּצוווענדן די טראַדיציע פון די טעמפּל אומרוען אויף אַ מעשה פון בויונג און צעשטערונג. מאַתיא האָט עס איבערגעשריבן. לוקאַס האָט געפונען פאַר מער פאַסיק אינגאַנצן אויסלאָזן דעם טעמפּל, אַפילו מיט די דריי טעג אויפבויונג.

יאָהאַן, וועלכער האָט געשריבן די 4טע עוואַנגעליע אין אַ צייט פון כמעט פיר דורות שפּעטער, האָט געלערנט פון לוקאַס אַז פאַרשווייגן אינ־גאַנצן העלפט ניט פיל: עס לעבט אין דער מינדלעכער טראַדיציע. דער

שטייגער פון מינדלעכער מסורה, אין דורות ווערט עס פאַרשפּרייט אין צאָליקע וואַריאַציעס, אַזוי איז געווען גרינג פאַר אים אַריינטראָגן זיין נוסח. אויב ניט פאַרשווייגן, דאַרף מען אָפּשטופּן דעם אינצידענט פאַר יאָרן צוריק. אַזוי ווי יאָהאַן שרייבט אין זיין עוואַנגעליע אַז יעזוס איז ניט געקומען דעם ערשטן מאָל אין ירושלים, נאָר ער האָט געהאַלטן אין גיין קיין ירושלים און קומען צוריק אין גליל. אַזוי, דעם עפּיזאָד פון דער רייניקונג פון בית המקדש שטופּט ער אָפּ צו אַ יאָר, צוויי אָדער דריי פריער פאַר זיין אַרעסט. אויך זאָגט ער אַז די יידן האָבן ביי יעזוסן געפרעגט פאַר אַ צייכן, האָט ער געזאָגט צעשטערט דעם טעמפּל און איך וועל אין דריי טעג צוריק אויפבויען. אויב אַזוי וואָרום זאָלן מאַרקוס און מאתיא זאָגן אַז מען האָט געבראַכט פאַלשע עדות וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן געהערט פון אים. לויט יאָהאַן האָט דאָך יעזוס דאָס געזאָגט פאַר פיל מענטשן, האָבן זיי דאָך געהערט, און זייער עדות איז אמת.

יאָהאַן 18:2. „דאַן האָבן די יידן געענטפערט און געזאָגט צו אים, וואָס פאַר אַ צייכן ווייזט דו צו אונדז, זעענדיק וואָס דו טוסט די זאַכן?״

פּש. דאָס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פון יעזוס מיניסטירונג, ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער רייניקונג פון טעמפּל וואָס איז פאָרגעקומען, לויט יאָהאַן, מיט דריי יאָר פריער איידער די דריי סינאָפּטישע גאָספּעלס גיבן אָן.

יאָהאַן 19:2. „יעזוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי, צעשטערט דעם טעמפּל, און אין דריי טעג וועל איך עס אויפשטעלן.״

פּש. די דריי סינאָפּטישע שרייבער האָבן ערגעץ ניט פאַרצייכנט אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט, זיי זאָגן אַז עס איז געווען אַ בילבול אויף יעזוסן אויף זיין משפּט פון פאַלשע עדות. אָבער יאָהאַנען איז געפעלן אַז יעזוס זאָל דאָס האָבן געזאָגט, לייגט ער דאָס אַריין אַביסל געאָנדערשט אין יעזוס מויל. אַזוי אין איינוועגס רייניקט ער די עדות אַז זיי זיינען ניט געווען פאַלש, יעזוס האָט דאָס געזאָגט; און ניט ווילענדיק, באַשולדיקט יאָהאַן די עוואַנגעליע שריי־בער אַז זיי אָן קיין שום גרונד האָבן באַשולדיקט די אמת זאָגענדיקע עדות אַז זיי זיינען פאַלש. יאָהאַן האָט דאָס גענומען פון די עדות, כדי ער זאָל קענען שרייבן אַז יעזוס האָט דאָס געזאָגט, ער האָט געמיינט דעם טעמפּל פון זיין קערפּער.

דער כהן קאיאפאס האָט געפרעגט דו הערסט וואָס די עדות זאָגן? וויבאַלד די עדות האָבן געזאָגט פאַלש, האָט דאָך יעזוס געקענט ענטפערן און זאָגן דעם אמת, די עדות זאָגן פאַלש, איך האָב אַזעלכע רייד קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט פון מיין מויל. וואָרום האָט יעזוס געשוויגן? אַ מענטש אפּענט־לעך דערקלערט אַז ער איז ניט געקומען צו ברייננען פרידן, נאָר אַ שווערד: האָט דאָך געקענט מיט שטאָלץ אָנווייזן אַז די עדות ריידן פאַלש. אָבער פון דער פאַרנעבעלדיקייט מיט וועלכער די עוואַנגעליע שרייבער פאַרוויקלען דעם משפּט וואָס איז געווען ניט מר ווי אַ פאַרהער לייטערט זיך דורך די היסטאָרישע ווירקלעכקייט. ווען מען האָט אויסגעפרעגט יעזוסן איבער דער

געשעעניש אין טעמפּל, האָט ער ניט געהאַט גאָר ניט צו זאָגן אין זיין פאַר־טיידיקונג, ער האָט דאָך דאָס ניט געקענט אָפּלייקענען. עס איז געווען אַן עפענטלעכער אַקט וואָס האָט געערדט פאַר זיך זעלבסט, האָט ער געשוויגן.

1) דזש. וו. דזשעק, אוטאָר פון „דער געשיכטלעכער קריסטוס", פרעגט נאַאיוו אויב יעזוס אַריינקומען איז געווען אַן אַקט פון געוואַלט, ווארום האָבן זיי אים געלאָזן פריי אויף אייניקע טעג און ניט אַרעסטירט אים, אויך אויב ער וואָלט ניט געווען קיין פרידלעכע פּראָצעסיע אין יעזוס אַריינקומען אין ירושלים, וואָלט דאָך דאָס געוויס אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויפן משפּט.

זייט 200. „איך קען מיר ניט פאָרשטעלן ווי אַזוי איז קיין רעפערענץ געמאַכט געוואָרן צו דעם אַריינקומען אין דעם משפּט פון יעזוס: אויב עס איז געמאַכט געוואָרן, וואָלט דאָך בשום אופן ניט אויסגעמידן געוואָרן די דערמאָנונג אין די רעקאָרדס אַזוי ווי מיר האָבן זיי. אַלץ דאָס באַווייזט דעם פרידלעכן כאַראַקטער פון דער פּראָצעסיע."

דערלאָזן אַז די פּראָצעסיע איז געווען פרידלעך, איז אָבער די פראַגע: איז די „רייניקונג" פון טעמפּל געווען פרידלעך? און די ביידע זאַכן זיינען אויפגענומען געוואָרן. אויך וואָלט זיך געוואָלט וויסן אין וועלכע רעקאָרדס וואָלט דאָס געווען פאַרצייכנט? אין די רעקאָרדס פון מאַרקוס און מאתיא, וועלכע דערמאָנען יאָ עטוואָס פון טעמפּל וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט ווי מען האָט געבראַכט יעזוס צום כהן און די ריכטער פון סנהדרין האָבן שוין געוואַרט, און גלייך אויפגעעפנט די ריכטלעכע סעסיע: קומט לוקאַס און לייקנט אָפּ, אַז עס איז ניט געווען קיינע נאַכט סעסיעס.

לוק. 66:22. „און אַזוי באַלד ווי עס איז געוואָרן טאָג, די זקנים פון פאָלק און די הויפּט כהנים און די סופרים זיינען געקומען צוזאַמען און האָבן אַוועק־געפירט אים אין זייער סנהדרין."

פּש. אַזוי ביז טאָג איז ניט געווען קיין משפּט. איז דאָך, לויט לוקאַס, דער משפּט פון דער נאַכט באַריכטעט ביי מאַרקוס און מאתיא — איז פיקציע.

יאָהאַן רעקאָרדירט אַז עס איז אינגאַנצן ניט געווען קיין שום יידיש משפּט, און זיכער ניט פון דעם סנהדרין. לויט יאָהאַן, ווען מען האָט אַרעסטירט יעזוס האָט מען אים אַוועקגעפירט צום כהן אננאס, וווּ עס איז פאָרגעקומען אַ קורצער פאַרהער פון כהן, פון דאָרטן האָט מען יעזוסן געבראַכט צום כהן גדול קאַיאַפאַס וועלכער האָט אים געשטעלט עטלעכע פראַגן, און אים גלייך אַוועקגעפירט צו פּילאַטוס. לויט יאָהאַן איז ניט געווען קיין משפּט פון סנהדרין, עס איז געווען נאָר איין משפּט פון פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס. אַזוי, אין וועלכע רעקאָרדס דערוואַרט ער צו געפינען די רעפערענץ?

| מאַרקוס | מאתיא |
|---|---|
| מק. 61:14. „אָבער ער האָט גע־ | מת. 63:26. „אָבער יעזוס האָט |

1) דניאל 13:7. „וארו עם ענני שמיא כבר אנש אתה הוא. — ערשט אויף וואָלקנס פון הימל איז אָנגעקומען אַזוי ווי אַ מענטשן־קינד."

האַלטן זיין פרידן, און האָט גאָרניט געענטפערט. ווידער האָט דער כהן גדול געפרעגט אים, און געזאָגט צו אים, ביסטו דער משיח, דער זון פון ברוך הוא (געבענטשן)? (62) און יעזוס האָט געזאָגט, איך בין: און איר וועט זען דעם בר אנש זיצנדיק אויף דער רעכטער האַנט פון מאַכט, און קומענדיק אין די וואָלקנס פון הימל.״

געהאַלטן זיין פרידן. און דער כהן גדול האָט געענטפערט און געזאָגט צו אים, איך באַשווער דיך ביי דעם לעבעדיקן גאָט, אַז דו זאָלסט אונדז זאָגן אויב דו ביסט דער משיח (קריסטוס) דער זון פון גאָט. (64) יעזוס האָט געזאָגט צו אים, דו האָסט געזאָגט: פון דעסטוועגן זאָג איך צו אייך, פון איצט אָן און ווייטער וועט איר זען דעם בר אנש 1) זיצענדיק אויף דער האַנט פון מאַכט, און קומענדיק מיט די וואָלקנס פון הימל.״

**ווי עס איז געבראַכט געוואָרן פריער, די וואַך האָט געהאַלטן יעזוסן אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס איז געוואָרן טאָג האָבן זיך פאַרזאַמלט די ריכטער פון סנהדרין, און מען האָט יעזוסן אַריינגעפירט. און מען האָט אים געפרעגט.**

## לוקאַס

לוקאַס 67:22. „ביסטו משיח? זאָג אונדז. און ער האָט געזאָגט צו זיי, אויב איך וועל אייך זאָגן וועט איר מיר ניט גלויבן: (68) און אויב איך וועל אייך אויך פרעגן, וועט איר מיר ניט ענטפערן, אויך ניט לאָזן גיין. (69) פון איצט אָן וועט דער בר אנש זיצן אויף דער רעכטער האַנט פון דער גבורה (מאַכט) פון גאָט. (70) דענסמאָל האָבן זיי אַלע געזאָגט, ביסטו דער זון פון גאָט? און ער האָט געזאָגט צו זיי, איר זאָגט אַז איך בין.״

**פש. מאַרקוס שרייבט אַז אויף דער פראַגע פון כהן גדול אויב ער איז משיח דער זון פון גאָט, האָט יעזוס געענטפערט באַשטימט אַז ער איז. מאתיא שרייבט אַז דער כהן גדול האָט באַשוואָרן יעזוסן און געפרעגט אים, אויב ער איז משיח, דער זון פון גאָט, האָט יעזוס ניט געגעבן אַ באַשטימטן ענטפער. ער האָט געענטפערט, „דו האָסט געזאָגט״, קען דאָס מיינען דו זאָגסט אַזוי, אָבער ניט איך; אויך קען עס מיינען, דו האָסט שוין אַליין געגעבן דעם ענטפער. אָבער אין אַ געריכט נעמט מען ניט אָן אַ צוויי־דייטיקן ענטפער. עס ווערט געפאָדערט פון דעם געמישפטן אַן אַנטשיידענער ענטפער: יע אָדער ניין.**

**די יידן האָבן זיך ערשט דערוווּסט פון יעזוסן ווען ער איז מיט טריומף אַריינגעקומען קיין ירושלים. די אויסגעשרייען פון יעזוס נאָכפאָלגער זיינען געווען: אַז יעזוס קומט אין נאָמען פון גאָט, געבענטשט איז די מלוכה פון דוד, דער גרויסער עולם האָט אים אָנגענומען פאַר דעם נביא פון נצרת. (מת. 21: 9־11); לויט לוקאַס, „געבענטשט איז דער מלך וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט.״ (לק. 36:19). אַזוי אַז יעזוסן האָט מען געוווּסט ווי אַ מלך אָדער נביא. משיח האָט דער כהן גדול און דער סנהדרין געקענט פאַרשטיין, ווארום**

עס זיינען געווען משיחים פאַר יעזוס צייט און אין יעזוס צייט: האָבן זיי געקענט פרעגן אויב ער איז משיח (קריסטוס): אָבער „גאָט׳ס זון" אין אמתן זין פון וואָרט, איז אַ פרעמד וואָרט אין יידישן לעבן. אַלע יידן האָבן זיך גערעכנט פאַר קינדער פון גאָט, און גאָט איז אַ פאָטער ווי צום איינצעלנעם אַזוי צום גאַנצן פאָלק. יעזוס אַליין ייד האָט זיך געקענט רופן גאָט׳ס זון און רופן גאָט פאָטער: דאָס באַצייכנט פרומקייט און גאָט באַהעפטונג. נאָר זון פון גאָט אין פיזישן זין איז לחלוטין פרעמד אין דער יידישער קאָנצעפּציע פון איר גלויבן. זון פון גאָט אין ווירקלעכן זין האָט זיך פאַררעכנט פאַר דער נידעריקסטער פאָרמע פון פּאַגאַניזם. יעזוס האָט זיך קיינמאָל דערקלערט צו זיין באמת גאָט׳ס זון, אַפילו זיין מוטער האָט ער אויפגענומען און געהאַלטן צו גלייך ווי אַלע מוטערס פון קינדער. „יעזוס דער זון פון גאָט" איז ערשט געקומען פון פּאולוסן, און עס איז געוואָרן די הויפּט דאָגמע פון קריסטלעכן גלויבן. אָבער אין יעזוס לעבן, ניט וואָס ער האָט זיך גערופן גאָט׳ס זון, אַפילו ניט משיח. ערשט אין צעזאַריאַ־פיליפּי האָט ער זיך דערקלערט אַליך משיח, און דאָס אויך אָנגעזאָגט צו האַלטן בסוד. פון סוף פון ערשטן יאָר־הונדערט ביז דעם סוף פון צווייטן יאָר־הונדערט איז דער פּעריאָד אין וועלכן די עוואַנגעליעס זיינען געשריבן געוואָרן. דאַן איז יעזוס, דער זון פון גאָט, געוואָרן דער עיקר פון דער קריסטלעכער דאָקטרינע. אַזוי קומען די עוואַנ־געליע שרייבערס מיט זייערע טעאָלאָגיעס פון צווייטן יאָר־הונדערט צו כהן גדול קאַיאַפאַס און צום סנהדרין אַז זיי זאָלן פרעגן „ביסטו דער זון פון גאָט?"

לוקאַס זאָגט אויך אַז יעזוס האָט ניט געגעבן קיין באַשטימטן ענטפער, ער האָט געזאָגט: „איר זאָגט אַז איך בין". דעם ענטפער קען מען אָננעמען פאַר אַ נעגאַטיוון, אַז עס איז געווען ניין. דריי שרייבערס באַריכטן פון אַ וויכטיקן היסטאָרישן פּראָצעס, דער וויכטיקסטער פּונקט אין פּראָצעס איז אויב יעזוס האָט זיך דערקלערט שולדיק אָדער ניט: איז איינער זאָגט אַז ער האָט געענטפערט פּאָזיטיוו אַז ער איז משיח, דער צווייטער שרייבט אַז דער ענטפער איז געווען אומבאַשטימט, דער דריטער, אַז יעזוס האָט ניט געגעבן אַ קורצן ענטפער, ווי מק. און מת. באַריכטן, נאָר אַ גאַנץ לאַנגן ענטפער, וועלכער פּאַסט זיך אינגאַנצן ניט אַריין אין אַ משפּט. אויף דער פראַגע „ביסטו קריסטוס?" האָט יעזוס געהאַט צו ענטפערן יאָ, אָדער ניט. אָבער לויט לוקאַס רעדט יעזוס ווערטער וועלכע דערהאַלטן ניט אין זיך צופיל שכל. ער זאָגט „אויב איך וועל אייך זאָגן וועט ער מיר ניט גלויבן." עס איז דאָך אַ געריכט פון איין און זיבעציק ריכטער, יעדער ריכטער דאַרף אָפּגעבן זיין שטימע אויב ער געפינט שולדיק, אָדער ניט; פון וואַנען ווייסט יעזוס אַז זיי אַלע וועלן ניט גלויבן? אויך זאָגט יעזוס „אויב איך וועל אייך פרעגן וועט איר מיר ניטש ענטפערן". פון וואַנען ווייסט ער אַז ניט? ער ענדיקט „און איר וועט מיך ניט לאָזן גיין". געוויינלעך אַז ווען איינער שטייט פאַר אַ משפּט איז ער אונטערוואָרפן צו דער פּאָליציייאישער מאַכט ביז דער געריכט וועט אים באַפרייען. דער באַשולדיקטער מוז וואַרטן ביז די ריכטער וועלן באַשטימען

זיין אורטייל. נאָך אַלעמען, יעזוס איז אַריינגעקומען אין ירושלים אַלץ משיח. זיין משיחיזם איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן: ווארום זאָל יעזוס, שטייענדיק אין העכסטן געריכט, ניט צוגעבן אַז ער איז משיח? ווארום גיט ער אָן אַזעלכע אויסמיידנדיקע ענטפערס?

עס ווייזט אַז די שרייבערס האָבן ניט געהאַט קיינע רעקאָרדס. יעדער שרייבער האָט רעקאָרדירט נאָך זיין אייגענעם פאַרשטאַנד וואָס יעזוס האָט געדאַרפט ענטפערן. מאַרקוס און מאתיא גיבן איבער אַז יעזוס האָט פאַר די ריכטער פון משפּט ציטירט אַ טייל פון אַ זאַץ פון תהלים 1:110 און אַ טייל פון דניאל 13:7. לוקאַס אַז יעזוס האָט נאָר ציטירט תהלים (1:110) „לאדני שב לימוני" — צו מיין האַר זיץ ביי מיין רעכטער האַנט.

מאַרקוס 63:14. „דענסמאָל האָט דער כהן צעריסן זיינע קליידער, און געזאָגט, וואָס נייטיקן מיר זיך אין ווייטערדיקע עדות? (64) איר האָט געהערט די לעסטערונג: וואָס דיינקט איר? און זיי אַלע האָבן אים פאַראורטיילט אין זיין שולדיק צום טויט."

מאתיא 65:26. „דענסמאָל האָט דער כהן גדול צעריסן זיינע קליידער, זאָגענדיק, ער האָט גערעדט לעסטערונג; וואָס ווייטער נייטיקן מיר זיך אין עדות? זעט, איצט האָט איר געהערט די לעסטערונג. (66) וואָס דיינקט איר? זיי האָבן געענטפערט און געזאָגט, ער איז שולדיק אין טויט."

לוקאַס 71:22. „און זיי האָבן געזאָגט, וואָס נייטיקן מיר זיך אין ווייטערדיקע עדות? ווארום מיר האָבן געהערט פון זיין אייגן מויל."

**פש. מאַרקוס און מאתיא כמעט ווערטערלעך ענלעך שרייבן אַז די נאַכטיקע סעסיע פון דעם סנהדרין האָבן איינשטימיק געפונען יעזוסן שולדיק און אים פאַראורטיילט צום טויט.**

די ביידע אַוטאָרס פון דער ערשטער און צווייטער עוואַנגעליעס באַנוגענען זיך ניט מיט דעם אַליין: זיי האַלטן פעסט זייער קרבן דעם סנהדרין און לאָזן אים ניט אָפּ. עס איז ניט גענוג פאַר זיי: וואָס זיי האָבן געבראַכט דעם סנהדרין אין דער פסחדיקער נאַכט פון סדר, און דער סנהדרין האָט אַרויסגעטראָגן דעם טויט אורטייל. נאָר די אַוטאָרס האַלטן איין און זיבעציק ריכטער ביז דעם סוף פון דער נאַכט, ביז מאָרגן אין דער פרי; און דענסטמאָל האָבן זיי געעפנט די צווייטע סעסיע און באַשלאָסן צו איבערגעבן אים צום פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס.

עס איז אַ טראַגישער סאַרקאַזם, איין און זיבעציק ריכטער פון העכסטן געריכט פון לאַנד גייען אַרום אין דעם מיטן פון דער נאַכט צו זוכן עדות, מען פרעגט אויס יעזוסן, דער כהן צערייסט אויף זיך זיינע קליידער, מען טראָגט אַרויס אַ טויט אורטייל: צום סוף לאָזט זיך אויס אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויף כלומרשט: מען מאַכט אַ צווייטע אסיפה (סעסיע), און די באַרג געבערט אַ מויז, מען באַשליסט אים אָפּשיקן צו פּילאַטוסן.

מאַרקוס 1:15. „און גלייך באַלד אין דער פרי האָבן די הויפּט כהנים געהאַלטן אַ באַראַטונג (קאָנסולטאַציע) מיט די זקנים און סופרים און דער

גאַנצער סנהדרין, און האָבן געבונדן יעזוסן, און אים אַוועקגעטראָגן, און אים איבערגעגעבן צו פּילאַטוסן.״

מת. 1:27. „ווען דער מאָרגן איז געקומען, אַלע הויפּט כהנים און **זקנים** פון פאָלק האָבן געעפנט געריכט (גענומען קאָנסיל) קעגן יעזוס צו איבערגעבן אים צום טויט.״

דריי אַוטאָרס שרייבן פון דעם וויכטיקסטן עפּיזאָד פון יעזוסן און פון קריסטלעכן גלויבן: דאַרף דאָך דערוואַרט ווערן אַז זיי וועלן זיך באַמיען צו איבערגעבן די וויכטיקע געשעעניש אַזוי געשיכטלעך ווי מעגלעך, האַלטן זיך נאָענט צום אמת פון דאָס פאָרגעקומענע. אַמווייניקסטן, אויב זיי האָבן ניט באַזעסן קיינע היסטאָרישע פאַקטן, האָט מען געקענט דערוואַרטן זיי זאָלן שטודירן די מינדלעכע טראַדיציע צו מאַכן עס נאָענט צו דערווירקלעכקייט. די דריי שרייבער האָבן געשריבן און איבערגעשריבן איינע די אַנדערע, אויב זיי וואָלטן פאַרמאָגט אָדער געשטיצט זיך אויף וועלכע עס איז קוואַלן וואָלטן זיי געהאַט אַן ענלעכע רעקאָרדירונג. אָבער וואָס זעט מען, מאַרקוס און מאתיא זיינען ענלעך אַז דער סנהדרין האָט געהאַט איין זיצונג אין מיטן פון דער נאַכט אין וועלכער ער איז איינשטימיק פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט; אין דער פרי האָט דער סנהדרין ווידער געעפנט דאָס געריכט זיצונג „צו איבערגעבן אים צום טויט״. אָבער דער אַוטאָר פון דער דריטער גאָספּעל, לוקאָס שרייבט ניט פון אַ נאַכטיקן משפט, נאָר דער סנהדרין האָט זיך איינ־געזאַמלט אין דער פרי. איך האָב דאָס שוין פריער געבראַכט, נאָר איך מוז דאָס ווידערהאָלן.

לוק. 66:22. „און אַזוי ווי עס איז געוואָרן טאָג, די זקנים פון פאָלק און די הויפּט כהנים און די סופרים זיינען צוזאַמען געקומען, און אַריינגעפירט אים אין זייער סנהדרין (קאָנסיל).״

לוקאָס באַנוצט אויך די זעלביקע שפּראַך פון די ערשטע אַוטאָרס, איז דאָך דאָס אַ סימן אַז ער האָט זיי געלייענט, איז וואָרום האָט ער נאָר איין מישפּט וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער פרי? לוקאָס האָט פאַרשטאַנען די אוממעגלעכקייט און, מען מעג זאָגן, די זינלאָזיקייט פון אַזאַ זאַך, אַז אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט, אין אַ נאַכט פון יידישן פסח וואָס עס ווערט דורכגעפירט אין גרויס צערעמאָניע, מען זאָגט און מען לייענט ספּעציאַלע טראַדיציאָנעלע דערציילונגען און תפילות פון באַפרייונג, און הימנען פון תהלים. אויך יעדער ייד דאַרף עסן פון דעם קרבן פסח. די סעודה וואָס ווערט גערופן סדר ציט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט, זעלבסט פאַרשטענדלעך אַז אין דער נאַכט איז אוממעגלעך געווען צו איינזאַמלען די איין און זיבעציק ריכטער פון סנהדרין, און אין דער פרי האָבן אַ צווייטע זיצונג. דעריבער האָט ער פּשוט אַן צערעמאָניעס אָפּגעוואָרפן די נאַכט זיצונג פון די ערשטע צוויי, און שרייבט אַז אין דער פרי האָט זיך פאַרזאַמלט דער סנהדרין און מען האָט אַריינגעפירט אַהין יעזוסן.

קומט דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע יאָהאַן (דזשאָן) און ער

וואַרפט אָפּ די באַשרייבונגען פון מאַרקוס, מאתיא און לוקאַס. לויט יאָהאַנען איז אינגאַנצן ניט געווען קיין משפט פון סנהדרין: ניט וואָס אין דער נאַכט, נאָר אַפילו ניט אין דער פרי. ער זאָגט אַז ווי מען האָט אַרעסטירט יעזוסן אַזוי האָט מען אים גלייך אַוועקגעפירט צום כהן אננאַס וועלכער האָט אויס־געפרעגט יעזוסן; און יעזוס האָט פריי גערעדט אין זיין פאַרטיידיקונג. אננאַס האָט דערנאָך אַוועקגעשיקט יעזוסן צו דעם כהן גדול קאַיאַפאַס. יאָהאַן באַ־ריכטעט ניט אַז קאַיאַפאַס זאָל אַפילו אויספרעגן יעזוסן. ווי עס ווייזט אויס האָט זיך קאַיאַפאַס באַנוגענט מיט דעם רעפּאָרט פון כהן אננאַס. און מען האָט יעזוסן אָפּגעפירט צום זאַל פון גערעכטיקייט, דאָס איז געווען די קאַמער פון גערעכטיקייט וווּ פילאַטוס האָט געהאַלטן זיינע מישפּטים.

שטייען מיר פאַר דער רעטעניש: וואָס איז פאָרגעקומען מיט יעזוסן ווען מען האָט אים אַרעסטירט? מאַרקוס און מאתיא אין דעם פאַל קענען פאַר־רעכנט ווערן פאַר איינעם: ווייל דער ערשטער, מאַרקוס, האָט געשריבן און מאתיא האָט אים קאָפּירט כמעט וואָרט אין וואָרט. לויט דיביידע האָט דער סנהדרין געהאַט צוויי משפטים — איינעם ביינאַכט און דעם אַנדערן אין דער פרי; לויט לוקאַסן איז געווען איין משפט פון סנהדרין אין דער פרי; לויט יאָהאַנען איז ניט געווען קיינע משפטים ניט ביי נאַכט און ניט אין דער פרי: עס איז נאָר געווען אַ פאַרהער פון כהן אננאַס (חנן), וועלכער האָט נאָך דעם פאַרהער אָפּגעשיקט יעזוסן צו קאַיאַפאַס. קאַיאַפאַס האָט דורך זיין אַדמי־ניסטראַטיווער אַווטאָריטעט אים אָפּגעשיקט צו פילאַטוסן.

לייענענדיק די פיר עוואַנגעליעס בלייבן מיר שטיין פאַר דער ניט־געלייזטער פראַגע, ווער פון די פיר איז מער באַגלויבט, און וועמענס באַריכט זאָלן מיר אָננעמען? דער מערסטע שרייבער, אַפילו פון דער העכערער קרי־טיק פון נייעם טעסטאַמענט, זיינען געבייגט צו אָננעמען די באַריכטן פון מאַרקוס און מאתיא, ווייל עס ווילט זיך זיי ניט אויפגעבן אַזאַ טייערן מאַטע־ריאַל קעגן די יידן, ווי די משפטים פון סנהדרין. אָבער אין דער זעלביקער צייט מוזן זיי דאָך צוריקווייזן די פּערטע גאָספּל, און טיילווייז די דריטע: זיינען דען זיי ניט אַזוי אינספּירירט ווי די ערשטע צוויי?

יאָהאַן 12:18. „דאַן די מחנה און דער קאַפּיטאַן און די אָפּיצערן פון די יידן האָבן גענומען יעזוסן, און אים געבונדן."

יאָהאַ 13:18. „און אים אַוועקגעפירט צום ערשט צו אננאַס (חנן); ווארום ער איז געווען דער שווער פון קאַיאַפּס, וועלכער איז געווען דער כהן גדול דעם זעלבן יאָר."

יאָהאַן 19:18. „דער כהן־גדול האָט דאַן געפרעגט יעזוס אויף זיינע תלמידים און אויף זיין דאָקטרינע."

יאָה. 20:18. „יעזוס האָט אים געענטפערט, איך האָב אָפן גערעדט צו דער וועלט; איך האָב שטענדיק געלערנט אין די סינאַגאָגעס און אין בית המקדש, ווו די יידן געפינען זיך שטענדיק, און אין דער שטיל האָב איך גאָר ניט גערעדט."

יאָה. 21:18. „וואָרום פרעגסטו מיך? פרעג זיי וועלכע האָבן מיך גע־הערט, וואָס איך האָב געזאָגט צו זיי: זע, זיי ווייסן וואָס איך האָב געזאָגט."

יאָה. 24:18. „אַצונד האָט חנן (אננאס) געשיקט אים געבונדן צו קאַיאַפאַס דעם כהן גדול."

יאָה. 28:18. „דאַן האָבן זיי געפירט יעזוסן פון קאַיאַפאַס צו דעם זאַל פון גערעכטיקייט."

לויט יאָהאַנען האָט אננאס געפרעגט יעזוסן ער זאָל אים דערציילן פון זיינע תלמידים און פון זיין דאָקטרינע, אָבער ער, יעזוס, האָט אים גאָר ניט געזאָגט פון זיין דאָקטרינע און וואָס ער פריידיקט. יעזוס האָט די פראַגע פון אננאס פאַרשוויגן און נאָר עמפאַזירט אַז ער האָט ניט געזאָגט אין דער שטיל און אָפן געפריידיקט. יעזוס ענטפער וואָלט ניט אָנגענומען געוואָרן אין יעדן געריכט אָדער פאַרהער, עס וואָלט ניט אָנגענומען ווערן פאַר אַן ענטפער, און פאַרשטאַנען געוואָרן אַז דער באַשולדיקטער זוכט צו אויסמיידן אַ גלייכן ענטפער. ווען מען שטעלט אַ פראַגע דעם אָנגעקלאָגטן איז צו דערוואַרטן אַז דער אָנגעקלאָגטער זאָל ענטפערן, און ניט ער זאָל שיקן צו אַנדערע זיי זאָלן ענטפערן. ער זאָגט פרעג די צו וועלכע איך האָב גערעדט. דער פאַרהער האָט דאָ ניט אַנוועזנט די הערער, און מען קען זיי ניט פרעגן, און פון זיין דאָקטרינע קען ער דאָך בעסער דערקלערן ווי זיינע צוהערער.

לויט יאָהאַנען זיינען ניט געווען קיינע עדות, ניט פאַלשע און ניט אמתע. עס איז ניט פאָרגעבראַכט געוואָרן אַזאַ באַשולדיקונג, ווי פון צעשטערן און אויפבויען דעם בית המקדש; אויך קיינער האָט ניט געפרעגט יעזוסן אויב ער איז משיח אָדער גאָט'ס זון. דעם אויספרעגן האָט געטאָן דער כהן אננאס און ניט דער כהן גדול קאַיאַפאַס. קומט אויס אַז קאַיאַפאַס קליידער זיינען גאַנץ, ער האָט זיי ניט צעריסן; עס איז ניט געווען קיין מישפט, און יעזוס האָט ניט געענטפערט מיט ווערטער פון תהלים און דניאל, ממילא איז אים געווען פאַרשפאָרט צו רייסן די קליידער.

יאָהאַן קען ניט באַשולדיקט ווערן אַז ער האָט געזוכט צו רייניקן דעם סנהדרין און אויך די יידן, ער האָט זיך פאַרנומען צו וואַרפן די שולד אויף די יידן פון יעזוס קרייצונג אין אַ גרעסערער מאָס ווי די אַנדערע אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס. פאַר אים איז געווען באַוווסט די ניט געשיכט־לעכקייט פון סנהדרין־משפט, און דער געשיכטלעכער פאַקט אַז פאַנטיוס פילאַטוס האָט פאַרמשפט יעזוסן צו קרייציקונג. זיין צוועק איז געווען דעם משפט און אורטייל פון פילאַטוסן אַרויפוואַרפן אויף די יידן, אַז די יידן האָבן געצוווּנגען פילאַטוסן קעגן זיין ווילן אַרויסטראָגן דעם אורטייל. וואָרום אויב אַ געריכט זאַמלט זיך אויף, און טראָגן אַרויס אַ טויט אורטייל: וואָלט ניט געדאַרפט פאַרקומען אַ צווייטער משפט.

אין דער יידישער, און וועלטלעכער ליטעראַטור געפינט זיך גאָר ניט וועגן יעזוסן און ניט פון קיינע משפטים, יידישע אָדער רוימישע; די איינציקע קוואַלן זיינען די דריי עוואַנגעליעס וועלכע דערציילן ווי אַזוי יעזוס איז

געמישפט געוואָרן פון יידישן העכסטן געריכט וואָס האָט זיך גערופן סנהדרין וואָס נעמט זיך פון גריכישן וואָרט סענדריאָן. געשיכטלעכע שרייבונגען גיבן איבער פון מענטשן און עפּיזאָדן און אומשטענדן וועלכע האָבן עקזעס־טירט אין לעבן. דער ערלעכסטער שרייבער איז ניט באַגלויבט ווען ער פּראָדוצירט ניט געשיכטלעכע באַווייזן, אָדער דאָקומענטן, בריף אָדער וועלכע עס איז באַשטעטיקונגען. געשיכטע גלויבט ניט דעם שרייבער אויף זיין וואָרט. אויב ער שרייבט אָן באַווייזן איז דאָס פיקציע, עס הייסט אַז דער שרייבער באַזיצט ניט קיין געשיכטלעכע דאָקומענטאַציע, נאָר שרייבט פון זיין פאַנ־טאַזיע אַז די זאַכן זאָלן אַזוי געשען ווי ער זעלבסט געפינט פאַר נייטיק.

די פיר עוואַנגעליעס זיינען געשריבן געוואָרן צענדליקער יאָרן און אויך איבער הונדערט יאָר נאָך דער פּאַסירונג. די איינציקע קוואַלן זיינען מינד־לעכע איבער־געבונגען. לויט די עוואַנגעליעס זעלבסט ווען יעזוס איז אַרעסטירט געוואָרן, זיינען זיך אַלע תלמידים צעלאָפן, נאָר פּעטרוס אַליין איז נאָכגעגאַנגען און אַריינגעקומען אין די קאָרידאָרן פון כהן־גדול קאַיאַפאַס וווהין מען האָט יעזוסן געבראַכט. אָבער עס איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט אויף פּעטרוסן אַז ער איז איינער פון יעזוס נאָכפאָלגער: און פּעטרוס האָט אויך געמוזט אַנטלויפן. יעזוס איז געבליבן אַליין, קיינער איז ניט געווען פון זיינע באַענטע. זיינע תלמידים און נאָענטע נאָכפאָלגער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ געוויסער הויז, און זיינען דאָרטן געבליבן פאַרשלאָסענע און זיינען ניט אַרויס געגאַנגען פאַר דער מורא אויך צו ווערן אַרעסטירט. עס איז קיינער ניט געווען וואָס זאָל עפּעס הערן אָדער זען וואָס עס קומט פאָר. די איינציקע באַווייזן וואָלטן גע־קענט זיין די פאַרשריבענע רעקאָרדס פון מישפט, האָבן די עוואַנגעליע שרייבער ניט געהאַט זיי אין זייער באַזיץ אין אַ צייט פון הונדערט יאָר שפּעטער. יענע רעקאָרדס גיבן איבער די פראַגן וואָס מען האָט יעזוסן געשטעלט, יעזוס ענטפער, און די באַווייזן פון די עדות. דאָרטן איז פאַרשריבן וואָס מען האָט געפרעגט; זיינען די פראַגן אַזעלכע און ניט קיין אַנדערע. יעזוס ענטפערס האָבן געקענט זיין נאָר די וואָס זיינען געווען פאַרשריבן און ניט דריי אָדער פיר פאַרשידענע ענטפערס און רייד. די רייד פון כהן גדול זיינען געווען אַזוי און ניט אַנדערש. עס וואָלט ניט געקומען צו אַזאַ קאָנפוזיע אין די שרייבונגען אין די עוואַנגעליעס.

די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס שרייבן אין לענדער ווייט פון יהודה, זיי קענען ניט די שפּראַך אויף וועלכער יעזוס האָט גערעדט, עס איז געשריבן געוואָרן אין גריכיש. די שרייבער ווייזן אַרויס אַ גרויסע אומקענטעניש פון דעם לאַנד יהודה, זיי איז פרעמד יידיש לעבן און געשיכטע פון יענער צייט, אַבסאָלוטער אומוויסן פון יידישן גייסטיקן לעבן, פון יידישע געזעצן און דינים, פון יידישע געשיכטלעכע און געריכטלעכע אינסטיטוציעס, פון יידישער יוריספּרודענץ, פון יידישע קאָנסטיטוציאָנאַלע געזעצן און די פּראַקטיצירונג פון די געזעצן. זייער שרייבן איז נאָר דיקטירט פון זייער פאַנטאַזיע, זייער צוועק איז רייניקן די רוימער און וואַרפן די שולד פון יעזוס טויט נאָר אויף

די יידן. יעדער שרייבער האָט זיך זיין אייגענע פאַנטאַזיע, באָרגט ער אַן אידייע פון אַ פריערדיקן אויטאָר און שרייבט נאָך זיין אייגענעם באַגער און פאַרשטעלונגס קראַפט.

מיר וועלן זיך באַקענען מיט די געשיכטלעכע יידישע געריכטלעכע אינסטיטוציעס, מיט די קאָנסטיטוציאַלע געריכטלעכע געזעצן פון יענער צייט. דאָס העכסטע לעגיסלאַטיווע און געזעצשאַפנדיקע אינסטיטוציע, און אויך דער העכסטער געריכט אין לאַנד איז געווען דער סנהדרין. דער גרויסער סנהדרין איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציק מיטגלידער אָדער זקנים. זיי זיינען באַשטאַנען פון די גרעסטע געלערנטע, פון שטאַטס מענער און אָנגע־זעענע מענער פון לאַנד. דער הויפּט פון סנהדרין איז געווען דער פּאָרזיצער אָדער דער פּרעזידענט, דער אַב בית־דין איז געווען אַן אַמט ווי פון אַ וויצע פּרעזידענט.

די זיץ־פּלעצער אין געריכטס זאַל זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ לייגלעכן האַלבן צירקל, אין דעם אויסזען פון אַ פערד־שוך. עס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַזוי כדי יעדער איינצעלנער מיטגליד זאָל קענען זען אַלע אַנדערע מיטגלידער. אין אויבן פון האַלבן קרייז זיינען געזעסן דער פּרעזידענט און דער וויצע פּרעזידענט. צוויי שרייבער זיינען געווען פון רעכטס און לינקס. איינער האָט געדאַרפט שרייבן די רייד פון דער פאַר־טיידיקונג, דער אַנדערער פון דער באַשולדיקונג. אַ דריטער שרייבער האָט פאַרשריבן די רייד פון ביידן, פון דער באַרטיידיקונג און פון דער באַשול־דיקונג. דער געזעץ האָט געלויטעט אַז אַ ריכטער פון סנהדרין וואָס זאָגט זיך אַרויס לזכות (אין פאַרטיידיקונג) קען זיך מיינונג ניט בייטן, זיין שטימע מוז גיין פאַר דער באַפרייאונג. אָבער דער ריכטער וואָס זאָגט זיך אַרויס פאַר שולדיק האָט ער דאָס רעכט צו בייטן זיין מיינונג און קען שטימען פאַר ניט שולדיק.

ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן די אָפּשטימונג, האָבן געדאַרפט שטימען צו ערשט די יינגערע, די נייע מיטגלידער, אַזוי כסדר ביז צו די עלטסטע. די אורזאַך פון דערויף אַז די יינגערע זאָלן ניט ווערן באַווירקט פון די עלטערע, כדי זיי זאָלן שטימען נאָך זייער אייגענער מיינונג.

די זיצונגען זיינען פאָרגעקומען נאָר בייטאָג, פון ערשטן קרבן תמיד ביז לעצטן. אַ שטערן דינער, אַ פאַלשן נביא, אַ כהן גדול האָבן געקענט געמשפּט ווערן נאָר פון דעם גרויסן סנהדרין פון 71.

משנה סנהדרין 5:1. „אין דנין לא את השבט, ולא את נביא השקר, ולא את כהן־גדול, אלא אל פי בית־דין של שבעים ואחד.“ דעריבער האָט יעזוס געדאַרפט געמשפּט ווערן פון דעם גרויסן סנהדרין פון 71.

אויב דער אָנגעקלאָגטער ווערט פאַראורטיילט איינשטימיק, און קיינער איז ניט פאַר אומשולדיק, דאַרף דער אָנגעקלאָגטער באַפרייט ווערן, איבער דערויף וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט ניט געהאַט קיין שום געלעגנהייט פון פאַרטיידיקונג, ער האָט ניט געהאַט קיין איין צד אין געריכט זאָל אויפטרעטן

לזכות. דעריבער, ווי די עוואַנגעליעס גיבן איבער, אַז אַלע האָבן אים דער־קלערט שולדיק, איז יעזוס אַווטאָמאַטיש געזעצלעך געוואָרן פריי.

די אורזאַכע איז וואָס די שרייבער פון די עוואַנגעליעס זיינען ניט געווען יידן, האָבן ניט געהאַט קיין אַנונג פון יידישער יוריספּרודענץ, פון יידישער געריכטלעכקייט. זיי האָבן געהאַט די טראַדיציע אַז מען האָט יעזוסן געבראַכט צו דעם כהן גדול. דאָס איבעריקע, די באַשריבענע משפּטים, זיינען אַ פּראָ־דוקט פון אַ ניט גוט מיינענדיקער צעפלאַמטער פאַנטאַזיע.

פאַר אַנדערע פאַלן, חוץ די וואָס זיינען אויסגערעכנט אויבן, וואָס די שטראָף קען זיין טויט, ווערן געמשפּט פון אַ סנהדרין (קאָונסיל) פון 23; פאַר קלענערע קרימינאַלע און ציווילע פאַרברעכנס זיינען געווען קלענערע גע־ריכטן, געריכטן פון פינף און דריי ריכטער.

איך ברענג דאָ די דינים ווי אויסצופירן די טויט־שטראָף פון פאַר־שטיינען.

משנה סנהדרין, פרק 5. — ווען מען פירט אַרויס דעם פאַראורטיילטן צו פאַרשטיינען אויף דעם עשאַפאָט פון פאַרשטיינונג (סקילה), שטייט אַ מאַן אויפן אַריינגאַנג פון דעם הויז פון בית־דין (קאָורט), אַ קליינע פאָן אין זיין האַנט. אַ רייטער זיצט אויף אַ פערד ווייט אַוועק, ביז ער זאָל זען דעם מאַן מיט דער פאָן נעבן דער הויז פון בית דין. אויב עס געפינט זיך איינער וואָס זאָגט אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן אין זכות פון פאַראורטיילטן, הויבט אויף דער מאַן די טוך־פאָן, עס איז אַ צייכן צום רייטער, דער רייטער לויפט און שטעלט אָפּ דאָס טויט אויספירונג און מען פירט דעם פאַראורטיילטן צוריק צום בית־דין. אַפילו ווען דער פאַראורטיילטער אַליין זאָגט „איך האָב עפּעס אויפברייננגען פאַר מיין פאַרטיידיקונג,״ קערט מען אים צוריק צום בית־דין פון סנהדרין. דאָס האָט ער אַ רעכט צו אויפברייננגען פינף מאָל פאַר זיין פאַרטיידיקונג. אויב דער געריכט געפינט ממשותדיקעס אין זיין פאַרטיידיקונג האָבן זיי אַ רעכט צו אָפּוואַרפן זיין טויט־אורטייל און צו באַפרייען אים.

אין פאָרויס דער פּראָצעסיע צום טויט־אויספירונג גייט אַן אַרויסרופער און שרייט אויס, אַט דער מאַן דער זון פון דעם, גייט צו ווערן פאַרשטיינט, פאַר דער און דער שולד, די און די האָבן עדות געזאָגט. ווער עס ווייסט עפּעס אין זיין זכות זאָל ער זיך מעלדן און זאָגן! ווען דער פאַראורטיילטער קומט אין צען איילן ווייט פון דעם פאַרשטיינונג פּלאַץ, שטעלט מען זיך אָפּ און מען זאָגט אים: דער וואָס איז זיך מתודה האָט אַ חלק אין דער קומענדיקער וועלט (עולם־הבא). אויב ער ווייסט ניט ווי צו מתודה זיין זיך, זאָגט מען צו אים, זאָג: „זאָל מיין טויט זיין אַ כפּרה אויף אַלע מיינע זינד — תהא מיתתי כפּרה על כל עונותי.״

די עוואַנגעליע שרייבער ווייסן לחלוטין ניט פון די אָנגענומענע געזעצן וועגן סקילה. זייער פאַרשטעלונג פון פאַרשטיינען נעמען זיי פון די באַשריי־בונגען פון דער ביבל וואָס איז געווען איבער טויזנט יאָר אַלט, אַז מען פירט אַרויס דעם פאַראורטיילטן אויסן שטאָט, און דער המון נעמט שטיינער און

ווארפן אין אים ביז ער ווערט דער שלאָגן צום טויט. דאָס ווייזט אַז די שרייבער פון די עוואַנגעליעס זיינען ניט געווען יידן. ווארום דער פשוטסטער ייד האָט געוווּסט אין זיין צייט דעם אופן פון פאַרשטיינען.

עס זיינען געווען פיר אופנים פון טויט שטראָף. דאָס ערשטע סקילה האָבן מיר באַשריבן, דאָס צווייטע שרפה, מיינט ניט פאַרברענען אויף אַ שייטער, נאָר דורך אַריינגיסן אין האַלדז הייסן צעשמאָלצענעם מעטאַל וואָס ברייננגט דעם טויט; דאָס דריטע דורך דעם שווערד, עס מיינט קעפּן, און דאָס פערטע חנק איז אויפהייננגען. עס זיינען געווען געזעצן פאַר וועלכע פאַר־ברעכנס קומט דער אופן פון מיתה.

אין געריכט האָבן די ריכטער פון בית־דין געדאַרפט גוט אויספרעגן און אויספאָרשן די עדות. דער ריכטער וואָס האָט פיל און פאַרשטענדיק אויס־געפרעגט די עדות איז געווען געלויבט. די עדות האָבן געמוזט זיין אויגן־עדות, אומשטאַנדס באַווייזן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. דער עדות האָט געדאַרפט אָנגעבן אין וועלכער שמיטה, וועלכן יאָר, וועלכן חדש, וויפיל טעג אין חדש, דעם נאָמען פון טאָג, און אין וועלכער שעה, און אין וועלכן אָרט.

משנה סנהדרין, פרק ה. „היו בודקין אותן בשבע חקירות: באיזו שבוע, באיזו שנה, באיזו חדש, בכמה בחדש, באיזו יום, באיזו שעה, באיזו מקום.״

דעריבער אויב די שרייבערס פון די עוואַנגעליעס וואָלטן געהאַט וועלכע עס איז דאָקומענטאַציע פון משפט וואָלטן זיי געוווּסט פינקטלעך אין וואָס פאַר אַ יאָר, חדש און טאָג עס איז פאָרגעקומען. און אויב מאַתיא וואָלט געווען מאַתיא דער תלמיד פון יעזוס וואָס איז געווען אַ באַאַמטער אין רוימישן צינזן דעפּאַרטמענט, וואָלט ער באַזעסן די פּינקטלעכקייט פון זיין אַמט צו פאַר־שרייבן די צינזן פון יעדן יאָר און די צייט ווען עס איז באַצאָלט געוואָרן; וואָלט ער ניט פאַרפעלט צו שרייבן די צייט פון משפט.

זאָל ניט געמיינט ווערן אַז דער סנהדרין האָט אָפּט אַרויסגעטראָגן טויט אורטיילן. עס ווערט דערציילט אַז אַ סעסיע פון סנהדרין האָט אַרויס־געטראָגן אַ טויט אורטייל, און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. דאָס איז געווען דער ערשטער טויט אורטייל אין זיבעציק יאָר, האָט מען דעם סנהדרין גערופן דער מערדערישער סנהדרין (סנהדרין קטלית).

אויך ווערט דערציילט פון ר׳ אליעזר בן צדוק אַז עס האָט געטראָפן מיט אַ כהנ׳ס טאָכטער וועלכער מען האָט באַשולדיקט אין זנות, מען האָט איר געפונען שולדיק און זי איז פאַרברענט געוואָרן. האָט מען אים געזאָגט אַז עס איז געווען איבער דערויף וואָס איז געווען ניט קיין געניטער סנהדרין. אַ סנהדרין מיט געניטע געלערנטע ריכטער וואָלט ניט אַרויסגעטראָגן קיין טויט אורטייל.

דער מלך הורדוס דער ערשטער האָט זיך פאַרנומען צו מאַכן דעם סנהדרין פאַר אַ כלי וואָס זאָל אים דינען. ער האָט פיל מיטגלידער פון סנהדרין אויסגעהרגעט, אויף זייערע ערטער באַשטימט זיינע מענטשן. אין

דער צייט פון דער פּראָקוראַטורע זיינען די כהנים גדולים באַשטימט געוואָרן פון די פּראָקוראַטאָרן. זעלבסט פאַרשטענדלעך אַז דער כהן־גדול איז געווען און געמוזט זיין אַ קאָלאַבאָראַטאָר מיט רוים און מיט דעם הערשער־פּראָקוראַטאָר אין יהודה.

דער כהן גדול האָט דערפאַר געקענט האָבן איינפלוס אויף דעם סנהדרין. דער כהן גדול האָט געהאַט אַ צאָל אונטערשטיצער; אָבער די געזעצלעכקייט איז שטרייגג אָפּגעהיט געוואָרן.

אין סנהדרין זיינען געווען פאַרטראָטן צוויי פּאַרטייען, די פּרושים און צדוקים. אַמאָל איז באַשטאַנען די מערהייט פון די פּרושים און אַמאָל פון די צדוקים.

די פאַרטייען האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע ריכטונגען (פּאָליסיס), און שטאַרק פאַרשידענע מיינונגען אין זייער באַציאונג צו דער אַריינדרינגענדיקער מאַכט פון די רוימער, אין שייכות צו דער מאָס פון קאָאָפּעראַציע מיט זיי; אין דער מאָס פון געדולדן די אַריינדרינגונג פון דער רוימישער קולטור, שפּראַך, מינהגים, ספּאָרטלעכע שפּילן, קליידונג און פרייען לוקסוס־דיקן לעבן.

זייערע רעליגיעזע אנשייאונגען זיינען אויך געווען גרינדלעך פאַרשיידן, ווי אין דעם גלויבן פון יענער וועלט, פון תחית המתים, אַזוי די אָנגענומענע אויסטייטשונגען פון די רעליגיעזע געזעצן. די צדוקים זייען געווען זייער שטרייגג אין באַשטראָפן די שולדיקע אין די געריכטן.

קאַיאַפאַס איז געווען דער כהן־גדול דורך דעם גענאַד און ווילן פון פּילאַטוס, ער האָט אים געקענט אַראָפּזעצן פון דער כהונה גדולה ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט.

עס זיינען ניטאָ קיין אנדערע מקורות פון אַרעסט פון יעזוס דורך קאַיאַפאַס, און מישפּט פון יעזוס חוץ די פיר עוואַנגעליעס. האָבן מיר ניט קיין אַנדער ברירה ווי גיין צום וואָרצל פון די געשעענישן דורך די עוואַנגעליעס אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאַן עקזיסטירענדיקע רעליגיעזע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס מיטן גאַנג און אופן פון לעבן פון די יידן אין יענער צייט און מיט דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן גאַנג פון דער געשיכטע.

די עוואַנגעליעס גיבן אָן די אורזאַך פון זוכן יעזוס טויט: ווייל ער איז געווען צו גרויס פאַר זיי. זיי האָבן אים מקנא געווען און ניט געקענט פאַרטראָגן זיין גרויס געלערנשאַפט און זיין גרויסע אויטאָריטעט.

דאָס איז אַ זאַך וואָס שטימט ניט מיט די פאַקטן פון לעבן און לייגט זיך ניט אויפן שכל, עס שטימט ניט מיט דער לאָגיק פון געזונטן פאַרשטאַנד.

גרויסע מאַסן מענטשן קומען פון לאַנד אין ירושלים אויף דעם יום־טוב פון פסח, מיט די גרויסע צאָלן קומט אַ גרופּע מענטשן פון גליל אונטער דער פירערשאַפט פון אַ מאַן מיט דעם נאָמען ישוע. דער ישוע פריידיקט אין די הויפנס פון בית המקדש, רופט צו פרומקייט, אומקערן זיך צו גאָט, און פּראָקלאַמירט דעם באַלדיקן אָנקומען פון דער מלכותא דשמיא. ער רעדט

שייך, מיט גרויס געפיל, און אילוסטרירט זיינע רייד מיט משלים (פּאַראַבלס). דאָס פאָלק הערט אים גערן. די פּרושים דאַרפן זיין גראָדע זייער צופרידן פון אים. פאַרשטענדלעך, מיר דאַרפן פאַרגעסן אויף אַ ווייל יעזוס עפענטלעכן אַריינקום אַלץ משיח און די אומאָרדנונגען אין בית־המקדש.

עס איז מעגלעך אַז פון עולם וואָס האָבן אים געהערט האָבן זיך גע־פונען אַזוינע וואָס האָבן אים געשטעלט פראַגן. אויף די שטערענס פון די פראַגע־שטעלערס איז ניט געווען אָנגעשריבן אַז זיי זיינען געווען פּרושים אָדער צדוקים, אָדער מענטשן פון פאָלק וועלכע באַלאַנגען אין גאַנצן ניט צו קיין פּאַרטיי און זיינען ניט אַפילו אָנהייגער פון וועלכער עס איז פּאַרטיי. עס זייען געווען פיל געלערענטע און סופרים וועלכע זיינען געווען ניט קיין פּרושים און ניט קיין צדוקים.

אָנגענומען אַז נאָך זייערע פראַגעס האָט מען געקענט אָנטשיידן זייער ריכטונג און זייערע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע איינשטעלונגען. אויך דאָ האָט יעזוס אַרויסגעוויזן זיין אומגעדולדיקייט און בייזקייט צו אַלע פראַגע שטעלערס.

עס איז זיכער אַז עס זיינען ניט געשטאַנען אין גאַס און געהערט אים און אים געשטעלט פראַגעס די גרויסע געלערנטע פון ירושלים, די געזעץ געבער און אויסטייטשער פון געזעץ, ניט די „הויפּט כהנים״, און אַ פּשיטא די מיטגלידער פון סנהדרין. עס קען ניט אָנגענומען ווערן די מיינונג אַז זיי האָבן אים מקנא געווען. נאָך אַלעמען דאַרף פאַרשטאַנען ווערן די גאַנצע סיטו־אַציע פון דאָס פאַרגעקומענע. עס קומען אָן פון גליל אַ גרופּע פּראָווינציאַלן מיט אַ פּריידיקער אַ פּראָווינציאַל וועלכער פּריידיקט אָן צופיל תורה לערנונג.

שטייט די פראַגע אָפן, וואָס האָט קאַיאַפאַס געהאַט צו דעם מענטשן, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַזאַ בייזקייט, אַזאַ צאָרן, אַזאַ אָנשטרייגונג צו וועלן אומברייגען אים? דאָס זעלבע, וואָס האָט געצווונגען דעם העכסטן געריכט אין לאַנד צו זוכן זיין פאַראורטיילונג? די פּירונגען, פּאַרמען, אָנטשיידונגען זיינען באַזירט אויף קאָנסטיטוציאַלע דינים; געזעצן און חוקים זיינען באַזירט אויף רעליגיעזע דינים און טראַדיציע. וואָס האָט געבראַכט די ריכטער פון העכסטן געריכט צו אויפגעבן זייערע קאָנסטיטוציאַלע געזעצן און ווערן אַ ׳לינטש־מאָב׳, אַ גאַסן־מאָרד המון?

קיין זאַך קומט ניט פאַר אָן וועלכער עס איז אורזאַך, אָן וועלכן עס איז מאָטיוו. דער מאָטיוו וואָס די עוואַנגעליע שרייבער גיבן אָן, דאָס ניט פאַרגינערשאַפט פון זיין גרויסקייט האַלט ניט אויס קיין לאָגישן שכל, און היסטאָרישן אמת.

גיכער ווי אַלץ לאָזט זיך דערקלערן, אויך לויט דעם שרייבן פון די עוואַנגעליעס, אַז עפּעס האָט באַאומרויקט דעם כהן גדול קאַיאַפאַס און זיינע אָנהייגער; דאָ און דאָרט צייגט אָן אויף דער מורא פאַר פּילאַטוסן. די מורא איז באַשטאַנען אין דערין אַז די פאַרזאַמלונגען פון די גליליער זאָלן ניט אַרויסברייגען פּילאַטוס פאַרדאַכט און צאָרן, עס זאָל ניט געשען שלעכטס

צו די אָנגעקומענע יידן אויף פּסח אין ירושלים. יאָהאַן גיט פיל אָנצוהערעניש אויף דערויף, אַז דער כהן האָט מורא געהאַט אַז די גליליער זאָל ניט ברייגען אַ גרויסן אומגליק, פון די פּאַרדעכטיקע רוימער, אויפן יידישן פאָלק.

יאָהאַן, 49:11. „און איינער פון זיי, גערופן קאַיאַפאַס, זייענדיק דער כהן־גדול דעם זעלבן יאָר, האָט געזאָגט צו זיי, איר ווייסט אין גאַנצן גאָר ניט.״

יאָהאַן 50:11. „אויך באַטראַכט, עס איז בעסער פאַר אונדז, אַז איין מאַן זאָל שטאַרבן פאַרן פאָלק, און די גאַנצע נאַציע זאָל ניט אונטערגיין.״

אומרועז, ווי די עוואַנגעליעס גיבן איבער, זיינען שוין פאָרגעקומען אין די הויפן און אין בית המקדש זעלבסט. לויט לוקאַסן האָט יעזוס געזוכט צו באַוואָפענען זיך; די שטענדיקע מורא פון פאַרראַט ווייזט אַז עס איז עפּעס געווען וואָס צו פאַרראַטן. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַן אומרויִקייט אין די קרייזן פון כהן גדול. קאַיאַפאַס האָט גוט געקענט פּילאַטוסן וועלכער האָט נאָר געדאַרפט האָבן די קלענסטע אורזאַך צו פאַרוואַנדלען דעם יום־טוב אין אַ בלוט־באַד. די תלמידים האָבן דאָך יעזוסן אַליין דערציילט ווי פּילאַטוס האָט געמישט די בלוט פון די דערהרגעטע מיט דער בלוט פון קרבנות. אויך דאַרף מען ניט פאַרגעסן אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון די קנאים איז געגרינדעט געוואָרן אין גליל, געשטאַרקט און געשפּריירט זיך פון גליל. גליל איז ניט געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס, גליל איז געווען די טעריטאָריע פון אַנטיפּאַס־הורדוס. פאַר די קנאים איז געווען צוגאַנגלעכער צו האַלטן זייער הויפּט קוואַרטיר אין גליל. ענדלעך האָט די פּאַרטיי פון די קנאים דערפירט, אין אַרום דריי צענדליק יאָר שפּעטער, צום גרויסן אויפשטאַנד, און צו דער מלחמה מיט די רוימער.

פּילאַטוס איז געווען זייער פאַרדעכטיק אויף אַלע אַריינגעקומענע פון גליל. קאַיאַפאַס האָט געהאַט אַן אורזאַך און אַ וויכטיקע אורזאַך צו מורא האָבן פאַר דאָס שלעכטס וואָס האָט געקענט אַרויסקומען. עס איז מער ווי זיכער אַז פּילאַטוס דורך זיינע לעגיאָנערן האָבן יעזוסן אַרעסטירט. נאָר אַזוי ווי די קוואַלן פון אונפאָרמאַציע זיינען נאָר די עוואַנגעליעס, זיינען מיר געצוואוגען צו פאָלגן דעם נוסח פון די עוואַנגעליעס אַז די וואַך פון דעם כהן האָט יעזוסן אַרעסטירט. די אָנגעמונג איז מיט רעזערוואַציעס, די געשיכטע פון אַרעסט איז פול מיט קאָנטראַדיקציעס און מיט אוממעגלעכקייטן: אַז מען קען עס ניט אַבסאָלוט אָננעמען פאַר געשיכטלעך.

דער אָנגעגעבענער משפּט פון סנהדרין איז אַ פולשטענדיקע אויס־טראַכטעניש. ערשטנס, שטימט ניט די צייט. דריי אויטאָרס זאָגן אַז עס איז פאָרגעקומען אויף דער ערשטער נאַכט און מאָרגן פון פּסח. און דער פערטער אויטאָר יאָהאַן זאָגט עס איז פאָרגעקומען די נאַכט פאַר פּסח.

צווייטנס, מאַרקוס און מאַתיא שרייבן אַז די סעסיע פון סנהדרין איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט פון סדר; לוקאַס שרייבט אויף דעם פרימאָרגן פון ערשטן טאָג פּסח.

דריטנס, 1) דער געזעץ זאָגט אַז מען מישפּט ניט ביינאַכט, נאָר דורכן

1) שפּעטער אַ לענגערע דערקלערונג.

טאָג; און מען מישפּט ניט אום יום טוב. און דיני נפשות מישפּט מען ניט אַפילו אום ערב יום טוב.

פערטנס, איינער זאָגט אַז עס זיינען אויפגעטראָטן אַ גרויסע צאָל פאַלשע עדות, נאָר אַזוי ווי זייער עדות זאָגן האָט ניט געשטימט, האָט דער געריכט זיי צוריקגעוויזן; דער צווייטער זאָגט אַז דער געריכט האָט געזוכט פאַלשע עדות און האָט ניט געקענט געפינען. לוקאַס דערמאָנט ניט אין גאַנצן פון פאַלשע עדות.

פינפטינס, עס ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע ענטפערס פון יעזוסן צום געריכט, ווי: דו זאָגסט עס, איך בין, דו זאָגסט איך בין.

זעקסטנס, מאַרקוס און מאתיא שרייבן אַז יהודה האָט געגעבן אַ קוש יעזוסן, כדי צו אָנווייזן דער וואַך אַז דאָס איז דער פּערזאָן וועמען מען דאַרף אַרעסטירן. לוקאַס שרייבט אַז יהודה האָט געוואָלט אַ קוש געבן יעזוסן, נאָר יעזוס האָט עס פאַרמידן. יאָהאַן ווייזט צוריק די מעשה פון קוש, און שרייבט אויף דעם אופן, אַז ווי די וואַך איז געקומען איז יעזוס אַרויס צו זיי און געזאָגט אַז ער איז יעזוס, דער וועמען זיי זוכן.

זיבעטנס, מאַרקוס און מאתיא און לוקאַס שרייבן אַז מען האָט גע־בראַכט יעזוסן אין פּאַלאַץ פון כהן גדול קאַיאַפאַס, דאָרט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט און געוואַרט די איין און זיבעציק ריכטער; אין דער נאַכט האָט דער סנהדרין געעפנט דעם געריכט.

יאָהאַן אַבסאָלוט לייקנט די באַריכטן פון די ערשטע דריי, אַז עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע מישפּטים פון סנהדרין; יעזוסן האָט מען ניט געבראַכט אין כהן גדולס פּאַלאַץ, נאָר צום כהן חנן, און חנן האָט אַליין זעלבסט אויסגעפרעגט יעזוסן, און יעזוס האָט פריי גערעדט צו חנן, און געענטפערט אויף זיינע פראַגעס. חנן האָט דענסטמאָל אָפּגעשיקט יעזוסן צו קאַיאַפאַס, וועלכער האָט באַפעלן צו אָוועקפירן יעזוסן צו דעם פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס.

אַכטנס. די זיצונגען פון סנהדרין זיינען פאָרגעקומען אין בית המקדש, אין דער לשכת הגזית, אין דער קאַמער פון געהאַקטע שטיינער, און ניט אין קיין אַנדער פּלאַץ, און ניט אין דעם פּאַלאַץ פון כהן גדול קאַיאַפאַס.

שטייט די פראַגע אָפן, וועלכער שרייבער פון די פיר איז נעענטער צום אמת?

דער ענטפער איז, עס איז אַ סברה: אַז פאַרהייליגטע ביכער פון אַ גלויבן נויטיקן זיך ניט אין אמת, און אין איר היסטאָרישקייט.

אין שייכות צום דריטן פּונקט וועגן מישפּט ביי נאַכט און אום יום טוב האָבן דענטמאָל עקזעסטירט די פאָלגענדיקע געזעצן:

מסכתא סנהדרין, פּרק 4, משנה 1. „דיני נפשות דנין ביום וגומרין ביום. דיני פשות גומרין בו ביום לזכות, וביום של אחריו לחבה, לפיכך אין דנין לא בערב שבת ולא בערב יום טוב.“ דיני נפשות — מיינט אַ מישפּט וואָס

דער באַשולדיקטער קען באַשטראָפט ווערן מיט טויט. לויטעט דער געזעץ אַז אַזאַ מישפּט הייבט מען אָן בייטאָג און מען ענדיקט בייטאָג; מען טאָר ניט מישפּטן ביינאַכט. אויך אין דיני נפשות קען מען דעם מישפּט ענדיקן דעם זעלביקן טאָג, נאָר ווען דער באַשולדיקטער ווערט געפונען אומשולדיק; אָבער ווען דער באַשולדיקטער ווערט געפונען שולדיק קען מען דעם מישפּט ניט ענדיקן דעם זעלביקן טאָג, נאָר עס דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אויפן קומענדיקן טאָג, אין וועלכן דענסטמאָל קען אַרויסגעטראָגן ווערן דער טויט אורטייל. דעריבער טאָר מען ניט אָנהייבן אַ מישפּט ניט ערב שבת, און אויך ניט ערב יום טוב: מחמת ווען דער באַשולדיקטער וועט געפונען ווערן שולדיק, וואָלט געדאַרפט אָפּגעלייגט ווערן אויף דעם קומענדיקן טאָג, און דער קומענדיקער טאָג איז שבת אָדער יום טוב, און קיינע מישפּטים קומען ניט פאָר אום שבת אָדער יום טוב.

לויט די באַריכטן פון די דריי — מאַרקוס, מאַתיא און לוקאַס — האָט דער העכסטער געריכט, דער סנהדרין, פאַרבראָכן קעגן זיינע אייגענע קאָנ־סטיטוציאַלע געזעצן וועגן מישפּט: זיי האָבן געמישפּט ביינאַכט, אום יום טוב, און ערב שבת.

פאַרשידענע קאָמענטאַטאָרס אונטערשטרייכן אַז דער סנהדרין האָט אַזוי שטאַרק געברענט פון קינאה, אַזזיי האָבן פאַרבראָכן קעגן זייערע גע־זעצן, און געמישפּט אין דער ניט דערלויבטער צייט. דער מישפּט איז דאָך לגמרי ניט געווען גילטיק, לויט די עוואַנגעליעס האָט זייער אורטייל ניט געהאַט קיין ממשות, זיי האָבן ניט געהאַט די געזעצלעכע רעכט צו אויספירן זייער אורטייל. דעריבער נאָך די נאַכטיקע מישפּטים, האָט מען באַשלאָסן צו שיקן אים צו פּילאַטוסן. יאָהאַן טרעט אַרויס אויך קעגן די דאָזיקע קאָמענ־טאַטאָרס: ער זאָגט און דערקלערט אַז עס איז ניט געווען קיין מישפּט פון סנהדרין.

אַפילו, דערלאָזן, אַז דער סנהדרין האָט זיך אונטערגענומען צו דורכ־פירן אַ מישפּט איבער יעזוסן, וואָלטן זיי דעם מישפּט אָפּגעלייגט אויף נאָך יום טוב. עס איז ניט געווען אַזאַ נויטיקייט צו איילן זיך: יעזוס איז געווען אַרעסטירט, האָבן זיי געקענט אים האַלטן אין געפענגעניש אַ פּאָר טעג. דער פאַקט איז אַז די עוואַנגעליע שרייבערס האָבן ניט פאַרמאָגט דעם ווינציקסטן וויסן פון יידישע מישפּט־דינים: האָבן זיי געשריבן אַלץ וואָס זיי האָט זיך גע־גלוסט צו שרייבן. ווידער די כוונה פון די שרייבערס איז געווען צו ווייזן אַז די יידן האָבן ניט געהאַט קיינע משפט געזעצן: יעדער איינער, ווען זיין ווילן איז געווען, האָט דערהרגעט דעם אַנדערן; אַזוי אויך האָבן זיי געוואָלט הרגענען יעזוסן.

יעדער ייד האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך שטיינער: אויב עס וועט אויס־קומען אימעצן צו פאַרשטיינען, זאָל ער האָבן שטיינער צו וואַרפן. עס איז ניט קיין שפּאַס, דאָס איז געווען די כוונה פון די עוואַנגעליע שרייבערס: צו פאַרקרימען אַלע געשיכטלעכע אמתן, און שאַפן אַלע אויסגעטראַכטע באַ־

שולדיקונגען אויף די יידן. דאָס ווערט באַשטעטיקט מיט דעם אופן פון שרייבן מכוח די אויפפירונגען פון די ריכטער פון סנהדרין.

לויט די אַלע באַשולדיקונגען וואָס די עוואַנגעליע שרייבערס ברענגען וואָס דער כהן גדול און דער סנהדרין האָבן בושלדיקט יעזוסן: דערהאַלטן ניט אין זיך דעם מינדסטן שולד וואָס זאָל באַשטראָפט ווערן מיט טויט. ווען אַ מענטש באַרימט זיך און זאָגט אַז ער קען וועלכן עס איז טעמפּל צעשטערן און צוריק אויפבויען אין דריי טעג: וואָלט קיין געריכט דעם מענטשן ניט פאַראורטיילט צום טויט, נאָר וואָלט אים באַפרייט, אָדער געגעבן אַ קליינע שטראָף פאַר זיין אומזיניקער באַרימעריי. אויך יעזוס איז ניט באַגאַנגען קיין גאָט׳ס לעסטערונג, אַפילו ווען ער האָט ציטירט פסוקים פון תהלים און דניאל. פאַר ציטירן פסוקים קומט ניט קיין טויט און אַפילו ניט קיין שטראָף. נאָך דעם יידישן דין קומט טויט שטראָף פאַר גאָט לעסטערונג, ווען גאָט ווערט געלעסטערט אין זיין אויסגעשפּראָכענעם נאָמען. עס איז אַ בפירושער דין, משנה סנהדרין 5:7. „המגדף אינו חייב עד שיפרש השם.״ עס מיינט, אַז דער וואָס שילט גאָט דאַרף ער אַליין אַרויסריידן גאָט׳ס נאָמען, אויב אַן אַנדערער האָט אַרויפגעבראַכט גאָט׳ס נאָמען און ער האָט געשאָלטן, קומט אים ניט קיין מיתה.

ווען דער כהן גדול קאַיאַפאַס האָט געפרעגט די ריכטער פון סנהדרין, וואָס דענקט איר? האָבן זיי אַלע געענטפערט אַז ער איז שולדיק אין טויט. די עוואַנגעליע שרייבערס, כדי צו מאַכן שטאַרק דעם אַנטאַגאָניזם פון סנהדרין צו יעזוסן, האָבן געמאַכט אַן איינשטימיקן אורטייל אין טויט. אין זייער אומ־וויסן פון דער יידישער יוריספּרודענץ, האָבן זיי זיך געשטעלט אין אַ שפּאַ־טיקער פּאָזיציע פאַר די אויגן פון ערלעכע און אמת זוכענדיקע היסטאָריקער. נאָכן געזעץ פון זעלבן סנהדרין איז, ווען דער באַשולדיקטער ווערט איינ־שטימיק געשטימט שולדיק: ווערט ער אַווטאָמאַטיש פריי. איך האָב שוין פריער געשריבן פון דערויף. דער ציעל פון די אַווטאָרס פון דער עוואַנגעליע איז אַזוי גרויס אַז זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פון קיין שום מיטלען צו באַשמוצן די יידן אין זייערע ריכטלעכע אינסטיטוציעס. עס פאָלגן די פּערלען פון רעליגיעזער היסטאָרישקייט:

מאַת. 67:26. „דעמאָלט האָבן זיי [די ריכטער] געשפּיגן אין זיין פּנים, און האָבן אים געשלאָגן; און אַנדערע האָבן אים געפּאַטשט מיט די דלאָניעס פון זייערע הענט.״

מת. 68:26. „זאָגענדיק, זאָג נביאות צו אונדז, דו קריסטוס, ווער איז דער וואָס האָט דיך אַ זעץ געטאָן?״

מאַרקוס 65:14. „און אַנדערע האָבן אָנגעהייבן שפּייען אויף אים, און באַדעקן זיין פּנים, און צו פּאַטשן אים, און צו זאָגן צו אים, זאָג נביאות: און די באַדינער האָבן געשלאָגן אים מיט די דלאָניעס פון זייערע הענט.״

לויט מאַרקוס קען פאַרשטאַנען ווערן אַז אייניקע פון די ריכטער האָבן געשלאָגן יעזוסן און אויך די קנעכט אָדער באַדינער האָבן גענומען

איינטייל אין דער שלעגעריי. אָבער לויט מאתיא האָבן דאָס געטאָן די ריכטער אַליין.

לוקאַס האָט שוין ניט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ באַשולדיקונג קעגן הויכע ריכטער, ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס גייט איבער אַלע גרעניצן פון אַנשטענדיקן שרייבן: מאָדיפיצירט ער אַז די וואַך האָט אים געשלאָגן.

לוקאַס 63:22. „און די לייט וואָס האָבן געהאַלטן יעזוסן האָבן געשפּאָט פון אים, און האָבן אים אַ זעץ געטאָן. (64) און ווען זיי האָבן פאַרבונדן זיינע אויגן, האָבן זיי אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּנים, און געפרעגט אים, זאָגענדיק, זאָג נביאות, ווער איז עס וואָס האָט דיך אַ קלאַפּ געטאָן? (65) און פיל אַנדערע זאַכן לעסטערענדיק האָבן זיי גערעדט קעגן אים."

פש. איצט קומט יאָהאַנ׳ס ווערסיע. עס איז פאָרגעקומען אין הויז פון געוועזענעם כהן גדול חנן, ווען יעזוס האָט געזאָגט צום כהן חנן, וואָס פרעגסטו מיך, פרעג די מענטשן צו וועמען איך אָב גערעדט, זיי ווייסן וואָס איך האָב געזאָגט.

יאָהאַן 22:18. „און ווען ער האָט דאָס גערעדט, איינער פון די אָפיצירן וועלכער איז געשטאַנען דערביי האָט אַ קלאַפּ געטאָן יעזוסן מיט דער דלאָניע פון זיין האַנט, זאָגענדיק, ענטפערסט אַזוי צום כהן גדול? (23) יעזוס האָט אים געענטפערט, אויב איך האָב גערעדט שלעכטס, טראָג עדות פון דעם שלעכטס: אָבער אויב וואויל, וואָרום האָסטו מיך געשלאָגן?"

פש. פון וועלכע קוואַלן האָבן די עוואַנגעליע שרייבערס געשעפּט זייער אינפאָרמאַציע? די תלמידים אין צייט פון אַרעסט זיינען זיך צעלאָפן, און זיינען געזעסן באַהאַלטענע אין אַ הויז אין ירושלים. פעטרוס איז ווייטער פון די קאָרידאָרן פון קאַיאַפאַס אָדער חנן׳ס הייזער ניט געקענט אַריינגיין, און אויך פון דאָרטן האָט ער געמוזט אַנטלויפן. פון יעזוסן זעלבסט האָט קיינער ניט געקענט הערן אַ וואָרט. עס איז ניטאָ אַפילו אַ פּונק פון היסטאָרישקייט אין די באַשרייבונגען פון שלאָגן און שפּייען אין פּנים. עס זיינען ניט מער ווי באַשרייבונגען וועלכע האָבן גענומען וואָרצלען אין פאַנטאַסטישע דער־ציילונגען צו פאַרמיאוסן דעם יידישן סנהדרין. מאַרקוס שרייבט אַז אייניקע פון די ריכטער האָבן אויך געשלאָגן און געשפּיגן אויף יעזוסן, און ווי קינ־דער געפרעגט, טרעף ווער האָט דיך געשלאָגן. מאתיא שרייבט אַז נאָר די ריכטער אַליין האָבן געשלאָגן און געמאַכט חוזק פון יעזוסן. אַזעלכער אופן פון שרייבן באַשולדיקט דעם סנהדרין אין דער איבערטרעטונג פון אַלע כללים פון ריכטלעכער אַנשטענדיקייט, פון ריכטלעכן כבוד, קעגן די עלע־מענטאַרסטע געזעצן פון ריכטלעכער אויפפירונג אין יעדעס לאַנד און אין יעדער צייט.

פאַר לוקאַסן איז שוין געווען צופיל פון צו אַנווענדן אַז שולד אויף אַ הויכן געריכט: נעמט ער די פאַנטאַסטישע דערפינדונגען פון מאַרקוסן און מאתיאן און מאַכט עס מער אַנשטענדיק, אַז די וואַך האָט יעזוסן געשלאָגן און ניט די ריכטער.

אויף וויפיל די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס חוזקן אַליין פון געשיכט־לעכן אמת דערוויזט דאָס יאָהאַן, דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע. ער שיינקט ניט דאָס קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו דעם שרייבן פון די ערשטע דריי אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס. ער שרייבט אַז עס איז לחלוטין ניט געווען קיין מישפּט פון דעם סנהדרין: דעריבער זיינען ניט געווען ריכטער וועלכע זאָלן זיך שפּילן אין פאַרבלענדעניש מיט יעזוסן, פאַרבינדן זיינע אויגן און שלאָגן, און חוזקן פרעגענדיק: אויב דו ביסט אַ נביא טרעף ווער האָט דיך געשלאָגן. אָבער יאָהאַן האַלט אויך אַז אַזאַ איינפאַל פון שלאָגן יעזוסן איז אַ שאָדן צו אויסלאָזן שרייבט ער, קיין מישפּט פון סנהדרין איז טאַקע ניט פאָרגעקומען, נאָר בשעת עס איז פאָרגעקומען דער פאַרהער ביי דעם כהן חנן, און ניט ביי קאיאפאס, האָט אים דאָרט אַ זעץ געטאָן דער אָפּיציר (מסתמא פון דער וואַך). יעזוס האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם שלאָגן.

אַזאַ אויפן פון שרייבן איז ניט קיין אומכבוד פאַר דעם סנהדרין, נאָר אַן אומכבוד פאַר דער עוואַנגעליע.

מאַת. 58:26. „נאָר פּעטרוס האָט נאָכגעפאָלגט אים פון ווייטן אין דעם כהן גדול׳ס פּאַלאַץ, און איז אַריינגעקומען, און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט די דינערס, צו זען דעם סוף. (69) איצט פּעטרוס איז געזעסן אין דרויסן פון פּאַלאַץ: און אַ מאַמזעל איז צוגעקומען צו אים, זאָגענדיק, דו ביסט אויך געווען מיט יעזוסן פון גליל.״

אַזוי אויך מאַרקוס.

מק. 66:14. „און ווען פּעטרוס איז געווען אונטן אין פּאַלאַץ, דאָרט קומט איינע פון די דינסטן פון כהן גדול. (67) און ווען זי האָט געזען פּעטרוסן וואַרעמען זיך, זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט, און דו אויך ביסט געווען מיט יעזוסן פון נצרת.״

לוקאַס זעט איין אַז עס איז צופיל פאַר דער מויד צו וויסן די שטאָט פון וועלכער יעזוס שטאַמט, און עס איז אַן אַנוויזונג אַז דער שרייבן קומט פון אַ שפּעטערדיקער צייט, פאַרבייט ער אויף אַ בעסערער צופּאַסונג: דער מאַן איז אויך געווען מיט אים.

לוקאַס (55:22) „אָבער אַ געוויסע מויד האָט אים געזען אַזוי ווי ער איז געזעסן ביי דעם פייער, און מיט ערנסט אַ קוק געטאָן אויף אים, און געזאָגט, דער דאָזיקער מאַן איז אויך געווען מיט אים.״

דעם פאַקט פון פּעטרוסעס דערקענט ווערן אין כהן גדולס פּאַלאַץ האָט מען זיך געקענט דערוויסן נאָר פון פּעטרוסן אַליין, אַזוי ווי פּעטרוס האָט עס דערציילט. דאַרף צום וויניקסטן אַן אינצידענט וואָס איז דערציילט גע־וואָרן פון איין מענטשן זיין ענלעך.

יאָהאַנס ווערסיע איז אַז עס איז פאָרגעקומען ניט אין קאיאפאס פּאַלאַץ, נאָר אין פּאַלאַץ פון קאיאפאס שווער חנן (אננאס) וווהין מען האָט געבראַכט יעזוסן.

יאָהאַן, 15:18. „און שמעון־פּעטרוס האָט נאָכגעפאָלגט יעזוסן, און אַזוי

האָט געטאָן אַן אַנדער תלמיד: יענער תלמיד איז געווען באַקענט מיט דעם כהן גדול, און איז אַריינגעקומען מיט יעזוסן אין דעם פּאַלאַץ פון כהן גדול. (16) נאָר פּעטרוס איז געשטאַנען ביי דער טיר אין דרויסן. דענסטמאָל איז אַרויסגעקומען דער אַנדערער תלמיד, וועלכער איז געווען באַוווסט צו דעם כהן גדול, און האָט גערעדט צו איר וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער טיר, און האָט אַריינגעבראַכט פּעטרוסן.״

**פּש.** **אין די צייטן פון משכון און פון דעם בית המקדש, און לויט די דינים פון דער תורה האָבן די יידן געהאַט נאָר איין כהן גדול. אין די היידענישע טעמפּלען זיינען געווען מער ווי איינער, אַזוי פירט אַריין יאָהאַן אין איין צייט צוויי גרענד פּריסטס חנן און קיפא.**

**יאָהאַן זוכט צו פאַרריכטן די ערשטע דריי עוואַנגעליע שרייבערס. מחמת אין אַ כהן גדולס פּאַלאַץ איז ניט אַזוי גרינג אַריינקומען פאַר פרעמדע מענטשן, דערהויפּט אַ פּשוט געקליידעטן גליליער פישער; האָט יאָהאַן געפונען אַ מיטל ווי צו מאַכן מעגלעך פּעטרוסן אַריינקומען אין פּאַלאַץ. פאַר יאָהאַנען איז דאָס אַ גרינגע זאַך. יאָהאַן האָט אַן ׳אַנדער תלמיד׳ פאַר וועלכן אַלע פאַרשלאָסענע טירן זיינען אָפן. אַזוי איז ׳יענער תלמיד׳ גוט באַקענט מיט דעם גרענד פּריסט אננאס, ער איז געווען אַן אַריינגייער אין פּריסטס פּאַלאַץ, די טירן זיינען געווען אָפן פאַר אים. ווער האָט געקענט זיין יענער תלמיד וועלכער איז פּערזענלעך געווען באַקענט מיט דעם כהן גדול, און געווען אַן אַריינגייער אין דער העכסט אַריסטאָקראַטישער הויז? אַזאַ תלמיד וואָלט געווען גוט באַוווסט אין דער מינדלעכער טראַדיציע, זיין נאָמען וואָלט ניט פאַרגעסן געוואָרן. און מאַרקוס, מאַתיא און לוקאַס וואָלטן אויך פון אים געוווּסט. די קירך טראַדיציע גיט אָן אַז עס איז געווען יוחנן דער זון פון זבדי. איז די זאַך נאָך מער קשה: ווי אַזוי האָט געקענט דער פישער יוחנן, וועלכער איז געווען שטענדיק מיט יעזוסן, עס איז ערשט עטלעכע טעג וואָס זיי זיינען אַריינגעקומען אין ירושלים, און יוחנן איז שוין געוואָרן אַ בן־בית אין כהן גדול׳ס פּאַלאַץ.**

**יאָהאַן זוכט צו דורכפירן צוויי אַרבעטן. ערשטנס, אַז עס איז געווען אַ תלמיד וואָס איז גוט באַקענט צום ׳כהן גדול׳ אננאס און ער האָט געקענט באַזיצן פיל אינפאָרמאַציע; אויך ער האָט מעגלעך געמאַכט פאַר פּעטרוסן אַריינצקומען אין פּאַלאַץ. צווייטנס, אין יאָהאַנס צייטן איז אָנגענומען געוואָרן די פּריידיקונג פון פּאַולוסן אַז דאָס הויפּט איז גלויבן, מעשים רעכטפאַרטיקן ניט און די תורה (לאָ) ברענגט זינד. דאָס איז געווען קעגן שטעליק צו פּעטרוס איינשטעלונג פון תורה און מעשים (לאָ און וואָרקס): זוכט יאָהאַן צו פאַר־מינדערן די חשיבות פון פּעטרוסן. לויט די סינאָפּטישע אויטאָרס, איז דער איינציקער תלמיד וואָס איז ניט אַנטלאָפן איז געווען פּעטרוס. ער האָט נאָכ־געפאָלגט דער וואַך וואָס האָט געפירט יעזוסן. און איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ וווהין מען האָט אַריינגעפירט יעזוסן. פירט אַריין יאָהאַן אַ צווייטן תלמיד, וועלכער איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ פריער פון פּעטרוסן, נאָר דער**

**תלמיד האָט ניט קיין נאָמען. ווי אַזוי קען דאָס פּאַרקומען אַז מען זאָל ניט וויסן דעם נאָמען פון אַזאַ באַוווסטן תלמיד?**

מת. 70:26 „אָבער ער האָט געלייקנט פאַר זיי אַלעמען, זאָגענדיק, איך ווייס ניט וואָס דו זאָגסט. (71) און ווען ער איז אַרויס אויפן גאַנעק (פּאָרטש), האָט אים אַן אַנדער דינסט געזען, און געזאָגט צו זיי וואָס זיינען דאָרטן געווען, דער יונג איז אויך געווען מיט יעזוס פון נצרת. (72) און ווידער האָט ער [פּעטור] געלייקנט מיט אַ שבועה, איך ווייס ניט דעם מאַן. (73) און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען געקומען צו אים די וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, און געזאָגט צו פּעטרוס, זיכער ביסטו איינער פון זיי; וואָרום דיין אויסשפּראַך גיט דיך אַרויס. (74) דעמאָלט האָט ער אָנגעהייבן שילטן און שווערן, זאָגענדיק, איך קען ניט דעם מאַן: און תיכף האָט דער האָן געקרייעט. (75) און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט אָן דעם וואָרט פון יעזוס, וועלכער האָט געזאָגט צו אים, איידער דער האָן וועט קרייען וועסטו מיך לייקענען דריי מאָל. און ער איז אַרויסגעגאַנגען און ביטער געוויינט.״

**מאַרקוס כמעט דאָס זעלביקע.**

**לוקאַס שרייבט אַז דאָס ערשטע מאָל האָט אים דערקענט אַ דינסט, די איבעריקע צוויי מאָל האָבן מענער אים דערקענט. מת. און מק. שרייבן אַז יעזוסן האָט מען אַריינגעפירט צום געריכט, יעזוס איז געווען אין אַן אַנדער אָרט, דעריבער האָט ער ניט געקענט הערן פּעטרוסן. לויט מאַתיא איז פּעטרוס אַרויס אויפן גאַנעק און דאָרט האָט מען אים ווידער דערקענט, און פון דאָרט איז ער אַרויס וויינענדיק. לויט לוקאַסן איז דאָך ניט געווען אַ נאַכט זיצונג פון סנהדרין, האָט מען יעזוסן ניט אַוועקגעפירט, דעריבער האָט יעזוס ניט געהערט ווי פּעטרוס לייקנט, אַז ער קען אים.**

לוקאַס 61:22. „און דער האַר האָט זיך אומגעקערט, און האָט געקוקט אויף פּעטרוסן, און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט אויף דעם וואָרט פון האַר, ווי ער האָט געזאָגט צו אים, איידער דער האָן קרייעט, וועסטו מיך לייקענען דריי מאָל.״

**פש. בלייבט די פראַגע וואָרום האָבן פּעטרוסן געדאַרפט דערקענען די דינסטן פון פּאַלאַץ, און ניט די וואַך זעלבסט וואָס האָט פּעטרוסן געזען אין צייט פון אַרעסט לעבן יעזוסן.**

**דערהויפּט לויט די וועלכע שרייבן אַז פּעטרוס האָט געצויגן זיין שווערד און האָט אָפּגעהאַקט אַן אויער פון איינעם פון דער וואַך, האָבן זיי דאָך געדאַרפט דערקענען פּעטערוסן, בעסער און שנעלער ווי די דינסטן וועלכע זיינען ניט געווען דערביי.**

**יאָהאַן באַגייט דאָ דעם פעלער פון די סינאָפּטישע שרייבערס, און ער מאַכט אַ פּרווו דאָס אויסצוגלייכן:**

יאָהאַן 26:18. „איינער פון די דינערס פון כהן גדול, זייענדיק אַ קרוב צו דעם וועמענס אויער פּעטרוס האָט אָפּגעהאַקט, האָט געזאָגט, האָב איך דיך ניט געזען אין גאָרטן מיט אים?״

פּש. יאָהאַן פאַרבעסערט דאָ אויך ניט צופיל. צו דערקענען איינעם וועלכן זיי דענקען איז אַ פאַרברעכער דאַרף מען ניט זיין אַ קרוב צו דעם פאַרוואונדעטן. אויב דער קרוב האָט דערקענט פּעטרוסן אַז ער איז געווען אין גאָרטן מיט יעזוסן, האָט ער דאָס זיכער געמוזט זען וואָס פּעטרוס האָט געטאָן צו זיין קרוב. דער איינער פון דער ברוטאַלער וואַך פרעגט אַזוי מילד פּעטרוסן. אויך פּעטרוס איז דריי מאָל דערקענט געוואָרן אין דער אַנוועזנקייט פון דער באַוואָפנטער וואַך: און אים האָט זיך אַזוי גרינג איינגעגעבן צו פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

## קאַפּיטל 27

# פּילאַטוס מישפּט

עס קומט יעזוס מישפּט פאַר פּאָנטיוס פּילאַטוס, דעם רוימישן פּראָ־קוראַטאָר (גאָווערנער) פון יהודה. דאַרפן מיר דאָ דערוואַרטן אַז די פיר עוואַנ־געליע־שרייבערס, אַלץ היסטאָריקער און ביאָגראַפער, זאָלן איבערגעבן אַ געשיכטלעכן מישפּט אַזוי נאָענט צום אמת פון די פּאַסירונגען ווי עס איז מעגלעך. לכל הפּחות נאָכזוכן, נאָכפאָרשן רעקאָרדס געשריבענע און מינד־לעכע; זיפּן דאָסווירקלעכע פון לעגענדע, און זען אַז עס זאָל שטימען מיט דער צייט און היסטאָרישן גאַנג פון לעבן. אָבער עס קומען פאַר גרויסע קאָנפוזיעס און מטושטשקייטן. די פיר עוואַנגעליעס זיינען די איינציקע ביכער אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור וואָס שרייבן וועגן יעזוס לעבן. זיי גיבן איבער די היסטאָריע פון אַ זייער וויכטיקער דערשיינונג אין קעגנ־זעצלעכע דערקלערונגען. יעדער שרייבער ברענגט די פראַגעס וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן פון געריכט צום באַשולדיקטן אַנדערש פון די אַנדערע; אויך אַזוי זיינען פאַרשידן די ענטפערס וואָס דער באַשולדיקטער גיט צום געריכט. איינע שרייבן אַז דער באַשולדיקטער האָט געשוויגן, ניט געגעבן קיין ענטפער; די אַנדערע גיבן אָן לאַנגע ענטפערס. דאָס פּלאַץ פון געריכט אין פאַרשידענע ערטער. דאָס גאַנג פון פּראָצעס — אַ פאַנטאַסטישע אומ־ווירקלעכקייט: קעגנשטעליק צום אמת פון געשיכטלעכער האַנדלונג. דער רוימישער גאָווערנער ווערט פאַרטרעטירט אין היפּוך צו די געשיכטע שריי־בער פון יענער צייט. דער רוימישער גובערנאַטאָר ווערט געמאָלן אין דער געשטאַלט פון אַ פּופּעט, אַלץ אַ שוואַכער מענטש אָן אַ רוקן־ביין, וועלכער איז אַ שפּיל־פּילקע אין די הענט פון די אָקופּירטע און אונטערדריקטע יידן. לויט זייערע באַשרייבונגען קומט אויס אַז ניט די באַדריקטע און באַ־הערשטע יהודה איז באַזיגט, נאָר רוים און איר פּראָקוראַטאָר ציטערן און מוזן נאָכגעבן צו די פאָדערונגען פון אַ קליינעם המון (מאָב) פון יידן. דעם טיראַן פּילאַטוסן מאַכן זיי פאַר דעם נאָבלסטן מענטשן אין דער וועלט, זיי פאָרמען געשיכטלעכע פּערזאָנען נאָך זייער אייגענעם ווונטש. ווען די עוואַנ־געליע ביכער וואָלטן געווען נאָר ביכער פון רעליגיע און גלויבנס דאָקטרינע

וואָלט ניט געפּאַדערט געוואָרן פון זיי היסטאָרישע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער אַלע פיר עוואַנגעליעס פאַרנעמען זיך מיט געשיכטע און ביאָגראַפיע, חוץ אמונה און טעאָלאָגיע. דאָרט ווו עס ווערט איבערגעגעבן אינצידענטן, פּאַסירונגען פון לעבן ווי פון אייִנצעלנע פּערזאָנען אַזוי פון פילע פון אַ געוויסן פאָלק, פונקציעס פון די פאָלקישע אַנשטאַלטן, פּירונגען, געזעצן, ריכטלעכע פּראָצעדורע פון דעם אַנגעגעבענעם פאָלק; און מעשים, האַנדלונגען פון אירע געלערנטע, פּאָליטישע און רעליגיעזע פּאַרשטייער: טראָגן די אַוו־טאָרס די פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, התחייבותן פון זייער איבערגעגעבן געשיכט־לעכע שטעלן, בילדער און געשעענישן.

די עוואַנגעליע שרייבערס באַנוצן ניט און נויטיקן זיך ניט אין רע־קאָרדס, אָדער דאָקומענטאַלע באַשטעטיקונגען, אָדער אין וועלכע עס איז היסטאָרישע מאַטעריאַלן אויף וואָס צו באַגרינדן זייער געשיכטלעכן אויפנעם; נעמען ניט די מינדסטע מי צו אַריינטאָן זיך אין דער שכלקייט אין זייערע השערות. זיי גיבן ניט אַפילו די טראַדיציע און די מינדלעכע איבערגעבונגען, נאָר די ריכטונגען און אַנגעזאַמלטע לעגענדעס פון די צירקולירענדיקע טענ־דענציעס און דאָגמעס פון געוויסע קירכעס.

דער פעריאָד פון דער שאַפונג פון די פיר עוואַנגעליעס איז פון פופציק ביז איין הונדערט און פופציק יאָר נאָך יעזוס טויט. אין משך פון דער צייט האָט זיך דאָס קריסטלעך גלויבן אַנטוויקלט, אַנגענומען נייע דאָקטרינעס און פילאָסאָפיעס און באַשטימטע פאָרמעס פון גלויבן. דאָס זעט זיך אָן פון מאַרקוס צו מאַתיא, און פון די ביידע צו לוקאס און יאָהאַן. דער תוך פון גלויבן איז באַזירט און געגרינדעט אויף דער קרייצונג און רעזורעקציע.

עס איז געווען אַן אָנגענומענער פאַקט אַז די קרייצונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון רוימישן פּראָקוראַטאָר און זיינע סאָלדאַטן. אין וועג פון דער קריסטלעכער פריידיקונג איז געלעגן אַן אונגעהויער שטרויכלונג פעלז. פריי־דיקן קרייצונג פאַר רוימער און פאַר מענטשן פון דער רוימישער אימפּעריע, און דערציילן אַז איר, רוימער, האָבן געקרייציקט דעם זון פון גאָט: שטימט ניט מיט די מיסיאָנערישע אויפגאַבן פון קריסטלעכן גלויבן. איז אַנטשטאַנען די טענדענץ צו אָפּשוואַכן די שולד פון די רוימער, און ריכטן די שולד אויף אַנאַנדער זייט. דער גרינגסטער און מער פּאַרדינסטפולער מיטל איז געווען צו ריכטן די שולד קעגן די יידן.

די יידן האָבן זיך געהאַלטן פעסט אין זייער גלויבן, האָבן ניט דער־קענט די יידישע סעקטעס פון די נאַזאַרינער און ניט פון די אביונים 1); און ניט געהאַלטן פון דעם גלויבן פון פריערדיקן קריסטענטום פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער פון דער אימפּעריע. האָבן די קריסטן אָנגענומען דעם מיטל פון דאָפּלטן געווינס: גוטמאַכן די שולד פון די רוימער, און אַרויפ־וואַרפן די גאַנצע שולד אויף די ניט־באַליבטע יידן. דעם צוועק און אויפגאַבע האָבן גוט אויסגעפילט די שרייבערס פון די עוואַנגעליעס. זיי האָבן איבער־

1) די יידישע קריסטן האָבן זיך גערופן ׳אביונים׳.

געגעבן דעם גלויבן, דאָקטרינע און אַלע פּאַרלויפיקע האַנדלונגען אין גייסט פון די קירכעס פון וועלכע זיי זיינען געווען באַווירקט און באַפולמעכטיקט, און זיי האָבן עס באַלויכטן און באַפּאַרבט דורך זייער אייגענעם ווּנטש און אויפנעם.

**מאַתיא.**

מת. 1:27. „ווען דער מאָרגן איז געקומען, האָבן אַלע הויפּט כהנים און זקנים פון פאָלק (מיטגלידער פון סענהדרין) געהאַלטן אַ באַראַט קעגן יעזוסן ווי צו איבערגעבן אים צום טויט. (2) און ווען זיי האָבן אים געבונדן, האָבן זיי אים אַוועקגעפירט, און איבערגעגעבן צו פּאָנטיוס פּילאַטוס דעם פּראָקוראַטאָר.״

**מאַרקוס.**

מק. 1:15. „און גלייך אין דער פרי האָבן די הויפּט כהנים געהאַלטן אַ באַראַט און האָבן יעזוסן געבונדען און אים אַוועקגעטראָגן און אים איבערגעגעבן צו פּילאַטוסן.

**לוקאַס.**

לוק. 1:23. „און דער גאַנצער עולם פון זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אַוועקגעפירט אים צו פּילאַטוסן.״

פון פריערדיקן קאַפּיטל ווייסן מיר פון דעם שרייבן פון מאַתיא און מאַרקוס עוואַנגעליעס אַז דער סנהדרין איז שוין געזעסן און געוואַרט, ווען מען האָט געבראַכט יעזוסן האָט מען גלייך געעפנט דעם געריכט. אַלע ריכטער האָבן געזוכט עדות כדי צו פאַרמישפּטן אים צום טויט; לויט מאַתיא געזוכט ניט סתם עדות, נאָר פאַלשע עדות. אין דער פרי האָט זיך געעפנט אַ צווייטע זיצונג פון סנהדרין. נאָכן אויסהערן אַלע פאַלשע עדות האָט דער סנהדרין איינשטימיק געפונען יעזוסן שולדיק אין טויט. לויט לוקאַס אַז געווען נאָר איין זיצונג פון סנהדרין אין דער פרי פונם טאָג. אַצונד נאָך דאָס אַלץ, ווען דער סנהדרין האָט געהאַלטן געריכט נאַכט און מאָרגן, האָבן זיי געדאַרפט ווידער האַלטן אַ באַראַט און באַשליסן צו פירן אים צו פּילאַטוסן. אַזאַ אומזין דאַרף מען האָבן גרויסן קוראַזש צו שרייבן. אום יום־טוב, אין דער נאַכט פון סדר פון פּסח, וועלן זיך איינזאַמלען 71 ריכטער, וועלן זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט, פאַרברעכן קעגן געזעץ און דין, וואָס מען טאָר ניט מישפּטן ביי נאַכט און אוים יום־טוב, צוליב וואָס? — כדי אויף מאָרגן זיך האַלטן אַן עצה און באַשליסן אַוועקפירן אים צו פּילאַטוסן. דער גאַנצער שטות קומט אַרויס פון דערויף וואָס די סינאָפּטישע עוואַנגעליע שרייבערס גייען אַרויס פון זייערע כלים צו שאַפן אַ סיטואַציע פון סנהדרין־מישפּטים קעגן יעזוסן, כדי צו וואַרפן די שולד אויף דעם העכסטן יידישן געריכט אין לאַנד.

יאָהאַן, דער אַווטאָר פון דער 4־טער עוואַנגעליע, זאָגט זיך אָפּ פון

**צושטיין צום כאַר פון סנהדרין־מישפט. אין זיין צייט איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַז עס איז געווען אַן אוממעגלעכקייט אַ מישפט פון סנהדרין אין מיטן נאַכט און אין פרימאָרגן פון אַ יום־טוב טאָג; אויך די סעסיעס פון סנהדרין־מישפטים זיינען פאָרגעקומען אין בית המקדש אין דעם קאַמער פון געהאַקטע שטיינער (לשכת הגזית). אין יאָהאַנ׳ס צייט זיינען די ביכער פון מאַתיא, מאַרקוס און לוקאַס נאָך ניט געווען קאַנאָניזירט פון דער קירך, זיי זיינען געווען שרייבונגען איבער דער קריסטלעכער רעליגיע, און יעדער שרייבער האָט געהאַט זיין רעכט אַנצונעמען אָדער אָפּוואַרפן זייערע מיינונגען. יאָהאַן האָט זיך אנטזאָגט זיי אָננעמען און האָט זיי לחלוטין צוריקגעוויזן. לויט יאָהאַנ׳ס עוואַנגעליע איז ניט געווען קיין מישפט פון סנהדרין, ניט ביינאַכט און ניט אין דער פרי. עס איז געווען נאָר אַ פאַרהער פון איין כהן חנן אין חננ׳ס הויז. קאַיאַפאַס האָט באַשלאָסן צו שיקן יעזוסן צו פילאַטוסן ער זאָל אים מישפּטן.**

יאָהאַן 28:18. „דאַן האָבן זיי געפירט יעזוס פון קאַיאַפאַס צו דעם זאַל פון גערעכטיקייט; און עס איז געווען פרי, און זיי זעלבסט זיינען ניט אַריינגעקומען אין געריכטס־זאַל, טאָמער וועלן זיי ווערן טמא, וועלן ניט קענען עסן דעם קרבן־פסח.“

**פש. די שרייבער פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס ניט נאָר אומברחמנותדיק האַלטן די 71 ריכטער אַ גאַנצע נאַכט אָן קיין שום אורזאַך, נאָר זיי מאַכן אויך די ריכטער אויף מאָרגן בינדן יעזוסן און פאַירן אים צו פילאַטוסן. ווי און ווען איז געהערט געוואָרן אַז מיטגלידער פון אַ הויכן געריכט נעמען אויף זיך די פּאָליציאַישע פליכט צו פירן דעם פאַרהאַפטן צו אַ גרעסערן געריכט? עס וואָלט דאָך פאַר זיי אַליין געווען די גרעסטע חרפה צו דערשיינען פאַר פילאַטוסן און זיין סוויטע פון הויכע באַאַמטע אין דער ראָליע פון פּאָליציאַנטן און וואַך־סאָלדאַטן. וואָס איז געוואָרן מיט דער וואַך וואָס האָט געהאַלטן יעזוסן? די באַוואָפנטע וואַך עקזיסטירט מער ניט פאַר די אויטאָרס פון די עוואַנגעליעס.**

**מאַתיא**

מת. 11:27. „און יעזוס איז געשטאַנען פאַרן גאָווערנער: און דער גאָווערנער האָט געפרעגט אים, זאָגענדיק, ביסטו דער קיניג פון די יידן? און יעזוס האָט געזאָגט צו אים, דו זאָגסט עס.“

מת. 12:27. „און ווען ער איז געווען באַשולדיקט פון די „הויפּט כהנים“ און זקנים, האָט ער גאָר ניט געענטפערט.“

מת. 13:27. „דאַן האָט פילאַטוס

**מאַרקוס**

מק. 2:15. „און פילאַטוס האָט אים געפרעגט, ביסטו דער קיניג פון די יידן? און ער האָט ענטפערנדיק אים געזאָגט, דו זאָגסט עס.“

מק. 3:15. „און די הויפּט כהנים האָבן באַשולדיקט אים אין פיל זאַכן: נאָר ער האָט גאָר ניט געענטפערט.“

מק. 4:15. „און פילאַטוס האָט אים ווידער געפרעגט, זאָגענדיק, ענטפערסטו גאָר ניט? זע, וויפיל זאַכן זיי עדותן קעגן דיר!“

גענאָגט צו אים, הערסטו דען גאָר ניט וויפיל זאַכן זיי עדותן קעגן דיר?״

מת. 14:27. „און ער האָט ניט געענטפערט אים קיין וואָרט, אַזוי פיל אַז דער גאָווערנער איז זייער נתפעל געוואָרן.״

מק. 5:15. נאָר יעזוס האָט גאָר ניט געענטפערט: אַזוי אַז פילאַטוס איז געווען נתפעל.״

### לוקאַס

לק. 2:23. „און זיי האָבן אָנגע־הויבן צו באַשולדיקן אים, זאָגענדיק, מיר האָבן געפונען דעם מאַן פאַרדאָר־בענדיק דאָס פאָלק, און פאַרבאָטענ־דיק צו געבן צינזן צו צעזאַר, זאָגענ־דיק, אַז ער אַליין איז קריסטוס דער קיניג.״

לוק. 3:23. „און פילאַטוס האָט אים געפרעגט, זאָגענדיק, ביסטו דער קיניג פון די יידן? און ער האָט גע־ענטפערט אים און געזאָגט, דו זאָגסט עס.״

### יאָהאַן

יאָהאַן 29:18. „דאַן איז פילאַ־טוס אַרויס צו זיי און געזאָגט, וואָס פאַר אַ באַשולדיקונג ברענגט איר קעגן דעם מאַן?״

יאָהאַן 30:18. „זיי האָבן געענט־פערט און געזאָגט צו אים, אויב ער וואָלט ניט געווען אַ בייז־טוער (מאַל־פעקטאר), וואָלטן מיר אים ניט איבערגעגעבן צו דיר.״

פילאַטוס זאָגט צו יעזוסן אַז ער ווערט באַשולדיקט פון די יידן, און פרעגט ביי אים ביסטו דער קיניג פון די יידן?

דאָ, פאַר פילאַטוסן, דערשיינט אין גאַנצן אַ נייער פּראָצעס, נייע באַ־שולדיקונגען, אַ נייע אָנקלאַגע. אין סנהדרין איז די באַשולדיקונג באַשטאַנען אַז יעזוס האָט געזאָגט אַז ער קען דעם טעמפּל צעשטערן און אויפבויען אין דריי טעג, און פאַר אָנגעבן זיך אַלץ משיח. אין די אָנקלאַגעס איז ער געפונען געוואָרן שולדיק. אַצינד באַאַבאַכטן מיר אַ רוימישן געריכט. דער אכזר פילאַטוס, דער פּראָקוראַטאָר, איז דער הויפּט שופט. דאָ קען זיכער ניט אָנגיין דער אופן פון אַ געריכט ווי די עוואַנגעליעס האָבן געמאַכט מיט דעם סנהדרין, אַ געריכט פון ייִנגלאַך וואָס שפּילן זיך אין באַשולדיקן און פאַראורטיילן. דאָס איז דער העכסטער געריכט פון רוימישן אימפּעראַטאָר אין ירושלים, די הויפּט שטאָט פון יהודה. עס ווערט געפירט אין דער פאָרמע און פּראָצעדורע פון רוימישער גערעכטיקייט, און די פאָדערונג צו די אונטערדריקטע דעם געהעריקן רעספּעקט פאַר זייערע געריכטן.

די דעלעגאַציע פון כהן גדול און סנהדרין, וועלכע האָט געבראַכט יעזוסן צו פילאַטוסן, האָט אויך געוויס געבראַכט די נויטיקע פּאַפּירן און דאָקומענטן פון פריערדיקן משפּט, וועלכע באַווייזן זיין באַשולדיקונג, זיינע ענטפערס און דעם אורטייל פון געריכט. יענע רעקאָרדס דערציילן פון דער באַשולדיקונג אַז ער האָט געזאָגט ער קען דעם טעמפּל צעשטערן און אויפ־

בויען אין דריי טעג; און ער גיט זיך אָן פאַר אַ משיח, גאָט'ס זון. אָבער דאָ ברייננגט פּילאַטוס אַ נייע קלאַגע, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיטן מישפּט פון סנהדרין. אַז יעזוס איז דער קיניג פון די יידן, איז ניט דערמאָנט געוואָרן ביי דעם פריערדיקן מישפּט. אויב די הויפּט כהנים און די עלטסטע זאָלן מאַכן דעם נייעם אָנקלאַג, וואָלטן זיי געדאַרפט דערקלערן וואָרום זיי האָבן דאָס ניט אויפגענומען אויף זייער מישפּט. אָן ממשותדיקער דערקלערונג וואָלט זייער באַשולדיקונג ניט געטראָגן קיין האַפט און געזעצלעכקייט.

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבן וואָס איז געווען די געזעצלעכע מאַכט און יוריסדיקציע פון סנהדרין אין דער צייט פון פּילאַטוסן.

ווי עס ווייזט אויס, און נאָך די שטודירונג פון יאָזעפוס און אַנדערע היסטאָריקער און אַפילו די עוואַנגעליע, האָט דער סנהדרין אין שייכות צום יידישן פאָלק און צו די בירגער פון יהודה געהאַט אַ גרויסע יורידישע מאַכט.

לויט די עוואַנגעליעס האָט דער סנהדרין ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל: עס איז ניט מער ווי אַן אַנגעבענדיקע אורזאַך וואָרום האָט פּילאַטוס געמישפּט יעזוסן.

אויב פּילאַטוס האָט געדאַרפט באַשטעטיקן דעם אורטייל פון סנהדרין, וואָלט זיך זיין געריכט ניט געפירט ווי די עוואַנגעליעס גיבן איבער.

פּילאַטוס וואָלט זיך באַקענט מיט דער באַשולדיקונג, מיט דער פאַר־טיידיקונג, מיט די עדות זאָגן און מיט דער צאָל פון ריכטער וואָס זיינען געווען פאַר דער פאַראורטיילונג. דאַן, נאָכן אויספרעגן דעם באַשולדיקטן, וואָלט ער אַרויסגעגעבן זיין אַנטשיידונג, באַשטעטיקן אָדער אָפּוואַרפן דעם טויט־אורטייל.

אָבער אויף דעם מישפּט זעט זיך אָן אַז דאָ קומט ניט פאָר קיין אַנט־שיידונג פון אַן אורטייל פון אַ פריערדיקן געריכט, נאָר אַ זעלבסט־שטענדיקער געריכטס־פּראָצעס. די באַשולדיקונג איז גאַנץ אַנדערש פון ערשטן מישפּט. אויב דער געריכט פון סנהדרין האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרויסגעבן טויט־אורטיילן, האָט ער דאָך פאַרבראָכן קעגן דער רוימישער פאַראָרדענונג, קעגן געזעץ פון צעזאַר; דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אַקט פון רעוואָלטירונג קעגן דעם אימפּעראַטאָרישן דעקרעט.

ווידער, אַן אַקט וואָס האָט ניט קיין מאַכט און קיין געזעצלעכן ווערט, וואָרום זאָל מען זיך נעמען די מי צו אַרויסגעבן אַזאַ אַקט? ווו איז געווען די נויטיקייט צו איינזאַמלען דעם „קאָנסיל" סנהדרין צו מישפּטן, ווען זיי האָבן ניט קיין רעכט צו מישפּטן, און זייער אורטייל איז קיין אורטייל ניט. וואָרום האָבן זיי געדאַרפט ברעכן אַן אַלטן דין צוליב אַ זאַך וואָס האָט ניט קיין ממשות? די סענאַטאָרן האָבן געבראָכן אַ רעליגיעזן דין און אַ געזעץ פון זייער אייגענעם סנהדרין, טאָן אַ זאַך וואָס איז ניט פאָרגעקומען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער עקזיסטענץ פון סנהדרין, ווי אָנפירן מיט אַ מישפּט אום יום טוב: צוליב דעם איינציקן צוועק צו ריידן און שטימען פאַר אַן אורטייל וואָס איז קיין אורטייל ניט, צו אָנפירן אַ חיזוק מישפּט.

דעם איינציקן שלוס קענען מיר מאַכן אַז די אָנקלאַגע אויף יעזוס איז אויפ־געקומען נאָר פון דער פּראָקוראַטורע, פון פּילאַטוס זעלבסט.

די געשיכטלעכע פאַקטן פון די עוואַנגעליעס זיינען: מאַתיא, מאַרקוס, און לוקאַס אייניקן זיך אַז יעזוס האָט גאָר ניט געענטפערט פּילאַטוסן; יאָהאַן — אַז יעזוס האָט געענטפערט אויף אַלץ און האָט נאָך אַליין געשטעלט פראַגן צו פּילאַטוסן.

לויט די סינאָפּטיקס, פרעגט פּילאַטוס יעזוסן, ביסטו דער קיניג פון די יידן? יעזוס ענטפערט דו זאָגסט עס.

יעזוס, אין דער ווירקלעכקייט, האָט זיך קיין מאָל ניט דערקלערט אַלץ דער קיניג פון די יידן, און קיינער פון די יידן אין "קאָנסיל"־געריכט האָט אים אין דערויף ניט באַשולדיקט. האָט דאָך יעזוס געקענט אָפן דערקלערן אַז די באַשולדיקונג איז ניט אמת, ער האָט זיך קיין מאָל דערקלערט אַלץ מלך פון די יידן. אָבער יעזוס גיט אַ צווייטייטיקן ענטפער, „דו זאָגסט דאָס."

פּילאַטוס דערקלערט צו יעזוסן אַז ער האָט אַ שווערע קלאַגע קעגן זיך, ער פרעגט אים וואָס ער האָט צו זאָגן אויף דערויף, און יעזוס שווייגט, ער ענטפערט גאָר ניט.

לאָמיר זיך אַריינטראַכטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ געריכט. מיר שטעלן זיך פאָר אַ געריכט אין אַ לאַנד פאַר אַ ריכטער און צוועלף איינגע־שוואָרענע בירגער (דזשורי). עס ווערט פאָרגעלייגט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן דער באַשולדיקונגס אַקט. דער ריכטער פרעגט דעם אָנגעקלאָגטן וואָס ער האָט צו זאָגן אויף דער באַשולדיקונג, און דער באַשולדיקטער שווייגט, ער ענטפערט ניט קיין וואָרט. ווען דער ריכטער מאַכט אים אויפמערקזאַם אַז קעגן אים איז אַ שווערע באַשולדיקונג — וואָס האָט ער צו זאָגן? און דער באַשולדיקטער שווייגט.

ווי וואָלט זיין שווייגן רעאַגירט אויף דעם ריכטער און די איינגע־שוואָרענע?

דער אָנקלאָגער (פּראָקוראָר), דער ריכטער, די איינגעשוואָרענע וואָלטן געזען אונטערן איינדרוק אַז ער האָט גאָר ניט מיט וואָס צו פאַרענטפערן זיין שולד, נאָר האָט מורא אַרויסברייגען דעם וואָרט שולדיק. פאַר קיין פאַל וואָלטן זיי געדענקט אַז ער איז אומשולדיק.

איצט שטייט יעזוס אין מישפּט פאַר דעם רוימישן מושל, דעם שטאַלצן רוימישן הערשער. 'יידישער מלך' איז ניט קיין שפּיל־וואָרט אין רוימישן געריכט און פאַר דעם שופט פּראָקוראַטאָר. 'קיניג' מיינט רעבעליע, אויפ־שטאַנד קעגן רוימישן אימפּעראַטאָר, אָפּרייסן די פּראָווינץ יהודה פון דער רוימישער אימפּעריע, מאַכן עס זעלבסטשטענדיק און דערקלערן זיך מלך פון דער באַפרייטער לאַנד. לויט די עוואַנגעליעס איז דער הערשער־ריכטער אַזוי פיין און מאַכט אַ פּרווו צו דערקלערן דעם אָנגעקלאָגטן אַז זיין באַ־שולדיקונג איז אַ שווערע, פאַר וועלכער עס קומט אַ שווערע שטראָף, און פרעגט אים וואָס ער האָט צו זאָגן אין זיין פאַרטיידיקונג. און יעזוס שווייגט.

קומט אויס ביי די דריי עוואַנגעליע־שרייבערס אַז זיין שוויגן האָט געמאַכט אַ פּאַרקערטע ווירקונג. פּילאַטוס האָט זיך געוווּנדערט, און אָנגענומען אַז יעזוס איז אומשולדיק.

לויט יאָזעפוס און פילאָן איז פּילאַטוס געווען אַ רשע און אַן אכזר; מענטשלעך בלוט האָט גאָר ניט געמיינט פאַר אים. ער האָט געהרגעט יידן אין די טויזנטער — אַזוי ווי מען האָט איבערגעגעבן צו יעזוסן נאָך אין דער צייט ווען ער איז געווען אין גליל, אַז „ער מישט מענטשלעך בלוט מיט די בלוט פון קרבנות.״

פּילאַטוס האָט גוט געוווּסט פון דער טעטיקייט פון יהודה הגלילי׳ס פּאַרטיי פון די קנאים, פון זייער לאָזונג: בעסער דער טויט ווי צו זיין פאַר־שקלאַפט צו די רוימער. אויך האָט ער געוווּסט אַז דער איינפלוס פון דער פּאַרטיי שטאַרקט זיך אין יהודה, און די צאָל פון אָנהייגער און סימפּאַטיקער פאַרגרעסערט זיך. פאַר יעדן קלענסטן פאַרדאַכט האָט פּילאַטוס געשיקט מענטשן צום טויט.

„פּאָנטיוס פּילאַטוס, דורך זיין חוצפּהדיקן אויפפיר, האָט אַרויסגערופן אומרוען צווישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אומבייגזאַמן כאַ־ראַקטער און אַ שרעקלעכער אכזר״. — שמעון דובנאָוו, „אַלגעמיינע יידישע געשיכטע״, 5טער טייל, ערשטער קאַפּיטל.

לויט ווי עס שילדערט אים פילון פון אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט געלעבט אין זיין צייט, „שוחד, גזלות, גוואַלד־טאַטן, באַליידיקונגען קעגן מענטשן, ווילדעווען, טויט שטראָפן און אַ משפּט״ אָט דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון פּילאַטוס פאַרוואַלטונג.

פּילאַטוס רעזידענץ און הויפּט רעגירונגס צענטער איז געווען קיסריה (צעזאַריאַ). אין דער צייט פון די יידישע ימים טובים פלעגט פּילאַטוס אָנקומען מיט זיינע לעגיאָנערן אין ירושלים צו האַלטן אָרדנונג. ער פלעגט זיך באַזעצן אין הורדוס פּאַלאַץ און אין דער פעסטונג אנטאניא. די גאַלעריעס פון פעסטונג האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל מיט די געביידעס פון בית המקדש, און זיינען באַזעצט געוואָרן מיט לעגיאָנערן אין פולער באַוואָפנונג; סאָלדאַטן זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַלע סטראַטעגישע פונקטן: גרייט צו דער־שטיקן, אין בלוט דערטרינקען יעדן פאַרזוך פון אויפשטאַנד אָדער אומ־אָרדענונג.

פּילאַטוס שטעלונג, פון זיין ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן פון זיין פּראָ־קוראַטורע, איז געווען די רוימישע שטעלונג (פּאָליסי) אַז „וויי צום באַזיגטן.״ פּילאַטוס ריכטונג איז געווען צו געוועלטיקן מיט מאַכט און אומברחמנותדיק. דאָס באַזיגטע פאָלק זאָל וויסן, פאַרשטיין און געדיינקען אַז עס איז אונטער דער רוימישער הערשאַפט. ער האָט געפּאָדערט אונטערגעבונג און אונטער־טעניקייט. ער האָט רעגירט מיט שטרייִנגקייט און ניט דורך נאָכגעביקייט; אכזר אין נאַטור, האָט ער געהערשט דורך שווערד און בלוט. ער האָט געשיקט הונדערטער צום טויט אָן וועלכן עס איז משפּט. אָבער ווען עס איז געקומען

צו געריכט, איז עס פאָרגעקומען מיט דער גאַנצער פירונג און באַפּוצונג פון רוימישער גערעכטיקייט; צו אַרויסרופן מורא און כבוד פאַר דער רוי־מישער יוריספּרודענץ.

יאָהאַן דערציילט אַ נייע זאַך. ער שטימט ניט איין מיט די ערשטע דריי עוואַנגעליע שרייבערס, אַז יעזוס איז אַרעסטירט געוואָרן פּסח נאַכט, אַז יעזוס און די תלמידים האָבן געגעסן דעם קרבן־פּסח און געפירט דעם סדר; אַז יעזוס האָט געזאָגט 'טרינקט דעם ווײַן, עס איז מײַן בלוט; עסט דעם ברויט, עס איז מײַן פלייש': מחמת יאָהאַן זאָגט אַז דער אַרעסט איז געווען אַ נאַכט פאַר פּסח־נאַכט; און יעזוס מיט די תלמידים האָבן ניט געגעסן דעם קרבן פּסח און ניט קיין אומגעזויערט ברויט.

אויך, לויט יאָהאַן, איז פּילאַטוס משפּט פאָרגעקומען ערב פּסח. דעם קרבן פּסח האָט מען געדאַרפט ערשט עסן די אָנקומענדיקע נאַכט.

יאָהאַן זאָגט ניט אַז די הויפּט כהנים און די זקנים האָבן אַוועקגעפירט אָדער אַוועקגעטראָגן יעזוסן צו פּילאַטוסן, נאָר ער באַצייכנט מיט דעם וואָרט „זיי". „זיי" זײַנען ניט אַרײַנגעקומען אין קאַמער פון גערעכטיקייט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו ווערן אומריין (טמא) און וועלן ניט קענען עסן דעם קרבן פּסח דעם אָנקומענדיקן אָוונט. איז פּילאַטוס אַרויסגעקומען צו „זיי". עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַז די „זיי" זײַנען געבליבן שטיין אין דרויסן פון דער געביידע.

יאָהאַן איז געווען דער שפּעטיקסטער און דער לעצטער פון די עוואַנ־געליע שרייבערס. יעדע באַשרייבונג וואָס האָט צו טאָן מיט פאַרלאָפענע פּאַסירונגען, מיט דערשײַנונגען וואָס זײַנען פאָרגעקומען: פאָדערט זיך די צושטימונג פון צייט און לעבן, די צופּאַסונג צו דער פאַרשטענדעניש און צו דער ווירקלעכקייט פון יענער צייט.

אויב זיי האָבן מורא געהאַט צו ווערן טמא דורך זייער אַרײַנקומען אין פּילאַטוס זאַל פון גערעכטיקייט: האָבן זיי געדאַרפט אָפּלייגן די ברענגונג פון יעזוסן צו פּילאַטוסן.

און ווי האָט עס געקענט זײַן מעגלעך אַז די יידן וועלן זיך דערלויבן אויף אַזוי פיל צו באַליידיקן פּילאַטוסן און זײַן מישפּט? די יידן וועלן זאָגן צו דעם פּראָקוראַטאָר אַז זיי קענען ניט אַרײַנקומען אין רוימישן קאַמער פון גערעכטיקייט, מחמת זיי וועלן ווערן אומריין אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל פון געריכטס־זאַל. ווען דער עוואַנגעליע שרייבער וואָלט געהאַט די מינדסטע פאַרשטענדעניש פון יענער עפּאָכע, דעם קלענסטן באַגריף פון די רוימישע פירונגען אין אירע פּראָווינצן, אַ טראָפּן פון וויסן פון דער געשיכטע פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן און פון דער פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין יהודה: וואָלט ער זיך ניט דערלויבט צו אַרײַנברענגען אַזאַ אומרעאַליסטישן געדאַנק.

פּילאַטוס האָט, לויט די עוואַנגעליעס, נאָך זיי ניט געשיקט, ער האָט „זיי" ניט געצוואונגען צו קומען, זיי זײַנען געקומען פרייוויליק, דורך זייער אייגענעם ווילן. דערלאָזן, אַז פּילאַטוס איז אַ נאַבעלער מענטש, אַן איידל

מאַן און אַן אמת זוכענדיקער מענטש; וואָלט ער איינגעהאַלטן זיין צאָרן און אין אַן איידעלן אופן געזאָגט צו די יידן: אויב מיין געריכטס צימער איז אומריין, עס איז פאַר אייך טמא, וואָרום זייט איר געקומען? האָב איך נאָך אייך געשיקט? נעמט דעם פאַרהאַפטן און גייט צוריק, איר ווערט דענסטמאָל קומען ווען איר וועט ניט מורא האָבן אַריינקומען אין געריכטס זאַל, און פאַרלייגן אייער באַשולדיקונג און די עדות זאָגונג.

לויט דעם עוואַנגעליע שרייבער איז פאַרגעקומען אַנדערש, דער 'נע־בעכדיקער' פּילאַטוס האָט געציטערט פאַר די יידן, ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן זיי אַ וואָרט קעגן, און אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן און געזאָגט איז געווען גוט און וואויל צו אים: ווי די יידן וואָלטן געווען די רוימער, און פּילאַטוס אַ שטילער, אומבאַשיצטער ייד. דער אַוטאָר ברענגט אַרויס די פאָלגענדיקע בילד: דער שטאָלצער רוימער, דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, זיצט אויף זיין רידטער־שול אין געריכטס קאַמער און פרעגט אויס יעזוסן; דערנאָך שטייט ער אויף און לויפט אַרויס אין דרויסן צו פרעגן די יידן וואָס זיי האָבן וואָס צו זאָגן; ווידער לויפן צו דער ריכטערס שטול צו אויספרעגן דעם באַ־שולדיקטן און אים געבן דעם רעפּאָרט אין וואָס די יידן באַשולדיקן אים, און דערנאָך לויפן צוריק אין דרויסן צו איבערגעבן די יידן וואָס דער באַ־שולדיקטער זאָגט.

יאָהאַן 29:18. „דענסטמאָל איז פּילאַטוס אַרויס צו זיי, און געזאָגט, וואָס פאַר אַ באַשולדיקונג ברייננט איר קעגן דעם מאַן?"

פּש. אַזוי ווי מיר ווייסן, האָבן די יידן מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי ווערן טמא ווען זיי וועלן אַריינקומען אינווייניק אין דער געביידע פון געריכט, זיינען זיי געשטאַנען אין דרויסן. דער פּראָקוראַטאָר, דער רוימישער דיקטאַ־טאָר, האָט פאַרגעסן זיין שטאַנד, זיין הערשאַפט, און אַליין בכבודו ובעצמו קומט ער אַרויס צו פרעגן די יידן אין וואָס זיי באַשולדיקן דעם מאַן.

יאָהאַן 30:18. „זיי האָבן געענטפערט און געזאָגט צו אים, אויב ער וואָלט ניט געווען אַ בייז־טוער (מיילפעקטאָר), וואָלטן מיר אים ניט איבער־געגעבן צו דיר."

פּש. דאָס קומט פאַר אין העכסטן געריכט, ווו דער פּראָקוראַטאָר איז דער שופט, ווו עס ווערט אַנטשיידן אַ לעבן פון אַ מענטשן. צוויי העכסטע יוסטיץ אינסטיטוציעס קומען זיך צוזאַמען, און דאָרט קומט פאַר אַזאַ העכסט יורידישע פאַרהאַנדלונג: „אויב ער וואָלט געווען ניט שולדיק וואָלטן מיר אים אָהער ניט געבראַכט." אַזעלכעס וואָלט ניט געקענט פאָרקומען אין אַ פאַרוואָרפנ־סטער שטעטל, אין אַ געריכט פון אַ דזשאַסטיס אָף די פּיעס, און אַפילו אין אַ שפּיל־געריכט פון קינדער.

יאָהאַן 31:18. „דעמאָלט האָט פּילאַטוס געזאָגט צו זיי, נעמט אים און מישפּט אים לויט אייער געזעץ. די יידן האָבן דעריבער געזאָגט צו אים, עס איז ניט געזעצלעך פאַר אונדז צו איבערגעבן ווען עס איז מאַן צום טויט."

יאָהאַן מאַכט צו ריידן פּילאַטוסן און יעזוסן וואָס ער געפינט פאַר נייטיק

**אַז זיי זאָלן טאָן און ריידן. איצט טוט ער דאָס זעלביקע מיט די הויפּט כהנים און מיט זקנים פון סנהדרין. יאָהאַן קען לערנען שכל פילאַטוסן און יעזוסן, אָבער די זקנים זיינען געווען צום וויניקסטן אַזוי קלוג ווי יאָהאַן. ווען זיי וואָלטן געהערט אַזעלכע רייד פון פילאַטוסן, ווי ׳נעמט אים און מישפּט אים לויט אייערע געזעצן׳, וואָלטן זיי פילאַטוסן ניט געזאָגט קיין וואָרט, זיי וואָלטן אויסגענוצט די געלעגנהייט און וואָלטן יעזוסן גענומען צוריק, און געמישפּט אים אין סנהדרין נאָך זייערע געזעצן. דאָס וואָלט געשאַפן דעם פּרעצעדענט אַז דער סנהדרין קען אַרויסטראָגן און אויספירן יעדן אורטייל נאָך זייערע געזעצן. אָבער יאָהאַן לערנט זיי וואָס צו זאָגן, זיי דאַרפן דערמאָנען פילאַטוסן אַז ער האָט צוגענומען די רעכט פון סנהדרין צו אַרויסגעבן אַ פּסק־דין פון טויט. און פילאַטוס איז אַזאַ שלימזל אַז ער ווייסט ניט די געזעצן וועלכע ער אַליין שטעלט איין.**

יאָהאַן 33:18. „דענסטמאָל איז פילאַטוס ווידער אַריינגעקומען אין גע־ריכטס זאַל, און גערופן יעזוסן, און געזאָגט צו אים, ביסטו דער קיניג פון די יידן?"

**פּש. דאָס איז איבער אַלע גרענעצן פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד. די יידן האָבן דאָך גאָר ניט געזאָגט פילאַטוסן אין וואָס באַשטייט יעזוס שולד. זיי האָבן נאָר געזאָגט פילאַטוסן, אַז ער וואָלט ניט געווען אַ „מיילפאַקטאָר" וואָלטן זיי אים ניט געבראַכט צו אים. איז פון וואַנען ווייסט פילאַטוס פון אַזאַ באַ־שולדיקונג אַז ער גיט זיך אָן פאַר דעם קיניג פון די יידן?**

יאָהאַן 34:18. „יעזוס ענטפערט אים זאָגסטו די זאַכן פון זיך זעלבסט, אָדער האָבן אַנדערע געזאָגט דאָס צו דיר פון מיר?"

**פּש. לויט די פריערדיקע עוואַנגעליע שרייבערס האָט יעזוס געשוויגן, ער האָט ניט געענטפערט, און פילאַטוס האָט באַוווּנדערט זיין שווייגן אָבער ביי יאָהאַנען איז יעזוס באַרעדעוודיק. ער רעדט אַזעלכע רייד וואָס אין אַ געריכט וואָלט זיך דער באַשולדיקטער ניט דערלויבט צו זאָגן צום ריכטער: רעדסט דאָס פון דיין קאָפּ, אָדער אימעצער האָט דאָס דיר געזאָגט? דער רוימישער פּראָקוראַטאָר איז זייער מילד און איידל צו זיינע אָנגעקלאָגטע. דער פּראָ־קוראַטאָר, וועלכער מישט דאָס בלוט פון מענטשן מיט דעם בלוט פון קרבנות, באַקלאָגט זיך פאַר יעזוסן:**

יאָהאַן 35:18. „פילאַטוס האָט געענטפערט, בין איך דען אַ ייד? דיין אייגענע נאַציע, און די הויפּט כהנים האָבן איבערגעגעבן דיך צו מיר: וואָס האָסטו געטאָן? (36:18) יעזוס ענטפערט, מיין קיניגרייך איז ניט פון דער וועלט: אויב מיין מלוכה וואָלט געווען פון דער וועלט, דענסטמאָל וואָלטן מיינע דינער זיך געשלאָגן אַז איך זאָל ניט ווערן איבערגעגעבן צו די יידן."

**פּש. יאָהאַן וויל מאַכן דעם איינדרוק אַז יעזוס מיט פילאַטוסן ווילן מאַכן חברותא קעגן די יידן. יעזוס דערקלערט פאַר פילאַטוסן זיין מיסיע מער ווי ער האָט עס דערקלערט פאַר זיינע תלמידים. יעזוס דערקלערט פאַר פילאַ־**

טוסן די קריסטלעכע טעאָלאָגיע פון דריטן יאָר הונדערט, אַז זיין מלוכה איז ניט פון דער וועלט.

יאָהאַן 37:18. „פּילאַטוס האָט דעריבער געזאָגט צו אים, ביסט דו אַ קיניג? יעזוס האָט געענטפערט, דו זאָגסט עס אַז איך בין אַ קיניג. פאַר דעם צוועק בין איך געבאָרן געוואָרן, און פאַר דער דאָזיקער אורזאַך בין איך געקומען אין דער וועלט, אַז איך זאָל טראָגן עדות אין דעם אמת. איטלעכער וואָס איז פון דעם אמת הערט מיין קול.“

פש. יעזוס גיט צו פאַר פּילאַטוסן אַז ער איז קיניג, און פאַר דעם צוועק צו זיין אַ קיניג איז ער געבאָרן געוואָרן. דער פאַרטרעטער פון אימפּעראַטאָר פון רוים, דער הערשער פון דער פּראָווינץ יהודה, וועלכער איז ספּעציעל גקומען מיט זיין חייל און הויכע אָפיצערן צו וואַכן אויף די גרויסע צאָלן אָנגעקומענע יידן, צו דערשטיקן יעדן פּרווו פון באַפרייונג, און צו האַלטן פעסט אונטער צעזאַר'ס קנאַפּל דאָס לאַנד און פאָלק: הערט זיך צו סימ־פּאַטיש צום מאַן וואָס גיט צו אַז ער איז דער קיניג פון די יידן. דוכט זיך אַז יעזוס האָט אָנגעגעבן זיין שולד פיל מער וויפיל די יידן האָבן עס געקענט טאָן. פאַר פּילאַטוסן האָט דאָס שוין געדאַרפט זיין גענוג. ער איז געווען גוט באַקענט מיט דער יידישער האָפענונג אויף אַ גואל, וואָס וועט זיי אויסלייזן פון רוימישן יאָך. פּילאַטוס האָט געהאַסט אַלע אויפגעקומענע משיחים. ווען ער פלעגט אַריינקריגן די נאָכפאָלגער פון משיחים פלעגט ער זיי אויסשלאַכטן אָן רחמנות. איצט שטייט פאַר אים איינער פון די משיחים, וועלכער גיט צו אַז ער איז דער יידישער מלך. דער שווייגענדיקער יעזוס איז זיך מודה אויף דער קעגן אים געבראַכטער באַשולדיקונג: און אויף פּילאַטוסן מאַכט עס אַ פאַרקערטע ווירקונג, אַז ער איז אומשולדיק. פּילאַטוס פאַרגעסט דעם צוועק פון זיין קומען אין ירושלים, פאַרגעסט זיינע לעגיאָנערן, פאַרגעסט זיין ריכ־טער־שטול, פאַרגעסט זיין אויספרעגן אויב ער איז דער קיניג פון די יידן: איבערהויפּט וואָס פּילאַטוס איז פאַראינטערעסירט איז צו וויסן וואָס מיינט אמת. ער פרעגט יעזוסן 'וואָס מיינט אמת?'

יאָהאַן 38:18. „פּילאַטוס האָט געזאָגט צו אים וואָס איז אמת? און ווען ער האָט געזאָגט, איז ער ווידער אַרויס צו די יידן, און געזאָגט צו זיי, איך געפין אין אים לחלוטין קיין שולד.“

פש. פּילאַטוס האָט געפרעגט די וויכטיקע פראַגע 'וואָס איז אמת?' אָבער ער האָט ניט געוואַרט אויף יעזוס דעפיניציע פון אמת. זאָל דאָס זיין מחמת פאַר יאָהאַנען איז געווען שווער צו דערקלערן וואָס איז אמת, אָדער מחמת ביי פּילאַטוסן איז די פילאָסאָפיע פון אמת לאַנג פאַרענטפערט געוואָרן? דער דער אמת איז ביי פּילאַטוסן אויפן שאַרף פון זיין שווערד. און ביי יאָהאַנען אויפן שפּיץ פון זיין פען. עס איז לגמרי אַנדערש און אַ גרויסער אונטערשייד פון די באַריכטן פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס און דעם באַריכט פון יאָהאַנען. עס האָט געקענט געשען נאָר אַזוי און ניט אַנדערש: וועלכער פון זיי איז דער באַגלויבטער?

יאָהאַן 39:18. „אָבער איר האָט אַ מינהג (קאַסטאָם), אַז איך זאָל אַרויס־לאָזן צו אייך איינעם אויף פסח: ווילט איר דעריבער אַז איך זאָל אַרויסלאָזן צו אייך דעם קיניג פון די יידן?"

מילא, פון די משפטים, ווי פון סנהדרין אַזוי פון פילאַטוסן, ווייסט ניט די יידישע געשיכטע און ניט די יידישע טראַדיציע. עס געפינט זיך ניט ערגעץ ווו אַפילו אַ שפור אויף אַן אָנווייזונג פון אַזאַ משפט. די עוואַנגעליעס זיינען די איינציקע קוואַלן וואָס דערציילן אונדז פון דערויף. אָבער מכח אַ יידישן מינהג, נאָך אין באַצוג צו פסח, ווייסן די יידן מער ווי אַנדערע. יידן האָבן אַ ליטעראַטור וועגן אַלע יידישע מינהגים און טראַדיציעס. ערגעץ איז ניט באַוווּסט פון אַזאַ מינהג אַז אויף פסח דאַרף די רעגירונג אַרויסגעבן צום פאָלק אַ פאַרהאַפטן מענטשן, און אויך נאָר איינעם און ניט צוויי. פילאַטוס זאָגט 'איר האָט אַ קאַסטאָם', מיינט דאָך דאָס די יידן און ניט פילאַטוס.

אין באַצוג צו דער מעשה פון יעזוס און באַראַבאַס שטייען מיר אין דער פינסטערניש און מיר הייבן ניט אָן צו וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. ווו און פון וואַנען האָבן די עוואַנגעליעס אויסגעגראָבן אַזאַ מינהג?

אויך לאָזט זיך ניט פאַרשטיין וואָרום זאָל פילאַטוס פאַרלייגן צו באַ־פרייען אַזאַ מאַן ווי באַראַבאַס? ער האָט אַנטייל גענומען אין אַן אויפשטאַנד, אויך באַגאַנגען אַ מאָרד; פילאַטוס וואָס איז געווען אַזוי שטרייטג צו יעדען אויפשטאַנד זאָל פאַרלייגן גראַד אים און ניט קיין אַנדערן צו באַפרייען.

מיר האָבן זיך באַקענט, דורך די עוואַנגעליעס, מיט דער נאַטור און כאַראַקטער פון „איידעלן, גוטן, פיינעם, גערעכטיקייט ליבענדיקן, און זוכער פון אמת און יושר," פּראָקוראַטאָר פילאַטוס. אויך פון זיין שרעקעוודיקייט, נאָכגעביקייט און ווילן צופרידן צו שטעלן די יידן. אָבער די געשיכטע וואָס באַזיצט רעקאָרדס און דאָקומענטן ווייסט פון גאָר אַן אַנדער פילאַטוס; אַז דער גוטער מלאך איז אַ בייזער טייוול.

דאָ וועל איך נאָר ברייגנען דעם לעצטן טאַט פון פילאַטוס לויט יאָזעפוס און אַנדערע היסטאָריקער. עס איז פאָרגעקומען אין שומרון. אַ מאַן וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ משיח, האָט דערציילט אַז אויף דער באַרג גריזים, וואָס די שומרונים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער הייליקייט, זיינען באַ־האַלטן זייערע טייערע כלים פון משכן. האָבן זיך איינגעזאַמלט אַ גרויסער עולם, אַ טייל באַוואָפנט, צו גיין אויפן באַרג צו געפינען דעם הייליקן אוצר. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל טיראַטהאַבא. ווען פילאַטוס האָט זיך פון דערויף דערוווּסט, האָט ער פאַרנומען אַלע וועגן און איז אָנגעפאַלן אויף דער שטעטל מיט אַ גרויסן חיל פון רייטער און פוס־גייער. ער האָט אַ גרויסע צאָל דערהרגעט, אַ צאָל האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און די איבעריקע האָט ער גענומען געפאַנגען. פון די געפאַנגענע זיינען די מערסטע צאָל פון זיי געווען לגמרי אומשולדיק, האָט דער „ישורדיקער" פילאַטוס זיי אַלעמען אויסגעהרגעט.

נאָך דער פאַרלאָפענער געשיכטע האָט דער סענאַט פון שומרון געשיקט

אַ דעלעגאַציע צו וויטעלוס, וואָס איז געווען פּראָוואַלטער פון סיריע. זיי האָבן אים איבערגעגעבן אַז די מענטשן האָבן ניט געהאַט קיין אַבזיכט פון רעוואָלט, זיי זיינען געגאַנגען פרידלעך צום באַרג, זיינען געווען נאָר פאַראינטערעסירט צו זוכן די הייליקע כלים.

אַזאַ בלוטדאָרשטיקייט פון אויסשלאַכטן אַן אַ מישפּט אומשולדיקע מענטשן איז שוין געווען צו פיל אַפילו פאַר אַ רוימישן מושל. וויטעלוס האָט צוריקגערופן פּילאַטוסן. מיט דערויף האָט זיך געענדיקט די בלוטיקע הערשונג פון פּילאַטוסן אַלץ גאָווערנער פון יהודה.

די עוואַנגעליע שרייבערס האָבן אויסגעדריקט דעם באַגער און ווונטש פון די קירכעס צו רייניקן פּילאַטוסן, און וואַרפן די גאַנצע שולד אויף די יידן. עס איז ניט נייטיק געווען פאַר זיי אַריינקוקן איןווירקלעכן גאַנג פון געשיכטע, איבערגעבן דעם כאַראַקטער פון דעם ווילדן אכזר אין זיין אמתן היסטאָרישן אויסזען. דער ווונטש מאַכט צו לויפן די פאַנטאַזיע פריי אין אַלע ריכטונגען: דאַן שוואַרץ ווערט ווייס, ווייס ווערט שוואַרץ; אמת ווערט ליגן, ליגן ווערט אמת; יושר ווערט אומרעכט און אומרעכט—יושר.

איך האָב דאָ נאָר געבראַכט איין היסטאָרישן טאַט פון פּילאַטוסן. אָבער דער אויסגעטראַכטער פּילאַטוס איז דער סימבאָל פון גוטסקייט, ערלעכקייט און זוכעניש פון אמת.

| מאַתיא | מאַרקוס |
|---|---|
| מת. 15:27. „אַצינד אום יענעם יום טוב דער גאָווערנער געוואָלט באַפרייען צום פאָלק אַן אַרעסטירטן, וועמען זיי האָבן געוואָלט. (16) און זיי האָבן דענסטמאָל געהאַט אַ וויכטיקן אַרעסטירטן, גערופן בר אבא (באַראַבאַס). (17) דעריבער ווען זיי זיינען געווען פאַרזאַמלט האָט פּילאַטוס געזאָגט צו זיי, וועמען ווילט איר אַז איך זאָל אַרויסלאָזן צו אייך — באַראַבבאַס אָדער יעזוס וועלכער איז גערופן משיח (קריסטוס)? (18) מחמת ער האָט געוווסט אַז פון קינאה האָבן זיי אים איבערגעגעבן.“ | מק. 6:15. „אַצינד אין יענעם יום טוב האָט ער אַרויסגעלאָזן צו זיי איין אַרעסטירטן וועמען זיי האָבן געוואָלט. (7) און דאָרט איז געווען איינער גערופן בר אבא (באַראַבבאַס), וועלכער איז געלעגן געבונדן מיט די וועלכע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד מיט אים, ער האָט באַגאַנגען מאָרד אין דעם אויפשטאַנד. (8) און דער עולם (מולטיטיוד) הויך שרייענדיק האָבן געוווּנטשן ער זאָל טאָן ווי ער האָט תמיד געטאָן צו זיי. (9) אָבער פּילאַטוס האָט געענטפערט צו זיי, זאָגענדיק, ווילט איר איך זאָל אַרויסלאָזן צו אייך דעם קיניג פון די יידן?“ |

פש. מאַרקוס באַשטעטיקט אַז אין ירושלים איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד מיט אייניקע טעג צוריק. אַ צאָל פון די אַרעסטירטע רעוואָלטירער זיינען געלעגן געבונדן ווייל זייער מישפּט איז נאָך ניט פאָרגעקומען. לויט

מאַרקוס איז פאַרשטאַנען אַז דער בר אבא איז געווען איינער פון די אָנפירער פון אויפשטאַנד, און ער האָט באַגאַנגען אַ מאָרד אָדער מאָרדן. עס איז אַ גרויסער צווייפל אַז פּילאַטוס זאָל וועלן באַפרייען דעם וויכטיקן פירער פון אויפשטאַנד. עס קומט פאָר, עס איז דער מיטן פון אַ מישפּט פון אַ מאַן מיטן נאָמען יעזוס. זיין שולד איז אַז ער האָט געזוכט צו ווערן קיניג פון די יידן און פון דער לאַנד יהודה. איך האָב פריער באַמערקט אַז פּילאַטוס האָט געטויט פיל אַן וועלכן עס איז מישפּט, אָבער ווען אַ מישפּט איז פאָרגעקומען, האָט זיך געפירט נאָך די אָנגענומענע רוימישע געזעצן. יעזוס שטייט פאַרן מישפּט פון פּילאַטוס. פּילאַטוס וואָלט געפירט דעם מישפּט ביז דעם סוף, דענסטמאָל וואָלט ער אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל שוולדיק אָדער ניט שולדיק. אויב ער וואָלט דערקלערט יעזוסן אומשולדיק, וואָלט יעזוס באַפרייט געוואָרן, און עס וואָלט ניט געווען קיין שייכות צו באַראַבבאַס.

מאתיא הייבט אָן מיט דיזעלבע ווערטער ווי מאַרקוס, און קאַפּירט אים ווערבאַטים, נאָר מאתיא פאַרשטייט אַז מאַרקוס שרייבט צופיל פון אויפשטאַנד, און באַראַבבאַס האָט געגומען אַ גרויסן אָנטייל אין אויפשטאַנד און אויך באַגאַנגען מאָרד: פאַרשטייט מאתיא אַז אַזאַ אַרעסטאַנט וואָלט פּי־לאַטוס ניט באַפרייען. אָבער מאתיא קען דאָך ניט אויסלאָזן (מילד גערעדט) די מעשה וואָס די יידן האָבן געפאָדערט די באַפרייונג פון באַראַבבאַס און ניט פון יעזוס; באַנוצט מאתיא אַ גרינגן מעטאָד, ער מעקט אויס מאַרקוס באַריכט פון אויפשטאַנד.

די באַשרייבונגען פון די עוואַנגעליעס זיינען ניט אַ פּועל יוצא פון מישפּט, נאָר די באַשרייבונגען פון מישפּט זיינען אַ רעזולטאַט פון די עוואַנ־געליעס.

לויט מאַרקוס אין זאַץ 8, ווערט פאַרלאָרן אין גאַנצן די שכלקייט און לאָגיק פון דער זאַך. זיי האָבן געבראַכט יעזוסן צו פּילאַטוסן און פאָדערן פאַר יעזוסן טויט־שטראָף, צוליב דעם צוועק האָבן זיי געבראַכט יעזוסן אין גע־ריכטס־הויז. פאַרשטענדלעך, אַז זייער ווונטש איז צו דערפירן זייער שליחות צו דערפאָלג, צו פאַראורטיילן יעזוסן. פרעגט זיך: וואָרום, און צוליב וואָס זאָלן זיי אין מיטן אָנהייבן פאָדערן צו באַפרייען צו זיי אַ פאַרברעכער? די לאָגישע זאַך איז געווען פריער אויספירן זייער באַגער קעגן דעם מאַן אויף וועלכן זיי האָבן געברענט מיט קינאה. אָבער די אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס מאַכן פאַרגעסן די הויפּט כהנים, די ריכטער פון קאָנסיל דעם צוועק פון זייער קומען צו שטילן זייער דורשט „פון קינאה" צו אומברייגגען יעזוסן, זיי מאַכן די סנהדרין דעלעגאַציע זיך שלאָגן זעלבסט, מאַכן צו גאָר ניט זייער גאַנצע אָנשטריינגונג, און זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַ ניט וויכטיקער פאָדערונג צו באַפרייען צו זיי אַן אַרעסטירטן. מאתיא האָט דאָס פאַרשטאַנען, דעריבער פאַרבעסערט עס, אַז פּילאַטוס האָט געמאַכט דעם פאַרשלאָג: „וועמען ווילט איר איך זאָל אַרויסלאָזן — יעזוסן אָדער באַראַבבאַסן?"

מאַרקוס גיט איבער אין זעלבן זין ווי פּילאַטוס האָט אָנגעפירט זיין

באַשולדיקונג, אַז יעזוס איז דער קיניג פֿון די יידן. פּרעגט איצט פּילאַטוס „זאָל איך אַרויסלאָזן צו אייך דעם קיניג פֿון די יידן?‟ מאתיא זאָגט אַז פּילאַטוס האָט געזאָגט „זאָל איך אַרויסלאָזן יעזוס וואָס איז גערופֿן קריסטוס?‟ עס ווערט איבערגעגעבן די ווערטער פֿון גרויסן ריכטער פּילאַטוס אין שייכות צו יעזוס: און יעדע שרייבער רייד פֿון שופֿט. ווילט זיך וויסן: וואָס האָט פּאַרט פּילאַטוס געזאָגט — דעם יידישן קיניג, אָדער יעזוס, וואָס ווערט גערופֿן קריסטוס? אָדער ער האָט קיינעם ניט געפֿרעגט און געטאָן ווי ער פֿאַרשטייט אַליין?

אין דער אויפֿגעקומענער קריסטלעכער רעליגיע איז אויפֿגעקומען דער ווילן און ווונטש צו פֿאַרגעסן און פֿאַרגעבן די רוימער; הייליקן פּילאַטוסן און פֿאַרגעסן די רוימישע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די קריסטן. עס האָט געהערשט דער צוועק און באַגער צו וואַרפֿן די שולד אויף די יידן, צינדן דעם האַס צו די יידן.

הונדערטער יאָרן האָבן די יידן געצאָלט מיט בלוט, מיט יסורים, מיט רדיפֿות; הונדערטער יאָרן האָט די קריסטלעכע קירך געפֿרייליקט און גע־שפּרייט האַס און שינאה — דורך ניט אמתע באַשולדיקונגען.

דער משפּט פֿון פּילאַטוס ווי די שרייבערס פֿון די עוואַנגעליעס גיבן איבער האָט ניט קיין גרונט, קיינע באַווייזן, קיינע באַשטעטיקונגען און קיין איינונג אין שרייבן.

דער סנהדרין אַלץ העכע געריכטלעכע אינסטיטוציע וואָלט זיך ניט דערלויבט אַזאַ אונטערטעניקייט ווי צו גיין בעטן פּילאַטוסן צו פֿאַרמישפּטן דעם מאַן; דערנידעריקן זיך אויף אַזוי פֿיל ווי צו קומען צום גאַווערנער, וועלכער איז אַ בעפֿולמעכטיקטער פֿון רוים, שרייען און בעטן צו טויטן דעם אָנגעקלאָגטן; מאַכן צו שאַנד און אומווירדיק זייער געזעצגעבענדיקע און ריכטערלעכע אינסטיטוציע, קומען און פֿאַלן כורעים פֿאַר פּילאַטוסן.

דאָס איז אַ פֿאַנטאַסטישע אוממעגלעכקייט, אויסערן באַגריף פֿון קלאָרן פֿאַרשטאַנד.

אַפֿילו ווען אַ היסטאָריקער וואָלט שוין געווען פֿאַראינטערעסירט צו באַווייזן אַז ניט פּילאַטוס און די רוימער זיינען געווען שולדיק אין יעזוס טויט, נאָר די יידן טראָגן די שולד פֿון זיין טויט: וואָלט ער ניט געקענט קומען צו אַזאַ מדרגה פֿון שרייבן געשיכטע. עס איז נאָר געוואָרן מעגלעך דורך אַ פֿאַנאַטישן דראַנג צו באַשולדיקן אומשולדיקע. דאָס איז ניט דער אָנשטענדיקער אופֿן פֿון צו שרייבן געשיכטלעכע עפּיזאָדן. נאָר פֿאַרבייגייער פֿון אמתן גאַנג פֿון געשעענישן, פֿאַרפּירטע פֿון אומרעאַליסטישע חלומות, פֿאַרפּאַסער פֿון ניט אמתע השערות, דערציילער וואָס זיינען באַווירקט פֿון אַ צאָרנדיקער פֿאַנטאַזיע.

אַפֿילו אַ היסטאָריקער וואָס באַהאַנדלט אַ געשעעניש פֿון געשיכטע ניט באַזיצנדיק קיין רעקאָרדס, קיינע מקורות: וואָלט פּאַרט זען אַז זיין באַ־שרייבונג זאָל האָבן אַ שייכות צו דער צייט, צו די מענטשן וואָס האָבן דאָן

געלעבט; צו די וואָס האָבן געווירקט, אַנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון די פּאַסירונגען פון יענער צייט. ער וואָלט געזען זיין באַשרייבונג פאַרבינדן מיט די נייגונגען פון לעבן פון יענער צייט, מיט דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן מצב פון לאַנד, אויך פון די לענדער מיט וועלכע דאָס אַנגעגעבענע פאָלק איז געקומען אין באַרירונג, באַציונג און צוזאַמענשטויס.

די טענדענציעזע רעליגיעזע געשיכטלעכע באַשרייבונגען זיינען ניט געשיכטע, און ניט היסטאָרישער אמת.

**מאַרקוס**

מק. 11:15. „אָבער די הויפּט כהנים האָבן איבער גערעדט די מענטשן, אַז ער זאָל בעסער אַרויס־לאָזן באַראַבאַסן צו זיי. (12) און פּי־לאַטוס האָט געענטפערט און האָט ווי־דער געזאָגט צו זיי, וואָס ווילט איר דען איך זאָל טאָן צו אים וועמען איר רופט דער קיניג פון די יידן? (13) און זיי האָבן ווידער אויסגעשריען, קריי־ציק אים. (14) דענסטמאָל האָט פּי־לאַטוס געזאָגט צו זיי, וואָרום, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן? און זיי האָבן נאָך העכער אויסגעשריען, קרייציק אים.“

**מאַתיא**

מת. 20:27. „אָבער די הויפּט כהנים און די זקנים האָבן איבער־גערעדט דעם המון אַז זיי זאָלן פרעגן פאַר באַראַבאַס, און פאַרניכטן יעזוסן. (21) דער פּראָקוראַטאָר האָט געענט־פערט און געזאָגט צו זיי, וועלכן פון די ביידע ווילט איר אַז איך זאָל אַרויסלאָזן צו אייך? זיי האָבן געזאָגט באַראבאַס. (22) פּילאַטוס האָט געזאָגט צו זיי, וואָס זאָל איך טאָן מיט יעזוס וועלכער איז גערופן קריסטוס? זיי אַלע זאָגן צו אים, זאָל ער געקריי־ציקט ווערן. (23) און דער פּראָקו־ראַטאָר האָט געזאָגט, וואָרום, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן? אָבער זיי האָבן נאָך מער אויסגע־שריען זאָגנדיק, זאָל ער ווערן גע־קרייציקט.“

פּש. די עוואַנגעליע שרייבערס האָבן אָפּגעשטעלט פּילאַטוס מישפּט און פאַרוואַנדלען עס אין אַ פאַרהאַנדלונג מיט פּילאַטוסן פון אַרויסגעבן אַן אַרעס־טירטן אַן אַ מישפּט. איצט קומען מיר צו דעם קלימאַקס פון דער חוכה־וטלולא: דער גרויסער שופט, דער באַפולמעכטיקטער פּראָקוראַטאָר פון רוים, זיצענדיק אויף זיין ריכטער־שטול, פאַרגעסט זיך אַז ער איז דער שופט, ער שטעלט זיך אויף און זאָגט צו דעם עולם וועלכע באַאַבאַכטן דעם פּראָצעס, אַז זיי זאָלן זאָגן וואָס מען זאָל טאָן צו דעם באַשולדיקטן. צו אַזאַ פאַנטאַסטישער אומווירקלעכקייט האָבן געקענט נאָר דערגיין שרייבער פון רעליגיעזער פּראָ־פּאַגאַנדע.

מאַתיא קאָפּירט מאַרקוסן ווערטערלעך, אָבער ער קען זיך ניט אָפּהאַלטן

פון ניט אַריינשטעלן זיינס אייגענע; ער גיט צו „פאַרניכטן יעזוסן." יעזוס איז געווען אין ירושלים נאָר אייניקע טעג, אַז קיינער האָט ניט געוווסט ווי אים צו רופן, חוץ ווי ער האָט זיך אַליין גערופן.

מיר וועלן רעזומירן דאָס פריער געשריבענע. פּילאַטוס איז דער באַשטימטער פּראָקוראַטאָר פון דעם רוימישן אימפּעראַטאָר, ער איז דער באַפולמעכטיקטער מושל איבער יהודה און ירושלים. גאַנץ יהודה ליגט אונטער זיין הערשענדיקער האַנט. זיין הויפּט פּראָווינץ שטאָט און הויפּט־קוואַרטיר איז קיסריה (צעזאַריע). אין ירושלים קומט ער נאָר אויף דער צייט פון די ימים טובים. דער הויפּט צוועק פון זיין קומען איז צו האַלטן זיין וואַכזאַמע אויג אויף דער שטאָט וואָס ווערט אָנגעפילט מיט אָנגעקומענע יידן פון לאַנד. פּילאַטוס קומט צו פאַרהיטן יעדן אויסברוך פון אומצופרידנ־קייט קעגן רוים. דער שטענדיקער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג אנטאניא ווערט פאַרשטאַרקט דורך דעם נייעם אָנגעקומענעם מיליטער. פּילאַטוס קומט אין ירושלים מיט אַלע זיינע בעלי יועצים און סוויטע פון הויכע באַאַמטע, און גענעראַלן און הויכע אָפיצערן. פּילאַטוס באַזעצט דעם פּאַלאַץ פון הורדוס דעם ערשטן און אַלע געביידעס פון דער פעסטונג און רעגירונג געביידעס פון שטאָט.

פּילאַטוס און זיינע באַאַמטע קומען מיט אַ גרויסער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט צו האַלטן רו און אָרדענונג. לויט מאַרקוס איז שוין געווען אומרוען און אַן אויפשטאַנד אין ירשלים איידער פּילאַטוס אָנקומען.

די סיטואַציע קען ניט פאַרהאַנדלט ווערן ווי אַ קינדער־שפּיל, אָדער ווי פּאולוס דריקט זיך אויס „פאַבלס פון אַלטע ווייבער."

ניט יעדערער וועמען עס פאַרגלוסט זיך גייט גלייך אַריין אין פעסטונג, אָדער שפּאַצירט זיך אַוועק צו פּילאַטוסן אין פּאַלאַץ. די טויערן פון פעסטונג היטן באַוואָפנטע וועכטער, און דאָס זעלבע אַרום די אַריינגאַנגען פון פּאַלאַץ. די טירן זיינען ניט ברייט אָפן פאַר יעדן המון, און יעדע טאַלפּאַ מענטשן ווען נאָר זיי פאַרגלוסט זיך מאַרשירן זיי אַריין אין פּאַלאַץ און עס געפינט זיך ניט קיינער וואָס זאָל זיי פאַרהאַלטן.

עס האָט שוין עקזעסטירט אַ פּאַרטיי קנאים, וואָס זיינען געווען גרייט ביי דער ערשטער פּאַסנדיקער געלעגנהייט אויפשטיין קעגן רוים. מען קען זיין זיכער אַז פּילאַטוס איז ניט געווען גרייט צו אָפּגעבן זיין לעבן צו דעם ערשטן פאַנאַטישן קנאי.

עס איז אַ שטות, אַז אַן עולם מיט כהנים און זקנים זאָלן קומען צו פּילאַטוסן; דער גאַנצער סנהדרין וועלן ברענגען צו פּילאַטוסן אַ מאַן, אויף וועלכן זיי וועלן מאַכן אַן אָנקלאַגע. וועלכער הויכער געריכט וואָלט זיך געמאַכט אַזוי קליינלעך און נאַריש. אויב אַפילו עס זאָל אָנגענומען ווערן די באַריכטן פון די עוואַנגעליע שרייבערס אַז מען האָט יעזוסן געבראַכט צו פּילאַטוסן: וואָלטן געקומען די וואָך פירענדיק יעזוסן, און עטלעכע מענטשן צו פאַרלייגן די קלאַגע. די דעפּוטאַציע האָט ניט געקענט אַריינקומען פריי,

אין וועלכער געביידע עס זאָל ניט פאָרקומען, אין דעם פּרעטאָריום אָדער אין אַנאַנדער אָרט, זיי וואָלטן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער וואַך. די דעפּוטאַציע האָט געדאַרפט איבערגעבן דעם צוועק פון זייער באַזוך, דאָס וועט איבער־געגעבן צו פּילאַטוסן, און ווען פּילאַטוס גיט זיין דערלויבניש צו אַריינקומען, ערשט דענסטמאָל וואָלט מען זיי אַריינגעלאָזן. אַזוי אַז אַ מולטיטיוד זאָל אַריינ־קומען אין זאַל פון גערעכטיקייט איז נאָר אַ צוטראַכטונגג, כדי עס זאָלן זיין שרייערס „קרייציק אים.״

דער המון (מולטיטיוד) איז אַ שפּילכל אין די הענט פון די עוואַנגעליע געשיכטע שרייבערס. ווילן די שרייבערס: גייט דער המון מיט פּאַלמע־צווייגן און שרייען הושענא; די כהנים האָבן מורא לייגן זייערע הענט אויף יעזוסן, כדי ניט דערצאָרענען דעם פאָלק; יעזוס לערענט אַלע טעג אין בית המקדש און די אַווטאָריטעטנטע מאַכט האָט מורא אים אַרעסטירן עס זאָל ניט אויס־ברעכן אַן אויפשטענד פון פאָלק; און מיט אייניקע שטונדן שפּעטער פּעדערט זיך דער זעלבער המון אין באַגינען פון פרימאָרגן צו פירן יעזוסן צו פּי־ליאַטוסן, און שרייט דאָרטן „קרייציק אים.״

דאָס זעלביקע איז פּילאַטוס אַ שפּיל־געצייג אין די הענט פון די עוואַנ־געליע־היסטאָריקער׳. דער פּילאַטוס וואָס קען ניט דולדן דעם וואָרט משיח, דער פּילאַטוס וואָס קרייציקט יעדן משיח אויף וועמען ער לייגט נאָר זיין האַנט; דער פּילאַטוס וואָס האָט דערהערט אַז ערגעץ אין שומרון געפינט זיך אַ משיח, איז ער באַפאַלן מיט זיין חיל און האָט אויסגעשלאָכט אומשולדיקע מענטשן, אומברחמנותדיק געטויט די געפאַנגענע; איצט ווערט פּילאַטוס אַ פאַרטיידיקער פון משיחיזם. משיח מיינט ביי אים: „איך געפין ניט מיט אים קיין שולד.״

מאַרקוס און מאתיא שרייבן, ניט נאָר ווי זיי וואָלטן פאַרמאָגט סטענאָ־גראַפישע דאָקומענטן פון געריכט, נאָר אויך ווי זיי זאָלן האָבן אין זייער באַזיץ ריידענדיקע רעקאָרדס וואָס ברענגען אַרויס די שטימען ווען מען רעדט הויך, און ווען מען רעדט נאָך העכער.

מאתיא האָט אַליין אַנגעהייבן צווייפלען אין זיין שרייבן, ער איז געוואָרן וויניקער זיכער אַז מען וועט אים גלויבן אין דער גוטסקייט פון פּילאַטוסן, און פון זיין פאַרטיידיקונג פון משיחן: האָט ער גענומען צו הילף פּילאַטוס ווייב, אַז זי האָט געווירקט אויף אים ער זאָל גאָר ניט האָבן צו טאָן מיט אים.

מת. 19:27. „ווען ער האָט זיך געוווען געזעצט אויף זיין געריכטס שטול, האָט זיין ווייב געשיקט צו אים, זאָגענדיק, האָב גאָר ניט צו טאָן מיט דעם גערעכטן מאַן: ווארום איך האָב געליטן פיל זאַכן דעם טאָג אין אַ חלום מחמת אים.״

פּש. פון פּילאַטוס ווייבס חלום ווייס נאָר מאתיא אַליין, די אַנדערע דריי ווייסן ניט פון פּילאַטוס ווייבס חלום.

מאתיא, מאַרקוס און יאָהאַן באַריכטן אַז יעזוס איז געשטאַנען פאַר פּילאַטוסן אין געריכטס קאַמער, דער מישפּט איז ניט איבער געריסן געוואָרן

ביז פּילאַטוס האָט אַרויסגעגעבן זיין אורטייל צו קרייציקן יעזוסן. לוקאַס ענדערט דעם גאַנג פון פּראָצעס.

לוקאַס גיט איבער אַזוי ווי די אַנדערע אַוטאָרס דעם זייער לאָגישן גאַנג פון פּראָצעס: ווי פון די באַווייזן האָט מען געצויגן די שכלדיקע שלוסן. ווען פּילאַטוס האָט געפרעגט יעזוסן ביסטו דער קיניג פון די יידן, האָט יעזוס געענטפערט, דו זאָגסט עס: האָט פּילאַטוס געזאָגט אַז ער האָט קיין שולד מיט אים. אויב רופן זיך 'קיניג פון די יידן' איז ניט קיין שולד, וואָרום פרעגט דאָס דער ריכטער? דער שופט האָט געדאַרפט אָפּוואַרפן די באַשולדיקונג, און אויב עס איז אַ שולד האָט דאָך יעזוס דאָס ניט אָפּגעלייקנט.

ל. 5:23. „און זיי זיינען געוואָרן נאָך מער צאַרנדיק, זאָגענדיק, ער האָט אויפגעהעצט דאָס פאָלק, לערנענדיק דורכאויס איבער יהודה, אָנהייבענדיק פון גליל ביז דעם דאָזיקן אָרט."

פּש. די ווערטער, חוץ לוקאַסן, געפינען זיך ניט אין די אַנדערע עוואַנגעליעס.

לוקאַס 7:23. „און אַזוי באַלד ווי ער [פּילאַטוס] האָט זיך דערוווּסט אַז ער באַלאַנגט צו הורדוס יורידיקציע, האָט ער אים געשיקט צו הורדוסן, וועלכער איז אַליין אויך געווען אין ירושלים אין יענער צייט."

פּש. אַנטיפּאַס־הורדוס האָט זיך געפירט אַז אויף די ימים טובים פלעגט ער קומען קיין ירושלים. יהודה און ירושלים באַלאַנגט צו דער הערשאַפט פון דער פּראָקוראַטורע, אַנטיפּאַס הורדוס איז געווען דער טעטראַרך פון גליל.

לוק. 8:23. „און ווען הורדוס האָט געזען יעזוסן, איז ער געווען זייער צופרידן: מחמת ער איז געווען נייגעריק צו זען אים פון אַ לאַנגער צייט אָן, מחמת ער האָט געהערט פיל זאַכן פון אים; און ער האָט געהאָפט צו זען אַ מופת געטאָן ווערן ביי אים. (9) דענסטמאָל האָט ער אים אויסגעפרעגט אין פיל ווערטער; אָבער ער האָט אים ניט געענטפערט. (10) און די הויפּט כהנים און סופרים זיינען געשטאַנען און אים העפטיק באַשולדיקט. (11) און הורדוס מיט זיינע קריגס־לייט האָבן אים געמאַכט צו גאָר ניט, און האָבן געחוזקט פון אים, און האָבן אים פאַרפּוצט אין אַ פּרעכטיקן מאַנטל און געשיקט אים ווידער צו פּילאַטוסן."

פּש. יעזוס שווייגן האָט געמאַכט אויף פּילאַטוסן אַ ווונדערלעכן איינדרוק, ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ סימן אַז ער איז אומשולדיק; אָבער אויף הורדוסן האָט יעזוס שווייגן געמאַכט אַ פאַרקערטע ווירקונג: „זיי האָבן אים געמאַכט צו גאָר ניט." הורודס איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען נייגעריק צו זען יעזוסן, אים האָט זייער געפרייט צו זען אים; נאָר איבער יעזוס שווייגן פאַרשווינדט פון הורדוסן זיין פרייד.

די באַשרייבונגען פון די עוואַנגעליעס מאַכן דעם איינדרוק אַז יהודה איז געווען אַ לאַנד אָן געזעץ און אָרדער: עס איז געווען אַ ווילדע אַנאַרכיע, און געהערשט האָט נאָר המון־געזעץ (מאָב־רול). דער מישפּט ווערט איבערגעגעבן, ווי דער מישפּט זאָל פאָרקומען ביי אַ ווילדן שבט ערגעץ אין אַ

דזשאָנגל אין אַפריקע. מען ברענגט דעם קרבן פאַרן „טשיף״, אַלע: אַלט, יונג, ווייב און קינד שרייען, טומלען און פילדערן. עס געפינען זיך ניט קיין באַשולדיק־דאָקומענטן, קיין שרייבן, קיין אָרדער, נאָר ווילדער געשריי פון די מענטשן פון שבט.

די באַשרייבערס האָבן פאַרגעסן אָן דער ריכטלעכער טראַדיציע און געזעצן, פון די ריכטלעכע געזעצן פון רוימישן סענאַט און יידישן סנהדרין. עס האָט געהערשט דער טראַדיציאָנעלער געזעץ צו נעמען פון באַשולדיקטן זיין נאָמען, פאָטערס נאָמען, אָרט פון וווינונג, וואָס איז די באַשעפטיקונג און די נעמען פון די עדות.

איך האָב שוין אויבן געבראַכט ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין דער פירונג פון אַ פאַראורטיילטן צום פלאַץ פון דער עקזעקוציע. פאָרויס איז גע־גאַנגען אַ מאַן און האָט הויך אויסגערופן: אָט דער מאַן דער זון פון יענעם האָט באַגאַנגען אַזאַ און אַזאַ פאַרברעכן, זיינע עדות וואָס האָבן באַוויזן זיין שולד זיינען די און די (עס ווערט געגעבן זייערע נעמען), און דאָס איז זיין אורטייל. ווער עס האָט עפּעס צו אויפברענגען אין זיין פאַרטיידיקונג זאָל אַרויסקומען.״

דער רוימישער געזעץ האָט דאָך אויך געהאַט די נויטיקע פּראָצעדורע. דער נאָמען פון אָנגעקלאָגטן, זיין וווינונג, זיין פאַרברעך, זיינע עדות און וואָס איז די עדות זאָגונג.

די שרייבער פון די עוואַנגעליעס האָבן ניט קיין וויסן און באַגריף פון געריכטס־פירונג, אָדער זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום ריכטלעכן אָרדער; אָדער עס איז געווען זייער ווילן און שטרעבונג צו צופּאַסן דעם געריכט צו זייער ציל און צוועק.

אַזוי קומט אויס נאָך לוקאַסן, אַז די מולטיטיוד (המון) האָבן געבראַכט יעזוסן צו פּילאַטוסן און צאָרנדיק האָבן זיי אָנגעהייבן אים באַשולדיקן.

מערקט אייך, די מולטיטיוד האָט ווייטער באַשולדיקט אַז ער האָט געהעצט די מענטשן מיט זיין לערע פון גליל ביז ירושלים. האָט זיך איצט ערשט פּילאַטוס דערוווסט אַז ער קומט פון גליל.

גליל איז די וויגעלע פון רעוואָלט, דאָס געבורט־פּלאַץ פון יהודה פון גליל און די פּאַרטיי פון די קנאים.

פּילאַטוס איז געקומען מיטן צוועק צו היטן די אָרדענונג אין ירושלים. ווען ער דערוויסט זיך אין טומל פון דעם המון אַז יעזוס קומט פון גליל: זיינען די לאָגישע פאָלגן אַז מען זאָל יעזוסן פירן צו אַנטיפּאַס־הורדוס, ווייל גליל איז הורדוס יוריסדיקציע.

נאָך די רוימישע און יידישע געזעצן און איצטיקע געזעצן מישפּט מען דעם פאַרברעכער אין דעם אָרט ווו דער פאַרברעך איז פאָרגעקומען און ניט דאָרטן פון וואַנען ער שטאַמט.

פּילאַטוס האָט געקענט איבערגעבן יעזוסן אין הורדוס רשות, ער זאָל אים צוריק שיקן אין גליל אַלץ אַ פאַרהאַפטן און מישפּטן אים דאָרטן, אָבער

וואָלט ניט געגעבן דאָס רעכט צו עפענען אַ געריכט אין ירושלים.

מאתיא וואָס ווייסט אַפילו פון פילאַטוס ווייב׳ס חלום, ווייסט ניט פון איבעררייסן פילאַטוס מישפט און שיקן אים צו הורדוסן אַז ער זאָל אים מישפטן. מאַרק ווייס אויך ניט פון דעם פּלוצלונגן אָפּברוך פון מישפט. דער אַלץ וויסענדיקער יאָהאַן ווייסט אויך ניט פון דער וויכטיקער פּאַסירונג.

דער לאָגישער שלוס איז: אויב לוקאַס פאַרשרייבונג איז די ריכטיקע און ער אַליין ווייסט ווי עס האָט זיך געפירט דער משפט, ווי ער איז אָפּגעבראָכן געוואָרן, און דער מישפט איז אַריבער צו הורדוסן, און הורדוס האָט ניט געקענט קומען צו אַ באַשטימטן באַשלוס און אים צוריק אָפּגעשיקט צו פילאַטוסן; די איבעריקע דריי שרייבער וויסן ניט פון דער וויכטיקער פּאַסירונג פון מישפט — ווי אַזוי קענען זיי שוין וויסן פון אַנדערע קלענערע זאַכן וואָס זיינען פאָרגעקומען ביים מישפט.

און אויב עס איז פאַרקערט, אויב עס איז אמת ווי מאתיא, מאַרק און יאָהאַן שרייבן אַז דער מישפט איז ניט איבערגעריסן געוואָרן, אַז פילאַטוס האָט אָנגעפאַנגען און געענדיקט: דאַן איז לוקאַס ניט ריכטיק — דריי עדות קעגן איינעם.

יעזוס מישפט פאַר הורדוס־אַנטיפּאַס, פון וועלכן לוקאַס איז דער איינציקער וואָס ווייסט, ווערט געפירט אין זעלבן שטייגער: יעזוס האָט גאָר ניט געענטפערט אויף אַלע געשטעלטע פראַגעס, די פירונג פון געריכט איז אַ חוזק.

עס איז ווערט צו אַנאַליזירן די געשעניש. לויט לוקאַס, האָט געהערשט אַ פיינטלעכער צושטאַנד צווישן פילאַטוס און הורדוס. אין איצטיקן באַזוך פון הורדוס אין ירושלים זיינען זיי ווידער באַפריינדעט געוואָרן. דער הערשער פון יהודה פילאַטוס שיקט צו אים יעזוסן, הורדוס זאָל אים מישפטן, ווייל דער מאַן איז אַ גליליער און ער דיינקט אַז ער באַלאַנגט צו זיין יוריסדיקציע. עס איז זייער אַ פריינדלעכער זשעסט און בכבודיקער טאַט צו ערן אַ געהויבענעם גאַסט פון אַ שכנישער פּראָווינץ, און אויך אַן אָנווייזונג אויף דער באַנייטער פריינדשאַפט.

ווען הורדוס האָט ניט געקענט קומען צו אַ באַשלוס פון אַן אַנטשיידונג, אָדער ער האָט געדיינקט אַז ער האָט ניט דאָס יורידישע רעכט צו אַרויסטראָגן אַן אורטייל: וואָלט הורדוס־אַנטיפּאַס, מיט אָנגענומענעם רוימישן דרך ארץ, אָפּגעשיקט צו פילאַטוסן דעם אָנגעקלאָגטן, ער וואָלט דורך זיין שליח געדאַנקט אים פאַר דעם גרויסן כבוד וואָס ער דער גרויסער הערשער, דער געערטער פאַרטרעטער פון רוים, האָט פאַרשאַפט זיין ווייניקייט. ער וואָלט מסתמא אויך אָנגעגעבן די סיבה וואָרום ער גיט ניט אַרויס זיין אורטייל.

אַנטיפּאַס־הורדוס וואָלט זיך ניט דערלויבט און ניט געוואַגט צו פאַרוואַנדלען דעם מישפט אין אַ שפּאַט. ער זאָל אויסלאַכן פון אָנגעקלאָגטן און אין חוזק פאַרפּוצן אים אין אַ טייערן מאַנטל און צוריקשיקן צו פילאַטוסן. אַזאַ אידיאָטישן אַקט וואָלט זיך הורדוס ניט דערלויבט צו טאָן. דאָס וואָלט דאָך געוועזן אַ באַליידיקונג פאַר פילאַטוסן זעלבסט, און אויך פאַר דעם רוי־

מישן געריכט. אַזאַ אָפּענע אָפּלאַכעריי האָט געקענט קאָסטן זיין קרוין און מעגלעך מיט דעם קאָפּ צוזאַמען. אַזאַ מישפּט איז ניט פאַרגעקומען און האָט ניט פּאַסירט. עס איז ניט מער ווי די פליים פון אַ וואַר צו אויסטראַכטן סי־טואַציעס ווו מען מאַכט חוזק פון יעזוס.

מאַת. 24:27. „ווען פּילאַטוס האָט געזען אַז ער קען גאָר נישט פאַרמיידן, נאָר עס איז געמאַכט געוואָרן מער טומל, האָט ער גענומען וואַסער, און גע־וואַשן זיינע הענט אין דער אנוועזנהייט פון דעם המון, זאָגנדיק, איך בין אומשולדיק פון דעם בלוט פון דעם גערעכטן פּערזאָן; איר זעט צו דעם.“

פּש. פּילאַטוס האָט מורא געהאַט צו באַפרייען דעם גערעכטן יעזוס, טאָמער וועט דער אנוועזנדיקער המון מאַכן אַ טומל.

פּילאַטוס, זיצענדיק אין זיין ריכטער שטול, פּירט זיין געריכט, די געבײדע פון זיין זאַל פון גערעכטיקייט איז באַזעצט און אַרומגערינגלט מיט זיינע לעגיאָנערן, זיי זיינען גרייט צו דערשטיקן דאָס קלענסטע אומאָרדענונג.

פּילאַטוס איז ניט אַליין, מיט אים זיינען זיינע ראַט געבער, הויכע אָפיצערן פון מיליטער, שטאַטס־מענער, זיין פּערזענלעכע וואַך שטייט אויף איר פּאָסט. און פּילאַטוס איז פאַרציטערט, ער איז אין גרויס מורא פאַר די עטלעכע כהנים און זקנים, ער וואָגט ניט צו באַפרייען אַ מענטשן אין וועמענס אומשולד ער איז זיכער. פּילאַטוס וואַשט זיינע הענט און זאָגט פאַר אַלעמען אַז ער איז אומשולדיק פאַר דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון דעם גערעכטן, נאָר ער איז געצוווּנגען פון דעם המון וואָס שרייען קרייציק אים.

פּילאַטוס איז זיך עפנטלעך מודה, אין דער אַנוועזנהייט פון זיין מיליטער, פון זיין סוויטע פון באַאַמטע, אין זיין שוואַכקייט, אין זיין הילף־לאָזיקייט, אַז ער מוז איבערגעבן די מאַכט פון רוים צו די עטלעכע יידן אין זיין געריכטס קאַמער.

עס איז אַ ביטערער שפּאַס; נאָר דער שפּאַס איז ניט נאָר אויף יעזוס מישפּט, נאָר אויף דער וועלט היסטאָריע ווי זי ווערט געשריבן.

איך ברייננ נאָך איין עפּיזאָד פון פּילאַטוס באַציונג צו די יידן. די הייליקע קליידער פון כהן גדול וואָס זיינען געטראָגן געוואָרן אין די ימים טובים אין דער צייט פון דער עבודה אין בית המקדש, זיינען געהאַלטן גע־וואָרן אין דער פעסטונג אנטאניא. פּילאַטוס האָט ניט דערלויבט צו איבערגעבן די קליידער צום בית המקדש ווו זיי האָבן באַלאַנגט. ער האָט זיי נאָר אַרויס־געגעבן אויף דער צייט פון יום טוב, נאָך יום טוב האָט מען געדאַרפט בריינ־גען די קליידער צוריק.

דאָס פאָלק, די כהנים, דער כהן גדול האָבן זיך געפילט געקריינקט און באַליידיקט. די געצן־דינער האָבן די רעכט אויף די הייליקע קליידער: אַלע ימים טובים האָט מען זיך געדאַרפט דערנידעריקן, קומען בעטן צו אַרויס־געבן די קליידער פאַר דער גאָטס דינסט אין בית המקדש. פּילאַטוס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו איבערגעבן די קליידער צום בית המקדש; ווייל פּילאַטוס האָט געוווּסט אַז ער פאַרשאַפט אַלע יידן צאַרן און גייסטיקע ליידן מיט דעם

באַרויבן די כהונה פון אירע הייליקע קליידער. פּילאַטוס האָט דאָס געטאָן כדי זיי צו דערנידעריקן, צו רייצן זייער אוממעכטיקייט, צו ווי טאָן זיי אין זייער געפּאַלנקייט. דאָס זעלביקע איז אויך פאָרגעקומען דעם זעלביקן פסח.

ווען פּילאַטוס וואָלט איבערגעגעבן די קליידער אין יידישן רשות, וואָלט ער דאָך געקענט געווינען דעם גוטן ווילן פון גאַנצן פאָלק. פּילאַטוס האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל ער האָט געוווּסט אַז האַלטן די קליידער איז אַ סימבאָל פון זייער אונטערדריקונג און פון זייער שוואַכקייט. אָבער ווען עס קומט צו אַ מישפּט מוז פּילאַטוס טאָן וואָס עטלעכע יידן אין געריכטס קאַמער הייסן אים צו טאָן.

ווען מאַתיאַס אויסטראַכונג אַפּאַראַט הויבט אים אָן פעלן, דאַן נעמט ער זיך צו הילף די ביבל. אַזוי צו פאַרענדיקן זיין מישפּט־מעשה פון פּילאַטוס באַנוצט ער זיך מיט אַ סיטואַציע פון דברים, קאַפּיטל 21. דאָרט ווערט געזאָגט, ווען מען געפינט אַ געהרגעטן מענטשן ליגנדיק אין פעלד און מען ווייסט ניט ווער האָט אים געטויט, זאָלן דאַן די עלטסטע און די ריכטער פון דער נעענטסטער שטאָט נעמען אַ יונגע בהמה, אָפּהאַקן איר קאָפּ; אַלע עלטסטע פון דער נאָענטסטער שטאָט וואַשן זייערע הענט און זאָגן: „אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט, און אונדזערע אויגן האָבן ניט געזען."

עס איז אַ גרויסער צווייפל אַז פּילאַטוס האָט נאָכגעטאָן די סצענע פון דברים, און נאָך אַ גרעסערער צווייפל, אַז פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט אַזוי פיל מורא געהאַט פאַר אומזיסט פאַרגאָסן בלוט.

אָבער מאַתיאַ שטעלט זיך פאַר גאָר ניט אָפּ, פאַרטיק ווערנדיק מיט פּאָנטיוס הענט־וואַשן, נעמט ער זיך צו די יידן.

מת. 25:27. „דאַן האָבן געענטפערט אַלע מענטשן, און האָבן געזאָגט, זיין בלוט זאָל זיין אויף אונדז, און אויף אונדזערע קינדער."

מאַתיאַ אומווילנדיק האָט אַ צווייפל געטאָן אין זיין היסטאָרישן בילבול און ער האָט אויסגעלאָזן די הויפּט כהנים, די זקנים און דעם יידישן מולטיטיוד, ער האָט עס פאַרביטן מיט דעם וואָרט „אַלע מענטשן."

די „אַלע מענטשן" האָבן דאָס ניט געזאָגט, און האָבן ניט געקענט זאָגן. דער בעסטער באַוויז איז אַז מאַרקוס, וועמען מאַתיאַ קאָפּירט, לוקאַס און יאָהאַן ווייסן ניט פון דערויף. ווי איז מעגלעך, אַז די אַנדערע דריי שרייבער זאָלן ניט וויסן פון אַזעלכע פּאַסירונגען: ווי פּילאַטוס ווייב האָט צוגעשיקט צו אים אין געריכט־הויז צו זאָגן פון איר חלום, און פּילאַטוס וואַשט די הענט, און, דערהויפּט, אַז די מענטשן, די יידן, האָבן געזאָגט אַז „זיין בלוט זאָל זיין אויף אונדז און אונדזערע קינדער. זיי האָבן ניט געוווּסט און ניט רעקאָרדירט ווייל עס איז ניט פאָרגעקומען, עס איז נאָר מאַתיאַ'ס אַליין אַן אויסגעטראַכטע דערפינדונג.

לויט דעם שרייבן פון די עוואַנגעליעס אין שייכות צו די באַציונגען פון יעזוס צו די יידן און יידן צו יעזוס מוז מען קומען צו דער השערה אַז זייער פּען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צויבער שטעקעלע. אַ פאַך מיט דעם

שטעקעלע, און אַלע יידן שרייען הושענא אין דעם העכסטן! ווידער אַ פּאַך, און קינדער אין די וויגן לויבן אים; אַ באַוועגונג מיטן שטעקעלע, און דער גאַנצער המון, די ׳מולטיטיוד׳, דאָס גאַנצע פאָלק זייַנען מיט יעזוס; די כהנים, די פּרושים האָבן מורא צו לייגן זייערע הענט אויף יעזוס, האָבן מורא פאַר דעם צאָרן פון פאָלק. דער כהן גדול מיט זיין גאַנצער פּאָליציי וואַך, און די רוימישע סאָלדאַטן האָבן מורא אים צו אַרעסטירן, עס זאָל ניט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד פון פאָלק קעגן זיי. אַ גרעסערער פּאַך מיט דעם שטעקעלע: און דאָס פאָלק שלאָפט ניט די גאַנצע נאַכט און אויפן פרימאָרגן זייַנען זיי פאַרזאַמלט אין פּאַלאַץ פון כהן גדול, און בינדן יעזוסן און ׳טראָגן׳ אים צו פּילאַטוסן. ווידער אַ פּאַך און דאָס פאָלק שרייט „קרייציק אים!״ ווידער אַ באַוועג מיטן שטעקעלע: פּילאַטוס איז געצוווּנגען צו פאַראורטיילן יעזוסן צו קרייציגונג, ווייל ער האָט מורא פאַר דעם זעלבן פאָלק; ווידער אַ באַוועג, און פון דעם טייוועל פּילאַטוס ווערט אַ הימלישער מלאך.

לאָמיר צוגעבן אַז דעם כהן גדול קיפא איז געגאַנגען אין לעבן צו טויטן יעזוסן, ער האָט געאַרבעט מעשים אַז פּילאַטוס זאָל אים פאַראורטיילן. אָבער מען מוז דאָך צוגעבן אַז אין אַזעלכע זאַכן ווי צו אַרעסטירן און באַשולדיקן איז קיפא אַ גאַנץ באַהאַוונטער מענטש. ווען ער באַשליסט עפּעס דורכפירן, ווייסט ער ווי, און ווי אַזוי; אויך ווייסט ער און קען פּילאַטוסן בעסער ווי אַנדערע שרייבער. אַזאַ דורכגעטריבענער פּאָליטיקער, וועלכער ווייסט אַלע געזעצן און פירונגען פון רוימישן געריכט, וואָלט ניט געקומען צו פּילאַטוסן מיט אַזעלכע באַשולדיקונגען ווי: גאָט׳ס זון, קריסטוס, אָדער קיניג פון די יידן. קאַיאַפאַס וואָלט געקומען צו פּילאַטוסן מיט קאָנקרעטע באַשולדיקונגען און באַווייזן דורך עדות.

קאַיאַפאַס, לויט די באַריכטן פון די עוואַנגעליעס, האָט דאָך געקענט מאַכן די פאָלגענדיקע באַשולדיקונג. דער מאַן יעזוס איז געקומען פון גליל מיט אַ גרויסער צאָל נאָכפאָלגער, זיי האָבן דורכגעפירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע און דערקלערט יעזוסן פאַר אַ מלך.

זיי זייַנען גלייך באַפאַלן דעם טעמפּל, זיי האָבן געבראָכן און געשלאָגן, געמאַכט אַ גרויס אומאָרדענונג און געזוכט צו פאַרנעמען דעם טעמפּל. מורא האָבענדיק פאַר גרעסערע אומרוען האָבן מיר אים די לעצטע נאַכט אַרעסטירט. ווייל אַנפירענדיק דעם אַרעסט האָבן זיינע מענטשן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, איינער האָט אָפּגעהאַקט אַן אויער פון אַ מאַן פון דער וואַך, דאָ האָבן מיר דעם מאַן מיט דעם אָפּגעהאַקטן אויער, און אויך האָבן מיר מיט אונדז פיל עדות וואָס האָבן דאָס אַלץ געזען.

די באַשולדיקונג קענען דאָך די עוואַנגעליע שרייבערס ניט אָפּלייקענען, זיי האָבן אַלע פּרטים פון דער באַשולדיקונג אַליין צוזאַמענגעשטעלט: איז זיכער אַז דענסטמאָל וואָלט פּילאַטוסן ניט גענומען לאַנג צו פאַראורטיילן יעזוסן. דענסטמאָל אויך פּילאַטוס וואָלט ניט געדאַרפט גיסן אומזיסט וואַסער צו אָפּוואַשן זיין שולד פון אומשולדיק בלוט; און די אַנוועזענדיקע יידן וואָלטן

ניט געדאַרפט שרייען ׳קרייציק אים׳ און נעמען דעם אומשולדיקן בלוט אויף זיך און זייערע קינדער.

פרעגט זיך וואָס האָט פאַרמיטן קאיאפאס און די זקנים פון ברייגגען די אָנקלאָגע און זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן די אָנקלאָגעס וואָס מען האָט געהערט ווי ער האָט געזאָגט אַז ער קען אין דריי טעג צעשטערן און אויפֿבויען דעם בית המקדש, אָדער ער איז אַ ׳מיילפעקטאָר׳, אָדער ער רופט זיך קיניג פון די יידן? — דער ענטפער איז אַז ניט קאיאפאס, ניט די הויפט כהנים, ניט די זקנים און אויך ניט די סופרים און פרושים האָבן געבראַכט צו פילאַטוסן די באַריכטעטע אָנקלאָגעס, נאָר די שרייבערס פון די עוואַנגעליעס, זיי האָבן עס געבראַכט פאַר פילאַטוסן.

עס איז ווערט צו באַקענען זיך (כאָטש אויבן אויף), מיט דעם צושטאַנד, מיט די געפילן, מיט דער זאָרג; אויך מיט דעם גייסט, האָפענונגען און שטרעבונגען; מיט דעם צאָרן און געדולד, מיט דעם לעבן און קאַמפן פון יידישן פאָלק אין יענער צייט.

דאָס יידיש פאָלק האָט אָנגעוואָרן איר פאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. די יידן ווערן באַהערשט פון דער רוימישער אימפעריע, פון אַ געצן־דינערישער מאַכט. די ציגזן זיינען שווערע, דער יאָך פון אויסערן אַריינדרינגער איז אומדערטרעגלעך. דאָס פאָלק ווערט אונטערדריקט גייסטלעך, קערפּערלעך; עס איז שווער צו טראָגן און ליידן דעם דרוק פון אויסערלעכן שונא.

דאָס פאָלק דולדיקט די הערשונג, אָבער דאָס צערייצט געמיט פאַרלירט דעם געדולד פון טאָג צו טאָג. די פראָקוראַטאָרס ווערן אַלץ ערגער און ערגער. דער צושטאַנד פון פאָלק איז אויפן שוועל פון דעספעראַציע. די פירערשאַפט איז אָנגעשטריינגט אין צוימען דעם צאָרן פון פאָלק. ענדלעך די פירונגען פון די פראָקוראַטאָרס טרייבן די יידישע נאַציע צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד, צו דער מלחמה מיט רוים.

די גייסטלעכע פירערשאַפט פון פאָלק זוכט צו לייזן אַן אַנדער פּראָבלעמע. פיל פון פאָלק זיינען אין דינסט פון רוים, פיל קאָלאַבאָרירן מיט רוים. די פאַרמעגלעכע שיכטן נעמען איבער פון רוים די שפּראַך, קליידונג, צייטפאַרטרייב, מינהגים, איבערגלויבונג, פוץ און לוקסוס, תאווה און קערפּערלעכע באַפרידיקונג און אַלע דרכים פון רוימישער אויפפירונג אין איר אַרט לעבן. די רומישע קולטור האָט געהאַלטן אַן אַן אויפהער פלייצן און שלאָגן אויף די סטאַנדאַרדן פון יידישן לעבן, יידישער קולטור, יידישער לערנונג, יידישע אידעאַלן און גלויבונג.

די יידישע פירערשאַפט, איבערהויפט די פרושים, האָבן אויפגענומען די אויפגאַבע צו באַגעגענען די דאָזיקע פראָבלעמע. די פרושים האָבן אָנגעהייבן פאַרשטאַרקן דעם אַלטן מיטל פון צו בויען צאַמען אַרום דער תורה; פאַרשטאַרקן די דינים פון שבת, די דינים פון כשר און טריפה, טומאה און טהרה און תהרת המשפחה.

זייער ווייט־גייענדיקער בליק האָט פאַרנומען: ווען די יידן וועלן אָפּהיטן

שבת און די דינים פון עסן וועט זיי ברענגען צו אַ דערוויטערונג און פון צו נאָענטער דערנעענטונג מיט די רוימער און זייער קולטור. זייער ריכטונג איז געווען צו בויען פּאַרטיפיקאַציעס אַרום דער תורה צו אויסהאַלטן די אַטאַקע פון דער אויסערער פּאַגאַנישער קולטור.

דאָס פאָלק, אַן געשריבענעם געזעץ, דורך זייער נאַציאָנאַלן אינסטינקט, האָבן ניט קאָלאַבאָרירט מיט די קאָלאַבאָראַטאָרס מיט רוים. פון די עפּענט־לעכע יידישע באַאַמטע אין רוימישן דינסט האָט זיך דאָס פאָלק דערווייטערט. פון די שטייער־זאַמלערס (פּובליקענס) האָט זיך דאָס פאָלק אינגאַנצן אָפּגע־שיידט, אויסגעשלאָסן אין טאָט פון דער יידישער געזעלשאַפט. מען האָט זיי געשטעלט אין דער מדרגה פון דער אונטערוועלט. די עוואַנגעליעס בינדן צוזאַמען די זינדערס מיט די פּובליקענס.

דער זעלבער צושטאַנד האָט עקזיסטירט אין דער צייט פון פּילאַטוס פּראָקוראַטורע. די געמיטער אויפגערעגט. דער צאָרן דערשטיקט אין זיך, שנאה צו דער רוימישער הערשאַפט און אַ דערווייטערונג פון אַלע קאָלאַ־באָריסטן.

שטעלט זיך פאַר די אוממעגלעכקייט פון אַזעלכע פּאַסירונגען. גרויסע צאָלן יידן וועלן לויפן, אום יום טוב, צום פּאַרהאַסטן פּילאַטוסן צו פאָדערן פון אים ער זאָל טויטן אַ יידן. ניט נאָר טויט, נאָר זאָל קרייציקן אים.

עס וואָלט זיך געלאָזן פאַרשטיין אַז דער כהן גדול קאַיאַפאַס, איבער וועלכער עס איז אורזאַך, זאָל וועלן צו דערווייטערן אַ פּערזאָן, ער זאָל אים אַרעסטירן און איבערגעבן צו פּילאַטוסן מיט דער רעקאָמענדאַציע צו טויטן אים. איך באַשטעטיקט ניט אַז אַזוי איז פאָרגעקומען, נאָר איך דערלאָז די מעגלעכקייט פון דערויף.

זיין רעקאָמענדאַציע וואָלט געווען פּאַרזיכטיק, אָבער ער וואָלט ניט געוואָגט צו מאַכן דאָס אין דער פּאָרמע פון אַ פאָדערונג, און באַשטיין אויף זיין פאָדערונג. ווארום זיין כהונה גדולה איז אין פּילאַטוס הענט — ער האָלט דעם אַמט נאָר דורך פּילאַטוס ווילן.

לויט דעם יידישן געזעץ און נאָכן געזעץ פון דער תורה זיינען פאַראַן פיר טויט שטראָפן פאַר יידישע געריכטן (ארבע מתות בית־דין): פאַרשטיינען, פאַרברענען, קעפּן און הייננגען. קרייצונג איז געווען אומבאַוווסט צו יידן און האָבן קיינמאָל ניט פּראַקטיצירט. דאָס איז אַ רוימישע טוט־שטראָף וואָס דורך די אַריינדרינגענדיקע רוימער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לאַנד יהודה. עס איז געווען זייער אַ טרויעריקע באַקאַנטשאַפט מיט דעם „רחמנות־דיקן" טויט שטראָף געברויכט ביי די ציוויליזירטע רוימער און גריכן.

פיל יידישע נשמות זיינען אויסגעגאַנגען אויף די קרייצן. די רוימער זיינען געווען אַזוי ווילקאָמען, ווי זייערע קרייצן. וואָס האָט געקענט זיין דער אורזאַך און מאָטיוו פון די יידישע מאַסן צו פאָדערן פון פּילאַטוסן טויט און קרייצונג פאַר דעם יידן? אייפערזוכט האָט דאָך געקענט זיין נאָך פאַר די געלערנטע און הויך געשטעלטע, אָבער ניט פאַר די פאָלקס־מענטשן.

לויט דער פאָלקס שטימונג פון יענער צייט, אַפילו אַז אַזוי זאָל געשען, וואָלטן יענע יידן טייער באַצאָלט פאַר אַזאַ אַקט. די האַנט פון די פּאַטריאָטן וואָלט זיי געזוכט צו דערגרייכן, זאָלן קריגן די פאַרדינטע שטראָף פאַר אַזאַ קאָלאַבאָראַציע און אָפענעם פאַרראַט.

מיר קערן זיך אום צו יאָהאַן. מיר געדענקען אַז די יידן שטייען אין דרויסן פון דער געריכטס געביידע, ווייל זיי ווילן ניט אַריין אינוויייניק זיי זאָלן ניט ווערן טמא. פּילאַטוס זעצט זיך אויפן ריכטערס שטול און פרעגט יעזוסן, דערנאָך גייט ער אַרויס פרעגן די יידן. ער גייט ווידער אַריין אין געריכטס זאַל, זעצט זיך אויפן שטול און פרעגט אַ פראַגע דעם אָנגעקלאָגטן, שטייט ווידער אויף און גייט אַרויס צו די יידן פרעגן זיי. אַזוי פירט דעם פּראָצעס דער גאָווערנער פון רוים.

אויך ווייסן מיר אַז יאָהאַן לייקנעט די דריי פריערדיקע שרייבער. די געשיכטע מיט זוכן אַ פּלאַץ פאַר יעזוס מיט די תלמידים און דאָס צוגרייטן פון קרבן פּסח, און דאָס עסן דעם קרבן פּסח, און דער אָוונט מאָלצייט פון דער נאַכט פּסח און דאָס זינגען די הימנען פון פּסח: איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, אַזאַ זאַך האָט ניט פּאַסירט. ווייל יהודה איש קריות איז געקומען מיט דעם באַוואָפנטן המון מיט די ליכט שטורקאַצן אין דער נאַכט פריער פון דער נאַכט פּסח. לויט יאָהאַנען איז דאָס געווען די נאַכט פון 13־טן טאָג פון ניסן; און ניט ווי די דריי שרייבער גיבן אָן אַז עס איז געווען די נאַכט פון 14־טן טאָג, די נאַכט פון פּסח. דעריבער האָט ניט געקענט זיין דאָס אויסטיילונג פון ברויט און ווייַן.

אויך, מאַכט ניט קיין טעות, מיינט ניט אַז איך זאָג דאָס. נאָר דאָס זאָגט די עוואַנגעליע פון יאָהאַן. זיי, די יידן, האָבן געבראַכט יעזוסן צו דעם זאָל פון גערעכטיקייט אָבער אַליין זיינען זיי ניט אַריין, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו ווערן טמא. לויט דעם דין איז אַז אַ פּערזאָן וואָס איז טמא טאָר ניט עסן דעם קרבן פּסח. יעדער ייד איז מחויב צו עסן פון קרבן פּסח, דעריבער ווען דער פּערזאָן ווערט ריין דאַרף ער צוגרייטן דעם קרבן פּסח קומענדיקן חדש, די נאַכט פון 14טן טאָג אין אייר, דאָס איז דער פּסח שני. איז לויט יאָהאַנען דאַרף די ערשטע נאַכט פון פּסח זיין דעם אָנקומענדיקן אָוונט.

יאָהאַן ווייסט ניט פון פּילאַטוס וואַשן די הענט, אויך ניט פון הורדוס מישפּט. יאָהאַן שאַפט אַ נייע פּראָצעדור פון מישפּט. פון וועלכער ניט מאַר־קוס, ניט מאַתיא און ניט לוקאַס האָבן געוווּסט.

יאָהאַן 1:19. „דענסטמאָל פּילאַטוס האָט דעריבער גענומען יעזוסן און געשמיסן אים. (2) און די סאָלדאַטן האָבן אויסגעפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער און אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ, און אָנגעטאָן אויף אים אַ פּורפּור מאַנטל, (3) און האָבן געזאָגט, הייל, קיניג פון די יידן! און האָבן אים געשלאָגן מיט זייערע הענט. (4) פּילאַטוס דעריבער איז ווידער אַרויסגעקומען, און האָט געזאָגט צו זיי, זעט, איך ברענג אים אַרויס צו אייך, אַז איר זאָלט קענען וויסן אַז איך געפין ניט קיין שולד אין אים."

דער וווּנטש צו באַשולדיקן די יידן, אַז זיי האָבן געצוווּנגען פּילאַטוסן צו קרייציקן יעזוסן, איז אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט פאַרבלענדט גיט צו זען דעם אייגענעם שרייבן. פּילאַטוס איז אַ יושרדיקער מענטש, ער האָט גלייך געזען אַז יעזוס איז אומשולדיק. וואָס האָט באַדאַרפט טאָן אַזאַ גערעכטער און נאָבעלער מושל ווי פּילאַטוס? ער אַלץ הערשער און העכסטער ריכטער פון לאַנד, האָט געדאַרפט אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין, ניט שולדיק. וואָס טוט דער נאָבעלער מענטש? — אין מיטן פון דעם אָנגאַנג פון פּראָצעס, אין מיטן פון זיין אויספרעגן דעם באַשולדיקטן און די באַשולדיקער, ניט אַרויסגעבענ־דיק אַפילו זיין אורטייל, נאָר אַרויסזאָגענדיק זיין מיינונג אַז ער זעט ניט אין אים קיין שולד: גיט ער אַ באַפעל צו שמייסן יעזוסן. דאָס איז ביי יאָהאַנען ריכטלעכע גערעכטיקייט.

צו לויבן אַזאַ טאַט קען נאָר זיין מעגלעך פון אַ כּאַאָטישן דענקען, גע־דאַנקען פון אַ מאַרך שטורעם. אַ ריכטער וואָס פאַרטיידיקט דעם אָנגעקלאָגטן, ער דערקלערט עפּענטלעך אַז ער געפינט אים פאַר אומשולדיק, און אין מיטן פון געריכט גיט ער איבער דעם אומשולדיקן צו שמייסן. אַזאַ אַקט דער־קלערט די פאַרדאַרבענקייט פון פּילאַטוס כּאַראַקטער, אַז דער מענטש איז אַ רוצח און אַ טיראַן. די יידישע חכמים האָבן געזאָגט אויב מען וויל קען מען אַ שרץ רייניקן דורך הונדערט און פופציק טעמים (אורזאַכן). זיי האָבן געמיינט מיט דערויף אויסדריקן, אַז דער ווילן דיקטירט די מעשים, אויב אַ מענטש שטרייבט אָן זיין ווילן אויף שלעכטס קען ער דאָס שלעכטסטע מאַכן פאַר דאָס בעסטע. די עוואַנגעליעס האָבן געזעצט זייער ווילן און מיינונג אַז די יידן זיינען די שולדיקע, אָבער פּילאַטוס האָט דאָך אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, האָבן זיי זיך אונטערגענומען צו כשרן און ריין מאַכן פּילאַטוסן. נאָר זיי, ניט וואָס גיבן אָן הונדערט און פופציק טעמים, נאָר ניט אַפילו איין טעם. זיי שרייבן אַז פּילאַטוס איז געווען אַ גוטער מענטש, און אַ יושרדיקער מענטש, אַן ערלעכער ריכטער, כמעט אַ הייליקער. און דאָס אַלץ דאַרף מען זיי גלויבן אויפן וואָרט. פּילאַטוס גיט דעם באַפעל שמייסן און חוזקן פון יעזוס אין מיטן מישפּט: און יאָהאַן און זיין גלייכן באַוווּנדערן זיין נאָבלקייט.

דעם ריכטערס סאָלדאַטן טוען אָן אַ דערנער קרוין און אַ קעניגלעכן פּורפּור מאַנטל אויף דעם געשמיסענעם, און שלאָגן אים מיט זייערע הענט. דאָס אַלץ קומט פאַר פאַר דעם ריכטערס אויגן. סאָלדאַטן האָבן ניט אין זייער באַזיץ פּורפּורענע מאַנטלען, און ניט זייערע אָפיצערן; דאָס האָט דאָך נאָר געקענט צוגעשטעלט ווערן פון פּילאַטוסן.

לייענט און שטוינט: פּילאַטוס האָט אַרויסגעפירט דעם געשמיסענעם, געשלאָגענעם, אויסגעלאַכטן יעזוסן, און זאָגט: „ער געפינט ניט קיין שולד אין אים.״

דער אמתער אמת איז אַז קיינער האָט ניט געפאָדערט יעזוס טויט. דער בלוטיקער רצחן און אכזר פּילאַטוס ווען ער האָט אַריינגעקראָגן דעם רעבל, דעם מלך פון די יידן, יעזוסן: איז ביז ער וועט אַרויסטראָגן זיין אורטייל האָט

ער אויף דער ווייל איבערגעגעבן יעזוסן צו זיינע סאָלדאַטן אַז זיי זאָלן אים שמייסן און פּייניקן, ער איז געווען זיכער אַז זיין אורטייל וועט זיין, קרייצונג.

אָבער דער ווילן פון די שרייבערס איז געזעצט אַז די יידן דאַרפן זיין שולדיק, און אויף זיי פאַלט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. גייען זיי אָן מיט דעם אַבסורד, אַז פּילאַטוס האָט פאַראורטיילט יעזוסן צו געקרייציקט ווערן איבער דער אורזאַך וואָס יידן וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּילאַטוס קאַמער פון גערעכטיקייט האָבן געזאָגט אַז מען זאָל יעזוסן קרייצן.

עס איז איבער זעכציק יאָר זינט דעם טויט פון דעם לעצטן יידישן מלך פון דער חשמונעים דינאַסטיע, און אַרום דרייסיק יאָר נאָך דעם טויט פון הורדוס דעם ערשטן. אַפילו ער איז געווען מלך דורך דעם גנאָד פון רוים, אָבער אַלץ מלך פון דער מדינה יהודה. איצט אַ באַשטימטער מושל פון רוים, אַ פּראָקוראַטאָר וועלכער איז פאַרהאַסט ביי די יידן, לאָזט זיינע סאָלדאַטן זיך ווילגיין, באַפּוצן אַן אַרעסטירטן יידן מיט אַ דאָרן־קרוין, שמייסן און שלאָגן אים, מאַכן זיך לוסטיק מיט אויסגעשריען 'הייל, קיניג פון די יידן'. עס איז אַזאַ טיפּולישער איינפאַל, וואָס האָט געקענט אַרויסברייגגען נאָר אַזאַ רשע ווי פּילאַטוס. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט צו באַליידיקן און ווי טאָן די יידן.

איצט יידן, כּהנים, מיטגלידער פון סנהדרין וועלן דאָס אָנקוקן, וועלן קווענלן און שרייען, קרייציק אים. אַזאַ צערייצטע פאַנטאַזיע, — איז אַ פאַר־ברעכן קעגן מענטשלעכן אינטעלעקטואַליזם, אַ שאַנד־פלעק אויף דער היס־טאָרישער ליטעראַטור.

יאָהאַן 6:18. „פּילאַטוס האָט געזאָגט צו זיי, איר נעמט אים, און קריי־ציקט אים: מחמת איך געפין ניט אין אים קיין שולד.״

פּש. יאָהאַן ברייגגט איצט צום צווייטן מאָל ווי פּילאַטוס גיט דאָס רעכט צו די מיטגלידער פון סנהדרין נעמען מיט זיך, און אויב זיי געפעלט קענען זיי פאַרמישפּטן אים און קרייציקן אים. פּילאַטוס איז דער וואָס האָט צוגע־נומען די רעכט פון סנהדרין, און איצט גיט ער די רעכט פון טויט־שטראָף צוריק. ווען יוריסטן פון יידישן הויכן געריכט וואָלטן געהערט אַזאַ פאָרשלאָג פון פּילאַטוסן, אַז זיי זאָלן אים נעמען און אַליין מישפּטן: וואָלטן זיי זיכער ניט געטאָן אַזוי ווי יאָהאַן וויל אַז זיי זאָלן טאָן און זאָגן. זיי וואָלטן אָן שום צווייפל צוגעשטימט צו פּילאַטוס באַפעל, און גענומען יעזוסן פון פּילאַטוס סאָלדאַטן, און געמאַכט זייער אייגענעם מישפּט. דורך פּילאַטוס רייד ווערט אַוטאָמאַטיש צוריק געגעבן דעם סנהדרין די רעכט אויף מישפּטן דיני נפשות. אָבער די יידן גיבן אָן אומדערוואַרטיקן ענטפער. די יידן צו גלייך צו פּילאַטוסן פאַלן אונטער דער ווירקונג פון יאָהאַן, זיי פאַרלירן זייער שכל און מוזן ריידן און זאָגן דאָס וואָס איז יאָהאַנס ווילן.

יאָהאַן 7:18. „די יידן האָבן געענטפערט אים, מיר האָבן אַ געזעץ, און נאָך אונדזער דין דאַרף ער שטאַרבן, מחמת ער האָט זיך זעלבסט געמאַכט אַלץ דער זון פון גאָט.״

**פש. פילאַטוס האָט דאָך זיי געגעבן די רעכט צו טאָן מיט יעזוס וואָס זיי ווילן, אַפילו קרייציקן אים. איז וואָרום זאָלן די יידישע ריכטער און יוריסטן אָנהייבן דערציילן פילאַטוסן פון זייערע געזעצן און וואָס פאַר אַ שטראָף אים קומט, און דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט ווי צו באַנייען די רעכט פון זייער סנהדרין־געריכט? נאָר אַ יידישער ווערטל זאָגט, אַז אויף אַ מעשה פרעגט מען ניט קיין קשיות.**

יאָהאַן 8:19. „ווען פילאַטוס האָט געהערט די יענע זאָגונג, איז ער געוואָרן נאָך מער צעשראָקן."

**פש. פילאַטוס האָט צום ערשטן מאָל דערהערט אַז 'ער האָט זיך געמאַכט פאַר דעם זון פון גאָט'. פילאַטוס האָט געגלויבט, ווייל ער איז געווען דערשראָקן.**

יאָהאַן 9:19. „און איז ווידער אַוועק צו דעם געריכטס זאַל, און האָט געזאָגט צו יעזוס, פון וואַנען ביסטו? אָבער יעזוס האָט אים ניט געגעבן קיין ענטפער."

**פש. יאָהאַן האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געשריבן מיט פיר זאַצן צוריק, אַז פילאַטוס האָט געבראַכט יעזוסן אַ צעשמיסענעם, אַ צעשלאָגענעם, אין דער דערנער קרוין צו זיי. אַזוי יעזוס שטייט דאָך נעבן פילאַטוסן, נעבן די יידן אויסן דעם געריכט זאַל. האָט דאָך פילאַטוס געדאַרפט פרעגן יעזוסן גלייך אויפן אָרט. אָדער יאָהאַן האָט געדאַרפט שרייבן אַז פילאַטוס האָט גענומען יעזוסן צוריק אין געריכטס זאַל און האָט אים געפרעגט.**

יאָהאַן 10:19. „דאַן האָט פילאַטוס געזאָגט צו אים, דו רעדסט ניט צו מיר? ווייסטו דען ניט אַז איך האָב די מאַכט צו. קרייציקן דיך, און האָב די מאַכט צו אַרויסלאָזן דיך."

**פש. פילאַטוס האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט געקראָגן זיין באַוווסטזיין, אַז ער, פילאַטוס, האָט אויך עפּעס מאַכט, אַז ער האָט די מאַכט צו קרייציקן און צו באַפרייען.**

יאָהאַן 11:19. „יעזוס האָט געענטפערט, דו קענסט ניט האָבן לחלוטין קיין מאַכט קעגן מיר, סיידן עס וואָלט געגעבן ווערן צו דיר פון אויבן: דעריבערר דער וואָס האָט מיך איבערגעגעבן צו דיר האָט די גרעסטע זינד."

**פש. פילאַטוס איז ניט נאָר אַ שרעקעדיקער, וועלכער ציטערט פאַר די יידן, נאָר אויך אַ גלויבער אין גאָט פון די יידן. און ער האָט געזוכט אים צו באַפרייען.**

יאָהאַן 20:19. „פון דאַן אָן האָט פילאַטוס געזוכט צו אַרויסלאָזן אים: נאָר די יידן האָבן אויסגעשריען, זאָגנדיק, אויב דו וועסט לאָזן דעם מאַן גיין, ביסטו ניט צעזאַרס פריינט: דער יעניקער וואָס מאַכט זיך פאַר אַ קיניג רעדט קעגן צעזאַר."

**יאָהאַן שרייבט פולשטענדיק אַנדערש פון די סינאָפּטישע אַוטאָרס. די דריי פריערדיקע אַוטאָרס שטיצן זיך נאָר אויף דער ערלעכקייט פון פילאַטוסן. פילאַטוס איז געווען איבערצייגט אין יעזוס אומשולדיקייט, נאָר דורך**

דעם דרוק פון די יידן, וועלכע האָבן געפאָדערט פון אים דעם טויט, האָט ער געמוזט נאָך געבן די יידן און אַרויסגעבן זיין אורטייל. יאָהאַן וואַרפט אָפּ דעם מאָטיוו וואָס דער יידישער איינפלוס איז געווען צו שטאַרק פאַר פּי־לאַטוסן, ער פאַרשטייט אַז עס איז אַ שוואַכע סיבה אַז פּילאַטוס זאָל דערפאַר אונטערוואַרפן זיך צום יידישן דרוק. פאַר יאָהאַנען איז ניט שווער צו אויס־געפינען אַ וויכטיקערע אורזאַך, ווערט ביי אים שוין ניט נאָר דרוק נאָר דראָונג. די יידן האָבן פּילאַטוסן געדראָעט מיט דעם רעפּאָרטן צום אימפּע־ראַטאָר, אַז ער „איז ניט צעזאַרס פריינט", ער האַנדלט קעגן די אינטערעסן פון צעזאַר.

דאָס איז ניט נאָר ניט היסטאָריש, נאָר אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט. איבער אַן אַרעסטירטן יידן וועלן די פּריסטער און העכסטע ריכטער זיך דער־לויבן אַרויס אין אַ שטרייט מיט דעם פּראָקוראַטאָר און דראָען אים מיט צעזאַר.

ווען אַ שרייבער הויבט אָן שרייבן מיט אַ צוגעגרייטן אַבזיכט, מיטן צוועק צו דערגרייכן אַ באַוווּסטן צוועק: — דאַן מוז קומען די זעלבסט־איינ־בילדונג וואָס שפּרייט זיך איבער דער ווירקלעכקייט פון לעבן, אויסן דעם מענטשלעכן אַרט דענקען. די ווערטער פאַרלירן דעם צוזאַמענהאַנג פון אינהאַלט און גאַנצקייט פון רעאַליזם; מענטשלעכע טאַטן ווערן אַ פּראָדוקט פון ניט־באַלאַנסירטן דענקען.

יאָהאַן 13:19. „ווען פּילאַטוס דעריבער האָט געהערט די זאָגונג (אַז ער האַנדלט קעגן צעזאַר) האָט ער אַרויסגעבראַכט יעזוסן, און האָט זיך אַוועק־געזעצט אין דער ריכטערס שטול אין אַ פּלאַץ וואָס איז גערופן די פּלאַס־טערונג, נאָר אין העברייאיש גבתא."

פּש. — ווי עס ווייזט אויס האָט דער אַווטאָר דערשפּירט זיך ניט היסטאָרישן שרייבן, האָט ער אָנגעהייבן נוצן פּרטים, איינצעלהייטן, ווי פּילאַטוס האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שטול און אַפילו ער ווייסט דעם נאָמען פון פּלאַץ אַלץ אַ סימן פון באַזעסענע רעקאָרדס.

יאָהאַן 14:19. „עס איז געווען די צוגרייטונג פון פּסח, און אַרום דער דאָזיקער שעה (אַרום מיטטאָג): און ער האָט געזאָגט צו די יידן, זעט, אייער קיניג."

פּש. יאָהאַן דערציילט אונדז ניט ווו עס האָט זיך געפונען דער פּלאַץ פון „פלאַסטערונג" אינווייניק אָדער אין דרויסן. דאַרפן מיר זיך משער זיין אַז עס איז געווען אין דרויסן, וואָרום אינווייניק וועלן דאָך די יידן ניט אַריינ־גיין, ניט צו ווערן טמא. אָבער מיר דאַרפן איינשטימיק צוגעבן אַז פּילאַטוס האָט זיך געזעצט ניט אין דער ריכטיקער שטול. אויף דער שטול פון גע־רעכטיקייט דאַרף זיצן דער ריכטער. דאָ ווייזט זיך אַרויס אַז פּילאַטוס איז ניט דער ריכטער, די אמתע ריכטער זיינען די כהנים און דער המון: האָבן זיי געדאַרפט זיצן אויף דער ריכטערס שטול.

די אַווטאָרס האָבן אויסגענוצט אַלע מיטלען צו רייניקן פּילאַטוסן,

און פּילאַטוס האָט גאַנץ נישטקשהדיק געשפּילט זיין ראָלע, פּינקטלעך גע־לייענט זיין סקריפּט. פּלוצים איז זיך פּילאַטוס מיישב און קערט איבער דעם גאַנצן וואָגן מיט די עפּל; ער נעמט דעם געשמיסענעם, צעשלאָגענעם, מיט דער דערנער קרוין אויף קאָפּ, רייצט זיך מיט די יידן, „קוקט אָן אייער מלך."

נאָר יאָהאַן שרייבט ניט פון לעבעדיקע מענטשן, פון לעבעדיקער גע־שיכטע, אויך ניט מיט אַ לעבעדיקן געדאַנקען גאַנג, מיט לאָגישן דענקען, און פון פּסיכאָלאָגישע טאַוונגען; רעזולטאַטן זיינען אין היפּוך צו די אורזאַכן. אַזוי קומט דער פאָלגענדיקער זאַץ:

יאָהאַן 15:19. „און זיי האָבן אויסגעשריען, אַוועק מיט אים, אַוועק מיט אים, קרייציק אים! זאָגט פּילאַטוס צו זיי, זאָל איך קרייציקן אייער מלך? די הויפּט כהנים האָבן געענטפערט, מיר האָבן ניט קיין מלך, נאָר צעזאַר."

פּש. אַזאַ אופן פון שרייבן איז קעגן אַלע כללים פון ערלעכן דענקען, קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל פון געשיכטע שרייבן. עס איז קעגן דער עטיק פון שרייבן אַפילו איינצעלנע עפּיזאָדן. עס איז ניט געשיכטע, נאָר אַ באַוועגונג פון פּופּעטס, געצויגן פון דראָטן ווו אַ זייטיקער זאָגער רעדט אַריין אין זיי.

ווען עס זאָל אַזוי געשען; ווען די יידן וואָלטן געמאַכט דעם קלענסטן פּאַרזוך צו דיקטירן פּילאַטוסן אין דער געריכטס־קאַמער וואָס פאַר אַן אור־טייל ער זאָל אַרויסגעבן; אויפפירענדיק זיך אַזוי טומלדיק, מיט אַזוי פיל העזה און חוצפּה; וואָלט זיי אַפילו צעזאַר ווייניק געהאָלפן. ער וואָלט געווען אויף דער זייט פון פּילאַטוס. דאַן וואָלט שוין יענעם פּסח געווען מער ווי דריי קרייצן, עס וואָלט שוין געווען צענדליקער מאָל דריי. און קאַיאַפאַס, וואָס איז כהן גדול דורך פּילאַטוס חסד, וואָלט אויך טייער באַצאָלט פאַר דער אויפפירונג פון זיינע ריכטער.

און . . . און היסטאָריקער, יוריסטן, געריכטס־מענטשן, שטאַטס־מענער, וויסענשאַפטסלייט, פּסיכאָלאָגן, פּסיכיאַטערן, טעאָלאָגן, קריטיקער אַנאַלי־טיקער, פאָרשער, און אין אַלגעמיין קלוגע מענטשן: לייענען אַזעלכע אומ־באַגרינדעטע באַשולדיקונגען, לייענען און צווייפלען ניט; בעסער, באַמיען זיך ניט צו צווייפלען.

מת. 26:27. „דאַן האָט ער אַרויסגעלאָזן באַראַבאַס צו זיי: און ווען ער האָט געשמיסן יעזוס, האָט ער איבערגעגעבן אים צו ווערן קרוסיפיצירט.

מק. 15:15. „דאַן פּילאַטוס ווילענדיק צו מאַכן צופרידן די מענטשן, האָט אַרויסגעלאָזן באַראַבאַס צו זיי, און האָט איבערגעגעבן יעזוסן, ווען ער האָט אים געשמיסן, צו ווערן קרוסיפיצירט."

איצט וועלן מיר ברייגנען לוקאַס ווערזיע פון דער פאַראורטיילונג. ווען הורדוס־אַנטיפּאַס, נאָך פיל אָפּשפּאָסן פון יעזוס, האָט אים צוריקגעשיקט באַ־פּוצט מיט אַ פּרעכטיקן מאַנטל צו פּילאַטוס.

לוק. 13:23. „און פּילאַטוס ווען ער האָט צוזאַמען גערופן די הויפּט כהנים די רעגירער (רולערס) און די מענטשן (דאָס פאָלק)."

פש. פריער זיינען די אַלע הויפּט כהנים, זקנים און אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע מענטשן אַליין געקומען. לויט לוקאַסן לאָזט זיך פאַרשטיין, אַז ווען די זקנים און הויפּט כהנים זיינען געווען גרייט צו פירן דעם אַרעסטירטן צו איבערגעבן אים צו פּילאַטוס געריכט, דענסטמאָל זיינען צוגעשטאַנען צו זיי אַ גרויסע צאָל זייטיקע מענטשן. די מענטשן האָבן געהאַט די געלעגנהייט אַריינקומען אין געריכטס זאַל ווייל זיי זיינען געווען מיט די כהנים און זקנים. די באַשרייבונגען טראָגן ניט אין זיך אַ סימן פון אַווירקלעכער פּאַסירונג, עס איז פיקציע, אָן אַ טראָפּן פון מעגלעכקייט. צו פירן אַ פאַרשולדיקטן צום געריכט, פירן ניט די ריכטער, און ניט די הויפּט פּריסטער, און זיכער ניט טאָלפּעס פון זייטיקע מענטשן. אָבער עס גייט איבער די גרעניצן פון קלאָרן דענקען צו שרייבן אַז ווען הורדוס האָט צוריקגעשיקט יעזוסן צו פּילאַטוסן, האָט פּילאַטוס צוזאַמען גערופן די כהנים און די הערשער (רולערס) און דאָס פאָלק. מילא, כהנים און ׳רולערס׳ האָט פּילאַטוס געקענט צוזאַמען רופן, אָבער ווי האָט ער געקענט צוזאַמענרופן די מענטשן פון פאָלק? ניט אַנדערש ער האָט געדאַרפט אַרויסשיקן שרייערס איבער די גאַסן פון ירושלים זיי זאָלן אויסרופן: דער הערשער פּילאַטוס, זיצט איצט אין זיין געריכטס קאַמער, היינט מישפּט ער אַ מאַן יעזוס, קומט אַלע אין געריכט!

צוליב וואָס האָט פּילאַטוס געדאַרפט האָבן דעם עולם פון מענטשן צו זיין מישפּט? האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך זייער טומל? נאָר פּילאַטוס האָט דעם טומלדיקן עולם ניט געדאַרפט האָבן, און ער האָט זיי ניט צוזאַמענגערופן. זיי האָט צוזאַמענגערופן לוקאַס; כדי צו שאַפן דעם מאַטעריאַל פאַר די אויפפאָדערונגען און אויסגעשריען ׳קרייציק אים׳.

לוקאַס 14:23. „ער האָט געזאָגט צו זיי, איר האָט געבראַכט דעם מאַן צו מיר, ווי איינער וואָס האָט פאַרפירט דאָס פאָלק; און, זעט, איך האָב אים אויסגעפרעגט פאַר אייך, איך האָב ניט געפונען קיין שולד אין דעם דאָזיקן מאַן אין שייכות צו זאַכן אין וואָס איר באַשולדיקט אים. (15) ניין, אַפילו אויך ניט הורדוס: מחמת איך האָב אייך געשיקט צו אים; און גאָר ניט אין דעם ווערט פון טויט איז געטאָן געוואָרן צו אים. (16) איך וועל דעריבער אים אויסשטראָפן, און אַרויסלאָזן אים. (17) ווארום איבער דער נויטווענדיקייט מוז ער אַרויסלאָזן איינעם צו זיי אויף יום־טוב. (18) און זיי האָבן אויסגעשריען אַלע מיטאַמאָל, זאָגנדיק, אַוועק מיט דעם דאָזיקן מאַן, און לאָז אַרויס צו אונדז באַראַבאַס.״

פש. ווו האָט דער אַוטאָר גענומען זיין „נויטווענדיקייט״ און זיין „מוז״ פאַר פּילאַטוסן און פאַר די יידן? יידן ווייסן ניט פון אַזאַ ׳מוז׳ און אויך ווייסט עס ניט די יידישע טראַדיציע. אַ סימן פון אַזאַ ׳מוז׳ געפינט זיך ניט אין ביידע ליטעראַטורן: ווי אין דער יידישער אַזוי אין דער רוימישער.

1) עס ווערט דערקלערט דער מקור. דער פאַבל באַראַבאַס שטאַמט פון דעם אויפשטאַנד קעגן רוים וואָס איז פאָרגעקומען קורץ פאַר פסח, פון וועלכן

---

1) גענומען פון ראָבערט אייזלער, ׳דער משיח יעזוס׳.

אויך לוקאס און מאַרקוס דערציילן. איינשטילענדיק דעם אויפשטאַנד זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַ צאָל מענטשן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך דער מאַן בר־אבא. אין דער צייט פון אויפשטאַנד זיינען געפאַלן קרבנות פון ביידע זייטן. דער בר אבא איז געווען באַשולדיקט, צוגלייך ווי די אַנדערע, אין אויפשטאַנד און אין מאָרד. נאָר בעראַבאס פריינד האָט זיך איינגעגעבן צו איבערצייגן פילאַטוסן אין דער אומשולד פון בר אבא. זיי האָבן באַוויזן אַז ער איז אַ רויִקער מענטש מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע, נאָר אַז צופעליק האָט ער זיך געפונען אויפן פּלאַץ פון די אומרוען און ער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די רו־שטערער. דער פאַל האָט געגעבן דעם מאַטעריאַל צו דער קריסטלעכער קירך צו פאַרוואַנדלען אין נאָך אַ באַשולדיקונג קעגן די יידן. לוקאס שרייבט פון דער באַשולדיקונג וואָס איז געווען קעגן בר אבא.

לוקאָס 19:23. („וועלכער איבער אַ געוויסן אויפשטאַנד געטאָן געוואָרן אין שטאָט, און פאַר מאָרד, איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה)".

פּש. אַפילו עס זאָל אָנגענומען ווערן דער אויסגעטראַכטער אַבסורד אַז די יידן האָבן געמוזט האָבן אַז אַ פאַרברעכער זאָל באַפרייט ווערן אויף דעם יום טוב פון פסח, און פילאַטוס האַלט אויך פון דעם מוז און באַפרייט אַלע פסח אַ מאַן פון תפיסה. האָט זיך דען אין פילאַטוס תפיסות געפונען נאָר איין פאַרברעכער בעראַבאס? וואָלטן זיך די יידן דערלויבט צו פאָדערן די באַ־פרייאונג פון אַ מאַן אַ בונטאַר, אַ מערדער? און וואָרום איז יעזוס אויף איין שטאַפּל מיט דעם בונטאַווטשיק בר אבא? וואָרום אויף דער פראַגע צו באַפרייען זיינען געווען גילטיק די ביידע? מחמת יעזוס און בר אבא האָבן געהאַט די זעלביקע באַשולדיקונג: בר אבא איז געווען אַ פירער פון אויפ־שטאַנד, און יעזוס דער הויפּט פון אויפשטאַנד, דער קיניג פון אויפשטאַנד.

לוקאָס 20:23. „פילאַטוס דעריבער, ווילענדיק צו אַרויסלאָזן יעזוסן, האָט גערעדט צו זיי, (21) נאָר זיי האָבן געשריען, זאָגענדיק, קרייציק אים, קרייציק אים! (22) און ער האָט געזאָגט צו זיי אויפן דריטן מאָל, וואָרום, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטאָן? איך האָב ניט געפונען קיין אורזאַך אין טויטן אים. איך וועל דעריבער אים אויסשטראָפן און לאָזן אים גיין. (23) די זיינען מאָמענטאַל אַרויס מיט הויכע קולות, פאָדערענדיק אַז ער זאָל ווערן געקרייציקט. און די קולות פון זיי און פון די הויפּט כהנים האָבן טריומפירט. (24) און פילאַטוס האָט געגעבן דעם אורטייל אַז עס זאָל זיין ווי זיי פאָדערן."

פּש. נאָך די רוימישע געזעצן און איינגעשטעלטע פירונגען האָט דער הערשער פון אַ פּראָווינץ געמוזט צושטעלן צום אימפּעראַטאָר פון רוים אַ פּראָטאָקאָל פון יעדן מישפּט ווו עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט אורטייל. דעם פאַראורטיילטן האָט געקענט באַפרייען אָדער פאַרבייטן די שטראָף פון טויט אויף אַנאַנדער שטראָף נאָר דער אימפּעראַטאָר אַליין. דאָס באַשטעטיקט די קריסטלעכע קירך.

דער פּראָטאָקאָל פון פילאַטוס פסק דין און דער מישפּט איבער יעזוסן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם רוימישן אימפּעראַטאָר מאַקסימיס

דאיא, אונטער דעם נאָמען אקטא פּילאַטי. לויט דער אקטא פּילאטי איז דער מישפּט פאָרגעקומען אין דעם יאָר פון 21 נ. ע. דער דאָקומענט איז פאַר־ניכטעט געוואָרן דורך קריסטלעכע הענט. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַזונדער אַקט. דער קריסטלעכער אַקט פון פּילאַטוס מישפּט איז באַשטימט, ווי מערסטע קאָמענטאַטאָרס און פאָרשער פון קריסטלעכן גלויבן, אַז עס איז אַ פעלשונג.

אַזוי איז פון אַלע צדדים באַשטימט, אַז עס איז געווען אַ פּראָטאָקאָל פון פּילאַטוס צום אימפּעראַטאָר וועגן מישפּט. דער אַקט, אָדער פּראָטאָקאָל, איז זיכער געווען אַן אמתער באַריכט פון פּראָצעס. פּילאַטוס וואָלט זיך ניט דערלויבט צו אַנדערשן אים, ווייל עס האָבן באַאָבאַכטעט דעם מישפּט פיל פון פּילאַטוסעס הויכע באַאַמטע. זיי וואָלטן די ניט־ריכטיקייט גלייך געלאָזט וויסן אין רוים.

אין פּילאַטוס באַריכט וואָלט דאָך געמוזט אַריינגיין דער גאַנג פון דעם מישפּט. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וואָלט געמאַכט אויף דעם אימפּעראַטאָר אַז דער באַריכט זאָל דערציילן ווי פּילאַטוס האָט געפירט דעם מישפּט. אין געריכט איז אַריינגעקומען, געפירט און געהעצט פון די הויפּט כהנים און ריכטער פון סנהדרין, אַן אומקאָנטראָלירטער המון וועלכער אין דער צייט ווען פּילאַטוס האָט געפירט דעם מישפּט האָבן גע־שריען און געטומלט. נאָך דעם ווען פּילאַטוס איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אויספרעגן דעם אָנגעקלאָגטן, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם המון אַז זיי זאָלן פסקענען וואָס ער זאָל טאָן מיט דעם אָנגעקלאָגטן. די קלאָגע איז באַ־שטאַנען אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך אָנגעגעבן אַז ער איז דער מלך פון די יידן, וועלכער האָט דאָס ניט אָפּגעלייקנט, און פּילאַטוס האָט געזאָגט אַז ער זעט אין אים ניט קיין שולד. ווי וואָלט דאָס דער אימפּעראַטאָר טיבעריוס אויפגענומען, אַז אין ירושלים געפינט זיך אַ מלך פון די יידן און דער אימ־פּעראַטאָר ווייסט ניט פון דערויף, און זיין אייגענער פּראָקוראַטאָר דערקענט דעם מלך און ער געפינט ניט אין אים קיין שולד. פּילאַטוס האָט דאָך ניט געקענט אויסלאָזן אַז ער האָט עפענטלעך ווידער און ווידער דערקלערט יעזוסן פאַר אומשולדיק. פּילאַטוס וואַשט זיינע הענט, ער וואַשט אָפּ די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון דעם אומשולדיקן בלוט, — צום סוף פאַראורטיילט ער דעם אומשולדיקן צו ווערן געקרייציקט. פּילאַטוס אַנטשולדיקונג וואָלט געווען אַז ער איז געווען הילפלאָז, די הויפּט כהנים און דער המון יידן האָבן עס גע־פאָדערט. נאָך אַזאַ באַריכט וואָלט פּילאַטוס קאָפּ געפאַלן, אויב ניט אויף אַ קרייץ וואָלט געווען פון אַנאַנדער טויט שטראָף.

דעריבער איז ניט פאָרגעקומען קיין מישפּט פון סנהדרין. עס איז ניטאָ קיין היסטאָרישקייט אין די באַריכטן פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס, עס איז זייערע אַן אייגענע אויסגעטראַכטע דערפינדונג. דאָס באַשטעטיקט דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע. מער ווי זיכער אַז די רוימער האָבן אַרעסטירט און פּילאַטוס האָט פאַרמישפּט יעזוסן. ווי פּילאַטוס מישפּט ווערט געבראַכט איז דער בעסטער באַווייז אַז עס איז בכיוונדיקע פיקציע. יעדער

שרייבער באַריכטעט לגמרי אַנדערש פון דעם אַנדערן. איינער פירט אַריין צוויי מישפטים: פון הורדוס און פון פילאַטוס; אַ צווייטער פירט אַריין אַזאַ אַבסורד אַז די אַנקלאַגערס זיינען ניט געווען אין געריכט, זיי זיינען געשטאַנען אין דרויסן; דער שופט, דער פּראָקוראַטאָר האָט יעדעס מאָל געדאַרפט אַרויס־גיין אין דרויסן צו פרעגן די אַנקלאַגער. די אורזאַכן פון ניט קענען אַריינ־קומען אין חדר פון געריכט האָבן אויך ניט קיין ממשות. פון אַריינקומען אין שיינעם און ריינעם געריכטס זאָל ווערט מען ניט טמא. דעם אויפבוי פון באַשולדיקונג אַקט האָבן געשאַפן ניט קאַיאַפאַס, ניט די הויפּט כהנים, ניט די זקנים און אויך ניט די טומלדיקע טאָלפּאַ: דאָס האָבן געשאַפן נאָר די שרייבערס פון די עוואַנגעליעס און די קריסטלעכע קירך; אויך די אַלע געשאַפענע סיטואַציעס זיינען אַ רעזולטאַט פון זייער פאַנטאַזיע.

## קאַפּיטל 28.

# די קרייצונג

שריפטן פון יעזוס לעבן, פון זיין ווירקונג און לערנונג, זיינען געווען מער ווי פיר, די פיר זיינען געווען די מער וויכטיקע, די מער דערקענטע אין צאָלן פון די עקזיסטירענדיקע קריסטלעכע קירכעס. אין פערטן יאָר־הונדערט נ.ע. זיינען די פיר שריפטן קאַנאָניזירט געוואָרן, דערקלערט געוואָרן אַלץ הייליקע שריפטן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דורך דער באַווירקונג פון הייליקן גייסט (רוח הקדש).

די ערשטע דריי שריפטן ווערן אָנגערופן די ענלעכע שריפטן, אָדער סינאָפּטישע שריפטן. די שריפטן אין גאַנצן גענומען זיינען ניט ענלעך, עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן איין שריפט און דער אַנדערער. זייער ענלעכקייט באַשטייט אין דערינען וואָס עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל שטעלן וואָס זיינען געשריבן מיט די זעלביקע ווערטער; דער זעלביקער צוזאַמענ־האַנג פון ווערטער, און טיילן פון זאַצן, און גאַנצע פּאַראַגראַפן ווערן איבער־געגעבן כמעט ווערטערלעך ענלעך ווי עס וואָלט גווען אַ ציטירונג. עס ווייזט אויס אַז דער צווייטער האָט קאָפּירט דעם ערשטן, דער דריטער דיביידע פריערדיקע. עס איז דאָ אַ השערה אַז די שרייבערס האָבן גענוצט אַ דאָקו־מענט וואָס איז געווען דער מקור פון זייער שרייבן, זיי האָבן אַרויסגענומען פּאַראַגראַפן און שטעלן און ציטירט אין זייער שרייבן; איז לויט זייער השערה איז יענער דאָקומענט דער הויפּט קוואַל פון זייער אינפאָרמאַציע. אָבער די צווייטע און דריטע שריפטן ברענגען פיל זאַכן און זייער וויכטיקע וואָס געפינען זיך ניט אין דער ערשטער שריפט: קומט מען צו דער מיינונג אַז זיי האָבן גענומען זייער אינפאָרמאַציע פון אַ צווייטן קוואַל. אַזוי ווי אַזאַ קוואַל געפינט זיך ניט אין עקזיסטענץ, האָט מען עס אָנגערופן פשוט קוואַל, צוליב קורצקייט רופט מען Q (קיו), דאָס איז דער ערשטער אות פון דייטשן

'קוועלע'. אבער אזוי ווי דער דריטער ברייננט פאסירונגען און רייד פון יעזוס וואס געפינען זיך ניט אין די ערשטע צוויי, קומט די זעלביקע דערקלערונג, אז עס איז געווען א דריטער קוואל Q, נאר עס קענען ניט דערקלערט ווערן די אורזאכן פון דעם פארשווונדן ווערן פון אזעלכע שריפטן וואס זיינען געווען דער הויפט מקור פאר די דריי עוואנגעליעס.

די דריי שריפטן וועגן יעזוס לעבן, זיינע טוונגען, זיין ווירקונג און זיין פריידיקן ווערן אנגערופן עוואנגעליעס, און אין ענגליש גאספעלס. די פאר־טייטשונג פון דעם ווארט עוואנגעליע אדער גאספעל אין די שפעטערע צייטן האט באקומען די מיינונג פון א גוטן אנזאג, א גוטע בשורה.

די עוואנגעליעס זיינען געשריבן געווארן נאך יעזוסן. א גרויסע צאל פון די עוואנגעליע פארשערס האלטן אז די עוואנגעליעס זיינען געשריבן אין דעם משך פון צוויטן יאר הונדערט פון דער נייער ערא.

די שרייבערס פון די עוואנגעליעס האבן באגרינדעט זייערע איבער־געבונגען אויף מינדלעכע דערציילונגען, און אנגענומענע השערות פון די עקזיסטירענדיקע געמיינדעס פון יענער צייט וואס האבן זיך גערופן קירכעס. דענסטמאל זיינען די שריפטן ניט געווען קאנאניזירט, זיי האבן זיך פאר־רעכנט פאר שרייבונגען פון פשוטע מענטשן, ניט קיין הייליקע. די שריפטן 1) זיינען גענוצט געווארן אין די קירכעס פאר רעליגיעזע פראפאגאנדע צוועקן, און האבן גענוצט ווי מאטעריאל פאר פריידיקן.

דער ערשטער שרייבער, זיינען די מערסטע צאל עוואנגעליע פארשער זיכער, איז געווען מארקוס. עס איז די צווייטע עוואנגעליע לויט דער קריסט־לעכער טראדיציע. דער צווייטער מאתיא האט געשריבן זיין עוואנגעליע בא־גרינדענדיק זיך אויף דער שריפט פון מארקוס. פאר מאתיאן איז עס געווען ניט מער ווי א חיבור איבער יעזוסן. ער האט ניט געוווסט אז עס וועט פאר־הייליקט ווערן, און אויך ניט געוווסט אז זיין שרייבן וועט אויך פארהייליקט ווערן. מאתיא האט עס געהאלטן ווי א חיבור וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע, האט ער זיך געהאלטן פריי אין זיין באציונג צו דער שריפט. שטעלן וואס זיינען אים ניט געפעלן האט ער אויסגעלאזן, און ווו ער האט געפונען פאר נייטיק צו ענדערן האט ער געאנדערשט; אויך צוגעבן זאכן פון זיין אייגע־נער מיינונג, און אנדערע דערציילטע לעגענדעס. די זעלביקע שריפטן זיינען איבער געשריבן געווארן אין די קירכעס. די קירכעס האבן דענסטמאל גע־האלטן די חיבורים פאר רעליגיעזע שריפטן וואס דארפן דינען זייער צוועק אין פריידיקן און פארשפרייטן זייער גלויבן: האבן זיי פיל געאנדערשט, צו־געשריבן און איבערגעשריבן אויף אזא אופן ווי זיי האבן געדענקט קען בעסער דינען דעם צוועק פון זייער פראפאגאנדע; דעם זעלביקן צוגאנג האט אויך געהאט לוקאס, פאר אים האבן די ערשטע צוויי חיבורים געדינט ווי א קוואל פון אינפארמאציע, אבער ער האט פאר זיך רעזערווירט די פרייקייט

1) איך נוץ דא דעם ווארט שריפטן אין דער מיינונג פון שרייבונגען, חיבורים אין פשוטן זין, און ניט פארהייליקטע.

צו נוצן דעם מאַטעריאַל פון די פריערדיקע שרייבערס נאָך זיין אייגענער מיינונג און איינשטעל.

יוסעביוס שרייבט פון אַ פריעריקן שרייבער פאפיאס וועלכער שרייבט אַז מאַרקוס האָט איבערגעזעצט אין גריכיש פריידיקונגען פון פעטרוס; און מאתיא האָט געשריבן די לאגיע פון יעזוס אין אַראַמעיש, און יעדערער האָט עס איבערגעזעצט אין גריכיש נאָך זיין מיינונג. קען פאַרשטאַנען ווערן אַז די חיבורים פון מאַרקוס און מאתיא זיינען געווען דער נוקלעוס וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דיביידע עוואַנגעליעס.

1) די שרייבער פון די עוואַנגעליעס האָבן פאַרטראַטן פאַרשידענע ריכ־טונגען פון דעם פריערדיקן קריסטלעכן גלויבן. איין ריכטונג איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן געהאַלטן אַז יעזוס איז געבאָרן געוואָרן און גע־וואקסן צו זיין רייפקייט ווי אַ געוויינלעכער מענטש. ווען יעזוס איז געקומען צו ווערן געטובלט פון יוחנן, דענסטמאָל איז אַרויס אַ קול פון הימל און געזאָגט: ער איז מיין באַליבטער זון וועלכער איז מיר געפעליקט; און דער הייליקער גייסט אין דער פאָרמע פון אַ טויב האָט אַראָפּגענידערט אויף אים. זינט יענער צייט איז ער דערקענט געוואָרן פון גאָט, און פון גאָט איז ער גלאָריפיצירט געוואָרן, און באַשטימט געוואָרן צו זיין משיח, קריסטוס. די ריכטונג האָט פאַרטראַטן מאַרקוס אין זיין עוואַנגעליע.

די צווייטע שיטה איז געווען, אַז יעזוס איז געבאָרן געוואָרן אַלץ דער זון פון גאָט. מרים איז געווען אַ פרוי פון פלייש און בלוט, נאָר זי איז באַ־פרוכפּערט געוואָרן ניט פון אַ מענטשן, ניט פון איר מאַן; נאָר דורך דעם הייליקן גייסט, אַזוי איז ער פיזיש דער זון פון גאָט. די דאָזיקע שיטה האָבן פאַרטראַטן מאתיא און לוקאַס, און אין צוויי פאַרשידינע באַזונדערע פאָרמעס האָבן זיי עס איבערגעגעבן אין זייערע עוואַנגעליעס. די דריי ענלעכע אַוטאָרס טראָגן נאָר דעם נאָמען פון זייער ענלעכקייט. אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי פיל פאַרשידן. די דריי אַוטאָרס האָבן אַפילו ניט גענומען די מי צו איבערגעבן יעזוס רייד און יעזוס טעטיקייט אין איין אַקאָרד, נאָר יעדער אַוטאָר האָט געשריבן נאָך זיין אייגענער מיינונג אַז אַזוי האָט יעזוס געדאַרפט טאָן און אַזוי ריידן.

די ערשטע געשריבענע דאָקומענטן וועגן קריסטוס און קריסטענטום זיינען געווען די בריף (עפּיסטלס) פון פאולוסן. די קירך האָט אים דערקלערט פאַר אַ הייליקן, ער ווערט גערופן דער הייליקער פאולוס. פאולוס האָט לגמרי אויסגעמיטן צו שרייבן פון לעבעדיקן יעזוס, פון זיין לעבן, פריידיקונג און ווירקונג. פאולוס דערקלערט ניט קיין הייליקייט און הערלעכקייט אין לעבע־דיקן יעזוס. פאולוס הויפּט לערע איז, אַז יעזוס איז געשטאָרבן פאַר די מענטשלעכע זינד, און ער איז לעבעדיק געוואָרן, אַרויף אין הימל, ער איז משיח, גאָט׳ס זון; ער איז אַליין באַפּולמעכטיקט צו פאַרגעבן זינד. דאָ ווערן

1) לויט אטטא פפלעידערדער, די פריערדיקע קאָנצעפּציע פון קריסטוס. 1905.

**געבראַכט אויסצוגן פון פאולוס בריף וועגן יעזוסן ווען ער איז געווען אין זיין פלייש און בלוט.**

גאלאטיער 12:1. „ווארום איך האָב עס ניט דערהאַלטן פון אַ מאַן, און אויך ניט געלערנט געוואָרן פון אים, נאָר דורך דער אַנטפּלעקונג פון יעזוס קריסטוס. (16:1) באַלד האָב איך ניט קאָנפעררירט מיט פלייש און בלוט. (גאל. 16:2. ווארום זיי וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין עפּעס אין קאָנפערענץ האָבן גאָרניט צוגעגעבן צו מיר."

**פאולוס האָט זיך גערופן דער אַפּאָסטל פון די גוים ('דזשענטיילס'). ער איז אַוועק פון די יידן און געפּריידיקט די עוואַנגעליע פון יעזוס צו די ניט־יידן וועלכע זיינען אין יענער צייט אַלע געווען היידנס. ער האָט אויך אָנגעהייבן אָרגאַניזירן און אויפשטעלן גרופּעס פון די וואָס האָבן אָנגעהייבן גלויבן אין דער עוואַנגעליע פון זיין פּריידיקן.**

**אין די בריף פון פאולוס זיינען אויסגעדריקט געוואָרן די וויכטיקסטע דאָגמעס פון קריסטלעכן גלויבן. יעזוס איז קריסטוס, גאָט'ס זון. ער איז אויפגעשטאַנען פון טויט. ער איז אין הימל ביי דער רעכטער זייט פון גאָט דעם פאָטער, און גלאָריפיצירט פון פאָטער. יעזוס האָט זיך זעלבסט געבראַכט פאַר אַ קרבן צו גאָט צו שטאַרבן פאַר די מענטשלעכע זינד. ער פּריידיקט אין די בריף דעם גלויבן אין פאָטער און זון, די מיסטעריע פון באַפּטיזם (טובלונג) און אייביק לעבן. דאָס הויפּט אין זיין רעליגיע איז דער גלויבן אין זון יעזוס. דער וואָס גלויבט אין יעזוס קריסטוס זיינען יענעמס פּערזאָנס זינד פאַרגעבן, און ער וועט אַריינקומען אין אייביק לעבן. דורך גלויבן אין יעזוס, איז מען גערעכטפערטיקט ביי גאָט דעם פאָטער. גוטע מעשים האָבן קיין ווערט אין די אויגן פון גאָט אָן דעם גלויבן אין יעזוס. דעריבער איז מען גערעכט פערטיקט ביי גאָט דורך גלויבן, און ניט דורך מעשים (ווארקס).**

**פאולוס דער אַפּאָסטל פון די ניט־יידן איז געשטאַנען אין מיטן: צווישן די יידן און די ניט־יידן. פאולוס האָט ניט באַנומען, ניט געווען דורכגעדרונגען מיט דער טיפער פּסיכאָלאָגיע, אידעאָלאָגיע, און גייסטיקע ירושות ווי פון די יידן אַזוי פון די דזשענטיילס. ער האָט געדענקט אַז די פּריידיקונג, די עוואַנגעליע פון קרייצונג און רעזורעקציע איז גענוג.**

**די גוים (דזשענטיילס), וועלכע זיינען באַווירקט געוואָרן דורך פאולוסן, האָבן אָנגענומען זיין עוואַנגעליע און גלויבן, אָבער זיי זיינען געבליבן די זעלביקע לעבעדיקע מענטשן וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין פּאַגאַניזם, אין דורותדיקער ירושה פון היידענטום און מיטאָלאָגיע.**

**פון זייער קינדהייט אָן איז צו זיי געווען באַוווּסט די לעבנס און שטרייטן פון זייערע געטער און געטינס. זיי האָבן פאַרהייליקט און געהערלעכט די לעבנס, די ליבעס און קאַמפן, פאַרגעטערט זייערע איבערנאַטירלעכע כוחות, דערציילט מעשיות פון יעדן גאָט באַזונדער.**

**די מענטשן האָבן זיך ניט געקענט באַנוגענען נאָר אין גלויבן פון דער**

קרייצונג און אויפלעבונג. זיי האָבן געזוכט און געוואָלט וויסן אַלץ פון פאָטער און זון, פון אָנהייב ביז דעם סוף. זייער מיטאָלאָגיע האָבן זיי אָנגעהייבן צו־פּאַסן צו גאָט׳ס זון, אַזוי האָבן זיך אָנגעהייבן שפּרייטן די מינדלעכע לעגענדעס פון יעזוס און פון זיינע וווּנדער טווּנגען.

די קריסטלעכע סעקטעס און קירכעס וואָס פּאולוס האָט געגרינדעט, די ברידער און הייליקע (ברעדרען און סיינטס האָבן זיך גערופן די מיטגלידער פון זייערע קאָנגרעגאַציעס), וועלכע זיינען ווערבירט געוואָרן פאַר זייערע סעקטעס, האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט זייערע אייגענע דערציילונגען; זיי האָבן געזוכט אינפאָרמאַציע פון די עלטסטע, פירער און פאָטערס פון די קירכעס. און אַ צאָל פראַגעס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון זיי; די פראַגעס האָבן געפאָדערט ענטפערס. יעדער פּריידיקער, פאָרשטייער פון קירך האָבן גע־ענטפערט און דערקלערט אויף זייער אייגענעם אופן.

דער פריערדיקער קריסטענטום איז געווען צעטיילט אין שיטות און סעקטעס, זיי האָבן ביטער געקעמפט צווישן זיך. אַזוי זיינען אָרגאַניזירט גע־וואָרן קירכעס מיט באַזונדערע דאָקטרינעס, ריכטונגען פון יעזוס און זיין לעבן און פון זיינע מופתים און וווּנדערס.

די פאָרשטייער פון די קירכעס האָבן ניט געשיינקט צו פיל אויפמערק־זאַמקייט אויף געשיכטע, אויף היסטאָרישער ריכטיקייט, אויף דער לעבנס ווירקלעכקייט, אויף דאָקומענטן און רעקאָרדס: זיי האָבן נאָר געזוכט די אַלע פראַגעס צו פאַרענטפערן. אויף פיל פראַגעס פלעגן די אַוטאָריטעטן פון די קירכעס, כדי צוגעבן געוויכט צו זייערע ענטפערס, זאָגן אַז אַזוי האָט שוין יעזוס געענטפערט. אַזוי האָט זיך אנטוויקלט די טראַדיציע פון פראַגעס פון די פּרושים און יעזוס ענטפערס.

ווען פּאולוס איז געוואָר געוואָרן פון דער שפּרייטונג פון אַזעלכע מעשיות, האָט ער זיך געשטעלט קעגן, ער האָט געפירט אַ גרויסן קאַמף, געשריבן אינסטרוקציעס צו זיינע הויפּט תלמידים ווי צו באַקעמפן, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן, ׳מעשיות פון אַלטע ווייבער׳. נאָר פּאולוס איז שוין געווען אוממעכטיק דעם שטראָם אָפּשטעלן.

די סיטואַציע האָט פּאולוס אַליין געשאַפן. ווען ער וואָלט געגעבן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון יעזוסן, וואָלט ניט געווען אָרט פאַר פאָלקס פאַנטאַזיע און פאָלקס פאַבלען.

די קירכעס האָבן זיך געניטיקט אין מער דעטאַלן און איינצעלהייטן. עס האָבן זיך אַנטוויקלט און געפורעמט פילאָסאָפיעס פון נייעם גלויבן. די ברידער האָבן געזוכט ענטפערס אויף פיל פראַגעס און ספקות. די הויפּט פראַגע איז געווען וואָרום דערקענען ניט די יידן זייער קריסטוסן?

מען האָט געזוכט און געגנישטערט די ביבל צו געפינען ענטפערס און באַווייזן, אָבער עס האָט ניט צופרידנגעשטעלט די פרעגער. אין דער זעלביקער צייט האָט די שנאה צו יידן זיך אָנגעהייבן מערן. אין שפּעטערדיקן דור האָבן אָנגעהייבן זיך באַווייזן שרייבונגען באַזירט אויף די מינדלעכע דערציילונגען.

עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן די טענדענץ צו דערנידעריקן און פאַרמיאוסן די יידן.

ווערטער אַליין זיינען ניט גענוג געווען, עס האָט זיך געפאָדערט מעשים: ממילא איז שוין אַרויסגעקומען דער באַגער און שטרעבונג צו מאַכן די יידן פאַר די מערדער פון יעזוסן. עס האָט ניט געקענט אָפּגעלייקנט ווערן דער פאַקט אַז יעזוס איז געקרייציקט געוואָרן דורך רוימישע סאָלדאַטן אויפן באַפעל פון פּילאַטוסן: האָט מען אָנגענומען דעם לעצטן מיטל אַז די יידן האָבן געצוווּנגען פּילאַטוסן צו קרייציקן יעזוסן.

די דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס האָבן אָפּגעשפּיגלט די טענדענציעס פון די קירכעס צו באַשולדיקן אין אַלץ די יידן. דער פערטער יאָהאַן וואָס איז ווייט קעגנזעצלעך און ווידערשפּרעכענדיק צו די דריי, איז אָבער אייניק מיט זיי אין דעם באַשולדיקן די יידן. זייער אינטויציע האָט זיי אונטערגעזאָגט אַז צו די ניט אַנטוויקלטע מאַסן פון די הייַדנס קען מען ניט קומען נאָר מיט פילאָזאָפישע לערעס און שווערע דאָקטרינעס: מעשות באַזאַלצן מיט דעם טעם פון שינאה קענען ברייננגען בעסערע רעזולטאַטן. און עס האָט געבראַכט.

דאָרט ווו טענדענץ איז די טרייב קראַפט: איז דער וועג גליטשיק. אמת ווערט פאַרגעסן, לעגענדעס ווערן היסטאָרישע פּאַסירונגען: מעשיות גע־שפּייזט מיט פאַנטאַזיע ווערן געשיכטלעכע דערשיינונגען. דער טיראַן, דער בלוטדאָרשטיקער אכזר פאַנטיוס פּילאַטוס ווערט אַ גוטער מענטש, אַן איידל מאַן, אַ זוכער פון יושר, אַ פולשטענדיקער צדיק. אַן אַל קען מען אין אַ זאַק ניט באַהאַלטן, אַן אכזר קען מען ניט מיט אַ שיין קלייד פאַרהילן: זיין אכזריות וועט אַרויסשטעכן. נאָך די אַלע לויב געזאַנגען וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פון די עוואַנגעליע שרייבערס צו דער גוטסקייט און ערלעכקייט פון פּילאַטוסן, איז דער רצחן אַרויסגעקראָכן פון אונטערן צודעק.

מאתיא 26:27. „דענסטמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזן באַראַבאַס צו זיי, און ווען ער האָט געשמיסן יעזוסן, האָט ער אים איבערגעגעבן צו ווערן געקריי־ציקט. (27) דענסטמאָל האָבן די סאָלדאַטן פון דעם פּראָקוראַטאָר גענומען יעזוסן אין דעם אַלגעמיינעם זאַל, און האָבן פאַרזאַמלט דאָרט די גאַנצע מחנה סאָלדאַטן. (28) זיי האָבן אַראָפּגענומען זיינע זאַכן און אָנגעטאָן אויף אים אַ שאַרלעך־רויטן מאַנטל. (29) און ווען זיי האָבן אויסגעפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער, האָבן זיי עס אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ, און אַ שטעקל אין זיינע הנט; און האָבן געבויגן זייערע קני פאַר אים, און געמאַכט חוזק פון אים, זאָגענדיק, הי:יל, קיניג פון די יידן. (30) און זיי האָבן געשפּיגן אויף אים, און גענומען דעם שטעקן, און געשלאָגן איבערן קאָפּ. (31) און נאָך דעם האָבן זיי געשפּאָט פון אים, זיי האָבן דעם מאַנטל אַראָפּגענומען פון אים, און אָנגעטאָן זיינע אייגענע מלבושים אויף אים, און אַוועקגעפירט צו קרייציקן אים.

פּש. מאַתיא׳ס שרייבן איז ווערטערלעך ענלעך צו מאַרקוס.

לוקאַס 24:23. „און פּילאַטוס האָט אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין אַז זאָל זיין ווי זיי האָבן געפאָדערט. (25:23) און ער האָט אַרויסגעלאָזן צו זיי אים

וועלכער פאַר אויפשטאַנד און מאָרד איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, וועמען זיי האָבן געוווּנטשן; אָבער ער האָט איבערגעגעבן יעזוסן **צו זייער ווילן.** (26) און ווי **זיי** האָבן אים אַוועקגעפירט, האָבן זיי פאַרהאַלטן איינעם שמעון אַ צירעניער, אַרויסקומענדיק פון לאַנד, און אויף אים האָבן זיי אַרויפגעלייגט דעם קרייץ, אַז ער זאָל עס טראָגן הינטער יעזוסן.״

**פש. לוקאַס שרייבט אַז פילאַטוס האָט איבערגעגעבן צו זייער ווילן, און אַזוי ווי זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אאז״ו. לוקאַס מאַכט דעם איינדרוק אַז פילאַטוס האָט איבערגעגעבן יעזוסן צו זיי, צו די יידן, ׳זיי׳ האָבן אַוועקגעפירט זיי און זיי.**

לוקאַס 33:23. „און ווען זיי זיינען געקומען צו דעם אָרט, וואָס איז גערופן קאַלוואַרי, דאָרטן האָבן **זיי** געקרייציקט אים, און די פאַרברעכער, איינעם אויף דער רעכטער האַנט, און דעם אַנדערן לינקס.״

**פש. לויט לוקאַס האָבן די ׳זיי׳ אויך געקרייציקט דיביידע פאַרברעכער. לוקאַס גייט אָן מיט זיין ׳זיי׳ ביז דעם זאַץ 36, אין זעלבן קאַפּיטל. דאָרט האָט ער זיך דערמאָנט אַז עס זיינען אויך געווען רוימישע סאָלדאַטן.**

לוק. 36:23. „און די סאָלדאַטן האָבן אויך געשפּאָטט פון אים, קומענדיק צו אים און אָנבאָטענדיק צו אים עסיק.״

**פש. דעם זעלביקן צוגאַנג האָט אויך יאָהאַן. ער אויך נוצט בכיוון דעם וואָרט זיי, כדי מען זאָל מיינען די יידן.**

יאָהאַן 16,15:19. „די הויפּט כהנים האָבן געענטפערט: מיר האָבן ניט קיין קיניג נאָר צעזאַר. דענסטמאָל האָט פילאַטוס דעריבער איבערגעגעבן אים צו **זיי** צו ווערן געקרייציקט. און **זיי** האָבן גענומען יעזוסן און אים אַוועקגעפירט. (17) ווו זיי האָבן געקרייציקט אים, און צוויי אַנדערע מיט אים, אויף יעדן זייט איינעם, און יעזוסן אין מיטן.״

**פש. לוקאַס און יאָהאַן מיען זיך זייער פיל צו אויפווייזן ווי די יידן האָבן געריסן זייערע העלדזער שרייענדיק צו פילאַטוסן ׳קרייציק אים׳; ווי דער אָרעמער פילאַטוס, אויס גרויס מורא פאַר די יידן, האָט נעבעך געמוזט זיי נאָכגעבן, און אַז פילאַטוס האָט צו זיי איבערגעגעבן יעזוסן. עס איז אַן אונטערנעמונג מצד די אַוטאָרס לוקאַס און יאָהאַן ניט נאָר צו מאַכן אומשולדיק פילאַטוסן אַליין, נאָר אויך זיינע סאָלדאַטן.**

לוקאַס 27:23. „און דאָרט האָבן אים [יעזוסן] אַ גרויסע קאָמפּאַניע פון מענטשן, און פון פרויען, וועלכע האָבן אויך געיאָמערט און באַקלאָגט אים.״

**פש. לויט דעם זעלביקן לוקאַסן האָבן זיי, די יידן, געמאָנט פון פילאַטוסן צו קרוסיפיצירן יעזוסן, און זיי פירן אים צו דער קרייציקונג. אָבער ׳זיי׳ האָבן אויך אַ גרויסן המון פון פאָלק, פרויען און מענער, וועלכע יאָמערן און וויינען. מען זאָגט: ווען מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים אַרונטער פון דער תליה: לוקאַס נעמט זיך אונטער צו ברענגען יעזוסעס נבואה, טיילט ער אָפּ פון ׳זיי׳ אַ גרויסע קאָמפּאַניע וועלכע באַוויינען אים. איצט האָט שוין יעזוס צו וועמען פאַרויסזאָגן וואָס עס וועט פאַרקומען.**

לוק. 28:23. „נאָר יעזוס, אומקערענדיק זיך צו זיי, האָט געזאָגט: טעכטער פון ירושלים, וויינט ניט נאָך מיר, נאָר וויינט נאָך זיך אַליין און נאָך אייערע קינדער. (29) ווארום, זעט, די טעג קומען אין וועלכע זיי וועלן זאָגן, געבענטשט זיינען די עקרות, און די טראָכטן וואָס האָבן קיינמאָל געטראָגן, און די נאָפּלס וואָס האָבן קיינמאָל ניט געגעבן זייגונג. (30) און דענסטמאָל וועלן זיי אָנהייבן זאָגן צו די בערג, פאַלט אויף אונדז; און צו די הויכקייטן, באַדעקט אונדז.״

פש. לוקאַס האָט דאָס געשריבן צענדליקער יאָרן נאָך דעם פאַלן פון ירושלים, נאָך דעם חורבן פון בית המקדש. עס פאָדערט זיך אַז צו יעזוס ווערטער איידער, אָדער אין דער צייט פון דער קרוסיפיצירונג, זאָלן די עוואַנגעליע שרייבערס האָבן אַן ערנסטע באַציונג, און מיט יראה און כבוד איבערגעבן זיינע רייד. עס האָט געמוזט זיין אַן אייניקייט אין דער איבער־געבונג פון יעזוס לעצטע רייד. אָבער די עוואַנגעליע שרייבערס זעצן פאַר זייערע קאָנטראַדיקציעס. יעדער שרייבער גיט אַן באַזונדערע רייד פון יעזוסן. והא ראיה, די אַנדערע דריי עוואַנגעליע אַוטאָרס ווייסן ניט פון אַזאַ וויכ־טיקער נבואה.

לוקאַסן און יאָהאַנען פעלן ניט אויס ווערטער צו אַריינטאָן אין יעזוס מויל, אָבער ווען עס קומט צו זיי צו דערציילן פון אַזאַ זאַך ווי פּילאַטוס האָט איבערגעגעבן יעזוסן צו דער קרייציקונג: פעלט זיי אויס ווערטער צו שרייבן: צו וועמען האָט פּילאַטוס איבערגעגעבן — צו די סאָלדאַטן, אָדער צו די יידן, וואָס עס מיינט צו די הויפּט כהנים, צו די ריכטער פון סנהדרין. די אַוטאָרס באַצייכענען מיט דעם וואָרט ׳זיי׳, כדי דער לייענער זאָל פאַרשטיין אַז עס מיינט די יידן. ווארום האָבן לוקאַס און יאָהאַן אויסגעלאָזן פון מאַתיא׳ס און מאַרקוס רעפּאָרט ווו זיי זאָגן בפירוש אַז פּילאַטוס האָט איבערגעגעבן יעזוסן צו זיינע סאָלדאַטן אַז זיי זאָלן דורכפירן די קרייצונג? אויב זיי זיינען געווען ניט איינשטימיק מיט מאַרקוסן און מאַתיאַן און האָבן געהאַלטן אַז פּילאַטוס האָט איבערגעגעבן צו די יידן אַז זיי זאָלן קרייציקן יעזוסן, איז געווען זייער פליכט אַזוי צו שרייבן, און ניט פאַרשטעלט. באמת, זיי זיינען געווען באַוווסטזיניק פון דעם ניט אמת פון זייער שרייבן, האָבן זיי דאָס פאַרשטעלט מיט דעם וואָרט ׳זיי׳.

יאָהאַן 23:19. „דענסטמאָל די סאָלדאַטן, ווען זיי האָבן געקרייציקט יעזוסן, האָבן גענומען זיינע קליידער, און געמאַכט פיר חלקים, צו יעדן סאָלדאַט אַ חלק; און אויך זיין אויבער בגד.״

פש. צום סוף האָט יאָהאַן צוגעגעבן אַז די סאָלדאַטן האָבן געקרייציקט יעזוסן. ווארום האָט ער אויסגעמיטן פאַר זיבן זאַצן פון צו דערמאָנען די סאָלדאַטן און גענוצט דעם וואָרט זיי, וואָס האָט באַדייט די יידן. איצט איז יאָהאַן אַזוי קלאָר אין פּילאַטוס סאָלדאַטן אַז ער ווייס זייער צאָל: זיי זיינען געווען פיר. אָבער עס איז דאָ אויך אַ ספק אין זיין וויסן. אַזעלכע דריי פאַר־

**אורטיילטע צו פירן זיי אויסן דער שטאָט וואָלט פּילאַטוס איבערגעגעבן צו אַ גרעסערן אַפּטייל סאָלדאַטן ווי נאָר פיר.**

יאָהאַן 29:19. „אַצינד דאָרט איז געשטאַנען אַ כלי פול מיט עסיק: און זיי האָבן אָנגעפילט אַ שוואָם מיט עסיק; און האָבן עס אַרויפגעטאָן אויף אַן איזוב־דראַנג (איזאָפּ) און האָבן צוגעלייגט צו זיין מויל.״

**פש. לוקאַס שרייבט אויך פון עסיק, נאָר ער שרייבט אַז אין שפּאָס האָבן זיי פאַרגעלייגט צו אים עסיק. יאָהאַן שרייבט אַז מען האָט אים דערלאַנגט אַ שוואָם אָנגעפילט מיט עסיק. ער ווייסט אויך אויף וואָס פאַר אַ דראָנג מען האָט דערלאַנגט צו אים דעם עסיק, אויך ווייסט ער אַז אין דער זעלביקער צייט האָט יעזוס געזאָגט, עס איז דער סוף. אויף דעם קרייצונג פּלאַץ געפינען זיך ניט קיין כלים אָדער פעסער מיט עסיק, האָט מען דעם עסיק געדאַרפט ברענגען מיט זיך. דעם קרייץ ווייסן מיר האָט געטראָגן שמעון פון ציריען, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט וויסן ווער האָט געטראָגן די כלי מיט עסיק? אָבער עס איז באַוווסט אַז אין ירושלים איז געווען אַ פרויען־געזעלשאַפט, איר צוועק איז געווען צו מאַכן גרינגער די ליידן פון די געקרייציקטע: פלעגן זיי דערלאַנגען געטראַנקען, און געבן שמעקן אַנגענעמע ריחות פון בלומען.**

**לוקאַס זאָגן 30,29:23 זיינען אַ טייל פון דעם וואָס יעזוס האָט שוין געזאָגט אין 23:21. דאָרט האָט יעזוס גערעדט צו די תלמידים פּריוואַט, ווען זיי האָבן אים געבעטן צו זאָגן פון די טעג וואָס וועלן קומען. לוקאַס ברענגט דאָס זעלביקע נאָר מיט אַ קליינער ענדערונג: אַנשטאָט, ווי צו אייך וואָס געבן געבורט, האָט ער געביטן אויף ׳געבענטשט זיינען די עקרות׳.**

**אין יעזוס לעצטע מינוטן האָט ער געקענט זיין מער אָריגינאַל, וואָרום מאַכט אים לוקאַס צו זאָגן די רייד פון נביא ישעיה? ישעיה 1:54. „זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרן. — רני עקרה, לא ילדה.״**

מאַת 33:27. „און ווען זיי זיינען געקומען צו אַן אָרט גערופן גלגתא (גאָלגאָטאַ) עס איז צו זאָגן דער אָרט פון שאַרבנס. (34) זיי [די סאָלדאַטן] האָבן געגעבן אים עסיק צו טרינקען געמישט מיט גאַל: און ווען ער האָט פאַרזוכט פון דעם, האָט ער ניט געטרונקען. (35) און זיי האָבן אים געקרייציקט, און צעטיילט זיינע קליידער, וואַרפנדיק גורל: אַז זאָל מקוים ווערן וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן ביי דעם נביא, זיי האָבן צעטיילט מיינע קליידער צווישן זיך און אויף מיין קליידונג האָבן זיי געוואָרפן גורל.״

**פש. דאָס האָט ניט געזאָגט אַ נביא, נאָר אין תהלים 19:22. — „יחלקו בגדי להם, ועל לבושי יפילו גורל.״ מאַרקוס שרייבט דאָס זעלביקע.**

| מאתיא | לוקאַס |
|---|---|
| מאתיא 36:27. „און זיצענדיק האָבן זיי (די סאָלדאַטן) באַאָבאַכטעט אים דאָרט. (37) און זיי האָבן אויפ־געשטעלט איבער זיין קאָפּ זיין באַ־ | לק. 38:23. און אַ גרויס ווער־טיקער אויפשריפט איז אויך געווען געשריבן איבער אים אין ווערטער פון גריכיש, און פון לאַטיין, און פון |

שולדיקונג, געשריבן **דאָס איז יעזוס דער קיניג פון די יידן.״** העברעיִש, **דאָס איז דער קיניג פון די יידן.״**

**פש.** מאַרקוס שרייבט דאָס זעלביקע וואָס מאתיא נאָר ער שרייבט ניט פון דער שילד.

יאָהאַן 19:19. „און פּילאַטוס האָט אָנגעשריבן אַ טיטול, און האָט עס אַרויפגעטאָן אויפן קרייץ, און די שרייבונג איז געווען, **יעזוס פון נצרת דער קיניג פון די יידן.״**

**פש.** די שילד איבער דעם קרייץ איז געווען געשריבן מיט גרויסע אותיות אין דריי שפּראַכן, און דאָך איז ניטאָ די ענלעכקייט. יאָהאַן גיט צו „יעזוס פון נצרת.״

לוקאַס 35:23. „און די מענטשן זיינען געשטאַנען צוקוקנדיק. און די געוועלטיקער (רולערס) אויך מיט זיי, האָבן אויסגעלאַכט אים, זאָגנדיק, ער האָט געראַטעוועט אַנדערע; זאָל ער זיך זעלבסט ראַטעווען, אויב ער איז משיח, דער אויסדערוויילטער פון גאָט. (37,36:23) און די סאָלדאַטן האָבן אויך געלאַכט פון אים, זאָגנדיק, אויב דו ביסט דער קיניג פון די יידן ראַטעווע זיך זעלבסט.״

**פש.** פון וואַנען האָבן געוווסט יענע יידן אַז יעזוס האָט געראַטעוועט אַנדערע? און פון וועמען האָבן זיי די ווערטער געקענט הערן? יעזוס האָט געפּריידיקט די מלכות שמים, די מלוכה איז נאָענט, גערופן צו תשובה; אָבער ניט פון ראַטעווען. לוקאַס ווייסט פון דערויף, ווייל ער האָט געשריבן פיל יאָרן נאָך פּאולוסן. ער אַליין, אַ געוועזענער הייד, איז געוואָרן אַ קריסט צו ווערן געראַטעוועט. די קריסטן האָבן אָנגענומען פּאולוס עוואַנגעליע, אַז דער וואָס גלויבט אין קריסטוס וועט געראַטעוועט ווערן. פּאולוס אין יעזוס צייט איז דאָך געווען אַ פּרוש, און איז געווען ווייניק באַוווסט. די תלמידים האָבן דאָס ניט געהערט פון יעזוסן. לויט לוקאַס קומט אויס אַז די הויפּט דאָגמע פון קריסטענטום אַז יעזוס ראַטעוועט: שטאַמט פון די יידן אַפּלאַכער.

אַזוי איז מיט די עוואַנגעליע שרייבער. זיי פאַרגעסן אַז זיי שרייבן פון דער צייט ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין קריסטלעך גלויבן און ניט קיין קריסטן. יעזוסן האָט מען געוווסט ווי אַ פּשוטן מענטשן וואָס פּריידיקט פרומקייט, און דאָס אויך האָט געדויערט אַ קורצע צייט. אַז ער איז משיח האָבן זיך ערשט ניט לאַנג צוריק דערוווסט זיינע תלמידים, און זיי דאַרפן עס האַלטן בסוד. עס איז ניט עטיש פון שרייבער צו נעמען מענטשן וואָס האָבן ניט קיין וויסן פון ׳ראַטעווען אַנדערע׳, אַריינטאָן אין זייער מויל און מאַכן זיי אַפּלאַכן מיט דעם פון אַ מענטשן וואָס גוססט אויף דעם קרייץ.

אויך עס האָט ניט קיין זינען אַז סאָלדאַטן זאָלן זאָגן ׳אויב דו ביסט אַ קיניג, ראַטעווע זיך זעלבסט׳. אַ סאָלדאַט ווייסט אַז אַ קיניג קען זיך ראַטעווען ווען ער קאָמאַנדירט אַ זיגרייכע אַרמיי. אָבער ווען אַ מלך ווערט

געפּאַנגען און מען זעצט אים אויפן קרייץ: ווייסן סאָלדאַטן אַז זיין טיטול קיניג קען אים ווייניק העלפן.

דער שפּאָט פון פּילאַטוסן, ווי די דערנער קרוין, דער פּורפּור מאַנטל, די שילד איבער יעזוס קאָפּ, איז ניט נאָר דער שפּאָט איבער יעזוסן: נאָר שפּאָט פון גאַנצן יידישן פאָלק. עס האָט געקייכט פּילאַטוס טייוולאַנישער געלעכטער: זע, דיין קיניג; קוק אויף דיין קיניג'ס קרייץ. דאָס איז דיין סוף, דו באַזיגטע, רעבעלירנדיקע נאַציע. די באַליידיקונג האָבן די יידן געפילט מיט גרויסן ווייטיק. די עוואַנגעליע שרייבערס האָבן גענומען דעם פאָלקס טיפע ליידן און שמערצן און בכיוון פאַרוואַנדלט דאָס אין אַ ביליקן פּאַרס: די יידן אַליין קווענ אָן פון זייער געהאַנגענעם קיניג.

מאתיא 39:27. „און די וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען האָבן געזידלט, שאָקלענדיק זייערע קעפּ; (40) און זאָגענדיק, דו וואָס צעשטערסט דעם טעמפּל און בויסט אים אויף אין דריי טעג, ראַטעווע זיך זעלבסט, אויב די ביסט דער זון פון גאָט, קום אַרונטער פון דעם קרייץ. (41) פּונקט אַזוי אויך די הויפּט כהנים האָבן געחוזיקט פון אים, מיט די סופרים און זקנים, און האָבן געזאָגט, (42) ער האָט געראַטעוועט אַנדערע; זיך זעלבסט קען ער ניט ראַטעווען. אויב ער איז דער מלך פון ישראל, זאָל ער איצט אַרונטערקומען פון דעם קרייץ, און מיר וועלן אים גלויבן. (43) ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף גאָט; זאָל ער אים אויסלייזן איצט, אויב ער וויל אים האָבן: ווארום ער האָט געזאָגט, איך בין דער זון פון גאָט."

פּש. דאָרט איז זיכער געווען אַ פּעזקער רעפּאָרטער. ניט נאָר האָט ער פאַרצייכנט וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען, נאָר איז אויך אַרומגעגאַנגען פון מענטש צו מענטש, פון גרופּע צו גרופּע און האָט פאַרשריבן יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבן געזאָגט און אַפילו געטראַכט צו זאָגן. זיינע פאַרצייכענונגען מיט אַרום זיבעציק יאָר שפּעטער האָט ער איבערגעגעבן צו מאַרקוס און צו מאתיא, און אַ טייל פון די פאַרצייכענונגען צו לוקאַס; אויך מוז זיין מיט קאַפּי־רעכט: ווייל יאָהאַן שרייבט גאָר ניט פון אַזעלכע געשפּרעכן.

איך האָב פריער געשריבן אַז קיין ייד האָט אין יענען צייט ניט געוווּסט אַז יעזוס ראַטעוועט. אַלע יידן זיינען קינדער פון גאָט, זיין אַ זון צו גאָט איז ביי יידן ניט קיין חטא. אַז יעזוס איז פיזיש אַ זון פון גאָט האָט דאָך אַפילו מאַרקוס, מיר וועלן אָננעמען פופציק יאָר שפּעטער, ניט געוווּסט פון דעם: ווי האָבן געקענט וויסן אַפילו די הויפּט כהנים? אַ מלך האָט די מאַכט פון אַ מלך ווען ער זיצט אויף זיין טראָן. אָבער ווען אַ מלך איז צוגעשלאָגן צום קרייץ, וועט זיין קרוין ניט העלפן. די עוואַנגעליע שרייבער האַלטן זיך ניט צוריק פון צו שרייבן איך אַבסורד נאָך דעם אַנדערן. יידן וועלן זאָגן 'אויב ער האָט געהאַט בטחון אויף גאָט'. בטחון אין גאָט איז דער קווינט עסענץ פון יידישן גלויבן, דער בטחון האָט באַגלייט און געפירט דעם יידישן פאָלק אַ מילעניום פאַר יעזוסן, און מילעניומס נאָך יעזוסן.

יאָהאַן 20:19. „דעם טיטל [יעזוס פון נצרת, דער קיניג פון די יידן]

האָבן דענסטמאָל געליענט פיל פון די יידן: ווארום דער פלאַץ ווו יעזוס איז געווען געקרייציקט איז געווען נאָענט צום שטאָט: און עס איז געווען געשריבן אין העברעיש, גריכיש און לאַטייניש. (2) דענסטמאָל האָבן געזאָגט די הויפט כהנים פון די יידן צו פילאַטוסן, שרייב ניט דער קיניג פון די יידן; נאָר אַז ער האָט געזאָגט, איך בין דער קיניג פון די יידן. (22) פילאַטוס האָט געענטפערט, וואָס איך האָב געשריבן האָב איך געשריבן.״

**פש. דער שפעטיקסטער יאָהאַן האָט פאַרשטאַנען די באַלדיידיקונג פון דער שילד, דעריבער בעטן די יידן פילאַטוסן ער זאָל בייטן די אויפשריפט. אָבער פילאַטוס ענטפער איז געווען, וואָס איך האָב אָנגעשריבן וועט בלייבן אָנגע־שריבן. און די שילד איז געבליבן.**

**ווי דורך צויבער בייט זיך פילאַטוס, ווי דורך כישוף די שטימונג פון די יידן. אַ ווילע פריער האָט פילאַטוס געשוידערט אין מורא פאַר די יידן. אין זיין געריכט זאָל, פאַר די אויגן פון זיינע העכסטע באַאַמטע, ווי אַ שיק־יינגל לויפט פילאַטוס צו די יידן אין דרויסן, און פון דרויסן צוריק צו זיין ריכטער שטול: און אַ ווייל שפעטער ,וויל פילאַטוס ניט הערן די יידן. ער זאָגט, וואָס איך האָב געטאָן האָב איך געטאָן, קיין געבעט וועט אייך ניט העלפן. אַזוי מיט דעם המון פון די יידן, זיי זיינען געווען גרייט צו אַן אויפשטאַנד, אָפּגעבן זייערע לעבנס ווען אַ האַנט וואָלט געלייגט געוואָרן אויף יעזוסן. און היינט קוועלן זיי אַן, שפּאַסן ווען זיי זעען דעם יעזוס אויפן קרייץ. דער אמת פון דערווירקלעכקייט אַז די שטימונג האָט זיך ניט געביטן, קאיאַפאַס וואָלט נאָך מער אַרויסגערופן קעגן זיך דעם פאָלקס צאָרן פאַר זיין עפענטלעכער קאָלאַבאָראַציע מיט דעם הערשער פון רוים.**

**ווען אַבזיכט שאַפט דעם ווילן צו קענטן געשעענישן אין דער פאָרמע פון זייער ווונטש: דענסטמאָל ווערן געשאַפן אויסגעליידיקטע געשטאַלטן, זינלאָזע פּאַסירונגען און ווערטער וואָס לייקענען איינע די אַנדערע.**

### מאתיא

מת. 44:27. „די גנבים וואָס זיי־נען געקרייציקט מיט אים, האָבן אויך געוואָרפן דאָס זעלביקע אין זיינע ציינער. (45) אָצינד פון דער זעקסטער שעה איז געווען פינסטערניש איבער דעם גאַנצן לאַנד ביז דער נייענטער שעה. (46) און אַרום דער נייענטער שעה האָט יעזוס אויסגעשריען מיט אַ הויכן קול, זאָגענדיק, אלהי, אלהי, למה שבקתני? דאָס איז צו זאָגן, מיין גאָט מיין גאָט, ווארום האָסטו מיך פאַרלאָזן?״

### מאַרקוס

מק. 25:15. „און עס איז געווען די דריטע שעה, און זיי האָבן אים געקרייציקט. (33:15) און ווען עס איז אָנגעקומען די זעקסטע שעה, איז גע־ווען פינסטערניש איבער דער גאַנ־צער לאַנד ביז דער נייענטער שעה. (34) און אויף דער נייענטער שעה האָט יעזוס אויסגעשריען מיט אַ הויכן קול, זאָגענדיק, אלהי, אלהי, למה שבקתני, זייענדיק פאַרטייטשט, מיין גאָט, מיין גאָט, ווארום האָסטו מיך פאַרלאָזן?״

| לוקאַס | יאָהאַן |
|---|---|
| לק. 44:23. „און עס איז געווען אַרום דער זעקסטער שעה, און דאָרט איז געווען אַ פינסטערניש איבער דער גאַנצער ערד ביז דער נייַנטער שעה. (45) און די זון איז פינסטער געוואָר, און דער פּרכת פון בית המקדש איז געוואָרן צעריסן אין דעם מיטן. (46) און ווען יעזוס האָט געשריען מיט אַ הויכן קול, ער האָט געזאָגט: פאָטער, פאָטער, אין דיינע הענט באַפעל איך מיין גייסט; און, האָבענדיק געזאָגט דאָס, האָט ער אָפּגעגעבן זיין נשמה." | יאָהאַן 29:19. „אַצינד דאָרט איז געשטאַנען אַ כלי פול מיט עסיק: און זיי האָבן אָנגעפילט אַ שוואָם מיט עסיק און אַרויפגעטאָן אויף אַן איזוב (היסאָפּ), און צוגעלייגט צו זיין מויל. (30) ווען יעזוס האָט געקראָגן דעריבער דעם עסיק, האָט ער געזאָגט, עס איז דער סוף: און ער האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ, און אָפּגעגעבן די נשמה." |

דער טאָג האָט זיך דענסטמאָל געטיילט פון זון אויפגאַנג ביז זון פאַרגיין אין צוועלף שעה. די דריטע שעה איז געווען דריי שעה נאָך זון אויפגאַנג, די זעקסטע איז געווען האַלבער טאָג, נייַנטע—דריי שעה נאָך האַלבן טאָג. לויט מאַרקוס איז די קרייצונג פאַרגעקומען אין דער דריטער שעה; לויט מאַתיא, לוקאַס אין דער זעקסטער שעה. יאָהאַן גיט ניט אָן קיין צייט, ניט פון דער קרייצונג און ניט פון טויט.

לוקאַס בייט יעזוס לעצטע ווערטער. ער וואַרפט אָפּ וואָס מאַרקוס און מאַתיא שרייבן אַז יעזוס לעצטע ווערטער זיינען געווען דער פּסוק פון תהלים 2:22: אלי, אלי, למה אזבתני; ער פאַרבייט עס מיט דעם פּסוק פון תהלים 6:31: בידך אפקיד רוחי — אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין גייסט.

אין לוקאַס צייט האָט זיך פּאולוס עוואַנגעליע געשטאַרקט, און אַנגענומען געוואָרן אין מערסטע קירכעס. לוקאַס האָט געפונען פאַר ניט פּאַסיק אַז יעזוס זאָל אויסשרייען מיין גאָט, מיין גאָט! ווייל דאָס וואָלט דאָך געמיינט אַז יעזוס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטערבלעכן מענטשן, פאַר אַ בן אדם אין דער מיינונג פון וואָרט, פאַר אַ בשר ודם. זיינע לעצטע ווערטער שטימען ניט מיט דער טעאָלאָגיע פון פּאולוס און דער קריסטלעכער קירך אין דער גאָטהייט פון יעזוס, אין דער גאָטהייט פון פאָטער און זון. דעריבער האָט לוקאַס געפונען פאַר מער פּאַסיקער אַז יעזוס זאָל אויסשרייען מיט אַ הויכן קול דעם פּסוק, איך גיב מיין גייסט אין דיינע הענט.

יאָהאַן, דער לעצטער פון די עוואַנגעליע אַוטאָרס, דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע, שטימט ניט איין מיט מאַרקוס, מאַתיא און לוקאַס. יאָהאַן האָט פאַרשטאַנען אַז אַ מענטש וואָס איז דריי אָדער זעקס שעה אויפן קרייץ אין זיינע לעצטע מינוטן, פאַרמאָגט ניט די כוחות צו „שרייען הויך אויפן קול," האָט ער עס פאַרביטן מיט זיין אייגענער ווערסיע, אַז ער האָט

געזאָגט: עס איז געענדיקט. ער האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ און אָפּגעגעבן זיין נשמה.

מיט וואָס קען דערקלערט ווערן, אַז מענטשן וועלכע ווייסן אַלע דעטאַלן, אַלע פּרטים פון דער קרוסיפיקאַציע, זיי ווייסן וואָס מענטשן האָבן גערעדט צווישן זיך און ווי יעדע גרופּע האָט געלאַכט אויף איר אופן; זיי ווייסן די באַמערקונגען פון די סאָלדאַטן: זאָלן ניט ווייסן יעזוס לעצטע ווערטער?

לויט די באַריכטן פון אַלע פיר אַווטאָרס איז געווען אַן אוממעגלעכקייט אַז די קרייצונג זאָל קענען פאָרקומען אין האַלבן טאָג.

לויט מאַרקוס און מאַתיא איז אין דער פרי פון ערשטן טאָג פסח פאָרגעקומען די צווייטע זיצונג (סעסיע) פון דעם געריכט פון סנהדרין אויף וועלכער די ריכטער האָבן געדאַרפט שטימען חייב אָדער זכאי. לויט לוקאַס איז פאָרגעקומען יענעם מאָרגן די איינציקע סעסיע פון סנהדרין. דער געריכט איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציק ריכטער. עס נעמט צייט פאַר אַזאַ גרויסן געריכט צו אויסזעצן זיך און ווערן גרייט צו עפענען דעם מישפּט. עס זיינען געבראַכט געוואָרן פיל עדות וועלכע זיינען געוואָרן אויסגעפרעגט. פיל עדות זיינען געפּסלט געוואָרן ווייל זייער עדות זאָגן האָט ניט געשטימט. יעדער איינציקער פון די 71 ריכטער האָט געהאַט זיין רעכט, בעסער חוב, צו אויס־פרעגן די עדות.

נאָך דעם אויספרעגן די עדות און דעם אָנגעקלאָגטן, נאָך די אַלע רעדעס פון די ריכטער פאַר שולדיק און ניט־שולדיק, האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּשטימונג. יעדער איינציקער פון די 71 ריכטער האָט געדאַרפט שטימען באַזונדער. די ריכטער האָבן געדאַרפט אָנטשיידן, אַז דאָס זאָגן צעשטערן און אויפבויען אין דריי טעג, איז אַ לעסטערונג אָדער אַ באַרימעריי; אויך אויב אַ ציטירטער פּסוק פון דער ביבל קען זיין אַ באַווייז אויף שולדיק. עס האָט גענומען צייט פאַר די ריכטער צו דיסקוטירן און דערקלערן. דער וואָס האָט דאָס מינדסטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ געריכט פאַרשטייט אַז אַזאַ סעסיע צום ווינציקסטן דאַרף נעמען אַ גאַנצן טאָג.

לויט די דריי עוואַנגעליעס, ווען דער געריכט האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, האָט מען געבונדן יעזוסן, און די אַלע ריכטער אין דער באַ־גלייטונג פון די 'הויפּט כהנים' און אַ גרויסער עולם (מולטיטיוד) פון יידן האָבן אַוועקגעפירט יעזוסן צו פּילאַטוסן. פּילאַטוס האָט דאָך גאָר ניט גע־ווּוסט פון גאַנצן עסק. ווען מען האָט געבראַכט יעזוסן צו אים האָט ער זיך געדאַרפט פריער באַקענען וואָס עס קומט פאָר, דערנאָך האָט ער געדאַרפט עפענען דעם געריכט. נאָך די אַלע אויספרעגונגען איז אויפגעקומען דער אינצידענט פון באַראַבאַס. לויט מאַתיא איז דאַן אָנגעקומען די ידיעה פון פּילאַטוס ווייב און די פּראָצעדורע פון פּילאַטוס וואַשן זיך די הענט. ענדלעך פּילאַטוס אורטייל. דאַן ערשט פאַנגט זיך אָן די עקזעקוציע. מען פירט אַוועק שמייסן יעזוסן. נאָך דעם ברענגען די סאָלדאַטן יעזוסן אין אַ באַזונדער חדר, מען טוט אויס זיינע זאַכן און מען טוט אים אָן אַ קיניגלעכן מאַנטל, מען

שפּאָט פון אים און מען שלאָגט אים. ווען די סאָלדאַטן ווערן פאַרטיק מיט זייער שפּאַס, טוט מען אים אָן צוריק זיינע קליידער, און מען פירט אים צום קרייצונג־עשאַפאָט.

דער פאַראורטיילטער דאַרף טראָגן אויף זיך דעם קרייץ, עס איז צו שווער פאַר יעזוסן, ביז מען האָט געפונען אַ מאַן וועלכן מען האָט געמאַכט צו טראָגן דעם קרייץ. עס ווייזט אַז דער גאַנג צו דער קרייצונג איז געווען אַ לאַנגזאַמער. ירושלים איז געווען אַ גרויסע שטאָט, איז געווען אַ ווייטע שטרעקע צו קומען אויסערן שטאָט. אַזוי לויט מאַרקוס און מאַתיא וואָלט ניט געווען מעגלעך אַז די קרייצונג זאָל פאָרקומען אויף דער זעקסטער שעה פון מיטטאָג.

לויט לוקאַס, האָט פּילאַטוס אָפּגעשיקט יעזוסן צו הורדוסן. הורדוס האָט אים אויסגעפרעגט, און הורדוס סאָלדאַטן זיינען דורכגעגאַנגען זייער פּראָצעדורע פון מאַכן חוזק פון יעזוסן, ביז הורדוס שיקט יעזסן צוריק צו פּילאַטוסן. דענסטמאָל האָט פּילאַטוס אַרויסגעשיקט צריק רופן די כהנים, סופרים, זקנים און די 'מולטיטיוד' אַז זיי זאָלן אים באַשולדיקן. ערשט נאָך דעם די פירונג צו דער קרייצונג. דער געדויער פון צייט, לויט לוקאַס באַ־שרייבונג, איז געווען נאָך לענגער. ווי האָט דאָס געקענט זיין מעגלעך אַז אין האַלבן טאָג זאָל יעזוס שוין זיין אויפן קרייץ און לויט מאַרקוסן אויף דער דריטער שעה פון באַגינען?

דער ענטפער איז אַז דער פליס פון די אוטאָרס פון די עוואַנגעליעס איז געווען אַזוי גרויס צו מאַכן די יידן שולדיק אין אַלץ און אַלעמען; אַז זיי האָבן ניט באַמערקט אַז דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן האָט ניט געקענט פאָרקומען ניט נאָר אין זעקס שעה, נאָר אַפילו ניט אין זעקס מאָל זעקס.

מאת. 51:27. „און, זע, דער פּרכת פון בית המקדש איז צעריסן געוואָרן אין צווייען פון אויבן ביז אונטן, און די ערד האָט געציטערט, און די פעלזן האָבן זיך געבראָכן. (52) און די קברים האָבן זיך געעפנט; און פיל קערפּערס פון די הייליקע וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען, (53) און זיינען אַרויסגעקומען פון די קברים, נאָך זיין רעזורעקציע, און זיינען געגאַנגען אין דער הייליקער שטאָט און זיך באַוויזן צו פילע."

מאַרקוס 38:15. „און דער פּרכת פון בית המקדש האָט זיך צעריסן אין צוויי פון אויבן ביז אונטן."

לוקאַס 45:23. „און די זון איז פינסטער געוואָרן און דער פּרכת פון בית המקדש איז צעריסן געוואָרן אין מיטן."

די זאַצן מת. 53,52:27 זיינען נאָר די קאָמפּאָזיציע פון מאַתיא אַליין. מאַרקוס און אַפילו יאָהאַן ווייסן ניט פון אַזעלכע טרעפונגען. עס איז פאַר־געקומען אַזאַ ערד ציטערניש אַז די פעלזן האָבן זיך געבראָכן. אַזאַ ערד ציטערינש וואָרום זאָל מאַתיא אַליין פילן און ניט די איבעריקע אוטאָרס? פון דעם ציטערן האָבן זיך קברים אויפגעעפנט, און עס איז פאַרגעקומען אַן אַלגעמיינער תחית המתים, און די הייליקע וואָס זיינען לעבעדיק געוואָרן

זיינען געקומען אין ירושלים און האָבן זיך באַוויזן צו פילע מענטשן. איז דאָך דאָס ניט געווען קיין סוד, האָבן דאָך אַ גרויסע צאָל מענטשן געזען די לעבעדיק געוואָרענע מתים, ווארום זאָלן דאָס ניט וויסן פון אַזאַ אַהולנער רעזורעקציע מאַרקוס, לוקאַס און יאָהאַן? אַזוי איז דאָך ניט בלויז יעזוס אויפגעשטאַנען פון די טויטע, אַ גרויסע צאָל טויטע זיינען לעבעדיק געוואָרן נאָך פאַר אים.

ווער זיינען געווען די הייליקע? אַלע יעזוס נאָכפאָלגער און תלמידים חוץ איינעם האָבן געלעבט. עס איז נאָך דעמאָלסט ניט געווען קיינע קריסטן און קיינע הייליקע. ביי יידן זיינען ניט געווען קיינע הייליקע. עס זיינען געווען די אבות. זיי זיינען ניט געווען הייליקע. משה איז באַוווסט אונטער דעם נאָמען משה רבינו, אָבער ניט משה הקדוש. ביי יידן זיינען געווען נביאים, חכמים, חסידים, צדיקים אָבער ניט קיין הייליקע. הייליקע ביי יידן זיינען נאָר די וועלכע שטאַרבן פאַר גאָט, פאַר גאָט'ס גלויבן און זיין תורה. די לעבעדיק געוואָרענע הייליקע זיינען געקומען אין ירושלים, איז אין ירושלים ניט געווען אַזעלכע הייליקע וואָס זיינען ווערט געווען צו אויפשטיין?

מאַרקוס 39:15. „און ווען דער סענטוריער (אָפיצער איבער הונדערט), וועלכער איז געשטאַנען קעגן אים, האָט געהערט אַז ער האָט אַזוי אויסגע־שריען, און האָט אָפּגעגעבן זיין נשמה, האָט ער געזאָגט, באמת דיזער איז געווען דער זון פון גאָט."

פש. וואָס האָט דאָ אַזוי באַווירקט דעם סענטוריער? יעזוס האָט אויסגע־שריען. דער סענטוריער, וואָס פירט דורך קרייצונגען, האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט אויסגעשריען.

די זעלבע פראַגע האָט אויך געשטעלט מאתיא, דעריבער בעסערט ער אויס ער ברייגנט אַריין די ערד ציטערניש. און גיט נאָך צו די זאַכן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן.

מאתיא 54:27. „אַצינד ווען דער סענטוריער, און די וואָס זיינען געווען מיט אים, וואָס האָבן געוואַכט יעזוסן, האָבן געזען די ערד ציטערניש, און יענע זאַכן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן, האָבן זיי זייער געפּורכט, זאָגענדיק, באמת דאָס איז געווען דער זון פון גאָט."

פש. מאתיא ברייגנט אַריין אַ גוטע אורזאַך פאַר דעם פורכט פון סענ־טוריער. ערד ציטערנעש און יענע זאַכן. אָבער ער דערקלערט ניט ווארום דער סענטוריער זאָל אים רופן זון פון גאָט. דער סענטוריער איז ניט געווען ביי דעם מישפּט פון סנהדרין. אויב ער וואָלט געווען וואָלט ער ניט פאַרשטאַנען זייער העברעיש. אויף פּילאַטוס מישפּט איז די באַשולדיקונג געווען 'קיניג פון די יידן'. איבער דעם געקרייציקטנס קאָפּ איז געווען די שילד וואָס האָט זיך געלייענט 'קיניג פון די יידן'. יעזוס האָט זיך גערופן 'בן אדם': ווי איז געקומען צום סענטוריער דער טערמין 'זון פון גאָט'?

לוקאַס פאַרריכט זייביידן. ער האָט געזאָגט אַז ער איז אַ גערעכט־פערטיקטער מאַן.

לוקאַס 47:23. „אַצינד ווען דער סענטוריער האָט געזען וואָס איז געטאָן געוואָרן, האָט ער געהערלעכט גאָט, זאָגענדיק, געוויס דער דאָזיקער איז געווען אַ רעכטפערטיקער מאַן.״

**פּש. מאַן איז ניט זון פון גאָט. לוקאַס פאַרגעסט נאָר אַז ער שרייבט פון יעזוס צייט און ניט פון לוקאַס ווען ער שרייבט. עס וואָלט געווען מער פּאַסיק צו שרייבן, ער האָט געהערלעכט די געטער. פריער האָט לוקאַס געשריבן אַז עס זיינען געווען פיר סאָלדאַטן. אויף פיר סאָלדאַטן דאַרף מען ניט האָבן אַ סענטוריער.**

מת. 55:27. „און פיל פרויען זיינען דאָרט געווען באַאָבאַכטענדיק פון דערווייטנס, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט יעזוסן פון גליל, דינענדיק אים. (56) צווישן וועלכע זיינען געווען מרים פון מגדלה, און מרים די מוטער פון יעקב און יוסי, און די מוטער פון די קינדער פון זבדי.״

מאַרקוס 40:15. „דאָרט זיינען אויך געווען פרויען אַנקוקענדיק פון דער ווייטנס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען מרים פון מגדלה, און מרים די מוטער פון יעקב און יוסי, און שלמה (סאַלאָמע). (41) (אויך וועלכע, ווען ער איז געווען אין גליל, האָבן זיי אים נאָכגעפאָלגט, און באַדינט אים); און פיל אַנדערע פרויען וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין ירושלים.״

לוקאַס 49:23. „און אַלע זיינע באַקענטע, און די פרויען וואָס האָבן אים נאָכגעפאָלגט פון גליל, זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס, צוזעענדיק די דאָזיקע זאַכן.״

יאָהאַן 25:19. „אַצינד זיינען דאָרט געשטאַנען ביי דעם קרייץ פון יעזוס זיין מוטער, און זיין מוטער׳ס שוועסטער, מרים די ווייב פון כלפי (קלעאָפאַס), און מרים פון מגדלה.״

**פּש. די ערשטע דריי אַוטאָרס רעכענען אויס די נעמען פון די פרויען וועלכע האָבן פון ווייטן צוגעקוקט וואָס עס קומט פאָר. זיי דערמאָנען ניט דעם נאָמען פון יעזוס מוטער. יאָהאַן שרייבט אַז זי איז דאָרטן געווען און אַז יעזוס האָט גערעדט צו איר. ווארום זאָלן די ערשטע אַוטאָרס אויסלאָזן יעזוס מוטער, איז שווער צו דערקלערן. אַזוי יאָהאַן שרייבט ווייטער:**

יאָהאַן 26:19. „דעריבער ווען יעזוס האָט געזען זיין מוטער, און דעם תלמיד שטייענדיק דערביי, וועמען ער האָט געליבט, האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער, פרוי, זע דיין זון! (27) דענסטמאָל האָט ער געזאָגט צו דעם תלמיד, זע דיין מוטער! און פון יענער צייט האָט יענער תלמיד איר גענומען אין זיין אייגענער היים.״

**פּש. דאָס איז דער זעלביקער תלמיד וואָס איז געווען אַ פריינד צום כהן חנן. דער תלמיד איז אַ רואה ואינו נראה, ער קומט אַהין ווו אַנדערע קענען ניט. אַלע תלמידים זיינען זיך צעלאָפן און זיצן באַהאַלטענע, און פּעטרוס בתוכם; נאָר די פרויען זיינען געקומען און זיי באַאָבאַכטן פון דער ווייטן, מסתמא צו נאָענט צוקומען וואַגן זיי ניט. אָבער פאַר דעם תלמיד זיינען אַלע פאַרבאָרגענע ערטער אָפן. פון דעם אַנגעגעבענעם זאַץ ווערט פאַרשטאַנען אַז**

ער איז געווען יעזוס אַ ברודער. וואָרום זאָל יאַהאַן ניט אָנרופן דעם נאָמען פון ברודער? יאַהאַן שרייבט דאָך דאָס איבער הונדערט יאָר שפּעטער, דענסט־מאָל זיינען אַלע יעזוס ברידער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע, איז וואָרום האָט ער מורא געהאַט צו אָנרופן מיטן נאָמען? אויב יעזוס אַ ברודער איז געווען אַ תלמיד וועמען יעזוס האָט געליבט, וואָרום זאָלן דאָס ניט וויסן די פריערדיקע דריי אַטוואָרס? עס איז פאַרדעכטיק די מיסטעריע פון דעם תלמיד.

יאַהאַן דערמאָנט די צוגרייטונג צום יום טוב. לאָמיר זיך באַקענען מיט דער צוגרייטונג.

די נאַכט פון פערצנטן טאָג אין חדש ניסן פאַנגט זיך אָן דער יום־טוב פסח. יעדער ייד איז מחויב צו נעמען אַן אַנטייל אין קרבן פון פסח; דאָס הייסט, אין שעכטן אין בית המקדש אַ שעפּס, אַ זכר פון אונטער צוויי יאָר אַלט. איין שעפּס האָט מען געקענט שעכטן אין נאָמען פון אַ משפּחה און מער, אויך אין נאָמען פון איין מענטשן און מער.

דער דין איז, אַז ערב יום־טוב זאָל מען ניט אַרבעטן, כדי מען זאָל האָבן צייט זיך צוגרייטן פאַר דעם יום־טוב. די פאָלגענדיקע אַרבעט איז פון דער צוגרייטונג. עס האָט געדאַרפט אַרויסגעטראָגן ווערן פון הויז די עסנ־וואַרג וואָס איז געבאַקט אָדער געקאָכט געוואָרן פון געזוירטן טייג, אָדער וואָס קען פאַרזויערט ווערן. אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי האָט די משפּחה געגעסן דעם לעצטן חמצדיקן מאָלצייט. נאָך דערויף האָט געדאַרפט אָפּגע־רייניקט ווערן און פאַרברענט ווערן דער גאַנצער חמץ. ווען ערב יום טוב פאַלט אויס פרייטיק, דאַן פאַנגט זיך אָן די שעכטונג פון דעם קרבן פסח אין מקדש איינע און אַ האַלבע שעה נאָך מיטאָג. פאַר דער צייט דאַרף דער איינ־צעלנער ייד צוגרייטן זיין שעפּס און ברייגנען אין מקדש. דעם קרבן־פּסח האָבן די כהנים געשאָכטן אין דריי גרופּן אָפּטיילונגען. די ערשטע — פון איינס און אַ האַלב ביז צוויי און האַלב שעה נאָך מיטאָג; די צווייטע — פון צוויי און אַ האַלב ביז דריי מיט אַ האַלב; די דריטע וואָס איז די לעצטע — פון דריי און אַ האַלב ביז פיר און אַ האַלב. ווען די שעפּס איז געשאָכטן, גערייניקט, און געהייליקט, און געבראַכט צו הויז, פאַנגט זיך אָן די צוגרייטונג פון פייער. מען געברויכט צו מאַכן אַ גרויסן פייער עס זאָל אַרויסקומען גענוג הייסע קוילן אויף צו בראָטן די שעפּס, מחמת די שעפּס טאָר ניט געקאָכט ווערן, נאָר געפּרעגלט ווערן אויף הייסע קוילן. מיטן אָנקומען פון אָוונט פאַנגט זיך אָן די סעודה פון פסח וואָס מען רופט „סדר". יעדער ייד איז מחויב צו עסן צום ווייניגסטן אַ פולן ביסן פון דעם קרבן. די פלייש פון דער פסח־שעפּס קען געגעסן ווערן נאָר ביז האַלבער נאַכט. אַלץ וואָס בלייבט פון דעם פלייש טאָר מען ניט עסן. אויף צו עסן פלייש אין די איבעריקע טעג פון פסח האָט מען געדאַרפט שעכטן אין מקדש אַנדערע שעפּסן אָדער ציגן, וואָס האָט זיך גערופן חגיגה. אויך האָט מען געדאַרפט צוגרייטן מצות, גרינסן, און ביטערע קרייטעכער און ווין.

יעדער פערזאָן האָט געדאַרפט טרינקען ניט ווייניקער ווי פיר כוסות.

דער זון פרעגט די קשיות ביין פֿאָטער איבער דער באַדייטונג פֿון פּסח. דער פֿאָטער ענטפֿערט מיט אַ צוגעגרייטן נוסח פֿון דער הגדה, אויך קען ער און דאַרף דערקלערן די באַדייטונג פֿון פּסח לויט זיינע פֿעיִקייטן. נאָך דער סעודה בענטשט מען און מען זאָגט הלל. די וואָס זיצן לייַנגער ביי דער סעודה און דערציילן פֿון יציאת מצרים די זיינען געלויבט. אַממערסטן פֿאַרזיצט זיך דער סדר ביז שפּעט אין נאַכט.

אויף פּסח פֿלעגן אָנקומען אין ירושלים זייער אַ גרויסע צאָל מענטשן, ווי פֿון יהודה און גליל אַזוי אויך פֿון אַלע פּראָווינצן פֿון דער רוימישער אימפּעריע. צוזאַמען מיט דער שטענדיקער באַפֿעלקערונג פֿון ירושלים, איז די צאָל באַשטאַנען אין מיליאָנען. די צאָל פֿון כהנים איז ניט געוואָרן פֿאַרגרעסערט, דעריבער זיינען די כהנים געווען זייער פֿאַרנומען, און יעדער כהן איז געווען נויטיק אין טעמפּל. די כהונה, דורך הונדערטער יאָרן דער־פֿאַרונג, האָט אויסגעאַרבעט אַ סיסטעמע, וועלכע האָט געמאַכט מעגלעך אַז זיי זאָלן קענען פֿאַרטיק ווערן אין צייט.

לאָמיר זיך אַריינבליקן אין דער ווירקלעכקייט פֿון די געשעענישן. די שטאָט איז איבערפֿילט מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען הויפּטזעכלעך צו באַזוכן דעם בית המקדש, בייזיין די גאָטס דינסט (עבודה), געבן זייערע געשאַנקען און באַוויליקונגען. דער דראַנג איז גרויס, אַלע גאַסן איבערפֿילט. אָפּטיילונגען פֿון רוימישע סאָלדאַטן אין פֿילע פּונקטן פֿון שטאָט.

דורך פּילאַטוס דערלויבעניש גיט מען אַרויס דעם כהן־גדול׳ס הייליקע קליידער, וועלכע ער מוז האָבן פֿאַר דעם יום־טוב גאָטס־דינסט. אין די פּרעכטיקע קליידער פֿירט ער אָן מיט דער עבודה. עס איז ניט פֿאַראַן גענוג כהנים צו אויפֿנעמען דעם גרויסן עולם.

אין דעם שווערן טאָג באַלאָדענעם מיט אַרבעט פֿון ערב פּסח, דערנאָך דעם פּראַווען די סדר־סעודה, עסן דעם קרבן פּסח, טרינקען די פֿיר כוסות, אַלץ באַגלייט מיט ברכות, סיפּורים פֿון יציאת מצרים, זאָגן הלל (הימנען), זינגען שירים; אויך די כהנים נאָך אַ טאָג פֿון זייער שווערער אַרבעט, צו רעכטפֿאַרטיקן דעם קרבן פּסח פֿאַר אַן אונגעוויינלעכער צאָל מענטשן, דערנאָך פֿאַרטיק ווערענדיק מיט דעם סדר און סעודה: ווערן די כהנים, די זקנים, די ריכטער פֿון העכסטן געריכט, די אנגעזעסענע מענטשן אין ירושלים, און גרויסע צאָלן פֿון פּשוטן פֿאָלק ווערן אויף זיך נעמען די פּאָליציייִשע פֿליכט צו גיין אַרעסטירן אַ מענטשן.

אין מיטן נאַכט פֿון יום־טוב ווערט מען צוזאַמענרופֿן 71 ריכטער פֿון הויכן געריכט און עפֿענען די סעסיע פֿון אַ מישפּט — אַ מישפּט וואָס, לויט די וואָנגעליעס, האָבן זיי קיינע רעכט צו אַרויסטראָגן אַ פּסק־דין פֿון טויט. אויב אַפֿילו אַזאַ אורטייל זאָל אַרויסגעגעבן ווערן האָבן זיי ניט קיין רעכט צו דורכפֿירן. אויף מאָרגן אין דער פֿרי, אין דעם גרויסן טאָג יום טוב, צוליב דעם טאָג זיינען אָנגעקומען הונדערטער טויזנטער יידן, נעמען זיך צוזאַמען די כהנים, די סענאַטאָרן, די אַריסטאָקראַטיע און פּשוטער פֿאָלק

צו פירן אַ פאַרהאַפטן צו דעם באַשטימטן פון רוים פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס אַז ער זאָל אים מישפּטן. די אַלע מענטשן פאַרגעסן זייער גרויסן יום טוב, פאַרגעסן דעם טעמפּל מיט דער אויסערגעוויינלעכער עבודה וואָס גייט דאָרט אָן, צוליב דעם איינצעלנעם צוועק צו באַשולדיקן דעם אָנגעקלאָגטן. זיי שרייען, טומלען און צווינגען פּילאַטוסן אַרויסצוגעבן זיין טויט אורטייל. יעזוס איז דאָך געווען אַרעסטירט, האָבן זיי דען ניט געקענט אים האַלטן פאַרהאַפט ביז נאָך יום טוב? אויך קיין אויפשטאַנד פונו פאָלק צו באַפרייען יעזוסן האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן: מחמת, לויט די עוואַנגעליעס, האָט די מולטיטיוד געפאָדערט פון פּילאַטוס ניט באַפרייונג נאָר קרייצונג. דאָס אַלץ איז ניט גענוג פאַר די אויסגעמאַטערטע מענטשן, פאַר די מידע כהנים פון ערב יום טוב, און פון אַ נאַכט ניט שלאָפן, און נאָך דעם שרייען און פּילדערן אַ טאָג 1) אין פּילאַטוס געריכט־הויז, גייען זיי נאָך צום קרייצונג פּלאַץ.

דער קומען פון די חשיבותדיקע יידן פון ירושלים צום פּלאַץ פון דער קרוסיפיקאַציע איז געווען פאַר דעם צוועק פון צו ווינצלען זיך, און האָבן הנאה פון דער שילד מיט דעם גרויסן אויפשריפט: 'דאָס איז דער יידישער קיניג'.

פּילאַטוס, וועמענס איינציקע אורזאַכע צו זיין אין ירושלים איז געווען צו זיין גרייט אויף יעדע אונאָרדנונג מצד די אָנגעקומענע יידן קעגן דער רוימישער הערשאַפט, פאַרגעסט אויף זיין צוועק און וואַכזאַמקייט און איז אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט אַ מישפּט פון אַ מענטשן וואָס די יידן האָבן געבראַכט.

די עוואַנגעליעס ווילן מאַכן צו גלויבן אַז דער כהן גדול קאַיאַפאַס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יידן און אויף די יידישע פאָלק מאַסן. אין דער ווירקלעכקייט האָבן די יידן געהאַסט פּילאַטוסן, און ניט ליב געהאַט דעם קאָלאַבאָראַטאָר כהן קאַיאַפאַס.

ווען פּילאַטוס פאַר זיינע רציחות, פאַר אויסהרגענען הונדערטער אומשולדיקע שומרונים (סאמאריטאנער), איז פון רוים אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין פּראָקוראַטורע און איז צוריקגערופן געוואָרן קיין רוים, דענסטמאָל דער פאַרוואַלטער פון סיריע וויטעליוס, כדי צו באַרויקן און צופרידנשטעלן די יידן, האָט אַראָפּגעזעצט קאַיאַפאַסן פון דער כהונה גדולה. דאָס וויזט אויף וויפיל די מאָטיוון פון די עוואַנגעליעס האָבן ניט קיין גרונט פון היסטאָרישקייט.

יאָזעפוס, אַלטערט. 3,4:18 „וויטעליוס האָט די הייליקע קליידער פון כהן גדול וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דער פעסטונג אנטאניא, צוריק איבערגעגעבן צו דעם רשות פון די כהנים אין דעם בית המקדש. אויך האָט וויטאליוס אַראָפּגעזעצט קאַיאַפאַס און אויף זיין אָרט באַשטימט דעם כהן יונתן דער זון פון חנן.״

איך ברענג אַ רעזומע פון ביז איצט געשריבענע. לויט די ערשטע דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס האָט מען יעזוסן אַרעסטירט די ערשטע נאַכט פון

1) לויט די עוואַנגעליעס אַ האַלבן טאָג.

פסח, דעם 14טן ניסן, אין דער צייט ווען יעזוס מיט זיינע תלמידים זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם סדר, און זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער הויז ווו זייער סדר איז געהאַלטן געוואָרן. מען האָט געבראַכט דעם אַרעסטירטן אין פּאַלאַץ פון דעם כהן גדול קאַיאַפאַס. לויט מאַרקוס און מאתיא זיינען דאָרטן שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע 71 ריכטער פון דעם גרויסן סנהדרין, און ווי מען האָט געבראַכט יעזוסן האָט מען גלייך געעפנט די סעסיע פון דעם געריכט. אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן די ריכטער געעפנט אַ צווייטע סעסיע. אויף ביידע זיצונגען האָט דער סנהדרין געשטימט איינשטימיק אַז יעזוס איז שולדיק און ער דאַרף באַשטראָפט ווערן דורך טויט. דער אַוטאָר פון דער דריטער עוואַנגעליע שטימט ניט איין מיט די ערשטע צוויי. ער שרייבט אַז עס איז געווען נאָר איין סעסיע פון סנהדרין, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער פרי פון דעם 15טן טאָג אין ניסן. דער אַוטאָר פון דער פערטער עוואַנגעליע שרייבט אַז עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע מישפטים פון סנהדרין. דעם אַרעסטירטן האָט מען צום ערשט געבראַכט אין דער הויז פון כהן חנן. דאָרט האָט דער כהן חנן אויסגעפרעגט אים פון זיין טעטיקייט און פון זיינע תלמידים. חנן האָט יעזוסן אָפּגעשיקט צום כהן גדול קאַיאַפאַס. ער דערמאָנט ניט פון קיינע פאַרזאַמלטע ריכטער, און פון קיין מישפט, נאָר ווען מען האָט געבראַכט צו אים יעזוסן האָט מען אים אָפּגעפירט צו דער הויז פון גערעכ־טיקייט, ער זאָל געמישפט ווערן ביי פּילאַטוסן. עס ווערן אָנגעגעבן דריי קעגנזעצלעכע באַריכטן אין די עוואַנגעליעס. ווען מען זאָל אָננעמען גלויבנס־ווערט איין באַריכט פון די דריי, דענסטמאָל מוז דערקלערט ווערן פאַר ניט גלויבנסווערט די אַנדערע צוויי באַריכטן. אויך יאָהאַן שטימט ניט מיט די פריערדיקע שרייבער אַז מען האָט יעזוסן אַרעסטירט די נאַכט פון סדר פסח, נאָר די נאַכט פון אַ טאָג פריער, פון ערב פסח, דעם 13טן טאָג אין ניסן.

נאָך דעם יידישן דין און איינגעשטעלטע פירונגען פון מישפטים, זיינען פאַרמאַכט אַלע געריכטן אין די טעג פון שבת און ימים־טובים. דער געזעץ גילט ווי פאַר גרויסע אַזוי פאַר קליינע מישפטים. און אַ מישפט וואָס דער אָנגעקלאָגטער קען פאַרמישפט ווערן צום טויט, דיני נפשות, מישפט מען ניט אַפילו אין דעם טאָג פון ערב שבת אָדער ערב יום טוב. דער מישפט פון סנהדרין קומט פאָר בייטאָג, און ניט ביינאַכט. דער אָרט פון מישפט איז אין בית המקדש אין דער קאַמער פון געהאַקטע שטיינער, לשכת הגזית.

די עוואַנגעליע שרייבער ווייסן פון אַלע קלענסטע קלייניקייטן וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם דויער פון פּילאַטוס מישפט: אָבער זיי ווייסן ניט אין וועלכן יאָר פון פּילאַטוס פּראָקוראַטורע, אָדער אין וועלכן יאָר פון טיבעריוס רעגירונג.

איך ווידערהאָל אַז עס איז ניט גרינג און זייער ניט אָנגענעם צו אַנאַ־ליזירן שריפטן פון אַ רעליגיע. מיין אַנאַליזיע איז ניט באַצוועקט צו שרייבן קעגן די עיקרים פון דעם געגעבענעם גלויבן, ווען די עיקרים וואָלטן ניט

פאַרוויקלט געוואָרן אין באַשולדיקונגען קעגן מענטשן און אַ פאָלק וועלכע האָבן ניט אָנגענומען די עיקרים.

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט איז יעזוס קומען אויף דער ערד געווען צו דערפילן זיין מיסיע אין דעם שטאַרבן פאַר די מענטשלעכע זינד. יעזוס האָט געבעטן גאָט אויב עס איז מעגלעך פאַר אים צו אויסמיידן דעם גורל, ניט אויסטרינקען דעם כוס. יעזוס האָט צוגעגעבן אַז דאָס איז גאָט׳ס ווילן, עס איז אַ גזר מן השמים, קיין כוח קען דעם גזר ניט אָפּשטעלן.

די פראַגע איז: ווער זיינען געווען די שלוחים, די אינסטרומענטן צו אויספירן דעם גזר? די עוואַנגעליעס צייכענען זייערע פינגער אויף די יידן. דער אמת שרייט אַרויס פון צווישן זייערע פינגער: ניין, פילאַטוס און די רוימער!

יידן האָבן ניט געוווסט פון אַזאַ טויט־שטראָף ווי קרייצונג. עס איז קעגן די געבאָט פון משה׳ס תורה. קרייצונג איז דאָס אייגענטום פון די ציוויר־ליזירטע פאַגאַנישע פעלקער, זיי האָבן די טויט־שטראָף אַריינגעבראַכט אין דער לאַנד יהודה. גרויסע צאָלן יידישע לעבנס זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אויף די רוימישע קרייצן, יעזוס לעבן אויך בתוכם.

דער הויפּט ציל און צוועק פון די עוואַנגעליעס איז געווען צו אָנוויזן אַז די שולדיקע אין טויט און קרייצונג פון יעזוסן זיינען געווען דער כהן גדול קאַיאַפאַס, די הויפּט כהנים, די זקנים, די סופרים, די פרושים, די גאַנצע פאַרשטייערשאַפט פון יידישן פאָלק און אויך די ׳מולטיטיוד׳ פון פאָלק.

די היסטאָרישע ווירקלעכקייט דערציילט אַז דעם אורטייל האָט אַרויס־געגעבן פילאַטוס דורך זיין אייגענעם ווילן, אָן וועלכן עס איז איינפלוס. די קרייצונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון זיינע סאָלדאַטן, אין דעם אופן פון רוימישער עקזעקוציע.

אין פאַרלויף פון דעם ערשטן יאָר־הונדערט פון דעם פריערדיקן קריסטענטום, איז דער נייער גלויבן געפּריידיקט געוואָרן און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די היידנס אין די פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע. עס איז געווען ניט קיין פּאַסיקער צוגאַנג פאַר די פּריידיקער, ווען זיי האָבן גערופן צו גלויבן אין זייער משיח (קריסטוס), צו זאָגן די בירגער פון דער רוימישער אימפּעריע איר האָט געקרייציקט דעם משיח. דער בעסטער מיטל פאַר דער קריסטלעכער מיסיאָנערער פּריידיקונג איז געווען צו אַראָפּנעמען די שולד פון פילאַטוס און פון די רוימער און אַרויפוואַרפן אויף די יידן.

עס איז זיינען אויפגעקומען אַ רייע באַשולדיקונגען.

ערשטע, דער הויפּט־מאָטיוו אַז די פאַרשטייערשאַפט און די אינטעל־לעקטואַלן פון יידישן פאָלק האָבן מקנא געווען יעזוסן זיין געלערנטקייט און פיל וויסן — האָבן זיי באַשלאָסן אים אומברענגען.

צווייטע, די יידישע אויטאָריטעטן האָבן מורא געהאַט צו אַרעסטירן יעזוסן בייטאָג, עס זאָל ניט אַרויסגערופן ווערן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן זיי אין דער פאַרטיידיקונג פון יעזוסן.

דריטע. דער יידישער סנהדרין — האָט איינשטימיק באַשלאָסן איבער־געבן יעזוסן צום טויט.

פערטע. דער סנהדרין האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַראורטיילן צום טויט, דעריבער האָט דער סנהדרין איבערגעגעבן יעזוסן צו פּילאַטוסן, ער זאָל אים מישפּטן.

פינפטע. פּילאַטוס איז אַ גוטמוטיקער, איידעלער און יושרדיקער מענטש, נאָר פון אַ שוואַכן כאַראַקטער. ער האָט באַלד געזען אַז יעזוס איז אומשולדיק און האָט אים געוואָלט באַפרייען, נאָר די יידן זיינען שטאַרק אַרויס קעגן, און דורך דראָונגס מיטלען געצוווּנגען פּילאַטוסן צו אַרויסגעבן דעם אורטייל פון קרייצונג.

זעקסטנס. דער טויט־אורטייל דורך קרייצונג, ווייל אַזוי האָבן די יידן געפאָדערט.

זיבעטנס. די כהנים, עלטסטע, און סתם יידן האָבן באַאָבאַכטעט די קרייצונג און האָבן אַנגעקוואָלן און זיך געוויצלט איבער די ליידן פון יעזוס.

דאָס זיינען די באַשולדיקונגען פון די עוואַנגעליעס, אָבער דורך דער באַלייכטונג פון אַנאַליז און היסטאָרישן גאַנג פון לעבן צעפאַלן די אויפגע־בויטע באַשולדיקונגען ווי אויפגעשטעלטע קאָרטן־שטיבלעך.

די דערשיינונג וואָס אַ גרויסע צאָל עולים (פּילגרימען) באַפאַלן דעם בית המקדש, וואָס איז די העכסטע הייליקייט ביים יידישן פאָלק, נעמען איבער דעם קאָנטראָל אויפן גרעסטן טייל פון בית המקדש, טוען אָן אַ סך שאָדן: אַזאַ טאַט קען פאַרגעסן ווערן פון די עוואַנגעליע אַווטאָרס, אָבער ניט פון די אַווטאָריטעטן פון די רעגירונגען ווי יידישע אַזוי רוימישע. עס מינ־דערט ניט זייער געוואָלט־טאַט אַפילו ווען זייער מאָטיוו וואָלט געווען די „רייניקונג" פון טעמפּל. ניט קינאה איז געווען דער מאָטיוו, נאָר די איינציקע שולד איז געווען דער איבערפאַל אויפן בית המקדש און דאָס האָט געפירט צו זיין אַרעסט. נאָך דעם איבערפאַל איז יעזוס מער ניט דערשינען עפנטלעך, ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן. דאָס באַווייזט זיין פאַרזיכטיקער אַריינקום אין ירושלים צו דורכפירן דעם סדר פון דער ערשטער נאַכט פון פסח.

דאָס צווייטע — אַז דער כהן גדול האָט געהאַט מורא פאַרן פאָלק צו אַרעסטירן יעזוסן. וואָרום האָבן די כהנים ניט מורא געהאַט אין מיטן טאָג אַרויסטרעטן אין געריכט און פאָדערן פאַר יעזוסן טויט שטראָף? אויך בלייבט ניט פאַרענטפערט דער אומפאַרשטענדלעכער וווּנדער אַז די מאַסן פון פאָלק וועלכע מיט זייערע לעבנס זיינען געווען גרייט צו פאַרטיידיקן יעזוסן; און איבער אַ נאַכט די זעלביקע מאַסן, פאַרגעסן אויף זייער יום טוב, אויפן בית המקדש, צוליב וועלכן זיי זיינען געקומען פון ווייטע מקומות: זיי גייען צו פּילאַטוסן צו פאָדערן פאַר יעזוסן קרייצונג.

דאָס דריטע וועגן מישפּט פון סנהדרין האָב איך שוין לענגלעך קאָ־מענטירט. עס איז באַשטימט און זיכער אַז עס איז ניט געווען קיין מישפּט פון סנהדרין. וויפיל די סינאָפּטישע אַווטאָרס, אַנגורטנדיק זייערע לענדן,

האָבן זיך געמיט, געפּלייסט און געזוכט צו דורכפירן מישפּטים, אַפילו איין מישפּט, איז דער רעזולטאַט: קאָנטראַדיקציעס און אַפּלייקענדיק איינער דעם אַנדערן. יעדער שרייבער גיט איבער אַ באַזונדער באַריכט. ווען אַזעלכע קעגנגעזעצטע באַריכטן זאָלן אָפּגעגעבן ווערן וועגן אַן אומוויכטיקן געריכט וואָלטן זיי אַבסאָלוט אָפּגעוואָרפן געוואָרן ניט נאָר פון יוריסטן נאָר פון יעדן פאַרשטענדיקן מענטשן. יאָהאַן שרייבט בפירוש אַז עס איז ניט געווען קיין מישפּט פון סנהדרין. די וועלכע גלויבן אין מישפּט פון סנהדרין, דריקן זיי אויס זייער אומגלויבן אין יאָהאַנען. דער באַריכט פון די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס אַז דער סנהדרין האָט איינשטימיק פאַראורטיילט יעזוסן איז אַ פולשטענדיקער באַוויז אַז די אָטאָרס האָבן לגמרי גאָרניט געוווּסט פון דעם סנהדרין און זיינע קאָנסטיטוציאַלע געזעצן. ווי איך האָב אויבן גע־בראַכט, דער דין לויטעט: ווען דער סנהדרין איינשטימיק טראָגט אַרויס אַן אורטייל, איז דער אָנגעקלאָגטע אַוטאָמאַטיש פריי.

פערטע, אַז דער סנהדרין האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַראורטיילן צום טויט, איז ווייט אַז עס זאָל זיין זיכער, און עס איז באַשטימט פון געשיכטע, עס איז אַן אומבאַגרינדעטע דערקלערונג פון די עוואַנגעליעס.

פינפטע, וועגן דער גוטסקייט און ערלעכקייט פון פּילאַטוסן, האָב איך פריער געשריבן אַז עס איז ניט מער ווי נאָך איינע פון די כוונות און שטרע־בונגען פון רייןמאַכן אַ שרץ אַן וועלכער עס איז באַגרינדונג און פאַקטן. צו אילוסטרירן פּילאַטוס גוטסקייט און יושרדיקייט וועל איך ברייננגען נאָר איין אינצידענט וואָס האָט געטראָפן אין ירושלים און ניט אין שומרון. מעשים דערציילן מער ווי אויף גאָר ניט באַזירטע לויב געזאַנגען.

יאָזעפוס 2,3,18. פּילאַטוס האָט זיך אונטערגענומען צו אַריינפירן אַ נייעם שטראָם פון וואַסער אין ירושלים, ער האָט גענוצט די הייליקע געלט פון בית המקדש. די יידן זיינען ניט געווען צופרידן מיט פּילאַטוס וואַסער אונטערנעמונג. ווען פּילאַטוס איז געקומען אין ירושלים אין באַצוג זייך וואַסער אַרבעט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל יידן. פּילאַטוס האָט געוווּסט וועגן דער אומצופרידנקייט צווישן פאָלק. האָט ער איבערגעטאָן אַ גרויסע צאָל פון זיינע סאָלדאַטן אין ציווילע קליידער און האָט זיין אַריינ־געשיקט אין דעם פאַרזאַמלטן גרויסן עולם. ווי ער האָט דערהערט אויסרופן קעגן אים, האָט ער געגעבן אַ סיגנאַל צו זיינע איבערגעטאָנענע סאָלדאַטן. האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן שלאָגן אַלעמען, די טומלדיקע מיט די שטילע, די שולדיקע מיט די אומשולדיקע. אַזוי ווי דאָס פאָלק איז געווען ניט באַ־וואָפנט זיינען זיי איבערראַשט געוואָרן פון די סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך צו־געגרייט צו דעם אָנפאַל. אַ גרויסע צאָל זיינען דערהרגעט געוואָרן און פיל זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם מענטשן ליבענדיקן פּילאַטוס און ער האָט פאַרענדיקט מיט דער גרויסער אויסשלאַכ־טונג פון די אומשולדיקע שומרונים. די עוואַנגעליעס האָבן זיך אונטערגע־נומען צו הייליקן דעם בלוטיקן טיראַן פּילאַטוס.

די עוואַנגעליעס רעכענען זיך ניט מיט היסטאָריע, זיי שאַפן זייער אייגענע היסטאָריע, וועלכע האָט ניט קיין שום דאָקומענטאַציע, קיין שום געשיכטלעכע מקורות, נאָר זייער אייגענעם ווילן אַזוי צו שרייבן, נאָר זייער ווילן צו שרייבן שלעכסטס און געמיינהייטן אויף די מענטשן פון אַ געוויסן פאָלק, אויסטראַכטן די גרויזאַמסטע באַשולדיקונגען קעגן יענע מענטשן. אַ ביישפיל פון דערויף איז דער בכיוונדיקער אויסטראַכט אַז די יידן זיינען געקומען צום זעלביקן פילאַטוסן, און געפאָדערט און געשריען אַז ער זאָל קרייציקן אַ יידן.

די קינדער פון דער שטאָלצער נאַציע וועלן אָנקווועלן פון דער שילד וואָס הענגט איבערן קאָפּ פון אַ געקרייציקטן יידן. „דאָס איז דער יידישער קיניג." די זעלביקע יידן אין דריי צענדליקער יאָר שפּעטער האָבן רעבעלירט און אויפגעשטאַנען קעגן רוים, קעגן די פּראָקוראַטאָרן, קעגן זייער הערשאַפט. זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין אַ בלוטיקער מלחמה מיט דער מעכטיקער רוים פאַר זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. דער אופן פון שרייבן פאַרברעכט קעגן אַלע כללים פון לאָגישן מענטשלעכן דענקען, עס זינדיקט קעגן געשיכטע, קעגן היסטאָרישן אמת, קעגן מענטשלעכער מאָראַל, קעגן דער עטיק פון שרייבן.

צו פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק וועל איך אילוסטרירן אויך מיט אַ משל. מיר וועלן אָננעמען אַז אין דער צווייטער וועלט מלחמה פאַרנעמען די דייטשן ענגלאַנד אַזוי ווי זיי האָבן פאַרנומען פראַנקרייך, האָלאַנד און פּוילן. עס האָט געקענט פּאַסירן אַז ענגלאַנדס אַ הויכער גייסטלעכער זאָל ווערן אַ קאָלאַבאָראַטאָר מיט די דייטשן. אויב אייער פאַרשטעלונג קראַפט באַזיצט גלייכן פאַרשטאַנד, און אַ חוש פאַר רעאַליזם, ווען דער הויפּט דייטשער פאַרוואַלטער, דער אָנגעשטעלטער פון היטלערן, אַרעסטירט אַן ענגלישן מאַן און הענגט אים עפּענטלעך. איבער דער תליה הענגט ער אויף אַ שילד, דאָס הייגגט דער ענגלישער קיניג.

קען זיך פאַרשטעלן אַ געזונטע פאַנטאַזיע אַז די העכסטע גייסטלעכע פון ענגלאַנד, סענאַטאָרן (לאָרדן פון הויז) פּראָפעסאָרן און מאַסן פון פאָלק: וועלן קוקן אויף דער שילד און אויף דעם געהאַנגענעם און קלייבן נחת, און וועלן זיך וויצלען איבער דעם שיקזאַל פון געהאַנגענעם?

די עוואַנגעליעס זיינען די איינציקע ביכער אין דער וועלט ליטעראַטור און געשיכטע וואָס שרייבן פון יעזוס מישפּטים און טויט. די ביכער זיינען פון דער קריסטלעכער קירך קאַנאָניזירט געוואָרן. די ביכער טראָגן אַרויס אַ מאָרד באַשולדיקונג, קיינער האָט קיין רעכט צו אָפּזאָגן דעם באַשולדיקטן זיין רעכט פון פאַרטיידיקונג. ווען עס ליגט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן זיין באַשולדיקונגס אַקט האָט ער זיין פולע רעכט צו שטודירן דעם דאָקומענט. ווען ער געפינט אַז די באַשולדיקונגען זיינען אָן איבערצייגענדיקע באַווייזן, די באַשולדיקונגס דאָקומענטן ווידערשפּרעכן איינע די אַנדערע, זייערע אָנווייזונגען שטימען ניט אין אָרט און צייט, יעדער דאָקומענט גיט אַן פאַר־

שידענע פראָגעס פון געריכט צום אָנגעקלאָגטן, און פאַרשידענע ענטפערס פון אָנגעקלאָגטן, אַלע באַשולדיקונגס דאָקומענטן שטימען ניט מיט דעם גאַנג פון לעבן און היסטאָרישן אמת. דעריבער איז די הייליקסטע רעכט פון דעם באַשולדיקטן צו באַווייזן דעם ניט אמת פון דער דאָקומענטאַציע, און די ניט ריכטיקייט פון דער באַשולדיקונג. מען טאָר ניט זאָגן דעם באַשולדיקטן אַז די דאָקומענטאַציע איז געשריבן אין פאַרהייליקטע ביכער און דו טאָרסט ניט צווייפלען אין זייער ריכטיקייט, און מוזט זיך דערקלערן פאַר שולדיק. מחמת מיר זיינען אַן אוניווערסאַלער גלויבן, די גרעסטע פעלקער טראָגן דעם גלויבן, דאָס איז דער גלויבן פון דער מעריב ציוויליזאַציע: מיר זיינען די מעכטיקע, און אין דער מעכטיקייט רוט דער אמת. אונדזער גאָט איז דער מעכטיקסטער.

פאַר די יידן איז דאָס ניט קיין אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. זינט דעם אָנהייב פון דעם פאָלקס אויפקום, פון וויגעלע פון זיין געשיכטע און גלויבן איז ער אַ קליינע מינדערהייט; אַ הייפעלע אין דער גרויסער וועלט, אַ קליינס פאָלק צווישן די גרויסע און צאָליקע פעלקער פון דער וועלט. פון דעסטוועגן האָט דאָס דאָזיקע פאָלק געטראָגן זיין גלויבן צו די דאָזיקע פעלקער. לויט אַלע געזעצן פון דער מענטשלעכער עוואָלוציע האָט דאָס פאָלק געדאַרפט פאַרגעסן זיין גלויבן און פאַרשווינדן אַליין פאָלק. לויט די דינים פון היסטאָרישן פראָצעס פון פעלקער האָט דאָס פאָלק געדאַרפט אָננעמען די גלויבן און אַרט לעבן פון די גרויס צאָליקע און מעכטיקע. דאָס קליינע פאָלק אין משך פון הונדערטער יאָרן איז געווען זיין לאַנד אָקופּירט פון גרויסע פעלקער. דאָס פאָלק איז געווען באַהערשט און אונטעריאָכט, באַווירקט פון זייערע קולטורן; פון דעסטוועגן דאָס דאָזיקע פאָלק איז פאַרבליבן געטריי זיין גלויבן און קולטור: ענדלעך די גרויסע וועלט מיט איר גרויסער ציווי־ליזאַציע האָבן אָנגענומען דעם גלויבן פון די ווייניקע. ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן זיי האָבן געביטן די פאָרמע, אינהאַלט און אויסהאַלט; אידייע און מאָראַל, תוך און עיקרים: אָבער געצענטום איז פאַרגאַנגען.

קריסטענטום איז אויפגעקומען פון יידישן וואָרצל, בעסער פון יידישן זאָמען. די זאָמען האָבן געוואָרצלט אין אַן אַנדער ערד, געבלעטערט אין אַ באַזונדערן קלימאַט; צום בוים זיינען באַהעפט געוואָרן צווייגן פון אַנדערע בוימער, און עס האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

די נייע לערנונג איז געוואָרן פאַרשפּרייט אין פיל לענדער, און איז אויפגעקומען אין אַ גרויס צאָליקער רעליגיע. דאָך דאָס קליינע פאָלק איז ניט באַווירקט געוואָרן פון גרויסע צאָלן, מאַכט און איינפלוס. זיי האַלטן זייער אמונה, גלויבן אין זייער גאָט אין זייער קליינצאָליקייט. דאָס איז זיין גורל אין דער וועלט היסטאָריע. די וועלט ציוויליזאַציע פריער און איצט האַלטן אַז מאַכט איז רעכט. די קליינע צאָל פון דעם דאָזיקן פאָלק גלויבט ניט אַז רעכט איז מיט די מעכטיקע, און אמת מיט די גרויסע אַרמייען, און אויך ניט אַז רעכט און אמת זיינען אין דעם כוח פון די רעליגיעזע אינסטיטוציעס:

נאָר אַז רעכט איז אין אמת, אמת אין רעכט; אמת און רעכט אין ווילן פון גאָט.

קריטענטום אין איר אָנפאַנג האָבן גלייך פאַרגעסן אַז זיי די ניט לאָב־געבנדיקע הידנס האָבן נאָך געקענט לערנען פון יידישן פאָלק. זיי האָבן פאַרגעסן אַז דאָס דאָזיקע פאָלק אין די ליידן פון פאַרפאָלגונג און פאַרוואָגלונג האָט געהיט, געזאָרגט, באַשיצט און געזיכערט אַן אוצר, אַ גייסטיקן אוצר מיט וועלכן מיר האָבן מזכה געווען דער הידן־וועלט.

די הידעניש וועלט האָט גענומען דעם אוצר און געשניטן שטיקער, געפּוצט אויף זייער אופן, און האָבן פאַרגעסן דעם געבער. זיי זיינען געוואָרן בלוט שונאים צום שעפער און טרעגער פון אוצר; פאַר טויזענטער יאָרן גע־שטאַרקט אַ שינאה צו אויסראָטן דעם טרעגער.

עס דערמאָנט אַן אַ רעדע פון פרענקלין ד. רוזוועלט, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט גערעדט אין שייכות וואָס מען האָט פאַרגעסן דאָס גוטע וואָס ער האָט געטאָן אין דער פאַרבעסערונג פון דעם עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד. ער האָט געבראַכט אַ משל פון אַ דאָקטער וועלכער האָט אויסגעהיילט אַ שווער געשעדיקטן חולה; ווען דער חולה איז געוואָרן געזונט, ווען ער האָט דערפילט אַז ער קען שטיין אויף זיינע אייגענע פיס, האָט ער גענומען זיינע קוליעס און געוואָרפן דעם דאָקטער אין קאָפּ.

אַזוי דאָס גאַנג פון לעבן אין דעם פּראָצעס פון דער היסטאָריע. מען פאַרגעסט לייכט דעם היילער, מען פאַרגעסט דעם דאָקטער וואָס האָט דער־פונדן אַ היילונג, און וועלכער האָט געהיט די רפואה ווי זיין אויג אין קאָפּ, און אויסגעהיילט דעם קראַנקן. דער קראַנקער איז געוואָרן און פאַרבליבן זיין ערגסטער שונא.

די עוואַנגעליעס האָבן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די יידן, עס זיינען פאַרזייט געוואָרן די ערשטע קערנער פון שינאת חינם. די קערנער זיינען געפאַלן אויף פעטן באָדן, און עס האָט זיך צעוואַקסן.

שינאה איז ווי אַ דאָרן אין דער מדבר: עס וואַקסט אָן וואַסער אין טרוקעניש און אין היץ. אהבה איז שווער אַרויסצוברייגגען. עס פאָדערט זיך צוגרייטן דעם באָדן, באַוואַסערן און באַמיסטן; אויסהיטן פון ווילדע גראָזן, און האַלטן אין דער נייטיקער טעמפּעראַטור און אין זונען־שיין. אין אָנהייב פון דער שפּראָצונג איז עס אַרומגערינגלט מיט אַ צאָל שונאים. פייגלען זוכן עס צעפּיקן, ערד חיהלעך הונגערן עס אַרומצועסן, ווערימלעך זיינען גרייט עס צו פאַרניכטן. ווען אין די אומגינסטיקע אומשטענדן דאָס געוויקס צע־וואַקסט זיך פאַרט, און עס געלינגט צו צעלאָזן די צווייגן און אָנהייבן בליען; קומען דענסטמאָל נאָך גרעסערע שונאים ווי די פריערדיקע. גרעסערע חיות, און גרעסערע פייגל, מער ווערים פרעסן און רייסן שטיקער פון געוויקס, דערלאָזן ניט די ברייגגונג פון פּרוכט.

אָבער האָס דאַרף ניט קיין וואַסער און קיין זון. עס האָט ניט קיין שונאים. עס שפּרייט זיך פריי איבערן לאַנד. דער ווינט צעטראָגט די בליונג און קערנער אין אַלע זייטן. די ערד ווערט באַדעקט מיט דעם ווילדן געוויקס וואָס מען רופט שינאה.

די גרויסע לערער פון אהבה האָבן געטראָגן ליבשאַפט אין גאָטהייט, און גאָטהייט אין ליבשאַפט, און אמת אין דיביידע. די לערער פון ליבשאַפט האָבן געוווּסט אַז עס איז שווער איינצופלאַנצן ליבע אין מענטשלעכן האַרץ. דעריבער האָבן זיי זיך ניט געוואָרפן מיט אַבסטראַקטן, ווי מיט קערנער אויפן וואַסער. זיי האָבן געזאָרגט און געזוכט צו מאַכן עס ממשותדיק, עס זאָל וואָרצלען אין ווירקלעכן לעבן; מחמת זיי האָבן געגלויבט אַז דער מין מענטש פאַרמאָגט פּאָטענציעלע גוטסקייט, עס איז אין אים פאַרבאַהאַלטן דער כוח פון יצר טוב. דערום האָבן זיי זיך אונטערגענומען צו טאָן די אַרבעט מיטקענטעניש, מיט געדולד און ליבשאַפט; דורך לאַנגזאַמן לערנען בעסערן דעם מענטשן, בעסערן זיין האַרץ, בעסערן זיין ווילן צו גוטס. לערנען ליבשאַפט: ליב האָבן דעם נאָענטן, ליב האָבן דעם פרעמדן און ליב האָבן דאָס לעבן. דורך מעשים אויסלערנען ליבשאַפט אין לעבן.

שינאה האָט זיך באַזעצט און איינגעוואָרצלט אין מענטשלעכן לעבן. דאָס טאָר ניט פאַרזען ווערן, דערלאָזן ווערן און געדולדיקט ווערן. עס מוז דורך לאַנגאַזמער געדולד אויסגעוואָרצלט ווערן. דורך געניטער גייסטיקער כירורגיע אויסשניידן דאָס שלעכטס און פאַרפלאַנצן מיט גוטסקייט. עס איז אַ לאַנגער היסטאָרישער סאָציאַלער פּראָצעס וועלכן צו דורכפירן האָבן זיך אונטערגענומען די גרעסטע גייסטער אין מענטשלעכן לעבן. שינאה איז דאָס קעגנזאַץ פון גאָטהייט. גאָט און שינאה האָבן ניט קיין געמיינשאַפטלעכס. אַפילו די הײדן האָבן עס אָנגענומען ווי צוויי זעלבסטפאַרשטענדיקע גאָטהייטן, צוויי כוחות: ליכט און פינסטערניש; דער גאָט פון ליכט — גוטס און ליבע; און אַ גאָט פון פינסטערניש, שלעכטס און שינאה.

די נביאים האָבן געפּריידיקט אהבה און מענטשן רעכט. האָב ליב גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, האָב ליב דיין מיטמענטשן ווי זיך אַליין, האָב ליב דעם פרעמדן. ליבשאַפט פירט צו פולקומענקייט אין מענטשלעכן לעבן, און צו מענטשלעכן פרידן. פעלקער וועלן זיך אויפהערן טויטן און פאַרניכטן. רעכט וועט ניט באַלאַנגען צו דעם שאַרף פון שווערד, נאָר צו אַרבעטסזאַמקייט און צו די כלים פון אַרבעט און פּראָדוקציע. אַפילו חיות וועלן אויפהערן טאָן שלעכטס. דאָס וואָרט און גייסט פון גאָט וועט הערשן.

האַס, אין מענטשן, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז ווי אַ קאַנסער וואָס צעוואַקסט זיך אין מענטשלעכן אָרגאַניזם און פאַרסמט דאָס בלוט און די נשמה.

דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, ליגט ניט נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפט, טעכניק און מאַשינען; פון אויסנוצן די ענערגיע פון דער יצירה, פון דאַמף ביז דעם אַטאָם, נאָר אויך אין דער אַנטוויקלונג און דערהויבונג פון מענטשלעכן גייסט, זיין מאָראַל און עטיק. זוכן גוטסקייט, פאָרשן ליבשאַפט, לערנען די חשיבות פון מענטש: דאַרף זיין דער צוועק און ציל ווי פון איינצעלנעם אַזוי פון כלל.

ווען מענטשן, אַפילו פון בלויז אַ קליינער צאָל, הייבן אָן שפּרייטן האַס:

דענסטמאָל צעשפּרייט זיך עס ווי אַ פּעסט, ווי אַ טייך וואָס צעגיסט זיך און פאַרפלייצט.

מען קען ניט אויסלערנען אַ מענטשן צו האַסן נאָר די גרופּע מענטשן און ליבן די אַנדערע. ווי נאָר דער סם פון האַס, אַפילו נאָר צו געוויסע מענטשן, דרינגט אַריין אין מענטשלעכן האַרצן אַזוי ווערט ער אַ האַסער פון אַלע מענטשן. אַם מערסטן דער מענטש קאָנטראָלירט זיך, האַלט זיך איין, דערשטיקט אין זיך די שינאה צו זיינע מיט-מענטשן וועלכע זיינען שטאַרק, אָדער אויס מורא, אָדער דורך אויסרעכענונג. אָבער ביי דער ערשטער גינ־סטיקער געלעגענהייט וועט די שינאה זיך אַרויסרייסן און פאַרשפּרייטן זיך ווי אַ פייער אויף פעלדער פון טרוקענעם גראָז.

די מעכטיקסטע רעליגיע אין דער וועלט איז געוואַקסן און געמערט זיך אין האַס. דער האַס צו יידן איז פאַרזייט געוואָרן אין די עוואַנגעליעס, און פון דאָרט געשטאַרקט זיך, געשפּרייט זיך פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט. שינאה איז געפּריידיקט געוואָרן אין די קירכעס ווי פון די קלענסטע אַזוי פון די גרעסטע גייסטלעכע; געסמט קליין און גרויס, אַלט און יונג, מאַן און ווייב; געלערנט די גלויביקע און די ניט-גלויביקע אַז דאָס לעבן פון די מענטשן איז ביליק, זיי פאַרדינען דעם טויט. האַס און טויט האָבן די קריסט־לעכע מענטשן, אַלץ שטאַרקע, אויסגעטיילט צו די יידישע מענטשן אַלץ די שוואַכע. זינט דער קריסטלעכער גלויבן איז שטאַרק געוואָרן האָט עס זיך פאַרנומען מיט מאַטערן, אָנטאָן יסורים, דערנידעריקן, באַליידיקן, דריקן און פאַרפאָלגן יעדן צלם־אלקים וואָס גלויבט אין איין גאָט; געמאַטערט, געברענט, געמאָרדעט יונג און אַלט; קינדער אין די וויגן האָבן די קריסטלעכע מענטשן געטויט מיט מיתות משונות.

דאָס גלויבן, דער אַזוי אָנגערופענער ברודער־ליבע, האָט פאַרסמט מיט האַס ניט נאָר קעגן די יידן, נאָר אויך קעגן איינע צו די אַנדערע.

וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן קריסטענטום, איז ביי אירע אָנהייג־גער דער שווערד געוואָרן שאַרפער. אויף קיין קאָנטינענט און קיינע פעלקער פון אַנדערע גלויבנס האָבן ניט געהאַט אַזוי פיל מלחמות ווי די קריסטלעכע פעלקער. צוויי וועלט־מלחמות אין איין דור. זייער ברוטאַליטעט צו דער ציווילער באַפעלקערונג קען נאָר דערקלערט ווערן מיט דעם האַס וואָס זייערע הערצער און נשמות זיינען פאַרגיפטעט געוואָרן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט זיך זייער בלוטדורשטיקייט אַרויסגעוויזן.

די קולטורעלסטע קריסטלעכע נאַציע אין אייראָפּע האָט קאַלט בלוטיק, סיסטעמאַטיש אומגעבראַכט זעקס מיליאָן קינדער, זויג קינדער, פאָטערס און מוטערס, יונג און אַלט פון יידישן גלויבן און פון דער יידישער ראַסע; אויך אויסגעהרגעט מיליאָנען ציווילע מענטשן פון אַנדערע קריסטלעכע פעלקער. ווו און צווישן וועמען גרייט מען די דריטע וועלט מלחמה? ווו און צווישן וועמען ווערט געשאַפן די כלי משחית וואָס קענען אומברייינגען אַ מיליאָן מענטשן מיט איין שאָס?

וואָס האָט געשאַפן די לאַגע וואָס מענטשלעך לעבן האָט ניט קיין ווערט? די לערע פון סאָציאַלן יושר, די אידייע וועגן דער רעטונג פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אויסראָטונג פון דער זעלביקער געזעלשאַפט.

מען זאָגט אַז דער דראַנג פון מלוכות נאָך מאַכט און דאָמינאַציע, נאָך סטראַטעגישע פּאָזיציעס, איז צו געווינען מערק און סאָציאַלע סטאַביליזאַציע, אויך אַ קאַמף פון סאָציאַלע אידייאָלאָגיעס און פון געזעלשאַפטלעכע אידייעס פון פירונגען.

אָבער וואָס דיקטירט די פאַרביליקונג פון מענטש און מענטשלעכן לעבן? דאָס צונעמען די חשיבות פון איינצעלנעם?

מען האָט פאַרגעסן די וועלט, און געקוקט מיט גלויביקע אויגן אויף יענער וועלט. אָבער יענע וועלט האָט אירע פאַרזאָרגער, און די וועלט איז געבליבן אָן פאַרזאָרגער און דערציער. מען האָט געפּויקט איבער דער וועלט: מעגסט זיין דער זינדיקסטער מענטש, גלויבסטו נאָר, ביסטו גערעטעט. די נשמה ווערט גערעטעט, און די האַרץ בלייבט האַרט, ברוטאַל און מערדעריש. עס איז אָן רחמנות, אָן ליבע, אָן אַכטונג צו מענטשלעכן לעבן.

ווען האָס כאַפּט זיך אַריין אין מענטשלעכן האַרצן קען ניט געגעבן ווערן אַ מאָס, און געצייכנט ווערן אַ גרעניץ: האָב ליב אַזוי פיל און ניט מער. שינאה קען ווערן געצאַמט אַזוי ווי מען קען צאַמען וואַסער. דער חורבן קומט אָן ווען דאָס וואַסער רייסט זיך אַרויס פון איר פאַרצאַמונג.

דער 'פאַרשריט' פון איצטיקער וועלט צו עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכקייט, צו דער פאַרניכטונג פון עקספּלאָטאַציע, צו דער דערהויבונג פון אַרבעטער און אָרעמן מענטשן: האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ברוטאַלער מאַכט און בלוטדאָרשטיקייט. און די ברייננגונג פון גייסטיקער און פיזישער פאַר־שקלאַפונג. די מאַכט האָבער און פאַרשטייער פון עקספּלאָטירטע און גע־דריקטע מאַרשירן מיט זייערע באַטשוועקטע שטיוול איבער די קערפּערס און נשמות פון די זעלביקע געדריקטע. ווילקיר, רישעות, הונגער און טויט זיינען דער שכר פאַר די באַפרייטע. מענטשלעך לעבן האָט ניט קיין האָפּט; יושר, גערעכטיקייט, אמת ווערן ברוטאַל, ציניש אויסגעראָטן ווי צווישן איינצעלנע אַזוי צווישן פעלקער.

דאָס איז דער פאַרשריט אין אַ געזעלשאַפט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן וואָס זיינען אין דורות פון ניינצן הונדערט יאָר דערצויגן געוואָרן און אויסגעלעבט זיך אין קריסטלעכן גלויבן, אונטער קריסטלעכן איינפלוס. עס איז ניט קיין צופאַל, און ניט קיין היסטאָרישער צופאַל: נאָר דער רעזולטאַט פון גלויבן וואָס לייזט אויס די נשמה, און דער שטן האָט געקראָגן אַ פרייען וועג צום מענטשלעכן אַלטעגלעכן לעבן, צו דער מענטשלעכער האַרץ ווו ער האָט זיך צעשפרייט און צעפּראַלט מיט זיין גאַנצער טייוולאָנישער מאַכט.

מאת. 57:27 „ווען דער אָוונט איז געקומען, דאָרט איז געקומען אַ רייכער מאַן פון ארימאטעא, גערופן יוסף, וועלכער איז געווען אויך אַליין

יעזוס תלמיד; (58) ער איז געגאַנגען צו פּילאַטוסן, און געבעטן דעם קערפּער פון יעזוס. דענסטמאָל האָט פּילאַטוס באַפוילן אַז דער קערפּער זאָל איבער־געגעבן ווערן. (59) און ווען יוסף האָט גענומען דעם קערפּער, האָט ער עס איינגעוויקלט אין אַ ריינעם לייוונטענעם טוך, (60) און האָט עס געלייגט אין זיין אייגענעם נייעם קבר, וועלכן ער האָט אויסגעהאַקט אין דעם פעלז: און ער האָט צוגעקייקלט אַ גרויסן שטיין צו דער טיר פון קבר, און איז אַוועק. (61) און דאָרט איז געווען מרים פון מגדלה, און די אַנדערע מרים, זיצענדיק קעגן דעם קבר. (62) אַצינד דער קומענדיקער טאָג, וואָס האָט געפאָלגט דעם טאָג פון צוגרייטונג, די הויפּט כהנים און די פּרושים זיינען געקומען צוזאַמען צו פּילאַטוסן, (63) זאָגענדיק, האַר, מיר געדענקען אַז דער באַטריגער האָט געזאָגט, ווען ער האָט נאָך געלעבט, אַז נאָך דריי טעג וועל איך אויפשטיין ווידער."

**פּש. מאַרקוס און לוקאַס גיבן איבער מיט דיזעלביקע ווערטער. (מק. 42:15) „און אַצינד, ווען דער אָונט איז אָנגעקומען, מחמת עס איז געווען די צו־גרייטונג, דאָס איז דער טאָג פון שבת." (לוק. 45:23) „און יענער טאָג איז געווען דער טאָג פון צוגרייטונג, און שבת האָט זיך דערנעענט." עס ווייזט אַז זיי האָבן גענומען פון זעלביקן קוואַל. וואָרום זאָלן זיי ניט שרייבן, און ניט וויסן פון דעם ספּעציאַלן וויזיט וואָס די פּרושים און די הויפּט כהנים האָבן געמאַכט צו פּילאַטוסן און האָבן דערציילט פון דעם 'באַטריגער' אאזוו. זיי שרייבן ניט; ווייל עס איז נאָר מאַתיא'ס דערפינדונג, און אַן אָרעמע דער־פינדונג. עס גיט זיך אַליין אַרויס פון איר ניט היסטאָרישקייט.**

**יעזוס האָט געזאָגט נאָר צו זיינע תלמידים פון זיין אויפשטיין אויפן דריטן טאָג. די תלמידים האָבן אים ניט פאַרשטאַנען, און זיי האָבן ניט גע־שיינקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע רייד; זיי האָט מער אינטערעסירט צו וויסן ווער וועט זיין גרעסער אין דער קומענדיקער מלוכה. מאַתיא וועט באַלד שרייבן אַז די תלמידים האָבן ניט געגלויבט אַז יעזוס איז אויפגעשטאַ־נען, איז פון וואַנען קענען וויסן די הויפּט כהנים פון ירושלים וואָס יעזוס האָט ערגעץ געזאָגט און די תלמידים האָבן אַפילו ניט געוווּסט וואָס ער רעדט. ווידער, די כהנים און פּרושים זיינען געקומען צו פּילאַטוסן, עס איז געווען אַ פּריוואַטע קאָנפערענץ, פון וואַנען האָט געקענט וויסן מאַתיא וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט? אויך איז ניט פאַרשטענדלעך דאָס וואָרט 'צוגרייטונג'. צו וואָס האָט מען געגרייט? דער פּרייטיק איז דאָך געווען דער ערשטער טאָג יום טוב, איז דאָך די צוגרייטונג געווען דער נעכטיקער טאָג וואָס איז געווען ערב יום טוב.**

מאַתיא 64:27. „באַפעל דעריבער אַז דער קבר זאָל געמאַכט ווערן זיכער ביז דעם דריטן טאָג, טאָמער וועלן די תלמידים קומען ביינאַכט, און וועלן אים אַרויסגנבענען, און וועלן זאָגן צו די מענטשן, ער איז אויפגעשטאַנען פון טויטע: אַזוי אַז דער לעצטער טעות וועט זיין ערגער פאַר דעם ערשטן. (65) פּילאַטוס האָט געזאָגט צו זיי, איר האָט אַ וואַך; גייט אייער וועג, מאַכט עס

אַזוי זיכער ווי איר קענט. (66) אַזוי זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געמאַכט דעם קבר זיכער, פאַרחתמענענדיק דעם שטיין, און שטעלן אַ וואַך.״

**עס איז געווען יום טוב און די נאַכט פון שבת. ווי וועלן גיין כהנים און פרושים אום יום טוב און שבת צו רעכטמאַכן און חתמענען קברים. מאתיא האָט שוין פאַרגעסן אַלע זיינע שבת־מעשיות אַז זיי האָבן געהאַלטן אַז מען טאָר ניט אום שבת אַפילו אויסריידן שטרעק אויס דיין האַנט. מאתיא פאַרגעסט זיין שרייבן, ווי קען ער געדענקען וואָס ער האָט אונטערגעהערט די רייד פון די פרושים מיט פילאַטוסן.**

יאָהאַן 31:19. „די יידן דעריבער, איבער דער אורזאַך וואָס עס איז געווען די צוגרייטונג, אַז די קערפּערס זאָלן ניט בלייבן אויפן קרייץ אום שבתדיקן טאָג (וואָרום יענער שבת טאָג איז געווען אַ הויכער טאָג), האָבן זיי געבעטן פילאַטוסן אַז זייערע פיס זאָלן ווערן צעבראָכן, מען זאָל זיי קענען צונעמען. (32) דאַן זיינען געקומען די סאָלדאַטן, און צעבראָכן די פיס פון דעם ערשטן און פון דעם אַנדערן, וועלכע זיינען געווען געקרייציקט מיט אים. (33) ווען זיי זיינען געקומען צו יעזוסן, און האָבן געזען אַז ער איז טויט, האָבן זיי ניט געבראָכן זיינע פיס. (34) נאָר איינער פון די סאָלדאַטן מיט אַ שפּיז האָט דורך געשטאָכן זיין זייט, און פון דאָרט איז אַרויסגעקומען בלוט און וואַסער. (35) און ער וואָס האָט עס געזען טראָגט דעם רעקאָרד, און זיין רעקאָרד איז אמת: און ער ווייסט אַז ער האָט געזאָגט אמת, אַז איר זאָלט קענען גלויבן. (36) וואָרום די דאָזיקע זאַכן זיינען געטאָן געוואָרן, אַז די שריפטן זאָלן מקוים ווערן, אַ ביין פון אים זאָל ניט ווערן צעבראָכן. (37) און ווידער אַנאַנדער שריפט זאָגט, זיי וועלן קוקן אויף אים וועמען זיי האָבן געשטאָכן.״

**פּש. אַלע אַוטאָרס ברענגען דעם וואָרט פון צוגרייטונג. יאָהאַן דערקלערט וואָרום איז געווען די צוגרייטונג, עס איז געווען דער טאָג פרייטיק און עס איז געווען ערב פסח. דער קומענדיקער טאָג, לויט יאָהאַנען, איז געווען שבת, דער ערשטער טאָג פון יום טוב פסח. דער שבת איז ניט געווען 'אַ הויכער טאָג', עס איז געווען אַ טאָג שבת וואָס פאַלט אויס אום יום טוב. יאָהאַן צעמישט די יוצרות, ער האָט געהערט פון אַ הויכן טאָג האָט ער געמיינט אַז דער שבת אין יום טוב איז דער טאָג. דער הויכער טאָג איז דער שבת הגדול, עס איז דער שבת פאַר פסח. דער שבת הגדול, דער הויכער טאָג איז געווען מיט אַ וואָך צוריק.**

**דעם ענין פון 'דער צוגרייטונג' האָבן די שרייבער געהאַט אין זייער מינדלעכער טראַדיציע. עס איז געווען די צוגרייטונג פון יעזוס און זיינע נאָכפאָלגער פאַר דעם קומענדיקן יום טוב, צו דערקלערן אין בית המקדש דעם אָנקומען פון דער נייער מלוכה. ווען די אַוטאָרס ווענדן אָן די צוגרייטונג אויף די יידן אין דער צייט פון דעם ערשטן טאָג פון פסח, דענסטמאָל ווערט עס אָן איר זין און אינהאַלט.**

**יעדע שרייבונג פון פאַסירונגען מוז זיין אַ רעזולטאַט פון אומשטענדן.**

איך האָב שוין פריער געשריבן אַז פּילאַטוס צוועק פון זיין קומען אויף יום טוב אין ירושלים איז געווען וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר דער גרויסער צאָל מענטשן וואָס קומען אַריין אין שטאָט. ער האָט געוווּסט די ניט צופרידענקייט פון פאָלק מיט דער הערשונג פון רוים, און די פיינדשאַפט פון פאָלק צו אים אַליין, פלעגט ער קומען ער זאָל אַליין קענען וואַכן און זיין גרייט צו איינשטילן וועלכע עס איז אומרוען. אויך די באַאַמטע, זיינע שטעלפאַרטרעטער, גיבן אים איבער זייער רעפּאָרט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ירושלים אין דער צייט פון זיין אַבוועזנקייט, אויך באַקענען אים מיט דער אַלגעמיינער לאַגע, מען אַרבעט אויס פּלענער אויף דער צוקונפט. דעם פּסח איז פּילאַטוס מער וואַכזאַמער און ערנסטער און שטרענגער, מחמת איידער ער איז געקומען איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד אין ירושלים. פּילאַטוס האָלט כסדרדיקע קאָנפערענצן מיט זיינע הויכע באַאַמטע; באַקענט זיך מיט די פּרטים פון אויפשטאַנד, גיט אַרויס אורטיילן אויף אַרעסטירטע אויפשטייער.

קען אַ ניכטערער מוח דערציילן אַזעלכע זאַכן אַז דעם גאַנצן טאָג, פון אין דער פרי ביז דער נאַכט, און אַפילו ביז שפּעט ביינאַכט האָבן די יידן געהאַלטן פאַרנומען און באַשעפטיקט דעם פּראָקוראַטאָר. יעזוס פאַר דעם פּראָקוראַטאָר איז געווען איינער פון די יידן שולדיק אָדער ניט שולדיק וואָס איז געמישפּט געוואָרן. יעזוס איז ניט געווען דער איינציקער, לויט די עוואַנגעליעס זיינען נאָך צוויי פאַרמישפּט געוואָרן צו ווערן געקרייציקט. נאָך דעם לאַנג געדויערטן מישפּט, ווייל פּילאַטוס האָט דאָך געדאַפט אַרום לויפן פון געריכט זאָל צום אין דרויסן, און פון דרויסן צוריק צום געריכטס זאָל. אין צייט פון קרייצונג קומט צו אים אַ דעלעגאַציע וועגן בייטן די שילד איבערן קרייץ. פאַרטיק ווערנדיק מיט דער דעלעגאַציע קומט אַ נייע. אַזוי ווי עס קומט אָן שבת, זאָל מען די געקרייציקטע טויטן וואָס שנעלער. נאָכדעם קומט יוסף פון אַרימאַטעא בעטן אַרויסגעבן אים דעם קערפּער. ווען דער קערפּער איז צוגענומען און שוין אַריינגעלייגט געוואָרן אין קבר און פאַרמאַכט געוואָרן מיט דעם גרויסן שטיין, עס איז שוין שפּעט אין נאַכט, קלאַפּט אָן צו פּילאַטוסן אַ נייע דעלעגאַציע. זיי דערציילן אים אַזאַ מעשה, אַז דער באַטריגער האָט געזאָגט אַז דריי טעג נאָך זיין טויט וועט ער לעבעדיק ווערן, דעריבער קענען זיינע תלמידים אים אַרויסנעמען און זאָגן אַז ער איז לעבעדיק געוואָרן. הערענדיק אַזעלכע רייד וואָלט פּילאַטוס זיי אַנגענומען פאַר משוגעים, ער וואָלט זיי געזאָגט: ווען זיי וועלן אים אַרויסנעמען וועלן זיי האָבן אַ טויטן קערפּער, ווי וועלן זיי ווייזן אַז ער איז לעבעדיק? נאָר ביי די שרייבערס זיינען אַלע ניט שכלקייטן ווירקלעכע פּאַסירונגען. דערווייל איז דער אָרעמער פּילאַטוס פאַרנומען מיט די יידן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ער האָט אויפגעגעבן אַלע זיינע פליכטן פון פּראָקוראַטורע, און געלאָזן אַלע אָנגעקומענע יידן פריי צו זייער ווילן צו טאָן אין ירושלים וואָס זיי געפעלט.

ווען פּילאַטוס האָט אַרויסגעגעבן זיין אורטייל, דעמאָלסטמאָל גייט דאָס גלייך איבער צו דער מאַכט פון די געהעריקע אַדמיניסטראַציעס. דער הויפּט

פון דער עקזעקוציע אַדמיניסטראַציע גיט די אָרדערס און באַשטימט די אָפּיצערן און געהעריקע צו אים סאָלדאַטן צו דורכפירן די אורטיילן. אויב פאַר וועלכע עס איז אורזאַכע וואָלט מען געוואָלט צו טויטן שנעלער די געקרייציקטע וואָלט מען געווענדט זיך מיט דעם פאַרלאַנג צום הויפּט פון דער עקזעקוציע און ניט צום פּראָקוראַטאָר פון יהודה. צו אַרויסקריגן דעם קערפּער גייט מען אויך ניט צום פּראָקוראַטאָר. אויב מען וואָלט געגאַנגען וואָלט יוסף ניט געקראָגן דעם קערפּער, ווייל ער וואָלט ניט געקענט צוקומען צום פּראָקוראַטאָר. דאָס זעלבע צו קריגן אַ וואַך. דאָס שרייבן פון די עוואַנגעליעס שטימט ניט מיט די איינפירונגען פון געשיכטלעכע אינסטיטוציעס, מיט די געזעצן פון יהודה און רוים, מיט די פליכטן פון דער גערעכטיקייט און פליכטן פון די געזעץ דורכפירענדיקע פאַרוואַלטונגען.

פון אַ טויטן קערפּער גייט ניט קיין בלוט. יאָהאַן האָט זיך אַליין דערשראָקן אַז מ׳וועט ניט גלויבן זיין שרייבן, זוכט ער עדות צו באַשטעטיקן. זאָגט ער אַז דער וואָס האָט עס געזען האָט דאָס איבערגעגעבן, אַז ער האָט רעקאָרדס און זיינע רעקאָרדס, וויל יאָהאַן מאַכן צו גלויבן, זיינען אמת. ווער איז געווען דער ער, דער אויגן עדות; וועלכע רעקאָרדס האָט יאָהאַן איבערגעגעבן וואָס זאָלן פאַרמאָגן אויטענטישקייט; מיט וואָס קען יאָהאַן באַווייזן אַז עס איז אמת?

יאָהאַן האָט געשריבן זיין עוואַנגעליע, לויט דער קאָנסערוואַטיוועסטער אָננעמונג, צום ווייניקסטן הונדערט יאָר נאָך דער געשעעניש. אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף די רעקאָרדס פון יענעם רעקאָרד טרעגער האָט ער דאָך אין דער צייט פון די געשעענישן געדאַרפט שוין זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. אויב ער איז דענסטמאָל געווען דרייסיק יאָר אַלט, איז ווען ער האָט איבערגעגעבן וואָס ער האָט געזען איז ער דאָך שוין געווען אַ מאַן אין דער עלטער פון הונדערט און דרייסיק יאָר אַלט. פון אַזאַ אַלטן מענטשן קען מען ניט דערוואַרטן אַז אַלץ וואָס ער דערציילט איז ווירקלעך פאַרגעקומען. אויב דער מאַן האָט געהאַט רעקאָרדס האָט ער זיי דאָך געקענט איבערגעבן נאָך אין זיינע יינגערע יאָרן צו מאַרקוס, מאַתיא אָדער צו לוקאַסן.

יאָהאַן שרייבט אַז עס איז געטאָן געוואָרן אַזוי, עס מיינט מען האָט אים ניט צעבראָכן די פיס ווייל עס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים אַז קיין ביין וועט ניט צעבראָכן ווערן. עס איז פאַראַן אַ דין וועגן דעם קרבן פסח, אַז מען דאַרף אים בראָטן אויף הייסע קוילן, צעשניידן אויפן אָרט ווו די ביינער זיינען צוזאַמענגעוואַקסן, אָבער מען טאָר ניט צעברעכן די ביינער. במדבר 12:9. „זיי זאָלן ניט איבערלאָזן פון אים ביז אין דער פרי, און אַ ביין זאָלן זיי ניט צעברעכן אין אים. — לא ישאירו ממנו עד בקר, ועצם לא ישברו בו.״ דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן קרבן פסח. מעגלעך אַז יאָהאַן האָט דאָ געמיינט דעם פסוק פון תהלים. תהלים 20::14. „פיל זיינען די אומגליקן פון צדיק, אָבער פון זיי אַלע וועט אים מציל זיין גאָט. (21) ער היט אָפּ אַלע זיינע ביינער, ניט אַן איינציקע פון זיי ווערט צעבראָכן. רבות רעות צדיק,

ומכלם יצילנו יה׳. (21) שמר כל עצמתיו, אחת מהנה לא ישברה.״

אין תהלים ווערט געזאָגט אַז גאָט היט אָפּ דעם צדיק, ער וועט אים מציל זיין פון אַלע אומגליקן, קיין ביין פון אים וועט ניט צעבראָכן ווערן. עס מיינט אַלע צדיקים. יעזוס איז ניט ניצול געוואָרן פון זיין אומגליק. דאָס זעלביקע „זיי וועלן קוקן אויף אים״. זכריה 10:12. „און איך וועל אויס־גיסן אויף דעם הויז פון דוד, און אויף די באַוווינער פון ירושלים, אַ גייסט פון לייטזעליקייט און געבעט, אַז זיי וועלן קוקן צו מיר וועגן איטלעכן וואָס זיי האָבן דערשטאָכן. — ושפכתי על בית דוד, ועל יושב ירושלים רוח חן ותחנונים, והביטו אלי את אשר דקרו.״ אלי — מיינט צו מיר. יאָהאַן פאַר־בייט „אויף אים״. אויך מיינט דאָס אַז די יידן וועלן קוקן צו גאָט, און ניט די רוימישע סאָלדאַטן.

לויט דעם זעלביקן יאָהאַנען האָט מען יעזוסן צוגענאָגלט צום קרייץ און ניט צוגעבונדן. ווען מען שלאָגט נעגל אין די הענט און אין די פיס גייען זיי דורך די ביינער, דענסטמאָל מוזן די ביינער אָנגעבראָכן ווערן.

## קאַפּיטל 29.

# רעזורעקציע

### מאתיא

מת. 1:28. „אין סוף פון שבת, ווי עס האָט אָנגעהייבן טאָגן קעגן דעם ערשטן טאָג פון וואָך, איז גע־קומען מרים המגדלית און די אַנדער מרים צו זען דעם קבר. (2) און, זעט, דאָרט איז געווען אַ גרויסע ערד ציי־טערניש; וואָרום דער מלאך פון גאָט איז אַרונטערגעקומען פון הימל, און געקומען און אָפּגעקייקלט דעם שטיין פון טיר און האָט זיך געזעצט אויף אים. (3) און זיין פנים איז געווען ווי אַ בליץ, און זיינע קליידער ווייס ווי שניי. (4) און אויס מורא פאַר אים האָבן די אויפזעער געציטערט, און זיינען געוואָרן ווי טויטע מענטשן. (5) און דער מלאך האָט געענטפערט און האָט געזאָגט צו די פרויען, האָט ניט מורא, וואָרום איך ווייס אַז איר זוכט יעזוסן, וועלכער איז געווען געקריי־

### מאַרקוס

מק. 1:16. „און ווען דער שבת איז אַוועק, מרים המגדלית, און מרים די מוטער פון יעקב און שלמה, האָבן געקויפט זיסע געווירצן, אַז זיי זאָלן קענען קומען און באַשמירן אים. (2) און זייער פרי אויפן מאָרגן דער ערשטער טאָג פון וואָך, זיינען זיי געקומען צום קבר מיט דער זון אויפגאַנג. און זיי האָבן געזאָגט צווישן זיך, ווער זאָל אַוועקנעמען דעם שטיין פון דער טיר פון קבר? (4) און ווען זיי האָבן אַ קוק געטאָן, האָבן זיי געזען אַז דער שטיין איז אַוועקגענו־מען: וואָרום עס איז געווען זייער גרויס. (5) און אַריינקומענדיק אין הייל פון קבר, האָבן זיי געזען אַ יונגן מאַן זיצענדיק אויף דעם רעכטן זייט, געקליידעט אין אַ לאַנגן ווייסן מלבוש, און זיי האָבן מורא געקראָגן.

ציקט. (6) ער איז ניטאָ דאָ: וואָרום ער איז אויפגעשטאַנען, ווי ער האָט געזאָגט. קומט און זעט דעם אָרט ווו דער האַר איז געלעגן. (7) און גייט שנעל, און זאָגט זיינע תלמידים אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון טויט; און, זעט, ער גייט פאַר אייך אין גליל; דאָרט זאָלט איר אים זען: 'לאָ', איך האָב אייך געזאָגט."

(6) און ער האָט געזאָגט צו זיי, האָט ניט מורא: איר זוכט יעזוסן פון נצרת, וועלכער איז געוואָרן געקרייציקט: ער איז אויפגעשטאַנען ער איז ניט דאָ: זעט דער אָרט ווו זיי האָבן אים געלייגט. (7) נאָר גייט אייער וועג און זאָגט די תלמידים און פעטרוסן אַז ער גייט פאַר אייך אין גליל: דאָרט זאָלט איר אים זען, ווי ער האָט אייך געזאָגט."

## לוקאַס

לק. 1:24. „איצט אויף דעם ערשטן טאָג פון וואָך, זייער פרי אויפן מאָרגן, זיי זיינען געקומען צום קבר, ברענגענדיק די געווירצן וואָס זיי האָבן צוגעגרייט, און געוויסע אַנדערע זיינען געווען מיט זיי. (2) און זיי האָבן געפונען דעם שטיין אַוועקגענומען פון קבר. (3) און זיי זיינען אַריינגעקומען, און האָבן ניט געפונען דעם קערפּער פון דעם האַר יעזוס. (4) און עס האָט פּאַסירט, אַזוי ווי זיי זיינען געווען זייער צעטומלט דאָרט, זעט, צוויי מענער זיינען געשטאַנען נעבן זיי אין שיינענדיקע קליידער; (5) און אַזוי ווי זיי זיינען געווען צעשראָקן, און האָבן אַרונטערגעבויגן זייערע פּנימער צו דער ערד, האָבן זיי געזאָגט צו זיי, וואָרום זוכט איר די לעבעדיקע צווישן די טויטע? (6) ער איז ניט דאָ, נאָר ער איז איפגעשטאַנען: איר געדענקט ווי ער האָט גערעדט צו אייך ווען ער איז נאָך געווען אין גליל, (7) זאָגענדיק, דער בן אדם מוז איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון זינדיקע מענטשן, און ווערן געקרייציקט, און דעם דריטן טאָג אויפשטיין ווידער."

**פּש. דריי אַווטאָרס גיבן איבער זייער אַ וויכטיקע פּאַסירונג, מערסטנטייל מיט דער זעלביקער שפּראַך און עס דערהאַלט אין זיך אַ גרויס פאַרשידענקייט. אַלע גיבן איבער אַז עס זיינען געקומען אַהיןביידע מרימס, איז אויב עס וואָלט פאָרגעקומען אַן ערציטערניש וואָלטן זיי דאָך געפילט און דערציילט. זיי, די מרימס זיינען דאָך די איינציקע עדות צו דערציילן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. עס קען דאָך ניט געגעבן ווערן אַז די עדות האָבן יעדן תלמיד דערציילט גאַנץ באַזונדערע געשיכטעס וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. וואָרום שרייבט וועגן דער ערד ציטערניש נאָר מאתיא און ניט די אַנדערע? ווידער אויב עס איז געווען אַן ערדציטערניש, איז דאָך אַ מעגלעכע זאַך אַז די ערד ציטערניש זאָל אָפּוואַרפן דעם שטיין. וואָרום דערמאָנען ניט מאַרקוס און לוקאַס פון אַנוועזענדיקע אויפזעער? די מרימס האָבן דאָך זיך ניט געקענט העלפן ניט צו זען זיי. און צו וואָס דאַרף מען האָבן אויפזעער פאַר אַ קבר פאַרמאַכט מיט אַ גרויסן שטיין? די אויפזעער האָבן באַוויזן אַן אויסערגע-**

**ווייַלעכע דערשייַנונג, זיי האָבן געציטערט און געוועזן טויט. לויט מאַתיא איז דער מלאך געזעסן אויף דעם שטיין וואָס ער האָט צוגענומען פון דער טיר פון קבר. לויט מארקוס איז דער מלאך געזעסן אין הייל. מאַרקוס דאַרף זייַן באַגלויבט ווייל ער גיט אָן אַפילו אַז דער מלאך איז געזעסן אויף דער רעכטער זייט. לויט לוקאַס האָבן די מרימס געפונען אין הייל צוויי מלאכים. לוקאַס דאַרף דאָך געוויס זייַן באַגלויבט, אַ סימן אַז ער ווייסט אַפילו ווי זיי האָבן געהאַלטן אַרונטערגעבויגן זייערע קעפּ. אויך גיט לוקאַס אָן אַנדערע רייד פון די מלאכים.**

**קריסטענטום איז געגרינדעט אויף דער דאָגמע פון דער רעזורעקציע. עס איז דער עיקר פון קריסטלעכן גלויבן. פּאולוס שרייבט פון תחית המתים.**

1 קאָרינטיער 13:15. „אָבער אויב דאָרט איז ניטאָ קיין תחית המתים, דענסטמאָל איז קריסטוס ניט אויפגעשטאַנען. (14) און אויב קריסטוס איז ניט לעבעדיק געוואָרן, דענסטמאָל איז אונדזער פּריידיקונג אומזיסט (ווערין), און אייער גלויבן איז אויך אומזיסט."

**איך קאָמענטיר ניט וועגן דער רעזורעקציע זעלבסט, נאָר וועגן דעם אופן ווי די עוואַנגעליע אַוטאָרס שרייבן וועגן דעם.**

### מאַתיא

מת. 8:28. „און זיי זיינען שנעל אוועקגעגאַנגען פון דעם קבר מיט מורא און גרויס פרייד; און זיינען געלאָפן צו ברענגען צו זיינע תלמידים דאָס וואָרט. (9) און אַזוי ווי זיי זיינען געגאַנגען צו דערציילן זיינע תלמידים, זעט, יעזוס האָט זיי באַגעגנט, זאָגענדיק, אַלע זייט באַגריסט (הייל). און זיי זיינען געקומען און געהאַלטן אים ביי די פיס, און געבוקט זיך צו אים. (10) דעמאָלט האָט יעזוס געזאָגט צו זיי, האָט ניט מורא: גייט זאָגט מיינע ברידער אַז זיי זאָלן גיין אין גליל, און דאָרט וועלן זיי מיך זען. (16:28) דענסטמאָל זיינען די עלף תלמידים אוועקגעגאַנגען אין גליל, צו אַ באַרג ווו יעזוס האָט באַשטימט צו זיי. (17) און ווען זיי האָבן אים געזען, האָבן זיי געקניעט פאַר אים: אָבער איינִיקע האָבן געצווייפלט."

### מאַרקוס

מק. 8:16. „און זיי זיינען שנעל אַרויסגעגאַנגען, און זיינען געלאָפן פון קבר; וואָרום זיי האָבן געציטערט און געוווּנדערט: זיי האָבן גאָר ניט געזאָגט צו קיינעם; וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט. (9) אַצינד ווען יעזוס איז לעבעדיק געוואָרן אין דער פרי פון ערשטן טאָג פון וואָך, איז דערשינען צו ערשט צו מרים פון מגדלה, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעטריבן זיבן טייוואָלים. (10) און זי איז אַוועק און דערציילט זיי וואָס זיינען געוועזן מיט אים ווען זיי האָבן געטרויערט און געוויינט. (11) און זיי, ווען זיי האָבן געהערט אַז ער איז לעבעדיק, און איז געוועזן געזען געוואָרן פון איר, האָבן זיי ניט געגלויבט."

מק. 14:16. „נאָך דערויף האָט ער זיך באַוויזן צו די עלף ווען זיי זיינען געזעסן ביים עסן, און געמוסרט זיי מיט זייער אומגלויבן און האַרט־

קייט פון הארצן, מחמת זיי האבן ניט געגלויבט די וועלכע האבן אים געזען דערנאך ווען ער איז לעבעדיק געווארן.״

## לוקאס.

לק. 9:24. „און זיי האבן זיך אומגעקערט פון קבר, און דערציילט די אלע זאכן צו די עלף, און צו אלע איבעריקע. (10) און עס איז געווען מרים פון מגדלה, און יואנא, און מרים די מוטער פון יעקב, און אנדערע פרויען וואס זיינען געווען מיט זיי, וועלכע האבן דערציילט די זאכן צו די אפאסטלס. (11) און זייערע ווערטער האבן אויסגעזען צו זיי ווי ליידיקע מעשיות, און האבן זיי ניט געגלויבט. (12) דענסטמאל איז פעטרוס אויפגעשטאנען, און איז געלאפן צום קבר; און ארונטערקומענדיק, האט ער באמערקט די ליי־ווענטענע קליידער ליגענדיק באזונדער, און ער איז אוועק, און וואונדערנדיק אין זיך זעלבסט איבער דעם וואס איז פארגעקומען.״

לויט מאתיא האט זיך יעזוס באוויזן צו די פרויען וואס זיינען געווען אין הייל, ער האט זיי אנגעזאגט זיי זאלן גיין אנזאגן די תלמידים פון אים, זיי זאלן זיך טרעפן אויף א געוויסן בארג אין גליל. און די תלמידים זיינען אוועק קיין גליל און געזען זיך מיט יעזוסן אויף דעם באשטימטן בארג.

ליוט מארקוסן די וויכטיקסטע געשעעניש האט פאסירט פולשטענדיק אנדערש. יעזוס האט זיך באוויזן נאר צו מרים פון מגדלה און ניט צו די אנדערע פרויען וואס זיינען געווען מיט איר. זי מרים האט איבערגעגעבן צו די תלמידים ווי זי האט אים געזען א לעבעדיקן. דערנאך איז ער דער־שינען פאר די תלמידים. מק. דערציילט ניט פון דעם ארט ווו ער האט זיך באוויזן צו זיי, ווו עס איז פארגעקומען אין גליל אדער אין ירושלים.

לוק. שטימט מיט מאתיא אז אלע פרויען האבן געזען יעזוסן, און האבן עס דערציילט צו די תלמידים. לוקאס ברענגט אריין א נייע געשעעניש, ער וויל זיך ניט פארלאזן נאר אויף די רייד פון די פרויען, ברענגט ער אריין א נייעם עדות. אז ווי פעטרוס האט דערהערט אז יעזוס געפינט זיך ניט אין הייל, איז ער גלייך אוועקגעלאפן, און געפונען אין הייל יעזוס קליידער בא־זונדער און יעזוס איז ניט געווען אין הייל. דערנאך האט זיך יעזוס באוויזן צו די עלף אין ירושלים.

מארקוס דערציילט אז נאך דערויף ווי יעזוס אט זיך באוויזן צו מרים פון מגדלה, האט ער זיך באוויזן צו אנדערע צוויי מענטשן וואס זיינען גע־גאנגען אין לאנד.

מק. 12:16. „נאך דערויף האט ער זיך באוויזן אין אן אנדער פארמע צו צוויי פון זיי, אזוי ווי זיי זיינען געגאנגען, און זיינען אוועק אין לאנד.״

מת. 13:16. „זיי זיינען געגאַנגען און דערציילט די איבערגעבליבענע. קיינער האָט זיי ניט געגלויבט.“

**עס וווּנדערט וואָרום זאָל די זאַך מאתיא ניט באַטירן?**

**די מערסטע צאָל עוואַנגעליע פאָרשער זיינען געאייניקט אַז אין מאַרקוס אין 16טן קאַפּיטל פון דעם זאַץ 9 איז צוגעשריבן געוואָרן אין דער שפּעטער־דיקער צייט. אַזוי ווען מאתיא האָט עס קאָפּירט, האָט זיך דאָס דאָרט ניט געפונען.**

**יאָהאַן שרייבט גאָר אַנדערש פון די פריערדיקע.**

יאָהאַן 1:20. „דעם ערשטן טאָג פון וואָך קומט מרים המגדלית פריִ, ווען עס איז נאָך געווען פינסטער, צו דעם קבר, און זעט דער שטיין איז אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם הייל־קבר. (2) דענסטמאָל איז זי געלאָפן און איז געקומען צו שמעון פּעטורס, און צו דעם אַנדער תלמיד, וועמען יעזוס האָט געליבט, און האָט געזאָגט צו זיי, זיי האָבן אַוועקגענומען דעם האַר פון דעם קבר־הייל, און מיר ווייסן ניט ווו זיי האָבן אים געלייגט. (3) פּעטורס דעריבער איז אַרויסגעגאַנגען, און דער אַנדער תלמיד, און זיינען געקומען צום קבר. (4) אַזוי זיינען ביידע געלאָפן צוזאַמען: און דער אַנדער תלמיד איז פאַרלאָפן פּעטרוסן, און איז געקומען דער ערשטער צום קבר (5) און ער אַרונטערקומענדיק, און אַריינקוקנדיק, האָט געזען די לייוונטענע קליידער ליגענדיק; דאָך איז ער ניט אַריינגעקומען. (6) דעסטמאָל איז געקומען שמעון פּעטרוס פאָלגענדיק אים, און איז אַריין אין הייל (פון קבר) און האָט געזען ליגן די לייוונטענע קליידער. (7) און די טוך וואָס איז געווען אַרום זיין קאָפּ, ניט ליגענדיק מיט די לייוונטענע קליידער, נאָר צוזאַמען געוויקלט אין אַ באַזונדער אָרט. (8) דענסטמאָל איז אַריינגעגאַנגען אויך דער אַנדער תלמיד, וועלכער איז דער ערשטער געקומען צו דער הייל, און ער האָט געזען, און געגלויבט.“

**פּש. אַלע שרייבער דערציילן פון לייוואַנטענע קליידער, וואָס מיינט מת־קליידער; אָבער מאתיא שרייבט (אין 60,59:27): „ווען יוסף האָט גענומען דעם קערפּער פון יעזוס, האָט ער עס איינגעוויקלט אין אַ ריינעם לייוונטענעם טוך, און געלייגט אים אין זיין אייגענעם נייעם קבר, און פאַרשטעלט די טיר מיט אַ גרויסן שטיין.“ מאַרקוס און לוקאַס שרייבן דאָס זעלביקע, ׳פאַרוויקלט אין אַ לייוונטענעם טוך׳.**

**מאַרקוס און מאתיא שרייבן אַז נאָר די פרויען זיינען געווען אין הייל. לוקאַס ברענגט שוין אַז ווען פּעטרוס האָט דערהערט אַז יעזוס קערפּער איז ניטאָ אין הייל איז ער אַוועקגעלאָפן צו זען וואָס איז פאַרגעקומען. יאָהאַן נעמט די ווערסיע פון לוקאַס, און צעשפּרייט עס אין אַ גאַנץ היפּשער מאָס. דאָס ערשטע זאַך וואָס ער טוט, ער נעמט צו די בכורה פון פּעטרוס. ער קען ניט דערלאָזן אַז פּעטרוס זאָל אַליין פון אַלע תלמידים לויפן צו אונטערזוכן וואָס איז פאַרגעקומען. פּעטרוס לויפן צום הייל איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַר. ווי מיר ווייסן זיינען די תלמידים געווען באַהאַלטן אין אַ הויז און ניט אַרויס־**

געגאַנגען, אַצינד האָט דאָ פּעטרוס געוויזן אַ געוואַגהייט, יאָהאַן האָט מיט זיך שטענדיק דעם תלמיד וואָס יעזוס האָט ליב, נאָר עס איז ניט באַוווּסט אויב דער תלמיד איז אין די עלף. אַזוי לויפט פּעטרוס און דער תלמיד אָן אַ נאָמען אין אַ לויף געיעג. דער תלמיד אָן אַ נאָמען קום צום ערשט. עס מוז זיין אים איז געווען גרינגער צו לויפן, ער האָט ניט געדאַרפט טראָגן מיט זיך זיין נאָמען.

עס זעט זיך אָן די איינזייטיקייט פון יאָהאַנען. ער זאָגט אַז דער תלמיד אָן אַ נאָמען האָט געזען און געגלויבט. מילא, ווען ער איז געלאָפן האָט אימי־צער געקענט זען אַז ער איז געקומען פריער ווי פּעטורס, אָבער ווער האָט געקענט זען און וויסן אַז ער גלויבט און פּעטרוס ניט?

יאָהאַן 9:20. מחמת זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט די שריפט, אַז ער מוז אויפשטיין פון טויט."

פּש. דאָס מיינט אַז דענסטמאָל האָבן זיי ניט געוווּסט אַז עס איז געשריבן אין די שריפטן פון אַלטן טעסטאַמענט, אָבער יאָהאַן און אַנדערע אין זיין צייט וויסן פון דאָס געשריבענע. איך האָב שוין פריער געשריבן איבער דעם און איך מוז עס ווידערהאָלן, מחמת דאָס זעלביקע, אַז עס איז געשריבן אין א.ט. וועגן יעזוס טויט: ווערט אין דער עוואַנגעליע איבערגחזרט פיל מאָל. אָבער עס איז ניט ערגעץ אין די שריפטן געשריבן געוואָרן אין אַלגעמיין וועגן יעזוסן, דערהויפּט וועגן זיין טויט, און אַז ער וועט אויפשטיין פון טויט.

די עוואַנגעליסטן באַגרינדן זייער באַהויפּטונג אויף אַ זאַץ אין תהלים:

תהלים 10:16. "ווארום דו וועסט ניט איבערלאָזן מיין זעל צו דער אונטער־ערד, וועסט ניט לאָזן דיין פרומען זען די גרוב. — כי לא תעזב נפשי לשאול, לא תתן חסידך לראות שחת."

דער פּסוק איז אַ הימן, אַ געבעט, אַ מכתם פון דוד. דוד בעט גאָט פאַר זיך זעלבסט, אַז גאָט זאָל אים לאָזן לעבן. איך ברייננ די צווייַ פריערדיקע זאַצן.

תהלים 8:16. "איך האַלט גאָט פאַר מיר תמיד, ווארום אַז ער איז ביי מיין רעכטער האַנט, וועל איך ניט אומפאַלן. (9) דערום איז פריילעך מיין האַרץ, און לוסטיק מיין זעל (מיין כבוד), אויך מיין לייב רוט אין זיכערקייט."

דער בעל התהלים דריקט אויס זיין גלויבן און בטחון אין גאָט, אַז גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזן, ער איז זיכער און דעריבער איז פריילעך זיין האַרץ און נשמה. ער זינגט אין זיין מכתם אַז גאָט וועט אים לאָזן לעבן, ער וועט ניט זען די גרוב פון טויט. דאָ איז ניט פאַראַן דאָס קלענסטע אָנווייזונג אַז דער זינגער איז טויט, פאַרקערט, זיין האַרץ איז פריילעך. ער בעט אַז ער זאָל ניט שטאַרבן: אַ לעבעדיקער דאַרף דאָך ניט לעבעדיק ווערן. עס איז זיכער אַז זאַץ 10 רעדט ניט פון "אויפשטיין פון טויט," און אויך ניט פון דעם 'מוז' אויפשטיין. דער פּסוק רעדט ניט פון יעזוסן. ניט ער לייקנט יעזוס אויפשטיין פון טויט, ניט ער באַשטעטיקט.

יאָהאַן 10:20. "דענסטמאָל זיינען די תלמידים ווידער אָוועקגעגאַנגען צו זייער אייגן היים. (11) נאָר מרים איז געשטאַנען אויסערן הייל וויינענדיק:

און אַזוי ווי זי האָט געוויינט, איז זי אַרונטערגעטראָטן, און אַריינגעקוקט און דער הייל. (12) און זי האָט געזען צוויי מלאכים אין ווייסן זיצענדיק, איינער ביי דער קאָפּ, און דער אַנדערער ביי די פיס, ווו דער קערפּער פון יעזוסן איז געלעגן. (13) און זיי האָבן געזאָגט צו איר, פרוי, וואָרום וויינסטו? האָט זי געזאָגט צו זיי, מחמת זיי האָבן אַוועקגענומען מיין האַר, און איך ווייס ניט ווו זיי האָבן אים געלייגט. (14) און ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי זיך אומגעקערט, און געזען יעזוסן שטייענדיק, און זי האָט ניט געוווּסט אַז עס איז געווען יעזוס. (15) יעזוס האָט געזאָגט צו איר, פרוי, וואָרום וויינסטו? וועמען זוכסטו? און זי, דענקענדיק אַז ער איז דער גערטנער, האָט געזאָגט צו אים, האַר, אויב דו האָסט אים ערגעץ באַגראָבן, זאָג מיר ווו דו האָסט אים געלייגט, און איך וועל אים אַוועקנעמען. (16) יעזוס האָט געזאָגט צו איר, מרים. זי האָט אומגעקערט זיך, און געזאָגט צו אים, רבני; וואָס איז צו זאָגן, לערער. (17) יעזוס האָט געזאָגט צו איר, ריר מיך ניט אָן; וואָרום איך בין נאָך ניט אַרויפגעקומען צו מיין פאָטער: נאָר גיי צו מיינע ברידער, און זאָג צו זיי אַז איך גיין אַרויף צו מיין פאָטער און צו אייער פאָטער; צו מיין גאָט, און אייער גאָט."

**פּש. יאָהאַן דערקלערט ניט וואָרום איז מרים המגדלית זוכה געווען צו זען די מלאכים און יעזוס זאָל צוערשט אַנטפּלעקן זיך צו איר. פּעטרוס און דער תלמיד וועמען יעזוס האָט ליב, האָבן ניט נאָר ניט געזען יעזוסן, נאָר אַפילו ניט געזען די מלאכים. יאָהאַן האָט געלאָזן מרימען אין הויז, ווו עס זיינען געווען שמעון פּעטרוס און דער אַנדער תלמיד און די איבעריקע תלמידים. יאָהאַן דערציילט ווי פּעטרוס און דער אַנדערע תלמיד זיינען גע־קומען צולויפן, אָבער גאָר ניט פון מרימס צוריק קומען.**

יאָהאַן 18:20. „מרים פון מגדלה איז געקומען און געזאָגט די תלמידים אַז זי האָט געזען דעם האַר, און אַז ער האָט גערעדט די דאָזיקע זאַכן צו איר. (19) דענסטמאָל דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, זייענדיק דער ערשטער טאָג פון וואָך, ווען די טירן זיינען געווען פאַרמאַכט ווו די תלמידים האָבן זיך פאַרזאַמלט אויס מורא פאַר די יידן, איז געקומען יעזוס און געשטאַנען אין מיטן, און געזאָגט צו זיי, פרידן זאָל זיין צו אייך [שלום עליכם]. (20) און ווען ער האָט אַזוי געזאָגט, האָט ער זיי געוויזן זיינע הענט און זיין זייט. דאָן זיינען די תלמידים געווען צופרידן, ווען זיי האָבן געזען דעם האַר. (21) דענסטמאָל האָט יעזוס ווידער געזאָגט צו זיי, פרידן זאָל זיין צו אייך: אַזוי ווי מיין פאָטער האָט מיך געשיקט, אַזוי שיק איך אייך. (22) און ווען ער האָט געזאָגט דאָס, האָט ער געאָטעמט אויף זיי, און געזאָגט צו זיי, דערהאַלט דעם הייליקן גייסט: (23) וועמענס זינד איר פאַרגיט, זיינען זיי פאַרגעבן צו זיי; און וועמענס זינד איר פאַרהאַלט זיינען זיי פאַרהאַלטן. (24) נאָר תומא (טאָמאַס), איינער פון די צוועלף, גערופן דידימוס, איז ניט געווען מיט זיי ווען יעזוס איז געקומען. (25) די אַנדערע תלמידים דעריבער האָבן געזאָגט צו אים, מיר האָבן געזען דעם האַר. אָבער ער האָט געזאָג צו זיי, סיידן איך וועל זען אין זיינע הענט דעם אָפּדרוק פון די נעגל (טשוועקעס), און איך

וועל אַריינטאָן מיין פינגער אין אָפּדרוק פון די נעגל, און אַריינשטעקן מיין האַנט אין זיין זייט, וועל איך ניט גלויבן.״

**פּש. תומא קען אַזוי זאָגן, ווייל ער ווייסט אַז פון קרייצונג דאַרפן זיין סימנים אויף די הענט, אויך מעגלעך אויף די פיס. אָבער פון וואַנען ווייסט תומא פון זייט? דער שטאָך אין יעזוס זייט איז דאָך ניט קיין געוועגלעכע זאַך. דער סאָלדאַט האָט דאָך געשטאָכן אין זייט נאָר יעזוסן, כדי עס זאָל מקוים ווערן דעם נביא זכריה זאָגונג; תומא איז ניט געווען דערביי, און ער האָט ניט געזען די קרייצונג. אויך אַזאַ וווּנדערלעכע דערשיינונג פון יעזוס באַוויייזן זיך צו די תלמידים, וועלן זיי איבערגעבן צו תומא אין אַזאַ קורצן באַריכט: ׳מיר האָבן געזען דעם האַר׳. זיי האָבן אַפילו ניט געזאָגט אין וואָס פאַר אַן אופן זיי האָבן אים געזען — אַ טויטן אָדער אַ לעבעדיקן.**

יאָהאַן 26:20. „און נאָך אַכט טעג ווידער זיינען תלמידים זיינען געווען אינווייניק, און תומא (טאמאס) מיט זיי: דענסטמאָל איז געקומען יעזוס, די טירן זיינען געווען פאַרמאַכט, און געשטאַנען אין מיטן און האָט געזאָגט, פרידן זאָל זיין צו אייך. (27) דענסטמאָל האָט ער געזאָגט צו תומא, דער־גרייך אַהער מיט דיין פינגער, און זע מיינע הענט; און דערלאַנג אַהער דיין האַנט, און שטעק עס אַריין אין מיין זייט, און זיי ניט אומאמונהדיק, נאָר גלויביק. (28) און תומא האָט געענטפערט און האָט געזאָגט צו אים, מיין האַר, און מיין גאָט. (29) יעזוס האָט געזאָגט צו אים, תומא, מחמת דו האָסט מיך געזען, האָסטו געגלויבט: געבענטשט זיינען זיי וואָס האָבן ניט געזען, און דאָך האָבן זיי געגלויבט.״

**פּש. וועמען האָט דאָס יעזוס געמיינט? אַלע תלמידים האָבן ניט געגלויבט, ביז זיי האָבן געזען יעזוסן. ווען מרים האָט זיי דערציילט אַז זי האָט געזען יעזוסן אַ לעבעדיקן האָבן זיי ניט געגלויבט; ווען די תלמידים האָבן שוין געזען יעזוסן אַ לעבעדיקן אין זייער חדר, אין מיטן מיט זיי, האָבן זיי ניט געגלויבט. זיי האָבן געמיינט אַז עס איז אַ גייסט. ווען יעזוס האָט זיי געוויזן זיינע הענט, ערשטע דענסטמאָל האָבן זיי אָנגעהייבן גלויבן. ווער זיינען געווען די וועלכע האָבן געגלויבט ניט זעענדיק אים?**

**יעזוס וואָלט געזאָגט, ווען עס וואָלט געווען אויטענטיש, געבענטשט זיינען זיי וואָס וועלן ניט זען, און דאָך וועלן זיי גלויבן.**

יאָהאַן 30:20. „און פיל אַנדערע צייכנס האָט יעזוס באמת געטאָן אין דער אַנוועזנקייט פון זיינע תלמידים, וועלכע זיינען ניט געשריבן אין דעם בוך.״

**פּש. די ווערטערריידן ניט אין זכות פון יאָהאַן. יאָהאַן האָט אַנדער־ציילט זייער פיל, די אַנדערע עוואַנגעליע שרייבערס ווייסן ניט פון דערויף. יאָהאַן איז ניט קאַרג אין ווערטער און באַשרייבונגען וואָס זיינען ניט נויטיק פאַר דער זאַך פון יעזוס. אַזוי פאַרנעמט ער פלאַץ אין זיין בוך מיט אַזעלכע אומוויכטיקע זאַכן ווי אַ תלמיד אַן אַ נאָמען, און פון אַ לויף־געיעג פון דעם תלמיד מיט שמעון־פּעטרוס, און פיל אַנדערע. ווען עס קומט די וויכטיקסטע**

פּאַסירונג, ווען יעזוס באַווייזט זיך נאָך זיין רעזורעקציע צו די תלמידים, ווען יעדעס וואָרט פון יעזוס, יעדע טוונג איז וויכטיקער ווי אַלץ אַנדערש: יאָהאַן ווייסט דאָס אַלץ, נאָר געפינט ניט פאַר נייטיק צו פאַרשרייבן אין בוך.

מאַתיא האָט פריער אַריינגעבראַכט אין דער מעשה פון דער קרייציגונג אַן אייגענעם געשאַפענעם עפּיזאָד, וואָס די אַנדערע אַוטאָרס האָבן דאָס ניט געהערט און ניט געוווּסט פון דערויף; דאָס איז די מעשה וועגן דער וואַך וואָס די יידן האָבן אויסגעבעטן ביי פּילאַטוסן. איצט ברייגנט ער ווידער אַרויף די וואַך אויף דער סצענע, זיי זאָלן ענדיקן זייער ראָליע.

מת. 11:28. „איצט ווען זיי [מרים און די פרויען] זיינען געווען אַוועקגעגאַנגען, זע, אייניקע פון דער וואַך זיינען געקומען אין שטאָט און באַוויזן צו די הויפּט כהנים אַלע די זאַכן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן. (12) און ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט די זקנים, און געהאַלטן אַן עצה, זיי האָבן געגעבן גרויסע געלט צו די סאָלדאַטן. (13) זאָגענדיק, איר זאָגט, זיינע תלמידים זיינען געקומען ביי דער נאַכט, און אים אַוועקגעגנבעט, אין דער צייט ווען מיר האָבן **געשלאָפן.**"

דאָס געשריבענע איז נאָר מאַתיאס אייגענער איינפאַל, אַז די סאָלדאַטן פון דער וואַך זיינען אַוועק אין שטאָט און דערציילט די הויפּט כהנים די אַלע זאַכן, עס מיינט דאָס וואָס יעזוס איז לעבעדיק געוואָרן און איז אַרויס פון הייל. האָבן זיך נאָך די אַוטאָרס געוועלעכן פּיזמון, פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון סנהדרין, און זיי האָבן געגעבן פּיל געלט צו די סאָלדאַטן. פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט געבן געלט צו די סאָלדאַטן? — הערט און שטוינט. די סאָלדאַטן זאָלן זאָגן: ווען זיי זיינען געשלאָפן, זיינען געקומען די תלמידים און אים אַרויסגעגנבעט. אויב זיי זיינען געשלאָפן פון וואַנען קענען זיי וויסן אַז מען האָט יעזוסן אַרויסגעגנבעט און ער איז אַליין ניט אַרויס, ווי האָבן זיי געקענט וויסן אַז די תלמידים האָבן עס געטאָן?

מת. 14:28. „און אויב דאָס וועט קומען צו דעם פּראָקוראַטאָרס אויערן, וועלן מיר אים איבעררעדן, און אָפּהיטן אייך."

**פש. אויב די סאָלדאַטן זיינען נאָך אַלץ אונטער דער געזעצלעכער מאַכט פון רוימישער מיליטערישער אָקופּאַציע, און פאַראַנטוואָרטלעך צו פּילאַטוסן, קענען די יידישע מנהיגים זיי גאָר ניט העלפן, ווען די סאָלדאַטן מאַכן די דערקלערונג אַז זיי האָבן געשלאָפן אין דער צייט פון שטייענדיק אויף דער וואַך.**

מת. 15:28. „אַזוי האָבן זיי גענומען די געלט, און געטאָן ווי מען האָט זיי געלערנט: און די זאָגונג איז אין אַלגעמיין געוועדט צווישן יידן ביז היינטיקן טאָג."

**פש. מאַתיא אַליין שרייבט אייניקע פון זיי, פון די סאָלדאַטן (סאָם אָף דעם) זיינען אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט דאָס איבערגעבן צו די כהנים. זיינען דאָך אַ טייל פון די סאָלדאַטן געבליבן אויפן אָרט פון דעם הייל, סאָלדאַטן טראָגן דאָך סאָלדאַטסקע קליידער, איז זיי גרינג צו באַמערקן: וואָרום האָבן די**

מרימס און די פרויען זיי ניט באַמערקט און ניט געזען? פעטרוס האָט זיי ניט געזען, אַפילו דער אַנדער תלמיד האָט אויך ניט געזען קיינע סאָלדאַטן אויף יענעם אָרט. דער ענטפער, זיי האָבן ניט געזען ווייל עס זיינען דאָרטן ניט געווען קיינע סאָלדאַטן, און קיינער האָט ניט געשטעלט סאָלדאַטן נעבן אַ קבר. אין מאַתיאָס צייט האָט מען אָפט געהערט אַזעלכע ווערטער פון די ניט קריסטן: — „דאָס יעזוס ניט געפינען זיך אין קבר הייל איז ניט קיין באַווייז אַז ער איז לעבעדיק געוואָרן, אימעצער האָט דאָך געקענט אים שטילערהייט אַרויסנעמען.״ איז פאַר אַ פאַרענטפערונג אויף די רייד פון זיין צייט, איז ער גקומען צו דעם געדאַנק פון אַ וואַך, און אַז די כהנים און זקנים האָבן געגעבן געלד די סאָלדאַטן אַז זיי זאָלן זאָגן, ווען זיי זיינען געשלאָפן האָט מען אים אַרויס גענומען.

לויט לוקאַסן, האָבן די פרויען איבערגעגעבן צו די עלף תלמידים וואָס די צוויי מלאכים האָבן געזאָגט פון יעזוס לעבעדיק ווערן. די אַפּאָסטלס האָבן ניט געגלויבט. לוקאַס דערציילט ווי פעטרוס איז אַריין אין הייל, האָט ער געפונען די לייווענטענע קליידער, יעזוס איז ניט געווען אין הייל. פעטרוס האָט זיך געוואונדערט וואָס האָט געקענט טרעפן. פעטרוס האָט ניט געקענט באַשטימען וואָס איז פאָרגעקומען, ווארום געפינט זיך ניט יעזוס קערפּער אין הייל. די פאַרזאַמלטע תלמידים זיצן באַהאַלטן אין הויז און גלויבן ניט דעם באַריכט פון די פרויען, זיי וואַרטן אויף פעטרוס צוריק קומען, צו הערן וואָס ער האָט אויסגעפונען. אַזוי אין מיטן פון דער פאָרקומענדיקער אומ־באַשטימטער סיטואַציע, קומט פאָר, לויט דעם זעלביקן לוקאַסן, די פאָלגענ־דיקע פאַסירונג.

לוקאַס 13:24. „און, זע, צוויי פון זיי זיינען געגאַנגען דעם זעלביקן טאָג צו אַ יושוב גערופן עמאוס, וועלכער איז געווען פון ירושלים אַרום זעכציק פורלאנגס 1) (14) און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אויף די אַלע אַלע זאַכן וואָס האָט זיך געטראָפן. (15) און עס איז פאָרגעקומען, דאָס, ווייל זיי האָבן געשמועסט און זיך געישובט, יעזוס זעלבסט האָט זיך דערנעענט און איז געגאַנגען מיט זיי. (16) נאָר זייערע אויגן זיינען געווען פאַרשטעלט אַז זיי זאָלן אים ניט דערקענען. (17) און ער האָט געזאָגט צו זיי, וואָס פאַר אַ שמועס האָט איר צווישן זיך, ווייל איר גייט, און איר זייט טרויעריק? (18) און איינער פון זיי, וועמענס נאָמען איז געווען קלעאפאס, ענטפערענדיק, האָט געזאָגט צו אים, ביסטו אַ פרעמדער אין ירושלים, און ווייסט ניט די זאַכן וועלכע האָבן פאַסירט דאָרט אין די טעג? (19) און ער האָט געזאָגט צו זיי, וואָס פאַר אַ זאַכן? און זיי האָבן געזאָגט צו אים אין שייכות צו יעזוס פון נצרת, וועלכער איז געווען אַ נביא, מעכטיק אין טאַט און וואָרט פאַר גאָט און פאַר דעם גאַנצן פאָלק. (20) און ווי די ׳הויפט כהנים׳ און אונדזערע הערשער האָבן אים איבערגעגעבן צו ווערן פאַראורטיילט צום טויט, און האָבן אים געקרייציקט. (21) אָבער מיר האָבן געגלויבט אַז עס איז ער וועלכער

1) פורלאנג איז אַ האַלבער ענגלישער מייל.

האָט געזאָלט אויסלייזן ישׂראל: און חוץ דאָס אַלץ, הײַנט איז דער דריטער טאָג זינט די דאָזיקע זאַכן זײַנען געטאָן געוואָרן. (22) יע, און געוויסע פֿרויען אויך פֿון אונדזער קאָמפּאַניע האָבן אונדז געמאַט שטוינען, וועלכע זײַנען געווען פֿרי בײַ דעם קבֿר. (23) און ווען זיי האָבן ניט געפֿונען זײַן קערפּער, זײַנען זיי געקומען, זאָגענדיק, אַז זיי האָבן אויך געזען אַ וויזיע פֿון מלאָכים, וועלכע האָבן געזאָגט אַז ער איז געווען לעבעדיק. (24) און אַ געוויסער פֿון זיי וועלכער איז געווען מיט אונדז איז געגאַנגען צו דעם קבֿר, און האָבן געפֿונען אַזוי ווי די פֿרויען האָבן געזאָגט: אָבער אים האָבן זיי ניט געזען. (25) דעמאָלט האָט ער געזאָגט צו זיי, אָ נאַראָנים, און לאַנגזאַם פֿון האַרצן צו גלויבן אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט. (26) האָט דען קריסטוס ניט געדאַרפֿט לײַדן די זאַכן, און צו אַרײַנקומען אין זײַן גלאָריע? (27) און אָנהייבענדיק פֿון משהן און אַלע נביאים, האָט ער דערקלערט צו זיי אין אַלע שריפֿטן די זאַכן אין שײַכות צו אים זעלבסט. (28) און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דעם ישוב, וווּהין זיי זײַנען געגאַנגען; און ער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געגאַנגען ווײַטער. (29) אָבער זיי האָבן אים געצוווּנגען, זאָגענדיק, בלײַב מיט אונדז: וואָרום עס איז צום אָוונט, און דער טאָג איז שוין ווײַט אַוועק. און ער האָט אײַנגעשטימט צו בלײַבן מיט זיי. (30) און עס האָט פּאַסירט, אַזוי ווי ער האָט זיך געזעצט עסן מיט זיי, האָט ער גענומען ברויט, און געבענטשט עס, און צעבראָכן און געגעבן צו זיי. (31) און זייערע אויגן האָבן זיך געעפֿנט, און זיי האָבן אים דערקענט; און ער איז פֿאַרשוווּנדן פֿון זייערע אויגן. (32) און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן, האָט ניט אונדזער האַרץ געברענט אין אונדז, ווײַל ער האָט גערעדט מיט אונדז אין וועג, און ווײַל ער האָט געעפֿנט פֿאַר אונדז די שריפֿטן (סקריפּטיורס)? (33) און זיי זײַנען אויפֿגעשטאַנען אין דער זעלביקער צײַט, און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים, און האָבן געפֿונען די עלף פֿאַרזאַמלט צוזאַמען, און די וואָס זײַנען געווען מיט זיי. (34) זאָגענדיק, דער האַר איז געוויס אויפֿגעשטאַנען, און איז דערשינען צו שמעון.״

פּש. יעזוס פֿרעגט בײַ די צוויי גייענדיקע אין וואָס פֿאַר אַ געשפּרעך זיי זײַנען פֿאַרטאָן, וואָס זיי זײַנען אַזוי טרויעריק. דעם איינעם פֿון זיי, קלעאָפּאַס ענטפֿער פּאַסט ניט צו דער פֿראַגע, און טראָגט ניט אין זיך קיין לאָגישקייט. מען דאַרף ניט זײַן אַ פֿרעמדער צו ניט וויסן וואָס זייטיקע מענטשן ריידן צווישן זיך. ער האָט געקענט זאָגן דו ביסט אַ נײַגעריקער מענטש, מיר ריידן פֿון דער באַוווּסטער פּאַסירונג פֿון יעזוס אַזוי. קלעאָפּאַס הייבט אָן ריידן די שפּראַך פֿון די עוואַנגעליעס, און זיי ביידע ווייסן פֿון דריטן טאָג מער פֿון די אַפּאָסטלס און פֿון פּעטרוסן און זיכער מער פֿון טאָמאַסן. אויך ווי די ביידע דערציילן זײַנען זיי געווען דערבײַ ווען די פֿרויען האָבן איבערגעגעבן צו די תּלמידים אַז זיי האָבן יעזוסן ניט געפֿונען אין קבֿר, און וואָס די מלאָכים האָבן געזאָגט צו זיי. אויך אַז אַ געוויסער וואָס איז געווען פּעטרוס איז געגאַנגען צום קבֿר און אויסגעפֿונען ווי די פֿרויען האָבן דערציילט:

הייסט עס, אַז דיביידע זיינען געווען דאָרטן ווען פּעטרוס האָט זיך אומגעקערט. די אַפּאָסטלס האָבן אויפגענומען, לויט לוקאַס, די דערציילונג פון די פרויען פון ליידיקן קבר „ווי פּוסטע מעשיות״; די ביידע זיינען גלויביקע פון דריטן טאָג, אַז אין דעם טאָג דאַרף יעזוס לעבעדיק ווערן, וואָרום האָבן זיי ניט געעפנט זייערע מיילער און דערציילט די תּלמידים אַז עס מוז פּאַרקומען ווי יעזוס האָט געזאָגט אויפן דריטן טאָג. אַזעלכע גלויביקע און אַזעלכע שטאַרקע גייערס וואָרום זיינען זיי אויך ניט געגאַנגען מיט דעם געווייסן צווייפלער צו זען וואָס איז פאָרגעקומען? די גלויביקע האָבן בעסער פאַרלאָזן ירושלים און דעם גרויסן מופת און אַוועקגעשפּאַצירט קיין אמאוס. לוקאַס דערציילט אַז ווען פּעטרוס האָט אויך ניט געפונען יעזוסן אין קבר האָט ער זיך געוווּנדערט. לוקאַס רעפּאָרטירט ניט פּעטרוס צוריקקערן זיך, אָבער די ביידע ווייסן פון פּעטרוס צוריקקומען. דערווייל האָט לוקאַס אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאַכן יעזוסן זאָגן אַז משה און די נביאים האָבן געזאָגט אַז יעזוס דאַרף ליידן די זאַכן אַז ער זאָל אַריין אין זיין גלאָריע, און אויך אַז די גאַנצע תּורה האָט פאָראויסגעזאָגט אַלץ וואָס עס וועט טרעפן יעזוסן. נאָר ניט יעזוס און ניט אַנדערע ברייגגען אַפילו איין זאַץ פון משה און נביאים און פון די שריפטן וווּ עס ווערט געזאָגט פון יעזוסן. לויט לוקאַסן איז עמאוס געווען דרייסיק מייל פון ירושלים, אַזוי האָבן די ביידע געמאַכט אַ שפּאַציר אין דעם טאָג פון זעכציק מייל. זיי זיינען געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם און געשמועסט צווישן זיך, פאַרבראַכט מיט יעזוסן, געזעצט זיך עסן און צו דער נאַכט זיינען זיי געווען נאָענט צו עמאוס. פון מענטשן וואָס האָבן דורך געגאַנגען 30 מייל, איצט גיין צוריק די דרייסיק מייל איז אַ שווערער מהלך, עס וואָלט זיי אויסגעקומען גיין אַ גאַנצע נאַכט. לוקאַס זאָגט ניט ווען די ביידע זיינען געקומען צוריק, נאָר אַז די עלף מיט די אַנדערע זיינען דאָרטן געווען פאַרזאַמלט. אנשטאט אין זייער אַריינקום זאָל פרעגן ביי די אַנוועזנדיקע און ביי די תּלמידים וואָס איז געשען און וואָס זיי ווייסן, קומען זיי אַרויס מיט אַ זאָג „דער האַר איז געוויס אויפגעשטאַנען און איז דערשינען צו שמעון פּעטרוס.״ מענטשן וועלכע אין מיטן פון אויפרעגענדיקע און ניט זיכערע מאָמענטן פאַרלאָזן אַלץ און אַלעמען און גייען אַוועק, איצט אין סוף פון דער נאַכט קומען זיי דערציילן פּעטרוסן אַז דער האַר איז דערשינען צו אים און ריידן אין דריטן פּערזאָן.

די גאַנצע געשיכטע פון די דריי איז נאָר באַוווּסט צו לוקאַסן, די אַנדערע ווייסן ניט פון דערויף. די צוויי האָבן דאָך דאָס ניט געהאַלטן פאַר אַ סוד, זיי האָבן זיך אומגעקערט און דערציילט צו די עלף און צו די אַנדערע. די תּלמידים זיינען דער ערשטער קוואַל פון די מינדלעכע איבערגעבונגען, איז דאָך ניט מעגלעך אַז זיי האָבן איבערגעגעבן נאָר צו לוקאַס און ניט צו די אַנדערע.

לוקאַס, 35:24. „און זיי האָבן דערציילט וואָס פאַר אַ זאַכן איז געטאָן געוואָן אין וועג, און ווי זיי האָבן אים דערקענט אין ברעכן דאָס ברויט. (36)

און אַזוי ווי זיי ריידן, יעזוס זעלבסט איז געשטאַנען אין מיטן פון זיי, און געזאָגט צו זיי, שלום עליכם. (37) נאָר זיי זיינען געוואָרן דערציטערט און דערשראָקן, און געמיינט אַז זיי האָבן געזען אַ גייסט."

**פש. לוקאַס דערציילט ניט איבער די ביידע זיינען אויך געווען דערשראָקן. די הויפּט כהנים און די פּרושים ווייסן פון דעם דריטן טאָג אין וועלכן יעזוס האָט אָנגעזאָגט אַז ער וועט לעבעדיק ווערן, קלעאָפּאַס און זיין פריינד ווייסן אויך, און לוקאַס ווייסט פון דריטן טאָג; די איינציקע וועלכע ווייסן ניט זיינען די תלמידים. נאָך דעם ווי דעם קערפּער האָט מען ניט געפונען, דער מלאך, אָדער צוויי מלאכים האָבן געזאָגט די פרויען אַז יעזוס איז לעבעדיק געוואָרן, זיי זאָלן זאָגן די תלמידים זיי זאָלן גיין צוריק אין גליל דאָרטן וועט ער זיי זען; אויך די פרויען האָבן אַליין געזען יעזוס אַ לעבעדיקן און גערעדט צו אים, אַזוי אויך מרים המגדלית האָט גערעדט צו יעזוסן; אַלע ווייסן אַז דער ערשטער טאָג פון וואָך איז דער דריטער טאָג, אָבער ווען די תלמידים זעען יעזוסן אַ לעבעדיקן מיינען זיי אַז עס איז אַ גייסט.**

לוקאַס 38:24. "און ער האָט געזאָגט צו זיי, וואָרום זייט איר באַאומ־רויקט? און וואָרום קומען אַרויף געדאַנקען אין אייער האַרץ? (39) זעט מיינע הענט און מיינע פיס, דאָס בין איך אַליין: טאַפּט מיך און זעט; וואָרום אַ גייסט האָט ניט קיין פליישׁ און ביינער, ווי איר זעט מיך איך האָב. (40) און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיי געוויזן זיינע הענט און פיס. 1) (41) און ווייל זיי האָבן נאָך ניט געגלויבט פאַר פרייד, און געוואונדערט, האָט ער געזאָגט צו זיי, האָט איר עפּעס צו עסן? (42) און זיי האָבן אים געגעבן אַ שטיקל פון געבראָטענע פיש, און פון אַ האָניק־שטיק. (43) און ער האָט עס גענומען, און געגעסן פאַר זיי. (44) און ער האָט געזאָגט צו זיי, דאָס זיינען די ווערטער וואָס איך האָב גערעדט צו אייך, איך בין נאָך געווען מיט אייך, אַז אַזעלכע זאַכן מוזן מקוים ווערן, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין דער תורה פון משהן, און אין די נביאים, און אין תהלים, אין שייכות צו מיר. (45) דענסטמאָל האָט ער געעפנט זייער פאַרשטאַנד, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין די שריפטן (סקריפּטיורס), (46) און האָט געזאָגט צו זיי, דאָס איז געשריבן געוואָרן, און דאָס האָט געניייטיקט קריסטוסן צו ליידן, און אויפשטיין פון טויט אויף דעם דריטן טאָג."

**פש. לויט לוקאַס זאָגט ווידער יעזוס אַז זיין טויט און זיינע ליידן און זיין אויפשטיין האָט געמוזט פאַרקומען כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס עס איז פון די זאַכן געשריבן געוואָרן אין דער תורה פון משהן, און געשריבן געוואָרן אין די נביאים און תהלים, אָבער ברייינגט ניט און ציטירט ניט איין וואָרט**

1) עס איז ניט זיכער אַז דעם פאַראורטיילטן פלעגט מען צונאָגלען צו אַ קרייץ. נעגלס זיינען אַ שוואַכע האַלטונג פון דעם קערפּער צום קרייץ, אָם מערסטן זיינען גענוצט געוואָרן שטריק, אָדער האַלז און שטריק צו האַלטן פעסט אויף דעם קרייץ.

פון דאָס געשריבענע. לוקאַס אַליין נעמט זיך ניט די מי צו ציטירן דאָס געשריבענע. מען ברענגט עטלעכע פסוקים און מען זוכט עפּעס אַריינטייטשן אין זיי: אָבער עס איז פולשטענדיקע ספּעקולאַציע.

מת. 16:28. „דערנאָך זיינען די עלף תלמידים אַוועקגעגאַנגען אין גליל, אויף אַ באַרג ווו יעזוס האָט באַשטימט פאַר זיי. (17 און ווען זיי האָבן געזען אים, האָבן זיי זיך צו אים געבוקט: אָבער איינקע האָבן געצווייפלט.״

פּש. לויט לוקאַס האָט זיך יעזוס באַוויזן צו די תלמידים אין ירושלים.

יאָהאַן שרייבט לגמרי אַנדערש פון די ערשטע דריי אַוטאָרס פון די עוואַנגעליעס. ער שרייבט אַז יעזוס האָט זיך באַוויזן צו די תלמידים אין זייער וווינונג אין ירושלים, דענסטמאָל איז דער אַפּאָסטל תומא ניט געווען מיט זיי. יעזוס האָט זיך ווידער באַוויזן צו זיי אַכט טעג שפּעטער אין דער זעלבער וווינונג פון די תלמידים, דענסטמאָל איז שוין תומא געווען דאָרטן. איצט שרייבט יאָהאַן אַז יעזוס האָט זיך באַוויזן צו די אַפּאָסטלס אַ דריטן מאָל אין גליל. עס איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדיקן אופן.

יאָהאַן 1:21. „נאָך די זאַכן האָט זיך יעזוס זעלבסט ווידער באַוויזן צו די תלמידים נעבן דעם ים פון טבריה. (2) דאָרט זיינען געווען צוזאַמען שמעון־פּעטרוס, און תומא (טאָמאַס) גערופן דידימוס, און נתנאל (נאַטאַנאַעל) פון קאַנא אין גליל, און די זין פון זבדי, און צוויי אַנדערע פון זיינע תלמידים.״

לויט לוקאַס האָט זיך יעזוס באַוויזן צו די תלמידים אין ירושלים נאָר איין מאָל, די תלמידים האָבן באַגלייט יעזוסן צו בית־עניה, דאָרט האָט זיי יעזוס געבענטשט, און איז אַרויפגעטראָגן געוואָרן אין הימל.

לוקאַס 50:24. „און ער האָט זיי אַרויסגעפירט אַזוי ווייט ווי צו בית־עניה, און ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, און האָט זיי געבענטשט. (51) און עס איז פאָרגעקומען, ווייל ער האָט זיי געבענטשט, איז ער אָפּגעשיידט געוואָרן פון זיי, און איז אַרויפגעטראָגן געוואָרן אין הימל. (52) און זיי האָבן זיך געבוקט צו אים, און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים מיט גרויס פרייד.״

פּש. דאָס וויכטיקסטע באַגרידונג פון דעם קריסטלעכן גלויבן ווערט באַריכטעט אין פולשטענדיקע היפּוכדיקע רעקאָרדירונגען. די איינציקע וועלכע האָבן בייגעוווינט און געעדותט יעזוס לבעדיק ווערן זיינען געווען די אַפּאָסטלס. די דערשיינונג, ווי זייער באַליבטער לערער און משיח איז געקומען צו זיי אַ לעבעדיקער נאָך זיין געקרייציקט ווערן, האָט זיך זיכער איינגעקריצט אין זייער זכרון, און זיי האָבן ניט געקענט פאַרגעסן דאָס פאָרגעקומענע, ניט געקענט פאַרגעסן איין וואָרט וואָס ער האָט זיי געזאָגט. דעריבער די איבער־געבונג פון יעזוס אויפלעבן האָט געמוזט זיין ענלעך אין אַלע פּרטים, ענלעך אין צייט און אָרט. ווי אַזוי קענען באַזייטיקט ווערן די אויפגעקומענע פראַגעס. האָט זיך יעזוס באַוויזן איין מאָל אין ירושלים אין דעם זעלביקן טאָג אָדער אין דער אנוועזענקייט פון די תלמידים אין הימל? אָדער ווי לויט יאָהאַן האָט ער זיך באַוויזן אין משך פון אַכט טעג צוויי מאָל אין ירושלים,

**און איין מאָל אין גליל? אָדער לויט מאַתיאַ און מאַרקוס האָט זיך יעזוס באַ־וויזן נאָר איין מאָל, און נאָר אין גליל?**

יאָהאַן 4:21. „אָבער ווען דער מאָרגן איז אָנגעקומען, יעזוס איז גע־שטאַנען אויפן ברעג: נאָר די תלמידים האָבן ניט געוווּסט אַז עס איז געווען יעזוס. (5) דענסטמאָל האָט יעזוס געזאָגט צו זיי, קינדער, האָט איר עפּעס צו עסן? האָבן זיי געענטפערט, ניין. (6) ער האָט געזאָגט צו זיי, פאַרוואַרפט דעם נעץ אויף דער רעכטער זייט פון שיף, און איר וועט געפינען. זיי האָבן דעריבער פאַרוואָרפן, און איצט זיינען זיי ניט געווען בכוח צו שלעפּן איבער די פיל פיש. (7) דעריבער האָט יענער תלמיד וועמען יעזוס האָט ליב געהאַט געזאָגט צו פּעטרוסן, עס איז דער האַר. איצט ווען שמעון פּעטרוס האָט געהערט אַז עס איז דער האַר (לאָרד), האָט ער אָנגעגאַרטלט אויף זיך דעם פישערס מאַנטל (מחמת ער איז געווען נאַקעט) און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין ים. (8) און די אַנדערע תלמידים זיינען געקומען אין אַ קליינער שיף; (ווארום זיי זיינען געווען ניט ווייט פון לאַנד, נאָר עס איז געווען צוויי הונדערט פוס, שלעפּענדיק דעם נעץ מיט די פיש. (9) אַזוי באַלד ווי זיי זיינען געקומען צום ברעג, האָבן זיי געזען אַ פייער פון קוילן דאָרט, און פיש געלעגן אויף דערויף, און ברויט. (10) יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, ברענגט פון די פיש וואָס איר האָט איצט געכאַפּט. (11) שמעון פּעטרוס איז געגאַנגען, און האָט צוגעשלעפּט די נעץ צום לאַנד פול מיט גרויסע פיש, אַ הונדערט און דריי און פופציק: און איבער אַלץ דאָרט איז געווען אַזוי פיל, דאָך איז דער נעץ ניט געווען צעריסן. (21) יעזוס האָט געזאָגט צו זיי, קומט און עסט. און קיינער פון די תלמידים האָבן ניט געוואַגט פרעגן אים, ווער ביסטו? וויסענדיק אַז עס איז געווען דער האַר."

**פש. ווען זיי וויסן אַז ער איז דער לאָרד ווארום האָבן זיי געדאַרפט פרעגן ווער ביסטו? עס איז אַן אויסגערעכנטע געשריבענע מעשה, אָן דער פאַרבינדונג מיט לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע עמאָציעס. זיי האָבן אים שוין פריער געזען, דאָך וואָלטן זיי אים ניט אויפגענומען מיט אַזאַ קאַלטקייט דערשטיקענדיק אין זיך אַלע עמאָציעס און מאַכן זיך ווי זיי קענען אים ניט.**

יאָהאַן 13:21. יעזוס דענסטמאָל קומט און נעמט ברויט, און גיט צו זיי, און אַזוי די פיש. (14) דאָס איז איצט דאָס דריטע מאָל וואָס יעזוס האָט זיך באַוויזן צו די תלמידים, נאָך דעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון טויט."

**פש. יעזוס, וועלכער האָט געפּריידיקט די מלוכה פון הימל, האָט געהאַלטן אין פאַרזיכערן זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער אַז די מלוכה וועט קומען אין דער צייט פון זייער לעבן. ער האָט צוגעזאָגט די תלמידים צוועלף טראָנען: איצט ווען יעזוס איז אויפגעשטאַנען, און ווייסט אַז די שעהן אויף דער ערד זיינען געציילטע, פאַרשווענדט ער איבער אַכט טעג אין ניט וויכטיקע קליי־ניקייטן. ווען ער באַווייזט זיך צו די תלמידים אין גליל, איז דאָס בעסטע וואָס ער טוט איז דער נס פון פישן אַ גרויסן פאַנג, און דער נעץ האָט זיך ניט צעריסן. דאָס האָט דאָך שוין לוקאַס לאַנג דערציילט אַז עס איז געשען**

**ווען יעזוס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פּעטורס, אַנדריי, יעקב און יוחנן; נאָר דערנסטמאָל האָט זיך דער בעץ צעריסן. יאָהאַנס כּוונה, פון אָפּשטעלן זיך אויף די אַלע קלייניקייטן, איז געווען צו דעמאָנסטרירן און איבערצייגן יעזוס לעבעדיק ווערן; זיין ציעל איז געווען צו באַווייזן מיט פאַקטן און עדות אַז יעזוס איז לעבעדיק געוואָרן און האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ לעבעדיקער מענטש. צו באַשטעטיקן די אמתדיקייט פון זיין דער־ציילונג עדותט ער מיט דער צאָל פון די געכאַפּטע גרויסע פיש פון הונדערט דריי און פופציק. דאָס אַלץ דערהויבט ניט יעזוסן ווי דער משיח נאָך זיין רעזורעקציע.**

## מאַתיא

[עס איז פאָרגעקומען אויף אַ באַרג אין גליל].

מאַתיא 18:28. „און יעזוס איז געקומען און גערעדט צו זיי, זאָגענ־דיק, די גאַנצע מאַכט איז געגעבן געוואָרן מיר אין הימל און אויף דער ערד. (19) גייט דעריבער און לערנט אַלע נאַציאָנען, טויפענדיק זיי אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער, און פון דעם זון, און פון דעם הייליקן גייסט: (20) לערנענדיק זיי צו אָפּהיטן אַלע זאַכן וועלכע איך האָב באַפעלן אייך: און, „לאָ“, איך בין מיט אייך שטענ־דיק, אַפילו צום סוף פון דער וועלט. אמן.“

## מאַרקוס

מאַרקוס 14:16. „נאָך דעם איז ער דערשינען צו די עלף ווען זיי האָבן זיך געזעצט עסן, און ער האָט זיי גע־שטראָפט פאַר זייער אומגלויבן און האַרטקייט פון האַרצן, מחמת זיי האָבן ניט געגלויבט די וועלכע האָבן אים געזען נאָך זיין אויפשטיין. (15) און ער האָט געזאָגט צו זיי, גייט אין דער גאַנצער וועלט, און פריידיקט די עוואַנגעליע צו יעדן באַשאַפענעם. (16) דער וואָס גלויבט און איז גע־טובלט (געטויפט), וועט זיין געראַטע־וועט; אָבער דער וואָס גלויבט ניט, וועט זיין פאַרדאַמט.“

מאַרקוס 17:16. „און די דאָזיקע צייכנס וועלן נאָכפאָלגן די וועלכע גלויבן; אין מיין נאָמען וועלן זיי אַרויסוואַרפן טייוואָלים; זיי וועלן ריידן מיט נייע לשונות; (18) זיי וועלן אויפנעמען שלאַנגען; און אויב זיי וועלן טרינקען וועלכע עס איז טויטלעלע זאַכן, וועט עס זיי ניט שאַטן; זיי וועלן אַרויפלייגן זייערע הענט אויף די קראַנקע, און זיי וועלן ווערן אויסגעהיילט. (19) אַזוי נאָך דעם ווען דער האַר האָט גערעדט צו זיי, איז ער אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל, און געזעצט אויף דער רעכטער האַנט פון גאָט. (20) און זיי זיינען געגאַנגען, און אומעטום געפריידיקט, דער האַר אַרבעטענדיק מיט זיי, און באַשטעטיקנדיק דאָס וואָרט מיט נאָכפאָלגענדיקע צייכנס. אמן.“

**פש. לוקאַס האָט פריער פאַרענדיקט מיט דעם אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין תנ״ך, אַז קריסטוס דאַרף ליידן, און וועט אויפשטיין פון טויט אויף דעם דריטן טאָג.**

לוקאַס 47:24. „און אַז תשובה און פאַרגעבונג פון זינד זאָל געפּריידיקט ווערן אין זיין נאָמען צווישן אַלע נאַציאָנען, אָנהייבנדיק פון ירושלים. (48) און איר זייט עדות פון די זאַכן. (49) און, זעט, איך שיק דעם צוזאָג פון מיין פאָטער אויף אייך: נאָר פאַרווײלט אין דער שטאָט ירושלים, ביז איר וועט באַשענקט ווערן מיט מאַכט פון דער הויך.“

פּש. יעדער איינער פון די פיר עוואַנגעליע אַווטאָרס גיט איבער פולשטענדיק באַזונדערע פאַרשידענע רייד פון יעזוסן. עס ווערן דאָ באַריכטעט יעזוס לעצטע ווערטער נאָך זיין רעזורעקציע און פאַר זיין אויפשטייגן אין הימל; יעזוס לעצטע אינסטרוקציעס צו זיינע תלמידים, צו זיינע פון אים באַשטימטע אַפּאָסטלס, צו טראָגן און פּריידיקן זיין וואָרט. יעזוס האָט צו זיי גערעדט אַזוי און ניט אַנדערש. הערנדיק די ווערטער פון טויט לעבעדיק געוואָרענעם יעזוס: זיי האָבן איבערגעגעבן איינשטימיק די רייד פון יעזוס ווי זיי האָבן געהערט פון אים. ווי קומט עס וואָס יעדער עוואַנגעליע אַווטאָר שרייבט לחלוטין אַנדערע, פולשטענדיק פאַרשידענע רייד פון יעזוס? וואָרום זיינען פאַרשידן די אומשטענדן און די ערטער, און די צייט ווי יעזוס האָט גערעדט צו זיי?

די קריסטלעכע קירך אין אירע אַלע אָפּצווייגונגען, זייערע שריפטן, זייערע פּריידיקער, זייערע מיט־גלויביקע באַשולדיקן די יידן אין ניט־גלויבן, און אין ניט־אויפנעמען די רייד פון משיח יעזוס. לויט די אַלע עוואַנגעליעס זיינען די גרעסטע אומגלויביקע געווען יעזוס תלמידים, די אַפּאָסטלס. יעזוס אין צייט פון זיין לעבן, לויט די עוואַנגעליע באַריכטן, האָט ווידער און ווידער פאָרויסגעזאָגט פון זיין טויט, און פון זיין לעבעדיק ווערן אויף דעם דריטן טאָג. די אַפּאָסטלס האָבן ניט געגלויבט אין יעזוס רעזורעקציע אַפילו דענסטמאָל ווען יעזוס איז געשטאַנען אַ לעבעדיקער פאַר זייערע אויגן. יעזוס האָט געמוזט זיי דערקלערן אויב ער וואָלט געווען אַ גייסט, און ניט אויפשטיין פון טויט, וואָלט ער ניט פאַרמאָגט אויף זיך פלייש און ביינער. כדי צו איבערצייגן זיי און באַשטעטיקן אַז ער איז דער זעלביקער יעזוס וואָס איז געקרייציקט געוואָרן: האָט ער זיי גערופן צו אַרומטאַפּן אים, און באַטראַכטן זיינע ווונדן פון דער קרייצונג.

ווען די תלמידים האָבן דערציילט תומאן (טאָמאַס) פון יעזוס דערשיינונג צו זיי אין זיין לעבעדיקן געשטאַלט פון ביינער און פלייש, האָט ער זיי ניט געגלויבט. טאָמאַס האָט געזאָגט צו זיי, ׳איך וועל דענסטמאָל גלויבן ווען איך וועל זען און פילן זיינע ווונדן, ווען איך וועל אַריינשפאַרן מיינע פינגער אין די לעכער וואָס האָבן געמאַכט די נעגל פון קרייץ׳.

די רעזורעקציע איז דער תמצית פון קריסטלעכן גלויבן. אָן דער רעזורעקציע וואָלט ניט געווען קיין קריסטלעך גלויבן. חוץ די תלמידים האָט קיין אַנדער ייד ניט געזען יעזוסן נאָך זיין אויפשטיין, ער האָט זיך צו קיינעם חוץ זיינע תלמידים און תלמידות ניט באַוויזן. אויב די תלמידים נאָך דער קרייצונג, זעענדיק יעזוסן אַ לעבעדיקן, הערנדיק זיינע רייד, און האָבן ניט

געגלויבט: ווי קען מען דערוואַרטן פון יידן וועלכע האָבן אים ניט געזען און ניט געהערט — און זאָלן גלויבן.

די קריסטלעכע וועלט האָט געקענט האָבן אַ באַרעכטיקונג צו זייערע טענות, ווען יעזוס וואָלט זיך באַוויזן צום סנהדרין, אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן צו די אַפּאָסטלס, און געוויזן זיינע וווּנדן. מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען מען פאָדערן אַ זייטיקן יידן אַז ער זאָל גלויבן מער ווי די אַפּאָסטלס?

מאתיא (אין 19:28) זאָגט אַז יעזוס האָט אָנגעזאָגט צו די אַפּאָסטלס, זיי זאָלן גיין צו אַלע נאַציאָנען, פּריידיקן און טויפן אין דעם נאָמען פון פאָטער און זון און פון הייליקן גייסט: און עס האָט גענומען דער קריסטלעכער קירך אַרום דריי הונדערט יאָר נאָך דער געשעעניש צו אָננעמען די דאָגמע פון דער דריי גאָטהייט, פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט. אויך קעגן דער דאָגמע איז געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט פון צאָליקע בישאָפס און קירכעס. פּאולוס וועלכער האָט געהאַלטן אין ווידערהאָלן און באַטאָנען אַז זיין עוואַנגעליע איז די אמתע עוואַנגעליע פון יעזוס, ער פאולוס האָט עס גענומען דורך אַנט־פּלעקונג, און דער וואָס איז קעגן זיין געפּריידיקטע עוואַנגעליע זאָל ווערן פאַרשאָלטן: דער זעלביקער פּאולוס פּריידיקט די עוואַנגילע נאָר פון פאָטער און זון. לויט פּאולוס איז אַ צוויי־איינקייט, פאָטער און זון, און ניט קיין דריי פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט.

# ביבליאָגראַפיע


Bacon, B. W. — The Beginning of the Gospel Story, 1909.

Baur F. Ch. — Paul

באער, ברונא, קריטיק פון דער עוואַנגעלישער געשיכטע.

Briggs, Charles Augustus — The Fundamentals of Christian Faith.

Briggs — General Introduction of the Holy Scriptures.

Branden Charles Samuel — The World Religions

Case S. J. — The Social Origin of Christianity.

Carpenter J. Estlin — The First Three Gospels.

Charles R. H. — Religious Development of the Old and New Testaments.

Clarke, William Newton — Outline of Christian Theology.

Clark — Apostolic Fathers.

Derwacter Frederic Milton — Preparing the way for Paul.

דר. דאָלניק מרדכי א. — לעקציעס וועגן נביאים און פרקי אבות.

דובנאָוו שמעון, די יידישע געשיכטע.

Davidson Samuel — Introduction to the New Testament.

Drews, A. — Christ Myth.

Eisler Robert — The Messiah Jesus and John the Baptist.

אייסלער, ראבערט, דער משיח יעזוס און יוחנן המטבל.

Ewald — History of Israel.

Farrar Fredric W. — The Life of Christ.

פרידלאנדער געראָלד, די יידישע מקורות פון דער דרשה אויפן באַרג.

Friedlander Gerold — The Jewish Sources of the Sermon on the Mount.

Forrest D. W. — The Authority of Christ.

Greenleaf — Testimony of the Four Gospels.

Glover Terrot — The Jesus of History; The Conflict of Religions in the Early Roman Empire.

Gore — The Sermon on the Mount.

Greiger — Origin of Christianity.

גרעטץ, יידישע געשיכטע.

Holdswarth — Gospel Origins.
Harnac Adolf — What is Christianity?
Harnac Adolf — History of Dogma.
Husband W. R. — The Prosecution of Jesus.
Jack J. W. — The Historic Christ.
קלאוזנער יוסף. ישוע הנוצרי; פאולוס; די משיח אידייע אין ישראל.
Keim Theodor — Jesus of Nazara, 1876.
Lightfoot J. B. Supernatural Religion.
ליבערמאן חיים, שלום אש און קריסטענטום.
Moore G. F. — Judaism in the First Century.
Moffat — The Historical New Testament.
Pfleiderer Otto — History of the Philosophy of Religion.
Roberts, Robert — Christendom astray from the Bible.
Robertson M. — Christianity and Mythology.
Sandy — The Gospels of the 2nd Century.
Renon M. Ernest — The Life of Jesus; Religious History and Criticism.
Sabastian A. — The Apostolic Paul.
Shechter — Aspects of Rabbinic Literature.
Schmidt Nathaniel — The Prophet of Nazareth.
Wilson — The Trial of Jesus from a Historical and Legal Standpoint.
ווייס אייזיק הירש — דור, דור ודורשיו.
Westcott, Canon — Introduction to the Gospels.

# תיקון טעות

| זייט | שורה | גרייז | תיקון |
|---|---|---|---|
| 4 | 18 | מעטשלעכער | מענטשלעכער |
| 9 | 20 | זייר | זייער |
| 10 | 6 | פּאַראַרעמטע | פּאַראַרעמטער |
| 10 | 26 | עפּאָכיע | עפּאָכע |
| 11 | 31 | דערנאנט | דערנענט |
| 14 | 4 | קירכן | קירכעס |
| 17 | 30 | אנגעהיובן | אנגעהייבן |
| 20 | 22 | אפּאליפּטישער | אפּאקאליפּטישער |
| 27 | 32 | דיינקונג | דענקונג |
| 28 | 28 | ארויבבריינג. | ארויסבריינגונג |
| 33 | 8 | ישיעה | ישעיה |
| 33 | 16 | שטאלץ | שלאָף |
| 37 | 2 | וואלטן | וואלט |
| 39 | 6 | זכן | זוכן |
| 46 | 20 | פּראדוקט | פּאַרדעקונג |
| 49 | 29 | קעיס | קעים |
| 55 | 31 | עוואנגעיע | עוואנגעליע |
| 56 | 30 | יאר | יארן |
| 59 | 1 | אוטענטיש | אויטענטיש |
| 61 | 12 | אוטארן | אווטארס |
| 65 | 21 | פּרוו | פּרוּוונג |
| 68 | 17 | פארשעעבענע | פארשריבענע |
| 71 | 10 | פארשטענדעך | פארשטענדלעך |
| 84 | 24 | ומגד פתם | ומגדפתם |
| 39 | 10 | בארימט | בארימט זיך |
| 97 | 17 | זעלבן | זעלביקן |
| 99 | 16 | יצורה | יצירה |
| 99 | 25 | יעיינוכן | יעוונוכן |
| 100 | 22 | זאלסא | זאלסט |
| 108 | 11 | ראה | ראש |
| 110 | 25 | אינטערפאלצע | אינטערפאלאציע |
| 119 | 22 | באטויבטן | באטריבטן |
| 122 | 22 | ידעעך—אישו | יעדך — אשו |
| 124 | 36 | זץ | זיי |
| 128 | 20 | מעלכע | וועלכע |
| 129 | 11 | מעגלעך | איז מעגלעך 17 א. |

# תיקון טעות

| זייט | שורה | גרייז | תיקון |
|---|---|---|---|
| 129 | 14 | סימטה | ד"ר סמיטה |
| 136 | 1 | דם | דעם |
| 136 | 9 | אויגעווײלט | אויסגעווײלט |
| 154 | 19 | איג | אים |
| 158 | 15 | דורוך | דורך |
| 170 | 15 | יעוס | יעזוס |
| 174 | 17 | ישעוה | ישעיה |
| 175 | 3 | אן | אין |
| 176 | 38 | והנה דרך לפנו | והנה־דרך לפני |
| 177 | 3 | דער | די |
| 179 | 9 | ווי איך | ווי פאר איך |
| 187 | 27 | געקנט | געקענט |
| 193 | 27 | נאכגעאלגט | נאכגעפאלגט |
| 194 | 14 | בילזעבוד | בילזעבוב |
| 196 | 11 | ווערטסו | ווערסטו |
| 201 | 1 | די אלע | די אלע זאכן |
| 201 | 3 | עס איז זינד | עס איז צייט |
| 211 | 33 | געאהט | געהאט |
| 212 | 2 | קעגן די | קעגן זיי די |
| 229 | 8 | דא | דאן, דענסטמאל |
| 241 | 19 | געקריינט | געקרוינט |
| 243 | 22 | מסכין | מוכסן |
| 265 | 29 | באדר | באחד באדר |
| 268 | 22 | אנגעהויבן | אנגעהייבן |
| 278 | 21 | ארויד | ארויסדרייען |
| 282 | 7 | שפענענדיק | ווידערשפעניקער |
| 287 | 13 | דעפארטמענט | דעפארטעמענט |
| 308 | 16 | מכלי | מבלי |
| 316 | 4 | געשטרויכט | געשטרויכלט |
| 316 | 6 | מעומת | מחמת |
| 316 | 36 | תיקף | תיכף |
| 321 | 11 | באגרעניצשע | באגרעניצטע |
| 322 | 5 | פאשונג | פארשונג |
| 326 | 31 | דאך | דאס |
| 337 | 39 | געלאן | געלאזן |
| 347 | 33 | עטרוס | פעטרוס |

# תיקון טעות

| זייט | שורה | גרייז | תיקון |
| --- | --- | --- | --- |
| 353 | 38 | מר | מער |
| 359 | 23 | דער | די |
| 368 | 36 | דענטמאל | דענסטמאל |
| 368 | 38 | פשות | נפשות |
| 368 | 38 | לחבה | לחובה |
| 370 | 4 | בושולדיקט | באשולדיקט |
| 373 | 28 | ערשנס | ערשטנס |
| 376 | 25 | אוגעהויער | אומגעהייער |